STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06043

DI LEBNSGESHIKHTE FUN A YIDISHN ZSHURNALIST

Jacob Botoshansky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב באָטאָשאַנסקי

די לעבנסגעשיכטע פון א יידישן זשורנאליסט

(מעמואַרן)

◆

„קאָמיטעט ארויסצוגעבן די מעמואַרן פון י. באָטאָשאַנסקי"

בוענאָס איירעס

1942

PRINTED IN ARGENTINE
COPYRIGHT BY JACOBO BOTOSHANSKY

JACOBO BOTOSHANSKY

La vida de un periodista judío

(TOMO TERCERO)

"Comité para editar las obras escogidas de J. Botoshansky"

Camargo 440, Dto. 1 — Buenos Aires

געדרוקט אין 1000 עקזעמפּלאַרן

Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN, Junín 344, Buenos Aires

דריטער טייל

דער אנהויב

געהייליקט דעם זיכרון פון מיינע על־טערן אברהם און לאה און מיין עלטערן חבר און לערער אליעזר שטיינבארג; געווידמעט, צו לענגערע יאר זיי, מיין שוועסטער און שוואָגער מרים און יעקב וויינבערג, וואָס האָבן מיך געבראַכט קיין אַרגענטינע און מיין לעבנס־באַגלייטערן מרים און מיין זון אברהם.

דער מחבר.

קאפיטל איינס

אַ גרויסע כמאַרע און אַ קליינער רעגן.

גאַלאַץ. אונטן ביים פּאָרט אַלט, שמעקט מיט שימל און מיט פיש און מיט הערינג און מיט קעז און מיט אַלערליי אָריענטאַלישע געווירצטקייטן און זיסקייטן. און די גאַסן זיינען שמאָל. נישט קיין גאַסן, נאָר געסלעך. אַ וואָגן פאַרנעמט דאָס גאַנצע געסל, צוויי וועגענער פאַרטשעפּען זיך ווי די הענער. און זיי זיינען קרום־קיילעכדיק די געסלעך, זיי דראַפּן זיך באַרג אַרויף און פאַלן אַראָפּ. און פאָרט דורך אַ וואָגן, איז גלייך ווי עס וואָלט געווען אַן ערדציטערניש. און עס פאָרן דווקא אַ סך וועגענער, שאָקלען זיך טאַקע אַלע מאָל די שטיבער. אויף איין קרום קיילעכדיקן פּלאַץ אָן ביימער קומען זיך צונויף אַ סך געסלעך און בילדן איין ווינקל און דאָרט שטייט אַ גרויסער מאָנומענט פאַר אַ מאַן, וואָס האָט געהייסן קאָסטאַקע נעגרו און מען דערקלערט באַלד, אַז ער איז געווען דער גרינדער פון גאַלאַץ און ס'איז דאָ אַ ווערטל, וואָס יעדער מוז באַלד קענען: „ספּוניע לוי" — זאָג אים! מען מיינט קאָסטאַקע נעגרו! אַז מען זאָגט עפּעס אַ נישט וואַרשיינלעכקייט, הייסט מען זאָגן א י ם , אַזוי ווי מען הייסט אויף יידיש דערציילן דער באָבען. דאָרט, וואו דער מאָנומענט געפינט זיך, הויבט אָן די צענטראַלסטע גאַס, וואָס הייסט „סטראַדאַ דאָמניאַסקאַ" און וואָס איז שוין מאָדערנע און ברייט און פיין ברוקירט און עס ציען זיך דערנאָך שוין אַוועק אַ סך גאַסן, וואָס זיינען גלייך און ברייט. אין דער מיט איז דאָ אַ קליינער סקווער מיט אַלערליי ביימער און שיין געפּוצטע בלומען און ווייט אַראָפּ אַהין איז דאָ נאָך אַ בולוואַר, שוין גאָר אַ גרויסער. און ערגעץ קיין מיזרח צו דראַפּעט זיך די שטאָט נאָך ווידער אַרויף און עס זיינען ווידער דאָ גרויסע און ברייטע גאַסן, אָבער שוין נישט זייער גוט ברוקירט, אָדער אין גאַנצן נישט ברוקירט און כאָטש ס'איז שוין זומער, זעט מען פיינע שטיקער בלאָטע, פּונקט ווי אין די בעסאַראַבער שטעטלעך. אונטן לעבן פּאָרט זיינען דאָ אַ סך יידן, עס זיינען דאָ געסלעך, וואָס זיינען באַזעצט כמעט מיט סאַמע יידן און עס זיינען דאָרט דאָ אַ סך רעסטאָראַנען מיט אויפשריפטן „כשר" און אַ גרויסע צאָל שולן צום דאַווענען . אין מיטן שטאָט זיינען אויך דאָ יידן און ווייט

אהין, אין יענע גאַסן, וואָס זיינען ברייט און נישט ברוקירט און זיי דראַפּן זיך ווידער אַרויף זיינען ווידער דאָ כמעט נאָר יידן. אין דער מיט זיינען דאָ יידן און קריסטן. פון די נעמען אויף די שילדן זעט מען, אַז צווישן די קריס־טן זיינען דאָ מער גריכן ווי רומענער.

יאַנקלען האָט אָפּגעוואַרט אַ היפּשער עולם ביי די טויערן פון טיורמע. עס האָט געוואַרט דער אַדוואָקאַט ברוך זאַסמער, דער יונגערמאַן מיכל האַל־פּערן, דער סעקרעטאַר פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע פייערשטיין — אַ ייד מיט אַ גאַנצער באָרד, אָבער אָן פּאות און מיט אַ קורץ רעקל. אַלע האָבן גערעדט דייטשמעריש, דער איינציקער, וואָס האָט גערעדט אַ געשמאַקן און היימישן יידיש איז געווען פייערשטיין. ער האָט אַ רייד געטאָן אויך העב־רעאיש לשם דעמאָנסטראַציע וועגן און מיסתמא אויך אַ פּרואוו צו טאָן, צי דער גאַסט קען טאַקע אין די דריבניטשקע און אויך צו ווייזן, אַז ער יכולט אַליין אויך, אָבער די דעמאָנסטראַציע האָט לאַנג נישט געדויערט. און אונ־זער העלד האָט דערפילט דעם טעם פון דער יידישער היימישקייט. ס׳איז פון קלאַנג אַליין געוואָרן זיס אין יעדן אבר. און אָפּגעוואַרט האָט אונזער העלד אויך אַ קיליער פאַמיליע, וואָס האָט געוואוינט אין גאַלאַץ זייט אַ פּאָר יאָר. די פאַמיליע איז באַשטאַנען פון אַ מוטער, אַ טאָכטער מיט אַן איידעם. די מוטער האָט מען אין קיליע גערופן „די לעפּטשעכע". זייט יאַנקל גע־דענקט זי, איז זי געווען אַן אַלמנה און זי האָט פאַרקויפט זייפלעך און זאָקן און זי איז געווען אַ מוראַדיקע פּלאַפּלערן. די שטאָט איז געווען פול מיט איר. אַ נידעריקע יידענע, אַ פּולבלעכע, אַן עלטערע און נישט מיט קיין סך קניי־טשען. מען האָט געזאָגט, אַז זי נעמט זיך נישט צום האַרצן. זי האָט געהאַט אַ זון, וואָס האָט געהאַט אַ בלינד אויג און וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ פרוי, וואָס איז געווען צוויי מאָל אַזוי הויך ווי ער. געזאָגט האָט מען אין שטאָט, אַז די פרוי איז אַ נאַר און דער בלינדער, ווי יעדער בעל מום, איז אַ שלעכטער. דאָס פּאָרפּאָלק האָט געלעבט שלעכט, זיי זיינען זיך אַלעמאָל צע־גאַנגען און אַלעמאָל זיינען זיי זיך ווידער צונויפגעגאַנגען און פון יעדן איי־בערבעטן זיך איז אַרויס אַ ניי קינד און אַלע האָבן זיי דווקא געהאַט צו צוויי ליכטיקע אייגלעך. די טאָכטער דער לעפּטשעכעס האָט געהייסן ריווע און זי האָט אויסגעזען פּונקט אַזוי ווי די מאַמע און מען האָט דורך איר דערקענט, אַז די מאַמע איז אויך געווען אַ שיינע. זי איז אַזוי געווען אין גאַנצן די מאַמע, אַז מען האָט זיך געקענט קלערן, אַז אַ מאַמע קען האָבן אַ קינד אָן אַ טאַטן. ריווע איז געווען אַ וואוילגעלערנטע פאַר יענער צייט און זי האָט גערעדט אַ נישט שלעכטן רוסיש און אין איר האָט זיך פאַרליבט אַ יונגערמאַן, וואָס זיינען עלטערן איז נישט אָנגעשטאַנען דער יחוס און דאָס פאַרליבטע פּאָר איז אוועקגעפאָרן קיין גאַלאַץ און די מאַמע די לעפּטשיכע איז באַלד נאָכגעפאָרן. דער בחור האָט געקענט חלומען, טראָגן אַ שיינעם

טשוב, שפּילן אַ ביסל גיטאַרע, חלומען פון רעוואָלוציע און באַהאַלטענערהייד, שטאַרק בסוד זאָגן, אַז ער איז אַ גרויסער רעוואָלוציאָנער, אָבער פאַרדינען עפּעס האָט ער נישט געקענט און ווען נישט די שוויגער, וואָס האָט אין גאַלאַץ אויך פאַרקויפט זייפלעך און זאָקן, וואָלט דאָס פּאָרפאָלק געדאַרפט פאַרהענגען די ציין אויף די באַנטעם.

אָט אַ די פאַמיליע האָט אָפּגעוואַרט יאַנקלען ביי די טויערן פון תפיסה און אים גענומען אַהיים צו זיך. אין קיליע איז מען נישט געווען אַזוי היימיש, אָבער אין דער פרעמדער איז מען — לאַנדסלייט. צום ערשטן מאָל גענוצט דאָס דאָזיקע וואָרט, וואָס מען האָט עס ערשט געזאָגט אויף רוסיש — „זעמליאַקי". יאַנקל איז געגאַנגען צו די מענטשן, וואָס ער האָט געקענט פון דער היים און געטראָפן דאָרט אַ גאַנץ ענגע שטוב. דאָס פּאָרפאָלק האָט שוין געהאַט אַ מיידעלע פון אַ יאָר זעקס און אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר דריי. און דעם יונגענמאַנס אַ שוועסטער איז אויך געווען צו גאַסט. סאָניאַ האָט זי געהייסן. צוריק מיט ערשט אַ פּאָר יאָר איז זי נאָך געווען אַ צאַרט בלאָנד מיידעלע מיט בלויע אייגלעך. אַלע ייִנגלעך האָבן געחלומט וועגן איר, אַלע האָבן זיך אונטערגעבייזערט אויף איר, ווייל זיי האָבן נישט געקראָגן ביי איר קיין חן און יאַנקל האָט געדענקט, ווי זי האָט זיך אַמאָל געקלאָגט פאַר אים, אַז אַ שיין מיידל איז שווער צו לעבן אויף דער וועלט. זי האָט גערעדט פאַר אים אַזוי, גלייך ער וואָלט געווען דער גרויסער און פאַקטיש איז זי געווען די עלטערע. איצטער איז זי שוין געווען ברייט און צעיוירן. נאָך אַלץ געווען שיין, אָבער שוין נישט מער קיין חלום. און די קינדישקייט פון די אויגן איז אין גאַנצן פאַרשוואונדן. געשיקט האָבן זי די עלטערן קיין גאַלאַץ — אפשר וועט זי דאָרט קריגן אַ חתן און יאַנקל האָט באַלד געהאַט דעם חשד, אַז מען האָט אים גענומען צום פרעמדלעכן פאַר לאַנדסלייט אין שטוב צוליב דעם — טאָמער וועט ער זיין דער באַשערטער. ער האָט זיך אָבער באַלד דערוואוסט, אַז אויך מיכל האַלפּערן האָט געהאַט אַ שוועסטער. ער האָט געהאַט אַ מאַמע אַן אַלמנה מיט איין און איינציקער שוועסטער. די מאַמע איז געווען אַ ייִדענע מיט אַ ווייסן קאָפּ און זי איז געווען די גוטסקייט אַליין און די שוועסטער האָט אויך געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ זייער גוטער, אָבער זי האָט אויסגעזען ווי יאַנקלס אַ יונגע מאַמע, כאָטש קיין סך עלטער פון אים איז זי נישט געווען, אפשר מיט אַ יאָר פיר. זי האָט שוין דאָך געהייסן אַ פאַרזעסן מיידל און מען האָט געקלערט, אַז דער דעזערטיר וועט זיין דער ריכטיקער שידוך. די מאַמע מיט דער טאָכטער האָבן שוין נישט גערעדט קיין דייטשמעריש ווי דער זון און דער ברודער, נאָר פּראָסט מאַמע לשון און זיי האָבן גראָד געלייענט אַ „זשאַרגאָנישן" ראָמאַן, וואָס האָט געהאַט אַ סך רוסישע ווערטער און זיי האָבן באַלד געפרעגט, וואָס עס מיינט „קאַטאָק" (גליטש־פּלאַץ) און וואָס עס מיינט „קאָנקעס" (גליטש־שיך). ביידע מישפחות

האָבן זיך שיעור נישט צעריסן מיט יאַנקלען און זיי האָבן אים שוין צופיל געוואָלט קאָרמען און פּעסטען. און אים האָט זיך געגלוסט נישט זיין ביי ביידן, פלעג ער זיך אַרויסגנבענען פוןביידע שטיבער און אַרומגיין איבער דער שטאָט און זי באַקוקן, עפּעס איז עס דאָך פּאָרט געווען „זאַגראַניצע" (אויסלאַנד). געגאַנגען אָנגעטאָן איז ער נישט זייער צוגעפּאַסט צו דער אויסלענדישער שטאָט. אויף זיין טוזשורקע און אויף זיין רוסיש העמדל האָט מען שטאַרק געקוקט און מען האָט אים אָפט נאָכגעשריגן „רוסולע" (רוסי־שער) אָבער ער האָט זיך נישט אומגעקוקט.

אַזוי ווי היינט געדענקט אונזער העלד, אַז דרייענדיק זיך איבער אַ שמאָלינקען געסל האָט איין יינגעלע זיך צעקריגט מיט דעם צווייטן און דעם געשריגן „רופּיאַן". ער האָט דאָס דאָזיקע וואָרט געהערט צום ערשטן מאָל, כאָטש געוואוסט דעם באַדייט האָט ער שוין פון אַן אַרגענטינער קאָרעספּאָנ־דענץ, וואָס ער האָט אַמאָל ערגעץ געלייענט. ער האָט געפרעגט גאַלאַצער יידן וואָס דאָס דאָזיקע וואָרט מיינט און זיי האָבן נישט געוואוסט און ער איז נישט געווען פויל אויסצוזוכן דעם יינגעלעס טאַטן און יענער האָט אים געזאָגט, אַז זיי האָבן געוואוינט אַ שטיק צייט אין אַרגענטינע. דרייענדיק זיך אין אַ פאַרנאַכט לעבן אַ גרויסער שול האָט ער באַגעגנט אַ צעדרייטן מיט אַ קאָלטענעוואַטער באָרד, וואָס איז געווען אַ באַקאַנטער שטאָט־משוגענער, האָט ער נישט אויפגעהערט שרייען, אַז זיין טאַטע איז אַ רב און אַז ער איז אַן אָנהענגער פון תלמוד תורה מיט ציון און ער איז געפאָרן אין די יק'א קאָלאָניעס פון אַרגענטינע צו פאַרשפּרייטן ציון מיט תלמוד תורה און יידן האָבן געזאָגט, אַז ס'איז אמת, זיין טאַטע איז טאַקע אַ רב אין אַן אַרגענ־טינער יידישער קאָלאָניע. עפּעס האָט זיך געצויגן אַ שטיקל פּאָדים צווישן אַרגענטינע און גאַלאַץ. און אונזער העלד האָט נישט אויפגעהערט טראַכטן וועגן דעם לאַנד, וואו זיינע צוויי שוועסטער לעבן.

דער גוטער טאַטע האָט געשיקט ביז וואָס־וועגן געלט אויף אַ קאָסטיום „לפי מנהג המדינה". מיסתמא האָט אים עמיצער געשריבן, אַז ער גייט נישט ריכטיק אָנגעטאָן. אונזער אימיגראַנט האָט זיך געקויפט אַ גרייטן אָנצוג, וואָס איז נישט געלעגן אַזוי איי־איי און וואָס האָט געצויגן אין די פּאַכוועס, אָבער ס'איז געווען אַ רעקל מיט אָפענע לאַצקענעס, נישט מיט פאַרמאַכטע, ווי די טוזשורקע און ער האָט שוין אָנגעטאָן אַ העמד מיט אַ האַרטן קאָלנער און מיט אַ קאָלירטן שניפּס. אין די צוויי שטיבער איז ער געוואָרן נאָך מער חשוב און ער האָט דערפאַר נאָך אָפטער געדאַרפט אַנטלויפן פון זיי. זיין אַפּרו־פּלאַץ איז געווען די ציוניסטישע פעדעראַציע, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע דירה מיט אַ ביבליאָטעק אין וועלכער עס זיינען געווען זייער אַ סך אַלטע ציוניסטישע זשורנאַלן אויף העברעאיש, דייטש און יידיש. יאַנקל האָט זיך צו די דאָזיקע זשורנאַלן צוגעכאַפּט און זיי געשלונגען און זיך פון זיי

דערוואוסט טויזנטער זאַכן, וואָס ער האָט פריער נישט געוואוסט. ער איז דורך די דאָזיקע זשורנאַלן עלטער געוואָרן אין עטלעכע טעג אויף אַ פּאָר יאָר. עס זיינען אויך געווען ציוניסטישע ביכער אין פאַרשיידענע שפּראַכן און סתם העברעאישע און יידיש־דייטשע און אַ קליין ביסל אויך יידישע ביכער. די פעדעראַציע איז געווען אָפן אַלע טאָג גאָר אַ פּאָר שעה און אַמאָל דאָס אויך נישט, האָט יאַנקל באַקומען דעם שליסל צום ביבליאָטעק־צימער און די שליסלעך פון די שאַפעס און ער איז דאָרט אָפּגעזעסן גאַנצע טעג, פון פאַר־טאָג ביז זונען־פאַרגאַנג און ער האָט געלייענט. ער האָט אין אַ פּאָר טעג אי־בערגעקייעט די גאַנצע ביבליאָטעק און אייניקע זאַכן האָט ער געלייענט צו צוויי מאָל אויך. אין די העברעאישע און דייטשע אויסגאַבן האָט זיך אונזער העלד באַקענט מיט אַ נייעם שרייבער — דר. א. קאַראַלניק. זיין שיין שרייבן האָט אויף אים געמאַכט אַן איינדרוק און זיינע ציטאַטן פון דער וועלט־לי־טעראַטור און פון דער וועלט־פילאָזאָפיע האָבן געווירקט ווי אַ פילפאַרביקער רעגנבויגן, אויף וועלכן ס'האָט זיך געגלוסט קוקן און קוקן. אַ באַזונדער רושם האָט אויף דעם דעזערטיר געמאַכט אַ פעליעטאָן אין אַן אַלטן נומער „העולם" פון דר. א. קאַראַלניק, וואָס דער מחבר האָט געשריבן לכבוד חנוכה. ער האָט דערציילט, אַז די רעדאַקציע האָט אים איינגעלאַדן און ער האָט זיך אָראָפּ־געדעדט ביטער פון הארצן, אַז ער גלויבט נישט אין חנוכה, נישט אין יידישן לעבן, נישט אין יידישן פאָלק און ער האָט געענדיקט, אַז עס ווייסט, אַז די רעדאַקציע וועט אים שוין מער נישט איינלאַדן צו שרייבן וועגן חנוכה, אָבער — אַנדערש האָט ער נישט געקענט. די רעדאַקציע האָט באַמערקט, אַז זי גיט די דאָזיקע רייד פון איינעם, וואָס האָט ערשט ביז נעכטן נאָך „געקעמפט אונזער קאַמף". דער פעליעטאָן איז עפּעס געווען געשריבן צו לייכט און ער האָט ביי אונזער העלד דווקא אַרויסגערופן די פאַרקערטע געפילן. אים האָט זיך נישט געגלויבט, אַז אַפילו איין מענטשן וועט אַ דאָקטער אַזוי גרינג אָפּזאָגן דאָס לעבן, ווי קאַראַלניק האָט עס געטאָן פאַר דעם גאַנצן יידישן פאָלק.

אין דער ציוניסטישער פעדעראַציע זיינען אַריינגעקומען אַ סך יונגע־לייט, טאַקע יינגלעך צום מערסטן שילער פון די אָרטיקע מיטלשולן, וואָס מען רופט „ליציי". עס זיינען אויך אַריינגעקומען גאָר אַלטע לייט. קיין מיטליעריקע מענטשן זיינען נישט אַריינגעקומען. דער עלטסטער און חשובס־טער ציוניסט איז געווען סאַמועל פינעלעס, וואָס איז געווען איינער פון די וויצע פּרעזידענטן אויף דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל. ער איז שוין דעמלט געווען אַ ייד אין די טיפע זיבעציקער און ער האָט זיך נאָך געהאַלטן גאַנץ פעסט. ער איז געווען אַ נידעריקער ייד מיט אַ קיילעכדיק וויים בערדל וואָס איז געווען אַרומגעשוירן און מיט אַ ווייסן קאָפּ האָר. פון די נאָך נישט אויסגעלאָשענע פייערן אין די אויגן האָט מען דערקענט, אַז

ער איז אַמאָל געווען אַ ברענענדיקער ברונעט. ער האָט גערעדט קאָנגרעס־דייטש און יעדן שמועס האָט ער אָנגעהויבן מיט די ווערטער „אים יאַהרע 1897 בעקאַם איך...” און ער האָט דערציילט געניו ווי אַזוי ער האָט באַקו־מען אַ בריוו מיט אַן איינלאַדונג צום ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס איז געווען געחתמעט פון דר. הערצל און מאַקס נאָרדוי. ער האָט דעם בריוו שטענדיק געהאַט ביי זיך אין בוזעם־קעשענע און ער האָט אים באַלד טאַקע איבערגעלייענט און פון לייענען איז געווען צו דערקענען, אַז ער געדענקט אים שוין גוט אויף אויסנווייניק. דער סעקרעטאַר פון דער פעדעראַציע האָט דערציילט, אַז פינעלעס האָט שוין דעם דאָזיקן בריוו איבערגעלייענט עפּנט־לעך אין אַ הונדערט רעדעס. אויך זיינע אַלע רעדעס האָט ער אָנגעהויבן מיט די ווערטער „אים יאַהרע 1897”. אייניקע האָבן באַמערקט, אַז ס'איז די על־טער, אַנדערע אָבער האָבן באַמערקט, אַז אין דער יוגנט האָט ער אויך זיך בסדר ווידערהאָלט, ווייל קיין רייכער אין גייסט איז ער קיינמאָל נישט געווען. ער איז געווען אַ קלוגער און אַ פּראַקטישער, אָבער נישט קיין גייסטרייכער און ווי אַ פּיאָנער האָט מען פון אים פאַרלאַנגט מער וויפל ער האָט געקענט געבן... ער האָט אויך שטענדיק דערציילט אַ מעשה, ווי ער האָט אין איין און דער זעלביקער צייט באַקומען אַ ידיעה פון איין פריינד זיינעם וועגן טויט פון זיין פאָטער און פון אַ צווייטן פריינד האָט ער באַקומען אַן איינלאַדונג צו אַ חתונה און ער האָט אָוועקגעשיקט צוויי טעלעגראַמעס און דער טעלע־גראַפיסט, אַן אַנטיסעמיט, האָט פאַרדרייט די יוצרות און דעם טרויער־אויס־דרוק געשיקט אויף דער חתונה און דעם מזל טוב האָט ער געשיקט צום אָבל. פינעלעס האָט דערנאָך באַקומען ברוגזע בריוו פון ביידן, ער האָט געהאַט אַ שם פון אַ וויצלינג, האָט מען געמיינט נישט אַנדערש, אַז ער האָט געמאַכט אַזאַ חכמה...

אַן אַלטער מאַן איז געווען אין דער פעדעראַציע דער פּרעזידענט אַליין, וואָס האָט געהייסן הײנריך שיין. ער איז נישט געווען אַזוי אַלט ווי פינע־לעס, אָבער שוין אויך אין די זעכציקער. ער איז געווען אַ מאַן מיט אַ ווייסן קאָפּ און מיט דיקע, ווייסע וואָנציעס. ער איז געווען אַ הויכער, אַ דיקער און אַביסל אַ הינקענדיקער. ער האָט אויסגעזען ווי אַן אַלטער, נישט יידישער פּריץ. ער האָט געהאַט אַ יונגען געלעכטער און ער האָט פאַרמאָגט קינדישע גוטמוטיקייט. ער איז אַמאָל געווען אַ רייכער האָלץ־הענדלער און ער האָט צוליב דעם ציוניזם פאַרנאַכלעסיקט זיינע געשעפטן. ער איז שוין דעמלט גע־ווען אַ יורד און ער האָט שוין געהאַלטן ביי „פאַרגלייכן” זיך, דאָך האָט ער צו זיך די יורדישקייט נישט צוגעלאָזט און ער האָט זיך געהאַלטן פעסט. ער איז אויך געווען איינער פון די ציוניסטישע פּיאָנערן און ער איז יאָרנלאַנג געווען פּרעזידענט פון דער פעדעראַציע. עס זיינען געווען אייניקע, וואָס האָבן פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל די פעדעראַציע איבערפירן קיין בוקאַרעשט,

אנדערע האָבן זי געוואָלט איבערפירן קיין יאסי, אָבער צוליב די צוויי פּיאָ־נערן, שיין און פינעלעס, און אויך צוליב דעם, וואָס אין גאַלאַץ זיינען געווען אַ סך ציוניסטן, איז די פעדעראַציע געבליבן דאָרט. עס זיינען נאָך געווען פּרעטענדענטן אויף דעם אַמט פון פּרעזידענט און עס האָבן נישט געפעלט אַזעלכע, וואָס האָבן געוואָלט אויסנוצן די שלעכטע מאַטעריעלע סיטואַציע פון היינריך שיין און זיי האָבן אים געוואָלט אָראָפּזעצן, אָבער די מערהייט פון די ציוניסטן האָט אַרויסגעוויזן דעליקאַטקייט און הומאַניטאַריזם צו דעם פּשוטן יידן, וואָס האָט אַוועקגעגעבן אַ האַלב לעבן פאַר דעם ציוניזם. היינ־ריך שיין איז נאָך געווען באַשרענקטער פון סאַמועל פינעלעס און ער האָט אויך גערעדט קאָנגרעס־דייטש, אָבער אַז מען האָט אים אַ שטאַרקן טרייסל געטאָן, האָט ער גענומען ריידן פּשוט מאַמע־לשון. ביידע פּיאָנערן זיינען גע־ווען מער, אָדער ווייניקער רעליגיעז און זיי זיינען געגאַנגען שבת אין שול אַריין און זיי האָבן געדאַווענט אַלע טאָג. דאָך זיינען זיי אין זייער פרומקייט געווען אַ סך ווייניקער אַריינגעטאָן ווי אין ציוניזם. פרום זיינען זיי געווען פאַר געוואוינהייט און פאַר דעם ציוניזם זיינען זיי געווען גרייט צו גיין אין פייער אַריין. זיי זיינען געווען מער היציק ווי יינגלעך...

דער סעקרעטאַר פייערשטיין איז געווען אַן אָנגעשטעלטער, אָבער ער האָט זיין אַרבעט געטאָן אויך פאַר אידעאַליזם און מען האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט געקענט אַ סך מער פאַרדינען, ווען ער גיט זיך אָפּ מיט אַן אַנדער פּרנסה. ער איז געווען אין פאַרגלייך מיט פינעלעסן און שיינען אַ ייד אַ למדן. ער איז געווען אַ סך יינגער פון זיי, ער איז געווען אין די פערציקער און זיין שוואַרצע באָרד האָט קוים אָנגעהויבן צו ווערן גרוי. ער איז געווען אַ דורכאויס רעליגיעזער ייד, אָבער צוליב דעם ציוניזם איז ער אין אַט דעם פּרט געווען גרייט מוחל צו זיין אַ סך זאַכן. ער האָט געקענט אויך גוט דייטש און רומעניש און ער איז געווען דער פאַקטישער באַלעבאָס אין ציוניזם פון לאַנד אין יענער צייט. ער האָט זיינע קינדער דערצויגן אין ציוניסטישן גייסט און ער האָט טיילווייז גערעדט מיט זיי העברעאיש. דאָס קלענסטע יינגעלע, וואָס איז אַלט געווען אַ יאָר צוויי, פלעג זיך אַמאָל צעשרייען, ווען ער האָט געזען אַ שפּין: „פּאַפּאַ, פּה עכביש איז דאָ"... פייערשטיין האָט זיך צום מערסטן פון אַלע צוגעלאָזט צו יאַנקלען און ער האָט דערזען אין דעם יינגל אַ מעג־לעכקייט צו צערודערן אַביסל דעם ציוניזם אין לאַנד, וואָס האָט אָנגעהויבן פאַרגליווערט צו ווערן. ער האָט זיך געקלאָגט, אַז רומעניע איז אַמאָל געווען אַ שטאַרקע פעסטונג פון ציוניזם און די פּאָזיציעס ווערן אַליין אָפּגעשוואַכט. דער אַלטער דור גייט אַוועק און קיין נייער קומט נישט. צייטן זיינען געווען גוטע דעמאָלט אין לאַנד. ס'איז געווען נישט לאַנג נאָך דעם, וואָס רומעניע איז אָנגעפאַלן בולגאַריע אין רוקן, ווען יענע האָט געפירט מילחמה מיט סערביע און זי האָט געוואונען אַ קריג, וואָס זי האָט פאַקטיש נישט געפירט. ס'איז

געוועזן צען חדשים נאָך דעם, וואָס מען האָט אונטערגעשריבן דעם בוקארעשטער טראַקטאַט, וועלכער האָט געשאַפן אַ גרויסן ריס צווישן עסטרייך און רוסלאַנד און רומעניע האָט זיך געפילט זיכער און גוט און האָט געפירט גרויסע געשעפטן, וואָס זיינען געווען געגוג צו שאַפן אַ שפע אין די שטעט. אין די דערפער האָט ווי שטענדיק געבושעוועט אַ הונגער. די פּויערים האָבן אַרויסגעפירט אין די שטעט אַריין ברויט און ווײַן און בהמות און עופות און אַליין האָבן זיי קיין מאָמעליגע נישט געהאַט צו זאַט. אַ היפּשער טייל פון די יידישע סוחרים האָט גענאָסן פון דער שפע און קיין שטאַרק אַקטיווער אַנטיסעמיטיזם איז נישט געווען. יידן האָבן נישט געקראָגן קיין גלייכבאַרעכטיקונג, אָבער קיין עקסצעסן קעגן זיי זיינען נישט געווען. קוזאַס בילן קעגן יידן אין יאַסי האָט קיינער נישט גענומען ערנסט. מער ערנסט האָט מען גענומען דאָס בילן קעגן יידן פון קוזאַס תלמיד, פּראָפ. ניקאָלאַי יאָרגאַ, וואָס האָט דאָס געטאָן איינגעהאַלטענער, אָבער גענוג הינטיש און ער האָט היפּש געפעלשט די רומענישע היסטאָריע, כדי צו דערווייזן, אַז יידן וואוינען זייט נישט לאַנג אין לאַנד. יידישע געלערנטע האָבן דערוויזן, אַז אַ טייל פון די רומענישע יידן שטאַמען נאָך פון די כוזרים און זיי זיינען די עלטסטע איינוואוינער אין לאַנד. ניקאָלאַי יאָרגאַ האָט זיך אַלס היסטאָריקער נישט געמאַכט וויסנדיק וועגן דעם... בכלל האָט עס געהייסן, אַז יידן האָבן דעמאָלט אין רומעניע געלעבט און געלאַכט און פייערשטיין האָט געזאָגט: „וישמן ישורון ויבעט" — די רומענישע יידן גייט צו גוט, ווערן זיי אויס ציוניסטן. זיי ציט צום פאַרבאַנד, וואָס קעמפט פאַר גלייכבאַרעכטיקונג אין לאַנד און זיי ווילן ווערן עכטע רומענער.

דער אָרטיקער ציוניסטישער קרייז איז אין גאַלאַץ באַשטאַנען כמעט פון סאַמע יוגנט. געפירט האָבן אים איבערהויפּט צוויי יונגעלייט, וואָס זיינען געווען לערך אין איינע יאָרן מיט יאַנקלען און וואָס האָבן געהאַלטן אין ענדיקן דעם ליצעום. איינער איז געווען טאַקע אַ גאַלאַצער און ער האָט געהייסן סאַמי קלאַינער און דער צווייטער איז געווען פון פּיאַטרא נעאַמץ און ער האָט געהייסן פּעטער וויסמאַן. דער ערשטער איז געווען פון אַ פאַרצווייגטער פאַמיליע אין גאַלאַץ, וואָס האָט געהאַט אַ גרויס הויז פון עקספּאָרט און אימפּאָרט און האָט געהייסן „קאַסאַ קלאַינער". די דאָזיקע פאַמיליע איז געווען האַלב אַריסטאָקראַטיש און האַלב אָרטאָדאָקסיש. מענטשן מיט ראַזירטע בערד, וואָס האָבן דאָך נישט פאַרפעלט צו דאַווענען אַלע טאָג. די קינדער די קלאַינערס, די יינגלעך, ווי די מיידלעך, זיינען אַלע געווען ציוניסטיש געשטימט און דער אַקטיווסטער פון זיי אין געווען סאַמי, וואָס האָט צוליב זיין ציוניזם געהאַלטן אין איין פאַרשפּעטיקן מיטן לערנען. ער איז געווען אַ בחור מיט אַ קיילעכדיק טונקל־הויטיק פּנים, מיט ברענענדיקע און לאַכנדיקע אויגן און מיט אַ פול מויל גאָלדענע ציין, וואָס זיינען דעמאָלט געווען שטאַרק

אין דער מאָדע אין רומעניע. ווען איינער האָט נישט געהאַט קיין גאָלדענע ציין, האָט ער זיך געשעמט... פּעטער ווייסמאַן איז געווען אַ העלער שאַטען, אַ בויגעוודיקער און אַ רירעוודיקער און מיידלעך האָבן אויף אים געזאָגט, אַז ער איז שיין ווי אַלע וועלטן. צוליב אים זיינען מיידלעך געוואָרן ציוניסט־קעס. ער האָט געשטאַמט נישט פון קיין רייכער פאַמיליע, זיין פאָטער האָט געהאַלטן אַ באַקאַליי־קראָם אין פּיאַטרא נעאַמץ, דאָך איז ער אַריינגעפּירט געוואָרן אין די גאָר רייכע קרייזן פון גאַלאַץ צוליב זיין שיינקייט און צוליב זיין הומאָר. עס האָט געזעצט פון אים מיט פרייד און געלעכטער. ביידע יאַטן האָבן געקענט אַביסל העברעאיש און זיי האָבן דווקא געוואָלט ריידן נאָר העברעאיש מיט דעם „רוסישן דעזערטיר". פּעטער ווייסמאַן האָט זיך שוין גערופן פון צייט צו צייט „פּרץ הלבני" און ער האָט גערעדט זייער גוט יידיש, סאַמי קלאַינער האָט גערעדט זייער שווער יידיש און ער האָט געמוזט אויס־נוצן דאָס גאַנצע ביסל דייטש, וואָס ער האָט געלערנט אין ליציי, בכדי צו קענען זיך פאַרשטענדיקן מיט דעם גאַסט. אָט אַ די צוויי יאַטן זיינען עס געקומען מיט דעם פאָרשלאָג, אַז יאַנקל זאָל אַרויסטרעטן אין אַ זונטיק אין דער פרי מיט אַ רעדע אין אַ גרויסער גאַלאַצער שול. זיי האָבן שוין עטלעכע מאָל איינגעאָרדנט רעדעס מיט אָרטיקע כוחות און עס איז געקומען אַן עולם. וואָס יאַנקל האָט נישט דערקלערט, אַז ער האָט מורא און אַז ער האָט נאָך כמעט קיינמאָל נישט גערעדט, האָט אים נישט געהאָלפן. מען האָט אים אָנאָנסירט ווי דעם גרויסן פּאָעט ביאַליקס אַ תלמיד און מען האָט אים אַרויפגעלאָזט אויף דעם באַלעמער. דער אָנפאַנגער האָט אַ פּאָר מאָל געהערט אין גאַס ווי איין ייד פרעגט דעם אַנדערן ווער ס'איז ביאַליק. עס איז אָנגע־גאַנגען אַ דיסקוסיע וועגן דעם אין וואָס פאַר אַ שפּראַך די רעדע זאָל גע־האַלטן ווערן און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז צוליב מאַניפעסטאַציע זאָל ער ריידן אַ פּאָר מינוט העברעאיש, בכדי צו דערווייזן, אַז העברעאיש איז שוין אַ לעבעדיקע שפּראַך און דערנאָך זאָל ער ריידן יידיש. און — ס'איז געראָטן! דער עולם האָט געלעקט די פינגער פון יונגען רעדנער און ער האָט געזאָגט, אַז די „רוסישע פּאַדריאַטשיקעס" קענען. (מען האָט אין גאַלאַץ גע־רופן די רוסישע יידן — רוסישע פּאָדריאַטשיקעס, אַ פּנים, ווייל אין דער צייט פון רוסיש־טערקישן קריג זיינען אין איינעם מיטן רוסישן מיליטער געקומען יידישע פּאָדריאַטשיקעס, וואָס האָבן געדאַרפט צושטעלן שפּייז און קליידער דער אַרמיי). יאַנקל האָט געבראַכט אַ סך ציטאַטן פון ביאַליקן און שלום עליכמען און ער האָט אויסגענומען. די יוגנט האָט באַלד געמעלדעט אַ צווייטע רעדע אויף דעם צווייטן זונטיק, כאָטש דער דעבוטאַנט האָט גע־שריגן, אַז ער ווייסט נישט, צי ער וועט באַוויזן צוצוגרייטן נאָך אַ רעדע אַזוי גיך. מען האָט ביי אים פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל ריידן וועגן די פּאָגראָמען (מען האָט געזאָגט „פּראָגראַמס") און אַז ער זאָל דערציילן וועגן דעם, אַז

די רוסישע יידן זיינען בעסערע ציוניסטן ווי די רומענישע... די צווייטע רעדע איז אויך אַדורך מיט חסד און ס'האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז קיין גאַלאַץ איז געקומען פון רוסלאַנד אַ ציוניסטישער רעדנער אַזוינס ווי אַזעלכס... די יונגע סטודענטן האָבן פאַרזיכערט, אַז מען וועט דעם יונגען רעדנער איינלאַדן צו אַלע ציוניסטישע „טשערקורעס" (קרייזן) פון לאַנד. דער משוגענער אָבער מיט דער קאַלטענוואַסער באָרד האָט געזאָגט, אַז יאַנקל האָט נישט ריכטיק גערעדט, ווייל זיין טאַטע, וואָס איז אַוועקגעפאָרן קיין ארגענטינע, האָט גערעדט וועגן ציון אין איינעם מיט תּלמוד תּורה...

יאַנקלס נאָמען האָט געקראָגן אַזאַ אָפּקלאַנג אין שטאָט, אַז מען האָט אים איינגעלאַדן אין אַלע ציוניסטישע און האַלב־ציוניסטישע שטיבער און אין איין וועג האָט מען שוין ביי אים אויסגעלערנט עטלעכע העברעאישע און יידישע לידלעך און ער האָט אויך פון צייט צו צייט דעקלאַמירט פון ביאַליקן, פרוגן און ראָזנפעלדן. דער אָפּקלאַנג איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז מען האָט דעם יונגען רעדנער איינגעלאַדן אין איינער פון די אַריסטאָקראַטישסטע יידישע שטיבער אין גאַלאַץ. שמירער האָט די פאַמיליע געהייסן. דער באַלעבאָס פון הויז איז געווען נאַרוועגישער קאָנסול אין שטאָט און זיין פרוי איז געווען די טאָכטער פון באַרימטן רומעניש־יידישן פּראָפעסאָר לאַזאַר טיקטין, וואָס איז געווען דער פאַקטישער שעפער פון דער רומענישער גראַמאַטיק און איינער פון די גרעסטע רומענישע לינגוויסטן. זיין חלום איז געווען צו ווערן פּראָפעסאָר אין רומענישן אוניווערסיטעט און ער האָט זיך צוליב דעם געשמדט און ער האָט ערשט די קאַטעדרע נישט באַקומען. ער איז אַוועקגעפאָרן קיין בערלין און דאָרט האָט ער באַקומען אַ קאַטעדרע און ער איז צוריק געוואָרן אַ ייד... די טאָכטער איז געווען אַ זייער רעליגיעזע. אַריסטאָקראַטיש און רעליגיעז. זי איז געווען אַ שלאַנקע, צאַרטע, מיטליעריקע בלאָנדע פרוי מיט אַן אויסזען פון אַ יונגעמאַן. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז עס פעלן איר פּאות זי זאָל פולשטענדיק אויסזען ווי אַ ישיבה בחור. זי האָט געוואוינט אין אַ שטילער גאַס און אין אַ פאַרמאַכטן שלאָס און אויף יעדער טיר איז געווען צוגעקלאַפּט אַ מזוזה און זי האָט געהאַט אַן אַ שיעור פאַרשיידענע מנורה'ס, חנוכה־לעמפּלעך און בשמים־ביקסלעך, וואָס זיינען געווען יקר המציאותן. עס האָט זיך אין יענעם הויז געפילט אַ סך מער בענקשאַפט נאָך רעליגיע, ווי טאַקע ממש רעליגיעזקייט. די פרוי שמירער האָט אַליין גערעדט דייטש, אָבער זי האָט געוואָלט, אַז איר גאַסט זאָל ריידן דאָס עכטע יידיש, פונקט אַזוי געגנוי ווי די רוסישע יידן ריידן עס. ביי איניקע ווערטער האָט זי איבערגעפרעגט וועגן זייער זין און פון איניקע ווערטער איז זי געווען גאָר באַגייסטערט. דאָס וואָרט „שעפּטשען" האָט זי אַריינגעבראַכט אין זיבעטן הימל אַריין, זי האָט געזאָגט, אַז עס גיט פונקט איבער דעם קלאַנג פון „פליסטערען" און אַז אין קיין שום אייראָפּעישער שפּראַך איז

נישטאָ אַזאַ וואָרט דערפאַר, וואָס זאָל איבערגעבן אַזוי פּאַנעטיש דעם באַ־גריף. די פרוי שמירער האָט געהאַט אַ באַשטימטע נייגונג צו פילאָלאָגיע און זי האָט געזאָגט, אַז איר פאָטער האָט זייער שטאַרק געהאַלטן פון יידיש. אַ פּאָר מאָל האָט זי אַליין אַ רייד געטאָן יידיש און אַ גאַנץ פאָלקסטימלעכן, אָבער מיט אַ קליינער צאָל סלאַוויזמען. זי האָט פון דעסט וועגן אויסגעמיטן אויך די רומעניזמען. זי האָט נישט געזאָגט „פּאַרעס" (אַ פּאַרע איז אַ קליי־נע מטבע, לערך אַ גראָשן און אין פאָלקסטימלעכן רומענישן יידיש איז דאָס וואָרט געלט כמעט נישטאָ, פאַראַן אַ ווערטל „נישטאָ קיין פּאַרעס, גיט פּאַס־קינע") און זי האָט געזאָגט „קאָליץ" (ראָג), נאָר „עק" און נישט „פּראָסט", נאָר „נאַר". עס איז אַפילו דעם נאַיוון בחור אונזערן נישט געווען שווער צו דערקענען, אַז די פרוי ווייזט אַרויס אַזאַ אינטערעס פאַר יידיש, ווי פאַר אַלטמאָדישע בשמים־ביקסלעך, דאָך האָט זי געשטעלט דעם טאָן און צווישן די גאַלאַצער אַריסטאָקראַטן איז געפאַלן אַ וואָרט, אַז יידיש איז אַ יש... די אַלע יידישע פאָלקסלידער, וואָס אונזער העלד האָט געקענט — און צווישן זיי זיינען געווען „אַמאָל איז געווען אַ מעשה", „פרעגט די וועלט אַן אַלטע קשיה", „פּאָפּיר איז דאָך וויים", ב. שאַפּירס „אויפן בוידעם שלאָפט דער דאָך", אברהם רייזענעס „מאי קאַ משמע לן", „הוליעט, הוליעט", „קירכן־גלאָקן" און נאָך און נאָך — זיינען באַלד געוואָרן פּאָפּולער איבער גאַלאַץ און זיי האָבן זיך אַריבערגעטראָגן איבערן גאַנצן לאַנד. יידישע לידער זיינען צווישן ציוניסטן און אַפילו האַלב־אַסימילירטע יידן אַריין אין דער מאָדע. און ווען אונזער העלד האָט געקראָגן אַן איינלאַדונג פון בראַילע, אַז ער זאָל קומען האַלטן אַ רעדע, האָט מען אים פאָרגעשלאָגן, אַז צום שלוס זאָל ער אויך זינגען „זשאַרגאָנישע פאָלקסלידער"...

דער זומער איז געווען אַ זייער שיינער און נישט צו הייסער, די וועלט איז געווען אַ רואיקע, אין לאַנד איז געווען רואיק. יידישע צייטונגען זיינען קיין גאַלאַץ כמעט נישט אָנגעקומען. אין רומעניע אַליין איז דעמאָלט נישט געווען מער ווי איין יידישע צווייוואָכנשריפט, וואָס האָט געהייסן „די ריבטיקע יידישע צוקונפט". איר רעדאַקטאָר האָט געהייסן אורי קייש און ער איז געווען אַ בעסאַראַבער ייד, וואָס איז אַנטלאָפן אין דער צייט פון די פּאָגראָמען אין יאָר 1905. ער אַליין איז געווען פון שטעטל קאַלאַראַש, וואו עס איז פאָרגעקומען אַ שוידערלעכער פּאָגראָם און ער האָט דערציילט אין רע־דעס אין שולן וועגן די אַלע שוידערלעכקייטן און קיין פרנסה האָט אים נישט געפעלט. ער איז באַלד געוואָרן אַ באַוואוסטער פאָלקסרעדנער און ער האָט גענומען אַרויסגעבן אַ צוויי־וואָכנצייטונג. די טעגלעכע יידישע צייטונג פון בוקאַרעשט, וואָס האָט געהאַט דעם קאָמישן נאָמען „דער וואַהרער היועץ", האָט שוין דעמאָלט געהאַט אויפגעהערט דערשיינען. אורי קייש איז דעמאָלט געווען דער איינציקער, וואָס האָט באַזאָרגט רומעניע מיט אַ יידיש

וואָרט, אָבער אַ מינימאַל אינטעליגענטער מענטש האָט זיין צייטונג נישט געוואָלט נעמען אין דער האַנט אַריין און ס'איז טאַקע נישט געווען וואָס צו נעמען. די גאַנצע צייטונג איז באַשטאַנען פון עטלעכע אויסשניטן פון דער נ. אַמעריקאַנער יידישער פּרעסע, ספּעציעל פון „די יידישע גאַזעטן" און פון זייער שלעכט אָנגעשריבענע לאָקאַלע נאָטיצן, וואָס זיינען נישט געווען אין פאָלקסטימלעכן יידיש, נאָר אין דעם דייטשמערישן יידיש, וואָס רומענישע יידן האָבן גערעדט, ווען זיי האָבן זיך געדאַרפט ווייזן ווי אינטעליגענטן. קיין פאָרשטעלונג וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר אין דער וועלט האָט מען פון יאַסיער צווייוואָכן־בלעטל נישט געקענט באַקומען און אונזער העלד איז געווען אָפּגעריסן פון דער גאַנצער וועלט און ער האָט נישט געוואוסט, וואָס עס קומט אין איר פאָר. אַ מענטש אין דער מאָדע איז ער געווען, איינגעלאַדן האָט מען אים אין גבירישע הייזער, גבירישע שיינע מיידלעך האָבן צו אים געשמייכלט, בחורים האָבן אים איינגעלאַדן אין די זומער־לאָקאַלן, וואָס האָבן זיך געפונען אין גערטנער און אין וועלכע מען האָט געהערט פיינע ציגיינער־אָרקעסטערס און גאָר פיינע ציגיינער־פידלער און זינגער און אין וועלכע מען האָט געקענט עסן דאָס רומענישע געבראָטענע פלייש, וואָס מען רופט „לאַ גראַטאַר" און וואָס באַשטייט פון אַלערליי געהאַקטע און נישט־געהאַקטע, געפעפערטע און געקנאָבלטע פליישן, וואָס האָבן געהאַט טויזנט טעמים און מען האָט פאַרטרונקען מיט וויין, וואָס האָט נישט געהאַט ווייניגער טעם. מען האָט אויך געקענט עסן אַ פיינעם ווינער שניצל און פאַרטרינקען מיט ביר און ביידע האָבן געהאַט דעם טעם פון דער וועלט. ברענענדיקע בליקן האָט ער אויך געקענט שלינגען אָן אַ שיעור. האָט טאַקע די וועלט אויסגעזען אין אונזער העלדס אויגן ווי אַן אידיליע. די איינציקע קאָנפליקטן האָט ער געהאַט אין די צוויי שטיבער, וואו מען האָט זיך געשלאָגן אבער אים. ביי די האַלפערנס אין שטוב האָט מען באַלד איינגעזען, אַז עס וועט גאָרנישט ווערן דערפון. מען האָט דעם דעזערטיר טרויעריק פאָרגעוואָרפן, אַז ער שטופּט זיך אין די הויכע פענצטער און ער האָט דערפון געליטן, כאָטש נעם און ווער אַ חתן פאַר אַ מיידל, וואָס דו האָסט נישט ליב, נאָר צו דערווייזן, אַז דו שטופּסט זיך נישט אין די הויכע פענצטער. דאָס מיידל האָט זיך אויפגעהערט פוצן און איז געוואָרן נאָך מער אָפּגעלאָזן און דיק און זי האָט ווי מיט יעדן בליק געזאָגט: „כ'וועל שוין סיי ווי פאַרזיצן!" מען האָט יאַנקלען דאָך נישט אויפגעהערט איינצולאַדן ער זאָל קומען, בכדי צו ווייזן אים, אַז מען האָט דאָך צו אים די פריינטלעכסטע באַציאונגען און ער האָט נישט אויפגעהערט אין גאַנצן צו קומען, בכדי נישט צו באַליידיקן. און שוין נישט צום ערשטן מאָל האָט אונזער העלד באַמערקט, אַז דאָס לעבן איז אַזאַ שפּיל, וואָס איין צד מוז דערפון שטענדיק ליידן. ביי די לאַנדסלייט אין הויז, וואו דער דעזערטיר האָט געוואוינט, האָט מען אויך איינגעזען, אַז פון קיין שידוך

איז נישטאָ וואָס צו ריידן און מען האָט גענומען ריידן פון געשעפט. פאַר איין וואָך האָט מען נישט גערעכנט, ווייל ער איז געווען אַ גאַסט, דערפאַר האָט מען שוין אַזוי גערעכנט פאַר די אַנדערע וואָכן, אַז ס'האָט שוין געקענט דעקן עטלעכע ערשטע וואָכן. ער האָט גאָרנישט געקענט אַזויפיל באַצאָלן און ער האָט זיך געמוזט פאַרגלייכן צו באַצאָלן אַ העלפט באַלד און אַ צווייטע העלפט „לכשירחיב". פייערשטיין האָט געזאָגט, אַז מיט דער ערשטער העלפט האָט ער שוין געקענט יוצא זיין פאַר אַ לענגערער צייט אויך. אונזער העלד איז אַריבער אויף אַן אַנדער קוואַרטיר און מיט אַ רוגז. דער ערשטער רוגז אין נייעם לאַנד און דער ערשטער רוגז אין זיין לעבן צוליב אַ געלט־סיכסוך. ער האָט זיך דערפון דערפילט שלעכט — גלייך ווי ווערעם וואָלטן אים געטאָפּטשעט אין האַרצן. מיט דער פאַמיליע האַלפּערן איז ער אויך געוואָרן פרעמד. כאָטש מיכל האַלפּערן איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אים באַזוכט אין טיורמע און געבראַכט גוטע זאַכן און אַ גרוס פון דער היים און אַ גרוס פון מענטשלעכקייט און ער איז טאַקע געווען אַ זייער סימפּאַטישער יונגערמאַן אויך און ער האָט אויך געמיינט דאָס בעסטע פאַר זיין שוועסטער. ווען יאַנקל האָט אויפגעהערט צו גיין צו זיי אין הויז, איז דער יונגערמאַן געבליבן זיין פריינד און ער איז שטענדיק ווייטער געגאַנגען צו זיינע רעדעס און ער האָט זיך באַרימט, אַז ער איז געווען דעם יונגען רעדנערס אַנטדעקער, אָבער אַ ווערעמל האָט ביים יונגענמאַן אין האַרצן געטאָטשעט. ביידע האָבן געפילט, אַז דאָס לעבן איז נישט זייער פשוט און נישט זייער גלאַטיק... אויך דעם טאַטנס ברייוו האָבן יאַנקלען אָפט צעשטערט די אידיליע פון דער גאַלאַצער געמיטלעכקייט. דער טאַטע האָט זיך נישט אויפגעהערט פרעגן וועגן תכלית. דאָס ריידן אין די שולן האָט אים נישט אויסגעוויזן ווי קיין גרויסער תכלית און ער האָט אויך נישט געגלויבט, אַז דער זון וועט קענען אַ סך אויפטאָן אויף דעם דאָזיקן געביט. ער האָט געהאַלטן, אַז גוטע רעדנער קענען זיין נאָר די ליטוועקעס, ווייל זיי האָבן דעם ריכטיקן נוסח דערצו, די בעסאַראַבער טויגן זיך נישט דערפאַר. די מאַמע פלעגט גלאַט מאָנען אין יעדן בריוו, אַז ער זאָל אַ חתן ווערן, ווייל ס'איז שוין צייט זי זאָל אויך דערלעבן אַביסל נחת. פאַר פאַניען האָט ער שוין אויך נישט מורא... געווען צווישן יאַנקלס פריינד אַ בחור, וואָס האָט געהייסן אַרי קלאַינער, ער איז טאַקע געווען סאַמיס אַ ברודער. ער איז געווען אַ ציוניסט, אָבער נישט קיין אַקטיווער, ער האָט פאַרנומען אַ וויכטיק פּלאַץ אין הויז פון זיינע עלטערן און זיינע עטלעכע פעטערס און ער האָט פאַרמאָגט אַ וועלט מיט הומאָר און גוטמוטיקייט. ער איז לחלוטין נישט געווען ענלעך צו זיין ברודער סאַמי, ער איז געווען אַ בלאָנדער, כמעט אַ פלאַקסענער, אַן אויסגעהויערטער הויכער און ער האָט געהאַט אַ גרויסע נאָז. ער האָט אויסגעזען אי ווי אַן ענגלענדער, אי ווי אַ ייִד. ער האָט דווקא גערעדט אַ גוטן ייִדיש

און ער האָט בעסער ליב געהאַט צו ריידן מאַמע־לשון, איידער דייטש, רומע־ניש, פראַנצויזיש און ענגליש, וועלכע ער האָט געקענט פּערפעקט. ער פלעג ליב האָבן צו נעמען יאַנקלען אין רעסטאָראַן „האַפּלער", וואָס האָט געהערט צו אַ דייטש און אין וועלכן מען האָט געמאַכט דאָס בעסטע ווינער שניצל און וואו עס איז געווען דער בעסטער ביר. דאָס עסן און דאָס טרינקען האָט אין גאַלאַץ געשפּילט אַן אומגעהויערע ראָליע און ס'איז געווען די הויפּט־סיבה פון געמיט און פרייד... ארי האָט אַנגעקוואָלן פון זיין יינגערן חברס יידיש און פון אייניקע ווערטלעך, אַ שטייגער ווי „מאָלן וואַסער אין אַ שטייסל", פלעג ער אונטערשפּרינגען. די בריוו פון די עלטערן האָבן נישט איין מאָל צעשטערט די פרייד, וואָס ארי האָט אַריינגעבראַכט. ארי איז אויסגעוועזן גאַנץ אייראָפּע און ער האָט דערציילט אינטערעסאַנטע זאַכן פון ווין, בערלין, פּאַריז, אַנטווערפּן, בריסל און לאָנדאָן און יאַנקל האָט דורך אים זיך באַהעפט מיט דער וועלט און געקראָגן אַן אינטימערע פאָרשטעלונג וועגן דעם לעבן אין די גרעסטע שטעט פון אייראָפּע. צוזאַמען מיט זייביידע פלעג אָפט גיין פאַרברענגען לאָטאַר שמירער, לאַזאַר טיקטינס אייניקל און דעם נאָרוועגישן קאָנסולס זון. ער איז נישט לאַנג געהאַט צוריקגעקומען פון בערלין, וואו ער האָט געלערנט אין דער האַנדלס־אַקאַדעמיע און ער האָט פון דעסט וועגן געחלומט צו ווערן אַ דיכטער, אָדער כאָטש אַ זשורנאַליסט, ער האָט געשריבן דייטש. ער האָט אויסגעזען פונקט ווי זיין מאַמע, אָבער זיין מאַמע האָט אויסגעזען יינגליש און ער האָט אויסגעזען אַביסל מיידליש. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו זיין אַ מאַן און צו ריידן מיט אַ מענעריש קול און, שוין גאָר מענערישע ווערטער און ער האָט אין זיך געהאַט פרייד און חלומות פון דער גרויסער וועלט און ער האָט דערציילט וועגן דעם ווי מוטיק יונגעלייט לעבן אין דייטשלאַנד און ווי פריי עס האַלטן זיך דאָרט די מיידלעך. ביידע חברים האָבן געהאָלפן שאַפן ביי אונזער העלד די אילוזיע, אַז דאָס לעבן איז אַן אידיליע.

אַ מאָדנע פאַקט קען דאָ אונזער העלד נישט אַרויס פון קאָפּ. די חברים זיינען אַלע געוואָרן גרעסער אין צאָל. געווען צווישן זיי סטודענטן און יונגע קינסטלער. אייניקע זיינען געווען פידלער, אַנדערע טשעליסטן, אָדער גאָר זינגער. זיי פלעגן איינאָרדנען זייער אָפּט היימישע קאָנצערטן און יאַנקל האָט געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט הונדערטער ווערק פון די גרויסע אייראָפּעאישע און רוסישע קאָמפּאָזיטאָרן. די יונגע קינסטלער זיינען געווען זיכער, אַז די רוסישע קאָמפּאָזיטאָרן זיינען אים גאָר באַקאַנט... און נישט איינמאָל האָבן זיך יום טובים פאַרענדיקט מיט וואַקכאַנאַליעס און מיט „אויספלוגן" אין פריילעכע הייזער. איז אָט אין איינער פון יענע הייזער האָט אים אַ מיידל פון אומבאַשטימטער נאַציאָנאַליטעט געפרעגט, צי ער איז אַ פּאָעט. ער האָט דעמלט נישט געטראָגן קיין גרויסע האָר, ווייל די האָר האָבן

נאָך נישט באַוויזן אָנצואוואַקסן נאָך דעם אָפּשערן אין דער קאַזאַרמע ביז צו דער הויט און ער האָט אויך נישט געטראָגן קיין ברייטן קראַוואַט. דאָך האָט אים די פרוי געפרעגט, צי ער איז נישט קיין דיכטער. אַז ער דערציילט שוין, וועט ער שוין דערציילן, אַז דאָס מיידל האָט זיך אין אונזער העלד פאַרליבט און זי האָט אים נאָר געבעטן, אַז ער זאָל זי נעמען צו זיך און די באַלעבאָס־טע האָט גאָר זיך דערשראָקן, אַז ער וויל איר אָפּריידן די מיידלעך און זי האָט געבראַכט אַ פּאָר שטאַרקע, וואָס האָבן פּראָוואָצירט אַ געשלעג און יאַנקל איז אַהיימגעקומען צעשלאָגן אין איינעם מיט אַלע חברים און אַלע האָבן זיי געדאַרפט אויסטראַכטן אַ מעשה, אַז זיי האָבן זיך געשלאָגן מיט אַנטיסעמיטן. אָבער דאָס גאַסנמיידל האָט אונזער העלד דערמאָנט אין שרייבן, וואָס ער האָט געהאַט פאַרנאַכלעסיקט און ער האָט זיך דערצו ווידער אַ נעם געטאָן און ער האָט געשריבן לידער און דערציילונגען, וועלכע האָבן פאַרמאָגט יוגנטלעכן אימפּעט און דעם ריטם פון דעם הוליאַקע־לעבן, וואָס ער האָט אָנגעהויבן דעמאָלט צו פירן. איין לידל זיינס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

איין מאָל לעבט מען —
פיו, פיו...

ער האָט געשריבן וועגן בענקענישן און ציענישן און קלעמענישן און גלוסטענישן, וואָס האָבן געהאַט דעם ריטם פון יוגנט און דעם ריח פון — געבראָטן פלייש, רויטע פעפערלעך און רויטן ווייַן. ער האָט אויך געשריבן דערציילונגען, וואָס האָבן געהאַט מער שטימונג, ווי אַקציע און אין וועלכע עס זיינען צום מערסטן געווען ניצשע־שטימונגען, ווייל אונזער העלד האָט לויט דער רעקאָמענדאַציע פון פרוי שמירער דעמאָלט געהאַט איבערגעלייענט גאַנץ ניצשע. וועגן שיקן ערגעץ די געשריבענע זאַכן האָט ער נישט געטראַכט.

דער דערמאָנטער רעדאַקטאָר אורי קייש איז דעמאָלט געקומען קיין גאַלאַץ. ער איז כסדר אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד האַלטן דרשות. ער האָט פאַר די רעדעס נישט געקראָגן באַצאָלט, אָבער זיי האָבן אים געהאָלפן מאַכן אַבאָנענטן פאַר זיין בלאַט. די אינטעליגענטער ציוניסטן זיינען אים נישט געגאַנגען הערן און זיי האָבן געלאַכט פון אים און אים נאָכגעמאַכט ווי ער האָט גערעדט וועגן די פּאָגראָמען און וועגן די צעשפּאָלטענע קעפּ און צעטרעטענע בייכער. ער האָט עס געמאַכט צו ביליק און ער האָט עפּעס, ווי ביאַליק האָט עס געזאָגט, זיך געהייסן צאָלן אַ קאָפּיקע פאַר אַ טאָכטער אַ געשענדעטער... יאַנקל איז אים געגאַנגען הערן. ער איז געווען אַ הויכער ייד אַ גוטמוטיקער, אַ בעסאַראַביש ברייטפּלייציקער און אַ שטאַרק אָנגעגעסענער, שוין מיט אַ בויך, וואָס האָט געקוקט אויף אַרויף און מיט אַ גרויסער גאָלדענער קייט

אויף דעם בויך. ער האָט נאָך אַלץ גערעדט וועגן פּאָגראָמען און דאָס פּנים האָט אים דערביי געשיינט און זיין גאַנץ אויסזען האָט זיך געשלאָגן קאָפּ אין וואַנט מיט די ווערטער, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט. ער האָט גערעדט פּשוט יידיש, לחלוטין אָן דייטשמעריזמען. ער האָט פאַרמאָגט אויך אַ געווויסן הומאָר, אָבער פון אַ זייער פּראָסטן סאָרט. ער האָט גערעדט וועגן זיין אייגענער צייטונג און ער האָט אין מיטן דער רעדע נישט נאָר געהייסן זי אָבאָנירן, נאָר ער האָט אויך געזאָגט וויפל זי קאָסט אַ יאָר. ער האָט זיך גע־ברוגזט, וואָס מען לייענט נישט זיין בלאַט און ער האָט דערציילט, אַז ער איז געקומען אין אַ שטוב אַריין, האָט זיך אַ פרוי פאַר אים געקלאָגט, וואָס זיין בלאַט איז צו קליין, האָט ער זיך גאָר דערפרייט, וואָס אַ יידישע פרוי וויל אַ גרעסער יידיש בלאַט און זי וויל מער לייענען, האָט זי אים געזאָגט, אַז לייענען וויל זי נישט, אָבער ס'איז צו קליין צום אויפשפרייטן אויף דעם פּריפּעטשיק... ער האָט אָפט גערעדט מיט אַ ניגון ווי די ליטווישע מגידים, אָבער קיין פּסוקים האָט ער נישט ציטירט און אייניקע האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל ער קען נישט. ער האָט גערעדט אין רומעניש אידיאָם און ער האָט גענוצט די אַלע רומענישע ווערטער, וואָס גייען אַריין אין רו־מענישן יידיש און אויך גאַנצע רומענישע ווערטלעך. ער האָט זיך פּלוצים צעזונגען און געזאָגט:

אויף אַ בוים שטייט אַ „טשאָרע" (קראָ)
קראַ, קראַ, ס'אי קאַלט.
די „טשאָרע" מיינט מען דאָס יידישע פאָלק,
דעם יידישן פאָלק איז נעבעך קאַלט...

ער האָט געמאַכט פּראָפּאַגאַנדע פאַר דעם ציוניזם און ער האָט אין איין אָטעם געהייסן קויפן אַ שקל און אַבאָנירן זיין בלאַט. ער האָט געמאַכט אויך פּראָפּאַגאַנדע פאַר דעם „פאַרבאַנד פון די איינגעבירגערטע יידן", וואָס האָט געהייסן אין רומעניש „אוניוניאַ עווריִלאָר פּעמענטעני" און מען האָט זי גערופן פאַרקירצט „אוניוניאַ". דער דאָזיקער פאַרבאַנד האָט געקעמפט פאַר בירגער־רעכט מיט זייער שתדלנותדיקע מיטלען און ער האָט איבערהויפּט באַ־טאָנט, אַז די רומענישע יידן זיינען עכטע רומענער. פאַר די יונגע ציוניסטן איז די „אוניוניאַ" געווען אַ נעסט פון אַסימילאַציע, פאַר די עלטערע ציו־ניסטן איז זי געווען אַ נוציקע אָרגאַניזאַציע, וואָס קעמפט פאַר דער גלייכ־בערעכטיקונג, וואָס קומט די יידן, אָבער מיט איר מאָטיווירונג, וואָס האָט געשמעקט מיט מה יפית און אַסימילאַציע האָבן זיי, נאַטירלעך, נישט מסכים געווען. אורי קייש האָט געמאַכט פּראָפּאַגאַנדע אויך פאַר דער „אוניוניאַ" און געזאָגט האָט מען, אַז ער קריגט דערפאַר אַביסל געלט. די ציוניסטן האָבן

אים נישט געהאט צו צאָלן און נישט זיי האָבן געוואָלט זיין פּראָפּאַגאַנדע.
יאַנקל געדענקט געני א שטעל פון זיינער א רעדע:

„אויף א דאך שטייט א לייטער לעבן א שטוב, וואָס מען בויעט, גייט מען ארויף אויף דער לייטער און אראָפּ פון דער לייטער, לייטער, לייטער, לייטער... און אַז מען ענדיקט די שטוב איז צוגענומען די לייטער און אוים לייטער. דאָס יידישע פאָלק איז געגליכן צו דער לייטער, אויף דעם יידישן פאָלק גייט מען ארויף און אראָפּ פון דער לייטער און אַז מען דאַרף נישט דאָס יידישע פאָלק, איז פאַרטריבן די יידן און אוים לייטער און אוים יידן... און דערפאַר זאָג איך אייך: זייט יידן! זייט ציוניסטן! באַצאָלט א שקל, אבאָנירט די „ריכטיקע יידישע צוקונפט" און פאַרשרייבט אייך אין דער „אוניוניא עווריילאָר פּעמענטעני"...

אמאָל האָט ער זיך צעזונגען:

תורה איז קול תורה,
קול תורה איז קולטורע,
קולטורע איז „קולדורע",
„קולדורע" איז היץ. (אויף רומעניש ב.)
היץ קריכט אין קאָפּ,
פון קאָפּ אין קעשענע,
צאָלט זשע א שקל,
אבאָנירט א. א. וו.

יאַנקל האָט א פּרואוו געטאָן ריידן מיט אורי קייש וועגן דעם, אַז ער זאָל דרוקן זיינע זאַכן, האָט ער געענטפערט אויפריכטיק, אַז ער איז נישט קיין גרויסער מבין און ער קען נאָר איבערדריקן אין זיין בלאַט זאַכן, וואָס ער געפינט זיי אין די נ. אמעריקאַנער בלעטער, ווייל יענע ווייסט ער, אַז זיי זיינען גוט, פון היגע שרייבער האָט ער מורא צו דרוקן. אין יאַסי זיינען אויך דאָ יונגעלייט, וואָס שרייבן יידיש און זיי „דולן" אים שטענדיק, אַז ער זאָל דרוקן זייערע זאַכן, אָבער ער פילט אין זיי קיין טעם נישט און ער האָט מורא, אַז די לייענער וועלן אויך נישט פילן קיין טעם. אָבער דער פּשוטער און שוין גאָר נישט נאַרישער ייד האָט צוגעגעבן מיט א שמייכל, אַז ווען ער וואָלט געקראָגן פאַר זיין טאָכטער א יונגענמאַן, וואָס איז א שטיקל שרייבער, וואָלט ער אים איבערגעגעבן די רעדאַקציע און ער וואָלט געקענט רואיק ארומפאָרן מאַכן אבאָנענטן, ווייל ביידע זאַכן אין איינעם קומט אים אָן שווער צו טאָן: ער האָט דאָך מיטגענומען א פּאָר זאַכן יאַנקלס, וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט געדרוקט...

געווען איז אויך א רומעניש־יידישער רעדאַקטאָר, וואָס איז נישט געווען

קיין גרעסערער למדן ווי אורי קייש. אַ רויטלעכער ייד מיט אַ שעמעוודיק פּנים געווען און ער האָט אַרויסגעגעבן אין בוקאַרעשט אַ צוויי־וואָכן־זשורנאַל אויף רומעניש א. נ. „סיאָנול" (ציון). דער ייד פלעג אַרומפאָרן מאַכן אַבאָנענטן פאַר זיין זשורנאַל און ער האָט זיך אומעטום פאָרגעשטעלט ווי אַ רעדאַק־טאָר, אָבער ער אַליין האָט נישט געוואוסט, וואָס אין זיין שריפט טוט זיך, מען האָט געזאָגט, אַז ער קען אַפילו נישט גוט לייענען רומעניש. אומעטום וואו ער איז געווען, האָבן אים יונגעלייט באַוואָרפן מיט זייערע שריפטן און ער האָט זיי צוגעזאָגט צו דרוקן און דערנאָך זיינען זיי נישט דערשינען. געווען אין גאַלאַץ אַ טיפּישער גראַפאָמאַן, וואָס האָט זיך גערופן מיט אַ פראַנ־צויזיש־קלינגענדיקן נאָמען ס י ש א ר (ער האָט מיסתמא געהייסן שכר), ער האָט געשריבן ציוניסטישע לידער אין רומעניש און ער האָט זיי אומעטום פאָרגעלייענט שנירעוודיק די ליפּן אַזוי ווי אַ מיידל. האָט ער ממש גע־וויינט פאַרן „רעדאַקטאָר" למאַי ער האָט ביי אים געגומען חתימה־געלט פאַר אַ יאָר און נישט געדרוקט קיין איין ליד. ס'איז געווען אויף יענעם ס י ש א ר נישט ווייניקער רחמנות, ווי אויף איינעם, וואָס האָט עטלעכע טעג נישט געגעסן.

דער זומער האָט געהאַלטן אין זיין ברען און ס'איז געווען פרייליך און גוט און אַביסל אומעטיק אויך. פון צייט צו צייט האָט זיך אונזער העלד גע־געבן חשבון, אַז עפּעס שטייט ער אויף אַן אָרט, כאָטש ער לייענט אַ סך און ער דערוויסט זיך זייער אַ סך זאַכן. ער האָט געפילט, אַז ער לעבט מיט דעם חסד, וואָס ער איז אַ גאַסט און ער קען זיך מאָרגן צועסן. ער איז פון צייט צו צייט אַריינגעפאָרן אין דער שכנישער שטאָט בראַילע, וואָס געפינט זיך אויך ביים ברעג פון דונאַי. די שטאָט איז אַביסל קלענער ווי גאַלאַץ און זי איז דעמלט געווען אַ סך שטילער, אָבער אויך אַ סך שענער. זי האָט געהאַט אַ סך סקווערן און בולוואַרן און אַלע גאַסן זיינען געווען פאַרפלאַנצט מיט ביימער און ס'האָט אומעטום געשמעקט. די שטאָט האָט ממש אויסגעזען ווי אַ ליאַלקע. אין קיליע האָט דער אַלטער איציק קראַסניאַנסקי נישט אויפגע־הערט צו ריידן וועגן דער דאָזיקער שטאָט. ער פלעג איינבויגן אין דרייען דעם לאַנגן קערפּער און ער האָט צוגעלייגט אַ האַנט צום טויבן אויער און ער האָט געלאַכט מיט די טויבע אויגן און ער האָט געזאָגט: „איי, איי איז דאָס בראַילעוו אַ שטאָט". און איצטער האָט יאַנקל געזען די דאָזיקע שטאָט, וואָס איז אים אַמאָל געווען ווי אַ חלום און זי האָט אויסגעזען טאַקע ווי אַ ליאַל־קע. אויך דאָרט זיינען געווען אַ סך יידן, אָבער זיי האָבן זיך געהאַלטן גע־צוימטער ווי די גאַלאַצער און כאָטש אין די שטיבער האָבן זיי נישט גערעדט ווייניקער יידיש, ווי די גאַלאַצער, האָבן זיי אין די גאַסן מער גערעדט רו־מעניש און דייטש ווי יידיש. דאָס איז געווען אין די צענטראַלערע גאַסן, אין די הינטערשטע געסלעך האָט מען גערעדט יידיש אַן באַהאַלטעניש. אין

בראַילע האָט יאַנקל זיך באַקענט מיט אייניקע משכּילים פון אַלטן שניט, וואָס אין גאַלאַץ האָט ער אַזעלכע נישט געטראָפן. זיי האָבן זיך פאַרכלינעט מיט יהודה לייב גאָרדאָן און חיים זעליק סלאָנימסקי איז ביי זיי גאָר געווען אַ גאָט, אָבער נחום סאָקאָלאָוו האָבן זיי שוין אויך גורס געווען. זיי זיינען שוין געווען ציוניסטן, דאָך האָבן זיי גערעדט ווי משכּילים און זיי האָבן אי־בערהויפּט גערעדט קעגן די פאַנאַטיקער די קנאָים, די מורדי אור, די פלע־דערמייז, כאָטש אין בראַילע זיינען שוין לחלוטין נישט געווען קיין פאַנאַ־טיקער און די שוחטים און די רבנים אפילו האָבן זיך שוין געהאַלטן וועלט־לעך און זיי האָבן געזוכט נושאי חן צו זיין ביי די „נייע”. יאַנקל האָט זיך אין בראַילע צום מערסטן געטראָפן מיט אַ יונגעמאַן חנה ראַבינאָוויטש, וואָס האָט נאָר וואָס געענדיקט דעם ליציי און ער האָט זיך געקליבן פאָרן שטודירן מעדיצין און ער איז געווען אַ הייסער ציוניסט. ער איז געווען אַ שוחטס אַ זון, אָבער יידישע למודים האָט ער געלערנט אויפן שפּיץ מעסער. יידיש האָט ער גערעדט זייער גוט און ער האָט זיך נישט געפּרואווט אפילו ריידן דייטשמעריש. ער איז געווען זייער באַלעזן אין רומעניש און אין פראַנ־צויזיש און צוזאַמען מיט זיין ציוניזם האָט ער אויך געהאַט אַביסל אַנאַר־כיסטישע נויגונגען. ער האָט זיך געהאַלטן זייער פּשוט און ער האָט אויס־געזען זייער פּשוט, די אַכט קלאַסן גימנאַזיע האָבן זיך אויסערלעך צו אים נישט צוגעקלעפּט, כאָטש אינעווייניק זיינען זיי אים אַריינגעדרונגען. ער האָט ליב געהאַט צו שמועסן מיט אונזער העלד און ס'האָבן אים כּסדר אויס־געפעלט יידישע ווערטער און ער האָט זיי געפּרואווט אַליין מאַכן און זיי האָבן געהאַט אַ באַזונדער טעם אין זיין מויל. אויף אַ בקשה האָט ער גע־זאָגט אַ „געבעט”... זיין טאַטע דער שוחט איז געווען אַ נערוועזער און זייער קלוגער ייד, וואָס האָט זיך שטענדיק געצופּט דעם דינעם עק פון דער גרוי־לעכער באָרד און ער האָט דערביי ממזריש געוואונקען מיט אַן אויג. האָט דער דאָזיקער שוחט אָפט געזאָגט, אַז יידישקייט אין בראַילע איז אַ וואָגן, וואָס פאָרט אַוועק. דעריאָגן קען אים שוין קיינער נישט, ווייל ער איז שוין ווייט...

דער ראש פון די משכּילים איז אין בראַילע געווען אליעזר קאַסוואַן (כתבן). ער האָט אויסגעזען צו זיין אַ ייד אין די זעכציקער. ער איז שוין געווען ווייס ווי אַ טויב און ער האָט אונטערגעקרעכצט מיט אַ שמייכל, וואָס האָט נעדאַרפט פאַרשטעלן דעם אויסדרוק פון פיזישן ווייטיק, וואָס ער האָט שוין מיסתמא שטענדיק געפילט. ער האָט געשטאַמט פון גאַליציע און ער האָט געלערנט אין בערלין און ער האָט געהאָפט צו גיין מעלה־מעלה, אָבער די נויט, האָט ער דערציילט באַלד ביי דער ערשטער באַגעגעניש, האָט אים געצוואונגען צו ווערן אַ מלמד אין רומעניע. ער האָט פאַרעפנטלעכט איבער־זעצונגען פון דער דייטשער פּאָעזיע אויף העברעאיש נאָך אין סמאָלענסקיס „השחר” און ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן שריפטשטעלער. ער האָט

איבערהויפּט געהאַט אַ נייגונג צו איבערזעצונגען און ער האָט זייער אַ סך איבערגעזעצט פּאָעזיע און פּראָזע פון דייטש און רומעניש אין העברעאיש און אויך אין יידיש. ער איז געווען אַ ציוניסט און ער איז אַ צייט אַרומגעפאָרן אַגיטירן פאַר דעם ציוניזם און ער איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דעם, אַז יידן זאָלן פאָרן קיין אַמעריקע און אַרגענטינע. ער האָט געזאָגט און געשריבן, אַז יידן זיינען שוין געווען אין גענוג גלות־לענדער און זיי טאָרן שוין נישט זוכן קיין נייע גלות־לענדער און זיי דאַרפן פאָרן אַהיים. אָבער טיף אין דער נשמה איז ער געווען אַ משכיל און ער האָט גערעדט קעגן פאַנאַטיקער, וואָס האַלטן זיך דערצו שמוציק און ער האָט געגוואַלדעוועט קעגן דעם, וואָס יידן טראָגן קאַפּאָטעס, כאָטש אין בראַילע זיינען שוין נישט געווען קיין יידן מיט קיין קאַפּאָטעס... דער אַלטער משכיל האָט אויך געשריבן אין יידיש און דווקא נישט דייטשמעריש אויף דעם גאַליציאַניש־רומענישן שטייגער, נאָר אין דיאַלעקט פון בײדע לענדער. ער האָט שטאָלצירט מיט זיין קענען יידיש און ער האָט דערציילט, אַז דער גאַליציאַנער יידישער רעדאַקטאָר דר. אַנזעלם קליין האָט געזאָגט, אַז צוויי מענטשן זיינען פאַראַן אויף דער וועלט, וואָס קענען יידיש — מענדעלע מוכר ספרים און אליעזר כתבן. ער האָט יאַנקלען איבערגעלייענט זיינע אַ דערציילונג, וואָס האָט געהייסן „די פאַטשיילע". זי איז געווען געשריבן אין נוסח פון ליניעצקין און איז געווען אַן משכילישע סאַטירע קעגן חסידים. אונזער העלד האָט דעם אַלטן משכיל געזאָגט, אַז היינט שרייבט מען שוין נישט אַזוי און מען האָט ביי די חסידים אונטער די שמוציקע לאַפּצעדראַקן דערזען ריינע הערצער, האָט ער זיך צעשריגן און ער האָט געזאָגט, אַז די אַלע היינטיקע זאָגן ליגן און זיי זיינען חונפים. פּרץ, בערדיטשעווסקי, יהודה שטיינבערג — אַלע זיינען זיי ליגנערס. די אמתע חסידים קען ער... און ער איז דעם יונגען אָפּאָנענט זיינעם געוואָרן אַ שונא אויף דעם לעבן און ער האָט אים געזאָגט, אַז אויב ער וויל זיין אַ כניאָק, קען ער קיין ציוניסט נישט ווערן און דערנאָך איז ער דאָך ווייבער געוואָרן און ער האָט אים געוויזן נאָך פון זיינע אָריגינעלע כתבים און פון זיינע איבערזעצונגען און ער האָט זיך געצאַפּלט צו הערן אַ גוט וואָרט, גלייך ער וואָלט געווען אַן אָנפאַנגער. ער איז געווען אַן אַלמן און אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס און ער האָט געהאַט אַ פּאָר אַלטע חברים, וואָס האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ גרויסן שרייבער און ער איז געווען צופרידן צו זיין אַ רבילע פון אַ קליינער צאָל חסידים. ער האָט געזאָגט, אַז די בראַילעווער יידן וועלן ערשט נאָך זיין טויט זיך דערוויסן ווער ער איז. מיט אַ סך גאַל פלעג ער ריידן וועגן דעם מאָדערנעם יידישן שונד־שרייבער ד. הערמאַלין, וואָס האָט געשטאַמט פון רומעניע. אליעזר כתבן האָט דערציילט, אַז הערמאַלין איז צו אים געקומען ווי אַ יינגל פון אַ קליין שטעטל און ער איז געווען גרייט צו לערנען מיט אים, ווייל ער האָט נאָך גאָרנישט געקענט. אין יענער צייט איז בילדונג געווען אידענטיש

מיט דייטש און דער לערער האָט געפרעגט דעם דאָזיקן, וואָס האָט זיך אים אָנגעבאָטן פאַר אַ תלמיד „שפּרעכן זי דויטש?“ האָט ער געענטפערט „יאַ וואָהל!“ און ער האָט שוין געוואוסט, אַז די אַלע יידישע יונגעלייט, וואָס קומען פון דער פּראָווינץ און ענטפערן „יאַ וואָהל!“, קענען גאָרנישט. אָבער דערנאָך האָט זיך כתבן איבערגעבעטן מיט אים און אים דאָך געלערנט דייטש, אָבער יענעם „יאַ וואָהל!“ האָט ער אים נישט געקענט מוחל זיין כאָטש הערמאלין איז שוין דעמלט געווען אויפן עולם האמת.

אין בראַילע איז אויך געווען אַ „טשערקול סיאָניסט“ (ציוניסטישער קרייז), וואָס איז באַשטאַנען איבערהויפּט פון יוגנט. עס פלעגן אַריינקומען עלטערע יידן מחנך צו זיין די ייִנגלעך. ווען יאַנקל האָט צום ערשטן מאָל גערעדט אין יענער שטאָט, האָט געעפנט די „אַדונאַרעאַ“ (פאַרזאַמלונג) אַן עלטערער ייד מיט אַ ווייס בערדל און מיט אַ דין קינדיש קולכל. ער האָט געקוויטשעט: „אין אייך, יונגעלייט, ליגט אונזער האָפנונג. איר וועט פאַרנעמען אונזער אָרט... איך בין פון דער נאַטור אַ פּעסימיסט, איך זע אַלץ אין ליכטיקן...“ עמיצער האָט אים געפּרואווט פאַרריכטן, אַז ער מיינט מיסתמא אַן „אָפּטימיסט“, אָבער ער האָט זיך נישט געלאָזט... אליעזר כתבן האָט איין מאָל געעפנט די פאַרזאַמלונג און ער האָט רעקאָמענדירט דעם יונגען רעדנער און אין איין וועג שוין גערעדט וועגן דער שפּראַך „זשאַרגאָן“, אין וועלכער דער רעדנער וועט ריידן און ער האָט אָנגעוויזן, אַז די דאָזיקע שפּראַך האָט גרויסע פאַרדינסטן צוליב דעם, וואָס אין איר זיינען פאַרבליבן אַ סך אַלט־דייטשע ווערטער, וועלכע זיינען שוין אין היינטיקן דייטש נישט פאַראַן, יאַנקל האָט דעם אַלטן משכיל געענטפערט, אַז יידיש האָט שוין אַ ווערט פאַר זיך אַליין, מיר ווילן שוין נישט אַרבעטן נאָר פאַר אַנדערע און ער האָט דערמאָנט אַ ליד, וואָס ציוניסטן האָבן דעמלט שטאַרק געזונגען און וואָס ס׳האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער „מיר האָבן גענוג שוין פאַר פרעמדע געשאַפן“. אַ סך האָבן דאָס דאָזיקע ליד געקענט און גענומען זינגען און ס׳איז געוואָרן אַ מאַניפעסטאַציע. פון אַ ווינקל האָט זיך אויפגעהויבן אַ ייד מיט גרויסע וואָנציעס און ער האָט געזאָגט, אַז ער איז געקומען הערן אַ רעפעראַט, אָבער נישט קיין שאָוויניסטישע יידישע מאַניפעסטאַציעס און דערצו נאָך פאַר דעם „פּריפּיטשעק“ זשאַרגאָן. וואָס איז קיין שפּראַך נישט.. די יונגע ציוניסטן האָבן פּראָטעסטירט און זיי זיינען, נישט ווילנדיק, אַריין אין קאַמף פאַר יידיש.

דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אין אַ זונטיק פאַרנאַכט. ווען מען איז אַרויסגעגאַנגען אין גאַס אַריין האָבן די צייטונג־פאַרקויפער געשריגן ביז טויב מאַכן די נייעס, אַז אין דער שטאָט סאַראַיעוואָ האָט אַ יונגער סערבישער בחור דערשאָסן אויף טויט דעם עסטרייכישן קרוינפּרינץ. מען האָט די צייטונגען אַזוי געכאַפּט, אַז זיי זיינען באַלד נישט געבליבן. יידן האָבן באַלד גענומען

דרינגען, אַז עס שמעקט מיט מילחמה. אליעזר כתבן האָט געדרונגען, אַז עס איז איצטער צו שטיל, אַז די וועלט זאָל וועלן אַ מילחמה. און דערצו איז נישטאָ ווער ס'זאָל זיך שלאָגן אויפן באַלקאַן. זיי זיינען אַלע מיד פון דער פריערדיקער מילחמה. בולגאַריע איז אַ מת און סערביע איז אַ מת, סיידן רוסלאַנד וועט זיך וועלן אָננעמען פאַר סערביע, גלויבט ער נישט אין דעם. ווי לאַנג איז פּואַנקאַרע געווען אין רוסלאַנד און דער ענגלישער עסקוואַדראָן איז געווען אין דייטשלאַנד? איין עלטערער ייד האָט געזאָגט, אַז די גרויסע מלוכות קענען אָן קיין מילחמה נישט לעבן און אַז אין פּאַנין ברענט שוין זייט לאַנג די רציחה פאַר יאַפּאַן. אַ דריטער ייד האָט געזאָגט, אַז דער דייטש איז שטילערהייט ערגער פון פּאַנין און ער וועט שוין דורך דעם נאַרישן „קירה" אָנאַרבעטן אַ שריפה און מען וואָלט באַצייטנס געדאַרפט אַוועקשיקן די קינדער קיין אַמעריקע. האָט אַ פערטער ייד געפרעגט: פאַרוואָס נישט קיין ארץ ישראל? האָט דער דריטער געענטפערט, אַז פון אַמעריקע וועט מען ערשט זוכן צו האָבן ארץ ישראל. מאַקס נאָרדוי האָט נאָך פון פריער געזאָגט, אַז פריער דאַרף מען אַ „נאַכט־אַזיל"... און עס איז אַזוי אָנגעגאַנגען אַ דיסקוסיע. דער רוב האָט געהאַלטן, אַז קיין מילחמה וועט נישט זיין, אַ קליינע צאָל האָט מורא געהאַט. יאַנקל איז שוין אין יענעם אָוונט נישט געפאָרן קיין גאַלאַץ און ער איז געבליבן נעכטיקן ביי זיין פריינד חנה ראַבינאָוויטש, ווי שטענדיק ווען ער איז פאַרבליבן אין בראַילע. ער האָט זיך געפילט גוט ביי דעם דאָזיקן פריינד אין שטוב, אויך ווייל ער איז געווען אַ שוחטס אַ זון. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז דורך דעם אַ קליין ביסל אין דער היים... ווען יאַנקל מיטן חנהן זיינען צוגעקומען צו דער שטוב, איז דאָרט דער שוחט געשטאַנען פאַרנט מיט אַ ריידל יידן און די שוחטקע מיט אַ רעדל יידענעס און אַלע האָבן זיי גערעדט וועגן דעם שאָס אין סאַראַיעווע און אויך דאָ האָבן כמעט אַלע געזאָגט, אַז ס'איז גאָרנישט און אייניקע האָבן געזאָגט, אַז ס'קען זיין אַ שוועבעלע צו אַ פאַס פולווער. דער שוחט האָט געשטאָכן מיטן בערדל אויף אַרויף און ער האָט נישט אויפגעהערט עס צו ציפן און ער האָט געזאָגט: „וויסעך וואָס! אַ גרויסע כמאַרע און עס וועט אים ירצה השם זיין אַ קליינער רעגן!" די אַנדערע יידן האָבן צוגעבאָמקעט און זיי האָבן געזאָגט „הלוואי!" אָבער די שוחטקע האָט שוין געקוקט מיט טרערנדיקע אויגן אויף איר זון און זי האָט געזאָגט, אַז ער האָט גוט געטאָן, וואָס ער איז שוין אהיימגעקומען, ווייל זי האָט שוין אַביסל איבערגעקלערט. אַ מאַמעס האַרץ ווייסט נישט קיין חכמהס... אין איין וועג האָט זי שוין געזאָגט, אַז זי איז מקנא יאַנקלס מאַמע, וואָס זי האָט שוין נישט מורא, אַז מען וועט איר זון נעמען אין דער מילחמה אריין. זי איז טאַקע פון דער ווייטנס, אָבער ווי געזאָגט: „בעסער פריידן פון דער ווייטנס, איידער ליידן פון דער נאָענט..." די שוחטקע האָט געקוקט אויף אים מיט אַזויפיל קינאה, אַז ער האָט זיך אַזש גע־

פילט שולדיק, וואָס ער איז איינער אַ געראַטעוועטער צווישן אַזויפיל נישט געראַטעוועטע... עס איז ווי אויסגעקומען, אַז משיח איז געקומען נאָר צו אים... ווען יאַנקל איז געגאַנגען דערנאָך מיטן שוחט און מיט דער שוחטקע און מיט זייער זון אויף די ברייטע און קרומע טרעפּ, האָט ער זיך דערמאָנט. אַז אין פּאָלק דאָרט אין האיסין איז מען די לעצטע צייט געגאַנגען צו אָפּט אויף שיסן און ער האָט זיך געפילט אי טרויעריק, אי גוט און ער האָט זיך דאָך געשראָקן און עס האָט אים געקלעמט ביים האַרצן, וואָס ער איז אין אַזאַ צייט נישט אין איינעם מיט די עלטערן... אים האָט זיך געדאַכט, אַז באַטש ער וועט זיכער נישט גיין אין מילחמה אַריין, איז אַלע יידישע יונגעלייט פון אומעטום, וואָס זיינען לעבן זייערע עלטערן, בעסער פון אים, וואָס ער איז אין דער פרעמד...

☆

קאפיטל צוויי

אין קאמף מיט די „לעצטע יידן".

קארגע פיר וואכן נאך דעם שאס אין סאראיעוואָ זיינען פארגאנגען. עס האט זיך געדאכט אז די וועלט וועט צוריק בלייבן אן אידיליע. אין די זעקס וואכן, וואס אונזער העלד איז ביז דעמאלט געווען אין רומעניע, האט ער קיין ציימונג נישט געלייענט. יידישע און רוסישע בלעטער זיינען אנגעקומען קיין גאלאץ אין א קליינער צאל און מיט א סך פארשפעטיקונג און רומעניש האט ער נישט פארשטאנען. זייט דעם „שאס" האט ער זיך גענומען לייענען א דייטש בלאט; דער סעקרעטאר פון דער פעדעראציע, וואס האט זיך צו אים באצויגן ווי צו א קינד, האט אים אלץ געווארנט, אז ער זאל זיך בעסער אנשטרענגען און לייענען רומעניש, ווייל איצטער איז די בעסטע צייט אויסצולערנען די שפראך פון לאנד, אים איז אבער גאנץ גוט געווען געפעלן זיך אויסלערנען לייענען גוט א דייטשע צייטונג און דאס דאזיקע איז אים אנגעקומען נישט שווער און ס'האט אים אויך געהאלפן צו קענען בעסער ריידן דייטש. ער האט געלייענט „דאס בוקארעשטער טאגעבלאט", וואס איז אנגעקומען נאך אין זעלביקן טאג און פון לייענען זיינען אים אלעמאל צוגעקומען נייע אויסדרוקן. אין א סך פון די הייזער, וואוהין ער פלעג אריינקומען, האט מען צו אים גערעדט דייטש, איבערהויפט האבן דאס געטאן די עלטערע פרויען, די יינגלעך און די מיידלעך האבן זיך דווקא אנגעשטרענגט צו ריידן מיט אים יידיש. האט ער זיך די ערשטע צייט נישט איינגעשטעלט צו ענטפערן אין היינעס שפראך, כאטש ער האט צענדליקער פון היינעס לידער געדענקט אויף אויסנווייניק. לייענענדיק דאס דייטשע בלאט האט ער באקומען מוט. קיינער האט זיך נישט געגלויבט, אז די מילחמה שטייט שוין הינטער די פלייצעס. די דייטשע צייטונג איז געווען פול מיט דעם דעלעגאט פון דער באלקאנישער ליגע סער עדוארד גריי און זי האט אים געלויבט און איז געווען זיכער, אז ער וועט ראטעווען די סיטואציע און וועט איינשטילן די אלע קליינע לענדער, וואס ווילן רייסן שטיקער איינס פון אנדערן. דער דאזיקער סער האט געהאט גרויסע צרות ארום אלבאניע, וואס סערביע, בולגאריע — און ווער נישט? — האבן עס געוואלט פארשלינגען. עס איז נישט

געווען שטאַרק שווער צו וויסן, אַז דער גאַנצער קאַמף איז שוין אָנגעגאַנגען צווישן עסטרייך און רוסלאַנד. אין עסטרייך האָט מען אָפן געזאָגט, אַז דער צאַר קריכט אַריין מיט אַ קלין אויף די באַלקאַנען און ער ווערט אַ סכנה פאַר עסטרייך, וואָס וועט אַזוי אַרום באַדראָעט ווערן דורך צוויי זייטן מצד רוס־לאַנד — דורך גאַליציע און דורך סערביע. דאָס „בוקאַרעשטער טאַגעבלאַט" האָט פולשטענדיק פאַרטראָטן די אינטערעסן פון דייטשלאַנד. פון דעסט וועגן האָט עס נישט אויפגעהערט צו גלויבן דעם ענגלישן סער און קיינער האָט נישט געוווּסט, אַז הינטער די פּלייצעס גרייט זיך די גרויסע מלחמה צווישן דייטשלאַנד און ענגלאַנד.

אין יענע טעג איז אַריינגעפאַלן צו אונזער העלד אַ בראָשור אין דייטש מיט דעם ענגלישן טיטל „מייד ען דזשערמאַני" און פון יענער בראָשור האָט ער זיך דערוואוסט וועגן דעם גאַנצן עקאָנאָמישן קאַמף, וואָס איז אָנגעגאַנגען צווישן דייטשלאַנד און ענגלאַנד. ער האָט זיך ערשט דעמלט דערוואוסט וואָס פאַר אַ וועלט־אימפּעריע ענגלאַנד איז און ער האָט פאַרשטאַנען פאַר וואָס די יידן אין שטעטל האָבן געזאָגט, אַז „ענגעללאַנד" קען אַלצדינג. פון דער דאָזיקער בראָשור האָט ער זיך דערוואוסט וועגן דער גרויסער קאָנקור־רענץ צווישן ענגלאַנד און דייטשלאַנד און וועגן דעם, אַז ענגלאַנד האָט גע־צוואונגען דייטשלאַנד צו שטעלן אויף אַלע אירע פּראָדוקטן די ענגלישע ווער־טער „מייד ען דזשערמאַני", אַז מען זאָל וויסן, אַז זיי זיינען נישט קיין ענג־לישע, נאָר דייטשע און אַז דייטשלאַנד וועט נישט אייביק פאָלגן, ווייל דאָס יונגע לאַנד וויל וואַקסן און אויך האָבן קאָלאָניעס וואו צו קריגן רויסטאָף און וואו אָפּצוזעצן די פאַבריקאַטן. דער מחבר האָט גערעדט מיט באַגייס־טערונג וועגן דייטשלאַנד, וואָס איז דאָס ייִנגסטע לאַנד אויף דעם קאָנטי־נענט; ס'זיינען נאָך נישט אַריבער קיין פופציק יאָר זייט ביסמאַרק האָט פאַר־אייניקט די פאַרשיידענע גערמאַנישע קעניגרייכן און ער האָט געמאַכט דעם קעניג פון פּרייסן פאַר קאַיזער פון דייטשלאַנד און ער האָט ציטירט היינעס אַ ליד וועגן דייטשלאַנד, וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער „דייטשלאַנד איז נאָך אַ קליין קינד, עס איז די זון זיין אַם" און עס וואָרנט אַלע פעלקער, אַז זיי זאָלן זיך היטן, ווען דייטשלאַנד וועט אויסוואַקסן... פון יענער בראָ־שור האָט אונזער העלד אַרויסגענומען דעם זעלביקן געדאַנק, וואָס ער האָט זיין גאַנץ לעבן אַרויסגענומען פון אַלע זיינע איבערלעבענישן און טראַכטע־נישן, אַז די וועלט איז געמאַכט שלעכט און אַז דער מענטש פאַרטיילט די גיטער פון דער וועלט, לויט דעם אויסדרוק פון אַ דייטשן פּאָעט, „געטלעך", גאָט גיט דאָך איינעם אַ סך, אַ צווייטן ווייניק און אַ דריטן גאָרנישט און דער מענטש טוט נאָך. עס איז אָבער אונזער העלד נישט איינגעפאַלן, אַז די קרי־גערייען אויף דעם באַלקאַן, צוליב דעם, וואָס אַ יונגער סערב האָט דערהרגעט דעם עסטרייכישן קרוינפּרינץ אין איינעם מיט זיין פרוי, זאָל האָבן אַ שייכות

מיט דעם עקאָנאָמישן קאַמף צווישן דייטשלאַנד און ענגלאַנד. און אויסגע־וויזן האָט עס, אַז עס ווערט שטיל און אַז סער עדוואַרד גריי, וואָס האָט מיט זיין נאָמען אַזוי שטאַרק דערמאָנט אין אָסקאַר ווײַלדס העלד דאָריאַן גריי, וואָס האָט קינסטלעריש זיך אויפגעהויבן איבער אַלץ און זיך דערלויבט אַלץ, האָט שוין אַלץ דערליידיקט... מען האָט געקענט מיינען, אַז דער בראַי־לער שוחט איז געווען גערעכט, אַז ס'איז געווען אַ גרויסע במאָרע און אַ קליינער רעגן.

און ס'האָט לאַנג נישט געדויערט ביז די באָמבע האָט געפּלאַצט. אין אַ הייסן דאָנערשטיק פון סוף יולי (דער 23־טער איז געווען) האָט עסטרייך צו־געשטעלט אַן אולטימאַטום צו סערביע, פון וועלכן ס'איז קאַלט געוואָרן אין יעדן איבער, ווען מען האָט אים געלייענט. די דייטשע צייטונג האָט געשריבן, אַז קיינמאָל האָט נאָך איין רעגירונג נישט געשיקט צו דער צווייטער אַזאַ באַ־ליידיקנדיקן אולטימאַטום. זיכער איז עס געווען ביי דער עסטרייכישער רע־גירונג דער באַוואוסטזיין פון איר גרויסקייט און דער סערבישער קליינקייט. אַזאַ אולטימאַטום, האָט זיך אונזער העלד געקלערט, שיקט אַ העלעפאַנט צו אַ מויז. ער האָט נאָך געהאַט אַ קליינע אַנונג וועגן מילחמהס, די רוסיש־יאַפּאַ־נישע מילחמה האָט ער איבערגעלעבט, ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד. די מילחמה אויף דעם באַלקאַן, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט דעם איבערפאַל פון רומעניע אויף דער געשלאָגענער בולגאַריע, האָט אים ווייניק פאַרכאַפּט. וועגן מילחמהס האָט ער קיין סך נישט געלייענט. צום מערסטן האָט ער גע־לייענט וועגן דעם אין תנך און דאָרטן איז דאָך אַלץ געווען אַזוי קלאָר דער־ציילט, אַז גאָט האָט געהייסן די יידן גיין אין קריג אַריין און קינדערווייז איז אים גאָרנישט איינגעפאַלן אויפצונעמען די זאַך קריטיש. די מעשהס פון תנך וועגן יידישער שטאַרקייט איז געווען אַ רעקאָמפּענץ פאַר דער יידישער שוואַכ־קייט. אין לעבן האָט אַ ייד געציטערט פאַר אַ גוי, אָבער אין תנך האָבן די גויים געציטערט פאַר יידן. די גבעונים האָבן זיך געבעטן, אַז מען זאָל זיי גיבן די שווערסטע אַרבעט, אַבי מען זאָל זיי לאָזן לעבן... דאָס איינציקע גרויסע ווערק וועגן מילחמה, וואָס ער האָט געלייענט, איז געווען טאָלסטאָיס „קריג און פרידן", וואָס האָט אויך דערקלערט די אַלע געשעענישן מיט גאָט זאַכן. אפילו לערמאָנטאָווס ליד „באָראָדינאָ" וועגן דעם, וואָס מען האָט מאָסקווע אָנגעצונדן מיט אַ שריפה און אוועקגעגעבן די פראַנצויזן, האָט אויך געזאָגט, אַז ס'איז דערויף געווען גאָטס ווילן. דאָס ערשטע מאָל האָט יאַנקל געלייענט ווי אַזוי אַ מילחמה ווערט צוגעגרייט און פאַר אים איז געווען קלאָר, אַז דער גרויסער הייסט דעם קלענערן זיך דערנידעריקן און אים קושן דעם פוס. אין יענעם מאָמענט האָט ער פולשטענדיק געהאַלטן מיט די סערבן און ער האָט פאַרשטאַנען פאַרוואָס אַ סערבישער בחור אין זיינע יאָרן האָט דער־הרגעט אַן עסטרייכישן פּרינץ, כאָטש ער האָט אַזוי גאַנץ ווייניק געקענט די

סערבן און ער האָט נאָר געהערט אַמאָל ווי אַ ציוניסטישער רעדנער האָט געזאָגט, אַז די סערבישע חזרים־פּאַשער קומט אַן אייגן לאַנד און יידן — נישט. ער האָט זיך געקלערט, אַז ווען די יידן וואָלטן שוין געהאַט ארץ ישראל, וואָלטן זיי אויך געווען אַזאַ קליין פאָלק ווי די סערבן און אַ גרוים פאָלק וואָלט זיי געקענט באַליידיקן און דאָס בלוט האָט אין אים געקאָכט, פּונקט ווי אין די צייטן, ווען ער האָט אָנגעהויבן ווערן אוים רעליגיעז. ער האָט געפילט, אַז ציון אַליין וואָלט נישט געווען גענוג, אַז יידן זאָלן קענען לעבן זיכער און נישט מורא האָבן, עס דאַרף נאָך דערצו זיין אַזאַ גערעכטע וועלט, אַז דער שוואַכער זאָל זיין פאַרהיט קעגן שטאַרקן.

אין רומעניע איז מען געווען אָפּטימיסטיש, עס האָט זיך נישט געגלויבט, אַז עס זאָל ווערן אַ מילחמה. מען האָט אָנגעוויזן, אַז ענגלאַנד האָט זיך צרות דאָרט ביי זיך מיט די אירלענדער, אין פראַנקרייך האָט זיך דעמלט נאָך געטאָן מיט דעם פּראָצעס פון קאַיאָ און אַ סענאַטאָר האָט דעמלט אָנגעוויזן, אַז אין דער פראַנצויזישער ארמיי איז נישט אַלץ אין דער אָרדנונג־ דער פראַנצויזישער פּרעזידענט פּואַנקאַרע איז גאָר דעמלט געווען אונטערוועגס, אויף דער צוריקרייזע פון רוסלאַנד. דער דייטשער קאַיזער איז דעמלט אויך נישט געווען אין דער היים, ער איז געווען אין נאָרוועגן. מען האָט געזאָגט: ווי וועט מען מאַכן אַ מילחמה, אַז די באַלעבאַטים פון אייראָפּע זיינען נישטאָ אין דער היים און זיי ווייסן נישט וואו זיי זיינען אין דער וועלט? פון דעסט וועגן האָט מען אָנגעוויזן, אַז די ענגלישע אַרמיי איז געווען מאָביליזירט צוליב מאַנעוורען און ווייל איטאַליע האָט געמאַכט עפּעס אַן אינסינואַציע קעגן ענגלאַנד, איז די אַרמיי שוין געבליבן מאָביליזירט. דער דאָזיקער פאַקט האָט אַרויסגערופן אַ מורא, אַז ענגלאַנד וועט אריין אין מילחמה אריין. אונזער העלד האָט נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי עס האָט שוין ביי ענגלאַנד און צוליב וואָס ווען דאַרפן אַזויפיל פעלקער אריינטרעטן אין קריג אריין, ווייל אַ סערבישער בחור האָט דערהרגעט איין עסטרייכישן פּרינץ. די דייטשע צייטונג, וועלכע ער האָט דעמלט געלייענט, האָט נישט גערעדט וועגן די עקאָנאָמישע סיבהם פון דער מילחמה. רוסלאַנד האָט זיך דערווייל אריינגעמישט און געבעטן, אַז עסטרייך זאָל פאַרציען דעם אולטימאַטום אויף נאָך אַ שטיקל צייט און עסטרייך האָט פאַרזיכערט, אַז זי וויל נישט צונעמען קיין לאַנד ביי סערביע, זי וויל נאָר לערנען תרבות דרך ארץ מיט די סערבלעך. און אַ וואַרעמער שבת ביי טאָג איז עס געווען, ווען די צייטונג־פאַרקויפער האָבן אויסגעשריגן אין די גאַסן, אַז סערביע האָט צו דער ריכטיקער צייט געענטפערט עסטרייך און האָט אַקצעפּטירט כמעט אַלע פּונקטן און האָט דערקלערט, אַז מיט דעם רעשט פון די פּונקטן איז זי גרייט זיך צו פאַרלאָזן אויף אַן אַרביטראַזש. מען איז געווען זיכער, אַז דער פרידן איז שוין אַ גאַראַנטירטער,

אָבער עס איז באַלד געקומען די מעלדונג, אַז עסטרייך איז נישט צופרידן און זי האָט צוריקגעצויגן איר פאַרטרעטער פון בעלגראַד.

די שטאָט גאַלאַץ איז געגאַנגען כאָדראָם. טויזנטער מענטשן האָבן אָן אויפהער באַלאַגערט די איינציקע רעדאַקציע פון דער רומענישער צייטונג „גאַלאַצי נאָי" (ניי גאַלאַץ) און זיי האָבן געמאָנט נייעס. דאָס צייטונגל איז אַלע מאָל דערשינען אין אַן אַנדער אויפלאַגע און מען האָט עס געכאַפּט ווי מצה וואַסער פון די הענט. אין צענטער פלעג פאַרקויפן דאָס בלאַט אַן עלטערער מאַן, וואָס איז נאָך געווען גאַנץ גרינג אויף דער באַוועגונג און ער האָט געהאַט אַ קול פון אַ גלאָק און ער האָט מיט דעם אָנגעפילט דעם גאַנצן אַרום און אַרום. ער איז נאָך דערצו געווען קאַסאָקע אויך און ער האָט געהאַט ביסטרע בליקן און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער קוקט מיט זיי אין אַלע זייטן אַריין. אין די רואיקע צייטן האָט ער געהאַט צופיל שטימע און צופיל אויגן און צופיל באַוועגונגען פאַר דעם קליינעם צייטונגל, וואָס קיינער האָט נישט געוואָלט נעמען אין די הענט אַריין. אין די צייטן פון ערב קריג האָט מען דאָס דאָזיקע בלעטל אַזוי געכאַפּט, אַז דער אומפּעטפּולער צייטונג־פאַרקויפער איז שוין געווען ווייניק. ער פלעג זיך גיבן אַ לאָז אַרויס מיט אַזאַ שטורעם, גלייך ווי ער וואָלט געווען אַ בליץ, וואָס האָט זיך פאַרלוירן און ער איז געלאָפן ווי אַרום זיך און ער האָט שוין אין ערגעץ נישט געקוקט און ער האָט שוין נישט געזען וועמען צו גיבן די צייטונגען און ביי וועמען צו נעמען געלט און ער האָט געשריגן אַזוי שטאַרק, אַז ער איז שוין באַלד געוואָרן הייזעריק. דער צייטונג־פאַרקויף אַליין איז אין יענע טעג געווען אַ ווילדער ספּעקטאַקל.

און ווידער זיינען אַריבער אַ פּאָר טעג אין האָפנונג. די צייטונגען האָבן נישט אויפגעהערט ריידן וועגן סער עדוואַרד גריי, וואָס האָט געוואָלט צוזאַמענברענגען די רוסן מיט די עסטרייכער צו אַ בשותפותדיקער קאָנפערענץ און דייטשלאַנד האָט נישט געלאָזט. און אין אַ דינסטיק ביינאַכט (דעם 28־טן יולי) האָבן די בלעטער געמאָלדן, אַז עסטרייך האָט דערקלערט קריג סערביע. דער קייזער האָט געבעטן ביים צאַר, אַז ער זאָל זיך נישט אַריינמישן און ער זאָל לאָזן עסטרייך באַשטראָפן סערביע. דער צאַר האָט געענטפערט, אַז ער ליינט פאָר מען זאָל דעם גאַנצן ענין איבערגעבן דעם אינטערנאַציאָנאַלן טריבונאַל פון האַג. מען האָט געהאָפט, אַז עס וועט קומען אַ גינסטיקער ענטפער, אָבער עס איז גאָר קיין ענטפער נישט געקומען. דאָס דייטשע בלאַט האָט דערציילט, אַז דייטשלאַנד האָט גענומען זאָנדירן דעם באָדן אין ענגלאַנד און פּרוּוון איינריידן גרויסבריטאַניע, אַז זי זאָל זיך האַלטן ווייט פון דער גאַנצער זאַך. דאָנערשטיק דעם 30־טן יולי האָט רוסלאַנד דערקלערט אַלגעמיינע מאָביליזאַציע און דער טאָג איז אין די יידישע שטיבער געווען אַ זייער טרויעריקער. ערב שבת איז עפּעס רואיקער געוואָרן. סער עדוואַרד גריי האָט פאָרגעליינט רוסלאַנד, אַז זי זאָל אָפּשטעלן די מאָביליזאַציע און עסטרייך האָט

ער פֿאָרגעשלאָגן אַביסל אַריינצוגיין אויף דער סערבישער טעריטאָריע און בלייבן שטיין. רוסלאַנד און עסטרייך האָבן ביידע אַקצעפּטירט. יידן זיינען שוין געווען גרייט צו שטעלן זיך טאַנצן אין די גאַסן. אָבער נאָך אין זעלביקן טאָג האָט דייטשלאַנד געשיקט אַן אולטימאַטום צו רוסלאַנד, אַז זי זאָל ביז אין צוועלף שעה אָפּשטעלן די מאָביליזאַציע און רוסלאַנד האָט דאָס נישט גענומען אין באַטראַכט און שבת דעם ערשטן אויגוסט האָט דייטשלאַנד דערקלערט קריג צו רוסלאַנד. פיר לענדער זיינען שוין געווען אין קריג. פינף וואָכן ווייניקער איין טאָג איז אַוועקגעגאַנגען זייט דער בראַילעווער שוחט האָט געזאָגט, אַז ס׳וועט זיין אַ גרויסע כמאַרע און אַ קליינער רעגן...

געזאָגט האָט מען, אַז אַזוי לאַנג ענגלאַנד איז נישט אַריין אין דער מילחמה, וועט די מילחמה האָבן „קורצע פיס", אָבער ס׳האָט נישט מער געדויערט ווי הונדערט שעה זייט דייטשלאַנד האָט דערקלערט קריג רוסלאַנד ביז וואַנען ענגלאַנד האָט דערקלערט קריג דייטשלאַנד. ס׳איז געווען איבער בעלגיע. דייטשלאַנד האָט דערקלערט, אַז זי וועט נישט אַטאַקירן פראַנקרייך איבערן ים, אָבער דורך בעלגיע וועט זי מוזן דורכגיין (פראַנקרייך איז באַלד געווען אויף דער זייט פון רוסלאַנד). ענגלאַנד האָט געוואָרנט, אַז אויב דייטשלאַנד וועט טשעפּען בעלגיע, וועט זי אַריין אין מילחמה. דעם דריטן אויגוסט האָט שוין בעלגיע געהאַט די פאַרזיכערונג פון ענגלאַנד, אַז זי וועט איר קומען צו הילף און זי האָט שוין באַשלאָסן צו פאַרטיידיקן איר נייטראַליטעט און דייטשלאַנד האָט שוין אינוואַדירט בעלגיע אונטער דעם אויסרייד, אַז פראַנקרייך האָט געוואָלט אינוואַדירן דאָס זעלביקע לאַנד און דעם פערטן אויגוסט האָט ענגלאַנד דערקלערט קריג צו דייטשלאַנד. איטאַליע, וואָס האָט געדאַרפט קומען צו הילף די צענטראַלע מאַכטן (אַזוי האָט מען באַלד גענומען רופן דייטשלאַנד און עסטרייך) האָט דערקלערט, אַז זי בלייבט נייטראַל. לויט דעם אָפּמאַך האָט אויך רומעניע געדאַרפט קומען צו הילף די זעלביקע מאַכטן, אָבער אין לאַנד האָבן זיך באַלד באַוויזן פראָ פראַנצויזישע מאַניפעסטאַציעס. די ווערטער „גינטאַ לאַטינאַ" (לאַטיינישער שטאַם) האָט פול געמאַכט די לופט. די וועלט־מילחמה האָט זיך גענומען שלאָגן איבער רומעניע און דאָס לאַנד איז געווען צעטיילט אויף צוויי לאַגערן. אויף פראַנקאָפילן און גערמאַנאָ־פילן. פון דער היים האָט יאַנקל באַקומען אַ בריוו פון טאַטן, אַז ער און די מאַמע דאַנקען גאָט, אויפשטייענדיק און לייגנדיק, וואָס ער האָט אַריבערגעפירט די סחורה קיין אויסלאַנד און אַז טאַטעס און מאַמעס פון קיליע זיינען זיי מקנא.

עס האָט נישט געדויערט לאַנג און גאַלאַץ איז געוואָרן פול מיט אַ סך רוסישע דעזערטירן. עס זיינען געלאָפן נישט נאָר יידן, עס זיינען אויך געלאָפן מאָלדאַוואַנעס, אוקראַינער און אַפילו עכטע רוסן. די רומענישע רעגירונג האָט אָנגעהויבן שמועסן וועגן נעמען שיקן אין אַ לאַגער אַריין די רו־

סישע דעזערטירן און דער סעקרעטאַר פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע, דער פריינטלעכער און קלוגער פייערשטיין, וואָס איז געווען יאַנקלס בעסטער בעל יועץ, האָט פאַרשטאַנען, אַז זיין יונגער פריינד דאַרף אוועקפאָרן ערגעץ טיף אין דער מאָלדאַווע אריין, דאָרט, וואו יידן לעבן נאָך טיילווייז ווי אין ארץ ישראל. און ס'איז אוועק אַ קאָרעספּאָנדענץ אין נאָמען פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע און דער גורל איז געפאַלן אויף דער שטאָט פאַלטישעני, וואָס געפינט זיך לעבן דער עסטרייכישער גרעניץ; פונקט אַנטקעגן, האָט מען געזאָגט אונזער העלד, געפינט זיך די בוקאָווינישע שטאָט סוטשעאַוואַ, וואָס יידן רופן שאָץ. אין פאַלטיטשעני איז געווען אַ יונגער קרייז פון ציוניסטן און ציוניסטקעס, וואָס האָט געזוכט אַ העברעאישן לערער און פייערשטיין האָט יאַנקלען פאַרהאַנדלט צו דעם דאָזיקן קרייז.

דער בילעט, וואָס יאַנקל האָט געהאַט איז געווען ביז פּאַשקאַני, פון דאָרט האָט ער געדאַרפט קויפן אַן אַנדערן; עס איז שוין פון דאָרט געווען נאָענט, אין גאַנצן אַ פּאָר סטאַנציעס. פּאַשקאַני איז פאַר אונזער העלד געווען שיעור נישט אַ לעגענדאַרישע שטאָט. דאָרט האָט געוואוינט דער פּאַשקאַנער רבי, דעם בוהושער רבינס אַ ברודער און ער איז געווען זיכער, אַז ס'איז אַ ריזיקע שטאָט. אין פּאַשקאַני איז געווען גבאי ביים רבין יאַנקלס אַ שוועסטערקינד, דעם פעטער שניאורס אַן איידעם. ער האָט געהייסן מאיר און ער איז געווען אַ דיקער און אַ רויטער גאַליציאַנער ייד. ער איז אַ פּאָר מאָל געווען אין קיליע צו גאַסט; ער איז אַרומגעפאָרן נאָך מעמדות פאַר דעם רבין. ער איז נישט געווען קיין גרויסער למדן און נישט קיין גרויסער חכם, ער האָט גענומען דעם עולם מיט זיין פשטות און פּאַשקאַנער חסידים האָבן געזאָגט, אַז ס'רוט אויף אים אַ שיין פון רבין. אין פּאַשקאַני האָט ער אויסגעזען וואָכעדיקער ווי אין קיליע און ער האָט זיין שוועסטערקינד דעם משכיל און דעם דעזערטיר היפּש אַנטוישט און ער איז פון אים אויך אַנטוישט געוואָרן. ער האָט זיך נישט באַהאַלטן און ער האָט געזאָגט אָפן, אַז דער רבי האַלט נישט פון דייטשן-קבצנים. אַז עס קומט אַ דייטש אַ גביר און ער ברענגט געלט, איז אים דער רבי נאָך מוחל, אָבער ווען עס קומט אַ קבצן, וויל דער רבי, אַז ער זאָל זיין אַ ירא שמים... יאַנקל האָט געזאָגט, אַז ער איז גאָרנישט געקומען צום רבין, ער איז געקומען זיך באַקענען מיט זיין פעטער שניאורס טאָכטער און זי האָט זיך טאַקע געפרייט מיט אים און זי האָט זיך אויסגעוויינט פאַר אים מיט אַ קוואָרט טרערן. זי האָט שוין געפונען פאַרוואָס צו וויינען, אַ שוועסטער אירע איז נישט לאַנג געשטאָרבן פאַר דער חתונה און חוץ לזה איז זי געווען אַן עלנדע, די שוועסטער אירע זיינען צעוואָרפן איבער דער גאַנצער מדינה, די מאַמע האָט זי שוין אויך נישט געזען אַ שאָק מיט יאָרן. דאָך איז יאַנקל געווען אויך אין רבינס הויף און באַקוקט די גאַנצע מלוכה און פאַר די לעצטע גראָשנס געמוזט קויפן בראָנפן די

יושבים און ער איז שוין אַריינגעגאַן צום רבין אויך, וואָס איז געווען אַ ליבנסווירדיקער מענטש און ער האָט געהאַלטן, אַז מ'קען ריידן מיט יעדן אין זיין שפּראַך און ער האָט געוואָלט וויסן, צי ביי די ציוניסטן איז אָנגעשריבן אין ספר התקנות, אַז מען דאַרף נישט אָפּהיטן קיין יידישקייט... ער האָט זיך נישט אויפגעהערט נאָכפרעגן וואו עס האַלט מיט יידישקייט אין גאַלאַץ און אין בראַילע און אַט ווי ער איז געווען אויסגעפּוצט און ער האָט געשמעקט מיט פיינער זייף און עס האָט פון אים געגלאַנצט נישט נאָר מיט זייד און לאַק, נאָר אויך מיט אַ בריליאַנט, האָט ער אַלעמאָל געהאַט טרערן אין די גרויסע, אַביסל איבערגעקערטע אויגן, וואָס האָבן אויסגעזען קינדיש און מילד און ער האָט אַלע מאָל געגעבן אַזאַ קרעכץ, אַז עס האָט אַ טרייסל געטאָן ביים הארצן. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אויפריכטיקן מענטשן, וואָס נעמט זייער צום הארצן דעם גלות השכינה. אין אַ געווויסער מאָס איז יאַנקל דעמלט געוואָרן זיינער אַ חסיד, אויב אַ חסיד וואָלט געקענט זיין אַזוי סקעפּטיש און ארעליגיעז ווי ער איז געווען אין יענער צייט. ער איז אוועק פון פּאַשקאַנער רבין מיט נישט אויסגעוויינטע טרערן און מיט אַ באַהאַלטענער פרייד.

איידער דער צוג איז צוגעקומען קיין פּאַלטיטשעני, האָבן זיך באַוויזן גרויסע בערג. אָפּגעריסענע שטיקער פון דער גרויסער קאַרפּאַטן קייט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער צוג האָט שוין נישט געהאַט וואוהין צו פאָרן ווייטער סיידן אין די בערג אַריין, ער האָט זיך אָבער פאַרדרייט און ער איז אַראָפּגעפאָרן אין אַ טאָל אַריין און דאָרט איז געווען אַ היפּשע שטאָט, איבער וועלכער ס'האָט געהאָנגען אַ באַרג. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז איבער פּאָלטיטשעני הענגט שטענדיק אַ באַרג און גאָט זאָגט צו די דאָרטיקע יידן, אַזוי ווי ער האָט געזאָגט ביים באַרג סיני: אויב איר וועט אָננעמען מיין תורה, איז גוט און אויב נישט, וועט איר דאָ באַגראָבן ווערן... לעבן דער באַן־סטאַנציע זיינען געווען ווייניקער הייזער און ס'איז געליגן אַ סך האָלץ און פון דאָרט איז מען געפאָרן באַרג אַראָפּ ביז מען איז אָנגעקומען אין אַ שטאָט, וואָס איז געדיכט באַזעצט מיט יידן. אויפן וועג איז געווען אַ גרויסע, ברייטע גאַס, וואָס האָט קוים געהאַט עטלעכע קליינע הייזלעך און איבער גאַנצע צוויי קוואַרטאַלן האָט זי געהאַט אַ גרויסן שטיינערנעם מויער פון פאַרנט און אינעווייניק עטלעכע שטיינערנע געביידעס מיט קוימענעס. ביי דעם וואַקזאַל האָבן יאַנקלען אָפּגעוואַרט עטלעכע יונגעלייט, וואָס האָבן אָנגעפילט די לופט מיט שטורעם פון יוגנטלעכן לייכטזין. זיי זיינען געווען מער ווי אַ מנין און זיי האָבן זיך אַלע פאַרגעשטעלט מיט די נעמען און זיי האָבן נישט פאַרגעסן אָנצואווייזן אויף אַ בחור אַ ריז, וואָס מען האָט, ווי דער שטייגער איז, גערופן „דאָס פּיצעלע". מיט עטלעכע דראָשקעס זיינען זיי אַראָפּגעפאָרן אין שטאָט און מען האָט דעם גאַסט דערציילט, אַז דער שלאָס מיט די געביידעס

מיט די קוימענעס איז די היים און די פֿאַבריק פֿון שניאור זלמן שעכטער, וואָס איז אַ בייזער, פֿאַנאַטישער ייִד, אַ חבדניק און ער איז דער גרינדער פֿון דער ערשטער לעדער־פֿאַבריק אין גאַנץ רומעניע און זי איז טאַקע עד היום די גרעסטע און רייכסטע פֿאַבריק אין לאַנד. אַלע קינדער פֿון שניאור זלמנען זיינען, נאַטירלעך, שוין נישט פֿרום און ער ראַנגלט זיך איינער אַליין מיט זיי אַלע, אַזוי ווי אַ לייב. ער האָט איין טאָכטער אַ חתונה געהאַט, איז איר מאַן אַ גאַליציאַנער ייִד, אַ למדן, אַ משכיל און אַ ציוניסט, וואָס גייט מיט אַ גאַנצער באָרד און מיט פּאות און מיט אַ קאַפּאָטע, ווייל ער וויל נישט גיין קעגן דעם שווער, וואָס איז געגוג ביז אויף אים הערפּאַר, ווייל ער איז אַ ציוניסט. די אַנדערע קינדער לערנען שוין דייטש און פֿראַנצויזיש און צום ערגסטן בייזערט זיך דער פֿאָטער דערפֿאַר, וואָס זיי ווילן לערנען העברעאיש. דער עלטערער זון האָט שוין אַ בערדל, פֿרואווט דער פֿאָטער דריי מאָל אין טאָג, צי ער שערט עס נישט. די יונגע חברה האָט געזאָגט, אַז ס'איז אַ שלאָס, וואָס וואַרט, אַז אַ שרייבער זאָל אים באַשרייבן. דער גרויסער רומענישער דערציילער מ. סאַדאָוויאַנו, וואָס איז אַ פֿאָלטיטשענער, האָט שוין עטלעכע מאָל געוואָלט באַשרייבן דעם שלאָס מיט דער פֿאַבריק, אָבער ער האָט געזאָגט, אַז ער קען נישט אַריינדרינגען אין דער ייִדישער מיסטעריע...

חברה האָט דעם יונגען לערער צוגעפֿירט אויף דער קוואַרטיר, וואָס זיי האָבן אים געדונגען און זיי האָבן אים דאָרט איינגעאָרדנט. זיי האָבן נישט געזאָגט „קוואַרטיר", נאָר „גאַזדע". יאַנקל האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט דאָס דאָזיקע וואָרט שוין אַ פּאָר מאָל געטראָפֿן ביי שלום אַשן און ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען פֿון וואַנען דאָס דאָזיקע וואָרט קומט צו אַ פּוילישן ייִדן. נאָך איידער דער לערער האָט זיך אָרומגעוואַשן פֿון וועג און געכאַפּט דעם ערשטן צוביים פֿון נישט זייער פֿריש ברויט מיט זייער פֿרישער סמעטענע, האָט מען אים שוין געפּאַקט אין ציוניסטישן „טשערק" אַריין, וואָס איז געווען אויף אַן אויבערשטן שטאָק און איז באַשטאַנען פֿון אַ גרויסן סאַלאָן און פֿון אַ פּאָר קליינע, זייטיקע צימערלעך. עס האָט דאָרט געברויזט מיט יוגנט־פֿרייד און נאָך אין יענעם טאָג האָט זיך אָנגעהויבן די לעקציע פֿון העברעאיש, וואָס האָט געמוזט פֿאָרקומען לויט דער מעטאָד פֿון „עברית בעברית"; דאָס שטום־לשון האָט ביים עולם אַרויסגערופֿן קוריאָזיטעט און אַ געוויסע פֿרייד. עס האָט זיך גאָרנישט געפֿילט, אַז אַ פּאָר שפּאַן פֿון דער שטאָט שלאָגט מען זיך און עס גיסט זיך מענטשן־בלוט אַזוי ווי וואַסער. די חברה האָט דעם יונגען לערער אַרומגערינגלט אַזוי ווי חסידים אַ רבין און זיי האָבן באַלד נאָך דער לעקציע געפּראַוועט אַ טיי מיט „פּרעזשיטורעס" (טשאַסטעס), וואָס זייער איינער בופעטשיק האָט צוגעגרייט און זיי האָבן מיט אים גערעדט דאָס עכטע מאָלדאַוואַנישע ייִדיש און זיי האָבן אים געלערנט רומעניש און ביי אים געוואָלט לערנען רוסיש און האָבן אים גענומען דעם אָריענ־

טאַלישן שפּיל „זשאַקע", וואָס מען רופט אין רומעניע טאַבלאָס און ער זיי האָט געלערנט העברעאישע און יידישע לידער. אברהם רייזענס „מאי קאָ משמע לן" איז באַלד אריין אין אַלעמענס הערצער אריין און דאָס דאַזיקע ליד האָט שוין גאָר געפּירט דערצו, אַז צווישן לערער און די תלמידים זאָל ווערן איין לעבן! עס זיינען געווען שילער, וואָס זיינען געווען עלטער פון רבין. אייניקע זיינען שוין געווען סאָלדאַטן און זיי האָבן געהאַט צייט צו קומען לערנען העברעאיש, ווייל זיי האָבן שוין געהאַט די געהעריקע פּראַטעקציע טאַקע דורך שניאור זלמן שעכטערס פאַבריק, וואָס האָט באַדינט דעם גאַנצן גאַרניזאָן מיט לעדער. אַ סך פון די תלמידים האָבן שוין געהאַט געענדיקט דעם ליציי און זיי האָבן זיך געקליבן פאָרן לערנען קיין אויסלאַנד און די מילחמה האָט זיי פאַרהאַלטן. אַנדערע האָבן זיך געקליבן נעמען צו מיסחר און עס האָט זיך זיי נישט געגלוסט שוין אַריינצוטאָן אין דער וואַכעדיקער אַרבעט אַריין און זיי זיינען דערווייל געוואָרן ציוניסטן און זיי האָבן געלערנט ריידן העברעאיש. מער ווי לערנען ריידן האָט מען נאָך דערווייל נישט געקענט, ווייל דער פּרינציפּ פון „עברית בעברית" האָט געמוזט אָפּגעהיט ווערן און לערנען אידישע געשיכטע אויף יידיש האָט דער אידעאָלאָג פון קרייז, שלום מייער, נישט דערלויבט. יאַנקל האָט סיי ווי פאַרבראַכט מיט די תלמידים זיינע אַ סך שעה אויסער דעם לערנען און ער האָט זיי געלערנט יידישע לידער און געלייענט מיט זיי אַ סך, אַ סך ווערק פון יידישע שריפטשטעלער, אָבער דאָס דאָזיקע איז געווען עקסטראַ אָפּיציעל, אָפּיציעל האָט די שפּראַך פון לערער געמעגט זיין נאָר העברעאיש.

אין דעם קרייז, וואָס האָט געהייסן מיט זיין פולן נאָמען „טשערקו סיאָניסט דר. מאַקס גייער", צוליב דעם, וואָס דער גאַליציאַנער ציוניסטישער עסקן דר. מאַקס גייער איז צוריק מיט אַ צייט געווען אויף אַ טור אין רומעניע און ער איז אויך געווען אין פּאָלטיטשעני און ער האָט דאָרט נושא חן געווען ביים יונגען עולם, אין אָט דעם קרייז איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרן אַ קורס פון העברעאיש פאַר מיידלעך און אויך ביי דעם דאָזיקן קורס האָט מען קודם כל געדאַרפט לערנען נאָר ריידן העברעאיש. מיט די מיידלעך איז דאָס לערנען אָנגעקומען שווערער. ערשטנס האָבן זיי זיך דערלויבט צו פּעסטען און זיך פאַרקוקן און פאַרהערן און צווייטנס און איבערהויפּט ווייל זיין האָבן פון פריער טאַקע גאָרנישט געקענט, בעת די ייִנגלעך האָבן פאָרט געלערנט אין אַ חדר. און אפשר איז דער לערער אַליין אויך געווען אַ קאַפּעטשקע שולדיק — ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ קלאַס אריין פון אַ פּאָר צענדליק מיידלעך, צווישן וועלכע אַ סך זיינען געווען גאָר שיינע, אַנדערע, וואָס זיינען געווען ווייניקער שיין, האָבן געהאַט אַ זעלטענעם חן און פרויען־רייץ האָט יאַקאָס קיין איינער פון זיי נישט געפעלט; ער איז געווען איין מאַנספּאַרשוין צווישן זיי און אַלע האָבן זיך געטומלט צו אים און ריוואַליזירט איבער

אים און ער אַליין פלעג אַמאָל מיט אַ צעהיצטן קאָפּ זיך פאַרקוקן אויף איי־נער און פאַרגעסן, וואָס ער דאַרף לערנען. פון דעסט וועגן האָט נישט גע־דויערט לאַנג און אויך די מיידלעך האָבן אָנגעהויבן פּלאַפּלען העברעאיש און די גאַס איז נישט איינמאָל פול געוואָרן מיט אַ העברעאישער גערעדעריי. וואָס האָט אַרויסגערופן קנאה ביי די דאָזיקע, וואָס האָבן נישט געלערנט און אַלע־מאָל זיינען געקומען נייע יונגעלייט און מיידלעך זיך פאַרשרייבן אויף די קורסן. יאַנקל האָט אויך באַקומען אַ סך פריוואַטע לעקציעס ביי רייכערע יידן, צום מערסטן האָבן אים די טאַטעס גענומען מיטן אויסקוק צו פאַר־וואַנדלען אים פון אַ לערער אין אַן איידעם. ער איז געווען אַ חשובער בחור פאַר זיך אַליין, אָבער נאָך מער חשוב איז ער געווען צוליב דעם, וואָס ער איז געווען אַ דעזערטיר און מען איז געווען זיכער, אַז אים וועט מען אין מילחמה אריין נישט נעמען. געווען איינציקע רייכע יידן, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט וואַלד און זיי האָבן זיך געמאַכט אַ חשבון, אַז צו זייער מיסחר קען זיך מיט דער צייט אויך אַ מלמד אויסטויגן... איינע פון יאַנקלס שילערנס האָט אויס־געזען געגנוי אַזוי ווי סאָניאַ סוועדליק אין מאַנזיר, זי איז געווען אַזאַ באַ־לעזענע ווי יענע און אַזאַ שווייגנדיקע ווי יענע און זי האָט דעם לערער, וואָס האָט אויסגעזען לעבן איר, אַזוי ווי אַ דאַרער לולב לעבן אַ קיילעכדיקן אתרוג, געקוקט אין מויל אריין, כאָטש זי איז געווען באַלעזענער פון אים און זי האָט געקענט גלענצנדיק דייטש, פראַנצויזיש און ענגליש. אין יענער צייט האָט אַ גאַלאַצער בחור, וואָס האָט געהייסן לייבוש גאָלד גענומען אַרויס־גיבן צוויי מאָל אין חודש אַ ציוניסטיש־רומעניש זשורנאַל, וואָס האָט גע־הייסן „התקווה". לייבוש גאָלד איז נאָר וואָס געהאַט צוריקגעקומען פון אַנט־ווערפּן, וואו ער האָט געענדיקט די האַנדלס־אַקאַדעמיע און ער האָט באַוויזן אַן אויסערגעוויינלעכע ענערגיע און ער האָט אַרויסגעגעבן אַ שריפט, וואָס איז געווען אויסערלעך זייער שיין און אינערלעך גאַנץ וואָגיק. די „התקווה" איז געווען ציוניסטיש, אָבער זייער לאָיאַל צו יידיש און זי האָט אויך גע־דרוקט אַרטיקלען וועגן סתם ליטעראַריש־יידישע ענינים. פון יענעם זשור־נאַל האָט זיך אונזער העלד דערוואוסט וועגן דעם, אַז אין יאַסי איז דאָ אַ יונגער יידישער דיכטער, וואָס הייסט יעקב גראָפּער און ער שרייבט טאַקע אין „פּראָסטן זשאַרגאָן". אין דער „התקווה" זיינען געווען געדרוקט איבער־זעצונגען פון גראָפּערס לידער, וואָס אַ יאַסיער דענטיסט, וועלכער האָט גע־חתמעט ענריק פאָרטונאַ האָט געמאַכט. יאַנקל איז נאָך געווען צו רוי אין רומעניש צו קענען אורטיילן וועגן איינציקן יידישן דיכטערס לידער. אונזער העלד אַליין איז געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין יענעם זשורנאַל. ער האָט געשריבן אין יידיש און מען האָט אים איבערזעצט. ער האָט פאַר דער „התקווה" געשריבן ליריש־ציוניסטישע אויסגוסן, אַרטיקלען וועגן שריי־בער און פּאָלעמישע נאָטיצן און זיינע אַרטיקלען האָבן אים פאַרשאַפט אָנזען

צווישן זיינע תלמידים און אויך צווישן די טאַטעס פון די מיידלעך, וועלכע האָבן שוין געמיינט, אַז ער אַליין שרייבט רומעניש... סאָניא נומער צוויי, וואָס האָט געהייסן גאָלדע לייבאָוויטש האָט זיך צוליב די אַרטיקלען נאָך מער פאַרליבט אין איר לערער און די מאַמע אירע האָט שוין אָנגעהויבן קרעכצן, וואָס ער איז אַזוי דאַר און זי האָט נאָר געוואָלט, אַז ער זאָל ביי זיי עסן קעסט, וועט זי אים אויסקיילעכיקן אַזוי ווי אַ קניידל... דער פאָטער פון דער שילערן האָט דעם לערער דערציילט וועגן זיין גרויס עשירות.

נאָך שמחת תורה האָבן אָנגעהויבן בלאָזן שטאַרקערע ווינטן פון באַרג, וואָס איז געשטאַנען איבער פאַלטיטשעני און די תלמידים האָבן זייער לערער, וואָס איז אָנגעקומען נאַקעט און בלויז אויסגעפוצט אין עסיק און אין האָניק. זיי האָבן אים געקויפט געוויינלעך וועש און וואַרעם וועש און אַ שווערן מאַנטל און אַ גרויסן שוואַרצן הוט מיט ברייטע ראַנדן און „קינסטלערישע" קראַוואַטן און ער האָט זיך אַליין נישט דערקענט אין שפּיגל. ער איז נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געווען אַזוי אויסגעפוצט. עס איז אים געוואָרן אַזוי גוט, אַז ער האָט זיך פאַרבענקט. ער האָט געפילט, אַז דאָס דאָזיקע, וואָס ער טוט, איז קיין תכלית נישט. אים האָט זיך געגלוסט אַליין מער לערנען און ערגעץ פליען און עפּעס גרייכן. און ער האָט דעמלט זיך אַ כאַפּ געטאָן צו לייענען פילאָזאָפישע ווערק. ער איז געווען אַן אָפטער אריינגייער צו שלום מייער, וואָס האָט געוואוינט טאַקע ביים שווער אין שלאָס. דער שווער האָט שוין געהערט וועגן דעם העברעאישן לערער און ער האָט שוין נישט געהאַלטן פון אים און ער האָט שוין געזאָגט, אַז ער איז אַ מסית ומדיח און ער האָט אָנגעזאָגט, אַז זיין פוס זאָל נישט אַריין צו אים אין שטוב אַריין. אָבער זיינע צוויי טעכטער זיינען דאָך געגאַנגען אין ציוניסטישן קרייז אַריין לערנען העברעאיש און זיי האָבן עס פאַרן פאָטער אויסבאַהאַלטן. שלום מייער האָט זיך געפירט זעלבסטשטענדיק און ער האָט געזאָגט, אַז דער שווער קען פאַרבאָטן אריינקומען צו זיך אין שטוב אַריין, אָבער נישט צו אים. און ער האָט אים דווקא געגעבן צו לערנען מיט זיין יינגל העברעאיש און צוליב דעם, וואָס עס איז געווען ווייט, האָט ער געהייסן, אַז די ברישקע פון דער פאַבריק זאָל ברענגען דעם לערער צו אים צו דער לעקציע. שניאור זלמן האָט דאָס דאָזיקע איין מאָל דערזען, האָט זיך געטאָן חושך. יאַנקל פלעג אויך אַריינקומען אין שטוב אַריין צו שניאור זלמנס מיידלעך. ער האָט אָנגעהויבן פאַרליבן זיך אין דער קלענערער, וואָס האָט געהייסן שבע און האָט אויסגע־זען יינגליש שאַלטיקיש און דאָס דאָזיקע איז געווען איר רייץ, אָבער צו יאַנקלען האָט זיך דווקא געשאַרט אַביסל די עלטערע, שלימע, וואָס איז גע־שטאַנען אין שידוכים, אָבער זי האָט געוואָלט חתונה האָבן נאָר דורך ליבע. שבע האָט שוין געהאַט, האָט זי געזאָגט, אַ חתן. זיי זיינען אַלע דריי געווען יונג, די עלטערע איז נישט אַלט געווען מער ווי אַ יאָר אַכצן און זיי זיינען

גיך געוואָרן אַזוי היימיש, אַז זיי האָבן צווישן זיך געשפּילט אַ קינדישע טראַגעדיע. שלימע איז פאַרליבט אין יאַנקלען, יאַנקל אין שבען און שבע איז פאַרליבט... האָט זי דערווייל נישט געוואָלט אויסזאָגן, אָבער זי האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ קינסטלער. און דאָס דאָזיקע איז פאָרגעקומען ביי דעם מוראדיקן פאַנאַטיקער שניאור זלמן אין שטוב. דער דאָזיקער פאַנאַטיקער איז געווען גרייט צו דורס זיין יעדן פרעמדן זכר, וואָס וועט ריידן מיט זיינער אַ טאָכטער, ביי שלום מייער און ביי די טעכטער פון דעם ווילדן פאַנאַטיקער האָט אונזער העלד געקראָגן שווערע פילאָזאָפישע ביכער, אין וועלכע ער האָט זיך פאַרטיפט און געפּרואווט שטילן דעם דורשט פון זיין בענקשאַפט. ער האָט געלייענט דעם שווערן, האַמעטענעם קאַנט און דעם לירישן שאָפּענהויער און וואָס מער ער האָט זיי געלייענט, אַלץ ווייניקער איז אים קלאָר געווען אין מוח. ער האָט אויף די פילאָזאָפן געהאַט אַ סך מער פראַגן צו פרעגן ווי אויף דער יידישער רעליגיע. ער האָט מיט שלום מייער פאַרבראַכט טעג און נעכט אין שמועסן. דאָס קליינע גאַליציאַנער יידל מיט דער לאַנגער באָרד און מיט דער לאַנגער קאַפּאָטע איז געווען היפּש באַהאַוונט אין פילאָזאָפיע און ער איז געווען אַ ראַציאָנאַליסט אַ העגעליאַנער און אַ קעגנער פון סאָציאַליזם. ער האָט געהאַלטן, אַז יושר איז שוין דאָ ביי די נביאים און אָפּשאַפן באַלעבאַטים און אַרבעטער קען מען נישט, ווייל די אַרבעטער זיינען נאָך קנעכט און עבדא בהפקירא ניחא ליה (אַ קנעכט האָט ליב הפקרות). די אַרבעטער, האָט ער געזאָגט, וועלן ווערן פריי, וועלן זיי ווערן הפקרדיק און זיי וועלן נישט וועלן אַרבעטן. פרום איז ער לחלוטין נישט געווען און ער האָט מודה געווען, אַז ער דאַוונט נישט, ער האָט אָבער געהאַט זיינע אַ טעאָריע, אַז אין גלות דאַרפן יידן טראָגן די אַלטע יידישע טראַכט און ער האָט געזאָגט, אַז ווען ער וועט זיך באַזעצן אין ארץ ישראל, וועט ער זיך אָפּשניידן די באָרד און אויסטאָן די קאַפּאָטע. יאַנקל האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַזאַ תירוץ ביי אים, אָבער פאַקטיש טראָגט ער די באָרד און פאות מיט דער קאַפּאָטע, ווייל ער האָט מורא דער פאַנאַטישער שווער זאָל אים נישט מעביר נחלה זיין... די שמועסן, וואָס אונזער העלד האָט געפירט מיט שלום מייער, האָבן אים אַ סך געהאָלפן זיך אָריענטירן אין די פאַרפּלאָנטערטע ענינים פון דער פילאָזאָפיע, וואָס האָבן אים היפּש דערמאָנט אין פּילפּול. אַ סך פראַגן, וואָס ער האָט געשטעלט זיין מיטשמועסער אויף די פילאָזאָפן, האָבן שוין געהאַט אַנדערע געשטעלט. אים איז אויסגעקומען, אַז פילאָזאָפיע איז אַזאַ מין ריי ביכער, וואָס איינס צעוואַרפט דעם בנין, וואָס אַ פריערדיקס האָט אויפגעשטעלט... די פילאָזאָפיע האָט אים דעמלט געריצט אַזוי ווי דאָס רויכערן. ער האָט אָנגעצונדן איין פּאַפּיראָס ביים צווייטן און ער האָט זיך קיינמאָל נישט געשטילט און ער האָט געלייענט איין בוך נאָך דעם צווייטן און קיין זאַך איז אים נישט געוואָרן קלאָר. צום מערסטן איז ער בייז געווען

אויף דעם פראַנצויזישן פילאָזאָף דעקארט, וואָס הויבט אָן מיט דער גרעסטער אַפּיקורסות און ער ענדיקט מיט דעם פולסטן גלויבן. ער צווייפלט אין אַלץ, אַפילו אין דעם, אַז ער צווייפלט און דורך דעם קומט ער צו גלויבן... לויט אַזאַ סיסטעם, האָט אין אים אַלץ געשריגן, קען דאָך די פילאָזאָפיע אַלץ אַני־דערשטעלן מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. ער האָט געפילט, אַז די פילאָזאָפיע ווייסט נאָך נישט לחלוטין גאָרנישט. זי ווייסט נאָך נישט ווי אַזוי די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן און זי ווייסט נאָך נישט ווי אַזוי מען זאָל נעמען טראַכטן וועגן אַפּשטאַם פון דער וועלט און וועגן דעם זין פון לעבן. פאַר איין צד איז די מאַטעריע גאָרנישט און דער געדאַנק איז דער עיקר און פאַר אַן אַנדער צד איז פונקט פאַרקערט...

און די מילחמה איז זיך דערווייל געגאַנגען איר וועג. די דייטשן האָבן אָפּגעהאַלטן איין ניצחון נאָך דעם צווייטן און צעפּויקט האָבן זיי זייערע ניצחונות צענפּאַביק. זיי האָבן אַלע טאָג געמאָלדן, אַז זיי האָבן שוין געוואונען דעם קריג און זיי האָבן געמאַכט חשבונות, אַז אין זעקס וואָכן וועלן זיי זיין פאַרטיק אי מיט פראַנקרייך, אי מיט רוסלאַנד און דערנאָך וועלן זיי זיך אַ נעם טאָן צו ענגלאַנד. זיי האָבן זיך באַרימט מיט אַ ווילדן ניצחון אין מאַר־האַנזש און זיי האָבן געזאָגט, אַז דאָרט איז פאָרגעקומען די ערשטע גרויסע שלאַכט צווישן די דייטשן און די פראַנצויזן פון זייט דעם יאָר 1870. אויך ביי ווערדען האָבן זיי זיך באַרימט, האָט זיי דאָס מזל מוראדיק צוגעשפּילט. פון דעסט וועגן זיינען קיין פּאָלטיטשעני געקומען צו לויפן איינוואוינער פון דער אַנטקעגנדיקער שטאָט שאַץ און צום ערשטן מאָל האָט מען געהערט דאָס וואָרט „פליכטלינגע".

יאַנקל האָט באַקומען אַ בריוו פון טאַטן, אַז די מאַמע געדענקט, אַז איר זיידע חיים גאון איז געגאַנגען קיין ארץ ישראל און ער האָט פאַרבלאָנדזשעט קיין פּאָלטיטשעני און ער איז דאָרט אַוועק אויף דער אמתער וועלט און ער ליגט ביז היינט אָן אַ מצבה, איז זאָל ער טאָן אַלצדינג, אַז זיין עלטער זיידע זאָל נישט בלייבן אויף אייביק אָן אַ מצבה. די וועלט איז טאַקע חרוב געוואָרן, אין קיליע אַליין, האָט דער טאַטע געשריבן, ווייסן שוין אַ סך יידן נישט וואו זייערע קינדער זיינען און צי זיי זיינען נאָך איבערהויפּט פאַראַן, אָבער דעם זיידן לאָזן אָן אַ מצבה האָט די מאַמע נישט געוואָלט. און יאַנקל, וואָס האָט זיך געראַנגלט מיט קאַנטן און ער האָט אים קוים איינגעביסן און ער האָט מיט דער הילף פון שלמה מיימון זיך שוין גענומען קריגן אויך מיט דעם שווערסטן פון די פילאָזאָפן, האָט איבערגעלאָזט ביכער און בחורים און שפּאַצירן און מיידלעך און ער איז אַוועק צו די „מאַלאַטשעס" און ער האָט מיט זייער הילף געפונען סימנים פון אַ הילצערנער מצבה אויף דעם קבר פון אַ יידן חיים בר' אברהם (מען האָט אַזוי געשריבן, ווייל מען האָט נישט גע־

וואוסט ווי אַזוי זיין טאַטע האָט געהייסן) און ער האָט אים געשטעלט אַ שטיינערנע מצבה, וואָס זאָל זיך קענען ראַנגלען מיט דער צייט, וואָס ברענגט אום לעבעדיקע און קען נישט אָפּווישן די שפּורן פון די דאַזיקע, וואָס זיינען שוין נישט לעבעדיק. ער האָט אַפילו פאָטאָגראַפירט די מצבה און געשיקט אַהיים די פאָטאָגראַפיע און דער טאַטע האָט געהאַלטן, אַז דאָס דאַזיקע האָט ער שוין נישט געדאַרפט טאָן, ווייל ער האָט עובר געווען אויף בל תשחית...

פון יאַסי איז אָנגעקומען אַ הומאָריסטיש בלעטל, וואָס האָט געהייסן „די פּאָן" און ס'איז דערשינען לכבוד שמחת תורה. קיין פולע נעמען זיינען אין בלעטל נישט געווען געחתמעט, אָבער מען האָט געוואוסט, אַז די אַרויסגעבער זיינען מאָטיע ראַבינאָוויטש און אפרים וואַלדמאַן און ס'האָט זיי אויך צוגעהאָלפן דער דיכטער יעקב גראָפּער. דאָס בלעטל האָט געהאַט וויצן און אַפּאָריזמען און קיבעצערייען, וואָס האָבן נישט איבערראַשט, זיי האָבן זיך נישט אויפגעהויבן העכער פון אביסל היימישער ליצנות מיט אַ משכילישן און אַ ציוניסטישן מוסר השכל, אָבער די שפּראַך איז געווען אַ פאָלקסטימלעכע מיט פּרעטענזיעס אויף אַ ליטעראַרישער און זי איז געווען זייער ווייט פון אורי קיישס „שפּראַכע" אין דער „ריכטיקער יידישער צוקונפט", וועלכע מען האָט אין דער „פּאָן" געדופן „די ריכטיקע יידישע צוגלופט" און אויך „די יידישע גאַזעטן". ווייל כמעט דער גאַנצער מאַטעריאַל פון דער יאַסער צייטונג איז געווען איבערגעדרוקט פון „די יידישע גאַזעטן". יאַנקלען האָט די גרופּע פאַראינטערעסירט און ער האָט אָנגעשריבן אַ בריוו צו איר און ער האָט פאָרגעלייגט, אַז מען זאָל אַרויסגיבן אַ ליטעראַרישן זשורנאַל, וואָס זאָל זיך נישט אָפּגיבן מיט קיין ליצנות. די גרופּע האָט באַלד געענטפערט מיט ענטוזיאַזם און זי האָט אין איין וועגס געפרעגט וואָס דער בעל דבר אַליין קען גיבן פאַר אַזאַ זשורנאַל און ער האָט באַלד צוגעשיקט אַ דערציילונג און אַ פעליעטאָן, וועלכן ער האָט געחתמעט ר' יאַנקעלע. דער פעליעטאָן האָט מערער איבערצייגט ווי די דערציילונג און די גרופּע איז געווען גרייט צו נעמען זיך צו דער אַרבעט. די גרופּע האָט זיך געקליבן אַרויסצוגעבן אַ זאַמל־בוך אין רומעניש, וועלכן זי האָט געוואָלט אַ נאָמען גיבן „קדימה" און זי האָט געהאַט, אויסער די אייגענע אַרבעטן, צוגעשיקטן מאַטעריאַל פון אויס־לאַנד, האָט זי זיך געווענדעט צו די מחברים, וואָס האָבן געשיקט דעם מאַ־טעריאַל אין דייטש און העברעאיש, אַז זיי זאָלן דערלויבן איבערצוזעצן אין יידיש אַנשטאָט רומעניש. אויסגעפעלט האָט נאָר דאָס ביסל מזומן און אין דער גרויסער און רייכער שטאָט יאַסי האָבן זיי דאָס דאַזיקע נישט געקענט צונויפשלאָגן. יאַנקלען איז די זאַך אויסגעקומען זייער פּשוט. אַ קאַפּטע יונג־וואַרג האָט ער אַרום זיך, וועט ער איינאָרדענען אַ חנוכה פעסטיוואַל און ער וועט ברענגען די שרייבער פון יאַסי, וועלן זייריידן און לייענען פון זייערע ווערק און נאָך דעם פּראָגראַם וועט מען טאַנצן און די יינגלעך מיט די מייד־

לעך וועלן באַדינען דעם בופעט, וועט בלייבן געלט. דער גאַנצער קרייז „דר.
מאַקס גייער" איז באַגייסטערט געוואָרן פון דעם פּלאַן און די גרופּע פון יאַסי
אוודאי און אוודאי און איידער נאָך מען האָט רעכט זיך קלאָר צוזאַמענגע־
רעדט האָט מען שוין געדונגען אַ סאַלאָן און אַ אָרקעסטער און מען איז שוין
טאַקע אַרומגעגאַנגען פאַרקויפן בילעטן. אַלצדינג איז געווען אין דער אָרדע־
נונג, אָבער איין זאַך איז געווען צופיל: פּראָגראַם. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן,
אַז עס זיינען דאָ צופיל פּרעטענדענטן אויף קינסטלערישקייט און איבער־
הויפּט זיינען געווען צופיל פּרעטענדענטקעס. עס זיינען געווען אָן אַ שיעור
פּיאַניסטקעס און דערקלאַמאַטאָרשעס. דעקלאַמירן האָט מען צום מערסטן גע־
וואָלט אין רומעניש און איבערהויפּט פון מאָרים ראָזנפעלד. די שטאַרקסטע
פּאָעמעס פון דעם דאָזיקן דיכטער האָט איבערגעזעצט אין רומעניש איינער
מאַטעי רוסו, וואָס האָט געהייסן פיינזילבער פון דער היים אַרויס און ער איז
שוין דעמלט געווען אַ פראַנצויזישער שרייבער און ער האָט שוין געוואוינט
אין פּאַריז. אפשר צוואַנציק מיידלעך האָבן געוואָלט ז'עקלאַמירן „בוקלוקור
אָורעיעשטי" (די יידישע פּעקלעך) און אַנדערע לידער פון מאָרים ראָזנפעלד.
אַלע האָט מען נישט געקענט אַקצעפּטירן און ס'איז געווען זייער שווער צו
געפינען דעם ריכטיקן וועג. עס זיינען, נאַטירלעך, געווען אי שיינע מיידלעך,
אי נישט קיין שיינע און געגליסט האָט זיך אַקצעפּטירן די שיינע, אָבער אויף
די נישט שיינע איז געווען מער רחמנות... ער איז געווען אַ מאָראַלישע פּראַ־
גע. און פּראַקטישע פראַגן זיינען אויך אַרופגעשוואומען. דער ברוגז פון איין
מיידל האָט געקענט ברענגען די רוגזא פון אַ גאַנצער פאַמיליע און אַ זייער
פאַרצווייגטער. אָבער — מען איז יאַקאָס דורכגעקומען. אַביסל האָט מען זיך
געראַטעוועט דורכדעם, וואָס מען האָט איינגעאָרדנט פריער אַ חנוכה אָוונט
אין איינגענעם לאָקאַל, וואָס איז געווען גענוג גרויס און איניקע פון די טאַ־
לאַנטן האָבן זיך דאָרטן רעפּרעזענטירט. דער חנוכה יום טוב אין לאָקאַל איז
דורך מיט אַ סיורפּריז פאַר אונזער העלד. ער האָט צום ערשטן מאָל אין זיין
לעבן דערפילט די נישט זייער שאַרפע, אָבער זייער ווייטיקלעכע ציין פון דער
אייפערזוכט. שלום מייער האָט געדאַרפט האַלטן די חנוכה רעדע און קיין
גרויסער רעדנער איז ער נישט געווען און גערעדט האָט ער לאַנג. האָט מען
אים נישט געוואָלט הערן. יאַנקל האָט געהאַט די קינסטלערישע טייל אויף
זיך און ער האָט זי גראָד דורכגעפירט מיט דערפאָלג, איז שלום מייער געוואָרן
ברוגז און ער האָט געזאָגט, אַז דער יונגער לערער האָט אים קאָרומפּירט דעם
עולם... דער גאַליציאַנער ייד, וואָס איז בכלל געווען אַ זייער קלוגער, האָט
אַזש געשיפּעט און ער איז גרייט געווען אָנצופילן די לופט מיט סם. דאָס איז
געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס אונזער העלד האָט געפילט דעם טעם פון
טאַלאַנטלאָזער אייפערזוכט, אָבער לײדער נישט דאָס לעצטע מאָל... די מיט־
גלידער פון קרייז זיינען אַלע געווען אין כאָר און איינגעזונגען מיט זיי האָט

אן אַרטיקער קאַפּעלמייסטער, אַ קריסט. ער האָט איינגעזונגען אין פיר שטי־מען די „התקווה" און די העברעאישע לידער „שאו ציונה נס ודגל", „הה ארץ מולדת" א. א. דער קאַפּעלמייסטער האָט באַמערקט דרך אגב, אַז ער האָט גע־מיינט, אַז יידן האָבן אייגענע מוזיק, צום סוף איז דער יידישער הימן אַ רו־מענישע פאָלקס מעלאָדיע און די אַנדערע לידער זיינען דורכאויס רוסיש... מיט „מאי קאָ משמע לן" האָט אים יאַנקל איבערצייגט, אַז יידן האָבן אויך אייגענע מוזיק...

די צוגרייטונג צום פעסטיוואַל האָט אויפגערודערט די שטאָט און אונ־זער העלד האָט זיך געפילט מיט אַ ביטערקייט אין האַרצן פון שלום מייערס אַרויסשיסן, אָבער אויך מיט אַ גרויסער פרייד אין האַרצן און אים איז לחלו־טין נישט איינגעפאַלן, אַז עס גרייט זיך אַ שטורעם קעגן אים. עס זיינען גע־ווען אין פאָלטיטשעני אַ היפּש ביסל פאַנאַטיקער און אַ גרופּע חבדניקעס, וואָס זיינען געווען יידן לומדים. דער ראָש זייערער איז געווען טאַקע שניאור זלמן. און די דאָזיקע יידן האָבן שוין זייט לאַנג געהאַט אַ האַרץ אויף דעם לע־רער, וואָס איז אַ מסית ומדיח און ער פירט איבער די שטאָט און ער האָט צו־גויפגעפירט יינגלעך מיט מיידלעך צוזאַמען... די דאָזיקע יידן האָבן נישט גע־האַט קיין גרויסן צוטרוי צו דעם ציוניסטישן קרייז, ווען שלום מייער האָט דאָרט געפירט די גרענדע, אָבער יענער איז נאָך פאָרט געווען אַ ייד מיט אַ באָרד און מיט אַ קאַפּאָטע. דער לערער איז פאַר זיי געווען די אפיקורסות אַליין. די פאַנטאַזיע איז געווען ביי די דאָזיקע יידן נישט קלענער ווי דער יצר הרע און זיי האָבן זיך פאָרגעשטעלט נישט אַנדערש, אַז אין דעם ציו־ניסטישן קרייז איז געוואָרן אַ — בית זונות... און ווען מען האָט נאָך איצ־טער געהערט, אַז מען גרייט אַ „פעסטיוואַל", וואָס זיי האָבן נישט שטאַרק געוואוסט דעם פירוש פון דעם דאָזיקן וואָרט און דערנאָך וועט זיין אַ באַל ביז אין טאָג אריין, איז געוואָרן חושך. די פאַנאַטישע יידן האָבן גענומען איינלייגן די וועלט, אַז ס'זאָל נישט קומען צו דעם יום טוב און זיי האָבן גע־וואָלט נישט אַנדערש, אַז דער רב זאָל אויסרופן אַ חרם אויף דעם פעסטיוואַל. דער רב איז געווען נישט קיין נאַרישער און אַ זייער פּאָרזיכטיקער ייד און עס האָבן נישט געפעלט אויך קיין אַנדערע פרומע יידן, וואָס זיינען געווען רעאַל פּאָליטיקער און זיי האָבן געזאָגט, אַז מאַכן אַ חנוכה יום טוב, איז נאָך אַלץ בעסער ווי זיך וואַלגערן אין די שענקען און אין די בתי זונות און זיי האָבן באַוואויגן דעם רב, אַז קיין חרם זאָל ער נישט אויסרופן, ער זאָל נאָר אַזוי האַלטן אַ דרשה קעגן אַפּיקורסות און קעגן דער גאַנצער חנוכה שמחה, ביי וועלכער עס וועלן טאַנצן בחורים מיט בתולות און ווער ווייסט, צי נאָך ערגער... פאַר אונזער העלד איז דער גאַנצער טומל געווען אומדער־וואַרטעט. ער האָט געטראָפן אַ גאַנץ רויען עולם יונגוואַרג, וואָס האָט זיך איידער ער איז געקומען אויפגעפירט אַ סך ערגער און נישט אַרויסגעוויזן

קיין שום אינטערעס פאַר יידישקייט. דער יונגער עולם האָט לעבן אים אויסגעלערנט אַביסל יידישע געשיכטע און ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם גורל פון דעם אייגענעם פאָלק. דאָך האָבן יידן מיט יידענעם אַ לאָז געטאָן אין דער באַוועגונג די רכילות־פאַבריק און ס'איז אויסגעקומען, אַז דער „רוסישער" לערער איז ערגער ווי... ראַספּוטין.

אָבער דאָס אָנקומען פון די געסט האָט געמאַכט פאַרגעסן אין דעם גאַנצן טאַראַראַם און אין די ערגערנישן. אָנגעקומען זיינען צוויי: מאָטיע ראַבינאָוויטש און אפרים וואַלדמאַן. דער ערשטער איז געווען אַ בחור פון אַ פּאָר און צוואַנציק יאָר, אַ קליינער, אַ רירעוודיקער, אַ ברונעטער, מיט לאַכנדיקע אויגן הינטער ברילן. דער צווייטער איז געווען אַ בחור פון אַ יאָר אַכצן, אַ העכערער און אַ זייער דאַרער. ער איז געווען טונקלהויטיק און ער האָט געהאַט אַ גרינגלעך אויסזען. דער ערשטער איז געווען אַ געוועזענער בית מדרש בחור, דער צווייטער האָט נישט לאַנג געענדיקט דעם ליציי און ער האָט געלערנט יורי אין אוניווערסיטעט. מאָטיע ראַבינאָוויטש האָט געשריבן הומאָריסטישע פערזן און הומאָרעסקעס אין פּראָזע, אפרים וואַלדמאַן האָט זיך אָנגעהויבן שניידן אויף אַ ליטעראַטור־קריטיקער און ער האָט אויך געפּרואווט שרייבן דערציילונגען. ער האָט געשריבן יידיש און רומעניש. יעקב גראָפּער האָט נישט געקענט מיטקומען, ווייל ער האָט דעמלט געדינט אין דער אַרמיי און דאָס דאָזיקע איז געווען אַ גרויסע אַנטוישונג, ווייל דעם גרעסטן נאָמען האָט ער געהאַט. אויף זיין פּלאַץ האָט געדאַרפט קומען לאַסקאַר שאַראַגע, וואָס איז שוין געווען אַ באַקאַנטער רעדנער אין לאַנד, כאָטש ער איז נאָך געווען אַ גאָר יונגער מענטש און אים האָט נאָך געפעלט אַ יאָר צו ענדיקן אויף אַדוואָקאַט. ער איז געווען דערצויגן אין יאַסי, אָבער ביי אַריסטאָקראַטישע עלטערן און ער האָט קוים גערעדט אַביסל יידיש. די רעדעס האָט ער געהאַלטן אין רומעניש. ער האָט געשריבן אין רומעניש פּאָלעמישע אַרטיקלען און לידער. ער האָט דעמלט אָנגעשריבן אַ סעריע סאָנעטן אין רומעניש וועגן זיין רייזע קיין רוים. וואָס ער האָט נישט לאַנג געמאַכט און די דאָזיקע סאָנעטן האָט ער געדרוקט אין דער צייטשריפט „התקווה" און זיי האָבן אים געמאַכט אַ גרויסן נאָמען. די סאָנעטן זיינען געווען ריטאָרישע און זיי האָבן פאַרמאָגט פּאָזיאָרישקייט, אָבער אויך אַ רייץ. אין איין סאָנעט האָט לאַסקאַר שאַראַגע געשריבן: „איך בין געווען אין רוים, איך האָב געזען די סטאַטוע פון משה רבנו, וואָס מיקעל אַנדזשעלאָ האָט געמאַכט און איך פאַרשעלט מיקאַעלן, גרעסער דאַרף זיין משה, גרעסער, אַזוי ווי עס האָט אים סקולפּטירט איזראַעל!" לאַסקאַר שאַראַגע האָט געדאַרפט אָנקומען שבת צו נאַכטס און קומען גלייך פון דער סטאַנציע אין זאַל אַריין, אָבער געזאָגט האָט מען, אַז ער איז געקומען פריטיק פאַרנאַכט. מער וואָלט מער נישט געדאַרפט, ווי מען זאָל

זיך דערוויסן, אַז איינער פון די באַטייליקטע איז געפאָרן אום שבת... מען האָט דעם רעדנער־פּאָעט, וואָס האָט געהאַט אַ נייגונג צום פּועלי ציוניזם גע־דאַרפט אַריינגנבענען פון דער באַן אין שטאָט אַריין...

דער פעסטיוואַל איז אַדורך מיטלמעסיק. די אַרטיקע כּוחות האָט מען אויפגענומען מיט מער ווי אומצוטרוי און די געסט האָבן אויך נישט געמאַכט דעם ריכטיקן איינדרוק. מען האָט אַנאָנסירט אַ גרופּע שריפטשטעלער און זשורנאַליסטן פון יאַסי און דער עולם האָט דערוואַרטעט, אַז זיי זאָלן האָבן הערנער... לאַסקער שאַראַגע איז געווען אַ פיינער רעדנער, אָבער ער האָט גערעדט רומעניש און אַ היפּשער טייל פון עולם האָט זיין צו גוטן רומעניש קוים פאַרשטאַנען. ער איז דערצו געווען אַ צו שיינער בחור און עטלעכע פון די רייכערע פאַמיליעס האָבן זיך אים אויסגעקליבן אַלס אַ חתן פאַר די טעכ־טער און זיי האָבן זיך אויף אויסנווייניק צעווערטלט איבער אים... אפרים וואַלדמאַן האָט געלייענט אַ רעפעראַט וועגן חנוכה. קיין געוואַלדיקן חיתוך הדיבור האָט ער נישט געהאַט, גערעדט האָט ער טשיפּיליאַווע, אויסגעזען האָט ער יינגלש, האָט זיך גערעכט, אַז אַ שילער האָט געלייענט אַ לעקציע. מאָ־טיע ראַבינאָוויטש האָט געלייענט אַ סאַטירע קעגן אַסימילאַציע און ער האָט געהאַט אַ סך וויצן און אַרויסגערופן שטורמישע געלעכטערס און ער איז גע־וואָרן דער העלד פון יענעם אָוונט. יאַנקל האָט געדאַרפט זינגען אַ דריי יידי־שע פאָלקס לידער. אייניקע פון זיי האָט ער שוין געהאַט געזונגען ביים ער־שטן חנוכה אָוונט און מיט גרויס דערפאָלג, אָבער אין יענעם אָוונט איז ער הייזעריק געוואָרן און ער האָט דערפילט אַן איבעריק מאָל, אַז ווען ער גע־פינט זיך ביים שפּיץ פון דער דערגרייכונג, פאַלט ער אַראָפּ אין אַ תהום אַריין... צום טאַנצן זיינען געקומען רומענישע אָפיצירן און נישט אַריינלאָזן האָט מען זיי נישט געקענט און אין דעם אופן ווי זיי האָבן זיך אויפגעפירט האָט אונזער העלד געפילט אַ גרויסע גרינגשעצונג צו יידן. זיי האָבן גע־שמייכלט צו די פרויען ווי צו געפאַנגענע. דאָס דאָזיקע האָט אונזער העלד מוראדיק באַליידיקט און ער איז פאַר אויפדעגונג געוואָרן נאָך מער הייזעריק. שניאור זלמן שעכטערס טעכטער זיינען געקומען צום פעסטיוואַל, אָבער זיי זיינען געזעסן מיט מורא און זיי האָבן געהאַט אַ פאָרגעפיל, אַז דער פאָטער וועט זיי קומען זוכן און זיי זיינען געווען גרייט זיך צו באַהאַלטן. און שפּעט נאָך האַלבער נאַכט איז דער אַלטער פאַנאַטיקער טאַקע געקומען זוכן זיינע טעכטער. ער האָט זיך אַריינגעריסן אין זאַל אַריין, אַזוי ווי אַ שטורעם און איינע פון די טעכטער האָט ער געפּאַקט ביי די האָר. דער עולם האָט זיך אַריינגעמישט און איבערהויפּט האָבן זיך געוואָרפן צום פאַנאַטישן ייד מיט דער גרויער באָרד אייניקע פון די רומענישע אָפיצירן, וועלכע ס'איז גלאַט געפעלן געווען צו דערלאַנגען עטלעכע קלעפּ אַ „זשידאַן" און אים רייסן ביי דער באָרד.... יאַנקל האָט דעמלט דערפילט אַ סימפּאַטיע צו דעם פאַנאַטישן

יידן, וואָס האָט אים מוראדיק פיינט געהאַט און אים נישט געוואָלט אַריינ־לאָזן צו זיך אין שטוב אַריין. ער האָט דערפילט, אַז דער פאַנאַטישער ייד גייט ממש אויף קידוש השם. דער גאַנצער יום טוב איז פאַרבליבן אין געמיט נישט ווי אַ יום טוב, נאָר ווי אַ מילחמה, אָבער ווי אַ מילחמה, וואָס האָט גע־בראַכט די נויטיקע סומע אַרויסצוגיבן דעם ערשטן נומער פון דעם זשורנאַל, וועלכן מען האָט געקרוינט מיטן נאָמען „ליכט" און וואָס איז געווען די ער־שטע מאָדערנע יידישע אויסגאַבע אין רומעניע. דער פּאָלטיטשענער פּעסטי־וואַל איז פאַרבליבן אַ היסטאָרישער פאַר מאָדערנע יידן, באַטש צעבלוטיקט האָט מען אויף אים אַ פרומען יידן...

די געסט זיינען זיך צעפאָרן און יאַנקל איז געבליבן מיט אַ בענקשאַפט אין הארצן. ער איז אין פּאָלטיטשעני געווען ווי אַ רבי, בחורים, וואָס זיינען געווען עלטער פון אים מיט צען יאָר, האָבן געקוקט אויף אים ווי אויף אַ לע־רער און אים האָט זיך געגלוסט האָבן אַ גלייכן חבר. פאַר בענקשאַפט האָט ער פון צייט צו צייט פאַרבראַכט ביי אַ גלעזל וויין אין איינעם מיט אייניקע פון די עלטערע בחורים. און פּאַוואָליענקע האָט דער גאַנצער מענערישער טייל פון ציוניסטישן קרייז געגומען פראַווען איין מאָל אין דער וואָך אַ שמחה מיט געבראָטן פלייש אויף דעם רומענישן שטייגער און מיט פעפערלעך און מיט וויין און באַטש די דאָזיקע שמחות האָט מען געפראַוועט מיט אַ ליד און מיט עכטער יוגנטלעכער פרייד, האָט מען גענומען דערציילן, אַז דער „רוסישער" לערער האָט איינגעפירט ממש וואַקכאַנאַליעס... יאַנקל האָט זיך אָנגעהויבן פילן ווי אויף קוילן און ער האָט זיך געפילט ווי אַ פאַרפאָלגטער משכיל פון די אַמאָליקע צייטן און ווי אַ העלד. עס האָט אים געקלעמט אַ פרייד מיט אַ ווייטיק און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער ווערט אַ שטיק משה לייב לי־ליענבלום...

אין יענער צייט איז אָנגעקומען קיין פּאָלטיטשעני אַ הויכער בחור, אַ דאַרער, מיט אַ גרויסער טשופּרינע האָר, מיט באַקנבערד, מיט רויטע אויגן און מיט אַ ברייטן קראַוואַט. ער האָט געבראַכט מיט זיך אימפּעט און שטור־רעם און אַ ווילדע פרייד. ער איז געקומען פון פּאַריז, וואו ער האָט געלערנט מאָלעריי. ער איז געווען אַ זון פון זייער אָרימע עלטערן, באַטש זיין פעטער איז געווען שניאור זלמן שעכטער אַליין, האָט פון אים געפּייפט דער דלות. מען האָט אים צוגעזאָגט אַ גרויסע צוקונפט אַלס מאָלער, אָבער דער פעטער האָט אים דאָך נישט געוואָלט העלפן, אַז ער זאָל פאָרן לערנען, ווייל ער איז בכלל געווען קעגן „מאַכן מענטשעלעך". האָט אים די ציוניסטישע פעדעראַ־ציע פון גאַלאַץ געגעבן אַ סובסידיע, אַז ער זאָל פאָרן לערנען. די רומענישע יידן האָבן זייער שטאַרק געוואָלט האָבן אייגענע טאַלאַנטן. זיי האָבן זיך באַ־רימט מיט זלמן שעכטער, וואָס איז געווען אַ גרויסער געלערנטער און רעק־טאָר פון רבינס־סעמינאַר אין די פאַראייניקטע שטאַטן. זיי האָבן שטאָלצירט

מיט גראפערן און זיי האבן געהאפט, אז רובין וועט איבערשטייגן אפרים לי־ליען, וואס איז דעמלט געווען פארעכנט פאר דעם גרעסטן יידישן מאלער. רובין איז געווען זייער נישט קיין שיינער, אבער ער האט געהאט אן אייגנ־ארטיקן חן. ער האט צונויפגעזשמורעט די אויגן און די ברעמען, וואס האבן אויסגעזען ווי צוויי פליגעלעך פון א פייגעלע, האבן געפלאטערט און ער האט געלאכט מיט אזא הייזעריקלעך קול, וואס האט געקלונגען ווי א געזאנג.

יאנקל געדענקט די ערשטע אינטימיטעט מיט רובינען, וואס די יאטן האבן גערופן ראובן, אדער גאר מיטן פאמיליען נאמען „זעליקאוויטש". ער איז געקומען צום העברעאישן קורס און ער האט זיך א קליין ביסל דערלויבט צו שטערן די דיסציפלין און ארויסרופן געלעכטערס. ספעציעל האט ער זיך געטשעפעט צום לערערס האנט, ער האט נישט אויפגעהערט זאגן: „זע נאר דאס הענטל, ס'איז דאך א געליימטס..." נאך דער לעקציע האט מען גע־טרונקען טיי און געגעסן געבעקס און נאך דער טיי האט מען זיך גענומען שפילן אין „פעטשערלעך". ס'איז אזא מין שפיל, וואס איינער שטעלט זיך אנידער מיטן הינטן מחילה צום עולם און מען פארשטעלט אים גוט די אויגן און ער לייגט אנידער א האנט אויף דעם הינטן און מען דערלאנגט פעטש אין דער האנט אריין און דער געשמיסענער דארף טרעפן ווער עס האט אים דערלאנגט, טרעפט ער, דארף דער דאזיקער, וואס האט דערלאנגט דעם פאטש זיך שטעלן אויף זיין פלאץ. יאנקל פלעג זיך ביי דעם דאזיקן שפיל פילן עלנד. די חברה האט זיך באצויגן צו אים מיט רעספעקט און קיינער האט זיך נישט דערלויבט אים צו דערלאנגען א ריכטיקן קלאפ. אים פלעג זיך דווקא יא גלוסטן צו דערלאנגען א פייערדיקן שמיץ, אבער, אז מען האט אים געשוינט, האט ער קיין מוט נישט געהאט. ער האט געהאט געלייענט אין א בלאט, אז אויף א דייטשער שיף האבן גענעראלן אמאל אזוי זיך געשפילט און דער קאיזער איז צו און דערלאנגט א גענעראל א שטארקן פאטש און יענער איז אויף אים געבליבן ברוגז א האלב לעבן. יאנקל האט זיך געפילט אזוי עלנד, אזוי ווי דער... קאיזער. ער האט געוואלט זיין א חבר, ער איז געווען א יינגל, צווישן זיינע תלמידים זיינען געווען עלטערע פון אים, אבער זיי האבן אים אלע געהאלטן ווי א רבין... און אט איז ער איינמאל געשטא־נען אזוי אויסגעדרייט און געבענקט נאך א ריכטיקן פאטש און ער האט אליין געקראגן אזעלכע לעבעלעכע פעטשלעך. און פלוצים האט ער געכאפט אזא פאטש, אז ער האט א שפרונג געטאן און ער האט באלד דערקענט, אז דאס האט רובין אים דערלאנגט. די יאטן זיינען אלע ברוגז געווארן, איינער א פראסטער יאט איז אזש גרייט געווען זיך צו לויפן שלאגן פאר זיין לערער, אבער יאנקל האט אויף רובינען געקוקט מיט דאנקבארקייט און זייט דעמלט זיינען זיי געווארן חבר...

און די צוויי בחורים זיינען וואס א טאג געווארן אלץ היימישער און

אינטימער. יאנקל האָט אָנגעשריבן א הומאָרעסק, וואָס האָט געהייסן „צוויי פילאָזאָפן" און האָט געשילדערט צוויי הונגעריקע וואַגאַבונדן, איז געגאַנגען רובין און ער האָט געמאַכט אַן אילוסטראַציע און ער האָט אויסגעמאָלט זיך און זיין נייעם חבר ווי די צוויי הונגעריקע. און זיי זיינען טאַקע ביידע געווען וואַגאַבונדיש הונגעריק. יאַנקל האָט אויסגעגעבן די לעצטע לייעס אויף דער מצבה פאַר דעם עלטערזיידן און רובין איז גלאַט געקומען פון פאַריז בחוסר כול. ער איז געקומען אויף דעם חשבון פון דער רומענישער רעגירונג און ער האָט אויף דעם וועג אונטערגעהונגערט און זיך אָנגעפרוירן. מען האָט גענומען גרייטן דאָס זאַמלבוך, וואָס מען האָט א נאָמען געגעבן „ליכט" און עס האָט זיך אָנגעהויבן א דינגעניץ ווער עס זאָל מאַכן דעם שער בלאַט. די גרופּע האָט לעבן זיך געהאַט א פּאָר יונגע און גאַנץ טאַלאַנטירטע צייכנער און רובין איז דאָ עפּעס געווען ווי אַן „אינטרוס". אָבער אַזוי ווי יאַנקל איז געווען דער געלט־שידוך, האָט ער אויסגעפּירט און עס איז אָקצעפּטירט געוואָרן זיין שער בלאַט, וואָס איז געווען אַזוי נאַאיוו, ווי די מערסטע זאַכן, וואָס זיינען דערנאָך געווען געדרוקט אין דעם זשורנאַל. רובין האָט אויסגעמאָלן א מלאך, וואָס קומט אין זונען־אויפגאַנג און ער פאַרשטעלט זיך אַזש די אויגן מיט א פליגל, ווייל עס איז דאָ צופיל ליכט... אינעווייניק אין זשורנאַל זיינען געווען געדרוקט נאָך אייניקע צייכנונגען פון יאַסיער יונגעלייט און איינער פון די דאָזיקע יונגעלייט איז שפּעטער מיט יאָרן געווען איינער פון די גרעסטע קאַריקאַטוריסטן אין רומעניע. ער האָט געהייסן ראָזען און פאַרבליבן איז ער מיטן נאָמען ראָסס. רובין האָט געהאַט אַן אילוסטראַציע צו יאַנקלס הומאָרעסק „הונגעריקע פילאָזאָפן", וואָס איז דערשינען אין ערשטן נומער „ליכט" און נאָך עפּעס א צייכנונג. זיינע צייכנונגען זיינען נישט געווען אַזוי שיין ווי די צייכנונגען פון די יאַסיער יונגעלייט, אָבער זיי האָבן פאַרמאָגט א זעלטענעם אומרו.

דער ערשטער נומער „ליכט" האָט געהאַט נאָר אָריגינעלע זאַכן, קיין איבערזעצונגען פון די העברעאישע און דייטשע זאַכן, וואָס זיינען אָנגעקומען פון אויסלאַנד האָט מען נישט געגעבן, ווייל זיי זיינען נישט געווען פּאַסיק. אייניקע מחברים האָבן נישט דערלויבט צו איבערזעצן זייערע זאַכן אין „זשאַרגאָן", ספּעציעל האָט נישט דערלויבט צו איבערזעצן זיין אַרטיקל אין יידיש דער העברעאישער פילאָזאָף יעקב קלאַצקין. אין ערשטן נומער „ליכט" איז געווען פאַרעפנטלעכט א נאָטיץ, וואָס האָט געהייסן „פון „קדימה" ביז ליכט" און האָט געטראָגן א היפּש יידישיסטישן כאַראַקטער. דאָך האָבן ציוניסטן אויפגענומען דעם זשורנאַל מיט פרייד און אין גאַנצן לאַנד האָבן זיך געפינען נאָר עטלעכע העברעאיסטישע פאַנאַטיקער, וואָס האָבן פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס ציוניסטן פאַרשפּרייטן „זשאַרגאָן" און פרייען זיך מיט דעם, וואָס זיי שרייבן „זשאַרגאָן". די חברה פון קרייז „דר. מאַקס גייער"

האָבן זיך געפרייט מיט דעם ערשטן נומער „ליכט“, ווי עפּעס מיט אַן אייגענער זאַך און אייניקע יאָטן האָבן דעם גאַנצן נומער געקענט אויסנווייניק. זיי האָבן דאָרט געטראָפן ווערטער, וואָס זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, אַ שטייגער ווי „דנאָ“ — רומעניש̤ע יידן זאָגן „דעק“. די יאָטן האָבן געזאָגט dnu און זיי האָבן געדענקט דאָס וואָרט... יאַנקל האָט אָנגעשריבן אַ דערציילונג, וואָס האָט געהייסן „שיין געשטאָרבן“ און רובין האָט געמאַכט אַן אילוסטראַציע דערצו. די אילוסטראַציע האָט פאָרגעשטעלט ווי אַ מיידל שפּילט אויף פּיאַנאָ און אירע האָר גרייכן ביז צו דער לבנה. די יאָטן האָבן געקענט די דערציילונג אויף אויסנווייניק נאָך איידער מען האָט זי געדרוקט...

עס איז נישט שווער געווען צו דערקענען, אַז רובין איז געווען דער קינסטלער, אין וועלכן שבע איז געווען פאַרליבט. ער איז טאַקע געווען איר שוועסטער קינד און זיי האָבן זיך אַרומגעפירט פון קינדוווייז אָן. יאַנקל האָט געפילט אַ געוויסע שוואַכקייט צום מאַלערס מוזע. אָבער ווען זי האָט אָנגעהויבן אַרויסצואווייזן צו אים אויך אַ שוואַכקייט, האָט ער דערפילט די גע־קינסטלטקייט אין דעם און ער האָט געזען די כוונה פון דעם קליינעם מיידל, וואָס האָט שוין צו גוט געקענט דעם שפּיל און זי האָט געוואָלט אייפערזיכ־טיק מאַכן איר חתן. עס האָט געפעלט אַ קלייניקייט, אַז דאָס רוחישע מיידל זאָל אַריינקריכן צווישן ביידע חברים אַזוי ווי אַ טייוול און זיי צעשיידן, אָבער עס איז נישט געקומען דערצו. ביידע האָבן דערפילט, אַז דאָס פּופּצן־יעריקע מיידל וויל זיך אַ שפּיל טאָן און זיי האָבן איינגעשטעלט אַ פּול־שטענדיק קעגנזייטיקן צוטרוי און זיי האָבן גאַנצע טעג פאַרבראַכט צוזאַמען. רובין האָט געמאָלן אַלטע יידן און יאַנקל האָט אים געמוזט צוזינגען חסידישע ניגונים. איין יידן האָט ער געגעבן צו האַלטן אַ לולב מיט אַן אתרוג און יאַנקל האָט געדאַרפט בשעת מעשה זינגען „הושענה“. דער מאָלער מיטן לאַנגען פּנים האָט נישט אויפגעהערט שרייען אַ לאַכנדיקער: „זינג, דו גע־לאַמטער טערק... זינג...“ ער האָט געמאָלן אַן אַלטן רומעניש̤ן באָרד, וואָס האָט געהייסן „מאָש (פעטער) אַנגעל“ און יענער האָט בעת דעם מאָלן געמוזט האַלטן אַ גיטאַרע און זינגען עפּעס אַן אַלטע רומענישע מעלאָדיע. די פאַר־שווינען זיינען געוואָרן לעבעדיק אויף דעם לייוונט און כאָטש אונזער העלד קען קוים מאַכן אַ גלייכע ליניע, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט אַ חלק אין די געמעלן... חוץ דער נויגונג צו קונסט האָט רובין פאַרמאָגט אויך אַ פּראַקטישן חוש און ער האָט גיך געקראָגן אַ פּאָסטן אין דער לעדער־פאַבריק ביי זיין פעטער און מען האָט אים געשיקט אין אַ שליחות קיין בוקאַרעשט, וואו ער האָט באַלד פאַרדינט אַ סך געלט און וואו ער איז שוין געבליבן. אונ־זער העלד האָט זיך דערפילט עלנד פון זיין אַוועקפאָרן און ער האָט זיך גע־פּרואווט פאַרשיכורן אי מיט ביכער, אי מיט אָפּטערע הוליאַנקעס. ביכער האָט ער אַלץ גענומען ביי שלום מייער, מיט וועלכן ער איז געבליבן אין זייער

קאַלטע, אָבער דאָך חברישע באַציאונגען. ער האָט זיך דערמלט ממש פאַר־
כלינעט מיט פּלאַטאָנס דיאַלאָגן. סאָקראַט איז אים פון די דיאַלאָגן אויס־
געוואַקסן צו אַ מין אייגנאַרטיקן משה רבנו, אָבער דער גרויסער גריכישער
חכם, וואָס איז געוואָרן אַ מאַרטירער, איז אים דאָך פאַרגעקומען אַנדערש,
ווי דער יידישער פירער. משה רבנו האָט מיט איין מאָל געגעבן די תורה פון
גאָט דורך דונער און בליץ, סאָקראַט האָט זיין תורה געגעבן פּאַוואָליע און
אינטים. אונזער העלד האָט זיך געדאַכט, אַז קיין קליגערע און טיפערע רייד
ווי די דאָזיקע, וואָס דער גריכישער חכם האָט געזאָגט, קענען שוין נישט
זיין, כאָטש, ווען ער האָט זיך געוואָלט מאַכן אַ סך הכל פון סאָקראַטס לע־
רע, איז דאָס אים אָנגעקומען מוראדיק שווער און ער האָט אָפט נישט גע־
קענט אַרויס וואו עס ענדיקט זיך סאָקראַט און וואו עס הויבט זיך אָן פּלאַ־
טאָן. די הויפּטלערע, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון דעם גריכישן פילאָ־
זאָפס רייד איז געווען, אַז גאָט איז אינעווייניק אין מענטשן און אַז דאָס געט־
לעכע קול רעדט אַרויס פון יעדן איינעם און אינספּירירט אים צו גוטן און
דערלאָזט אים נישט צו טאָן שלעכטס און אַז דער מענטש דאַרף זיך צוהערן
צום אייגענעם קול. אונזער העלד האָט די באַרימטע דיאַלאָגן געלייענט אָן
אַ טעם גלייך זיי וואָלטן געווען לידער און ער האָט זיי געזופּט מיט אַזאַ
זשעדנעקייט, גלייך זיי וואָלטן אין זיך געהאַט עפּעס ממשותדיקס און ער
האָט זיך שוין איבערצייגט, אַז דער פּלאַטאָנישער געדאַנק וועגן דעם, אַז די
אידעע איז דאָס עקזיסטירנדיקע און נישט די מאַטעריע איז אמתדיק. ער
האָט אין די אידעען פון די גריכישע דענקער געפילט דעם טעם פון פריש
וואַסער. ער האָט זיך אומגעהויער געקוויקט מיט דעם געדאַנק, אַז דער מענטש
קען נישט הנאה האָבן אָן דער הילף פון געדאַנק און ער קען נישט דענקען
אָן דער שטרעבונג צו האָבן פאַרגעניגן. דענקען אָן גשמיותדיקע שטרעבונגען
קענען נאָר די געטער, הנאה האָבן נאָר גשמיותדיק אין אָן ענין פאַר בהמות.
(שפּעטער מיט יאָרן האָט ער זיך דערוואוסט, אַז דעם דאָזיקן געדאַנק האָבן
שוין אַרויסגעזאָגט נאָך פאַר סאָקראַטן די ציניש פילאָזאָפן און איבערהויפּט
אַנטיסטענעם). דער גלויבן איז לויט סאָקראַטן אַרויסגעקומען נישט עפּעס אַ
קאָמערציעלער אָפּמאַך צווישן מענטשן און געטער, אַז די מענטשן זאָלן צו־
ליב טאָן די געטער און די געטער זאָלן דערפאַר וואויל טאָן די מענטשן, נאָר
דער גלויבן איז געוואָרן דאָס לעבן אַליין. דער גלויבן איז נישט אַ טייל פון
דער גערעכטיקייט, נאָר די גערעכטיקייט אַליין. און ער איז ממש געשפּרונ־
גען פון די כלים, ווען ער האָט געלייענט די „צווייטע גרופּע" פון די דיאַ־
לאָגן, די „גאָרגיאַס", וואָס האָבן האַרמאָניש צונויפגעגאָסן דאָס שיינע מיטן
גערעכטן (דאָס עטישע מיטן עסטעטישן) און געוויזן ווי די וויסנשאַפט, די
קונסט און די מעטאַפיזיק פאַראייניקן זיך אין דעם „מיט" און אַז די מיטאָ־
לאָגיע פאַרמאָגט פאַקטיש די הויפּט־אידעע, וואָס דער מענטש שאַפט. דאָס

ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט אונזער העלד פאַרשטאַנען דעם זין פון דער לעגענדע און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס אויסגעטראַכטע קען זיין אַ סך מער אמתדיק ווי דאָס פאַקטישע. און דאָך האָט ער זיך צום שלום פון אָט דעם דיאַלאָג געפילט אַביסל אַנטוישט. פּלאַטאָן דערציילט די לעגענדע, אַז נאָך דעם טויט פּרעזענטירט זיך די נשמה אַ נאַקעטע פאַר די ריכטער און זיי זעען אירע פעלער און זיי גיבן זי איבער צו דעם גורל, וואָס זי פאַרדינט. און דער פילאָזאָף גיט צו: מענגן אַנדערע אין דעם זען נאָר אַ לעגענדע, פאַר מיר איז דאָס דער טיפסטער אמת. אים איז אויסגעקומען, אַז פּלאַטאָן איז זיך דאָ סותר, ווייל די לעגענדע איז דאָך דער טיפסטער אמת, בעת דער פאַקט איז נאָר אַן אויבערפלעכלעכער אמת...

אונזער העלד איז געווען אַזוי איבערפילט מיט פּלאַטאָנען, סאָקראַטן און מיט הערַאַקליט דעם טונקלען, אַז ער האָט נישט אויפגעהערט ריידן וועגן זיי טאָג ווי נאַכט און ער האָט זייערע געדאַנקען נישט אויפגעהערט דער־קלערן פאַר די תלמידים זיינע, וואָס האָבן מיט אים פאַרבראַכט, מיט זעל־טענער ליבע און דאָך מיט יראת הכבוד. זיי פלעגן אים נעמען אין דער עלע־גאַנטסטער קאָנפיטעריע פון שטאָט, וואוהין עס פלעגן פאַרנאַכט קומען טרינ־קען טיי די אָפיצירן פון אַרטיקן גאַרניזאָן און די אַריסטאָקראַטישע דאַמען פון דער שטאָט. דער באַלעבאָס פון דער קאָנפיטעריע האָט געהייסן באַטשו און ער האָט געהאַט אַ זעלטן שיין ווייבל. די אָפיצירן פלעגן זיך דרייען אַרום דעם ווייבל אַזוי ווי בינען אַרום האָניק און דער מאַן פלעג אויסשטאַרטשען די אויגן און קוקן שרעקלעך טעמפּ. נישט איינמאָל פלעג אַ בחור זאָגן אין „זיין" יידיש: „קוק נאָר אָן, ווי ער איז „טעמפּיט" (טעמפּ) געוואָרן פון דער „זשעלאָזיע" (אייפערזיכט)!" איין מאָל אין דער וואָך פלעגן די יאַטן פּראַ־ווען אַ וועטשערע אין אַ יידישן שענק מיט די געשמאַקסטע זאַכן פון די רו־מענישע געבראָטענע פליישן, וואָס מען רופט „לאַ גראַטאַר". די דאָזיקע וועטשערעס פלעגן פול זיין מיט אומשולדיקער פרייד און מיט לידער און מיט בענקשאַפט. מען האָט ביי זיי געזונגען און דעקלאַמירט און דערציילט וויצן און גערעדט ערנסט. זייער אָפט האָט יאַנקל געהאַלטן אימפּראָוויזאַציעס פאַר זיינע תלמידים־חברים אין אַ האַלב שיכורן צושטאַנד און ער האָט נישט אויפגעהערט זאָגן, אַז דער עיקר איז, אַז דער פאַרגעניגן זאָל גיין אין איינעם מיט דעם געדאַנק. דאָס דאָזיקע האָבן געזאָגט די גריכישע פילאָזאָפן און דאָס דאָזיקע האָבן געמיינט די יידישע חכמים, ווען זיי האָבן געזאָגט, אַז דער טיש, וואָס מען האָט ביי אים נישט געזאָגט קיין רייד פון תורה, איז גלייך ווי מען וואָלט געגעסן קרבנות פאַר טויטע... דער מותר האָדם מן הבהמה איז דאָך דאָס, וואָס דער מענטש געדענקט... געווען צווישן די תלמי־דים פּראָסטע בחורים, וואָס האָבן גאַנצע טעג געאַרבעט שווער און ביטער אין די קליינע קרעמלעך און וואַרשטאַטן פון די עלטערן, אָדער ביי פרעמדע

און זיי פֿלעגן ביי יענע וועטשערעס זיין די גליקלעכסטע; אייניקע פֿון זיי האָבן געוואָלט האָבן טויזנט אויערן פֿאַר די רייד פֿון דעם לערער. זיי פֿלעגן לאַכן אויף אַ קול, אַז די וועגט האָבן געהודעט און ס'האָט געוויינט פֿון זיי מיט אַזאַ אוממיטלבאַרע פֿרייד, אַז עס האָט זיך געגלוסט צו טאַנצן. און נישט איין מאָל האָט זיך אַזאַ שמחה טאַקע פֿאַרענדיקט מיט אַ ריקוד. אין דער שטאָט האָט מען פֿון דעסט וועגן דערציילט קאָשמאַרע זאַכן וועגן די הוליאַנקעס, וואָס דער „רוסישער" לערער פֿראַוועט מיט די תּלמידים מיט זיינע און מען האָט געזאָגט, אַז די שבתי צביניקעס און די פֿראַנקיסטן זיינען הינט קעגן די ציוניסטן...

אין יענער צייט איז אָראָפּגעפֿאַלן קיין פֿאַלטיטשעני די טרופּע פֿון קאַנער סעגאַלעסקו, וואָס האָט געשפּילט עטלעכע פֿאָרשטעלונגען. אַ טרופּע מיט אַ היפּש ביסל טאַלאַנטירטע שוישפּילער איז עס געווען. קאַנער אַליין איז געווען אַ קיילעכדיקער מיטלוויקסיקער מאַן, אַ האַרמאָנישער און ער האָט געהאַט גרויסע, גוטע, קיילעכדיקע אויגן. אַלץ אין אים איז געווען ריטם און איידלקייט. ער האָט געשפּילט עלעגאַנטע קאָמיקער און ער האָט געטראָגן אַ פֿראַק מיט זעלטענער גראַציע און ער האָט פֿראָסטע ווערטער אַרויסגעבראַכט איידל. די פֿרוי זיינע, סאַראַ קאַנער, איז געווען אַ סך העכער פֿון אים און זי איז געווען טווינקלהוויטיק ביז גרינקייט און זי האָט אָפֿט אויסגעזען ווי אַ בחור אין אַ קליידל. זי האָט טאַקע אָפֿט געשפּילט בחורים. זי האָט פֿאַרמאָגט אַ סך טעמפּעראַמענט, אָבער זי האָט פֿראָסט און ווילד געקלאַפּט אויף דעם סעקסועלן. יידן האָבן זיך פֿאַרכלינעט פֿון איר און זיי האָבן פֿון דעסט וועגן מורא געהאַט, אַז זי וועט זיי איבערפֿירן די טעכטער. געווען אין דער טרופּע אויך אַן אַלטער קאָמיקער, וואָס האָט געהייסן שלום סימאָוויטש און מען האָט אים גערופֿן „שלום קאַרנאָסע" און אויך „שלום שאַרלאַטאַן". אַ מיטלוויקסיקער, מיט אַ גוט פּנים און מיט אַ צוגעפּלעטשט נעזל, אַזוי ווי אַ פּאַני. ער האָט געשפּילט קליינע ראָליען, אָבער ס'איז געווען געגוג ער זאָל אַרויפֿקומען, אַז דאָס טעאַטער זאָל גיין כּאַדראַם. ער האָט געשטאַמט פֿון באָטאָשאַני און ער איז געווען פֿון די עכטסטע מאָלדאַוואַנישע יידישע לצים. וועגן דעם אופֿן ווי אַזוי ער איז געוואָרן אַ שוישפּילער האָט מען דערציילט לעגענדן. מען האָט אים גערופֿן „שאַרלאַטאַן", טאַקע ווייל ער איז געוואָרן אַ שוישפּילער. די באָטאָשאַנער יידן האָבן זיך נישט פֿאָרגעשטעלט קיין אַקטיאָר אַנדערש ווי אַ שאַרלאַטאַן... ווען שלום האָט אַ ריר געטאָן מיט אַ פֿינגער, האָט דער עולם זיך געקאַטשעט; דער צווייטער שותּף פֿון דער טרופּע האָט געהייסן אַלבערט סעגאַלעסקו. היימישע מענטשן האָבן אים גערופֿן אַלטער. ער איז געווען אַ זון פֿון דעם אַלטן שוישפּילער מרדכי סעגאַלעסקו, וואָס איז געווען גאָלדפֿאַדענס אַ קאָנקורענט און איינער פֿון די עלטסטע יידישע טעאַטער דירעקטאָרן אין רומעניע. אַלבערט איז געווען הויך און ברייט, ער איז דעמלט

אַלט געווען אַ פּאָר און צוואַנציק יאָר און ער האָט שוין אויסגעזען ווי אַ פּאַפּ. ער איז געווען אינטעליגענטער ווי אַ דורכשניטלעכער יידישער אַקטיאָר אין יענער צייט און ער האָט געהאַט אַ באַשטימטן גראַד בילדונג. ער האָט פון דעסט וועגן געמיינט, אַז ריידן אינטעליגענט איז אידענטיש מיט ריידן דייטש. ער האָט זיך מיט אונזער העלד באַלד שטאַרק באַפריינדעט. אים איז געפעלן געווען צו האָבן אַ פריינד אַ יונגען שרייבער. ער פלעג אַפילו אַ זאָג טאָן: „לאָזט דורכגיין דעם יונגען שריפטשטעלער מיט דעם יונגען שוישפּי־לער!" אָבער גערעדט האָט ער מיט יאַנקלען צום מערסטן דייטש. ער איז גע־ווען אַ מוראדיקער זולל וסובאניק און אַ היפּשער שיכור און דערפאַר איז ער געוואָרן אַזוי דיק. ער האָט שוין דעמלט באַלד געהאַט פּאַרטרונקען די שטימע און ער האָט דאָך געקענט שיין זינגען אַ דאַנק דעם, וואָס ער איז געווען אויסערגעוויינלעך מוזיקאַליש. ער האָט געשפּילט דראַמאַטיש אין אַלטן סטיל און ער האָט איינגעלייגט וועלטן און געריסן קוליסן און ער האָט דאָך געווירקט. ער האָט געהאַט אַ האַרציקע פרוי, וואָס האָט געהייסן מאַלווינאַ און זי איז געווען אַ פּרימאַדאָנע מיט אַן אַנגענעמען קליין שטימעלע און ער האָט מיט איר מוראדיק שלעכט געלעבט און ער האָט זי באַליידיקט אין אַנ־וועזנהייט פון מענטשן און ער האָט זי גערופן מיט מיאוסע נעמען און ער האָט בעת דעם שיטן מיט די גראָבע רייד אויסגעזען נישט ווי אַ פאַרדאָר־בענער מאַן, נאָר ווי אַ נאַריש ייִנגל. ער האָט אַריינגעבראַכט אַ היפּש ביסל דעמאָראַליזאַציע צו יאַנקלס תלמידים. ער האָט אַרויסגעשלעפּט די יאַטן פון דער שטאָט צו „די קינדער" (אַזוי האָט מען גערופן די גאַסן־פּרוּוען) און זיי האָבן מיט אים אין איינעם דאָרטן געפּראַוועט אָרגיעס און זיי האָבן ד אַ ר־ט ן געזונגען „מאי קאַ משמע לן". רובין האָט דעמלט אָנגעצויגן קיין פּאָל־מיטשעני און נאָך אַ נאַכט הוליען מיט סעגאַלעסקון אין אַ שענק, האָט דער יונגער מאַלער געמאַכט אַ קאַריקאַטור פון יונגען שוישפּילער און אים פּאַר־געשטעלט ווי אַ חזיר... סעגאַלעסקו האָט געלאַכט און עס האָט אים פאַרדראָסן און ער האָט געבעטן, אַז מען זאָל דאָס אין ערגעץ נישט פאַרעפנטלעכן און ער האָט דערביי אין אַ האַמלעטישער פּאָזע געזאָגט: „עפּעס בין איך עס נישט און דאַכט זיך יאָ..." דער דאָזיקער שוישפּילער האָט זיכער פאַרמאָגט קינסט־לערישע נישט נאָר אין זיין שפּילן, נאָר אויך אין גאַנצן מהות אין זיינעם. ער האָט אויסגעגעבן דאָס גאַנצע פאַרדינסט זיינס, בעת זיין שותף האָט אָפּ־געשפּאָרט גראָב געלט. ער האָט אָפט פאַרשיכורט זיין געלט און צומאָל האָט ער עס אוועקגעגיבן צו אָרימעלייט, דאָך איז ער געווען צו באַהעמיש הפקר־דיק און ער האָט זיך דערלויבט צופיל זאַכן. ער האָט געהאַט בליצן פון אַ קינסטלער און מיאוסקייטן פון אַ חזיר... עס איז ביי יאַנקלען פאַרבליבן אַ בענקשאַפט נאָך דעם אייגנאַרטיקן אַקטיאָר. רובין איז דערצו ווידער אוועק קיין בוקאַרעשט און אונזער העלד איז שוין נאָך אַמאָל געבליבן אַליין מיט

בחורים, וואָס האָבן אים געקוקט אין מויל אַריין און וואָס האָבן געוואָלט זיין זיינע תלמידים און האָבן מורא געהאַט צו זיין זיינע חברים. געווען איינער אַ בחור, איז ער שוין געווען ביי דער גרעניץ פון דרייסיק און ער האָט אים געקוקט אין מויל אַריין ווי אַ קינד און ער האָט אים גערופן „אדוני המורה". ער האָט געהייסן אייגער און ער האָט ליב געהאַט צו ריידן גראָבע ווערטער, אַז דאָס חיות איז אים אויסגעגאַנגען. ווען יאַנקל פלעג אַמאָל אַנקומען פּלוצים אין לאָקאַל אַריין פון ציוניסטישן קרייז, האָט אייגער גערדשנט און דער גאַנצער עולם האָט געהירזשעט פאַר געלעכטער. אָבער אַזוי ווי דער בחור האָט דערפילט יאַנקלען, האָט ער באַלד אָנגענומען אַ באַשיידענע פּאָזע און ער האָט געזאָגט „סליחה, אדוני המורא" און ער האָט אויסגעזען ווי אַ ניונקעלע.

די פאַרווײלונגען אין שענק איין מאָל אין דער וואָך זיינען געווען די איינציקע פרייד פון אונזער העלד, וואָס האָט געפילט, אַז ער פאַרליבט זיך אַלץ מער און מער אין זיין חבר רובינס כלה און ער איז דערפון טרויעריק געווען טאָג ווי נאַכט. ביים פּראַווען די וועטשערע מיט דעם געבראָטענעם פלייש, האַרבע פעפערלעך און רויטן וויין, וואָס איז פאַרווירצט געוואָרן מיט לידער, מעשהס, ניגונים, דעקלאַמאַציעס און טאָקע רעדעס אויך, האָט זיך אונזער העלד געפילט, אַלציינס ווי דעמלט, ווען ער איז געווען אַ חסיד. ער פלעג אַמאָל אַ רייד טאָן אַזוי, אַז ס'האָט אים אַליין געהויבן פון אָרט. דעמלט האָט ער זיך אויסגעלערנט צו האַלטן אינטימע שמועסן און דאָס דאָזיקע איז אים פאַרבליבן אויף זיין גאַנצן לעבן ווי אַ הויפּט אייגנשאַפט, סיי אין ריידן, סיי אין שרייבן. און זייער אָפט האָט זיך אַ רעדע פאַרענדיקט מיט אַ ריקוד. ער האָט נישט געוואוסט, אַז פאַר די דאָזיקע אומשולדיקע פאַר־ווײלונגען וועבט מען אַ נעץ קעגן אים און מען מסרט אים אין דער שטיל און מען גרייט אים אַרויסצושיקן פון שטאָט, ווייל „ער מאַכט קאַליע די יוגנט".

ס'איז געווען אין אַ שבת צו נאַכטס. אפשר מיט פערציק יאָטן איז יאַנקל געזעסן אין אַ יידישן שענק און פאַרבראַכט. ער האָט זיך צעהיצט און גע־רעדט פאַר שלום און ער האָט געוואונטשן, אַז די מלחמה זאָל ברייני־גען אַ סוף צו דער מלכות הרישעה פון צאַר, וואָס מאַכט פּאָגראָמען... ער האָט זיך צערעדט וועגן דעם אייגנאַרטיקן גריכישן פילאָזאָף הערקליט, וואָס מען רופט „דער טונקלער", ווייל ער איז נישט קלאָר. אונזער העלד האָט דער דאָזיקער פילאָזאָף שטענדיק אויסגעוויזן צו זיין זייער קלאָר. לויט הע־ראַקליטן איז דער אָנהויב פון אַלץ דאָס פייער. אָבער נאָר דער אָנהויב איז פייער, עס בלייבט נישט שטענדיק. פּונקט ווי מען באָדט זיך אַלע טאָג אין זעלביקן טייך, אָבער דאָס וואַסער איז נישט דאָס זעלביקע, פּונקט אַזוי בייט זיך אַלץ אין לעבן; דאָס פייער אויך. די איינציקע זאַך, וואָס ענדערט זיך נישט איז דאָס ענדערונג־געזעץ, דאָס געזעץ, אַז אַלץ מוז זיך ענדערן אַ דאַנק

דער אָפּאָזיציע און דעם קאַמף. יאַנקל האָט געשטורעמט וועגן דעם, וואָס דער מענטש און דאָס לעבן זיינען געגליכן צו פייער, וואָס עס ווערט אַש און עס קומט אַנדער פייער... און פונקט אין מיטן דער רעדע איז אַריינגעקומען דער פּאָליציי־שעף און ער האָט געפרעגט ווער איז דאָ דער רוסישער בירגער דער און דער און אים אַרעסטירט און אַוועקגעפירט אין פּאָליציי אַריין. די העכסטע פרייד איז איבערגעריסן געוואָרן אין דער מיט. די יאַטן האָבן זיך צעוויינט... צוויי שעה איז ער געזעסן אין אַרעסט. איינער פון די חשובסטע באַלעבאַטים, וואָס איז נישט געווען קיין פרומאַק, האָט אויפגעוועקט דעם פּאָליציי פּרעפעקט ג ע צ ו , וואָס איז געווען אַ לאַנגער מאָלדאַוואַן מיט אַ גרויסער, שוואַרצער הערצל באָרד; ער איז געווען אַ שיינער, געשטרעקטער מאַן מיט אַ נאַריש אויסזען. די יידן אין שטאָט האָבן אים גערופן „דער טיפּש" און אַמאָל נאָך מיאוסער. ער האָט יאַנקלען באַלד אַרויסגעלאָזט און דער גאַנצער עולם האָט דעם באַפרייטן אויפגענומען מיט אַ הוראַ און אים צוריקגעפירט אין שענק אַריין, וואו מען האָט געטאַנצט ביז אין ווייסן טאָג אַריין. אָבער אויף דעם צווייטן טאָג האָט מען זיך דערוואוסט, אַז די זאַך איז נישט אַזוי פּשוט און אַז עס איז דאָ אַ באַפעל פון בוקאַרעשט, אַז מען זאָל אונזער העלד אַוועקשיקן אין קאָנצענטראַציע לאַגער שיפּאָטי לעבן יאַסי, וואו מען האָט געהאַלטן אַלע רוסישע קריגס־דעזערטירן. אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון דר. נעמיראָווער, וואָס איז געווען אַ גאַליציאַנער ייד און איז געווען פּרעדיקער ביי די שפּאַניאָלישע יידן, האָט מען אונזער העלד באַפרייט פון פאַרשיקט ווערן קיין שיפּאָטי, נאָך דעם, וואָס מען האָט דערוויזן, אַז ער איז נישט קיין קריגס־דעזערטיר, נאָר ער איז אַנטלאָפן נאָך אין פרידנס־צייטן. און דערווייזן האָט מען עס געקענט אַ דאַנק דעם, וואָס מען האָט אים אַרעסטירט ביים אַנקומען קיין רומעניע. דעמאָלט האָט דער אַרעסט געשיינט צו זיין אַן אומגליק, אָבער דערנאָך איז ער געוואָרן אַ גליק, ווייל זייער אַ סך דעזערטירן זיינען נישט צוריקגעקומען פון שיפּאָטי. יאַנקל האָט דעמאָלט קלאָר געזען, אַז ס'איז נישטאָ קיין גוטס אָן קיין שלעכטס און ער האָט פאַרלאָזט אַ טרויעריקער די שטאָט פאָלטיטשעני, וואו ער האָט געלעבט אין דער צייט פון ווילדן קריג ווי אויף אַן אָאַזיס. ביים אַוועקפאָרן האָט ער געקוקט אויף דעם ברוגזן מויער פון שניאור זלמן שעכטער, וואָס זעט אויס אַזוי ווי אַ טיורמע, אַזוי ווי אַ פאַרכישופטער שלאָס און עס איז געבוירן געוואָרן ביי אים דער געדאַנק, אַז דער דאָזיקער פאַבריקאַנט איז אַ לעצטער ייד, וואָס קלאַמערט זיך מיט די נעגל און ער וויל זיך נישט לאָזן אומברייננגען. דער בייזער ייד, וואָס האָט אפשר געהאַט דעם גרעסטן חלק אין דעם, וואָס מען האָט אים אַרויסגעשיקט, איז אים געוואָרן ליב און טייער און ער איז גרייט געווען אַראָפּצוגיין און זיך געזעגנען מיט אים און פאַלן פ אַ ר אי ם כורעים...

קאפיטל דריי

א „געקרוינטער" און אַ בלאַנדזשנדיקער.

אין גאַנצן באַפרייט איז אונזער העלד נישט געוואָרן. די רעגירונג האָט פאַר אים באַשטימט אַ „געצוואונגענע היים". ער האָט געמעגט בלייבן וואוינען נאָר אין איין שטאָט, אין בראַילע. פאַרוואָס מען האָט אים באַשטימט אין דער דאָזיקער פּאָרט-שטאָט האָט ער זיך שפּעטער דערוואוסט. אין די פּאַפּירן האָט זיך געזאָגט וועגן זיין באַשעפטיקונג, אַז ער איז אַ לערער. אין רומעניע הייסט עס „מעדיטאַטאָר", האָט מען געמאַכט אַ טעות און געשטעלט „מעדיאַטאָר", וואָס דאָס מיינט אַ מעקלער. איז וואו זשע וואוינט אַ מעקלער, אַז נישט אין אַ פּאָרט-שטאָט?

פון דעסט וועגן איז יאַנקל געפאָרן פון פּאָלטישעני נישט קיין בראַילע, נאָר קיין יאַסי. ער האָט געהאַט אַ באַזונדער דערלויבעניש צו וואוינען אין לאַנד און אַ באַזונדער פּאַפּיר, אַז ער מעג וואוינען נאָר אין בראַילע, האָט ער ביי זיך געהאַלטן נאָר דאָס ערשטע פּאַפּיר און דאָס צווייטע פּאַפּיר האָט ער באַהאַלטן. דערצו איז דעמלט געווען אַ צייט, ווען געזעצלעך האָבן יידן אַ סך זאַכן נישט געטאָרט אין רומעניע און פּאַקטיש האָבן זיי געמעגט אַלץ, אַ דאַנק דעם ביסל געלט, וואָס האָט קיין ריח נישט...

יאַסי איז געווען די צווייטע גרעסטע שטאָט אין לאַנד און מיסתמא די גרעסטע יידישע שטאָט. די יידישע באַפעלקערונג איז געווען קלענער אין צאָל ווי אין בוקאַרעשט, אָבער דער פּראָצענט איז געווען אַ גרעסערער. די אַלטע טייל שטאָט איז אין גאַנצן געווען אַ יידישע. און ערשט האָט זיך די אַלטע טייל שטאָט געטיילט אויף צוויי טיילן. פון דער זייט „רויטע בריק" איז געווען די „אַריסטאָקראַטישערע" טייל און פון יענער זייט „רויטע בריק" איז געווען די אָרימערע טייל; ביידע טיילן האָבן שטענדיק געקרוישט ווי אַ מאַרק. זיי האָבן געקרוישט מיט יידישן האַנדל, מיט יידישער אַרבעט, מיט תורה לערנען, דאַווענען און חסידות פּראַווען. עס זיינען דאָ געווען חסידים פון אַלע „ריזשינער" גוטע יידן און עס זיינען געווען חבדניקעס. כאָטש רומענישע יידן האָבן נאָך אַן ערגערן שם פון עם הארצים ווי די בעסאַראַבישע יידן, זיינען דאָ געווען אַ סך יידן לומדים. עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין

אַפּ קורסים־משכּילים, וואָס זײַנען געווען לומדים. מען מוז אָבער מודה זײַן, אַז די מערסטע לומדים האָבן געשטאַמט פֿון גאַליציע.

יאָסי האָט געהאַט באַרימטע טיפּן, וואָס אַלע האָבן געקענט און ספּעציעל איז דאָרט געווען אַ שטאָט־משוגענער כאַצקל, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן שם און מען האָט וועגן אים דערציילט לעגענדן. מען האָט דערציילט, אַז ער האָט זיך אַמאָל אַנידערגעשטעלט פּריטיק פֿאַרנאַכט, ווען דער עולם איז געלאָפֿן פֿון מרחץ און ער האָט גענומען שרײַען געוואַלד. איז זיך צונויפֿגעקומען אַ האַלבע שטאָט, האָט כאַצקל אויסגערופֿן: „געוואַלד! אַ גאַנצע שטאָט און אַזאַ גרויסע דערצו, לײַגט זיך אַרויף אויף איין משוגענעם! אָדער איר נעמט צו נאָך איינעם, אָדער איך אַנטלויף...״ כאַצקל פֿלעג זיך אַמאָל אַנידערשטעלן קראַצן אין מיטן גאַס און ווען מען האָט אים געזאָגט, אַז ס׳איז נישט שיין, האָט ער געענטפֿערט: „זאָל ער נישט בײַסן!״ איין מאָל האָט זיך כאַצקל אַנידערגעשטעלט לעבן אַ גרויסער קראָם און ער האָט זיך געקראַצט, האָט מען אים געזאָגט: „כאַצקל, ווילסט זיך קראַצן, גיי אַוועק אין אַ ווינקל אַרײַן!„ האָט ער געענטפֿערט: „מיך בײַסט דאָ, זאָל איך זיך גיין קראַצן דאָרט?״...

די גרופּע, אין וועלכער יאַנקל איז געקומען, האָט אים אויפֿגענומען מיט גרויס פֿרייד און זי האָט פֿאַר אים אַראַנזשירט אַן אָוונט אין דער יאַסיער „טוינבעהאַלע״. דאָס איז געווען דער ערשטער אָוונט, וואָס מען האָט פֿאַר אים געמאַכט אין זײַן לעבן. עס איז זײַנע פֿרײַנט נישט גרינג אָנגעקומען. די „טוינבעהאַלע״ איז געווען האַלב אַסימיליאַטאָריש און מען האָט דאָרט זייער זעלטן צוגעלאָזט עמיצן צו האַלטן אַ רעפֿעראַט אין יידיש. אין דער קינסטלערישער טייל האָט מען אַרײַנגעלאָזט אַביסל יידיש. עס זײַנען געווען אין יאָסי עטלעכע יונגעלײַט, וואָס האָבן זיך געקליבן צו ווערן יידישע שוישפּילער, אָבער מען האָט זיי נישט צוגעלאָזט צום פּסוק, האָבן זיי דערווייל דעקלאַמירט בײַ פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן און די גרופּע „ליכט״ האָט געפֿירט אַ קאַמף אויף טויט און לעבן, אַז אין טוינבעהאַלע זאָל מען די דאָזיקע יונגעלײַט צולאָזן. מיט אַ צײַט פֿריער האָבן די דאָזיקע דעקלאַמאַטאָרס, האָט מען דערציילט אונזער העלד, געלייגט זייער גאַנצע האָפֿנונג אויף דעם יידישן דיכטער יעקב מעסטל, וואָס איז אויך אַ שוישפּילער און ער האָט ביז נישט לאַנג געשפּילט אין יאַסיער שונד־טעאַטער בײַ דעם קאָמיקער אַשקענאַזי. מען האָט נאָכגעמאַכט, ווי דער דאָזיקער קאָמיקער האָט געזאָגט צו די שרײַבער: „איר האָט דאָך געוואָלט אַ ליטעראַטוטניק, האָב איך אײַך געבראַכט!״ מעסטל האָט געשפּילט די אינטעליגענטן אין דעם אַלטן טעאַטער און ווי מאָטיע ראַבינאָוויטש האָט דערציילט, פֿלעג ער אויך זינגען דועטן און אָפֿט נישט קיין פּאַסיקע און ער האָט זיך דערפֿון געערגערט און זײַנע פֿרײַנט האָבן זיך אויך געערגערט. די יאַסיער טרופּע האָט פֿון דעם דאָזיקן שוישפּי־

לער־פּאָעט שטאַרק געהאַלטן, מאַטיע האָט געזאָגט, אַז ער איז דער גרעסטער יידישער דיכטער פון גאַליציע און ער האָט אַ זילבערנעם קלאַנג, וואָס איז אַ נייעם אין דער יידישער פּאָעזיע. ער האָט געהאַט אַן אַמביציע צו ווערן אַ פּאָעט, אַ שוישפּילער און אַן אַפּיציר. און ווייל עס איז נישט געווען קיין אַנ־דער יידיש טעאַטער, האָט ער געשפּילט וואָס עס לאָזט זיך און ער האָט גע־חלומט פון בעסערס. עס האָט געהאַט חלומות און שוין טאַקע פּלענער, אָבער מיט אַ צייט צוריק האָט מען אים גערופן אין עסטרייכישן מיליטער אריין, וואו ער איז געווען לייטענאַנט און כאָטש ער וואָלט געקענט בלייבן אין רו־מעניע און לעבן רואיק, איז ער דאָך געפאָרן איינשטעלן זיין לעבן אויף דעם פראָנט און עס איז שוין געווען אַ ידיעה, אַז ער איז געווען פאַרוואונדעט און ער איז געוואָרן געזונט און ער איז צוריק אַוועק אויף דעם פראָנט און ער האָט מיטגענומען אין טאַש דעם ערשטן נומער „ליכט”. די יאָטן פלעגן ריידן וועגן אים מיט ליבע און זיי האָבן זיך געבייזערט אויף אים, וואָס ער האָט געשפּילט אַ זשורנאַליסט און ער האָט געזונגען אַ נאַרישן דועט „לעזט, לעזט, קויפט אַ צייטונג און לעזט” און למאי ער האָט געשפּילט און געזונגען אויך אַנדערע נאַרישע זאַכן.

צווישן די יונגע שוישפּילער, וואָס האָבן געוואָלט צוקומען צום יידישן טעאַטער און נישט געקענט, איז געווען אַ בחור, וואָס האָט געהייסן פיינזיל־בער און ער איז געווען דער ברודער פון מאַטעי רוסו, וואָס האָט איבערגע־זעצט מאַרים ראָזנפעלד אין רומעניש און איז שוין דעמלט געווען אַ באַ־וואוסטער פראַנצויזישער מחבר און רעזשיסאָר. דער יונגער פיינזילבער איז אויך גיך אַוועק צו דער פראַנצויזישער בינע און ער האָט דאָרט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. ער פלעג דעמלט דעקלאַמירן יידיש מיט אַזאַ פרישקייט, זאַפטיקייט און חנוודיקייט, אַז אונזער העלד איז דאָס געבליבן ביז היינט אין טעם. דאָס יידישע וואָרט האָט אין זיין מויל געפונקלט, גלייך עס וואָלט גע־ווען געשליפן. ער פלעג דעקלאַמירן יעקב גראָפּערס „רעקלאַמע”, וואָס איז אַ מין מעלדונג וועגן אַ קינדער־פאָרשטעלונג און הויבט זיך אָן מיט די ווערטער:

באַלד איז דאָ אין שטאָל טעאַטער,
קאָסט צען קנעפּ אַנטרעי,
ווער עס וועט אריין זיך כאַפּן,
דעם איז אָך און וויי.

דערנאָך איז געקומען אַ באַרימערישערע מעשה וועגן דעם, וואָס מען וועט אַלץ ווייזן אין טעאַטער. דער שפּרודלדיקער פיינזילבער איז אַליין בשעת מעשה פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טויזנט לצים און ער האָט ארויסגערופן אַ קאַסקאַדע מיט פרייד. זיין דעקלאַמאַציע פון דעם איינעם, פאַר זיך גאַנץ

שוואכן, ליד, איז מען ווערט געווען ווי א גאנצע פארשטעלונג פון געוויינלעכן סארט, וואס מען האט געקענט זען צו יענער צייט אין יאסיער יידישן טעא־טער. די לייטונג פון דער „טוינבעהאלע" האט געדארפט טאן א טובה דעם יונגען קינסטלער, אז זי זאל אים לאזן א דעקלאמיר טאן אין דער נאטירלע־כער שפראך פון די צענדליקער טויזנטער יאסיער יידן.

צווישן די דעקלאמאטארס איז געווען א יונגער בחור, וואס האט זיך גערופן „רובין", פונקט ווי דער מאלער; ער איז געווען א שלאנקער, מיט גרינע פארחלומטע אויגן און מיט א וויברירנדיקער שטימע, וואס האט באמת געקלונגען ווי זילבער און ווען ער האט דעקלאמירט מארים ראזנפעלדס „זיכ־רונות", האט מען געזען דאס לעבן, וואס פארגייט. עס זיינען אויך געווען א סך יונגע און שיינע מיידלעך, וואס האבן זיך געקליבן צו ווערן יידישע אקטריסעס. איינע פון זיי האט געהייסן לינא וועקסלער און זי איז געווען די שוועסטער פון א יונגען, רומעניש־יידישן פאעט, וואס האט זיך גערופן ב. פונדאיאנו און וואס איז שפעטער מיט יארן געווארן איינער פון די באַ־קאנטסטע פראנצויזישע פילאזאפן און ער האט זיך שוין דעמלט גערופן ב. פונדען. דער זיידע פון די צוויי יונגע מענטשן האט געהייסן פונדאיאנו, אבער אין זיין צייט איז עפעס נישט געווען שיין צו טראגן א רומענישן נאמען, האט ער זיך אים געביטן אויף וועקסלער. דאס אייניקל, וואס האט זיך גע־קליבן צו ווערן א רומענישער פאעט, האט זיך צוריק גערופן פונדאיאנו...

לינא וועקסלער איז גראד נישט געווען קיין שיינע, זי איז געווען א קליינע, א גרינלעכע און א רירעוודיקע, אבער זי האט פארמאגט א מין סארט „משו־גענעם רייץ", ווי מען האט געזאגט, און די מערסטע פון אירע באקאנטע האבן גערעדט אויף איר און זיינען דאך געווען פארליבט אין איר. זי האט גע־רעדט שלעכט יידיש, מיט יאנקלען האט זי גערעדט אלע שפראכן אויסער יידיש, אבער דעקלאמירט האט זי זייער שיין אויך אין יידיש. עס זיינען גע־ווען געגוג יונגעלייט צו קענען שאפן מיט זיי א פרעכטיקע טרופע, אבער עס האט געפעלט דער איניציאטאר, עס האט געפעלט דער נייער גאלדפאדן און אונזער העלד האט זיך געקלערט, אז אין דער זעלביקער שטאט יאסי האט זיך דער אלטער גאלדפאדן באוויזן צו דער ריכטיקער צייט און קיין נייער גאלדפאדן ווייזט זיך נישט און די יונגעלייט, וואס פארמאגן טאלאנט און פרישקייט און קולטור דארפן שטיין ביי די טויערן פון דער „טוינבעהאלע", וואו עס באלעבאטעוועט א גאליציאנער ייד א דאקטער, וואס האלט נישט פון קיין יידיש און ער וויל די יאסיער יידן דווקא אויסלערנען דייטש...

אויך יאנקל האט זיך געדארפט ארייננגנבענען אין „טוינבעהאלע" אין דער קינסטלערישער טייל, ווי א זינגער פון פאלקסלידער, אבער ער איז שוין געווען געגוג פאפולער ביי די באזוכער פון יענעם לאקאל ווי א שרייבער; מען האט געקענט זיינע זאכן פון „ליכט" און איבערהויפט פון דער רומענישער

„התיקווה" און כאָטש די לידער, וואָס ער האָט געזונגען, האָבן געהאַט אַ ווילדן דערפאָלג, האָט ער געמוזט האַלטן אַ קורצע רעדע אויך און דווקא אין יידיש. ער האָט געהאַלטן אַ קורצן רעפעראַט וועגן ביאַליקן און ספּעציעל וועגן זיינע יידישע לידער. דער פאָרזיצער פון יענעם אַנשטאַלט, אַ מעדיקער, אַ קיילעכדיקער גאַליציאַנער ייד (זיין נאָמען האָט אונזער העלד פאַרגעסן, ער איז אין אַ צייט אַרום געשטאָרבן), האָט דעם גאַסט באַגריסט, אָבער ער האָט אים דאָך געהייסן „לאָזן אין רוהע דאָס פּריפּעטשיק מאַמע־לשון"... פאַר דער גרופּע „ליכט", וואָס איז געווען העברעאיסטיש אין דער טעאָריע און יידישיסטיש אין דער פּראַקטיק, איז יענער אָוונט געווען אַ גרויסער טרי־אומף — מען האָט דעם גאַסט געמוזט ווידעראַמאָל איינלאַדן אין „טוינבע־האַלע" שוין נישט צו זינגען, נאָר צו האַלטן אַ רעפעראַט.

עס איז דאָ נויטיק צו באַמערקן, אַז כאָטש די גאַנצע „ליכט"־גרופּע האָט געקעמפט פאַר יידיש, זיינען אין יאַסי נישט די ציוניסטן געווען די יידי־שיסטן, נאָר די סאָציאַליסטן. דער פירער פון די סאָציאַליסטן אין יאַסי, נישט נאָר פון די יידישע, איז געווען דר. ל. געלערטער. ער איז געווען איינער פון די באַליבטסטע און פּאָפּולערסטע מעדיקער אין שטאָט, ספּעציעל צווישן די אָרימע מאַסן. אין דעם פּרט האָט ער פאַרנומען דאָס פּלאַץ פון דעם באַ־וואוסטן ציוניסטישן פירער, דעם פּרעזידענט פון דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, דר. ליפּע, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען אַלט און ער האָט שוין נישט פּראַקטיצירט און ער האָט זיך שוין אין ערגעץ נישט געהאַט געוויזן. געזאָגט האָט מען, אַז דר. ליפּע האָט אַרויסגעוויזן סימפּאַטיע צו די סאָציאַליסטן און ער האָט זיך באַטייליקט אין זייערע אויסגאַבן. דר. ל. גע־לערטער איז געווען אַ הויכער, אימפּאָזאַנטער מאַן, אַ בלאָנדער, מיט אַ גוט־מוטיקן שמייכל און מיט גאָר מילדע, קלוגע און דאָך קינדישע אויגן. ווען ער איז דורכגעגאַנגען די גאַס, האָט מען זיך געשטעלט קוקן אויף אים, ווי אויף אַן אויסדערוויילטן. ער איז געווען אַ גלענצענדיקער רומענישער רעדנער, מען האָט דערציילט ניסים וועגן זיין עכט מאָלדאַווישן סטיל, אָבער ער האָט אויך געהאַלטן רעדעס אין עכטן, נאַטירלעכן יאַסיער פאָלקס־יידיש. אַן אָנ־געזעענער סאָציאַליסטישער פירער איז אויך געווען מאַקס וועקסלער, וואָס איז געווען איינער פון די בעסטע מאַרקסיסטן אין גאַנצן לאַנד. ער האָט זיך באַטייליקט אין די וויכטיקסטע רומעניש־סאָציאַליסטשע אויסגאַבן און ער האָט דאָך געשריבן מער יידיש ווי רומעניש. ער איז געווען אַן אמתער מאַרק־סיסטישער חריף און בקי צוזאַמען. ער האָט דעם מאַרקסיזם דערפירט ביי זיך צו אַ מין סאָרט יידישער לומדות. אין דער צייט פון דעם קריג האָבן רו־מענישע כוליגאַנעס דערהרגעט דעם אייגנאַרטיקן מאַקס וועקסלער. איסאַק מאַסקאָוויטש איז געווען אַ שוואָגער פון מאַרקסיסטישן מאַרטירער און ער האָט זיך דעמאָלט געשניטן אויף אַ פאָלקס־רעדנער און ער האָט אויך פון צייט

צו צייט געשריבן. אין יאַסי איז שוין אַמאָל געהאַט דערשינען אַ סאָציאַליס־טישער יידישער זשורנאַל אונטער דעם נאָמען „דער וועקער", אין וועלכן עס האָט זיך באַטייליקט דער באַוואוסטער משכילישער העברעאיש־יידישער שריי־בער אליעזר רוקח, וועגן וועמענס שאַרפקייט מען האָט דערציילט חידושים אין יאַסי. יאַנקל האָט אַ סך פון די דערציילטע שאַרפקייטן שפּעטער געלייענט ביי מאָרים ווינטשעווסקי... אַ דאַנק דעם דערשיינען פון „ליכט" האָט דער יונגער איסאַק מאָסקאָוויטש זיך אָנגענומען מיט מוט און אַרויסגעגעבן דעם „וועקער" ווי אַ צוויי־וואָכנשריפט און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ קינאת סופ־רים... אורי קייש האָט אַזש זיך דערשראָקן און אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן זאַכן פון די אָרטיקע כוחות. ביז דעמלט האָט ער דאָס נישט געטאָן.

אין אָנגעזען פּלאַץ האָט דעמלט פאַרנומען אַ יידישער מעדיקער אַ פּאָעט, וואָס האָט געהייסן דר. אַ. שטויערמאַן. זיין פּסעוודאָנים איז געווען ראַדיאָן און מיט עפּעס איז ער אין דער נאַטור געווען ענלעך צו דאָסטאָיעווסקיס העלד מיט דעם זעלביקן נאָמען. דר. שטויערמאַן האָט געהאַט אַ ביטער לעבן אין זיין פאַמיליע און ער איז געווען אַ ביטערער מענטש. ער איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער קעגנער פון סאָציאַליזם און ער איז דאָס דאָזיקע געוויס געווען אויך צוליב קנאה קעגן דר. געלערטער, וואָס האָט זיך געקענט מאַכן באַליבט ביי יעדן איינעם. די דאָזיקע צוויי דאָקטוירים האָבן נישט איינמאָל געפירט אַ קאַמף איבער אַ פּלאַץ אין דער יידישער קהילה און שטויערמאַן האָט געזאָגט גיפטיק, אַז געלערטער בויעט זיינע באַריקאַדן אין דער קהילה... ער איז איבערהויפּט געווען אַ מענטש מיט אַ שאַרף וואָרט דער דאָזיקער שטויערמאַן. געווען אין יאַסי דעמלט אַ יונגערמאַן, וואָס האָט געהייסן קאַרל דרימער. ער איז געווען אַ זון פון דאָראָהויער רב און ער איז געווען אַ שטיקל יודע ספר און אַ שטיקל קענער פון רומעניש און ער האָט געשריבן אי יידיש, אי רומעניש אוןביידע שלעכט און ער האָט זיך אומעטום געדרייט און גע־פּלאָנטערט. ער איז געווען דער אמתער טיפּ פון אַ „שוויצער". ער איז גע־ווען אַ דאַרער און אַביסל אַ הינקענדיקער, האָט אים שטויערמאַן קיינמאָל נישט גערופן קאַרל דרימער, נאָר דאַרל קרימער... שטויערמאַן איז געווען אַ טאַלאַנטירטער דיכטער. ער איז געווען איינער פון די דריי יידן, וואָס האָבן דעמלט „פאַרכאַפּט" די רומענישע פּאָעזיע (די אַנדערע צוויי האָבן געהייסן בארבו נעמציאַנו און בארבו לאַזאַרעאַנו) און ער האָט געשריבן אַ סך עכט־מאָלדאַוואַנישע לידער, אָבער ער האָט קיינמאָל נישט געקענט ווערן אויס ייד. ער האָט אָנגעשריבן אַ דראַמע אין פערזן וועגן דער שפּאַנישער אינק־וויזיציע. ער האָט זיך אין אַ ליד געקלאָגט, אַז ער גרייכט נישט צו יידן און נישט צו רומענער. מאָטיע ראַבינאָוויטש האָט דאָס דאָזיקע ליד איבער־געזעצט אויף פאָלגנדיקן אופן:

כ'האָב זינגענדיק די לידער מיינע,
געערדט צו פעלקער צוויי צו גלייך,
כ'האָב גענומען איינעמס ליידן —
ביים צוויטן — מער נישט ווי זיין שפּראַך.
און ס'האָט דער ערשטער נישט פאַרשטאַנען מיך,
פרעמד מיין שפּראַך אים, פרעמד מיין שיר
און דער צווייטער האָט געזאָגט:
— ליידן וואָס זאָגסטו עם מיר?

דער מחבר האָט געהאַט פאַר דעם דאָזיקן ליד געברווינטע ליידן פון די רומענער, וואָס האָבן געשריגן, אַז רומענער קענען אויך ליידן און ער איז אַ ליגנער און ער טאָר נישט שרייבן קיין רומעניש. שטויערמאַן האָט אויסגע־לאָזט דאָס גאַנצע האַרץ צום יידישן איבערזעצער און ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט אים פאַלש איבערגעזעצט, גלייך די רומענישע לייענער וואָלטן גע־לייענט נישט דעם אָריגינאַל, נאָר די איבערזעצונג. דער אמת איז, אַז מאָ־טיע ראַבינאָוויטש האָט זיך דערלויבט איין פרייהייט, ער האָט געשריבן „ביים צוויטן — מער נישט ווי זיין שפּראַך", בעת אין אָריגינאַל שטייט געשריבן „ביים צווייטן — זיין שפּראַך". דער איבערזעצער האָט זיך פאַר־ענטפערט, אַז ער האָט דאָס געטאָן צוליב דעם ריטם. שטויערמאַן איז שוין דעמלט געווען אין העכסטן גראַד פון נעוראַסטעניע און ער איז אין אַ צייט אַרום טאָקע באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

איינער פון די פּאָפּולערסטע מענטשן איז שוין דעמלט געווען דער דיכ־טער יעקב גראָפּער, כאָטש זיינע לידער זיינען נאָך כמעט אין ערגעץ נישט געווען געדרוקט, אויסער אין די צוויי נומערן „ליכט" און אין אייניקע רומע־ניש־יידישע אויסגאַבן מיט לאַטייניש אותיות. גראָפּער איז געווען אַ הויכער, העלער שאַטען, מיט קיילעכדיקע באַקן און קינדיש־ברוגזע אויגן, וואָס האָבן אַ געלאַכט, אַ געוויינט. ער איז געווען אַן אָנגעשטעלטער אין מאַריץ וואַכטלס גרויסער באַנק „מאָלדאָוואַ" — די גרעסטע יידישע באַנק אין לאַנד — און ער איז געשטאַנען אויף אַ פּלאַץ ווי אַ באַאַמטער, ווייל ער האָט זיך ווייניק אָפּגעגעבן מיט זיין אַרבעט. אים איז געלעגן אין קאָפּ די פּאָעזיע און ער האָט אין אַ ליד געפרעגט, וואָס ער טוט אין באַנק און ווער עס האָט אים פאַר־פירט אין דער וועלט פון געלט און שלעכטס. ער האָט געהאַט קינדישע פּרע־טענזיעס צום יידישן פאָלק, וואָס בויעט אים נישט אויס קיין טורעם פון העלפאַנט־ביין. ער איז דעמלט געווען אין מיליטערישן דינסט און ער האָט אויסגעזען אַ ווי אַ שלאַנקער סאָלדאַט, אַ ווי אַ קינד, וואָס האָט טענהס צו דער וועלט. יעקב גראָפּער האָט געהאַט אַ נאָענטן חבר, וואָס האָט גע־האַט אַ שם צווישן די ציוניסטן. ער האָט געהייסן א. ל. זיסו. ער האָט גע־

שטאַמט פון דער קאַרפּאַטן־שטאָט פּיאַטרא נעאַמץ; ער איז פריער געווען אַ העברעאישער לערער און אין יענער צייט איז ער געווען אַנגעשטעלט אין מאַריץ וואַכטלס באַנק. ער האָט דווקא פּראָגרעסירט אין זיין אַרבעט, ווייל ער איז געווען אַ זייער פּראַקטישער מענטש, וואָס האָט געשטרעבט צו ווערן רייך. ער האָט צום מערסטן געשריבן העברעאיש. ער האָט געשריבן דראַמעס און פּאַמפּלעטן. ער איז געווען אַזוי צונויפגעבונדן מיט גראַפּערן, אַז יענער האָט אים געווידמעט זיינע אַלע לידער און ער האָט אָנגעשריבן, אַז ער ווינטשט נישט ביידן קיין גליק, נאָר איינעם, ווייל אַז איינער וועט זיין גליקלעך, וועט דער צווייטער שוין אויך זיין גליקלעך... ווען זיסו איז אין אַ צייט אַרום געוואָרן רייך, ווייל ער האָט חתונה געהאַט פאַר אַ מיליאָנערס אַ טאָכטער, איז ער אַליין געווען רייך... גראַפּער איז געבליבן אָרים און ער האָט אויך געשטרעבט צו ווערן רייך און די פריינטשאַפט מיט זיסון האָט זיך שטאַרק אָפּגעקילט. דער שוין דערמאָנטער לאַסקאַר שאַראַגאַ איז געווען אַ געשוואוירענער חבר מיט ביידע, כאָטש ער האָט נישט געקענט קיין יידיש און נישט קיין העברעאיש. זיסו איז געווען אַ מיטלוויקסיקער, כמעט אַ נידעריקער, אַ דאַרינקער און אַ העל־בלאָנדער מיט אַ קיילעכדיק קינדיש פּנימל און טיף בלויע אויגן. ער האָט געהאַט אַן אויסזען פון אַ דיכטער, אָבער אין די כתבים איז גאָר קיין דיכטערישעס נישט געווען. די באַקאַנטע זיינע האָבן דערציילט, אַז ער האָט אַ ווילדע מאַניע רייך צו ווערן און אַז ער פאָרט פּשוט אַרום מיט אַ שדכן אָנצוקוקן רייכע כלות. ער איז געווען שיין און ער האָט געקענט רומעניש, דייטש און פראַנצויזיש און העברעאיש דערצו און ער איז געווען אַ ווינטש־פינגערל פאַר אַ רייכן שווער. דער איינציקער פעלער זיינער איז געווען, וואָס ער איז געווען אַ... ציוניסט. פאַר די רייכע יידן פון רומעניע איז דער ציוניזם געווען אַ יינגלישע זאַך און אפילו עפּעס אַזוי געפערלעך ווי דער סאָציאַליזם...

אַן אַנגעזעענער מענטש האָט אָנגעהויבן ווערן אין יאַסי אַ יידישער בחור, וואָס האָט זיך גערופן עוגען רעלגיס. ער איז געווען אַ פּאָלטיטשענער בחור, וואָס האָט אין דער היים געהייסן ס י ג ל ע ר און ער האָט זיין נאָמען איבערגעקערט אויף ר ע ל ג י ס . ער איז געווען אַ טויב־שטומער פון געבוירן און מען האָט אים מיט שווערער מי אויסגעלערנט ריידן, אָבער ער האָט קיין מאָס נישט געהאַט, ער פלעג אָדער צו שטאַרק שרייען, אָדער ריידן צו שטיל. אַ יונגער מענטש, האָט ער שוין געהאַט פאַרעפנטלעכט עטלעכע ראָמאַנען אין רומעניש און ער איז דערנאָך געוואָרן באַרימט מיט זיינע ווערק קעגן קריג און ספּעציעל מיט זיין באַאַרבעטונג פון פּראָפ. ג. ניקאָלאַים „די ביאָלאָגיע פון קריג". אַז מען האָט גערעדט צו אים פּאַוואָליע, האָט ער געקוקט אויף די ליפּן און פאַרשטאַנען. ער פלעג ליב האָבן צו

טענהן מיט יאַנקלען און ער האָט זיך אינטערעסירט מיט יידיש. אין לאַנד האָט קיינער נישט געוואוסט, אַז ער איז אַ ייד.

צווישן די דאַזיקע, וואָס האָבן זיך אָפּט באַגעגנט מיט די יידישע שרייבער איז געווען אַ דענטיסט, וואָס האָט זיך גערופן ענריק פאָרטונאַ. ער האָט איבערגעזעצט ביאַליקן אין רומעניש און נישט אָן קראַפט. און ווי אַלע, וואָס האָבן איבערגעזעצט פון יידיש אויף רומעניש, האָט ער אויך איבערגעזעצט גראַפּערן און ער איז געווען זיכער, אַז נאָך ביאַליקן איז גראַפּער דער גרעס־טער יידישער פּאָעט.

יאַנקל האָט זיך אין יאַסי געפונען צום מערסטן אין דער געזעלשאַפט פון מאָטיע ראַבינאָוויטש און אפרים וואַלדמאַן. ער איז איינגעשטאַנען ביי וואַלדמאַנס טאַטן, וואָס איז געווען אַ פּשוטער ייד, אָבער אַ מוקיר תּלמידי חכמים; ער איז געווען אַ ייד אַן אָרימאַן, אַ קליינער קרעמער, אָבער מאָטיע ראַבינאָוויטש איז געווען פון נאָך מער אָרימערן שטאַנד. קיין פאָטער האָט מאָ־טיע שוין נישט געהאַט און די מאַמע איז געווען על כּיכּר לחם. מאָטיע האָט געלערנט אין בית מדרש און ער איז געוואָרן אַן אַפּיקורס און אַ ציוניסט און ער האָט זיך אויסגעלערנט אַביסל בוכהאַלטעריע און ער האָט געאַרבעט ער־גע״ אין אַ פילאַנטראָפּישער געזעלשאַפט. אפרים וואַלדמאַן, וועלכן מען האָט גערופן פרויקע, איז געווען אַ סך יינגער פון ראַבינאָוויטשן, האָט זיין עלטערן חבר געלערנט רומעניש און אים געבראַכט צו זיך אין שטוב אריין און עס איז באַלד געוואָרן אַ ליבע צווישן אים און זיין שוועסטער מאַלי, וואָס איז געווען נאָך אַ בעסערע נשמה ווי פרויקע און ס׳האָט פון איר ממש געשטראַלט מיט גוטסקייט און הארציקייט. אין יענער שטוב פלעגן אריינקומען אַלע, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיט שרייבן, אָדער מיט דעקלאַמירן יידיש. עס זיינען אויך אריינגעקומען אייניקע יידישע צייכנער און ס׳זיינען שטענדיק געווען שמחות. צוליב יאַנקלען זיינען די שמחות געווען נאָך אָפּ־טער און דאָס לעבן איז געווען הוילע האָפנונגען, פרייד און געזאַנג. די גאַנ־צע גרופּע פלעג אָפּט איינגעלאַדן ווערן אין מיטעלע יידישע הייזער, וואו עס זיינען געווען טעכטער און עס האָבן געפּעלט שידוכים, אָבער קיין דירעקטע רייד וועגן קיין „תּכלית" האָט מען נישט געמאַכט. צו דער דאַזיקער גרופּע האָט זיך צוגעשאַרט דער שוין דערמאָנטער יונגער רומענישער דיכטער ב. פונדאַיאַנו. ער אַליין האָט קוים פאַרשטאַנען יידיש און באַקענט האָט ער זיך מיט די יידישע שרייבער, צוליב זיין שוועסטער לינאַ וועקסלער, וואָס האָט דעקלאַמירט יידיש, אָבער געזאָגט האָט ער, אַז עס ציט אים צו יידיש און אַז ער וועט ווערן אָדער אַ יידישער, אָדער אַ פראַנצויזישער פּאָעט און ער שרייבט דערווייל רומעניש, ווייל ער קען נאָך נישט גענוג גוט אַן אַנדער שפּראַך. ער איז געווען אַ דאַרער גרינער בחור, אַביסל אַ נאַכלייסיקער. דער קראַגן איז אים שטענדיק געווען פאַרדרייט און דער קראַוואַט — אַרויסגע־

שלעפּט. ער האָט היפּש אויסגעזען ווי איינער פון די פּאָעטן, וואָס מען שטעלט פאָר אין דער אָפּערעטע. אָבער אין זיינע גרינע אויגן איז געווען אַ זעלטענער רייץ. ער האָט געשריבן טרויעריקע לידער, אין וועלכע ער האָט נישט אויפֿ־געהערט טענהן צו גאָט פאַרוואָס ער האָט געמאַכט אַזאַ שלעכטע וועלט.... איבערהויפּט האָט געמאַכט אַ רושם זיינס „אַ ליד פון אַ קרעציקן", וואָס איז געווען דער אויסדרוק פון אַלע, וועלכע זיינען נישט צופרידן מיטן לעבן. ער האָט זיינע לידער געלייענט זעלטן שיין און ער פלעג האָבן דערפאָלג און ער האָט באַלד אַרויסגערופן אייפערזוכט. די יידישע חברים האָבן געלאַכט פון אים און אַנטיסעמיטן האָבן זיך דערוואוסט, אַז ער איז אַ ייד און זיי האָבן גענומען רייסן שטיקער פון אים. יאַנקלען איז ער אומגעהויער געפעלן און ער האָט ליב געהאַט צו שמועסן מיט אים, כאָטש קיין געמיינזאַמע שפּראַך האָבן זיי נישט געפונען און זיי האָבן געדאַרפט ריידן יידיש, רומעניש און דייטש צוזאַמען. איבערהויפּט האָט אונזער העלד גערעדט מיט פונדאַיאַנו וועגן פי־לאָזאָפיע. דער יונגער פּאָעט איז געווען יינגער פון יאַנקלען מיט אַ פּאָר יאָר און ער איז שוין געווען היפּש באַהאַוונט אין פילאָזאָפיע און אונזער העלד האָט געפילט נישט אָן קינאה, ווי זיין יינגערער חבר וואַקסט אים אַריבער פון טאָג צו טאָג אין די קענטעניש פון פילאָזאָפיע...

די חברה האָט געהאַט אַן אייגענעם ליץ, וואָס האָט צוגעשמאָלצן צו דער יוגנט־פרייד, וואָס האָט אַזוי אויך נישט געפעלט. דער דאָזיקער ליץ האָט געהייסן אַלציינס ווי דער שטאָט־משוגענער: כאַצקל. ער איז געווען אַ קליינ־טשיקער, אַ דאַרינקער, ער האָט געהאַט אַ קליין פּנימל און נאָך אַ קלענער נעזל און קליינע, פינקלענדיקע אייגלעך. אַלץ אין אים האָט געלאַכט. ער איז געווען אַ סך מער גרויס קינד ווי ליץ. אַז אים איז עפּעס געפעלן, האָט ער געקייכט פאַר געלעכטער און געטאַנצט פאַר פרייד. ווען ער האָט צום ערשטן מאָל געהערט יאַנקלען זינגען „מאי קא משמע לן", האָט ער נישט אויפגע־הערט שפּרינגען פון פּלאַץ און שרייען „אוי, גוט!" מיט דער צייט האָט ער זיך דערוואוסט, אַז מען נעמט אים אָן ווי אַ ליץ, איז עס אים געפעלן און ער האָט שוין אַליין אויך גענומען שפּילן די ראָליע פון אַ ליץ; גראָפּער פלעג אָפּט ליידן פון מעלאַנכאָלישע אָנפאַלן, פלעג כאַצקל אים גיין פריילעך מאַכן און דערפאַר קריגן אַ פּאָר גראָשן, ווייל הונגעריק איז ער שטענדיק געווען. ווען כאַצקל פלעג אַריינקומען אין אַ שטוב אַריין און דערזען דאָרט אַן עפּל, פלעג ער באַלד אים צעשניידן און אויפעסן און ווען ער האָט שוין געהאַט אַ קליין שטיקל, האָט ער געפרעגט דעם באַלעבאָס, צי ער וויל אויך. ער האָט אָפּגעטאָן אַ סך מיאוסקייטן, אָבער נישט פאַר שלעכטקייט, נאָר פאַר נאַיוו־קייט און פּראָסטקייט. מען האָט דערציילט וועגן אים אַזאַ געשיכטע: איינער פון דער גרופּע האָט געהאַט באַציאונגען מיט, נישט דאָ געדאַכט, אַן אישת איש. ער האָט זי ליב געהאַט און זי האָט אים ליב געהאַט און ער פלעג אַריינ־

קומען צו איר פונקט, ווען דער מאַן איז נישט געווען אין דער היים. כאַצקל האָט זיך דערפון דערוואוסט און ער האָט געזאָגט, אַז ער וויל אויך... ער האָט געטשאַטעוועט, ווען דער פרעמדער מאַן איז אַוועק פון זיין געליבטער און ער איז אַריין צו דער פרוי און ביי איר געפרעגט: „וואָס האָט דאָ געטאָן ...?" יענע האָט געוויינט און געשוויגן און דער ליץ האָט געזאָגט: „אויב דו וועסט נישט באַלד זיין מיינע, וועל איך דערציילן דיין מאַן". דאָס ווייבל האָט זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים און טויט איבערגעשראָקן האָט זי זיך איבערגעגעבן דעם ליץ דעם איבערפאַלער... אָבער דאָס איז געווען אַן איינציקער פאַל, בי־כלל איז דער דאָזיקער ליץ געווען אַ שטילער און אַ מילדער און ער האָט ליב געהאַט יידישע ביכער און יידישע לידער און דאָס גרעסטע גליק זיינס איז געווען צו קענען ריידן מיט אַ יידישן שרייבער.

יאַנקל האָט אין יאַסי פאַרבראַכט ביז נאָך פּסח און ער האָט דאָרט אי־בערגעלעבט אַ פריילעכן פּורים און אַ פריילעכן פּסח, כאָטש נישט ווייט פון יענער שטאָט האָט זיך געגאָסן בלוט ווי וואַסער און ווען מען האָט גענומען אַ צייטונג אין דער האַנט אַריין, איז געוואָרן קאַלט אין יעדן איבר און פון אַ יידישער צייטונג איז שוין געוואָרן גאָר פאַרגליווערט דאָס בלוט. עס האָט דעמלט געהערשט אין רומעניע אַ פרייד פון פאַרצווייפלונג. מען האָט זיך ווי געזאָגט: „לאָמיר היינט לעבן, ווייל מאָרגן — ווער ווייסט, וואָס עס וועט געשעען!" די צענטראַל מאַכטן און די אַליאַטן האָבן געפירט אַ מוראַ־דיקן קאַמף איבער רומעניע און ס'איז געווען זיכער, אַז דאָס לאַנד וועט זיך פון דער מילחמה נישט אויסדרייען. פון דער היים האָט אונזער העלד באַקו־מען בריוו, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן און געענדיקט מיט אַ לויב צו גאָט, וואָס ער איז אַוועק, ווייל האַלב קיליע האָט מען שוין באַלד אויסגעשאָסן. די שוועסטער שיפרה איז שוין געהאַט צוריקגעקומען פון אַרגענטינע. זי האָט געהאַט די אמתע נסיעה. זי איז אָנגעקומען קיין איירָאָפּע, ווען דער קריג איז שוין געהאַט אויסגעבראָכן און זי האָט געדאַרפט פאָרן איבער טערקיי, בול־גאַריע און רומעניע ביז וואַנען זי איז אַהיימגעקומען. און געפאָרן איז זי אויף דעם חשבון פון רוסישן קאָנסול. זי האָט אַהיימגעבראַכט מער זאָרג ווי פרייד. פון התונה מאַכן זי האָט מען אין יענער צייט אפילו נישט געקענט קלערן.

אידעיש האָט זיך אונזער העלד געפילט אין אַ מין צעמישעניש. ער איז געווען אַ ציוניסט און ער איז דאָך געווען אַ יידישיסט, כאָטש ער איז נישט געווען קיין אַנטי־העברעאיסט. זיין גורל האָט ער שוין געהאַט פאַרבונדן מיט יידיש. זיינע חברים האָבן נאָך אַלץ געקלערט פון ווערן העברעאישע שריי־בער, כאָטש פּרויקע האָט געקענט זייער ווייניק העברעאיש און יעקב גראָפּער האָט אויך געקענט אויף דעם שפּיץ מעסער. יעקב גראָפּער איז געווען אין טשערנאָוויץ בעת דער שפּראַך־קאָנפערענץ און ער האָט וועגן איר דערציילט

ניסים, דאָך האָט ער געגויגט מער צו העברעאיש און ער האָט דערציילט, אַז דער גאַליציאַנער יידישער פּאָעט שמואל יעקב אימבער נויגט אויך מער צו העברעאיש, כאָטש ער שרייבט נאָר יידיש. ווען גראַפּער האָט געהערט ריידן וועגן אַ יונגען העברעאישן דיכטער, האָט ער אַזש געצאַפּלט...

אין יענער צייט איז י. ל. פּרץ אַוועק אין דער אייביקייט אין וואַרשע און די גרופּע „ליכט" האָט אויף כוח דורכגעפירט אַ פּרץ־אַקט אין דער „טוינבעהאַלע". אַ בחור, וואָס האָט זיך געדרייט לעבן דער גרופּע און וואָס האָט געהייסן אַסקאַר קרעמער, האָט מיט דער הילף פון דער גרופּע אָנגע־שריבן אַ נעקראָלאָג וועגן פּרצן און אים אַוועקגעשיקט אין דער רעגירונג־צייטונג פון בוקאַרעשט — וויטאָרול" (די צוקונפט), וואָס איז געווען האַלב אַנטיסעמיטיש. די צייטונג האָט געדרוקט דאָס אַרטיקל און זי האָט אָנגע־גיבן אַ באַמערקונג, אַז געוויינלעך איז פּרץ אַ נאָמען פון אַ באַנקיר, אָבער דאָס מאָל איז עס אַ נאָמען פון אַ קינסטלער... דער זעלביקער בחור האָט שוין אָנגעשריבן אַן אַרטיקל וועגן דער יידיש־קולטורעלער באַוועגונג אין רומעניע. די לייט פון דעם „פאַרבאַנד פון די איינגעבירגערטע יידן" האָט עס נישט געשמעקט. זיי האָבן געטענהט, אַז רומעניש יידן ריידן שוין נישט קיין יידיש, אויסער אַלטע לייט. פּאַקטיש האָט פּרצס טויט געגעבן אַ סיגנאַל צו אַ קאַמף פאַר יידיש און פאַר יידישער קולטור אין רומעניע. אויך די סאָ־ציאַליסטן האָבן גענומען אינטענסיווער קעמפן פאַר יידיש. אייניקע פון דער גרופּע האָבן געפּרואווט פּרצן אַביסל פאַרבן ציוניסטיש (מען האָט ביי פּרצן געפונען אַלצדינג), יאַנקל האָט אים געוויזן ווי אַ גרויסן יידישן שרייבער און ווי אַ קעמפער פאַר יידיש לעבן. די גרופּע „ליכט" האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ טור איבער אייניקע שטעט און שטעטלעך מיט אַ פּרץ טרויער אַקט. גראַ־פּער האָט נישט געקענט פאָרן און געבליבן זיינען מאָטיע, פּרויקע און יאַנקל. די „איינגעבירגערטע" יידן האָבן שטילערהייט באָיקאָטירט די אָוונטן און די עלטערע ציוניסטן האָבן אויך נישט אַרויסגעוויזן קיין ענטוזיאַזם צו זיי. דערפאַר איז די יוגנט געווען זייער ענטוזיאַסטיש. אין אייניקע ערטער איז געקומען צו סקאַנדאַלן — יידן האָבן געשריגן, אַז מען זאָל ריידן רומעניש. פּרויקע האָט זיין רעפעראַט געהאַלטן אויף רומעניש, אָבער צו אים האָט מען זיך דווקא צום ווינציקסטן צוגעהערט. אויך די יוגנט האָט דעמלט נאָך גע־קענט בעסער יידיש ווי רומעניש. און פּרויקע האָט סוף כל סוף אויך אָנגע־הויבן צו ריידן יידיש. די גרופּע איז געפאָרן ביז גאַלאַץ און בראַילאַ, וואו זי האָט געהאַט די וואַרימסטע אויפנאַמע און דרך אגב האָבן די רעדנער געקראָגן חברישע באַמערקונגען פאַרוואָס זיי האָבן אַזוי ווייניק גערעדט וועגן ציוניזם און זיי האָבן נישט אויסגעקליבן ביי פּרצן קיין מער ציוניסטישע זאַכן. יאַנקל האָט זיך אַרויסגעכאַפּט, אַז פּרץ איז גאָר קיין ציוניסט נישט געווען און אַז פון זיין שטאַנדפּונקט איז נאַציאָנאַל יידיש לעבן אין גלות אויך אַ

טייל פון ציוניזם. קיין גאָר גרויסע קעגנערשאַפט האָט די דאָזיקע באַהויפּטונג נישט אַרויסגערופן, ווייל אַלע האָבן דעמלט געהאַלטן, אַז „געגנוואַרט־אַר־בעט" איז טאַקע אויך ציוניזם. דער רעזולטאַט פון יענעם טור איז געווען, אַז מען האָט פון אַלע זייטן אָנגעהויבן איבערזעצן פּרצן אויף רומעניש און זיינע פאָלקסטימלעכע געשיכטן און סקיצן זיינען דערשינען אין די פאַר־שיידנסטע יידיש־רומענישע אויסגאַבן, אין נישט שלעכטע און צומאָל אויך אין עם האַרצישע איבערזעצונגען. אין איין וועגס האָט מען שוין גענומען אי־בערזעצן אויך אַנדערע יידישע שריפטשטעלער און ס'איז דערשינען אַ באַנד דערציילונגען פון אַבֿרהם רייזען אין דער נישט שלעכטער איבערזעצונג פון איינעם קאַלמאַנאָוויטש, וואָס האָט דאָס וואָרט „עליה" געשריבן אויף רומע־ניש „נאַליא" און ער האָט פאַרטייטשט, וואָס דאָס מיינט. האָט מען זיך געוויצלט, אַז קאַלמאַנאָוויטש האָט געקראָגן אַ „נאַליא", האָט מען געזען, אַז ער קען נישט אין די קליינע אותיותלעך...

מאַטיע ראַבינאָוויטש און אפרים וואַלדמאַן זיינען אַוועקגעפאָרן צוריק קיין יאַסי און יאַנקל איז געבליבן אין בראַילע, פון וואַנען ער האָט נישט גע־טאָרט אַרויספאָרן; ער איז איבערגעבליבן אין גאַלאַץ, אָבער זיין היים איז פאָרט געווען בראַילע. דאָרט איז ער געווען פאַרשריבן און דאָרט איז ער גע־שלאָפן. אויף די עטלעכע העברעאישע לעקציעס, פון וועלכע ער האָט געהאַט זיין מאָגערע חיונה, האָט ער געהאַט אין בראַילע. די ערשטע צייט האָט ער פאַקטיש נישט געהאַט אויף קיין דירה־געלט און ער האָט געוואוינט אומזיסט ביי איינעם אַ שניידער גרינבערג. דער דאָזיקער שניידער האָט געהאַט אַ זון, וואָס איז געווען אַ סאָציאַליסט און ער איז געוואָרן אַ ציוניסט און ער האָט ביים איבערגיין צום ציוניזם אַרויסגעגעבן אַ בראָשור אין רומעניש, וואָס האָט געטראָגן דעם העברעאישן טיטל „לצעירי עמי" (צו דער יוגנט פון מיין פאָלק) און איז געווען געשריבן אויף דעם שטייגער פון מאַרים ווינטשעווסקיס „זאָל זיין ליכט!" דער מחבר האָט געוואָלט דערווייזן, אַז דער סאָציאַליזם לייזט לחלוטין נישט די יידישע פראַגע און אַז לייזן די דאָזיקע פראַגע קען נאָר דער ציוניזם. זיינע יונגע חברים, די סאָציאַליסטן, האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ פאַררעטער. געחתמעט זיין בראָשור האָט דער יונגער בחור „בן הדור" און ער איז שוין מיט זיין פּסעוודאָנים געבליבן אָנשטאָט מיט זיין אייגענעם נאָמען. ער איז געווען אַ קליינינקער און אַ דיקלעכער, אַזוי ווי אַ קאָבאָקל און ער האָט געהאַט אויסגעסטאַרטשעטע אויגן. ער האָט אויסגעזען אי ווי אַ קינד, אי ווי עפּעס אַ זקן. ער האָט זיך באַלד באַפריינדעט מיט אונזער העלד און אים גענומען צו זיין טאַטן אין שטוב אַריין, כאָטש דאָרט האָט שטאַרק געפייפט דער דלות. וואָכנלאַנג האָט יאַנקל נישט נאָר געוואוינט, נאָר אויך געגעסן ביי דעם אָרימען שניידער אין שטוב. בן הדורס טאַטע איז געווען אַ גאַליציאַנער און אין מאָמענט פון אינטעליגענטישע דיסקוסיעס האָט ער גע־

רעדט דייטש. ער איז געווען זייער צופרידן, וואָס זיין זון איז געוואָרן אַ ציוניסט. ערשטנס האָט ער געוואָלט, אַז ער זאָל זיין אַ ייד, נישט קיין „גוי", צווייטנס האָט מען דעמלט אין רומעניע פאַרפאָלגט פאַר סאָציאַליזם, בעת דער ציוניזם איז געווען כשר ביי דער פּאָליציי. דער אָרימער שניידער האָט זיין „רוסישן" גאַסט נישט אַרויסגעלאָזט פון שטוב און ער האָט געוואָלט, אַז ער זאָל זיין זון אַלץ מער און מער צובונדן צום ציוניזם. דער יונגער אי־בערגייער האָט זיך אַזש גענומען שרייבן יידיש, אָבער ס'איז אים אָנגעקומען שווער. אין יענער צייט איז אָנגעקומען קיין בראַילע קריסטיאַן ראַקאָווסקי, וואָס איז געווען דער פּאַקטישער סאָציאַליסטישער פירער אין לאַנד. דער טעאָרעטיקער פון סאָציאַליזם איז געווען דאָבראָדזשעאַנו גערעאַ, וואָס האָט שוין לאַנג פאַרגעסן, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ ייד און ער האָט אין רוס־לאַנד געהייסן קאַץ. זיינע קינדער האָט ער דערצויגן ווי גויים. ער האָט צו־געפּאַסט דעם מאַרקסיסזם צו דער באַלקאַנישער עקאָנאָמיק און מען האָט אים גערופן „דער באַלקאַנישער פּלעכאַנאָוו". ער איז אויך געווען איינער פון די בעסטע רומענישע ליטעראַטור קריטיקער און פון די ערשטע מאַרקסיסטישע ליטעראַטור קריטיקער אין דער וועלט. אָבער ער איז שוין דעמלט געווען אַלט און זיין וואָרט האָט ער זייער זעלטן געלאָזט הערן. ער איז געווען אַ רייכער מאַן. די אַלע מיניסטאָרן פון יענער צייט, די אַזוי גערופענע „ליבעראַלן" זיינען געווען סאָציאַליסטן און דאָבראָדזשעאַנו גערעאַס געוועזענע תּלמידים און זיי האָבן זייער רבין געשעצט אויך דעמלט, ווען זיי זיינען געוואָרן זיי־נע פּאָליטישע קעגנער. זיי האָבן אים אָנערקענט אַלס גרויסן ליטעראַטור קרי־טיקער און זיי האָבן אים דערפאַר געשענקט דעם בופעט אין דער גרויסער אייזנבאַן־סטאַנציע פּלאָיעשטי (אַ שעה פאַר בוקאַרעשט) און פון דעם דאַ־זיקן בופעט איז ער רייך געוואָרן. דר. קריסטיאַן ראַקאָווסקי איז דעמלט גע־ווען יונג און ענערגיש און ער איז געווען דער ריכטיקער סאָציאַליסטישער פירער. ראַקאָווסקי איז געווען אַ בולגאַר און כאָטש ער איז דערצויגן גע־וואָרן אין רומעניע, האָט ער דאָך גערעדט רומעניש מיט אַ בולגאַרישן אַקצענט. ער האָט אייגנטלעך געקענט כמעט אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכן, אָבער אַלע האָט ער זיי גערעדט מיט אַ פרעמדן אַקצענט. דאָך איז ער געווען אייגער פון די בעסטע רומענישע רעדנער און מען האָט אים פאַרגליכן צו זשאָרעסן. ער איז געווען אומגעהויער אַרבעטזאַם. ער האָט רעדאַקטירט די טעגלעכע רומענישע סאָציאַליסטישע צייטונג „לופּטאַ" (דער קאַמף) און אַ מאַרק־סיסטישן חודש־זשורנאַל און ער האָט זייער אָפט געהאַלטן עטלעכע רעדעס אַ טאָג. ער האָט דערביי געפירט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט צענדליקער באַרימ־טע אייראָפּעאישע פּערזענלעכקייטן, צווישן זיי אויך נישט קיין סאָציאַליסטן און אויסער דעם, האָט מען געזאָגט, אַז פרויען פאַרליבן זיך אַלע מאָל אין אים און ער איז אויך דער ריכטיקער ליבע־ריטער. אין בראַילע איז געווען

ערד־טרעטעניש, ווען דר. ק. ראקאווסקי האט געהאלטן זיין רעדע אין איינעם פון די גרעסטע זאלן. יאנקל געדענקט דעם אנהויב פון זיין רעדע. ער האט געזאגט „חברים, (דערביי האט ער דאס דאזיקע ווארט שוין שלעכט ארויסגעזאגט, אנשטאט „טאווארישׂ״, ווי מען דארף זאגן, האט ער געזאגט „טאווארישי״...) ווען איך בין געקומען צום ערשטן מאל קיין בראילע, איז געווען א ים פון קעפ און א ים פון מענטשן און די גאנצע וועלט האט מיך אפלאדירט און דעמלט האב איך געזאגט: „ניין, חברים, די אליגארכיע האט נישט קיין כוח אין רומענישן לאנד, אויב מען קען מיך אזוי אויפנעמען.״ דער זאל האט געשטורעמט. ראקאווסקי איז געווען זייער אימפאזאנט. ער איז געווען א פעסטער, כמעט הויכער מאן און ער האט געהאט אויגן ווי צוויי שטורקאצן און א לאנגע, שווארצע באָרד. די ברענענדקע אויגן האבן אים געלאכט מיט א מענערישער און זיכערער פרייד. מען האט דערציילט וועגן אים לעגענדן, וואס זיינען געווען אמת. זיין פאטער איז געווען א רייכער פאסעסאר אין דאברודזשא און ער האט די גאנצע ערד מיט דעם רעמאנענט אוועקגעשענקט די פויערים. ווען ער איז געווען אויסבאהאלטן ביי דעם באוואוסטן רומענישן זשורנאליסט קאנסטאנטין מילע אין שטוב, ווייל פאליציי האט אים געזוכט און געוואלט ארעסטירן און מילע, וואס האט גראד דעמלט קאנדידירט אויף דעפוטאט אין פארלאמענט אריין ווי אן אומפארטייאישער, האט געבעטן זיין גאסט, אז ער זאל שטיצן זיין קאנדידאטור, איז ראקאווסקי צוגעלאפן צום באלקאן און האט זיך איבערגעגיבן דער פאליציי... יאנקל האט נאך קיינמאל אין זיין לעבן נישט געזען אזוי ענטוזיאסטיש אויפנעמען א מענטשן, ווי ער האט דעמלט געזען אויפנעמען ראקאווסקין אין בראילע. ער האט שוין געהאט געזען סארא בערנאר אין אדעסער טעאטער, ער האט געזען ווי די היסטערישע אדעסערנס האבן אויפגענומען דעם קינא־סטאר מאקס לינדער, ער האט אויך געזען ענטוזיאסטיש אפלאדירן ביאליקן און אסתר רחל קאמינסקא, אבער אזא עקסטאז ווי ביי ראקאווסקין האט ער נישט געזען. מענטשן זיינען געווען גרייט זיך צוווארפן אונטער זיינע פיס. בן הדור האט זיך געצאפלט און ס׳האט אים, אויסער יעדן ספק, באנק געטאן, וואס ער איז געווארן אויס סאציאליסט. יאנקל האט זיך געטראכט, אז אזוי פילט זיך מיסתמא א משומד צו כל נדרי, כאטש דער יונגער הארציקער יאט איז בשום אופן נישט געווען קיין משומד און ער איז אפילו נישט געווארן אויס סאציאליסט, ער איז נאר געווארן אויך א ציוניסט. דער פאטער בן הדורס האט מורא געהאט, אז דער זון זאל אים נישט ווערן צוריק קיין סאציאליסט און ער האט געזאגט, אז אויב דער זון וועט איצטער נישט ווערן אויס ציוניסט, וועט ער דארפן בענטשן גומל, אלציינס ווי א חזיר, וואס בלייבט לעבן נאך „קריטשון״ (וויינאכטן). ביי אונזער העלד איז דעמלט געווארן קלאר, אז מען דארף שאפן א סינטעז צווישן סאציאליזם, ציוניזם און יידיש לעבן

אויף דעם פּלאַץ און ער האָט געפילט, אַז יידישקייט אין דער ריינסטער פאָרם, אַזוי ווי ביי די נביאים עמוס און ישעיה, איז אייגנטלעך סאָציאַליזם.

נאָך צוויי נומערן „ליכט" זיינען דערשינען אין משך פון דעם זומער. אויך די לעצטע צוויי נומערן זיינען דערשינען אַ דאַנק דער אַרבעט פון אונזער העלד. מען האָט אים איינגעלאַדן אין איינִיקע שטעטלעך צו האַלטן לעקציעס און ער האָט דעם האָנאָראַר באַשטימט פאַר דעם זשורנאַל. איבערהויפּט האָט יאַנקל געשאַפן אַ היפּשע סומע אין אַ שטעטל ווייט אין דער מאָלדאַווע, וואָס האָט געהייסן מאַינעשטי. דאָס דאָזיקע שטעטל האָט געהאַט אומגעהויער אַ סך ציוניסטן. די ערשטע ציוניסטן זיינען אין רומעניע פּאַקטיש געווען פון יענעם שטעטל. עס האָט זיך אַזש געשאַפן אַ ווערטל „דורך מאַינעשט קיין ארץ ישראל". דער פירער פון די ציוניסטן אין יענעם שטעטל איז געווען אַ זייגער־מאַכער מיט אַ ווייסן קאָפּ און מיט אַ ווייס קורץ געשוירן בערדל, וואָס האָט געהייסן ביימאָוויטש. ער איז געווען אַ למדן און אַ משכיל און ער איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער ציוניסטישער פאַנאַטיקער. ער אַליין האָט פאַרנאַכלעסיקט די מישפּחה און די פּרנסה און ער איז געפאָרן צו ציוניסטישע קאָנגרעסן אין אויסלאַנד און אין לאַנד און ער איז געווען אַן אמתער ציוניסטישער חסיד, וואָס ליגט איבער אָנשטאָט ביים רבין, ביים ציוניזם. ער האָט לעבן זיך געהאַט אַ יוגנט פון גימנאַזיסטן און סטודענטן און אַ דאַנק אים האָט די יוגנט אַראָפּגעבראַכט יאַנקלען אויף אַ ציקל לעקציעס און אים דאָרט אָפּגעהאַלטן אַריבער אַ חודש. אַפילו דער שוחט פון שטעטל, וואָס איז טיילווייז געווען אויך דער דיין, איז געווען אַ ציוניסט. און מען האָט געזאָגט, אַז ביים אָנקומען קיין מאַינעשט, נעמט דער קאָנדוקטאָר אָן אַ שקל פאַר אַ בילעט. דאָס גאַנצע שטעטל איז געשטאַנען ווי גרייט אַוועקצופליען און עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס וואַרט אויף אַ שטאַרקן ווינט, וואָס זאָל עס אָננעמען און אַוועקפירן קיין ארץ ישראל. זייענדיק אין מאַינעשט האָט יאַנקל געהאַט דעם איינדרוק, אַז אָט, אָט איז שוין דער גאַנצער ציוניזם דערגרייכט. נאָך דער ערשטער רעדע איז צו אונזער העלד צוגעקומען דער דאָקטער פון שטעטל, אַן עלטערער מאַן און ער האָט צו אים גערעדט דייטש און ער האָט אים געזאָגט, אַז ער איז „פון דער נאַטור" געווען פאַר אַסימילאַציע, אָבער אויב דאָס גאַנצע יידישע פאָלק ווילן ציון, וועט ער נישט אַוועק פון פאָלק, ער געדענקט נאָך, אַז עס שטייט געשריבן „אל תפרוש מן הציבור". און צום אַוועקגיין האָט ער אויסגעשטרעקט דעם יונגען רעדנער די האַנט און ער האָט אים געזאָגט „אַ־דיע! וויסן זי וואָס אַ־דיע מאַינט? אַ־דיע מאַינט: מיט גאָט!" און ער איז אַוועקגעגאַנגען. צוזאַמען מיט יאַנקלען איז אויפגעטראָטן אויך אַ רומענישער רעדנער, אַ סטודענט, וואָס האָט געהייסן הערשקאָוויטש. ער האָט גערעדט שיין און קלוג. נאָך ביידנס רעדעס איז צוגעגאַנגען דער זייגערמאַכער ביימאָוויטש און ער האָט געזאָגט צו הערשקאָוויטשן: „איר האָט

גערעדט שיין, אָבער נישט אַזוי היים, ווי דער רוסישער גנב". דערמיט איז געלייגט געוואָרן דער חותם... מאַינעשט איז געווען גרייט צו האַלטן דעם יונגען רעדנער ביי זיך אַפילו אַ גאַנץ יאָר.

אַ נאַרישקייט געדענקט זיך! די דינסט פון האָטעל, אַ יונגע שיינע, ברענענדיקע שיקסע, האָט זיך פאַרליבט אין אונזער העלד ביז משוגעת און זי האָט געהאַט טענהס צו אים פאַרוואָס ער רופט זי נישט, אַנדערע געסט, וועלכע זי קען נישט ליידן, רופן זי און ער, וואָס זי האָט אים אַזוי ליב, רופט נישט. ער האָט נישט געוואוסט, אַז מען דאַרף אין האָטעל רופן די דינסט, ער איז ביז דעמאָלט כמעט ווי נישט איינגעשטאַנען אין קיין האָטעל. שפּע־טער האָט מען אים שוין אין אַלע האָטעלן פון לאַנד, געפרעגט אויף דעם רומענישן שטייגער, צי ער וויל אַ „גאַנץ בעט", אָדער אַ „האַלב בעט"... אַ חודש איז אונזער העלד אָפּגעווען אין דעם מאַינעשטי, דורך וועלכן מען פאָרט קיין ארץ ישראל און דאָס גאַנצע שטעטל האָט נאָך אים געבענקט און די דינסט, האָט ער געזען, האָט געוויינט, ווען זי האָט אים אַרויסגעטראָגן דאָס רענצל און דאָס טרינקגעלט האָט זי אים נישט געוואָלט נעמען. געוויינט האָט אויך אַ יונגערמאַן, אַ סטודענט, וואָס האָט געהייסן ב. זעליג און ער האָט איבערגעזעצט מענדעלע מוכר ספרים אויף רומעניש און ער האָט דווקא גע־וואָלט, אַז ער זאָל אים זאָגן, צי די איבערזעצונג איז גוט און עס האָט נישט געהאָלפן דאָס ענטפערן, אַז ער קען נאָך נישט גענוג רומעניש. ער האָט אים געענטפערט, אַז ווען ער קען נישט און אַנדערע קענען יאָ, איז נאָך נישט גלייך. שפּעטער מיט יאָרן האָט יאַנקל געקראָגן שוין קיין אַרגענטינע אַ בוך מיט מענדעלעס „פישקע דער קרומער", איבערגעזעצט אויף רומעניש פון דר. ב. זעליג, אָבער געשיקט האָט נישט דער איבערזעצער אַליין, נאָר זיין ברודער, ווייל דער איבערזעצער אַליין איז געשטאָרבן. ער האָט געענדיקט אויף דאָקטער און איז געשטאָרבן. און ער האָט אָנגעזאָגט, אַז ווען ער וועט אַרויס־גיבן זיין איבערזעצונג זאָל ער שיקן אַן עקזעמפּליאַר צו אונזער העלד, וואו ער זאָל זיך נישט געפינען... מאַינעשט האָט יאַנקלען מיטגעגעבן אַ סומע, וואָס איז געווען גענוג אויף אַרויסצוגיבן דעם דריטן און דעם פערטן נומער „ליכט".

אין די צוויי לעצטע נומערן פון דעם דאָזיקן זשורנאַל האָט זיך באַוויזן אַ נייער מיטאַרבעטער, וואָס האָט אונטערגעשריבן „א. מ. חשמונאי" און „פ. מ. אהרון". דאָס איז געווען מאַטעסל פרידמאַן, אַ זון פון דעם אַדזשוטער רבין, אַ פּלימעניק פון בוהושער רבין. ער איז אַ שטיק צייט געווען אין דער בוקאָווינע ביי זיינע קרובים, די ריזשינער גוטע יידן, וואָס האָבן געוואוינט אין סאַדעגער און אין טשאָרטקאָוו און ער איז דאָרט געוואָרן אַ משכיל און אַפּי־קורס און ער האָט אין דער היים ביי זיך געהאַט געברוינטע ליידן. זיין מאַמע איז דערצו געשטאָרבן און זיין טאַטע האָט חתונה געהאַט צום צווייטן מאָל און ער האָט געהאַט די אמתע שטיפמאַמע, וואָס האָט אים דערגאַנגען די יאָרן.

מען האָט דערציילט, אַז מען האָט אים געצוואונגען חתונה צו האָבן פאַר זיין שוועסטערקינד, דעם פּאַשקאַנער רבינס אַ טאָכטער, כאָטש ער האָט ליב געהאַט אַן אַנדער מיידל און זי האָט ליב געהאַט אַן אַנדער בחור. מאָטעסל האָט געשריבן אי בעלעטריסטיק, אי ליטעראַטור קריטיק, אי סתם פּובליציסטיק. ער האָט געשריבן מיט אַ סך העברעאישע ווערטער אין חסידישן סטיל און ער האָט זיך דאָך אַרויסגעזאָגט פאַר יידיש. אין דריטן נומער „ליכט" האָט ער געשריבן, אַז העברעאיש קומט מיט יחוס, יידיש קומט מיט לעבן און אים איבערצייגט מער דאָס לעבן, ווי דער יחוס. ער האָט דאָס דאָזיקע געוויס געזאָגט, ווייל ער האָט פון זיין אייגענעם יחוס זיך היפּש אָנגעליטן. ער האָט געהאַט אַ ווערק, וואָס ער האָט גערופן „אויס דעם טאָגבוך פון אַ נאַטור־מענטש". פראַגמענטן פון דעם האָט ער פאַרעפנטלעכט אין „ליכט". אייגנט־לעך האָט דאָס ווערק געדאַרפט הייסן „אויס דעם טאָגבוך פון איינעם, וואָס וויל ווערן אַ נאַטור־מענטש". דער מחבר האָט גערעדט מיט אַ פּשטלדיקער שפּראַך וועגן דעם, וואָס אַלע אין דער נאַטור זיינען פריי, אויסער דעם מענטשן. אויך אַן אַרטיקל וועגן חסידיזם האָט מאָטעסל פאַרעפנטלעכט, אין וועלכן ער האָט באַהויפּטעט, אַז פּרץ און בערדיטשעווסקי און יהודה שטיינ־בערג האָבן פונקט אַזוי צו שטאַרק אידעאַליזירט דעם חסידיזם, ווי בראַנד־שטעטער האָט אים געוויזן צו שוואַרץ. די חסידים האָבן זיך באַלד דער־וואוסט, אַז זייער רבינס זון שרייבט אין די אַפּיקורסישע בלעטער און זיי האָבן גענומען פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז דער עוכר ישראל אונזער העלד האָט געגרייכט ביז צום „הויף" און געמאַכט דעם רבינס זון פאַר אַן אַפּי־קורס, בעת פאַקטיש איז מאָטעסל געווען אַ סך מער אַפּיקורס ווי יאַנקל.

אין בראַילע איז געוואָרן אַלץ לעבעדיקער און לעבעדיקער אין ציוניסטי־שן קרייז אַרום אַ דאַנק די אָפּטע רעדעס פון אונזער העלד און ס'איז גע־וואָרן אַזאַ באַוועגונג, אַז ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ מעגלעכקייט אַרויסצוגיבן אַ יידישן צוויי־וואָכן זשורנאַל. די איניציאַטיוו פאַר דעם האָט גענומען בן הדור און ער האָט געהאָלפן שאַפן געלט, אָבער קיין יידישע דרוקעריי איז אין בראַילע נישט געווען, אין גאַלאַץ איז אויך נישט געווען. אין גאַלאַץ האָט אַ ייד אַרויסגעגיבן פון צייט צו צייט אַ זשורנאַל אין יידיש, אָבער ער האָט אים געדרוקט מיט לאַטיינישע אותיות. אין זיכרון איז ביי יאַנקלען פאַר־בליבן אַן „אַפאָריזם" פון יענעם „זשורנאַל", אָט ווי ער האָט זיך געלייענט:

רוק זיך אהער,
שטופּ זיך צו מיר
וואָס דיין באַגער —
קריגסטו ביי מיר.

אין רומעניע זיינען צו יענער צייט דערשינען זייער אָפט אַזעלכע יידישע בלעטלעך, וואָס זיינען געווען געשריבן מיט לאַטיינישע בוכשטאַבן. ספּעציעל פלעגן די דאָזיקע בלעטלעך אַרויסגיין צו די געלעגנהייטן פון פאַרשיידענע יום טובים און איבערהויפּט צו דער געלעגנהייט פון שבת הגדול. אַלע חכמות האָבן זיך דעמלט געדרייט אַרום די פּאַרכעס. קיינעם איז דעמלט נישט איינגעפאַלן צו זאַמלען די דאָזיקע בלעטלעך. אויב יאַנקל האָט קיין טעות נישט, איז דער ערשטער, וואָס האָט פאַרעפנטלעכט יידישע בלעטלעך מיט לאַטיינישע אותיות געווען דער רומענישער הערשל אַסטראָפּאָליער, וואָס האָט געהייסן טשיליבי משה (טשיליבי זאָל זיין אַ חכם אויף טערקיש), וואָס האָט געלעבט אין פאָקשאַני אין דער מיט פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. דער באַגרינדער פון דעם דאָזיקן מין שרייבן איז געווען דר. סאָטעק (שותק), וואָס האָט זיך באַטייליקט אין דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ. ער האָט פון צייט צו צייט פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אין די רומעניש־יידישע צייטונגען און יידיש מיט לאַטיינישע אותיות. דר. סאָטעק איז שוין דעמלט געווען אַ מאַן אין די זיבעציקער, אָבער אויסגעזען האָט ער אַ סך עלטער. ער האָט געוואוינט אין בראַילאַ און ער איז דאָרט געווען אַ מעדיקער, אָבער עס איז אים געגאַנגען שלעכט אין דער פּרנסה און ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין דער פּאָליטיק און ער איז געווען אַ מיטגליד אין דער „ליבעראַלער" פּאַרטיי, וואָס איז געווען די רעגירונג פּאַרטיי און איז געווען היפּש אַנטיסעמיטיש. די דאָזיקע פּאַרטיי האָט געפירט אַ קאַמף קעגן דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי פון די לאַטיפונדיסטן און זי האָט גערעדט מיט דער שפּראַך פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אָבער זי האָט געוואָלט שאַפן אַ רומענישן בורזשואַזן קלאַס אויף דעם חשבון פון יידישן און האָט געדרוקט די שטאָטישע יידן מיט אַלע כוחות און זי האָט בשום אופן ניט געוואָלט גיבן די יידן קיין גלייכבאַרעכטיקונג, כאָטש זי האָט עס שוין אומצייליקע מאָל צוגעזאָגט. דר. סאָטעק האָט זיך געהאַלטן פאַר דעם ממונה איבער יידיש אין רומעניע און ווען די גרופּע „ליכט" איז געקומען קיין בראַילא, איז ער זי געקומען באַגריסן און די יוגנט האָט אים אויסגעפייפט. ער איז געווען געגנוג ציניקער, אַז ער זאָל זיך דערפון נישט נעמען צום האַרצן און ער האָט פאַר זיין קאַריעריזם באַקומען אַזאַ קליין געלט, אַז ער האָט זיך נישט געשראָקן פאַר דעם וואָרט „פאַררעטער". ער האָט געזאָגט, אַז יידיש איז זייער אַ גוטע שפּראַך, אָבער די יידן ווילן נישט האָבן קיין אייגענע שפּראַך. „יידיש טויג, האָט ער געזאָגט, אָבער די יידן, יעדנפאַלס די רומענישע יידן, טויגן נישט!" ער האָט געהאַלטן, אַז אין רומעניע מוז מען שרייבן יידיש מיט לאַטיינישע בוכשטאַבן, ווייל אַלע יידן קענען גוט יידיש, אָבער די יידישע אותיות קענען אפשר פינף פּראָצענט.

האָבן יאַנקל און בן הדור געמאַכט זייער זשורנאַל אין בראַילע און זיי

האָבן אים געשיקט קיין יאַסי דרוקן. דער זשורנאַל האָט געהייסן „דער האַ־מער" און ער איז געווען אַ קאָמפּערישער. ער האָט זיך דערלויבט שאַרף אַרויסצוטרעטן קעגן דעם „פאַרבאַנד פון די איינגעבוירגערטע יידן" און ער האָט גערעדונערט קעגן די מה יפיתניקעס די אַסימילאַנטן. מאַטיע ראַבינאָ־וויטש האָט אין יעדן נומער געדרוקט אַ פעליעטאָן, וועלכן ער האָט געחתמעט „דער היציקער" און די דאָזיקע פעליעטאָנען האָבן אַרויסגערופן אַ סך ענ־טוזיאַזם און אַ סך בייז בלוט. יאַנקל האָט געשריבן אין „האַמער" דערציי־לונגען, רייזע איינדרוקן און ליטעראַטור קריטיק. אויך אין דער „התקווה" האָט ער זיך געדרוקט אין יעדן נומער און ער איז געוואָרן דער פּאָפּולערסטער צווישן די יונגע ציוניסטישע זשורנאַליסטן אין רומעניע און ער האָט באַלד געקראָגן אַ וועלט מיט שונאים און אין אַ סך רומעניש־יידישע בלעטלעך איז מען אָנגעפאַלן אויף אים. כאָטש ער האָט פון בראַילע נישט געטאָרט אַרויס־פאָרן, איז ער דאָך אַרומגעפאָרן איבער פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך און ער האָט געהאָלפן פאַרשפּרייטן דעם „האַמער". דער שם זיינער איז גע־ווען אַזוי גרויס, אַז שדכנים האָבן אים אָפּגעשלאָגן די שוועלן און אַ סך האָבן געמיינט, אַז ער איז רייך ווי קורח, בעת ער איז אַרומגעגאַנגען מיט צעריי־סענע שיך און ווען נישט בן הדורס גוטע מאַמע, וואָלט ער געדאַרפט אַרומ־גיין מיט אַ קויטיק העמד. ער פלעג נישט איין מאָל גיין אין איינעם מיט דעם אַלטן העברעאיש־יידישן שרייבער און באַהעם אליעזר קאַסוואַן זוכן אַ גאָר ביליקן רעסטאָראַן, וואו צו עסן אָן אָרימען מאָלצייט פאַר אַ פּאָר גראָשן. דער כמעט זיבעציק יעריקער באַהעם האָט זיך געקלאָגט, אַז ס'איז נישט גוט צו זיין אַלט. ער פלעג זאָגן מיט אַ טרויעריק אַלט מויל: איך אויף זיי קוק און זיי מיך ווילן נישט אָנקוקן"...

חול המועד סוכות האָט יאַנקל געקראָגן אַ געלעגנהייט זיך צו באַקענען פּערזענלעך מיט דעם אַדזשוטער רבינס זון מאַטעסל פרידמאַן. ער איז דעמלט ווידער געפאָרן קיין מאַינעשט און אַדזשוט איז געווען אויפן וועג. מיט מאַ־טעסלען האָט ער זיך געהאַט איבערגעשריבן און חסידים האָבן שוין געהאַט איבערגענומען די פּאָסט, אַזוי אַז ער האָט די בריוו געמוזט שיקן צו מאַ־טעסלס אַ פריינד קיין אַדזשוט. דער יונגער גוט יידישער שרייבער האָט זיין אומבאַקאַנטן פריינד איינגעלאַדן צו זיך אויף אַ פּאָר טעג און עס איז גע־ווען צוגעגרייט אַזוי, אַז אַ פאַרטרויונגס מענטש האָט אויף אים געוואַרט אויפן וואָקזאַל און אים אָפּגעפירט אין „הויף" אַריין און אים אַריינגעגנבעט. קיינער האָט נישט געוואוסט אַז ער איז דאָ. מאַטעסל האָט אים אָפּגעוואַרט ביים אַריינגאַנג צו זיין פליגל. ער איז געווען אַ הויכער און אַ דאַרער, די האָר און דאָס בערדל זיינען, ווי ביי אַלע בוהושער קינדער, געווען רויטלעך. דאָס בערדל האָט אויסגעזען ווי פאַוואָריטן. אַפּיציעל האָט עס געהייסן, אַז ער צופּט עס אַרום, אָבער פאַקטיש האָט ער עס אַרומגעשוירן. די פאות האָט

ער אַרונטערגעשאַרט הינטער די אויערן. אין קלויז האָט ער זיי אַרויסגעשאַרט, אין גאַס האָט ער נישט געהאַט קיין פּאות און ער האָט נישט אויסגעזען חסידיש. דאָס פּנים איז ביי אים געווען לענגעכיק און טרוקן. ער האָט געטראָגן ברילן, אָבער הינטער די ברילן האָבן זיך אָנגעזען אויסדרוקפולע און אָנגעווייטיקטע אויגן. ער האָט געהאַט אַ נערוועזן „צוק". אַלע עטלעכע סעקונדן האָט זיך אים פֿאַרקרומט און פֿאַרצויגן דאָס פּנים און ער האָט אַ פּינטל געטאָן מיט די אויגן. ער האָט געהאַט עפּעס פֿון דעם אַריסטאָקראַטישן אויסזען פֿון אַלע „ריזשינער", אָבער ער האָט דערביי אויך אויסגעזען קראַנק און דעגענערירט. ער האָט דווקא געצוואונגען זיין גאַסט צו גיין אָן אַ היטל. אין די ערשטע עטלעכע ווערטער, וואָס ער האָט באַוויזן אַרויסצוברענגען, האָט ער זיין גאַסט מקנא געווען מיט זיין פֿרייהייט און ער האָט אויסגעקרעכצט אַ לויב־געזאַנג צו פֿרייהייט. ער וויל אָוועקפֿאָרן קיין יאַסי און דאָרט ווערן אַ בוכהאַלטער און לעבן אומאָפּהענגיק, אָבער זיין פֿאָטער האָט מורא, אַז עס וועט אים שאַדטן צו פּרנסה... אַזוי האָט ער געזאָגט. מען איז באַלד געקומען אים רופֿן צום דאַוונען אין קלויז אַריין און אין איין וועג אַ קוק טאָן ווער עס איז זיין אורח. יאַנקל האָט אים דערציילט, אַז ער קלויבט זיך שרייבן אַ דראַמע פֿון זיין עלטער פֿעטער בער ליעווערס לעבן. האָט ער געזאָגט: „מיר קומט אויס צו שפּילן די זעלביקע ראָליע, וואָס מיין עלטער פֿעטער... ווען איך קען טעאַטער, וואָלט איך אויך געשריבן אַזאַ דראַמע..." פֿינף מאָל איז מען געקומען אים רופֿן דאַוונען און ער איז נישט געגאַנגען. יאַנקל האָט פֿאַרשטאַנען, אַז עפּעס קוועטשט אים און ער האָט געפֿרעגט וואָס דאָ קומט פֿאָר. זיין פֿרוי האָט געענטפֿערט, אַז ער דאַרף אָנטאָן דאָס שטריימל און ער שעמט זיך. איז דער גאַסט אַרויסגעגאַנגען אין צווייטן צימער אַריין און דורך דעם שפּאַלט האָט ער געזען ווי דער קרענקלעכער מאַטעסל טוט אָן אַ הויך שטריימל מיט אַ שפּיץ און ער האָט געהערט ווי ער טוט אַ טיפֿן קרעכץ.

די פֿרוי חוהלע איז געבליבן אַליין מיט אים און זי האָט באַלד געזאָגט: „ווען די שוויגער וואָלט געזען, ווי איך בין געבליבן אַליין מיט אַ פֿרעמדן זכר, וואָלט זי מיך דערהרגעט". און זי האָט צוגעגעבן מיט אַ שמייכל: „כאָטש, וואו נעם איך דאָס דאָזיקע, וואָס איך וואָלט איר נישט געטרויעט..." חוהלע איז געווען אַ ליבע, האַרציקע און אינטעליגענטע פֿרוי. נישט קיין שיינע, אָבער מיט אַ חן. זי איז געווען נישט קיין רויטלעכע, נאָר אַ ברונעטע און זי האָט געטראָגן אַ גרויסן פּאַרוק און גרויסע ברילן און הינטער די ברילן האָבן געברענט זייער אומרואיקע אויגן. זי האָט נישט אויפֿגעהערט ריידן וועגן ליבע. ווען זיי האָבן חתונה געהאַט, האָט זי געזאָגט, האָבן זיי זיך נישט ליב געהאַט, אָבער מיט דער צייט האָבן זיי זיך ליב באַקומען צוליב די בשותּפֿותדיקע ליידן און האָפֿנונגען. דאָס ריידן וועגן ליבע איז ביי איר

געוועזן אַ שטיק מאַניע און כאָטש אונזער העלד האָט נאָך דעמאָלט נישט געקענט פֿרוידן, האָט ער געפֿילט, אַז נישט נאָר אויס נייגעריקייט רעדט זי וועגן ליבע. אין רומעניע איז דעמאָלט געוועזן די יידישע סובּרעטן קלאַראַ יאָנג, וואָס האָט מיט אַ צייט פֿריער געשפּילט אין פּוילן. זי האָט געשפּילט איינציקע אייראָפּעאישע און איינציקע יידיש־אַמעריקאַנישע אָפּערעטן און זי האָט געהאַט אַ ווילדן דערפֿאָלג. זי איז געוועזן די ערשטע מאָדערנע עלעגאַנטע פֿרוי, וואָס מען האָט געזען אויף דער יידישער בינע. זי האָט געזונגען און געטאַנצט מיט חן און מיט גראַציע און האָט אויסגעשפּילט די גאַנצע סקאַלאַ פֿון ליבע־לייד און ליבע־פֿרייד מיט זעלטענער האַרציקייט און לייכטקייט. די רומענישע יידן זיינען פּשוט פֿון די כּלים אַרויס. יאַנקל איז איין מאָל אַליין געפֿאָרן מיט איר אין אַ דראָשקע אין גאַלאַץ, ווען יונגעלייט האָבן אויסגעשפּאַנט די פֿערד און זיי האָבן אַליין געשלעפּט דעם וואָגן. מען האָט דעמאָלט דערציילט, אַז איין יונגערמאַן האָט זיך אויסגעבראָכן אַ פֿוס און ווען דער דאָקטער, צו וועלכן ער איז געגאַנגען, האָט זיך דערוואוסט פֿון וואָס ער האָט זיך אויסגעבראָכן, האָט ער געזאָגט, אַז ער קען אים נישט היילן, ער דאַרף גיין צו אַ וועטערינאַר... דערנאָך האָט זיך יאַנקל דערוואוסט, אַז דער וויץ איז אַן אַלטער. אַ סך יונגעלייט זיינען דעמאָלט געוועזן פֿאַרליבט אין קלאַראַ יאָנג און אונזער העלד איז געוואָרן איינער פֿון זיי און מען האָט באַלד צעשפּרייט אַ קלאַנג אין גאַנצן לאַנד, אַז דער יונגער שרייבער האָט זיך פֿאַרליבט אין דער באַרימטער סובּרעטן; חוהלע האָט שוין אויך געוואוסט דערפֿון און זי האָט אים נישט אויפֿגעהערט צו פֿרעגן ווי אַזוי ער קען זיין דאָ, ווען זיין געליבטע איז ערגעץ אַנדערש. זי האָט געזאָגט, אַז ווען זי וואָלט זיך אין עמיצן פֿאַרליבט, וואָלט זי אָן אים נישט געקענט לעבן. יאַנקל האָט געפּרואווט אָוועקוועגדן דעם שמועס אין אַן אַנדער זייט און ער האָט געזאָגט, אַז דאָס שטריימל האָט אויף מאַטעסלען אויסגעזען ווי אַ דערנער־קראַנץ, אָבער זי האָט נישט אויפֿגעהערט צו ריידן וועגן ליבע. ווען מאַטעסל איז צוריקגעקומען פֿון דאַוונען, איז ער אַ שטיק צייט אַרומגעגאַנגען מיט דעם שטריימל אין דער אָנוועזנהייט פֿון זיין גאַסט. יאַנקל האָט אים געזאָגט, אַז ער דאַרף פֿאַר קיינעם זיך נישט שעמען מער ווי פֿאַר זיך אַליין און ער האָט ביטער געשמייכלט. ער האָט דערנאָך אויך גערעדט וועגן ליבע און ער האָט דערציילט אויפֿריכטיק, אַז פֿריער האָט ער זיין פֿרוי נישט ליב געהאַט, אָבער דערנאָך האָט ער זי אמת ליב באַקומען און דאָס מיידעלע, וואָס זיי האָבן, איז נישט קיין צופֿעליקע, נאָר זי איז אַ פֿרוכט פֿון אמתער ליבע. צוויי טעג האָט יאַנקל פֿאַרבראַכט אין רבּינס הויף און זיי זיינען אַריבער ווי אין אַ חלום. מאַטעסל האָט געהאַט בערג מיט שריפֿטן און ווען אונזער העלד וואָלט געוואוסט, אַז מען וועט זיי אַמאָל פֿאַרברענען, וואָלט ער זיי געלייענט; ער האָט עס אָבער נישט געוואוסט און ער האָט פֿאַרבראַכט די טעג

און די נעכט אין שמועסן און ער איז אוועק מיט דער איבערצייגונג, אז דאס יונגע גוט־יידישע פאר בענקט אזוי נאך פרייהייט, אז עס וועט איבער־ברעכן מויערן און וועט זיך באפרייען, אבער א סך זאכן קומען פאר אין לעבן נישט אזוי ווי מען זעט זיי פארויס.

באלד נאך סוכות איז פארגעקומען אין גאלאץ א ציוניסטישער לאנ־דעס־קאנפערענץ, צו וועלכן מאטעסל האט געדארפט קומען, אבער ער איז נישט געקומען. די שטיפמאמע זיינע, וואס איז געווען א נגידישע טאכטער, האט געהאנדלט ווי א געמאכטע מכשפה און זי האט נישט דערלאזט, אז דער שטיפזון אירער זאל פארן צו „די ציוניסטן די הולטייעס". מען האט דעם דעם קאנגרעס געעפנט שפעטער מיט א מעת לעת און מאטעסל איז נישט געקומען.

אין דער ציוניסטישער באוועגונג פון רומעניע האט יענער קאנגרעס גע־שפילט א גאנץ באדייטנדיקע ראליע. דער ציוניזם איז שוין געגאנגען אין לאנד בארג אראפ און יענער קאנגרעס האט געגעבן א שטויס בארג ארויף. דעם גרעסטן חלק האט אין דעם געהאט דער באוואוסטער ציוניסטישער דיפלאמאט וויקטאר יאקאבסאן, וואס איז ספעציעל געקומען פון קאנסטאנ־טינאפאל און א געוויסן חלק האט אין דעם געהאט אויך אונזער העלד. וויק־טאר יאקאבסאן איז געווען א רוסישער ייד, וואס האט קוים געקענט ריידן יידיש. אין יידישע ענינים איז ער געווען א קנאפער למדן און ער האט אימ־פאנירט די רומענישע יידן מיט זיין אייראפעאישקייט און מיט זיין פראק־טישער חכמה. ער האט דערציילט סודות פון קאנסטאנטינאפאל, וואס האבן געהויבן פון פלאץ, כאטש אליין איז ער געווען א קאלטער. ער האט דער־ציילט, אז איין מאל האט מען אים גערופן צום סולטאן און מען האט אים געזאגט, אז איצטער קענען די ציוניסטן באקומען דעם „טשארטער", זיי דארפן נאר ברענגען א גרויסע סומע געלט, אין וועלכער די רעגירונג נויטיקט זיך, אבער די ציוניסטישע ארגאניזאציע האט די דאזיקע סומע נישט געקענט שאפן און זי האט פארלוירן די גרויסע געלעגנהייט. ער האט געמאכט פון ציוניזם א גרויסן, גרויסן חלום, ווי, א שטייגער, דאס גרויסע געווינס... גאלד־באגער האט געברענט מיט גאלדענעם פייער אין די הערצער פון אלע באטייליקטע.

אן אויבן אן פלאץ האבן אויף יענעם קאנגרעס געשפילט צוויי רבנים — דר. יעקב נאכט, וואס איז געווען רב אין פאקשאן און דר. יעקב נעמיראווער, וואס איז געווען רב אין דער ספרדישער קהילה פון בוקארעשט. צווישן די צוויי רבנים איז אנגעגאנגען א קאמף איבער דעם ערשטן פלאץ אין דער ציוניסטישער באוועגונג. דר. נעמיראווער איז געווען א קלוגער און א דיפ־לאמאט, דר. נאכט איז געווען א קליינער חכם, אבער א זייער אויפריכטיקער. דר. נעמיראווער האט געפרואווט זיין שלום מיט דער גאנצער וועלט און ער

האָט געהאַט אינטערעס צו זיין שלום מיט די „איינגעבירגערטע יידן”. זיין קהילה האָט נישט שטאַרק געהאַלטן פון ציוניזם און ער איז אויף דעם קאָנ־גרעס געווען אַ האַלב פּרעמדער, בעת דר. נאַכט איז געווען אַן עקסטרעמער קעגנער פון די „איינגעבירגערטע יידן” און אַ פאַנאַטישער ציוניסט און העברעאיסט. דר. נעמיראָווער איז געווען אַ קיילעכדיקער, אַ העלער, אַ שמייכלענדיקער; דר. נאַכט איז געווען אַ שפּיצעכיקער, אַ שוואַרצער, אַזוי ווי אַ ציגיינער און ווען ער האָט געלאַכט, האָט ער אויסגעזען ווי אַ קינד און ווען ער איז געווען בייז, האָט ער אויסגעזען ווי אַ שטיק גזלן. די מעהרהייט פון די דעלעגאַטן האָבן געהאַלטן מיט דר. נאַכט, אָבער דר. נעמיראָווער האָט דיפּלאָמאַטיש זיך געוואונען אַ שטיקל צד. עס איז אָנגענומען געוואָרן, אַז צוליב געוויסע פּאָליטישע טעמים און ספּעציעל צוליב דעם, וואָס דער „פאַרבאַנד פון די איינגעבירגערטע יידן” האַלט אין אָפּהאַלטן אַ געוויסן ניצחון אויף דעם געביט פון גלייכבארעכטיקונג, זאָל מען דעם דאָזיקן פאַר־באַנד נישט אָנגרייפן. ביידע רבנים, ווי אויך דער גאַסט, האָבן גערעדט קאָנ־גרעס־דייטש. יאַנקל איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט גערעדט יידיש און ער איז דערמיט אַליין געווען אַ סענסאַציע. ער האָט זיך אויך דערלויבט צו ריידן קעגן דעם, וואָס מען מאַכט זיך, אַז מען קען נישט קיין יידיש און ער האָט אָנגעגריפן די אַסימיליאַטאָרישקייט פון אַ סך ציוניסטן. דר. נאַכט האָט געהאַלטן מיט יאַנקלען, אָבער ער האָט פאַרלאַנגט, אַז אָנשטאָט יידיש זאָל ער מאָנען העברעאיש. די דאָזיקע, וואָס האָבן געשריבן איינדרוקן פון דעם קאָנגרעס, האָבן געזאָגט, אַז יאַנקל איז געווען דער „ל'אַנפאַן טעריבל” פון קאָנגרעס. מען האָט אים איינגעלאַדן צו האַלטן רעפעראַטן כמעט אין אַלע שטעט פון לאַנד — אויסער בוקאַרעשט. מען האָט זיך דערמאָנט, אַז דער פריערדיקער לאַנד־קאָנגרעס איז פאָרגעקומען אַ שטילער און אַ טויטער. אורי קייש האָט זיך דעמלט אויפגעכאַפּט ביים שלום קאָנגרעס און ער האָט געפרעגט: „איך וויל וויסן מיט וואָס איך בין געקומען און מיט וואָס איך פאָר אוועק?” און דער אַלטער דר. ליפּע האָט אים געענטפערט: „ביזט געקומען מיט דער באַן און וועסט אוועקפאָרן מיט דער שיף!” איז עס געווען אַ שיי־נער וויץ, אָבער אוועקגעפאָרן איז מען טאַקע מיט גאָרנישט. דאָס מאָל איז מען אוועקגעפאָרן דערמוטיקט און מיט אַ פּאָר נייע יידישע לידער און נייע ווערטער פון ביאַליק, שלום עליכם און אַפילו פּרץ... פאַר יאַנקלען איז דער קאָנגרעס געווען די קרוין פון זיין ניצחון. וויקטאָר יאַקאָבסאָן האָט זיך אָפּט צוגעזעצט צו אים און ער האָט אים געזאָגט: „זאָלן זיך צוויי רוסישע יידן דורכשמועסן!” ער האָט אים גע'עצהט, אַז ער זאָל גרינטלעכער אויסלערנען די אייראָפּעאישע שפּראַכן, ווייל דער ציוניזם פאָדערט נישט נאָר יידיש און העברעאיש. דר. יעקב נאַכט איז גאָר גרייט געווען צו שליסן מיט יאַנקלען אַ בונד און כאָטש ער איז געווען קעגן יידיש, האָט ער דאָך געוואָלט. אַז

ער זאָל אים איבערזעצן זיינע דערציילונגען און זיי דרוקן אין „האַמער". און דער קלוגער דר. נעמיראָווער האָט אויך אַרויסגעוויזן פריינטשאַפט צו אונזער העלד.

פון דער ליבע מיט קלאַרא יאָנג איז גאָרנישט געוואָרן. עס האָבן זיך אַרום דער אַקטריסע געדרייט צופיל מענער און אייניקע האָבן געדראָעט מיט זעלבסטמאָרד. יאַנקל האָט אָנגעשריבן אַן אַרטיקל וועגן דער שוישפּילערנס גאַסטראָליען און ער האָט די טרופּע נישט געלויבט, האָט מען אים נישט אַריינגעלאָזט אין טעאַטער אַריין צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, אָבער נישט צום לעצטן מאָל. קלאַרא יאָנג האָט זיך פאַר אים אָנגענומען און זי האָט נישט געוואָלט שפּילן ביז מען וועט אים נישט אַריינלאָזן, אָבער אים האָט זי אויסגעמוסרט פאַרוואָס ער איז געווען טאַקטלאָז צו די אַקטיאָרן, וואָס קענען דאָך אַלע נישט שיינען. עס איז דאָ, האָט זי געזאָגט, גאָלד און ס'איז דאָ זילבער און ס'איז דאָ קופּער און מעש... ער האָט איר געענטפערט, אַז צו די אַקטיאָרן האָט ער אויסגעלאָזט דאָס האַרץ פאַר די שלעכטע פּיעסן. זי אַליין האָט אויך געשפּילט די זעלביקע פּיעסן, אָבער דאָך אַנדערש. אפילו די שפּראַך איז ביי איר געווען שענער. זי איז באַלד אַוועקגעפאָרן קיין רוס־לאַנד און געלאָזט נאָך זיך אַ שטאַרק בענקשאַפט אין זיין האַרצן; ער האָט־געבענקט נאָך איר טעאַטער־שפּילן, מער ווי נאָך איר אַליין. זי האָט געשפּילט פּראָסטע זאַכן; אפילו די צוויי אייראָפּעאישע אָפּערעטן „פּופּסיק" און „די צנועהדיקע שושנה" — וואָס זי האָט געשפּילט, זיינען ביי דער גאַנצער טרו־פּע, צווישן וועלכע עס זיינען געווען זייער טאַלאַנטירטע שוישפּילער, אויך אַרויסגעקומען פּראָסט. דער קאָמיקער אַשקענאַזי איז געווען ווי פון גומי און ער האָט פון זיך געקענט מאַכן, וואָס ער האָט געוואָלט און זיין יעדער ריר האָט אַרויסגערופן געלעכטער און זיין שפּראַך איז געווען קערנדיק און זאַפּ־טיק — ער האָט קיינמאָל נישט גערעדט די פּראָזע פון דער פּיעסע, נאָר כסדר אייגענע — אָבער ער האָט שטענדיק געקוקט אויף דעם פּובליקום. דער ערגסטער איז נעבעך געווען דער געזאַנגס־ליבהאָבער, וואָס האָט געהייסן פּינקו פרידמאַן. ער איז געווען אַ טומטום און וויפל ער האָט זיך נישט גרי־מירט האָט ער אויסגעזען ווי אַ טומטום און ער האָט גערעדט שטשיפּיליאַווע און מיט גראָבע באַקן. אין אים האָט זיך עס קלאַרא יאָנג געדאַרפט פאַרליבן אין יעדער פּיעסע — אויסער אין „פּופּסיק", וואו זי האָט געשפּילט אַ יינגל — און איבערקערן וועלטן, אַז זי זאָל אים געווינען. די פּרימאַדאָנע פון דער טרופּע איז געווען איינע סלאַווינאַ, וואָס האָט געהאַט אַ טרעשטשענדיקע שטי־מע און האָט גערעדט אַ פּראָסטן אָדעסער יידיש. זי האָט דווקא געדאַרפט שפּילן די איידעלע פרייליגס. אין דער טרופּע האָט אויך געשפּילט סאַריטאַ עטינגער, וואָס איז געווען איינע פון די בעסטע גאָרדין־שוישפּילערנס אין רומעניע און איר כאַשע די יתומה האָט געהאַט אַ שם, אין דער אָפּערעטע האָט

זי זיך נישט אַריינגעפּאַסט. אַז זי איז געגאַנגען אָרים אָנגעטאָן, האָט פון איר געשיינט, אַז זי איז געגאַנגען רייך אָנגעטאָן, האָט פון איר געוויינט. די דיקע וואַרשעווער מוטער־ראָליסטן, העלענע גאָטליב, איז געווען פון די געציילטע אַקטריסעס, וואָס האָבן נישט קאַליע געמאַכט. צווייט־ראַנגיקע אַק־טיאָרן האָבן דאָ און דאָרט געשיינט אין ראָליען. קלאַראַ יאָנג אַליין האָט ממש געשטראַלט. זי האָט אין די פּיקאַנטסטע סצענעס און לידער אַריינגעבראַכט איידלקייט און געצוימטקייט. אַפילו דאָס גראָבע ליד „חשק" איז ביי איר גע־וואָרן אַ געצוימט ליד פון ליידנשאַפט. זי האָט זיך קיינמאָל נישט צעגאָרטלט.

באַלד נאָך קלאַראַ יאָנגס אַוועקפאָרן איז אָנגעקומען די טרופּע אַדאָלף סעגאַל — אַלבערט סעגאַלעסקו. ביידע דירעקטאָרן זיינען געווען טאַלאַנטירטע שוישפּילער. אַדאָלף סעגאַל איז געווען אַ גלענצנדיקער קאָמיקער, כאָטש ער איז געווען הויך און בעריש און ער האָט געזונגען פאַלש. ער האָט פאַרמאָגט עכטקייט. די טרופּע האָט געוואוסט, אַז זי קומט נאָך אַ גרויסער „קאָנקור־רענץ" און זי האָט זי באַמיט צו שפּילן מיט אומגעהויערן ברען, האָט אָבער אָבער געפעלט דער שיין פון קלאַראַ יאָנג. אַדאָלף סעגאַל האָט זייער שטאַרק געוואָלט איבעררײדן אונזער העלד, אַז ער זאָל ווערן אַ שוישפּילער. ער האָט אים געזאָגט: „איר האָט דאָך אַלע קאָנדיציעס! איר האָט אַ שיינעם קאָפּ האָר, איר האָט אַ קלאָר וואָרט, טעמפּעראַמענט, איר זיינט מוזיקאַליש..." יאַנקל האָט געפילט, גלייך ווי דער טייוול וואָלט אים צוגערעדט צו שלעכטס און ער איז אַנטלאָפן, כאָטש עס האָט אים געצויגן ווי מיט צוואַנגען צו דער בינע און ער איז גאַנצע נעכט איבערגעליגן הינטער די קוליסן. ער האָט זיך דערמאָנט באַקענט מיט מעכעלע גליקמאַן, וואָס איז געווען די ערשטע באָבע־יאַכנע ביי גאָלדפאַדענען אין דער טרופּע. ער איז שוין געווען אַ ייד פון קנאַפּע זיבעציק יאָר און ער האָט אויסגעזען נאָך אַלטער. ער איז געווען אומגעהויער קוויטיק און צעקנייטשט. קיין טעאַטער האָט ער שוין לאַנג נישט געשפּילט און ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט בערשטל־מאַכעריי און ער איז געשטאָרבן צוויי מאָל אין טאָג פאַר הונגער. ער פלעג ריידן מוראַדיק שמוציק און זיינע רייד זיינען געווען נישט נאָר אָפּשטויסנדיק, נאָר אויך צוציענדיק. ער האָט זיך באַלד באַפריינדעט מיט אונזער העלד און כאָטש דער אַלטער אַקטיאָר איז געווען עלטער פון יונגען שרייבער מיט אַ קאָרגן האַלבן יאָרהונדערט, האָט ער דווקא געוואָלט זיין מיט אים אויף דו און ער האָט נישט אָפּגעלאָזט ביז וואַנען דער יונגערמאַן האָט אים נישט געזאָגט „דו". יאַנקל האָט געוואָלט וויסן, וואָס אַזוינס דער גאָלדפאַדען־אַקטיאָר וויל פון אים און יענער האָט עס נישט באַהאַלטן, ער האָט געוואָלט, אַז ער זאָל שרייבן וועגן אים דעם אמת, זאָל די וועלט וויסן ווער ער איז... און געווען איז ער אַ זייער פּראָסטער מענטש מיט עפּעס אַן אינעווייניקסטן פונק. יאַנקל האָט געקראָגן אַ געלעגנ־הייט אים צו זען שפּילן די באָבע יאַכנע, פונקט אַזוי ווי גאָלדפאַדען האָט אים

געלערנט און ער איז אין דער דאַזיקער ראָליע באמת געווען טשעקאָווע. ער איז געווען אַ שלעכטע באָבע, אַ גנבטע, אַן אינטריגאַנטקע, אַ רשעטע, וואָס קען זיך פאַרשטעלן פאַר אַ גוטער און קען אָפּנאַרן קינדער. באמת אַ באָבע יאַכנע פון אַ קינדער מעשה. דאָס ווערטל „און ווייטער גאָרנישט", וואָס די באָבע יאַכנע זאָגט כסדר, האָט מעבעלע גליקמאַן, אויסגעצויגן מיט אַ באַזונדער חן. אַז ער האָט געשפּילט אין אַן אַנדער פּיעסע, איז ער גאָרנישט געווען. ער פלעג האָבן אַ ווערטל: „איצטער מעגט איר מיך שוין אַלע קושן אין..." אויך ווען ער האָט אַריינגערעדט דעם יונגען שרייבער, אַז ער זאָל דערציילן פאַר די קומענדיקע דורות ווער ער איז געווען, האָט ער געענדיקט מיט די ווערטער: „און איצטער וועלן זיי מיך שוין אַלע קושן אין..." ער פלעג ריידן מיט די מיאוסטע רייד און ער האָט דערצו גענוצט די טערמינען פון זיין נייער פּראָפעסיע. ער פלעג זאָגן, אַז „יעדע פרוי האָט אַ בערשטל, מען דאַרף נאָר קענען לייגן די האַנט אויף דעם". און ווען יאַנקל האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער רעדט אַזוי מיאוס און ער האָט אים דערציילט, אַז די גמרא זאָגט: „אַלע ווייסן צוליב וואָס די כלה גייט אונטער דער חופה, אָבער ווער עס זאָגט דאָס, פאַרפּאַסקודיעט זיין מויל", האָט ער געענטפערט: „נאַרעלע, דו ווייסט נישט, ווי גוט ס'איז, ווען מען קומט אין מיינע יאָרן אַ רייד צו טאָן גראָבע רייד! ווען איך זאָל ווייסן, אַז מען וועט מיך דערפאַר נישט אויפהערן צו בראָטן אין גהינום, וואָלט איך אויך נישט אויפגעהערט צו ריידן אַזוי..." מעבעלע גליקמאַן איז געשטאָרבן שפּעטער מיט אַ סך יאָרן און געזאָגט האָט מען, אַז אַ רגע פאַר דעם שטאַרבן, האָט ער זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט און ער האָט געזאָגט: „איצטער מעגט איר מיך שוין אַלע קושן אין..." עס איז נאַטירלעך געווען אויסגעטראַכט, אָבער זייער שיין אויסגעטראַכט. אַ מענטש האָט אַריינגעטראָפן איינמאָל אין אַ לעבן מיט אַ ראָליע און ער איז דערנאָך אַרומגעגאַנגען פּופּציק יאָר מיט די זיכרונות וועגן דער אַמאָליקער גרויסקייט זיינער און ער האָט זיך געבייזערט גוטמוטיק למאַי מען שאַצט אים נישט אָפּ און ער האָט קינדיש געשאָלטן און זיך געהייסן קושן. און ער איז פאַרבליבן אַ קינד און ער האָט געהאַלטן, אַז אַלץ איז אַ קינדער־שפּיל און דער טויט איז אים מיסתמא אויך פאָרגעקומען ווי אַ קינדער־שפּיל, אָבער ער האָט דאָך דערפילט, אַז ער דאַרף נאָך איין מאָל הייסן זיך קושן, ווייל באַלד וועט ער נישט קענען...

צווישן מעבעלע גליקסמאַן און קלאַראַ יאַנג איז געליגן אַ גרויסער מהלך, אָבער נאָר אויסערלעך, אינערלעך איז קלאַראַ יאַנג נישט ווייט אַוועק מיט איר שפּיל. זי האָט די ליבע־ליידנשאַפטן אויסגעשפּילט, דאַכט זיך, ראַפינירט און דאָך נאַיוו. אונזער העלד געדענקט, אַז מעבעלע גליקסמאַן האָט אים אַ סך מער פאַראינטערעסירט מיט דעם יידישן טעאַטער, ווי אַ סך בעסערע אַקטיאָרן און ער איז אַ דאַנק אים, נישט ווייניקער ווי אַ דאַנק קלאַראַ יאַנג

געוואָרן אַ היימישער אין יידישן טעאַטער און אַקטיאָרן האָבן אים אָנגע־הויבן באַטראַכטן אי ווי אַן אייגענעם, אי ווי אַ פרעמדן. ער האָט געוואָלט יידיש טעאַטער, אָבער אַן אַנדערשס און די אַקטיאָרן, אפילו די יינגסטע, האָבן שוין נישט געקענט ווערן אַנדערש...

דער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט באַשלאָסן צו שאַפן אַ קולטור־דע־פּאַרטאַמענט ביי דער ציוניסטישער פעדעראַציע. דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון רומענישן ציוניזם. ביז דעמלט האָבן רומענישע ציוניסטן געהאַלטן, אַז דער ציוניזם דאַרף נאָר פינאַנצן און פּאָליטיק. מאַ־טעסל פרידמאַן איז אויסגעוויילט געוואָרן ווי אַ סעקרעטאַר פאַר העברעאיש, יאַנקל פאַר יידיש און מאָטיע ראַבינאָוויטש — אַלגעמיינער סעקרעטאַר. דער סעקרעטאַר פאַר העברעאיש, וואָס האָט זיך געהאַט דעקלאַרירט פאַר אַ יידי־שיסט, האָט אָנגעהויבן מאַכן אַגיטאַציע נישט נאָר פאַר העברעאיזם, נאָר אין אַ נעוויסער מאָס אויך קעגן יידיש און יאַנקל איז געקומען אין אַ קאָנפליקט מיט אים שוין צום צווייטן מאָל. צום ערשטן מאָל זיינען די דאָזיקע צוויי שרייבער געקומען אין אַ קאָנפליקט צוליב דעם אַנאָנסירן די מיטאַרבעטער. יאַנקל האָט פאַרלאַנגט דעם אלף בית סדר און מאַטעסל האָט געהאַלטן, אַז גראָפּער דאַרף קומען דער ערשטער, ער — דער צווייטער און יאַנקל דער דריי־טער... ביידע קאָנפליקטן האָבן ביי ביידן אַרויסגערופן היים בלוט, אָבער מאַטעסל האָט פון דעסט וועגן פאַרלאַנגט, אַז וויפל מאָל יאַנקל וועט דורכ־פאָרן אַדזשוט, זאָל ער אַריינקומען צו אים און ברוגז זאָל ער זיין דערנאָך...

און ס'איז געקומען דער האַרבסט. דער זיסער, געשמאַקער און טרויערי־קער רומענישער האַרבסט און אונזער העלד, וואָס איז געווען אין בלי פון זיין ניצחון, כאָטש ער האָט ערשט געהאַלטן ביי צוואַנציק יאָר, איז אַרומ־געפאָרן איבער די שטעט און שטעטלעך ווי אַ געקרוינטער פון דער ציוניס־טישער פעדעראַציע און געפילט האָט ער זיך מער גרייט צו ריידן וועגן דער יידישער און העברעאישער ליטעראַטור, ווי וועגן ציוניזם...

☆

קאפיטל פיר

אַ שטורמישער ווינטער, אַ פסחדיקער סקאַנדאַל און אַ פאַרלוירענער וועג.

צווישן די מיידלעך, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום אונזער העלד און וואָס ער האָט זיך געדרייט אַרום זיי, זיינען געווען צוויי שוועסטער, וואָס האָבן אויסגעזען אַנדערש ווי אַלע אַנדערע. זיי זיינען נישט געווען שענער, זיי זיינען טאַקע געווען ווייניקער שיין ווי אַלע. זיי זיינען געווען שוואַרצע ווי קויל, האָבן געהאַט קרומלעכע נעז און האָבן מער אויסגעזען ווי רומעניזירטע ציגיינערטעס, איידער ווי יידישקעס. די עלטערע איז געווען אַן איידעלע, זי האָט געהאַט אַ דין פיגורל, ווי אַ שטעקעלע און אַ פויגליש קעפּל און זי האָט גערעדט גיך און זינגענדיק און די אייגלעך האָבן ביי איר געשרפהט. ס'איז נישט געווען שווער צו דערקענען, אַז זי איז מוראַדיק הונגעריק סעקסועל און זי איז גרייט חתונה צו האָבן פאַר יעדן בחור, וואָס וועט זי נעמען.. די יינגערע איז געווען אַ פולבלעכע און איר קערפּער האָט פון טאָג צו טאָג זיך אָנגעגאָסן מיט אַלץ מער ווייבלעכקייט. זי האָט געהאַט גרויסע און פעטע אויגן, מיט וועלכע זי האָט געקוקט פּאַוואָליע און מיט ישוב הדעת און גערעדט האָט זי אויך פּאַוואָליע. דער פאָטער זייערער האָט אויסגעזען אַזוי שוואַרץ ווי די טעכטער און דאָס פּנים איז אים דערצו געווען אַביסל געשטופּלט. ער איז געווען אַ דאַרער און אויסגעטרוקנטער מאַן אין די טיפע פופציקער און ער האָט געהאַט אַ פאַרדעכטיקן גרינעם גלאַנץ אין די אויגן. ער האָט אויסגעזען ווי אַ האַלבער ציגיינער און גערעדט האָט ער נאָר רומעניש און ער האָט זיך געהאַלטן ווייט פון יידן. ער האָט געהאַט אַ רומענישע דרוקעריי, אין וועלכער ער האָט געאַרבעט אפשר אכצן שעה אין מעת לעת. ער האָט כמעט קיינמאָל נישט געהאַט צייט צו ריידן מיט אַ מענטשן. מען האָט געקענט מיינען, אַז ער איז אַן עכטער רומענער, אָבער ער האָט געהייסן ראָזנבערג און ס'האָט זיך געמאַכט אַמאָל, אַז ער איז געווען גוט געשטימט, האָט ער אַ רייד געטאָן יידיש, האָט עס געקלונגען אַזוי אַלטמאָדיש, גלייך עס וואָלט גערעדט אַ שוחט, אָדער אַ מלמד. עס פלעג דעמלט פאַרשוואונדן דער גרינער גלאַנץ פון זיינע אויגן און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז געוואָרן יינגער. יאַנקלען האָבן די שוועסטער סטעלאַ און ליזי

ראָזנבערג א רייך געמאָן מאָקע דערפאַר, וואָס זיי זיינען נישט געווען קיין שטאַרק שיינע און זיינען נישט ארויסגעקומען פון קיין רייכע און זיי האָבן זיך דאָך געחברט מיט די רייכסטע מיידלעך פון שטאָט. זיי האָבן געלערנט אין די זעלביקע קלויסטער־שולן, וואו מען האָט מער געלערנט שפּראַכן און מאַנירן, ווי בילדונג און זיי האָבן דאָך נישט געהאַט די זעלביקע ליאַל־קעוואַטע האַלטונג, וואָס זייערע חברטעס, זיי האָבן זיך געהאַלטן פרייער און זעלבסטשטענדיקער און זיי זיינען נישט ברוגז געוואָרן, ווען מען האָט זיי אָנגערירט און זיי זיינען נישט רויט געוואָרן, ווען מען האָט צו זיי א רייד געטאָן מענעריש. זיי האָבן פון דער היים ארוים נישט געקענט קיין יידיש, אָבער מיט דער הילף פון דייטש האָבן זיי גיך פאַרשטאַנען יידיש און זיי האָבן זיך אָנגעשטרענגט און געלערנט און אַפילו אויסגעלערנט צו דע־קלאַמירן פּרצס „מאָניש" און זיי האָבן אויסגעפונען, אַז פּרצס שילדערונג פון מאָנישס אויסערלעכקייט (קאַרמען ליפּן — רויזן צוויי א. א. וו.) איז נישט יידיש... די מוטער זייערע איז געווען א הויכע און א פעסטע פרוי אין די אָנהויב פופציקער, א גלייכע ווי א טאָפּאָל. זי איז געווען א העלע שאַ־טענקע און זי האָט געהאַט אביסל אויסגעלאָשענע, העל־בלויע, הונגעריקע אויגן. זי האָט געשטאַמט פון דער קאַרפּאַטן־געגנט און זי האָט אויסגעזען ווי א פעלז; זי האָט שוין זייט דריי צענדליק יאָר נישט גערעדט קיין יידיש, אָבער זי האָט זיך נישט צערעמאָניעט און זי האָט מיט דעם פריינד פון אירע טעכטער באַלד אָנגעהויבן ריידן אין מאַמע־לשון און זי האָט גערעדט א גע־זונטן, קרעפטיקן, לויטערן יידיש מיט זייער ווייניק רומענישע ווערטער און זי האָט גענוצט אָן א שיר פאָלקס־ווערטלעך. עס פלעג אָפט קומען אין שטוב אריין אַן עלטערע טאָכטער, אַן אויסגעגעבענע. זי איז געווען א סך העכער פון די יינגערע שוועסטער און אויך שענער. זי האָט אויסגעזען ווי א גראַ־ציעזע גאַזעל און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי קען נישט נאָר לויפן, נאָר זי קען אויך פליען. זי פלעג צום מערסטן קומען אָן דעם מאַן און זי האָט זיך אויך באַלד אויסגעלערנט יידיש און ארויסגעוויזן אַן אומגעהויערן אינטערעס צו דער דאָזיקער שפּראַך, וואָס זי האָט אין דער היים קיינמאָל נישט גערעדט און זי האָט גיך אויסגעלערנט אַלע יידישע לידלעך, וואָס יאַנקל האָט גע־זונגען און זי האָט געזאָגט, אַז זלמן שניאורס „מאַרגאַריטקעס" מאַכט זי פאַר איר הימן, ווייל דאָס שענסטע ליד אין לעבן איז טראַלאַלאַ...

אונזער העלד האָט געהאַט א באַזונדער פאַרגעניגן אריינצוקומען אין דער דאָזיקער שטוב און זיינע אַנדערע באַקאַנטע זיינען דערפאַר געווען היפּש־לעך אייפערזיכטיק. געוואוינט האָט די פאַמיליע ראָזנבערג נישט רייך. די וואוינונג איז געווען אויף דעם צווייטן שטאָק און ארויפגיין האָט מען גע־דאַרפט אויף געדרייטע קרומע טרעפּ און אָפט האָט געהאָנגען וועש איבער דעם קאָפּ. אין יענער שטוב האָט זיך אונזער העלד באַקענט מיט דעם באַ־

וואוסטן רומענישן זשורנאליסט קאנסטאנטין גראור, וועלכן א סך האבן שוין
דעמלט געהאלטן פאר איינעם פון די צוויי גרעסטע רומענישע זשורנאליסטן
(דער אנדערער איז אויך געווען א ייד). פון דער היים ארויס האט ער גע־
הייסן אנדערש, געשטאמט האט ער פון באטאשאני פון א שוחטישער פא־
מיליע. אן עלטער זיידע זיינער האט געהייסן סאני שוחט און די פאמיליע
האט געהייסן סאניליעוויטש און זי האט ארויסגעגיבן א בארימטן מאלער און
א בארימטן ביאלאג און מאטעמאטיקער. די דאזיקע פאמיליע האט זיך משדך
געווען מיט א פאמיליע גרינבערג און פון יענער פאמיליע זיינען אויך ארויס־
געקומען בארימטע קינסטלערישע און וויסנשאפטלעכע פערזענלעכקייטן. איי־
נער פון אט דער פאמיליע איז געווען א שטיק צייט א קריסטלעכער מיסיא־
נער אין גריכלאנד און אין טערקיי און ער איז אונטער דעם נאמען ווערמאנט
(א געגוויע איבערזעצונג פון גרינבערג) געווארן דער פיאנער פון געדרוקטן
יידישן ווארט אין ארגענטינע. קאנסטאנטין גראור איז געווען א הויכער,
פעטלייביקער מאן. ער איז קוים געווען ביים אנהויב פון די פערציקער און
ער איז געווען א שטארק צעוואקסענער. אונזער העלד האט זיך א סך מאל
געטראפן מיט אים אויף די טרעפ און ער האט נישט געוואוסט ווער ער איז.
צום מערסטן פלעג יאנקל גיין ארויף, ווען קאנסטאנטין פלעג גיין אראפ און
דער צווייטער האט שרעקלעך געסאפעט, בעת דער ערשטער האט געטאנצט
איבער צוויי און דריי טרעפ. גראור איז געווען א שווארצער און ער האט גע־
האט ברענענדיקע שווארצע אויגן און פארדרייטע, שווארצע וואנציעס און
ער האט אויסגעזען ווי אן עכטער רומענער. די פאמיליע ראזנבערג האט זייער
א סך גערעדט וועגן גראורן, וואס איז געווען דער מוטערס א קרוב און אלע
האבן זיך שטארק געיחוסט מיט דער דאזיקער קרובהשאפט. זיי האבן נאכ־
דערציילט א סך קלוגע רייד פון דעם באוואוסטן זשורנאליסט און נישט איין
מאל האבן זיי געזאגט, אז ער איז דארט נישט לאנג געווען, אבער יאנקלען
איז בשום אופן נישט איינגעפאלן, אז דער דיקער רומענער איז גראור. די
ערשטע באגעגניש אין שטוב איז געווען מער א קאמף ווי א באקענטשאפט. דער
יונגער זשורנאליסט האט געזאגט, אז ער באגעגנט זיין עלטערן קאלעגע
שטענדיק גיין אראפ און יענער האט געפילט אין דעם א שטאך. ער האט
באמערקט, אז דער גאסט וויל ארייננברענגען צו די רומענישע יידן אזא
שאוויניזם, ווי ניקאלאי יארגא ברענגט צו די רומענער און ער האט גע־
געזאגט, אז ביי יידן איז דאס נאך געפערלעכער ווי ביי די רומענער, ווייל
די יידן זיינען נישט קיין נאציע. דער עלטערער זשורנאליסט האט געזאגט,
אז זיין לעבנס־ציל איז צו מאכן די יידן פאר עכטע רומענער און ער זעט אין
דער גאנצער ציוניסטישער און יידישער באוועגונג אן אומגליק פאר די רו־
מענישע יידן... די מוטער האט געהאלטן מיט גראורן און די טעכטער מיט
יאנקלען און דער לעצטער האט זיך ארויסגעכאפט מיט א נישט טאקטיש

וואָרט און ער האָט געזאָגט גראורן, אַז דער עלטערער דור איז מיט זיין קעג־נער און דער ייִנגערער איז מיט אים און ס'איז דערפון געוואָרן אַ היפּשע שריפה... אונזער העלד האָט זיך דערנאָך דערוואוסט, אַז גראור איז געווען פאַרליבט אין דער פרוי ראָזנבערג און אים האָט זיך געדאַכט, אַז דער רוסי־שער דעזערטיר מאַכט אַן אַנדייטונג אויף דעם. אייניקע האָבן אַפילו געזאָגט, אַז די ייִנגסטע טאָכטער ליזי איז — גראורס... פון די עטלעכע באַגעגנישן אין יענעם הויז זיינען זיך די צוויי פּערזאָנען געוואָרן נישט נאָר קעגנער, נאָר — שונאים. און גראור האָט דערביי גערעדט אַ זאַפטיקן באָטאָשאַנער יידיש און ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער האָט געלייענט אַ היפּשן טייל פון דער סאָציאַליסטישער יידישער ליטעראַטור אין לאָנדאָן און אין ניו־יאָרק. ער האָט אין אַ פאָלקסטימלעכן יידיש שטורמיש געדונערט, אַז יידן זיינען נישט קיין פאָלק, זיי האָבן נישט קיין לאַנד און קיין שפּראַך און זיי וועלן זיי נישט האָבן און דאַרפן זיי נישט האָבן...

אין יענער צייט האָט יאַנקל באַקומען די ערשטע איינלאַדונג אויף רע־פעראַטן און גראַד פון באָטאָשאַני איז זי געקומען. ער האָט געהאַט אַ ספּע־ציעלן אינטערעס פאַר דער דאָזיקער שטאָט נישט נאָר ווייל זי איז געווען די צווייטע גרעסטע שטאָט ביכלל און יידישע ביפרט אין רומעניע, נאָר ווייל זי איז געווען אַ שטאָט מיט אַ באַזונדער נאָמען. אין באָטאָשאַני איז געווען די איינציקע גרויסע יידישע ביבליאָטעק אין לאַנד און פון דאָרט האָבן אויך געשטאַמט אַ סך יידן, וואָס זיינען געוואָרן באַרימטע רומענישע שריפטשטע־לער און סאָציאַליסטישע פירער. אויך די טאַלאַנטירטסטע יידישע שוישפּילער האָבן געשטאַמט פון דאָרט. עס האָט אונזער העלד אויך געצויגן צו דער דאָ־זיקער שטאָט דער פאַקט, וואָס ער האָט געטראָגן איר נאָמען. ער האָט זיך געקלערט, אַז אויב ער הייסט באָטאָשאַנסקי, איז אַ סימן, אַז זיינער אַן על־טער־עלטער זיידע קומט אַרויס פון באָטאָשאַני, כאָטש אין איזמאַיל איז גע־ווען אַ שול, וואָס מען האָט גערופן „די באָטאָשאַנער", ווייל דאָרט האָבן גע־דאַוונט יידן, וואָס האָבן געשטאַמט פון רומעניע און מען האָט זיי גערופן „די באָטאָשאַנער" און געזאָגט האָט מען, אַז יאַנקלס אַן עלטער־עלטער זיידע איז געווען בעל תפילה אין דער דערמאָנטער שול און מען האָט אים פאַרשריבן „באָטאָשאַנסקי כאַכאַם".

די רייזע פון גאַלאַץ קיין באָטאָשאַני האָט געדויערט אַ קאַרגן מעת לעת און אונזער העלד האָט דורך דעם פענצטער אַרויסגעזען אַ האַלב לאַנד און זיך באַקענט מיט צענדליקער יידן און צווישן זיי אויך באָטאָשאַנער, וואָס זיינען צום מערסטן געווען פּיקחים און דרייקעפּ. ווען די באָטאָשאַנער האָבן געהערט, אַז ער פאָרט צו זיי אין שטאָט אַריין האַלטן יידישע רעדעס, האָבן זיי אים געזאָגט, אַז ער דאַרף זיך אונטערגאַרטלען, ווייל דאָרט זיינען דאָ קענערס. אורי קייש, האָבן זיי אים געזאָגט, קען דאָרט נישט צוקומען צום

פסוק, ווייל די לצים מאכן פון אים חוזק. זיי האָבן אים אויך געזאָגט, אַז וועגן סאָציאַליזם איז אין באָטאָשאַני בעסער צו ריידן אין יידיש, ווי וועגן ציוניזם. וועגן ציוניזם איז בעסער צו ריידן אין רומעניש, אָדער אין דייטש... און זיי האָבן אים דערציילט, אַז באָטאָשאַני האָט ארויסגעגעבן אַ סך באַוואוסטע סאָציאַליסטן. זשאַנעט מאַלטעס, וואָס איז די באַליבסטע סאָציאַליסטישע פירערן אין לאַנד און זי איז אַ שטיק רומענשע זשאַנאַ ד'ארק, איז אַ באָטאָשאַנער יידיש מיידל. און דער באַוואוסטער סאָציאַליסטישער שרייבער באַרבו לאַזאַרעאַנו, וואָס די רעגירונג האָט ארויסגעשיקט, איז אויך אַ יידישער יונגערמאַן. ער איז געוואָרן אַ רומעניש פּאָעט דעמלט, ווען די יידן האָבן „פארכאַפּט" די רומעניש פּאָעזיע און ניקאָלאַי יאָרגאַ האָט געמיינט, אַז ער איז אַ קריסט, האָט ער געשריבן קעגן דעם, וואָס די יידן טומלען אַזוי מיט זייערע שטויערמאַנס און נעמצעאַנוס און ער האָט געזאָגט: „איין אונזער לאַזאַרעאַנו איז מער ווערט וויפל זיי אַלע!" איז געגאַנגען לאַזאַרעאַנו און ער האָט דעם גרויסן רומענישן היסטאָריקער און כל ולך אָנגעשריבן אַ בריוו, אַז ער האַלט אַלע מענטשן, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן אין רומעניע פאַר רומענער, אָבער אויב שטויערמאַן קען נישט זיין קיין רומענער, קען לאַזאַראָוויטש אויך נישט זיין קיין רומענער...

און די שטאָט באָטאָשאַני איז טאַקע געווען אַ היפּש ביסל אַנדערש ווי די עטלעכע רומענישע שטעט, וואָס אונזער העלד האָט שוין געקענט. אויסערלעך, דאַכט זיך, אַביסל ענלעך צו יאַסי, נאָר קלענער, אָבער אינערלעך גאָר אַנדערש. אין צענטער נאָך אַלץ ענלעך צו יאַסי, אָבער די אָרימע יידישע געגנט, וואָס הייסט „קעליטשימיא" (קעליק הייסט אַ קבצן אין רומעניש — עס שטאַמט פון סלאַווישן וואָרט קאַליעקאַ — און „קעליטשימיא" הייסט לערך דאָס זעלביקע, וואָס קאַבצאַנסק) האָט שוין אויסגעזען גאָר אַנדערש. די דאָזיקע געגנט האָט געהאַט אַ פּאָר גרויסע גאַסן מיט רייכע קראָמען אויך, אָבער צום איבעריקן איז זי באַשטאַנען פון קליינע, ענגע, געדרייטע געסלעך מיט קליינע שטיבלעך און מיט וואַרשטאַטן, וואָס זיינען פול געווען מיט מענטשן, וואָס האָבן אַלע געאַרבעט אכצן און צוואַנציק שעה אין מעת לעת. עס האָט זיך דאָרט געפילט מיט ריחות פון פערד און עס זיינען דאָרט טאַקע געווען אַ סך בעלי עגלות, וואָס האָבן אַרומגעפירט סחורה און תבואה און פאַרשווינען. עס איז אין יענעם פירטל געווען אַ קאָלאָסאַלע צאָל שטאַלן און דערפאַר זיינען געווען אַ סך פליגן. עס איז שוין געווען האַרבסט און ס'איז פול געווען מיט פליגן. די באַגלייטער פון גאַסט האָבן זיך באַרימט, אַז די „קעליטשימיא" איז דאָס אָרימסטע יידישע פירטל אין גאַנץ רומעניע און זיי ווייסן אפילו נישט, צי אין בערדיטשעוו איז דאָ אַזאַ אָרים פירטל... פון אָט דער קעליטשימיא זיינען אַרויס אַ סך מענטשן, וואָס זיינען היינט שווין, האָבן זיי זיך באַרימט, פון די גרעסטע לייט אין רומעניע, פראַנקרייך און אַמעריקע.

די באַגלייטער פון גאַסט זיינען געווען ציוניסטן, דאָך האָבן זיי שטאָלצירט מיט זייער בן עיר בארבו לאַזאַרעאַנו, וואָס איז געווען אַזאַ געפערלעכער סאָציאַליסט, אַז די רעגירונג האָט זיך אַזש דערשראָקן און אים אַרויסגעשיקט. ער איז קראַנק געוואָרן דעמלט, ווען ער האָט געדאַרפט פאַרלאָזן דאָס לאַנד, האָט מען געשטעלט אַ וואַך ביים שפּיטאָל. ווען מען האָט אים געלאָזט שפּאַצירן אַ קראַנקן אין הויף, האָט אים באַגלייט אַ זשאַנדאַר. אַ גוטער ברודער האָט אָפּגעכאַפּט אַ פאָטאָגראַפיע פון דעם אַרעסטאַנט און זיין היטער און אַלע באָטאָשאַנער אינטעליגענטן האָבן געהאַט אַ קאָפּיע פון יענער פאָטאָגראַפיע, וואָס איז באמת געווען אַ זייער אינטערעסאַנטע. דער אַרעסטאַנט איז געווען גרויס ווי אַ קינד פון אַ יאָר אַכט און דערצו איז ער געגאַנגען אין שפּיטאָל כאַלאַט און דער זשאַנדאַר איז געווען הויך אַזוי ווי עוג מלך הבשן. ס'איז געווען אַזוי קאָמיש, וואָס דאָס דאָזיקע קליינע מענטשעלע מיטן קינדישן פּנימל און מיט די שיטערע וואָנציעס האָט די רומענישע רעגירונג געדאַרפט אַזוי ספּעציעל באַוואַכן דעמלט, ווען ער איז נאָך געווען קראַנק...

מען האָט אונזער העלד אומזיסט איבערגעשראָקן. די באָטאָשאַנער אינטעליגענץ איז נישט נאָר געווען סאָציאַליסטיש, געווען ציוניסטן אויך צווישן איר. טאַקע די אָנפירער פון דעם ציוניסטישן קרייז, וואָס האָבן געבראַכט יאַנקלען זיינען געווען גוט באַלעזענע אין יידיש און אין העברעאיש. צוויי זיינען געווען די הויפּט אָנפירער, איינער איז געווען אַ דאָרער, אַ מיטלוויקסיקער און ער איז געווען דער פּראַקטישער ציוניסט און דער אַנדערער איז געווען אַ הויכער און אַ דיקער און ער איז געווען אַ גייסטיקער ציוניסט. דער ערשטער האָט געהייסן פעלער און דער צווייטער — סאַכטער. דעם לעצטנס פאָטער איז געווען אַ ברודער פון שניאור זלמן שעכטער פון פאָלטיטשעני, אָבער ער איז נישט געווען אַזאַ פאַנאַטישער ווי זיין ברודער און ער האָט זיך אַפילו דעם נאָמען פאַרדייטשמערט פון שעכטער אויף סאַכטער. ביידע בחורים האָבן שטילערהייד געשריבן אויף יידיש, העברעאיש און רומעניש. און אפשר האָבן זיי אויך געשריבן דייטש. די סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ איז געווען גרעסער אין צאָל און זי איז אויך געווען קאָלאָריט־פולער. געווען אייניקע גאָר טשיקאַווע פאַרשוינען צווישן די סאָציאַליסטן, דער טשיקאַוועסטער איז געווען אַ בחור, וואָס האָט געהייסן שאַרל אייגעס. ווי אַזוי עס האָט צו אַ בחור פון דער קעליטשימיא פאַרבלאָנדזשעט דער פראַנצויזישער נאָמען שאַרל — בלייבט אַ סוד. ער האָט געפּראַוועט ליצנישע שטיק און ער האָט געחלומט צו ווערן אַ באָטאָשאַנער הערשעלע אָסטראָפּאָליער. ער איז געווען אַ גלענצנדיקער ביורא־באַאַמטער און ער האָט געקענט אי בוכהאַלטעריע, אי פירן קאָרעספּאָנדענץ אין עטלעכע שפּראַכן, אָבער ער האָט זיך אין ערגעץ נישט געהאַלטן לאַנג, ווייל ער האָט געפּראַוועט משוגעתן. ער האָט געקענט אום זומער זיך אויסטאָן אין ביוראָ די זאָקן און זיי

אויפהענגען אויף דעם פענצטער און ווען דער באַלעבאָס האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער טוט דאָס, האָט ער געענטפערט, אַז צוליב צוויי זאַכן: די זאַכן טריקענען זיך אויס און זיי פאַרשטעלן די זון, וואָס ברענט צו שטאַרק... מען האָט אויף אים דערציילט, אַז ווען ער האָט צום ערשטן מאָל געהערט ריידן אורי קייש, האָט ער געזאָגט: „איך מוז זיך גיין מאַכן דעם באַגאַזש, ווייל ס'איז געקומען אַ גרעסערער משוגענער פון מיר". ער האָט זיך צום מערסטן געחברט מיט יידישע אַקטיאָרן און ער פלעג זיי סופלירן, אָבער אַז מען האָט אים נישט באַצאָלט, האָט ער פאַרמאַכט דעם טעקסט און געזאָגט, אַז מען דאַרף באַצאָלן. ער האָט פון דעסט וועגן געהאַט מאָמענטן, ווען ער איז געווען גאַנץ ערנסט. שאַרל אייגעס איז געקומען זיך באַקענען מיט יאַנקלען און ער האָט אים געזאָגט, אַז אַ יונגער מענטש און אַ ייד דערצו, וואָס קומט פון צאַרישן רוסלאַנד, וואָלט זיך געדאַרפט שעמען צו זיין אַ ציוניסט, אָבער אַזוי ווי ער וועט האַלטן אַ רעפעראַט וועגן ביאַליקן און אַזוי ווי ער און זיינע חברים האַלטן פון ביאַליקן, ווילן זיי אים קומען הערן. אין איין וועג האָט ער אים איינגעלאַדן צו בלייבן אַ שטיק צייט אין באַטאַשאַני און זיך באַקענען מיט דער שטאָט, וואו גאָלדפאַדן האָט צום ערשטן מאָל געשפּילט יידיש טעאַטער און דערווייל לייענען די ביכער און זשורנאַלן פון דער גרעסטער יידישער ביבליאָטעק אין רומעניע. וועט ער אַליין זען, אַז גערעכט זיינען נישט די ציוניסטן, נאָר די סאָציאַליסטן. אין רוסלאַנד, האָט ער געזאָגט, איז דאָ אַ שיינע יידישע ליטעראַטור, אָבער דעם אמת זאָגט די יידישע ליטעראַטור פון ענגלאַנד און אַמעריקע, ווייל אין רוסלאַנד דערלויבט מען נישט צו זאָגן דעם אמת...

דעם רעפעראַט האָט יאַנקל געהאַלטן אין אַ טעאַטער־זאַל און עס איז געקומען אַ גרויסער עולם. ער האָט געזען מענער און פרויען מיט ווייסע קעפּ אין זאַל און ער האָט זיך געשראָקן. די רעדע איז דאָך געלונגען. ביאַליק אַליין האָט אים אַ סך אַרויסגעהאָלפן. אַלץ, וואָס ער האָט דערציילט פון ביאַליקן, איז געפעלן. ער האָט עס טאַקע דערציילט מיט אַ סך טעמפּעראַמענט און מיט ברען. ער האָט גערעדט וועגן ביאַליקס צער און צאָרן לידער און וועגן די פּאָגראָמען און דעם זעלבסט־שוץ, אַז ער האָט די סאָציאַליסטן אויך פאַראינטערעסירט. עס האָט געהערשט אַן ענטוזיאַסטישע שטימונג און מען האָט אים נאָך דער רעדע געמאַכט אַ שטיק באַנקעט. מען האָט עס נישט אַזוי אָנגערופן, אָבער ס'איז געוואָרן אַ באַנקעט. אַ גרויסער עולם איז געגאַנגען מיט אים אין איינעם אין אַ גרויסן זאַל פון אַ רעסטאָראַן און מען האָט צו אים זיך געשמייכלט און געטרונקען צו אים לחיים און אייניקע האָבן געהאַלטן רעדעס וועגן אים און דערמאָנט פאַרשיידענע אַרטיקלען זיינען אין יידיש און אין רומעניש און זיי האָבן געזאָגט, אַז ער האָט אַריינגעבראַכט יידישע אויפלעבונג אין לאַנד. מען האָט אים געצוואונגען, אַז ער זאָל ענט־

פערן מיט אַ טאַסט און ער האָט גערעדט ווי אין גילדענעם רויש און ער האָט דאַכט זיך, נישט געוואוסט קלאָר, וואָס ער זאָגט, דאָך האָט ער אַ פּאָר מאָל אַרויסגערופן געלעכטערס, אַזוי ווי אַ סך מאָל דערנאָך אין זיין לעבן. און דעמלט האָט זיך אָנגעהויבן אַן איבערלעבעניש, וואָס האָט אים שפּעטער היפּש צערודערט.

...נאָכן טאָסט האָט ער דערפילט ווי אַ פּאָר צאַרטע פרויען־פּיס קלעמען אײַן זײַנעם אַ פוס. דער קלעם האָט אים קיין שטאַרקן ווייטיק נישט פאַר־שאַפט, נאָר עפּעס האָט עס אים אויסגעניכטערט און ער האָט אין יענעם אָוונט, זייט ער האָט אָנגעהויבן די רעדע, צום ערשטן מאָל באַקומען דעם פולן באַוואוסטזיין. ביז דעמלט איז ער געווען ווי פאַרשיכורט. און ער האָט דערזען, אַז ביים גאַנצן באַנקעט איז דאָ איין פרוי און די דאָזיקע פרוי זיצט לעבן אים. ער האָט זיך איינגעקוקט אין איר און דער קליינשטעטלדיקער בחור מיט דעם קליינשטעטלדיקן וואָרט האָבן דערוואַכט אין אים. ער האָט אַ טראַכט געטאָן: „אַ בולגאַריש פערדל!״ די בולגאַרישע פערדלעך זײַנען קליינע, קיילעכדיקע, ווייכע און עלעגאַנטע. די בחורים אין שטעטל פלעגן איינטיילן די פרויען אויף „בולגאַרישע״ און „דייטשישע״ פערד. די לעצטע זײַנען געווען די גרויסע און אומגעלומפּערטע. די פרוי, וואָס איז געזעסן לעבן אים, איז געווען אַ קליינע און אַ קיילעכדיקע. קיילעכדיק איז געווען איר גע־זיכט, אירע בעקלעך, אירע ליפּן און אירע אויגן. אונזער העלד האָט שוין דעמלט געוואוסט, אַז אין דער מאָדע זײַנען לענגלעכיקע אויגן, דאָך האָבן אים אירע קיילעכדיקע אויגן שטאַרק געררייצט. זיי זײַנען געווען אומגעהויער גרויס און זיי האָבן געהאַט די פאַרב פון מאַסלינעס. און אַלע טיילן פון איר קערפּער, וואָס האָבן זיך אויסגעטיילט פון אונטער איר קלייד, זײַנען געווען בולט. איר קלעם מיט די פּיס האָט אים אי אויסגעניכטערט, אי ווידער פאַר־שיכורט. ער האָט אַ דערשראָקענער זי שטיל געפרעגט: „וואָס טוט איר?״ און זי האָט אים שטיל געענטפערט: „אויף פראַנצויזיש הייסט עס „פלערטע די שעוואל״ (פערדן־פלירט)״. איז אים געוואָרן גאָר מאָדנע. ער האָט זי פאַרגליכן אין געדאַנק צו אַ בולגאַריש פערדל און זי האָט אים גערעדט וועגן פערדן־פלירט. ער האָט זיך געגיבן חשבון, אַז סוסים שפּילן זיך טאַקע מיט די פיס... זי האָט פאַרשנירעוועט אַ ליפּל ווי אַ קינד און זי האָט געזאָגט:

— ווי אַזוי באַקענט מען זיך ערשט מיט אַ דאַמע און מען רעדט צו איר די גאַנצע צייט נישט קיין וואָרט?

ער האָט זי אָנגעקוקט מאָדנע און ער האָט געפרעגט:

— איך האָב זיך דען באַקענט מיט אייך?

— אַך זײַנט איר צעטראָגן — האָט זי געזאָגט אי ברוגז, אי פריילעך — ווען אייער צעטראָגנקייט וואָלט מיר נישט געפעלן, וואָלט איך אין גאַנצן נישט גערעדט מיט אייך...

ער האָט זיך מודה געווען, אַז ער האָט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן היינט געהאַט אַזאַ איבערלעבעניש און ער געדענקט נישט וואו ער איז אין דער וועלט און ער האָט זי געפרעגט ווי אַזוי זי הייסט.. זי האָט אים געזאָגט, אַז זי הייסט ערנאַ און אַז אירע פרומע טאַטע־מאַמע רופן זי אסתר. זי האָט אָנגעוויזן אַנטקעגן אויף אַ הויכן, שיינעם, געשטרעקטן מאַן, וואָס האָט שוין געהאַט גרויע האָר אין די ווינקלען און וואָס האָט אויסגעזען היפּשלעך עלטער פון איר און זי האָט געזאָגט, אַז ער איז איר מאַן און אַז מיט אים האָט מען שוין יאַנקלען אויך באַקענט. ער האָט דערפילט, אַז זי ווייזט אָן נישט מיט ליבע אויף איר מאַן און ער האָט באַקומען מוט און ער האָט אויף איר קלעם געענטפערט צוריק מיט אַ קלעם... דער עולם האָט נאָך דערנאָך גאַנץ פיין פאַרבראַכט און אַ סך האָבן געזונגען לידער און יאַנקל אַליין האָט אויך געזונגען לידער, אָבער ער איז שוין ווידער געווען ווי פאַרשיכורט און ער האָט געטרונקען אי ביר, אי וויין און ער האָט שוין גאָרנישט געדענקט וואָס מיט אים איז געווען... און ווען ער איז פאַרטאָג געגאַנגען אין האָטעל אַריין, האָט ער נישט געקענט פאַרמאַכן די אויגן, וואָס האָבן זיך געקלעפּט ביי אים און ער האָט נישט געוואוסט, וואָס עס לאָזט אים נישט שלאָפן — דער דערפאָלג, צי ערנאַ. פון דעם ביר מיט דעם וויין איז ער לחלוטין נישט געווען שיכור, כאָטש ער האָט געטרונקען אפשר מער ווי אַלע. אייניקע האָבן אים אפילו געזאָגט, אַז ער דאַרף קענען זייער גוט די מלאכה אַ סימן: ער קען טאָן אַ לעק...

אין דער פרי איז אונזער העלד אַוועקגעפאָרן אין שטאָט דאַראָהאַי, וואָס האָט זיך געפונען עטלעכע שעה פון באַטאַשאַני. דאָרט איז געווען אַ היפּשער ציוניסטישער קרייז און מען האָט אים אויך אַהין איינגעלאַדן האַלטן אַ רעדע, אָבער נישט וועגן ביאַליקן, נאָר וועגן ציוניזם און נישט אין קיין זאַל, נאָר אין אַ שול. דאַראָהאַי איז אויך געווען אַ היפּשע שטאָט און זי איז אויסערלעך געווען ענלעך צו באַטאַשאַני, אָבער זי האָט דאָך אויסגעזען גלייך זי וואָלט זיך געפונען אין עק וועלט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָרט, וואו ערנאַ געפינט זיך, איז מיט וועלט און דאָרט וואו ער געפינט זיך איצטער, אין עק וועלט. אין דאַראָהאַי האָט ער אויך געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, אָבער די פרייד פון באַטאַשאַני האָט געפעלט. עס האָבן זיך געדרייט אַרום אים יונגעלייט, וואָס זיינען געווען האַלב פרומע און זיי האָבן אים געבעטן, אַז ער זאָל אין ערגעץ נישט אויסטאָן דאָס היטל און ער זאָל זיך אָפּהיטן אין אַלעמען, בכדי נישט צו דערצערנען די פרומע יידן און טאַקע דעם אַלטן רב. וואָס זאָגט, אַז אויב די ציוניסטן וועלן אָפּהיטן יידישקייט, דאַרף מען זיך נישט קריגן מיט זיי און מען מעג זיי אַפילו העלפן. אונזער העלד האָט ביז איצטער אַליין זיך נישט געגיבן חשבון וועגן דער פולער פרייהייט, פון וועלכער ער האָט גענאָסן. אין דאַראָהאַי האָט ער זיך דערפילט ווי מיט אַ

שטריק אויף דעם האלדז, כאטש פארלאנגט האט מען פון אים, אז ער זאל זיך נאר טיילווייז אויספירן אזוי ווי ער האט זיך אויפגעפירט די מערסטע טייל פון זיין לעבן. ווען ער האט געגלויבט און ער איז געווען געוואוינט, איז אפהיטן אלע תרי״ג מצוות אים נישט געווען שווער און ווען ער האט נישט געגלויבט און ער איז געווען אפגעוואוינט, איז אפהיטן א טייל מצוות אויך געווען שווער. אין גערדאנק האט ער זיך עם פארגליכן צו איינעם, וואס דארף צעהאקן א גאנצן וואגן האלץ און ער פילט זיך פריי און ווען ער דארף שפע־טער צעהאקן נאך א בינט האלץ, פילט ער זיך פארקנעכטעט... עס איז אים אין יענער שטאט אויסגעקומען צו ריידן שבת בייטאג און ער האט געמוזט גיין שבת אין דער פרי אין שול אריין און עולה לתורה זיין און זאגן מפטיר. דער רב אליין, וואס איז געווען א ייד אפשר פון אכציק יאר, האט געצי־טערט מיט די הענט און געשמייכלט מיט די יונגע אויגן פון אונטער געדיכטע, ווייסע ברעמען און הינטער שווערע אויגנגלעזער, וועלכע ער האט אים גע־וויזן פון אונטער דער שווערער זילבערנער עטרה און ער האט אים געזאגט: „אייערע לייט, אז זיי ווילן, קענען זיי...״ דער דאזיקער קאמפלימענט האט ביי אים ארויסגערופן א געוויסע צופרידנקייט און אים האט באנק געטאן, וואס די מאמע זיינע הערט דאס נישט, אבער ער האט זיך דערביי געפילט ווי א מוראדיקער ליגנער און ער האט געהערט ווי א קול שרייט צו אים: „נארסט אפ, נארסט אפ, דו האלטסט נישט, אז גאט וויל מען זאל אים אזוי לויבן און חנפן און מ׳זאל אים דריי מאל אין טאג פראווען א באנקעט און מען זאל אים זינגען לויבגעזאנגען אויפשטייענדיק און לייגנדיק, אום שבת און אין דער וואכן...״ ער האט זיך געפילט ווי מ. ז. פייערבערגס העלד פון דער דערציילונג „וואוהין״. ווען ער איז געשטאנען מיטן טלית אויף די אקסל און ער האט געזאגט און געזונגען די הפטרה און די ברכות פון דער הפטרה און אים האט זיך געגלוסט אויסשרייען: „ס׳איז א ליגן, איך נאר אייך אפ! איר אליין דארפט אויך נעמען זוכן א נייעם וועג!״ און ער האט דאך גאר נישט אויסגעשריגן און ער האט ווייטער געשמייכלט און געקרייזלט די ווערטער און דערביי האט ער נישט אויפגעהערט טראכטן פון ערנאן, פון דער פרוי פון א פרעמדן מאן, וואס האט זיך אזוי זינדיק צוגערירט צו אים און זי האט דערביי געהאט אזא אומשולדיקן אויסזען. איר איז ער געווען גיכער גרייט צו זינגען לויבגעזאנגען, איידער דעם אלטן גאט פון אברהם, יצחק און יעקב און פון זיינע עלטערן און עלטערנס עלטערן, סיי פון חסידישן צד, סיי פון ליטווישן צד... אים האט זיך געדאכט, אז יעדע רגע, וואס ער פארלירט אן ערנאן, פארלירט ער די גאנצע וועלט. אים האט זיך געדאכט, אז זיי האבן זיךביידע אזוי שטארק ליב, אז זיי וועלן נישט קענען לעבן און זיי וועלן מוזן שטארבן און אין די אויערן האבן אים נישט אויפגעהערט צו קלינגען היי־נעס שורות:

קענסטו דאָס אַלטע לידל?
עס קלינגט אַזוי זיס און טריב!
זיי האָבןביידע געמוזט שטאַרבן,
זיי האָבן זיך געהאַט צו פיל ליב...

ווי אַזוי, האָט ער זיך געזאָגט, וועלן זיי קענען בלייבן לעבן מיט זייער גרויסער ליבע, אַז זי איז אַ חתונה געהאַטע און זי האָט אַזאַ הויכן, שיינעם מאַן, וואָס איז נאָך רייך אויך דערצו און ער האָט אַ פּאָזיציע אין לעבן. זי וועט דאָך אים נישט איבערלאָזן און אַוועק מיט אים, דעם אָרימען יינגל... אָבער ער האָט געפילט, אַז שטאַרבנדיק וועלן זיי מער לעבן, ווי נישט שטאַרבנדיק און זיך נישט ליב האָבנדיק. די רעדע בייטאָג אין שול האָט ער געהאַלטן מיט ווילדן פייער און ער האָט געהערט, ווי מאַמעס האָבן זיך געבענטשט מיט אים און זיי האָבן מקנא געווען זיין מאַמען און זיי האָבן געזאָגט, אַז זיין מאַמע איז שוין זיכער מיט גן עדן.

דאָס מאָל איז זיין חלום מקויים געוואָרן. מען האָט אים טעלעגראַפיש צוריקגערופן קיין באַטאַשאַני אויף נאָך אַ רעפעראַט און די צוויי יונגע פירער פון ציוניסטישן קרייז, וואָס האָבן אויף אים געוואַרט ביי דער סטאַנציע, האָבן אים איראָניש געזאָגט, אַז ערנאַ האָט איינגעלייגט וועלטן, אַז מען זאָל אים ברענגען נאָך אַמאָל. איינער פון די צוויי האָט זיך פאַרגונען צו ריידן ציניש וועגן דער דאָזיקער פרוי און ער האָט געזאָגט, אַז דער גאַסט זאָל נישט מיינען, אַז ער איז ביי איר דער ערשטער, זי האָט שוין צו אַ סך געשענקט דאָס דאָזיקע, וואָס זי וויל אים שענקען. דער צווייטער האָט שטיל באַמערקט, אַז לויט עס ווייזט אויס, איז זי אַ היסטערישע פרוי און איר מאַן איז גאָרנישט צום מקנא זיין און זי איז אַ גרויס אומגליק פאַר די עלטערן אירע, וואָס זיינען רייך און פאַנאַטיש און זיי האָבן זייער טאָכטער געגיבן אַ מאָדערנע דערציאונג און זי קען דייטש, פראַנצויזיש, שפּילן פּיאַנאָ און אַלץ, וואָס אַ רייכע טאָכטער דאַרף קענען. ביידע האָבן צוגעגיבן, אַז זי וועט איר לעבן נישט פאַרענדיקן נאָרמאַל, ווייל עפּעס שטעקט אין איר — אַ טייוול, אָדער אַ קראַנקייט... יאַנקל האָט זיך געפילט באַשפיגן. ווען זיין טאַטע וואָלט געהערט ווי מען באַליידיקט גאָט אַליין, וואָלט ער זיך מיסתמא נישט געפילט ערגער, ווי אונזער העלד האָט זיך געפילט. די צוויי באַגלייטער האָבן אים געוואָרנט, אַז ער זאָל זיך אויפפירן פאָרזיכטיק, ווייל אין שטאָט קען מען אַלע אירע מעשים און דאָס דאָזיקע קען קאָמפּראָמעטירן דעם גאַנצן ציוניזם. דער גראָבער רייכער בחור מיט דעם גוטן שמייכל האָט מיט אַ פולן מויל מיט באַקן אַ זאָג געטאָן, אַז „אַ נאַש טאָן מעג מען, זי איז אַ גאַנץ באַחנט ווייבל, אָבער — נישט נאָר תשובה טאָן דאַרף מען אין דער פינסטער, נאָר אויך זינדיקן דאַרף מען אין דער פינסטער". יאַנקל האָט נישט

פאַרשטאַנען צוליב וואָס זיי האָבן אים ווידער געבראַכט, אויב דאָס דאָזיקע איז געווען דורכוים איר פאַרלאַנג, אָבער די בחורים האָבן נישט געלייקנט, אַז אין שטאָט איז ער שטאַרק געפעלן און אַז זיי ווילן אויך הערן פון אים נאָך אַ רעפעראַט און זיי האָבן אַלע באַשטימט, אַז ער זאָל ריידן וועגן שלום עליכמן. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט גערעדט וועגן שלום עליכמן, ער האָט אים אַפילו נאָך נישט געהאַט דורכגעטראַכט אַזוי גרינדלעך, ווי ער האָט דורכגעטראַכט ביאַליקן, אָדער מענדעלע מוכר ספרים, אָבער ער האָט גאָר־נישט געזאָגט און ער האָט זיך געגרייט צו ריידן וועגן שלום עליכמן. זיצנדיק אין דער דראָשקע, האָט ער גענומען פיבערן מיט דער רעדע און ער האָט נאָר געפילט אַן איבערפלוס פון מאַטעריאַל. אַלע טיפּן שלום עליכמס האָבן זיך גענומען בעטן ביי אים, אַז ער זאָל זיי דערקלערן.

און אין יענעם טאָג האָט ער נאָך געמאַכט אַ וויזיט ביי ערנאַן אין שטוב, וואָס האָט אים אויסגעזען ווי אַ חלום מיט איר רחבות, שיינע מעבל, שיינע בילדער, שיינע טעפּיכער און שיינע יידישע זאַכן, ווי אַ לייכטער אויף בענטש־ליכט, אַ ביקסל פאַר בשמים א. א. וו. דער מאַן ערנאַס איז גע־ווען אין דער היים, ווען יאַנקל איז געקומען אין שטוב אריין אין איינעם מיט אַ גאַנצער גרופּע יונגע ציוניסטן און ער האָט צו אַלעמען געשמייכלט זייער פריינטלעך און ער האָט דאָך אַרויסגעוויזן, אַז ער טוט דאָס נישט מיט דעם גאַנצן הארצן. איבערהויפּט האָט ער געקוקט אומרואיק אויף דעם גאַסט, וועלכער האָט זיך געפילט פון זיינע בליקן ווי מיט נאָדלען אויף דעם גאַנצן לייב. ערנאַ האָט די גאַנצע צייט זיס און געצווימט געשמייכלט צו אַלע און ספּעציעל צום גאַסט און פון צייט צו צייט האָט זי אים אויך שטיל אַ טאָרע געטאָן מיט דעם פיסל. זי האָט געטראָגן אַ טונקל בלוי קלייד מיט ווייסער באַ־פוצונג און ביי די אַרבל האָט זי געהאַט ווי ווייסע פליגל. זי האָט אויסגעזען אי רייצנדיק, אי פרום. דער מאַן איז נישט לאַנג געזעסן און ער האָט זיך אַנטשולדיקט און געזאָגט, אַז ער מוז אַוועקגיין, ווייל ער איז אַ מענטש מיט גרויסע געשעפטן און גרויסע פליכטן. ער האָט זיך געטרייסט דערמיט, וואָס ער לאָזט סיי זיין פרוי, סיי זיינע געסט אין דער בעסטער געזעלשאַפט און זיינען ווערטער האָבן געקלונגען איראָניש און פאַרדריסלעך... איידער ער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט ער אַליין פאָרגעלייגט, אַז זיין פרוי זאָל עפּעס דעקלאַ־מירן לכבוד דעם גאַסט. ערנאַ האָט זיך אַביסל פאַרדרייטלט און זי האָט באַ־מערקט, אַז דער גאַסט האַלט געוויס נאָר פון נאַציאָנאַלער יידישער פּאָעזיע און זי קען נאָר ליבעס־פּאָעזיע און דערצו אויף דייטש און אויף פראַנצוי־זיש. זי האָט צוגעזאָגט, אַז ווען דער גאַסט וועט קומען צום צווייטן מאָל, וועט זי שוין קענען דעקלאַמירן נאַציאָנאַלע לידער און אפשר טאַקע אין העברעאיש אויך. דער מאַן האָט געקוקט דערשטוינט אויף איר און ער האָט גע־זאָגט, אַז פריער איז זי גאָר נישט געווען אַזאַ הייסע יידישע טאָכטער און

ער האָט באַמערקט, אַז אירע נייע געפילן מאַכן אים גליקלעך. איינער פון די געסט האָט באַמערקט, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט ערנאַן ריידן יידיש. זי רעדט דייטש אַפילו מיט אירע עלטערן. די פרוי איז רויט געוואָרן פון די באַמערקונגען, וואָס זיינען געפאַלן אויף איר קאָפּ און זי האָט זיך אָפּגערופן כמעט קינדיש, אַז זי וועט פאָלגן דעם מאַן און זי וועט דעקלאַמירן היינעס אַ ראָמאַנס. איר שטימע האָט באַלד אַ ציטער געטאָן:

עס וואַר איין אַלטער קעניג,
זיין האופּט וואַר גראַו אונד שווער זיין זין...

אין שיינעם זאַל האָבן אַלע איינגעהאַלטן דעם אָטעם. איר שטימע האָט געקלונגען ווי אַ זילבערן גלעקל און דער ריטם האָט זיך געביטן ווי אין אַ טענץ. מען האָט פון די ווערטער אַרויסגעהערט דעם אַלטן קעניגס שווערע אַלטקייט און דעם יונגען פּאַזשעס בליענדיקע יוגנט. און ווען ס'איז צוגעקומען צו דעם לעצטן סטראָף, זיינען אירע גרויסע, קיילעכדיקע אויגן פול געווען מיט טרערן און זי האָט אי טרויעריק, אי שטיפעריש, ווי געזונגען:

קענסט דו דאַס אַלטע לידכען?
דאַס קלינגט זאָ זיס? דאַס קלינגט זאָ טריב.
זי מיסטען באַידע שטערבען,
זי האַטען זיך פיל צו ליב...

דער עולם האָט פרענעטיש איר אַפּלאָדירט און דער מאַן איז צוגעגאַנגען און האָט איר געגיבן אַ קוש אין קאָפּ און זיך געזעגנט מיטן גאַסט ביי די הענט און צו אַלע אַנדערע האָט ער געגיבן אַ שאָקל מיטן קאָפּ און ער איז אוועק. יאַנקל האָט נישט געוואוסט, צי זאָל ער אים מקנא זיין, אָדער ער זאָל אים באַדויערן. מאָדנע איז אים געווען, וואָס זי האָט דעקלאַמירט דאָס דאָזיקע ליד ווענגן וועלכן ער האָט געקלערט.

און ווען דער מאַן איז אוועק, האָבן אַלע געביטן די האַלטונג. די מערסטע יונגעלייט זיינען געווען יוגנט־פריינט מיט ערנאַן און זיי זיינען געווען מיט איר אויף דו, דאָך האָבן זיי זיך באַצויגן צו איר מיט רעספּעקט אין דער אָנוועזנהייט פון איר מאַן, אָבער אַזוי ווי ער איז נאָר אוועק, האָבן זיי גערעדט צו איר אַ סך פרייער און אייניקע האָבן געמאַכט צווייִדייטיקע אָנצוהערענישן אויף דעם, וואָס עס איז געווען און אויף דעם, וואָס עס דאַרף זיין, כאָטש אין שטוב איז געווען דעם מאַנס יינגסטע שוועסטער, אַ קליין מיידעלע מיט רוחישע קלוגע אייגלעך און מיט אַ לאַנגן צאָפּ. זי האָט מערקווירדיק אַנדערש אויסגעזען ווי איר גרויסער און שווערער ברודער און יאַנקל

האָט זיך באַלד דערוואוסט, אַז זי איז אַ שוועסטער פון איין מאַמען, אָבער נישט פון איין טאַטן. זי איז געווען די איינציקע פרוי אין שטוב. אויסער איר שוועגערין און איר האָט מען כמעט נישט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט. ערנאַ האָט אַזש גרויסמוטיק באַמערקט, אַז די קאַוואַלירן טאָרן נישט פאַרגעסן, אַז ס'איז דאָ נאָך אַ דאַמע אין שטוב. דער דיקער סאַכטער האָט מיט דעם פולן מויל באַקן באַמערקט צום חבר מיט וועלכן ער האָט זיך שטענדיק געקריגט און דאָך געהאַלטן אין איינעם, אַז אַזאַ יאָר זאָל ער האָבן ווי די שוועגערין איז געשמאַקער פון דער באַלעבאָסטע, אָבער געקוקט האָט ער אַלץ אויף ערנאַן... די דעקלאַמאַציע האָט ביי יאַנקלען אַרויסגערופן אַ ים מיט גוטע געפילן צו דער פרוי, וואָס איז געווען אין צענטער פון אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. ער איז געוועזן זיכער, אַז אַ פרוי, וואָס קען אַזוי דעקלאַמירן און זי פילט אַזוי פּאָעזיע, קען נישט זיין אַזוי זינדיק, ווי די צוויי בחורים האָבן דערציילט. דער אופן ווי ערנאַ האָט דעקלאַמירט היינעס ליד האָט אים דערמאָנט אין דעם אופן ווי קלאַראַ יאַנג האָט געזונגען להבדיל „חשק". ביידע פרויען האָט אויסגעזונגען די פולסטע גאַמע פון ליידנשאַפט און ליבע, אָבער די היימישע פרוי האָט עס געטאָן מיט די טייערסטע ווערטער און די שוישפּילערין האָט עס געטאָן מיט די ביליקסטע ווערטער... ווען דער מאַן איז אַוועק און די אַלע בחורים האָבן זיך גענומען אויפפירן חוצפּהדיק, האָט יאַנקל ווידער אָנגעהויבן פילן ווי זיין הייליקייט ווערט אים פאַרשוועכט. ערנאַ האָט דערמאָנט דער שוועגערין, אַז זי דאַרף גיין צום דענטיסט און דאָס דאָזיקע איז געווען ווי אַ מין סיגנאַל, אַז אַלע דאַרפן שוין אַהיימגיין און עס האָט נישט לאַנג געדויערט און אַלע זיינען זיך צעגאַנגען. געבליבן איז יאַנקל מיט זיינע צוויי באַגלייטער און ערנאַ האָט גאַנץ מוטיק זיי פאַרגעלייגט צו זיין קאַוואַלירן און באַגלייטן איר שוועגערין צום דענטיסט און טאַקע צוריקקומען מיט איר און זי וועט דערווייל פאַרברייינגען מיט דעם גאַסט מיט וועלכן זי האָט נאָך קיין צוויי ווערטער נישט גערעדט. זי האָט אומשולדיק באַמערקט, אַז מען מעג איר געטרויען, אין שטוב זיינען דאָ דריי דינסטן מיט אַ דינער און זיי זיינען אַלע גוטע שומרים. דער דיקער בחור האָט ציניש געפרעגט, צי זיי מוזן ביידע באַגלייטן די שוועגערין און צי איינער איז נישט גענוג. אָבער ערנאַ האָט זיך נישט שטאַרק צוגעהערט צו זיינע רייד און זי האָט גענומען ביידע בחורים און זיי אַריינגעשטעלט די שוועגערין און זיי געהייסן מאַרשירן. און איידער ער האָט זיך אומגעקוקט זיינען זיי שוין געווען אַליין און זיי זיינען שוין געווען איינער אין אַנדערנס אָרעמס און עס האָט כמעט גאָרנישט געדויערט ביז וואַנען עס איז צווישן זיי געשען אַלץ. עס איז געווען אַזאַ ווילדער שטראָם פון ברויזנדיקער ליידנשאַפט, אַז ס'איז גאָרנישט געווען אויף דער ערד. ס'האָט אויסגעהויבן און ערנעץ פאַרטראָגן. און אַפילו ווען זיי האָבן זיך שוין ביידע אויסגע-

ניכטערט און זי האָט געמוזט פאַרגלעטן די שפּורן און ער האָט זיך אָוועקגעדרייט און באַהאַלטן דאָס פּנים און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט ערגעץ געהערט אַ קלונג, האָט ער געפילט אַ זים געזאַנג אין אַלע איברים און מער גאָרנישט. אים איז געקומען אויף דעם זינען בליומע. יענע האָט געפרעגט: „פאַר וועמען האַלט איר מיך?" און איר פראַגע האָט געקלונגען אַזוי נישט שיין, ערנאַ האָט גאָרנישט געפרעגט און איר שווייגן איז געווען אַזוי שיין. פון דעם אַלץ, וואָס איז געשען, איז זי געוואָרן געהויבענער ביי אים און ער האָט ווידער נישט געגלויבט אויף דעם, וואָס מען זאָגט וועגן איר.

דעם רעפעראַט האָט יאַנקל געהאַלטן ערשט אויף דעם צווייטן טאָג. ערנאַ האָט דווקא געוואָלט, אַז דער רעדנער זאָל קומען מיט זיינע באַגלייטער צו איר אַהיים און זיי זאָלן צוזאַמען גיין אין זאַל אַריין און דאָס דאָזיקע איז אונזער העלד נישט געפעלן. ער האָט געפילט ווי די דאָזיקע מאָדנסטע פרוי, וואָס ער האָט אין זיין לעבן באַגעגנט, וויל זיך באַרימען מיט איר אָנגעהעריקייט צו אים. די באַגלייטער זיינען האָבן געהאַלטן, אַז זיי טאָרן נישט קומען אין איינעם און זיי האָבן שוין אויסגעדרייט אַזוי, אַז זיי זאָלן ערגעץ פאַרשפּעטיקן און מוזן גיין גלייך אין זאַל אַריין. ערנאַ האָט פאַרשפּעטיקט דעם אָנהויב פון דער לעקציע. בעת דער גאַנצער צייט פון דער רעדע האָט זי אויף אים געקוקט אי ברוגז, אי פאַרליבט. ווען ער האָט געענדיקט, איז זי געווען די ערשטע אויף דער בינע אים צו באַגריסן. דער הויכער מאַן האָט איר קוים נאָכגעהאַלטן. זי האָט אויסגעזען ווי אַ מענטש וועמען עס איז געשען אַ גרויסער אומגליק, אָבער אויך אַ פרייד האָט געשטראַלט פון אירע אויגן. נאָך פון דער ווייטנס האָט זי אָנגעהויבן שרייען פאַרוואָס מען האָט זי אָפּגענאַרט. אויף דער בינע זיינען אויך געווען סאַכטער און פּעלער, וואָס זיינען דאָרט געזעסן די גאַנצע צייט פון דער לעקציע, האָט מען נישט געקענט דערקענען, צי זי שרייט אויף אים, אָדער אויף זיי. דער דיקער סאַכטער האָט זיך אָנגעבויגן צו זיין חבר און ער האָט געזאָגט: „אַ פרוי שרייט נישט אויף קיין מאַן ביז וואַנען..." דאָס איבעריקע האָט ער שוין דערזאָגט נישט מיט ווערטער, נאָר מיט אַ וואונק פון אויג. און איר נישט קענען קאָנטראָלירן זיך איז יאַנקלען געפעלן. ער האָט אין איר דערפילט אַ זעלטענע אויפריכטיקייט. ווען זי איז צוגעקומען שטאַרק נאָענט צו אים, האָט זי אים געזאָגט:

— כ'בין געווען שטאַרק בייז אויף דיר... אויף אייך... אָבער ווען איך זע אייער בלייך פּנים, וואָס דערמאָנט אַזוי אין באַגייסטערונג, בין איך אייך מוחל...

ער האָט ביז דעמלט נישט געוואוסט, אַז נאָך אַ רעדע זעט ער אויס בלייך. אויף דער בינע זיינען שוין געווען אַ סך באַקאַנטע, וואָס זיינען אים געקומען באַגריסן און עס זיינען געפאַלן אַ היפּש ביסל שפּאַטישע בליקן

אויף ערנאַן און וואָס מיאוסער מען האָט געקוקט אויף איר, אַלץ שענער האָט זי אים אויסגעזען.

אונזער העלד האָט זיך נישט געגלוסט אוועקפאָרן פון באַטאַשאַני, אָבער די חברים זיינען האָבן אים געגיבן צו פאַרשטיין, אז אויב ער וועט בלייבן, קען ער קאַליע מאַכן, וואָס ער האָט פאַרריכט און אפשר נאָך מער. ער האָט שוין אין דאָראָהאָי דערפילט, אז אויך די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פאַר־לאַנגט, אז מען זאָל אָפּהיטן מיצוותס, אָבער איצטער, ווען ער האָט געמוזט אוועקפאָרן, כאָטש אים האָט זיך אַזוי געגלוסט בלייבן, האָט ער נאָך מער דערפילט, אז אויך דער ציוניזם פאָדערט אָפּצוהיטן געזעצן. די רעליגיע איז אים אין דעם פרט פאַרגעקומען מער אויפריכטיק. די רעליגיעזע יידן האָבן פאַרלאַנגט זאַכן, אין וועלכע זיי האָבן געגלויבט, בעת די חברים זיינע, די ציוניסטן, האָבן נישט געהאַלטן פאַר קיין זינד דאָס דאַזיקע, וואָס עס קומט פאָר צווישן אים און דער פרעמדער פרוי, אָבער זיי האָבן מורא געהאַט פאַר מענטשן. אים איז שוין געווען בעסער געפעלן דאָס מורא האָבן פאַר גאָט. ביי זיך אַליין איז ער דאָך ווייט נישט געווען זיכער, אז ער טוט גוט, אָבער — ער איז נישט געווען קיין באַלעבאָס איבער זיך און עס האָט זיך געטאָן פון זיך אַליין. און פון דעסט וועגן זאָגט אַ גמרא, אז אַ מענטש איז שטענדיק שולדיק און לויט דער אַלטער יידישקייט קומט אויס, אז כאָטש גאָט איז האַר און הערשער, האָט ער דאָך געגיבן די בחירה דעם מענטשן. ביי זיך האָט ער באַשלאָסן, אז אויב ערנאַ האָט נישט ליב איר מאַן און אים האָט זי ליב און ער האָט זי ליב, דאַרף זי איבערלאָזן איר מאַן און חתונה האָבן מיט אים. ער האָט איר נישט צו גיבן אַזאַ פּאַלאַץ ווי איר מאַן, אָבער — דערפאַר האָבן זייביידע אַזאַ גרויסע ליבע און שילער האָט דאָך געזאָגט, אז דאָס קלענסטע שטיבל איז גענוג גרויס אַריינצונעמען די גרעסטע ליבע... פאָרנדיק צוריק קיין בראַילאַ, האָט ער געפילט ווי אַלץ אין אים און אַרום אים שרייט: „ערנאַ, ערנאַ...” ער איז געווען אַזוי פאַרשיכורט־צערודערט און ער האָט אַזויפיל געפּלאַפּלט מיט וועמען עס האָט זיך געלאָזט, אז מען האָט אַזש גע־קוקט מיט פאַרדעכטיקע שמייכלען אויף אים. ער האָט אפשר דעמלט צום ערשטן מאָל גערעדט רומעניש און ער האָט געפילט ווי די צונג ווערט אים היפּשלעך פריי און צעבונדן אין דער דאָזיקער שפּראַך. איינע אַ פרוי האָט אים געזאָגט, אז ער רעדט צו גוט פאַר אַן אויסלענדער און צו שלעכט פאַר אַ רומענער. ווען ער איז אַהיימגעקומען, האָט ער אָנגעשריבן אַ בריוו צו ערנאַן און געשיקט פּאָסט־רעסטאַנט. ער האָט זיך מיט איר נישט אָפּגע־רעדט, דאָך איז זי געגאַנגען פרעגן און זי האָט אים געשריבן, אז דער בריוו איז אָנגעקומען נאָך שפּעטער ווי זי האָט דערוואַרט. ער האָט איר געשריבן, אז ער וויל זי צו זיך און זי האָט אים געענטפערט מיט די ווערטער פון שיר השירים: „צי מיך נאָך דיר און איך וועל לויפן”. אָבער ווען ער האָט דער־

נאָך גענומען שרייבן, אַז זיי זאָלן חתונה האָבן, האָט זי געענטפערט, אַז דאָס דאָזיקע איז דאָס גליקלעכסטע וואָרט. וואָס זי האָט געהערט אין איר לעבן, אָבער זי האָט מורא, אַז אירע עלטערן וואָלטן עס נישט איבערגעטראָגן און זי איז זיכער, אַז איר מאַן אַליין וועט עס אויך נישט אַריבערטראָגן, ווייל ער איז מער פאַרליבט אין איר ווי אַלע מענער אין איינעם און ער האָט איר שוין מוחל געווען אַזויפיל זאַכן, וואָס אַ נישט פאַרליבטער מאַן וואָלט זיי קיינמאָל נישט מוחל געווען. זי איז געווען גענוג קלוג צו שרייבן, אַז דאָס לעבן איז נישט אַזוי פשוט, ווי עס זעט אויס אין דער פּאָעזיע. און זי איז דעמלט נישט אַלט געווען מער ווי איין און צוואַנציק יאָר. זי איז געווען עלטער פון אים מיט אַ יאָר. איר פּראַקטישקייט איז אים נישט געפעלן, אָבער זי האָט אין אירע בריוו געהאַט אַזאַ אָפנהערציקייט, וואָס נאָר אַ קינד פאַרמאָגט עס. זי האָט אים געצויגן און אָפגעשטויסן און ער האָט נישט געקענט טראַכטן פון עפּעס אַנדערש ווי נאָר פון איר. וואָס ער האָט נישט געלייענט, איז זי אים געשטאַנען פאַר די אויגן. האָט ער געלייענט „מאַדאַם באָוואַרי" פון פלאָבערן, איז זי געווען מאַדאַם באָוואַרי, האָט ער געבלעטערט אַנאַ קאַרענינאַ, טאָלסטאָיס, איז זי געווען אַנאַ קאַרענינאַ. האָט ער געבלעטערט האַמלעט, איז זי געווען אָפעליאַ...

אויף חנוכה האָט יאַנקל באַקומען אַן אַ שיר איינלאַדונגען צו באַטייליקן זיך אין חנוכה־פעסטיוואַלן. עס איז אַזוי אויסגערעכנט געוואָרן, אַז ער איז אַלע אַכט טעג געווען פאַרנומען. יעדן אָוונט האָט ער געדאַרפט ריידן אין אַן אַנדער שטאָט. ער איז געווען איינגעלאַדן אויך קיין בוהוש, אין דער שטאָט אַריין, וואו דער רבי האָט געוואוינט. דער דאָזיקער רבי, וואָס האָט אַמאָל געקיניגט אין זיינע חלומות מער ווי היינט קיניגט ערנאַ. דער זעלביקער רבי, וועמען ער האָט אויסגעזאָגט דעם ערשטן גרויסן סוד פון זיין לעבן. ער האָט דערנאָך שוין געהאַט עטלעכע גרויסע סודות, אָבער ער האָט זיי מער קיינעם נישט אויסגעזאָגט. בוהוש איז געווען אַ קליין שטעטל. עס האָט נאָך אויסגעזען קלענער ווי קיליע. און דאָס דאָזיקע איז געווען די ערשטע גרויסע אַנטוישונג. עפּעס האָט ער נאָך איצטער, ווען ער איז שוין געווען אַזוי ווייט פון דעם רבין און ער איז מיט זיין ברודער געווען אין אַן אָפענעם קאַמף צוליב דעם, וואָס ער פלאָגט אַזוי זיין אומגליקלעכן טאַלאַנטירטן זון מאַטעסל, נאָך איצטער האָט ער געוואָלט, אַז דער רבי זאָל וואוינען אין אַ גרעסערער שטאָט. אין בוהוש האָט אויך געלעבט זיין פעטער שניאור, וואָס ער האָט געקענט און די מומע שרה, פון וועלכער ער האָט געהערט זייט קינדווייז אָן און ער האָט זי קיינמאָל נישט געזען. דער טאַטע האָט זי שוין נישט געהאַט געזען זייט קנאַפּע פערציק יאָר. זי איז געווען שטאַרק ענלעך צו דער באָבען, אָבער זי איז געווען נידעריקער פון איר און דאַרער. אַ פרוי ביי די זעכציק, האָט זי נאָך אויסגעזען זעלטן שיין און זי האָט געהאַט רעשטן פון

אַן אויסערגעוויינלעכער שיינהייט. מען האָט דערציילט, אַז ווען זי איז צו־ריק מיט קנאַפּע פערציק יאָר אָנגעקומען קיין בוהוש, פּלעגן די גויים נאָך איר משוגע ווערן און זיי זיינען נאָך איר שטענדיק נאָכגעגאַנגען און גע־רעדט אין איר אַריין. זי איז געווען די גוטסקייט אַליין און זי האָט אַרום איר ברודערס זון אַזוי געטאַנצט, גלייך דער ברודער אַליין וואָלט געקומען צו איר, אָדער די מאַמע וואָלט אויפגעשטאַנען פון קבר און געקומען צו איר. זי האָט דעם פּלימעניק (זי האָט געזאָגט „ניעפּאָט", אַזוי ווי די רומענישע יידן זאָגן) געמוסרט פּאַרוואָס ער איז שוין אַריבער אַ יאָר אין לאַנד און ער איז צו איר ביז איצטער נישט געקומען און זי האָט געוויינט און געלאַכט. זי האָט געהאַט אַ שמייכל, וואָס האָט געקוויקט ביים הארצן; זי האָט געפרעגט וועגן אַלע אין קיליע און אין איזמאַיל און האָט גערעדט וועגן זיך און דער־ציילט וועגן דעם ווי אַזוי זי האָט חתונה געהאַט פאַר דעם פעטער שניאור, ווען ער איז געבליבן אַן אַלמן טאַקע פון איר עלטסטער שוועסטער און זי האָט געדאַרפט ווערן אַ מאַמע פון דריי קינדער. זי איז געווען אַ סך יינגער פון דעם פעטער און נאָך איצטער, נאָך קאַרגע פערציק יאָר לעבן צוזאַמען, פרעגט מען זי אַמאָל, צי זי איז די טאָכטער פון איר מאַן. און זי האָט טאַקע אויס־געזען ווי זיין טאָכטער. ער איז שוין געווען אַ ייד אין די טיפע זיבעציקער און ער איז געווען ווייס ווי אַ טויב און ער האָט געדאַרפט אָנטאָן צוויי פּאָר ברילן אויף צו אָנשטעלן דעם חלף. און זי האָט נישט אויפגעהערט צו דער־ציילן, אַז זי איז געווען אַ שיינע און אַז מען איז איר נאָכגעלאָפן. זי האָט דערציילט שעמעוודיק ווי אַ מיידל, אַז איין מאָל איז געווען אַ חתונה פון רבינס אַ טאָכטער און ס'איז זיך צונויפגעקומען אַ האַלבע וועלט קיין בוהוש. ס'איז געווען ערדטרעטעניש און זי איז געשטאַנען אין ענגשאַפט אין הויף ביינאַכט און נישט געקענט גיין נישט אַהין און נישט צוריק. האָט זי אַ ייד געוואָלט „מיינע שונאים" זיין שלא כדרכהדיק און ווען זי זאָל נישט געווען אָנ־הויבן שרייען, וואָלט געווען אַן אומגליק... זי האָט אַזוי לאַנג גערעדט ביז וואַנען זי איז אַרויף אויף דער טויט. אָנגעהויבן האָט זי מיטן באַוויינען די מאַמע אירע, די גוטע באָבע דבורה, וואָס זי האָט קאַרגע פערציק יאָר נישט געזען און געענדיקט האָט זי מיט באַוויינען איר טאָכטער, וואָס איז צוריק מיט צוויי יאָר געשטאָרבן, עטלעכע וואָכן פאַר דער חתונה. אַלצדינג איז שוין געווען פאַרטיק, דער גאַנצער אויסשטייער... ווען מען וואָלט יאַנקלען נישט געקומען רופן, וואָלט די מומע נאָך געווען געוויינט. זי האָט אים אָבער נישט געלאָזט אַוועקגיין, ביז וואַנען ער וועט נישט טרינקען קיין קאַווע מיט מילך, ווייל די מילך איז פון איר אייגענער ציג. דער פעטער האָט געזאָגט, אַז דער גאַסט וועט זיך באַגיין אָן קאַווע, ער איילט זיך, אָבער די מומע האָט נישט אָפּגעלאָזט. און ווען יאַנקל האָט גענומען די קאַווע צום מויל, איז אים פאַר־גאַנגען דער אַפּעטיט און ער האָט זיך פאַרקנייטשט. דער פעטער האָט דאָס

באמערקט און ער האט געזאגט: „זעסט דאך, שרה סערדצע, אז ער האט נישט ליב קיין קאווע, אין בעסאראביע טרינקט מען נישט קיין קאווע". און צו יאנקלען האט ער געזאגט שטילערהייט: „שוין באלד פערציק יאר לייד איך אזוי פון דיין מומעס פארוויכערטער מילך..."

אין א האלבער שעה האט אונזער העלד באקוקט די שטאט, וואס האט געהאט עטלעכע קווארטאלן אין דער לענג און עטלעכע אין דער ברייט און ס'האט זיך געדאכט, אז עמיצער האט זי פארלוירן אין פעלד. פון איין זייט האט דאס שטעטל געהאט א בארג, וואס האט אויסגעזען ווי א הויקער און ס'האט זיך געדאכט, אז דער בארג היט אפ די שטאט, אז זי זאל נישט אנט־לויפן. ער איז געגאנגען אנקוקן דעם „הויף", וואס האט אויך נישט אויסגע־זען אזוי גרויס און רייך ווי מען האט אים פארגעשטעלט, אבער ער איז דאך געווען גענוג גרויס. אין קיליע איז אזא שלאס נישט געווען. אין קלויז זיי־נען געזעסן א סך יושבים, די מערסטע מיט רויטע נעז און רויטע אויגן. עס זיינען אויך געווען בחורים, וואס האבן געלערנט אין א גרעסערן חדר און זיי האבן פארגעשטעלט מיט זיך א קליינע ישיבה. מען האט דעם גאסט אריינגעלאזט אין הויף אריין, אבער צום רבין האט מען אים נישט צוגע־לאזט, מען האט אים געזאגט, אז ער נעמט נישט אויף. סיי ווי האט אונזער העלד פארלוירן דעם חשק צו גיין צום רבין, פון ווען דאס גאנצע שטעטל האט נישט געהאלטן; דער טאקטישער פעטער שניאור האט דעם רבין גע־שאלטן שטילערהייט פאר זיין רישעות און די מומע האט עס געטאן אויף א קול. מען האט דערציילט, אז דער רבי איז א חולה נופל און ער איז שוין עטלעכע מאל געפאלן אין מיטן פראווען א טיש. יאנקל האט זיך דערמאנט, ווי מען איז געלאפן אין קעשענעוו צום רבין מיט חולי נופלים און מען האט געזאגט, אז ער נעמט צו די דאזיקע קראנקייט, ווי מיט דער האנט. יאנקל האט זיך דערוואוסט, אז אין דער קליינער ישיבה איז פארגעקומען א וויכוח צוליב זיין קומען קיין בוהוש. אייניקע בחורים האבן דווקא געוואלט גיין הערן זיין רעדע און די מלמדים האבן נישט געלאזט. איין בחור האט בשתיקה דער־ציילט, אז די בחורים האבן אויף צו להכעיס געזונגען די „התיקווה". א פאר יושבים זיינען ארויסגעגאנגען און זיי האבן אנגעקוקט דעם „גרויסן בעל דרשן". איינער האט אים געזאגט, אז כאטש ער גייט אן א בארד און אן פאות, האט ער דאך דעם צלם אלוקים און ער דארף גיבן תיקון און טאקע טרינקען לחיים, אבער א צווייטער האט געזאגט, אז אזוי לאנג ער וועט אים אים נישט זען אין מרחץ, וועט ער נישט גלייבן, אז ער איז א ייד. א דריי־טער איז צוגעגאנגען צו אים און ער האט א שנארך געטאן מיט דער גרויסער, רויטער נאז און ער האט געזאגט צו אים: „יונגערמאן, גיב מיר א שמעק טאבאקע!" ער האט געענטפערט: „איך שמעק נישט!" האט דער יושב גע־ענטפערט צוריק: „אבער איך שמעק דיך!" די יושבים האבן געלאכט און דער

ייד האָט ווידער אַמאָל געזאָגט: „יונגערמאַן, גיסט נישט קיי שמעק טאַבע־קע?" ער האָט געענטפערט נערוועז: „אַך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז איך שמעק נישט!" האָט דער יושב געזאָגט נאָך נערוועזער: „אָבער איך האָב דיר דאָך געזאָגט, אַז איך שמעק יאָ..." און בי וואַגען ער האָט זיך נישט געכאַפּט און נישט געזאָגט, אַז ער האָט נישט, האָט דער שפּיל נישט אויפגעהערט... מיט אייניקע פון די ישיבה בחורים האָט אונזער העלד געהאַט אַ באַגעגניש און זיי האָבן זיך געקלאָגט, אַז מען לערנט צו אַלטמאָדיש און מען לאָזט נישט לערנען קיין דיקדוק און יאַנקל האָט אָנגעשריבן אין „האַמער" אַ פעליעטאָן וועגן דעם און דאָס האָט געפירט דערצו, אַז מען האָט עטלעכע בחורים אַרויסגעטריבן. אין בוהוש איז אויך געווען אַ טעקסטיל פאַבריק, די גרעסטע טעקסטיל פאַבריק אין רומעניע, אויב נישט טאַקע די איינציקע. אַ גרויסער טייל פון די אַרבעטער איז באַשטאַנען פון יידן. די טעכניקער די ספּעציאַליס־טן זיינען געווען דייטשן. די שוואַרצע אַרבעטער זיינען געווען רומענער. אַ דעלעגאַציע פון די אַרבעטער איז געקומען צו יאַנקלען און האָט אים געבעטן, אַז אָנשטאָט דעם ער זאָל ריידן וועגן דעם, אַז יידן זאָלן גיין קיין ציון, וואָס זיי וועלן סיי ווי נישט פאָלגן, זאָל ער בעסער ריידן קעגן דעם, וואָס די באַ־לעבאַטים פון דער פאַבריק עקספּלואַטירן אַזוי שטאַרק די אַרבעטער... איין טאָג איז יאַנקל געווען אין בוהוש און איבערגעלעבט האָט ער מער וויפל אַן אַנדערם מאָל אין אַ חודש. דערצו האָט נאָך די מומע געהאַט אַ טאָכטער הע־ניע, וואָס איז געווען פונקט אין זיינע יאָרן און מען האָט פון קינדוווייז אָן געזאָגט, אַז ער וועט ווערן איר חתן. די מומע האָט אים אָפן געזאָגט, אַז איר האַרט נישט, וואָס ער איז אַן אַפּיקורס, ווייל זי איז נישט גאָטס סטראָפּ־טשע און הלוואי זאָל זי דאָס פאַרמאָגן, וואָס דעם רבין אַליין אין איינעם מיט זיינע טעכטער פעלט צו אמתער פרומקייט. זיין שוועסטערקינד העניע איז געווען אַ חנוודיק מיידל און זי האָט געהאַט אַזאַ גוטן שמייכל ווי איר מאַמע, אָבער דער מאַמעס שיינקייט האָט זי נישט געהאַט. זי האָט אַביסל אויסגעזען יינגליש. זי איז אויך געווען אַ קלוגע און זי האָט באַלד געזען, אַז ער איז פאַר איר קיין שידוך נישט און זי האָט דער מאַמען נישט געלאָזט מער ריידן וועגן דעם און זי האָט דאָך געשטיקט די טרערן אין זיך. אונזער העלד האָט זיך געגיבן חשבון, אַז זי האָט געהאַפט אויף מער אויפמערקזאַמקייט פון זיין זייט. דערצו איז נאָך ביי איר עפּעס צוגעגאַנגען שווער מיט אַ שידוך און איר האָט זיך נאָך אויסגעדאַכט, אַז ער קוקט מער אויף די צוויי שכנות־דיקע מיידלעך, ווי אויף איר. די צוויי שכנותדיקע מיידלעך זיינען געווען בלאָנדע און בלייכע. איינע איז געווען קראַנק אויף טובערקולאָז און אויף דער אַנדערער האָט מען מורא געהאַט, אַז זי זאָל עס נישט ווערן. זיי האָבןביידע גע־האַט דעם רייץ פון זייער קראַנקייט.. יאַנקל האָט געשמועסט מיט דער קראַנ־קער און ער איז באַגאַנגען די נאַרישקייט איר צו זאָגן, אַז קיינער קען אַזוי נישט

קושן אזוי ווי ער. דאָס בלייבע מיידל האָט דערפון געקראָגן רויטע פּליאַמעס אויף דעם פּנים. העניע האָט דאָס אַלץ געהערט און שפּעטער האָט זי אים געזאָגט, אַז מען האָט איר אָבער דערציילט, אַז ער איז אַ חמור אייזל און וואוהין ער קומט, טשעפּעט ער זיך צו מיידלעך און צו ווייבלעך, אָבער זי האָט ער נישט געגלויבט. פאַרן אוועקפאָרן האָט ער נאָך געדאַרפט זיך ראַנג־לען מיט דער מומען און עס האָט אים גאָרנישט געהאָלפן. ער האָט געמוזט אויסטרינקען אַ טעפּל קאווע מיט דער פאַררויכערטער ציגענער מילך...

פון בוהוש פאָרט מען איין שעה קיין פּיאַטרא נעאַמץ, וואָס איז אַ גרויסע שטאָט און געפינט זיך אין סאַמע אָנהויב פון די קאַרפּאַטן בערג. דאָרט איז די געגאָלאָגיע און פון דאָרט גייט עס אַוועק מיט בערג און מיט בערג. די שטאָט איז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט די בערג, וואָס ווייזן אַ גאַנץ יאָר שפּיצן מיט שניי און זיי קוקן אַמאָל מילד און אַמאָל ברוגז. דעמלט איז געווען פולער ווינטער און די בערג זיינען געווען אין גאַנצן ווייס. מען האָט דעם גאַסט געזאָגט, אַז קיין פּיאַטרא דאַרף מען קומען אום זומער, ווען די בערג בליען אויבן און דער טייך ביסטריצאַ זינגט אונטן. אום זומער קומט מען זיך אַהין צונויף פון גאַנצן לאַנד און קראַנקע ווערן דאָ געזונט און געזונטע ווערן דאָ נאָך מער געזונט. געבראַכט קיין פּיאַטרא האָט אים אַ יוגנט אָרגאַניזאַציע פון סטודענטן, וואָס האָבן אַלע געלערנט אין מערב אייראָפּע און זיי האָבן זיך איצטער געפונען אין דער היים צוליב דער מלחמה. די אָרגאַניזאַציע האָט זיך גערופן „חשמונאי" און אירע מיטגלידער האָבן כמעט אַלע גערעדט דייטש. זיי זיינען געווען קעגן יידיש און עס איז ביי זיי אָנגעגאַנגען אַ לאַנגע דיסקוסיע וועגן דעם, צי זיי זאָלן ברענגען אַ רעדנער, וואָס רעדט „זשאַרגאָן". אָבער אַז זיי האָבן אים שוין געבראַכט, האָבן זיי אים אַרויסגעוויזן די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט און זיי האָבן אים אומעטום אַרומגעפירט און אַלץ געוויזן און זיי האָבן דערציילט, אַז דער טייך, וואָס איז איצטער פאַרפרוירן, שטראָמט פון די בערג אַרויס און ער הייסט „ביס־טריצאַ", ווייל ער איז דער גיכסטער טייך אין דער וועלט. דער גרעסטער רו־מענישער פּאָעט מיכאיל עמינעסקו פלעג אָפט שפּאַצירן אין טאָל ביים ברעג פון טייך און דאָרט האָט ער אָנגעשריבן זיין ליד, וואָס גאַנץ רומעניע זינגט און וואָס הויבט זיך אָן מיט די שורהס:

עס ווײַנט די ביסטריצאַ אין טאָל דאָרט,
וואָס איז אויף איר אַזאַ געוויין?
אַלעס ווייַנט אויפן וועג מיר,
אַלעס ווייַנט, אַלעס ווייַנט...

נאָר דו וויין נישט, געליבטע מיינע,

גיי אוועק מיט א בארואיקטער נשמה,
ווייל דאָס הארץ, וואָס דו האָסט צעבראָכן,
האָט דיר פארציים, האָט דיר פארציים...

דער חנוכה־פעסטיוואל פון דער „חשמונאי" איז פאָרגעקומען אין גרעס־טן טעאַטער פון שטאָט און ס'איז געקומען א ריזיקער עולם. דער פּרעזידענט האָט געעפנט אויף דייטש און א מיידל האָט אויך דעקלאַמירט אויף דייטש. מאַרים ראָזנפעלדס לידער האָט זי דעקלאַמירט אויף דייטש און יאַנקל האָט זי געפרעגט פאַרוואָס זי דעקלאַמירט זיי נישט אין אָריגינאַל. דאָס מיידל האָט אויך געהאַט געלערנט אין דייטשלאַנד, אין פראַנקפורט אַם מיין האָט זי געלערנט. איר זיידע איז געווען דער אַלטער דאָראָהויער רב און איר פאָ־טער איז געווען א רייכער האָלץ־סוחר אין פּיאַטרא און ער איז געווען ציו־ניסטיש און אָרטאָדאָקסיש. דאָס מיידל איז געווען א הויכע, א ברענענדיקע, א בוינזאַמע, א יפת תואר, מיט אביסל יינגלישקייט אין עלאַסטישן קער־פּער. זי האָט געהייסן גרעטא דרימער און מען האָט זי גערופן „גרייטא". זי האָט געקענט ריידן אויך העברעאיש און זי האָט ליב געהאַט, אַז מען זאָל זי רופן פנינה. זי האָט געזאָגט דעם גאַסט, אַז זי האָט בעסער ליב העברעאיש ווי יידיש, אָבער זי האַלט, אַז צום ציוניזם דאַרף מען רופן אין רומעניע אויף יידיש. זי איז געווען די ערשטע אויסגעשפּראָכן־באַוואוסטזיניקע ציוניסטקע, וואָס ער האָט געטראָפן אין רומעניע און זי איז אים געווען געפעלן נישט אַזוי ווי א פרוי, נאָר ווי א מענטש, אָבער דאָס רייצנדיקע אין איר איז דאָך געווען, וואָס זי איז א מיידל און זי האַלט זיך אַזוי ווי א יינגל און דענקט אַזוי זעלבסטשטענדיק ווי א יינגל. נאָך דעם פּראָגראַם איז פאָרגעקומען א באַל און מען האָט געטאַנצט ביז אין טאָג אריין און אין דער מיט טאַנץ האָט די אָרגאַניזאַציע געפּראַוועט א מין נאַכטמאָל, וואָס איז פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין א באַנקעט פאַר אונזער העלד. די אָרגאַניזאַטאָרס האָבן אים גע־מאַכט קאָמפּלימענטן און זיי האָבן אים ספּעציעל געזאָגט, אַז זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז מען קען אַזוי שיין ריידן אויף „זשאַרגאָן". ער האָט זיך געפילט גוט און נישט גוט פון די קאָמפּלימענטן און ער האָט דאָך געפרעגט אין זיין ענטפער ביי די אַלע יונגעלייט, צי זייערע טאַטעס און מאַמעס ריידן נישט שיין און ס'איז שיעור נישט ארויסגעקומען א סקאַנ־דאַל... פאַרטאָג איז יאַנקל א מידער, א צערודערטער און אביסל א שיכורער פון מיידלעך און פון עכטער רומענישער „צויקא" (אַזאַ מין בראָנפן) און פון עכטן רומענישן וויין, געפאָרן אין באַגלייטונג פון א גרויסער גרופּע בחורים און מיידלעך צום באַן, וואו די חברה האָבן באַדויערט למאַי ער בלייבט נישט מיט זיי און זיי האָבן אים געקויפט א בילעט פון ערשטן קלאַס און זיי האָבן אים אוועקגעשיקט אין דער צווייטער שטאָט אריין, וואו ער

האָט אין אָוונט געדאַרפט ווידער ריידן און וואוהין ער האָט געדאַרפט פאָרן כמעט דעם גאַנצן טאָג. אַכט טעג איז ער אַזוי געפאָרן און גערעדט און גע־הוליעט און ער האָט אַליין נישט געוואוסט וואו ער האָט גענומען כוח. וואָס א טאָג ווייטער, האָט ער גערעדט היציקער און שענער און דאָס קול איז אים אויך געוואָרן העלער. אין קיין איין שטאָט האָט נישט געפעלט ביי אים דער שדכן פון שטעטל מיט א גאָלדענעם שידוך...

דעם לעצטן אָוונט איז ער געווען אין באָטאָשאַני, וואו ער האָט זיך גע־טראָפן מיט דעם דיכטער יעקב גראָפּער, וואָס האָט געשטאַמט פון א קליין שטעטל מיהאַלעני, וואָס איז געווען נישט ווייט פון באָטאָשאַני. פון דעם זעלביקן שטעטל האָט אויך געשטאַמט דער גרויסער רומענישער פידלער זשאָרזש ענעסקו, וואָס האָט שוין דעמלט געהאַט א שם ווי איינער פון די גרעסטע פידלער אין דער וועלט. גראָפּער האָט זיך באַרימט, אַז זיין שטעטל האָט אַרויסגעגעבן א סך קינסטלער. ער איז נאָך געווען אין מיליטערישע קליידער, ער האָט געהאַט א ראַנג פון א „פּלוטאָניער" (פעלדפעבל) און ער האָט געדאַרפט ווערן סובלאָקטנענט, כאָטש ער איז געווען א ייד. ער איז אין באָטאָשאַני געווען אויף דער דורכרייזע און ער איז געבליבן צוליב דעם פעס־טיוואַל און ער האָט שוין אין איין וועגס זיך באַטייליקט אין פּראָגראַם און ער האָט געלייענט זיינע סענטימענטאַלע לירישע לידער, וואָס האָבן באַזונגען די קינדהייט און די בענקשאַפט נאָך איר און ער האָט אויך געלייענט א ליד וועגן חנוכה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

א לויב צו דעם האַמער, א ליד צו דער גבורה...

איינער א יונגערמאַן האָט געפרעגט: איז יהודה המכבי געווען א שמיד, וואָס גראָפּער הויבט אָן זיין ליד מיט די ווערטער „א ליד צו דעם האַמער?" דער זעלביקער האָט געזאָגט, אַז ער שרייבט אויך לידער און איינס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

אין אונזער לאַנד מיר וועלן זיצן,
וועלן מיר נישט פּראָוון מער קיין וויצן...

דער דאָזיקער יונגערמאַן האָט נאָר געוואָלט, אַז מען זאָל אים אויך לאָזן לייענען פון זיינע לידער און עס איז שיעור נישט געקומען צו קיין סקאַנדאַל. אָבער דער יום טוב איז דאָך דורכגעגאַנגען שיין און נאָך דעם פעסטיוואַל האָט מען געפּראַוועט א גרויסן נאַכטמאָל, דאָס מאָל שוין א גוט צוגעגרייטן און ער איז געווען לכבוד גראָפּערן און אונזער העלד. די צוויי הויפּט־מחותנים אַליין האָבן אין זייערע טאָסטן גערעדט איינער וועגן דעם

אַנדערן און גראַפּער איז זיך פאַרגאַנגען אין די אויבערשטע טענער, כאָטש ער איז קיין רעדנער נישט געווען און ער האָט גערעדט וועגן דעם, אַז די זשורנאַליסטן און רעדנער זיינען די לוויים און די פּאָעטן זיינען די כהנים. יאַנקל האָט אים דערמאָנט אחד העמס אַרטיקל „כוהן ונביא" און ער האָט געוואָלט אויסברייען, אַז די פּאָעטן זיינען די נביאים און די רעדנער און זשורנאַליסטן — די כוהנים... דער באַנקעט האָט זיך פאַרצויגן ביז גאָר שפּעט און ער וואָלט זיך געווען געצויגן ביז אין ווייסן טאָג אַריין, אָבער גראַפּער האָט געדאַרפט פאַרטאָג אַוועקפאָרן. ערנאַ, וואָס איז געזעסן לעבן יאַנקלען און האָט אי זיך געפרייט, אי געוויינט און האָט דעקלאַמירט אי פון ווערלענען אויף פראַנצויזיש, אי פון ביאַליקן אויף העברעאיש, האָט פאַר־געלייגט, אַז דער גאַנצער עולם זאָל גיין באַגלייטן גראַפּערן צו דער באַן. דער יונגער דיכטער איז אַרויס פון די כלים און ער האָט געמאַכט דער רייצנדיקער דאַמע קאָמפּלימענטן און ער האָט געזאָגט, אַז ווערלענס ליד „באָן סואַר לאַ לין" (אַ גוטן אָוונט, לבנה!) האָט ער קיינמאָל נישט געהערט אַזוי שיין דעקלאַמירן ווי זי. דער דיקער סאָכטער האָט באַלד באַמערקט זיין חבר, אַז ערנאַ קען גראַפּערן נישט ליידן און זי הייסט אים גיין באַגלייטן צו דער באַן צוליב אַ שמד־שטיק. דער עולם האָט אַקצעפּטירט און אַזוי ווי צו דער סטאַנ־ציע איז נישט געווען שטאַרק ווייט און קיין דראָשקעס האָט מען אויך נישט געפונען, האָט מען זיך אַ לאָז געטאָן צופוס. דער אָוונט איז געווען אַ ווייסער און דער שניי, וואָס האָט באַדעקט די גאַנצע וועלט, האָט, דאַכט זיך, דעם הימל אויך געפאַרבט אויף זילבער קאָליר. ערנאַ האָט באַלד געכאַפּט יאַנ־קלען הינטער דעם אָרעם און איז אַוועק מיט אים און זי האָט שוין געמאַכט, אַז זיי זאָלן ביידע פאַרלוירן ווערן און זיך אָפּטיילן פון דער גרופּע און דער קאַלטער שניי האָט אין יענעם פאַרטאָג געפילט הייסע קוש. ערנאַ האָט נישט אַנדערש געוואָלט, אַז יאַנקל זאָל אָנשרייבן אַ פּאָעמע, וואָס זאָל הייסן „ליבע אין שניי". זי איז געווען זיכער, אַז יאַנקל איז מער פּאָעט פון גראַפּערן, כאָטש ער שרייבט נאָר פּראָזע און ער האַלט רעדעס. אָנגעקומען צו דער סטאַנציע זיינען זיי, ווען די באַן איז שוין געהאַט אַוועק און ערנאַ האָט נאָך געהאַט טענהס צום מאַן, וואָס ער האָט זיי איבערגעלאָזט אַליין און געלאָזט, אַז זיי זאָלן פאַרבלאָנדזשען. „אַזאַ קאַוואַליר, האָט זי געזאָגט צו אים, ביז־טו?" דער גרויסער מאַן איז געשטאַנען הילפלאָז ווי אַ קינד און ער האָט גע־פילט די שטעכיקע, באַדויערנדיקע און אפשר אויך שפּאָטישע בליקן פון אַ סך.

יאַנקל איז שוין געבליבן נאָך אַ פּאָר וואָכן אין באַטאַשאַני. געהייסן האָט עס, אַז ער דאַרף זיך אויסרוען, אָבער פּאַקטיש האָט מען געמאַכט אַזעל־כע הוליאַנקעס, אַז ער האָט זיך נאָך מער פאַרמאַטערט. די מערסטע הוליאַנ־קעס האָט געפּראַוועט ערנאַ, אויף וועלכער אַלע האָבן גערעדט און וועלכע אַלע האָבן דאָך ליב געהאַט, ווייל זי האָט אַריינגעבראַכט פרייד און בענק־

שאַפט און אויך אַ געוויסע קינדישע אומשולד, כאָטש זי איז געווען אַזאַ הונגעריקע פרוי... זי האָט חוץ דעקלאַמירן אויך געשפּילט פּיאַנאָ און זי האָט אַמאָל אַזוי אַ שפּיל געטאָן שאָפּענס „נאָקטורנס", אַז ס'האָט זיך געגלוסט וויינען פאַר גליק. איר טאַטע איז געווען אַ ברוגזער פרומער ייד מיט אַ קאַלטענוואַטער באָרד און מיט שטעכיקע אויגן, אָבער איר מאַמע האָט אויסגעזען געניו אַזוי ווי זי און זי האָט געהאַט פּונקט אַזעלכע קיילעכדיקע, הונגעריקע אויגן ווי איר טאָכטער. אַ פרוי אין מיטן די פערציקער האָט זי נאָך געהאַט סימנים פון שיינקייט און זי האָט געקוקט אויף מענער נישט ווייניקער אומרואיק, ווי די טאָכטער. ערנאַ איז געווען אַ בת יחידה און זי האָט ביי די עלטערן אַלץ געקענט פּועלן און זי האָט אויסגעפירט, אַז זיי זאָלן פּראַווען אַ גרויסאַרטיקע וועטשערע מיט וואַרעניקעס לכבוד דעם גאַסט און זי האָט געמאַכט, אַז די יונגע בחורים די אַפּיקורסים זאָלן זינגען אַ חסידישן ניגון און זיי זאָלן גיין אַ ריקוד און אַריינשלעפּן אין קאָן אַריין איר טאַטן און איר מאַן און זי אַליין האָט זיך אויך אַריינגערוקט. עס איז גראָד דעמלט געקומען צו גאַסט קיין באָטאָשאַני שבע שעכטער פון פאָלטיטשעני און זי איז אויך געווען איינגעלאַדן צו דער וועטשערע און זי האָט אויך געטאַנצט אין קאָן. זי איז געווען צערודערט און זי האָט זיך מודה געווען, אַז איר חתן רובין קען נישט אַריבערטראָגן אירע קאַפּריזן... שבע איז דערנאָך גאַנצע טעג איבערגעליגן ביי ערנאַן און יענע האָט איר נישט אויפגעהערט צו דערציילן, אַז זי איז פאַרליבט אין יאַנקלען און זי האָט אים אין איר אָנוועזנהייט נישט אויפגעהערט צו זאָגן „דו" און ער האָט געפילט, אַז עפּעס איז אין דעם פאַראַן באַרימעריי און ער איז געווען ברוגז אויף איר און זי האָט אים אויפגעהערט געפעלן, אָבער ווען זי האָט געקוקט אויף אים אַ בלייבע און אַ צאַפּלענדיקע און די גרויסע קיילעכדיקע אויגן האָבן געשטראַלט מיט טרערן, איז ער איז געווען גרייט אַלץ מוחל זיין און ער האָט געפילט, אַז זי איז אי אַ גאָט, אי אַ טייוול און ער האָט זיך געקלערט, אַז אפשר זיינען אַזוי אַלע פרויען, וואָס זיינען פאַרליבט...

צווישן איין הוליאַנקע און דער צווייטער האָט יאַנקל באַוויזן אַריינצוליענען אין דער באָטאָשאַנער יידישער ביבליאָטעק און ער האָט זיך באַקענט מיט די שריפטן פון מאָרים ווינטשעווסקי, עדלשטאַט, באָוושאָווער, ליעסין, קאָברין, פייגנבוים און נאָך און נאָך סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע שריפטשטעלער, וועלכע ער האָט אין רוסלאַנד נישט באַקומען צו ליענען און ער האָט זיך געגיבן חשבון, אַז אין לאָנדאָן און אין ניו־יאָרק שפּילט דער ציוניזם אַ קליינע ראָליע און אַז די יידן ציען דאָרט צום סאָציאַליזם און אַנאַרכיזם און זיי חלומען פון אַ נייַ לעבן. דאָך האָט אים די גאַנצע נייע יידישע ליטעראַטור, מיט וועלכער ער האָט זיך באַקאַנט, געקלונגען פרעמד און — אויסער ליעסינען — נישט יידיש.

די אָפּקלאַנגען פון יאַנקלס חנוכה־טור זיינען געווען גלענצנדיקע. אין אַלע רומעניש־יידישע זשורנאַלן זיינען געווען באַריכטן וועגן זיינע רעדעס און אויך אין אַ סך טעגלעכע רומעניש־צייטונגען זיינען געווען געדרוקט קאָ־רעספּאָנדענצן. ער האָט זיין רייזע באַשריבן טיילווייז פאַר דעם „האַמער" און טיילווייז פאַר דער „התיקווה" און די דאָזיקע באַשרייבונגען האָבן גע־האַט אַן אָפּקלאַנג. ביים צוריקקומען פון טור האָט יאַנקל באַקומען אַ בריוו פון זיין חבר יאָסיף פרידמאַן פון אָדעס. דער בריוו איז געווען אַ קורצער און ער איז געווען געשריבן אויף רוסיש. דער חבר האָט געגעבן אָנצוהערן, אַז מען טאָר נישט שרייבן. עס איז געווען אַ קורצע צושריפט פון זיין כלה, וואָס האָט געחתמעט „מאַריאַ". יאַנקל האָט זיך געפרייט מיט דעם דאָזיקן בריוו און ער האָט באַלד געענטפערט און ער האָט זיין חבר וואָרעם באַגריסט, וואָס ער איז אַ חתן געוואָרן, אָבער ביי זיך איז ער טרויעריק געוואָרן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז יאָסיף פרידמאַן וועט קיינמאָל נישט חתונה האָבן, ער איז געווען אַזאַ שעמעוודיקער און ער האָט געפילט, אַז דורך דעם, וואָס ער וועט חתונה האָבן, וועט ער אים ווערן אויס חבר און ער האָט אַזויפיל האָפ־נונג געלייגט אויף זיין חברשאַפט...

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט יאַנקל באַקומען אַ טעלעגראַמע, אַז ער זאָל דרינגענדיק קומען קיין אַדזשוט צום רבינס זון מאַטעסל. געחתמעט איז געווען זיין פרוי חוהלע. ער האָט געכאַפּט דעם ערשטן שנעלצוג און ער איז געפאָרן. ביים וואָקזאַל האָט אים אָפּגעוואַרט אַ פריינד, וואָס האָט אים גע־פירט אין הויף אַריין ווי צו אַ מת. ער האָט אים געזאָגט, אַז דער רבי האָט דאָס מאָל דערלויבט, אַז ער זאָל קומען. עס איז געווען פאַרנאַכט, ווען ער איז אַריין אין קליינעם גאָרטנדל פון „הויף" און ער האָט דאָרט געטראָפן אַ שרעקלעך בילד: מאַטעסל איז געשטאַנען צווישן די פאַרשנייעטע ביימער און ער האָט גערעדט ווי אַ זינלאָזער און ער האָט געזאָגט: — זיידע, וואָס ווילן זיי פון מיר? וואָס לאָזן זיי מיך נישט לעבן?

זיין זיידע האָט דאָרט נישט געקענט זיין, ווייל ער איז שוין לאַנג גע־ווען אויף יענער וועלט. מאַטעסל איז געשטאַנען אָן דעם מאַנטל און אָן דעם קאַפּעליוש. לעבן אים איז געשטאַנען זיין פרוי און זיין פאָטער. דער פאָטער האָט אים געהאַלטן אין איין אָנטאָן דעם הוט מיט דער יאַרמעלקע און ער האָט זיי געהאַלטן אין איין אַראָפּוואַרפן. די פרוי האָט אים אָן אויפהער באַ־רואיקט און ער האָט זיך נישט געלאָזט. יאַנקלס דערשיינען האָט אויף מאַ־טעסלען געווירקט בליצשנעל און ער האָט ווי געהאַט אַ געראַנגל מיט זיך וועגן דעם, צי זאָל ער זיך באַרואיקן, אָבער ער האָט זיך באַלד באַהערשט און ער האָט ווייטער אַראָפּגעוואָרפן דעם הוט מיט דער יאַרמעלקע און גע־רעדט צום זיידן. יאַנקל איז באַלד איבערצייגט געוואָרן, אַז דאָס איז אַלץ אַ שפּיל, אָבער ער האָט זיך חשבון געגעבן, אַז דער בעל דבר האָט געדאַרפט

אסך איבערליידן איינצוגיין אויף אזא שפיל. ער האט זיך געגיבן חשבון, אז מאכן זיך משוגע איז שוין אליין אויך א משוגעת. און מאטעסל איז אלץ מער און מער אריין אין דער ראליע. יאנקל איז נישט צוגעגאנגען באלד צו אים, כאטש דער פאטער האט אים נישט אויפגעהערט שטופן צו אים. דאס איז געווען דער זעלביקער פאטער וואס האט אמאל אזוי נישט דערלאזט, אז מאטעסל זאל זיך באגעגנען מיט אים. אונזער העלד האט געוואלט זאגן דעם רבין: „אויסגעטרוקנט אלע גוט־יידישע תרופות און מען זוכט א סגולה ביי אן אפיקורס?" אבער ער האט געשוויגן. און מאטעסל האט קלאר ארויס־געוויזן, אז ער בארואיקט זיך צוליב זיין גאסט. ער האט זיין גאסט געגעבן שלום און אים אריינגעבעטן אין שטוב אריין און דער פאטער האט זיי גע־לאזט אליין. א גאנצע נאכט האבן זיי פארבראכט צוזאמען און מאטעסל האט גארנישט באהאלטן, אז דאס האט ער געשפילט טעאטער, ווייל ער קען שוין דא נישט איינזיצן און שפילן דעם פאלשן שפיל, דאך האט ער באמערקט, אז ער ווייסט שוין טאקע נישט, צי ער מאכט זיך משוגע, אדער ער איז עס שוין טאקע... ער האט זיך געקלאגט, אז ער פילט ווי דאס הארץ פלאצט אים. דער דאקטער, וואס האט אים באהאנדלט, האט אונזער העלד געזאגט, אז זיין פאציענט האט א זייער שוואך הארץ. יאנקל האט אים געהייסן דאס זעלביקע דערציילן דעם רבין און אים ווארענען, אבער דער רבי האט זיך צו אים נישט צוגעהערט, ווייל — א דאקטער איז דאך אויך אן אפיקורס...

פון אדזשוט איז יאנקל אוועקגעפארן קיין יאסי. דארט האט מען גע־דרוקט דעם „האמער" און דארט האט ער געהאט זיינע אינטימסטע פריינט מאטיע ראבינאוויטש און פרויקע וואלדמאן מיט דער גאנצער מישפחה און דארט איז געווען דער ליץ כאצקל. די בענקשאפט נאך ערנאן האט אים נישט געלאזט רוען און ער האט געשריבן פארבענקטע לידער אין פראזע, וועלכע ער האט געדרוקט אין „האמער" און א סך האבן זיך אנגעשטויסן וועמען עס זיינען געווידמעט די דאזיקע געזאנגען. כאצקל פלעג קומען צו אים און לאכן פון זיין טרויער און ער האט אים געזאגט, אז ער דארף זיין שטענדיק פריי־לעך און ער דארף שטענדיק לאכן און זינגען, אבער ער האט זיך מודה געווען, אז ווען ער איז טרויעריק, געפעלט ער אים נאך בעסער און אז ער אליין, וואס איז שוין אין גאנצן א ליץ, וויל אויך שטענדיק וויינען, ווייל ער איז גע־ווען פארליבט אין א מיידל. איז זי אוועקגעפארן קיין אמעריקע. כאצקל האט דערציילט, אז ער איז אזוי שטארק געווען פארליבט אין יענעם מיידל, אז ער האט זיך אזש געשעמט און ער האט איר געגעבן א מיאוסן צונאמען. זי איז געווען א קליינינקע, א גאלדענע און א רירעווודיקע ווי קוועקזילבער און זי האט געהאט א פאר בלויע אייגלעך נאר ווי א ליאלקע, אבער בכדי מען זאל נישט דערקענען, אז ער איז פארליבט, האט ער זי א נאמען געגעבן

„פערצעלע" און ער האָט צוגעגעבן, אַז ער ווייסט שוין, אַז אַלע ייִנגלעך, וואָס ריידן אויף מיידלעך, זיינען אין זיי פאַרליבט.

און עס איז אַוועק אַ סעריע הוליאַנקעס אין יאַסי, וואָס זיינען פול געווען מיט עכטער פרייד און עכטן טרויער און מיט גרויסע חלומות און מיט אינטימע רעדעס וועגן אַ נייער וועלט, וואָס די מילחמה דאַרף ערשט ברענגען. יאַנקל איז דעמלט געוואָרן אַ גערמאַנאָפיל. עס זיינען וואָס אַמאָל געקומען ערגערע ידיעות וועגן פּאָגראָמען אויף יידן אין רוסלאַנד און ער האָט, ווי אַ סך יידן, געגלויבט, אַז די דייטשן וועלן ברענגען ציוויליזאַציע און הומאַניטאַריזם. פון יאַסי איז יאַנקל געפאָרן אין די אַרומיקע שטעטלעך, וואָס האָבן געהייסן פּאַדול־אילויע, הערלוי א. א. וו. די יוגנט, וואָס איז געליגן ווי פאַרשפּאַרט אין די דאָזיקע שטעטלעך און האָט נישט געהאַט מיט וואָס אַרויסצופאָרן אין די גרעסערע שטעט, פלעג שטראָמען צו זיינע לעקציעס און עס האָט נישט איין מאָל פּאַסירט, אַז ער האָט אָפּגעהאַלטן אַ לעקציע און דער עולם האָט געשריגן „בים" און ער האָט פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל האַלטן נאָך איינע און ער האָט טאַקע געמוזט האַלטן... אויף פּורים איז ער געווען איינגעלאַדן קיין באָטאָשאַני און ער איז געווען ביי ערנאַס עלטערן צו דער סעודה און ער האָט זיך געמוזט דערמאָנען דאָס פּורים ליד, וואָס ער פלעג אַמאָל זינגען אין קעשענעוו און ווידער איז עס געקומען צו אַ ריקוד, אין וועלכן זי האָט זיך אַריינגעדרייט. אין יענעם טאַנץ האָט ער זיך מיט איר געזעגנט און מער האָט ער זי שוין נישט געזען. ער האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז זי וועט דורכלויפן אין פיר יאָר אַרום בוקאַרעשט, וועט ער זיין באַהאַלטן און ווען מען וועט אירע ביינער פירן פון אַ באַן־אַקצידענט צוריק קיין באָטאָשאַני, וועט ער זיי נישט זען... ער האָט דערנאָך אַ סך מאָל געטאַכט פלענער וועגן חתונה האָבן מיט איר און ווען ער האָט אין יענעם פאַרטאָג זיך געזעגנט מיט איר און איר געקושט אין ווייכן הענטל אַריין און זי האָט אים דערלאַנגט אַ גניבהשן קוש מיט אירע שטענדיק שיכורע ליפּן, האָט ער דאָך געפילט, אַז ער וועט זי מער נישט זען...

באַלד נאָך פּורים האָט יאַנקל באַקומען אַן איינלאַדונג קיין פאָקשאַני, אין דער שטאָט, וואו עס האָט געוואוינט דר. יעקב נאַכט, וואָס איז פון אַ סך באַטראַכט געוואָרן ווי דער פּויפּסט פון ציוניזם אין רומעניע. פאָקשאַני געפינט זיך נאָך אין מאָלדאַווע, וואו די שפּראַך פון די יידישע מאַסן איז דעמלט דורכויס געווען יידיש. אויך די קינדער האָבן נאָך דעמלט אַלע דאָרט גערעדט יידיש. אָבער דר. נאַכט האָט זיינע דרשות אין שול געהאַלטן אין קאָנגרעס־דייטש און ער האָט זייער שטאַרק אויסגעמיטן יידיש. ווען מען האָט אים אין אַ דיסקוסיע שטאַרק צוגעדרוקט צו דער וואַנט און מען האָט אים דערוויזן, אַז לכל הפחות פאַר ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע איז יידיש אומפאַרמיידלעך, האָט ער געענטפערט, אַז ער קען נישט קיין יידיש. צי איז

דאָס געווען אמת? דער איינדרוק איז געווען, אַז נישט. אין די רעדעס, וואָס דר. נאַכט האָט געהאַלטן און אין די סקיצן, וואָס ער האָט געדרוקט פון צייט צו צייט אין „הצפירה" (זייער מיטלמעסיקע סקיצן און נאָך ווייניקער דער־פון און מען האָט זיי וואַרשיינלעך געדרוקט צוליב דעם, וואָס זיי האָבן גע־שילדערט די רומעניש־יידישע סביבה, וואָס איז געווען דעם העברעאישן לייע־נער זייער פרעמד) אין די דאָזיקע רעדעס און סקיצן האָט זיך געפילט דער ריח פון יידיש. עס זיינען געווען אין פאָקשאַני יונגע ציוניסטן, וואָס האָבן אונזער העלד געקענט פון דער גאַלאַצער ציוניסטישער קאָנפערענץ און זיי האָבן אים געוואָלט ברענגען, אָבער עס איז געווען אַ לאַנגע דינגעניש צווי־שן זיי און דר. נאַכט, וואָס האָט נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז דער יונגער רעדנער זאָל קומען, ווייל ער רעדט „זשאַרגאָן". און ווען די יונגע ציוניסטן האָבן געשריגן געוואַלד, אַז נאָר דורך יידיש קען מען מאַכן די פאָקשאַנער יידן פאַר גוטע ציוניסטן, האָט דער דר. נאַכט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דעם פערדל פון פרומקייט און ער האָט געשריגן, אַז דער רוסישער רעדנער וועט אים ברענגען אפּיקורסות. די יונגעלייט האָבן אים געענטפערט, אַז זיי אַליין זיינען אַלע נישט פרום און פון דעסט וועגן האָט ער זיי נישט דערקלערט פאַר קיין שלעכטע יידן. און ער האָט קיין ברירה נישט געהאַט און ער האָט געמוזט נאָכגיבן און מען האָט יאַנקלען שוין געבראַכט מיט אַמאָל אויף אַ גאַנצער וואָך און אַ גאַנצער ריי רעדעס און לעקציעס. דר. נאַכט האָט זיך אין אַלע אַקטן באַטייליקט, ער האָט זיי געעפנט מיט לאַנגע רעדעס, וועלכע דער עולם האָט שוין געקענט און וועלכע האָבן פאַרמאַטערט. ער האָט זיינע רעדעס אָנגעהויבן אויף העברעאיש און ער איז דערנאָך איבערגעגאַנגען אויף קאָנ־גרעס־דייטש און ווען ער האָט דעם גאַסט געגיבן דאָס וואָרט, האָט ער ערשט אויסגעדריקט זיין האָפנונג, אַז ער וועט צוליב מאַניפעסטאַציע אָנהויבן אויף העברעאיש. יאַנקל האָט אַ נערוועזער איין מאָל באַמערקט, אַז דער חשובער ראַבינער האָט שוין גענוג גערעדט אין צוויי שפּראַכן, וואָס מען פאַרשטייט נישט, ער וועט ריידן אַזוי פשוט מאַמע־לשון, אַז אַלע זאָל פאַרשטיין. דער עולם האָט אַפּלאָדירט. עס איז דאָ כדאי צו דערמאָנען, אַז מען האָט אַי־בערגעגיבן וועגן אַן ענלעכן אינצידענט און נאָך אַ שאַרפערן, וואָס האָט צו יענער צייט פּאַסירט אין בוקאַרעשט. דאָרט האָט עקזיסטירט אַ ציוניסטישע קולטור אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך גערופן „סיני" און וואָס האָט אָרגאַ־ניזירט יעדע וואָך אַ ליטעראַרישן אָוונט. דער איניציאַטאָר און דער פרעזי־דענט פון יענער אָרגאַניזאַציע איז געווען דר. יעקב נעמיראָווער. וואָס איז נישט געווען אַזאַ פאַנאַטישער ציוניסט און העברעאיסט, ווי זיין פאָקשאַנער קאָנקורענט און ער איז אויך געווען אַ סך קליגער פון אים, אָבער דערלאָזן, אַז מען זאָל ריידן יידיש, אָדער כאָטש אַ קונסט־נומער אין יידיש האָט אויך דר. נעמיראָווער נישט דערלאָזט. די איינציקע פריווילעגיע פאַר יידיש האָבן

געהאט די שונד־אקטיארן, וואס פלעגן אין „סיני" זינגען ציוניסטישע שונד־לידער אויף דעם שטייגער פון „איך וויל א היימעלע". איין אקטיאר האט זיך אליין צוגעשטעלט א קופלעט, וואס האט זיך געזונגען:

איך וויל צוריק דאס מאבעלע,
איך וויל דאס העברעאישע שפראכעלע...

דער דעמאלט יונגער דיכטער יעקב שטערנבערג איז דאן געווען אין בוקארעשט ווי א רוסישער דעזערטיר און כאטש ער איז געווען א פיינער רעדנער, האט מען אים נישט צוגעלאזט צו האלטן א רעפעראט אין „סיני" און מיט שווערער מי האט ער געפועלט, אז מען זאל אים דערלויבן צו לייענען די משלים פון זיין עלטערן בן עיר אליעזר שטיינבארג. צום לויב פון דר. נעמיראווער זאל דא דערציילט ווערן, אז ביי א באגעגניש מיט יאנקלען אין יאסי האט ער זיך נישט געקענט אפלויבן פון שטיינבארגס משלים. ער איז געווען גענוג דיפלאמאט צו ריידן מיט אונזער העלד וועגן יידישער ליטעראטור, בכדי אים צו געפעלן, אבער ער האט טאקע געהאט געשמאק אויך. דער אינצידענט אין „סיני" איז פארגעקומען ביי א לעקציע פון דעם באוואוסטן פועלי ציון קרייטשמאר יזרעלי, וואס איז דורכגעפארן בוקארעשט. ער איז געווען א צו פראמינענטער גאסט, אז מען זאל אים נישט איינלאדן אין „סיני" האלטן א רעדע. די צרה איז געווען מיט דער שפראך. דער גאסט האט געוואלט נאר ריידן יידיש. האט נעמיראווער געעפנט דעם אקט און ער האט אין זיין זייער שלעכטן רומעניש — דייטש האט ער אויך גערעדט שלעכט, אבער רומעניש א סך ערגער — געזאגט, אז דער גאסט קען אי דייטש, אי פראנצויזיש. אבער אזוי ווי אין אייראפע פלאקערט איצטער א מלחמה, וויל דער רעדנער בלייבן דורכוים נייטראל און נישט ריידן אויף די „בעליגעראנטע" שפראכן. קרייטשמאר יזרעלי האט זיין רעדע אנגעהויבן מיט דער דערקלערונג אז ווען מען רעדט יידיש, דארף מען זיך בשום אופן נישט פארענטפערן, ווייל זי איז די שפראך פון מיליאנען און מיליאנען יידן. אין זאל זיינען געווען א סך רוסישע דעזערטירן און זיי האבן געמאכט א גרויסע מאניפעסטאציע דעם גאסט און זיי האבן אויסגעפייפט נעמיראווערן. זיי האבן צום קלוגן ראבינער אויסגעלאזט זייער הארץ פאר דעם, וואס ער האט א גאנצן ווינטער זיי נישט געגיבן קיין מעגלעכקייט צו הערן א לעבעדיק יידיש ווארט. דעם זעלביקן ניצחון, וואס קרייטשמאר יזרעלי האט אפגעהאלטן אין גרויסן בוקארעשט מיט דער הילף פון רוסישע דעזערטירן, האט אונזער העלד אפגעהאלטן אין דעם קליינעם פאקשאני מיט דער הילף פון פשוטע יידן, וואס האבן זיך דעמאלט אראפגערעדט פון הארצן און זיי האבן זיך נעקלאגט אויף זייער רב, וואס שטאפט זיי מיט דייטש און לשון קודש,

וואָס זיי פאַרשטייען ביידע נישט... אַט ווי דער דר. נאַכט איז נישט געווען קיין גרויסער חכם, האָט ער געפילט, אַז ער פאַרטיידיקט אַ פאַרלוירענעם פּראָצעס און ער האָט שוין מער צו יידיש זיך נישט געטשעפּעט און ער האָט שלום געמאַכט מיטן גאַסט און אים געצוואונגען צו ווערן אַ בן בית ביי אים און ער איז טאַקע געוואָרן היימיש מיט אים. זיין הויז איז געווען דער בית וועד פאַר די פאַרשיידנסטע יידן פון שטעטל און ס'איז דאָרט געווען פריי און אָפן פאַר יעדן צו עסן און צו טרינקען. די קרענקלעכע פרוי פון דר. נאַכט, איז געווען אַ זייער ליבנסווירדיקע און כאָטש די דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז זי איז מער אויף יענער וועלט, ווי אויף דער, האָט זי דאָך געהאַט אַ האַרציקן שמייכל פאַר יעדן און זי האָט זיך אויך דערלויבט צו ריידן יידיש, כאָטש דייטש האָט זי גערעדט שענער ווי איר מאַן און זי האָט אויך גערעדט אַ גלענצנדיקן רומעניש און ווי אַלע געבילדעטע יידישע פרויען אין רומעניע אין יענער צייט האָט זי גערעדט אויך פראַנצויזיש און ענגליש. צוליב דעם מאַן האָט זי געהאַט שוין אויסגעלערנט העברעאיש. דר. נאַכט האָט אויף אַזוי פיל רעזיגנירט פאַר יידיש, אַז ער האָט אַנידערגעזעצט זיין גאַסט אי־בערזעצן זיינע דערציילונגען פאַר דעם „האַמער" און ער האָט זיך געפריי[illegible] מיטן יעדן געלונגענעם יידישן אויסדרוק, אַזוי ווי אַ קינד ממש. ער איז גע־ ווען רב אין אַ היפּשער קהילה, אָבער פּאַקטיש איז ער געווען אַ גרויס קינד און יעדער איינער האָט אים געקענט נעמען אין זאַק אריין...

פאַר דעם אָפּפאָרן פון פּאַקשאַני זיינען צו יאַנקלען געקומען צוויי פרויען מיט זייערע מענער און קליינע קינדער און זיי האָבן זיך אים פאָרגעשטעלט ווי זיינע שוועסטערקינדער. זיין טאַטע האָט געהאַט אין רומעניע אַ שוועס־ טער רחל, איז זי געשטאָרבן יונגערהייט און געלאָזט צוויי קינדער. דער אַלמן, וואָס איז געווען אַ חסיד אַ בטלן, האָט איבערגעלאָזט די יתומים אויף הפקר און ער איז אוועקגעגאַנגען קיין ארץ ישראל און ער אַמאָל אין אַ יובל געשיקט אַ פּאָר גראָשן זיינע קינדער. דער דאָזיקער פעטער האָט זיך איבער־ געשריבן מיט יאַנקלס טאַטע און ער איז אָפּט געגאַנגען בעטן צו דער מערת המכפלה פאַר דער גאַנצער מישפּחה און דער טאַטע האָט אים דערפאַר גע־ שיקט אַ קערבל. דער גוטער טאַטע האָט אויך פון צייט צו צייט צונויפגע־ מאַכט און געשיקט אַ געוויסע סומע צו די קיילעכדיקע יתומים מיט דעם לע־ בעדיקן טאַטן. פון דעסט וועגן זיינען די קינדער אויסגעוואַקסן און זיי זיינען געוואָרן מענטשן און זיי האָבן נישט שלעכט חתונה געהאַט און האָבן גע־ האַט קינדער. און ווען זיי זיינען געוואוירע געוואָרן, אַז דער באַוואוסטער רעדנער איז זייער אייגן פליייש און בלוט, זיינען זיי געקומען זיך פאַרשטעלן פאַר אים און זיי האָבן געמיינט, אַז ער איז מיט הערנער. זיי האָבן מורא גע־ האַט צו ריידן יידיש צו אים, כאָטש צווישן זיך האָבן זיי גערעדט נאָר יידיש... זיי האָבן געפּראַוועט אַ בשותפותדיקע וועטשערע און זיי האָבן זייער שוועס־

טערקינד איינגעלאדן און זיי האבן אים געשטאפט ווי א גאנז. די צוויי פרויען האבן דערציילט מעשהס פון טויזנט און איין נאכט וועגן זייער לעבן פון קינדווייז אן האבן זיי נישט געהאט קיינעם, וואס זאל אכטונג גיבן אויף זיי. איין מאל זיינען זיי ביידע אין א ביינאכט שיעור נישט דערפרוירן געווארן. דער פעטער אברהם, יאנקלס טאטע, איז נאך געווען דער איינציקער, חוץ דער באבע דבורה, וואס האט זיך אינטערעסירט מיט זיי און נישט אומזיסט איז זיין זון דער דאזיקער, וואס באקענט זיך מיט זיי. זיין טאטע האט פאר אים פארדינט די זכיה. די קרובים אין רומעניע, אייגענע מומעס און שוועסטער קנדער, האלטן זיך, האבן זיי זיך געקלאגט, פרעמד פון זיי, ווייל זיי זיינען נישט קיין רייכע לייט און זיי זיינען פשוטע ארבעטער — בעל מלאכות. יאנקל האט נאך געמוזט קומען צו א מיטיק אויך אין דער מישפחה און וויפל ער האט געהאט געלט מיט זיך, האט ער עס אויסגעגיבן אויף מתנות פאר די קינדער פון די שוועסטערקינדער און ער האט זיי געזאגט, אז דאס קויפט ער פאר דעם טאטן. זיי זיינען געווען זיכער, אז ער איז א רייכער מאן און ער האט דערנאך, פארנדיק אין באן, נישט געהאט אויף קיין פאפיראסן. ער האט אנגעשריבן א גרויסן בריוו צו די עלטערן וועגן דער דאזיקער באגעגניש און דער פאטער איז געווען ממש גליקלעך, ער האט געשריבן, אז ער פילט גלייך ווי ער אליין וואלט געזען זיין שוועסטערס קינדער.

און דער שטורמישער ווינטער האט זיך פארענדיקט מיט א שטורמישן פסח. אין א שטעטל, וואס האט געהייסן וואסלוי, איז דער שטורעם פארגעקומען. דאס דאזיקע שטעטל, וואס געפינט זיך נישט ווייט פון דער בעסאראבישער גרעניץ, האט געהאט א שם צוליב דעם, וואס דער דעמלט באוואוסטער העברעאישער היסטאריקער מבשן האט פון דארט געשטאמט און ער איז דארט א שטיק צייט געווען לערער. צו יענער צייט האט ער זיך שוין געפונען אין ארץ ישראל צוזאמען מיט דער עלטערן זון, אבער די פאמיליע האט נאך געוואוינט אין וואסלוי. א יונגע גרופע ציוניסטן בראש מיט מבשנס א זון, וואס איז געווען א סטודענט און האט זיך גערופן ברוינשטיין (מבשן איז א פסעוודאנים), האט יאנקלען אראפגעבראכט אויף גאנץ פסח און ער האט דארט געהאלטן א גאנצע ריי רעדעס, אלע אין דער גרויסער שול. די רעדעס פון אונזער העלד האבן אין שטעטל געהאט א קאלאסאלן דערפאלג און עס האט נישט געפעלט קיין סך, אז דאס גאנצע שטעטל זאל ווערן ציוניסטיש. אויך דער רב פון שטעטל, וואס איז געווען א יונגערמאנטשיק און א נארעלע, האט זיך שוין אויך געקליבן צו ווערן א ציוניסט און נאך יאנקלס א רעדע האט ער זיך ארויפגעשטעלט אויף א באלעמער און ער האט געהאלטן א רעדע מיט סך פסוקים און מאמרים, אבער אין ציוניסטישן גייסט. איינגעשטאנען איז יאנקל אין א קריסטלעכן האטעל. קיין בעסערער יידישער האטעל איז א פנים נישט געווען, האבן אים די יונגעלייט צוגעפירט אין

קריסטלעכן. געגעסן האָט ער אָדער אין אַ יידישן רעסטאָראַן, אָדער אין הייִמישע שטיבער, אָבער אין דער פרי האָט ער געטרונקען קאַווע מיט מילך אין האָטעל און אפשר האָט ער טאַקע אַמאָל צוגעביסן אַ זעמל אויך. ווען יאַנקל איז אַוועקגעפאָרן, האָבן די שוחטים זיך אַ נעם געטאָן צום רב און זיי האָבן אים באַאיינפלוסט, אַז ער זאָל ווערן אויס ציוניסט און זיי האָבן זיך גענומען גריבלען אַזוי לאַנג ביז וואַנען זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז דער ציוניסטישער רעדנער איז איינגעשטאַנען אין אַ גוייִשן האָטעל און ער האָט דאָרט געגעסן חמץ און אַז צו אים זיינען געקומען יונגעלייט צו גאַסט און זיי האָבן אויך געגעסן חמץ. אין האָטעל האָט געאַרבעט אַ יידישער קעלנער, האָט ער געגעבן אַ שבועה, אַז ער אַליין האָט אַריינגעבראַכט חמץ צום רעדנער אין צימער אַריין און אַז דאָרט זיינען געווען נאָך אַ סך יונגעלייט און זיי האָבן אויך געגעסן חמץ... דאָס גאַנצע שטעטל איז געגאַנגען כּאָדאָראָם און מען האָט זיך שוין אָנגעהויבן היטן פאַר ציוניזם ווי פאַר שמד. ווען יאַנקל איז נאָך דעם צוריק געקומען קיין בראַילע און ער איז אַריינגעפאָרן קיין גאַלאַץ, האָט אים דער סעקרעטאַר פון דער פעדעראַציע, דער גוטע פייערשטיין געזאָגט: „איר האָט אָנגעמאַלקן אַ פול שעפל און איר האָט דאָס איבערגעקערט מיט איין שטויס. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער וואַסלויער רב האָט זיך גענומען איבערשרייבן מיט אַנדערע רבנים און ער האָט געוואָלט, אַז מען זאָל דעם גאַנצן ציוניזם אַריינלייגן אין חרם אַריין. עס זיינען אָבער געווען רבנים הייסע ציוניסטן, וואָס האָבן נישט געלאָזט און זיי האָבן גערונערט מיט דעם פּסוק „איש אחד יחטא, ועל כל העדה תקצוף?" (איין מענטש האָט געזינדיקט, וועסטו צערנען אויף דער גאַנצער עדה?) עס האָבן נישט געפעלט קיין ציוניסטן, וואָס האָבן געשריגן, אַז ציוניזם האָט נישט קיין שייכות מיט קיין פרומקייט. הערצל און נאָרדוי, האָבן זיי געזאָגט, זיינען אויך נישט געווען קיין פרומע און זיי האָבן אויך נישט אָפּגעהיט קיין כשרות. יאַנקל אַליין האָט געקענט אַ היפּש ביסל פרומע און האַלב פרומע יידן, וואָס זיינען געווען גוטע ציוניסטן און ליבע מענטשן און אים האָט באַנק געטאָן אויף זיי, אָבער ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זיי דאַרפן באַטראַכטן רעליגיע ווי אַ פּריוואַטן ענין פון יעדן איינעם. אַנדערע האָבן אים געזאָגט, אַז מען דאַרף זיך דיסציפּלינירן און ביידע צדדים דאַרפן איינגיין אויף הנחות. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז אונזער העלד האָט אָנגעשריבן אַ לאַנגן אַרטיקל אין „האַמער", וואָס האָט, דאַכט זיך, געהייסן „ביים געזעגנען" און ער האָט אין דעם אַרטיקל דערקלערט, אַז ער ציט זיך צוריק פון דעם אַקטיוון ציוניזם, נישט ווייל ער איז חלילה געוואָרן אויס ציוניסט, נאָר ווייל ער איז אַ צו פרייער גייסט און ער קען זיך נישט דיסציפּלינירן און ער קען נאָך מיט זיין אויפפירונג שאַדן ברייינגען זיין אידעאַל. עס זיינען באַלד אָנגעקומען אַ סך, אַ סך בריוו אין רעדאַקציע אַריין פון לייענער, וואָס האָבן פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל זיך

ג׳שט צוריקציען און ער האט באקומען א גאנצע ריי דעמאנסטראטיווע איינלאדונגען אין פארשיידענע שטעט און שטעטלעך. אויך די „התיקווה" האט דורכוים פארלאנגט, אז ער זאל בלייבן ווייטער מיטארבעטער און דער „המער" איז ווייטער געבליבן אונטער זיין רעדאקציע. קיין רעדעס איז אונזער העלד א היפשע צייט נישט געפארן האלטן און ער האט דעם פרילינג זיך צעהוליעט אין גאלאץ און אין בראילע און ער האט זיך היפש ארייגעלאזט אין ביטערן טראפן און ער האט געשריבן „צעשויבערטע" דערציילונגען, וואס זיין יינגערער חבר בן הדור האט איבערגעזעצט אין רומעניש און זיי אפגעדרוקט אין פארשיידענע לאקאלע זשורנאלן און צייטונגען פון גאלאץ און בראילע. עס האבן זיך געפונען אזעלכע, וואס האבן געזאגט, אז די דערציילונגען ווירקן דעמאראליזירנדיק. אנדערע האבן געזאגט, אז די דערציילונגען זיינען צו צעשויבערט און עס פעלט אין זיי פארם. ער האט דאס ווארט „צעשויבערט" דעמלט געהערט צום ערשטן מאל וועגן זיך. דערנאך האט ער עס שוין א סך מאל געהערט און אין פאלעמיקעס האט מען אים נישט איין מאל גערופן „דער צעשויבערטער טאלאנט". מען האט אים אזוי גערופן נישט נאר צוליב זיין צעשויבערטן שטייגער שרייבן, נאר אויך צוליב דעם, וואס ער האט זיין גערדיכטע טשופרינע קיינמאל נישט געקענט גוט פארקעמען און ער איז ארומגעגאנגען צעשויבערט. ביי די ציוניסטן פון גאלאץ און בראילע איז ער אלץ געווען א ליבלינג און א „פערסאנא גראטא" אין די הײמען, דאך האט זיך נישט איין מאל געמאכט, אז א מוטער האט אים געבעטן, אז ער זאל נישט ריידן וועגן קיין פרייער ליבע מיט זייערע טעכטער. צו זיין קורס פון יידישער געשיכטע, וואס א גאלאצער קרייז האט איינגעארדנט, זיינען געקומען ביי די צוויי הונדערט צוהערערינס, אלע יונגע מיידלעך. עס קען זיך מאכן, אז זיי זיינען געקומען אזוי אינטענסיו נישט צוליב לערנען יידישע געשיכטע, נאר ווייל ער האט געהאט א שם פון א באהעם, אן אנהענגער פון פרייער ליבע, א — פארפירער...

א פאר חדשים פון גרויסן קריזיס האט אונזער העלד איבערגעלעבט. ער האט זיך דערפילט עלנד און אן א וועג. ער האט זיך געפילט ווי א מעערקעפל, וואס איז ארויסגעווארפן געווארן פון ים. ער האט געפרואווט זיך ווידער א נעם טאן צו שרייבן לידער און דערציילונגען און צום מערסטן האט ער געשריבן פארצווייפלט און הפקרדיק. ער האט דערפילט, אז ער מאכט נאך באדלערן און ווערלענעז און יונגע ציוניסטן האבן געקוקט אויף אים און האבן געשאקלט מיט די קעפ און זיי האבן געזאגט, אז ער האט פארלוירן דעם וועג. פריער איז ער געווען א קאפיטאן, דער יינגסטער קאפיטאן, האבן זיי געזאגט, וואס באהערשט די כוואליעס און איצטער איז ער געווארן עפעס אן אפגעריסן שטיקל, וואס די כוואליעס טראגן וואוהין זיי ווילן. דער גרעסטער חסיד זיינער איז געווען לייבוש גאלד, דער רעדאקטאר פון דעם רומעניש

צוויי־וואָכן בלאַט, וואָס האָט געקענט מאַכן אַ גרויסע קאַריערע ווי אַ ליצענ־ציאַט פון אַ האַנדלס־אַקאַדעמיע און טאַקע ווי אַ זייער פּעאיקער האַנדלס־אָנגעשטעלטער און סוחר, אָבער ער האָט אַלץ אַוועקגעגעבן דעם ציוניזם. ער איז געווען אַן אָנגעשטעלטער אין דעם גרויסן הויז פון די קליינערס, וואָס זייערע קינדער זיינען כמעט אַלע געווען ציוניסטן און זיי האָבן אַלע גע־זאָגט, אַז עס וואָלט געמאַכט אַ גאָר גרויסע קאַריערע, ווען ער וואָלט נישט אַוועקגעגיבן די גאַנצע צייט דעם זשורנאַל. גאָלד פלעג זיך צעקריגן מיט אַ האַלבער וועלט צוליב יאַנקלען למאי ער האָט זעלטן פאַרפעלט צו גיבן זיינע אַ זאַך אין אַ נומער און אַמאָל האָט ער אויך געגיבן צוויי, בעת אַנדערע איז אָנגעקומען די ריי איין מאָל אין צוויי חדשים. און יאַנקלס זאַכן האָט ער גענדאַרפט איבערזעצן פון יידיש און עס האָט אים געקאָסט אַ סך אַרבעט. אויך לייבוש גאָלד האָט מיט אַ טיפן קרעכץ געזאָגט, אַז יאַנקל איז „דער צעשויבערטער טאַלאַנט, וואָס פאַרלירט דעם וועג...״

☆

קאפיטל פינף

דער אריינפאַר אין בוקאַרעשט און אַ פאַטש

אַ נייעם חבר האָט יאַנקל געקראָגן. ער איז אויך געווען אַ רוסישער דע־זערטיר. ער האָט געהייסן פעלדמאַן, אָבער צוליב דעם, וואָס ער איז געווען אַ שטיק צייט אין ארץ ישראל, האָט ער זיך גערופן חקלאַי. ער איז געווען עפּעס נידעריקער פון אונזער העלד, אויך אַ ברוינער און אַ מוראַדיק נער־וועזער. די אויסגעסטאַרטשעטע אויגן זיינען אים אַלעמאָל געוואָרן אַלץ מער אויסגעסטאַרטשעט. ער איז געווען אַ פאַרברענטער העברעאיסט, דאָך האָט ער געשריבן יידישע לידער און ער האָט געוואָלט דורכויס, אַז יאַנקל זאָל זיי אים דרוקן אין „האמער", אָבער זיי זיינען געווען נישט צום דרוקן, איז ער געוואָרן ברוגז פאַרוואָס זיין חבר איז אַזוי שטרענג צו אים און ער פלעגט זיך באַגעגענען דערמיט, וואָס ער האָט זיינע „לידער" געלייענט פאַר מייד־לעך און פאַר ווייבלעך. אונזער העלד דערמאָנט זיך, אַז וואו חקלאַי האָט זיך נישט געפונען, האָט ער שטענדיק ערגעץ געפּאַקט אַ ווייבל, אָדער אַ מיידל און ער האָט איר באַלד געלייענט אַ ליד, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אָט די שורות:

און קניענדיק וועל איך ביי מיין הערשערין
בעטן גענאַדע,
גיב מיר גליק, שענק מיר ליבע,
ס'איז די יוגנט מיינע אַ שאַדע...

אָבער ווי אויף חוזק ס'האָבן געטויגט חקלאַיס לידער, איז ער דאָך פון דער נאַטור געווען אַ סענטימענטאַלער און אפשר טאַקע אַ פּאָעטישער מענטש. ער האָט אויך געשפּילט פידל און אויך אין דעם האָט מען דערשפּירט, אַז ער האָט געפילן און ער קען זיי נישט אַרויסברייינגען.

צום מערסטן האָט יאַנקל זיך געטראָפן מיט חקלאַין אין אַ שטוב פון אַ רייכן שניטקרעמער, וואָס האָט געהייסן כיימאָוויטש און ער איז געווען אַ הייסער ציוניסט. ער איז געווען אַ פּראָסטער ייד, וואָס האָט ליב געהאַט אַ

סך צו ארבעטן, א סך צו פארדינען און א סך צו עסן. דער ציוניזם איז געווען דאָס גייסטיקע אין זיין לעבן. אין שול אריין דאַווענען האָט ער קיין צייט נישט געהאַט צו גיין, איז ער אָפּגעקומען זיין בענקשאַפט נאָך דעם העכערן מיט גיבן געלט אויף דעם ציוניזם און מיט ערלעך האַלטן ציוניסטישע טוער. זיין פרוי איז געווען פונקט אַזאַ געזונטע און פּראָסטע ווי ער און זי איז נאָכגעגאַנגען אין אַלעמען דעם מאַן. זיי האָבן געהאַט א פולע שטוב מיט קינדער און מיט דינסטן; צימערן האָבן זיי געהאַט צופיל, האָבן זיי געצוואונגען יאַנקלען, אַז ער זאָל וואוינען ביי זיי. ער האָט געקענט א סך לידלעך און די קינדער פלעגן אים ארויפקריכן אויף דעם קאָפּ און אויף די פּלייצעס און ער האָט זיי געהאַלטן אויף זיך ווי טויבן און צו זיי געזונגען. אין אָט אַ דער שטוב אריין האָט אונזער העלד געבראַכט זיין פריינד חקלאַי און יענער האָט באַלד דאָרט געוואָלט ווערן א גאַר היימישער, אָבער ער האָט נישט שטאַרק נושא חן געווען. אין זעלביקן הויף האָט געוואוינט נאָך א יידישע פאַמיליע, וואָס איז באַשטאַנען פון א קרענקלעכן מאַן, א נידעריק ווייבעלע מיט סענטימענטאַל־ברענענדיקע אויגן, אַן אמתע „פּעטיט פּאַם" און פון צוויי קינדער. איז חקלאַי באַלד געוואָרן היימיש מיט יענער פאַמיליע און איבערהויפּט מיט דעם ווייבעלע און דער קרענקלעכער מאַן, וואָס האָט געהאַט א געשעפט פון אייזן, האָט זיך דערפון געערגערט און ער האָט וואָס א מאָל מער געהוסט. יאַנקל האָט געפילט, אַז זיין חבר באַגייט א זינד; אָבער זאָגן אים האָט ער נישט געהאַט קיין מוט. ער איז אליין געווען פאַרליבט אין א פרוי, וואָס האָט געהאַט א מאַן און ער האָט געוואָלט פאַר איר חתונה האָבן; אמת, ערנאָס מאַן איז טאַקע נישט געווען קיין קראַנקער און קיין קינדער האָבן זיי נישט געהאַט, אָבער יאַנקל האָט דאָך נישט געקענט פסקענען, ווען מען מעג יאָ זיך פאַרליבן אין א פרעמדער פרוי און ווען — נישט. ער איז נישט געווען זיכער, אַז א קראַנקן מאַן טאָר מען נישט פאַרשאַפן קיין ערגערנישן און א געזונטן — יאָ...

די קינדער פון אייזן־קרעמער זיינען אַלט געווען אַכט און זעקס יאָר. דאָך האָבן זיי שוין פאַרשטאַנען, אַז צווישן חקלאַין און זייער מאַמע האַלט אין פאָרקומען נישט קיין גוטע זאַכן און זיי האָבן חקלאַין אומגעהויער פיינט געהאַט און זיי האָבן געזאָגט, אַז ער זאָל גיין ערגעץ אַנדערש און צו זיי אין שטוב זאָל אריינקומען יאַנקל. און די שינאה פון די דאָזיקע קינדער האָט זיך שוין אריבערגעטראָגן צו ביימאָוויטשעס קינדער, וואָס האָבן שוין אויך נישט געקענט ליידן דעם „אינטריגאַנט".

חקלאַי איז אויך געווען אַן אומרואיקער און נישט פאַרדינען געלט האָט ער נישט געקענט. ער האָט געלאַכט פון זיין חבר, וואָס האָט נישט געהאַט קיין גראָשן ביי דער נשמה און ער האָט געזאָגט, אַז ווען ער וואָלט געווען אַזוי באַליבט ווי יאַנקל און ער וואָלט געהאַט אַזויפיל דערפאָלג וויפל ער, וואָלט

ער שוין געהאַט אַ סך געלט. ער האָט זיך געוואָרפן צו אַ סך זאַכן און ס'איז אים נישט געגאַנגען, איז ער געקומען צו יאַנקלען מיט אַ פּלאַן, אַז זיי זאָלן ביידע אָנשרייבן אַ דראַמע. אונזער העלד האָט דאָס פאַרשמעקט. ער האָט שוין זייט לאַנג געקלערט, אַז דאָס יידישע טעאַטער וואָלט געקענט זיין אַ גרויסע ברכה, ווען מען וואָלט ער אַזוי נישט פאַרנאַכלייסיקט. די מאַסן לויפן אין יידישן טעאַטער אַריין ווי נאָך מצה וואַסער, אָבער מען קאָרמעט זיי דאָרט מיט דער גוטער יאָר ווייסט וואָס, כאָטש צווישן די אַקטיאָרן זיינען פאַראַן אַ סך, וואָס האָבן חן און טעם. געפּלאָנטערט האָט זיך יאַנקלען אָנצושרייבן אַ דראַמע, וואָס זאָל הייסן „לעצטע" און זאָל האָבן ווי אַ הויפּט־העלד אַזאַ טיפּ ווי שניאור זלמן שעכטער פון פּאָלטיטשעני, וואָס איז אַזוי פאַנאַטיש, ווייל ער האָט מורא, אַז ער איז אַ לעצטער ייד און ער פּרואווט ממש מיט אַ ווילדן כוח אָפּהיטן זיין הויז און נישט אַריינלאָזן קיינעם צו זיינע טעכטער. דער צווייטער הויפּט־העלד האָט געדאַרפט זיין אַזאַ טיפּ ווי יאַנקל, וואָס קומט מיט אַן אָנהויב פון אַ נייער יידישקייט און ער פאַרליבט זיך אין דעם „לעצטן" יידנס טאָכטער און עס קומט דער גרויסער קאַמף. דער שותּף האָט דעם דאָזיקן אינהאַלט אַקצעפּטירט און ביידע האָבן זיך אַ נעם געטאָן צום שרייבן. דעם אמת געזאָגט, האָט חקלאַי קיינמאָל נישט געהאַט געדולד צו שרייבן און ער האָט נאָר געזאָגט אייניקע עצות און ער איז באַלד אַוועק קוקן אויף דעם קליינעם ווייבעלע, אָבער ער האָט דאָך די זאַך אָראָפּגעפירט פון גלייכן וועג. חקלאַי האָט דווקא פאַרגעלייגט, אַז דער יונגער העלד זאָל זיין אַ שיכור און אַ ציניקער און ער זאָל לאַכן פון גאָט אַליין און פון אַלע אידעאַלן און ער זאָל זאָגן, אַז די איינציקע טרייסט שטעקט אין פלעשל. יאַנקל האָט זיך ביים אָנהויב נישט געלאָזט. ער איז טאַקע אַליין געווען אַ פאַרלוירענער אויף די וועגן, אָבער זייען אומגלויבן און הפקרות האָט ער דאָך נישט געוואָלט, ליידער איז חקלאַין געלונגען דורכצופירן זיינס. אַ געוויסע השפּעה האָבן אויף יאַנקלען אויך געהאַט ל. שאַפּיראָס זאַכן, אין וועלכע גאָט איז געוואָרן אַ מין פּאַיאַץ מיט אַ מיצל און מיט גלעקעלעך. אין יענער צייט האָט געהאַט אויף דער רומענישער בינע אַ גרויסן דערפאָלג אַ פּיעסע, וואָס האָט געהייסן „די רויטע ליידנשאַפט" און איר מחבר האָט געהייסן מיכאַי סאָרבול (ער איז דערנאָך געוואָרן אַן אייזערן־גוואַרדייער, אָבער דעמלט האָבן יידן היפּש געהאָלפן צום דערפאָלג פון זיין פּיעסע). אין יענעם ווערק איז פאָרגעקומען ווי אַ יונגע, שיינע פרוי, וואָס לעבט אין פרייער ליבע מיט אַ פּריצישן סטודענט, באַקענט זיך ביי איר געליבטן אין שטוב מיט דעם מאַנס אַ יוגנט־פריינט און זי פאַרליבט זיך אין אים און ווי זי ווערט באַלד זיין געליבטע. דער נייער געליבטער איז נישט מער ווי אַ קרבן און ער וויל בעסער חתונה האָבן מיט אַן אומשולדיקן מיידל. די ליידנשאַפטלעכע פרוי, וואָס שטאַמט פון הינט־שלעגער און ליידט פון רויטער ליידנשאַפט, אָרדנט

איין א געזעגנונג מיט איר צווייטן געליבטן איידער יענער גייט חתונה האָבן און זי דערהרגעט אים. אין יענער פּיעסע איז דער פאַקטישער הויפּט־העלד געווען א שוועסטערקינד פון דער קראַנקער פרוי, וואָס האָט געהאַט משוגענע פּלענער וועגן אומבריינגען די גאַנצע וועלט און בויען א נייע. דער דאָזיקער דעגענערירטער העלד האָט געהייסן שבילץ און ער איז געוואָרן א מאָדע־פאַר־שוין אין רומעניע און א סך אינטעליגענטן האָבן גענומען ווערן שיכורים אויף דעם שטייגער פון שבילצן, אַזוי ווי רוסישע סטודענטן זיינען אַמאָל גע־ווען שיכורים אויף דעם שטייגער פון אַנדרייעווס אַנופּרי, דעם העלד פון „די טעג פון אונזער לעבן". אָבער בעת אַנופּרי פאַרמאָגט אין זיך א הומאַ־ניטאַרע פילאָזאָפיע, איז שבילץ א הינט־שלעגערישער פילאָזאָף. א דאַנק חקלאָים אָנשטרענגונג צו אויסדרייען דעם העלד, וואָס האָט געהייסן שפּיצ־בערג, צום גלעזל, איז ער אין גאַנצן געוואָרן א מין יידישער שבילץ. די פּיע־סע איז געוואָרן נישט דאָס דאָזיקע, וואָס יאַנקל האָט געוואָלט, דער אַלטער העלד האָט ריכטיק אָפּגעשפּיגלט זיין וועלט, אָבער שפּיצבערג איז געווען ווייט נישט דאָס, וואָס אונזער העלד האָט געוואָלט און ווען חקלאַי האָט זיך שפּעטער בארימט, אַז די פּיעסע איז געווען מער זיינע, ווי יאַנקלס, איז ער אין פּרט פון דער אידעאָלאָגיע געווען גערעכט.

ביידע מחברים האָבן זיך צונויפגענומען א גרופּע יונגעלייט און זיי האָבן אויפגעפירט די פּיעסע. יאַנקל האָט געשפּילט שפּיצבערגן און חקלאַי איז גע־ווען גענוג פּראַקטיש גאָרנישט צו שפּילן. געשפּילט האָט מען די פּיעסע איין מאָל אין גאַלאַץ און איין מאָל אין בראַילע און מאַטעריעל האָט זי אריינגע־בראַכט א באַדייטנדיקע סומע, מאָראַליש האָט זי געהאַט א מיטלען דער־פאָלג. זי האָט געהאַט אַזאַ פּעסימיזם, וואָס האָט געקענט אָפּבריען — דאָס דאָזיקע וואָרט האָט שפּעטער געזאָגט וועגן איר דער דיכטער יעקב שטערנ־בערג — אָבער בעצם האָט זי געפּרעדיקט פאַרצווייפלונג און אפילו שיכרות, כאָטש נישט מיט קיין לייכטן געמיט; אונזער העלד פאַרשטייט עד היום נישט פאַרוואָס מען האָט אים נישט אויסגעפייפט. באַטייליקט האָבן זיך אין דער פּיעסע נישט נאָר ליבהאָבער, נאָר אויך דער פּראָפעסיאָנעלער שוישפּי־לער פון פוילן, גאַרבאַרזש, וואָס האָט זיך דעמלט געפונען אין רומעניע אין איינעם מיט זיין פרוי און מיט א קינד א קריפּל. צוליב אָט דעם קינד האָבן מאַן און ווייב נישט געקענט אַרויספאָרן אין דער פּראָווינץ אריין, ווייל איי־נער פון זיי האָט געדאַרפט בלייבן מיט דעם קריפּל אין בוקאַרעשט. גאַר־באַזשן האָט יאַנקל דעמלט גראָד געטראָפן אין בראַילע און אים פאַרגעלייגט צו באַטייליקן זיך אין דער פּיעסע. דער דאָזיקער שוישפּילער איז געווען שטאַרק באַפריינדעט מיט דעם דיכטער יעקב שטערנבערג, וואָס איז געווען א קריגס־דעזערטיר אין בוקאַרעשט און ער האָט זיך קוים געראַטעוועט פון נישט פאַרשיקט ווערן אין דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער שיפּאָטע, וואו א סך

זיינען אומגעקומען. יאנקל האט שוין געהאט געלייענט עטלעכע לידער פון שטערנבערגן און זיי זיינען אים געפעלן און כאטש ער האט טאקע ביי גאר־באַרזשן געלייענט א בריוו פון שטערנבערגן, וואס האט חוזק געמאכט פון זיין שרייבן, האט ער נישט געזען אין דעם קיין שטערונג צו ברייננען דעם דיכ־טער, אז ער זאל זיך באטייליקן אין די פארשטעלונגען. שטערנבערג האט אין גאלאץ געהאט א פעטער און ביי דעם פעטער האט זיך געפונען א ברודער דעם דיכטערס, וואס איז געקומען פון דער העברעאישער גימנאזיע „הרצליה" אין יפו. דער ברודער, וואס איז געווען א רויטער, א ביסל א שטאמלער און א גאנץ אינטעליגענט יינגל, האט דערציילט ניסים וועגן זיין ברודער און דאס דאזיקע האט אויך באוואויגן אונזער העלד, אז ער זאל ברייננען שטערנבערגן צו זיך און אים שיקן אויף הוצאות.

יאנקל האט באשלאסן אז ער פארט קיין בוקארעשט און ער וועט דארט צוזאמען מיטן דיכטער גרינדען א „הזמיר", וואס זאל קאנקורירן מיט „סיני" און זאל מאכן יידישע אוונטן אויף יידיש. עס איז באשלאסן געווארן, אז דער ערשטער אוונט וועט זיין די זעלביקע פיעסע מיט יאנקלען ווי דער הויפט־רעדנער און מיט נאך א פאר רעדנער און דערנאך וועט מען אנצייי־בענען א פראגראם און אפשר טאקע פרוואון גרינדן א בעסערן שטענדיקן טעאטער. מען מוז מודה זיין, אז פערזענלעכע פרייד האבן די פארשטעלונגען פון „לעצטן" פארשאפט א סך דער גאנצער טרופע. מען האט אין גאלאץ און אין בראילע געפראוועט טייען און נאכטמאלן לכבוד די מחברים און שויי־שפילער און מען האט זיי ארויסגעוויזן א סך אויפמערקזאמקייט. די גאנצע טרופע, וואס איז באשטאנען פון א צוועלף פערזאן האט זיך געקענט אריינ־זעצן אין גאלאץ, אדער אין בראילע אין איין דראשקע און זיך א לאז טאן אין א שפאציר צום דונאי, אזוי ווי ציגיינער.

און ארום ענדע יוני 1916, נאך דעם וואס אונזער העלד איז שוין געווען קנאפע צוויי יאר אין לאנד און ער איז שוין אויסגעפארן מער ווי א העלפט פון דעם לאנד, איז ער אנגעקומען צום ערשטן מאל אין דער הויפטשטאט, בור־קארעשט, וואס איז דעמלט געווען דאס רואיקסטע און פריילעכסטע ווינקל אין גאנץ אייראפע. אומעטום איז געווען קריג און נאר דארט איז געווען פרידן. שוין ביים סאמע אנקומען האט א זעץ געטאן מיט דער פרייד אין פנים אריין. אראפגייענדיק אין דער „גארא דע נארד" (צפון וואקזאל) האט זיך יאנקל אריינגעזעצט אין א גרוימען פיאקער, וואס עס האט געפירט א גרויסער, אנגעפעלצטער רוס מיט א פנים פון א טומטום. די צוויי פערד, וואס ער האט געטריבן, זיינען געווען גרויס און געזונט און עלעגאנט און זיי האבן געברויזט מיט קראפט. פונקט ווי אין גאלאץ, בראילע און יאסי זיינען אויך אין בוקארעשט די דראשקארעס געווען די רוסן, וואס האבן געהערט צו דער רעליגיעזער גרופע „סקאפצי", וואס מען האט זיי פון קינדוויז אן קאסטרירט.

יאַנקל האָט זיי גוט געקענט נאָך פון פריער. אין אַלע רומענישע שטעט איז ער מיט זיי געפאָרן און אומעטום האָט ער מיט זיי גערעדט רוסיש און אומעטום האָבן זיי אים געפרעגט, צי ער וויל נישט, אַז זיי זאָלן אים פירן צו מיידלעך. אַליין זיינען זיי געווען קאַלט ווי אייז און דאַכט זיך אָן קיין שום רייץ צום לעבן און די פּאַסאַזשירן האָבן זיי נישט אויפגעהערט צו רייצן מיט שיינע מיידלעך. זיי האָבן געלעבט אין איינעם מיט פרויען, וואָס זיינען אויך געווען קאַסטרירטע און יאַנקלען איז אַמאָל אויסגעקומען צו וואוינען אין אַ הויף, וואו ס׳האָט געוואוינט אַ „סקאָפּצירט" פּאָרל. זיי האָבן ליב געהאַט צו ריידן און צו הערן ניבול פּה און זיי האָבן דערביי אויסגעזען ווי טויבע, וואָס ריידן וועגן מוזיק... אויך אין בוקאַרעשט האָט דער גרויסער סקאָפּעץ, וואָס איז געווען אָנגעפּעלצט אין מיטן זומער געפרעגט זיין פּאַסאַזשיר, צי ער וויל נישט, אַז ער זאָל אים פירן צו מיידלעך, כאָטש ס׳איז נאָך געווען גאַנץ פרי. דער וואָגן האָט באַלד דורכגעשניטן די ברייטע גאַס „גריוויצעי", וואָס איז פול געווען מיט גרויסע געשעפטן און מיט שענקען און ס׳האָבן זיך שוין גאַנץ פרי געהערט געזאַנגען פון שיכורים. דער וואָגן האָט דערנאָך דורכגעשניטן שטילערע גאַסן און ריזיקע בולוואַרן און גערטנער ביז וואַנען ער איז אַרויפגעקומען אויף דער שיינער און עלעגאַנטער „קאַלעאַ וויקטאָריעי", וואו עס האָבן זיך געפונען די שענסטע טעאַטערס און קאַפעהייזער פון שטאָט. עס האָט געווייעט מיט פאַרשלאָפנקייט פון דער דאָזיקער גאַס, אָבער אויך מיט רייכקייט און מיט ווילדן לוקסוס. ערגעץ נישט ווייט פון דער קאַלעאַ וויקטאָריע איז יאַנקל געבליבן שטיין אין אַ האָטעל און נאָך דעם, וואָס ער האָט זיך אַרומגעוואַשן און אויסגעטרונקען אַ שטאַרקע טערקישע קאַווע אויף צו דערמונטערן זיך, האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן זוכן זיין מומע זלאַטע און פעטער יהודה. זיין טאַטנס יינגסטע שוועסטער זלאַטע האָט חתונה געהאַט קיין רומעניע פאַר אַ גאַליציאַנער יידן יהודה גאָטעספעלד און ער האָט פון קינדווייז אָן געוואוסט, אַז דער דאָזיקער פעטער איז אַ למדן, אַן אַפּיקורס און אַ „טשודאַק". ער האָט געוואוסט, אַז די מומע זלאַטע האָט צוויי מיידעלעך — מרים און שושנה. זיי האָבן געהאַט אַ יינגעלע אויך, איז ער געשטאָרבן. פון די צוויי מיידעלעך זיינען געווען ביי זיי אין שטוב פאָטאָגראַפיעס און אים האָט זיך געדאַכט, אַז זיי דאַרפן נאָך זיין אַזוי קליין, ווי אויף די בילדער, כאָטש ער האָט שוין געהאַט געהערט, אַז די עלטערע טאָכטער האָט נישט לאַנג חתונה געהאַט און דער טאַטע האָט אים אַפילו אויסגעמוסרט פאַרוואָס ער איז נישט געווען אויף דער חתונה. ער האָט זיך געשעמט צו שרייבן דעם פאָטער, אַז כאָטש ער האָט זיך שוין געהאַט איבערגעשריבן מיט דעם פעטער און דער מומען, האָט ער קיין בילעט נישט באַקומען.

אויף קאַלעאַ וואַקאַרעשט, איז דער סאַמע געדיכטעניש פון דער יידישער

געגנט האָבן זיין פּעטער און די מומע געוואוינט. ער האָט זיך געלאָזט צופוס צו דער דאָזיקער געגנט און ער איז דורך די גאַנצע גאַס ליפּסקאַני, וואָס איז געווען די גרעסטע האַנדלס־גאַס און ער איז צוגעקומען צו אַ ראָג, וואו עס ענדיקן זיך די גלייכערע גאַסן פון דער נייער שטאָט און עס הויבן זיך אָן די געדרייטע גאַסן פון דער אַלטער שטאָט און טאַקע איבערהויפּט פון דער יידישער געגנט. אין יענעם ראָג איז געשטאַנען די סטאַטוע פון דער וועלפי־כע, וואָס זויגט די צוויי קינדער ראָמוס און לופּולוס. רוים האָט די דאָזיקע סטאַטוע געשענקט בוקאַרעשט, ווייל די רומענער גרויסן זיך, אַז זיי קומען אַרויס פון די דאָזיקע צוויי העלדן, וואָס האָבן געזויגן וועלפישע מילך.

די קאַלעאַ וואַקאַרעשט האָט גערוישט ממש ווי אַ מיל. טראַמוויען מיט פערד האָבן געקלאַפּט און געקלונגען. אין די גרויסע קראָמען האָט זיך גע־טומלט און אין דעם מאַרק, וואָס איז געווען אין מיטן גאַס, איז די וועלט געגאַנגען כאַדאָראַם. און די שענקן, וואָס זיינען געווען אָן אַ צאָל, האָט זיך געקאָכט. עס איז נאָך געווען מער ווי צוויי שעה פאַר מיטיק און דאָס פלייש איז שוין געלעגן אויף דעם פייער און האָט זיך געדרויכערט און געטשאַדעט און פאַרשפּרייט דעם ריח פון קנאָבל און פעפער. און מען האָט שוין גע־הערט זינגען נישט נאָר רומענישע גאַסן־לידלעך, נאָך אויך יידישע ניגונים. דאָ און דאָרט האָט מען געהערט אַ גראַמאָפאָן שפּילן אַ חזניש שטיקל און אין אייניקע שענקען האָבן שוין ציגיינער געשפּילט אויף צימבלען און גע־זונגען. מען האָט געזען זייער אַ סך שיינע יידן מיט בערד, קאַפּאָטעס און פּליושענע קאַפּעליושן. אייניקע זיינען געגאַנגען מיט גרויסע טלית און תפילין זעק. עס איז געווען אַ געמיש פון קעשענעווו, אָדעס און נאָך עפּעס.

ביים סאַמע אָנקומען אויף קאַלעאַ וואַקאַרעשט, האָט יאַנקל זיך גע־טראָפן מיט דעם אַקטיאָר אַלבערט סעגאַלעסקו. דער שוישפּילער איז געוואָרן נאָך ברייטער ווי ער איז געווען און ער האָט דווקא אויסגעזען נאָך העכער, ווי ער האָט אויסגעזען אין פּאַלטיטשעני און אין גאַלאַץ. דער שוישפּילער האָט זיך מיט זיין גאַסט אַרומגעכאַפּט און זיך צעקושט און עס האָט שוין גע־שמעקט פון אים מיט וויין און מיט בראָנפן. ער איז געגאַנגען זייער שיין אָנגעטאָן און ער האָט געטראָגן אַ האַרטן הוט און ער האָט אויסגעזען אימ־פּאָזאַנט. מען האָט זיך אָפּגעשטעלט קוקן אויף אים. ער האָט יאַנקלען באַלד אַריינגעפירט אין אַ שענק אַריין, וואָס איז שוין געווען פול מיט מענטשן. מען האָט זיך קוים געקענט צושלאָגן צו דער סטאָיקע. דער שוישפּילער האָט באַשטעלט צוויי גרויסע גלעזלעך בראָנפן און ביידע האָבן זיי אויסגעטרונ־קען אין איין זאַלפּ און פאַרביסן אַ שטיקל הערינג. סעגאַלעסקו האָט זיין גאַסט באַלד אַרויסגעשלעפּט אויף דער גאַס און אים באַלד אַריינגעפירט אין אַ צווייטן שענק און ער האָט דאָרט ווידער באַשטעלט צוויי גלעזלעך פון אַן אַנדער סאָרט. אומעטום האָט מען אים געקענט, אומעטום האָט מען געשריגן:

„לאָזט דורכגיין סעגאַלעסקון!״ און אַזוי האָט דער שוישפּילער געפירט דעם שרייבער פון שענק צו שענק און יאַנקל האָט אין ערגעץ נישט געזען, אַז דער שוישפּילער זאָל באַצאָלן. צום לעצט האָט ער אויסגעקליבן אַ נישט גרויסן שענק און ער האָט זיך אַנידערגעשטעלט גיסן אַ גלעזל נאָך אַ גלעזל. סעגאַלעסקו האָט געזאָגט צו יאַנקלען, אַז דאָס איז דער שענק פון שמחה גאָלד, וואוהין עס קומען אריין די שענסטע לייט. דאָרט זיצן העברעאישע און דייטשע לערער און סתם יידן לומדים און משכילים. די עטלעכע יידישע און העבּרעאישע שרייבער, וואָס זיינען פאַראַן אין בוקארעשט, קומען אויך אַהער. אונזער העלד האָט דעם ברייטן שוישפּילער מער נישט געקענט נאָכהאַלטן און ער האָט געזאָגט, אַז ער טרינקט נישט מער. דער קאָפּ האָט זיך אים שוין געדרייט. סעגאַלעסקו האָט געזאָגט, אַז ווערליק אַ שרייבער האָט ער גענוג אויסגעהאַלטן יידישקייט, אָבער ער דאַרף זיך דאָך נאָך צולערנען טרינקען. און ער האָט זיין גאַסט גענומען באַקענען מיט די יידן, וואָס זיינען געזעסן און געשטאַנען און האָבן געטרונקען ווער אביסל בראָנפן און ווער אַ טערקישע קאַווע. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן אַלע אים געקענט און זיי האָבן געלייענט אי „ליכט״, אי דעם „האַמער״, אי „התיקווה״. זיי האָבן באַלד אַלע אויסגעדרוקט זייער פאַרוואונדערונג פאַרוואָס ער שרייבט נאָר „זשאַרגאָן״, כאָטש זיי האָבן מודה געווען, אַז אַ סך לומדים האָבן געשריבן זשאַרגאָן, בכדי נוצן צו ברייננגען. אליעזר רוקח האָט געשריבן זשאַרגאָן און בערל סופרין — אַן עכט רומענישער ייד, וואָס האָט געשטאַמט פון פּיאַטראַ און איז געווען אַ למדן, האָט אַרויסגעגעבן יידישע בלעטער און ביכלעך — און וועלוול זבאַזשער אַליין איז געווען אַ קליינער למדן? פון דעסט וועגן האָט ער געשריבן זשאַרגאָנישע לידער און ער האָט זיי אַליין געזונגען אין די שענקען. און דער ליטוועק ראובן אָשר ברוידעס, וואָס האָט געלעבט אַ לאַנגע צייט אין רומעניע און איז געווען גאָר אַ גרויסער למדן האָט דען נישט געשריבן קיין זשאַרגאָן? און יידן האָבן גענומען דערציילן מעשהס וועגן וועלוולען און ראובן אָשרן. אייניקע פון זיי האָבן זיי ביידע פּערזענלעך געקענט.

איין ייד, וואָס איז געווען העברעאישער לערער אין אַ שול פון דער „אַליאַנס״, האָט דערציילט, אַז ער איז אַליין געווען אין גאַלאַץ, ווען וועלוול מיט ראובן אָשרן האָבן זיך באַקענט און צעקריגט און איבערגעבעטן. עס איז געווען אין אַ שענק, אין וועלכן וועלוול זבאַרזשער פלעג מאַכן די קונץ. ער פלעג זיך אַנידערשטעלן ביי צוויי ברענענדיקע ליכט און זינגען זיינע פילאָזאָפישע לידער און די שיכורים פלעגן דערפון ווערן אַזוי טרויעריק, אַז זיי האָבן נאָך מער געטרונקען. איז צווישן די געסט געווען אַ ייד אַ ליטוועק, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן טשעפּען צו זבאַרזשערן און אים פרעגן, צי דאָס איז אַן עובדאָ פאַר אַ תלמיד חכם. וועלוול האָט נישט געוואוסט ווער דער ייד איז און ער האָט זיך גענומען טשעפּען צו זיין ליטווישן יידיש. ער האָט פון יעדן

וואָרט פון זיינעם אָפּגעלאַכט. די אַלע שיכורים האָבן געהאַלטן מיט זייער זינגער. פאַר זיי איז דאָס חוזק מאַכן פון אַ ליטוועק געווען נאָך אַ שענערער ספּעקטאַקל ווי די לידער, וואָס זיי האָבן געהערט. ראובן אָשר האָט אויסגעהערט דעם גאַנצן חוזק, נאָר אַזוי ווי אַ קאַלטער ליטוועק קען און צום לעצט האָט ער זיך אויפגעהויבן און זיך געווענדט צו זבאַרזשערן און צו אים געזאָגט:

— דערקלערט מיר נאָר, ר' וועלוועלע? דער קו איז דאָך אין פעלד בעסער ווי אין שטאַל. זי איז דאָרט פריי און זי קען אַרומלויפן וואו זי וויל און זי האָט פרישע גראָז וויפל זי וויל. פון דעסט וועגן, אַז זי גייט אין דער פרי אין פעלד אַריין, איז זי טרויעריק און זי האַלט אַראָפּגעלאָזט דעם עק. און פאַרנאַכט, ווען זי לויפט אַהיים, איז זי פריילעך, כאָטש זי ווייסט, אַז אין דער היים וועט מען זי פאַרשפּאַרן אין שטאַל און מען וועט איר נישט גיבן אַזאַ פריש גראָז. איר האָט געזען ווי אַזוי זי לויפט אַהיים און זי פאַררייסט דעם עק? פאַרוואָס איז דאָס?

וועלוול האָט געטראַכט, געטראַכט און גאָרנישט געענטפערט און ברוידעס האָט זיך אָנגערופן:

— איך וועל אייך זאָגן, איר גראָבער קאָפּ, וואָס איר זייט, וואָס איר קענט נאָר זינגען שירה, אָבער נישט טראַכטן קיין מחשבות. אין פעלד איז דער קו טאַקע זייער גוט, אָבער זי האָט דאָרט מורא פאַר דעם וואָלף. פאַרנאַכט אָבער, ווען זי לויפט שוין אַהיים, האָט זי שוין נישט מורא פאַר דעם וואָלף און זי דרייט זיך אויס צו אים (דאָ האָט זיך דער ליטוועק אויסגעדרייט צו וועלוולען) און זי זאָגט: „וועלוועלע, וועלוועלע, קוש מיט אין תחת אַריין...“

דער עולם האָט באַלד געכאַפּט דעם מיין און די שיכורים האָבן געהירזשעט פאַר פרייד. וועלוול אַליין האָט אויך געלאַכט און ער איז מיט דעם קלוגן ליטוועק געוואָרן חבר אויף דעם גאַנצן לעבן.

אַנדערע יידן האָבן גענומען שיטן מיט מעשהס וועגן די דאָזיקע צוויי באַהעמען, וואָס האָבן געשפּילט אַ זייער וויכטיקע ראָליע אין יידישן לעבן פון רומעניע אין סוף פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. איין ייד האָט דערציילט, אַז דער פּיאַטרער רב האָט געהאַט אַ טאָכטער חיה, וועגן וועלכער מען האָט געמורמלט, אַז זי האָט געהאַט צו טאָן מיט צוויי יידן אין פעלד, אין היי, איז ברוידעס צו אים צוגעגאַנגען און ער האָט אים געפרעגט:

— פּיאַטרער רב, ווי לייגט זיך אויס חיה?

— חיה, יוד און הא — האָט דער רב געענטפערט.

— ניין — האָט דער ליטוועק געענטפערט — מיט צוויי יודן אין היי...

אַ לערער מיט אַ ראַזירט פּנים און מיט גרויסע פאַרדרייטע וואָנציעס, וואָס האָט געזוכט אויסצוזען ווי אַ רומענער, האָט דערציילט אויף גאַליציאַנער

דייטש, אז ראובן אשר ברוידעס האט אין א דרשה דערציילט, אז ער האט געזען אין גאס שטיין א יינגעלע לעבן א סלופּ און ער האט געהאלטן איין עק פון א שטריקל אין מויל און דער צווייטער עק פון שטריקל איז געווען צוגעבונדן צום סלופּ און ער האט געוויינט. האב איך אים געפרעגט: „וואס וויינסטו, יינגעלע?" האט ער מיר געענטפערט: „מיר האבן זיך געשפּילט אין פערדלעך, האט מיין חבר מיך צוגעבונדן צום סלופּ און אליין איז ער אנט־לאפן און איך קען נישט אוועקגיין פון דאנען." „נעם זשע ארויס דאס שטריקל פון מויל — האט אים ברוידערס געזאגט — און אנטלויף." „וועל איך דאך — האט דאס יינגעלע געוויינט — מער קיין פערד נישט זיין." און ברוידעס האט פארענדיקט: „רבותי, נעמט ארויס דאס שטריקל פון מויל און ווערט אויס פערד!"

און אן אנדער לערער האט דערציילט, אז ראובן אשר ברוידעס האט א גאנץ לעבן געשריגן, אז מען זאל קיין פערד נישט זיין. ער איז איין מאל געגאנגען אין איינעם מיט וועלוול זבארזשער אין בוקארעשט לעבן דעם שטאל פון קעניג קאראל און ער האט דארט געזען פערד איינס און איינס. זיי זיינען געווען פריש געבאדן און זייערע פעלן האבן געגלאנצט און זיי זיינען געווען באדעקט מיט שיינע דעקן און ס'האט געשמעקט פון זיי. די צוויי שרייבער זיינען ביידע געווען היפש קוויטיק און אפשר נאך הונגעריק. האט זיך אנ־גערופן ברוידעס און ער האט געזאגט:

— גיב נאר א קוק אויף די פערד ווי זיי גלאנצן און גיב א קוק אויף אונז ווי מיר זעען אויס! ס'איז א סך בעסער צו זיין א פערד ביים רומענישן קעניג, איידער א סופר ביים יידישן פאלק.

— טאקע בעסער — האט דער פאעט פאדטאקעוועט.

— און דאך — האט דער ראמאניסט געזאגט — בין איך זיי נישט מקנא.

— פארוואס?

און ברוידעס האט א דונער געטאן מיט זיין קול, אז ס'האט ארום און ארום אפגעקלונגען און ער האט א געשריי געטאן שאגת ארי:

— ווייל איך וויל קיין פערד נישט זיין...

די מעשהס האבן נישט אויפגעהערט. אונזער העלד האט זיך קוים ארויסגעבעטן און ער האט צוגעזאגט די לערער און בטלנים, אז ער וועט נאך קומען אין זייער קרעטשמע אריין. זיי האבן זיך נישט געקענט אפּחידושן, וואס ער איז אזא יונגער צוציק און זיי האבן דרך אגב אים געפרעגט, צי ער איז געקומען קיין בוקארעשט מאכן א צייטונג און זיי האבן אים געזאגט, אז אויב ער וועט שוין יא ארויסגיבן, זאל ער בעסער אין העבראיש, נישט אין זשארגאן און יעדער איינער האט געזאגט, אז ער האט ביי זיך כתבים לעילא ולעילא. איינער האט באמערקט, אז ער האט דווקא זשארגאנישע

כתבים און ער האלט, אז ערשט אויף זשארגאן קען מען אמתדיק שרייבן, ווייל דאס פאלק רעדט אין דעם. דער דאזיקער ייד איז געווען א קליין, ווייס פאר־שווינדל מיט א גרין פנימל, רויטע אייגלעך און ער איז געווען ראזירט־נישט־ראזירט. ער האט אין איין שמע ישראל דערציילט זיין ביאגראפיע. ער איז שוין אין רומעניע באלד פופציק יאר. ער איז אהער געקומען פון גאליציע א יונגער למדן און משכיל. תורה און בילדונג איז געווען אין גאליציע, אבער ברויט און פלייש און ווייז איז געווען אין רומעניע. ער האט שוין דעמלט גע־קענט גוט דייטש און ער איז געווארן קארעספאנדענט אין א דייטשער ביורא. ווען דער שעף האט אים געוואלט פארשרייבן, האט ער אים געפרעגט ווי אזוי ער הייסט. האט ער געהייסן פישל שלאקמאן, האט אים דער שעף געפרעגט, צי ער קען נישט הייסן אנדערש. אויף דעם צווייטן טאג איז ער געקומען און ער האט געזאגט דעם שעף, אז ער הייסט פיליפ אנדערס. דער שעף האט אים אנגעקוקט מאדנע, האט ער אים געענטפערט:

— זי האבען יא פארלאנגט, דאס איך זאל אנדערס האיסען, נון — האיסע איך אנדערס...

דאס דאזיקע יידל האט געזאגט, אז ער שרייבט משלים „פאן שטייג־רייף" (אימפראוויזירנדיק) און ער האט דערציילט, אז ער האט אמאל גע־האט א דיסקוסיע מיט עטלעכע יידן האבן זיי אים געזאגט, אז ער איז א נאר, האט ער זיי געזאגט: „מיינע העררען, גייט נישט אוועק, איך וועל אייך באלד מאכן א משל". און אויף דעם פלאץ האט ער געמאכט א משל „צוויי ציגן", וואס האט ארויסגעבראכט א בארימעריי פון אלטע ציגן, אז זיי זיינען די אמתע חכמים און אז זיי האבן געהערט דעם פוקס זאגן א דרשה און זיי האבן גארנישט פארשטאנען. דאס משל האט זיך געענדיקט מיט די ווערטער, וואס די נארישע בהמות זאגן:

כ'לעבן, ווי איך בין א ציג,
דער פוקס איז נישט קליג...

און פיליפ אנדערס האט דערקלערט, אז די ציג זאגט „ווי איך בין א ציג", אלציינס ווי מען זאגט „ווי איך בין א ייד". אלע האבן באוואונדערט דאס משל און יאנקל איז א סך מאל געגאנגען הערן די משלים פון דעם נחבא אל הכלים און ער האט שוין איין מאל אפילו אנגעשריבן אן ארטיקל וועגן אים, אבער דערווייל איז ער געשטארבן און זיינע משלים זיינען פארלוירן געגאנגען און מיט א היפש ביסל יארן שפעטער האט זיך אונזער העלד דער־וואוסט, אז די אלע משלים זיינען געווען — דר. שלמה עטינגערס...

אלבערט סעגאלעסקו איז שוין ערגעץ געליגן שיכור אויף א באנק און יאנקל איז אוועק צו זיין טאטנס שוועסטער, צו דער מומע זלאטע. ער האט געזוכט דעם נומער פון איר דירה און נישט געפונען און געפרעגט א צופעליק פארבייגייענדיקע הויכע, ברענענדיקע יונגע פרוי וועגן נומער. זי האט אים

געענטפערט, אַז זי גייט אויך אַהין און זי האָט זיך מאָדנע איינגעקוקט אין אים און אים באַלד געפרעגט, צי ער איז נישט — יאַנקעלע באַטאַשאַנסקי. זי איז געווען דער מומע זלאַטעס עלטסטע טאָכטער מאַריאַ, וואָס האָט נישט לאַנג חתונה געהאַט. זי האָט געזאָגט, אַז זי האָט מיט דעם געפיל אים דער־קענט. זיי האָבן טאַקע ביידע געהאַט אַלציינע ליפּן. אַזוי דערווייטערט, דאַכט זיך, און אַן ענלעכקייט איז געבליבן. זי האָט זיך מודה געווען, אַז זי האָט אַמאָל געזען זיינע אַ פאָטאָגראַפיע.

די מומע זלאַטע האָט דורכגעפירט די זעלביקע סצענע, וואָס די מומע שרה. זי האָט פּונקט אַזויפיל מאָל געוויינט און געלאַכט ווי יענע און זיך נאָכגעפרעגט אויף אַלע און האָט געוויינט וועגן דער באָבעס און פעטער מאירס טויט און געוויינט וועגן טויט פון איר בן יחיד. זי איז געווען אַ פרוי ביים אָנהויב פון די מיטעלע יאָרן און זי איז געווען אַזוי הויך ווי די באָבע דבורה, אָבער נישט אַזוי דיק, ווי זי. אירע טיף בלויע אויגן האָבן ארויסגעשטראַלט פון איר פּנים, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן ווערן געקנייטשט. זי איז געגאַנגען מיט די בלויזע האָר און זי האָט באַלד געבעטן איר פלימעניק, אַז ער זאָל דעם פאָטער נישט שרייבן וועגן דעם, ווייל ער וועט זיך ערגערן. זי האָט גע־רעדט יידיש געמישט מיט רומעניש און פאַר יוצא זיין האָט זיך אַמאָל אריינ־געוואָרפן אַ רוסיש וואָרט, וואָס האָט געדענקט פון בעסאַראַביע. קיליע האָט זי נישט געקענט און זי האָט זיך געהאַלטן אין איין נאָכפרעגן אויף איזמאַיל און אויף די בולוואַרן פון דאָרט און ס'איז נישט געווען שווער צו דערקענען, אַז זי האָט אַמאָל געהאַט סודות אין יענע בולוואַרן. זי האָט נאָך דעמלט אויסגעזען ווי אַ פרוי, וואָס קען נאָך האָבן סודות.

ווען די מומע האָט שוין אָפּגערעדט אַלצדינג און אויסגעפרעגט אויף אַלע און זיך אויסגעוויינט און אָנגעפרייט, האָט זי ערשט ארויסגערופן דעם פעטער יהודה. ער האָט אויסגעזען ווי איר טאַטע. ער איז געווען נידעריקער פון איר און ער האָט געהאַט אַ צעקנייטשט פּנים, וואָס איז געווען ארומגע־רינגלט פון אַ שניי־ווייס בערדל. אויך דער קאָפּ איז אים געווען ווייס. ער האָט געטראָגן אַ מין שוואַרצע יאַרמעלקע, וואָס האָט נאָך ווייסער געמאַכט די האָר. עס איז געווען קענטיק, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ שענער מאַן. ער האָט געהאַט אַן אָדלער נאָז, וואָס האָט אים צוגעגיבן אַן ענערגיש אויסזען. די הענט זיינען אים געווען שוואַרץ און זיי האָבן געשמעקט מיט בליי און זיי זיינען געווען האַרט ווי שטאָל. ער האָט געהאַט אַ הייזעריקלעך קול, אָבער ס'האָט נאָך געקלונגען גענוג קרעפטיק. גערעדט האָט ער ענערגיש און די אויבערשטע וואָנציעס האָבן זיך אים אַלעמאָל געשאָקלט. ער האָט געקוקט מיט אַ שמייכל, וואָס האָט אין זיך געהאַט אַביסל ברוגזקייט. ער האָט גענומען ריידן דייטשמעריש און ווען זיין פלימעניק האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט ליב דווקא צו ריידן פּראָסט יידיש, האָט ער אים צוליב געטאָן, אָבער ער האָט

דאָך אַלע מאָל ווידער אָנגעהויבן צו ריידן דייטש. ער האָט קודם כל זיך באַ־וואָרנט און געמאָלדן זיין פּלימעניק, אַז ער איז חלילה נישט רעליגיעז און די יאַרמעלקע טראָגט ער, ווייל אין זיינע יאָרן איז נישט געזונט צו זיצן מיטן בלויזן קאָפּ און דערצו נאָך ביי דעם בליי, וואָס ער אַרבעט. עס טוט אים הארציק באַנק — האָט ער געזאָגט מיט אַ ביטערן שמייכל — וואָס ער קען נישט טאָן דעם רבונו של עולם אויף צו להכעיס און ער קען נישט זיצן אים אויף צו להכעיס אַ גאַנצן טאָג בקלות ראָש... אין איין שמע ישראל האָט ער דערציילט, אַז זיין אַרבעט איז פאַרריכטן דאַטום־מאַשינדלעך, אויף וועל־כע ער איז דער גרעסטער ספּעציאַליסט אין בוקאַרעשט. יינגלוויז האָט ער געלערנט אי תורה, אי מעכאַניק, ווייל זיין טאַטע האָט געהאַלטן פון דעם „טוב תורה עם דרך ארץ" און דערנאָך האָט ער געקענט ווערן דער גרעסטער מע־כאַניקער אין דער וועלט, אָבער מען האָט אים אַלע דערפינדונגען זיינע אויס־גענאַרט און צוגעגנבעט. עס זיינען נאָך פאַראַן גענוג זאַכן איבערצומאַכן און ער קען, אָבער ער האָט שוין מורא. ער האָט אַ דערפינדונג פון אַ נייעם סיפאָן, וואָס וואָלט געמאַכט אַן איבערקערעניש אין דער וועלט, אָבער ער האָט מורא צו פּרוּוון. ער האָט דערפינדן אַ ביקס, וואָס קען שיסן אין צוויי זייטן אַריין, ווייל ער זי קיינעם נישט גיבן, ווייל מען שיסט אַזוי אויך גענוג מענטשן אין דער וועלט. ער איז אַ פּאַציפיסט. ער האָט שוין באַלד נישט צוליב וואָס צו לעבן אויף דער וועלט. ער אַליין דאַרף גאָרנישט, חוץ אַביסל קלייען אין אַ מולטער. די מומע האָט אַ לאַך געטאָן און זי האָט געזאָגט, אַז קיינער פאַרדרייט נישט אַזוי דעם קאָפּ ביים עסן, ווי ער. ער האָט געזאָגט, אַז אַזוי לאַנג זיין פערד (זיין קערפּער האָט ער גערופן פערד) האַלט אויס, שלעפּט ער נאָך. ער טוט דאָס צוליב דעם ווייב און צוליב דער צווייטער טאָכטער, וואָס ער וויל דערלעבן חתונה צו מאַכן. די ערשטע טאָכטער האָט ער שוין חתונה געמאַכט. און ער האָט גענומען דערציילן ווי אַזוי ער האָט זי חתונה געמאַכט פאַר אַ שניידער, ווייל ער איז אים געפעלן און ווייל קיין אַנדער שידוך האָט זיך נישט געמאַכט. ער האָט דערציילט, אַז ער האָט די טאָכטער איינמאָל אַרויסגענומען אין גאַס אַריין און ער האָט איר געוויזן אויף אַ בעקער און ער האָט איר געזאָגט: „זעסט אָט דעם מענטשן? ער איז אַ שניידער, ער שניידט ברויט!" און דערנאָך האָט ער איר געוויזן אויף אַ שניטקרעמער און ער האָט איר געזאָגט: „זעסט אָט דעם מענטשן? ער איז אַ שניידער. ער שניידט שניטקראָם!" די טאָכטער דעם טאַטנס האָט באַלד פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט געמיינט און זי האָט אים געזאָגט: „האָסט מיר צו גיבן אַ שניידער? גיב..." די עלטערע טאָכטער, וואָס איז געוועזן דערביי, האָט געלאַכט אויף אַ קול און זי האָט געוויזן דעם פאָטערס אויגן, אָבער אָנגעצונדענע. איצטער אַ דאַרף ער חתונה מאַכן די צווייטע טאָכטער סוזאַנאַ, וואָס האָט שוין אַ חתן. ער איז שוין נישט קיין שניידער, נאָר אַ באַנק־אָנגעשטעלטער און ער

קען דייטש און פראַנצויזיש און ענגליש און און... די טאָכטער קען אויך אַלע שפּראַכן אין דער וועלט... און ער לעבט אויך אַביסל צוליב דעם אָנדענק פון בן יחיד, וואָס איז געווען איינס אין דער וועלט... טרערן האָבן זיך אים גע־גאָסן פון די אויגן און ער האָט דערציילט, אַז זיין זון איז געוואַקסן אַ קאָפּ, וואָס די וועלט האָט עס נישט געהאַט. ער פלעג שטעלן פראַגן, וואָס די גרעסטע פילאָזאָפן האָבן זיי נישט געקענט פאַרענטפערן. און ווען ער וואָלט נישט געדאַרפט אַביסל צו להכעים טאָן דעם רבונו של עולם, וואָלט ער שוין גאָר נישט געוואוסט צוליב וואָס ער לעבט אויף דער וועלט. איבערהויפּט האָט ער ליב צו טאָן אויף צו להכעים די גאָטס סטראַפּטשעס...

דער פעטער האָט זיך צערעדט וועגן די גאָטס סטראַפּטשעס מיט אַ ווילדן כעס. אייניקע מאַכן זיך פאַר בעלי צדקה, פילאַנטראָפּן הייסט עס. באמת דאַרף מען זיי רופן פ י ל אַ נ ג ל אַ ק ן , ווייל זיי האָבן ליב ס'זאָל קלינגען. און ער האָט גענומען ריידן וועגן זיין באַלעבאָס, ביי וועמען ער האָט ביז נישט לאַנג געאַרבעט. ער איז אויך אַזאַ פילאַנגלאַק, וואָס צאַפּט בלוט פון אַרבעטער. קלינגען וויל ער ס'זאָל מיט אים און אַז ס'קלינגט נישט, גיט ער נישט... דער פעטער האָט זיך פאַרהוסט און ער האָט נישט געקענט כאַפּן דעם אָטעם. ער האָט זיך באַקלאָגט, אַז צען יאָר מוטשעט אים שוין די אַסטמאַ און ער האָט פאַררויכערט אַ ציגאַר פון גראָז.

די מומע האָט געהייסן איר מאַן אָפּדאַווענען אויף גיך, ווייל סוזאַנאַ דאַרף שוין די רגע קומען פון ביוראָ און דאָס עסן איז שוין גרייט. דער פעטער האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם פלימעניק און ער האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל זיך נישט חידושן, וואָס ער דאַוונט. נישט דאַוונען איז נישט פאַר אַן אַפּי־קורס, נאָר פאַר אַ גוי. נישט דאַוונען, איז איין עבירה. אָבער ווען מען דאַוונט, קען מען טאָן טויזנט עבירות אויף אַמאָל... מ'קען ריידן אין מיטן ברוך שאָמר און אין מיטן קריאת שמע און מען קען אַרומגיין אין מיטן שמונה עשרה. און מען קען לייגן שלעכט דעם של יד און אַרומוויקלען נאָר זעקס מאָל אַנשטאָט זיבן און לייגן שלעכט דעם של ראָש... און מען קען זיך נישט שלאָגן אין האַרצן אריין ביי „אשמנו״...

און איידער מען האָט זיך אומגעקוקט, איז געקומען סוזאַנאַ. זי איז געווען פונקט אַזוי הויך, ווי איר עלטערע שוועסטער, אָבער דער סאַמע היפּוך פון איר. די עלטערע איז געווען אַ שוואַרצע ציגיינערן און אַ צוגעלאָזענע און מיט דער נשמה אין דרויסן און די דאָזיקע איז געווען אַ העלע שאַטענקע מיט בלויע אויגן און אַ געצוימטע און צוריקגעהאַלטענע. די עלטערע האָט נישט אויפגעהערט לאַכן אויף אַ קול און די יינגערע האָט זעלטן קוים אַ שמייכל געטאָן. די עלטערע האָט אויסגעזען ווי אַ געוויינלעכע יידישע טאָכטער, די יינגערע האָט אויסגעזען ווי אַן אַריסטאָקראַטישער טיפּ, וואָס מען האָט אַראָפּגענומען פון אַ גרויסאַרטיק קלאַסיש בילד. די עלטערע האָט גערעדט

יידיש, כאָטש ס'איז איר אָנגעקומען נישט גרינג, די יינגערע האָט גערעדט נאָר רומעניש. נאָך דעם מיטיק האָט די מומע געזאָגט, אַז אין בוקאַרעשט לעבט מען טאַקע ענג, אָבער זי וועט נישט לאָזן, אַז איר ברודערס זון זאָל נישט וואוינען כאָטש אַ שטיקל צייט ביי איר. זי וועט זיך שעמען אָנצושרייבן אַ פּאָר ווערטער דעם ברודער קיין קיליע. און זי האָט געוויינט און יאַנקלען האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז יעקב אָבינו און ער קומט צו זיין מאַמעס ברו־דער (כאָטש געקומען צו זיין טאַטנס שוועסטער) און ער טרעפט דאָרט נישט איין שיינע און איין מיאוסע קוזינע, נאָר צוויי שיינע. פאַרנאַכט איז געקומען סוזאַנאַס חתן, וואָס מען האָט אים גערופן נאָלדי און מאַריאַס מאַן, וואָס מען האָט אים גערופן גאָטליב און ביידע זיינען אַוועק מיט זייער נייעם שוועס־טערקינד אָפּנעמען זיינע זאַכן פון האָטעל. גאָטליב איז געווען אַ קליין, שוואַרץ, רירעוודיק שניידערל, וואָס האָט זיך געדרייט ווי אַ וועווריק און האָט גע־האַט קליינע, שרפהנדיקע אייגלעך און צונויפגעשנירעוועטע ליפּלעך און ער האָט דערמאָנט אין טביהס איידעם פּעפּערל. ער האָט גערעדט יידיש, אַזוי ווי אַן אמתער פּאַליגע מיט שניידערישע ווערטלעך און ער האָט פון צייט צו צייט דאָך אַ רייד געטאָן רומעניש, אויף צו ווייזן, אַז ער קען אויך גוט רו־מעניש און אַמאָל האָט ער אַריינגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער אין פראַנצויזיש, אויף צו ווייזן, אַז ער קען אויך די דאָזיקע שפּראַך, כאָטש ער איז אַ חייט. נאָלדי איז געווען אַ העכערער מאַן, אָבער ער האָט אויסגעזען עלטערן פון זיין „יינגערן" שוואָגער. ער איז געווען אַ שאַטען מיט מילדע, טרויעריקע מאַנדל־אויגן. ער האָט געהאַט וואַטע אין איין אויער און האָט נישט אויסגעזען צו זיין גאָר געזונט. ער האָט גערעדט יידיש זייער גוט און ער האָט געזאָגט, אַז מיט זיינע עלטערן רעדט ער נאָר מאַמע־לשון, אָבער ער האַלט, אַז יידיש איז נישט קיין שיינער זשאַרגאָן. די רומענישע יידן רײדן נאָך נישט אַזוי מיאוס ווי די רוסישע. יאַנקל האָט אים נישט געשוויגן און ער האָט זיין שוועסטערקינדס חתן באַשאָטן מיט ארגומענטן און מיט ציטאַטן פון לידער, וואָס קלינגען אַזוי שיין ווי די לידער אין אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכן. ביידע מענער האָבן באַוואונדערט זיין זיכרון און ער אַליין האָט זיך געגעבן חשבון, אַז דער זיכרון דינט אים אויסערגעוויינלעך. ער האָט ביז דעמלט וועגן דעם נישט געטראַכט. ער האָט געדענקט אויסנווייניק אפשר אַ דריטל פון דעם, וואָס ער האָט פון קינדווייז אָן געלייענט און געלערנט און אויף דעם קאָפּ האָט ער געהאַט כמעט אַלץ, וואָס ער האָט געלייענט און געלערנט. די רייזע אין דער דראָשקע אַהין און צוריק איז דורך אין אַ היציקער דיסקוסיע און זיי האָבן דערנאָך ביידע באַדויערט, וואָס זיי האָבן אים נישט באַוויזן עפּעס צו ווייזן און דערקלערן, כאָטש זיי זיינען דורכגעפאָרן אַזוי פיל אינטערעסאַנטע פּלעצער.

אונזער העלד האָט גענומען אַרומקוקן די הויפּטשטאָט. זי איז געווען מוראָדיק געדיכט באַזעצט. אַ צימער אין אַ האָטעל, אָדער אַפילו פּריוואַט,

איז געווען זייער שווער צו קריגן. מיטיק און וועטשערע צייט איז אין די רעס־טאראנען געווען ערד־טרעטעניש. עס זיינען זיך אין דער הויפטשטאט צו־נויפגעפארן זייער א סך פראווינצלער און נאך מער איז בוקארעשט געווען פול מיט אנטלאפענע פון רוסלאנד און עסטרייך, צוליב דער מילחמה. אין קיין שום שטאט אין לאנד האט מען נישט אזוי געפילט די מילחמה, ווי אין בוקארעשט. אבער נישט צום שלעכטן האט מען זי דא געפילט, נאר צו גוטן. עס איז געגאנגען א האנדל און א ספעקולאציע און ווער נאר ס'האט זיך צו עפעס צוגערירט, האט פארדינט. און די שטאט האט זיך געבאדן אין געלט און אין ברוט, פלייש, וויין און אלדאס גוטס. וואו מען איז געגאנגען און וואו מען איז געשטאנען, האט מען געהערט שפילן מוזיק און זינגען. א גאנצן טאג האט מען עס געהערט, אין די אוונטן האט מען נאך מער געהערט. און עס זיינען געווען געגנטן, וואו מען האט געהערט שפילן שפילן און זינגען ביז אין ווייסן טאג אריין.

די רוסישע דעזערטירן האבן זיך צום מערסטן באזעצט אין דער יידי־שער געגנט און זיי האבן דארט ענג געמאכט און אריינגעבראכט שטורעם און פרייד פון גערעטעוועטע. צוויי צענטראלע גאסן האט די יידישע געגאנט געהאט — איינע האט געהייסן קאלעא וואקארעשטי און די צווייטע קאלעא דודעשט. די ערשטע איז געווען די אריסטאקראטישערע. זי האט זיך גע־גרעניצט מיט דער גרעסטער האנדלס גאס ליפסקאני, וואס איז נאך געווען פולער צענטער, כאטש זי איז שוין אויך געווען א יידישע גאס. אויף וואקא־רעשטי האבן געוואוינט מיטעלע יידן און צווישן זיי זיינען נאך געווען א סך פרומע. מען האט דארט נאך געזען א סך יידענעס מיט שייטלעך און מיט טיכלעך און יידן מיט גאנצע בערד און מיט קאפאטעס. פרייטיק אין דער פרי האט מען אין די בעקערייען געזען שיינע געפלאכטענע קוילעטשן און פרייטיק ביינאכט האט מען געזען יידן לויפן אין מרחץ אריין. פרייטיק פאר־נאכט האבן זיך זייער א סך געשעפטן פארמאכט און מען האט געקענט זען לעבן א סך טירן און טויערן אויסגעצוואגענע מיידלעך, ברונעטקעס, בלאנ־דינקעס און רויטלעכע, וואס האבן געשיינט מיט אויסגעצוואגנקייט, פאר־פוצטקייט, צניעות און שעמעוודיקייט. דורך די פענצטער האט מען געזען ברענען ליכט אין שיינע, גרויסע זילבערנע לייכטער און ס'האט געשמעקט מיט לעגענדארישער רו. ארום און ארום זיינען געווען שולן. עס איז דארט געווען פון דער כאר־שול, וואו עס האט געשפילט אן ארגל און עס האט גע־זונגען א מיידליש כאר און א ראבינער מיט א אפגעשוירענער באָרד האט גע־פריידיקט אויף דייטש, ביז עפעס אן ארים חסידיש שטיבל. מען האט פון די שולן ארויסגעהערט אי א דיסציפלינירט געזאנג, אי עקסטאז־געשרייען. די דאזיקע גאס האט זיך געצויגן לאנג, לאנג און וואס נידעריקער, איז זי גע־ווארן ארימער, אבער אין ערגעץ האבן דארט קיין קריסטן נישט געוואוינט.

די גאנצע גאס איז געווען א יידישע. אנדערש איז געווען קאלעא דודעשט, וואס איז געגאנגען פערפענדיקולאר צו וואקארעשט און האט זיך אריינגע־שניטן אין דער סאמע מיט. אויף דודעשט האבן שוין געוואוינט ארימערע יידן און דארט איז דער שבת נישט געווען אזוי שטראלנדיק ווי אויף וואַ־קארעשט און מען האט אים דארט אויך נישט אזוי אפגעהיט. דודעשטי האט זיך געצויגן ביז אין פעלד אריין. זי איז געווען שלעכט ברוקירט און דער פערד־טראמוויי, וואס איז געלאפן איבער איר, האט געמאכט א מוראדיקן טומל. די גאס האט אויך געהאט אן א שיעור געשעפטן און קראמען. אויף דודעשט האבן שוין נישט געוואוינט נאר יידן. אין די לעצטע פאר קוואר־טאלן, וואס זיינען שוין געווען נאענט צום פעלד, האבן געוואוינט ציגיינער. עס איז געווען מאדנע צו זען, ווי אזוי יידן און ציגיינער וואוינען אויף איין גאס. ביידע קינדער פון וואנדער־פעלקער, אבער די יידן גייען גוט געקליידעט און זיי טראגן שיך און זיי האבן גוט איינגעארדנטע שטיבער מיט בעטן און זיי האבן צום מערסטן נארמאלע חיונה און מען זעט נישט, אז פאליציי זאל זיך טשעפען צו זיי. און די ציגיינער גייען שלעכט און האלב ווילד געקליי־דעט און זיינען צום מערסטן בארוויס, קיין בעטן האבן זיי נישט אין די שלעכטע שטיבער און זיי שלאפן אויף דער ערד אויף שטרויזעק, אדער פשוט אויף שטרוי. קיין נארמאלע חיונה האבן זיי נישט און זיי לעבן פון בעטלען „וואַ־ראזשען" און גנבענען. פאליציי האט אן ארבעט אלע מאל זיי צו שלעפן אין חד גדיא אריין. די יידן האבן שולן צום דאוונען און שולן פאר קינדער און חברות פאר הילף, די ציגיינער האבן נישט קיין קלויסטער צום גאט בעטן, פון קיין שולן פאר קינדער איז אפגערעדט. די קינדער זייערע וואלגערן זיך אין די גאסן און זיי זעען אוים ווי גרינע זשאבקעלעך. די יידן האבן געהאט א טעאטער אין יענער געגענט און די ציגיינער האבן וועגן דעם אפילו אין חלום נישט געטראכט...

דאס יידישע טעאטער איז דעמלט געווען היפש פול מיט די רוסישע יידן און יידישע אקטיארן האבן פארדינט, האט מען געזאגט, שטיקער גאלד. געשפילט האט דעמלט די טרופע קאנער - גאלדענבערג. קאנערן האט שוין אונזער העלד געקענט אין איינעם מיט זיין ווייב פון דער פראווינץ. אין בו־קארעשט האט אויך געשפילט מיט אים זיין טאכטער טינא טוכטען, וואס האט פארמאגט דעם פאטערס חן און איז געווען א יונגע סוברעטן מיט א קליין שטימעלע; זי איז געווען זייער מוזיקאליש און זי האט פארמאגט גראציע און פרישקייט און האט געקענט א טאנץ טאן מיט א סך לייכטקייט. זי איז שוין געווען א חתונה געהאטע און איר מאן איז געווען א קצב. געזאגט האט מען, אז זי וועט שוין ווערן א שווערע יידענע ביי איר מאן דעם קצב. איציקל גאלדענבערג, דער צווייטער דירעקטאר, איז געווען א מאן פון א יאר פינף און פערציק און ער האט אויסגעזען אי עלטער, אי יינגער פון זיינען יארן.

דאָס פּנים איז געווען ביי אים צעקנייטשט ווי ביי אַ זקן און אַ פיגור האָט ער נאָך געהאַט אַ יונגע און געשטרעקטע. אויך די בלויע אויגן זיינען האָבן נאָך פּאַרמאָגט יוגנטלעכן ברען. ער איז אַמאָל געווען נישט נאָר דער ליבלינג פון די רומענישע יידן, נאָר שיעור נישט זייער לעגענדע. ער איז צוגעקומען צום טעאַטער, ווען ער איז געווען גאָר יונג. זיין פּאַטער, האָט מען געזאָגט, איז געווען אַ בעקער. ער איז געווען אַ שיינער, שלאַנקער בחור און ער איז געווען זייער מוזיקאַליש און ער האָט געהאַט אַ שיינעם, הארציקן טענאָר. ער האָט פּאַרמאָגט נאַטירלעכע אינטעליגענץ און ער האָט אויך זיך אַביסל אויסגע־בילדעט און ער האָט זיך אויסגעלערנט דייטש און ער איז געוואָרן אַ געזאַנגס־ליבהאָבער. פון זיין בר כוכבא, אבישלום און יפתח האָט מען דערציילט נסים. מיידלעך און ווייבלעך זיינען נאָך אים משוגע געוואָרן. ער האָט געפירט אין די צענדליקער ראָמאַנען און עס זיינען צוליב אים פאָרגע־קומען אַן אַ שיעור טראַגעדיעס. ער האָט חתונה געהאַט פאַר דער גרינער און קרענקלעכער בת יחידה פון דעם דירעקטאָר ליבליך, וואָס איז גע־ווען אַ רייכער מאַן און דער באַלעבאָס פון דעם איינציקן יידישן טעאַטער־בנין אין בוקאַרעשט, וואָס מען האָט אַמאָל גערופן „טעאַטער ליבליך" און שפּעטער האָט מען עס גערופן „זשיגניצאַ". גאָלדענבערג איז באַלד געוואָרן אַ שותף צום טעאַטער און דער פּאַקטישער דירעקטאָר. אַ צעבאַלעוועטער פון דערפאָלג איז ער געווען, איז ער געוואָרן אַ געפּעסטעטער סטאַר מיט די ווילדסטע קאַפּריזן און ער אַליין האָט געליטן דערפון. ער האָט זיך אַליין צעריסן די שטימע. מען האָט דערציילט, אַז ער האָט אַליין געלערנט זינגען די שוישפּילער און די כאָריסטן פון זיין טרופּע און ווען איינער האָט גע־זונגען פאַלש, האָט ער זיך געריסן די האָר פון קאָפּ און ער האָט אַזוי לאַנג געקוויטשעט, ביז וואַנען ער איז געוואָרן הייזעריק. אַ זינגער איז ער געווען אַ סך אַ בעסערער פון אַ שוישפּילער און מיט דעם פאַרלירן די שטימע, האָט ער פאַרלוירן אַ העלפט פון זיין קאַריערע. זיין שם איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז מען האָט אים אנגאַזשירט אין ניו־יאָרק און די רומענישע לאַנדסלייט האָבן אים געמאַכט אַ קיניגלעכע אויפנאַמע און האָבן זייערן אַ פאַריין אָנגערופן „איציקל גאָלדענבערג", אָבער קיין דערפאָלג האָט ער אין ניו־יאָרק נישט געהאַט טאַקע צוליב דעם, וואָס מען האָט אים געמאַכט אַ צו גרויסע רעקלאַ־מע און ער האָט זיך אומגעקערט קיין רומעניע אַ געשלאָגענער און ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מענטשן, וואָס זיצט און קוקט ווי זיין זון פאַרגייט.

די טרופּע האָט געשפּילט אָפּערעטן און מעלאָדראַמעס. אין די אָפּע־רעטן האָבן די קאָנערס געגעבן קאָרטן, אין די מעלאָדראַמעס האָט גאָלדענ־בערג געשפּילט די הויפּט־ראָליען, אָבער די קאָנערס האָבן מיטגעשפּילט און געטיילט מיט אים דעם דערפאָלג; אין די אָפּערעטן האָט גאָלדענבערג זיך

נישט באַטייליקט און ער האָט נאָר פון צייט צו צייט דיריזשירט. די אָפּע־רעטן האָבן געהאַט אַ סך מער דערפאָלג און גאָלדענבערג האָט געקוקט מיט טרויער ווי זיין קונסט ברייננט וויניקער; ער האָט זיך געקלאָגט, אַז דער עולם איז פּראָסט. זיינען פּיעסן זיינען אין אַ געוויסער מאָס טאַקע געווען אַביסל איידלער געשפּילט. ער אַליין איז נישט געווען קיין שוישפּילער מיט קיין גרויסן שוואונג און טעמפּעראַמענט, אָבער ער האָט פאַרמאָגט אַ געוויסע ווייכקייט און ווען נישט זיין דייטשמערישקייט, וואָלט ער געווען אַן אָנגע־נעמענער שוישפּילער. ער איז געווען אַ גרויסער חסיד פון יידיש, אָבער ער האָט גערעדט דייטשמעריש. ער האָט געשפּילט אַ פּיעסע „לעבעדיקע יתומים", האָט ער זי דווקא גערופן „לעבענדיגע יתומים" און ס'איז געווען אוממעגלעך אים צו איבער־צייגן, אַז מען דאַרף זאָגן „לעבעדיקע", ער האָט געטענהט, אַז יידיש שטאַמט פון דייטש און די אמתע גראַמאַטיק דאַרף מען זוכן אין דייטש. מיט איין שטיק האָט ער געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, מיט אברהם שאָמערס „אייקאָלע מוזיק". די פּיעסע האָט געהאַט אַ פאַרכאַפּנדיקן אינהאַלט, האָט אין סאַמע פּראָלאָג געשטעלט רעבראַם די פראַגע, צי מ'קען אַ פאַרברעכער מאַכן פאַר אַ לייטישן מענטשן; געשריבן איז זי געווען מענטשלעך. טיפּן האָט זי געהאַט קאָלירפולע, סצעניש איז זי אויך געווען, האָט זי געצויגן עולם. גאָלדענבערג האָט דערפילט, אַז עס זיינען געקומען זיינע זיבן גוטע יאָר און ער איז געוואָרן יינגער. די טרופּע האָט אַ שטיק צייט געשפּילט אין יענעם זומער אין אַ טעאַטער אויף דער סאַמע קאַלעאַ וויקטאָריעי, אָבער זי האָט זיך גיך אַריבערגעצויגן אין דער יידישער געגנט אין דעם עלטסטן יידישן טעאַטער אין דער וועלט, וואו גאָלדענבערג איז געווען דער באַלעבאָס.

די יידישע אינטעליגענץ, חוץ גאָר קליינע אויסנאַמען, האָט זיך גע־האַלטן ווייט פון דעם איינציקן יידישן טעאַטער אין בוקאַרעשט. געווען דערמיט אין דער הויפּטשטאָט אַ היפּש ביסל יידן־סאָציאַליסטן, וואָס האָבן נישט גע־האַט קיין שום שייכות מיט דעם יידישן לעבן, אָבער זיי האָבן דאָך אָנער־קענט דעם ווערט פון די יידישע מאַסן און טאַקע פון יידיש פאַר דעם סאָציאַ־ליזם און זיי האָבן נאָך געטראַכט וועגן דעם, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי וואָלט געדאַרפט אַרויסגיבן אַ זשורנאַל אין יידיש. געווען אויך ציוניסטישע אינטעליגענץ, וואָס האָט אָנערקענט דעם ווערט פון יידיש פאַר ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע און אפשר טאַקע אויך פאַר אַ יידיש לעבן אויף דעם פּלאַץ, אָבער צום יידישן טעאַטער האָבן זיי נישט צוגעשמעקט. עס האָבן נישט גע־פעלט קיין ציוניסטישע איגנאָראַנטן, וואָס האָבן זיך באַגניגנט מיט דעם ביסל ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס די פּרוי קאַנער האָט זיי דערלאַנגט צווישן איין זנות לידל און צווייטן. פאַר געוויסע ציוניסטישע דאָקטוירעמלעך איז גע־ווען גוט אַזאַ סטראָף ווי „איך וויל צוריק דאָס לענדעלע מיטן בלוי־ווייסן בענדעלע", אָדער „איך וויל צוריק דאָס מאַכעלע, איך וויל דאָס העבּרעאישע

שפּראַכעלע״. געווען דריי וועכנטלעכע רומעניש־יידישע צייטונגען. איינע האָט געהייסן „אינפראַצירעאַ״ (פאַרברידערונג) און איז געווען דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דעם „פאַרבאַנד פון די איינגעבוירענע רומענישן יידן״. די דאָזיקע צייטונג האָט געפּרעדיקט אַסימילאַציע און זי האָט נאָר אָנערקענט יידישע רעליגיע, אָבער נישט יידיש לעבן און אוודאי נישט קיין יידיש לשון. די רעדאַקטאָרן פון אָט דער צייטונג האָבן נישט געקענט מוחל זיין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס זי גיט אַרויס אין יאַסי אַ צוויי־וואָכן אויסגאַבע אין יידיש און דער דאָזיקער פאַקט איז פאַר איר געווען דער בעסטער פּרעטעקסט צו יוצא זיין פאַר דעם פּריץ און זיך טשעפּען צו די סאָציאַליסטן. דער תירוץ איז געווען — די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי שטערט דער רומעניזירונג פון די יידן. נישט קיין קלענערער ווי דר. ראַקאָווסקי, פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אין דעם יידישן זשורנאַל. נאַטירלעך האָט די „אינפראַצירעאַ״ מיט דעם יידישן טעאַטער זיך נישט אָנגעקערט. די עלטסטע רומעניש־יידישע אויסגאַבע איז געווען די „עגאַליטאַטעאַ״ (עגאַליטעט), וואָס איר רעדאַקטאָר און אַרויסגיבער איז געווען משה שוואַרצפעלד — אַ מאַן פון אַריבער זעכציק יאָר, וואָס איז געווען איינער פון די אייגנאַרטיקסטע פּערזענלעכקייטן פון רומענישן יידנטום. ער האָט אַ גאַנץ לעבן געזאַמלט יידישע פאָלקסווערטלעך און ער האָט אפשר פופצן יאָר דורכאַנאַנד געשריבן די ביאָגראַפיע פון זיין ברודער, דעם היסטאָריקער ווילהעלם שוואַרצפעלד. משה שוואַרצפעלד איז געווען אַ האַלבער ציוניסט און אַ האַלבער אַסימילאַטאָר. ער איז געווען גרייט צו מאַכן די יידן פאַר יידן אין ארץ ישראל, אָבער אין רומעניע האָט ער געוואָלט, אַז זיי זאָלן ווערן רומענער. ער איז געווען קעגן יידיש פון אַ פילאָלאָגישן שטאַנדפּונקט און אויך פון אַ ציוניסטישן און אַסימילאַטאָרישן שטאַנדפּונקט. אָבער ער איז געווען קעגן יידיש איבערהויפּט דערפאַר, וואָס ער איז געווען אייפערזיכטיק אויף דער יונגער גרופּע יידישע שרייבער, וואָס האָט אָנגעהויבן געווינען צופיל פּלאַץ. ער איז שוין דעמלט געווען אַביסל עובר בטל און ער פלעג ווערן זייער היסטעריש ביים פירן דיסקוסיעס. אויף צו דערווייזן, אַז די נייע יידישע פּאָעזיע טויג נישט, האָט ער געפּאַקט אַ פערז אין גראָפּערם אַ ליד „זיכרונות״, אין וועלכן עס האָט זיך געזאָגט, אַז ווען דער דיכטער איז נאָך געווען אַ קינד, איז „דער הימל געווען גלייך ערשט געצווינגן, אין לויטער קלאָרער בלויקייט — אַ קינדער בליק פאַרטראַכט״ און ער האָט געזאָגט: „נאָרמאַלע פּאָעטן פאַרגלייכן דעם קינדער בליק צום הימל, זיי פאַרגלייכן דאָס קליינע צו דעם גרויסן און דאָ קומט אַ „פּאָעט״ און פאַרגלייכט דעם גרויסן הימל צו אַ קליינעם קינדער בליק...״ משה שוואַרצפעלד האָט כמעט אַליין געשריבן זיין גאַנצע צייטונג, ער האָט זעלטן ווען געהאַט אַ דרויסנדיקן מיטאַרבעטער. ער האָט אויך אַליין געטאָן די אַדמיניסטראַטיווע אַרבעט און ער איז מער ווי אַ העלפט פון יאָר אַרומגעפאָרן

איבער דער פּראָווינץ און ער האָט איינקאַסירט דעם אַבאָנאַמענט־פּרייז און ווען אַ ייִד האָט נישט געהאַט קיין געלט צו באַצאָלן, האָט ער גענומען הינער און אייער און קעז און פּוטער. ער האָט זיך, נאַטירלעך, אויך געהאַלטן ווייט פון יידישן טעאַטער. די דריטע צייטונג האָט געהייסן „קוריערול איזראַע־ליט" און איר רעדאַקטאָר און אַרויסגיבער האָט געהייסן משה שווייג. ער איז געווען אַ מאַן אַ ריז, אָבער אַ געליימטער אויף ביידע פיס. ער איז געווען אַ זייער ענערגישער, אָבער ער האָט גאָרנישט געהאַט קיין יידיש וויסן און זייער ווייניק אַלגעמיין וויסן. ער האָט מיט זיין צייטונג געשוועבט צווישן די ציוניסטן און די „איינגעבירגערטע" און ער האָט ביידע צדדים נישט צו־פרידנגעשטעלט. זיין געשוואוירענער פריינד איז געווען דר. יעקב נעמיראָ־ווער, וואָס האָט אויך געשוועבט צווישן ביידע און האָט ביידע נישט צופרידנ־געשטעלט. אין „קוריערול איזראַעליט" האָט דר. נעמיראָווער פאַרעפנטלעכט זיינע וועכנטלעכע דרשות, וואָס ער האָט יעדן שבת געהאַלטן אויף אַ שלעכטן רומעניש אין דער ספרדישער שול און אויך אין אַט די דרשות האָט ער געדרשנט אי פאַר גלייכבארעכטיקונג, אי פאַר ציון. משה שווייג האָט אַליין געשטאַמט פון דער יידישער טעאַטער וועלט און ער איז גע־ווען דער איינציקער רעדאַקטאָר, וואָס פלעג זיין אַ יוצא ונכנס אין קאַ־נער - גאָלדענבערגס טעאַטער. מען פלעג אים דאָרט אויפנעמען מיט גרויס פּאַראַדע און אַזוי ווי מען האָט אים געמוזט פירן ביז אין דער לאָזשע אַריין, האָט דער עולם אים אָפּט באַמערקט און טאַקע אַפּלאָדירט.

מען מוז מודה זיין, אַז צוליב די שיינע כאַריסטקעס, וואָס דאָס טעאַ־טער האָט געהאַט, איז דאָרט געווען אַ היפּשער מאַרק פון „ליבע". עס האָבן נישט געפעלט קיין כאַריסטקעס, וואָס זיינען געווען פּשוטע גאַסן־פרויען און זיי האָבן געטריבן אַזאַ לוקסוס, אַז פרוי קאַנער, וואָס האָט פאַרדינט אַ סך געלט, האָט זיי נישט געקענט נאָכהאַלטן און זי האָט זיי געמוזט פאַרבאָטן צו גיין צופיל אויסגעפּוצט אויף דער בינע. עס האָבן נישט געפעלט קיין רוסישע און עסטרייכישע דעזערטירן, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט צירונג און מיט בריליאַנטן און פאַר דעם טויער פון טעאַטער האָט מען געהאַנדלט אי מיט שמוק, אי מיט זנות... די „זשיגניצאַ" איז שוין דעמלט געווען נאָר אַ זומער־טעאַטער. דער ווינטער־טעאַטער איז שוין געווען איינגעפאַלן און ס'איז אין אים קוים געבליבן פּלאַץ פאַר אַ שטיקל שול נאָר אויף ימים נוראים. פלעג מען צווישן די אַקטן האַנדלען אין גאָרטן מיט רינגלעך און נישט איין מאָל פלעג אַ געשמינקטע כאַריסטקע זיך אַרויסגנבענען און כאַפּן אַ מתנה... ס'איז אַרום דעם יידישן טעאַטער געווען אַזוי הפקרדיק, ווי אין גאַנץ בוקאַרעשט אין יענער צייט און קיינער האָט זיך נישט געגיבן חשבון, אַז רומעניע געפינט זיך ערב מילחמה.

אין די אויבערשטע גאַסן, וואו עס האָבן זיך געפונען די גרויסאַרטיקע

קאַפע־הייזער, רומענישע טעאַטערס, קאַבאַרעטן, רעדאַקציעס, פּאַרלאַמענט,
מיניסטעריומס, קאָנסולאַטן און דער קעניגלעכער פּאַלאַץ, האָט זיך יאָ גע־
פילט, אַז מען וויל אַריינשלעפּן דאָס לאַנד אין קריג אַריין, אָבער אויך דאָרט
האָט מען נישט געגלויבט, אַז עס וועט געלינגען. די קאָנסולאַטן זיינען אַלע
געווען נעסטן פון שפּיאָנאַזש און די מיניסטעריומס זיינען געווען נעסטן
פון אַגיטאַציע און שטורעם. חוץ אַ פּאָר צייטונגען, וואָס האָבן גערעדט שטיל
און מען האָט קוים געהערט זייער קול, האָבן אַלע צייטונגען געטומלט אויף
די העכסטע טענער און זיי זיינען אַלע געווען געקויפט פון דעם, אָדער פון
צווייטן צד, מען האָט פון די דאָזיקע צייטונגען נישט געקענט אַרויסנעמען
וואו עס האַלט אויף אַן אמת מיט דער מילחמה. די צייטונגען פון די צענ־
טראַל־מאַכטן האָבן שוין נישט געמאָנט, אַז רומעניע זאָל אַריין אויף זייער
זייט, זיי האָבן נאָר פאַרלאַנגט, אַז רומעניע זאָל בלייבן נייטראַל. די אַנ־
טאַנט־צייטונג האָבן פאַרלאַנגט — קריג. אַלע מאָל זיינען פאָרגעקומען מאַ־
ניפעסטאַציעס פון באַצאָלטע גאַסן־יונגען, וואָס האָבן געשריגן: „מיר ווילן
טראַנסילוואַניע!" דער צווייטער צד האָט געשריגן „בעסאַראַביע!" ביידע
צדדים האָבן געהאַט, וואָס צו פאַרלאַנגען. דער אַלטער קיניג קאַראָל, וואָס
איז געווען אַ קלוגער און אַן ענערגישער, האָט געקענט אָנהאַלטן דאָס גלייכ־
געוויכט און ער האָט מיט היפּשער בריהשקייט געפירט דאָס לאַנד צווישן ביי־
דע שטורעמס. אָבער ער איז אין יענעם זומער געשטאָרבן און דעם טראָן
האָט פאַרנומען זיין פּלימעניק פערדינאַנד — אַ כאַראַקטערלאָז מענטשל, וואָס
האָט ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן און ער האָט שטענדיק געהאַט אַ רויטע
נאָז. דערצו האָט ער געהאַט אַ קיניגן, וואָס איז אים היפּש דערגאַנגען די
יאָרן מיט אירע ליבעס און ער האָט נישט איין מאָל זי געפּאַקט מיט יונגע
אָפיצירן, וועלכע ער האָט, אַזוי האָט מען געזאָגט, דערשטאָכן. אין הויף
האָבן זיך זיכער אָפּגעשפּילט פינצטערע און בלוטיקע סצענעס. די יונגע קע־
ניגן האָט מקנא געווען דער אַלטער קעניגן, וואָס איז געווען אַ באַוואוסטע
דייטשע שריפטשטעלערין אונטער דעם פּסעוודאָנים קאַרמען סילוואַ און זי
האָט אויך געוואָלט ווערן אַ שריפטשטעלערין. געזאָגט האָט מען, אַז די אַלטע
האָט אויך נישט געשריבן אַליין און אַז אַ באַוואוסטער דייטשער שרייבער
האָט געשריבן פאַר איר די זאַכן; אַז די יונגע האָט נישט געשריבן אַליין, איז
געווען מער ווי זיכער. זי האָט אירע זאַכן געדרוקט אין רומעניש, אַ שפּראַך,
וואָס זי האָט געקענט אויף דעם שפּיץ מעסער(אויך דער קעניג, וואָס האָט
שוין געהאַט געלעבט מער ווי צוואַנציק יאָר אין לאַנד, האָט כמעט גאָרנישט
געקענט קיין רומעניש און זיין שפּראַך איז געווען דייטש). די דאָזיקע יונגע
קעניגן, וואָס איז געווען זייער שיין און זייער עלעגאַנט, האָט געמאַכט אין
הויף ליטעראַרישע אָוונטן פון צייט צו צייט און צו די דאָזיקע אָוונטן זיינען
איינגעלאַדן געוואָרן סיי די סאָלידע אַלטע קלאַסיקער, סיי די יונגע מאָדער־

גיסטישע פּאָעטן. די פּראָגרעסיווע שרייבער האָבן יענע אָונטן באַיקאָטירט. דער צוטריט צו די דאָזיקע „סוארעען" איז געווען אַ גרינגער. אויך יאַנקל ראָט באַקומען אַ מעגלעכקייט בייצוזיין אַזאַ „סאָארע", אָבער מען האָט גע־דאַרפט קומען אָנגעטאָן גאַלאַ און ער האָט זיך אָפּגעמוטשעט אַ גאַנצע וואָך און זיך צוגעגרייט אַ „פול דרעס", אָבער ווען ס'איז געקומען צום סאַמע עיקר, האָט אים אויסגעפּעלט דאָס ריכטיקע שניפּסל און דערצו האָט דער גאַנצער קאָסטיום ווי אַראָפּגעווײינט פון אים און ער איז נישט געגאַנגען. די קעניגין האָט זיך אָנגעהויבן מישן אויך אין פּאָליטיק, פון געבורט איז זי גע־ווען אַן ענגלענדערין און זי האָט זיך אָפן געשטעלט אויף דער זייט פון דער אַנטאַנט.

די צייטונגען פון די ענגלענדער און די פראַנצויזן זיינען אַלץ געוואָרן צודרינגלעכער. די פּרעסע־פרייהייט איז דעמלט אין לאַנד געווען אַ פולע. קיין געזעץ וועגן „לעז מאַיעסטע" איז נישט געווען און מען האָט געמעגט שרייבן וועגן קעניג, וואָס מען האָט געוואָלט און די רעגירונג האָט דערפאַר גאָרנישט געטאָן. דער קעניג האָט געמעגט, ווי יעדער אַנדערער בירגער, איינ־קלאָגן דעם שרייבער פאַר דיפאַמאַציע. געווען אַ שטורמישער זשורנאַליסט, וואָס האָט געהייסן נ. ד. קאָטשעאַ. זיין שווער איז געווען קאָנסטאַנטין מילע, דער באַלעבאָס פון די צוויי גרעסטע רומענישע דעמאָקראַטישע צייטונגען „דימיניאַצאַ" (דער מאָרגן) און „אַדעווערול" (דער אמת). דעם שווערס צוויי צייטונגען זיינען געווען פאַר דער אַנטאַנט און זייער יידן־פריינטלעך און די צוויי גרויסע פּראָ דייטשע צייטונגען „זיואַ" (דער טאָג) און „סעאַראַ" (דער אָונט) זיינען אויך געווען יידן־פריינטלעך. נ. ד. קאָטשעאַ איז געווען אַ סאָ־ציאַליסט „סואי גענערים", אָבער בעת די סאָציאַליסטן זיינען געווען קעגן דעם קריג, איז ער געווען שטורמיש פאַר. ער האָט געפירט די ווילדסטע אַטאַקעס קעגן דעם אַלטן קעניג און ער האָט אים אין איינעם פון זיינע זשורנאַלן פאָרגעשטעלט ווי אַ שפּין, וואָס זויגט אויס דאָס גאַנצע לאַנד און עס איז דערביי געווען אָנגעוויזן געגנוי אין וואָס פאַר אַ אונטערנעמונגען ער איז אַן אַקציאָנער. עס איז אַגב נישט געווען קיין ליגן. ער איז געקומען קיין רומעניע ווי אַן אָרימער פרינץ און ער איז געשטאָרבן ווי איינער פון די רייכסטע מענטשן אין דער וועלט. מען האָט געזאָגט, אַז ער איז געווען רייַ־כער ווי דער דייטשער קאַיזער. דער אַלטער קעניג האָט איינגעקלאָגט קאָ־טשעאַן, אָבער איז לעצטן מאָמענט האָט ער געפּילט, אַז ס'איז פאַר אים אַ בלאַמאַזש צו לאָדן זיך מיט אַ זשורנאַליסט און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון פּראָצעס. קאָטשעאַ האָט פערדינאַנדן אויך גערופן „דער דייטש פון טראָן" און ער האָט איין מאָל אין זיין צייטונג אויסגעמאָלן אַ תליה און ער האָט אָנגעשריבן: „אָט דאָס וועלן מיר שענקען דעם קעניג, וואָס וועט אונז נישט גיבן טראַנסילוואַניע". דאָס בילד איז געווען געמאַכט מיט אַ זעלטענער

סראַפט און ס'איז פּשוט קאַלט געוואָרן צו קוקן אויף דעם. ס'איז זיכער, אַז דעם שוואַכן קעניג פערדינאַנד איז קאַלט געוואָרן אין יעדן איבר, ווען ער האָט געקוקט אויף דעם בילד... די אַגיטאַציע פון קאָטשאַס אויסגאַבן קעגן די צענטראַל מאַכטן איז געווען אויסערגעוויינלעך רייך אין דערפינדונגען און אין ציניזם. עס פלעג זיין אויסגעמאָלן אין זיין צייטונג אַן אייזערנער דייטשער צלם און אונטן איז געווען אָנגעשריבן אויף פראַסט רומעניש „אַ צלם פון אייזן, אין דיין מאַמעס צלם אַריין!" דאָס דייטשע פאָלק איז געווען אויסגעמאָלן אין קאָטשאַס אַ צייטונג, ווי אַ מאַן, וואָס מאַכט אָנאַניזם און אויף דעם פלאַץ פון גליד האָט ער אַ קאַנאָן און אונטן איז געווען אָנגעשריבן, אַז דאָס איז שוין די לעצטע ספּערמע... די צייטונג האָט געטריבן אַ ווילדן חוזק איבער דעם דעמאָלטיקן פּרעמיער פון רומעניע יאָאַן ק. בראַטיאַנו למאַי ער פירט נישט אַריין דאָס לאַנד אין קריג אַריין און אויך אים האָט מען גע־וויזן סעקסועל. מען האָט אים געוויזן ווי אַ אימפּאָטענטן מאַן, וואָס דירט זיך צו צו דער פרוי טראַנסילוואַניע און זי זינגט אים מיט דעם ניגון פון דער אָפּערן־אַריע „אַדיאָ דעל פּאַסאַטאָ" און זי זאָגט אים, אַז ער האָט איר פאַרפלעקט דאָס קלייד און האָט איר גאָרנישט געטאָן...

יאַנקל האָט אָפּגעלעבט אַנדערטהאַלבן טוץ יאָר אין רוסלאַנד און ער האָט נישט געזען קיין טויזנטל טייל פון דער פירונג פון לאַנד וויפל ער האָט געזען אין די פאָר וואָכן, וואָס ער איז געווען אין בוקאַרעשט. גלייך אַלץ איז געווען פון גלאָז און מען וואָלט אַלץ געזען דורך און דורך.

און דער וועג זיינער איז געווען — צום יידישן טעאַטער. דאָרט האָט ער געדאַרפט גיבן די פאָרשטעלונג פון דער פּיעסע „לעצטע", דאָרט האָט ער געדאַרפט פּראָקלאַמירן די גרינדונג פון „הזמיר" און דאָרט האָט ער געהאַפּט אָנצוהויבן פירן אַ קולטור־טעטיקייט אין גרויסן מאָכשטאַב. פּאַקטיש האָט ער אין דער הויפּשטאָט נישט געטאָרט וואוינען, ער האָט געדאַרפט זיין אין בראַילע, אָבער ער האָט באַלד געקראָגן פּראָטעקציע און אַ זיכערן צוזאָג, אַז קיינער וועט אים נישט טשעפּען. געלט האָט זיך אין בוקאַרעשט דעמאָלט געוואַלגערט אין די גאַסן און פון דעסט וועגן האָט מען פאַר געלט געקענט אַלצדינג קריגן. דאָס טעאַטער האָט מען געדאַרפט דינגען אויף אַ נאַכט און די דירעקטאָרן האָבן אַרויסגעוויזן דעם גאַנצן רעספּעקט צום יונגען שרייבער, אָבער זיי האָבן דאָך נישט געגלויבט, אַז עס וועט מאַכן גענוג אויף צו דעקן די הוצאות. האָט מען געדאַרפט געלט. געוואוינט האָט שוין דעמאָלט אין בוקאַרעשט א. ל. זיסו, וואָס האָט שוין זיינס געהאַט אויסגעפירט — ער איז געווען אַ רייכער מאַן. ער האָט חתונה געהאַט פאַר דער טאָכטער פון דעם אויפגעקומענעם גביר קאַרל צירער, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע פּאַרפומען־פאַבריק און ער האָט שוין פּילפאַך פאַרגרעסערט די פאַבריק און ער איז שוין געווען אַ שותף צו איר. ער האָט שוין געוואוינט אין אַ גרויסאַרטיקן

פּלאַץ און ווען יאַנקל איז צום ערשטן מאָל צוגעקומען צו יענעם פּלאַץ און נעגיבן אַ צי ביי דעם גלאָק, האָט זיך אים געדאַכט, אַז די טיר וועט זיך קיינמאָל נישט עפענען און ווען זי האָט זיך שוין יאָ געעפנט, און ס'איז אַרויסגעקומען אַ דינער אין מלכותדיקע קליידער און ער האָט אים אָנגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס, איז ער שוין געווען זיכער, אַז מען וועט אים נישט אַריינלאָזן. דער דינער האָט עס אים געגעבן אָנצוהערן מיט אַ שטאָלצן בליק, אַז זיין פּלאַץ איז נישט דאָ. עס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט און די טיר האָט זיך ברייט געעפנט און דווקא איז זיסו נישט געווען אין דער היים, נאָר זיין פרוי. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פרוי האָט געהאַט געלייענט זיינע זאַכן אין דער „התיקווה" און איר מאַן האָט איר אויך אַ סך מאָל גערעדט וועגן אים און דער מאָלער רובין וואָס האָט איר געמאַכט אַ פּאָרטרעט, האָט איר אויך גערעדט וועגן אים. זי איז געווען אַ חנוודיקע ברונעטקע, אַ פּולבלעכע, אַ רייך געקליידעטע און אַ זייער פריינטלעכע. ווערליק אַן איידל געפּאַצקעטע מיליאָנערסקע טאָכטער האָט זי זיך געהאַטן זייער דעמאָקראַטיש און זי האָט אַפילו געמאַכט אַן אָנשטרענגונג צו ריידן יידיש מיט איר גאַסט, וואָס איז שוין דערנאָך געוואָרן אַ היימישער ביי איר אין שטוב. א. ל. זיסו האָט אַרויסגעוויזן אינטערעס צום ענין „הזמיר" און ער האָט געגעבן די ערשטע נויטיקע סומע פאַר די הוצאות און געגעבן מיט דער ברייטער האַנט.

די צוגרייטונג צו דעם יום טוב איז צוגעגאַנגען פיבערדיק און די גאַנצע לופט איז פול געווען מיט ענטוזיאַזם. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אונזער העלד איז פאַר די צוויי יאָר טעטיקייט אין רומעניע שוין געווען זייער פּאָפּולער אין פאַרשיידענע בוקאַרעשטער יידישע קרייזן און ס'זיינען שוין געווען פעראַנען, וואָס האָבן זיך געגרייט אים צו ברייננען. דער ערב יום טוב האָט נישט אויסגעמיטן קיין שטיקל קאָנפליקט און אַריינגעבראַכט האָט אים דער איינציקער פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר, וואָס איז געווען באַטייליקט אין דער פאָרשטעלונג. דער שוישפּילער גאַרבאַזש האָט נישט געקענט ליידן, וואָס אַ „יאָלד" באַקומט אַזויפיל רעקלאַמע און ער האָט אָנגערייצט שטערנבערגן למאַי ער, וואָס איז עלטער, איז אַנאָנסירט דער צווייטער. יאַנקל האָט אים דערקלערט, אַז די זאַך איז זייער פּשוט: ס'איז זיין פּיעסע און זיין דעבוט אין דער הויפּטשטאָט. ער איז פולשטענדיק גרייט צו מאַכן אַ צווייטן אָוונט, וואָס זאָל זיין געווידמעט שטערנבערגן און ער זאָל זיין אַנאָנסירט דער ערשטער. די זאַך האָט זיך געלייגט דעם דיכטער אויף דעם שכל און ער האָט איבערהויפּט באַמערקט גוטן ווילן ביי זיין יינגערן חבר, וואָס איז געווען פילפאַכיק מער פּאָפּולער פון אים און ער האָט מיט אים די פּאָפּולאַריטעט געטיילט. די פאָרשטעלונג אַליין איז דורכגעפאַלן מיט אַ קראַך. אַן עולם האָט זיך צונויפגענומען אַ ריזיקער. א. ל. זיסו האָט געזאָלט האַלטן די ערשטע רעדע און

יאַנקל די צווייטע. זיסו איז נישט געווען אין בוקאַרעשט, עס איז געווען זומער און ער איז אַרויסגעפאָרן צוזאַמען מיט דער פרוי אין דעם קוראָרט סינאַיאַ, וואו די קעניגלעכע פאַמיליע האָט געוויינלעך געזומערט און ער האָט געדאַרפט ספּעציעל אַריינקומען צום אָוונט און ער איז נישט געקומען, שטערנבערג איז אים געגאַנגען דערוואַרטן און צום טאָפּלטן אומגליק האָט נאָך דער צוג פאַרשפּעטיקט. אויף צו להכעיס האָט שטערנבערג געדאַרפט זיין אין דער פּיעסע פון די ערשטע אויף דער בינע און מען האָט אָן אים נישט געקענט אָנהויבן. יאַנקל האָט שוין אָפּגעהאַלטן די רעדע און דווקאָ געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, אָבער די פּויזע אין דער מיט האָט דענערווירט דעם גרויסן עולם. ערשט אַרום עלף אַזייגער איז אָנגעקומען שטערנבערג אָן זיסון און ער האָט זיך אויף גיך גענומען גרימירן. געשפּילט האָט מען נערוועז און פאַר אַ נערוועזן עולם. יאַנקל האָט געהאַט אַ סצענע, אין וועלכער ער האָט געדאַרפט צעברעכן אַ גלאָז. האָט ער זיך צעבלוטיקט די האַנט און עס האָט גענומען רינען אַזויפיל רויטע יושקע, אַז דער עולם האָט זיך אַזש דערשראָקן. עס איז געווען אַ דאָקטער אין טעאַטער און דעם צווייטן אַקט האָט אונזער העלד שוין געשפּילט מיט אַ באַנדאַזשירטער האַנט. דאָס דאָזיקע האָט אויך אַריינגעבראַכט דענערווירונג, אָבער מער פון אַלץ האָט וואַרשיינלעך דענערווירט דעם עולם די פּיעסע אַליין, וואָס האָט געהאַט צופיל דיאַלאָגן און צו ווייניק האַנדלונג און וואָס האָט אָנגעווייעט מיט זייער פינצטערן פּעסימיזם. געענדיקט האָט מען די פאָרשטעלונג אַרום צוויי אַזייגער ביינאַכט. צום שלום האָט שטערנבערג גערעדט און געפּרואווט פאַרריכטן די מערכה און ער האָט געזאָגט, אַז כאָטש די פּיעסע האָט אַ סך פעלער, האָט זי עפּעס אַזוינס, וואָס איז בכוח אָפּצובריען. יאַנקלען האָט מען געמאַכט שטורמישע אָוואַציעס, אָבער עס איז געווען צו דערקענען, אַז דאָס האָבן געטאָן חסידים פאַר דער גאַנצער טעטיקייט זיינער און אַלס ברוך הבאָ, אָבער נישט פאַר דער פּיעסע. מען האָט דערציילט, אַז פּשוטע יידן האָבן געזאָגט: „נישט אומזיסט שיקט מען די רוסישע דעזערטירן אין קאָנצענטראַציע לאַגער אין שיפּאָטי — שפּילן קענען זיי נישט און זיי האַלטן אָפּ ביז דריי אַזייגער ביינאַכט". אַ גרויסער עולם, אַוודאי פון אַריבער הונדערט פּערזאָן, האָט באַגלייט דעם דורכגעפאַלענעם מחבר אין איינעם מיט די באַטייליקטע אין אַ שענק אַריין, וואו מען האָט אַ הוליע געטאָן אויף דעם רומענישן שטייגער ביז אין ווייסן טאָג אַריין און וואו מען האָט געהאַלטן פאַרשיידענערליי רעדעס. די מערסטע פון די באַגלייטער זיינען געווען רוסישע דעזערטירן, אָבער עס זיינען אויך געווען אַ סך רומענישע יונגעלייט, ספּעציעל פון דער פּראָווינץ און טאַקע אַזעלכע, וואָס האָבן אונזער העלד געהערט ריידן אין דער מאָלדאָווע. ביי יענעם באַנקעט האָט מען געזונגען פאָלקס־לידער און אימפּראָוויזירטע פּאַראָדיעס און מען האָט חוזק געמאַכט פון שונד־טעאַטער און יעקב שטערנבערג האָט גע־

לייענט פון זיינע לידער און פון אליעזר שטיינבארגס משלים און ער האט ערשט דערנאך געהאלטן א רעדע וועגן זיין געבוירן־שטאט ליפקאני, וואס ער האט גערופן „דער בעסאראבישער אלימפ״ און וועגן דעם, אז מען וואלט געדארפט שאפן א פרייהייט לעגיאן צו באקעמפן די גאנצע מילחמה און א ספעציעלן יידישן פרייהייט לעגיאן צו באקעמפן דעם אנטיסעמיטיזם און אויסצוקעמפן א רעכט צו לעבן פאר יידן. ערשט דעמלט האט אונזער העלד גוט באמערקט זיין נייעם חבר: ער איז געווען מיטלוויקסיק, עפעס הע־כער פון אים. ער איז געווען א פעטער, א קרעפטיקער, האט געהאט ברייטע פלייצעס, א העל שטראלנדיק פנים, ער האט געהאט מאנדל־אויגן, וואס האבן געברית גלייך זיי וואלטן געווען שווארץ־ברענענדיקע. געווען אין זיינע אויגן באגייסטערונג, א געוויסע קינדישקייט און א מוראדיקע נישט געזעט־קייט. זיי האבן געשטאכן מיט א ממש דראענדיקער פרעסערישקייט. ס׳האט זיך גערדאכט, אז די דאזיקע אויגן זיינען זיבן וועלטן אויך נישט גענוג. שטערנ־בערג איז געזעסן איינגעהויקערט און דורך דער איינגעהויקערקייט האט ער אויסגעזען צו זיין איינגעשלאסן אין זיך און ווען ער האט זיך אויפגעהויבן, איז ער אלץ געבליבן איינגעהויקערט און ער האט אויסגעזען ווי אביסל אי־בערגעשראקן. עס האט זיך גערדאכט, אז ער האט מורא, אז מען וועט אים נישט גיבן אלץ, וואס ער וויל. ער האט חוץ אלעמען אויסגעזען ווי א געפעס־טעט קינד. א בחור דעמלט שוין מיסתמא פון א יאר זעקס און צוואנציק, אן אנטלאפענער, א פון קיינעם נישט דערקענטער. געלעבט האט ער ביי זיינעם א פעטער, זיין טאטנס א ברודער, וואס האט שוין געוואוינט זייט א סך יארן אין בוקארעשט, געפילט האט ער זיך נאך ארימער ווי ער איז געווען און ער האט דאך אויסגעזען ווי א געפעסטעטער בן יחיד, וואס מיינט, אז אים קומט אלץ. פון די לידער, וואס ער האט אין יענעם פארטאג דעקלאמירט, איז אונ־זער העלד אריין אין געמיט אט א דאס דאזיקע געזאנג:

גרוי איז דער הימל, גרוי צעשויבערט,
ווי א זקנס קאפ,
ערגעץ פארט א וואגן און עס סקריפען רעדער
מיט א פוילן טראפ.
עס פארט אוועק די זומער־נאכט,
אויף א וואגן שטרוי,
אויף א וואגן מיט צוויי אקסן
פירט זי אפ א גוי.
קלאץ פון ברונעם קרעכצט פאר תענוג,
שיבה טובה קלאג,
בארוויס שוועבט אן אלטע גויה —
טאג.

יאנקל האָט שוין דעמלט געקענט די גאַנצע יידישע און העברעאישע פּאָעזיע און ער האָט נישט געקענט אַזאַ פּייזאַזש אין ביידע דערמאָנטע שפּראַכן. אין דער פראַנצויזישער פּאָעזיע, וואָס ער האָט דעמלט אָנגעהויבן לייענען האָט ער געקענט ביי ס. פּרידאָם פּייזאַזשן פון אַזאַ קאָנדענסירט־קייט, זינגעוודיקייט און קראַפט. פאַר אָט דעם ליד אַליין איז אונזער העלד געוואָרן שטערנבערגס אַ חסיד און ער איז געווען גרייט אים נאָכצוגיבן אַלע פּעסטענישן. יאנקל האָט דעמלט געהאַט אַ היפּש ביסל לידער אין רענצל, אָבער ער האָט באַשלאָסן, אַז דער דיכטער איז שטערנבערג, ער איז דער זשורנאַליסט. ביי דעם עולם, וואָס איז געווען אין שענק, איז דער אָפּגאָט נאָך אַלץ געווען אונזער העלד, שטערנבערג איז געווען צו ראַפינירט. די מערסטע פון זיינע לידער זיינען געווען צו פאַרפּלאָנטערטע און זיי האָבן גע־האַט אַ צו שווערע שפּראַך מיט אַ ים העברעאיזמען. מען האָט געדאַרפט קע־נען גוט העברעאיש, ביכדי זיי צו פאַרשטיין. יאנקלס וואָרט איז געווען פשוט און קלאָר, זיין הויפּט־געדאַנק: דער גרויסער דערלייזונג־חלום פאַרן יידישן פאָלק איז ציון, דער סאַמע עיקר היינט איז: אַ יידיש לעבן אויף דעם פּלאַץ מיט יידיש ווי די גרונד־שפּראַך און אַ קאַמף פאַר אַ גערעכטער וועלט, דער דאָזיקער געדאַנק האָט די יוגנט מער גענומען ווי שטערנבערגס פאַנ־טאַסטישער לעגיאָן, אָבער יאנקל האָט אַליין אויסגעטאָן די „קרוין" און ער האָט זי אַוועקגעגעבן זיין עלטערן חבר, וועלכן ער האָט געקרוינט ווי אַ גרעסערן...

עס איז געווען גרויסער טאָג, ווען דער עולם איז זיך צעגאַנגען פון יע־נעם אייננאַרטיקן באַנקעט. אייניקע האָבן געדאַרפט גיין גלייך צו דער אַר־בעט. ביים אַרויסגיין איז פאַרנט אין שענק געזעסן אַ דיקער רומענער מיט גראָבע שוואַרצע וואָנציעס און ער האָט אויסגעזען מוראַדיק אָנגעגאָסן, עס איז געווען קענטיק, אַז ער האָט אין זיך שוין אַ סך מער וויפל ס'איז דאָ אין דער פלאַש אויף דעם טיש. דער שענקער האָט באַמערקט, אַז דאָס טרינקט ער נאָך פון נעכטן. לעבן אים איז געשטאַנען אַ דאַרער ציגיינער מיט אַ פידל און נישט ווייט איז געזעסן אַ אַלטער ציגיינער מיט אַ צימבל. דער פידלער האָט געהאַלטן און געצויגן אַ טאָן און וויפל מאָל דער שיכור האָט זיך גע־נומען צו דער קעשענע, האָט דער פידלער גענומען שפּילן לעבעדיקער. דער שיכור האָט אַראָפּגעוואָרפן געלט אויף דער ערד און געשריגן: „שפּיל, קראַ, שפּיל!" ביידע ציגיינער האָבן זיך געוואָרפן אויף דער ערד נאָך דעם געלט און דער שיכור האָט נישט אויפגעהערט שרייען, אַז זיי זאָלן שפּילן. פּלוצים האָט דער שיכור גענומען ריידן זיס און ער האָט געבעטן דעם יונגען ציגיי־נער, אַז ער זאָל אים שפּילן און זינגען דאָס אמתע לידל און יענער האָט גע־נומען ציען אַ טאָן, ווי צו עפּעס. וואָס דאַרף זיין גרויס און ער האָט גענומען זינגען אויף רומעניש מיט אַ טיפּיש־ציגיינערישן אַקצענט: „לאָמיר זיך אויס־

דאָסן" (ער האָט עס געזאָגט מיט נאָך אַ פּראָסטער וואָרט). ער האָט דאָס דאַזיקע ליד גענומען זינגען אַלץ שטייגנדיקער און ענטוזיאַסטישער און דער צימבלער האָט אים צוגעהאָלפן און דער שיכור האָט אויך גענומען זינגען מיט אַ ריטשענדיק קול און ער האָט אַרומגענומען ביידע קלעזמער און ער האָט גענומען טאַנצן מיט זיי אין איינעם אין אַ ווילדן עקסטאַז. די דאָזיקע סצענע האָט אונזער העלד נישט פאַרמיאַוסט די שיינע נאַכט פון זיין גרויסן דורכפאַל. ער האָט זיך געקלערט, אַז יעדער האָט זיך זיין פרימאָרגן־ליד. ער אַליין האָט אפשר אויך דעמלט אָנגעהויבן צו זינגען זיין פרימאָרגן־ליד אין רומעניע. טאַקע אַ דאַנק דעם, וואָס ער האָט געהאַט אַ דורכפאַל און ער האָט געקראָגן איינעם, וואָס איז גרעסער פון אים. ביז דעמלט איז פאַר אים אַלץ געווען צו גלאַט אין זיין נייער היים און ער האָט געמיינט, אַז ס'איז קיין גרעסערס פון אים נישטאָ...

די פאָרשטעלונג האָט געהאַט קאַלאָסאַלע הוצאות. פון דעסט וועגן האָט זי זיך געדעקט. דאָס געלט, וואָס א. ל. זיסו האָבן געגיבן, איז געבליבן פאַר אַ פאָנד. דער דורכפאַל האָט דווקא סטימולירט צו נייער טעטיקייט, אָבער אונזער העלד איז אַרויס מיט אַ גאַנץ ערנסטער וואונד פון דער שפּיל — ער האָט זיך אַזוי צעקלאַפּט די האַנט, אַז מען האָט זי געדאַרפט פאַרנייען. דריי שטעך האָט דער דאָקטער געדאַרפט מאַכן. יאַנקל געדענקט ווי היינט: דער דאָקטער האָט אַריינגעשטאָכן די נאָדל און ער איז געבליבן שטיין. ער האָט פאַרגעסן דעם פאָדים אויף דעם טיש. דער קראַנקער האָט מיט פאַרביסענע ציין צוגעהאַלטן די נאָדל און דער מעדיקער איז אַוועק נעמען דעם פאָדים. דער ווייטיק איז געווען אַ מוראַדיקער און דער דאָקטער האָט דאָס געוואוסט און ער האָט זיך געחידושט. ער האָט געזאָגט צו זיין יונגען פאַציענט: „איר וועט מאַכן אַ גרויסע קאַריערע, אויב איר קענט אַזוי אַריבערטראָגן ווייטיק שווייגנדיקערהייט..." עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער דאָקטער האָט נישט גענוג אויסגעוואַשן די וואונד און ער האָט זי פאַרנייט אין איינעם מיט דער מאַטעריע. אויף דעם צווייטן טאָג האָט מען געמוזט אַרויסנעמען דעם פאָדים פון אַלע שטעך און אויסוואַשן און צוריק פאַרנייען. דער ווייז־פינגער פון דער רעכטער האַנט איז געוואָרן ווי געליימט און ער האָט אויף שטענדיק דערנאָך פאַרלוירן אַ דריטל פון זיין קראַפט. דאָך האָט אונזער העלד געקענט אָנשרייבן אַכט מאָל אַזויפיל וויפל אַ זשורנאַליסט שרייבט געוויינלעך אָן אין אַ טאָג און פולשטענדיק באַהערשן די שטערונג פון דער שוואַכקייט. ליגנדיק אין בעט האָט יאַנקל געהאַט אַ קאָנפליקט מיט חקלאַין, וואָס האָט געוואָלט אַ העלפט פון פאַרדינסט. יאַנקל האָט אים געוויזן אַ קלאָרן חשבון, אַז קיין פאַרדינסט איז נישט געבליבן. די הוצאות האָבן זיך קוים געדעקט. חקלאַי האָט נישט באַקומען קיין העלפט פון דעם כבוד, וואָס איז דאָך געווען, כאָטש די פּיעסע איז אַזוי דורכגעפאַלן; ווען יאַנקל איז געגאַנגען אין די יידישע

גאַסן, האָט מען אויף אים געטייטלט מיט די פינגער. אָבער אין דעם איז דאָך אונזער העלד נישט געווען שולדיק. וואָס זיין שותף צו דער פּיעסע האָט נישט געהאַט קיין כבוד. שפּילן האָט ער אַליין נישט געוואָלט און קיין נאָמען האָט ער נישט געהאַט. חקלאַי האָט געוואוסט, אַז יאַנקל האָט זיסום געלט, און ער האָט געוואָלט אַ חלק פון דעם, אָבער דאָס דאָזיקע האָט ער נישט געפּועלט. דער קאָנפליקט האָט זיך געענדיקט מיט אַ באַליידיקונג־וואָרט און מיט אַ פּאַטש, וואָס חקלאַי האָט דערלאַנגט זיין שותף, וואָס איז געליגן קראַנק. קיינער איז דערביי נישט געווען. יאַנקל האָט זיך נישט געפילט באַליידיקט און ער האָט גענומען און אָוועקגעגיבן די פּיעסע זיין שותף און דערמיט פאַרענדיקט מיט אים. ער האָט דערביי געפילט, אַז דעם פּאַטש האָט ער פאַרדינט פאַר דעם שרייבן אַזאַ פּיעסע.

☆

קאפיטל זעקס

רומעניע כאפט קלעפ און ער ווערט יידיש-רומעניש.

זים איז געווען אין יענער צייט דאס לעבן אין דער הויפטשטאט פון רומעניע. דאס לעבן אליין האט געזונגען. ארום און ארום האט געווילדעוועט א וויכער און בלוט האט זיך געגאסן און דא האט זיך געגאסן וויין און פרייד און געזאנג. און יידן האבן געגאסן פון דעם אלעמען אלציינס ווי די נישט-יידן. דאס לאנד איז, דאכט זיך, געווען אנגעזאפט און אנגעזעטיקט מיט שינאה צו יידן זייט דור דורות, דאך איז דער האס דעמלט געשלאפן; די רע-גירונג האט אים דעמלט נישט געדארפט האבן און קיינער האט אים נישט געקענט אויפוועקן. א. צ. קוזא איז דאן שוין געווען אלט און מען האט אים מיט זיין גיפטעווען נישט גענומען ערנסט. דער יינגערער חבר זיינער, דער היסטאריקער, דראמאטונג און כ ל ולך פראפ. ניקאלאי יארגא, איז אין יענער צייט געווען אן אנטיסעמיט פער פראפעסיע; און כאטש פערזענלעך האט ער געהאט א סך גרעסערע דערפאלגן ווי קוזא, האט אבער זיין אנטיסעמי-טיזם אויך נישט אנגענומען. עס איז געווען א פארצווייגטע אנטיסעמיטישע ארגאניזאציע אין לאנד, וואס האט געהייסן „ליגא ראמיניאסקא" (רומע-נישע ליגע). די דאזיקע ארגאניזאציע האט געהאט א זשורנאל, וואס האט געהייסן „ליגא". די קליינע ציגיינערלעך פלעגן דעם דאזיקן זשורנאל פאר-קויפן אין גאס און אויסשרייען צום גראם:

ליגא, ליגא זעטשע באני,
פעריצי ווא דע זשידאני.
(א ליגע צען באני, היט אייך פאר די זשידאנעס).

אויך ניקאלאי יארגא האט ארויסגעגיבן א טעגלעכע ציטונג, „נעאמול ראמינעסק" (דאס רומענישע פאלק), וואס איז פול געווען מיט גיפט קעגן יידן. די פאפולערסטע בוקארעשטער קאנסערוואטיווע צייטונג איז געווען דער „אוניווערסול". ווען א פראסטער רומענער פלעג זיך אין א שפייז-קראם הייסן גיבן א ציטונג, פלעג ער זאגן: „גיב מיר אן „אוניווערסול"; איז אויך די דאזיקע צייטונג פול געווען מיט אנטיסעמיטיזם; די רעגירונגס-צייטונג, דער „וויטארול" איז אויך נישט געווען שטארק פריינטלעך צו יידן, פון דעסט

ווענן איז די לופט נישט געווען קיין פאַרסמטע און יידן האָבן זיך אומעטום געפילט פריי און נישט אַנדערש ווי די נישט־יידן. די רעגירונג וואָלט אפשר יאָ געוואָלט באַווייזן אַנטיסעמיטישע מעשים, זי האָט דאָך געהאַט אין פּראָגראַם ווי אַ הויפּט־פּונקט דאָס שאַפן אַ רומענישע שטאַטישע בורזשואַזיע אויף דעם חשבון פון דער יידישער, אָבער זי האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי עס צו טאָן. די עטלעכע קאָאָפּעראַטיוון, וואָס די רעגירונג האָט געהאָלפן שאַפן און האָט געשטיצט, בכדי זיי זאָלן זיין אַ קאָנקורענץ פאַר דעם יידישן האַנדל, זיינען קיין קאָנקורענץ נישט געוואָרן, נאָר פאַרקערט: זיי האָבן בולט דערוויזן, אַז ס'איז בעסער צו קויפן ביי יידן. קיין גלייכבאַרעכטיקונג האָבן יידן נישט באַקומען, אָבער זיי האָבן דערפון געליטן אין דורכשניט מער מאָראַליש ווי מאַטעריעל. געליטן האָבן פון דער אומבאַרעכטיקונג די דאָזיקע יידן, וואָס האָבן געוואָלט ווערן אַדוואָקאַטן און פּאָליטיקער. די אַנדערע אינטעלעקטועלע פּראָפעסיעס זיינען געווען פריי פאַר זיי. מען מוז מודה זיין, אַז די רעגירונג איז געווען אין אַזאַ סיטואַציע, אַז זי האָט נישט געקענט גיבן די יידן קיין גלייכבאַרעכטיקונג. אין רומעניע איז נאָך דעמלט פאַר קיין רומענער אויך נישט געווען קיין פּאָליטישע גלייכבאַרעכטיקונג. די פּויערים זיינען נאָך געווען אַנאַלפאַבעטן כמעט אויף אַלע הונדערט פּראָצענט און אַנאַלפאַבעטן האָבן אין רומעניע דעמלט געהאַט אַ זייער נישטיקן ווערט. הונדערט פּויערים האָבן געוויילט איין וויילער. ווען מ'וואָלט געגעבן די יידן גלייכבאַרעכטיקונג, וואָלטן זיי געהאַט אַ... מערהייט אין פּאַרלאַמענט. אייִדער בראַטיאַנו איז געקומען צו דער מאַכט, איז פּרעמיער געווען דער קלוגער און ביטערער פּאָליטיקער, דער קאָנסערוואַטאָר פּעטרע קאַרפּ. ער איז געווען אַ מוראַדיקער ציניקער. ווען מען האָט אים אַמאָל געמאַכט אַ גאַסן־מאַניפעסטאַציע, האָט ער שטאַרקער אַריינגעקוועטשט דעם מאָנאָקל אין דער נאָז אַריין און זיך אויסדרייענדיק צו זיין סעקרעטאַר, האָט ער געפּרעגט: „וויפל קאָסט מיך דאָס דאָזיקע געשעפט?" ווען ס'איז צו אים געקומען אַ דעלעגאַציע בעטן גלייכבאַרעכטיקונג פאַר יידן, האָט ער געענטפערט, אַז לויט זיין מיינונג קומט עס די רומענער אויך נישט, אָבער אַזוי ווי די רומענער האָבן עס יאָ, האַלט ער, אַז די יידן זיינען נישט בעסער פון די רומענער און עס קומט זיי אויך... אָבער פון זאָגן ביז טאָן איז ביי אים געווען אַ גרויסער מהלך. ער האָט געהאַט אַ סך שוועריקייטן צוליב דעם באַשרענקען יידן די רעכט און זיי רעדוצירן צו צווייטראַנגיקע בירגער. ער האָט נישט איין מאָל געקראָגן אָפּגעזאָגט אַ קרעדיט סיי אין לאָנדאָן, סיי אין פּאַריז. קלעמאַנסאָ האָט אַ סך מאָל אָפּגעטאָן שפּיצלעך די רומענישע רעגירער, אָבער עס האָט זיי קיין קויל נישט גענומען. בראַטיאַנו, וואָס איז שוין געווען אַ „ליבעראַלער" רעגירער האָט געהאַלטן אין איין צוזאָגן גלייכבאַרעכטיקונג סיי די פּויערים, סיי די יידן און ער איז געבליבן ביים ריידן. ער האָט אָנגעהאַלטן

די ליניע פון פעטרע קארפ, כאטש ער האט גערעדט שיינע רייד. אבער ס'איז דעמלט געווען אזא צייט, אז די רעגירונג האט נישט געהאט קיין גרויסע דעה אין לאנד. די פרעסע איז געווען קעגן איר און דער האנדל האט זיך גע־פירט אזוי, אז די מלוכה האט אים נישט נאר נישט געקענט באהערשן, נאר זי האט נישט געוואוסט, וואס עס טוט זיך אין אים. די יידן אין אלגעמיין, אויסער די קבצנים, נאטירלעך, און די ארבעטער, וואס זייער צאל איז גע־ווען זייער גרויס, האבן געלעבט א גוטן טאג, גלייך מיט אלע.

אונזער העלד האט באלד געקראגן א געלעגנהייט צו באקענען זיך מיט דעם בוקארעשט פון די הויפט־גאסן. ער איז געווארן אן אפטער אריינגייער אין דעם זשורנאליסטן־קאפע „טעראסע", א ריזיק לאקאל מיט א טעראסע צו דער קאלעא וויקטאריעי. דארט זיינען טאג ווי נאכט ארומגעלאפן עטלעכע און צוואנציק קעלנערס מיט גרויסע נומערן אויף די ברוסטן. אין דער ארבעט־צייט פלעג מען דארט זען אריינלויפן מידע זשורנאליסטן, וואס האבן זיך אויף גיך געהייסן גיבן אייגעמאכץ מיט וואסער. געזאגט האט מען, אז פון אינטעלעקטועלער ארבעט ציט צו זיס. פארנאכט פלעג מען דארט אויסטרינ־קען פעסער מיט ביר און אויפעסן בערג מיט שינקען און אין שפעטן אוונט האט מען אנגעהויבן טרינקען בראנפן, וויין און פונשן. עס זיינען אהין גע־קומען אלטע, בארימטע זשורנאליסטן און יונגעלייטלעך, וואס האבן זיך ערשט געקליבן צו ווערן זשורנאליסטן. אפטע געסט זיינען דארט געווען אק־טיארן און אקטריסעס. און עס זיינען געקומען אן א שיעור פרויען, וואס האבן געמעקלערט און געזוכט פאסטנס פאר די אנפאנגערלעך, וואס זיינען געווען זייערע געליבטע. זיי האבן זיך איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן צו די אלטע דירעקטארן און סתם דעה־האבערס און זיי, ביכדי צו פועלן עפעס פאר זייע־רע „פריינט". אין דער שוישפילערישער וועלט האט אויך נישט געפעלט קיין קארופציע. צוריק מיט א צייט איז דאס לאנד אויפגערודערט געווארן פון א סקאנדאל צווישן דעם דירעקטאר פון דעם „טעאטרו נאציאנאל" — דעם רומענישן מלוכה־טעאטער און א יונגען אקטיאר. דער אקטיאר האט אריינ־געשטעקט דעם דירעקטאר א מעסער אין רוקן אריין און יענער איז געווארן געליימט אויף א לאנגער צייט. פארגעקומען איז דער אטענטאט אויף דעם געביט פון „אייפערזוכט". דער דירעקטאר איז געווען א פעדעראסט און ער האט געלעבט מיט דעם יונגען שוישפילער און ער האט אים אנגעהויבן צו פארבייטן אויף א צווייטן, איז דער ערשטער געגאנגען און דערלאנגט מיט דעם בלאנקענדיקן מעסער. מען האט זיך דערוואוסט, אז אין סאמע צענטער פון בוקארעשט איז געווען א קלוב פון פעדעראסטן און עס זיינען אין אים געווען היימיש גאר אנגעזעענע לייט און אויך איינער פון דער קעניגלעכער פאמיליע. און טאקע אט צוליב דעם לעצטן פאקט האט מען סוף כל סוף פארשטאפט דער שרייענדיקער פרעסע דאס מויל. אייניקע האבן געזאגט, אז

די בולוואר־פרעסע איז פארשוויגן געווארן, ווייל איינער פון אירע הויפט־קנאקער זיינען אליין געווען פארמישט אין עסק...

צווישן די בארימטע זשורנאליסטן איז די צאל יידן געווען א זייער גרויסע און עס זיינען אויך געווען א סך יידן צווישן די מיטעלע און קליינע זשורנאליסטן. איינער פון די גאר אנגעזעענע זשורנאליסטן, א ייד, האט יאנ־קלען די זאך דערקלערט גאנץ פשוט. „פאר יידן, האט ער געזאגט, איז פאר־מאכט דער וועג צו דער פאליטיק. נעמט מיך אליין, אלע מיינע געוועזענע קאלעגן־דומענער זיינען שוין צו עטלעכע מאל געווען מיניסטארן, אייניקע האבן איצטער מיניסטער־פאסטנס. ווען זיי וואלטן געבליבן ביים פאך, וואלטן זיי געווען בארימט ווי זשורנאליסטן". צווישן די ערשטראנגיקע זשורנא־ליסטן האט פארנומען אן ערשט פלאץ ענריק סט. שטרייטמאן. ער איז געווען דער בעסט־באצאלטער זשורנאליסט און ער האט נישט שטענדיק געארבעט. ער פלעג איבערהויפט באקומען ארבעט, ווען עס האט אנגעהויבן דערשיינען א נייע צייטונג. עס איז געווען גענוג, אז אלסעסט (אזוי איז געווען זיין פסעוודאנים) זאל זיך באווייזן אין דער נייער צייטונג, אז די דאזיקע צײ־טונג זאל קריגן א ריזיקן טיראזש. ער פלעג שרייבן קליינע פעליעטאנדלעך, וואס האבן פארמאגט אי ליריק, אי שארפזין, אי לעבנס־חכמה, אי זעלטענע באהאוונטקייט. ער איז געווען א קליינינקער, א רירעוודיקער, מיט א ווייך פנים און שארפע, שניידנדיקע אייגעלעך הינטער ברילן. ער האט געשטאמט פון א פרומער יידישער משפחה אין פיאטרא נעאמץ. זיין פאטער איז געווען א ייד א למדן, ער אליין האט אויך אביסל געקענט אין די קליינע אותיות. געזאגט האט מען אויף אים, אז ער איז געשמדט און ער האט ביים טויפן זיך צוגעקראגן דעם נאמען „סאנקט", פריער האט ער געהייסן ענריק און דער־נאך האט ער זיך אונטערגעשריבן ענריק סט. דערציילט האט מען וועגן א גאנצער טראגעדיע אין פיאטרא. דער בארימטער זשורנאליסט איז אמאל גע־קומען צו גאסט צו זיינע עלטערן, וועלכע האבן נישט געוואוסט, אז ער איז געשמדט. דער פאטער האט אים מיטגענומען אין שול אריין און דארט איז געווארן א גערודער. מען האט נישט געוואוסט וואס צו טאן — צי זאל מען אים יא, אדער נישט אויפרופן צו דער תורה. מען האט מורא געהאט אויפ־צורופן א משומד און מען האט מורא געהאט, אז ווען מען וועט אים נישט אויפרופן, וועט זיך דער פאטער דערוויסן און ער וועט דאס נישט אויסהאל־טן. עס איז איז פאליש אנגעגאנגען א גאנצער וויכוח מיט דער באטייליקונג פון מרא דאתרא און דער אלטער רב האט צוליב סכנות נפשות געפסקנט, אז מען זאל יא אויפרופן. אין פיאטרא גופא האבן אייניקע געזאגט, אז עס איז אמת און אנדערע האבן געזאגט, אז ס'איז אויסגעטראכט. שטרייטמאן איז געווען א מער, אדער ווייניקער פראגרעסיווער מענטש, אבער היפש אנ־טי־סאציאליסטיש. ער איז אויך געווען אנטי־ציוניסטיש און ער איז בכלל געווען

קעגן יעדן יידישן נאַציאָנאַליזם. ער האָט געהאַלטן, אַז יידן דאַרפן זיך אויס־מישן און אומקומען. פון דעסט וועגן האָט ער אַליין ליב געהאַט אַריינצו־פאַלן אין אַן אַלטמאָדישן בית מדרש אַריין און הערן אַ בעל תפילה. ער האָט געהאַלטן, אַז יידיש איז נאָר אַ שפּראַך פאַר אַנעקדאָטן און ווען מען וואָלט נישט פאַרלאַנגט, אַז יידיש זאָל טאַקע זיין אַ שפּראַך, וואָלט אים נישט גע־אַרט, אַז זי זאָל עקזיסטירן עקסקלוסיוו פאַר אַנעקדאָטן... ער אַליין האָט ליב געהאַט צו דערציילן פון צייט צו צייט וויצן אין יידיש. אונזער העלד האָט געקראָגן אַ צוטריט צו שטרייטמאַנען און ער האָט געהערט זיינע קלוגע און שאַרפע רייד, וואָס האָבן געוויזעט מיט אמתער חכמה. אָבער די רואיקייט זיינע איז געווען אַזוי גרויס און ער האָט מיט אַזעלכע קאַלטע ווערטער אָפּ־געזאָגט דעם יידישן פאָלק דאָס לעבן, אַז יאַנקל האָט אין אים דערפילט דעם משומד. ער האָט געזאָגט: „יידן איבערטרייבן וועגן זיך און מען איבער־טרייבט וועגן יידן. גויים מיינען, אַז יידן זיינען נאָך אַ פאָלק און יידן אַליין מיינען עס אויך...” שטרייטמאַן איז געווען אַ געשוואוירענער גוטער ברודער מיט אָקטאַוויאַן גאָגאַ, וואָס האָט שפּעטער מיט יאָרן געוואָלט ווערן דער רומענישער היטלער. דעמאָלט איז גאָגאַ געווען אַ פּאָליטישער אימיגראַנט אַ פּאָעט. ער איז אַנטלאָפן פון טראַנסילוואַניע, ווייל ער איז געווען אַ רומע־נישער אירידענט און מען האָט אים אַרעסטירט. ער איז געווען אַ ברוינער מאַן מיט גרויסע, פאַרחלומטע, פייכטע קיילעכדיקע אויגן, וואָס האָבן שטענ־דיק אויסגעזען איבערגעשראָקן. ער איז געווען אַ מיטלמעסיקער פּאָעט און אַ נאָך מער מיטלמעסיקער זשורנאַליסט. באַרימט האָט ער זיך געמאַכט מיט איין לידל, וואָס האָט געהייסן „לאַ נאָ” (ביי אונז). דאָס דאָזיקע לידל האָט דערציילט, וואָס עס טוט זיך אין טראַנסילוואַניע און ס'האָט געזאָגט: „ביי אונז זיינען פאַראַן גרינע וועלדער פון נאָדלבוימער און פעלדער פון זייד, ביי אונז זיינען פאַראַן אַזויפיל שמעטערלינגען און אַזויפיל קלאָג אין הויז. נאַכטיגאַלן פון אַנדערע לענדער קומען הערן ביי אונז די דאָינע, ביי אונז זיינען פאַראַן לידער און בלומען און טרערן אַ סך, אַ סך...” דאָס דאָזיקע לידל האָט געהאַט אַ האַרצרייסנדיקע מעלאָדיע אין דאָינע־סטיל און די אַנ־טאַנט־פּאָליטיקער האָבן עס שטאַרק אויסגענוצט. מען האָט דאָס איינגעפירט אין פאַרשיידענע טעאַטער־רעוויס, מען האָט עס געשפּילט און געזונגען אין די אָרקעסטערס פון די רעסטאָראַנען און קאַפע־הייזער און אפילו פון די שאַנטאַנען. שיכורערהייט פאַרטאָג האָט מען דאָס דאָזיקע מעלאָדראַמאַטישע ליד געזונגען. די סאָציאַליסטישע ציימונג האָט אָנגעוויזן, אַז אין „רעגאַט” אַליין איז גענוי פּונקט אַזוי ווי אין טראַנסילוואַניע און איידער מען גייט באַ־פרייען די רומענער פון יענער זייט, דאַרף מען פריער באַפרייען די רומע־נער פון דער זייט... גאָגאַ איז נאַטירלעך געווען אַ גרויסער אָנהענגער פון דער אַנטאַנט און ער האָט אויך געקראָגן אַ פיינעם געהאַלט נישט נאָר פון

די גרויסע צייטונגען „דימינעאצא" און „אדעווערול", וואָס האָבן זיך אויפ־
געהאַלטן פון יידישע לייענער, נאָר אויך פון די פראַנצויזישע אַגענטן האָט
ער געקראָגן זיין געהאַלט. אָבער מער ווי מיט דעם איינעם לידל האָט ער
קיין שום רושם נישט געמאַכט און ער איז פאַרלאָשן געוואָרן נאָך איידער ער
האָט זיך אָנגעצונדן. די קריטיק האָט אים ווי אַ פּאָעט אין גאַנצן צונישט
געמאַכט.

צווישן די זשורנאַליסטן האָט פאַרנומען אַן אָנגעזען פּלאַץ בראַנישטעאַנו,
וואָס האָט פון געבוירן געהייסן ברוינשטיין. מען האָט געזאָגט, אַז ער איז
געווען דער געלערנטסטער רומענישער זשורנאַליסט. ער האָט געקענט דייטש,
פראַנצויזיש, ענגליש, אָבער זיין בילדונג האָט ער געקראָגן אין דייטש. ער
האָט אויסגעלייענט די גאַנצע „רעקלאַם"־ביבליאָטעק. ער האָט געקענט לי־
טעראַטור און פילאָזאָפיע נישט ווייניקער ווי פּאָליטיק און עקאָנאָמיק. ער
איז דעמלט געווען אַ מיטליעריקער מאַן און דאָס מעפיסטאָ־בערדל, וואָס ער
האָט געטראָגן, האָט אים געמאַכט אויסזען עלטער. ער איז געווען אַ הויפּט־
מיטאַרבעטער אין „דימינעאצא" און „אדעווערול", אָבער צוליב דעם, וואָס
ער איז געווען אַ גערמאַנאָפיל, האָט מען אים באַזייטיקט פון דער אַרבעט.
ער האָט זיין גרויס געהאַלט (נישט קלענער פון אַ מיניסטער־געהאַלט) גע־
קראָגן, אָבער זיינע אַרטיקלען האָט מען נישט געדרוקט. ער איז געווען דער
איינציקער אין דעם פּרט. געווען אַ סך אַזעלכע ווי ער. אויך סאַראַציאַנו, אַ
יונגער זשורנאַליסט, וואָס האָט געענדיקט פילאָזאָפיע און ליטעראַטור אין
דייטשלאַנד און ער האָט געהאַט אַ שם ווי איינער פון די בעסטע ליטעראַטיקל־
שטרייבער, איז געווען אָפּגעשטעלט פון דער אַרבעט צוליב זיין גערמאַנאָ־
פיליזם. סאַראַצעאַנו איז אויך געווען אַ ייד, ער האָט געהייסן זעלצער און ער
איז געווען אַ שוואָגער פון משה שוויג, דער רעדאַקטאָר פון „קוריערול איז־
ראַעליט" און ער איז געווען אַ ציוניסט און אַן אָנהענגער פון דעם „פאַר־
באַנד פון די איינגעבירגערטע רומענישן יידן" און ער האָט מיטגעאַרבעט
סיי אין דער „אינפראַצירעאַ", סיי אין „קוריערול איזראַעליט". בראַנישטעאַ־
נו האָט זיך מיט יידישקייט נישט געוואָלט אָפּגעבן און ער איז אַרומגעגאַנ־
גען אַ צוריקגעצויגענער און ער האָט אויסגעזען ווי אַ שאָטן און ער האָט גע־
זוכט קענטשאַפט מיט גאָר יינגעטשקע מיידעלעך. ער פלעג טרויעריק שמייכ־
לען און אַ זאָג טאָן, אַז זיין צייט וועט נאָך קומען. פון די גאָר באַרימטע
שישקעס צווישן די זשורנאַליסטן זיינען געווען די צוויי ברידער, וואָס איי־
נער האָט זיך גערופן מיט דעם יידישן נאָמען האַניקמאַן או דער צווייטער
האָט זיין נאָמען איבערגעזעצט און זיך גערופן פאַגורע. דער ערשטער איז
געווען מער ווי אַלץ אַ טעאַטער־קריטיקער און אומצופרידענע אַקטיאָרן און
אַקטריסעס האָבן געפּליאַטקעוועט וועגן אים און דערציילט מוראַדיקע זאַכן,
וואָס זיינען צום מערסטן געווען אויסגעטראַכט. ווען האַניקמאַן האָט נישט

געליבט געגנג אַ יונגע אַקטריסע, האָט זי באַלד געזאָגט, אַז ער האָט זיך געטשעפּעט צו איר. און אַ יונגער אַקטיאָר האָט יאָקאָס אויך געקענט זאָגן, אַז ער האָט זיך געטשעפּעט צו זיין כלה. דעם שם פון דעם גרויסן זשורנאַליסט האָט געהאַט דער עלטערער פאַגורע, וואָס איז געווען אַ געפּאַקטער מאַן ביי דער סוף פון דער מיטליעריקייט מיט אַ גרוי קמץ־בערדל און מיט אויסגעלאָשענע און שטעכיקע אויגן. ער איז געווען אַ פאַרביטערטער סעגנער פון ציוניזם און פון יעדן סאָרט יידישן נאַציאָנאַליזם און ער האָט אונזער העלד איין מאָל געזאָגט, אַז ווען ער וואָלט געקענט, וואָלט ער אַלע יידישע נאַציאָנאַליסטן אַרעסטירט, ווייל זיי שטעלן זיך קעגן דעם גאַנג פון דער געשיכטע. די פראַנצויזישע דעקלאַראַציע וועגן מענטשן־רעכט, האָט, פלעג ער שרייען, געמאַכט אַ סוף צו יידן...

אַ שם ווי אַ גרויסער זשורנאַליסט האָט געהאַט ס. לאַבין, וואָס איז געווען דער פאַקטישער גרינדער פון דעם „פאַרבאַנד", וואָס האָט געקעמפט פאַר יידישער גלייכבאַרעכטיקונג. ער איז אויך געווען דער רעדאַקטאָר פון דער „אינפּראַצירעאַ" — דעם אָפיציעלן אָרגאַן פון דערמאַנטן „פאַרבאַנד". אין דער אַלגעמיינער פּרעסע פון לאַנד האָט ער זיך דעמלט נישט באַטייליקט. ער האָט געהאַט אַ שם ווי איינער פון די בעסטע רומענישע סטיליסטן. ניקאָלאַי יאָרגאַ פלעג אָנווייזן, אַז אין אַלע צייטונגען זיינען פאַראַן אָן אַ שיעור שפּראַך־פעלערן און ער האָט געמוזט מודה זיין מיט ציינקריצעניש, אַז די איינציקע צייטונג, וואו עס זיינען נישט פאַראַן קיין שפּראַך־פעלערן איז די יידישע „אינפּראַצירעאַ". ס. לאַבין איז געווען אַ קליינער, אַ שטורמישער, אַ טעמפּעראַמענטפולער און ער האָט געהאַט אַ סך מאָל חריפותן פון אַ רב. ער איז געווען אַ סאָציאַליסט, אָבער ער האָט געהאַלטן, אַז יידן דאַרפן זיך נישט מישן אין דער פּאָליטיק ביז וואַנען זיי וועלן נישט אויסקעמפן קיין גלייכבאַרעכטיקונג. ער האָט געהאַלטן, אַז דער „פאַרבאַנד" האָט אויסגעלערנט די רומענישע יידן דעם אלף בית פון זעלבסטשטענדיקייט און באַוואוסטזיניק דענקען און ער האָט אָפּט זיך געקלאָגט זייער טאַקטיש, אָבער אויך גאַנץ קלאָר, אַז ער האָט נישט לעבן זיך קיין פּעאיקע מענטשן. זיין אַרבעט איז פאַרט געווען אַ שתדלנותדיקע און זיין „פאַרבאַנד" האָט זיך אָפּגעגיבן מיט שרייבן פּעטיציעס. ווען לעאָן טראָצקי איז מיט אַ צייט פריער געהאַט דורכגעפאָרן בוקאַרעשט, האָט זיך לאַבין געטראָפן מיט אים צוליב זיין פריינטשאַפט מיט ראַקאָווסקין. דער באַרימטער רוסישער אַרבעטער־פירער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דער אַרבעט פון „פאַרבאַנד" און לאַבין האָט אים געזאָגט, אַז ער קעמפט פאַר גלייכבאַרעכטיקונג. טראָצקין האָט דאָס וואָרט „קעמפט" פאַראינטריגירט און ער האָט זיך וועגן דעם נאָכגעפרעגט און ווען ער האָט זיך באַקענט מיט דעם כאַראַקטער פון פאַרבאַנדטעטיקייט, האָט ער אַזוי אָנגעקוקט לאַבינען, אַז יענעם איז קאַלט געוואָרן

און ער האט געפרעגט זיין גאסט, וואס ער קוקט אזוי. טראצקי האט געענט־
פערט, אז ער קוקט, צי ער טראגט נישט קיין „צוואנוס־יאקע" (משוגעים־
העמד). לאבין האט בעת יענעם שמועס גערעדט יידיש און טראצקי — דייטש.
לאבין איז געווען זייער היימיש מיט ראקאווסקין, אבער זיי האבן אפט פא־
לעמיזירט אויף דעם שארפסטן אופן און זיך אריינגעזאגט אויך פערזענלעך.
עס האט אמאל פאסירט, אז דר. קריסטיאן ראקאווסקי איז א גאנצע נאכט
אפגעזעסן ביי לאבינען און ווען דער באלעבאס איז פארטאג געגאנגען בא־
גלייטן זיין גאסט און אין איין וועג קויפן די פרימארגן צייטונגען, האט ער
אין סאציאליסטישן ארגאן געטראפן א שארפן ארטיקל קעגן „פארבאנד" און
זיין סעקרעטאר, וואס איז געווען פול געחתמעט פון קריסטיאן ראקאווסקי...
ס.לאבין האט געזוכט עכטע רומענער, וואס זאלן ארויסטרעטן פאר יידישער
גלייכבארעכטיקונג און ער האט זייער זעלטן געטראפן אזעלכע, וואס זאלן
האבן מוט. צווישן פיר אויגן האבן די מערסטע שריפטשטעלער און פאליטי־
קער זיך ארויסגעזאגט בלב ונפש פאר די יידן, אבער ארויסטרעטן עפנטלעך,
האבן זיי נישט געהאט קיין מוט. נאר איין שריפטשטעלער האט ער באוווירקט.
ער האט געהערט צו דער יונגער גרופע ליטעראטן און זשורנאליסטן, וואס
איז דעמלט געווען „אן וואג". ער האט געשריבן רעאליסטיש־ראמאנטיש און
צווישן די פראזע־שרייבער האט ער פארמאגט דעם עכטסטן רומענישן סטיל.
מען האט אים פארויסגעזאגט א גרויסע צוקונפט און אייניקע האבן גאר גע־
זאגט, אז ער וועט ווערן דער גרעסטער רומענישער דערציילער. ער איז דעמלט
געווען א מאן אין די טיפע דרייסיקער און ער האט געטראגן א לאנגע בארד,
וואס האט שוין אנגעהויבן גרוי ווערן. ער האט געענדיקט א גלחים־סעמינאר
און ער איז שוין א שטיק צייט געווען א גלח, אבער ער האט אנגעהויבן ווערן
א וואלטעריאנער און ער האט אויסגעטאן די ריזע. ביי די רעליגיעזע איז ער
געווען אין חרם. אבער ער איז לאנג נישט געווען קיין אפיקורס, ער איז גע־
ווען א רעליגיעזע נאטור און ער האט גיך אנגעהויבן בענקען צוריק. ווען לא־
בין האט אים פארגעלייגט ארויסצוטרעטן אויף א מיטינג פאר יידישער
גלייכבארעכטיקונג, האט ער זיך אפגעטרייסלט מיט שרעק. שפעטער איז ער
ווייכער געווארן און ער האט געזאגט, אז ער איז גרייט צו גיין ריידן, אבער
ער וועט זאגן די יידן, אז זיי זאלן זיך שמדן, וועט מען זיי מאכן פאר אמתע
רומענער. דער קלוגער לאבין האט שווער געדארפט הארעווען מיט אים, ביז
וואנען ער האט ביי אים געפועלט, אז ער זאל נישט ריידן וועגן שמד, נאר
וועגן — אסימילאציע. די יידן דארפן זיך אסימילירן נאציאנאל, אבער נישט
רעליגיעז. די רומענער פון „רעגאט" זיינען פראוואסלאווע און די רומענער
פון טראנסילוואניע זיינען קאטאליקן, זיינען זיי דען נישט פון איין נאציע?
און כאטש גאלא גאלאקטיאן האט אין זיין רעדע מער אפעלירט צו די יידן,
אז זיי זאלן זיך אסימילירן, ווי צו דער רעגירונג, אז זי זאל גיבן די יידן

גלייכבארעכטקונג, האָט מען אים באַלד גענומען דערקלערן אין די אַנטיסע־מיטישע קרייזן, ווי אַ „זשידאָוויט" (פּאַרקויפטער צו יידן) און זיין גורל איז אין אַ גרויסער מאָס שוין געווען געחתמעט...

גאַלאַ גאַלאַקטיאָן איז אַריין אין דער ליטעראַטור אויך אין איין צייט מיט דעם שוין דערמאָנטן אוואַנטוריסטישן זשורנאַליסט ג. ד. קאַטשעאַ און דעם דיקטאַטאָר טודאָר אַרגעזי. אַלע דריי זיינען זיי אין איין צייט אַנגעקומען פון פאַרשיידענע טיילן לאַנד קיין בוקארעשט, אַלע דריי האָבן זיך אָנגע־הויבן דרוקן אין דער זעלביקער צייט און אין די זעלביקע מאָדערניסטישע זשורנאַלן און אַלע דריי האָבן געשוואוירן צו אָפּהיטן די פּרינציפּן פון פריי־הייט און גערעכטיקייט און אַלע דריי האָבן אַ היפּשע צייט געהונגערט און געקראָגן צומאָל הילף פון יידישע מעצענאַטן. באַלד נאָכן קריג־אויסברוך האָבן זיך קאַטשעאַ מיט אַרגעזין צעקריגט, ווייל זיי זיינען געווען אין פאַר־שיידענע לאַגערן. דער זשורנאַליסט איז געווען פאַר דער אַנטאַנט און דער דיכטער פאַר די צענטראַלע מאַכטן. איינער האָט דעם אַנדערן באַשולדיקט אין פאַרקויפטקייט, אָבער דערמיט האָט זיך די דאָזיקע פּאָלעמיק נישט פאַר־ענדיקט. יעדער האָט אָנגעהויבן דערציילן „סודות" וועגן צווייטן און איינער האָט אַרויסגעוואָרפן מוראדיקע מיאוסקייטן אויף דעם צווייטן. קיין וואָרט האָט ביידע נישט געפעלט. אַרגעזי איז אַ צייט באַטראַכט געוואָרן ווי דער גרעסטער דיכטער פון רומעניע און ער האָט באמת פאַרמאָגט אַ ווילדע רייכ־קייט אין מעטאַפאָרן און ער האָט אַלץ פאַרוועגדט אין דער פּאָלעמיק אַריין. די ביימער האָבן זיך ביי אים צעבליט צו שרייען, אַז קאַטשעאַ איז אַ נידער־טרעכטיקער מענטש און די ערד האָט זיך געשפּאָלטן און שטערן זיינען גע־פלויגן אויף צו דערציילן וועגן קאַטשעאַס געמיינקייטן. אונזער העלד האָט שוין געליטן די קאַשמאַרע פּאָלעמיק אין דער וואַרשעווער פּרעסע צווישן יאַצקאַנען און צייטלינען, אָבער דאָס דאָזיקע, וואָס ער האָט געליטן ביז דעמאָלט און וואָס ער האָט דערנאָך געליטן זיין גאַנץ לעבן, איז נישט גע־קומען צו יענער פּאָלעמיק. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז טודאָר אַרגעזי האָט געזאָגט נישט מער און נישט ווייניקער, אַז קאַטשעאַ איז אַרומגעגאַנ־גען האַנדלען מיט זיין שוועסטער, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ שוישפּילערין אַז אָנפאַנגערין (זי איז שפּעטער מיט יאָרן באַרימט געוואָרן ווי פראַנצויזי־שע פילם און טעאַטער־אַקטריסע אונטער דעם נאָמען אַלים קאָסעאַ). גאַלאַ גאַלאַקטיאָן איז נישט געווען גערמאַנאָפיליש און נישט אַנטאַנטאָפיליש און ער האָט, ווי אַן אויפריכטיקער פריינד פון ביידן, שטאַרק געליטן און ער האָט אַפילו געפּרוּווט שלום מאַכן. האָבן ביידע זיך געווענדט צו אים, אַז ער זאָל זיין אַן עדות וועגן צווייטנס געמיינקייטן... וואַרשיינלעך האָט דאָס דאָזיקע געווירקט, אַז גאַלאַקטיאָן זאָל ווערן מער רעליגיעז און ער זאָל זיך נעמען פאַרטיפן אין דער איבערזעצונג פון דער עוואַנגעליע. און כאָטש ער

איז געוואָרן אַלץ מער און מער רעליגיעז. האָט ער זיך פון דעסט וועגן שוין געהאַט געחברט נאָר מיט יידן. ער האָט שוין געהאַט פאַרעפנטלעכט אין דער „אינפראַצירעאַ" אַ ריי אַרטיקלען, אין וועלכע ער האָט פאַרלאַנגט גלייכבאַרעכטיקונג פאַר די יידן, ווייל זיי זיינען עכטע רומענער און ער האָט זיך שוין דערמיט אין גאַנצן געיידישט...

יאַנקל האָט זיך געטראָפן מיט גאַלאַקטיאָנען ביי זיסון אין הויז צו אַ נאַכטמאָל. ער האָט שוין דעמלט געהאַט אַ גרויליכע באָרד, אָבער די אויגן זיינען ביי אים געווען יונג; ער האָט אויסגעזען ווי אַן אַפּאָסטאָל און ווי אַ הייליקער מאַן, וואָס ראַנגלט זיך מיט שווערע ניסיונות. ער פלעג זיך צומאָל פאַרקוקן מיט אַזאַ הונגעריקייט אויף מאַדאַם זיסום צו גרויסן דעקאָלטע, אַז ער פלעג זיך אַזש איבערצלכמען אויף צו באַפרייען זיך פון די מחשבות זרות. ער איז באַלד געוואָרן גאָר היימיש מיט אונזער העלד, ספּעציעל צוליב דעם, וואָס ער האָט געקענט העברעאיש. גאַלאַקטיאָן האָט געקענט העברעאיש אויף דעם שפּיץ מעסער (דער שם צווישן יידן איז געווען, אַז ער איז אַ גרויסער למדן) און ער האָט אָפט געדאַרפט אַ הילף צו דער עוואַנגעליע איבערזעצונג און דערצו האָט ער זיך נאָך געקליבן איבערצוזעצן די ביבל אויך. ער האָט יאַנקלען באַלד אַ נאָמען געגיבן „אפיקורס" (טאַקע אויף יידיש) און ער האָט אין דעם דאָזיקן וואָרט אַריינגעלייגט אַ סך צערטלעכקייט. ער האָט זיך פאַר אונזער העלד געקלאָגט, אַז די עוואַנגעליע און תנ"ך איבערזעצונגען אין רומעניש זיינען מוראדיק עם האַרציש און ער האָט געהאַלטן, אַז אָן דער הילף פון אַ גוטן העברעאיסט טאָר מען נישט איבערזעצן ביידע טעסטאַמענטן. שוין ביי דער ערשטער באַגעגעניש האָט גאַלאַקטיאָן דערציילט יאַנקלען, אַז אין דער עוואַנגעליע שטייט, אַז יעזוס איז געגאַנגען אַ „שבת וועג" און ער האָט זיך אומגעקערט און ער פאַרשטייט נישט, וואָס עס מיינט. און ווען גאַלאַקטיאָן האָט געהערט, אַז אום שבת טאָר מען נישט גיין אַרויס פון דער שטאָט מער ווי צוויי הונדערט איילן און אַז דאָס דאָזיקע ווערט אָנגערופן אַ „תחום שבת", איז ער אַרויס פון די כלים... זיסו האָט שוין געהאַט היפּש באַאיינפלוסט גאַלאַקטיאָנען פאַרן ציוניזם און יענער איז שוין געפלויגן אין הימל אַריין און ער איז געווען גרייט צו באַזעצן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אין ציון און ער איז גרייט געווען צו שרייבן וועגן דעם אַ סעריע אַרטיקלען. און ווען ער האָט פון אונזער העלד געהערט, אַז ס'איז דאָ אַ רייכע ליטעראַטור אין יידיש, איז ער שוין גאָר צעטומלט געוואָרן. ער האָט געמיינט, אַז יידןריידן נאָר אין יידיש און שרייבן, שרייבן זיי אין העברעאיש און אין די אייראָפּעאישע שפּראַכן. יאַנקל האָט דעם רומענישן שרייבער באַקענט מיט שטערנבערגס לידער און מיט גראָפּערס און צו זיינע היתפּעלות איז קיין גרעניץ נישט געווען. און ווען ער האָט געהערט אונזער העלדס אַ ליד „מאַמע בעסאַראַביע", האָט ער זיך שוין אין גאַנצן פאַרלוירן און ער האָט נישט

פאַרשטאַנען ווי אַזוי אַ ייד קען אָנרופן בעסאַראַביע מאַמע, ער האָט פאַר־שטאַנען, אַז די מאַמע פון אַ יידן איז נאָר ציון. ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי קען עס אַ מענטש האָבן צוויי מאַמעס... יאַנקל האָט דעמלט געזאָגט, אַז ס'איז נישט נאָר שווער צו זיין אַ ייד, נאָר ס'איז אויך שווער צו פאַרשטיין אַ יידן.

ביי זיסון האָט זיך אונזער העלד אויך געטראָפן מיט דעם דיכטער באַר־בו נעמצעאַנו, וואָס איז געווען אַ גאַלאַצער ייד און ער האָט פון דער היים אַרויס געהייסן בערל דייטש. ער איז געווען אַ הויכער, שלאַנקער יונגער מאַן, אַ טונקל־הויטיקער מיט טיף בלויע אויגן. ער איז געווען הוילע פאַרחלומט־קייט. אין דעם איינהויקערן די פלייצעס זיינע איז געווען פאַרחלומטקייט. זיין יעדע באַוועגונג איז געווען ריטמיש. ער איז נישט געווען קיין טיפער דיכטער, אָבער אַ זעלטן האַרציקער. ער האָט פאַרמאָגט היינעס זיסקייט, אָבער נישט זיין ביטערקייט און נישט די געפליגלטקייט זיינע. ער איז געווען אַ קינדישער היינע. באַרימט איז געווען זיינס אַ ליד, וואָס האָט געהייסן „גאַלאַץ" און וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער „אָ, גאַלאַץ, שטאָט, וואָס דו ביזט פול מיט הענדלער, אין דיר לעבט דער פּאָעט ווי אין סדום". ער האָט זיין יוגנט אויסגעהונגערט אין דער דערמאָנטער פּאָרט־שטאָט און ער איז אַ דאַנק זיין שווער לעבן געוואָרן שווינדזיכטיק. די קראַנקייט האָט שוין אַרויסגעשטראַלט פון זיין גאַנצן מהות און זי האָט אים געמאַכט נאָך מער צאַרט און פאַרחלומט. ער האָט זיך כסדר אַרומגעטראָגן מיט חלומות אָנצושרייבן גרויסע ווערק, אָבער פאַרמאָגט האָט ער נאָר איין מאָטיוו — זיין בענקשאַפט. ער האָט דאָס דאָזיקע געפיל שוין אַזויפיל מאָל אויסגע־זונגען, אַז ער איז שוין אַזש אַליין מיד געוואָרן און אָנשטאָט ליריש האָט ער עס געגנומען זינגען איראָניש און ער האָט געשמייכלט פון זיין בענקשאַפט. ער האָט אין זיין פאַמיליע איבערגעלעבט אַ טראַגעדיע. זיין פרוי איז געווען אַ נייטאָרין, ווען זיי זיינען געווען פאַרליבט, איז זי געווען די צאַרטקייט אַליין, אָבער ווען ס'איז געקומען די פּראָזע פון נאָך דער חתונה, איז זי גע־וואָרן, האָט ער דערציילט און דערביי געלאַכט מיט טרערן, אַן אמתע קסאַנ־טיפּע. זי האָט ביי אים פאַרלאַנגט דאָס פּראָזאַישע, כאָטש נעם און ווער אַ סוחר, אָדער אַ פאַרקויפער. און ער האָט דערביי דאָך פאַרדינט אויף פּרנסה, הגם זייער באַשיידן. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז ער האָט אויף זיין פרוי אויפגעהויבן די האַנט. ער, דער דיכטער־פּאַזש, דער באַזינגער פון פרויען... ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט דעם געדאַנק צו אָנשרייבן אַ טראַגעדיע פון דער דאָזיקער איבערלעבעניש זיינער, אַ טראַגעדיע, וואָס זאָל נישט האָבן די פּינצטערניש פון סטרינדבערגס „פּאַטער", אָבער וואָס זאָל דאָך שטעלן די פראַגע מאַן־ווייב אויף דער שאַרף פון אַ שווערד און ביידע שטעלן פאַר דעם געריכט פון דעם אמתן מענטשלעכן געפיל.

יעקב שטערנבערג איז שוין דעמלט געווען א געשוואוירענער גוטער ברודער מיט דעם דיכטער בארבו לאזארעאנו. וואס האט זיך צוליב דער מילחמה אומגעקערט פון פאריז. די רעגירונג האט אים טאקע געהאט ארויס־געשיקט פון לאנד, אבער צוליב דעם קריג האט זי אים געמוזט צוריק אריינ־לאזן. די פריינטשאפט צווישן שטערנבערגן און לאזארעאנון האט מיט דער צייט אנגענומען אויסערגעוויינלעכע פראפארצן, זי איז געווארן א מין אהבת דווד ויהונתן, כאטש אין דער מיט איז מיט דער צייט געקומען צו אזא אי־בערלעבעניש וואס האט געקענט אריינברענגען א שינאה צווישן ביידע. אונ־זער העלד שוויגט דא צו, ווייל ער שרייבט נאר ז יי נ ע זיכרונות. לא־זארעאנו איז דעמלט געווען א מענטש אין די טיפע דרייסיקער און ער האט נאך אלץ אויסגעזען ווי א קינד מיט א שפיצעכיקער נאז און מיט א גרויסן שטערן. פון צייט צו צייט, אין מאמענטן פון גרויסע אנשטרענגונגען, האט ער שוין אויסגעזען אויך ווי א זקן. ער איז געווען פול מיט פרייד און ער האט זיך אפט געשפילט מיט די אימפראוויזאציעס און ער האט זיי אויך גע־מאכט אין יידיש. ער האט אין געזעלשאפט געשאפן יידישע לידלעך אין איינעם מיט די מעלאדיעס. ער האט געמאכט א לידל וועגן דעם ווי גאט איז דער טא־טע, דער הימל איז די מאמע און דער טאטע ווערט בייז און ער נעמט שלאגן די מאמע און ס'וואקסן דערפון אויס די בלאטערס די — ליכטיקע שטערן, האט דאס דאזיקע לידל געהאט אלע טעמים. בכלל האט בארבו לאזארעאנו שוין דעמלט נישט געשריבן קיין לידער און ער האט זיך אפגעגעבן מיט ארכיוו־אר־בעט, וואס האט געדארפט צוגרייטן די געשיכטע פון דער רומענישער ליטע־ראטור. ער האט די ארכעאלאגיע זיינע פארעפנטלעכט און מען האט זי גע־שמאקער געלייענט ווי שונד־ראמאנען. ער האט געהאט א קאלאסאלן כוח לעבעדיק צו מאכן אפגעשטארבענע דורות און מענטשן און צו מאכן, אז שימל זאל קריגן א ריח פון בליען. ער האט אין זיין שרייבן פארמאגט אזא לייכטן לירישן הומאר, וואס האט געמאכט גוט אויף דעם הארצן. ביי אים אין שטוב האט אונזער העלד פארבראכט אזוי אפט ווי ביי זיסון און די פאר־וויילונגען זיינען דא געווען א סך היימישער און הארציקער. ביים מיליאנער אין שטוב האט מען געמוזט אין א היפשער מאס זיצן אנגעצויגן און יאנקל איז געווען דער איינציקער, וואס ער האט זיך דארט דערלויבט געוויסע בא־העמישע פרייהייטן. שאפן א קאנטאקט צווישן די צוויי הייזער איז געווען אוממעגלעך. לאזארעאנו איז געווען אנטי־ציוניסטיש און זיסו — אנטי־סא־ציאליסטיש. גראפער האט זיך דעמלט אויך געדרייט אין בוקארעשט און ער איז שוין נישט געווען שטארק באפריינדעט מיט זיסון, כאטש ער האט אמאל געשריבן, אז ער ווינטשט גליק נאר איינעם פון ביידען, ווייל אז איינער וועט זיין גליקלעך, וועט שוין דער צווייטער אויך זיין גליקלעך... עס איז זיך גע־קומען באזעצן אין בוקארעשט לאסקאר שאראגא, וואס איז געווען א גענג־

דיקטער אַדוואָקאַט און ער האָט חתונה געהאַט אויך פֿאַר אַ נישט אָרימער און זייער שיינער און גראַציעזער פֿרוי. די פֿרויען פֿון זיסו און שאַראַגאַ האָבן זיך באַלד צעקריגט איבער אַ קלייניקייט און דער גאַנצער יאַסיער דרייַ-לינג, וואָס האָט געזאָלט זיין אַ חוט המשולש אשר לא במהרה ינתק, איז צע-ריסן געוואָרן צוליב רייכקייט און צוליב פֿרויען. דאָס לעבן אַליין האָט געלי-פֿערט אַ ראָמאַן, וואָס אונזער העלד האָט אָנגעהויבן שרייבן און קיינמאָל נישט פֿאַרענדיקט. נעמצעאַנו האָט אָנגעשריבן אַ סקיצע וועגן דעם ווי צוויי פֿרויען פֿון צוויי געשוואוירענע גוטע ברידער צעשטערן אַ פֿריינטשאַפֿט פֿון אַנדערטהאַלבן צענדליק יאָר צוליב אַ קלייניקייט. די פֿרויען האָבן זיך דער-קענט, אָבער דער קראַנקער דיכטער האָט עס געמאַכט אַזוי צאַרט און ער איז געווען אַזוי קראַנק, אַז זיי האָבן אים מוחל געווען און ער איז ווייטער גע-בליבן אַ היימישער ביי זיסון אין שטוב.

אונזער העלד איז געוואָרן אַ היימישער אין די צענטראַלע גאַסן פֿון דער הויפּטשטאָט און ער איז געווען אַן אָפֿטער אַריינגייער נישט נאָר אין דעם באַהעמישן קאַפֿע „טעראַסע", נאָר אויך אין דעם עלעגאַנטסטן קאַפֿע „קאַפּ-שאַ", וואוהין עס פֿלעגן אַריינקומען די רייכסטע און איינפֿלוסרייכסטע פֿאַ-מיליעס פֿון שטאָט און וואו עס האָבן זיך געדרייט האַלב-וועלט דאַמען פֿון גאָר הויכן ראַנג, וועלכע האָבן געהאַט אַ השפּעה אין די העכסטע ספֿערן פֿון פּאָליטיק, פֿינאַנצן און קונסט. אייניקע פֿון די דאָזיקע דאַמען זיינען מיסתמא אויך געווען שפּיאָנקעס פֿאַר ביידע צדדים. זיסו האָט געהאַט אַ צעטל פֿון עטלעכע שרייבער, וועלכע ער האָט אויסגעהאַלטן ווי אַ מעצענאַט און אונ-זער העלד האָט זיך אָפּגעזאָגט צו בלייבן פֿאַר שטענדיק אויף יענעם צעטל, אָבער אויף איין חודש האָט ער מיט זיין הילף זיך באַקענט מיט דעם בוקאַרעש-טער לעבן דורך און דורך. ער האָט זיך באַקענט מיט דעם נאַכט-לעבן פֿון די רייכסטע קאַבאַרעטן און פֿון די אָרימסטע שענקלעך און הייזלעך. ער האָט זיך באַקענט דורך און דורך מיט דעם הויפּט מאַרק פֿון שטאָט, וואָס האָט געהייסן „פּיאַצאַ מאַרעאַ", אָדער „האַלאַ טראַיאַן", וואו מען האָט געקענט זען מענטשן אָפּפֿאַל פֿון אַלערליי סאָרטן און וואו קליינע קינדער זיינען שוין געווען אַזוי פֿאַרדאָרבן אַזוי ווי אַלע הורן און סוטענערן און זיי האָבן דאָך נישט פֿאַרלוירן זייער קינדישן חן. דער מאַרק האָט זיך געפֿונען לעבן דעם שמאָלן טייך דימבאָוויצע, וואָס האָט דורכגעשניטן אַ האַלבע שטאָט; דאָרט איז געווען זייער נידעריק און שמוץ איז כסדר געראָנען אין טייך אַריין און נישט אויפֿגעהערט. די רומענער פֿלעגן זינגען אַ ליד:

דימבאָוויצאַ זיס וואַסער,
ווער עס טרינקט דיך,
וויל שוין נישט אַוועקגיין.

און פיגוראַטיוו איז עס געווען אמת. ווער ס'האָט פאַרזוכט דעם טעם פון בוקאַרעשט, האָט נישט געוואָלט אוועקגיין. אין יענעם אָרימען מאַרק, וואו מ'גנבֿנט זיינען אומגעגאַנגען און האָבן אויסגעזען ווי בערג מיט שמאַטעס און קינדער האָבן געפּראַוועט אָנאַניזם און פּראָסטיטוציע ביים שיין פון דער לבֿנה, האָט דאָס לעבן אויסגעזען נישט נאָר מיאוס; דראַנג צום לעבן און מיטלייד איז דאָרט געווען אַזוי פיל. געווען ביי די ערגסטע אָפּפאַלן אויך אַ מענטשלעך געפיל. אַלע האָבן דאָרט געזונגען און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ווען מען וועט אוועקנעמען דאָס שמוץ, וועט בלייבן בלויז געזאַנג.

אונזער העלד האָט זיך באַקענט מיט דעם פּראָסטיטוציע־מאַרק, וואָס האָט געהייסן „קרוטשעאַ דע פּיאַטראַ" (דער שטיינערנער צלם). ביים אַריינקומען אין יענעם געסל איז טאַקע געשטאַנען אַ שטיינערנער צלם לעבן אַ ברונעם און מען האָט געקענט מיינען, אַז מירים פון מיגדל קומט אַהין זיך וואַשן און יעזוס אַליין פאַרפעלט אויך נישט דאָרט צו זיין. אָרימע יונגעלייט זיינען צום מערסטן געגאַנגען אַהין און כאָטש זיי זיינען, דאַכט זיך, געקומען מיט פרייד און מיט געזאַנג, האָט דאָך געוויייעט אַ שרעקלעכע פּוסטקייט און אַ וויסטער טרויער פון דאָרט. נישט איין מאָל האָט אונזער העלד געטראָפן דאָרט באַקאַנטע אינטעליגענטע יונגעלייט, וואָס האָבן באַגראָבן די פּנימער אין דער ערד. אייניקע האָבן זיך געקלאָגט, אַז די צביעותדיקע געזעלשאַפט טרייבט אַהער. דער יאַסיער ליץ כאַצקל איז דעמאָלט געווען אין בוקאַרעשט. ער האָט געדאַרפט גיין דינען, האָט זיך אים נישט געגלוסט און ער איז אַנטלאָפן אין דער הויפּטשטאָט, וואָס איז געווען פול מיט רומענישע און יידישע דעזערטירן. עס איז נישט שטאַרק גוט געווען אין דער רומענישער אַרמיי מ'ען האָט דאָרט געליטן הונגער און מען האָט געכאַפּט קלעפּ. עס האָבן נישט געפעלט, צווישן די קריסטן איבערהויפּט, קיין פאַרשטאָפּטע קעפּ, וואָס האָבן נישט געקענט אויסלערנען די גרויסע סאָלדאַטסקע תורה. עס זיינען געווען ציגיינער, וואָס האָבן בשום אופן נישט געקענט זאָגן וויפל זיי זיינען אַלט. מען האָט דערציילט, אַז ווען מען האָט זיי געפרעגט אין וואָס פאַר אַ יאָר זיי זיינען געבוירן געוואָרן, פלעגן זיי ענטפערן: „הער גענעראַל, ווען איך בין געבוירן געוואָרן, בין איך נאָך געווען זייער קליין און איך קען נישט געדענקען..." כאַצקל האָט געאַרבעט אין אַ פאַבריק און ער האָט אויך געהאַט עטלעכע מרה שחורהניקעס, וועלכע ער האָט פריילעך געמאַכט. ער איז אָפט געקומען צו אונזער העלד הערן „מאי קאָ משמע לן". דער דאָזיקער ליץ איז געגאַנגען אָן בושה אין „קרוטשעאַ דע פּיאַטראַ" און ער פלעג זאָגן, אַז ער גייט „קויפן ליבע", ווייל אפילו די מיאוסע שיקסעס ווילן זיך אין אים נישט פאַרליבן.

יאַנקל האָט זיך אויך באַקענט מיט די פאַרשטעטלעך ביניאַסאַ און הערעסטרעו, וואוהין די בוקאַרעשטער פלעגן אַרויספאָרן אַ הוליע טאָן און

פרעסן און טרינקען און זינגען און ליבהאָבן אויף דעם שוים פון דער נאַטור. דער וועג צו די דאָזיקע פאַרשטעטלעך איז געווען דורך דעם באַרימטן שאַסע, וואָס הייסט אויף רומעניש „שאָסעאַ". א שפּאַציר „לאַ שאָסעאַ" איז געווען א חלום. מיט די אייגענע ווייבער איז מען נאַטירלעך נישט געפאָרן „לאַ שאָסעאַ". דער שאָסע איז געווען א שיינער, ער איז געווען ארומגערינגלט מיט ביימער און ערטערווייז זיינען געווען ביי די זייטן קליינע וועלדלעך. די שיינע פאַעטאָנען מיט די גרויסע שטאָלצע פערד פלעגן פליען אויף יענעם שאָסע ווי אָדלערס און דער קוטשער האָט קיין מאָל נישט געטאָן דאָס דאָזיקע, וואָל לוטס ווייב האָט געטאָן, ער האָט קיין מאָל נישט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. אויף יענעם שאָסע איז געווען א באַרימטער טורעם, וואָס האָט געהייסן „מיהאַנאַוויטש" און ער האָט געהאַט זעלטן צאַרטע גלאָקן. פון קלענסטן ווינט צוריר האָבן די גלאָקן געקלונגען. בייטאָג האָט מען זיי נישט גענוג געהערט, אָבער ווען עס איז נאָר געקומען דער אָוונט, האָט מען פון זיי געהערט טאַקע עפּעס א מין הימלישע מוזיק. צום בעסטן האָט מען דאָס קלינגען געהערט שפּעט ביינאַכט, ווען דער גאַנצער שטאָטישער רויש איז פאַרשוואונדן. די פאַרליבטע מענער פלעגן פאַרשיכורן זייערע הארצנס געליבטע נישט נאָר מיט חלומען און פאַרפומען און ווינען און ליקאָרן, נאָר אויך מיט דער מוזיק פון די מיהאַנאַוויטש גלעקער, וואָס האָט זיי געדרייצט פונקט אזוי ווי דאָס געזאַנג פון דעם אָפּפערעטן ליבהאָבער לעאָנאַרד, וואָס איז געווען שיין ווי א האַלבער גאָט און ער איז געווען דעם חלום פון הונדערטער טויזנטער רומענישע פרויען. ער איז געווען הויך, אָבער מיט א מאָס. איז געווען א מיטלער שאַטען, ער האָט געהאַט האַרמאָנישע שטריכן, אַן אָדלער־נאָז און העל בלויע אויגן. ער האָט נישט אויסגעזען נישט ווי קיין רומענער און נישט ווי קיין ייד, ער איז געווען א מין געמיש פון ראַסן און ער האָט געהאַט לאַטיינישן חן, סלאַווישע אָפנהערציקייט און יידישן טעמפּעראַמענט. ער איז קיין ייד נישט געווען און שפּעטער מיט יאָרן, ווען ער האָט שוין קיין דערפאָלג נישט געקענט האָבן פאַר אַלטקייט, איז ער געוואָרן אַן אַנטיסעמיט. דעמלט איז ער געווען א באַהעם און ער האָט נישט געמאַכט קיין חילוק צווישן קריסט און ייד און ער איז געווען פאַרליבט אין הונדערטער פרויען פון אַלע פעלקער און טויזנטער פרויען זיינען געווען פאַרליבט אין אים. מען האָט געזאָגט, אז ער האָט אומדירעקט א חלק אין געבורט פון א סך קינדער. ער איז נישט געווען קיין גרויסער טאַלאַנט, זיין שותף, דער קאָמיקער מאַקסימיליאַן, איז געווען א גרעסערער טאַלאַנט, יענער איז טאַקע געווען א קאָמעדיאַנט פון גרויסן סטיל, אָבער לעאָנאַרד האָט פאַרמאָגט אין זיך א זעלטענע עלעגאַנץ און א רייץ און ער איז אין גאַנצן געווען ווי א געזאַנג, וואָס וועקט צו ליבע. יונגעלייט האָבן אים נאָכגעמאַכט און זיך אָנגעטאָן אזוי ווי ער. פאַראַן אין רומעניע א ספּעציעלער טיפּ פון א לעב־יונג,

ווים מען רופט „ליקעא" (מיטן אקצענט אויף דעם לעצטן טראף. דאס ווארט איז, דאכט מיר, א טערקישם), ער איז א גאנץ איינגנארטיקער באן וויוואן, וואס פארמאגט סענטימענטאליזם. א ליקעא קען נאך האלבער נאכט בעטן אין קאבארעט בלומען און „מאמאליגוצא דע לוקס" (לוקס מאמעליגע פון פיינער קוקורוזע־מעל, געקאכט מיט א סך פוטער) און ער בעט זיי ביידע אין זעלביקן סענטימענטאלן טאן. דער „ליקעא" שטאמט, נאטירלעך, פון רייכע עלטערן, אבער עס האבן שוין באוויזן אויך ארימע צו ווערן „ליקעלעס", די זין פון די רייכע האבן אפט אויסגעהאלטן ארימע חברים, וואס האבן געקענט מאכן, אז ס' זאל זיין פריילעך. יאנקל האט א חודש נאך דעם גרויסן דורכ־פאל מיט זיין דראמע געלעבט אין בוקארעשט שיעור נישט ווי א „ליקעא". עס האבן נישט געפעלט קיין לעביונגען, וואס האבן אים געקענט און געלייענט (אייניקע זיינען געווען ציוניסטן) און זיי האבן נישט איין מאל אנגעוויזן אויף אים אין קאבארעט און זיי האבן געזאגט: ער איז א שרייבער א „ליקעא"...

אט אין יענער צייט האט יאנקל באקומען א בריוו פון מאטעסלען, וואס האט זיך געפונען לעבן פיאטרא, אין די בערג. דער אומגליקלעכער גוט־יידי־שער זון האט געבעטן זיין חבר, אז ער זאל דווקא קומען צו אים, ווייל ער האט מיט אים דורכצורעדן וויכטיקס און ער איז געפארן.עס האבן נישט געפעלט קיין חסידישע שפיאנען, וואס האבן אכטונג געגיבן, וואס זייער רבינס זון טוט, דאך האט אונזער העלד געהאט א מעגלעכקייט צו פארברייינגען מיט זיין טראגישן חבר אומגעשטערט און זיך דורכשמועסן וועגן א סך זאכן. דער גוט־יידישער זון האט געהאט א פלאן צו גרינדן א טעגלעכע יידישע צייטונג אין בוקארעשט. געלט וואלט געגיבן זיסו, כאטש ער איז א העברע־איסט; אויסער דעם האבן סיי מאטעסל, סיי יאנקל געהאט מעגלעכקייטן צו מאכן א סך געלט. דער רבנישער זון האט געהאלטן, אז כמעט אלע רו־מעניש־יידישע שרייבער קענען צוריק ווערן יידיש, מען דארף זיי נאר וועקן דערצו. ער האט צעשיקט בריוו צו אייניקע פון די דערמאנטע שרייבער און איינער פון זיי האט אים געענטפערט עפנטלעך. ער האט געהייסן פיליפ אדער־קא יענער שרייבער. אין דער היים האט ער געהייסן פרויקע אבדירקע. ער האט געהאט פארעפנטלעכט א בוך מאדערניסטישע לידער און ער האט גע־האט א באדייטנדיקן דערפאלג; אדערקא האט געשריבן זיין אפענעם בריוו צו מאטעסלען אין דעם טאן ווי מען שרייבט צו א גייסטלעכן, ער האט אנגע־הויבן מיט די ווערטער: „איך האב באקומען, רבי, דיין בריוו" און ער האט אויסגעדרוקט די בענקשאפט נאך דער צייט, ווען ער איז געווען א יידיש יינגל און ער האט געענדיקט מיט די ווערטער „פרויקע, וואו ביזטו?" מא־טעסל האט געהאט פלענער וועגן פארשיידענע ארבעטן, וואס ער וועט מאכן און ער האט געזאגט, אז ער איז גרייט צו אנטלויפן פון זיין „תפיסה" פאר

יעדן פריז. ער איז גרייט צו מאכן א וועלט־סקאנדאל. ער האט טאקע אויס־געזען ווי א העלד, וואס גרייט א שטורעם. זיינע ווערטער זיינען געווען ממש פייערדיק. ער האט גערעדט מיט צארן וועגן זיין עלטערן ברודער, וואס האט זיך געפונען ביים שטעפאנעשטער רבין, וועלכער האט אים אדאפטירט, ווייל ער האט קיין קינדער נישט געהאט. דער ברודער איז אויך אן אפיקורס, האט מאטעסל געזאגט, דאך איז ער א רבי. ער זאגט, אז ער איז א ניצשעאנער און לויט דעם דייטשן פילאזאפס טעאריע מעג דער שטארקער, דער אויבער־מענטש, טרעטן דעם קליינעם און שוואכן. לויט זיין טעאריע איז דער רבי געווען דער אויבערמענטש און די חסידים זיינען ווערעם. מאטעסל האט זיך געקלאפט אין דער דארער ברוסט און געשריגן, — אז ער וויל לעבן אויפ־ריכטיק. יאנקל איז אוועקגעפארן פארבונדן אין א בונד מיט אים און מיט א ציטער אין הארצן. שוין נישט צום ערשטן מאל אין זיין לעבן האט ער ריכטיק דערפילט א לעצטע באגעגניש מיט א פריינד. ער האט נישט געקענט וויסן, אז עס וועט באלד אויסברעכן די מילחמה און בוקארעשט וועט אריינ־פאלן צו די דייטשן און אדזשוד וועט בלייבן ביי די רומענער און מאטעסל וועט דארט קראנק ווערן אויף טיפוס און דאס שוואכע הארץ זיינס וועט נישט אויסהאלטן, אבער געפילט האט ער, אז ס׳איז די לעצטע באגעגניש. ער איז צוריקגעפארן קיין בוקארעשט א טרויעריקער.

און ווידער איז אין אונזער העלדס לעבן אריינגעקומען א פרוי. א שוועס־טערקינד סלאווע האט יאנקל געהאט אין בוקארעשט. זי איז געווען די עלטס־טע טאכטער פון זיין טאטנס עלטסטער שוועסטער. זי איז געווען כמעט אין איינע יארן מיט זיין טאטן. זי האט געהאט דריי טעכטער און איין זון. צוויי טעכטער זיינען שוין געווען אויסגעגעבן. די עלטסטע האט געוואוינט אין אן אנדער שטאט. די צווייטע האט חתונה געהאט פאר שוועסטערקינד, וואס איז באלד געווארן טובערקולאז. זי האט באוויזן צו האבן א קינד פון אים. צוליב זיין און איר געזונטקייט האט זי זיך געמוזט צעגיין מיט אים. דער זון סלא־וועס האט געלערנט אין פאריז פילאזאפיע און ליטעראטור און ער איז צו־ליב דער מילחמה צוריקגעקומען און ער איז געווארן א באנק־אנגעשטעלטער. די יינגסטע טאכטער האט געהייסן אסתר און זי איז דעמלט געווען א מיידל פון א יאר אכצן. זי איז אויך געווען א באנק־אנגעשטעלטע. ווען יאנקל איז אנגעקומען קיין בוקארעשט, האט זי געהאט וואקאציעס און זי איז געווען ערגעץ אויף א קוראָרט. ווען ער איז צוריקגעקומען פון פיאטרא נעאמץ, האט ער זי געטראפן. זי איז געווען א שלאנק מיידעלע, נישט גאר קיין הויכע און זי האט געהאט א קינדיש קעפל א העלם. דאס צארטע קינדישע פנימל אירס איז געווען קלייענדיק און דאס דאזיקע האט איר צוגעגעבן א באזונדער חן. זי האט געהאט העל־בלויע אייגלעך, וואס האבן געלאכט און געווײנט צו־זאמען און אלץ אין איר האט געפלאטערט און געציטערט און געזונגען. זי

האָט חוץ דעם טאָקע געזונגען זייער הארציק און זייער ציטערנדיק און זי האָט געשפּילט פּיאַנאָ מיט דעם פלאַטער פון אַן עכטער קינסטלערין. יאַנקל זי געטראָפן אין אַ פאַרנאַכט אין שטוב אין איינעם מיט איר מאַמען. דער ערשטער בליק איז ביי ביידן געווען ווי אַן עלעקטרישער אויפריים. דער שכּועס, וואָס זיי האָבן געפירט האָט אין זיך באַלד געהאַט פאַרשיכּורנדיקס. און ווען די מאַמע איז אַרויסגעגאַנגען אין קיך אַריין, האָבן זיי זיך ביידע צוזאַמענגעקלעפּט, אַז זיי האָבן קיין כּוח נישט געהאַט זיך אָפּצוטיילן איינער פון אַנדערן, כאָטש זיי האָבן געפילט, אַז די מוטער קען צו יעדער צייט אַריינקומען. און שוין אויף מאָרגן האָבן זיי זיך באַשטעלט אין אַ ראַנדעוואו. ער האָט זי אָפּגעוואַרט ביים אַרויסגאַנג פון דער באַנק און ער איז געגאַנגען מיט איר אין אַ גרויסאַרטיקן קאַפע אויף דער הויפּט־גאַס און דערנאָך איז ער געפאָרן מיט אַ שפּאַציר צום שאָסע. און ערשט איצטער האָט ער דערפילט, אַז ער „שפּילט אַ ליבע", אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן. ער האָט זיך פאַר קיינעם נישט באַהאַלטן מיט זיין ליבע צו זיין גליד־שוועסטערקינד. סלאָווע, אסתּרס מאַמע, האָט אויף אים גענומען קוקן ווי אויף דעם חתן פון איר מוזינקע או זי האָט געבעטן גאָט, אַז דאָס זאָל זיין מיט מער מזל ווי איר צווייטע טאָכטער, אַדעלאַ, האָט, נישט דאָ געדאַכט, געטראָפן. די גאַנצע פאַמיליע האָט גענומען ריידן, אַז יאַנקל איז אַ חתן און באַקאַנטע האָבן אויך גערעדט וועגן דעם. זיי פלעגן אים זאָגן די באַקאַנטע, אַז זיי האָבן אים געזען מיט זייער אַ שיין מיידל און זיי האָבן אים גוטמוטיק צוגעוואונקען מיט די אויגן און געוואָרנט מיט די ווייז־פינגער. ער האָט מיט זיין חבר שטערנבערג גערעדט וועגן זיין ליבע און ער האָט זיך געמאַכט פּלענער וועגן חתונה האָבן און וועגן אַרויסגיבן אַ צייטונג אין יידיש, וואָס קען אין בוקאַרעשט אַליין אויך האָבן אַ סך לייענער, אָבער אין דער פּראָווינץ קען זי האָבן אַ סך מער.

אסתּר איז געווען אַ טאָכטער פון אַ שוחט. איר פאָטער, דוד סופרין, איז געווען אַ ברודער פון דעם יידיש־העברעאישן שרייבער, דעם איין־אויגיקן בערל סופרין. אסתּרס פאָטער איז געשטאָרבן, ווען זי איז נאָך געווען אַ קליינע, געוואוינט האָבן זיי אין קראַיאָווע, אין דער הויפּטשטאָט פון אָלטעניע, וואו די יידן זיינען שפּראַכלעך געווען אַסימילירט און וואו עס האָבן געלעבט אַ סך שפּאַניאָלישע יידן און זי האָט געקענט גאַנץ ווייניק יידיש. די עלטערע שוועסטער האָבן בעסער גערעדט מאַמע־לשון פון איר. יאַנקל האָט שוין דעמאָלט גערעדט גאַנץ פריי רומעניש, אָבער מיט דער דאָזיקער, וואָס ער האָט זיך געקליבן פאַר זיין לעבנס־באַגלייטערן, האָט ער גערעדט נאָר יידיש און ער האָט זי געלערנט לייענען און שרייבן און זינגען יידיש. זי האָט גיך אויסגעלערנט זיין גאַנצן רעפּערטואַר און זי האָט אייניקע לידער געזונגען מיט אַזאַ פלאַטערנדיקן חן, אַז ס'איז געווען אַ גרויס פאַרגעניגן צו הערן. ער האָט איר געלייענט שלום עליכמען און פּרצן און ביאַליקן און די

גאַנצע שטוב איז פול געווען מיט יידישער ליטעראַטור. עס פלעגן אַריינקומען שכנישע מיידלעך און ווייבלעך הערן די פאַרלייענונגען און זיי זיינען געווען אַנטציקט פון די „רוסישע שרייבער”. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די זון צע־שיינט זיך און עס הויבט ערשט אָן אַ גליקלעך לעבן. און פּלוצים איז רומע־ניע אַריין אין מילחמה אַריין. עס איז געווען ווי אַ רעגן פון אַ לויטערן הימל.

אין אַ פּשוטן מאָנטיק איז דאָס געווען. עטלעכע טעג דורכאַנאַנד זיינען געווען מאַניפעסטאַציעס פאַר און קעגן מילחמה. די מאַניפעסטאַציעס פאַר זיינען געווען אַ סך גרעסערע. די מאַניפעסטאַציעס קעגן זיינען געווען צוויי־ערליי. זיי זיינען געווען פון די דייטשע אַגענטן און פון די סאָציאַליסטן. די סאָציאַליסטן האָבן זיך נישט געוואָלט מישן מיט די דייטשע אַגענטן און די דייטשע אַגענטן האָבן אויך מורא געהאַט, אַז מען זאָל זיי נישט חושד זיין אין סאָציאַליזם. אין די זונטיקדיקע צייטונגען איז געווען דערציילט, אַז אין די פּראָווינץ שטעט אַרעסטירט מען די דאָזיקע, וואָס מאַניפעסטירן קעגן דער מילחמה און דערפון האָט מען זיך שוין געקענט אָנשטויסן, אַז די רעגירונג גרייט זיך צו אַריין אין קריג. אָבער ביז דעם לעצטן טאָג איז קיינעם נישט איינגעפאַלן, אַז דער שטורעם איז שוין אַזוי נאָענט. מאָנטיק אין דער פרי איז נאָך געווען אַ גרויסע סאָציאַליסטישע מאַניפעסטאַציע. ס'איז געווען סוף אויגוסט. די שטאָט האָט זיך געבאָדן אין גאָלד פון דער זון. אויף דער סאַמע קאַלעאַ וויקטאָריעי, לעבן די רעדאַקציעס פון די גרויסע רומענישע צייטונ־גען, האָט זיך באַוויזן אַ ריזיקע מאַניפעסטאַציע און דער אימפּאָזאַנטער דר. ראַקאָווסקי איז אויסגעוואַקסן איבער די קעפּ פון המון. יאַנקל האָט זיך דעמלט געפונען אין אַ קאַפע אין דער נאָענט און ער האָט די מאַניפעסטאַציע געזען און אויך געזען דעם סאָציאַליסטישן פירער. ער איז געווען צערודערט און צעשויבערט. ער האָט גערעדט מיט אַ קול פון אַ לייב, וואָס האָט גע־קלונגען אָביסל הייזעריק. ער האָט געזאָגט: „ברידער מיינע, איך קום איצ־טער פון בולגאַריע. איר ווייסט דאָך, אַז דאָס דאָזיקע לאַנד האָט דאָס טרויע־ריקע גליק, נאָך וועלכן מען בענקט ביי אונז — בולגאַריע איז שוין אין דער מילחמה. האָב איך נישט קיין ווערטער אייך צו דערציילן, וואָס אין יענעם לאַנד טוט זיך. דער טויט איז דאָרט באַלעבאָס, נישט נאָר אויף דעם פראָנט, נאָר אויך אין גאַנצן לאַנד. דער גהינום איז אַ גאָרנישט קעגן דעם, וואָס דאָרט טוט זיך. נאָך דער מילחמה וועט נאָך זיין אַ בולגאַריע, אָבער צי עס וועלן זיין בולגאַרן? איך גאַראַנטיר נישט! איך האָב מורא, אַז נישט! און איצטער גייט מען דאָס פרידלעכע און גליקלעכע רומעניע...” ביי אָט די ווערטער האָבן אָנגעהויבן פאַלן שטיינער און מען האָט געהערט דאָס קלאַפּן פון פערד. זשאַנדאַרמעריע איז אָנגעקומען און ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און ראַ־קאָווסקי איז געווען אַרעסטירט. דער המון האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן, אָבער מען האָט אים געטריבן מיט בלויזע שווערדן און מיט נאַהייקעס. מען

האָט געהערט וויי־געשרייען און בלוט האָט געשטראָלט... אין אַ צען מינוט אַרום האָבן עקסטראַ אויסגאַבן געמאָלדן וועגן אַלגעמיינער מאָביליזאַציע און וועגן דעם, אַז רומעניע האָט דערקלערט קריג צו עסטרייך. די צייטונגען האָבן זיך שוין געפרייט מיט דעם, וואָס טראַנסילוואַניע און באַנאַט און בור־קאָווינע איז שוין רומעניש.

און די שטאָט איז פול געוואָרן מיט פרייד, שרעק און ווילדקייטן. מען האָט זיך געקושט אין די גאַסן, גלייך דאָס גרעסטע גליק וואָלט דעם לאַנד געטראָפן און מען האָט אָנגעהויבן חרוב מאַכן די פּאָזיציעס פון שונא. קודם כל האָט מען חרוב געמאַכט די גערמאַנאָפּילישע צייטונגען, אַז מען האָט אין זיי אַ שטיין אויף אַ שטיין נישט געלאָזט גאַנץ. מען האָט נישט נאָר צע־האַקט די שרייבטישן, נאָר די מאַשינען האָט מען אַלע צעבראָכן אויף שטי־קער. און די דאָזיקע מיטאַרבעטער און אָנגעשטעלטע, וואָס מען האָט דאָרט געטראָפן, האָט מען מוראדיק געממיתט און דערנאָך האָט מען זיך אַ נעם געטאָן צו די אַלע געשעפטן, וואָס האָבן געהערט צו דייטשן, עסטרייכער, בולגאַרן און טערקן. מען האָט געבראָכן און געראַבעוועט געשעפטן פון קליי־דער און פון שיך און פון מאַשינען און פון שפּייז און געטראַנקען. מען האָט אויך חרוב ונחרב געמאַכט אַלע באַנק־הייזער, וואָס האָבן געהערט צו ביר־גער פון די צענטראַל מאַכטן. דאָס רויבן, דאָס פרעסן און זויפן און דאָס צעבלוטיקן מענטשן האָט די „פּאַטריאָטן" צערייצט און די ווילדקייט האָט זיך אַלץ מער און מער אָנגעצונדן אין זיי. עס איז געווען גענוג צוצוקוקן זיך צו דער „פּאַטריאָטישער" אַרבעט פון די ערשטע פּאָר שעה צו איבערצייגן זיך, אַז זיגמונד פרויד איז גערעכט מיט זיין פאַרזיכערונג, אַז אין מענטשן לעבט אַ צעשטערערישער אינסטינקט. יונגע און אַלטע מענטשן, מענער און פרויען און קינדער האָבן אַ ווילדע הנאה געהאַט פון דעם צעשטערן און פון דעם שלאָגן מענטשן. פון די בעסטע דעליקאַטעסן און פון די פיינסטע משקהס האָבן די צעיושעטע מאַסן, וואָס אַ סך פון זיין האָבן אויסגעזען צו זיין אויסגעהונגערטע, נישט אַזוי הנאה געהאַט ווי זיי האָבן דאָס געהאַט פון דעם ברעכן און שטערן. די מאַסן האָבן זיך אויך געלאָזט צו די קאָנסולאַטן און זיי האָבן באַוויזן צו אויסזעצן די שויבן און מען האָט געדאַרפט ברייננגען פּאָליציי־רייטער צו קענען פאַרהיטן מיט שווערער מי די לעבנס פון די קאָנ־סולאַטן און אַמבאַסאַדע אָנגעשטעלטע. און עס האָבן נישט געפעלט אַזעלכע, וואָס האָבן געהייסן זיך אַ וואַרף טאָן אויף די „זשידאַנעס". איינציקע יידישע געשעפטן האָבן שוין אָנגעהויבן קרעכצן און קלינגען אונטער די העק און די שטיינער. די רעגירונג האָט זיך דערשראָקן, זי האָט מורא געהאַט, אַז מען וועט חרוב מאַכן מער ווי אַ האַלבע שטאָט און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַגיטאַציע, אַז די רומענישע „זשידאַנעס" זיינען אַלציינס ווי רומענער. מען האָט מער גענוצט דאָס באַליידיקנדיקע וואָרט „זשידאַני", ווי דאָס איידלערע

וואָרט „אָוורײַ". יונגע און אַלטע באָסיאַקעס און שיכורים האָבן זיך געחי־דושט און אײנער האָט געזאָגט צום צווײטן פאַרוואונדערט: — האסט גע־הערט, ברע! (ברע, איז אַזאַ מין פרײַנטלעכער הײמישער אויסרוף, אַנשטאָט דו) די זשידאַנעס זײַנען אַלצײַנס ווי די רומענער...

זײ האָבן עס באַדויערט, ווײַל די צאָל געשעפטן צו צעשטערן און די צאָל קעפּ צו צעהאַקן איז פאַרקלענערט געוואָרן. אַלע מאָל איז אַן אַנדערער געקומען איבער אַ געשעפט פון אַ דײַטש, אָדער אַן עסטרײַכער און ער האָט אויסגערופן מיט אַ גוואַלדיקער שמחה: אַהער!

העברערע פּאָליצײַ־באַאַמטע און אַנגעזעענע רעגירונג־לײַט האָבן זיך באַוויזן און געזאָגט מוסר די „פּאַטריאָטן" און זײ דערקלערט, אַז זײ דאַרפן און טאָרן נישט צעשטערן, ווײַל דאָס אַלץ, וואָס זײ מאַכן חרוב, געהער דאָך שוין איצטער צו דעם לאַנד און עס קען נוצן ברײַנגען, אָבער עס איז נישט געווען צו וועמען צו רײדן. דער גולם וואָס האָט געקראָגן די האַק, האָט שוין קײן ווערטער נישט פאַרשטאַנען, ער האָט נאָר פאַרשטאַנען דעם גלאַנץ פון אַ שווערד און דעם שאָס פון אַ רעוואָלווער.

יאַנקלען איז אײַנגעפאַלן אַראָפּצוגײן צום צענטראַלן מאַרק. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז די מערסטע פאַרקויפער פון גרינצײַג זײַנען דאָרט בולגאַרן. זײ פאַרקויפן דאָרט ציבעלעס און קנאָבל און פעפערלעך און טאָמאַטעס. מיט קײן טראַמוויי האָט מען נישט געקענט פאָרן, קײן דראָשקעס האָט מען שוין אויך נישט געקראָגן, איז ער געגאַנגען צופוס און ער איז אָנגעקומען אַביסל שפּעט. ס'איז שוין אין מאַרק אַלץ געווען צעראַבעוועט און די שטעלן זײַנען שוין געווען צעשטערט און צעבראָכן. אָבער מענטשן זײַנען נאָך געווען צעקלאַפּטע און אַזעלכע, וואָס מען האָט נאָך געהאַלטן אין שלאָגן. ווײ, ווי מען האָט געשלאָגן מענטשן. אונזער העלד ווערט נאָך איצטער קאַלט אין די פּיס און עס הויבן אים אָן שטעכן די האָר פון קאָפּ, ווען ער דערמאָנט זיך אין יענער סצענע. יונג און אַלט, קינדער און דערוואַקסענע שלאָגן געזונטע מענטשן און רײַסן פון זײ שטיקער און עס גיסט זיך פון זײ דאָס בלוט און יענע ווערן זיך כמעט נישט, זײ פּרואוון נאָר פאַרשטעלן מיט די הענט דאָס פּנים, אָדער דעם קאָפּ. און אײנציקע פון די מענטשן זײַנען גרויסע און שטאַרקע, זײ וואָלטן געקענט צעממיתן און צונהריקן די שלעגער, אָבער זײ פילן מיטן אינסטינקט, אַז זײ וועלן דערמיט ערגער מאַכן. אײנער האָט טאַקע געפּרואווט גיבן צוריק, האָט מען אים פּשוט צעריסן. יאַנקל האָט געלײיענט אין דערצײלונגען, ווי אַזוי רומענער האַקן זיך מיט העק. ער האָט אין רו־מענישן טעאַטער געזען ווי אײנער הויבט אויף אַ האַק אויף דעם צווײטן, אָבער ער האָט געמײנט, אַז דאָס איז ליטעראַטור און טעאַטער, ער האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז אין דער ווירקלעכקײט איז אויך אַזוי. נאָר חיות רײַסן אַזוי שטיקער אײנס פון אַנדערן, ווי יענע רומענישע „פּאַטריאָטן"

האָבן געריסן שטיקער פון די אָרימע בולגאַרישע גרינצייג־פּאַרקויפער. עס האָבן נישט געפעלט קיין רומענער, וואָס האָבן זיך אָנגענומען פאַר די אומגליקלעכע קרבנות. אייניקע מענער און פרויען האָבן פריער גענומען באַלייריקן די כוליגאַנעס און דערנאָך האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף זיי און געפּראָוווט אָוועקרייסן פון די צעממיתטע. יאַנקל גערענקט גוט דעם שרעקאויסדרוק פון רומענישע מענער און פרויען, וואָס האָבן דערזען יענעם פּאַגראָם. אַ סך האָבן זיך איבערגעצלמט און זיי זיינען אַנטלאָפן. אויך קאָמיסאַרן, וואָס האָבן דערזען די צעבלוטיקטע, האָבן זיך געצלמט. די ערשטע פרייד איז באַלד פאַרשוואונדן, אָבער נישט די וואַקכאַנאַליע; און אין דער גאַנצער שטאָט איז געבליבן הענגען אַ שרעק און אַ קלאָג. אויף שריט און טריט האָט מען געזען וויינענדיקע מאַמעס און טאַטעס מיט שווער אַראָפּגעהאָנגענע קעפּ די יונגעליייט, וואָס האָבן זיך גענאַרפט לויפן מאָביליזירן, זיינען אויך נישט געלאָפן ווי צום טאַנץ, אַזוי ווי די צייטונגען האָבן דאָס געשריבן. אַלע שעה איז אַרויס אַן אַנדער עקסטראַ אויסגאַבע און אַלע האָבן באַשריבן דעם ענטוזיאַזם מיט וועלכן דער עולם האָט אויפגענומען די מאָביליזאַציע. די דאָזיקע צייטונגען, וואָס פלעגן שניידן פּאַסעס פון קעניג און אים אָנרופן „דייטש”, האָבן זיך איצטער איבערגעבעטן מיט אים און זיי האָבן געשריבן, אַז ער איז און ער וויל זיין אַ רומענער. ביז פאַרנאַכט איז דער ענטוזיאַזם שוין אין גאַנצן פאַרשוואונדן און עס האָט געהערשט נאָר שרעק און קלאָג. די בוקאַרעשטער נאַכט האָט זייער פרי פאַרלאָשן אירע צעצונדענע און צעגייצטע אויגן. ס'איז געווען נישט דאָס בוקאַרעשט פון נעכטן.

אַן אַמניסטיע דעקרעט פאַר אַלע זינדיקע, פאַרברעכער און דעזערטירן איז געווען געמאָלדן; מען האָט אויך מודיע געווען, אַז עס וועט איינגעפירט ווערן אַ שטרענגער קאָנטראָל, איבערהויפּט אויף יונגע מענער. יעדער האָט געוואוסט, אַז באַהאַלטן זיך וועט מען שוין נישט קענען און מען איז געלאָפן אין די רעגימענטן אַריין, אַזוי ווי פאַרסמטע מייז. זייער אַ סך יידישע שוישפּילער זיינען געווען דעזערטירן, אָדער נישט געמעלדעטע צום מיליטער. פּאָליציי פלעג זיי שטענדיק זוכן און פלעג זיי „נישט קענען געפינען.” נאָך דעם, וואָס זיי זיינען אַוועק פון אַ שטאָט, האָט פּאָליציי געמאָלדן, אַז זיי זיינען געווען. אויך אַלבערט סעגאַלעסקו איז געווען אַזאַ נישט געמאָלדענער און ער האָט געשפּילט אין גאַנץ רומעניע פאַר דעם גוט באַצאָלטן חסד פון דער פּאָליציי ער פלעג אַליין זאָגן, אַז די שענקערס און די קאָמיסאַרן טיילן זיך מיט זיין פאַרדינסט. ער האָט די גאַנצע צייט פון קריג געזונגען אַנטימילחמה לידער. איין לידל האָט ביי אים געשריגן:

איך דאַרף קיין קאַנאָנען, קיין געווער,
איך דאַרף קיין מיליאָנען־מיליטער,

איך גיב אַ וואונק צו בוראַלע
מיט זיין טייער תורהלע...

אָבער ס'האָט נישט געהאָלפן! ער האָט אַליין געמוזט לויפן צו די קאַנאַ־נען און צו דעם געווער. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס איז זיך געקומען געזעגנען מיט יאַנקלען און ער האָט אים געלעפּט אין שענק אריין — עס איז געווען זייער קלאָר, אַז טרוקענערהייט טאָר מען זיך נישט געזעגנען. ער האָט אַליין אויסגעזען ווי אַ קאַנאָן און ער האָט דערמאָנט אין די גרויסע רוסישע שוישפּילער, וואָס האָבן אויסגעזען ווי בערג. ער איז נישט געווען פאַרצווייפלט, ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט נאָר שפּילן דעם ערשטן דראַמאַטישן אַקט, נישט מער. נאָך אים איז געקומען דער ליץ כאַצקל. ער האָט שוין אויסגעזען אַ סך דראַמאַטישער ווי דער דראַמאַטישער שוישפּילער. ער האָט אויסגעזען נאָך קלענער ווי ער איז געווען און ער איז געוואָרן נאָך קינדישער. זיין דין שמייכעלע איז צעשמאָלצן געוואָרן און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שרעק און טרערן. ער האָט וויינענדיקערהייט געזאָגט, אַז ער האָט געמיינט, אַז ער וועט שוין דאָס גאַנצע לעבן „שיסן" אויף „קרוטשעאַ דע פּיאַטראַ", צום סוף דאַרף ער גאָר שיסן אויף דייטשן, צו וועלכע ער האָט גאָרנישט און וועלכע ער קען אפילו נישט. און ער האָט געוויינט און געלאַכט. יאַנקל האָט אים געקויפט פּאַפּיראָסן און פרוכט און ער האָט זיך צעקושט מיט אים. ער איז פון דעם צעקושן זיך געווען מער צופרידן ווי פון דער מתנה. אַ קלייניקייט — ער קושט זיך מיט אַ יידישן שרייבער. ער האָט געפרעגט, צי ער וועט נישט טרעפן ערגעץ אויף דעם פראָנט שלום עליכמן. איי, וואָלט ער זיך צעקושט מיט אים! מיט פרצן, האָט ער געזאָגט, וועט ער זיך שוין צעקושן אויף יענער וועלט. ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט גיך פאַלן. „איך בין, האָט ער געזאָגט, אַזאַ קליין מענטשעלע, מיט אַ קליין שאָסעלע, פון דעם קלענסטן ביקסעלע וועט מען מיך דאָך אַנידערלייגן." שטערנבערג האָט דער־נאָך דערציילט, אַז כאַצקל איז צו אים געקומען מיט אַ גאַנצער גדולה וועגן דעם, וואָס יאַנקל האָט זיך צעקושט מיט אים און ווען ער האָט שוין אַוועק־געשפּאַנט פון אים, האָט ער צו אים געשריגן: „אויב מיר וועלן זיך נישט זען אויף דער וועלט, וועלן מיר זיך שוין זען אויף יענער וועלט!" און ווען ער איז שוין געווען גאָר ווייט, האָט ער זיך אויסגעדרייט און געפרעגט: „פאַר־וואָס וויל עס אַ מענטש אַזוי לעבן? אַ פּנים, אַז אויף יענער וועלט איז נישטאָ קיין „קרוטשעאַ דע פּיאַטראַ", וואו מען קען גיבן אַ שאָס."

אויף דעם צווייטן טאָג זיינען געווען פאַרעפנטלעכט מעלדונגען אין די גאַסן און אין די צייטונגען, אַז אַלע בירגער פון די פיינטלעכע לענדער זאָלן קומען זיך מעלדן און מען וועט זיי אַוועקשיקן אין אַ קאָנצענטראַציע לאַגער. ביי דער מומע זלאַטע אין שטוב האָט זיך אויפגעהויבן אַ יאָמער און אַ קלאָג.

דער פעטער יהודה, וואָס איז שוין געווען באַלד אַ האַלבן יאָרהונדערט אין לאַנד, איז געווען אַן אויסלענדער און דערצו אַ גאַליציאַנער, וואָס דאָס מיינט אַן עסטרייכער און אַ בירגער פון אַ פיינטלעך לאַנד. די מאָביליזאַציע האָט אים פאַרכאַפּט אין אַ קוראָרט און מיט איין טאָג פאַר דער מאָביליזאַציע האָט ער נאָך געשריבן צו זיין פּלימעניק: „דאָ רעדט מען זייער שטאַרק וועגן קריג, אָבער קיין קריג וועט נישט זיין, זאָ זאָגט דיין אָנקל יהודה.” יאַנקל איז געווען זיכער, אַז די געדיכטע וואָנציע האָט זיך געשאָקלט ביי אים, ווען ער האָט אָנגעשריבן די זיכערע פראַזע. ער איז פון קוראָרט קוים לעבעדיק אַהיימגעקומען און ער האָט באַלד געדאַרפט זיך גיין מעלדן. ער האָט זיך געשראָקן פאַר דעם לאַגער און ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט מורא פאַר זיין „פערד” — ס'איז שוין אַלט און קראַנק און ווען ווייסט, צי עס וועט דאָרט אויסהאַלטן. עסן דאַרף זיין „פערד” טאַקע גאָרנישט, ס'האָט גענוג אַביסל קלייען אין אַ מולטער, אָבער דאָס איבעריקע? דאָך האָט ער נישט פאַרלוירן דעם הומאָר דער אַלטער משכיל. ער האָט אַלע מאָל געזונגען אַן אוקראַיניש לידל „פּליוועט קאַטשקאַ פּאָ דאָנאַיו” (שווימט אַ קאַטשקע איבערן דונאַי) און ער האָט דערציילט וועגן זיינע איבערלעבונגען אין דער יוגנט. ער האָט דערציילט ווי אַזוי ער איז אַנטלאָפן פון דער היים קיין בערלין און פון דאָרט איז ער געלאָפן קיין לאָנדאָן, וואו אַ מיסיאָנער האָט אים געוואָלט אָפּשמדן. דער גרעסטער פילאָזאָף איז פאַר אים געווען משה מענדלסאָן און ער האָט אַ העלפט פון זיין בוך „פעדאָן” געקענט אויף אויסנווייניק. און דער גרעסטער דיכטער איז פאַר אים געווען שילער. ער האָט נישט אויפגעהערט צו וואַרפן מיט שורות פון זיין ליבלינג דיכטער. די מומע מיט די טעכטער האָבן נישט אויפגעהערט צו וויינען און ער האָט נישט אויפגעהערט דעקלאַמירן „אויך איך בין אין אַרקאַדיען געבאָרן...” סוזאַנאַס חתן איז באַלד אויך אַוועק צום פראָנט און די שוואַכע כלה איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ, אַזוי ווי אַן אַלטערע פרוי. מען האָט דעם פעטער געפּרואווט פאַרהאַלטן אַביסל, מען האָט דערקלערט, אַז ער איז קראַנק און געוויינלעך איז דאָס געווען אמת אויך. ער איז שוין געווען אַ שברי כלי, אָבער פּונקט דעמאָלט איז ער געוואָרן געזונט. מען האָט געזאָגט, אַז בירגער פון פיינטלעכע לענדער, וואָס האָבן קינדער, אָדער איידעמס אויף דעם פראָנט, קענען בלייבן אין דער היים. אַ חתן ווערט באַטראַכט אַלציינס ווי אַן איידעם און דער פעטער האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט צו בלייבן, אָבער דאָס דאָזיקע האָט מען ערשט געדאַרפט דערווייזן און ביז וואָס ווען האָט מען דעם אַלטן אַוועקגעשיקט און מען האָט צוגעזאָגט, אַז מען וועט אים צוריקברענגען, ווען נאָר דאָ וועט פון דער קאַזאַרמע שיקן אַ מעלדונג, אַז ער איז זיין איידעם. די רומענישע מלוכה־באַאַמטע האָבן דעמאָלט אַרויסגעוויזן פריינטלעכקייט צו יעדן און זיי האָבן קיינעם נישט געוואָלט אויפרייצן, כאָטש זיי האָבן

געהאַט זייער אַ סך צרות פון זיי. די צייטונגען זיינען געווען זייער האָפער־ד־ק און זיי האָבן באַלד אָנגעהויבן דערציילן וועגן רומענישע ניצחונות און זיי האָבן ז ך באַריכט, אַז די העלדישע רומענער וועלן דעם שונא צערייסן, אָבער די מלוכה־אָנגעשטעלטע זיינען געווען אַ סך ווייניקער זיכער. זייער אַ סך שווערקייטן האָבן די רעגירונג־לייט געהאַט מיט די פרויען פון די פיינט־לעכע לענדער. אין לאַגער אַריין האָט מען זיי נישט געקענט שיקן. דעמאָלט האָט נאָך עקזיסטירט אַביסל מענטשלעכקייט. עס זיינען אין בוקאַרעשט גע־ווען טויזנטער עסטרייכערינס און דייטשקעס, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט פּראָסטיטוציע און מיט ביליקער „קונסט". עס זיינען געווען טויזנטער קאַ־באַרעט־זינגערנס און טענצערנס און קאָקאָטעס, וואָס זיינען זיכער אויך גע־ווען שפּיאָנקעס. די נאַכט־לאָקאַלן האָט מען סיי ווי פאַרמאַכט. די מערסטע פון זיי זיינען געבליבן אָן פּרנסה און די רעגירונג האָט זיי געמוזט האַלטן אין היימישן אַרעסט אין די האָטעלן און צאָלן פאַר זיי. דעם פעטער האָט מען אַוועקגעשיקט ווי טויזנטער אַנדערע און די מומע מיט די קינדער האָבן אים באַגלייט ווי אַ טויטן. די סאָלדאַטן אויף דעם פראָנט האָט מען נישט אַזוי טרויעריק באַגלייט ווי די דאָזיקע, וואָס מען האָט געשיקט אין ציוויל געפאַנגענשאַפט.

ווי מיר דער האַנט איז פון בוקאַרעשט אַוועקגענומען געוואָרן די פרייד. די קינאָס און די טעאַטערס האָבן כמעט אויפגעהערט צו פונקציאָנירן. מענ־טשן האָבן מורא געהאַט צו ווייזן זיך אין גאַס און אַבי זיי האָבן נאָר געקענט אויספירן, זיינען זיי געזעסן אין שטוב. פרויען האָבן איינגעקויפט אין מאַרק אויף צוויי און דריי טעג און דערמיט אַליין אָנגעהויבן שאַפן אַ דוחק אין אַלימענטן און עס איז געוואָרן אַ געשריי, אַז עס וועט אויספעלן שפּייז. אין די צייטונגען האָט מען קיין אַנטיסעמיטיזם נישט אַרויסגעוויזן אין די ערשטע טעג, אָבער אין פאָלק האָט מען אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז יידן קויפן אויס די שפּייז און זיי באַהאַלטן זיי פאַר ספּעקולאַציע. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַפילו דער גלאַנץ פון די ברענענדיקע פרויען־אויגן איז פאַר־שוואונדן. און איידער וואָס וועגן האָבן פון פראָנט אָנגעהויבן קומען נישט קיין פריילעכע נייעסן. דייטשלאַנד האָט גענעטפערט מיט אַ קריג־דערקלע־רונג און אויף דעם פראָנט האָט זיך באַלד גענומען באַווייזן דייטשיש מילי־טער און ס'האָט באַלד זיך אַריינגעריסן אין לאַנד אַריין דורך פאַרשיידענע ליניעס. געשמועסט האָט מען, אַז רוסלאַנד איז שולדיק — ס'האָט צוגעזאָגט צו שיקן אַ סך מיליטער און עס שיקט נישט. אָבער מען האָט גערעדט וועגן דעם שטיל, עפנטלעך האָט מען דאָס דאָזיקע מורא געהאַט צו דערציילן. עס איז אין עטלעכע טעג נאָך דעם קריג־אויסברוך געקומען אַ מעלדונג, אַז אַלע בירגער פון די פיינטלעכע לענדער זאָלן קומען אין פּאָליציי אַריין. די דע־זערטירן האָבן זיך דערשראָקן. רוסלאַנד קען אַמאָל צוריקמאָנען די אַנטלאָ־

פענע. די אדוואָקאַטן האָבן פאַרזיכערט, אַז דאָס דאָזיקע טאָר נישט געשען, ווייל ס'איז דאָ אַן אינטערנאַציאָנאַלער אָפּמאַך, אַז אַנטלאָפענע טאָר מען נישט אויסגיבן. אייניקע האָבן געהאַלטן, אַז ס'איז בעסער נישט צו גיין אין פּאָליציי און אויסוואַרטן. יאַנקל איז געגאַנגען. עס איז גראָד געווען אין אַ פרימאָרגן, ווען די צייטונגען האָבן דערציילט, אַז אין דאָברודזשאַ האָבן בולגאַרישע פּרויען אָפּגעפּאַרעט מיט זידיק וואַסער דאָס רומענישע מיליטער און גאַסן־יונגען האָבן זיך אַ לאָז געטאָן זוכן בולגאַרן. דער מאַרק איז ווידער פול געוואָרן מיט בלוט. אין דער פּאָליציי־אָפּטיילונג, וואו אונזער העלד האָט זי געמאָלדן, האָט מען געבראַכט אַ צעקלאַפּטן בולגאַר. נאָר צווישן הינט און הענער זעט מען אַמאָל אַזעלכע צעשלאָגענע און צעריסענע. ס'האָט געגרוילט צו קוקן צוליב וואָס מען האָט יענעם צעפּערטלטן מענטשן נאָך געדאַרפט ברענגען אין פּאָליציי אַריין, איז געווען אַ סוד. דער קאָמיסאַר האָט זיך אײַבערגעצלמט, ווען ער האָט אים דערזען און ער האָט אַ זאָג געטאָן: „דאָס דאָזיקע האָבן געטאָן קריסטן?" אָבער אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט ער גענומען זאָגן מוסר דעם פאַרוואונדעטן פאַרוואָס זייערע פרויען פירן זיך אַזוי אויף אין בולגאַריע. דער צעשלאָגענער האָט געקוקט מיט צעבלוטיקטע תמעוואַטע אויגן און ער האָט רעכט נישט פאַרשטאַנען, וואָס מען זאָגט אים. ער האָט דאָך נישט געהייסן יענע פרויען עפּעס טאָן און ער האָט נישט געוואוסט, וואָס זיי האָבן געטאָן. ער האָט קיין צייטונגען נישט געלייענט. די פּראָצעדור פון איינמעלדן זיך איז געמאַכט געוואָרן זייער פריינטלעך. רוסלאַנד איז געווען די האָפנונג פון רומעניע, טאָ ווי אַזוי איז מען שלעכט צו רוסישע בירגער? מען האָט פאַרשריבן וואו דער אויסלענדער וואוינט און מיט וואָס ער באַשעפטיקט זיך. די זשורנאַליסטישע באַשעפטיקונג האָט גאָר אימפּאָנירט. מיסתמא אַ קאָרעספּאָנדענט פון אַ רוסישער צייטונג... דער קאָמיסאַר האָט געהייסן קומען אַלע וואָך זיך מעלדן און ער האָט זיך פאַרענטפערט פאַרוואָס ער טוט דאָס — ס'איז פאָרט קריגס־צייט און דאָס לאַנד איז ביז איצטער געווען צו פריי פאַר אַלע פיינט און זייערע שפּיאָנען. דער קאָמיסאַר האָט אָנגעוויזן אויף דעם בולגאַר, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ גוסס און ס'איז אויסגעקומען, אַז ער איז אַ גרויסער פאַרברעכער און ער איז דער גרויסער שולדיקער. אונזער העלד איז קאַלט געוואָרן פון דעם דאַרפן זיין אַ שותף מיט אָט דעם קאָמיסאַר, וואָס האָט ביים אָנהויב אַרויסגעוויזן אַביסל מענטשלעכקייט און זיך איבערגעצלמט, ווען ער האָט געזען בלוט און דערנאָך האָט ער אַרויסגעוויזן אַ גרייטקייט נאָך צו פּייניקן דעם קרבן, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ באַזיגטער האָן...

וויסט און פינצטער איז געווען דאָס לעבן. שטערנבערג איז געווען אין איינעם מיט אַ שוועסטערקינד און דער ברודער זיינער האָט אויך באַוויזן צו קומען פון גאַלאַץ. דעם פּאַנד פון „הזמיר" האָט יאַנקל צעטיילט צווישן זיך און

שטערנבערגן אויף גלייכע חלקים. געזען האָט מען זיך זעלטן. אַ יונגער מענטש האָט זיך געפילט שלעכט צו ווייזן אין גאַס. עס האָבן נישט געפעלט אַזעלכע, וואָס זיי האָבן געזאָגט, אַז די יידן זיינען אַלע געבליבן, בעת פאַקטיש איז געבליבן די גאָלדענע רומענישע יוגנט, וואָס מען האָט צעזעצט אויף פּאָסטנס אין די מיניסטעריומס. די מומע זלאַטע האָט געוואָלט, אַז יאַנקל זאָל וואוינען ביי איר, ווייל זיי זיינען צוויי פרויען אַליין און סלאָווע האָט געוואָלט, אַז יאַנקל זאָל וואוינען ביי איר. דאָרט זיינען אויך געווען דריי פרויען אַליין. אַדעלאַס קראַנקער מאַן איז געווען אין אַ סאַנאַטאָריום און ער איז געקומען אַמאָל אין אַ חודש און ער איז געווען צעבראָכן און צעלאָמעט. דאָס יינגעלע אַדעלאַס איז אַלט געווען אַ יאָר דריי. געבליבן איז יאַנקל וואוינען ביי סלאָווען. אסתר איז דאָך שוין געווען זיי כלה. זי איז געווען איינע פון די געציילטע גליקלעכע כלות, וואָס זייערע חתנים זיינען נישט אַוועק אויף דעם פראָנט. אסתר האָט געאַרבעט אין אַ באַנק, וואָס איז געווען אַ דייטשע, אָבער די רעגירונג האָט זי אינטערוועניִרט. די דירעקטאָרן האָט מען אַוועקגעשיקט אין לאַגער אַריין, אָדער געהאַלטן אין היים־אַרעסט און מען האָט אַריינגעזעצט רומענישע דירעקטאָרן. דער טעכנישער פּערסאָנאַל האָט געקראָגן אַ לעקציע פון פּאַטריאָטיזם און ער איז געבליבן נישט גערירט. עס האָבן נאָך אויסגעפעלט אָנגעשטעלטע, ווייל די יונגעלייט זיינען אַלע אַוועק צום פראָנט. זיצן און עסן און לייענען איז יאַנקלען באַלד נמאס געוואָרן. ער איז טאַקע געווען געהויכט און געקרוינט — אַ קלייניקייט: אין אַזאַ צייט אַ מאַן אין שטוב! אָבער יאַנקל איז נישט איינגעזעסן און ער איז געגאַנגען זוכן אַרבעט און ער האָט געקראָגן ערגעץ אין אַ קראָם קלאַפּן קעסטלעך. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער געטאָן פיזישע אַרבעט און ער האָט אַרויסגעוויזן קנאַפּע בריהשאַפט. ער האָט זיך אַלע מאָל צעקלאַפּט מיט דעם האַמער די הענט און ער האָט זיך צעריטשעט מיט טשוועקעס די פינגער. עס האָבן מיט אים געאַרבעט נאָך דעזערטירן און זיי האָבן געזען זיין נישט געראָטנקייט און אים געוואָלט העלפן און ער האָט זיך געלאָזט לערנען, אָבער נישט העלפן. אין עטלעכע טעג האָט ער די אַרבעט אויסגעלערנט און ער האָט זיך געפילט זייער גוט, ווען ער האָט ביינאַכט נישט געקענט איינליגן, ווייל עס האָט אים וויי געטאָן יעדער איבר. ער האָט געקוקט מיט פאַרגעניגן אויף זיינע ווייסע, כלי קודשדיקע הענט, וואָס ווערן אים צעשפּאָלטן און שוואַרץ און פאַרהאַרטעוועט די עטלעכע לעי, וואָס ער האָט געקראָגן פאַר דעם שווערן טאָג אַרבעט, זיינען געווען גענוג, אַז ער זאָל זיך פילן זעלבסטשטענדיק. אָבער איין מאָל האָט דער באַלעבאָס פון דער קראָם, וואָס איז געווען אַ ציוניסט, דערזען אונזער העלד און אים דערקענט און ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט, אַז ער זאָל ביי אים טאָן אַזאַ שוואַרצע אַרבעט. קיין אַנדער אַרבעט האָט ער פאַר אים פון דעסט וועגן נישט געהאַט און ער איז געבליבן שלינג און שלאַנג און

די הענט האָבן ווידער אָנגעהויבן ווערן גלאַט און ווייס... דאָס דאָזיקע האָט אים געאַרט נישט ווייניקער ווי דאָס נישט פאַרדינען...

פון פראָנט זיינען אַלץ געקומען ערגערע ידיעות. מען האָט געמוזט אויסזאָגן וועגן דעם, אַז דער שונא האָט פאַרנומען איין גרויסע שטאָט און אַ צווייטע. די קאָמוניקאַטן זיינען געווען אַזוי אַ לאַקאָניש: „אָפּגעשלאָגן דעם שונאס אַטאַקע און זיך צוריקגעצויגן”. די זשורנאַליסטן האָבן דאָך דערציילט ניסים וועגן דער רומענישער העלדישקייט. כמעט אַלע קריגס־קאָרעספּאָנדענטן האָבן געשריבן, אַז די רומענער זיינען אין די שלאַכטן קערפּער צו קערפּער די געפערלעכסטע סאָלדאַטן, זיי זיינען ממש טיגערס, אָבער דער שונא מיידט פּחדנותדיק אויס די באַגנעטן־שלאַכטן און ער שלאָגט זיך נאָר פון דער ווייטנס מיט מאַשינען. די זשורנאַליסטן האָבן דערציילט, אַז די רומענישע סאָלדאַטן ווילן נישט איינזיצן אין דער קאַזאַרמע און זיי הערן זיך נישט אויף צו בעטן, אַז מען זאָל זיי וואָס גיכער שיקן אויף דעם פראָנט. די פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן קענען נישט איינליגן אין די לאַזאַרעטן און זיי הערן נישט אויף צו בעטן, אַז מען זאָל זיי וואָס גיכער אויסהיילן און שיקן אויף דעם פראָנט. צוזאַמען מיט די לעגענדעס וועגן דער פּאַטריאָטישקייט פון די סאָלדאַטן האָט מען אויך גענומען שאַפן לעגענדעס וועגן דער קעניגנס גרויסקייט און באַליבטקייט. די קעניגין אַליין האָט ארויסגעלאָזט אַ בוך, וואָס האָט געהייסן „די גוטע קעניגין” און מען האָט עס צעטיילט אין הונדערטער טויזנטער עקזעמפּליאַרן. אין די צייטונגען האָט מען אַלעמאָל געזען דאָס בילד פון דער קעניגין, וואָס איז געווען אָנגעטאָן ווי אַ קראַנקען־שוועסטער. מען האָט דערציילט, אַז די קעניגין איז פול אין אַלע לאַזאַרעטן און זי ברייננגט טרייסט און פרייד און גליק די פאַרוואונדעטע, וואָס ווערן געזונט נאָר פון דעם, וואָס זיי זעען די מלכה. אַלע צייטונגען האָבן דערציילט איין און די זעלביקע מעשה, אַז די קעניגין האָט געפרעגט אַ געפערלעך פאַרוואונדעטן, וואָס ס׳איז זיין באַגער, האָט ער געענטפערט: „דיך צו זען פאַר אַן אימפּעראַטאָריסע”. מען האָט געזאָגט, אַז ווען רומעניע וועט צוריק קריגן אַלץ, וואָס עסטרייך־אונגאַרן האָט ביי איר צוגענומען, וועט דער רומענישער קעניג ווערן אימפּעראַטאָר. צוזאַמען מיט דער קעניגין האָבן נאָך גרויסאַרטיקע דאַמען געקראָגן זייער חלק כבוד און גלאָריע פאַר זייער הילף די סאָלדאַטן און דעם לאַנד בכלל. מען האָט גענומען אַלע שוישפּילער און אַ היפּשע צאָל שרייבער, וואָס האָבן געקענט פאָרלייענען פון זייערע ווערק און מען האָט זיי איינגעטיילט אין עקיפּן און מען האָט זיי געשיקט אין די לאַזאַרעטן פאַרווײלן די סאָלדאַטן. אויך אין בוקאַרעשט זיינען שוין אַ סך שפּיטאָלן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין לאַזאַרעטן און מען איז די קראַנקע געגאַנגען אַמוזירן. יאַנקל האָט אַ פּאָר מאָל געהאַט געלעגנהייטן צו זיין אָנוועזנהייט ביי די קאָנצערטן און פעסטיוואַלן פאַר די פאַרוואונדעטע. ער האָט געהאַט אַ סך

באַקאַנטע צווישן די שוישפּילער און די שרייבער און ער האָט געקראָגן ביי־לעטן. איבערהויפּט האָט ער געקראָגן אַ מעגלעכקייט צו זיין אַן אָפּטער באַזוכער אין די שפּיטאָלן אַ דאַנק דעם רומענישן סאַטיריקער יאַן פּריבעאַנו, וואָס איז געווען אַ ייד און ער האָט אין דער שטיל געשריבן אויך יידיש. ער האָט שוין אַפילו אַמאָל געהאַט פאַרעפנטלעכט אַ ציוניסטיש ליד אויף רו־מעניש אין דער „התיקווה". ער איז געווען אַ קליינטשיקער מיט אַ גרויסן קאָפּ. ער האָט אויסגעזען ווי אַ העברעער ליליפּוט. ער האָט זיינע סאַטירעס געשריבן אין פּערזן און ער האָט געהאַט אַ ים מיט אייגנאַרטיקע גראַמען און צוליב די גראַמען איז ער געוואָרן זייער פּאָפּולער. ער האָט אַרויסגעגיבן אַ בענדל לידער, וואָס האָט געהייסן „שפּיצן פון שווערדן" און דאָס דאָזיקע בוך איז זיך צעגאַנגען אין שווערע צענדליקער טויזנטער עקזעמפּליאַרן. ער האָט טאַקע געהאַט זייער שיינע און אייגנאַרטיקע באַהעמישע סאַטירעס אין יענער בוך און ס'איז דאַן זעלטן פאָרגעקומען אַ פעסטיוואַל, אַז מען זאָל אויף אים נישט רעציטירן זיינע לידער. איבערהויפּט איז געווען פּאָפּולער זיינס אַ בריוול צום קעניג, אין וועלכן ער פרעגט דעם מאָנאַרך, צי ער האָט אַמאָל געפילט דעם טעם פון דאַרפן צאָלן דירה־געלט און נישט האָבן. ווען דער קריג האָט אויסגעבראָכן, האָט פּריבעאַנו באַלד גענומען שרייבן פּאַטריאָ־טישע לידער, אין וועלכע ער האָט חוזק געמאַכט פון די דייטשן, וואָס זיינען — ביי אים אין די לידער — געפאַלן ווי שטרוי. ער איז געווען איינער פון די באַליבסטע פּאַרלייענער אין די לאַזאַרעטן. ער איז דעמלט נאָך געווען אַ פּראָסט מענטשל, אָן קולטור, אָן דעם קלענסטן ביסל בילדונג. ער האָט אַפילו רעכט נישט געקענט די רומענישע גראַמאַטיק, אָבער ער האָט געהאַט אַ טאַ־לאַנט צו גראַם און צו שפּראַך ביכלל און ער האָט פאַרמאָגט הומאָר. שוין זיין אויסזען האָט אַרויסגערופן געלעכטער. נעמצעאַנו האָט אים אַ נאָמען געגיבן „פּריבעינאַלע" און דער נאָמען האָט אים אומגעהויער געפּאַסט. אַ קליינטשיקער, מיט אַ גרויסן קאָפּ און גרויסע ברילן, האָט מען שוין געלאַכט, ווען מען האָט אים דערזען. און געלייענט האָט ער פּאַראַדיעס אויף באַרימטע רומענישע פּאָעמעס, אין וועלכע ער האָט געשילדערט, ווי מען האָט געפירט דייטשע געפאַנגענע, וואָס די קליידער זייערע זיינען געווען זייער קאַבצאַנס־קע, אָבער דערפאַר האָבן אין זיי געגלאַנצט רומענישע קוילן. אין דעם זאָל פון שפּיטאָל פלעגן געווויינלעך זיצן גרויסאַרטיקע דאַמען און גלחים און פאַר יוצא זיין האָט מען אויך אַריינגעבראַכט עטלעכע סאָלדאַטן, וואָס זיינען נישט געווען שווער פאַרוואונדעט. די דאַמען און גלחים האָבן אָנגעקוואָלן פון דעם יידישן לצם סאַטירעס. די סאָלדאַטן האָבן זיך געמאַכט, אַז זיי אַמוזירן זיך. זייער אָפט פלעג פּאַסירן, אַז אין מיטן דעם גרויסן קנאַק פלעג זיך ערגעץ צעשרייען אַ פאַרוואונדעטער און נאָך אים נאָך איינער און די שמחה איז פאַרשטערט געוואָרן. דער דירעקטאָר פון לאַזאַרעט פלעג שוין באַקומען זיין

ערלעך אויסקומעניש דערפֿאַר, וואָס זיינען מענטשן זיינען נישט געווען גענוג פֿאַרזיכטיק און זיי האָבן נישט פֿאַרמאַכט די מיילער פֿון די קראַנקע צו דער ריכטיקער צייט. רומענישע סאָלדאַטן, האָט עס געהייסן אָפֿיציעל, מעגן זיין ווי שטאַרק פֿאַרוואונדעט, קרעכצן נישט און וויינען נישט, זיי פֿרייען זיך.

בלייבנדיק אַ שטיק צייט אַרבעטסלאָז האָט זיך יאַנקל אַ נעם געטאָן גריינטלעכער צו דער רומענישער ליטעראַטור, וועלכע ער האָט שוין געקענט אויבנאויפֿיק. ספּעציעל האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט די צוויי גרעסטע קלאַסיקער מ. עמינעסקו און י. ל. קאַראַדזשיאַלי. דער ערשטער איז דער גרעסטער רומענישער פּאָעט. ער איז געשטאָרבן יונג, אַ באַרירטער פֿון סיפֿיליס. זיין מאַרך האָט שוין אָנגעהויבן צו פֿאַרלירן דעם כוח. אַזוי האָבן באַשטעטיקט די מעדיקער נאָך זיין טויט. ער איז געווען איינער פֿון די גרעסטע ליריקער אין אייראָפּע פֿון נײַנצטן יאָרהונדערט. ער איז געווען אַ קרוב פֿון בייראָנען און לענאַון, ער האָט אָבער חוץ דעם אָנגענומענעם וועלט־שמערץ און דעם ענגלישן „ספּלין" געהאַט אַ ספּעציפֿישע רומענישע מרה שחורה. פֿון זיינע לידער דרינגט אַרויס דער זעלביקער טרויער וועגן זין פֿון לעבן און פֿאַרלוירענעם גליק, וואָס עס דרינגט אַרויס פֿון די דאָינעס. ער האָט פֿאַרמאָגט די רעוואָלט פֿון פּעסימיזם; דאָס פּאָזיטיווסטע אין אים איז זיכער דער קאָלאָריט און דער ריטם פֿון די רומענישע סטעפּעס, בערג און טאָלן. ער איז געווען אַ קולטור־מענטש און דאָך אַ קליינשטעטלדיקער פֿילאָזאָף. ער איז אַ לעבן לאַנג געווען נאָענט צו יידן. ער איז געווען אין באָטאָשאַני אַן אַריינגייער אין יידישן טעאַטער און ס'איז געבליבן פֿון אים אַ רעצענזיע וועגן אַ יידישער טעאַטער פֿאָרשטעלונג, דאָך איז ער געווען אַן אַנטיסעמיט און עס פֿעלן נישט קיין ווערטער פֿון האַס צו יידן אין זיינע שריפֿטן. ס'איז דאָך אַ סברא, אַז ער האָט געשטאַמט פֿון פּאָליאַקן און זיין זיידע האָט געשטאַמט פֿון פּוילן. זיינע „בריוו", וואָס הייסן אויך „סאַטירעס" געהערן צו די שענסטע און טיפֿסטע ווערק אין דער גאַנצער וועלט־פּאָעזיע און אויב אַ קריטיקער האָט זיך אויסגעדרוקט וועגן אים, אַז ער האָט דערגרייכט צו אָנקלאַפּן צו דער געניאַליטעט און ווען ער וואָלט נישט קראַנק געוואָרן, וואָלט זי אים געהייסן אַריינקומען, האָט ער קיין ליגן נישט געזאָגט. י. ל. קאַראַדזשיאַלי איז געווען איבערהויפּט אַ סאַטיריקער. ער איז געווען דער רומענישער גאָגאָל. ער האָט מיט זעלטענער שאַרפֿקייט און מיט זעלטענער חכמה אויסגעלאַכט דעם רומענישן קליינבירגער און נאָך מער דעם רומענישן מלוכה־אָנגעשטעלטן. אַ האַלב לעבן איז ער געווען סופֿליאָר און ער האָט געקענט דאָס טעאַטער דורך און דורך. ער האָט אויך געהאַט פּיעסן, וואָס זיינען געשריבן מיט דער זעלביקער שאַרפֿקייט, וואָס זיינע דערציילונגען, אָבער מיט ווייניקער הומאָר. זיינע פֿאַרשוינען פֿון די סקיצן פֿאַרמאָגן אַן אַ שיעור שפּראַך, עס

פליסט ביי זיי כמעט ווי ביי שלום עליכמס העלדן. זיינע העלדן זיינען די באַרימטסטע אין לאַנד און זייער שפּראַך איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פאַלקס־ווערטלעך. ביי אים היצט זיך אַ בירגער און ער פרעגט: „און איך פאַר וועמען שטים איך?" און דאַס דאַזיקע איז נישט נאַר אַ שפּאַס, נאַר דאַס איז די פראַגע פון מיליאַנען רומענער. דער סאַציאַליסטישער פירער און דער ליטעראַטור־קריטיקער דאַבראַזשעאַנו געריאַ איז געווען אַ גרויסער פאַרערער פון קאַראַדזשיאַלין און אויך זיין פראַטעזשירער און מעצענאַט. ער האַט אַ גאַנץ לעבן באַוואויגן דעם שריפטשטעלער, אַז ער זאַל שרייבן אַ גרעסער ווערק און עס איז אים נישט געלונגען. די אַרימקייט פון איין זייט און די באַהעמישקייט פון דער אַנדערער זייט האַבן נישט דערלאַזט, אַז דער גרעסטער רומענישער שריפטשטעלער זאַל זיך נעמען צו אַ גרעסער ווערק. ווען ער האַט נישט געהאַט קיין געלט, האַט ער געזאַגט: „ווי קען איך זיך זעצן אַרבעטן, אַז איך האַב גאַרנישט?" און ווען דאַבראַדזשעאַנו געריאַ האַט אים געגיבן געלט, האַט ער געזאַגט: „איך האַב טויזנט לעי, וועל איך גיין שרייבן? און ווען וועל איך הוליען?" יאַנקל האַט שוין געהאַט געקענט קאַראַדזשיאַלים „אַ פאַקל אויף פסחאַ" נאַך פון פריער. דאַס איז געווען די איינציקע דערציילונג זיינע, וואָס האַט געהאַט אַ יידן ווי אַ הויפט־העלד. אַזוי ווי ער איז נאַר אַנגעקומען אין לאַנד אַריין, האַט מען אים געפרעגט, צי ער האַט דאַס געלייענט. איצטער האַט ער אין דעם אַריינגעדרונגען טיפער און ער האַט דערפילט, אַז ער האַט פאַר זיך איינס פון די בעסטע דערציילונגען אין דער וועלט־ליטעראַטור. דאַס איז אַ דערציילונג, וואָס שפּיגלט אָפּ די לאַגע פון יידן אין רומעניע. דער מחבר שילדערט יידישע מוראַדיקייט און מיט וואָס פאַר אַ מענטשלעכע באַציאונג ער שילדערט דאַס. ווער האַט, שילדערנדיק יידישע פחדנות, נישט חוזק געמאַכט און נאַכגעקרומט יידן? דער רומענישער גאַנגאַל איז אין דעם פרט געווען אַ סך מענטשלעכער פון דעם רוסישן גאַגאַל. די דערציילונג שטעלט פאַר אַ יידישן שענקער אין אַ טאַל אין מיטן וועג. נישט קיין העלד איז ער דער דאַזיקער, וואָס הייסט לייב זיבאַל און אַ טרויעריק לעבן האַט ער געהאַט. יינגלווייז האַט ער שוין געאַרבעט ביי יענעם און ווען צוויי מענטשן האַבן זיך אַמאַל צעשלאַגן, האַבן זיי אים דערלאַנגט אַזאַ קלאַפּ, אַז ער האַט געמוזט אַוועקגיין אין שפּיטאַל אַריין און ער איז דאָרט אָפּגעלעגן אַ לאַנגע צייט און ווען ער איז צוריקגעקומען האַט ער פאַרלוירן זיין פלאַץ. ער האַט זיך גענוג אָנגעליטן ביז וואַנען ער האַט זיך צונויפגעזאַמלט דאָס ביסל געלט אויף צו דינגען די דאַזיקע קרעטשמע. און אים איז באַשערט געווען צו קריגן אַ משרת געאָרגע, וואָס איז געווען אַ מוראַדיקער רשע. ער האַט זיך געקריגט מיט דער גאַנצער וועלט, דער שוואַנגערער באַלעבאָסטע האַט ער געסטראַשעט, אַז ער וועט איר צעהאַקן דעם בויך, דעם קליינעם יינגל פון זיין באַלעבאָס האָט ער אַריינגעוואָרפן אַ הינטל. עס איז

נישט געווען צו אויסהאַלטן פון אים און ער האָט אים געמוזט אָפּזאָגן. גערן־גע האָט זיך געזעגנט בייז מיט אים און ער האָט געסטראַשעט, אַז ער וועט זיך זען מיט אים אין דער נאַכט פון אויפערשטייונג, אין דער נאַכט פון פסחאַ. אָט די דאָזיקע סטראַשונקע האָט לייבן געמאַטערט אַ קאַרג יאָר און עס איז געקומען די נאַכט פון אויפערשטייונג, האָט ער פאַרמאַכט די קרעטש־מע; וואָס די פרוי און די קונים האָבן אים נישט געבעטן, אַז ער זאָל עפענען, האָט ער זיי נישט געהערט און ער האָט געלאָזט פאַרשלאָסן. ער האָט אַ גאַנצן טאָג געזען ווילדע חלומות. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז אין יאַסי, אין דער שטאָט, וואו ער האָפט פטור צו ווערן פון דער שרעק ווייל מען קען סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט געפינען אַ פּאָליציי און דאָרט געשעט מיט אים אַן אומגליק, עס פאַלט אויף אים אַרויף אַ ווילדער משוגענער מיט דעם אויסזען פון אַ שור הבר. דערצו פאָרט נאָך דורך אַ פּאָסט־דיליזשאַנס מיט אַ יונגען דאָקטער, וואָס פאַרכלינעט זיך מיט פילאָזאָפיע אויך און ער אַנאַ־ליזירט אַ פאַל פון אַן אויסמאָרדונג פון אַ גאַנצער יידישער פאַמיליע צוליב רעליגיעזן פאַנאַטיזם. די שרעק פון דעם יידן ווערט גרעסער. לייב זעצט זיך אַנידער ביים טויער און ער וואַרט מיט פחד. ער הערט ווי אויף דעם באַרג קלינגען די קלויסטער־גלאָקן, ער ציטערט אויף פון יעדן שאָרך און פון יעדן זאַמד־קריץ אונטער זיינע אייגענע פיס. און געאָרגע פאַרפעלט נישט צו קו־מען. אין איינעם מיט נאָך צוויי פריינט קומט ער נאָך האַלבער נאַכט און ער גרייט זיך צו עפענען דעם טויער און דורך דעם לאָך וויל ער אַרויסנעמען דעם רוק און ער גרייט זיך נוקם זיין אין דער גאַנצער פאַמיליע. דאָס, וואָס לייב לעבט איבער אין דער גאַנצער צייט, וואָס דער מערדער זעגט דאָס האָליץ, איז אַ קאָשמאַר. דורך די לעכלעך „זעט" ער דאָס פנים פון רשע. און דער ייד גרייט צו אַ לאָקער, ער האַלט פאַרטיק אַ פאַרשלייפט שטיק שטריק און ער קוקט אַרויס, אַז יענער זאָל אַריינשטעקן די האַנט און ווען ער שטעקט זי אַריין, גיט ער אַ פאַרצי דעם שלייף. צוויי אויסגעשרייען, איינער אַ ניצחונ־דיקער און איינער אַ ווייטיקלעכער, הערן זיך אויף אַ מאָל און די צוויי באַ־גלייטער לאָזן צו דעם יידן זיין קרבן און זיי גייען אַוועק. און לייב זיבאָל שטעלט אונטער אַ ברענענדיק ליכט און ער הערט נישט אויף צו קוקן ווי אַזוי די האַנט ווערט דעפאָרמירט... דאָס איז אַ שווידערלעכע פייניקונג. דאָס איז די אינקוויזיציע אויף דער פאַרקערטער זייט. דאָך קומט דער ייד נישט אַרויס שלעכט און ער רופט נישט אַרויס קיין שינאָה. דער מערדער רופט אַרויס מען מיטלייד ווי דער קרבן. קריסטלעכע לייענער האָבן דאָס באַשטע־טיקט. אַנטיסעמיטן האָבן געהאַט טענות צום שרייבער פאַרוואָס ער האָט נישט געוויזן אַנטיסעמיטיש דעם יידן און קאַראַדזשיאַלי האָט געענטפערט מיט סאַרקאַזם און ער האָט געבראַכט אַ ביישפיל ווי אַזוי אַן אַנטיסעמיט וואָלט די דאָזיקע זאַך געשריבן און ווי אַזוי ער וואָלט חוזק געמאַכט פון דעם

„יידל" און ער האָט געוויזן, אַז דער שרייבער וואָלט געוועזן אַ ליגנער און ער וואָלט אַליין געוועזן אויף חוזק. די דערציילונג ענדיקט זיך מיט דעם, וואָס דער ייד פאַרלירט דעם זין און ער הויבט זיך אויף און ער גייט זאָגן דעם רבין, אַז לייב זיבאַל איז שוין מער קיין ייד נישט, ווייל לייב זיבאַל האָט אָנגעצונדן קריסטוסן אַ ליכט... יאַנקל האָט געפילט, אַז כאָטש אין דער דאָזיקער דערציילונג קומט פאָר אַזאַ בלוטיקע שינאָה און אַזאַ בלוטיקע געשעעניש צווישן אַ יידן און אַ רומענער, פאַרייניקט זי דאָך יידן און רומענער. זי פאַרייניקט אַ סך מער, ווי די פּיעסע „מנשה" פון דעם רומעניש־יידישן שרייבער ראָנעטי (משה) ראָמאַן, וואָס איז דעמלט געווען זייער פּאָפּולער אין רומעניע און איז געווען דער קאַטעכיזם פון אַסימיליאַציע. אין יענער פּיעסע קומט פאָר אַ ליבע צווישן אַ רומענישן מאַן און אַ יידיש מיידל. דער זיידע פון מיידל, מנשה, איז אַ פּערזענלעכקייט, וואָס וואָרצלט דורכויס אין אַלטן יידישן לעבן און ער דערלאָזט נישט צו דעם שידוך. דער זון פון מנשהן, אַ מיטלמעסיקער באַנקיר, האָט שוין קיין שום באַציונג נישט צו זאַכן. דער זיידע שטאַרבט און דער שידוך קומט צו שטאַנד. דאָס מיידל פאַרענדיקט די פּיעסע מיט די ווערטער „איך שטיי אויף דער גרעניץ פון צוויי וועלטן און איך פאַרייניק זיי דורך ליבע." אָבער פאַקטיש האָט דער משכיל און אַסימיליאַטאָר ראָנעטי ראָמאַן מקריב געווען איין פאָלק אויף דעם מיזבח פון צווייטן. דער הויפּט־ראַבינער פון רומעניע, דר. בעק, וואָס האָט אַ לעבן לאַנג געפּרעדיקט אַסימיליאַציע, האָט אַ לעבן לאַנג ציטירט „מנשה" דער איינציקער מענטשלעכער פאַרשוין אין יידנס פּיעסע איז זעליג שור — אַן אָנזאָג פון מנחם מענדלען. קאַראַדזשיאַלי האָט אונטערגעצונדן די רישעות פון רומענישן פאָלקס־מענטשן לגבי יידן און ער האָט באַרעכטיקט דעם יידן צו אַן אומבריינגענדיקער פּחדנות. עס איז געווען גאָרנישט גרינג איבערצוזעצן קאַראַדזשיאַלים קערנדיקע רומענישע פאָלקס־שפּראַך, וואָס האָט דערביי זעלטן סובטעלע פּסיכאָלאָגישע ניואַנסן. אַ פּאָר וואָכן האָט אונזער העלד איבערגעזעצט די לערך קליינע דערציילונג און די פיין־פילנדיקע אסתר, וואָס האָט געקענט גאָר פיין רומעניש און זי האָט זיך אָנגעהויבן צו דערמאָנען יידיש, האָט אים היפּש געהאָלפן דערצו.

...די מילחמה האָט געבראַכט אַ דורכפאַל נאָך אַ דורכפאַל די רומענער און אונזער העלד האָט זיך דווקא דעמלט דערפילט באַהעפט צו דער רומענישער ערד און צו דעם רומענישן פאָלק, דורכדעם, וואָס ער האָט מיט ליבע און מיט געטריישאַפט איבערגעזעצט איינס פון די שעדעווערן פון דער רומענישער ליטעראַטור. ער האָט אויך איבערגעזעצט אייניקע לידער פון פאַרשיידענע רומענישע פּאָעטן און ער האָט געפילט, אַז ער ווערט יידיש־רומעניש און ער מאַכט אַן אָנהויב פון יידיש־רומענישער באַהעפטונג.

קאפיטל זיבן

דאָס לעבן ענדיקט זיך און הויבט זיך ווידער אָן.

דריי חדשים מיט לערך אַ וואָך האָט געדויערט פון זייט רומעניע איז אַריין אין קריג ביז וואַנען בוקאַרעשט איז באַזעצט געוואָרן פון שונא, אָבער וויפל איבערלעבענישן פאַר די קנאַפע הונדערט טעג!

מען האָט זיך צוגעוואוינט צו דער סיטואַציע און מען האָט געלעבט. עס זיינען נישט געקומען קיין בריוו פון די זין אויף די פראָנטן און מאַמעס האָבן באַוויינט „אויף אויסגעוויינט” זייערע קינדער. ביי דער מומע זלאַטע אַליין איז געווען תישעה באָב וויפל מאָל עס האָט פאַרשפּעטיקט צו קומען אַ בריוו פון סוזאַנאַס חתן. דעם פעטער יהודה האָט מען דווקא צוגעקגעבראַכט פון קאָנצענטראַציע לאַגער. ער איז פון דאָרט געקומען נערוועז און מיט אַ גאַלגן־הומאָר. ער האָט זעלטן ווען געענטפערט אויף אַ פראַגע. אַז מען האָט אים געפרעגט „פאַרוואָס?” האָט ער געענטפערט: דאָ פון פאָרנט פאַרן פענצ־טער”, אָדער: „פאַר שבת”. ווען אַ שכנה איז אַריינגעקומען און האָט אים געפרעגט: „דאַמנו גאָטעספעלד, וואו איז אייער פרוי ” האָט ער געענטפערט: „איך האָב נישט קיין פרוי, אַ פרוי איז אין צימער (אַ פרויען־צימער) און מיינע איז אין קיך”. האָט מען אים געפרעגט וואו ס'איז זיין ווייב, האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט נישט קיין ווייב, נאָר אַ פרוי... ער פלעג דערציילן ניסים וועגן זיינע אויפטוען און קלוגשאַפטן. די מומע זלאַטע איז ביי אים געווען די צווייטע פרוי, האָט ער דערציילט, אַז ווען ער איז זיך געגאַנגען גטן מיט זיין ערשטער פרוי, האָט מען אים געפרעגט פאַרוואָס ער טוט דאָס, האָט ער געענטפערט: „זי איז מיין פרוי, פאַרוואָס זאָל איך ריידן אויף איר?” און ווען מען האָט נאָך דעם גט געפרעגט פאַרוואָס ער האָט דאָס געטאָן, האָט ער געענטפערט: „זי איז דאָך אַ פרעמדע פרוי, פאַרוואָס זשע זאָל איך ריידן אויף איר?” ער האָט דערציילט, אַז ער איז דער גרעסטער ספּעציאַליסט צו פאַרריכטן די דאַטום־מאַשינדלעך, און עס האָט זיך נאָך קיינמאָל נישט גע־מאַכט, אַז ער זאָל פאַרריכטן אַ מאַשינדל און מען זאָל עס אים צוריקברייג־גען. איין מאָל האָט עס אים יאָ פּאַסירט, איז ער געוואָרן זייער נערוועז, אָבער ער האָט זיך באַלד געכאַפּט און ער האָט געגיבן אַ פּעסטערן צי איין

אַ שרייפל און ער האָט עס אפילו נישט געפּרואווט און ס'איז געווען גוט. וואָס האָט פּאַסירט? ער איז פונקט דעמלט, ווען ער האָט פאַרריכט דאָס דאָזיקע מאַשינדל, געווען שוואַך און אַזוי ווי ער האָט אַ באַשטימטע מאָס פון אָנשטרענגונג ביים איינציען, האָט ער צוליב דער שוואַכקייט נישט גענוג איינגעצויגן... ער האָט זיך באַרימט מיט זיין פילאָזאָפיע און פּאָעזיע נישט ווייניקער ווי מיט זיין טעכניק. ער האָט געשריבן לידער אין אַ מין שפּראַך, וואָס איז נישט געווען יידיש און נישט דייטש און ער האָט געזאָגט, אַז דאָס איז די אמתע שפּראַך, ווייל עס וועלן זי פאַרשטיין אי דייטשן אי יידן... זיי פילאָזאָפיע איז אַלץ געוואָרן פּעסימיסטישער און זיין שטענדיקער אויספיר איז געווען: „לעבען איזט לעבען ניכט ווערדע”...

פון די אַלע רוסישע דעזערטירן האָבן זיך צו אונזער העלד צוגעקלעפּט צוויי, איינער האָט געהייסן בן מנחם און איינער — אלקנה.ביידע זיינען געווען מעכאַניקער און ביידע האָבן געשטאַמט פון ליטע. דער ערשטער איז געווען אַ הויכער געזונטער און שיינער רויטלעכער בחור. ער איז געווען שוין צו שיין און ער האָט דאָס געוואוסט און געשטאַלצירט מיט דעם. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ מאָלער און אַ צייכנער, אָבער קיין אַרבעטן האָט ער קיינמאָל נישט געוויזן. דער צווייטער איז געווען אַ נידעריקער, אַ שוואַרצער און ער האָט געהאַט אַ פּנים ווי פון לעדער. ס'האָט זיך קיין ריר נישט געמאַן דאָס פּנים זיינס און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ס'האָט נישט קיין איין מוסקול; דערצו איז עס געווען לענגעכיק און ס'האָט ממש אויסגעזען מאַלפּיש, אָבער אויגן האָט ער געהאַט שוואַרצע און גליענדיקע און זיי האָבן דעם גאַנצן פּרצוף צוגעגעבן אַ חן און אַ האַרציקייט. אין אַלע קרייזן וואו די צוויי חברים האָבן פאַרקערט, האָט מען אלקנהן מער ליב געהאַט אי ווייל ער איז געווען דער קליגערער, אי ווייל ער איז געווען דער נישט שיינער. מענטשן האָבן אַ פּנים נישט ליב קיין צו שיינע... די דאָזיקע צוויי חברים האָבן געקענט אַ ים מיט יידישע לידער און זיי האָבן אַליין געמאַכט פּאַראָדיעס אויף באַקאַנטע לידער. זייער פּאַראָדיע אויף ביאַליקס „אונטער די גריניגקע ביימעלעך”, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער „הינטער די קאַרפּאַטן בערגעלעך”, האָט מען אומעטום געזונגען. די דאָזיקע צוויי בחורים האָבן יאַנקלען און שטערנבערגן אַריינגעפירט אין דער שטוב פון איינעם אַ שוחט ראַבינזאָן, וואָס האָט געהאַט אַ זון אַן אינטעליגענטן בחור מיט אינטערעסאַנטע משוגעתן און אַ טאָכטער, וואָס איז אויך געווען מער אינטערעסאַנט ווי שיין. דער בחור האָט געהייסן יעקב און ער איז געווען אַ העברעאישער לערער און די שוועסטער האָט געהייסן חנה און זי איז געווען אַ רומענישע לערערין. דער שוחט איז געווען אַ ייד מיט אַ לאַנגער באָרד. דער פעטער יהודה, וואָס האָט אים גוט געקענט, האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער האָט איינגעשלונגען אַ פערד, איז אים די קאָדע געבליבן שטעקן אין דרויסן. דער

שוחט אליין פלעג זיך וויצלען און ער פלעג זאָגן, אַז ער איז אַ גרויסער מייסטער, קיינער קען נישט אַזוי גוט זיך קראַצן מיט די נעגל ווי ער. די שוחטקע איז געווען אַ נידריקע, דיקלעכע יידענע, מיט גוטע און אַביסל ברוגזלעכע אויגן. יעקב איז געווען אַ לאַנגער בחור אַ דאַרער מיט אַ לענגעכיק קעפּל און מיט אַ פויגלישער ברוסט. ער האָט געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען צו לאַכן מיט די אויגן און זיי האָבן דאָך שטענדיק געוויינט פון הינטער דעם גלעכטער אַפיר. ער האָט זיך געשניטן צו ווערן אַ יידישער און העברעאישער שרייבער און ער האָט געקענט דיסקוטירן וועגן אַלץ אין דער וועלט. ער איז געווען באַהאַוונט אין וועלט־פילאָזאָפיע און אין יידישער, העברעאישער, רומענישער און דייטשער ליטעראַטור און אין סאָציאַליסטישע ענינים און ער האָט אַלץ גענומען ערנסט און ער האָט דאָך פון אַלץ אָפּגעשפּעט. ער איז געווען אַ לץ פון דער נאַטור. ער אַליין האָט געטראָגן אַ גרויסן קינסטלער קראַוואַט ווי אַלע זיינע באַקאַנטע און ער האָט דאָך אָנגעשריבן אַ סאַטירע, וואָס האָט געהייסן „די געשיכטע פון די דרייצן שוואַרצע קראַוואַטן", אין וועלכער ער האָט אָפּגעלאַכט פון די צוועלף באַקאַנטע זיינע און פון זיך אַליין. חנה איז געווען אַ הויכע און אַ דאַרע, אַזוי ווי איר פאָטער און איר ברודער. און זי האָט אויך געהאַט אַ פויגליש קעפּל און אַ פויגלישע ברוסט. זי איז געווען העל שאַטען און אירע האָר האָבן שטענדיק געשיינט. זי האָט געהאַט מאַנדל אויגן, אָן אָדלער נאָז איון די קליינע, וואָס זיינע געווען צעשאָטן איבער איר פּנים האָבן דעם צוגעגיבן אַ באַזונדער חן. זי איז אַרומגעגאַנגען לייכט און זי האָט ממש געשוועבט, עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ אין איר זינגט און טאַנצט. געקומען זיינען אַ סך רוסישע דעזערטירן צום שוחט אין שטוב אַריין צוליב דעם זון און טאָקע צוליב דעם טיי מיטן קיכל, וואָס די שוחטקע האָט געגיבן, אָבער אויך צוליב דעם שוחטס חנווודיקער טאָכטער איז מען אויך געקומען. געוואוינט האָבן די ראַבינזאָנס נישט ווייט פון דער פּאָסט, פון יענער זייט טייך און אַהיימגיין ביינאַכט איבער דער ברוק איז געווען נישט גאָר אָנגענעם, אַ סך מאָל פלעג פּאָליציי אָפּשטעלן און בדקענען די פּאַפּירן און זוכן אויף דעם רומענישן שטייגער אַ באַקשיש, אָבער ס'האָט זיך געלוינט צו ליידן אַביסל פאַר דעם פאַרברענגען אין יענעם הויז. חנה האָט די געסט פון איר ברודער נישט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט און איר ברודער פלעג זאָגן, אַז זי איז „אַ שוחטס אַטאַכטער און אַ שיקסל" און ער האָט צוגעגעבן מיט רוגזה, אַז ווען די געסט זיינע וואָלטן גערעדט רומעניש, וואָלט זי שוין אַריינגעלאָפן צו זיי... דער ברודער האָט אַזש געשיפּעט און ער האָט געזאָגט, אַז זי איז אַ פּשוטע בירגערלעכע „דאָמנישאָאַרע" (פריילין). ס'איז קיינעם נישט איינגעפאַלן, אַז זי וועט אַמאָל ווערן די באַרימטע רעוואָלוציאָנערקע אַנאַ פּאַוקער...

און איינמאָל האָט עס פּאַסירט, אַז חנה האָט זיך מיט אַ שמועס פון

די דעזערטירן דאָך פאַראינטערעסירט. עס איז געווען אַ ביטערער ווינטער
אָוונט. אַ מוראָדיקע זאַווערוכע איז געגאַנגען אַ ווילדן טאַנץ איבער בוקאַ־
רעשט: עס איז געווען אָן עבירה אַרויסצולאָזן אַ הונט אויף דער גאַס. און
מען איז זיך דאָך צונויפגעקומען צום שוחט אין הויז אַריין און מען האָט
דאָרט געטענהט און פאַרבראַכט. די שוחטקע האָט געגעבן חוץ טיי מיט
קיכלעך אויך ברויט מיט דאַרער קישקע און פאַסטראָמע. אַוועקגיין האָט חנה
נישט געקענט און זיצן ביי זיך אין צימער איז איר געווען אַ פּנים לאַנג־
ווייליק, איז זי אַריינגעקומען צו די בחורים און זי איז געווען איין מיידל
צווישן אַ טוץ בחורים. עמיצער האָט איר געזאָגט מיטן פּסוק פון שיר השירים,
אַז זי איז „כשושנה בין החוחים", ווי אַ רויז צווישן דערנער... און עס האָט
זיך גראַד פאַרבונדן אַ שמועס וועגן ביאַליקן און טשערניכאָווסקין און פון
דעם שמועס האָט זיך געקענט שאַפן אַ פאָרשטעלונג וועגן ביאַליקס נאַציאָ־
נאַלן פּאַטאָס און וועגן זיינע אוימגעהויערע נאַטור־לידער און אויך וועגן
שאול טשערניכאָווסקי און זיין געראַנגל מיט דער אַלטער יידישקייט און
וועגן זיינע זעלטן זינגעוודיקע ערָאָטישע לידער. דער שוחט האָט זיך צוגע־
הערט צום שמועס מיט אַ האַלבן אויער און ביי אייניקע לידער פון שאול
טשערניכאָווסקי, האָט ער זיך נישט געקענט איינהאַלטן און ער האָט אַרויס־
געלאָזט אַ „שקץ תשקצנו" אין איינעם מיט אַ שפּיי; חנהן האָט דער שמועס
פאַראינטערעסירט און זי האָט זיך שטאַרק צוגעהערט. זי האָט זיך אויך
צוגעהערט מיט ביידע אויערן, ווען דער שמועס איז אַריבער אויף אַן אַנ־
דער טעמע און מען האָט דורכגעלופּטערט די העברעאישע שרייבער גנעסין
און בערשאַדסקי און די יידישע שרייבער ח. ד. נאָמבערג און ז. י. אָנוכי
און זייערע אייגזאַמע אינטעליגענטישע פאַרשוינען. חנה האָט דירעקט אויס־
געדריקט איר צופרידנהייט מיט די שמועסן, וואָס זי האָט געהערט און ווען
יעקב שטערנבערג האָט איבערגעלייענט דעם עפּיזאָד „חווה" פון „טביה
דער מילכיקער" האָט זי געלאַכט און געוויינט און זי האָט געזאָגט,
אַז זי וועט שוין פון איצטער אָן און ווייטער זיין אַן אָפטער גאַסט אויף די
שמועסן און זי וועט אפילו ברענגען אירע חברטעס אויך. דער שוחט האָט
אַן איראָנישן שמייכל געטאָן און געזאָגט: „אַט וועל איך גיין מאַכן ביי מיר
אין שטוב אַ „בית־וועד פאַר יינגלעך און מיידלעך"... אָבער חנה האָט גע־
האַלטן וואָרט און פון צייט צו צייט האָט זי געבראַכט אַ חברטע צו די
שמועסן. אָפטער פון אַלע האָט זי געבראַכט איר חברטע פריילין בעק, די
מוזינקע פון בוקאַרעשטער הויפּט־ראַבינער דר. בעק וואָס איז געווען אַ האַלב־
רעפאָרמירטער אונגאַרישער ראַביי און האָט אַ גאַנץ לעבן געפּריידיקט אין
גרויסן בוקאַרעשטער טעמפּל, אַז יידן זיינען נישט קיין פאָלק, נאָר אַ רע־
ליגיע. פריילין בעק איז געווען אַ קליינע, אַ רירעוודיקע, אַ ברענענדיקע ברוי־
נעטקע מיט אַ זעלטן מילדן בליק. יידיש האָט זי נישט געקענט, אָבער אַ

דאַנק דעם, וואָס זי האָט געקענט דייטש, האָט זי ווי עס איז נישט איז פאַר־שטאַנען.

חנהן איז נישט איינגעפאַלן, אַז די גרויסאַרטיקע קליינע חברטע אירע קומט צו איר צוליב איר חתן. זי האָט געהאַט אַ חתן אַ שיינעם מאַן, וואָס האָט נישט לאַנג זיך אומגעקערט פון פּאַריז און ער האָט געהייסן אַנרי. ער איז געווען אַ מענטש מיט עלנבויגנס און מען האָט אים פאַרגעזאָגט אַ גרויסע קאַריערע. פרויען זיינען נאָך אים געווען די כפרה, האָט מען געזאָגט, ווייל ער האָט פאַרמאָגט פּאַריזער שיק. אַנרי איז געווען עטלעכע חדשים פאַר־ליבט אין חנהן און דערנאָך האָט ער זיך אָנגעהויבן אָפּקילן און ער איז גע־קומען אַלץ זעלטענער און זעלטענער. חנה איז אין דעם פּרט געווען ווי טביהם אַ טאָכטער, זי איז געווען איבערגעגיבן מיט לייב און זעלע און מיט האַרצן און מיט דער נשמה און זי פלעג פאַר ערגערנישן קראַנק ווערן און ליגן אין בעט. זי איז באמת געווען קראַנק פאַר ליבע און זי האָט געמעגט זינגען „חולת אהבה אנכי.״ איר ברודער איז אויך כמעט געווען פאַרליבט אָן קעגנזייטיקייט או ער איז געווען קראַנק דערפון, אָבער ער האָט עס באַ־האַלטן אין זיך און ער האָט עס נישט אַרויסגעוויזן און ער האָט כלומרשט בסדר געלאַכט. חנה האָט נישט געקענט באַהאַלטן אירע ליידן. און די מוטער פלעג ציטערן איבער דער טאָכטער און אירע אויגן האָבן אַרומגעטאַנצט ווי מייזלעך און זיי האָבן אויסגעזען שרעקלעך איבערגעשראָקן. אַ לאַנגע צייט האָט מען רעכט נישט געוואוסט וואוהין אַנרי איז פאַרשוואונדן און ערשט פּריילינג צייט האָט מען געהערט, אַז אַנרי איז אָפיציעל אַ חתן געוואָרן פאַר פּריילין בעק. דעם שוחטס טאָכטער האָט זיך אָנגענומען מיט ענערגיע און זי האָט אַרויסגערופן איר חברטע די כלה צו דער פּאָסט און איך דאָרט דער־לאַנגט עטלעכע קלינגענדיקע פּעטש און זי האָט זיך דערמיט געקילט דאָס האַרץ און זייט דעמלט איז זי געוואָרן אַן אַנדערע. זי האָט אויפגעהערט צו זיין אַ באַלעבאַטיש פּריילין און זי איז געוואָרן אַ חברטע. אָבער דאָס איז געווען נאָך אַ ווינטער ליגן צו בעט און קראַנק זיין פאַר ליבע. און נאָך אַ סך זאַכן זיינען פאָרגעקומען אין יענעם ווינטער.

יאַנקלען האָט אָפּגעגליקט. דורך אַ רעקאָמענדאַציע און דורך עמיצנס אַ קראַנקען פאַל איז ער געוואָרן דירעקטאָר פון אַ גרויסער האָלץ־פאַבריק, וואָס האָט געהערט צו אַן אונגאַרישן יידן און די רעגירונג האָט זי דעקוויזיאָנירט. ס׳איז געווען אַ זעג־פאַבריק, וואָס האָט איבערהויפּט געשניטן האָלץ צום הייצן. בוקאַרעשט איז אָפּגעשניטן געוואָרן פון די וועלדער און ס׳האָט אָנ־געהויבן ווערן אַ מאַנגל אין האָלץ. נגידים האָבן געגיבן אַ קויף אָן אַ סך האָלץ און באַהאַלטן אין די קעלערס און דער שטאָט האָט געדראָט קעלט. אין אָרימע שטיבער האָט מען שוין טאַקע נישט געהאַט מיט וואָס צו הייצן. טויזנטער הילצערנע פּלויטן זיינען פאַרשוואונדן. מען האָט נישט געלאָזט אין

ערגעץ קיין הילצערנעם סלופּ. מען האָט געמוזט איינפירן האַלץ־קאַרטן. פאַמיליעס האָבן באַקומען הייצונג לויט דער צאָל צימערן און עס האָט זיך באַלד באַלד אָנגעהויבן אַ ספּעקולאַציע מיט די האָלץ־קאַרטן און אַ שווינדל פון גרויסן פאַרנעם. דער שווינדל האָט זיך אָנגעהויבן שוין אין דער פּאָליציי, וואו מען האָט פאַר באַקשיש געגיבן דריי און פיר קאַרטן צו איין פאַמיליע, אָבער דער הויפּט־שווינדל איז פאָרגעקומען אין די האָלץ־פאַבריקן אַליין, וואו מען האָט פאַר אַ קאַרטע גענומען צען מאָל אַזויפיל וויפל דאָס האָלץ אַליין האָט געקאָסט. אויך צו דער פאַבריק מיט וועלכער אונזער העלד האָט אָנגעפירט, האָט די ספּעקולאַציע דערגרייכט. פאַקטיש איז די פאַבריק געווען אַ מיליטאַריזירטע און די מערסטע אָנגעשטעלטע זיינען געווען מיליטערלייט. עס זיינען געווען אָפיצירן און „פּלוטאָניערן" (פעלדפעבלען לערך) און אונטער־אָפיצירן און סאָלדאַטן. זיי זיינען אַלע געווען געזונטע יונגעלייט און על פּי רוב דווקא עכטע רומענער און זיי זיינען געבליבן אין דער פאַבריק, וואו זיי האָבן, דרך אגב, כמעט גאָרנישט געטאָן, בכדי נישט צו דאַרפן גיין אויף דעם פראָנט. יאַנקלען איז דאָס אָנפירן מיט דער גרויסער פאַבריק, וואָס האָט יעדן טאָג צעשניטן טויזנטער קילאָ האָלץ, אָנגעקומען נישט גרינג. ער איז קיין מאָל קיין געשעפטס־מאַן נישט געווען און אין בוכהאַלטעריע האָט ער קוים עפּעס פאַרשטאַנען. ער האָט זיך באַלד געגיבן חשבון, אַז בכדי צו קענען באַהערשן די גאַנצע פאַבריק, מוז ער האָבן די הילף פון די וויכטיקסטע אָנגעשטעלטע, אָבער קיינער פון זיי האָט נישט אין זינען געהאַט די פאַבריק אַליין, נאָר צו מאַכן אַ פּאָר טויזנט לעי, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז נישט אָפּט קומט אַזאַ געלעגנהייט אין לעבן. דער קריג האָט ביי זיי אַלע געשאַפן אַ פאַרצווייפלטע „מאָראַל". דער דייטש, האָבן זיי געזאָגט, וועט זיכער אַריין אין בוקאַרעשט און דעמאָלט וועט זיין אויס פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער גאַנצער זאַך. דעם גרעסטן שאַנס האָט געהאַט דער בעל דבר אַליין, מען האָט אים פאַרגעלייגט גרויסע סומעס פאַר די „באָנעס", אָבער ער האָט קיין מאָל אין זיין לעבן נישט געשטרעבט צו מאַכן געלט און ער האָט אויך געפילט, אַז פריער, אָדער שפּעטער וועט מען פאַר די אַלע מעשים דאַרפן גיבן רעכנונג און עמיצער וועט דאַרפן באַצאָלן פאַר די „צעבראָכענע טעפּ" און ווער וועט זיין דער דאָזיקער עמיצער, אויב נישט ער? אָפּשטעלן די גניבות האָט ער פּונקט אַזוי נישט געקענט, ווי ער וואָלט נישט געקענט אָפּשטעלן מיט דער האַנט אַ צוג אין פולן גאַנג. דערצו איז נאָך געווען קריגצייט און יעדער פאַרברעכן וואָלט געדאַרפט געמישפּט ווערן פון אַ קריגס־געריכט. האָט ער פאַרקוקט אויף אַלץ און ער האָט נאָר אַכטונג געגיבן, אַז זיינע הענט זאָלן זיין ריין, כאָטש ניסיונות זיינען געווען נישט נאָר פון געלט נאָר אויך פון שיינע פרויען און פון — צוקער, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן פעלן. צענדליקער באַקאַנטע האָבן זיך געווענדעט צו אים נישט נאָר נאָר האָלץ, נאָר

אויך נאָך צוקער. אייניקע האָבן עס געמאָנט פאַר קראַנקע קינדער און זיין ערלעך זיין האָט געקענט גורם זיין אומגליק.

א נערוועזע צייט האָט אונזער העלד דעמלט איבערגעלעבט און נישט איין מאָל האָט ער זיך בייגאַכט אויפגעכאַפּט, א באַגאָסענער פון קאַלטן שווייס. אים האָט זיך געחלומט, אז א מיליטער־געריכט מישפּט אים פאַר גניבות, וואָס אנדערע זיינען באַגאַנגען און אז טויזנטער אַרימעלייט, וואָס האָבן געליטן פון קעלט זיינען געקומען עדות זאָגן קעגן אים. די איינציקע טרייסט זיינע אין דער פאַבריק זיינען געווען — די ציגיינער. אין דער צייט פון דער מילחמה האָט מען זיי מאָביליזירט און געשטעלט צו פאַרשיידענע אַרבעטן. אויף דעם פראָנט האָט מען זיי נישט געשיקט, ווייל ס'איז געווען אוממעגלעך זיי אויסצולערנען דאָס ביסל טעאָריע און וועלכע ס'איז די רעכטע און וועלכע די לינקע האַנט. אין פרידנס־צייטן האָט מען זיי דאָס דאָזיקע אריינגעשלאָגן דורך צובינדן א שטיקל היי צו דער רעכטער און א בינטל שטרוי צו דער לינקער האַנט, אין דער צייט פון קריג האָט מען דאָס דאָזיקע נישט געקענט באַווייזן. די ציגיינער האָבן אין דער פאַבריק געהאַט די פּשוטסטע אַרבעט, צו וועלכער מען האָט נישט געדאַרפט נישט קיין אינ־טעליגענץ און אויך נישט קיין גרויסע פיזישע אָנשטרענגונג. פאַר זייערע השגות האָט מען זיי אויך נישט שלעכט געצאָלט, אָבער זיי זיינען גרייט געווען נישט צו באַקומען קיין לוין און צו הונגערן מיט ווייבער און קינדער, אַבי נישט צו אַרבעטן. די פּוילקייט זייערע איז געווען א פענאָמענאַלע. זיי זיינען, דאַכט זיך, נישט געווען קיין גרויסע חכמים, דאָך האָבן זיי אַרויס־געוויזן אַלערליי פּיקחותן און זיי זיינען געווען זעלטן דערפינדעריש אויף תירוצים, בכדי נישט צו דאַרפן גיין צו דער אַרבעט. היינט איז געווען קראַנק די מאַמע און מאָרגן דער טאַטע און איבערמאָרגן די „גאַזשיקאַ" (כלה אויף ציגיינעריש) און איינעם האָט געצויגן א האַנט און א צווייטן א פוס און א דריטער האָט זיך פאַרשניטן א נאָגל מיט א שטיק פלייש, אַבי נישט צו דאַרפן אַרבעטן. א גאַנץ לעבן האָט ער די נעגל נישט געשניטן און פּלוצים האָט ער גענומען שניידן איין נאָגל, בכדי אים צו פאַרשניידן. די איבעריקע האָט ער געלאָזט. און ווען מען האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער האָט די איבעריקע נישט אָפּגעשניטן, האָט ער געזאָגט, אז דער איינער נאָגל האָט אים אָנגעהויבן אריינוואַקסן אין פלייש אריין. זיי פלעגן מורא האָבן פאַר בלוט, אז דער רוח האָט זיי גענומען און דאָך האָבן זיי זיך פאַרשניטן, בכדי נישט צו דאַרפן אַרבעטן. אז מען האָט זי געגיבן א קלאַפּ, האָבן זיי געשריגן, אז דער הויף איז געגאַנגען כאַדאָראָם און זיי זיינען דאָך געווען צופרידן צו כאַפּן קלעפּ, בכדי דערנאָך צו קענען זאָגן, אז עס טוט זיי וויי. איין מאָל האָט די זעג אריינגעכאַפּט א האַנט פון א ציגיינער און אים אָפּגעשניטן צוויי פינגער. די קולות זיינען געגאַנגען ביז אין הימל אריין. ער האָט געריטשעט

ערגער ווי אַ געבראָטענער חזיר. אַלע אַרבעטער האָבן זיך כמעט נישט גערירט פון זייערע פּלעצער און זיי האָבן ווייטער געאַרבעט, די ציגיינער האָבן אַלע אָפּגעשטעלט די אַרבעט און געלאָפן קוקן און זיי האָבן געמאַכט, אַז זיי וויינען און קלאָגן. עס איז אָפּגערונען פון דער האַנט אַ ים מיט בלוט. די גאַנצע בלאָטע פון אַרום איז געוואָרן שוואַרץ־רויט. מען האָט דעם געליטענעם געגיבן די ערשטע הילף און אַוועקגעפירט אַהיים און די איבעריקע ציגיינער זיינען נאָך אַלץ געשטאַנען און געשריגן „אַ־וליו" און זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן מורא צו גיין צו דער אַרבעט... מען האָט זיי ממש געמוזט טרייבן מיט דרוקעס. אויף דעם צווייטן טאָג איז דער ציגיינער מיט די אָפּגעשניטענע פינגער געקומען אַן אויסגעפּוצטער אין די יום טובדיקע קליידער און אפילו דער ווייסער באַנדאַזש איז ביי אים געווען אַ צירונג. די איבעריקע ציגיינער האָבן אויף אים געקוקט מיט סליונקעס ביי די מיילער און קיין מער גליקלעכער איז פאַר זיי נישט געווען. ער האָט דאָך נישט געדאַרפט גיין אַרבעטן. יאַנקל איז געווען זיכער, אַז מאָרגן וועט אַן אַנדער ציגיינער זיך לאָזן אַריינכאַפּן די האַנט, בכדי נישט צו דאַרפן אַרבעטן, אָבער ער האָט אַ טעות געהאַט. אַריבער אַ וואָך איז פאַרגאַנגען ביז וואַנעז די זעגן האָבן פאַרכאַפּט די הענט פון דריי ציגיינער. איינער פון די געליטענע האָט זיך פאַר אונזער העלד מודה געווען צווישן פיר אויגן, אַז ער האָט עס געטאָן אוממיסטן, אָבער ער האָט דאָס נישט געטאָן באַלד, ווייל ער האָט זיך די גאַנצע צייט געקווענקלט אוים מורא פאַר דעם בלוט. ער האָט זיך דערביי נאָכגעפרעגט, צי ווען עס רינט אָפּ אַזויפיל בלוט, קען מען נאָך בלייבן לעבן. יאַנקל האָט געמיינט, אַז יידן האָבן מער ווי אַלע פעלקער מורא פאַר בלוט, האָט ער זיך דעמלט איבערצייגט, אַז ציגיינער האָבן נאָך מער מורא...

אויף דעם פראָנט איז געוואָרן ערגער און ערגער, די דייטשן האָבן שוין געהאַט פאַרנומען קראַיאָווא און קאָנסטאַנצאַ. די צייטונגען האָבן זיך געבייזערט. דער אַלטער קאָנסטאַנטין מילע האָט געשריבן „דער פיינד האָט געלייגט זיין שמוציקע האַנט אויף אונזער שיינעם האַפן ביים שוואַרצן ים". די בוקאַרעשטער אַליין האָבן זיך אָנגעהויבן ווי באַרואיקן. ס'האָט זיך זיי געדאַכט, אַז בוקאַרעשט וועט דער שונא קיינמאָל נישט קענען פאַרנעמען. מען האָט שוין צוריק געעפנט נישט נאָר די טעאַטערס און קינאָס, נאָר אויך די קאַבאַרעטן; אָפיצירן האָבן שוין געהוליעט נישט נאָר מיט קאָקאָטעס, נאָר אויך מיט דאַמען פון דער געזעלשאַפט. אייניקע פרויען האָבן עס געטאָן פאַר נויט, אַנדערע איז נימאָס געוואָרן דאָס זיצן איינזאַם און וואַרטן. די נאַטור איז שטאַרקער פון דעם אָנשטענדיקייט־געפיל. און פּלוצים האָט מען אָנגעהויבן באָמבאַרדירן די שטאָט פון אויבן. דייטשע צעפּעלינען האָבן זיך באַוויזן איבער דער שטאָט. דעם דעבוט האָבן זיי געמאַכט אין אַ סוף אָקטאָבער נאַכט. ס'איז געשטאַנען דער שיינער רומענישער האַרבסט. ס'איז גע־

ווען אין יענער צייט, ווען עס דאַכט זיך, אַז רק עס רינט בלוט פון די פּרוכטן אין די סעדער. אַ שיסערייַ האָט פון שלאָף אויפגעוועקט. דער דרייַ־יעריקער יאַט פון שטוב, דער קאַרפּוזיק טרוצי האָט זיך צעוויינט. סלאַווע האָט גע־וויזן אַ מויל אָן ציין. אַדעלאַ און אסתר זיינען אַראָפּ אין די רומעניש נאַכט־העמדער, וואָס האָבן געשיינט מיט רויט אויסנייעכץ. די ערשטע האָט געצאַפּלט מיט איר פולער הונגעריקער ווייבלעכקייט און די צווייטע האָט גע־פלאַטערט מיט איר נאָך פאַרשלאָסענער ווייבלעכקייט. יאַנקל איז געווען דער איינציקער מאַן אין שטוב און ער האָט געעפנט אַ לאָדן און פאַרשאַרט אַ פאַרהענגל און ער האָט געקוקט. פון אַנדערע פענצטער האָט מען אויך גע־קוקט. אין גאַס האָט זיך שוין אָנגעהויבן פאַרמירן אַ רעדל. אין מיטן הימל, הויך, האָט מען געזען אַ קאַטשקעלע פון פייער. מען האָט געהערט שיסן און אין דער לויטערקייט פון דער נאַכט האָבן אויבן, לעבן הימל, זיך באַוויזן ווייסע רויכלעך. קיינער האָט נישט געוואוסט, וואָס די רויכלעך באַטייטן. אַ לאַנגע צייט האָט זיך געהערט דאָס שיסן און ווען עס איז שטיל געוואָרן האָט פּאָליציי געפייפט. זי האָט געהייסן מאַכן פענצטער און זיך לייגן שלאָפן. פענצטער האָט מען געמאַכט, געלייגט שלאָפן האָט מען זיך אויך, אָבער שלאָפן האָט מען נישט געקענט. די הענער האָבן געקרייעט איין מאָל און אַ צווייט מאָל און געשלאָפן איז שוין קיינער נישט. מען האָט קוים דערלעבט צו לייענען די מאָרגן צייטונגען און מען האָט זיך דערוואוסט, אַז אין דער אַרבעטער געגענט דעאַלול ספּירעי זיינען געפאַלן די באָמבעס און זיי האָבן דערהרגעט עטלעכע פּערזאָן, צווישן זיי צוויי קינדער. עטלעכע האָט מען פאַרוואונדעט. אין שטאָט איז געווען אַ מיליאָן מענטשן, דערמאָרדעט און פאַרוואונדעט האָט מען ווייניקער פון דרייסיק פּערזאָן, דאָך האָט זיך יעדן איינעם געדאַכט, אַז ער איז דער נאָענטסטער קאַנדידאַט. ווען עמיצער איז געגאַנגען אין גאַס אַריין, איז ער גרייט געווען זיך צו געזעגנען... דער טאָג איז געווען אַ מוראַדיק נערוועזער. מען האָט געאַרבעט און נישט געאַרבעט. און די אמתע שרעק איז געקומען מיט דעם אָוונט. עס זיינען שוין געווען געגעבע באַפעלן ווי אַזוי אומצוגיין מיט דעם ליכט. אין צימערן מיט פענצטער און טירן האָט מען נישט געטאָרט ליכטיק מאַכן. ווען אַ פּאָליציי־מאַן האָט באַמערקט ערגעץ אַ שיין דורך אַ שפּאַרונע, האָט ער גענומען פייפן. די פינ־צטערקייט אַליין האָט געוואָרפן די גרעסטע שרעק. קיינמאָל האָט מען נישט געהערט אַזוי וויינען קינדער ווי אין יענעם אָוונט. קיין מאָל האָט מען אַזוי נישט געהערט בילן קיין הינט, געשלאָפן איז קיינער נישט. פונקט ווי מאַ־דאַם בעטערפליי, אַזוי זיינען די בוקאַרעשטער פרויען געזעסן אין יענער נאַכט ביי די פענצטער און געוואַרט. דער זייגער האָט געשלאָגן פון ניין ביז זעקס און מען האָט נישט געהערט קיין שיסן און קיין פייפן. מען האָט זיך אַזש געפילט אַנטוישט ווי נאָך אַ נישט־צושטאַנד געקומענע ראַנדעוואו...

דער פּאַר אָבער האָבן די צעפּעלינען אַפּגעטאָן זייערס אין מיטן העלן טאָג. פּאַר מיטיק איז עס געווען. ווי אונזער העלד געדענקט עס אַלע פּרטים פון יענער געשעעניש! דער עולם איז געגאַנגען בנעימותדיק און געלייענט די כּללים ווי אַזוי צו היטן זיך. ס'האָט זיך גערעדט נאָר וועגן ביינאַכט. אַז מ'קען באָמבאַרדירן אויך גאַנץ פרי, איז קיינעם נישט איינגעפאַלן. יאַנקל איז דעמלט געווען, געדענקט ער, אויף אַ גאַס, וואָס הייסט גאַבראָווען. אַ גרויסע האַנדלס גאַס, אָבער אַ שמאָלע און אַ קרומלעכע. איז זי געווען און זי האָט דערמאָנט אין סטאַמבולער געסלעך. די דאָזיקע גאַס האָט געהאַט אַ סך פאַרדעכטיקע האָטעלן, וואו עס האָבן זיך בייטאָג געדרייט אָפּגעבליאַקע־וועטע פרויען און אין אָוונט און ביינאַכט האָבן זיך די זעלביקע באַוויזן שרייענדיק געפאַרבטע. אונזער העלד איז געגאַנגען מיט אַ שכנהס אַ בחור פון אַ יאָר אַכצן, וואָס האָט געהייסן יאַנקו. ער האָט אויסגעזען ווי אַ פול־שטענדיקער ציגיינער און ער האָט זיך געקליבן צו ווערן אַ וועלטס־פילאָזאָף. ער האָט פאַרמאָגט אַ שפּרודלדיקן הומאָר. זיין עלטערער ברודער איז געווען אויף דעם פראָנט און די מאַמע זיינע האָט אים נישט אויפגעהערט צו פאַר־ווײנען די יאָרן, דאָך האָט ער דעם הומאָר נישט פאַרלוירן. ער האָט זיך אַני־דערגעשטעלט לייענען אַ פּלאַקאַט מיט די כּללים ווי אַזוי זיך צו היטן פאַר די באָמבעס און ער האָט געפונען גראַמאַטיקאַלע און סטילּיסטישע פעלער און ער האָט געשאָלטן די שטאָט־באַלעבאַטים מיט די רומענישע ברכות. „יאַנקו, האָט צו אים זיין באַגלייטער געזאָגט, דאָס גאַנצע לעבן איז אין קאָן און דו זוכסט גראַמאַטיקאַלישע פעלער?" די אויגן האָבן אים געפינקלט מיט שוואַרץ און רויט פייער און ער האָט געענטפערט: „כּל זמן מען לעבט, דאַרף מען שרייבן ריכטיק." און אַזוי ווי זיי האָבן געשמועסט, האָט יאַנקל דערהערט ווי עס דונערט לעבן אים און ער האָט דערפילט אַ היץ. גלייך אַ פייער וואָלט זיך גענומען דרייען אַרום זיין פּנים. ס'האָט זיך געהערט אַ בראַזג פון שויבן און אַ פייפעריי. ער האָט, דאַכט זיך, גענומען לויפן אַהין און צוריק און פון גאַנצן לויפן איז ער געבליבן שטיין אויף אַ פּלאַץ.

...און ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער געזען, אַז יאַנקו איז געליגן אויף דער ערד מיט אַ צעבלוטיקט פּנים. קיין אויגן האָט מען שוין נישט געזען. די ברענענדיק לאַכנדיקע אויגן זיינען געווען באַגאָסן מיט בלוט. ער האָט זיך שוין נישט גערירט און ער האָט שוין אָנגעהויבן צו ווערן קאַלט, כאָטש די זון האָט געשיינט גלייך אויף אים. לעבן אים איז געליגן אַ פערד פון טראַמוויי מיט די קישקעס אין דרויסן. אביסל ווייטער זיינען געליגן צוויי מענער און דאָס בלוט האָט גערונען פון זיי. ס'איז באַלד אָנגעקומען אַ קאַרעטע פון גיכער הילף. אַן אַלטער דאָקטער האָט אַ טאַפּ געטאָן דעם דופק און געזאָגט — „פּאַדוס!" (ער איז אַוועק־). יאַנקל האָט נישט געוואוסט, צי זאָל ער יאָ אויסזאָגן דעם אַדרעס פון דערהרגעטן, צי נישט און צי זאָל ער

דערציילן זיין מאַמען וועגן די לעצטע מאָמענטן פון איר זון... די מוטער איז ביז דאַן געווען אַ הייסע גערמאַנאָפילקע, זייט דעמלט אָבער פלעג זי שטענדיק זאָגן: „איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז די דייטשן זיינען געווען די הענקערס פון מיין זון...” איר זון פון פראָנט איז דערנאָך אַהיימגעקומען געזונט און שטאַרק! דער פעטער יהודה האָט שפּעטער געלייענט די בייטאָגיקע צייטונגען און ער האָט געזען, אַז מען האָט דערהרגעט אַ צוויי הונדערט מענטשן און עטלעכע צענדליק פערד און ער האָט אַפּיקורסיש געקריצט מיט די ציין און געזאָגט: „אַבי עס שטייט געשריבן „אָדם ובהמה תושיע ה'...”
אַ באַקאַנטער סופליאָר האָט באַגעגנט אונזער העלד און אים געפרעגט:

— וואָס זאָגט איר צו דער מאַטינע־פאָרשטעלונג?

און עס זיינען שוין דערנאָך געקומען אַ סך מאַטינע און נאַכט־פאָרשטעלונגען מיט אַ סך שרעק און בלוט. עס פלעגן זיין נעכט, ווען די אַלאַרמען האָבן זיך צוויי און דריי מאָל ווידערהאָלט און קיין אויג האָט שוין קיינער נישט צוגעמאַכט. סלאָוועו פלעג זאָגן צו יאַנקלען: „דו ביזט דאָך עפּעס אַ שרייבער, דערצייל אַ מעשה, אַז די שרעק זאָל אַריבערגיין.” און וויפל מעשהס אונזער העלד האָט געקענט, האָט ער זיי אויסדערציילט. איין מאָל האָט ער זיך דערמאָנט אין היינעס מעשהלע וועגן דעם יינגעלע, וואָס האָט זיך געוואָרפן אין ברונעם אַריין ראַטעווען דאָס קעצעלע און ער האָט טאַקע דאָס געראַטעוועט, אָבער ער איז אַליין דערטרונקען געוואָרן. אסתר האָט באַמערקט, אַז רומעניע האָט אויך אַזוי געטאָן, זי האָט זיך אַריינגעוואָרפן צו ראַטעווען טראַנסילוואַניע און זי איז אַליין אַריינגעפאַלן אין פייער אַריין...

מען האָט איינגעאָרדנט די קעלערס, אַז מען זאָל אין זיי קענען זיך באַהאַלטן אין דער צייט פון אַן אַלאַרם. אין גרויס חשיבות זענען געווען די בעטאָן קעלערס. דאָס אַרויסגיין פון וואַרעמען בעט און זיך אָנטאָן און גיין אין קאַלטן קעלער אַריין, איז נישט געווען פון די געשמאַקע ביסנס. אייניקע האָבן זיך פאַרקילט און זיי זיינען קראַנק געוואָרן און מען האָט אויך דערציילט פון טויט־פאַלן. דווקא דער רעטונג קעלער האָט דערהרגעט... דאָך האָבן זיך מענטשן צוגעוואוינט צו די קעלערס און מיט דער צייט האָט מען זיך דאָרט פאַרווײַלט אויך. מען האָט זיך אין קעלער געפילט גוט צוליב דעם, וואָס מען האָט געמעגט אָנצינדן אַ לעמפּל און פאַררויכערן אַ פּאַפּיראָס. מען האָט דערציילט, אַז קינדער און קראַנקע האָבן זייער שטאַרק געליטן פון דער פינצטערניש. געפערלעך קראַנקע האָבן געשריגן, אַז זיי האָבן מורא צו שטאַרבן אין דער פינצטער. אַלע לייט האָבן געשריגן, אַז ס'איז ערגער ווי די טערקישע מילחמה. אין די קעלערס האָט מען אויך געמאַכט שפּאַסן און דערציילט וויצן און אין דעם קעלער, וואו יאַנקל פלעג זיך באַהאַלטן בשעת די נאַכט־אַלאַרמען אין איינעם מיט זיינע דריי שוועסטערקינדער און דעם קליינעם טרוצי, האָט מען אויך געזונגען לידער. עס איז אַהין געקומען אַ

צאַרט־שלאַנקע, העלע שאַטענקע, וואָס האָט געהאַט אַ זייער אַנגענעמע שטי־מע און זי האָט געקענט אויך יידישע לידער. זי האָט געזונגען „זיי אַ שוין מיר, זיי אַ שוועסטער" (ביאַליקס „הכניסיני" אין אברהם רייזענס איבערזע־צונג) איז געווען אַ פאַרגעניגן צו הערן. האָט איר יאַנקל אויסגעלערנט אַ גאַנצע ריי יידישע לידער, וועלכע זי האָט באַלד נאָכגעזונגען. ער האָט דעם ניי־אַנטדעקטן טאַלאַנט אויסגעלערנט „וואָס טוט אַ מיידל אַליין אין וואַלד?" און ער האָט עס מיט איר געזונגען אין דועט און ביידע האָבן די זאַך אַרומ־געוועבט מיט אַזוי פיל הומאָריסטישן און פאַטעטישן שפּיל, אַז ס'איז פּשוט געוואָרן אַ ספּעקטאַקל. דאָס דאָזיקע מיידל איז מיט דער צייט געוואָרן אַ רומעניש פּאָפּערעטן זינגערין און דערנאָך האָט זי אויך אָנגע־הויבן זיך באַטייליקן אין יידישע קאָנצערטן און זי האָט אַ צייט אויך גע־שפּילט יידיש טעאַטער. זי האָט געהייסן מאַריאַ האַבערמאַן און זי האָט זיך גערופן מאַריאַ סאַנדו און אויף דער יידישער בינע האָט זי זיך גערופן מאַ־רעלע. דאָס פאַרברייינגען אין די קעלערס האָט אויך דורכגעפירט אַ פּאָר שי־דוכים. יאַנקל האָט דעמלט אָנגעשריבן אַ מין הומאָריסטיש ליד, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אָט די ווערטער:

מענטש איז מענטש אויך אין קעלער
און אין אַלע צייטן ברעכט ער טעלער.

אַ פּאָר טעג האָבן די באָמבאַרדירונגען אויפגעהערט און מען האָט זיך דערוואוסט, אַז דער שונא שטייט שוין ווייט פון בוקארעשט. די צייטונגען האָבן אַ היפּשע צייט נישט אויסגעזאָגט, אַז דער שונא איז שוין אַזוי נאָענט, אַדרבא: זיי האָבן דערציילט וועגן רומענישע ניצחונות און וועגן העלדישן ווידערשטאַנד. עס האָבן נישט געפעלט קיין רומענער, וואָס האָבן אינעווייניק אין זיך טריומפירט, דאָס זיינען געווען נישט נאָר די אַרבעטער, נאָר אויך בירגערלעכע עלעמענטן, וואָס זיינען אָדער געווען גערמאַנאָפילעש, אָדער סתם קעגן קריג. און זייער צאָל איז גאָרנישט געווען קליין. מיט עטלעכע טעג נאָך איידער די אַרמייען פון מאַקענזען און פאַלקענהיים האָבן די הויפּט־שטאָט באַזעצט, האָבן שוין די קעגנער פון דער מילחמה געקראָגן מוט צו ריידן אויף אַ קול קעגן דער רעגירונג און זיי האָבן אָנגעוויזן, אַז זי האָט זיך לחלוטין נישט צוגעגרייט צום קריג און זי האָט די רומענישע זין גע־שיקט אין פייער אַריין, אָן געהעריקער באַקליידונג, אָן שפּייז און אָן ביקסן אַפילו. מען האָט אויך געזאָגט, אַז דווקא די הייסע פּאַטריאָטן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, בעת די זין פון די גערמאַנאָפילישע פּאָליטיקער זיינען מוטיק געגאַנגען דערפילן זייער פליכט און אַ סך פון זיי זיינען געפאַלן. מען האָט דערציילט, אַז די רעגירונג האָט געוואָלט אַרעסטירן דעם קאָנסערוואַטיוון

פירער פעטרע קארפּ, וואָס איז אַ פּאָר מאָל געווען רומענישער פּרעמיער און דער אַלטער כיטריאַק און ציניקער האָט זיך צו זיי אויסגעדרייט און ער האָט געזאָגט: „איר קושט דאָך שוין סיי ווי אין הינטן, קושט זשע שוין מיך אויך...״ אין עטלעכע טעג אַרום איז דער דאָזיקער פּאָליטיקער געשטאָרבן און מען האָט אים באַגראָבן אָן קיין שום פּאַראַדע און אין די צייטונגען איז קוים געווען דערמאָנט, אַז ער איז אַוועק. ערשט ווען די דייטשן זיינען אריין און זיי האָבן געעפנט זייערע צייטונגען אויף דייטש און רומעניש, האָט מען דאָרט פאַרעפנטלעכט אָפּשאַצונגען וועגן דעם דאָזיקן פּאָליטיקער, וואָס איז געווען אַ רומענער פון געבורט און אַ דייטש לויט דער דערציאונג. נאָך איי־דער די דייטשן זיינען אריינגעקומען האָט מען געקענט דערפילן, אַז דאָס רומענישע פאָלק איז צעטיילט אויף צוויי לאַגערס און עס וועט אויף לאַנג, לאַנג בלייבן אַ שינאה צווישן ביידע.

מיט אַ וואָך פינף איידער בוקאַרעשט איז אָקופּירט געוואָרן, האָבן זיך אין דער הויפּטשטאָט געגומען באַווייזן רוסישע אָפיצירן פון אַלערליי ראַנ־גען. די רומענער האָבן שטילערהייט זיך געקלאָגט, אַז רוסלאַנד האָט זיי פאַר־ראַטן און נישט געשיקט קיין מיליטערישע הילף. דער נאָמען שטירמער איז געווען ביי אַ סך רומענער אויף די ליפּן און זיי האָבן אַלע געזאָגט, אַז ער איז אַ דייטש, וואָס פירט אָן מיט דעם רוסישן קריג און ער פאַרראַט. אָבער זעקס וואָכן איידער בוקאַרעשט איז געפאַלן, איז צום רומענישן פראָנט גע־לאָפן זייער אַ סך מיליטער. די האָלץ־פאַבריק, וואו יאַנקל האָט געאַרבעט, איז געווען נישט ווייט פון דער אייזנבאַן־ליניע דורך וועלכער עס זיינען טאָג ווי נאַכט געלאָפן די באַנען מיט רוסיש מיליטער. עס האָט געווייעט מיט אַ געוויסער פרייד פון די וואַגאָנען. מען האָט געזען סאַמאָווארן אין זיי און מען האָט געהערט שפּילן האַרמאָשקעס און קלעפּ פון טענץ. עס האָט זיך גע־דאַכט, אַז עס לויפן חיילות אָן אַ צאָל און ס׳האָט זיך געקלערט, אַז אויב דער דייטש וועט אָט די חיילות באַזיגן, וועט ער שוין אין די אוראַלן אויך אָנ־קומען... און אַ פּאָר טעג איידער בוקאַרעשט איז געפאַלן, האָט מען געזען דאָס רוסישע מיליטער לויפן צוריק. שרעק האָט געוויעט פון די וואַגאָנען. מען האָט נישט געזען מער קיין סאַמאָווארן און מען האָט נישט געהערט קיין האַרמאָשקעס און קיין טענץ. אַ סך מיליטער איז געלאָפן רייטנדיק און עס האָט געוויעט מיט פאַרצווייפלונג פון די פערד און פון די רייטער. ביי די קאָזאַקן האָבן זיך די טשובן אַזוי געשאָקלט, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט וועלן זיי אַראָפּפאַלן.

די רוסישע דעזערטירן האָבן זיך פון צייט צו צייט געטראָפן מיט די רוסישע אָפיצירן, וואָס האָבן זיך נישט געקענט פאַרשטענדיקן מיט די רו־מענער. דאָס זיינען געווען אָפיצירן פון גענעראַל־שטאַב, וואָס וואָלטן גע־דאַרפט קענען פראַנצויזיש, אָבער די מערסטע האָבן נישט געקענט. די דעזער־

טירן זיינען זיי געקומען צו הילף און זיי האָבן זיי פריער אויסגענוצט און דערנאָך האָבן זיי זיך ערשט גענומען נאָכפרעגן ווער זיי זיינען. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז פּאָליציי זאָל ביי די „פאַרבינדעטע" רוסן נעמען פרעגן ווער זיי זיינען און אייניקע האָט מען אויך אַרעסטירט און געגיבן אַ ברירה, אָדער זיך איבערגעבן צו רוסלאַנד, אָדער גיין אין אַ לאַגער אַריין. יאַנקלען האָט דער קאָמיסאַר אויך גענומען פרעגן ווער ער איז. ער האָט געקענט דער־וויזן, אַז ער איז נישט קיין קריגס־דעזערטיר, אָבער די גאַנצע זאַך איז גע־בליבן אונטער אַ פראַגע־צייכן. אונזער העלד האָט געפילט, אַז ווען ער וועט קומען נאָך אַמאָל, וועט ער האָבן צרות. אַ סך דעזערטירן האָבן זיך פּשוט אויסבאַהאַלטן און זיך נישט געמאָלדן. ער האָט דאָס נישט געקענט, ער האָט געדאַרפט גיין צו דער אַרבעט. אין גאַס האָט פּאָליציי כסדר אָפּגעשטעלט און געפרעגט אויף דאָקומענטן. און ער איז געפאַלן אויף אַן עצה: ער האָט געשיקט אסתרן מיט זיין דאָקומענט אין פּאָליציי אַריין און איר געהייסן גאָרנישט זאָגן, נאָר ווייזן דאָס צעטל און בעטן שטעלן דעם וואָכעדיקן שטעמפּל. און אויב מען וועט זיך נעמען נאָכפרעגן, זאָל זי ענטפערן, אַז זי איז זיינע אַ פריינדין און ער איז קראַנק און קען נישט קומען. דער קאָמיסאַר האָט אַפילו רעכט נישט אַריינגעקוקט אין דאָקומענט אַריין, ער האָט נאָר גע־מאַכט אַ פּאָר קאָמפּלימענטן דעם שיינעם מיידל און זיך געדרייט די וואָנ־ציעס און איר געשטעלט דעם שטעמפּל און עטלעכע וואָכן דורכאַנאַנד איז אסתר געוועזן יאַנקל...

עטלעכע טעג איידער די שטאָט איז באַזעצט געוואָרן איז געשטאָרבן אַדעלאַס מאַן מיכאי און ווייניקער ווי צען מענטשן האָבן אים באַגלייט צו דער אייביקער רו. עס איז געווען אַ שיינער ווינטער־טאָג, ווען דער קנאַפּער מנין איז נאָכגעגאַנגען נאָך דער מיטה. קיינער האָט נישט געוויינט. די אַלמנה און איר מאַמע האָבן פון צייט צו צייט אַ שלוכץ געטאָן, אָבער נישט אויף דעם יונגענמאַנס טויט, נאָר אויף דער יונגער אַלמנהס צעבראָכן לעבן. ס'איז נאָכגעגאַנגען אַ ברודער פון פאַרשטאָרבענעם, אַ רייכער מאַן, אַ די־רעקטאָר פון אַ גרויסן באַנק. האָט ער אויך נישט אַרויסגעוויזן קיין טרויער און ס'איז נישט שווער געווען צו דערקענען, אַז ער איז אין אַ געוויסער מאָס צופרידן, וואָס דער ברודער, וועלכער האָט אַליין נישט געלעבט און אַנדערע נישט געלאָזט לעבן, איז אַוועק. דער אויסגעפּוצטער באַנק־דירעקטאָר האָט לעבן דער מיטה געפרעגט יאַנקלען, צי ער האָט צייט צו גיין צו אים נאָך דער לוויה שפּילן אַ שאָך און ער האָט שמייכלענדיק באַמערקט אויף פראַנ־צויזיש „סע לאַ וויו!" (דאָס איז דאָס לעבן). באַרבו לאַזאַרעאַנו איז אַנגעך קומען אַנטקעגן דער לוויה און ער האָט זיך אויף אַ רגע אויסגעמישט צווישן קליינעם עולם און זיך אין אים פאַרלוירן; ער האָט קינדיש געזאָגט: „עלנד גע־שטאָרבן דער מענטש, עלנד..." יאַנקל האָט אים באַמערקט, אַז שטאַרבן איז

שוין אלציינס ווי אזוי, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז אין דער צייט פון די באָמבאַרדירונגען האָבן די גוססים מוראַ געהאַט צו שטאַרבן אין דער פינצ־טער. לאַזאַרעאַנו האָט געענטפערט שוין ווי אַן אַלטער חכם: „אַז ער האָט אַזאַ קליינע לוויה, האָט ער אויך געלעבט איינזאַם...״ און פאַר אונזער העלד איז אויסגעוואַקסן דאָס גאַנצע לעבן פון דעם פאַרשטאָרבענעם. אַ זון פון אַ טאַטן אַ למדן, אַ לאַ יוצלח, אַ ייד, וואָס איז געווען בלינד אויף אַן אויג און האָט געוואָלט מאַכן זעענדיק די וועלט און ער האָט זיך איינגעשלאָגן אַ מאַניע דווקא צו זיין אַ שרייבער. די קינדער וואַקסן ווי פון זיך אַליין און לערנען אוים אַלע שפּראַכן און אַלע חכמות פון דער וועלט, אויסער העברע־איש און יידיש — די שפּראַכן, אין וועלכע דער טאַטע האָט געשריבן. אַן עלטערער זון בלייבט ערגעץ אַ מיטעלער סוחר, דער צווייטער זון פאָרט אַוועק קיין דייטשלאַנד און ווערט אַ פינאַנציסט און ער קומט צוריק פאַר אַ גרויסן אמט, וואָס ווערט בעסער באַצאָלט ווי אַ מיניסטער־פּאָסטן און דער ייִנגסטער פאָרט אַוועק קיין פּאַריז, וויל דאָרט לערנען, אָבער ער הוליעט מער וויפל זיין כוח דערלויבט אים און ער ווערט אָנגעגריפן אויף די לונגען און קומט צוריק און האָט חתונה פאַר אַ שוועסטערקינד, וואָס זעט אוים פונקט פאַר־קערט ווי ער. ער — אַ בלאָנדער, ווי אַ פּוילישער שייגעץ, זי אַ טונקלע, ער אַ שפּיציכיקער, זי אַ קיילעכדיקע. ער קריגט אין איר ליב די קיילעכדיקייט, זי אין אים — די שפּיצעכיקייט. זיי זאָגן עס ביידע אָפן. זי זאָגט: „ער איז דאָך אַזוי מענלעך!״ ער זאָגט: „זי איז דאָך אַזוי ווייבלעך!״ אַלע אייגענע וואָרענען זי, אַז ער איז קראַנק און זי פּאָלגט נישט קיינעם. און זי ווערט באַלד נאָך דער חתונה שוואַנגער און דער דאָקטער באַפעלט נישט צו וואוי־נען אין איינעם. און מען וואוינט שוין אין באַזונדערע גאַסן און אין דער מיט וואַקסט אַ קינד, וואָס מען דערלויבט דעם טאַטן דאָס נישט אַ קוש צו טאָן... און די קיילעכדיקע געזונטע פרוי האָט ליב איר קראַנקען מאַן ביז אין לעצטן אָטעם. זי וויל גיין צו אים און מען לאָזט זי נישט. און זי גייט דאָך און פאַרזיסט זיין סוף און זי דערנעענטערט זיין סוף. און דער קראַנקער פילט זיך אַן איבעריקער אויף גאָטס וועלט און ער מאַכט זיך דאָך גרויסע פּלענער און ער גייט אוים מיט אַ גרויסן חלום אויף די ליפּן — ער וועט! אַ ליכט האָט געגיבן אַ צאַנק און איז פאַרלאָשן געוואָרן! און די עטלעכע מענטשן וואָס גייען נאָך דער לוויה, זיינען כמעט אַלע צופרידן, וואָס ס׳האָט זיך געענ־דיקט. און אַ פרעמדער דיכטער קומט אַנטקעגן, ער האָט דעם מת קיינמאָל נישט געזען און ער גיט אַ קרעכץ: „איינזאַם געשטאָרבן, הייסט עס — איינ־זאַם געלעבט!״

דעם פערטן דעצעמבער זיינען די אָקופּאַנטן צוגעקומען צו די טויערן פון בוקאַרעשט. מען האָט געהערט שיסערייען, אַז די שטאָט האָט זיך געשאָקלט. די באַפעלקערונג האָט זיך דערשראָקן, אָבער מען האָט זי באַרואיקט. מען

גיט איבער די שטאָט אַזוי ווי זי שטייט און גייט. דעם פֿיפֿטן האָבן די רו־מענישע באַהערדן עוואַקואירט זייער שיינע הויפּטשטאָט און זיך מיט איר רירנדיק געזעגנט און דעם זעקסטן גאַנץ פֿרי האָט מען שוין געזען דייטש־עסטרייכיש, בולגאַריש און טערקיש מיליטער איבער די גאַסן. דאָס מאָדנסטע איז געווען דאָס טערקישע מיליטער. די רויטע פֿעסקע מיט דער האַלבער לבֿנה איז ווידער געקומען מיט ניצחון קיין רומעניע. די בולגאַרן האָבן אין זייער פּרעסע זיך באַרימט, אַז זיי וועלן אַריין קיין בוקאַרעשט, וועלן זיי פֿאַרנעמען דאָס עלעגאַנטסטע קאַפֿע־הויז „קאַפּשאַ" און זיי האָבן געהאַלטן וואָרט — זיי האָבן באַלד באַזעצט דאָס דאָזיקע הויז. דערציילט האָט מען, אַז פֿאַר־שטעקטע בולגאַרן זיינען באַלד אַרויס פֿון זייערע באַהעלטענישן און זיי האָבן זיך אָפּגערעכנט מיט איניקע פֿון זייערע פֿייניקער. אויף די ווענט האָט מען אומעטום געזען גרויסע מעלדונגען אויף דייטש און אויף רומעניש. די מעל־דונגען זיינען געווען געחתמעט פֿון גענעראַל מאַקענזען און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער „די שטאָט בוקאַרעשט איז פֿון מיינע טרופּן באַזעצט געוואָרן". דער זיגער האָט גערעדט פֿרידלעכע רייד צו די איינ־וואוינער פֿון דער שטאָט און ער האָט זיי צוגעזאָגט גליקן, אויב זיי וועלן זיך אויפֿפֿירן גוט און ער האָט געדראָט מיט טויטשטראָף פֿאַר דעם קלענס־טן ווידערשטאַנד און פֿאַר באַהאַלטן געווער. דער פֿרידלעכער טאָן פֿון באַ־פֿעל האָט דאָך געווייעט מיט טויט־שרעק.

דאָס ערשטע וואָס די אָקופּאַנטן האָבן געטאָן, איז געווען צו פֿאַרנעמען דעם קעניגלעכן פּאַלאַץ; איידער מען האָט זיך אומגעקוקט איז דער פּאַלאַץ געוואָרן דער צענטער פֿון דער גאַנצער אויפֿמערקזאַמקייט און די מאַסן האָבן גענומען שטראָמען אַהין. עס איז געווען אַ העלער ווינטער־טאָג, די זון האָט געשיינט און דער שניי האָט איר אַנטקעגן געשטראַלט אַ האַרטער, אַ פֿעס־טער און אַ זינגענדיק־סקריפּענדיקער. און די מאַסן האָבן געשטראָמט צום פּאַלאַץ. צום מערסטן זיינען געווען פֿרויען און טאַקע די קאָקאָטעס, קאַ־באַרעטניצעס און סתם גאַסן־פֿרויען, בירגערינס פֿון די צענטראַל־מאַכט לענ־דער, וואָס זיינען אין דער צייט פֿון הונדערט טעג געווען אינטערנירט. אונ־גאַרישע, עסטרייכישע און דייטשע האַלב־וועלט דאַמען און פּראָסטיטוטקעס זיינען געלאָפֿן מיט בלומען און מיט זיסקייטן ווי אויף אַ חתונה. דייטשע און עסטרייכישע אָפֿיצירן האָבן געזאָגט, אַז זיי דאַכט זיך, אַז זיי זיינען אין אַן אייגענער שטאָט. עס האָבן אויך נישט געפֿעלט קיין רומענישע פֿרויען, וואָס זיינען געקומען נישט אין גאַנצן ווי פֿרעמדע. און יידישע פֿרויען האָבן אוודאי נישט געפֿעלט. די לעצטע וואָכן האָט מען כמעט גאָרנישט געזען קיין יונגע מענער אין די גאַסן פֿון בוקאַרעשט און אין יענעם פֿרימאָרגן האָבן זיי זיך באַוויזן. און וויפֿל די אַנטיסעמיטישע פּרעסע האָט נישט גע־ליאַרעמט דערנאָך, אַז נאָר די יידן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, האָט מען דאָך

דעמלט געזען א סך, א סך עכטע רומענער, וואס האבן זך אויסבאהאלטן ביז דער שונא וועט אריינקומען און זיי ראטעווען. אונזער העלד אליין האט זיך דערפילט ווי א געראטעוועטער מיטן אריינקום פון די דייטשן. ער האט נישט געוואלט פאלן אין דער מילחמה און ער האט נישט געהאט פאר וואס און פאר וועמען צו וועלן פאלן. צוליב דער שינאה צום צאריזם איז ער געווען גענויגט מיט א געוויסער סימפאטיע צו די דייטשן, אבער אויך פאר זייער זאך איז ער נישט געווען גרייט צו גיין אין פייער אריין. יונגעלייט האבן זיך אפן און פריי געקושט אין די גאסן, ווי מענטשן, וואס זיינען געווען אין א גרויסער סכנה און זיי זיינען פון איר באפרייט געווארן. דער גאנצער טאג איז אוועק ווי א מאדנע יום טוב. פון קיין אומרוען האט מען נישט געהערט. די סאלדאטן זיינען אלע געווען פיין געקליידעט און זיי האבן אויסגעזען פריש און מונטער. דאך האבן זיי אויסגעדרוקט זייער באוואונדערונג, וואס אין בוקארעשט איז פאראן אזא שפע פון אלדאס גוטס. זיי האבן זיך מודה געווען, אז אזוי פיל צוקער, עכטע פוטער, פלייש און ביר האבן זיי שוין לאנג נישט געזען אין א שטאט. זיי האבן אומעטום געצאלט וויפל מען האט פארלאנגט. צוגעכאפט האבן זיי זיך צו שאקאלאד און צו ביר. די לעצטע צייט איז אין בוקארעשט דווקא שוין נישט געווען צופיל פון די ביידע מינים, אבער אין יענעם טאג האבן זיך געעפנט אן א שיעור קאסטנס און פעסער. די יידן האבן זיך געקענט פארשטענדיקן מיט די דייטשן. עס זיינען פארגעקומען טויזנטער קוריאזן ביים פארשטענדיקן און מען האט געקענט קלארן אין יענעם טאג, אז יידיש איז נישט דייטש, אבער — יידן האבן גערעדט און דייטשן האבן געענטפערט. עס זיינען באלד געבוירן געווארן וויצן וועגן דעם אופן פון צוזאמענריידן זיך. מען האט דערציילט, אז א ייד מיט א בארד האט אפגעשטעלט א דייטשן אפיציר און אים געפרעגט: „א דייטשער מאן?" און ווען יענער האט געענטפערט מיט א שאקל מיטן קאפ, האט ער אים אויסגעשטרעקט די האנט און ער האט אים אריינגערוקט א שלום עליכם. די רומענער, וואס זיינען געווען שטום, האבן געקוקט מיט קינאה אויף די יידן און זיי האבן געזאגט: „אלע שפראכן קענען זיי." יאנקל האט געזען אויך דער טייל פון דער געפאנצערטער דייטשער ארמיי, וואס איז געבליבן שטיין ביים אריינפאר אין דער הויפטשטאט. די גאנצע דייטשע ארגאניזירטקייט און דיסציפלין האט אימפאנירט. עס האט געווייעט מיט ארדנונג. מען האט דערציילט, אז אין די פעריפעריעס האבן דא און דארט דייטשע סאלדאטן אפגעגעסן און אפגעטרונקען און ווען מען האט זיי געבעטן באצאלן, האבן זיי געענטפערט: „דער הערר גאט צאלט!", אבער דאס זיינען געווען אויסנאם־פאלן; פארנאכט האט אונזער העלד געזען פארן רייטנדיק די גענעראליסמען מאקענזען און פאלקענהיין. זיי האבן געטראגן קאסקעס, וואס האבן, דאכט זיך, געשטאכן מיט די שפיצן אין הימל אריין און עס

האָט געווייעט פון זיי מיט אַ מוראדיקער, ממש אוממענטשלעכער זיכערקייט. זיי זיינען געווען באַגלייט מיט אַ היפּשער צאָל רייטער, און זיי זיינען ביידע געפאָרן פאָרויס ווי צוויי פאַראייניקטע מלכים. דער המון האָט זיי אָוואַציאָנירט און יאַנקל האָט געזאָגט צו שטערנבערגן, אַז עס ווייעט פון זיי מיט מיטלאַלטערלעכקייט. שטערנבערג איז נאָך געבליבן ביי זיינע גערמאַנאָפילישע סענטימענטן, אונזער העלד האָט זיך אין זיי היפּש אַ וואַקל געטאָן. ער האָט זיך געשראָקן פאַר דער הערשאַפט פון די דאָזיקע זיגער. אין אָוונט איז בוקאַרעשט געווען באַלויכטן ווי אין די אַלטע, גוטע צייטן. גלייך מען האָט דאָס ליכט אַרויסגעלאָזן פון דער געפאַנגענשאַפט און ס'האָט זיך געפרייט מיט דער פרייהייט און ס'האָט נאָך מער געשיינט. יאַנקל איז געגאַנגען שפּאַצירן מיט אסתרן, וואָס האָט דעמלט אויסגעזען באַזונדער שטראַלנדיק. ס'האָט אין איר אַלץ געזונגען. די דייטשע, עסטרייכישע, בולגאַרישע און טערקישע אָפיצירן האָבן זי געשלונגען מיט די אויגן. דער חתן האָט געזאָגט צו דער כלה: „דער מענטש האָט דאָך פּראָגרעסירט! אין די אַמאָליקע צייטן, ווען אַ שונא האָט פאַרנומען אַ לאַנד, האָט ער צוגענומען דאָס פאַרמעגן און די ווייבער און דאָ זיינען אָפּן אַלע געשעפטן און די שענסטע פרויען גייען שפּאַצירן און עס הערשט אָרדנונג און רו!" אסתר האָט אַ דינעם שמייכל געטאָן און זי האָט באַמערקט, אַז קיינעם פון די זיגער וועט קיין ליבע נישט פעלן אין דער דאָזיקער גלאַרייכער נאַכט. פון אייניקע לאָקאַלן אַרויס האָבן זיך געהערט זינגען שיכורע שטימען:

אין דער האימאַט, אין דער האימאַט,
דאַ גיבטס אַ ווידער — ווידער זען...

און די ווערטער „גלאָריאַ - וויקטאָריאַ" האָבן געקלונגען מער מיט בענקשאַפט ווי מיט פרייד. פּלוצים האָט אונזער העלד דערהערט ווי אַ פעמטע שטימע זאָגט אים: „פּלאַץ מאַכען!" אַנטקעגן אים איז געשטאַנען אַ הויכער פּרייסישער אָפיציר מיט אַ ברוטאַל, לענגעכיק פּנים, אַ צעשניטענם פון דועלן און מיט קאַלאַמוטנע, בייזע גרינע אויגן. דאָס מאָנאָקל ביים רעכטן אויג האָט דאָס געזיכט געמאַכט נאָך פאַרשפּיצטער. דער טראָטואַר איז געווען אַ שמאָלער און דער אָפיציר האָט פאַרלאַנגט, אַז דאָס פּאָרל זאָל אים אָפּטרעטן דאָס פּלאַץ. אויף דער באַמערקונג „איך בין יאַ מיט איינער פראַו", איז געקומען אַ ברוטאַלער ענטפער: „דאָס איזט מיר גאַנץ עגאַל!" דער זיגער האָט פאַרלאַנגט זיינס... דער גערמאַנאָפיליזם האָט זיך אין יאַנקלען נאָך מער אַ וואַקל געטאָן. ער האָט זיך אַ זאָג געטאָן: „דו האָסט ליב געהאַט מענטשן, וועלכע דו האָסט נישט געקענט! דו האָסט געמיינט, אַז אַלע דייטשן זיינען היינעס און בערנעס... אָדער געטעס און ניצשעס". און ער האָט זיך

געגיבן חשבון, אַז ניצשע האָט אייגנטלעך געגיבן רעכט דעם שטאַרקן צו מרעטן דעם שוואַכן און דער העברעאישער שרייבער מ. י. בערדיטשעווסקי האָט ביי אים זיך אויסגעלערנט ליב צו האָבן נישט דאָס בוך, נאָר די שווערד און ער האָט אין זיינע ביכער געפּרעדיקט ליבע צו דער שווערד, וואָס ער האָט גערופן „סייפאַ", אויף גמרא־לשון און עס האָט זיך נישט געגלויבט, אַז ס'איז טאַקע אַ שווערד... ער האָט געוואוסט, אַז ס'איז ערגעץ פאַראַן אַ באַוועגונג צווישן ציוניסטן וועגן שטעלן זיך אין גאַנצן אויף דער זייט פון דער אַנטאַנט און אַז זשאַבאָטינסקי איז איינער פון די פייערדיקסטע אָנהענגער פון אָט דער באַוועגונג. ער האָט געהאַט געליינט דעם זשורנאַל „די טריבונע" וואָס איז דערשינען אין קאָפּענהאַגען און וואָס האָט גערעדט וועגן אַ יידישן לעגיאָן, וואָס זאָל צוזאַמען מיט ענגלאַנד קעמפן פאַר דער באַפרייאונג פון ארץ ישראל. אָבער די שייגע עסייען פון דר. אַ. קאַראַלניק אין יענעם זשורנאַל האָבן אים מער איבערצייגט ווי די אַרטיקלען וועגן לעגיאָן. אין איינעם פון די נומערן „די טריבונע" האָט ער געליינט קאַראַלניקס גלענצנדיקן עסיי „איוב פאַר דעם שפּיגל", אין וועלכן דער מחבר האָט אָנגעוויזן, אַז יידן און דייטשן ליידן ביידע פון אַ נאַרצים קאָמפּלעקס, ביידע ריידן זיי נאָר וועגן זיך און זיך און זיי קומען אום פאַר צופיל ליבע צו זיך אליין, אָבער בעת ביי די דייטשן קומט דאָס פון צופיל זיכערקייט, קומט דאָס ביי יידן פון צופיל ליידן. דער ייד איז איוב, וואָס שטייט פאַר דעם שפּיגל און ער זאָגט זיך: „איך, איך"... די דייטשן האָבן באַלד ביים אָנקומען קיין רומעניע געלאָזט פילן, אַז זיי ווילן ווערן די הערשער פון דער וועלט.

די אָקופּאַציע פון בוקאַרעשט האָט אונזער העלד באַפרייט פון זיין שווערן פּאָסטן אויף דער פאַבריק און פון דער אחריות, וואָס ער האָט גענומען אויף זיך. די לעצטע צוויי־דריי טעג איז שוין די רומענישע פּאָליציי געווען זייער נאַכלייסיק און זי האָט טאַקע מורא געהאַט אויך און זי האָט פאַרקוקט אויף אַלערליי גניבות, וואָס זיינען פאָרגעקומען און זי האָט אויך פאַרקוקט ווען די פאַרפרווירענע מאַסן האָבן זיך אין איינעם מיט ווייבער און קינדער זיך אַ לאָז געטאָן צו די האָלץ־דעפּאָזיטן און פאַבריקן און זיי צעגומען ביז אין לעצטן שפּענדל. קיין ביכער זיינען אויך נישט געבליבן אין פאַבריק און דאָס לעצטע ביסל געלט האָט מען צעטאַסקעט. די דייטשן האָבן שוין אליין איבערגענומען די פאַבריק און זי רעמאָנטירט און רעאָרגאַניזירט און זי אָפּגעגעבן צו איר באַלעבאָס — אַן אונגאַרישער ייד, וואָס איז געהאַט אַנטלאָפן קיין בודאַפּעשט און האָט זיך איצטער אומגעקערט.

עס האָט אַ וויי געטאָן מיט פרייהייט. דאָס איינציקע, אין וועלכן ס'האָט זיך געפילט די מילחמה איז ביים אָנהויב געווען נאָר דאָס שליסן די נאַכטלאָקאַלן פּונקט צוועלף אַזייגער. ווען עס איז געקומען האַלבע נאַכט, האָט מען אָנגעהויבן פייפן פון אַלע זייטן און ס'האָט זיך געהערט דאָס ענערגישע וואָרט

„פויער אבענד!" אפילו די רומענישע פּאָליציילייט האָבן דאָס געזאָגט. די דירעקטאָרן פון די קאַבאַרעטן פלעגן קרעכצן — פּונקט דעמלט, ווען מען האָט ערשט געקענט מאַכן די אַפּותיקאַ, האָט מען געמוזט שליסן. זיי פלעגן עס זאָגן פּאָעטיש, ווי אַן אויסגעחזרט לידל האָט עס ביי זיי געקלונגען: „דווקא דעמלט, ווען די וועלט איז דיר צום ליבסטן, מוזטו זיך מיט איר שיידן!" אָבער עס האָט נישט לאַנג געדויערט און מען האָט אָנגעהויבן פילן דעם קריג נישט נאָר אין „פויער אבענד" פון האַלבער נאַכט. עס האָט אָנ־געהויבן פעלן צוקער און פּוטער. די עכטע פּוטער האָט מען אַרויסגעפירט און געגעבן האָט מען דעם עולם עסן מאַרגאַרין. אויך ביר האָט אָנגעהויבן פעלן און די לאָקאַלן האָבן סערווירט פאַר ציווילע ביר נאָר צוויי מאָל אין דער וואָך און נאָר צוויי שעה. די קאַפעען און די לאָקאַלן, וואו מען האָט סער־ווירט ביר, פלעגן מיט עטלעכע שעה איידער מען האָט די משקה געקענט קריגן, אָנגעפילט ווערן און מענטשן האָבן זיך געשלאָגן איבער פלעצער און דערנאָך איבער א גלאָז ביר, אַז ס'איז פּשוט געווען א גרויל צו קוקן. איבער ברויט וואָלט מען זיך אַזוי נישט געדאַרפט שלאָגן. די קעלנערס פלעגן, נאַ־טירלעך, זוכן צו סערווירן זייערע שטאַם־געסט, אָבער די באַוואוסטע פלעגן זיי באַפאַלן און זידלען און אויסרייסן דעם ביר און דערפאַר נישט צאָלן קיין טרינקגעלט און אַמאָל אין גאַנצן נישט באַצאָלן. די קעלנער, וואָס זענען געוויינלעך אוים ווי ערשט פון דער נאָדל אַרוים און גלאַט פּאַרקעמט, פלעגן ווערן צעשפּיליעט און צעשויבערט. זיי האָבן זיך שוין אין איין וועג דער־לויבט צו שטילן די אייגענע ליידנשאַפטן. זיי פלעגן זיך אַריינרוקן אין ווינ־קלען און אויסטרינקען די גרויסע „צאַפּס" ביר אין איינעם מיט דעם שוים. יאַנקל האָט ביז דעמלט קיינמאָל נישט געזען קיין קעלנער עסן, אָדער טרינ־קען און ס'איז אים אויסגעקומען מער ווי מאָדנע. עס האָט זיך אים גע־דאַכט, אַז ער זעט עפּעס א פאַרשוועכונג. אַלציינס ווי א נאָנע וואָלט זיך פּראָסטיטואירט. שפּעטער מיט א צייט האָט ער געלייענט ביי אברהם רייז־זען א דערציילונג וועגן דעם ווי ער זעט ווי אַזוי מען רופט אַרוים א קעלנער צו זיין ברודער און דער קעלנער נעמט זיך מיט אים אַרום און ער צעקושט זיך און דער צושויער פרעגט זיך פאַרגאַפט, צי א קעלנער האָט אויך א ברו־דער. די ביר־שעהן פלעגן חרוב ונחרב מאַכן די לאָקאַלן און זיי לאָזן מיט צעבראָכענע גלעזער און בענקלעך און אַמאָל אויך מיט צעבלוטיקטע פּאָד־לאָגעס.

דער מאַנגל אין פּראָדוקטן איז אַלץ געוואָרן גרעסער און גרעסער. די בוקאַרעשטער האָבן געזען ווי אַזוי די דייטשן פירן אַרוים דאָס בעסטע, וואָס דאָס לאַנד פאַרמאָגט און זיי האָבן געשאָלטן מיט פאַרשלאָסענע ליפּן. דער מאַנגל האָט געפירט צו דעמאָראַליזאַציע. צום אַלעם ערשטן האָט זיך צום מערסטן געוואָרפן אין די אויגן אַריין ביי די פרויען. נישט נאָר דייטשן און

עסטרייכער, נאָר אויך בולגאַרן און טערקן האָבן געקראָגן געליבטע. אייניקע פרויען האָבן זיך פּראָסטיטואירט צוליב קליינע קינדער און אַלטע מאַמעס, אַנדערע האָבן דאָס געטאָן צוליב דער אייגענער נויט, אַנדערע האָבן עס געטאָן צוליב לוקסוס און עס האָבן נישט געפעלט אַזעלכע, וואָס האָבן עס אויך געטאָן פאַר לײדנשאַפט. אַכציק פּראָצענט פון די יונגע בוקאַרעשטער פרויען זיינען געבליבן אָן מענער. די פּראָסטיטוטקעס אין די גאַסן האָבן געקרעכצט, וואָס די אָנשטענדיקע פרויען כאַפּן זיי אויס די קונים. יאַנקל האָט אַמאָל שפּעט אין אָוונט געזען זיך אַרומדרייען לעבן אַ ראַנדעוואו־האָטעל אַ גאַנצע ריי גאַסן־פרויען, אייניקע פון זיי גאַנץ שיינע, אַנדערע — זויערע און אָפּגעריבענע. זיי האָבן זיך אַלעמאָל אָפּגעשטעלט לעבן די צעשפּאָלטענע שפּיגלען און זיך איינגעקוקט און געציילט די קנייטשן פון די פּנימער און זיי געזוכט צו פאַרגלעטן. און איינע פון זיי האָט זיך אָנגערופן: „די פּריצהס מאַכן אונז קאָנקורענץ"... און ס'איז טאַקע געווען אמת! אָנשטענדיקע פרויען האָבן צוגענומען די פּרנסה ביי די פּראָסטיטוטקעס. אונזער העלד האָט געזען אַריסטאָקראַטישע פרויען, וואָס האָבן שטענדיק געהאַלטן שטאָלץ און פאַרריסן די קעפּ, זיינען געגאַנגען שפּעט אין אָוונט מיט אָפיצירן און זיי האָבן די קעפּ געהאַלטן אַראָפּגעלאָזן און ס'האָט נישט געקענט זיין קיין שום צווייפל וועגן דעם ציל פון שפּאַציר. און אויך צווישן ציווילע האָט זיך אָנגעהויבן אַ פריי פאָרן זיך. אונזער העלד האָט געזען הונדערטער באַקאַנטע זיינע פון דער פּראָווינץ, וואָס האָבן פון יענער זייט פּראַנט געלאָזן ווייבער און קינדער און אַליין זיינען זיי געווען די באַלעבאַטישקייט אַליין, אַרומשפּאַצירן אינטים מיט פרויען פון פאַרשיידנסטן כאַראַקטער; און אויסהאַלטן אַ פרוי האָט שוין דעמלט געשמעקט מיט אַ סך געלט. דער יקרות איז אַלץ געוואָרן גרעסער. אַ פּאָר שיך האָט געקאָסט אַ פאַרמעגן. און פרויען האָבן דעמלט אָנגעהויבן טראָגן קורצע קליידער און די מאָדערנע זאָקן פון לייבקאָליר. מען האָט זיי גערופן אַזשור־זאָקן. פּלוצים איז עס געקומען. ווי אַ רעגן וואָלט פון הימל אַראָפּגעפאַלן. היינט האָט מען געזען איין מיידל מיט אַ קורץ קליידל און אַזשור זאָקן. מאָרגן צען פרויען, איבערמאָרגן הונדערט און אין דריי טעג אַרום טויזנט און צען טויזנט. די גאַנצע פרוי איז ווי אַריין אין די פיס... מענער האָבן אָנגעהויבן מער קוקן אויף די פיס פון די פרויען ווי אויף זייערע פּנימער. און זיי האָבן גערעדט מער וועגן פיס ווי וועגן פּנימער. יאַנקל האָט דעמלט אָנגעשריבן אַ פעליעטאָן, אין וועלכן ער האָט אָנגעוויזן, אַז אין אַ קעניגלעכן פּאַלאַץ האָט מען דאָס וואָרט „פיס", נישט געטאָרט דערמאָנען. אַ קעניגין האָט קיין פיס נישט געהאַט... אין אָנשטענדיקער געזעלשאַפט האָט מען ביז צוריק מיט אַ צייט אויך נישט אָפט דערמאָנט דאָס וואָרט פיס און פּלוצים איז די פרוי אין גאַנצן אַריין אין די פיס און זי איז געוואָרן בלויז פיס. עס זיינען געקומען צו קאָנפליקטן צווישן

מענער און פרויען וועגן די קורצע קליידער און צו גטן איז אויך געקומען. די מענער האָבן נישט געוואָלט ליידן, אַז זייערע פרויען, אָדער געליבטע, זאָלן זיך אַזוי עקספּאָנירן. ס'האָט זיך גערעדט, האָט ער געשריבן, אַז די פרוי לאַכט זיך אויס פון דער גאַנצער אייפערזוכט און זי זאָגט: „איך האָב באַפרייט די פיס אויף אייביק..." צום שלום פון פעליעטאָן האָט ער גערעדט וועגן דער טייערקייט פון שיך און זאָקן און ער האָט געזאָגט: „מענער דאַרפן וועגן דעם אַ טראַכט טאָן באַצייטנס, ווייל זיי וועלן נישט האָבן פאַר וואָס צו קויפן, וועלן די פרעמדע מענער קויפן..." דרוקן דעם דאָזיקן פעליע־טאָן האָט יאַנקל זיך נישט באַשלאָסן.

עס זיינען דעמלט געווען צוויי צייטונגען אין שטאָט. די אַלטע דייטשע צייטונג „דאַס בוקאַרעשטער טאַגעבלאַט" איז דערשינען אי אין דייטש, אי אין רומעניש און איז געווען דער אָפיציעלער אָרגאַן פון אָקופּאַציע־באַהערדן און ס'איז אויך דערשינען אַ טעגלעכע טעאַטראַליש־ליטעראַרישע צייטונג אין רומעניש אונטער דעם נאָמען „ראַמפּאַ". אין דער ערשטער צייטונג האָבן זיך צום מערסטן באַטייליקט דייטשן. די רומענישע אויסגאַבע איז געווען אַן איבערזעצטע. און אויב עס האָט זיך געפונען אַ רומענישער זשורנאַליסט אַ גערמאַנאָפיל, וואָס האָט יאָ געשריבן אין יענער צייטונג, האָט ער זיך באַהאַלטן מיט זיין נאָמען. אַפילו די איבערזעצער האָבן געטאָן זייער ארבעט מיט מורא, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז ווען די רומענער וועלן זיך אומ־קערן וועט מען זיך מיט זיי אָפּרעכנען. די צייטונג „ראַמפּאַ" האָט רעדאַק־טירט אַ רומענישער דראַמאַטורג, וואָס האָט געהייסן אַ. דע הערץ און וואָס איז געווען אַ גערמאַנאָפיל. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז ער איז אַ דייטש. קיין רומענער איז ער זיכער נישט געווען. אָבער דייטש האָט ער נישט געקענט איין וואָרט, וואַרשיינלעך איז ער אַרויסגעקומען פון רומעניזירטע עלזאַסער דייטשן. ער איז געווען אַ מחבר פון סאַלאָן־קאָמעדיעס אין פראַנצויזישן סטיל און מען האָט אים נישט איין מאָל באַשולדיקט אין פּשוטן פּלאַגיאַט. ער איז דאָך געווען אַ זייער דערפאָלגרייכער דראַמאַטורג און זיין קאָמעדיע „דער שפּיגל" האָט געהערט צו די גרעסטע שלאַגערס אין לאַנד. ער האָט געשפּילט אַן אָפענע קאָרט און ער האָט אין עטלעכע טעג אַרום נאָך דער אָקופּאַציע גענומען אַרויסגיבן די דערמאָנטע צייטונג און ער האָט געשריבן פּראָ־דייטש. ער האָט באַשריבן ווי אַזוי די דייטשן זיינען אַריינגעקומען אין שטאָט אַריין. די איינוואוינער האָבן זיך געלאָזט איינרעדן, אַז די דייטשן זיינען באַרבאַרן און זיי האָבן זיך מוראדיק געשראָקן פאַר זיי. אין אַ פּעריפעריע איז אַ דייטשער סאָלדאַט צוגעגאַנגען מיט אַ מעסער אין האַנט צו אַן אָרים רומע־ניש קינד. די דאָזיקע, וואָס האָבן דאָס געזען, זיינען פּאַראַליזירט געוואָרן און זיי זיינען געווען זיכער, אַז ער גייט עס צעשניידן. אָבער דער סאָלדאַט האָט אָפּגעשניטן אַ שטיקל ברויט און אַ שטיקל וואורשט און ער האָט גע־

גיבן דעם קינד. אַזעלכע „טיפּע" פּראָפּאַגאַנדע זאַכן האָט א. דע הערץ געשריבן. יאַנקל האָט זיך נישט באַשלאָסן צו שרייבן אין יענער צייטונג, כאָטש ער האָט געפילט, אַז ער קריגט אַ געלעגנהייט, וואָס ער וועט זי אַזוי גיך נישט קריגן נאָך אַמאָל... אַ ייד איז דעמאָלט אויך געווען אַ קרן פאַר אַ פּראָדייטשער צייטונג. די דייטשן האָבן געזוכט אויך יידן. אָבער רומענישע שרייבער, האָבן זיך צוריקגעהאַלטן פון פאַרעפנטלעכן זייערע זאַכן. האָט ער זיי נאָכגעטאָן. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט דער געוועזענער רוסישער סאָציאַל רעוואָלוציאָנער, דער בעסאַראַבער קאָנסט. סטערע, וואָס איז געווען אַ גערמאַנאָפיל, אָנגעהויבן אַרויסגיבן אַ צייטונג, אין וועלכער ער האָט געוואָלט דערווייזן, אַז די רומענישע פּאָליטיק וועט זיך תמיד מוזן באַזירן אויף דייטשלאַנד ווייל דער אמתער שונא פון רומעניע איז רוסלאַנד; און דעמאָלט האָבן גערמאַנאָפילישע רומענישע זשורנאַליסטן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אונטער זייערע אייגענע נעמען אין די רומענישע צייטונגען. דער דערמאָנטער סטערע האָט געשריבן אין אַ שטילן אַקאַדעמישן און אַביסל לירישן טאָן. זיין רובריק האָט געהייסן „דאָס נאָטיץ־בוך פון אַ סאָליטאַריער" און ער האָט טאָג איין, טאָג אויס געברומט אַ ליד מיט שווערע אַקאַדעמישע ווערטער, אַז ער איז געווען דער איינזאַמער און דער גרעסטער, אַנדערע האָבן גענומען שרייבן קעגן דער בראַטיאַנו רעגירונג אין אַ העכערן טאָן. זיי האָבן געשריבן, אַז בראַטיאַנו איז אַ פאַררעטער, וואָס האָט פאַרקויפט דאָס רומענישע פאָלק. ספּעציעל איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דער רומענישער קריגס־רעגירונג איינער, וואָס איז ביז דעמאָלט געווען באַקאַנט נאָר ווי אַ דיכטער און נישט פון ערשטן ראַנג. ער האָט געהייסן קאַרנאַבאַט. זיין נאָמען האָט נישט געקלונגען רומעניש און ער איז געשריבן געווען מיט אַ K וואָס איז אַ פרעמדע בוכשטאַב אין רומעניש (פאַר אַ „ק" ווערט אין רומעניש ' גענוצט אַ C) מען האָט געזאָגט, אַז ער שטאַמט פון האָלענדער. קיין ייד איז ער זיכער נישט געווען. עס איז גראָד דעמאָלט ביי קאַרנאַבאַטן געשטאָרבן צוויי קינדער און ער האָט אָנגעשריבן אַ האַרצרייסנדיק ליד וואָס האָט געהייסן „אין דער פּעסטונג פון טרויער". יאַנקל דערמאָנט זיך אַ קוריאָזן פאַל: ער איז געגאַנגען אָנקוקן אַ בילדער־אויסשטעלונג פון אַ פרוי אַ מאַלערין. עס איז געווען נאָך מיטיק, ווען קיין באַזוכער זיינען נישט געקומען און ער האָט געטראָפן קאַרנאַבאַטן מיט פולן ליידנשאַפטלעכן ברען זיך קושן מיט דער מאַלערין. דער דיכטער־פּאַמפלעטיסט איז געווען אַ מיטליעריקער און אַ זייער אַ אָפּגעלאָזענער. די זאָקן זיינען אים שטענדיק אַראָפּגעפאַלן און זיי זיינען געווען צעריסן. אין דער געגנט פון נאָז־מויל איז אים שטענדיק געווען פייכט, ראַזירט איז ער אויך נישט געווען. ער איז געווען אַ הויכער און אַ שווערער און ער האָט זיך באַוועגט אַזוי ווי אַ בער. די מאַלערין איז אויך געווען אַ מיטליעריקע און נישט קיין שיינע און אַ באַהעמיש נאַכלייסיקע. די ראָמאַנטישע

סצענע זייערע איז געווען נישט קיין שטאַרק עלעגאַנטע און דערמיט האָט זי געמאַכט א מאָדנע שטאַרקן איינדרוק. ס'איז געווען אזא טרויעריקער מוז ווי דער טויט... קאַרנאַבאַט האָט געהאַט א יונגע און א זייער פּיקאַנטע פרוי, וואָס איז אויך געווען א דיכטערין. אויך זי האָט אויסגעקלאָגט דעם ווייטיק פון פאַרלירן צוויי קינדער אויף אַמאָל, אָבער מען האָט געזאָגט, אז איר באַ־העמישקייט האָט א חלק אין דעם דאָזיקן אומגליק. מען האָט אויך שטענדיק גערעדט, אז דאָס דאָזיקע דיכטער־פּאָרל לעבט שלעכט. דאָך האָט אויף אונ־זער העלד די ראָמאַנטישע סצענע צווישן דיכטער און דער מאַלערין געמאַכט א שווידערלעכן איינדרוק און ער האָט א לאַנגע צייט ממש געפילט א ביטערן טעם אין מויל. אין גאַנצן א פּאָר טעג נאָך ביידע קינדערס טויט איז יענע אידיליע פאַרגעקומען... קאַרנאַבאַט האָט זייער טרויער אויסגעדרוקט נישט נאָר דורך ליבע, נאָר אויך דורך האַס. זיינע אַרטיקלען האָבן געאָטעמט מיט ברענענדיקער שנאה און ס'האָט זיך געדאַכט, אז עס רינט סם פון זיינע ווערטער. ווען א שלאַנג וואָלט געקענט שרייבן, וואָלט זי אזוי געשריבן ווי קאַרנאַבאַט האָט דעמלט געשריבן. ער האָט זיך אַליין אויך געשראָקן פאַר דער קאָנסעקווענץ פון זיין שרייבן און ער איז שטענדיק געלאָפן אין גאַס און ער האָט אַרויסגעוויזן, אז ער האָט מורא א שטיין זאָל אים נישט פאַלן אין קאָפּ אַריין. א הויכער, א דיקער און א שוואַרצער איז ער געווען און ער האָט געטראָגן א ברייטן קאַפּעליוש, וואָס האָט אים פאַרדעקט א העלפט פון פּנים און די שוואַרצע אויגן מיט די רויטע וויעס האָבן געשאָטן מיט פייער פון האַס און שרעק. ער איז געווען דיק און ס'האָט פון אים ווי אַראָפּגערונען. ער האָט שווער געסאָפּעט און די אַראָפּגעפאַלענע זאַקן האָבן אים צוגעגיבן א קאָמישע רעם צום טראַגישן אויסזען. מען האָט באַוואונדערט זיין ווילדע קראַפט פון האַס אָבער די אַרטיקלען זיינע האָבן דאָך געהאַט די פאַרקערטע ווירקונג — זיי האָבן אַרויסגערופן א געוויסע ליבע צו דער קריטיקירטער ברַאטיאַנו־רעגירונג. קאַרנאַבאַטס שרייבן אין דער רומענישער פּרעסע האָט אויף א צייט פאַרהאַלטן דעם צוקום פון סאָלידע שרייבער, דאָס שרייבן פון דעם דאָזיקן דיכטער האָט דער גאַנצער בוקאַרעשטער פּרעסע פון דעמלט צו־געגיבן א טאָן פון פאַררעטערישקייט. און געקלערט האָט מען זיך: ער איז דאָך א קעניג אויף א פּאָר חדשים! רומעניע וועט דאָך צוריק ווערן רומעניע, וואָס זשע וועט דאַן ווערן פון אים? ער האָט געפילט, אז אין נאָרמאַלע צייטן וואָלט ער נישט געקענט ווערן אַזא העלד און ער האָט באַשלאָסן צו ווערן היינט א העלד פאַר א פּרייז פון מאָרגנדיקער תפיסה... אין א צייט אַרום האָבן אַזעלכע נייטראַלע שרייבער ווי נעאַמצעאַנו, לאַזאַרעאַנו און גאַלאַקטיאָן זיך באַוויזן אין פאַרשיידענע צייטונגען און יאַנקל האָט אויך אָפּגעדרוקט א פּאָר זאַכעלעך אין דער „ראַמפּאַ". כאָטש דעמלט איז שוין געווען שווערער צו־

קומען צום פסוק, ווייל עס זיינען שוין געווען א סך בעלנים. א. דע הערץ האט אים געזאגט: „וואו ביזטו געווען, ווען איך האב דיך גערופן?"

און דער דייטשער צענזאר, וואס איז געווען מער ווי א צענזאר, האט זיך דערוואוסט וועגן דער עקזיסטענץ פון אונזער העלד און וועגן דעם, אז ער שרייבט יידיש און ער האט אים איינגעלאדן צו זיך. ער איז געווען א יונגער, געבילדעטער מאן, א דאקטער אין פילאזאפיע, און ער האט געוואוינט א לאנגע צייט אין רומעניע און געקענט גאנץ פיין רומעניש. ער איז אויך גע־ווען היפשלעך באהאוונט אין יידישע ענינים. ער האט דעם יונגען „קאלעגע" זיינעם פארגעלייגט ארויסצוגיבן א יידישע צייטונג. די פינאנצן וועט בא־זארגן די אקופאציע מאכט און די צייטונג וועט זיין דורכוים א יידישע. זי מעג אפילו זיין א ציוניסטישע. נאטירלעך וועט זי דארפן דרוקן די קאמור־ניקאטן פון צענטראלע לענדער אויף דער ערשטער זייט. עס זיינען פאראן יידן צווישן די עסטרייכישע און דייטשע סאלדאטן און אפיצירן, וואס וועלן שרייבן פאר דער צייטונג. דר. זעלם (אזוי האט געהייסן דער צענזאר) האט ליב געשמייכלט און ער האט זיין יונגען מיטשמועסער צוגעזאגט פריוויליע־גיעס אין דער גאנצער צייט פון דער אקופאציע און ער האט אים צוגעזאגט פולן דייטשן שוץ אויך נאך דער מילחמה. ער האט באמערקט, אז דייטשלאנד האט א סך יידישע פריינט. און קיין ליגן איז עס ליידער נישט געווען. עס האט דעמלט א ווימל געטאן מיט יידן וואס זיינען געווען אין געהיימען דייטשן דינסט, פונקט ווי עס האבן נישט געפעלט קיין יידן אין געהיימען דינסט פון דער אנטאנט. עס האבן אויך חלילה נישט געפעלט קיין רומענער, וואס זיי־נען געווען דייטשע שפיאנען, אבער די יידן האבן זיך געווארפן אין די אויגן ארויין און אייניקע האבן מיט זייער טאקטלאזיקייט געמאכט, אז זיי זאלן אויסזען מער וויפל זיי זיינען באמת געווען... יאנקל דערמאנט זיך אין א יידן, וואס האט געהייסן שמואל פאינארו. ער איז געווען א ברענענדיקער ברונעט און ער האט געשטאמט פון באטאשאני, ער איז געווען א ייד א למדן און א פיקח, אבער א זייער טאקטלאזער, ער פלעג מאכן אזא טומל גלייך די וועלט וואלט געווען אין גאנצן זיינע. „פאינארו" מיינט אויף רומעניש א מעל־פארקויפער. האט ער זיך אויף יידיש גערופן מוכר קמח און ער פלעג זיך ליבהאבן אונטערשרייבן מיט די איניציאלן פון שמואל מוכר קמח... און ער האט אויך אנדערע וויצן געמאכט פון זעלביקן סארט. ער האט נישט שלעכט געשפילט שאך, אבער ער פלעג מאכן אזא רויש ביים שפילן, אז ביים טרייבן אקסן און אין באד אויף דער אויבערשטער באנק מאכט מען נישט אזא... און ער איז נישט געווען דער איינציקער פון דעם מין צווישן די יידי־שע „פריינט פון דייטשלאנד". זיי האבן פול געמאכט די יידישע רעסטא־ראנען און זיי האבן רק געוואלט טאן טובות די יידן און זייער א סך יידן האבן זיך אפגעקערט מיט עקל פון זיי... און צווישן די זשורנאליסטן זיינען

אויך געווען יידן פון זעלביקן סאָרט. אייניקע האָבן אָפן בראָווירט מיט זייער מאַכט און אַרויסגערופן אַנטיסעמיטיזם. איינער, אַ זון פון אַ מוהל, מיט פּרעטענזיעס אויף שרייבעריי, איז אַ דאַנק דעם, וואָס ער איז פריער געווען אַ שפּיאָן, געוואָרן אַן אָנגעזעענער זשורנאַליסט און ער האָט אויך אַרויסגעגעבן ביכער. איין בוך זיינס האָט געהאַט אַ פּאָבלהאַפטן דערפאָלג און עס האָט זיך פאַרקויפט אין צענדליקער עקזעמפּלאַרן. ס'איז געווען אַ פּאַמפלעט קעגן דער פרוי. די „פילאָזאָפיע" איז געווען פון אַטאָ וויינינגער, אָבער שטאַרק פאַרביליקט און די פאַקטן זיינען געווען מוראדיק פיקאַנטע. דער מחבר האָט געשילדערט ווי אַזוי פאַרהייראַטע פרויען נאַרן אָפּ זייערע מענער און זיי גייען אין האָטעלן מיט פרעמדע מאַנסבילן. געקויפט דאָס דאָזיקע בוך האָבן איבערהויפּט פרויען און בייזוויליקע האָבן געזאָגט, אַז די פרויען זוכן אין בוך די אידעע און די פּראַקטיק... ווען דער דייטשער צענזאָר האָט יאַנקלען גערעדט וועגן די יידישע פּריינט פון דייטשלאַנד, האָט ער דערפילט, אַז דער וועג איז אַ גליטשיקער און אַ ריזיקירטער. מען ווען קענען אָנווייזן אַז פאַר דער מילחמה איז שוין אין בוקאַרעשט זייט אַ פּאָר יאָר קיין יידישע צייטונג נישט געווען און דווקא אונטער דער אָקופּאַציע האָט אַזאַ איינע אויסגעוואַקסן. און כאָטש אַ טעגלעכע יידישע צייטונג איז פאַר אים געווען אַ לעבנס־חלום האָט ער זיך אָפּגעזאָגט. דר. זעלם האָט גערעדט איבער אים אָן אַ שיעור. ער האָט אים אָנגעוויזן אַז אַזאַ באַרימטער שריפטשטעלער ווי נאָמבערג האָט אַקצעפּטירט צו ווערן רעדאַקטאָר פון אַ יידישער צייטונג אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע פון פּוילן און יאַנקל האָט אים געענטפערט, אַז דאָרטן איז אַנדערש. פּוילן וועט שוין אפשר מער נישט געהערן צום צאַר און אין פּוילן זיינען פאַר דער מילחמה אויך געווען יידישע בלעטער.

בכדי פּטור צו ווערן פון ניסיון האָט אונזער העלד גענומען זוכן אַוועקצופאָרן פון בוקאַרעשט. ער האָט זיך נישט געפילט געהויבן סיי ווי סיי. ער האָט מיט זיין כלה געהאַט אַ שווער לעבן. ווי יעדער יונגער פאַרליבטער, האָט ער געליטן פון אייפערזוכט און ער האָט געפילט די טייטש פון „קשה כשאול קנאה", כאָטש קיין מאָטיוון האָט ער נישט געהאַט. עס איז אים געווען געגוג, אַז אסתר זאָל אביסל פאַרשפּעטיקן ביים צוריקקומען פון באַנק, אַז ער זאָל איר מאַכן אַ גרויסן סקאַנדאַל. זי האָט געקענט דערווייזן, אַז זי האָט געהאַט נאָך אביסל אַרבעט אין באַנק און פאַר ערגערניש זיך היסטעריש צעוויינען. די געפילן פון אייפערזוכט האָט ער נישט געקענט באַהערשן און דאָס דאָזיקע האָט ביטער געמאַכט דעם בעכער זייערן, וואָס איז געווען פול מיט זיסן. זיי האָבן זיךביידע ליב געהאַט מיט דער גאַנצער יוגנטלעכער ליידנשאַפט און זיי האָבן אויך געהאַט אַ מענטשלעך־פריינטלעכע באַציאונג איינער צום אַנדערן. דאָס אומאַרמען זיך און זיך קושן האָט זיי פאַרטראָגן אין אַ וועלט פון הוילע גליק, אָבער זיינע אייפערזוכט אויסברוכן האָבן זיי

ביידע וויסט געמאַכט די פולע הערצער. זיי האָבן נאָך אַן אייפערזוכט סצענע לאַנג נישט געקענט קוקן איינער אויף דעם אַנדערן און נאָר די ווילדע לײדנשאַפט האָט געפירט צום שטומען חבר ווערן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ווען ער וועט אַוועקפאָרן, וועט אים גרינגער ווערן, כאָטש ער האָט געפילט, אַז פון דער ווייטנס וועט אים די אייפערזוכט נאָך מער פּלאָגן.

און ס'איז געקומען אַ געלעגנהייט אַוועקצופאָרן. ס'איז מאָדנע צו דערציילן אַזאַ איבערלעבונג און ער וועט זי דאָך דערציילן. יאַנקל האָט אין בוקאַרעשט געהאַט אַ שוועסטערקינד פון איזמאַיל — זיין מומע ליבעס זון, וואָס האָט געהייסן שלום. ער איז געווען עלטער פון אים מיט עטלעכע יאָר און ער האָט געהאַט אַ סוחרישן חוש. ער האָט זיך געדרייט דער קליינשטעטלדיקער בחור און ער איז פלוצים געוואָרן איינער פון די צוויי שותפים פון גרעסטן קאַבאַרעט אין שטאָט, וואָס האָט געהייסן „אַלהאַמבראַ". און יאַנקל, וואָס האָט געגעסן אין אַן אָרימען יידישן רעסטאָראַן, וואו עס האָבן געגעסן אַ סך רוסישע דעזערטירן, האָט געקראָגן אַן אַריינגאַנג אין דעם גרויסן קאַבאַרעט און אַ „קאַרט בלאַנש" אַהין. ער האָט דאָרט געקענט באַקומען, וואָס זיין האַרץ האָט באַגערט און די קאָנסומאַציע־דאַמען האָבן זיך צו אים געשמייכלט גלייך ער וואָלט געווען באַלעבאָס פון קאַבאַרעט. און בעת ער האָט שוין געקראָגן דאָס גענאָד פון די שיינע, טייער־ביליקע דאַמען, האָט ער זיין כלה געפּראַוועט ווילדע אייפערזיכט־סצענעס פאַר אַן אומשולדיקן בליק...

מיטן געדאַנק האָט ער געפילט, אַז ער איז נישט גערעכט, אָבער ער האָט די געפילן נישט געקענט באַהערשן. ער האָט דערפילט, אַז שוין דאָס חתן־כלה לעבן איז געבויעט אויף אַ ליגן. און דעמלט האָט פּאַסירט, אַז אַ קאָנסומאַציע דאַמע, אַ הויכע, אַ שלאַנקע מיט אַ פיגור פון, דאַכט זיך, אַ דראַגונער, וואָס איז אָבער דאָך געווען די ווייבלעכקייט אַליין, האָט זיך אין אים פאַרליבט. זי איז געווען אַ העלע שאַטענקע מיט מאַנדל־אויגן און ס'האָט אַלץ אין איר געזונגען דאָס געזאַנג פון ווייב. זי איז געווען אויף אַזוי פיל ווייבלעך, אַז דאָס גאַנצע מענטשלעכע איז געבליבן פאַר איר ערגעץ פון יענער זייט. זי איז געווען פון אַ שטאָט, וואָס איז געליגן זעקס שעה רייזע פון בוקאַרעשט. דער מאַן אירער איז געווען אויף דעם פראָנט און זי האָט מורא געהאַט צו זיין אַליין און זי איז אַנטלאָפן אין דער הויפּטשטאָט און האָט אין דער היים איבערגעלאָזט אַ רייך הויז און אַ גרויס לעדער־געשעפט. זי האָט אין בוקאַרעשט זיך פאַרלוירן און איז געפאַלן ביז צום קאַבאַרעט און זי האָט מורא געהאַט, אַז זי וועט פאַלן ווייטער און זי האָט צוגערעדט איר נייעם באַקאַנטן, אַז ער זאָל פאָרן מיט איר אַהיים און ער האָט זיך געלאָזט איבעררײדן. ער איז צוגעקומען צו אַ פּאַלאַץ, וואָס האָט אים פאַרשיכורט און געשראָקן. צוויי דינסטן זיינען דאָרט געווען און אַ דינער. די גרויסע קראָם איז געווען פול מיט סחורה און געשלאָסן. די דייטשן האָבן אַרויסגענומען אַ קליינעם

טייל פון דער לעדער און זיי האָבן געלאָזט באַנאַס פאַר דער סחורה... די שטוב איז געווען פול מיט אַלדאָס גוטס. עס זיינען אין איר געווען אַזעלכע ווייַנען און ליקאָרן, וואָס מען האָט זיי שוין געקענט קריגן נאָר אין די קאַבאַרעטן פאַר זייער טייערע פרייזן. יאַנקל האָט זיך פאַרלוירן אין דעם ווילדן לוקסוס און וואוילטאָג און ער האָט זיך געפילט ווי אַ גראַף. ער האָט גענומען שרייבן אַ ראָמאַן. צום ערשט מאָל אין זיין לעבן האָט ער גענומען שרייבן אַ ראָמאַן און ער האָט אָנגעשריבן אַ היפּשן טייל. אָבער איין מאָל אין אַ פאַרטאָג האָט ער דערהערט הינטער זיין פענצטער דרימפּלען אַ פידל. אַ בלינדער האָט סתם געדרימפּלט, ער האָט אַפילו נישט געפּרוּווט שפּילן. יאַנקל איז געווען איבערזעטיקט מיט אַלעמען און מער פון אַלץ מיט דער מאָדנער ליבע פון יענער פרוי דער קראַסאַוויצע, וואָס האָט אים דערמאָנט אין אַנאַ קיצים, וואָס איז פאַר אים אַמאָל געווען אַזאַ חלום ווי אַ פּרינצעסין... און ער האָט זיך דערפילט ערגער ווי דער בעטלער און ער האָט דערפילט די גאַנצע לאַגע זיינע. קיין צייטונג האָט ער נישט געוואָלט אַרויסגיבן און אַהער איז ער געפאָרן... דעם גייסט האָט ער געהיט און דעם קערפּער האָט ער פאַרשמירט. און ס'איז אים צוגעקומען אַ קאָמפּליצירטקייט צו זיין וואולגאַרער איבערלעבעניש.
אי שטאָט האָט געלעבט אַ יידישע פאַמיליע פון בעסאַראַביע. זי האָט פאַרבלאָנדזשעט אַהין נאָך פאַר דעם קריג. די פאַמיליע איז באַשטאַנען פון אַ קראַנקן פאָטער, אַ כוואַטסקע מאַמען און צוויי מיידלעך. דאָס עלטערע מיידל איז שוין געווען אין די יאָרן און זי האָט שוין פאַרלוירן דעם לעצטן רייץ מיסתמא מיט דער לעצטער האָפנונג. זי האָט אויסגעזען ווי פּרצס דריטע נייטאָרין... די יינגערע שוועסטער איז נישט געווען קיין שטאַרק שיינע, אָבער זי האָט פאַרמאָגט יוגנטלעכן רייץ און קינדישן חן. זי האָט געהאַט אַ רויטן פּליאַם אויף איין באַק און זי האָט אים ברייהש געזוכט צו באַהאַלטן... די יינגערע איז געווען אַ פּראָוויזאָרשע, זי האָט געאַרבעט אין הויז. יאַנקל האָט אָפט פאַרבראַכט אין יענעם הויז. די מיידלעך האָבן זיך געפרייט צו ריידן רוסיש מיט אים, די עלטערן האָבן זיך געפרייט צו ריידן יידיש. און נישט נאָר די יינגערע האָט זיך אָנגעהויבן פאַרליבן אין אים, נאָר אויך די עלטערע האָט זיך שעמעוודיק אָנגעהויבן צו רויטלען צו אים און די פאַרוועלקטע האָפנונגען האָבן זיך אָנגעהויבן צעבליען אין איר. יאַנקל האָט זיך פּשוט דערשראָקן און ער האָט אויפגעהערט קומען צו די טרויעריקע שוועסטער. און ער האָט זיך מיט אַמאָל באַשלאָסן און ער האָט פאַרלאָזט דעם פּאַלאַץ און אַפילו דעם אָנהויב פון ראָמאַן, וואָס ער האָט געשריבן; אים האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ אַרום אים איז דאָרט טמא און ער איז אַוועק אין אַ פאַבריק אַריין קלאַפּן קעסטלעך. צווישן ציגיינער איז אים אויסגעקומען אַרבעטן און ער האָט ווידער דערפילט זייער פּרימיטיווקייט און פוילקייט. ער איז געוואָרן פיזיש אַזוי ברודיק ווי זיי און ער האָט זיך דאָך געפילט ריינער ווי אין פּאַלאַץ און

ער האָט אָפּגעשפּאַרט אויף אַ בילעט קיין בוקאַרעשט און ער האָט מיט שווערער מי באַקומען אַ דערלויבעניש פון דער אָקופּאַציע מאַכט אַהיימצופאָרן. דער חשד אין שפּיאָנאַזש איז געפאַלן אויף אים און אויגן, טעמפּע און שווערע, האָבן אים געהיט און געשטאָכן און געברענט די גאַנצע צייט פון דער רייזע. אין בוקאַרעשט האָט ער געטראָפן אסתרן אַ דערוויטערטע פון אים און ער האָט חושד געווען, אַז זי האָט שוין אַן אַנדער פריינד. כאָטש ער האָט אויך חושד געווען, אַז זי איז מיט דעם הארצן נאָך אַלץ ביי אים און זי צאַפּלט נאָך אַלץ טאָג ווי נאַכט צו אים. זיי האָבן זיך געזעגנט ווי מאָדערנע מענטשן און זיך צוגעזאָגט פריינטשאַפט. זי האָט געשטראַלט צו אים מיט אירע בלויקינדישע אייגלעך און זי האָט אים געזאָגט, אַז זי וועט אים קיינמאָל נישט פאַרגעסן און זי האָט אים געזאָגט, אַז מיט אים איז איר דאָס לעבן זיסער געווען ווי שטענדיק. אָבער ער האָט עס פאַרביטערט מיט זיין אייפערזוכט און זי האָט זיך געשוואוירן, אַז זי איז קיין מאָל נישט געווען שולדיק און זי האָט זיך צעוויינט... די מאַמע אירע האָט שפּעטער דערציילט יאַנקלען, אַז זי האָט אַ גאַנצע נאַכט דערנאָך געוויינט און זי האָט עטלעכע טעג דורכאַנאַנד זעלטן ווען באַהערשט די טרערן. ער איז אויך וואָכן און וואָכן אַרומגעגאַנגען מיט אַ פאַרלוירענעם זין, און מיט אַ שטענדיקן קלעם ביים הארצן און ער האָט זיך געפילט גלייך עס וואָלט אים געשטאָרבן אַ נאָענטער. ער האָט גענומען ליידן פון שלאָפלאָזיקייט און ער פלעג אָפטער קומען צו דער מומע זלאַטע, בכדי צו הערן אַמאָל אַ וואָרט וועגן אסתרן און ביי דער מומען האָט מען דווקא אויסגעמיטן צו דערמאָנען איר נאָמען, ווייל מען האָט אים געוואָלט שוינען. דער פעטער יהודה האָט אים איין מאָל דאָך געזאָגט אויף זיין פילאָזאָפישן שטייגער, אַז „דער מענטש וויל איבערלאָזן, אָבער ער וויל נישט איבערגעלאָזן ווערן...״ יאַנקל האָט זיך אַ סך מאָל געדרייט אַרום אסתרס הויז מיט דער האָפענונג זי צו זען און ווען ער האָט זי דערפילט פון דערווייטנס, איז ער דאָך אַוועק... אים האָט זיך געדאַכט, אַז ס׳איז פאַר אים סוף וועלט, כאָטש ער האָט שוין געוואוסט, אַז דאָס לעבן פון אַ מענטשן ענדיקט זיך אַ סך מאָל און הויבט זיך ווידער אָן...

☆

קאַפּיטל אַכט

געשמאַקע בייגל

סוף ווינטער איז געווען און בוקאַרעשט האָט געשיינט פאַר ווייסקייט. שליטנס האָבן זיך געגליטשט מיט אַן אייגנאַרטיקער מוזיק און זיי האָבן געקלונגען מיט אַזאַ פרייד, גלייך עס וואָלט גאָר קיין מילחמה נישט געווען אויף דער וועלט. ביי א. ל. זיסון אין הויז האָט די וועלט געשיינט נאָך מיט מער פרייד ווי אויף דער גאַס. עס זיינען דאָרט פאָרגעקומען גרויסאַרטיקע אָוונטברויטן און סאָאַרען און ס׳האָט געשטראַלט מיט מענערישער חכמה און מיט ווייבערישן לוקסוס. גאַלאַ גאַלאַקטיאָן, וואָס איז אַלץ געוואָרן מער און מער רעליגיעז און דערצו מער און מער זינלעך, פלעג קוקן אויף די גרויסע פרויען דעקאָלטעען און ער האָט געמאַכט מינעם פון הייליקן אַנטאָן. מען האָט דאָרט פאַרטאָג זייער אָפט סערווירט הינדעק און שאַמפּאַניער, וואָס האָבן ביידע געהאַט טעם גן עדן, דאָך האָט יאַנקל זיך אָנגעהויבן צוריקציען פון יענעם הויז, וואו מען האָט געקענט האָבן אי פיזישן, אי גייסטיקן תענוג. ער איז שוין נישט געווען געקליידעט אין דער אָרדנונג און די שיך זיינען געווען קאַנדידאַטן צעריסן צו ווערן. קליידער און שיך האָבן שוין געקאָסט זייער טייער און פאַרדינען האָט ער שוין לאַנג נישט פאַרדינט, האָט ער זיך צוריקגעצויגן צו די קבצנים. ער איז אַוועק אין אַ רעסטאָראַן פון איינעם אַ יידן, וואָס האָט געהייסן רייטער. אַ פשוטער ייד געווען, אין דער יוגנט איז ער מיסתמא געווען אַ קעלנער און אפשר נאָך ערגערס. ער האָט אַ סך מאָל אויסגעזען ווי איינער, וואָס וויל תשובה טאָן. ער האָט געהאַט אַ זעלטענע באַציאונג צו אַן איידלערן מענטשן און וויפל מאָל אונזער העלד, אָדער זיין הבר שטערנבערג, איז אַריינגעקומען אין יענעם רעסטאָראַן, איז דער באַלעבאָס אַזש פאַרציטערט געוואָרן. און די באַלעבאָסטע, וואָס איז געווען אַזוי פראָסט ווי איר מאַן, האָט זיי אויך אָפּגעבלאָזן דאָס פלאַץ.

רוסישע דעזערטירן זיינען געווען אַלערליי. אייניקע האָבן באַלד גענומען האַנדלען מיט קאָנטראַבאַנדע און זיי זיינען גלייך רייך געוואָרן און אַנדערע האָבן אויך גענומען האַנדלען מיט דעם זעלביקן און זיי זיינען אַריינגעפאַלן און אַרעסטירט געוואָרן. עס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן גאָרנישט

געפּרואווט האַנדלען און זיי האָבן שווער און ביטער געאַרבעט. דער חילוק צווישן אָרים און רייך האָט זיך מוראדיק געוואָרפן אין די אויגן אַריין אין יענעם רעסטאָראַן, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי גרויסע צימערן פאָרנט און איין פאַרשטופּטע צימערל הינטן. די רייכע זיינען נישט נאָר געגאַנגען געפּוצט, נאָר זיי האָבן אויך געהאַט געליבטע, וועלכע זיי האָבן געבראַכט אין רעסטאָראַן אַריין, און די געליבטע האָבן אָנגעפילט די לופט מיט פאַרפומען און פאַרבלענדט די אויגן מיט שרייענדיקע קליידער און מיט בלישטשענדיקע שטיינער.

אין יענעם רעסטאָראַן האָט יאַנקל געקראָגן אַ נייע אַרבעט — שטאָפּן פּאַפּיראָסן. מען האָט אים געגיבן טאַבאַק און הילזן און ער האָט זיי אויסגעשטאָפּט. קיין כשרער עסק איז דאָס אויך נישט געווען און מען האָט געדאַרפט האָבן אַן אייגן ווינקל, וואו צו אַרבעטן. דאָס צימער האָט אונזער העלד געגיבן דער גוטער רעסטאָראַטאָר רייטער, כאָטש ביי אים איז עס געווען איינגעשטעלט מער ווי אין אַ פּריוואַטער שטוב. אין די רעסטאָראַנען האָט מען מער געזוכט ווי אומעטום. רייטער האָט קיין קינדער נישט געהאַט, ער האָט געהאַט אַ פּלימעניצע גיטעלע, וואָס האָט געשיינט ווי די זון. אַ סך פון די קונים זיינען געקומען אין רעסטאָראַן אַריין צוליב איר; זי איז געווען די הויפּט־קעלנערשע. ווער ס'האָט זיך באַגנוגנט מיטן קוקן אַליין און ווער עס האָט איר אַ גלעט געטאָן אין די בליענדיקע באַקן, וואָס האָבן באמת אויסגעזען ווי רויטע עפּל. גיטעלע האָט אָנגעפילט דעם גאַנצן רעסטאָראַן מיט אַ גוטן געמיט. אַלע זיינען געווען פאַרייניקט אין אַ האַרציק געפיל צו איר. אַלע האָבן זי נישט נאָר געגלוסט, נאָר אויך ליב געהאַט מענטשלעך. זי איז נאָך געווען גענוג קינדיש אויף אָנצונעמען אַלץ ווי אַ שפּיל. אָט די גיטעלע פלעג אַכטונג געבן, ווען יאַנקל האָט געאַרבעט און ווען זי האָט נאָר דערזען אַ דייטשן סאָלדאַט זיך דערנענטערן, האָט זי שוין געהייסן באַהאַלטן דעם טאַבאַק. פאַר אָט דעם אַכטונג געבן האָט זי געבעטן אַ יידיש לידל. דער פעטער יהודה האָט נישט געקראָגן קיין אַרבעט פון זיין פאַך, האָט דער פּלימעניק געקראָגן אויך פאַר אים פּאַפּיראָסן צום שטאָפּן. יאַנקל האָט גיך פאַרדינט גענוג אויף צו קענען זיך דינגען אַליין אַ צימער און ער האָט שוין אַליין געקענט קויפן טאַבאַק מיט הילזן און אַרבעטן אויף אייגענעם חשבון. און דעמלט האָט זיך צו אים צוגעשאַרט אַ קעשענעווער בחור. וואָס האָט זיך געקלאָגט, אַז ער האָט גאָרנישט; אונזער העלד האָט נאַיוו אים צוגענומען פאַר אַ שותף, כאָטש ער האָט גאָרנישט אַריינגעלייגט אין געשעפט אַריין. אַ פּאָר וואָכן האָבן זיי אַזוי געאַרבעט, ביז וואַנען זיי זיינען אַריינגעפאַלן און אַ דייטש האָט „בעשלאַגנאַמט" (רעקווירירט) אַ גאַנצן פּאַק סחורה און זיי זיינען ביידע אַרויס אָדם נאַקעט. ס'איז נאָך געווען אַ גליק, וואָס ער האָט זיי נישט אַרעסטירט. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט דער שותף געזאָגט יאַנקלען, אַז

ער האָט אַ גאָלדן געשעפט, מען דאַרף נאָר האָבן אַ פּאָר הונדערט לעי. ער האָט געפונען עטלעכע סאָלדאַטן, וואָס אַרבעטן ביי לעדער און ביי זוילן און זיי קענען ברענגען פון דער דאָזיקער סחורה וויפל מען וויל נאָר. אָבער מען דאַרף זיי צאָלן מיט מזומן. און אונזער העלד איז געווען דער דאָזיקער, וואָס האָט געקראָגן די ערשטע סומע און ס'איז אַוועק אַ מיסחר. די סאָלדאַטן האָבן געבראַכט די לעדער מיט די זוילן און דער שותף האָט זיי פאַרקויפט. יאַנקל האָט נישט געטאָרט זען נישט די פאַרקויפער, נישט די קויפער. ס'האָט געדאַרפט זיין אַ סוד. דער סוף איז געווען, אַז אונזער העלד האָט קוים אָפּגעגומען די פּאָר גראָשן, וואָס ער האָט אויסגעליגן און דער שותף איז געבליבן מיט די פאַרקויפער און מיט דעם גאַנצן מקח וממכר און ער איז גיך געוואָרן אַ גרויסער גביר. דער בחור איז דווקא געווען נישט קיין שלעכטער און ער האָט זיך אַביסל געשעמט ביים צעטיילן זיך און ער האָט די גאַנצע שולד אַרויפגעלייגט אויף דער געליבטער אויף זיינער. עס האָט זיך אַרום אים געדרייט אַ האַלב-וועלט דאַמע, אַ פרוי מיט גרויסע ליפּן און מיט גרויסע אוירינגלעך און מיט גרויסע רייפן אַרום די נישט גרויסע אויגן. זי איז געגאַנגען געקליידעט ווילד-שרייענדיק און זי איז געווען פון דעם טיפּ פרויען, וואָס ציען גיך צו און שטויסן גיך אָפּ. זי האָט געהאַט אַנדערע חוץ דעם שותף און ווען זי האָט געמערקט, אַז ער הויבט אָן קריגן געלט, האָט זי גענומען ווערן עקסקלוסיוו זיינע. זי האָט עס נישט געוואָלט, אַז ער זאָל האָבן אַ שותף און ער האָט נעבעך געמוזט פאָלגן. דער גאַליציאַנער פעטער פון אונזער העלד האָט געלאַכט און ער האָט אים געזאָגט: „יונגע, דו וועסט זיין פונקט אַזאַ קאַופמאַן ווי איך...” דאָס איז געווען דער ערשטער און דער לעצטער מיסחר-פּרואוו פון אונזער פאַרשוין. ער האָט זיך דאַן גוט אַריינגעקלאַפּט אין קאָפּ אַריין דאָס ווערטל „דע אַ סוחר”... ער האָט זיך דערמאָנט גמליאל דעם קעשענעוועס ראש ישיבהס וואָרט: „אַט דאָס האָט מען, ווען מען שיקט אַ דאָס אין די געמאַרקן”. אַ „דאָס” האָט געמיינט אַ בטלן...

און דערווייל האָט זיך דערנעענטערט דער חודש פעברואַר און ס'איז אָנגעקומען די גרויסע בשורה. אַז דער צאַר האָט אָפּגעדאַנקט. מען האָט אין יענער צייט נישט שטאַרק ליב געהאַט צו ריידן וועגן פּאָליטיק אין בוקאַרעשט. די דייטשן האָבן שוין געהאַט אַרויסגעפירט אַלץ, וואָס דאָס לאַנד האָט געהאַט און פּראָדוצירט און מען האָט שוין געשמאַק אונטערגעהונגערט און מען האָט שוין געמוזט שטיין אין דער ריי אויף צו קריגן אַביסל מילך און אַביסל צוקער און אַפילו אַ שטיקל ברויט. פלייש האָט מען באַקומען צוויי מאָל אין דער וואָך און נישט קיין סך מער ווי אַ כזית. מעדיקאַמענטן האָט מען אויך נישט געקראָגן. קראַנקע און ספּעציעל קליינע קינדער האָבן שטאַרק געליטן. יאַנקל דערמאָנט זיך, ווי מען האָט געמוזט באַאַרבעטן די מומע זלאַטע. וואָס האָט געליטן פון מוראַדיקע קאָפּווייטיקן. זייט ער האָט זי געקענט,

איז זי אַרומגעגאַנגען מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ און זי האָט כסדר איינגע־נומען „פּיראַמידאָנען“. זיינען אויסגעגאַנגען די פּיראַמידאָנען און מען האָט מורא געהאַט, אַז די מומע וועט אומקומען. איז אַ דאָקטער געפאַלן אויף אַן עצה: ער האָט געהייסן צעמאָלן מאַנדלען און צושיטן דערצו עפּעס ביטערס און דאָס צונויפלייגן אין פּראָשקעס און איר זאָגן, אַז דאָס איז אַ שיטערער „פּיראַמידאָן“. און ס'האָט געווירקט! פּונקט צו די צען מינוט פלעג איבערגיין דער קאָפּווייטיק... דער דאָקטער האָט געזאָגט, אַז ביי רעצעפּטן בכלל שפּילט די סוגעסטיע נישט קיין קלענערע ראָליע ווי דער שטאָף. דער מאַנגל אין מעדיקאַמענטן האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן צאָרן קעגן די דייטשן. די הייסטע גערמאַנאָפילן זיינען אָפּגעקילט געוואָרן אין זייער ליבע צו די דייטשן. אָבער די הויפּטשטאָט איז געווען פול מיט שפּיאָנען און מען האָט זיך געמוזט שטאַרק היטן מיט אַ וואָרט. די דייטשע יידן. וואָס האָבן זיך געפונען אין בור־קאַרעשטער גאַרניזאָן. האָבן ברוטאַל געמאָלדן זייערע באַקענטע, אַז זיי זאָלן נישט ריידן אין זייער אַנוועזנהייט אַנטי־פּאַטריאָטיש, ווייל זיי זיינען דייטשע סאָלדאַטן. די עסטרייכישע יידן האָבן מיט גוטן זיך געבעטן, אַז מען זאָל פאַר זיי נישט אַרויסריידן קיין שלעכט וואָרט, ווייל זיי זיינען ווי געפאַנגענע ביי די דייטשן. וואָס עס קומט באמת פאָר אויף די פראָנטן, האָט מען נישט געוואוסט.. די אָרטיקע צייטונגען האָבן געדרוקט נאָר די קאָמוניקאַטן פון די צענטראַל מאַכטן און די ליגנערישע ידיעות פון דער „וואָלף ביוראָ“; האָט מען געשוויגן. די נייעס וועגן דעם אָפּדאַנקען פון צאַר, וואָס איז געקומען ווי אַ דונער פון לויטערן הימל, האָט ביי אַלע געעפנט די מיילער. ס'איז געווען ווי אַן ערד־ציטערניש, וואָס איז פאָרגעקומען אונטער דער נאָז און מען קען עס נישט פאַרשווייגן. די גאָר רייכע רומענער האָבן זיך געשראָקן, די אָרימע מאַסן האָבן געיובלט. די יידן האָבן זיך אויך אַלע געפרייט. מען האָט אפילו גערעדט וועגן אַ מאַניפעסטאַציע אין די אַרבעטער געגענטן. די רוסישע דע־זערטירן זיינען געווען גרייט צו טאַנצן אין די גאַסן. פאַר זיי איז דאָס געווען די גרעסטע בשורה און אַזאַ, וואָס זיי האָבן אפילו אין חלום נישט געזען. פון אויער צו אויער האָט געקלונגען אַ לידל:

רוסלאַנד איז גליקלעך, רוסלאַנד איז פריי,
דאַ זדראַווסטוואויעט סוואָבאָדאַ, דאַלאָי ניקאָלאַי...
(זאָל לעבן די פרייהייט, נידער מיט ניקאָלאַיען)

די דייטשע צייטונג האָט זיך מיט דער געשעעניש נישט געפרייט. מען האָט באַלד געזאָגט, אַז אַ קראָ אַ קראָ נעמט נישט אַרויס די אויגן און אַ מאָ־נאַרכיסטישע צייטונג פרייט זיך נישט מיט דעם פאַלן פון אַ מאָנאַרכיע. די דייטשע צייטונג האָט געזאָגט, אַז ניקאָלאַי דער צווייטער איז אַ קרבן פון

די ענגלישע אינטריגעס און אז גאנץ רוסלאנד וועט באצאלן פאר די זינד פון ענגלאנד. דער שונא איז דעמלט פאר די דייטשן געווען נישט רוסלאנד, נישט פראנקרייך, נישט רומעניע, נאר ענגלאנד. רומעניע האט זיך באפעס־טיקט ביי דער גרעניץ פון דער מאלדאווע, אין מאראשעשטי, וואו זיי האבן אפגעשטעלט דעם דייטשן געלויף. וואכנלאנג האט מען נישט געהערט, אז די דייטשן זאלן זיך רירן פון פלאץ. די שפיטאלן פון דער הויפטשטאט זיינען געווען פול מיט דייטשע און עסטרייכישע פארוואונדעטע, אבער די דייטשן האבן נישט גערעדט מיט קיין שנאה וועגן די רומענער און זיי האבן נאר באדויערט די פאלשע שטעלונג פון די פארקויפטע רומענישע פאליטיקער. די דייטשע צייטונג האט קלאר געגיבן אנצוהערן, אז די אקופאציע מאכט וויל נישט, אז מען זאל זיך שטארק פרייען מיט די געשעענישן אין רוסלאנד, אבער זי האט די דאזיקע פרייד נישט געקענט דערשטיקן. זי האט זיך א ריס געטאן מיט שטורעם פון די הערצער, אזוי ווי דאס אייז פון טייך אין פרי־לינג. מען האט גענומען זאגן מער מיט די אויגן ווי מיט דעם מויל, אז די גאנצע מילחמה וועט זיך פארענדיקן מיט א רעוואלוציע אין דער גאנצער וועלט. א סך באקאנטע האבן יאנקלען ספעציעל באגריסט ווי א רוסישן און אייניקע האבן זיך מיט אים צעקושט פאר פרייד.

און אין אן ענגען קרייז האט אונזער העלד געפייערט די אבדיקאציע פון צאר. דאס איז געווען ביי א ספרדישן יידישן יונגעמאן אין הויז. ער איז געווען א געבוירענער אין רומעניע און א טערקישער בירגער. מען האט אים גערדארפט אוועקשיקן אין א קאנצענטראציע־לאגער, אבער ער האט גע־האט גענוג געלט אויף צו פועלן מען זאל אים לאזן אין א „שפיטאל". ווען די צענטראל־מאכטן האבן פארנומען בוקארעשט, איז ער געגאנגען זיך מעלדן צו די טערקן און ער איז געווארן א טערקישער אפיציר, כאטש ער האט נישט געקענט גוט קיין טערקיש. ער איז געווען א געשולטער באאמטער און ער האט געקענט עטלעכע אייראפעאישע שפראכן, איז ער צונויז געקומען אין סאַ־מע גענעראל־שטאב. מיט דער הילף טאקע פון אט דעם שטאב האט דער יאט ערשט געמאכט געלט וויפל ער האט אליין געוואלט. ער האט געהאט א הויז, איז עס פול געווען מיט אלדאס גוטס. ס'האט געהאט זיסקייטן און משקהס, וואס זיינען אליין ווערט געווען א פארמעגן. עס זיינען דארט געווען אזעלכע דעליקאטעסן, וואס אפילו פאר שווערע טויזנטער וואלט מען זיי שוין דעמלט נישט געקענט קריגן. ער איז געווען א נידעריקער און א פעסטער, די ערד האט אונטער אים געציטערט, ווען ער איז געגאנגען. און דאס דאזיקע איז געווען נישט נאר פאר קראפט, נאר אויך פאר ענערגיע. און ער האט פארמאגט פונקט אזא קראפט אין די אויגן, ווי אין קערפער. ער האט אין די ברענענ־דיקע אויגן געהאט א ליבן שמייכל, אבער אויך א באפעלערישקייט. באקענט מיט אים האבן זיך יאנקל און יאקל (אזוי האט מען גערופן שטערנבערגן) אין

א קרייז פון רייכע מיידלעך אין בית יתומים. געווען אין דער געדיכטער יידישער געגנט, נישט ווייט פון דעם פלאץ, וואו די ציגיינער וואוינען א יידישער בית יתומים, וואס די רייכע דאמען האבן אים אויסגעהאלטן. אין אט דעם בית יתומים האבן יאנקל און יאקל פארבלאנדזשעט א דאנק דער באקאנטשאפט מיט א טאכטער פון דער פארוואלטערין, וואס האט געארבעט אין „פארבאנד פון די איינגעבירגערטע יידן". זי איז געווען א טונקלהויטיק מיידל מיט א שיין פון בית השמשות אין קאליר פון איר פנים און מיט מארגן־שיין אין אירע קויל־אויגן. א שלאנקע און א בויגזאמע איז זי געווען ווי א שלאנג און א לייכטע אזוי ווי א גאזעל. וויפל מענער עס זיינען אריינגעקומען אין יענעם „פארבאנד", זיינען אלע געווען אין איר פארליבט. און אז מען האט זי אמאל זיך געטראפן קושן מיט א בחור, פלעג זי זיך פאררויטלען שעמעוודיק און זיך נישט פארלירן און זאגן עפעס א תירוץ דארט. צום מערסטן פלעג זי זאגן „סונטעם רודע" — מיר זיינען קרובים... מען האט געזאגט, אז זי איז א מיידל א פאעמע און מיט דער צייט האט מען אין גאנצן פארגעסן איר נאמען און מען האט זי גערופן „פאעמע". א דאנק אט דעם מיידל האבן אונזערע צוויי העלדן פארבלאנדזשעט אין בית יתומים אריין, וואו זיי האבן געטראפן א הארציקע פארוואלטערין, א היימישע יידישע פרוי און וואונדערלעכע קינדער, אבער א שטרענגע פריצישע דיסציפלין און א מוראדיקן באיקאט אויף יידיש. די פריצישע יידישע דאמען, וואס האבן דאס „וואיזען האוז" אויסגעהאלטן, האבן פארבאטן צו ריידן יידיש מיט די קינדער. די שפראכן האבן געדארפט זיין דייטש און רומעניש. פון דער היים ארויס האבן די קינדער גערעדט נאר יידיש. עס איז דא נויטיק צו באמערקן, אז אין אלע יידישע שולן פון לאנד איז יידיש געווען אין חרם. אין די שולן פון דער „אליאנס איזראעליט" פלעג מען באשטראפן די קינדער מיט שטיין אין ווינקל און מיט שמיץ פאר ריידן יידיש. און מען פלעג גיבן א באלוינונג פון צען באני א קינד, וואס האט אויסגעזאגט ווער עס רעדט יידיש... און אט דעם שמיץ און מסירה־סיסטעם האבן איבערגענומען א סך שולן פון די קהילות. אין בית יתומים אריין זיינען געקומען נישט נאר די רייכע דאמען, נאר אויך זייערע טעכטער, וואס זיינען שוין נישט געווען אזוי אלטמאדיש און שטרענג און מיט וועלכע עס איז נישט נאר געווען אנגענעם צו פארברענגען, נאר ס'איז אויך געווען גרינג זיך צו צופריידן און איינפארשטיין. די טעכטער זיינען כמעט אלע געווען יונגע און שיינע. א פאר פון זיי זיינען געווען עלטערע און נישט זייער קיין שיינע, האבן זיי פארמאגט אזא אינטעליגענץ, וואס האט זיי באשטראלט און באחנט. איינציקע פון זיי זיינען געווען באהאלטענע סאציאליסטקעס, מער פאר צופיל וואוילזיין ווי פאר באוואוסטזיין, אבער דאך נישט אן באוואוסטזיין. זיי פלעגן קומען אין בית יתומים אריין, ווייל זיי האבן נישט געהאט וואו אהין צו טאן זייער צייט. זיי

האָבן אויך געוואָלט האָבן עמאָציעס פון רחמנות און פון אַרבעט. זיי האָבן אָפּט אַוועקגעטריבן די דינסטן און זיך אַליין געשטעלט וואַשן וועש. זיי האָבן שטאַרק ליב געהאַט צו באָדן און צוואָגן די קינדער און אין דעם האָט שוין נישט געפעלט אַ געוויסע סעקסועלע עמאָציע. אייניקע האָבן אָפן געזאָגט, אַז זיי פילן גלייך ווי זיי וואָלטן שוין נישט געווען קיין בתולות און די קינדער וואָלטן שוין געווען זייערע... עטלעכע פון די מיידלעך האָבן ליב געהאַט זיך אָפּצוגיבן דווקא מיט די קרענקלעכע און פאַרבעוואַטע קינדער און זיי האָבן דורכדעם געוואָלט פילן דעם דאָזיקן טעם, וואָס זיי האָבן קיין מאָל נישט געפילט — דעם טעם פון דלות. יאַנקל און יאָקל זיינען פאַר זיי געווען אַ סענסאַציע. די עלטערע פון זיי האָבן שוין געהאַט געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט שרייבער, די ייִנגערע פון זיי האָבן נאָך קיין מאָל קיין שרייבער נישט געהאַט געזען פאַר די אויגן. דער פאַקט, וואָס זיי זיינען געווען יידישע שרייבער, האָט פאַר זיי די סענסאַציע נישט קלענער געמאַכט, נאָר טאַקע גרעסער. זיי האָבן אין גאַנצן נישט געוואוסט, אַז מען שרייבט אין יידיש... זיי האָבן צום מערסטן גערעדט דייטש. רומעניש איז פאַר זיי געווען אַ צווייטע און טאַקע צווייטראַנגיקע שפּראַך. דייטש איז געווען דאָס לשון פון דער אַריסטאָקראַטיע און רומעניש — דאָס לשון פון פאָלק. אָבער זיי האָבן פאַרשטאַנען, און טאַקע פון הערן, יידיש גופא. זייערע אייגענע עלטערן, וואָס זיינען צום מערסטנס געווען אויפגעקומענע גבירים, פלעגן צווישן זיך, ווען קיינער האָט נישט געהערט, ריידן יידיש. יאַנקל און יאָקל האָבן אין דער אָפּוועזנהייט פון די רייכע דאַמען אויסגעלערנט די קינדער עטלעכע יידישע לידלעך און זיי דערציילט אַ פּאָר יידישע מעשהלעך, איז געוואָרן הימל עפן זיך... און ווען עס האָט שוין געהאַלטן ביים גרויסן קאָנפליקט, האָבן די מיידלעך געהאַלטן מיט די יידישע שרייבער און זיי האָבן געשריגן, אַז זייערע מאַמעס זיינען אַלטמאָדיש און אַז קינדער דאַרפן קענען זייער אייגענע שפּראַך... יאַנקל האָט די דאָזיקע רייכע מיידלעך, וואָס די אַרימסטע פון זיי האָט געהאַט גרייט אַ מיליאָן לעי (דעמלט איז דאָס געווען צוויי הונדערט טויזנט דאָלער) נדן, אויסגעלערנט אַ ריי יידישע לידער און פון שניאורס „מאַרגאַריטקעס" זיינען זיי געווען אין זיבעטן הימל. זיי האָבן געזאָגט, אַז עס פאַרמאָגט פראַנצויזישע פּיקאַנטקייט און היינעס האַרציקייט. אַ דאַנק די טעכטער האָבן די צוויי יידישע שרייבער אויסגעפירט אין יענעם ווינטער. די מאַמעס האָבן די קאַפּריזנע טעכטער נאָכגעגיבן די שמד אפילו און זיי האָבן נישט געהאַט קיין האַרץ זיך צו צעקריגן מיט זיי איבער אַ פּאָר יידישע לידלעך. דער זיג איז געווען אַזאַ גרויסער, אַז יאַנקל און יאָקל האָבן איינגעאָרדנט אין בית יתומים אַ חנוכה־אָוונט און קינדער האָבן דורכגעפירט אַ סצענקע פון שלום עליכמס „חנוכה־געלט" און אַ לעבעדיק בילד „דאָס חדר" לויט מ. וואַרשאַווסקיס „אלף בית" און ביידע שרייבער האָבן געהאַלטן רע־

דעם און זיי זיינען געווען גענוג נישט קאוואליריש צו דערציילן, אמת אויף א טאקטישן אופן, אז די דאמען האבן נישט געוואלט קיין יידיש. יאנקל האט דערמאנט, אז דעם מלבי'ם, וואס איז געווען רב אין בוקארעשט, האט מען ארויסגעשיקט אויף א מיסטוואגן, ווייל ער האט פארלאנגט, אז יידן זאלן לעבן מיט מער סאציאלער גערעכטיקייט און ווייל ער האט פארלאנגט, אז אין חדר זאל מען לערנען נישט „ויאמר — א ספּוס און וידבר — א ווארביט", נאר — „ויאמר — און ער האט געזאגט, וידבר — און ער האט גערעדט", ס'הייסט נישט לשון קודש אויף רומעניש, נאר לשון קודש אויף יידיש. מען האט דעם מלבי'ם, האט ער געזאגט, טאקע ארויסגעשיקט אויף א מיסט־וואגן, אבער יידן האבן אויסגעשפאנט די פערד און זיי האבן אליין געשלעפט דעם וואגן און אנדערע יידן האבן זיך אין גאנצן געלייגט אונטער די רעדער און האבן נישט געלאזט פארן. און איצטער איז געקומען די צייט, אז מען זאל זיך צוריקקערן צו דער פאלקסטימלעכער שפראך און דורך אנדערע וועגן צו די עכטע יידישע לעבנס־פארמען. די רייכע דאמען האבן געדרייט מיט די נעז און ס'האט זיך געדאכט, ווי מען זאגט אין רומעניש, אז ביי יעדער דאמע איז איין באק אין הימל און די צווייטע — אין דער ערד. די מיידלעך האבן שיעור נישט געטאנצט פאר פרייד און זיי האבן נאכגעזאגט יעדע חכמה פון שלום עליכמס מעשה. אט דורך די מיידלעך האבן יאנקל און יאקל זיך באַ־קענט מיט דעם דערמאנטן טערקישן אפיציר. ער איז געווען אן ארייננגייער אין די אלע הייזער און ער איז געווען כמעט א חתן פאר איינער פון די מייד־לעך. דער ענערגישער און רייכער בחור איז געווען זייער רעוואלוציאנער גע־שטימט און ער איז געווען דער ערשטער טיפּ פון א סאלאן קאמוניסט, וואס אונזער העלד האט געקענט. ער איז געווען אנטציקט פון דער רוסישער רע־וואלוציע און ער האט געפּראוועט ביי זיך אין הויז א הוליאנקע מיט אלדאס גוטס און ער האט ביי די צוויי „רוסן" געוואלט וויסן מערערע זאכן וועגן דיסישע רעוואלוציאנערן און אין איין וועג האט ער אויך געוואלט ארייננ־כאפּן א פאר רוסישע ווערטער. די פעווראל־רעוואלוציע איז אים געווען גע־פעלן ווי אן אנהויב, אבער ער האט געהאלטן, אז מען דארף גיין ווייטער און איינפירן דעם אמתן סאציאליזם און אלע לענדער וועלן באלד נאכטאן... אויסער ענערגיע, קראפט און א נאטירלעכע אינטעליגענץ, האט יענער בחור פארמאגט א מוראדיקן ציניזם. ער האט אנגערופן די זאכן ביי זייערע נעמען. שטערנבערג האט זיך צוגעכאפּט צו די זיסע זאכן און צו די אלערליי ווייגען. קיין גרויסער בריה צום טרינקען איז ער נישט געווען, איז ער באלד געווארן שיכור און געקראגן קאפּווייטיק און געפארן קיין „ריגע". ער האט זיך גע־שעמט פאר דעם, וואס מיט אים האט פּאסירט און ער האט נישט אויפגע־הערט צו זאגן: „אך, איך לייד אזוי, איך לייד גייסטיק..." אלע אנוועזנדיקע האבן געפילט דעם חן פון דעם דיכטערס שוועמעוודיקע רייד, אבער דער טער־

קישער אַפּיציר האָט זיך ציניש אָפּגערופן: „וואָס פאַר אַ גייסטיקע ליידן?! זאָגט פּשוט, אַז איר קענט נישט טרינקען און איר האָט זיך אָנגעשיכורט...״ שטערנבערגס אַריבערכאַפּן די מאָס האָט דעם יום טוב נישט צעשטערט. דער אָטעם פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט זיך אַריבערגעטראָגן אין אַ רייכן פּאַלאַץ פון אַ ספּרדישן יונגען בחור, וואָס האָט געטראָגן דעם מונדיר פון אַ טערקישן אָפיציר און וואָס האָט געהאַט חלומות פון מאַכן מיליאַרדן און מאַכן רעוואָלוציעס... ביידע „רוסן״ האָבן די רוסישע ליטעראַטור גע־קענט אַ סך, אַ סך מער ווי דעם רוסישן סאָציאַליזם. עס לאָזט זיך גאָר נישט אפילו זאָגן מער, זיי האָבן די ליטעראַטור געקענט און דעם סאָציאַליזם — נישט. אָבער די רוסישע ליטעראַטור האָט געהאַט אין זיך גענוג רעוואָלו־ציאָנערישקייט אויף צו קענען דורך איר אָנווייען מיט רעוואָלוציאָנערער שטימונג און מיט סאָציאַליזם. און צו די שמועסן זיינען צוגעקומען רוסישע לידער, וואָס זענען נאָך דעמאָלט געווען ניי פאַר נישט רוסן. צווישן די בחו־רים, וואָס זיינען געווען איינגעלאַדן צו יענער שמחה, איז איינער געווען אַ ציוניסט. האָט ער געזאָגט מיט דערשטוינונג, אַז ער וואָלט זיך קיין מאָל נישט געגלויבט, אַז יאַנקל, וואָס איז אַזאַ באַקאַנטער ציוניסט, זאָל זיין אַזאַ רוס... אונזער העלד האָט שוין פאַר טשיקאַוועסט געזונגען דאָס ליד „רוס־לאַנד״ פון מאָריס ראָזנפעלד און ער האָט באַטאָנט די ווערטער:

רוסלאַנד קוים איך דיין שפּראַכע,
דאָן פיל איך אַ פרייד און אַ שמערץ,
געפילן פון ליבע און ראַכע
דורכדרענגען מיין עלענדעס הערץ.
מיין וויג און מיין קבר צוזאַמען,
צוויי בילדער — אַ גרויסער קאָנטראַסט,
מיין מוטער, וואָס האָט מיך געבוירן,
מיין קאַיזער, וואָס האָט מיך פאַרהאַסט.
רוסלאַנד, ווי וואָלט אויך אויסקיסן
דיין ערד, ווי אַ מאַמע איר קינד,
רוסלאַנד, ווי וואָלט איך צעריסן
דיין צאַר, דעם בלוטיקן הונד...

דער עולם איז געווען אַנטציקט און ער האָט אויך געשטוינט. ראָזנפעלדן האָבן איינציקע פון די אָנוועזנדיקע געקענט פון בערטאָלד פייוולס דייטשער איבערזעצונג, וואָס איז דערשינען מיט ליליענס אילוסטראַציעס. ליליען האָט געהאַט אַ שם פון אַ ציוניסט און רומענישע ציוניסטן זיינען געווען זיכער, אַז

אויך ראָזנפעלד איז אַ ציוניסט און זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי קען ער זינגען מיט אַזוי פיל ליבע וועגן רוסלאַנד...

ביז אין ווייסן טאָג אַריין האָט זיך געצויגן די שימחה; זי האָט געמוזט געדויערן אַזוי לאַנג, ווייל פון צוועלף ביינאַכט ביז זעקס פאַרטאָג האָט מען זיך נישט געטאָרט ווייזן אין גאַס, סיידן מיט אַ ספּעציעלער דערלויבעניש פון דער קאָמענדאַטור. אין פאַלן פון פּלוצימדיקן קראַנק ווערן פלעגן געשען אומגליקן, ווייל מען האָט זיך נישט געטאָרט ווייזן אין גאַס. ווען יאַנקל איז פאַרטאָג אַרויסגעגאַנגען פון דעם רייבן, ליכטיקן און וואַרימען הויז אין קאַלטן דרויסן אַרויס און ער האָט אויף זיך געהאַט דאָס גרינגע פּאַלטאָכל זיינס און אויף די פיס האָט ער געטראָגן נישט זייער קיין גאַנצע קאַלאָשן אויף נישט זייער קיין גאַנצע שיך, וואָס האָבן ביידע דורכגעלאָזט דעם שניי נישט אַרויס, נאָר אַריין, האָט ער געפילט, אַז עס וואָלט שוין געווען די ריכטיקע צייט פאַר דער רעוואָלוציע. שטערנבערג איז געווען פיזיש נישט בכוח צו פאַרלאָזן די שטוב און ער איז געבליבן ליגן ביים רעוואָלוציאָנערן פריץ, ווי ער האָט אים גערופן, און אונזער העלד האָט זיך גענומען בלאָנקען איבער די בוקאַרעש־טער גאַסן, נאָך דעם, וואָס ער האָט אין אַ קאַפע אויסגעטרונקען אַ שטאַרקע און טאָפּלטע טערקישע קאַווע. עס האָבן זיך באַוויזן די שיך־פוצער אין גאַס. זיי זיינען, געוויס, געקומען נישט פון קיין זייער וואַרעמע שטיבער. זיי האָבן מיסתמא אַ גאַנצע נאַכט אויך געציטערט פאַר קעלט. צום מערסטן זיינען זיי געווען מינדעריעריקע ציגיינערלעך און אויסגעזען האָבן זיי נישט שוואַרץ, נאָר גרין. יאַנקל איז צוגעגאַנגען צו איינעם זיך פוצן די שיך, כאָטש מען האָט זיי גיכער געדאַרפט פאַרריכטן ווי פוצן. דאָס ציגיינערל האָט געציטערט, אַז די ציין אין מויל האָבן אים געקלונגען. יאַנקל האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל צוּוואַרטן אַביסל, וועט אויפגיין די זון, זאָל ער זי אַראָפּנעמען און לויזן דעם קאָפּ, וועט ער אפשר געפינען אַ וואַרעמען שטראַל ביי איר. דער יאַט האָט געקוקט אויף זיין מאָדנע קליענט מיט די גרויסע האָר און צעריסענע שיך און ער האָט אים געזאָגט, אַז ער רעדט זייער „נאָסטים" (מאָדנע) און אַז ווען ער וואָלט דערגרייכט די זון, וואָלט ער איר דערלאַנגט מיטן פוס... און געציטערט האָט ער נאָך אַלץ, אַז אַ צאָן אין אַ צאָן האָט אים געוואָרפן. דער קונה האָט אים געפרעגט, צי די „גאַזשיקאַ" (מיידל, אָדער כלה אויף ציגיינעריש) וואַרעמט אים נישט, האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט נאָך נישט קיין „גאַזשיקאַ", ווייל אַלע מיידלעך ווילן שאָקאָלאַד און זיי זיינען הורן... פוצן האָט ער זיך נאָך אַלץ נישט גענומען. ער האָט זיך פריער געוואָלט באַדינגען. ביז דעמאָלט האָט מען געצאָלט פינף באַני (איין נ. אַמעריקאַנער סענט פאַר דעם קריג), אָבער אַזוי ווי דאָס לעבן איז געוואָרן טייערער האָט מען געהעכערט אויף צען באַני, זיינען געווען קליענטן וואָס האָבן נישט געוואָלט צאָלן טייערער און ס'איז געקומען צו קריגערייען, פלעגן די שטיוול־פוצער זיך שוין פריער

באַדינגען און נישט נעמען פּוצן, ביז וואַנען מען האָט זיי נישט צוגעזאָגט קיין צען באַני. האָט יאַנקל ווייטער געפירט דעם שמועס מיט דעם ציגיי־נערל און ער האָט זיך מודה געווען, אַז ווען ער פּוצט אַ מיידל די שיך, האַלט ער לענגער און אַז זי לאָזט זיך, האַלט ער גאָר לאַנג. עס זיינען דאָ אַזעלכע מיידלישע פיס וואָס ער וואָלט זיי שטענדיק געוואָלט פּוצן... ווען ס'איז גע־קומען צום באַדינגען זיך, האָט אונזער העלד געזאָגט, אַז ער גיט נישט מער ווי פינף באַני. האָט דאָס ציגיינערל נישט געוואָלט פּוצן. האָט אים יאַנקל געזאָגט: דער טאַריף איז פינף באַני, אַז דו וועסט נישט פּוצן, וועל איך רופן דער פּאָליציסט. און גראָד האָט זיך דער פּאָליציסט דערנעענטערט, האָט זיך דאָס ציגיינערל דערשראָקן און גענומען פּוצן, אָבער קיין וואַזשנעם גלאַנץ האָט ער נישט געמאַכט. האָט אים דער קליענט גענומען זאָגן מוסר און אים געפרעגט: „אפשר בין איך אָרים און איך האָב נישט מער ווי פינף באַני, דאַרף מען שוין נישט מאַכן קיין גלאַנץ?" האָט דאָס ציגיינערל געענטפערט, אַז די דאַזיקע, וואָס פּוצן זיך אין גאַס, האָבן אַלע געלט, די דאַזיקע, וואָס האָבן נישט קיין געלט, פּוצן זיך אַליין די שיך אין שטוב... צום שלום האָט אונזער העלד אַרויסגענומען וויפל געלט ער האָט געהאַט אין קעשענע — קיין סך נישט, אָבער עטלעכע ליי זיכער, יעדנפאַלס נישט ווייניקער מיסתמא וויפל דער יאַט האָט אויסגעאַרבעט אין אַ חודש — און ער האָט אַריינגע־וואָרפן דעם פּוצער אין קעסטל אַריין. דאָס ציגיינערל האָט זיך איבערגע־צלמט און יאַנקל האָט געזאָגט אויף אַ קול: „איך האָב שוין צעטיילט מיין קאַ־פּיטאַל, פּראָ מיר קען מען שוין מאַכן די סאָציאַלע רעוואָלוציע".

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט אונזער העלד געטראָפן דאָס שענסטע מיידל פון די בית יתומים מיליאָנערשעס. זי איז געווען אַ קליינינקע, אַ צאַרטע און אַ זאַפטיקע און זי איז געווען הויליע ריטם. ס'האָט אין איר אַלץ געטאַנצט מיט אַ זעלטענער קייַלעכדיקייט. זי האָט געהאַט אַ העל גאָלדן פנים, וואָס איז געווען עטוואָס אָוואַל און האָט אויסגעזען ווי געטאָקט. דאָס נעזל איז געווען אַ קליין ביסל פאַרשפּיצט און פאַרריסן און דאָס דאָזיקע האָט איר צוגע־גיבן צו איר זיסן און דאָך וואַזשנע אַריסטאָקראַטישן שמייכל אַ צושמעליץ פון שאַלטיקישקייט. די גרויסע קייַלעכדיקע אויגן האָבן געברענט ביי איר ווי צוויי שטיקער אָנגעצונדן גאָלד. זי איז געווען אַ מיידלישער פלאַם, אָבער זי האָט עפּעס געהאַט יינגלישקייט אין זיך. זי איז געווען רוחיש־דערפינדע־ריש און האָט געמאַכט שפּיצלעך. אין בוקאַרעשט פלעג מען דעמלט זיך גריסן אויף פראַנצויזיש. אין דער פרי האָט מען געזאָגט „באָן זשור" און אין אָוונט — „באָן סואַר". מען האָט געמעגט ריידן רומעניש, דייטש, אָדער גאָר יידיש, גריסן האָט מען געגריסט אויף פראַנצויזיש. האָט דאָס דאָזיקע מיי־דעלע אָפּגעמאַכט מיט אירע חברטעס אַז ווען זיי וועלן זיך באַגריסן, זאָלן

זיי זאָגן נישט „באָן זשור", נאָר „באָן זשורעס". מיט דער צייט האָט זיך אויסגעאַרבעט אזא דיאַלאָג:

— באָן זשורעס...

— באָן זשורעס? זאָגט בעסער צרות...

דאָס רייכע מיידל איז געגאַנגען אין איינעם מיט דער מוטער און יאַנקל האָט זיי וואַזשנע געגריסט און זיך פאַרנויגט, אָראָפּגענעמענדיק זיין ברייטן הוט און זיי האָבן ביידע צו אים זיס געשמייכלט און יאַנקל האָט זיך פאַרטראַכט און געזאָגט „באָן זשורעס" און דאָס מיידל האָט נישט לאַנג געטראַכט און געענטפערט מיט אַ יידישלעכן ניגון: „באָן זשורעס? זאָגט בעסער צרות..." די מוטער האָבן געגיבן אַ קרעכץ און יאַנקל איז אויסגעוואַן די צייט אַזוי ווי אַ בליץ. ערשט דערנאָך האָט ער זיך גענומען קלערן, אַז די רעוואָלוציע, וואָס עס קומט פאָר אין רוסלאַנד, איז ווערט מער ווי זיינע באַהעמישע שפּיצלעך און ווען ער האָט געלייענט אין די צייטונגען וועגן די אינערלעכע רייבונגען, וואָס קומען פאָר נאָך דעם צאַרס אָפּדאַנקען, האָט ער זיך אַנדערש פאַרטראַכט.

קיין מעגלעכקייט צוריקפאָרן קיין רוסלאַנד איז נישט געווען. אין דער מיט איז געווען אַ פראָנט און אַ גאַנץ ערנסטער. פון די דייטשע קאָמוניקאַטן האָט מען געקענט אַרויסנעמען, אַז די רומענער שלאָגן זיך ווי די לייבן. אין דער זעלביקער צייט זיינען געווען ידיעות, אַז צווישן די רומענער און די רעוואָלוציאָנערע רוסן קומען פאָר רייבונגען און אַז רוסישע רעוואָלוציאָנערן האָבן באַפרייט דר. קריסטיאַן ראַקאָווסקי פון דער טורמע און אים אוועקגעפירט קיין אָדעס, וואו מען האָט אים אויפגענומען מיט גרויסן ענטוזיאַזם. קיין פאַרטשפּעניש אויף דעם פּלאַץ איז נישט געווען. קיין ציוניסטישע טעטיקייט האָט מען נישט אָנגעפירט. די דייטשן האָבן אָנגעהויבן קוקן אויף דעם ציוניזם ווי אויף אַ פּראָ-ענגלישער באַוועגונג און די בוקאַרעשטער ציוניסטן אַליין האָבן אויך געהאַלטן, אַז אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע איז נישט כדאי אָנצופירן קיין טעטיקייט. צווישן די עסטרייכישע און דייטשע סאָלדאַטן און אָפיצירן זיינען געווען אַ סך יידן, וואָס זיינען אין דער היים געווען טעטיקע ציוניסטן און זיי האָבן דווקא געוואָלט זיין טעטיק אויך אין בוקאַרעשט. ס'איז זיי ממש געגאַנגען אין לעבן זיך צו באַטייליקן אין ציוניסטישער אַרבעט און צו דערווייזן, אַז דער ציוניזם איז נישט קיין פּראָ-ענגלישע באַוועגונג און אַז מ'קען זיין אַן איבערגעגעבענער ציוניסט און אַ געטרייער עסטרייכישער, אָדער דייטשער סאָלדאַט. עס זיינען צווישן די עסטרייכישע סאָלדאַטן און אָפיצירן געווען אַ סך יידישע יידן, וואָס זייער שפּראַך איז געווען יידיש און זיי זיינען געווען גרויסע אָנהענגער פון „געגנוואַרט-אַרבעט", ס'הייסט: פון אַ ווי ווייט מעגלעך נאָרמאַל יידיש לעבן אויף די ערטער און זיי האָבן געוואָלט שאַפן אַ קאָנטאַקט צווישן די עסטרייכישע און

רומענישע יידן. די מערסטע פון זיי זיינען, נאַטירלעך, געווען גאַליציאַנער, אָבער עס זיינען אויך צווישן די אונגאַרישע און קאַרפּאַטן־רוסלענדישע און בעמישע יידן געווען זייער באַוואוסטזיניקע ציוניסטן, וואָס האָבן געזוכט דעם דערמאָנטן קאָנטאַקט. יאַנקל האָט זיך מיט אַ סך פון זיי באַקאַנט און מיט איניקע נאָר אינטים און ער האָט דורך זיי זיך באַקענט מיט דעם יידישן לעבן אין די פאַרשיידנסטע ווינקלען פון עסטרייך־אונגאַרן. אויך מיט דייטשע יידן האָט ער זיך באַקענט און באַפריינדעט, כאָטש מיט אַ פּאָר פון זיי האָט ער געהאַט שלעכטע עקספּעריענצן. ער האָט אַמאָל פאַר אַ דייטשן אונטער־אָפיציר, אַ ייד, געגיבן אָנצוהערן, אַז ער איז אַן אָנהענגער פון דער אַנטאַנט, האָט יענער גענומען שרייען, אַז ער זאָל נישט פאַרגעסן, אַז ער איז אַ דייטשער סאָלדאַט. ער האָט געשריגן אַזוי הויך, אַז ס'האָט געדראָעט אַ געפאַר פון אַרעסט. האָט אונזער העלד זיך דעמלט געגיבן חשבון, אַז דייטשע יידן זיינען קודם כל דייטשן און — יידן שפּעטער. ריידן מיט זיי אינטים ווי אַ ייד מיט אַ יידן — טאָר מען נישט. אין די היימען פון ציוניסטן האָט מען אָפט געמאַכט פאַרווײַלונגען, צו וועלכע מען האָט איינגעלאַדן עסטרייכישע און דייטשע ציוניסטן, עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין ערנסטע דיסקור־סיעס וועגן ציוניסטישע פּראָבלעמען ביי די דאָזיקע פאַרווײַלונגען, וואָס האָבן אויך געפירט צו שידוכים. די מילחמה האָט נאָך געפלאַקערט און קיי־נער איז נישט געווען זיכער מיט דעם לעבן. אַ סאָלדאַט האָט געקענט היינט זיין אין בוקאַרעשט און מאָרגן זאָל מען אים אַוועקשיקן אויף דעם פראָנט און אים אַפילו נישט געבן קיין צייט צו געזעגנען זיך מיט זיינע פריינט און ער זאָל דאָס מוזן טאָן דורך אַ פּאָסט־קאַרטל. סאָלדאַטן פלעגן נאָך אַ פּאָר גלעזער ביר זינגען מיט אַ זעלטענעם טרויער די ווערטער:

הויטע נאָך אויף שטאָלצעם ראָסע,
באַלד די ברוסט דורכגעשאָסען...
(היינט נאָך אויף דעם שטאָלצן פערד,
באַלד די ברוסט דורכגעשאָסן).

און דאָך האָט מען געשלאָסן שידוכים. אַזוי לאַנג אַ מענטש לעבט, גלויבט ער נאָר אין לעבן. יאַנקל האָט געהאַט אַן אינטימען פריינד, וואָס האָט געהייסן ווינקלער און ער איז געווען אַן עסטרייכישער לייטנאַנט. ער האָט מיט אים פאַרבראַכט וואָכן און וואָכן. דער דאָזיקער ווינקלער האָט זיך שוין געהאַט אַ סך מאָל באַטייליקט אין מוראַדיקע שלאַכטן נישט נאָר מיט ביקסן, נאָר אויך מיט באַגנעטן, האָט ער דערציילט, אַז אין די מאָמענטן פון גרעסטן געפאַר האָט ער געמאַכט פּלענער פאַר דער צוקונפט... אויך יאַנקל האָט זיך געמאַכט אַלערליי פּלענער פאַר דער צוקונפט, אָבער די קעגנוואַרט האָט אים גאָרנישט

געשיינט. זיין פאך איז שוין געווען שרייבן און ריידן און ביידע זיינען דעמלט נישט אָנגעגאַנגען אין יידיש. דער שוישפּילער גאַרבאַזש האָט פאָרגעלייגט צו מאַכן אַ טרופּע פאַר בעסער טעאַטער און יאַנקל איז אויך אַריין אין דער טרופּע. מען האָט אָנגעהויבן מיט שלום אַשס „גאָט פון נקמה". די צענזור האָט היפּש אַרומגעשניטן די פּיעסע, אָבער זי האָט זי דאָך דערלויבט צו שפּילן. דער צענזאָר האָט באַמערקט אונזער העלד, אַז די פּיעסע האָט אַ סך אוממאָראַלישע שטעלן און ס'איז אָנגעקומען זייער שווער אים צו איבער־צייגן, אַז די פּיעסע איז דורך און דורך מאָראַליש. ער האָט איבערהויפּט אויסגעמעקט די נאַטוראַליסטישע אויסדרוקן — ער האָט די פּיעסע געהאַט אין דייטשער איבערזעצונג — די פראַזע „עס שטינקט איר דאָך פון מויל" האָט ער נישט נאָר אויסגעמעקט, נאָר ער האָט זי אָנגענומען ווי אַ מוסטער אויף צו באַשטעטיקן זיין טעזע, אַז דאָס שטיק איז אוממאָראַליש. יאַנקל האָט געשפּילט ר' אלין און געהאַט אַ געוויסן דערפאָלג. דעם ערשטן דערפאָלג האָט ער געהאַט ביי דער מומע זלאַטע, וואָס איז געזעסן אין אַ לאָזשע און ווען ער איז אַרויפגעקומען אויף דער בינע, האָט זי אין אים דערקענט דעם ברודער אירן און זי האָט געגיבן אַ געשריי „אוי, אליו!" און זי האָט שיעור נישט געחלשט. דעם עולם האָט די פּיעסע נישט גענומען. יידן האָבן געזאָגט, אַז אין אַזאַ צייט טאָר מען נישט ווייזן, אַז עס זיינען פאַראַן אַזעלכע יידן; די שוישפּילער, חוץ גאַרבאַזשן, וואָס האָט געשפּילט יעקל שאַפּשאָוויטש און זיין פרוי, וואָס האָט געשפּילט שרהן, האָבן זיך באַצויגן מיט אומצוטרוי צו דער גאַנצער זאַך און אייניקע האָבן געשאָטן אַרבל־פּראָזע. איינער אַ שוי־שפּילער רובינשטיין, וואָס האָט געשפּילט שלומקהן, האָט גערעדט אייגענע פּראָזע און ער האָט געמישט רומעניש מיט פראַנצויזיש מיט דייטש. דאָרט וואו שלמקה זאָגט: „ווסיאַ ראַוונאַ", האָט ער געזאָגט אויף אַ געמיש פון פראַנצויזיש מיט דייטש: „לאַ מעם שיים..." די פאָרשטעלונג איז געגאַנגען דריי מאָל און די גאַנצע זאַך איז זיך צעפאַלן. דער שכל איז געקומען נאָך די יאָרן. מען האָט זיך ערשט שפּעטער געגיבן חשבון, אַז קיין קונסט־טעאַ־טער עפנט מען נישט מיט קיין פּיעסע פון אונטער־וועלט לעבן... מען האָט זיך שפּעטער דערוואוסט, אַז איינער פון די פעלד־ראַבינער האָט אינטערוועני־נירט ביי די דייטשע באַהערדן, אַז מען זאָל די פּיעסע נישט דערלויבן צו שפּילן, ווייל זי באַליידיקט יידן און אויב מען האָט זי דאָ דערלויבט איז דאָס געווען, ווייל די אָקופּאַציע מאַכט האָט זיך נישט געוואָלט קריגן מיט קיינעם.

ס'איז געקומען דער פרילינג מיט אַלע זיינע רייצן און חנען. בוקאַרעשט האָט גענומען בליען און שמעקן. דער בעז און די אַקאַציע האָבן פאַרשיכורט. עס זיינען געקומען נעכט, וואָס האָבן ממש געקענט משוגע מאַכן. לויטערע הימלען, טיף־בלויע, באַזייעטע מיט קליינינקע, גאָלדענע שטערנדלעך האָבן

אויסגעזען ווי אַרויסגענומען פון חלומות. ווען דער מענטש וואָלט זיך גע־וואָלט אויסחלומען שיינע בילדער און געשמאַקע ריחות, וואָלט ער קיין שע־נערע בילדער ווי דער הימל און די ערד האָבן דעמלט געוויזן און קיין בעסערע ריחות ווי די ביימער און די קוסטעס האָבן דעמלט געטריפט, נישט געקענט אויסטרוימען. עס פלעג זיך גלוסטן לויפן און פליען און עס זיינען געווען נעכט, ווען ס'האָט זיך געדאַכט, אַז מען קען טאַקע פליען, עס האָט זיך גע־דאַכט, אַז אָט וועט מען זיך אויפהויבן און מען וועט פליען. יאַנקל פלעג גאַנ־צע נעכט אַרומגיין מיט שטערנבערגן און מיט דעם אָפיציר ווינקלער און אַלע האָבן זיך געפרעגט: פאַרוואָס ווירקט נישט די נאַטור אויף דעם מענ־טשן אַז ער זאָל אוועקוואַרפן די ביקס? פאַרוואָס פאַרלאָזן נישט די סאָל־דאַטן אין אַזעלכע נעכט די פראָנטן און זיי אַנטלויפן נישט אַהיים צו די ווייבער, צו די כלות און בכלל צו די מיידלעך פון די שטעט און שטעטלעך? ווינקלער האָט דערציילט, אַז אויף דעם פראַנצויזישן פראָנט איז אַ שטיק צייט געווען שטילשטאַנד און די דייטשן מיט די פראַנצויזן האָבן זיך גע־נומען חברן און זיי האָבן זיך געביטן מיט פּאַפּיראָסן און מיט נאַשעריייען. אין דער מיט איז געווען אַ ברונעם, וואָס האָט עפּעס באַזונדערס געשמעקט צוליב דעם פרילינג, זיינען אי דייטשן, אי פראַנצויזן געגאַנגען צום ברונעם שעפּן וואַסער און דער ברונעם איז ווי געווען אַן עדות פון פריינטשאַפט. און ווען די שלאַכטן האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן, האָט זיך נישט געגלוסט שלאָגן לעבן דעם ברונעם און מען האָט זיך געשלאָגן ערשט, ווען מען איז געווען ווייט, ווייט פון אים...

יאַנקל האָט געקראָגן אַ שטיקל פּרנסה. אין אַ דאָרף לעבן בוקאַרעשט, וואוהין מען האָט געקענט פאָרן מיט אַ טראַמוויי, האָט ער געדאַרפט אַכטונג גיבן אויף אַ גרויסן גרוב מיט אייז און אויך אַרויסגיבן אייז. אַ באַקאַנטער פון אונזער העלד האָט געהאַלטן יענעם אייז־גרוב. אין סאַמע מיטן ווינטער האָט מען אויסגעהאַקט אַ טייך און מען האָט דאָס אייז איינגעהילט אין שטרוי און באַהאַלטן אין אַ טיפן גרוב. דער פּויער, וואָס האָט געוואוינט אין דעם הויף, וואו עס איז געווען דער גרוב, האָט דערציילט, אַז מען גנבעט. האָט דער באַלעבאָס געזוכט אַ צוטרויונגס מענטשן, וואָס זאָל אַ גאַנצן טאָג אַכטונג גיבן אויף דעם אייז און אויך פאַרקויפן. „ס'איז טאַקע, האָט דער באַלעבאָס געזאָגט, נישט קיין גאָלד, אָבער צוטרוי דאַרף מען דאָך האָבן". עטלעכע וואָכן איז אונזער העלד געווען אין דאָרף. ער האָט דאָרט געהאַט אויך אַ מין צימער און אַ סך מאָל איז ער דאָרט געבליבן שלאָפן. אים איז געווען אינטערעסאַנט צו באַקענען זיך מיט דעם רומענישן דאָרפישן לעבן, כאָטש עס האָט אים געצויגן אין שטאָט אַריין. עס האָט אים געצויגן צו רייטערס רעסטאָראַן, וואו ער האָט זיך געטראָפן מיט די דאָזיקע רוסישע דעזערטירן, וואָס האָבן אים אינטערעסירט און ספּעציעל מיט די צוויי אָריגינאַלן אלקנה און בן

מנחם, וואָס האָבן נישט אויפגעהערט צו זינגען פאָלקסלידער און מאַכן פאַ־ראַדיעס און אָנפילן מיט זיי די שטאָט. צווישן די דעזערטירן איז געווען אַ בחור אַ ליץ, וואָס האָט געהייסן כייקל. דער דאָזיקער בחור האָט זיך נישט פאַרלוירן ביי קיין שום סיטואַציע און ווען ער איז אַ שטיק צייט געזעסן אין טיורמע פאַר קאָנטראַבאַנדע, האָט ער אויך דאָרט געלאַכט. ער האָט פאַר־מאָגט אַ זעלטענע צוציונג־קראַפט. אַלע אין רעסטאָראַן האָבן ליב געהאַט צו זיצן ביי זיין טיש, ווייל מען האָט געוואוסט, אַז דאָרט איז פריילעך. די שיינע און גוטע גיטעלע האָט כייקלס טיש סערווירט געטרייער ווי די אַנדע־רע, ווייל זי האָט ליב געהאַט צו הערן דעם לצס חכמות. אַנטקעגן רייטערס רעסטאָראַן האָט געוואוינט דער שוחט ראַבינזאָן און דער זון זיינער, דער טרויעריק צעדרייטער חכם יאַנקל איז געווען אין גלאַנץ פון זיין שפּרודלען מיט גייסטרייכקייטן. ער איז געווען פאַרליבט אין זיינער אַ שילערין און ער איז דערפון אַליין געווען גליקלעך, כאָטש די שילערין האָט דערפון נישט גע־וואוסט. און די שוועסטער זיינע הנה האָט שוין געהאַלטן נאָך דעם פּאַטש, וואָס זי האָט געגיבן איר חברטע, וועלכע האָט איר אויסגעכאַפּט דעם חתן און זי איז שוין געווען פול מיט אימפּעט און מיט שטורעם און זי האָט צומאָל אויסגעזען ווי אַ פרילינגס־געזאַנג. אונזער העלד האָט אויך ליב געהאַט צו זיצן אין קאַפע „בולוואַרד", וואו מען האָט טאָג ווי נאַכט געשפּילט אין שאָך. ער האָט דאָרט פון צייט צו צייט אַליין אויך געשפּילט, כאָטש קיין בריהשאַפט האָט ער נישט אַרויסגעוויזן. ער האָט נישט געהאַט קיין געדולד צו טראַכטן און ער האָט געשפּילט גיך, גיך. עס זיינען אין יענעם קאַפע גע־ווען מייסטערס, וואָס עס איז געווען אינטערעסאַנט צו קוקן ווי אַזוי זיי שפּי־לן. ביי אייניקע האָט אונזער העלד אינטערעסירט נישט אַזוי זייער שפּילן, ווי זייער אויסזען און זייערע הוועיות. געווען איינער אַ שווייצאַרישער דייטש, וואָס האָט שטענדיק געפייפט אַזוי ווי אַלערליי פייגעלעך און ער האָט פּשוט געגיבן קאָנצערט ביים שפּילן. ער איז געווען פון די דאָזיקע, וואָס שפּילן אויף געלט און ער האָט פון דעם געדאַרפט מאַכן אַ לעבן, אָבער ער האָט געשפּילט וואָס אַמאָל ערגער און האָט כסדר פאַרשפּילט און ס'איז געקומען צו סקאַנדאַלן, ווייל ער האָט נישט געהאַט צו באַצאָלן אפילו פאַר דעם שאָך. און אַזוי ווי ער האָט צום מערסטנס פאַרשפּילט צו יידן, האָט ער אָנגעהויבן ווערן אַן אַנטיסעמיט און ער האָט זיך נאָכגעקרומט ווי אַזוי יידן ריידן און ער פלעג מיט אַ „יידישן" זינג אַ פרעג טאָן „וואָ איזט די רעבעקאַ?" געווען אַ ייד, וואָס איז געווען אַ בלייכער און אַן אויסגעטרוקנטער און ער האָט צייטנווייז געהאַט דעם קאָליר פון לימענע. ער האָט אויך געשפּילט אויף געלט, אָבער ער האָט צום מערסטן געוואונען און ער האָט געהאַט פּרנסה פון זיצן אַ שעה פערצן איבער דעם שאָך־ברייט. ער פלעג שפּילן גיך און מיט דער גיכקייט האָט ער דעם קעגנער צעטומלט. אַז ער האָט געפילט, אַז ער

האלט שמאָל, האָט ער אויפגעגיבן די פּאַרטיע און ער פלעג זיך ביי די מיט־שפּילער בעטן, אַז זיי זאָלן עס אויך מאַכן שנעל. אָבער יענע האָבן זיך דווקא נישט געאיילט און זיי האָבן אים געמוטשעט לאַנג, לאַנג און זיי האָבן אים אויסגעזויגן דעם מאַרך. קיינער איז נישט געקומען אים פאַרשפּילן גרינג אַ פּאָר פּאַרטיעס. אַלע האָבן אים געוואָלט פּאַרמאַטערן און אויסנאָגן דאָס חיות פון די ביינער. פאַרלירן אַ פּאַרטיע איז ביי אים געווען אַ טראַגעדיע נישט נאָר צוליב די פּאָר גראָשן, נאָר איבערהויפּט צוליב דעם, וואָס ער האָט פאַר־לוירן דעם פּרעסטיזש. דער סוף איז געווען, אַז ער איז אראָפּ פון זינען און ווען ער האָט נאָך אַן אָנגעשטרענגטן צוג געוואונען די קעניגין ביי אַ יונ־געמאַן, וואָס איז געווען באַרימט דערמיט, וואָס ער האָט געהאַט אַ זייער שיין ווייבל, האָט ער זיך צעלאַכט און אים געזאָגט: „וואָס גיט איר מיר די קעניגין פון האָלץ? איך וויל די קעניגין פון פלייש און בלוט...” מען האָט אים נאָך אין יענעם טאָג אַוועקגעפירט אין משוגעים הויז. און פּוסט און פּאַסניקעס זיינען געזעסן אין יענעם קאַפע, וואָס האָבן אריינגעבראַכט אַ פּוס־טן געלעכטער, צו וועלכן ס'האָט צומאָל געצויגן. די פּוסט און פּאַסניקעס, די לצים, האָבן געפּאַקט צוויי שמאָל־קעפּלדיקע אינזשינירן און זיי אַזוי לאַנג גענומען אויף זיכער און געקיבוצט, ביז וואַנען זיי האָבן זיי ממש געמאַכט פּאָר משוגעים. איין קליין אינזשינירל האָבן די לצים איינגערעדט, אַז די דייטשן וועלן רעקוויזיציאָנירן אַלע בערד און צעפּ פון פּראַוואָסלאַוונע גלחים, ווייל זיי דאַרפן האָר אויף בערשטלעך און דאָס אינזשינירל האָט געגלויבט.
איצטער האָט יאַנקל נישט געקענט זיצן נישט ביי רייטערן אין רעסטאָראַן און נישט אין קאַפע „בולעוואַרד”. ער האָט געמוזט זיצן אין דאָרף און היטן דאָס אייז און הערן ווי די פּויערים זינגען און פּויערטעס שעלטן זיך. דאָס שעלטן פון די פּויערטעס איז פאַר אים געווען אַ סיורפּריז. אים האָט זיך געדאַכט, אַז פרויען האָבן אין זייער ריידן אַ געוויסע גרעניץ, וואָס זיי גייען זי קיינמאָל נישט אריבער. צום סוף האָט ער דעמלט געהערט פרויען אַזוי שעלטן, ווי ער האָט קיינמאָל קיין מענער נישט געהערט. טאַקע אין דעם הויף וואו עס איז געווען דער גרוב מיטן אייז, פלעג די באַלעבאָסטע אַזוי שעלטן איר טאָכטער אַז אַ קאָזאַק האָט געקענט רויט ווערן. די באַלעבאָסטע איז געווען אַ פרוי פון אַ יאָר זעבציק און איר טאָכטער איז געווען אַ שיקסל פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק. די מוטער פלעג שיטן אַזעלכע שמוציקע קללות אויף דער טאָכטערס קאָפּ, אַז עס איז שווער צו גיבן די קלענסטע אָנצוהערעניש אויף דעם. די טאָכטער האָט יאָקאָס נישט געשוינט די מאַמע און האָט איר אויך נישט גע־זשאַלעוועט קיין ברכות... דער אַלטער איז דווקא ארומגעגאַנגען אַ רואיקער און אַ קאַלטבלוטיקער און ער האָט זיך צוגעהערט צו די קללות און אונטער־געשמייכלט אין די אָפּגעהאַקטע וואָנציעס אריין; ער האָט גראָד געוואָלט שמועסן מיט זיין שכן וועגן פילאָזאָפיע. ער האָט פאַר אַלעמען געוואָלט וויסן,

וואָס עס שטייט אין דעם בוך, וואָס דער שכן האָט געלייענט. צופעליק איז עס געווען געטעמס „פויסט" און ער האָט דעם אַלטן פויער געזאָגט, אַז ס'איז אַ מעשה פון אַ טייוול, וואָס האָט גענומען אויספּרואוון דעם מענטשן מיט אַלערליי תענוגים; דער אַלטער האָט געלאַכט און ער האָט געזאָגט, אַז אין דאָרף פּאַסירט עס שטענדיק. דאָרט איז דער טייוול אַן אייגענער און אַלע שלעכטסן, וואָס עס קומען דאָרט פאָר, איז זיין אַרבעט... פאַראַן, האָט דער אַלטער פויער דערקלערט, אַזאַ מין זאַך, וואָס די דאָרפסלייט רופן „קערליק" (אַ האַטשעק). דאָס איז אַ מין אָנבאַפּעניש פון אַ מאַן צו אַ פרוי, אָדער פון אַ פרוי צו אַ מאַן. עס מאַכט זיך, אַז אַ מאַן פּאַקט אַ „קערליק" צו אַ פרעמדער פרוי און עס קומט צו צוויי און צו דריי מאָרדן, איז וועמענס אַרבעט איז עס? נישט דעם טייוולס? ער האָט דערציילט אַ פאַל, ווען אַ יונגע פרוי, וואָס האָט געהאַט דריי קינדער, האָט געפּאַקט אַ „קערליק" צו אַ עפּעס אַ מאַן אַ דורכגייער. די פויערטע האָט געהאַט אַ שיינעם מאַן און דער דורכגייער איז געווען אַ מיאוסקייט און אַ הויקער, אָבער זי האָט נישט געקענט לעבן אָן אים און זי איז אים נאָכגעלאָפן און מיטגעשלעפּט די דריי קינדער און זיי זיינען אַלע אויסגעשטאָרבן אין וועג. און זי איז דערנאָך צוריקגעקומען אין דאָרף אַריין און קיינער האָט זיך נישט געוואָלט אומקוקן אויף איר און זי האָט זיך פאַרשיכורט מיט בראָנפן און זי איז געשטאָרבן פאַר טרויער אַזוי ווי אַ פריי־בלודנער הונט... איז וועמענס אַרבעט איז דאָס געווען, נישט דעם טייוולס? דער אַלטער פויער האָט גערעדט פּאַוואָליע און באַזאַכט און ער האָט געזאָגט, אַז דאָס לעבן איז דאָס קלוגסטע בוך. ער איז געווען אַ קעגנער פון די דייטשן, ווייל זיי זיינען פאַר אים געווען גנבים. רומעניע, האָט ער געזאָגט, איז געווען דאָס זאַטסטע לאַנד, איז געקומען דער דייטש און איז עס איבערגעפאַלן און באַראַבעוועט. אַז אַפילו אין די דערפער הונגערט מען שוין. אויסער דעם האָט ער גלאַט געהאַלטן, אַז ער מוז זיין אַ שונא דעם דייטש, ווייל ער איז באַפאַלן זיין לאַנד. ער איז געווען זיכער, אַז דער דייטש וועט פאַרלירן. ער האָט דאָס אילוסטרירט מיט דעם ווערטל „דער ציגיינער ווערט דערטרינקען דווקא ביים ברעג" און ער האָט צוגעגיבן: „עס איז אַמאָל געשוואומען אַ ציגיינער דאָ ביי אונז איבער דעם טייך און ער איז אַריבערגעשוואומען דאָס גאַנצע וואַסער און ווען ער איז צוגעקומען צום ברעג, וואו עס איז שוין געווען פּליטקע, איז ער דערטרונקען געוואָרן..." יאַנקל האָט אים געפרעגט, צי ער האָט נישט מורא אַזוי צו ריידן, בעת אין דאָרף איז דאָ אַ דייטשע קאָמאַנדאַטור, האָט ער געקוקט מיט די אויסגעלאָשענע אויגן און געשאָקלט מיט דער גרוילעכער גריווע פון קאָפּ און געקנייטשט דעם צעקנייטשטן שטערן און געדרייט מיט דעם געשטופּלטן פּנים און ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט שוין נישט וואָס מורא צו האָבן — ער ווייסט שוין וואו ער וועט פאַרענדיקן

זיין לעבן. און ער האָט דעמאָלט אויסגעזען ווי אַ מין סאָרט רומענישע אויס־
גאַבע פון טביה דעם מילכיקן...

אין דאָרף איז אונזער העלד איינגעפאַלן דער געדאַנק צו נעמען מאַכן אַ
יידיש רעווי־טעאַטער. אין רומעניע זיינען געווען אַ סך רעווי־אַקטיאָרן און
אַ סך רעווי־טעאַטערס. איבערהויפּט האָט מען געשפּילט רעוויס אום זומער
און טאַקע אין זומער־טעאַטערס אונטער דעם פרייען הימל. דער דאַזיקער
זשאַנר האָט אין רומעניע געהאַט דעם גרעסטן דערפאָלג און אים איז איינ־
געפאַלן, אַז מען דאַרף אים פּראָווען אין יידיש. רומענישע יידן האָבן די לעצטע
יאָרן געזען נאָר פּיעסן פון אַמעריקאַנער לעבן און זיי האָבן געהערט אַ יידיש,
וואָס איז געווען באַווירצט מיט ענגליש, טאָר פאַרוואָס זאָל מען נישט פּראָווען
ווייזן אין גאַלאָפּ־בילדער דאָס אייגענע לעבן? אַ רעווי איז נישט קיין קונסט־
פּיעסע, מען מוז אין אַ רעווי זינגען און טאַנצן, מען דאַרף דאָס נאָר קענען
מאַכן פיין און ריין. אין די רומענישע רעווי־טעאַטערס האָט מען קריטיקירט
אַפילו מיניסטאָרן, וועט מען דאָך אין יידישן טעאַטער קענען קריטיקירן די
יידישע רעדל־פירער. יאַנקל איז אוועק אין שטאָט אריין גלייך צו שטערנ־
בערגן און אים אויפגעגיבן דעם פּלאַן און אים איז עס באַלד איינגעגאַנגען.
ער האָט שוין אויך זייט לאַנג נישט פאַרדינט און ער איז געווען אָנגעוויזן
אויף זיין קלענערן ברודער און אויף זיין שוועסטערקינד. עס האָט זיך באַלד
אַרויסגעוויזן, אַז אין דער סאַמע מיט פון וואַקאַרעשט, אין האַרץ פון דער
יידישער געגנט, איז פאַראַן אַ ניי־אויסגעבויעט יידיש טעאַטער. עס איז
דאָרט געווען אַ „מאַידאַן" (אַ פּלאַץ, וואו מען האָט געשאָטן אָפּפאַל), איז
געגאַנגען אַ ייד און אָפּגעקויפט דאָס פּלאַץ און דאָרט אויסגעבויעט אַ זומער־
טעאַטער. אים איז נישט איינגעפאַלן צו מאַכן אַ יידיש טעאַטער, ער האָט
געטראַכט וועגן אַ קינאָ, אָדער רומעניש טעאַטער, אָבער ווען די צוויי יונגע
שרייבער זיינען געקומען און האָבן אים פאַרגעלייגט צו מאַכן אַ „יידישע
רעוויסטע", איז ער געשפּרונגען פון דער הויט. האָט מען נאָך גדאַרפט אַ
טרופּע און אַ רעווי. דאָס צווייטע איז נישט געווען שווער. אין משך פון עט־
לעכע נעכט איז אויסגעוואַקסן אַ רעווי, וואָס האָט נאָך געהאַט צופיל סצע־
נעס. שווערער איז געווען מיט אַ טרופּע. חוץ דער קאַנער - גאָלדענבערג טרו־
פּע זיינען קיין שוישפּילער כמעט נישט געווען. עס זיינען געווען נישט אַזוי
אַלטע, ווי פאַרעלטערטע אַקטיאָרן, וואָס האָבן זיך פאַרמיאוסט געמאַכט ביים
עולם. זיי האָבן געשפּילט פאָרשטעלונגען, פאַר וועלכע זיי האָבן אַליין פאַר־
קויפט די בילעטן. עס זיינען געווען עטלעכע אין גאַנצן אויסגעשפּילטע און
עובר בטלדיקע שוישפּילער, וואָס האָבן שוין לחלוטין נישט געטויגט. צווישן
די דאַזיקע איז געווען דער אַלטער אַקטיאָר און טעאַטער דירעקטאָר מרדכי
סעגאַלעסקו, וואָס האָט אַמאָל קאָנקורירט מיט אברהם גאָלדפאַדען אַליין. ער
איז דאַן געווען אַ ייד פון אַ פּאָר און זעכציק יאָר און ער האָט אויסגעזען אַ

סך עלטער. ער איז געווען אַ במעט נידעריקער מאַן, אַ געפּאַקטער און אַ פעסטער. ער האָט אין דער יוגנט געהאַט אַ שם פון אַ גרויסן פרעסער. ער פלעג נאָך דעמלט קענען נעמען אַ גרויס ברויט און דאָס צעברעכן אויף דער קני און דאָס אויפעסן ביז אין עק אַריין. אַ גלעזל משקה האָט ער אוודאי נישט ליב געהאַט. זיין זון אַלטער האָט די ליבע צו דער משקה געירשנט פון אים. ער האָט געהאַט אַ שיינע פאַרדרייטע אָדלער נאָז, וואָס איז שטענדיק געווען רויט. ער איז אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען איבער וואַקאַרעשט זוכן אַ יאָלד, וואָס זאָל אים צאָלן אַביסל משקה. ער האָט שוין לאַנג נישט געשפּילט און ער פלעג נאָר פאַרדינען פון דעם, וואָס ער האָט געדאַוונט ימים נוראים. ער איז געווען אַ שטיק תלמיד חכם און ער האָט גוט געקענט פירוש המילות און ער האָט געמאַכט טעאַטראַלישע קונצן ביים דאַווענען. ער פלעג זינגען „הבן יקיר לי אפרים, אם ילד שעשועים", האָט ער געמאַכט גלייך ווי ער וואָלט געוויגט אַ קינד און געזונגען: „שאַ, ילד, שאַ... שעשועים..." די פרוי זיינע איז אויך געווען אַמאָל אַן אַקטריסע און זי האָט אויסגעזען נאָך עלטער פון אים. זי איז געווען אַ לאַנגע און דאַרע יידענע און עס האָט פון איר אויך שטענדיק געשמעקט מיט משקה. ווען דער זון אַלטער האָט געלעבט אין בוקאַרעשט, פלעג אים די מוטער כסדר נאָכלויפן, אַז ער זאָל איר גיבן בראָנפן און ווען ער האָט איר אַמאָל נישט געגיבן, האָט זי אים געשאָלטן מיט טויטע קללות. מען האָט דערציילט, אַז אַלטער האָט אַמאָל געשפּילט האַמלעט און ער האָט זיך פונקט פאַר דער פאָרשטעלונג צעקריגט מיט דער מוטער; און ווען עס איז געקומען צו דעם מאָנאָלאָג „זיין, אָדער נישט זיין?" האָט די אַלטע אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ און אַ געשריי געטאָן צום זון אויף דער בינע אַרויף: „אַז זיין זאָלסטו מיר שוין אין דער ערד..." איצטער, ווען דער זון איז שוין נישט געווען, איז די אַלטע נאָכגעלאָפן דעם מאַן אַזוי ווי אַ קו אַ קאַלב און זי האָט אים געזאָגט: „קיין אַלמן וועסטו נאָך מיר נישט בלייבן און בראָנפן וועסטו אַ מכה טרינקען אַליין..." עס האָבן זיך דערטראָגן ידיעות, אַז אַלבערט סעגאַלעסקו איז עולה לגדולה געוואָרן אין רוסלאַנד און ער האָט דאָרט געמאַכט אַ פּיעסע, וואָס האָט פאָרגעשטעלט די צרות, וואָס די יידן אין רומעניע זיינען אויסגעשטאַנען אין דער צייט פון קריג (צרות זיינען געווען אַ סך! מען האָט געפּלאָגט די יידן אויף דעם פראָנט און אין הינטערלאַנד. מען האָט הונדערטער יידן דערקלערט פאַר שפּיאָנען און מען האָט זיי אָן געריכטן אויסגעשאָסן). איז דער אַלטער סעגאַלעסקו אַרומגעגאַנגען טעג און נעכט און דערציילט וועגן די גליקן, וואָס זיין זון האָט געמאַכט. ער פלעג גיבן אַ כאַפּ אַ מענטשן און אים אָפּשטעלן און זיך אָננעמען מיט דער רעכטער האַנט ביי דער רעכטער באַק און אַ פרעג טאָן מיט אַ הייזעריק קול און מיט אַ קוויטש: „וואָס? האָסט נישט געהערט פון דעם סוקסעס, וואָס אַלטער האָט געמאַכט אין אָדעס און וועגן דער פּיעסע „די צרות פון רומע-

נישן יידן", וואָס ער האָט דאָרט אָנגעשריבן?" און פאַר אָט דער בשורה פלעג ער זיך שוין הייסן גיבן אביסל בראָנפן. ער איז געווען דאָס דאַזיקע, וואָס הייסט אויף אַקטיאָריש לשון אין ערשטראַנגיקער „קאַיאַף" (עס מיינט אַ חונף און אַ נישט פאַרגינער. וואַרשיינלעך שטאַמט דאָס פון פּוילישן וואָרט „פּאַ־קאָיאָווא" — אַ וואָרט, וואָס מען פלעג אויך אין בעסאַראַביע נוצן, כּאָטש מען פלעג אויך זאָגן אַ דינסט — און עס מיינט אַ מענטשן, וואָס איז אַזוי חניפהדיק און נישט פאַרגינעריש ווי אַ דינסט). ער פלעג מאַכן אַ מענטשן אַ קאָמפּלימענט און באַלד זאָגן אין דער זייט אַריין דאָס פאַרקערטע. טאַקע אונזער העלד פלעג ער אָפּט פאַרשטעלן פאַר זיינעם אַ באַקאַנטן, אַז ער איז דער נייער גאָלדפאַדען און באַלד זאָגן אין דער זייט אַריין: „איך מאַך אויף זיין טאַטן" (ער האָט דאָס, נאַטירלעך, געזאָגט מיט אַ גראָבערן וואָרט). ווען ער איז געוואָרן סענטימענטאַל, האָט ער גערעדט וועגן גאָלדפאַדענס טעאַטער און ער האָט געזאָגט, אַז דאָס דאַזיקע איז דאָס אמתע יידישע טעאַטער. „היינט, פלעג ער זאָגן, שפּילט מען גוייש טעאַטער אויף יידיש. קלאַראַ יאָנג איז געקומען מיט אַ פּיעסע וואָס הייסט „מאַמזעל האָפּליא". יידיש טעאַטער מיט האָפּליא גאָר!" און ער האָט נאָכגעמאַכט ווי אַזוי די סוברעטן האָט געהויבן אַ פיסלביים טאַנץ פון „האָפּליא" און ער האָט געזאָגט, אַז ער קען נישט מאַ־כן קיין האָפּליא... ער האָט געהאַט אַן איינציקע טאָכטער, וואָס איז געווען אַ האַלב צעדרייטע און וואָס האָט געליטן הונגער און איז געוואָרן נאָך מער צעדרייט דערפון און זי איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען און געוויינט אויף איר ברודער, וואָס האָט זי איבערגעלאָזט. זי האָט אויך געקוואָקעט אויף טעאַ־טער שפּיל. די אַלע האָבן פאַר קיין טרופּע נישט געטויגט.

מרדכי סעגאַלעסקו האָט געהאַט נאָך אַ זון, חיים מאיר האָט ער געהייסן. ער האָט מיט קלאַראַ יאָנג געשפּילט צווייטע ליבהאָבערס און ער האָט נאָך דעמלט געזונגען ייִנגליש. די שטימע האָט זיך אים געהאַלטן אין בייטן. פאַר די לעצטע צוויי יאָר איז ער אויסגעוואַקסן און די שטימע איז אים געוואָרן רייף און אַליין איז ער אויך געוואָרן רייף און מענעריש. ער איז געווען אַ שיינער בחור פון דער ווייטנס, פון דער נאָענט האָט ער אויסגעזען גרין און ער האָט דערצו געהאַט אַ פול פּנים מיט פּרישטשעס. ער איז געווען זייער מוזיקאַליש און ער האָט געהאַט טעמפּעראַמענט, אָבער נאָך מער האָט ער פאַרמאָגט היסטעריע. ער האָט אויסגעזען ווי אַ דעגענעראַט. עס האָט זיך דערקענט, אַז ער איז געווען אַ זון פון אַלקאָהאָליקער. פאַר אַ רעוווי־טעאַטער איז ער געווען אַן עלעמענט. די טרופּע קאָנער ־ גאָלדענבערג האָט אים נישט צוגענומען, ווייל גאָלדענבערג האָט אַליין געשפּילט די ליבהאָבער. חיים מאיר האָט געזאָגט, אַז ער האָט אויך אַ פּרימאַדאָנע. אַן אמתע יידישע פּרימאַדאָנע מיט אַ שטאַרקער שטימע, נישט ווי דער קאָנערס טאָכטער, וואָס האָט אַ קליין שטימעלע, וואָס איז קוים גענוג פאַר אַ סוברעטין און זי שפּילט פּרימאַדאָ־

נעם, ווייל די סוברעטנס וויל די אַלטע מאַמע אַליין שפּילן... די פּרימאַדאָנע איז געווען לייקאַלע קרייזלער, וואָס האָט געהאַט אַ מאַן אַ קלעזמער און אַ קאָמיקער. ער האָט געהייסן קרייזלער; מען האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער איז אַ ציגיינער, אָדער אַז ער שטאַמט פון ציגיינער. עס זיינען געווען אין רו־מעניע נאָך אַ פּאָר יידישע שוישפּילער, וואָס מען האָט געזאָגט אויף זיי, אַז זיי זיינען נישט קיין יידן. לייקאַלע קרייזלער איז געווען אַ קליין געפּאַקט ווייבעלע, אַ חנוודיקע, מיט אַן אויסזען פון אַ געזונטער דאָרפס־מויד. קיין עלע־גאַנץ האָט זי נישט פאַרמאָגט און קיין מאָדערנע פרוי האָט מען איר נישט געקענט גיבן צו שפּילן. יאַנקל און יאָקל האָבן נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי זי האָט געקענט שפּילן שולמית. זי האָט דאָך געדאַרפט פאַרפאַלן ווערן אין די היסטאָרישע קליידער. אַ שטימע האָט זי געהאַט אַן אייזערנע און טאַקע אַ באַטעמטע און די מחברים, וואָס האָבן זיך גענומען צושאַרן צום טעאַטער, האָבן באַלד גענומען קלערן, אַז מען וועט זיך מיט איר דאַרפן אַן עצה גיבן און איר צופּאַסן ראָליען. זי האָט נישט פאַרמאָגט קיין ביסל בילדונג, ווי די מערסטע יידישע אַקטריסעס פון יענער צייט, און אַ פּרעמד וואָרט האָט זי געזאָגט קאַפּויר, אָבער חן האָט זי געהאַט. חיים מאיר האָט אָנגעוויזן, אַז לעאָן בערגער מיט דער פרוי, וואָס שפּילן ביי קאַנערן, זיינען אויך גרייט אַריינצוגיין אין אַ נייער אונטערנעמונג. פרוי בערגער איז געווען סאַראַ קאַ־נערס אַ שוועסטער. זי איז געווען שטאַרק ענלעך צו איר שוועסטער, זי איז געווען אַזוי שוואַרץ און גרין ווי זי, זי איז נאָר געווען אַביסל נידריקער פון איר. זי האָט געשפּילט קאָמישע אַלטע און איז געווען אייפערזיכטיק אויף איר שוועסטער. זי האָט געזאָגט, אַז זי קען אויך שפּילן סוברעטינס און אַז זי האָט געשפּילט אין לעמבערג און אין אַמעריקע חסידים אין הויזן, איז די וועלט געגאַנגען כאַדאָראָם. נאָך מער ווי פרוי בערגער אויף דער שוועסטער איז הער בערגער געווען אייפערזיכטיק אויף דעם שוואָגער לעאָפּאָלד קאַנער. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר דעם בעסטן יידישן קאָמיקער אין דער וועלט נאָך מאָגולעסקון און ער האָט געשפּילט אינטריגאַנטן און „גענגסטערס". ער פלעג שטענדיק זאָגן, אַז ער וועט ווייזן דעם שוואָגער, אָבער ער האָט קיין מוט נישט געהאַט אָוועקצוגיין און זיך אַליין מאַכן אַ געשעפט. ער האָט אויך קיין געלט נישט געהאַט. ער איז פּונקט ווי דער שוואָגער געווען אין אַמעריקע, אָבער ער איז צוריק געקומען פון דאָרט אָן געלט. ער איז געווען אַ שוישפּי־לער מיט חן און מיט קראַפט. ווען ער איז אַרויפגעקומען אויף דער בינע, ס'האָט געמעגט זיין אין דער ערגסטער ראָליע, האָט זיך דאָס טעאַטער אַ וויג געטאָן. ער האָט געשפּילט מוראַדיק רוי, ער האָט ביי אַן אַלטן און אַ יונגען געהאַט דאָס זעלביקע פּנים און גערעדט מיט דער זעלביקער שטימע. ער האָט אויך גערעדט פּראַסט, זיין שפּראַך האָט דערמאָנט אין דער שפּראַך פון די מאַרק־יונגען, אָבער קראַפט האָט ער געהאַט אָן אַ שיעור. די פרוי זיינע

איז אויך געווען נישט קיין שלעכטע שוישפילערין, אבער א זייער אלטמא־דישע. מיט אט די פיר שוישפילער האט מען שוין געקענט האבן א באזע. די רומענישע רעווי־טעאטערס האבן געוויינלעך נישט געהאט מער ווי זעקס מענטשן און א כאר. זיי האבן געהאט א ליבהאבער מיט א פרימאדאנע, א כאראקטער שוישפילער מיט א קאמישער אלטער און א פאט מיט א סוברעטן. א פאט האט זיך אויך געפונען. געווען א יונגער שוישפילער שמילאוויטש, וואס איז געווען לייכט און ער האט געהאט א ווייכן טאן און האט א טאנץ געטאן און אויך א זינג געטאן מיט א הייזעריק שטימעלע, אבער מיט אן אויער. געפעלט האט נאר א סוברעטן און מען האט באשלאסן, אז פון כאר וועט שוין עפעס ארויספאלן. דאס געשעפט איז געמאכט געווארן, יאנקל מיט יאקלען האבן געדונגען דאס טעאטער אויף פראצענטן און די טרופע האט מען אויך גענומען אויף פראצענטן. אנגאזשירט האט מען נאר דאס כאר און די מוזיקער. אויף די ערשטע הוצאות האט געגיבן א. ל. זיסו און מען האט זיך געשטעלט מאכן פראבע פון דער ערשטער יידישער רעווי, וואס מען האט א נאמען געגיבן „צימעס".

דער ערשטער קאנפליקט איז באלד געקומען דעם ערשטן טאג. בערגער האט זיך געוואלט ארייַנשטעלן א קופלעט, פרוי בערגער האט זיך געוואלט ארייַנשטעלן א „ישמחו", וואס זי וועט זינגען אין א קאפאטע און ביידע האבן זיך געוואלט ארייַנשטעלן א דועט. זיי האבן געוואלט ארייַנשטעלן פונקט די דאזיקע זאכענישן, וואס די צוויי מחברים האבן זיך געקליבן צו באקעמפן. די גאנצע רעווי איז געווען געווידמעט דעם שלעכטן יידישן טעא־טער און עס זיינען אין איר געווען אומגעהויער שארפע סאטירעס אויף דעם שונד. עס זיינען אויך געווען סצענעס פון קריטיק אויף דער געזעלשאפט־לעכקייט און ספעציעל אויף דער אסימילאציע, אבער דער צענטער פון דער רעווי איז געווען דאס יידישע טעאטער. דער שלום איז געווען א גאלדפאדען־פייערונג מיט צוויי רעדעס פון יאנקלען און שטערנבערגן און מיט פאראדיעס אויף דעם שלעכטן טעאטער. די בערגערס האבן געזאגט, אז די רעווי איז מאקע זייער גוט, אבער מען דארף האבן א פאר „שוועבעלעך", מען דארף האבן שטעלן, וואס מען זאל שטארק אפלאדירן און ביי זייערע קופלעטן וועט מען אזוי אפלאדירן, אז מען וועט הערן אין טעאטער פון קאנער - גאלדענ־בערג, וואס איז געווען מיט א פינף קווארטאלן ווייטער... צוליב דער דא־זיקער געשיכטע איז שיעור נישט געווארן אויס טעאטער. די בערגערס האבן געזאגט, אז פרנסה האבן זיי אויך ביי קאנערן, זיי זיינען אוועק, ווייל זיי ווילן האבן סוקסעס. די צוויי יונגע מחברים האבן זיך בעראטן מיט זייערע פריינט און ס'איז באשלאסן געווארן, אז מען זאל אויסהערן די נומערן. דער „ישמחו" האט געהאט ניבול פה נישט אזוי אין די ווערטער, ווי אין די הוועיות. דער קופלעט, וואס בערגער האט געדארפט זינגען, האט געהאט אביסל שארפ־

זין. ער האָט געהייסן „ווען איך וואָלט...״ דער בעל דבר האָט שכל געהאַט נישט צו זינגען פריער די פּאָר פּאָרנאָגראַפישע סטראָפן ער האָט זיי דערנאָך אַדורכגעשמוגלט אויף דער בינע. דער דועט איז געווען אַ ספּעציעל אָנגע־שריבענער און ער האָט קיין ניבול פה נישט געהאַט, ער איז נאָר געווען גע־שמאַקלאַז. ער איז טאַקע געווען וועגן דעם נאָמען פון דער רעווי, וועגן „צי־מעס״. דער רעפרען האָט געזאָגט:

אויב עס געפעלט אייך — עסט,
באַדינגט אייך ביי אונז אויף קעסט
איך האָף אונזער צימעס
וועט אייך נישט זיין נמאס,
דער צימעס איז כשר און גוט...

די רעווי האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ לידל וועגן צימעס אויף דער מע־לאָדיע פון גאָלדפאַדענס „פּלאַקער, פּלאַקער, פייער״. אויף דער בינע זיינען געזעסן פיר ווייבלעך ביי אַ טעפּל און זיי האָבן געקאָכט צימער און געזונגען:

צימעס מאכל מלך,
צימעס מאכל ייד,
בולבאַלע, קאָך און זיד,
לאָקשאַלע, מאַך פריילעך,
וואַסער,טרערן גיס,
ראָזשינקעלע, פאַרזיס.

דערנאָך האָט איין ווייבל געזונגען אַליין:

קיין עין הרע מיר,
באַלעבאָסטעלעך איצט פיר,
פון דער חופה
ערשט אַפיר.
נאָך די הענטעלעך זע,
ווייסער פון שניי,
טפו דער שוויגער,
טפו פאַר זיי...

און אַ צווייטע האָט געזונגען:

אונז דעם צימעס האָט

פון בארג סיני גאָט
מיט דעם שבתל געשענקט,
עסט, געטאָן א קריץ,
דורך דונער בליץ,
אונזער צימעס עסט כאָטש קרענקט...

פאר בערגערן איז דאָס דאָזיקע לידל געווען צו ראַפינירט. געזאָגט האָט ער, אַז ס'איז צו יאָלדיש ליטעראַריש. קיין דריטער וועג איז נישט געווען: מען האָט געקענט, אָדער נאָכגיבן און בלייבן, אָדער אַוועקגיין. אַלע גוטע פריינט האָבן נישט געהייסן אַוועקגיין. שטערנבערגס בעל יועץ איז שוין דעמאָלט געווען בארבו לאַזאַרעאַנו. וואָס איז געווען די מילדקייט אַליין און דאָך אַ גרויסער עקשן, ווען עס האָט געהאַלטן ביי אַ פּרינציפּ־זאַך. דאָס ערגסטע איז געווען דער „ישמחו" פון פּרוי בערגער. די יונגע מחברים האָבן זיך געהיצט. זיי האָבן געזאָגט, אַז ביי קיין שום פאָלק איז דאָס נישטאָ, אַז מען זאָל נעמען די געהויבענע רעליגיעזע געזאַנגען און מאַכן פון זיי שמוץ און ניבול פה. יאַנקל האָט געפרעגט: וועט מען אין אַ רומעניש רעוויו אויך נעמען אַ געבעט פון קלויסטער און דאָס פאַרוואַנדלען אין אַ פאָרנאָגראַפישן קופּלעט מיט מיאוסע הוועיות? די מחברים האָבן דער פרוי בערגער צוגע־זאָגט גליקן, זיי וועלן איר גיבן שלום עליכמס אַ מאָנאָלאָג מיט אַ ספּעציעל געשריבענעם קופּלעט. וואָס וועט האָבן אַ סך קאָמיזם, עס האָט גאָרנישט געהאָלפן, זי האָט געזאָגט, אַז נאָר מיט דעם „ישמחו" וועט זי קענען ווייזן איר שוועסטער, אַז מען אַפּלאָדירט איר פונקט אַזויפיל וויפל איר און אפשר נאָך מער... זי האָט געקענט נאָר אין קרבן מינחה סידור, און עפּעס אַנדערש האָט זי נישט געגלויבט. די יונגע מחברים האָבן געמוזט נאָכגיבן און אַזוי ווי יאַנקל איז געווען קאָנפעראַנסיע, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז ער וועט גיבן אָנצוהערן, אַז די שרייבער האָבן קיין שייכות נישט צו אָט דעם נומער און אַז מען זינגט ווי אַ ביישפּיל פון דעם לעמבערגער וואַריעטע. וואָס דאַרף שוין גרייכן צו זיין סוף. דער אַקטריסע האָט דאָס דאָזיקע נישט געאַרט, ווייל אַפּלויזן האָט זי דערנאָך געהאַט וויפל זי האָט נאָר אַליין געוואָלט. די אינ־טעליגענטערע מענטשן האָבן באַמערקט, אַז אין דער רעווי שלאָגן זיך צוויי וועלטן. איין יונגערמאַן האָט געזאָגט יאַנקלען: „איר פּרעדיקט אַנטי־אַלקאָ־האָל, אָבער אַ פּאָר גלעזלעך בראָנפן שמוגלט איר אַריין!" יעקב ראַבינזאָן האָט געזאָגט: „ס'איז טאַקע אַ סך טהרה, אָבער אַביסל טומאה פעלט אויך נישט..." קיין אַנדער אויסוועג איז נישט געווען! אין דער נאַכט פון דער פּרעמיערע איז געקומען צו גראַנדגלעגנישן צווישן די מחברים און דעם פּאָרל בערגער. דער קאָנפעראַנסיע האָט זיי אַריינגעזאָגט איידל און זיי האָבן גע־ענטפערט גראָב. די רעווי האָט זיך געשלאָסן מיט אַ גאָלדפאַדען־אַפּאָגיי, ביי

וועלכער עס איז דורכגעגאַנגען אַ גאַנצע ריי גאָלדפאַדען־טיפּן. דערשינען איז גאָלדפאַדען בעת מרדכי סעגאַלעסקו, וועלכן לעאָן בערגער האָט געשפּילט, האָט גערעדט וועגן די גוטע אַלטע צייטן און זיך געבייזערט אויף דעם „נייעם" טעאַטער. ס'איז געווען געמאַכט אַזוי, אַז בערגער האָט געדאַרפט אַרויפרופן די מחברים און זיי פאָרשטעלן פאַר גאָלדפאַדענען, ער האָט געדאַרפט זאָגן: „דאָס זיינען די שרייבער פון דער רעוויו, זיי האָבן דיך ווידער געבראַכט אין דיין בוקאַרעשט, וואו מען האָט שוין לאַנג, לאַנג נישט געהערט דיינס אַ וואָרט און דיינעם אַ קלאַנג", האָט ער צוגעגיבן: „אַנישט ווייסן זיי ווער דו ביזט?" ס'האָט געקענט הייסן, אַז דאָס איז אין טאָן פון דעם אַלטן סעגאַלעסקוס „קאַיאַפיש" ריידן, אָבער פאַקטיש איז דאָס געווען אַ שטאָך און אַזוי ווי שטערנבערג האָט געהאַלטן די רעדע צו גאָלדפאַדענען, האָט ער שוין בערגערן דערציילט די מעשה, אַז ס'איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. דער עולם האָט דעם גאַנצן גערצנגל נישט באַמערקט און אונזער העלד האָט זיך אין יענעם אָוונט דערוואוסט דעם גרויסן סוד, אַז דאָס פּובליקום ווייסט קיין מאָל נישט, וו אָ ס עס קומט פאָר אויף דער בינע. עס דערפילט, אַז עפּעס איז דאָרט, אָבער וואָס ווייסט עס נישט...

די ערשטע פאָרשטעלונג האָט באַלד געוויזן, אַז יידישע רעוויו איז אַן ענין. ס'איז געווען אין אַ העלן אָנהויב זומער־אָוונט, ס'איז געווען וואַרעם און פריש. און מיט אַ שעה איידער די פאָרשטעלונג האָט געדאַרפט אָנהויבן, איז די גאַס געווען שוואַרץ. דער טראַמוויי האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן. הונדערטער באַקאַנטע פון די מחברים האָבן זיך געווענדעט פערזענלעך צו זיי, אַז זיי זאָלן זיי מאַכן פּלאַץ, ס'איז געווען אוממעגלעך. ס'איז צוגעקומען אַ. ל. זיסו... די מחותנים זיינען געווען אַזעלכע פריצן, אַז זיי האָבן נישט געלאָזט קיין לאָזשע פאַר דעם דאָזיקן, וואָס האָט פינאַנצירט און מעגלעך געמאַכט די אונטערנעמונג... און אַ צווייטן סוד האָט זיך יאַנקל דערוואוסט אין יענעם אָוונט: אַז אַ קאַסירער לאָזט זיך שטענדיק אַ פּאָר בילעטן ביז צום סוף. דער אימפּעט פון גיין אין טעאַטער אַריין איז געווען אַזאַ שטורמישער, אַז ס'האָט געקענט זיין, אָדער אַ קראַך, אָדער אַ גרויסער דערפאָלג. די הערצער האָבן בייביידע געקלאַפּט. שווערער איז געווען יאַנקלען. ער איז געווען קאָנפעראַנסיע, ער האָט געדאַרפט זיין דער ערשטער אויף דער בינע. ער האָט קוים באַוויזן פאַרנאַכט זיך אָפּצוראַזירן, זיך איבערטאָן אַביסל יום טובדיק האָט ער שוין נישט באַוויזן. וואָכעדיק און באַהעמיש איז ער דערשינען פאַר אַ יום טובדיקן עולם און — מען האָט אים באַלד אויפגענומען מיט שטורמישע אָוואַציעס. די שטימונג איז געווען אַ צוגעגרייטע. דער אָרקעסטער האָט געשפּילט פּריער די פּוטפּורי, וואָס איז באַשטאַנען פון גאָלדפאַדענס מעלאָדיעס און רומענישע פאָלקס און קופּלעטן מעלאָדיעס. נאָך די ערשטע האָט מען געבענקט און די צווייטע האָט מען קיין מאָל נישט געהערט אויף דער

יידישער בינע. די אָוואַציעס האָבן אונזער העלד איבערגעשראָקן. דער פּראָ־לאָג, וואָס ער האָט געדאַרפט זאָגן איז געווען אַן אָנגעשריבענער, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין צייט אין אים אַריינצוקוקן. אַרויסקומענדיק פֿאַר דעם פֿאָרהאַנג האָבן זיך אים ווי איבערגעדרייט די געהירן און ער האָט זיך דער־מאָנט דעם גאַנצן פּראָלאָג. איצטער האָט ער שוין מורא געהאַט, אַז עס וועט נישט געפעלן... און ער האָט אָנגעהויבן:

„מיינע ליבע יידן און, אויב איר וועט נישט ברוגז זיין, יידענעס...”

דער ערשטער געלעכטער איז געפאַלן. יאַנקל האָט דערהערט, ווי בערגער האָט געזאָגט: „אַ ליטעראַרישער עולם, אַ יאָלד קען אים אויך לאַכנדיק מאַכן”. יאַנקל האָט זיך דערלויבט צו מאַכן אַן אייגענעם וויץ און זאָגן: „איר וועט דאָך פרעגן צוליב וואָס צוויי מחברים שרייבן איין רעוויו? וועל איך אייך זאָגן בסוד: דאָס דאָזיקע, וואָס וועט אייך געפעלן אין דער היינטיקער רעוויו איז מיינס און דאָס דאָזיקע, וואָס וועט אייך נישט געפעלן, איז מיין שותּפֿס. דאָס איז גערעדט געוואָרן, אויב עפּעס וועט אייך דאָ געפעלן, טאָמער וועט אייך חלילה גאָרנישט געפעלן, איז זי אין גאַנצן מיין שותּפֿס. און איצטער וועט איר שוין פאַרשטיין פאַרוואָס צוויי מחברים שרייבן איין רעוויו...” דער וויץ איז אויפגענומען געוואָרן מיט שטאַרקן אַפּלויז און אַלע האָבן אים אָפּגע־שאַצט ווי אַ שפּאַס אויף ביידנס חשבון און אויך שטערנבערג האָט אים אַזוי פאַרשטאַנען, אָבער אין אַ צייט אַרום האָט אַ רומעניש־יידישער דיכטער, וואָס האָט געהייסן טערזימאַן, געמאַכט אַ מין עקספּאָזע פון ווערטער, וואָס מחברים האָבן געזאָגט וועגן קאָלאַבאָראַציע, האָט ער געשריבן, אַז יאַנקל, איינער פון די צוויי מחברים פון דער ערשטער יידישער טעאַטער־רעוויו האָט גע־זאָגט: „דאָס בעסערע איז מיינס און דאָס ערגערע מיין שותּפֿס”. דעמלט איז שטערנבערג ברוגז געוואָרן און ס'האָט אויסגעבראָכן דער ערשטער קריג צווי־שן ביידע. דער וואָרעם דער רוגז האָט זיך שוין באַזעצט אין עפּל אין ערשטן אָוונט... שפּעטער האָט זיך אונזער העלד דערוואוסט, אַז פּרעמיערעס גייען אָדער ערגער ווי אַלע ווייטערדיקע פאָרשטעלונגען, אָדער בעסער ווי אַלע. יענע פּרעמיערע איז געגאַנגען בעסער ווי אַלע ווייטערדיקע פאָרשטעלונגען. מען האָט יעדע סצענע אָוואַציאָנירט און אייניקע האָט מען ביסירט אַן אויפ־הער. מען האָט ביסירט נישט נאָר די שונד־זאַכן פון די בערגערס, נאָר די פיינסטע סצענעס. מען האָט ביסירט די אינסצענירונג פון שניאורס „מאַרגאַ־ריטקעס”, די סצענע, אין וועלכער אַקאָסטאַ אַנטלויפט פון טעאַטער, ווייל ער וויל נישט זיין קיין שותּף מיט די כאַנטשעס און זייערע מיאוסקייטן. די גאַנצע סצענע, וואָס האָט געוויזן ווי אַ ייד מיט אַ יידענע פּאַקן דעם רומע־ניש־יידישן דיכטער, קופּלעטיסט און רעווי־מחבר יאַן פּריבעאַנו, וואָס האָט געשריבן רעווי־סצענעס, אין וועלכע ער האָט חוזק געמאַכט פון יידן און זיי האָבן אים אַרויסגעשלעפּט צו דער ערשטער יידישער רעווי און זיי האָבן אים

אַריינגעפּיצקעט. דאָס פּאָרל האָט געזונגען צו שרייבער מיט אַ רומעני־שער מעלאָדיע:

קום אהער, דו שיינער בחור,
גיב אהער נאָר, גיב דעם... פּנים, פּנים,
שפּיליע מוחל אויף די הייזלעך, הייזלעך,
ס׳וועט נישט וואַקסן דאָ קיין גרעזלעך, גרעזלעך,
קלאַפּ און פּיצקע, ס׳איז אַ מיצווה, מיצווה,
זאָלסט באַהיטן זיין שוין פון קיצבה, קיצבה...
און דער שרייבער ענטפערט:
האָט אויף מיר נישט קיין פּאַריבל, ריבל,
כ׳האָב געמיינט נאָר ברויט מיט ציבל, ציבל.
און די שטיוול אויך צעריסן, ריסן —
לייג איך לאַטקעלעך געוויסן, וויסן...

נאָך אָט דער סצענע איז באַלד געקומען אַ סצענע מיט אַ רומענישן קופּלעטיסט, וואָס די מחברים האָבן גערופן שיכורעסקו און וואָס האָט זיך פאַר דעם עולם אין די אויגן פאַרשטעלט פאַר אַ יידן און ער האָט זיך פאַר־ענטפערט, אַז ער איז נישט שולדיק, די יידן אַליין לערנען אים צו פּראַוועז אַנטיסעמיטישע שטיק. געווען איז בוקאַרעשט אַ רומענישער קופּלעטיסט דאַיאַל, פלעג ער זינגען די אַנטיסעמיטישסטע קופּלעטן, איז דער דאָזיקער דאַיאַל געווען דער זון פון דעם העברעאיש־יידישן שרייבער אליעזר כתבן. שיכורעסקו האָט געזונגען מיטן ניגון פון „מה יפית”:

און קאַסוואַן, דאַיאַל זאָגט ער,
מאַכט פון אייך אַ לעקיש בער...

דער עולם האָט דערפילט שטורעם און קאַמף קעגן שונד, אַנטיסעמיטיזם אין טעאַטער און אויך קעגן אַסימילאַציע און אַזוי ווי אַ לעבעדיק יידיש וואָרט האָט ער שוין לאַנג נישט געהערט, נישט אויף יידיש, נישט אויף רו־מעניש, איז ער גאָר באַגייסטערט געוואָרן. די גרעסטע אַפּלויזן אין יענעם אָוונט האָט געהאַט, מוז מען מודה זיין, לעאָן בערגער. ער האָט פאַרמאָגט אַ ווילדע קראַפט; אַ מיטלוויקסיקער, אַ בלאָנדער, אַ שקצישער אויף דעם אויס־זען מיט פּראָסטע שקצישע באַוועגונגען און אַ פּראָסטער שפּראַך, אָבער מיט אַ זעלטענעם געלעכטער אין די בלויע אויגן און מיט אַן אויסדרוק פון גבורה. ער איז פיזיש געווען אַ שוואַכער, אָבער פון דער בינע אַראָפּ האָט ער אויס־געזען ווי אַ גבר. ער איז געווען זייער נישט מוזיקאַליש, ער האָט געהאַט,

ווי אַקטיאָרן רופן דאָס, זייער אַ טריפהנעם אויער. דאָך האָט ער געזונגען אַ קופּלעט מיט אַזויפיל טעמפּעראַמענט, אַז ער האָט מיטגעריסן. ער איז אויך נישט געווען קיין געוואַלדיקער טענצער. אַ נישט מוזיקאַלישער מענטש קען נישט זיין קיין גוטער טענצער. אָבער ער האָט געהאַט אייניקע פיגורן מיט וועלכע ער האָט גענומען דעם עולם, ספּעציעל האָט ער גענומען מיט אַ מאָנאָטאָנעם נעגערישן סטעפּ. געווען אַן עכטער נעגער אין בוקאַרעשט, באַב האָפּקינס, וואָס האָט זיך באַטייליקט כמעט אין אַלע רומענישע רעווים און יענער איז געווען אַ קאָלאָסאַלער טענצער און ער האָט אויסערגעוויינלעך געטאַנצט, אָבער יענעם האָט מען קיין מאָל אַזוי נישט ביסירט פאַר זיין גלענצנדיקן סטעפּן וויפל בערגערן. דער יידישער קאָמיקער האָט אליין געזאָגט, אַז דער בלאָף איז מער ווערט ווי די קונץ. אָבער מיט דער רעדע צו גאָלדפאַדענען האָט שטערנבערג אַרויסגערופן נאָך גרעסע אָוואַציעס וויפל בערגער. און דעמלט האָט דער זייער פאַרשונדעוועטער און זייער אייגנאַרטיקער און טאַלאַנטירטער קאָמיקער דערפילט, אַז די אידעע פאַר וועלכער די מחברים גייען אין מילחמה אַריין מיינט עפּעס ביים עולם.

צו יענער פּרעמיערע איז געקומען די סמעטענע פון יידישן בוקאַרעשט און אויך אַ היפּש ביסל פון די רומענישע שרייבער און זשורנאַליסטן. ספּעציעל זיינען געקומען די רומענישע רעווי־מחברים, וועלכע האָבן דערפילט, אַז עס וואַקסט פאַר זיי אַ קאָנקורענץ און זיי דאַרפן זי קענען... בלומען האָבן באַקומען נישט די שוישפּילער און נישט די שוישפּילערינס, נאָר די מחברים און כאָטש זיי האָבן זיי צעטיילט די אַקטריסעס און די כאָריסטקעס, זיינען פון דעסט וועגן אַלע געווען אייפערזיכטיק. צו די פּערזענליכע באַגריסונגען האָט קיין סוף נישט גענומען. שפּעט פאַרטאָג איז ביי זיסון אין פּאַלאַץ סערווירט געוואָרן הינדעק און שאַמפּיין לכבוד די מחברים און צווישן די געסט זיינען געווען באַרימטע רומענישע שריפטשטעלער און דער גוטער באַרבו נעמצעאַנו, וואָס איז שוין געווען געפערלעך קראַנק און ער האָט געוואוינט אַרויס פון דער שטאָט, איז ספּעציעל געקומען צו דער פּרעמיערע און ער איז שוין געבליבן ביז נאָך דעם גלעזל שאַמפּאַניער עס איז באַלד אַרויסגעזאָגט געוואָרן די מיינונג, אַז אַזוי ווי רומענישע יידן לייענען שוין נישט קיין יידיש, קען די טעאַטער רעווי פאַרנעמען דאָס פּלאַץ פון דער יידישער צייטונג און ווערן דער געמיש פון פון פּרעסע און טעאַטער. ביידע מחברים זיינען אַוועק מיט פּאַרדרייטע קעפּ און זיסוס גרויסאַרטיקע קאַרעטע האָט זיי אָפּגעפירט אין זייער היים (זיי האָבן שוין געוואוינט אין איין צימער) אין דער אָרימער יידישער געגנט. אונזער העלד האָט געפילט ווי ער לאָזט זיך אויף אַ נייעם וועג און אפשר אויף דעם ריכטיקן וועג. ער האָט פאַר די אויגן געזען אַ גרויס טעאַטער אין אָדעם וואו מען שפּילט זיין רעווי און מען אַקלאַמירט אים. די קאַרעטע איז אַרויפגעקומען אויף די שלעכט ברוקירטע גאַסן

און זי האָט זיך געטרייסלט און אַרויסגעטרייסלט די קישקעס. זיי זיינען דורכגעפאָרן דורך דעם שענק, וואו זיי האָבן פארבראכט ביז טאָג נאָך דער פאַרשטעלונג פון „לעצטע" און יאנקל האָט זיך געקלערט, אז יענע שמחה איז געווען די אמתע און אז אויך נאָך דער איצטיקער פּרעמיערע האָבןביידע מחברים געדאַרפט אוועקגיין מיט יונגעלייט אין שענק אַריין, נישט צום פּריץ אין פּאַלאַץ אַריין: שטערנבערג איז געזעסן איינגעהויקערט, אזוי ווי שטענדיק און ער האָט אַריינגערוקט די הענט אין די אַרבל אַריין און ער האָט מיט אַן עלנבויגן געגיבן אַ שטויס זיין חבר און אין געפרעגט מיט לאַכנ־דיקע אויגן:

— פון וואָס טראַכסטו?

— פון דעם זעלביקן, וואָס דו — האָט אים יאנקל געענטפערט.

זיי האָבן ביידע אָפּגעשטעלט דעם קוטשער און אים געהייסן פאָרן אהיים און אליין זיינען זיי אַריינגעגאַנגען און זיך געהייסן גיבן איין ביסל בראָנפן און אַ צווייטס. ביים דריטן איז שטערנבערג צוגעשטאַנען און ער האָט געזאָגט, אז ווען ער טרינקט מער וויפל ער קען, הויבט ער אָן צו ליידן ניים־טיק. זיי האָבן געטרונקען לחיים פאַר דעם נייעם וועג און זיי האָבן זיך צע־קושט. דער שענקער האָט זיי געפרעגט, צי זיי האָבן שוין ערגעץ געטרונקען פריער. ער האָט געוואוסט, אז מענער קושן זיך נאָר ווען זיי זיינען שיכור.

אויף דער גאַס האָט זיי באַגעגנט אַ בלייכער פרימאָרגן, וואָס האָט זיך אַריינגערוקט אין לייב אַריין מיט אַ דראָזש. אַנטקעגן געקומען זיינען קומענ־קערער מיט צילינדערס און מיט הענט און פּנימער, וואָס האָבן געהאַט דעם זעלביקן קאָליר, וואָס זייערע צילינדערס. מילך־גויהם זיינען אַנטקעגן גע־קומען אַ פּנים צו ווייזן ווייס נאָך שוואַרצס; וועגענער האָבן געפירט ריזיקע זייטן פלייש פון בהמהס. דאָס בלוט האָט פון זיי גערונען. אויך גאַנצע חזירים האָבן וועגענער געפירט. ס'איז קאַלט געוואָרן צו קוקן אויף די שטיקער פלייש. עס איז די צוויי מחברים אַנטקעגן געקומען אַ גאַנצע מחנה קי און קעלבער, וואָס זיינען געגאַנגען אויף דער שלעכטער ברוקירעכץ מיט די שאַר־פע שטיינער און זיי האָבן געסטאַרטשעט די גרויסע רחמנות־אויגן און עס האָט זיי גערונען סליונקעס. זיי האָבן אויסגעזען ווי פּראָווינציאַלן, וואָס קו־מען צום ערשטן מאָל אין שטאָט אַריין. פון צייט צו צייט האָט אַ קו אַ ברום געטאָן און ס'האָט זיך, דאַכט זיך, געפילט טויט־שרעק... עס איז אַנטקעגן געקומען אַ ייד מיט הייסע בייגל. זיי האָבן געקויפט צוויי בייגל, וואָס האָבן געהאַט טעם גן עדן. זיי האָבן אין איינעם געזאָגט, אז זיי האָבן נאָך קיינמאָל נישט געפילט אזא טעם אין אַן עסן...

יאנקל האָט ברום געטאָן דאָס לידל, וואָס לעאָן בערגער אלס מרדכי סע־גאַלעסקו האָט געזונגען אין דער לעצטער פּאַטפּורי:

אל תירא, עבדי יעקב,
פּאָרטרייב דיין מרה שחורהלע,
פון שחורה מאַכן שחורהלע,
איז אונזער טעאַטערס תורהלע.
פון קוטשמע ווערט אַ שטריימעלע,
אַבי ס'זאָל זיין אַ גראַמעלע,
די סחורה שיקט אונז גאַליציע און אַמעריקע,
אַמעריקע — כאַלעריקע...

שטערנבערג האָט געפרעגט, צי דעם עולם האָט עס ריכטיק אויפגענו־מען. יאַנקל האָט דערמאָנט אַן אַנדער לידל פון דער זעלביקער פּאַטפּורי:

נישט מער יאַרגאַ, יאַרגאַלע,
נישט מער קוזאַ — קוזאַלע,
ביידע גוטע אַנטיקעלעך,
פּאַרצי זיי אויף אַ שטריקעלע...

אָט די שורות האָט מען אַפּלאָדירט.
שטערנבערג האָט געפרעגט:
— איז דאָס שוין דער וועג?
יאַנקל האָט דערפילט, אַז זיין חבר פליט אַ סך ווייטער פון אים און ער האָט דערפילט, אַז אים וועט אַ סך מאָל אויסקומען אים נישט צו לאָזן פאַר־פליען צו ווייט און ער האָט געענטפערט:
— וואָס זאָגסטו עפּעס צו די בייגל? האָסט שוין געגעסן אַזעלכע?
יעקב ראַבינזאָן האָט פון ערגעץ אַנגעצויגן און ער האָט געטראָגן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט געווען אָפּגעהאַקט. ער האָט אויך מודה געווען, אַז אַזעלכע געשמאַקע בייגל האָט ער נאָך נישט געגעסן...

☆

קאפיטל ניין

...און ער האָט געפירט אין הארצן אריבער פיר יאָר וואונדער.

נאָך א רעגן שיינט די זון און פארקערט. די צווייטע רעווי, וואָס האָט געהייסן „בוקארעשט ירושלים" האָט שוין נישט געהאט דעם דאָזיקן דערפאָלג, וואָס „צימעס", כאָטש, אָדער טאקע. ווייל זי איז געווען א סך אן אינהאלטס־פולערע און טיפערע. די מחברים האָבן זיך פארגאלאָפירט. זיי האָבן זיך א נעם געטאָן צו די מאָדערנע טעמפלען, וואָס זיינען אין בוקארעשט געווען מער נעסטן פון קאָנסערוואטיזם, רעאקציע און טאקע אסימיליאציע, איידער רע־ליגיעזע צענטערס. די מחברים האָבן צונויפגעבראכט אין א סצענע א מאָ־דערנעם הער דאָקטער ראבינער מיט אן אלט מאָדישן רב און זיי האָבן דעם ערשטן געוויזן צביעותדיק און דעם צווייטן — אויפריכטיק. זיי האָבן טאקע גענומען לעבעדיקע פארשוינען; אין בוקארעשט איז עס געווען דער־לויבט. מען האָט אין די רומענישע רעווים קריטיקירט אפילו דעם פרעמיער מיניסטער. דער מאָדערנער הער דאָקטער ראבינער איז געווען א קלוגער און ער האָט די ביטערע פיל אראָפגעשלונגען מיט א שמייכל און ער איז אפילו ארונטערגעקומען באגריסן די מחברים נאָך דער פאָרשטעלונג. ער איז געווען גענוג דיפלאָמאט צו פארשטיין, אז מיט אזא העפלעכקייטן וויזיט וועט ער זיך איינשפאָרן א צווייטן קיבעץ. אנדערש איז געווען מיט דעם אלטמאָדישן רב, אים האָט זיך געדאכט אז מען מאכט חוזק פון אים. די מחברים האָבן אים באזונגען, אָבער זיי האָבן אים אויך געוויזן נאיוו, תמימותדיק און דאָס דאָ־זיקע האָט ער נישט געקענט פארטראָגן. ער האָט נישט געוואָלט, האָט ער געזאָגט, אז מען זאָל אים וויזן אין טעאטער און מאכן אים פאר א פאיאץ... ער האָט פריער געפרואווט ווירקן מיט גוטן און ווען עס איז אים נישט גע־גאנגען, האָט עמיצער אין זיין נאָמען אנגעשפארט צום דייטשן צענזאָר. יאנקל האָט געהאט א שווערע דיסקוסיע מיט דעם דייטשן פוסק אחרון, ביז וואנען יענער האָט דערלויבט, אז די רעווי זאָל גיין ווייטער. דער יונגער מחבר האָט דעם צענזאָר איבערציינגט, אז אין דער סצענע איז נישטאָ קיין חוזק פון רעליגיע, ער האָט אים אָבער נישט געקענט איבערציינגן, אז די רע־

ליגיעזע פּאַסטוכער נעמען דאָס נישט אויף ווי אַן אָנגריף אויף דער רעליגיע. געווען אין יענער רעווי אַ סצענע מיט — הערצלען. אויף קאַליאַ דודעשט איז געווען אַ שענק, וואָס האָט זיך גערופן „דר. טעאָדאָר הערצל" און אויף דער פירמע איז געווען זייער שלעכט אויסגעמאָלט דאָס בילד פון ציוניסטישן מנהיג. האָבן די מחברים געמאַכט ווי נאָך האַלבער נאַכט גייט „הערצל" אַראָפּ פון שילד און ער זאָגט, אַז געמאַכט האָט אים אַ שמירער, ער איז קוים, קוים ענלעך צו יענעם גרויסן טרוימער, אָבער צוליב דער ווייטער ענלעכקייט פילט ער אין זיך צומאָל אַ שטאַרקע קראַפט. ער קוקט צו ווי די בוקאַרעשטער יידן ווערן אוים יידן און ער קען עס שוין נישט אַריבערטראָגן און אין זיין בלעכענער ברוסט הויבט זיך אויף אַ שטורעם. און ער גרייט זיך אָפּצושפּילן דעם אמתן „רעוויסטע־שפּיל" די בוקאַרעשטער יידישע מנהיגים. אויך די דאָ־זיקע סצענע האָט דער עולם נישט קלאָר באַנומען. דער איינציקער, וואָס איז מיט איר געווען שטאַרק צופרידן, איז געווען דער מאַליאַר, וואָס האָט געמאַכט יענע שילד. פאַר אים איז די דאָזיקע סצענע געווען אַ גרויסער כבוד און ער איז צוגעקומען באַלד נאָך דער פּרעמיערע צו אונזער העלד און אים אָוועקגערופן אין אַ זייט אַריין און אים פאַרטרויעט דעם סוד, אַז ער האָט געשאַפן דאָס דאָזיקע קונסט־ווערק... דעם גרעסטן חלק אין דורכפאַל פון דער רעווי האָט געהאַט אַ סצענע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף דעם בית עולם. די קהילה האָט אַרויסגעגיבן אַ נאַרישע פאַראָרדענונג מיט אומגעלומפּערטע כללים וועגן דעם ווי אַזוי מען זאָל זיך אויפפירן מאַנירלעך אויף דעם היי־ליקן אָרט. זיינען געגאַנגען אונזערע מחברים און האָבן געמאַכט אַ סצענע אויף דעם בית עולם און אַרויסגענומען מתים פון די קברים און דערוייל אַ שמעק געטאָן צו פּרצס „ביינאַכט אויף דעם אַלטן מאַרק" און אַריינגעבראַכט אַביסל מיסטיק. דערנאָך זיינען די מתים געוואָרן קאָמיקער און זיי זיינען אַריינגעפאַלן אין רעווי־טאָן, אָבער ביז וואַנען ס'איז צוגעקומען צו דעם, האָט זיך דער עולם איבערגעשראָקן אויף טויט. די פאַרוואַלטונג פון דער קהילה האָט זיך געפילט באַליידיקט און זי האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר חברה, אַז זיי זאָלן פייפן און ס'זיינען נאַכט אויף נאַכט געווען סקאַנדאַלן. דערצו זיינען נאָך איניקע סצענעס געווען געשריבן כמעט אין גאַנצן אויף דייטש — די מחברים האָבן איבערגעגיבן געטרי ווי אַזוי די ראַבינערס בעק און נע־מיראָווער פלעגן ריידן און די אַקטיאָרן, וואָס זיינען געווען גאַנצע קנאַקערס אויף צו ריידן „דייטש" אין לאַטיינערס פיעסן, האָבן זיך דאָ איבערגעבראָכן די ציין און זיי האָבן פאַרלאַנגט יידיש... עס איז געווען אַ סצענע אַ פּאַראָ־דיע אויף דער „קאָנפירמאַציע" פון די מיידלעך. וואָס ראַבינער דר. בעק האָט איינגעפירט. דאָס איז געווען אַ מין בר מיצווה, וואָס מען האָט געפּראַוועט אין טעמפּל מיט צוועלף יעריקע מיידלעך אויף דעם קאַטוילישן נוסח. די מחברים האָבן געבראַכט די „קאָנפירמירטע" מיידלעך מיט תפילין אויף די

קעפּ און דער ראַבינער האָט צו זיי געזונגען מיט אַ מעלאָדיע פון דער אָפּע־רעטע „דאָס פּאָסט־מיידל״:

איזראַעלס טעכטער, ליבע מיין,
גיין מיט מיר צו די הקפות לאַד איך אייך יעצט איין.
זיבען מאָל דען רעכטן פוס. מיט דען זעלבן נוסח זיבען מאָל דען לינקען דאַן —

דיעזער שיינער פּלאַן
אין קרבן מינחה שטייט —
איך עמפּפעלע: גייט!
דאָס איזט איין מי־מי־צווה,
גראַד זאָ ווי קצבה... א. א. וו.

איידער די פּראָצעסיע פון די מיידלעך מיט די תפילן איז דורכגעגאַנגען, איז אַרויסגעקומען אַ שמש פאַר דעם פאָרהאַנג און ער האָט געזאָגט, אַז די תפילן זיינען נישט פון קיין פּאַרמעט און זיי האָבן נישט קיין פּרשיות און זיי זיינען געמאַכט אין אַ בלומען־פּאַפּיר געשעפט פון קאַרטאָן און די מחברים האָבן נישט געוואָלט חלילה אָפּשפּעטן פון קיין תפילן, נאָר פון די קאַטוילישע מינהגים אין דער יידישער שול, אָבער די יידן האָבן די זאַך דאָך אָנגענומען ווי אַ חוזק פון תפילן און זיי האָבן פּראָטעסטירט. די מחברים האָבן דעמלט געלערנט צוויי זאַכן: אַז אין קיין רעווי ברענגט מען נישט קיין מתים און אַז מיט תפילן, מעגן זיי זיין פון פּאַפּיר, מאַכט מען קיין שפּאַס נישט. יעדנפאַלס איז די לעקציע מיט דער רעווי „בוקארעשט ירושלים״ געווען זייער אַ נוצלעכע פאַר אונזערע מחברים. זיי האָבן דערנאָך געהאַט קלענערע און גרעסערע דערפּאָלגן מיט רעווים, אָבער קיין סקאַנדאַליעזע דורכפאַלן האָבן זיי שוין מער נישט געהאַט. זיי האָבן דערנאָך געהאַט אַ רעווי „אין מיטן דרינען״, וואָס איז געווען געבויעט אויף סיורפּריזן. אין סאַמע מיטן דרינען זיינען געקומען פאַרשיידענע אומדערוואַרטקייטן. אין מיטן אַ באַל איז אָנגעקומען דוד איינהאָרן און ער האָט אַריינגעבראַכט אַ טראָפּן ראָמאַנטישע פּאָעזיע. אין מיטן אַ פאַרזאַמלונג פון פאַרבאַנד פון די רומענישע יידן איז אָנגעקומען מענדעלע מוכר ספרים און דווקא מיט דער קליאַטשע איבער דעם גאַנצן גאָרטן און ער האָט די מה יפתניקעס דערציילט די מעשה און זיי דערציילט ווי אַזוי מען דאַרף קעמפן פאַר עמאַנסיפּאַציע. אין דער שפּיץ פון דערמאָנטן „פאַרבאַנד״ זיינען געשטאַנען פיר אַדאָלפס. איינער פון זיי, אַדאָלף שטערן, איז געווען אַ פערזענלעכקייט. ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ גרויסער קולטור און אין דער יוגנט האָט ער געשריבן פּאָעזיע און נישט אָן טאַלאַנט. אויף די עלטערע יאָרן האָט ער זיך גענומען איבערזעצן

קאַרדוטשין אויף רומעניש און מיט גרויס דערפּאָלג. מען האָט דערקענט, אַז ער איז אַ פּערזענלעכקייט אין דעם, וואָס זייענדיק שוין אין דער טיפער ביי־בלישער עלטער האָט ער געהאַט אַ... יונגע געליבטע און אַ זייער אינטערע־סאַנטע און אַ שיינהייט דערצו. ווען ער איז געגאַנגען אין איינעם מיט איר האָט זי אויסגעזען ווי זיינס אַן אייניקל. די אַנדערע דריי אַדאָלפס זיינען שוין געווען פּשוטע סוחרים. מענדעלע האָט זיי געשטעלט זיך אונטערשרייבן פיר מאָל אַדאָלף און ער האָט דערנאָך באַמערקט: „פיר אַדאָלפס און זיי קענען נישט ברייננגען קיין איין שטיקל עמאַנסיפּאַציע און איין משה רבינו האָט אַרויסגעפירט די יידן פון מיצריים..." דער „זיידע" פון דער יידישער ליטעראַטור האָט דערציילט ווי אַזוי ער מיט זיין קליאַטשע פירן דעם קאַמף פאַר עמאַנסיפּאַציע און ער האָט זיי געזאָגט, אַז זייער שרייבן פּעטיציעס איז אַ שרייבן אויף ווייך פּאַפּיר און ער האָט געזונגען מיט אַ רומענישער מעלאָדיע און אפילו מיט אַ לאָקאַלן גראַם פון „סגולה" מיט „מחילה":

אוי, נענונג מיט פּעדער קריצן,\
טינט און פּעדער זאָל אויפהערן,\
וואָס מישט אוים מיט בלוט און שאַנדע\
אונזער בלוט און אונזער טרערן.\
שרייבט זשע, שרייבט אויף ווייך פּאַפּיר,\
ס'איז אַ סגולה,\
ווייל דער פּריץ האָט די צוואַנג —\
האָט די צוואַנג מחילה...

צוליב מענדעלען איז שוין געקומען ביילע די האַרבאַטע פון „פּישקע דעם קרומען", וואָס האָט געפירט אַ ליבע דווקא מיט ישראַליקן דעם משוגע־נעם. ביילע האָט געהאַלטן אַ קורצע רעדע וועגן די ביכער מענדעלעס און ווען זי האָט זיך פאַרחלומט דורך דעם לייענען, איז דערשינען ישראַליק, וואָס האָט געזאָגט זיין באַרימטן מאָנאָלאָג „שפּיל, סאָלאָוויי!" יאַנקל געדענקט נישט קיין בעסערע לעקציע וועגן מענדעלען ווי אין יענער רעווי.

אַ פּאַסירונג פאַרצייכנט זיך דאָ אונזער העלד, וואָס ווייזט וואוהין אַק־טיאָרן קענען פאַרקריכן מיט זייער „אַרבל פּראַזע"; געווען אַ סצענע אין יע־נער רעווי, אין וועלכער די בינע בלייבט ליידיק און דער סופליאָר קריכט אַרויס פון קאַסטן מיטן ליכט אין האַנט און ער זוכט אַ מענטשן און געפינט נישט און ער שטעלט זיך אַליין זינגען אַ קופּלעט. די מחברים האָבן זיך דאָ אָפּגערעכנט מיט א. ל. זיסו, וואָס האָט געהאַט אַ טבע זיך לאָזן אַנאָנסירן מיט רעפּעראַטן און נישט קומען. דער סופליאָר האָט געזאָגט: „אַז טבע האָט ער שוין, ער לאָזט זיך אַנאָנסירן און ער קומט נישט... לאָמיך קיין ליגן נישט

זאָגן: איין מאָל איז ער יאָ געקומען — צו זיין חתונה". (דאָס איז געווען אַ שטאָך, ווייל ער האָט געקראָגן אַ גרויסן נדן.) באַלד נאָך אָט דער פראַזע האָט דער סופליאָר געדאַרפט זינגען דעם קופלעט. האָט אַ כאָריסט דערציילט אונ־זער העלד, אַז דער אַקטיאָר, וואָס שפּילט דעם סופליאָר, זאָגט, אַז ס'איז צו ליטעראַריש „צוגעפּירט" צום לידל און ער וועט זיך מאַכן אַן אייגענעם „צו פיר"; יאַנקל האָט געפּאַקט דעם אַקטיאָר — ער האָט געהייסן שמילאָ וויטש ער איז געווען אַ קליינער און אַ רירעוודיקער און נישט אָן טאַלאַנט, און ער האָט אים געפרעגט, וואָס ער קלויבט זיך צו זאָגן פאַרן לידל, האָט ער געענטפערט: „איך וויל זאָגן: און ווען א. ל. זיסו איז ש ו י ן געקומען צו דער חתונה האָט ער געגיבן דעם אמתן שאָס..." א. ל. זיסו איז נאַטירלעך געקומען צו דער פּרעמיערע און די מחברים האָבן זיך געפילט ווי געראַטעוועט פון אַ שריפה. די אַקטיאָרן האָבן שווער באַנומען, אַז וועגן קאָנקרעטע מענ־טשן דאַרף מען זיך היטן מיט אַ וואָרט. איין מאָל האָט פון דעסט וועגן פּאַ־סירט אַ סקאַנדאַל: מאַדאַם בערגער האָט געהאַט אַ סצענע אין זאַל. זי האָט זיך געדאַרפט אנידערזעצן און זיך פּאָכען, האָט זי זיך אַליין ארייגעשטעלט אַ „סצענע"; אַ כאָריסטקע האָט זי געפרעגט: „לעבן וועמען זיצסטו? לעבן גנבֿ?" האָט זי געענטפערט: „ניין, לעבן שיכור"... ס'איז געפאַלן אַ געלעכ־טער, אָבער דער שכן פון דער אַקטריסע האָט עס אָנגענומען פאַר אַ באַליי־דיקונג און דערצו איז ער געווען אַ שיכור אויך, האָט ער געמאַכט יענעם סקאַנדאַל...

די לעצטע צוויי רעווים פון יענעם סעזאָן האָבן געהייסן „פּאָיע ווערדע — גרינע בלעטער" און „אויפן בוידעם אַ יאַריד". זיי זיינען שוין געווען פון אַ לייכטערן זשאַנר און זיי האָבן געהאַט פּשוטן שלום עליכמדיקן הומאָר און פון צייט צו צייט אויך אַ געוויסע פּיקאַנטקייט. אַ פּאָרל פּאַרפום־הענדלער האָט געזונגען:

> מיר האָבן פּאַר וואַנציעס בענדער
> באַצויגן פון ווייטע לענדער
> און רבנים, וואָס קוועטשן דעם שטענדער
> קויפן אויכעט ביי אונז בענדער...

איין גאָט איז אַן עדות, אַז ווען די אַקטיאָרן האָבן געזונגען אַזעלכע שורות פלעגן ביידע מחברים האַלטן פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, אָבער מיט דער צייט האָבן זיי זיך דערלויבט שאַרפערע פּיקאַנטערייען. דאָך איז די הויך פון קולטורעלן טאָן און מאַניר אָנגעהאַלטן געוואָרן ביז אין לעצט. אין איינער פון די רעווים האָבן די מחברים געבראַכט צוויי טיפּישע בוקאַ־רעשטער הוליאַקעס, וואָס מען רופט „ליקעע" און זיי האָבן זיי געשטעלט

זיך קלאָגן אויף דעם „פייער־אָוונט", וואָס צווינגט צו פאַרמאַכן פונקט צוועלף אזייגער אַלע נאַכט־לאָקאַלן און זיי האָבן ביידע געזונגען א לידל וועגן דעם, אָבער דער באַגריף „פייער־אָוונט" איז פּאַוואָליע אויסגעוואַקסן צו רעאַק־ציע. איינער פון זיי האָט געזונגען:

פייער־אָבענד שטונדע דאָרט אין רוסלאַנד
יאָרן־לאַנג זיך געצויגן און געדויערט,
איבער אירע שטעט און ברייטע סטעפּעס,
ווי א וואָלף — די שוואַרצע נאַכט געלויערט.
נישט קיין נאַכט, עס איז געווען א שאָטן,
פון דעם צאַרסקע פּאַלאַץ ער געפאַלן,
אויף דעם גאַנצן פאָלק, וואָס האָט געשמאַכטעט
אָן א טראָפּן טוי און זונען־שטראַלן.
א רויטער האָן, אין איין נאַכט
אויפגעפלויגן אין דער פינסטער,
אָנגעהויבן קרייען דאָרט
אויף דער פּאַ מינאָר דער דינסטער
איצט אפילו א ליקעא
פרעדאָנירט דאָרט אויף דער לאַ —
קוקוריקו, קוקוריקו־קוקו־ריקו!

איין רעווי האָט מען געשפּילט אלול־צייט, האָבן די מחברים געבראַכט חודש אלול און זיי האָבן אריינגעפירט דעם נוסח פון אַשם ראָמאַנטיק. די מיסטישע פיגור אלול האָט געזונגען:

שטייט אויף, שטייט אויף, דער אַלטער סליחות שמש
מיט לאַמטערן און מיט שטעקן שפּאַנט
ווי א טויב איצט וויינט און ברומט די שכינה
ביי דער כותל המערבי וואַנט.
אַנגעצונדן האָט דער הימל אַלע שטערן,
אונטן גייט צו סליחות קינד און קייט —
שטיל די נאַכט, זיך הערט די גאַנצע וועלט צו,
ווי עס שורשעט אונזער גלות קלייד.
שטייט אויף, שטייט אויף, דער אַלטער סליחות שמש
מיט לאַמטערן און מיט שטעקן גייט,
הינטער אים געשפּענסטער ציען —
די הייליק יידישע מאַרטירער קייט...

זייט דאָס דאָזיקע איז געשען זיינען שוין זעקס און צוואַנציק יאָר אַריין אין דער אייביקייט און כאָטש אונזער העלד האָט נישט קיין איין בלעטל פון יענע טעקסטן, געדענקט ער אַלע לידער און אויך זייער אַ סך פון דער פּראָזע אויף אויסנווייניק. איין סצענע געדענקט זיך אים געגנוי. ס'איז דעמלט שוין געווען אַ גרויסער מאַנגל אין בוקאַרעשט און בכדי צו קריגן שפּייז, האָט מען געדאַרפט שטיין אין דער ריי, האָבן די רומענישע רעווי מחברים געבראַכט ווי דער עולם שטייט אין דער ריי פאַר מילך, פלייש, ברוט א. א. וו. שטערנבערג און יאַנקל האָבן געבראַכט אַ „ריי" מיט אַ שפּיצל. ס'זיינען שלעכטע צייטן און מען גייט זיך אַזויפיל טרינקען אין דער דימבאָוויצע, אַז מען מוז מאַכן אַ ריי אויך ביים טרינקען זיך. און די דאָזיקע, וואָס שטעלן זיך אין דער ריי, זיינען געווען באַקאַנטע און באַרימטע פּערזענלעכקייטן. ס'איז געקומען אַ באַוואוסטער באַנקראָטשיק פון יענער צייט, דער צאַר, וואָס האָט געמוזט אַפּדראַנקען. עס איז אויך געקומען לאַטיינער, דער שונד-מחבר, ווייל די מאָדערנע יידישע דראַמאַטורגן דערגייען אים די יאָרן. פאַר דעם טויט האָט ער געזונגען אַ מין ווידוי מיט דער מעלאָדיע פון זיין „מוטער-הערץ", עס געדענקען זיך שורות:

פאַרהאַנג פאַלט, אוי, אוי פאַרהאַנג פאַלט,
שטאָק פינסטער אויף דער בינע,
אויף מיין הערץ ווירד קראַצן באַלד
אַ קאַץ מיט אויגן גרינע.
טרייסט דיך, הערץ,
אַקטיאָרן דאָך
און מיט שלעכטער עברי נאָך
אונטער אַ חופה וועלן דיר —
מאַכן מלאָם אָן אַ שיעור...

צום שלום פון אָט דער סצענע זיינען אַרויפגעקומען די מחברים אַליין אַזן ווי האָבן געהאַלטן אַ רעדע קעגן שונד-טעאַטער און זיי האָבן אַרויסגערופן שטורמישע אָוואַציעס. דער סעזאָן האָט זיך פאַרענדיקט מיט לעאָן בערגערס בענעפיס, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שטיקל סקאַנדאַל. דער טאַלאַנטירטער קאָמיקער האָט איבערגערעדט די יונגע מחברים, אַז זיי זאָלן אים אָנשרייבן אַן איינאַקטער „הערשעלע אָסטראָפּאָליער". ביים שרייבן האָבן די מחברים זיך אַזוי צעקריגט, אַז זיי האָבן זיך שיעור נישט געגט אויף שטענדיק. יאַנקל האָט געוואָלט מאַכן דעם רבין ר' ברוכל פאַר אַ נעוראַסטעניקער און פאַר אַ שטיק איוואַן דער גרויזאַמער און שטערנבערג האָט אים דווקאַ געוואָלט מאַכן פאַר אַ שטיק בערדיטשעווער רב. אַזוי ווי שטערנבערג איז

געוועזן דער גרעסערער עקשן, האָט אים אונזער העלד נאָכגעגעבן, אָבער מיט א פארדרוס איז ער געבליבן און אויך מיט א באשלוס אליין אָנצושרייבן א גאנצע פּיעסע „הערשעלע אסטראָפּאָליער". בערגער האָט דעם איינאַקטער אזוי פארשונדעוועט, אז די מחברים האָבן געמוזט שרייען, אז ס'איז נישט זייער פּיעסע, דער עולם האָט זיך סתם געפילט אָפּגענארט, ווייל ער האָט דערוואַרט א גאנצע פּיעסע און דאָ איז געווען אן איינאַקטער און ער האָט געטומלט. אין יענעם אָוונט האָבן די מחברים זיך געגעט מיט דער טרופּע, וואָס האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן צו פארהאנדלען מיט אנדערע מחברים, וועלכע האָבן זיך אָנגעבאָטן צו שרייבן נישט קיין יאָלדישע רעוויסטעס און מיט ניבול פּה און מיט באנאַליטעטן, אזוי ווי די רומענער שרייבן. דער ערשטער יידישער רעווי פּרואוו איז געווען א זייער גראָטענער און דער סעזאָן איז פון א סך באַצייכנט געוואָרן ווי אן עפּאָכע מאַכנדיקער. עס האָבן אין יע־נעם סעזאָן דעבוטירט צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן די צוויי טעכטערלעך פון די שושפּילער בערגער און שמילאָוויטש; זיי זיינען נאָך דעמלט געווען קינדער, שפּעטער זיינען זיי ביידע געוואָרן באוואוסטע אַקטריסעס. ראשעל בערגער איז געוואָרן א דראַמאַטישע שוישפּילערין און יעטע שמילאָוויטש — א סובּרעטין. עס האָט אויך אָנגעהויבן צו שפּילן אניע קאַפּוסטין, א יידיש מיידל, וואָס איז אריין אין טעאַטער ווי א כאָריסטקע און איז דערנאָך גע־וואָרן די סובּרעטין פון דער טרופּע. אניע קאַפּוסטין איז מיט דער צייט גע־וואָרן א באוואוסטע רומענישע אָפּערעטן שוישפּילערין נישט אזוי צוליב איר טאַלאַנט, ווי צוליב איר שיינקייט און די אנטיסעמיטן האָבן איר געמאַכט סקאַנדאַלן און זי אראָפּגעשלעפּט פון דער בינע. די אַקטריסעס זיינען געווען זייער אייפערזיכטיק אויף דער דאָזיקער כאָריסטקע און מאַדאַם בערגער. וואָס איז שוין דעמלט געווען א פרוי אין די פערציקער, האָט דווקא געוואָלט שפּילן אירע ראָליען פון אכצן יעריקע מיידעלעך... יאַנקל האָט צום ערשטן מאָל גע־הערט דאָס אייביקע לידל פון די עלטערע אַקטריסעס: „איר זיינט פארליבט אין איר. גיט איר איר ראָליען..." דער פּראָצעס פון אריינלאָזן א נייע יונגע אַקטריסע אין א טעאַטער אריין, איז אזוי וויטיקלעך ווי א קימפּעט. אויך די דיקלעכע קורצע פּרימאַדאָנע לאַהקעלע קרייזלער איז געווען מוראדיק אייפער־זיכטיק אויף דער עלעגאַנטער אניע קאַפּוסטין און זי האָט געשיט פּעך און שוועבל אין דער ציגיינעריש־יידישער שפּראַך פון איר מאַן. די דאָזיקע פּרי־מאַדאָנע האָט נישט געקענט נאָכזאָגן קיין פרעמד וואָרט. זי האָט איין מאָל געדאַרפט זאָגן „סטאַטיסטיק", האָט זי געזאָגט „סטאַטיסטונג"; יאַנקל האָט זי איין מאָל געשטעלט איבערחזרן הונדערט און איין מאָל דאָס וואָרט סטאַ־טיסטיק, ווייל די גמרא זאָגט, אז „ס'איז נישט גלייך דער, וואָס לערנט הונ־דערט מאָל צום דעם, וואָס לערנט הונדערט און איין מאָל". אָבער ביי דער פאָרשטעלונג האָט זי געזאָגט: „סטאַטיסטונג"... דאָך האָט זי געוואָלט שפּילן

די אינטעליגענטקעס! די מחברים האָבן זי איבערגעבעטן מיט דעם, וואָס זיי
האָבן איר אַריינגעשטעלט אַ סטראָף װעגן איר יינגעלע משהלע, וואָס איז גע־
ווען פון יענער זייט פּראָנט. דער דערפאָלגרייכער סעזאָן האָט זיך פאַרענדיקט
מיט אַ סקאַנדאַל; ביים שפּיץ פון דער פרייד מוז מען באַגעגנען דעם טרויער.

די יונגע מחברים האָבן אין יענעם זומער פאַרדינט אַ היטל מיט געלט,
אָבער זיי האָבן געלעבט באַהעמיש און ס׳האָבן זיך לעבן זיי געהאַלטן אַ סך
אַרבעטסלאָזע. זיי האָבן אויך געהאַט חובות צו באַצאָלן און זיי זיינען גע־
בליבן אָן איין גראָשן. פריינט האָבן זיי איינגעאָרדנט אָן אָוונט אין אַ רו־
מענישן טעאַטער אין סאַמע צענטער און דער דערפאָלג איז געווען ממש אַ
ווילדער. די טרופּע האָט זיך גענומען גרייטן אַ רעווי אויף ווינטער און יאַנקל
מיט שטערנבערגן האָבן זיך אַרומגעדרייט אָן וויטערדיקע פּערספּעקטיוון,
אָבער מיט פולע הערצער און מיט כוואַליעס פרייד. אונזער העלד האָט אין
יענעם האַרבסט זיך צעבאַהעמעוועט אויף דעם מאַקסימאַלסטן אופן. ער פלעג
שפּאַצירן און הוליען ביז אין ווייסן טאָג אַריין און ער פלעג רייסן די וואַסער־
ליליען, וואָס האָבן געוואַקסן אין דעם טייכל, וועלכעס געפינט זיך אין דער
מיט פון דעם גרויסן גאָרטן „טשיזשמידזשיו" און מען פלעג אים נאָכלויפן
מיט מאָטאָר שיפלעך אים צו אַרעסטירן. פּרעפעקט איז דעמלט געווען איינער
טציגאַרע סאַמורקאַש, אויף וועלכן מען האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ נישט
געזעצלעכער זון פון קעניג קאַראָל. ער איז געווען אַ שיינער, געשטרעקטער
מאַן מיט אַ לאַנגער באָרד און מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל. ער פלעג ביי יעדן
מאָל, וואָס ער האָט געטראָפן אונזער העלד אין קאַנצעליאַריע אים אויסמוסרן
און אָנסטראַשען, אַז ער וועט אים אַריינזעצן אין חד גדיא אַריין און אים
באַלד היים אַרויסלאָזן. יאַנקל האָט אַמאָל גענומען אַ וואָגן מיט אַ גאַנצן פאַס
ווין און ר׳איז אַרויסגעפאָרן אויף דער גרויסער גאַס ליפּסקאַני אין דער צייט
פון שפּאַציר און ער האָט געעפנט דעם צאַפּן פון פאַס... עס איז געוואָרן אַ
קוויטשעריי און אַ געלויף פון די פרויען. מען האָט דעם סקאַנדאַליסט אַרעס־
טירט און ער האָט דערקלערט, אַז ער איז נישט שולדיק, דער צאַפּן איז אַליין
אַרויסגעפאַלן. דער פּרעפעקט האָט אָנגעצויגן און זיך געבייזערט, אָבער עס
איז נישט געווען וואָס צו טאָן, עס קען זיך דאָך פּאַסירן... דער פּרעפעקט
האָט געהייסן אַרויסלאָזן דעם באָהעם, אָבער ער האָט אים פריער אַריינגע־
שלעפּט אין אַ באַזונדער צימער אַריין און ער האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל
אים דערציילן דעם אמת. יאַנקל האָט זיך מודה געווען, אַז ער האָט עס גע־
מאַכט פאַר אַ שפּאַס, ווייל דאָס לעבן איז זייער טרויעריק. דער פּרעפעקט
האָט יאַנקלען געדרוקט די האַנט און אים געזאָגט, אַז עס טוט אים באַנק,
וואָס ער האָט נישט געזען דעם ספּעקטאַקל.

איינע פון די שטורמישסטע אַוואַנטיורעס האָבן אונזערע צוויי מחברים
דורכגעמאַכט נאָך כל נידרי. זיי האָבן מיטגענומען זייער פריינד, דעם אונ־

גארישן אָפיציר ווינקלער און זיי האָבן זיך א לאָז געטאָן איבער דער צענט־ראַלער גאַס, וואו עס האָבן שפּאצירט אריסטאָקראַטישע הערן און דאַמען, אָפיצירן און קאָקאָטעס און זיין האָבן גענומען אָפּשטעלן די פרויען און זיי פרעגן:

„מי הוא זה מלך הכבוד?"

זיי האָבן גערעדט דייטש און פראַנצויזיש און רומעניש און נישט אויפ־געהערט שטעלן אָט די פראַגע ביז וואַנען איין בלייכע און שטאַרק געפּאַרבטע גאַסן־פרוי האָט געענטפערט: „ה' צבאות הוא מלך הכבוד סלה" און זי האָט צוגעגיבן „איני יודעת לדבר עברית". ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז די טאָכטער פון א העברעאישן לערער. יאַנקלס א באַקאַנטער. די יאַטן האָבן זי איינגעלאַדן פאַר א שנאַפּס אויף א פאַרברייננגעכץ און זי האָט געענטפערט, אַז ווייל ס'איז היינט כל נידרי, וויל זי נישט גיין מיט קיין יידן...

די צוויי ליטוועקעס אלקנה און בן מנחם האָבן אין יענער צייט פאַר־שלעפּט די צוויי מחברים אין א פאַמיליע, פון וועלכער זיי זיינען געוועז אַנט־ציקט און זיי האָבן געזאָגט, אַז דער באַלעבאָס איז א טביה דער מילכיקער. ס'איז דאָרט, נאַטירלעך, געוועז א פולע שטוב מיט טעכטער און דווקא נישט גאָר קיין שיינע. נאָר די יינגסטע איז געוועז א שיינע. זי איז דערנאָך גע־וואָרן א באַוואוסטע רומענישע אַקטריסע אונטערן נאָמען אַרדזשעטאַיאַנו (זי האָט געהייסן זילבערמאַן). די פאַמיליע האָט געוואוינט אַרויס פון דער שטאָט לעבן פעלד און זי האָט געהאַט קי און ס'איז דאָרט געוועז פרישע מילך און ס'האָט טאַקע געשמעקט מיט טביהס שטוב. עס איז געוועז א שטיק צייט פריילעך אין יענעם הויז. מען האָט געזונגען לידער און געלייענט שלום עליכמן און געטאַנצט און געזונגען. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז די מיידלעך האָבן גע־זוכט שידוכים און זיי האָבן זיך אַליין איינגעטיילט מיט די חתנים; און ווען די מיידלעך האָבן זיך איבערצייגט, אַז ס'איז א חלום, איז געוואָרן אויס שמחה און די עלטערע האָט געזאָגט שוין אויף רומעניש „די אי דראַקולוי, קו מאַט שלום עליכם" — שיק זיי צום טייוול מיט דעם גאַנצן שלום עליכם... יאַנקלען איז פון דעסט וועגן פאַרבליבן אין גענמיט דער טרויעריקער אויס־דרוק פון דעם נישט שיינעם מיידל, וואָס האָט געוואָלט חתונה האָבן מיט אים און זי האָט זיך איינגערעדט, אַז זי איז פאַרליבט אין אים... אין יענער צייט האָט מען ביידע מחברים איינגעלאַדן אין א רייכן יידישן הויז און זיי האָבן זיך באַלד דערוואוסט, אַז אויך צוליב א שידוך. געוועז א בת יחידה אין הויז, א מיידעלע פון א יאָר זיבעצן, א קינדישם און א רייצנדיקס מיט א יינגליש קעפּל. מען האָט זי גערופן אויף פראַנצויזיש ל י ז י (מיטן טאָן אויף דער לעצטער זילבע) און אונזערע העלדן האָבן זי באַלד גערופן ליזעטשקע. יאַנקל האָט איר אָנגעשריבן אָט די פיר שורהם:

הייסן היים איך ליזעטשקע,
כ'האָב אַ קינדיש צעפּל
קליין און בלאָנד און רירעוודיק
מיט אַ רוחיש קעפּל.

זי איז געווען גליקלעך דערפון. דער פאָטער האָט געגיבן אָנצוהערן, אַז אים איז אַלציינס ווער פון די מחברים ס'וועט ווערן דער חתן. דאָס מיידעלע האָט אויך קיין חילוק נישט געמאַכט... און ווען דער פאָטער האָט זיך איי־בערצייגט, אַז די ליטעראַטן זיינען יאָלדן, איז דאָס מיידעלע אַ כלה געוואָרן פאַר אַן אַנדערן. וויפל מאָל יאַנקל האָט באַגעגנט סיי דאָס אָרימע מיידל, סיי דאָס רייכע, האָט ער געהאַט דאָס געפיל, אַז זיי שעמען זיך ביידע און ער איז געוואָרן טרויעריק. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס רייכע מיידל איז נאָך מער טרויעריק, עס פאַרדריסט איר, וואָס זי, אַזאַ רייכע, האָט נישט געקענט אויספירן אירס...

די צוויי יונגע מחברים האָבן אָפּגעשפּאָרט פון זייער ערשטן סעזאָן אַ סך חסידים און פריינד און אויך אַ היפּש ביסל פּרויען, וואָס זיינען געווען פאַרליבט אין זיי. אייניקע פון זייערע פריינד האָבן זיי גענומען איינריידן, אַז זיי זאָלן מאַכן אַ שותפות געשעפט מיט דער טרופּע קאַנער ־ גאָלדנבערג. די דאָזיקע טרופּע האָט געהאַט אַ זייער שלעכטן זומער. די רעווי האָט צוגע־נומען דעם גאַנצן עולם ביי זיי, כאָטש זיי האָבן געהאַט אַ סך מער און טאַקע בעסערע שוישפּילער. און אַזוי ווי בערגער ־ סעגאַלעסקו האָבן זיך געגרייט וויטער צו שפּילן רעווים, האָבן זיך קאַנער ־ גאָלדנבערג דערשראָקן און זיי האָבן פאָרגעלייגט די צוויי יונגע מחברים צו זיין גלייכע שותפים מיט די דריי שותפים פון דער טרופּע שרה און לעאָפּאָלד קאַנער און איציקל גאָלדנ־בערג. דאָס דאָזיקע איז געווען ממש אַ טריומף פאַר די יונגע שרייבער און זיי האָבן זיך געדונגען אַ צימער אין אַ גרויסאַרטיקן האָטעל און זיך אַנידער־געזעצט שרייבן. די טרופּע איז געווען אַ גרעסערע און אַ ווינטער־פאָרשטע־לונג האָט געדאַרפט געדויערן לענגער מיט אַ קאַרגער שעה און די נייע שות־פים האָבן פאַרלאַנגט נישט קיין צוויי אַקטן, נאָר טאַקע גאַנצע דריי. די מחברים האָבן זיך געפילט היפּש דערשעפּט. זיי האָבן דעם גאַנצן זומער גע־אַרבעט אָנגעשטרענגט און זיי האָבן ביידע געקראָגן אין איין אין דער זעל־ביקער צייט אַ צוואַנג. דאָקטוירים האָבן זיך געוואונדערט ווי אַזוי צוויי מענטשן האָבן געגוי איין און די זעלביקע קראַנקייט און זיי האָבן זיי ביידע פאַרשריבן גענוי די זעלביקע דיעטע. קיין יידישע ביבליאָטעק איז אין בו־קאַרעשט נישט געווען. שטערנבערג האָט געהאַט אַ זייער שוואַכן זיכרון, יאַנקל האָט שוין באַלד געהאַט אויסגעשעפּט די „ביבליאָטעק", וואָס ער האָט גע־האַט מיט זיך אין מוח. שטערנבערג איז אויך געווען ווייניק מוזיקאַליש און די מעלאָדיעס האָט צום מערסטן געגיבן יאַנקל און זיי האָבן אים אָנגעהויבן

אויסגיין. איציקל גאָלדענבערג איז געווען אַ מוזיקער, אָבער קיין רעווי־מעלאָדיעס האָט ער נישט געקענט; אונזרע העלדן זיינען אָפּט געגאַנגען אין די קאַבאַרעטן זוכן מוזיק און זיי האָבן דורכדעם געפּטרט די נעכט. מען האָט שוין דעמלט דערלויבט צו הוליען אין די שאַנטאַנען ביז אין ווייסן טאָג אַריין. די דייטשן זיינען שוין געווען נאָכגיביק און זיי האָבן זיך געהאַלטן אין שאָטן. צוליב דעם הוליען איז די אַרבעט אָנגעקומען נאָך שווערער. אונזערע ביידע העלדן זיינען צוויי וואָכן דורכאַנאַנד נישט געשלאָפן מער ווי העכסטנס דריי שעה אין מעת לעת. זיי האָבן געוואוסט, אַז האָבן אַ קאָנקורענץ פון נייע צוויי מחברים, וואָס האָבן געקענט שרייבן פּראָסט און גראָב און זיי האָבן נישט געהאַט פאַר קיינעם קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט, בעת זיי האָבן די גרעניץ פון אָנשטענדיקייט און ליטעראַרישקייט נישט געטאָרט אַריבערטרעטן. זיי האָבן די קרוין ווי די מחברים פון דער ערשטער יידישער רעווי. זיי האָבן געהאַט נאָך איין מאָטיוו פאַר ניצחון: ניקאָלאַי יאָרגאַ, וואָס האָט זיך דעמלט געפונען אין יאַסי און ער איז געווען אין בלי פון זיין אַנטסעמיטיזם, איז איינמאָל אָנגעפאַלן מיט אַ שאַרפן פּאַמפּלעט קעגן די צוויי יונגע מחברים. ער האָט געשריבן, אַז זיי האָבן פאַרכאַפּט די הויפּטשטאָט און זיי פילן זי אָן מיט „זשידאָוויזם”. אין יאַסי האָט מען אויסגעפייפט אַ פּיעסע פון אַ נאַציאָנאַליסטישן מחבר אַן אַנטיסעמיט. האָט יאָרגאַ געשריבן, אַז די דאָזיקע, וואָס פייפן אויס אַן עכטן רומענישן מחבר, האָבן די ברירה צו פאָרן זען די רעווי פון שטערנבערג ־ באָטאָשאַנסקי אין „קאַמינול קולטוראַל”. די דאָזיקע אָנפאַלן האָבן אונזערע מחברים צוגעגיבן אַ רענאָמע, אָבער זיי האָבן דאָך געוואוסט, אַז דער דערפאָלג איז אָפּהענגיק פון דער רעווי אַליין. און זיי האָבן געמאַכט ווילדע אָנשטרענגונגען. זיי פלעגן אַרבעטן ביז פאַרחלשט ווערן און זיי האָבן זיך דערמונטערט אַמאָל מיט אַ קאַלטן דוש און אַמאָל מיט אַ גלאָז שאַמפּאַניער. עס האָט זיך עפּעס ווי אַ שטן זיך געשטעלט זיי אין וועג. פּונקט ווי ער שטעלט זיך אַמאָל אַ בעל קורא... זיי האָבן אין אַ נאַכט זיך צעשלאָגן מיט צוויי כוליגאַנעס און זיי האָבן געדאַרפט אָפּזיצן ביז אין ווייסן טאָג אַריין אין אַ פּאָליציי־סעקציע. זיי זיינען געגאַנגען אין אַ שפּעט ביינאַכט אָפּפירן באַרבו לאַזאַרעאַנוס פרוי אַהיים און צוויי גאַסן־יונגען האָבן זיך נאָכגעהאַלטן נאָך זיי און נישט אויפגעהערט צו ריידן גראָבקייטן אויף דעם חשבון פון דער פרוי. מיט די לעצטע כוחות האָבן זיך די צוויי דערשעפּטע מחברים אַ וואָרף געטאָן אויף די כוליגאַנעס און זיי אַזוי צעשלאָגן, אַז יענע האָבן זיך צעבלוטיקטע געלאָזט לויפן און שרייען קאַראַהול. פּאָליציי איז אָנגעקומען און אַלע פאַרנומען. איינער פון די כוליגאַנעס האָט פאַרלוירן אַ גאָלדענעם זייגער און ער האָט געשריגן, אַז זיי האָבן אים צוגענבעט ביי אים. דער קאָמיסאַר האָט זיך געגיבן חשבון ווער ס'איז דער שולדיקער צד, ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מענער, וואָס באַגלייטן אַ פרוי, וואַרפן זיך נישט

שלאָגן אַן אַ פּאַרוואָס. אָבער ער האָט דאָך פאַרהאַלטן ביידע צדדים ביז טאָג. די פרוי האָט מען זיי דערלויבט אַהיים צו פירן, אָבער אין באַגלייטונג פון אַ פּאָליציסט. דער קורצער אַרעסט האָט זיי נאָך מער מיד געמאַכט, אָבער ער האָט אויך דערמונטערט צו דער אַרבעט. און די רעווי, וואָס זיי האָבן געקרוינט מיט דעם נאָמען „איקס, מיקס, דריקס", איז געוואָרן דער גרעס־מער שלאָגער זייערער. עס איז געווען די ערשטע פּיעסע, וואָס מען האָט אין בוקאַרעשט געשפּילט אַריבער דריי חדשים דורכאַנאַנד. מען וואָלט זי געווען געשפּילט נאָך לענגער, אָבער די אַקטיאָרן האָבן מורא געהאַט.

די גאַנצע צייט, וואָס מען האָט געשפּילט „איקס, מיקס, דריקס", איז דאָס טעאַטער „דאַטשיאַ" געווען געפּאַקט אום מאָנטיק אַלציינס ווי אום זונטיק. אַלעמאָל פלעגן די דירעקטאָרן הייסן פאַרטיק מאַכן די נייע רעווי, אָבער ווען זיי האָבן אין אַ וואָכעדיקן טאָג אַרויסגעקוקט דורך דעם טראַדי־ציאָנעלן פוירהאַנג־לאָך און דערזען אַ געפּאַקט טעאַטער, האָבן זיי געהייסן זיך נישט איילן. מען האָט אַ פּאָר מאָל שוין געהאַט אַנאָנסירט די פּרעמיערע פון דער נייער רעווי, וואָס האָט געהייסן „קוקוריקו" און מען האָט די פּרע־מיערע געמוזט אָפּלייגן. די רעווי האָט געהאַט אַ סצענע, וואָס האָט געהייסן „מען בייט זיך די נעמען", איז די דאָזיקע סצענע געווען די הויפּט־סיבה פון אומדערהערטן דערפאָלג. די סצענע האָט זיך פאַררופן אויף אַן אַרטיקל פון אַ רומענישער צייטונג, וואָס האָט געשריבן, אַז די יידן וואָלטן געדאַרפט אַוועקוואַרפן זייערע פרעמדע נעמען און זיך רופן נאָר מיט רומענישע נע־מען, אָבער נאָר מיט פּראָסטע, נישט מיט קיין געהויבענע. די רעווי „איקס, מיקס, דריקס" האָט אָנגענומען דעם פאָרשלאַג און זי האָט איינגעאָרדנט אַ ביורא פאַר בייטן די נעמען און אַנידערגעזעצט אַ רב מיט אַ קאָמיסאַר און מיט אַ חזן און ביי דער טיר האָט מען אַנידערגעשטעלט אַ שמש מיט אַ פּאָ־ליציסט. דער ייד האָט געמאָנט אויף דעם רויטן קרייץ און דער קריסט האָט געמאָנט אויף מאיר בעל נס און ער האָט דערביי געזאָגט, אַז מאירן קען ער, אָבער „נעסן" קען ער נישט. עס איז געפּראַוועט געוואָרן אַ מוראָדיקער חוזק וועגן דעם ווי אַזוי יידן בייטן זיך די נעמען. יעדער פאַרשוין, וואָס איז אַרויפ־געקומען, האָט אַרויסגערופן שטורמישע געלעכטערס. ביי יעדן מאָל בייטן דעם נאָמען האָט דער חזן געמאַכט אַ „מי שברך". דער קאָמיסאַר פלעג הייסן „מאַך אַ מי שבאָריק". דער קאָמיסאַר איז געווען אַ טיפּ, וואָס האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר אַן ווייסער און ווען עמיצער האָט אים געוואָלט עפּעס דערקלערן, האָט ער געזאָגט: „שעמען זאָלסטו זיך, מיר זאָגסטו?" ווען דער רב האָט אים געוואָלט דערקלערן, וואָס אַזוינס ס'איז אַ מי שברך, אָדער עפּעס אַן אַנדער יידישע זאַך האָט יענער געענטפערט: „שעמען זאָלסטו זיך, מיר זאָגסטו עס?" צום לעצט זיינען אָנגעקומען קוזא און יאָרגאַ מיט אַ פּראָטעסט. זיי האָבן געזאָגט, אַז די יידן האָבן זיך צוגענומען די שענסטע

רומענישע נעמען, ווילן זיי זיך נעמען יידישע נעמען. קוזא איז גקומען אין ביורא אריין פון דער ציגיינערישער שאַטרע. דער באַרימטער רומענישער אַנ־טיסעמיט איז פון ציגיינערישן אָפּשטאַם, האָט עס געהייסן, אַז אים איז שוין נמאס צו זיין אין שטאָט צווישן די יידן און ער איז אַוועק צו זיינע ברידער די ציגיינער. קוזא האָט געהאַט אַ סקאַנדאַליעזן פּראָצעס מיט אַ יונגען אַד־וואָקאַט אַ סאָציאַליסט, וואָס האָט געהייסן עמיל סאָקאָר. דער דאַזיקער אַד־וואָקאַט האָט דערוויזן, אַז דאָס וויכטיקסטע ווערק קוזאַס, וואָס הייסט „דאָס געזעץ פון פּאָפּעראַציע" איז אין גאַנצן געגנבעט ביי מאַלטוסן. דער מחבר האָט געשטעלט הונדערטער זייטן איינס קעגן אַנדערן און זיי זיינען געווען געגנוי. קוזא האָט איינגעקלאָגט דעם יונגען אַדוואָקאַט און דאָס געריכט האָט אים באַפרייט. האָט קוזא אין דער רעווי דערציילט, אַז ער האָט געמוזט אַנט־לויפן פון דער ציגיינערישער שאַטרע, ווייל דער בער האָט אים דאַרט נישט אויפגעהערט צו שרייען „סאָקאָר", ביידע אַנטיסעמיטן האָבן געקריגן יידישע נעמען און ווען דער קאָמיסאַר האָט געהייסן דעם חזן מאַכן אַ מי שברך, האָט יענער געמאַכט אַ אל מלא רחמים ביז אין סוף אריין... די אַוואַציעס האָבן דאָ געגרייכט צו מאַקסימום.

אין יענער רעווי האָט נישט געפעלט קיין קריטיק אויף אַלע בוקאַרעש־טער יידישע אינסטיטוציעס. עס איז געווען אַ סצענע, אין וועלכער עס זיי־נען געוויזן געוואָרן די אַבסורדן פון דער ליגע בני ברית און די אַסימילירט־קייט פון די בוקאַרשטער אַריסטאָקראַטן. אין מיטן אַ זיצונג איז אָנגעקומען אַ ייד מיט אַ ווייסער באָרד און מיט אַ ווייסן כאַלאַט. מען האָט אים נישט געוואָלט אריינלאָזן און ער האָט געשריגן, אַז ער האָט געמאַכט דעם ברית. דער פּרעזידענט האָט אים געפרעגט ווי אַזוי ער הייסט, האָט ער געענטפערט אַברהם און ווען ער האָט איז געפרעגט ווי אַזוי זיין פאַמיליען נאָמען איז האָט ער געענטפערט: „אָבינו". ער האָט געהאַלטן אַ לאַנגע טיראַדע אין גראַ־מען, וועלכע ער האָט אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

דאָס איז די האַק, מיט וועלכער איך האָב אַראָפּגעזעצט
מיין טאַטן תרחס געצן,
איך הויב זי אויף אויף אייך מיט צאָרן
אייערע אידאָלן אַראָפּצוזעצן!

עס איז געווען אַ סצענע, אין וועלכער די מאָראַל, אַ קראַנקע און דער־שלאָגענע זעצט זיך אויף דעם טראָן צו מישפּטן די וועלט. די מאָראַל הוסט און מישפּט און עס גייען פאַר איר דורך שלעכטע כלל־טוער, פילאַנטראָפּן, וואָס אָדער זיי גנבענען, אָדער זיי ווילן מען זאָל קלינגען מיט זיי. מען האָט געבראַכט די שטאָט בוקאַרעשט אַליין פאַרן געריכט. בוקאַרעשטער איז גע־

גאַנגען אָנגעטאָן ווי א לאַקירטער ציגיינער, וואָס איז אויבן רייך און אונטן אָרים. דער קופּלעט איז געווען א פּוטפּורי פון בוקארעשטער גאַסן־מעלאָדיעס און מיט א צומיש פון א פּאָר יידישע מעלאָדיעס און מיט א זינג אויף דעם נוסח פון מה יפית —

מיינע יידן ווערן דאָ —
סטידל־דיל דאַם,
גויים אין א גוטער שעה —
סטידל־דיל דאַם...

די דערשיינונג פון דער שטאָט בוקארעשט האָט געדויערט א צען מינוט און מען האָט אלע מאָל געמוזט ביסירן די גאַנצע סצענע. אויך היינריך היינע האָבן די מחברים געבראַכט פאַר דעם מישפּט און ער האָט עס אריינגעזאָגט קעגן אַסימיליאַציע און קעגן פּראָזאישקייט. די מאָראַל האָט פאַרמישפּט היי־נען, אז דער עולם זאָל אים לייענען...

ס'איז אלץ צוגעגאַנגען אזוי שטורמיש, אז ביידע האָבן זעלטן געהאַט צייט צו טראַכטן און מאַכן געוויסע אויספירן פון דער אָפּגעטועגער אַרבעט. איין זאַך איז ביידן געווען קלאָר אז די טעאַטער רעווי קען אין בוקארעשט פאַרנעמען דאָס פּלאַץ פון דער יידישער צייטונג, ווייל לייענען יידיש האָבן דעמלט געקענט אפשר צען פּראָצענט פון די דאָרטיקע יידן און הערן און פאַרשטיין יידיש האָבן כמעט אלע געקענט. עס זיינען געווען א סך פאַלן, פון וועלכע מ'האָט געקענט מאַכן קינסטלערישע אויספירן, אָבער ס'איז נישט גע־ווען קיין צייט דערצו; אין דער רעווי „איקס, מיקס, דריקס" האָט א סטאַ־טיסט געשפּילט א שמש. דער סטאַטיסט איז געווען א פּלאָכע מענטשל, א פּאַנפּעטש און זיין שמש איז ארויסגעקומען א צוגעפּלעטשטער, א טראַגי־קאָמישער. האָט דער דאָזיקער סטאַטיסט געהאַט א גרויסן דערפאָלג און אי־בערהויפּט האָט ער געהאַט דערפאָלג ביי די נישט־יידן, וואָס זיינען געקומען אין טעאַטער אריין. זיי זיינען געווען איבערצייגט, אז ער איז א גרויסער אַקטיאָר, זיי האָבן נישט געוואוסט, אז ער שפּילט זיך אליין. און פון דעסט וועגן האָט נישט שטענדיק געטויגט, ווען אן אַקטיאָר האָט געשפּילט זיך אליין...

יאַנקל געדענקט אזא פאַל: קאַנער ־ גאָלדנבערג האָבן פאַרקויפט א בע־נעפיס, האָבן זיי איינגערעדט די קונים, אז זיי זאָלן קויפן א פּיעסע, נישט די רעווי, זיי האָט זיך נאָך אלץ אויסגעדאַכט, אז זיי שפּילן נישט דאָס אמתע טעאַטער... זיינען די צוויי רעווי־מחברים געבליבן אין טעאַטער צו זען ווי אזוי מען נעמט אויף די פּיעסע וואָס איז געווען א נאַרישע מאַכאַרייקע, זיי זיינען געווען איבערצייגט, אז זיי האָבן שוין איבערדערצויגן דעם עולם. צו

זייער גרויסער אַנטוישונג האָבן זיי געזען, אַז דער עולם קוועלט אָן און ער הירזשעט פאַר געלעכטער. ביי די קאָמישסטע סצענעס ביי זייערע האָט מען אַ העלפט נישט געלאַכט. אָבער ווען מען האָט אויף דעם דריטן טאָג אַנאָנ־סירט די זעלביקע פּיעסע, איז דאָס טעאַטער געווען פולשטענדיק ליידיק און אויף מאָרגן ביי דער רעווי איז געווען געפּאַקט... הייסט עס, האָבן זיי זיך געפרעגט, אַז מען לאַכט, איז נאָך נישט קיין סימן, אַז עס געפעלט, אָבער זיי האָבן נישט געהאַט קיין צייט צו קלערן.

אין דעם צווייטן רעווי־טעאַטער זיינען די געשעפטן געווען שווידערלעך. אין דער דאָזיקער צייט, וואָס אין „דאַטשיאַ" האָט מען נאָך געשפּילט די ערש־טע רעווי, האָט מען אין צווייטן טעאַטער שוין געהאַט אויסגעפּרואווט דריי רעוויס און מען האָט באַנקראָטירט און געמוזט פאַרמאַכן. דער ניצחון איז געווען אַ פּולער. לעאָן בערגער איז געקומען זיך בעטן, אַז מען זאָל אים אַריינגעמען אין „דאַטשיאַ" און געקומען איז ער דווקא נישט צו זיין שוואָגער, נאָר צו די מחברים, וועלכע ער האָט מיאוס באַהאַנדלט. ער האָט דעמלט אויסגעזען אַזוי נעבעכדיק, ער איז גאָרנישט דער וואוילער יונג פון אויף דער בינע. יאַנקל האָט אים שוין צום צווייטן מאָל געזען נעבעכדיק, איין מאָל האָט ער אים גע־זען אַזוי ביי א. ל. זיסון נאָך אַ פּרעמיערע, וואוהין די מחברים האָבן מיט־גענומען זייער ערשטן אַקטיאָר אויף הינדיק מיט שאַמפּאַניער. ער איז דעם גאַנצן פאַרטאָג אָפּגעזעסן ווי אַ ניונקעלע און ער האָט קיין וואָרט נישט אַרויס־גערעדט. ביי זיך אין טעאַטער איז ער געווען דער גרעסטער העלד און ער פלעגט מוראַדיק זידלען זיין שותף חיים מאיר סעגאַלעסקו. יענער פלעגט אים זאָגן: „אונזערע שרייבער קריגן זיך מיסתמא אויך. אָבער ווען קיינער הערט נישט..." דער ניצחון איבער דער צווייטער רעווי איז געווען אַ צו גרויסער; יאַנקל האָט זיך אַזש געשראָקן — ער האָט זיין גאַנץ לעבן מער מורא גע־האַט פאַר ניצחונות ווי פאַר מפּלות.

אין יענער צייט האָבן זיך אין בוקאַרעשט אָנגעהויבן באַווייזן רומע־נער, וואָס זיינען געבליבן פון יענער זייט פּראָנט. ס'איז שוין געווען כמעט וואַפנשטילשטאַנד און מען האָט געלאָזט דורכפאָרן דעם פראָנט. די אָנגעקו־מענע האָבן געבראַכט מיט זיך אַנטיסעמיטיזם. מען האָט פון יענער זייט פראָנט פאַרשפּרייט מעשהס, אַז יידן האָבן פאַרקויפט די „מונטעניע" (די מערב־טייל פון לאַנד) און מען האָט דאָרט דערציילט, אַז יידן זיינען אַריבער געלאָפן מאַסנווייז צום שונא און אַז זיי זיינען געווען שפּיאָנען און זיי האָבן געהאַט געהיימע דראָטלאָזע טעלעפאָנען, דורך וועלכע זיי האָבן צו וויסן געטאָן דעם שונא וואו די רומענישע אַרמיי געפינט זיך. מען האָט דאָרט געשניטן בערד ביי יידן און געזוכט אין זיי דראָטלאָזע טעלעפאָנען. מען האָט יידן נישט דערלויבט צו ריידן יידיש נישט נאָר אין גאַס, נאָר אפילו ביי זיך אין די היימען. די קליינע סקויטלעך, וואָס הייסן אויף רומעניש טשערטשע־

טאש, זיינען געווען די שפיאָנען. וואָס האָבן זיך אונטערגעהערט ביי די יידי־שע טירן און פענצטער, צי מען רעדט נישט קיין יידיש און זיי פלעגן ווינטער אין די פרעסט שלעפן אַלטע יידן אין פּאָליציי אַריין פאַר ריידן יידיש. עס האָט נישט איין מאָל פּאַסירט, אַז זיי האָבן געשלעפּט אין פּאָליציי אַריין שטומע יידן פאַר ריידן יידיש... מען האָט אָן אַ שיעור יידן געשאָסן פאַר שפּיאָנאַזש אָן משפּט. דעם באַוואוסטן סאָציאַליסט מאַקס וועקסלער, וואָס מען האָט געהאַלטן פאַר דעם בעסטן מאַרקסיסט אין לאַנד, האָט מען דער־שאָסן פאַר שפּיאָנאַזש. צווישן די אַריבערגעקומענע איז אויך געווען דער באַ־רימטער רומענישער רעווי־אַקטיאָר טאַנאַסע, וואָס איז געווען אַ הויכער, אַ געזונטער מיט אַן אומגעהויער גרויסער נאָז, אַזוי ווי אַ שופר. ער איז געווען אַ קאָמיקער און אַ העלפט פון די וויצן, וואָס ער האָט געמאַכט, איז געווען טאַקע וועגן זיין אייגענער נאָז. ער האָט געהאַט אַ געזונטע שטימע און ער האָט געזונגען און געטאַנצט זייער לייכט און ער האָט קיינמאָל נישט גע־זשאַלעוועט קיין שמאַלץ און קיין זאַלץ און קיין פעפער און ער איז ביים פּראָסטן המון געווען זייער באַליבט. טאַנאַסע איז באַלד אויפגעטראָטן אין אַ רעווי, וואָס האָט געהייסן „פּונטע, פּונטע" (מערער פונקטן). אין דער דאָ־זיקער רעווי האָט נישט געפעלט קיין אַנטיסעמיטיזם. דאָרט איז געווען אַ ייד, וואָס אַנטלויפט פון פּראָנט ביים ערשטן שאָס. יידן זיינען פון דעסט וועגן געלאָפן צו טאַנאַסען און אים אַפּלאָדירט. אונזערע מחברים האָבן צו־געשריבן היינען אַ סטראָף צו זיין קופּלעט וועגן דעם דאָזיקן ענין. היינע האָט געזונגען אויף זיין שטייגער:

כאָטש זייער אָרים בין געשטאָרבן,
אַ ירושה לאָז איך דאָך,
ווער פון איר אַ טייל דערוואָרבן —
קען באַקומען זי די וואָך.
שכל שענק איך אַלע יידן,
וואָס „פּונטע, פּונטע" לויפן זען,
אויך אַ ביסעלע מערידן
פאַר זייער זיצן רואיק שיין.
דעם אויטאָר פון דער רעוויסטע —
יידישע סאָלדאַטן גאָר,
אַלע זייערע וואונדן וויסטע —
שענקען זאָלן דאָס גאַנצע יאָר...

דער דאָזיקער קופּלעט האָט אַרויסגערופן אַ צערודערונג און ס'האָט זיך געשאַפן אַ גרופּע מענטשן, וואָס האָבן זיך אָרגאַניזירט צו גיין צום ספּעק־

טאָקע און אים אַראָפּרייסן. און געזאָגט און געטאָן: מען האָט אָנגעאַרבעט אַ חורבן ביי טאַנאַסען אין טעאַטער און ס'איז געקומען צו געשלעגן צווישן יידן און אַנטיסעמיטן. זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז עס האָבן נישט געפעלט קיין רומענער, וואָס האָבן געהאַלטן מיט די יידן. יאַנקל דערמאָנט זיך ווי ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין אַ געשלעג מיט אַ גרויסן, געזונטן רומענער און ווען ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט, האָבן זיי זיך דערקענט. דער רומענער איז געווען דער ייד קאָנסטאַנטין גראַור, וואָס איז געקומען זיך אַראָפּשלאָגן פון הארצן פאַר זיין ביסל יידישקייט. ער האָט אַ גאַנץ לעבן געחלומט פון אַסי־מילירן די יידן און דאָ קומען די רומענער און ברענגען אַנטיסעמיטיזם. די רומענער האָבן דעמלט פאַרנומען בעסאַראַביע, פּלעג גראַור זיך נישט אויפ־הערן נאָכפרעגן, צי די בעסאַראַבישע יידן קענען רומעניש און ער האָט גע־זאָגט, אַז ער וועט פאָרן זיי באַווירקן, אַז זיי זאָלן לערנען רומעניש. אין איי־נער פון זומערדיקער רעווי זייערע, האָט אַ סערזשאַנט געזונגען:

איך קום אַצינד פון בעסאַראַביע,
מען רעדט רומעניש ווי אין אַראַביע,
שיקן מוזן מיר אַהין
ראַבי גראַור קאָנסטאַנטין,
קנעלן לערנען מיט זיי דאָרט —
דאָס העכט רומעניש ברכה־וואָרט...

גראַור האָט זיך מודה געווען, אַז ער האָט דעמלט איבערגעלעבט אַ גרויסע אַנטוישונג און וואַרשיינלעך האָט זיין אַסימיליאַציע אין יענער צייט אַ שאָקל געטאָן. די דייטשע באַהערדן האָבן זיך אַריינגעמישט און זיי האָבן נעגיבן רעכט די מאַניפעסטאַנטן. עס איז אָנגעקומען דער צענזאָר דר. זעלס און ער האָט געזאָגט, אַז אויב די יידן ווילן, וועט ער די רעווי פאַרבאָטן. אָבער די מאַניפעסטאַנטן האָבן זיך אומגעקערט מיט דעם רוקן צו אים. זיי האָבן אים געזאָגט, אַז ווי אַ צענזאָר האָט ער געדאַרפט פון פריער פאַרבאָטן די דאָזיקע פּיעסע, וואָס רייצט איין טייל באַפעלקערונג קעגן דער צווייטער טייל. טאַנאַסע האָט געוויינט און די אַקטריסעס פון זיין טרופּע האָבן גע־קראָגן היסטעריקעס. אין טעאַטער איז אַלץ געווען מיטן קאָפּ אַראָפּ, אויף דעם צווייטן טאָג האָט מען סיי ווי נישט געקענט שפּילן. די פּרימאַרגן צײַ־טונגען האָבן אינפאָרמירט וועגן גרויסן סקאַנדאַל, אָבער זיי האָבן נישט קאָ־מענטירט. אין שטאָט האָט מען זייער שטאַרק קאָמענטירט וועגן דער אַוואַנ־טיורע. עס האָבן זיך געפונען יידן, וואָס האָבן געזאָגט, אַז מען האָט עס נישט געדאַרפט. די רומענער האָבן זיך געטיילט אין פאַרשיידענע לאַגערן. סאָ־ציאַליסטן האָבן געזאָגט, אַז די יידן האָבן גוט געטאָן און אַז די אַרבעטער

דארפן העלפן צו באקעמפן דעם אנטיסעמיטיזם, רעאקציאנערן האבן גע־זאגט. אז מען וועט זיך מיט די „זשידאנעס" נאך אפרעכנען, זיי מיינען, אז עס וועט אייביק זיין זייער צייט. עס זיינען געווען אויך רומענער, וואס האבן געהאלטן נישט אהין און נישט אהער, זיי האבן געזאגט, אז מען האט זיך שוין געגוג אנגעליטן בעת דער מילחמה און מען דארף זיך שוין מער נישט קריגן און מיט פאראייניקטע כוחות צוריק אויפבויען דאס לאנד, אבער די יידן האבן נישט געדארפט גיין און אויפרייסן א רומעניש טעאטער צו־ליב א פאר וויצן דארט. טאנאסע אליין האט געפרואווט רעדוצירן די גאנצע זאך צו א קאנקורענץ־ענין. ער האט געזאגט, אז די צוויי מחברים פון די יידישע „רעוויסטעס" האבן דערפילט א קאנקורענץ אין אים און זיי האבן קעגן אים אנגערייצט די יידן. ער האט זיך אבער געגיבן חשבון, אז צופיל אנגעזעענע יידן פון אלע לאגערן האבן זיך באטייליקט אין סקאנדאל. עס זיינען געווען ציוניסטן און סאציאליסטן און אסימילאטארס און ער האט פארגעלייגט א שלום... ער איז געווען געגוג כיטרע צו באמערקן, אז עס האלט שוין אין דער גאנצער וועלט ביי שלום. און דאס איבערבעטן זיך איז געווען א זייער מאדנע. ווען ס'איז געווען טוב לב המלך ביין, האט טאנאסע גערעדט מיט שיכורע טרערן און ער האט דערציילט, אז ער איז זייט תמיד באפריינדעט מיט יידן און ער קען אפילו ריידן אביסל יידיש און ער האט מאקע געקענט. און א שפאס וועגן יידן האט ער געמאכט, ווייל ער איז א קאמיקער, ער מוז דאך פון עמיצן לאכן. ער האט שוין אין זיין לעבן געלאכט פון בולגארן און גרעקן און טערקן און פון פראנצויזן און פון רומענער מע־רער ווי פון אלע. ער האט שוין הונדערטער מאל געשפילט יידן און קיינער איז נישט ברוגז געווארן און אים איז נישט איינגעפאלן צו מיינען, אז יידן וועלן זיך פילן באליידיקט. ווען מען וועט זאגן אויף זיי, אז זיי האבן נישט געוואלט גיין אין מילחמה אריין. ער האט דערציילט א סוד מיט זיין שטימע, וואס האט זיך געגארגלט דורך דער נאז און ער האט געזאגט, אז כאטש אים האלט מען פאר א גרויסן פאטריאט, וואלט ער אויך נישט געוואלט שטארבן אויף דעם שלאכטפעלד. דאס איבערבעטן אליין האט אים נישט געהאלפן, יידן האבן דעם קאמיקער מיט דער לאנגער נאז נאך א לאנגע צייט באיקא־טירט און ער האט זיך געגיבן חשבון, אז די יידן זיינען די בעסטע טעאטער־באזוכער און ער האט זיך אן אויפהער געחנפעט צו יידן און זיך באטייליקט אין יידישע קאנצערטן און שפעטער מיט יארן האט ער אפילו איינגעלאדן שטערנבערגן צו רעזשיסירן אייניקע סצענעס אין זיינער א רעווי און אנטי־סעמיטן האבן געפירט א העצע קעגן אים...

דער אנטיסעמיטיזם האט זיך נישט געענדיקט מיט יענעם סקאנדאל. עס האט זיך אין בוקארעשט געלאזט פילן דער ריח פון פאגראמען. די דייט־טשן זיינען אלץ געווארן שטילער און צוריקגעהאלטענער און מען האט זיך

געקענט גיבן רעכנונג, אַז עס גייט זיי נישט גוט אויף דעם פראָנט. אייניקע פון זיי האָבן שטיל צוגעגיבן, אַז זייט אַמעריקע איז אַריין אין קריג, האַלט עס נישט גוט. די רומענער האָבן דאָס דאָזיקע דערפילט און די רעאַקציאָנערן האָבן געגומען העצן די פינצטערע מאַסן, וואָס האָבן נישט גוט געלעבט אין דער גאַנצער צייט פון דער אָקופּאַציע. קעגן די דייטשן האָבן זיי נאָך נישט געהאַט קיין מוט אויפצוהויבן די קעפּ, האָבן זיי זיך אַ נעם געטאָן צו די יידן. מען האָט דערציילט, אַז אין געוויסע קוואַרטאַלן, וואו עס וואוינען נישט קיין יידן, גרייטן די כוליגאַנעס געווער און שטעקענעס. און די צוויי מחברים האָבן אויף גיך אויפגעפירט די רעוויו, וואָס האָט געהייסן „קוקוריקו”, אין וועלכער זיי האָבן גערופן צו אָרגאַניזירן אַ זעלבסט־שוץ. בוקאַרעשטער יידן האָבן אין יענער רעוויו געהערט צום ערשטן מאָל דאָס דאָזיקע וואָרט און זיי האָבן באַלד געכאַפּט דעם ריכטיקן זין. אין יענער רעוויו איז געווען אַ סצענע, אין וועלכער ס'איז געקומען אַ געשענדעטע פרוי אַן אַנטלאָפענע פון אַ פּאָגראָם און זי האָט געזונגען מיט דער מעלאָדיע פון דעם ליד „צי בין איך פון אַ שטיין געבוירן?”, וואָס מען זינגט אין גאָרדינס „אידיאָט”. דאָס ליד איז געווען געמאַכט לויט טיילן פון ביאַליקס „שחיטה שטאָט”. די עלטערע פּרימאַדאָנע ווייסמאַן, וואָס איז געווען אַ זייער טעמפּעראַמענטפולע, האָט געזונגען:

די טאָכטער דער מאַמען אין די אויגן,
דעם מאַן אין די אויגן דאָס ווייב...

דער זאַל האָט געציטערט. דער עולם פלעגט אויפשטיין פון די בענקלעך און שרייען: „מיר וועלן נישט לאָזן!”

עס זיינען אין יענער רעוויו געווען סצענעס, ביי וועלכע ס'זיינען ממש געווען ווילדע אָוואַציעס. די אַקטיאָרן האָבן זיך אַזש געשראָקן און זיי האָבן זיך געבעטן, אַז מען זאָל מילדער מאַכן די סצענעס. קאַנער האָט געזאָגט, אַז ער האָט מורא מען וועט צעברעכן דאָס טעאַטער און שטערנבערג איז געוואָרן אַנגעצונדן און ער האָט געשריגן: „ברענען אפילו זאָל דאָס טעאַטער, אַבי מיר זאָלן אויפהויבן דאָס פאָלק!” די רעוויו האָט געהאַט אַ רעוואָלוציאָנערע, אַ ציוניסטישע סצענעס. עס זיינען דעמאָלט אין בוקאַרעשט געווען אַ סך יידישע סאָציאַליסטן. זיי זיינען צום מערסטן צוריקגעקומען פון דייטשלאַנד, וואו זיי זיינען געווען אין קריגס־געפאַנגענשאַפט און זיי האָבן מיטגעבראַכט שטורמישקייט. פאַרוואָס די דייטשן האָבן זיי דערלויבט צו קומען נאָך פאַר דעם וואַפנשטילשטאַנד, איז דעמאָלט נישט געווען יעדן קלאָר. געהייסן האָט עס, אַז דייטשלאַנד וויל נישט האָבן צופיל קריגס־געפאַנגענע ביי זיך. פלעגן די סאָציאַליסטן קומען אין טעאַטער אַריין צו דער רעוויו ״קוקו־

ריקו" און זיי האָבן אַפּלאָדירט נישט נאָר די רעוואָלוציאָנערע שטעלן, נאָר אויך די ציוניסטישע. זיי האָבן געזאָגט, אַז אויב מ'קען די יידישע מאַסן מאַכן רעוואָלוציאָנער מיט דער הילף פון ציוניזם, דאַרף מען דאָס אויסנוצן. די שנאה פון בונדיזם צום ציוניזם איז זיי געווען פרעמד. אין דייטשלאַנד, האָבן זיי דערציילט, זיינען געווען סאָציאַליסטן, וואָס האָבן אָנערקענט דעם ציוניזם. אָבער צום מערסטן האָט „קוקוריקו" אַגיטירט פאַר אַ זעלבסט־שוץ און אַזאַ אָרגאַניזאַציע איז גיך געשאַפן געוואָרן. מען האָט די אַגיטאַציע איבערגעטראָגן אין די שולן אַריין. אין וועלבע שטערנבערג און יאַנקל זיינען געווען פון די הויפּט־רעדנער. און עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז די אָרגאַניזאַציע איז געווען נויטיק. עס האָבן באַלד זיך גענומען באַווייזן כוליגאַנישע באַנדעס, וואָס האָבן זיך געוואָלט אַריינרייסן אין דער יידישער געגנט אַריין, אָבער זיי האָבן געקראָגן איבער די הענט. אויף דער גאַס ליפּקאַן, נישט ווייט פון דעם מאָנומענט, וואָס שטעלט פאָר ווי די וועלפיכע זייגט ראָם און ראָמולוס און וואָס איז די גרעניץ פון דער יידישער געגנט, זיינען פאָרגעקומען ביטערע געשלעגן און עס האָט זיך געגאָסן בלוט און עס זיינען געווען פאַרוואונדעטע פוןביידע זייטן. אויך אונזער העלד איז איין מאָל פאַרוואונדעט געוואָרן אין אַ האַנט און אין קאָפּ און ווען ער איז צום שלום פון דער פאַרשטעלונג דערשינען אַ באַנדאַזשירטער אויף דער בינע, האָבן די אָוואַציעס נישט אויפגעהערט. די אומרוען האָבן אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט און זיי האָבן זיך ערשט געענדיקט, ווען די רומענישע רעגירונג האָט זיך אומגעקערט און האָט פולשטענדיק איבערגענומען די מאַכט. די רומענישע פּאָליציי־פּרעפעקטור האָט פאַרלאַנגט ביי די רבנים, אַז די יידישע זעלבסט־שוץ זאָל זיך אויפלייזן און די רבנים האָבן זיך דערשראָקן און זיי זיינען געווען גרייט נאָכצוגיבן, אָבער די זעלבסט־שוץ האָט נישט געוואָלט. זי האָט געזאָגט, אַז אַזוי לאַנג די פּאָליציי־פּרעפעקטור איז נישט בכוח צו פאַרזיכערן אָרדנונג און רו, קען זי זיך נישט אויפלייזן. די מיטגלידער פון דער זעלבסט־שוץ האָבן געטראָגן ווייסע אָרעם־בענדער און זיי זיינען געווען אַ מין מיליציע אין משך פון שיינע עטלעכע וואָכן. זיי האָבן אַ גאַנצע נאַכט געהאַלטן וואַך ביים אַריינגאַנג אין דער יידישער געגנט און זיי האָבן צו יעדער צייט געקענט אויף גיך צונויפרופן עטלעכע הונדערט מענטשן, וואָס זיינען געווען באַוואָפנט מיט שטעקענעס — די כוליגאַנעס האָבן אויך נישט געהאַט קיין אַנדער געווער. די זעלבסט־שוץ האָט אויך געהאַלטן וואַך ביי די יידישע קינדער־שולן, ביי די געבעט־הייזער און אויך ביי די טירן פון אייניקע אָנגעזעענע יידישע מנהיגים. דער פירער פון דעם פאַרבאַנד דר. וו. פילדערמאַן, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע יידישע לידערס, האָט געבעטן, אַז מען זאָל באַוואַכן זיין הויז און אונזער העלד איז נישט איין מאָל געשטאַנען שעהן־לאַנג לעבן זיין טויער, כאָטש די

זעלבסט־שוץ מיטגלידער פלעגן אים נישט לאָזן שטיין אויף דער וואַך. קיין איין איבערפאַל פון די כוליגאַנעס איז נישט געלונגען, אַלע האָט מען זיי אָפּגעשלאָגן און מער ווי צו אויסזעצן אַ פּאָר שויבן אין דער יידישער געגנט איז עס קיינמאָל נישט געקומען. די דייטשן האָבן זיך נישט געמישט, זיי האָבן געהאַט צו טאָן מיט זיך. זיי האָבן שוין אַליין געגיבן אָנצוהערן, אַז ביי זיי גייט מיט דער פּוטער אַראָפּ. זיי האָבן געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף דער רוסישער רעוואָלוציע, אָבער כאָטש רוסלאַנד האָט אויפגעהערט צו קעמפן, האָבן זיי דאָך געכאַפּט קלעפּ. די ענגלענדער מיט די אַמעריקאַנער אַליין האָבן זיך מיט זיי געספּראַוועט.

עס זיינען געקומען צענזורירטע און נישט קלאָרע ידיעות וועגן דער אָקטאָבער רעוואָלוציע. די רומענער האָבן זיך נישט געגיבן קיין חשבון, וואָס אַזוינס די באָלשעוויקעס ווילן. לענין און טראָצקי זיינען געווען ביי אַלעמען אויף די ליפּן. טראָצקין האָבן אייניקע אין בוקאַרעשט געקענט פּערזענלעך און מען האָט געגומען ריידן וועגן דעם, אַז ער איז אַ ייד. עס האָבן נישט געפעלט אַזעלכע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז לענין מיט טראָצקין זיינען דייטשע אַגענטן און מען האָט דערציילט, אַז דייטשלאַנד האָט זיי ספּעציעל געשיקט אויף צו דעזאָרגאַניזירן רוסלאַנד. עס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטן קערענסקין פאַר דעם מאַקסימאַלסטן סאָציאַליסט. זיי האָבן זיך געקוויקט מיט דעם, וואָס ער האָט באַזיגט אַלע זיינע בירגערלעכע קעגנער און מען האָט אים גערופן „דער ראַבעספּיער פון דער רוסישער רעוואָלוציע”. עס זיינען אָבער באַלד געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך יאָ אָריענטירט אין דעם, וואָס קומט פאַר אין רוסלאַנד און זיי האָבן געזאָגט, אַז באָלשעוויקעס ווילן איינפירן אַ פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור, ווייל מאַרקס אַליין האָט געשריבן, אַז אָן אַ דיקטאַטור פון אַרבעט־קלאַס וועט מען דעם סאָציאַליזם נישט קענען פאַרווירקלעכן. עס האָבן זיך געפונען סאָציאַליסטן, וואָס האָבן דאָך געזאָגט, אַז לענין און טראָצקי זיינען פאַררעטער. זיי מאַכן, אַז די פּרייסישע יונקערס זאָלן פאַרנעמען רוסלאַנד. און די דייטשן זיינען טאַקע געקראָכן, זיי זיינען אַרמעטום געווען פול. זיי זיינען געווען אין אָדעס און אין קיעוו און אין וואָלין... און די סאָוויעטישע רעגירונג האָט באַלד גענומען פאַרהאַנדלען מיט די דייטשן וועגן פרידן און עס האָט נישט געדויערט לאַנג און ס'איז פאַרגעקומען די פרידנס־קאָנפערענץ אין ברעסט־ליטאָווסק. די דייטשע פּרעסע האָט ווידער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זי האָט גענומען ריידן אין טריומפירנדיקן טאָן. זי האָט איבערגעגיבן קילמאַנס הוצפּהדיקע רעדעס. די בוקאַרעשטער האָבן געקענט קילמאַנען. ער איז געווען אַ שטיק צייט אין רומעניע און ער האָט געהאָלפן אויספּאָמפּען די גאַנצע רייכקייט פון לאַנד. ער איז אין בוקאַרעשט געווען אויך דער העלד פון אַ ראָמאַן. ער האָט זיך פאַרליבט אין אַ קליין רוחיש סוברעטעכל, וואָס איז דווקא געווען אַן עכטע רומענערין.

מיט קילמאַנס הילף איז די געליבטע זיינע באַלד געשטאַנען אין דער שפּיץ פון אַ גרויסן רעוויי־טעאַטער און די רומענער האָבן דאָס דאָזיקע טעאַטער באַיקאָטירט. קילמאַן האָט געגיבן באַפעלן, אַז מען זאָל שלעפּן אויף כוח דעם עולם אין טעאַטער אַריין. שטערנבערג און יאַנקל האָבן געהאַט אַ פריינד, וואָס האָט געהייסן גבריאל, ער איז געווען נישט קיין גאָר רייכער מאַן, דאָך האָט ער זיך געקליבן צו ווערן אַ מעצענאַט. ער איז באמת געווען אַ זעלטענער ליבהאָבער פון יידישן וואָרט און ער איז געווען גרייט צו אויסטאָן זיך פאַר יידיש. ער איז געווען אַ מוראָדיקער עראָטאָמאַן. ער האָט זיך געגעט מיט זיין פרוי איבער זיינע צו אָפטע ליבע־סקאַנדאַלן. אָט דער גבריאל האָט געקענט אַלע פּיקאַנטע וויצן און רכילותן און ער האָט עס געבראַכט די מעשה, אַז קילמאַן פלעג זאָגן צו זיין געליבטער, אַז זי איז אַזוי קליין, אַז ער פאַרלירט זי אַזש אין בעט און זי האָט אים רוחיש געענטפערט: „אָבער ווען דו געפינסט מיך..." קילמאַן איז געווען מוראָדיק פאַרהאַסט אין בוקאַרעשט און זיינע ציניש רעדעס, וואָס די פרעסע האָט איבערגעגיבן מיט טריומף, האָבן אַרויסגערופן צאָרן ביי די רומענער און זיי האָבן געזאָגט אָפן, אַז זיי וואָלטן איצטער אויך געגאַנגען אין מלחמה אַריין קעגן די דייטשן. ווייל זיי קענען רומעניע שטעלן די זעלביקע פאָדערונגען, וואָס רוסלאַנד. די דייטשן האָבן געטאָן אַלצדינג צו אַרויסרופן ענטוזיאַזם פאַר דעם, וואָס די רומענער פון יענער זייט האָבן פאַרנומען בעסאַראַביע, אָבער די רומענער האָט עס נישט ענטוזיאַזמירט, זיי האָבן צו די דייטשן נישט געהאַט קיין צוטרוי. און מען האָט געשמועסט, אַז מיט זיין חוצפה אין ברעסט־ליטאָווסק האָט קילמאַן אַרויסגערופן האַס צו דייטשלאַנד און ער האָט פאַרשטאַרקט די קאַמפּס־לוסט ביי די פראַנצויזן, ענגלענדער און אַמעריקאַנער.

וואָס טיפער אין ווינטער אַריין, אַלץ ערגער איז געווען די לאַגע פון די דייטשן. ווי שטאַרק די בוקאַרעשטער פרעסע האָט נישט געוואָלט באַהאַלטן די אמתע לאַגע, האָט זי נישט געקענט. די פרייסישע אָפיצירן האָבן דאָס אַרויסגעוויזן, זיי זיינען געוואָרן נידריקער פון גראָז, זיי האָבן פאַרלוירן די גאַנצע חוצפה זייערע. מען האָט גערעדט, אַז מען פאַרהאַנדלט וועגן וואָפנשטילשטאַנד און מען האָט געזאָגט, אַז טערקיי גרייט זיך שוין אַוועקצולייגן דאָס געווער. עס זיינען אָנגעקומען ידיעות וועגן אַ יידישער אַרמיי, וואָס גייט אין איינעם מיט די ענגלענדער איינצונעמען ארץ ישראל, אָדער האָט שוין איינגענומען. מען האָט אויך גערעדט וועגן דעם, אַז ענגלאַנד האָט פאַרנומען אַלע אַראַבישע לענדער ביי טערקיי און אַז די גאַנצע רעגירונג צעפאַלט זיך און אַז עס ווערט אין עסטרייך אַ רעוואָלוציע. עס איז געווען קלאָר, אַז עס וועט נישט לאַנג געדויערן און די רומענישע רעגירונג וועט צוריקקומען מיט טריומף און זי וועט פאַרנעמען בוקאָווינע און טראַנסילוואַניע און באַנאַט. דער פּאַטריאָטיזם האָט זיך ביי די רומענער אָנגעצונדן. אָבער צוזאַמען מיט

דעם פּאַטריאָטיזם האָט זיך געלאָזט פילן אויך אַ ביטערער אַנטיסעמיטיזם. דאָס האַרץ האָט געצויגן צו דער אַנטאַנט, אָבער דער רומענישער אַנטאַנטע צד איז געווען מוראַדיק אַנטיסעמיטיש... מען האָט דערציילט, אַז מען מאַכט שוין אַ יידישע רעגירונג אין ארץ ישראל. אייניקע האָבן שוין אַפילו געזאָגט, אַז חיים ווייצמאַן איז פּרעמיער און נחום סאָקאָלאָוו איז אויסערן מיניסטער, ווייל ער קען אַ סך שפּראַכן; אָבער די געשלאָגענע דייטשן האָבן אַרויסגעוויזן פריינטשאַפט צו יידן און די טריומפירנדיקע רומענער האָבן צו זיי אַרויסגעוויזן שנאה...

שטערנבערג און יאַנקל האָבן זיך געגיבן חשבון, אַז די רעווי זייערע טויג נישט. פאַראַן דאָרט אַ פּאָר זאַכן, צו וועלכע די רומענער קענען זיך טשעפּען. קיין שאַקירנדיקע זאַכן קעגן רומענישן פאָלק און לאַנד זיינען נישט געווען, אָבער דער נאָמען פון דעם קרוינפּרינץ קאַראָל איז אַ פּאָר מאָל געווען דערמאָנט. דער דאָזיקער קרוינפּרינץ איז געווען דער העלד פון זיינעם אַן ערשטן ליבע־סקאַנדאַל. ער איז אַנטלאָפן מיט אַ רומעניש מיידל, אַ טאָכטער פון אַ גענעראַל. זי איז נישט געווען קיין פּרינצעסין און ס'האָט געהייסן, אַז מ'האָט דעם קרוינפּרינץ דערפאַר דעגראַדירט. אין דער רעווי איז געווען אַ סצענע, אין וועלכער ציטונג־פאַרקויפער האָבן אויסגעשריגן זייערע נייעס, האָט איינער געזונגען:

מען זוכט שטאַרק די שטאַנגען,
אונטער וועלכע געגאַנגען,
דערשראָקן און בלייך ווי אַ מת,
צוריק מיט אַ צוויי, דריי מעת לעת —
פּרינץ קאַראָל צו דער חופּה אין אָדעס...

עס איז אין דער רעווי אויך געווען אַ סצענע מיט אַ שדכנים ביוראָ און דאָרט איז פאָרגעקומען ווי אַ שדכן זוכט בילדער פון חתנים און ער נעמט אַרויס איין פאָטאָגראַפיע און ער גיט זיך אַ כאַפּ און ער זאָגט: „דעם נישט, ביי אים וועל איך שוין נישט פאַרדינען קיין שדכנות־געלט, אים האָב איך פאַרשפּילט ווי אין קאָרטן, ס'איז דער פּרינץ קאַראָל..."

און די צוויי יונגע מחברים האָבן באַשלאָסן אויף גיך אַנצושרייבן אַ רעווי, וואָס זיי האָבן אַ נאָמען געגיבן „שלום עליכם" און וואָס האָט געדאַרפט זיין אַ מין באַגריסונג צו דער אַנטאַנט. וואָס האָט געדאַרפט אַריינקומען קיין בוקאַרעשט. דער גאַנצער דריטער אַקט איז געווען אַ מין לויבגעזאַנג צו דער אַנטאַנט און אויף דער בינע האָבן דעפילירט אַלע אַרמייען. פאַרשטייט זיך, אַז ס'האָט אויך דעפילירט די יידישע אַרמיי, וואָס איז, לויט די ידיעות, וואָס די מחברים האָבן געקענט באַקומען, געווען אַנגעפירט פון

וולאדימיר זשאבאטינסקי. די סצענע האט זיך פארענדיקט מיט א פרידנס־אפאטעאז. ישעיה הנביא איז דערשינען צו אלע פעלקער און צו זיי געזונגען דווקא מיט וואגנערס א העלדישער מעלאדיע וועגן זיין פרידנס־וויזיע, כאטש די מוזיק האט אין זיך געהאט קריגערישעס. די סצענע האט זיך געענדיקט מיט א ווייכער וואלץ־מעסיקן געזאנג. אלע האבן זיך געשטעלט אויף די קני און זיי האבן געזונגען:

מיר גלויבן, גלויבן
מיט דעם וואלף אין זיין גרוב,
וועט א שעפעלע לעבן
און זיך האבן זייער ליב.
א קינד וועט פירן
דאן א טיגער שפאצירן,
עס גייט נאך די שלאנג
דעם קינדס געזאנג,
דער ליב ביינאכט
וועט דיכטן פארטראכט...

צוליב דעם, וואס די רעוויי האט געהייסן „שלום עליכם״, האבן די מחברים שוין געהאט א געלעגנהייט צו ברענגען שלום עליכמען אליין און זיי האבן אים געגיבן צו זאגן או עכטן שלום עליכמדיקן מאנאלאג מיט קיבעץ און סאטירע אויף דעם חשבון פון די בוקארעשטער יידן, וואס לייענען נישט קיין יידיש און האבן נישט קיין יידיש בוך. דער מלבים האט אמאל דער־ציילט, אז מען האט בוקארעשט געמישפט אין הימל און ס׳האט זיך געוויזן, אז די וואג פון די מיצוות און פון די עבירות איז געווען גענוי אלציינס. האט דער מליץ יושר געפועלט, אז מען זאל אויף דער זייט פון די מיצוות אנידער־לייגן א ספר, איז א מלאך אויסגעפלויגן גאנץ בוקארעשט און ער האט נישט געקענט געפונען קיין איין ספר. די מחברים האבן די דאזיקע מעשה געגיבן שלום עליכמען אין מויל אריין און אנשטאט פון א ספר האט ער גערעדט וועגן א יידיש בוך. אין דער רעוויי זיינען שוין ארייגעפלאכטן געווארן אייניקע פון שלום עליכמס העלדן און די יידישע ליטעראטור האט אין איר נישט פאר־נומען ווייניקער פלאץ, ווי די פאליטיק און ווי דער ציוניזם. דער גרויסער שטורעם האט די מחברים דאך נישט אראפגעשלאגן פון זייער ליניע. זיי האבן קיינמאל נישט פארגעסן אין יידישן לעבן און אין דער יידישער לי־טעראטור.

אין דער צייט פון וואפנשטילשטאנד האבן ציוניסטן זיך אנגעהויבן צו־נויפקלויבן אין פארשיידענע הייזער און זי געגרייט צו באנייטער טעטיקייט.

אויך ביי זיסון אין שטוב איז געקומען צו באַראַטונגען, צו וועלכע מען האָט אויך איינגעלאַדן יאַנקלען. שטערנבערג האָט זיך שטענדיק געהאַלטן פֿון ווייטן פֿון די ציוניסטן. אונזער העלד האָט זיך אָנגעהויבן וואַקלען אין זיין ציוניזם, ווייל ער האָט געזען אַ נייעם עולם צווישן די ציוניסטן, אַן עולם פֿון פּריצים, אַן עולם, וואָס דאָס פֿאָלק רופֿט אים געוויינלעך, „קאַפּעליושן". עס זיינען געקומען פֿאַבריקאַנטן און באַנקירן. גערעדט האָט מען נאָר רומעניש און דייטש. מען האָט קיין איין יידיש וואָרט נישט אַרויסגערעדט. ער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט גערעדט יידיש און מען האָט געקוקט אויף אים קרומלעך. מען האָט זיך גענומען גרייטן צו מאַכן אַ גרויסן מיטינג אין גרויסן טעמפּל און מען האָט גלייך גערעדט נאָר וועגן רעדנער אין רומעניש און וועגן אַ פּאָר ווערטער אין העברעאיש צוליב מאַניפֿעסטאַציע, וועגן יידיש — מאַן דכר שמיה... יאַנקל האָט זיך דערפֿילט ווי אויף אַ פֿרעמדער שמחה; האָט זיך דערמלט געדאַכט, אַז עס האַלט ביי פֿאַרווירקלעכן דעם ציוניזם אָבער עס האָט זיך עפּעס נישט געגלויבט, אַז די דאָזיקע יידן וועלן פֿאַרווירקלעכן דעם גרויסן אידעאַל. דער הויפּט בעל דעה איז ביי יענע זיצונגען געווען איינער אַ הער בערנאַרד, דער באַלעבאָס פֿון דער גרויסער טעקסטיל פֿאַבריק אין בוהוש. יאַנקל האָט געזען ווי אַזוי די אַרבעטער פֿון יענעם פֿאַבריקאַנט לעבן און ער האָט זיך געפֿרעגט: צי זוכט ער אין ארץ ישראל אויך אַ באָדן וואו צו עקספּלואַטירן טויזנטער מענטשן? מען האָט אים געקוקט אין מויל אַריין נישט ווייל ער איז געווען אַ גרויסער חכם, אָדער אַן אַלטער ציוניסט, נאָר ווייל ער איז געווען רייך. ער איז געווען אַ ניי־צוגעקומענער, ער האָט אפֿילו נישט געהאַט דאָס פֿאַרדינסט פֿון אַביסל סטאַזש. ער איז געווען פֿון פּשוטן יידישן שטאַם, זיין מוטער־שפּראַך איז געווען יידיש, אָבער ער האָט זיין מאַמע־לשון נישט געוואָלט ריידן און ער האָט עטלעכע מאָל באַמערקט מיט חוצפּה, אַז „זשאַרגאָן איז קיין שפּראַך נישט". דערצו האָט מען נאָך געשמועסט, אַז ער האָט עפּעס אַ טונקעלע פֿאַרגאַנגענהייט. געווען אין בוקאַרעשט איינער אַ ראַבינער, וואָס האָט געהייסן דר. באָרים רייכער, איז ער געווען אָט דעם בערנאַרדס אַ שוועסטערקינד פֿון דער פֿרוים זייט, פֿלעג ער כסדר אַרויסקריגן ביי זיין רייכן קרוב אַ פּאָר טויזנט לעי, דורך דעם, וואָס ער האָט אים געסטראַשעט אויסצוגיבן זיין סוד. דר. באָרים רייכער אַליין איז אויך געווען אַ גאַנץ איינגאַרטיקער עקזעמפּליאַר. ער איז געווען אַ זון פֿון ראובן דיין אין איזמאַיל און יאַנקל האָט גוט געקענט זיינע עלטערן און זיינע ברידער. ער האָט קינדווייז געהאַט אַ שם פֿון אַ גוט קעפּל און ער איז אַוועקגעפֿאָרן קיין פֿראַנקפֿורט לערנען און ער איז פֿון דאָרט געקומען קיין בוקאַרעשט מיט דעם נאָמען ראַבינער דר. באָרים רייכער. אין דער היים האָט ער געהייסן בערל איציק. אַלע האָבן געוואוסט, אַז ער האָט דעם טיטל דר. נישט באַקומען און מען האָט אים נישט איין מאָל גערופֿן „דאָקטער אין גענזן־פּיסלעך" און ער

האָט זיך געמאַכט, אַז ער פאַרשטייט נישט, וואָס מען מיינט. ער האָט געזוכט אַ ראַבינער פּאָסטן און נישט געקראָגן און ער איז געוועזן אַ ביבליאָטעקאַר און אַ רעדנער. אין איינער פון די רעוויס פון שטערנבערג און יאַנקלען האָט מען דעם דאָזיקן העלד געבראַכט און אין דעם קופּלעט, וואָס ער האָט געזונ־גען, איז געווען אַ שורה, וואָס האָט זיך אָפּטער איבערגעחזרט און עס האָט זיך אין איר געזאָגט: „אמת, ווי איך בין אַ דאָקטער", האָט ער זיך געמאַכט נאַיוו און נישט אויפגעהערט צו פרעגן די מחברים, וואָס זיי האָבן געמיינט דערמיט... ער פלעג האַלטן זיינע רעדעס נאָר אין דייטש און אין אַ נישט זייער גוטן דייטש. ער פלעג דערציילן, אַז זיין מוטער־שפּראַך איז דייטש. יאַנקל האָט אַמאָל אַליין געהערט, ווי ער האָט זיך באַרימט, אַז ביי זיין טאַטן אין שטוב האָט מען נאָר גערעדט דייטש און פראַנצויזיש. אונזער העלד האָט זיך דערמאָנט אין זיין טאַטן, דעם צעטראָגענעם כניאָק, וואָס פלעג זיך פאַר־געסן און צעגאָרגלען ביים ברונעם, ווען ער האָט אָנגעצויגן וואַסער פאַר דער קו און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז אַמאָל געגאַנגען מיט זיין פעטער אלי אין איזמאַיל, האָבן זיי באַגעגנט „דר." רייכערס מאַמע, די אַלטע דיינטע, וואָס האָט געטריבן אַ קעלבל אין מאַרק אַריין אויף צו פאַרקויפן עס. האָט זי דער פעטער אלי אָפּגעשטעלט און זי געפרעגט:

— דיינטע, פאַרוואָס עפּעס דאַרפט איר אַליין טרייבן דאָס קעלבל? איר קענט נישט שיקן עמיצן אַנדערש?

האָט זי געעפנט אַ מויל פון אַן אמתער יאַכנע און זי האָט געענטפערט:

— זאָגט מיר נאָר, ר' אלי, ווען אייך בייסט, קראַצט איר אייך אַליין, צי איר רופט עמיצן אַנדערש ער זאָל אייך קראַצן?...

צווישן מענטשן האָט יאַנקל נישט געוואָלט פאַרשעמען דעם מאָדנעם ליגנער אָבער צווישן פיר אויגן האָט ער אים געוואָרנט, אַז אויב ער וועט נאָך אַמאָל דערציילן אַ מעשה וועגן דעם, אַז ביי זיי אין שטוב האָט מען גערעדט דייטש און פראַנצויזיש, וועט ער דערציילן די מעשה מיטן קעלבל. זייט דעמאָלט האָט דר. רייכער שוין גערעדט נאָר יידיש מיט זיין לאַנדסמאַן און ער האָט שוין אויך אָנגעהויבן ריידן יידיש אין דער עפנטלעכקייט. ער האָט כיי ווי באַמערקט, אַז יידישע רעדעס הויבן אָן צו ווערן אַ סחורה... אין דער ערשטער רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין יידיש, האָט ער געזאָגט:

„מיינע הערן און דאַמען, איר ווייסט דאָך, אַז איך רייד אימער דויטש, אָבער עס קומט אַמאָל אַ מאָמענט, ווען עס גלוסט זיך שפּרעכן פון גאַנצן הערצן און עס גלוסט זיך ריידן אין מאַמע־לשון און אַזאַ מאָמענט איז ביי מיר יעצט. איך וויל שפּרעכן צו אייך אין פּשוט זשאַרגאָן, ווייל איך וויל פאַר אייך אויפדעקן די גאַנצע זשאַרגאָנישע נשמה מיינע..."

יאַנקל האָט אים זייט דעמאָלט גערופן „זשאַרגאָנישע נשמה". ער האָט אַרויסגעגעבן אַ מין העברעאישן זשורנאַל „ישורון" און אויך אַ יידישן זשור־

נאָך האָט ער שפּעטער אַרויסגעגיבן און ער האָט זיין קרוב דעם פאַבריקאַנט בערנאַרד כסדר געדראָעט אויסצודערציילן זיין סוד. בערנאַרד איז אַליין געווען אַן אָרימער בחור און ער רייך געוואָרן פּלוצים. זיין פרוי איז געווען אַ מך עלטער פון אים און געזאָגט האָט מען, אַז ער האָט בשותפות מיט זיין פרוי אָוועקגעשיקט דער פרוים ערשטן מאַן אויף יענער וועלט. נישט חלילה דורך אַ מאָרד האָבן זיי עס געטאָן, זיי האָבן אים סתם געעקט די יאָרן. איז אָט אַ דער בערנאַרד געוואָרן אַ גאָט ביי די ציוניסטן און יאַנקל האָט דערפילט ווי עס ווערט אים ענג. נישט דער ציוניזם רינט אויס פון אים, נאָר די ציוניסטן שטויסן אים אָפּ... ער האָט געזען ווי איינציקע ציוניסטישע אינטעלעקטואַלן טאַנצן פאַר די נעאָפּיטן ווי פאַר דעם גאָלדענעם קאַלב און זיי האָבן געזען ווי זיי מאַכן קאַריערעס. געווען אַ פּיאַטרע״ בחור מישו ווייסמאַן, וואָס האָט נאָר וואָס געהאַט געענדיקט אויף אַדוואָקאַט. ער איז געווען אַ טייערער יונגאַטש אַ האַרציקער, אָבער אַ זייער אָרימער. ער האָט גערעדט גוט יידיש און ער האָט געקענט אַביסל העברעאיש. ער האָט געהאַט גרויסע אָראַטאָרישע פעאיקייטן און ער האָט זיך געשניטן אויף דעם בעסטן ציוניסטישן רעדנער אין רומעניש. ער איז דעמלט אַריבערגעקומען פון יענער זייט פּראָנט און ער האָט זיך באַלד צוגעשאַרט צו די גבירים און זיי האָבן אים באַלד געשאַפן אַ פּאָזיציע און געגיבן מעגלעכקייט צו מאַכן אַ גרויסע קאַריערע. אונזער העלד האָט געזען ווי די גבירים האָבן אים געגיבן געלט צו מאַכן זיך אַ פראַק און קויפן לאַק־שיך און אַ צילינדער אויף צו קומען אין טעמפּל אריין האַלטן די רעדע. און אים איז די זאַך מיאוס געוואָרן; ער האָט געהאַט מעגלעכקייטן צו מאַכן אַ גרויסע קאַריערע. די גבירים האָבן געוואוסט אַז ער איז זייער פּאָפּולער און באַליבט ביי די יידיש־ריידנדיקע מאַסן און זיי זיינען געווען גרייט אים צו האַלטן בכבוד גדול, אָבער זיי זיינען אים נישט געפעלן. ביי דער ערשטער דיסקוסיע מיט בערנאַרדן, האָט אונזער העלד געזאָגט צום גרויסן פאַבריקאַנט: איך בין אַן עלטערער ציוניסט פון אייך״.

יאַנקל האָט זיך דערמאָנט אין די אָדעסער ציוניסטן און אין די גאַלאַצער, פּאָלטיטשענער און יאַסיער ציוניסטן און טאַקע אין די בוקאַרעשטער עלטערע ציוניסטן; זיי זיינען קיינם נישט געווען אַזוי אָפּשטויסנדיק ווי די פרישגעבאַקענע ציוניסטן, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין צושטראָמען; באַלד ווי עס איז געשלאָסן געוואָרן פרידן איז אין בוקאַרעשט פאָרגעקומען אַ גרויסע מאַניפעסטאַציע פאַר דער באַלפור־דעקלאַראַציע, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ מיטינג אין גרויסן טעמפּל. די מאַניפעסטאַציע איז געווען אַ קאָלאָסאַלע. די רומענישע פּאָליציי האָט זי געפּרואווט שטערן, אָבער זי האָט דערפילט, אַז זי וועט דאָס נישט קענען באַוויזן. די מאַסן־קייט האָט זיך געצויגן ביז צו די טירן פון דער ענגלישער אַמבאַסאַדע, כאָטש דאָרט איז נאָך קיינער נישט געווען. חברה האָט געפּאַקט עפּעס אַ מאַראָקאַנער, אַ פראַנצויזישן סאָל-

דאט, וואס איז מיטגעגאנגען און ער האט נישט אויפגעהערט צו שרייען „סעט אין שאז נאבל!” (ס'איז א נאבעלע זאך) און גראד ער האט געדארפט כאפן פון א רומענישן פאליציי־מאן מיט א באגנעט אין בויך אריין און ער איז געווען דער איינציקער, וואס האט באגאסן מיט מענטשן־בלוט די מאניפעסטאציע. די שטאט איז געווען פול מיט רומענישע און ציוניסטישע און אנדערע אנטאנט־לענדער פאנען און די גאסן זיינען געווען פול מיט יידישער מונטערקייט און מיט יידישע געזאנגען. ביי דער מאניפעסטאציע ביי יענער האט זיך אונזער העלד געטראפן מיט א סך חברים זיינע פון גאלאץ און יאסי. ער האט דארט געטראפן פעטער וויסמאן פון גאלאץ, וואס האט שוין געהאט געענדיקט דעם ליציי און ער האט שטודירט מעדיצין. ער איז געווען שיין טאקע ווי א האלב־גאט און ער איז געווען מונטער און שטורמיש און ער האט אנגעפילט די מאניפעסטאציע מיט פרייד און מיט יוגנט און ווען ס'איז געווען נויטיק, האט ער באהערשט דעם עולם און געהאלטן ארדנונג. ער איז געווען א גר אין בוקארעשט און ער איז באלד געווארן אן אייגענער. יאנקל האט זיך דורכגערעדט מיט זיין פריינד נאך אויף דער גאס און זיי זיינען ביידע געקומען צום אויספיר, אז די מאניפעסטאציע אין גאס איז דערהויבן, אבער דער מיטינג אין טעמפל טויג נישט. דער ציוניזם דארף איבערהויפט נישט קריכן אין אריסטאקראטישן טעמפל אריין, ער דארף זיין א פאלקסבאוועגונג אין רומעניע. עס איז צוגעשטאנען צו יאנקלען און פעטערן דער אדוואקאט לאסקאר שאראגע, וואס איז פערזענלעך געווען אן אריסטאקראט און ער האט קיין יידיש נישט געקענט ריידן און ער איז דאך געווען דער ערשטער פועלי ציון אין רומעניע. אין לאנד אליין איז ער געווען זייער ווייניק טעטיק ווי א פועלי ציון, אבער וויפל מאל ס'איז אין אויסלאנד פארגעקומען א פועלי ציוניסטישע קאנפערענץ, האט ער געשיקט א באגריסונג. ער איז געווען א זייער שיינער רעדנער און ער האט זיך געפילט געקריוודעט, וואס מען האט אים נישט איינגעלאדן צו האלטן א רעדע אין טעמפל. ער איז געווען זיכער, אז זיין געוועזענער פריינד און איצטיקער שונא א. ל. זיסו, איז געווען שולדיק אין דעם, וואס מען האט אים נישט איינגעלאדן ריידן. דער אמת איז געווען, אז זיסו האט זיך דעמלט זייער ווייניק אפגעגיבן מיט ציוניזם, ער האט זיך אפגעגיבן מיט זיינע גרויסע געשעפטן. ער האט שוין געהאט גענוג געלט אויף צו מאכן א לעבן אן געשעפטן, אבער ס'האט אים געטריבן ווי עפעס א טייוול. דער שווער פלעג אים זאגן, אז ער קען בעסער מאכן געלט ווי ער, האט ער געוואלט איבערשטייגן דעם שווער און ער האט אים טאקע איבערגעשטיגן אויך, אבער דער אויפגעקומענער גביר פלעג זאגן צום איידעם: „געלט מאכן מיט געלט איז נישט שווער, מאכן געלט מיט די פינגער — דאס איז שווער! איך האב געמאכט דאס ערשטע געלט מיט די פינגער און דו האסט געמאכט געלט מיט מיין מיליאן לעי (דעמלט איז עס

געוועזן צוויי הונדערט טויזנט דאָלאַר), וואָס איך האָב דיר געגיבן..." האָט זיסו געיאָגט און געיאָגט. ער פלעג קענען פאַרדינען ביי אַ האַלץ געשעפט מיד ליד מער ווי אַ מיליאָן לעי, ער האָט דער שווערס פאַרפום־פאַבריק גרעסער געמאַכט, אָבער דער שווער האָט זיין געניוס אַלץ נישט אָנערקענט. די פרוי זיסום פלעג זיך קלאָגן פאַר יאַנקלען און זי פלעג אים זאָגן, אַז זי האָט זיך גערעכט, אַז זיסו וועט פירן אַן אינטעלעקטואַל לעבן און זיי וועלן אין איינעם גיין אין טעאַטערס אַריין, צו גרויסע קאָנצערטן און וויכטיקע לעקציעס און צום סוף האָט ער זיך אַריינגעלאָזט אין געלט, אַזוי ווי אין קאָרטן שפּיל, אָדער אין שיכרות... שאַראַגע האָט געמיינט, אַז זיסו איז גרייט אים שטעלן הינטערפיסלעך און ער האָט נישט אויפגעהערט ריידן וועגן דעם, אַז מען דאַרף שאַפן אַ פּועלי ציוניסטישע באַוועגונג. אונזער העלד האָט דערפילט, אַז די סאָציאַלע אָפּאָזיציע האָט אין זיך אויך אַ היפשע פּערזענלעכע נאָטע. פּעטער וויסמאַן איז אויך געווען אייפערזיכטיק, ער איז געווען אייפערזיכטיק אויף מישו וויסמאַן, וואָס איז געווען אין איין שטאָט מיט אים און ער האָט געטראָגן דעם זעלביקן פאַמיליען־נאָמען, וואָס ער און איז געווען אין די זעלביקע יאָרן, וואָס ער און ער האָט מיט איין מאָל געגיבן אַ גיי אַרויף... די מאַניפעסטאַציע האָט זיך פאַרענדיקט ביי די טויערן פון דעם טעמפּל. די פּריצים זיינען אַלע אַריין אינעווייניק און דאָס פאָלק איז געבליבן אין דרויסן און כאָטש יאַנקל האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט צו אַריינגיין, איז ער געבליבן אין דרויסן, אין איינעם מיט דעם פאָלק.

דער צוריקקער פון דער רומענישער רעגירונג האָט געבראַכט אַ סך פרייד אין אייניקע הייזער און אין אנדערע — אַ סך טרויער. אין די דאָזיקע הייזער, וואוהין די אייגענע האָבן זיך אומגעקערט פון פראַנט, האָט געהערשט די גרעסטע פרייד, אין די הייזער, וואוהין עס האָבן זיך אומגעקערט קאַליקעס, אָדער ס'האָט זיך קיינער נישט אומגעקערט, זיינען די געוויינען געגאַנגען ביז צום הימל. טאָג איין, טאָג אויס, ניין! שעה איין, שעה אויס, זיינען געקומען צוגן מיט דעמאָביליזירטע סאָלדאַטן. די צוגן האָבן געהאַט אויסגעזעצטע שויבן און צעבראָכענע טירן און זיי זיינען געווען איבערפילט. מען איז געווען צונויפגעדרוקט אין זיי ערגער ווי הערינג אין פעסער און מען איז געשטאַנען אויף די טרעפּלעך און מען איז געלעגן אויף די דעכער. אין די בית הכסאס אפילו איז מען געשטאַנען. אונזער העלד וועט שוין קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם אויסדרוק פון די מאַמעשע פּנימער אין יענע מאָמענטן. ער וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם אויסדרוק פון די גליקלעכע מאַמעס, וואָס זייערע זין זיינען צוריקגעקומען און ער וועט נישט פאַרגעסן דעם אויסדרוק פון די מאַמעס, וואָס זיי האָבן זייערע זין נישט דערזען. ס'איז גענוג געווען צו זען יענע סצענעס, אַז מ'זאָל אויף אייביק בלייבן דער ערגסטער שונא פון קריג... אונזער העלד קען אויך נישט פאַרגעסן די פרייד פון זיין

שוועסטערקינד סוזאַנאַ, ווען זי האָט דערזען איר חתן נאָלדי צוריק. אַ הויכע איז זי געווען זיין שוועסטערקינד און אַ שלאַנקע, אַ פרוי אַ שיינהייט, פון דעסט וועגן פלעג זי שטענדיק זאָגן, אַז אויב נישט נאָלדי, וועט זי שוין מער קיין מאָל נישט האָבן קיין מאַן. יאַנקל קען אויך קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם אויסדרוק פון דער מאַמען פון דעם בחור יאַנקו, וואָס איז געפאַלן לעבן אים פון אַ באָמבע, וואָס אַ צעפּעלין האָט אַראָפּגעוואָרפן אין מיטן העלן טאָג. די דאָזיקע פרוי האָט נאָך געהאָפט, אַז איר זון וועט זיך אומקערן אין איינעם מיט די דעמאָביליזירטע און ערשט איצטער איז געקומען די גרויסע אַנטוישונג... „די ענדע פון אַ מילחמה — האָט זיך אונזער העלד דעמלט פאַרשריבן — געהער צו די ברוטאַלסטע מאָמענטן פון לעבן. די ענדע פון דער מילחמה ברענגט צופיל גליק פאַר אייניקע און צופיל אומגליק פאַר די אַנדערע. און אייניקע ברענגט דער סוף פון אַ מילחמה, אי גליק, אי אומגליק... איך האָב געזען אַ מאַמע, וואָס איין זון איז איר צוריקגעקומען פון פראָנט און דער צווייטער נישט און זי איז שיעור נישט צעריסן געוואָרן. זי האָט זיך געוואָלט פרייען מיטן צוריקקומען פון יאַנעלן און זי האָט געוואָלט קלאָגן און וויינען פאַר דעם, וואָס מאַרטשעל איז נישט צוריקגעקומען...“ עס איז געווען נאָך אַ טרויער אין אַ סך היימען; ספּעציעל איז דאָס געווען אין יידישע, אָבער אויך אין געוויסע רומענישע הייזער. עס האָט זיך געפונען אַן עולם, וואָס איז אַרומגעגאַנגען מסרן די אַלע, וואָס האָבן זיך געחברט מיט די דייטשן און עס האָבן נאַטירלעך נישט געפעלט קיין בילבולים. עס האָט אָנגעהויבן גיין אַ ווילדער נקמה טאַנץ פון שוואַכע און אויך פון סתם רשעים. טויזנטער מענטשן האָט מען אַרויסגעשלעפּט פון די שטיבער. מען האָט איבערפילט די אַרעסט־הייזער און די טיורמעס. און מוראדיקע טראַגעדיעס זיינען אויך פאָרגעקומען צווישן די מענער, וואָס זיינען אַוועק אויף דעם פראָנט און זייערע פרויען, וואָס זיינען געבליבן אין דער הויפּטשטאָט. עס האָבן נישט געפעלט אַזעלכע, וואָס האָבן געמסרט פאַר די צוריקגעקומענע מענער, אַז זייערע פרויען האָבן געהאַט געליבטע און זיי האָבן געלעבט אַ גוטן טאָג. אייניקע פרויען האָבן זיך אַליין פאַרמסרט, זיי האָבן נישט געקענט באַהאַלטן זייערע זינד. יאַנקל האָט געזען ווי אַ יונגע אַקטריסע האָט אויפגענומען איר מאַן. זי האָט גראָד געהאַט אַ פאָר געליבטע פאַר דער צייט פון קריג, אָבער זי האָט פאַר דעם מאַן דעם יאָלד אָפּגעשפּילט אַן עכטע מעלאָדראַמאַטישע סצענע, זי האָט ממש געחלשט... די עלטערן אירע, וואָס זיינען אויך געווען שוישפּילער, האָבן צוגעהאָלפן צום שפּיל. דער טאַטע איז גראָד געווען אַ קאָמיקער און ער האָט שווער געהאָרעוועט ביז וואַנען ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ פּאָר טרערן... אָבער נישט אַלע פרויען זיינען געווען אַקטריסעס! ביי קריסטן איז געקומען צו ווילדע געשלעגן און צו מאָרדן אַפילו. ביי יידן איז געקומען צו קריגערייען און צו גטן און נישט איין מאָל האָט מען

געהערט הילכיקע פּעטש, וואָס אַ מאַן אין מיליטערישע קליידער האָט דער־לאַנגט אַ פרוי. אַ גאַנץ לעבן האָט אונזער העלד נישט געזען אַזויפיל צע־פּאַטשטע פרויען וויפל ער האָט געזען אין יענע פּאָר טעג... און צום מערסטן זיינען די פרויען נישט געווען שולדיק. זייער אַ סך האָבן דאָס געטאָן בכדי צו ראַטעווען די קינדער און די עלטערן. אייניקע פרויען האָבן געוויינט און געזאָגט: „און ווען דו וואָלסט געטראָפן דאָס קינד טויט, וואָלט דיר געווען בעסער?" אוודאי האָבן נישט געפעלט קיין טויזנטער פרויען, וואָס האָבן עס געטאָן פאַר וואוילטאָג, אָדער, ווייל זיי האָבן זיך נישט געקענט באַהערשן. אָבער די גרויסע מערהייט האָט עס געטאָן פאַר נויט. טויזנטער פאַמיליען־לעבנס זיינען אויף שטענדיק צעשטערט געוואָרן. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער נאָך־מילחמה חורבן פאַרמעסט זיך איבערצושטייגן דעם חורבן פון דער מילחמה גופא.

און אַ שנאה צווישן יידן און קריסטן האָט זיך צעפלאַקערט. די כולי־גאַנעס האָבן זיך מיט דעם ווילדסטן צאָרן גענומען וואַרפן אויף די יידישע גאַסן און די רומענישע פּאָליציי, וואָס האָט שוין געהאַט די גאַנצע מאַכט, האָט נישט געשטערט און פון צייט צו צייט האָט זי אפילו געהאָלפן. ביי איינעם אַזאַ געשלעג האָט מען דערהרגעט אַ רומענישן סובקאָמיסאַר. די פּאָליציי האָט אַרעסטירט צוויי יידישע בחורים קצבים. קיינער האָט נישט געוואוסט גענוי ווער עס האָט געהרגעט דעם סובקאָמיסאַר, אָבער דער חשד איז געפאַלן אויף די צוויי ברידער און מען האָט זיי אַרעסטירט. פון דער זעלבסט־שוץ האָט מען אויסגעוויילט אַ דעלעגאַציע, וואָס זאָל גיין אין דער דאָזיקער פּאָליציי־סעק־ציע, וואו די צוויי יונגעלייט זיינען געווען אַרעסטירט. אין דער דעלעגאַציע זיינען אַריין דער ראַבינער דר. האַלפּערין, ראַבינער דר. אַלגאַזי און אונזער העלד. דר. האַלפּערין איז געווען אַ מאָדערנער ראַבינער מיט אַ געשוירענער באָרד. ער האָט געפּרעדיקט אין אַ מאָדערנע טעמפּל און ער איז געווען אַ קנאַפּער קענער אין די קליינע אותיותליך. ער האָט אויך זייער שוואַך גערעדט יידיש. דר. אַלגאַזי איז געווען אַ ספרדישער ייד. די ספרדישע קהילה פון בוקאַרעשט איז געבליבן אָן אַ רב און זי האָט געשיקט אַלגאַזין לערנען קיין פּאַריז און דערווייל האָט זי צוגענומען דר. נעמיראָווער פאַר רב. און ווען אַלגאַזי איז צוריקגעקומען, האָט ער נישט געהאַט קיין חשק צו ווערן רב. ער האָט געהאַט אַ נייגונג צו מוזיק, ספּעציעל צו קאָמפּאָזיציע און אייניקע האָבן אים צוגעזאָגט אַ גרויסע צוקונפט. ער האָט אויך געהאַט נייגונגען צו זשור־נאַליסטיק און ער האָט געדרייט געשעפטן צווישן צייטונגס־לייט און באַנ־קירן. ער האָט געהאַט אַ רויטלעכע באָרד. ער איז געווען דער איינציקער ספרדי מיט אַ רויטלעכער באָרד, וואָס אונזער העלד האָט אין משך פון זיין לעבן געזען. ער האָט ליב געהאַט יידיש און ער האָט זיך אָנגעשטרענגט אויס־צולערנען אונזער לשון און ער האָט פון צייט צו צייט געהאַלטן רעפעראַטן

וועגן שלום עליכמן. די דעלעגאציע איז געקומען אין דער פאליציי־סעקציע און דארט געטראפן א זייער העפלעכן קאמיסאר, וואס האט די חשובע געסט אויפגענומען זייער פריינדלעך. ער האט ארויסגעוויזן דעם גרעסטן ווילן אנט־קעגן צו קומען די יידן. ער איז געווען גרייט צו העלפן באפרייען די ארעס־טירטע, אבער ער אליין האט דאס שוין נישט געקענט טאן, ער האט זיי גע־מוזט אוועקשיקן אויף מארגן אין דער פרי אין דער פאליציי־פרעפעקטור. אבער ער קען זיי אוועקשיקן אהין מיט אזא פראטאקאל אז מען זאל זיי גיך באפרייען, ער דארף דערצו נאר צוויי עדות, אז בעת ס'איז פארגעקומען דער מארד זיינען די צוויי יונגע קצבים געווען ערגעץ אנדערש. דער קאמיסאר האט גערעדט אזוי פריינטלעך, אז מ'האט דיסקוטירט מיט אים ווי מיט אן אייגענעם. דער ראבינער האלפערין האט קינדיש אויפריכטיק געפרעגט וואו מען נעמט עדות און דער קאמיסאר האט געענטפערט מיט א חברלעכן קלאפ אין דער פלייצע, אז מען גייט ארויס אין דער פרי, אבער טאקע גאר פרי, אויף דער גאס וואקארעשטי און מען גייט אריין אין א קאפע־הויז און מען זוכט שוין דארט אוים צוויי יידן, וואס זאלן זאגן עדות. וואס פאר א ייד וועט זיך עס אפזאגן צו זאגן עדות פאר אזא גערעכטער זאך? און דער קא־מיסאר איז פון רומעניש איבערגעגאנגען צו פראנצויזיש און דר. אלגאזי, וואס איז דערצויגן געווארן אין פאריז, איז גאר אנטציקט געווארן פון זיין פרעכטיקן און ראפינירטן פראנצויזיש! אזא רומענישן קאמיסאר האט ער נאך קיינמאל נישט געזען! און מען האט זיך געזעגנט ווי אלטע פריינט און מען איז אוועק מיט א זעלטענעם ענטוזיאזם. דר. האלפערין האט געזאגט, אז נישט אלע רומענער, וואס זיינען צוריקגעקומען פון יענער זייט, האבן גע־בראכט מיט זיך אנטיסעמיטיזם. די קעניגין אפילו האט אריינגעבראכט דעם אנטיסעמיטישן טאן און זי האט געזאגט, אז די יידן האבן געהאט אן „אטי־טיד רעגרעטאבל" (א באדויערנדיקע שטעלונג). זי האט די לעצטע צייט גע־רעדט צום מערסטן פראנצויזיש, אמאל פלעגט זי ריידן מער דייטש... מען האט געוואוסט, אז זי האט געפראוועט וואקכאנאליעס מיט פראנצויזישע אפיצירן. מען האט דערציילט וועגן איינער א קאשמארער וואקכאנאליע. דאס איז גע־ווען די פינצטערע קעניגלעכע באלאדע פון יענעם קריג. מען האט דערציילט, אז אין רומענישן דארף קאצאפענעשטי איז געווען א פראנצויזישער לאזא־רעט, האבן זיך אהין זאנאדעט אריסטאקראטישע רומענישע דאמען, וואס האבן געפראוועט ארגיעס מיט די פראנצויזישע אפיצירן און דאקטוירים. איין מאל אין א ביינאכט האט מען אין איינעם פון די לאזארעט־זאלן גע־פראוועט אן אטענער נאכט. פרויען און מענער האבן געטאנצט נאקעט און געשיכורט. און גראד זיינען געווען א סך געפערלעכע קראנקע צווישן די פאר־וואונדעטע פראנצויזישע סאלדאטן. זיי האבן געשריגן און געשריגן נאך הילף און ס'איז נישט געקומען און זיי האבן דערשמעקט די וואקכאנאליע און זיך

אַריינגעריסן אין זאַל אַריין און געפּאַקט די נאַקעטע טענצער... דער צאָרן איז געווען מוראדיק און די קראַנקע האָבן אונטערגעצונדן דעם גאַנצן לאַזאַרעט... און די „גוטע קעניגין” איז יאַקאַם געווען צווישן די „אַטענער” דאַמען און זי איז אַנטלאָפן אַ נאַקעטע... באַלד ווי די רומעניש רעגירונג האָט צוריק פאַר־נומען בוקאַרעשט, האָט מען געמאָלדן, אַז דעם נאָמען קאַצאַפּענעשטי זאָל מען אויף די ליפּן נישט ברענגען און מען האָט באַקומען אַ גרויסע שטראָף פאַר דערמאָנען דעם נאָמען פון דעם דאָזיקן דאָרף... די קעניגין אַליין האָט זיך פיין אויפגעפירט, אָבער די יידן — נישט פיין. די גאַנצע רעגירונג האָט געגיבן אָנצוהערן, אַז זי האָט טענות צו די יידן און דאָ איז געקומען אַ קאָמיסאַר, אַ ראַפינירטער קולטור־מענטש און איז גרייט צו טאָן אַלצדינג אויף צו באַפרייען צוויי יידן. דר. האַלפּערין האָט זיך אָפּגעבעטן. ער האָט געזאָגט, אַז די צוויי פריינט זיינע וועלן שוין אַליין דורכפירן די זאַך, ער פאַרלאָזט זיך אויף זיי.

ס'איז געווען אַ קאַלטער ווינטער אָוונט און אונזער העלד איז צוריק־געקומען פון טעאַטער אַ פאַרפרוירענער און ער האָט זיך געלייגט שלאָפן, אָבער איידער ער האָט נאָר אַ דרימל געטאָן, איז ער באַלד געוואָרן וואַך. ער האָט נישט געקענט שלאָפן. אים איז קלאָר געוואָרן, אַז דער קאָמיסאַר האָט געזוכט צו מאַכן אַ בילבול אויף דער גאַנצער קהילה. צוויי רבנים און אַ יידי־שער שרייבער שטייען אויף אין אַ ווינטערדיקן פאַרטאָג זוכן פאַלשע עדות אין אַ קאַפע... דאַרף מען מער באַווייז, אַז דעם מאָרד האָט דורכגעפירט די גאַנצע קהילה? יאַנקל האָט נישט געקענט איינליגן און ער האָט זיך אָנגעטאָן און ער האָט זיך געלאָזט גיין צו דר. אַלגאַזי, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז פּאָליציי וועט אים אָפּשטעלן. דער יונגער ראַבינער האָט געוואוינט אין איי־נעם מיט זיין מאַמען אויף דער גאַס נעגרו־וואָדאַ, וואו עס האָבן צום מערסטן געלעבט די שפּאַניאָלישע יידן. עס איז נישט געווען ווייט, אָבער דער וועג האָט אים אויסגעוויזן אומגעהויער לאַנג. פּאָליציסטן האָבן אים צוויי מאָל אָפּגעשטעלט און ער איז זיי אָפּגעקומען מיט עטלעכע לעי און מיט אַ פּאָר פּאַפּיראָסן אַ צוגאָב. דער אַריינגאַנג צו אַלגאַזין איז געווען דורך אַן איי־זערנעם טויער און דער טויער איז געווען פאַרהאַקט. עס איז נישט געווען קיין שום מיטל אַריינצוגיין. ערשט זעקס אַזייגער פאַרטאָג האָט אונזער העלד געקענט אַריינקומען צו זיין פריינד און יענער איז שוין געהאַט געפאַלן אויף דעם זעלביקן שכל און נאָך אַ באַראַטונג מיט קאָנסטאַנטין גראור איז גע־בליבן, אַז קיינער גייט נישט אין דער קאָמיסאַריע. זאָל מען די בחורים אוועקשיקן אין דער פּאָליציי־פּרעפעקטור און דערנאָך וועט מען שוין זוכן אַ מיטל זיי צו באַפרייען. דער קאָמיסאַר איז געבליבן מיט אַ נאָז, אָבער עס איז קלאָר געוואָרן אין די אָנפירנדיקע יידישע קרייזן, אַז די רעגירונג זוכט זיך צו טשעפּען צו די יידן. ס'איז איר ווייניק געווען דער כוליגאַניזם, וואָס זי האָט אָנגעווענדעט לגבי די יידן בעת דעם קריג, זי האָט געוואָלט נאָך... זי

האָט איבערהויפּט געוואָלט האָבן אַ סך דאָקומענטן וועגן יידישן אַנטיפּאַטריאָטיזם און וועגן יידישער אומטאָלעראַנץ, בכדי נישט צו דאַרפן געבן די יידן קיין גלייכבאַרעכטיקונג...

דאָס צוריקקומען פון דער רומענישער רעגירונג האָט אונזער העלד פּערזענלעך אויך נישט געבראַכט קיין פריידֿ. עטלעכע טעג נאָך דער גרויסער געשעניש זיינען שטערנבערג און יאַנקל אַריינגעקומען אין טעאַטער אַריין. זיינען זיי באַלד אַנטקעגן געלאָפן די דירעקטאָרן און זיי אָנגעזאָגט די בשורה, אַז פּאָליציי האָט זיי געזוכט און אַז די בעסטע זאַך, וואָס זיי קענען טאָן, איז זיך באַהאַלטן עטלעכע טעג און דערנאָך אַנטלויפן. די צוויי גרויסע העלדן האָבן זיך איבערגעשראָקן און ביז וואָס ווען, האָבן זיי זיך באַהאַלטן. זיי האָבן זיך באַהאַלטן ביי יאַנקלס פעטער און מומע און זיי זיינען דאָרט געלעגן עטלעכע טעג. ס'איז זיי נישט איינגעפאַלן צו אינטערוועניר ן און זיי האָבן געפּסקנט, אַז זיי דאַרפן אַוועקפאָרן. אַ גאַנצן טאָג זיינען זיי געליגן אין דער ענגער דירה און געראויכערט און געטרונקען טערקישע קאַווע און געשפּילט צווישן זיך, אָדער מיטן גאַליציאַנער פעטער אַ שאַך, אָדער אַ זעקס און זעכציק און זיך היפּש אונטערגעקריגט, ספּעציעל ביים שאַך, צוליב דעם נעמען צוריק געגנג... זיי פלעגן מיט צופרידנקייט הערן דורך די פענצטער ווי מען האָט אין גאַס געזונגען לידער פון זייערע רעווים. אַפילו אין בית הכסא האָבן זיי געטראָפן פּאַפּיר, אויף וועלכע עס זיינען געווען געדרוקט זייערע נעמען. זיי האָבן געפילט, אַז זיי זיינען אין משך פון יאָר געוואָרן אומגעהויער פּאָפּולער. אין אָוונט האָבן זיי זיך דערלויבט ארויסצוגיין אין גאַס אַריין און זיך אַריינרוקן אין אַ שטילן געסל אַריין און דאָרט פּאַוואָליע שפּאַצירן. זיי האָבןביידע געטראָגן שווערע שטעקענעס און פון דעם שטענדיקן זיצן זיינען זיי געווען שטאַרק איינגעבויגן. איין מאָל האָבן זיי באַגעגנט צוויי מיידלעך און איינע האָט געזאָגט צו דער צווייטער: „קרעדיאַם קע סינט דאָי מאָש" (איך האָב געמיינט, אַז דאָס זיינען צוויי זיידעס). זיי האָבן זיך געגעבן חשבון ווי אַזוי זיי זעען אויס אין זייערע סילועטן... זיי האָבן אַזוי לאַנג שפּאַצירט, ביז וואַנען איין מאָל אין אַ שפּעטן אָוונט האָט עמיצער זיי דערקענט און אַ מאַן האָט געזאָגט צו זיין פרוי אויף יידיש: „אָבי מען האָט געזאָגט, אַז שטערנבערג און באַטאַשאַנסקי זיינען אַוועקגעפאָרן!" די רעווי „שלום עליכם" האָט מען דערווייל געשפּילט און לאַזאַרעאַנו פלעג קומען צו די צוויי באַהאַלטענע און זיי דערציילן, אַז צו ענדע ספּעקטאַקל לייגט מען אין די וועלט, אַז די מחברים זאָלן אַרויסגיין... לאַזאַרעאַנו האָט אויך דערציילט, אַז אַ שיינע פרוי האָט זיך שטאַרק נאָכגעפרעגט אויף יאַנקלען, אָבער קיינער האָט איר נישט געוואָלט געבן דעם אדרעס. די פרוי, האָט לאַזאַרעאַנו דערציילט, האָט געמאַכט אַ מאָדנעם איינדרוק. נישט קיין שיינע און אַ זייער שיינע. זי האָט גערעדט טשיקאַווע, קאַפּריזנע און דאָך זייער מענטשלעך. זי

האָט געבעטן איבערגיבן יאַנקלען, אַז ערנאַ פון באָטאָשאַן האָט אים געזוכט. זי איז זיך צעגאַנגען מיט איר מאַן, ווייל איר מאַמע איז געשטאָרבן... ביי דער מאַמעס לעבן האָט זי עס נישט געטאָן ווייל זי האָט נישט געוואָלט די קראַנקע מוטער ערגערן. איצטער האָט זי צוויי מענער, וואָס זי האָט ליב, יאַנקלען און אַ יונגען דאָקטער אין פּאַריז, לויפט זי קיין פּאַריז. לאַזאַרעאַנו האָט געזאָגט, אַז אין איר ריידן איז זי געווען אַ׳ ווי אַ פאַרדאָרבענע פרוי, אי ווי אַן אויפריכטיק קינד. זי האָט ריידנדיק געוויינט און געלאַכט און דאָך נישט היסטעריש און דאָס לאַכן איז געווען מער טרויעריק ווי דאָס וויינען...

ווען די צוויי העלדן האָבן שוין באַשלאָסן צו פאָרן אַהיים, האָט זיי אַ צי געטאָן זיך צו געזעגנען מיט דעם דיכטער ב. נעמצעאַנו, וואָס איז געווען שטאַרק קראַנק און מען האָט געזאָגט, אַז זיינע טעג זיינען געציילטע. ער האָט זיך געפונען אַרויס פון דער שטאָט אין אַ לופטיקער וואוינונג און מיט אים איז געווען נאָר אַ דינסט, אַן עלטערע קריסטלעכע. יאַנקל און זיין חבר האָבן זיך די לעצטע צייט זייער באַפריינדעט מיט דעם דאַזיקן צאַרטסטן פון די רומענישע דיכטער. זיי האָבן אים געבראַכט אין דער רעווי „איקס, מיקס, דריקס". ער האָט באַשריבן לירישע־הומאָריסטיש אַ קליינע גאַסן־טרופּע, וואָס פלעג געווייינלעך שטענדיק זינגען און טאַנצן אין אַ גאַס, וואָס האָט געהייסן גאַבראָווען. די טרופּע איז באַשטאַנען פון אַ פיר קינדער פון ביידע מינים און פון אַ מיידל פון אַ יאָר צוואַנציק, וואָס איז געווען זייער אָנפירערין. זיי האָבן צום מערסטן געזונגען אַן איטאַליעניש ליד „סטרעטי, אָ סטרעטי". אין דער רעווי האָבן די מחברים געבראַכט דעם דיכטער אין איינעם מיט די קליינע זינגערלעך. נעמצעאַנון האָט געשפּילט סאַראַ קאַנער, וואָס איז געווען זייער ענלעך צו אים. די סצענע איז געווען אַ הומאָריסטישע און אויך אַ ליי־רישע אָנשטאָט „סטרעטי" האָט דער רעפרען זיך אָנגעהויבן מיטן וואָרט „קעטע", וואָס מיינט אויף רומעניש דאָס געלט, וואָס מען וואַרפט אַריין גאַסן־און שענק־זינגער אין די טעלער אַריין. נעמצעאַנו האָט זיין סאָלאָ אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

אויף איטאַליעניש הייס איך נעמצאַנאָ,
אויף רומעניש — בערל דאַטשאַנאָ,
אוי, קינדערלעך, זינגט פון אַמאָראָ...

נעמצעאַנו האָט זייער ליב געהאַט די דאַזיקע סצענע און ווען ער איז געווען אין שטאָט, פלעג ער קומען אין טעאַטער אַריין, אָפּזען די סצענע און אַהיימפאָרן. אָבער די לעצטע וואָכן האָט ער זיך שוין נישט געוויזן מער אין שטאָט. דאָ איז אַ וועלט געגאַנגען כאָדאָראָס און ער איז דאָרט געליגן אַן עלנדער און אַ קראַנקער. ער האָט דערצו נאָך איבערגעלעבט אַ טראַגעדיע

אויך. אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע האָט ער זיך פאַרליבט אין איינעם פון זיינע בעסטע חברימס אַ פרוי. זי האָט זיך אין אים באַלד פאַרליבט און זיי זיינען געווען אין איינעם, כאָטש ס'איז געווען פאַר ביידן אַ געפאַר. ווען דער מאַן איז צוריקגעקומען, איז די פרוי אַוועק פון ביידע מענער; דער חבר האָט זיך נישט געוואָלט איבערבעטן פאַר קיין פאַל מיט דעם קראַנקען דיכ־טער און ער האָט דערפון מוראדיק געליטן. ער האָט אים אין אַ בריוול גע־שריבן: „פאַרוואָס ווילסטו זיך נישט איבערבעטן מיט מיר? איך האָב דאָך שוין נישט קיין לונג...״ נעמצעאַנו האָט זיך געמאַכט אַ סטראָף צום יידישן פאָלקסלידל „לאָמיר זיך איבערבעטן״:

לאָמיר זיך איבערבעטן, ווייל מיר זיינען יונג,
לאָמיר זיך איבערבעטן, כ'האָב שוין נישט קיין לונג...

דאָס זיינען געווען די איינציקע שורות, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין יידיש, כאָטש זי איז געווען זיין מאַמע־לשון.

אין אַ פאַרנאַכט האָבן יאַנקל און שטערנבערג געדונגען אַ פאַעטאָן מיט צוויי פערד און זיי האָבן זיך איינגעשטעלט מיט דער פרייהייט און זיי זיינען אַוועקגעפאָרן צום קראַנקן דיכטער. ס'איז געווען אַ ווייטער וועג און אַ שווע־רער, מען האָט דעמלט נישט געקענט פאָרן נישט מיט קיין וואָגן און נישט מיט קיין שליטן. קיין גענויעם אַדרעס האָבן זיי אויך נישט געהאַט און זיי האָבן היפּש געבלאָנדזשעט ביז וואַנען זיי האָבן זיך דערשלעפּט צו דעם איינ־זאַמען שטיבל. דער דיכטער איז געליגן מיט אָפענע פענצטער אין פראָסטיקן און פאַרשנייעטן פעלד אַרוים און ווען זיינע פריינד זיינען אַריינגעקומען, האָט ער אויפגעשיינט און דאָס פּנים איז אים געוואָרן ממש שטראַלנדיק. ער איז געווען גרייט אָנטקעגן צו טאַנצן, אָבער די דינסט האָט נישט געלאָזט. ער האָט באַלד געהייסן דער דינסט גיבן כּיבוד און ווען זי האָט נישט געגיבן אַזוי ווי ער האָט געוואָלט, האָט ער זיך אַביסל געערגערט און ער איז דאָך געבליבן ביי דער גוטער שטימונג. ער האָט געזאָגט אין זיין שווערלעכן און חנוודיקן יידיש, אַז „די דינסט איז אַ ווייב, אויף וועלכן מען קען זאָגן, אַז זי איז אַ פּה צדיק...״ ער האָט עס געזאָגט מיט דעם פולן מויל און ער האָט הנאה געהאַט פון דעם, וואָס מען לאַכט פון זיין שפּאַס. דער וויזיט האָט געמוזט זיין נישט קיין לאַנגער. דער קוטשער האָט געזאָגט, אַז די פערד ווערן אים פאַרפרוירן און קען מער ווי אַ האַלבע שעה נישט וואַרטן. מען האָט אים גע־גיבן איינצודעקן די פערד, האָט ער געוואַרט נאָך אַ האַלבע שעה און מען האָט קוים אויסגעבעטן ביי אים נאָך אַ פערטל שעה... וויפל נעמצעאַנו האָט דאָס אין יענעם אויף דער נאַכט אויסגערעדט און אויסגעטרוימט! ער האָט גע־רעדט וועגן גרויסע פּאָעמען און דראַמען, וואָס ער קלויבט זיך צו שרייבן...

ער האָט געמאַכט פּלענער כאַטש אויף אַ יאָר פּופציק. עס איז אים נישט איינגעפאַלן, אַז ער וועט שוין קען צען וואָכן נישט אויסלעבן... דאָס געזעגנען זיך איז געווען הארצרייסנדיק. ס'האָט די צוויי יונגע העלדן שוין באַנג געטאָן למאַי זיי זיינען געפאָרן און זיי האָבן, פּרירנדיק ביים צוריקקער אין פּאַעטאָן, נישט געקענט באַרעכנען, וואָס זיי האָבן דעם קראַנקען געבראַכט מער — טרויער, צי פרייד... אויף דעם צווייטן טאָג האָבן ביידע געדאַרפט אהיימפאָרן צו זייערע אייגענע. שטערנבערג האָט געדאַרפט פאָרן קיין ליפּקאַן דורך טשערנאָוויץ, וואָס איז שוין אויך געווען רומעניע און יאַנקל האָט געדאַרפט פאָרן דורך גאַלאַץ קיין קיליע. אין לעצטן מאָמענט האָבן ביידע אָנגעהויבן הושד זיין, אַז די גאַנצע מעשה מיט דעם קומען ארעסטירן איז געווען אַן אויסגעטראַכטע. זיי האָבן זיך געגיבן חשבון, אַז די שושפּילער ווילן זיי נישט שטאַרק פאַר קיין שותפים. איציקל גאָלדענבערג האָט געהאַט אַ שוואָגער, וואָס האָט געהייסן קרעמניצער, האָט ער געהאַט אַ שם פון אַ פּשוטן מסור. אים זיינען די צוויי „רוסישע" שרייבער מיט די שטעקענעס נישט געווען שטאַרק געפעלן. ערשט איצטער האָבן זיך די שרייבער געגיבן רעכנונג, אַז קרעמניצער איז זיי נישט געווען אַזוי געטריי, ער האָט נישט געהאַט פאַרוואָס צו פאַרהיטן פון ארעסט און אַז ער האָט זיי פּשוט אָפּגענארט. ער האָט זיי געקענט מסרן און מ'זאָל זיי ארעסטירן, אָבער ער האָט מורא געהאַט, אַז צוליב זייערע פאַרבינדונגען, וועט מען זיי באַלד ארויסנעמען. קרעמניצערן האָבן די צוויי מחברים נישט געלוינט, ווייל זיי האָבן געקענט קריגן צופיל רעקאָמענדאַציע. אין דער רעווי „איקס, מיקס, דריקס" האָט קאַנער געדאַרפט שפּילן אַ קאָמיסאַר, האָט קרעמניצער געזאָגט, אַז ער נעמט אויף זיך צו קריגן אַ קאָמיסאַרן־אוניפאָרם און עס איז שוין געקומען דער טאָג פון דער פּרעמיערע און ער האָט אים נישט געקראָגן און ער האָט געזאָגט, אַז איצטער וועט שוין גאָט אַליין נישט באַקומען און יאַנקל איז אַריינגעגאַנגען גלייך צום פּאָליציי־פּרעפעקט און אין צען מינוט ארום האָט אַ וואַכמאַן געבראַכט אין טעאַטער אַריין אַ קאָמיסאַרן־קאָסטיום און קרעמניצער איז געווען גרייט צו צערייסן די צוויי רוסישע דעזערטירן, וואָס האָבן אים אוועקגענומען דעם גאַנצן פּרעסטיזש. אַקטיאָרן האָבן זיך גערייצט מיט אים און זיי האָבן אים געזאָגט, אַז מסרן קען ער בעסער ווי פּועלן... די צוויי מחברים האָבן געפילט, אַז זיי האָבן אויפגעגיבן צו גיך אַ שווער אויסגעקעמפּטע פּאָזיציע, אָבער זיי האָבן שוין געהאַט רייזע־פּיבער און זיי האָבן שוין געזען די היים פאַר די אויגן און זיי זיינען געלאָפן, גיבנדיק אַ מאַך מיט דער האַנט אויף דעם טעאַטער אין איינעם מיט גאַנץ בוקארעשט.

...שטעט און דערפער זיינען געלאָפן פאַר די אויגן, כאָטש דער צוג איז נישט שטאַרק גיך געלאָפן. דאָס פאָרן איז געווען מוראדיק שווער. אין ערשטן קלאַס אפילו זיינען די שויבן געווע: אויסגעזעצט און דער ווינט האָט אריינ־

געבלאָזן. די לעדער איז געווען אויסגעשניטן און ס'איז אויסגעקומען צו זיצן אויף בענק, וואָס האָבן נישט נאָר געקוועטשט, נאָר אויך געשטאָכן. מען האָט געמוזט שטיין מער ווי זיצן, אפילו ווען מען האָט געהאַט אַ פּלאַץ. עס זיי־נען געשטאַנען פּרויען און מען האָט זיך לכל הפּחות געמוזט טיילן מיט זיי מיט די פּלעצער. עס האָט זיך געפילט די מילחמה נאָכוויייענישן אויף שריט און טריט. די מערסטע מענטשן זיינען געווען טרויעריק, פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט אַ קרעכץ און אַ זיפץ און מען האָט געזען טרערן סיי ביי פרויען, סיי ביי מענער. און פון דעסט וועגן האָט מען פון צענדליקער רו־מענער נישט אויפגעהערט צו הערן דאָס וואָרט „זשידאַן"... ווען דער צוג איז צוגעקומען נעענטער צו דער מאָלדאַווע האָט מען געזען אַן אַ שיעור צע־שאָסענע הייזער. ס'זיינען געווען ווענט, וואָס האָבן געהאַט הונדערטער לע־כער פון שאָסן און זיי האָבן אויך נאָך געהאַט רויטע פלעקן. אויף איין סטאַנ־ציע, וואו דער צוג איז געבליבן שטיין, האָט מען געקענט זען אַ פּאָר הייזער, וואָס זיינען געווען באַדעקט מיט קוילן־שאָסן ממש ווי מיט רעגן־טראָפּנס. די דאָזיקע שאָסן האָבן אַרויסגערופן אַ קלאָר בילד: הונדערטער מענטשן זיינען געשטאַנען איינער קעגן אַנדערן און זיי האָבן איינס אין אַנדערן גע־שאָסן. מען האָט אים אין בוקאַרעשט געהאַט דערציילט אַ וויץ, אַז אַ ייד איז געקומען צום ערשטן מאָל אויף דעם פראָנט און ער איז געלעגן אין טראַנ־שיי גלייך מיט אַלע און פלוצים האָט אָנגעהויבן צו דונערן מיט קוילן, האָט דער ייד אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און אַ געשריי געטאָן: „איר זיינט משוגע? דאָ זיינען דאָך פאַראַן מענטשן!" מען האָט דעם דאָזיקן וויץ דערציילט אויף רומעניש מיט אַ שטאַרקן יידישן אַקצענט און ס'האָט געהייסן, אַז דער ייד איז דאָ מוראַדיק אויף חוזק. שטייענדיק ביי יענער סטאַנציע, וואָס האָט גע־הייסן מאַראַשעשט און וואָס איז געווען דער רומענישער ווערדען, האָט אונ־זער העלד געזען דורך די לעכער אין די ווענט דעם גאַנצן שוידער פון דער מילחמה. דער צוג איז ביי יענער סטאַנציע געשטאַנען לאַנג, אָבער די פּאַ־סאַזשירן זיינען נישט אַראָפּגעגאַנגען, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט נישט צו פאַרלירן די פּלעצער; חדשים לאַנג זיינען געשטאַנען מענטשן קעגן מענטשן או זיין האָבן געשאָסן. דריי פערטל פון די הייזער זיינען אין שטעטל געווען חורבות, גאַנץ איז קיין איין הויז נישט געבליבן, אָבער געררייצט האָבן דווקאָ די עטלעכע הייזער ביי דער סטאַנציע, וואָס זיינען נישט צעוואָרפן געוואָרן, נאָר זייערע ווענט האָבן געהאַט הונדערטער לעכער. יאַנקלען האָט זיך גע־דאַכט, אַז אין יעדן לאָך זעט ער אַ דערהרגעטן מענטשן... און ער האָט זיך גע־פרעגט: „אַט צו דעם איז צוגעקומען דער מענטש מיט זיין ציוויליזאַציע? ווער ס'וועט שיסן מער, דער דאָזיקער וועט זיגן?" אין פעלד אַריין האָט זיך דאָרט אָוועקגעצויגן אַ גלייכער וועג, אַ באַדעקטער מיט שניי. ס'האָט זיך ווי געבעטן, אַז מען זאָל זיך אַ לאָז טאָן איבער יענעם שניי מיט אַ שליטן און

מיט געזאַנג. נישט ווייט האָט געשטראַלט מיט ווייסקייט אַ וועלדל; ער האָט דערפילט דעם זומערדיקן ריח פון יענעם וועלדל און ער האָט געזען ווי די בחורים, וואָס שטייען און שיסן, חלומען פון גיין אין וועלדל אַריין מיט זייערע מיידלעך... דער מענטש האָט חלומות, אָבער נישט קיין ווילן. דער מענטש ווערט געבוירן און ער בלייבט אַ שקלאַף.

אין גאַלאַץ האָט אונזער העלד געטראָפן די מערסטע פון זיינע באַקאַנטע. אייניקע זיינען אומגעקומען אויף דעם פראָנט און צווישן זיי איז געווען מיכל האַלפּערין, דער שיינער, שלאַנקער יונגערמאַן, וואָס איז דער ערשטער געקומען אין טיורמע אַריין אים צו דערמונטערן, ווען ער איז צוריק מיט עפּעס מער ווי פיר יאָר אַריינגעפאַלן אין דעם דאָזיקן לאַנד אַריין. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ס'איז געווען ערשט נעכטן און ס'האָט זיך אים אויך געדאַכט, אַז ס'איז אויך געווען צוריק מיט אַ יאָרהונדערט. ער האָט דעמלט זייער קלאָר דערפילט, אַז די שעהן קריכן זייער פּאַוואָליע, אָבער די יאָרן פליען זייער גיך. יענער גוטמוטיקער, שטראַלנדיקער בחור, וואָס האָט געהאַט אויף די פּלייצעס אַן אַלטע מאַמע און אַ צעוואַקסענע שוועסטער, האָט דעם יאָך געטראָגן מיט אַ האַרציקן שמייכל און ער האָט נישט געוואָלט חתונה האָבן ביז וואַנען ער וועט נישט פאַרזאָרגן די שוועסטער. און ער איז געפאַלן אין קריג. אפשר טאַקע פון איינעם פון יענע שאָסן, וואָס ער האָט געזען אין מאַראַשעשטי, איז ער געפאַלן... באַלד ווי אונזער העלד האָט זיך פון דעם דערוואוסט, איז ער געגאַנגען מנחם אָבל זיין די צוויי אומגליקלעכע פרויען און אים דאַכט זיך, אַז קיין מער פיינלעכן מאָמענט האָט ער אין זיין לעבן נישט געהאַט. די פיינלעכקייט האָט אַריינגעבראַכט דאָס פריילין האַלפּערין, וואָס איז געווען אַ סך מער אומגליקלעך ווי די מוטער, כאָטש זי האָט גערעדט און געפּלאַפּלט אָן אַ שיעור און זי האָט אפילו געלאַכט אויך. די מוטער איז געוואָרן ווייס ווי אַ טויב און דאַר ווי אַ שטעקן און עס האָט זיך פון דעסט וועגן געדאַכט אַז זי איז נידעריקער געוואָרן. צוריק מיט אַריבער פיר יאָר האָט זי אויסגעזען ווי אַ מיטלוואוקסיקע פרוי ביי די פופציק און איצטער איז זי געווען אַ קליינע אַלטיטשקע און מען וואָלט איר געקענט געבן ניינציק, אויב נישט הונדערט... זי האָט געהאַט אַ קאַלטן, גוטן און טויטן שמייכל אין די אויגן. זי האָט זעלטן גערעדט אַ וואָרט, די אויגן אַליין האָבן שוין געזאָגט, אַז זי האָט שוין נישט וואָס צו זאָגן. די טאָכטער, וואָס איז אויך פריער געווען אַ צעוואַקסענע און נאָכגעלאָזענע, איז עס געוואָרן פילפאַך מער. זי איז געוואָרן דריי מאָל אַזוי ברייט ווי זי איז געווען און אָנגעטאָן איז זי שוין געגאַנגען ווי אַ יידענע, כאָטש זי איז מסתמא נישט אַלט געווען מער ווי אַ יאָר פינף־זעקס און צוואַנציק. זי האָט אויסגעזען ווי אַ מיטליעריקע יידענע און זי האָט אָפט געלאַכט מיט אַ היסטערישן קוויטש און זי האָט נישט אויפגעהערט צו ריידן וועגן דעם, וואָס פון איר איז געוואָרן און זי האָט געזאָגט,

אַז ערשט פאַר אַ יאָרן, ווען זי האָט געמיינט, אַז דער ברודער לעבט נאָך, האָט זי אויסגעזען יונג און שיין און אַלע האָבן זיך געשפּיגלט אין איר... זאָגט אַליין, האָט זי געלאַכט, בין איך נישט געווען שיין ווי גאָלד? האָב איך נישט געשיינט ווי די זון? פון היסטערישן געלעכטער איז זי אַריבער צו היסטערישן געוויין. אונזער העלד האָט עס זייער קלאָר באַמערקט. ער האָט איר געפּרואווט ענטפערן מיט געלעכטער אויף געלעכטער, אָבער ווען זי האָט שוין געוויינט האָט ער נאָך געלאַכט... אַ מאָמענט האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער דאַרף נעמען און חתונה האָבן מיט איר און זי ראַטעווען אין איינעם מיט איר מאַמען. ער האָט זיך צוגעקוקט צו איר און ער האָט געזען, אַז מיט דער גאַנצער צעווירנקייט מיט אירער, האָט זי נאָך יונג־מיידלשן זאַפט אין איר קערפּער און זי האָט נאָך פרויען־רייץ. דער קאָפּ האָט זיך אים אַזש פאַרדרייט. ער האָט אין איין מאָמענט דערזען אי איר גליק, ווען ער גייט מיט איר צו דער חופּה, אי נאָך טויזנטער אַזעלכע אומגליקלעכע פאַמיליעס, וועלכע ער וועט נישט קענען אויסלייזן און ער האָט זיך גיך אויפגעהויבן און ער איז אַוועק און איבערגעריסן די היסטעריע און פון דער נאָענט האָט ער מער שוין נישט געזען דאָס מיידל, וואָס האָט פּרעטענדירט צו ווערן זיין כלה און האָט שוי דעמלט אויסגעזען ווי זיינע אַ מאַמע. ער האָט זי נאָך שפּעטער געזען פון דער ווייטנס און זי געגריסט, אָבער זי האָט שוין דעמלט אויסגעזען ווי זיין באָבע...

אין גאַלאַץ האָט זיך יאַנקל דערוואוסט וועגן די אַלע, וואָס זיינען אומגעקומען פון יענער זייט. פרויקע וואַלדמאַן איז פאַרשוואונדן געוואָרן און די פאַמיליע האָפט נאָך, אַז ער וועט צוריקקומען און מאַטעסל פרידמאַן איז געשטאָרבן פון טיפוס ביי זיך אין דער היים. די שטיפמאַמע האָט אים אויפגעגעסן, האָט מען געזאָגט מיט סאַרקאַזם און מיט טרויער. אונזער העלד האָט זיך אים מספּיד געווען אין געדאַנק און ער האָט זיך געזאָגט, אַז ער איז געווען אַ ראַציאָנאַליסטישער שפּראָץ פון אַ מיסטישער גזע, וואָס איז אין איר ירידה־צייט מערקאַנטיליזירט געוואָרן. ער, יאַנקל, אַ זון פון אַ חסיד איז געווען אַ סך מער חסיד ווי דער זון פון אַ רבין, ווייל ער האָט ביי זיין טאַטן געזען בלויז גלויבן, בעת מאַטעסל האָט ביי זיין טאַטן געזען ספּעקולאַציע מיט גלויבן... ער איז זיכער געווען אַ טאַלאַנטירטער יונגער שרייבער, כאָטש קיין אויסדרוק פאַר די אייגענע געפילן און פאַר דער אייגענער טראַגעדיע האָט ער נישט געפונען. ער האָט זיינע משכּילישע זאַכן געשריבן מיט אַ חסידישער שפּראַך, ווייל ער האָט קיין אַנדערע נישט געקענט. ער האָט געפּרואווט שרייבן העברעאיש און ס'איז אים נישט געגאַנגען, ווייל די שפּראַך פון זיין גאַנצער גזע איז געווען אַזאַ מין יידיש, וואָס האָט געהאַט אין העברעאיש נאָר איין טייל פון זיין שורש... נאָך אין יענעם טאָג האָט יאַנקל אַוועקגעשריבן אַ בריוו צו מאַטעסלס פרוי חוהלע און געבעטן, אַז זי זאָל צונויפזאַמלען אַלע

שריפטן פון איר מאן און זיי אים איבערשיקן און ער וועט זען זיי ארויסצו־גיבן. איז אים אָנגעקומען א מינדלעכער ענטפער. אז ער זאָל איר מער נישט שרייבן, סיידן דורך א פּארטרוויונג־מענטשן און אז פון מאטעסלס כתבים איז גאָרנישט געבליבן. מען האָט זיי אַלע פאַרברענט, ווייל מען האָט מורא גע־האַט פאַר דעם „וואָלעך". עס איז געווען מער ווי קלאָר, אז דער רבי האָט דן געווען בשריפה דעם גאנצן עיזבון פון זיין אפּיקורסישן זון. מער ווי די עטלעכע זאכן, וואָס דער יונג־פּארשניטענער האָט פּארעפנטלעכט אין „ליכט", „האַמער" און „התיקווה", זיינען נישט געבליבן. דער פאָטער האָט פאַרמשפּט דעם זון אויף „כרת"...

און א ידיעה וועגן א טויטער פרוי איז אים אויך אַנטקעגן געקומען. ריי־ווע דער לעפּטשיכעס, ביי וועלכער ער' איז איינגעשטאַנען באַלד ווי ער איז ארויס פון תפיסה, איז געשטאָרבן. די דאָזיקע בשורה האָט אים אָנגעזאָגט מאַקע איר מאַמע, די אַלטע לעפּטשיכע, וואָס איז שטאַרק פאַרעלטערט געוואָרן, אָבער זי האָט נאָך געהאַט געגוג כוח ארומצוגיין פאַרקויפן זאַכן. ריווע איז געשטאָרבן פון טיפוס, א סך פרויען זיינען דערפון געשטאָרבן. „ס'איז אונז דאָ געווען נישט גוט, האָט די לעפּטשיכע געלאַכט און געוויינט. און איך האָב אויסגעהאַלטן און זי — נישט. א טשערעפּ לעבט איבער א טאָפּ". די אַלטע האָט דערציילט, אז לאָזער, ריוועס מאַן, איז געוואָרן א גרויסער גביר און ער האָט שוין חתונה געהאַט און ער וויל זי נישט קענען. אַמאָל, ווען ער איז געווען א קבצן און זי איז געווען די פאַרדינערקע און וואָס זי האָט נישט גע־בראַכט, איז נישט געווען, איז געווען גוט און היינט איז ער דער קנאַקער... יאַנקל האָט זיך דערמאָנט אין אָט דעם לאָזער, וואָס איז געווען א קצבס א זון, א שיינער ווי א ליאַלקע און א נארעלע; ער איז אין קיליע געווען א רע־וואָלוציאָנער און ער האָט געמוזט אַנטלויפן און אין גאַלאַץ איז ער ארומגע־גאַנגען און געטאַפּט א וואַנט און געזונגען נאַיווע רוסישע לידער. יאַנקל האָט געדענקט ווי ער האָט שטענדיק געזונגען עפּעס א ליד ווי א בחור טענהט זיך אוים מיט א וואַלד און ער זאָגט:

פּאָמניש, סטאַרי, קאַק ביוואַלאָ?
יאַ ווערי זדיעסי אָ דאָבריע מעטשטאַל...
(געדענקסט אַלטער ווי ס'איז געווען?
איך האָב דאָך דאָ געטרוימט וועגן גליק.)

ער האָט אויסגעזען מוראדיק נאַריש, ווען ער האָט געזונגען דאָס דאָזיקע לידל. אויך זיין חתונה האָבן מיט ריווען האָט געשטאַמט פון זיין נאַרישקייט. ריווע, פלעג מען זאָגן אין שטעטל, האָט געזוכט אריינצופּאַקן א חתן און זי האָט אויסגעפּרואווט א סך בחורים און קיינער האָט זיך נישט געלאָזט און

נאָר דער נאַרישער לאָזער האָט זיך געלאָזט אַריינגנאַרן. יאַנקל האָט זיך דער־מאָנט, אַז ווען ער האָט געוואוינט ביי זיי, איז ריוועס אַרויסגעפאָרן אויף אַ צוויי וואָכן אויף אַ זומער־פּלאַץ, האָט זי פון דאָרט נישט אויפגעהערט רייצן איר נאַרישן מאַן מיט אייפערזוכט און זי האָט אים געשריבן, אַז אַפּיצירן לאָזן זי נישט רוען און ער איז אַרומגעגאַנגען ממש קראַנק. און איצטער איז ער געוואָרן אַ סוחר און אַ רייכער מאַן. אונזער העלד האָט זיך געזען מיט זיין לאַנדסמאַן און יענער האָט קינדיש געשמייכלט פאַר דעם, וואָס אַנשטאָט צו מאַכן די רעוואָלוציע, מאַכט ער געלט און ער איז נאָך קאַרג אויך...

יאַנקל האָט זיך געגיבן חשבון, אַז די יונג־פאַרשטאָרבענע ריוועס דער לעפּטשעכעס איז אייגנטלעך געווען אַ שטיק חלום פון אַלע בחורים אין שטעטל. אַלע האָבן זי באַגערט און דערפאַר באַרעדט און אַ העלפט פון די בחורים האָבן זיך באַרימט, אַז זיי האָבן זי געהאַט און ס'איז געווען אַ ליגן. פאַרוואָס איז זי געוואָרן דער חלום פון אַלע? זי איז נישט געווען קיין מיאוסע, אָבער ס'זיינען געווען שענערע; זי איז אויך געווען אינטעליגענט און באַלעזן, אָבער ס'זיינען געווען אינטעליגענטערע און באַלעזענערע. זי איז געוואָרן דער חלום פון אַלע וואַרשיינלעך, ווייל איין בחור האָט זי געהאַט און ער האָט עס דערציילט. די אַנדערע יידישע מיידלעך האָט מען נישט געקענט חלומען פון האָבן אָן חופה וקידושין. די מילחמה האָט גענומען די ברענענדיקע „ריוועס דער לעפּטשעכעס" און זי געמאַכט קאַלט...

גאַלאַץ איז אויך געווען גענוג אָפּגעשניטן פון דער וועלט און מען האָט דאָרט אויך נישט געוואוסט קלאָר, וואָס אַזוינס עס האָט מיט זיך פאָרגע־שטעלט דער יידישער לעגיאָן און וואָס אַזוינס עס קומט פאָר אין ארץ ישראל. די באַלפור דעקלאַראַציע האָט מען אויסגעטייטשט ווי טאַקע שוין אַ יידישע מלוכה... מען האָט דעם העלד אונזערן געוואָלט פאַרהאַלטן אין דער דאָזיקער שטאָט, וואָס איז געווען זיין ערשטע היים אין רומעניע, אָבער ער האָט גע־פילט דעם פיבער פון זיין אמתער היים און ער איז געלאָפן. ער האָט זיך נישט געקענט גלויבן, אַז ער קען לענגער און נישט געשטערט פאָרן פון גאַלאַץ קיין קיליע. די מילחמה האָט אומגעבראַכט אַזויפיל מיליאָנען מענטשן און אים האָט זי באַוויזן אַזאַ וואונדער פון קענען אַהיימפאָרן. דער דונאַי איז אין יענעם ווינטער נישט פאַרפרוירן געוואָרן, און די שיפן האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט. און אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס דאָזיקע איז אויך אַ וואונ־דער, וואָס איז באַוויזן געוואָרן ספּעציעל פאַר אים, פונקט ווי ס'איז אַ וואונ־דער זיין אַנטלויפן קיין רומעניע און די אַריבער פיר יאָר, וואָס ער האָט דאָרט געלעבט, געאַרבעט, געשטורעמט און געשאַפן. אים האָט זיך איצטער גע־דאַכט, אַז נישט נאָר דער שלום איז געווען אַ וואונדער, נאָר אויך די מילחמה איז עס געווען... ער איז געפאָרן מיט פרייד אַהיים און ער האָט געפירט אין האַרצן אַריבער פיר יאָר וואונדער...

קאפיטל צען

ווידער אין דער היים און אַ פונק פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

שוין אין שיף פאַרנדיק האָט אונזער העלד דערפילט די היים זיינע. ער האָט געטראָפן אַן אַ שיעור יידן פון שטעטל. זיי זיינען אַלע צוריקגעפאָרן פון גאַלאַץ, וואו זיי האָבן געקויפט סחורה. אמאָל זיינען זיי געפאָרן קיין אָדעס און איצטער איז יענע שטאָט געווען אזוי ווייט ווי אַמעריקע... עס זיינען געפאָרן אויך רומעניש יידן, וואָס האָבן יאַנקלען געקענט ווי אַ רעדנער און אַ שרייבער. די בעסאַראַבישע יידן זיינען געפאָרן זוכן סחורה אין רומעניע און די רומענישע יידן זיינען געפאָרן זוכן גליקן אין בעסאַראַביע. יאַנקל האָט זיך צוגעהערט צו די שמועסן צווישן די צוויי ערליי יידן. ביידע האָבן גערעדט יידיש, אָבער די ערשטע האָבן געמישט רומענישע ווערטער און די צווייטע — רוסישע. צום מערסטן האָבן ביידע גענוצט פרעמדע ווערטער פאַר די זעלביקע באַגריפן. די בעסאַראַבישע האָבן געזאָגט „אוגאָל״, די רומענישע „קאָלץ״ אויף אַ גאַסן־ווינקל. די בעסאַראַבישע יידן האָבן געזאָגט „טאָוואַריש״ אויף אַ חבר און די רומענישע יידן האָבן געזאָגט „פריעטען״. די בעסאַראַבישע יידן האָבן געזאָגט „קאָסטיום״ און די רומענישע — „רינד״. זייער אָפט האָבן זיך די צוויי צדדים צעווערטלט טאָקע וועגן דעם ווער עס רעדט ריכטיקער און מען האָט געקענט הערן אַ בעסאַראַבישן זאָגן „ביי אונז וואָאָבשטשע, אַז מען רעדט, רעדט מען ריין יידיש, איר פאַרשטייט? נאַסטאָיאַשטשע!״ אין דעם קריגן זיך איז געווען אַן אָנהויב פון דערנעענטערן זיך. די רומענישע יידן האָבן גערעדט אַ סך ריינער יידיש ווי בעסאַראַבער, אָבער די לעצטע האָבן געהאַט מער באַציונג צו זייער לשון ווי די רומענישע, וואָס האָבן קיין מאָל נישט געזאָגט יידיש, נאָר „זשאַרגאָן״, אָדער גאָר „זשאַרגאָן״; די בעסאַראַבישע יידן האָבן כמעט אַלע געקענט לייענען יידיש, די רומענישע יידן האָבן צום מערסטן נישט געקענט. יאַנקל האָט אָנגעהויבן קלערן, אַז דורך די בעסאַראַבישע וועלן אפשר די רומענישע יידן גענעזן ווערן און זיך באַקערן צו די יידישע אותיות...

די שיף איז געווען אַ קליינע און אונזער העלד האָט זי דערקענט. ער איז אַמאָל געפאָרן מיט איר צו דער באָבען קיין איזמאַיל. דעמלט האָט זי גע־

הייסן „גראַף איגנאַטיעוו“, היינט האָט זי געהייסן „רעדזשינאַ מאַריאַ“. די רייזע קיין קיליע האָט געדויערט אַ גאַנצע נאַכט. אויך בייטאָג זיינען געפאָרן שיפן, אָבער די סוחרים האָבן נישט געוואָלט פאַרלירן דעם טאָג. עס זיינען געווען עטלעכע בעטלעך צום שלאָפן און די מערסטע פּאַסאַזשירן האָבן גע־זשאַלעוועט צו באַצאָלן און שטילערהייט האָט יעדער איינער געבורטשעט קעגן דעם צווייטן און ער האָט געזאָגט, אַז דער צווייטער איז אָנגעשטאָפּט ווי קורח, אָבער ער וועט בעסער צעבראָכן ווערן אַ גאַנצע נאַכט, איידער באַצאָלן פאַר דעם געלייגער. יאַנקל האָט זיך דערוואוסט, אַז אין שטעטל איז געווען עולים ויורדים. רייכע זיינען געוואָרן אָרים און אָרימע — רייך. די שיף איז געווען צעטיילט אויף אַן ערשטן און אַ צווייטן קלאַס. אין צווייטן קלאַס איז מען געפאָרן גאָר ווי די חזירים און עס איז געווען קאַלט און דאָך זיינען דאָרט געפאָרן אַ סך יידן, אויף וועלכע מען האָט געזאָגט, אַז זיי זיינען רייך... יאַנקל האָט געוואָלט זיין בייז אויף די דאָזיקע יידן, וואָס ריידן נאָר פון געלט און געלט און ער האָט נישט געקענט. זיי האָבן אַלע דערציילט שווי־דערלעכע מעשהס וועגן אומגליקן אין דער צייט פון דער מילחמה און אַז ראַטעווען האָט מען זיך געקענט נאָר דורך געלט. אונזער העלד האָט זיך גע־גיבן חשבון, אַז שולדיק איז נישט יעדער ייד באַזונדער, נאָר דאָס גאַנצע לעבן. ער האָט דעמלט אָנגעשריבן פיר שורות, וואָס זיינען דערנאָך געווען דער אָנהויב פון זיין געגראַמטער הקדמה צו זיין בוך „בעסאַראַביע“. ער האָט געשריבן:

מאַמע בעסאַראַביע, פון מיין מעשהלע דער ריטער
איז דיין האָרעפּאַשנע פּויער
און דיין ייד דער סוחר
איז מיין וויסטער טרויער...

יאַנקל האָט אָפּגענומען אַ גרוס פון גאַנצן שטעטל. ער האָט זיך דער־וואוסט ווער עס לעבט און ווער — געשטאָרבן און ווער ס׳איז געבליבן פון יענער זייט און ווער ס׳איז אַ ציוניסט און ווער אַ באָלשעוויק און ווער ס׳האָט חתונה געהאַט און ווער ס׳איז צוריקגעקומען גאַנץ פון דער מילחמה און ווער אַ קאַליקע. אויך פון די רייכע קינדער זיינען אייניקע אומגעקומען, אָדער זיי זיינען געוואָרן קאַליקעס, אָבער די גרעסטע צאָל קרבנות האָבן געגיבן די אָרימע. אוודאי זיינען געווען אַ סך מער אָרימע ווי רייכע, אָבער אויך פּראָ־פּאָרציאָנעל האָבן די אָרימע געהאַט מער קרבנות... אונזער העלד האָט זיך צוגעקוקט ווי גרינג די בעסאַראַבישע יידן האָבן זיך „רומעניזירט“. אין רו־מעניע האָט מען אומעטום געשפּילט אַזאַ אָריענטאַלישן שפּיל, וואָס מען האָט גערופן „טאַבלאַס“, אין בעסאַראַביע האָט מען אים אַ נאָמען געגיבן

„טאַבלאַ" (מיטן אַקצענט אויף דער לעצטער זילבע) און אין רוסלאַנד רופט מען אים „זשאַקע" (אויך מיטן אַקצענט אויף דער לעצטער זילבע), האָבן די יידישע סוחרים באַלד אויסגעלערנט דעם דאָזיקן שפּיל און זיי האָבן לעבן אים פאַרלוירן שעהן און שעהן. יאַנקל האָט זיך דערוואוסט, אַז אין קיליע האָט מען נישט אויפגעהערט ריידן וועגן אים. באַלד ווי ער איז אָנגעקומען קיין גאַלאַץ, האָט מען שוין דערציילט ניסים וועגן זיינע „אוספּיעכן" (דערפאָלגן) און דערביי האָט מען דעם גאַנצן חשבון געמאַכט אויף געלט... מען איז געווען זיכער, אַז ער איז אַנגעשטאָפּט. דרך אגב האָט מען אים דערציילט, אַז זיין טאַטע איז אויך רייך, אָבער נישט אַזוי ווי ער. די מאַמע האָט אין איינעם מיט דער שוועסטער געמאַכט אַ באַקאַליי קראָם און זיי זיינען רייך געוואָרן. אונזער העלד האָט זיך נישט געגלויבט, אַז זיין טאַטע זאָל טאַקע זיין רייך און ער האָט אָנגעהויבן צווייפלען אין דער רייכקייט פון אַ סך אויפגעקומענע גבירים... ווען ער האָט זיך געדונגען אַ בעטל און ער איז אַראָפּגעגאַנגען זיך צולייגן, האָט ער געפילט ווי שטעכיקע בליקן באַגלייטן אים פון אַלע זייטן. די יידן האָבן זיך איבערצייגט, אַז ס'איז אמת, וואָס מען זאָגט וועגן אים — ער איז אַ גרויסער גביר. ער האָט אַן אייגן טעאַטער אין בוקאַרעשט און ווער ווייסט וויפל טויזנטער ער פאַרדינט ביי די ציוניסטן...

ס'איז געווען נאַכט, ווען די שיף איז אַריינגעקומען אין קיליער פּאָרט. ס'איז שוין געווען זעקס אַזייגער פאַרטאָג, אָבער ס'האָט נאָך פולשטענדיק געהערשט די נאַכט. דאָ און דאָרט האָבן געברענט גאַז־לאַמטערנס, וואָס האָבן זיך געשאָקלט אין ווינט. דאָס בערגל אויבן און דער שמאָלער טייך אַנטקעגן זיינען געווען איינגעהילט אין פינצטערניש. יאַנקלען האָט זיך נישט געגלויבט, אַז ער איז טאַקע אין דער היים. ווען ער איז צוריק מיט קאַרגע פינף יאָר אַוועקגעפאָרן דינען, האָט זיך אים נישט געגלויבט, אַז ער וועט נאָך אַמאָל אַהער צוריקקומען. און אָט איז עס דאָס בערגל, וואו ער האָט שפּאַצירט מיט דער שיינער אַדעלאַן, וואָס איז שוין איצטער געווים ערגעץ אַ דאָרפס־יידענע. און אָט איז דער טייך, וואו ער האָט זיך געשיפט און איז אַ סך מאָל אַריינגעפאַלן אין וואַסער אַריין און וואו ער האָט אָנגעהויבן פאַרפלאַנטערן אַ ראָמאַן מיט דעם גלחס אַ קלייענדיק מיידל... און אָט ערגעץ דאָרט, אַביסל נידעריקער סטאַרטשעט אַ קוימען. דאָס איז דאָך הערשל ווילדערמאַנס האָלץ־פאַבריק, וואו דער פעטער נוח איז בוכהאַלטער. צוריק מיט אַ יאָר פופצן איז ביי אים געווען אַ גרויס גליק צו קענען אַריינקומען אַהין אָנקוקן ווי די מאַשינען זעגן און אין בוקאַרעשט איז ער אַליין געווען דירעקטאָר פון אַ סך, אַ סך אַ גרעסערער זעג־פאַבריק. און אַרונטער דאָרט איז טאַקע דעם זעלביקן הערשל ווילדערמאַנס מיל, וואוהין מען האָט אים נאָר איין מאָל דערלויבט אַריינצוקוקן. דאָס דאָזיקע איז געווען דעמלט, ווען מען האָט דאָרט געמאָלן מעל פאַר מצות. דער רב אַליין האָט געכשרט די מיל, כאָטש ער גופא האָט

נישט געגעסן קיין מצות פון אַ פּראָווע מיל, פאַר אים און פאַר די שוחטים האָט מען געמאָלן אין אַ ווינט־מיל.

ביים פאָרט איז געווען אַ קליין הייפל מענטשן. צום מערסטן זיינען דאָס געווען די אַרבעטער, וואָס האָבן געדאַרפט אויסלאָדן די שיף און די דראָשקאַרעס. אייניקע יידענעס האָבן דאָך אָפּגעוואַרט זייערע מענער. אויף יאַנקלען האָט קיינער נישט געוואַרט. ער האָט נישט צו וויסן געטאָן אַהיים, אַז ער קומט. ער האָט געוואָלט מאַכן אַן איבעראַשונג. עס זיינען געווען אַ סך מער דראָשקאַרעס ווי אַמאָל, דאָך איז נישט געווען גענוג און מען האָט געמוזט דינגען בשותפות און מען האָט זיך אויך געקריגט איבער אַ פּלאַץ. אייניקע האָבן געוואָלט דווקא זיצן אַנטקעגן, ווייל ס׳האָט געקאָסט ביליקער. די דראָשקאַרעס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו יאַנקלען, זיי האָבן געוואוסט, אַז ער, ווי אַ פרעמדער, וועט באַצאָלן בעסער, אָבער אים האָט זיך דווקא געגלוסט גיין צופוס און ער האָט אוועקגעגיבן אַ שגץ זיין רענצל און אליין האָט ער זיך געלאָזט פּאַוואָליע אַהיים. דער שגץ האָט אים נישט געקענט, אָבער ער האָט געוואוסט וועגן אים און ער האָט אים באַלד געפרעגט, צי ער איז עס דעם „כאַכאַמס" זון, וואָס איז געוואָרן רייך אין בוקאַרעשט...

יאַנקל איז פאַרבייגעגאַנגען גיליסעס מויער, וואָס האָט אים אַמאָל אויסגעזען לעגענדאַריש. היינט האָט ער פאַרלוירן זיין גלאַנץ. אַ געוויינלעך שטיבל. דער גאָרטן אָבער איז נאָך אַלץ געווען עקזאָטיש אין זיינע אויגן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָ האָט געוואוינט די שיינע קאַבאַטשיכעס טאָכטער, דאָס פראָסטע און אָרימע יידישע מיידל, וואָס איז אוועק וואוינען מיט אַ קריסטלעכן דאָקטער און דורך איינעם פון די פענצטער פלעג זי אַרויסשטעקן דעם קאָפּ ווי אַ סירענע אין מיטן ים, וואָס וויל פאַרפירן. גייענדיק אַביסל וויטער איז ער געקומען איבער אַ קליין שטיבל, וואו עס האָט געוואוינט זיינער אַ חבר, וואָס האָט אַמאָל אויסגעטראַכט אויף אים אַ בילבול פון אַ גניבה. ער האָט שוין אָפּגענומען אַ גרוס, אַז דער דאָזיקער חבר איז נישט צוריקגעקומען פון דער מילחמה. ער איז צוריקגעקומען צום גרויסן מאַרק און ער איז פאַרבייגעגאַנגען לעבן צוויי גרויסע מויערן. חיים יאַנקלס צוויי זין האָבן דאָרט געוואוינט. איין מויער איז געווען פאַרהאַקט און ער האָט שוין געוואוסט, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל דער באַלעבאָס זיינער, דער קליינער, שוואַכער יאָזעף איז אין משוגעים־הויז און די פרוי מיט די קינדער זיינען פאַרבליבן אין אָדעס. דער צווייטער איז געווען באַלויכטן, דאָרט האָט געוואוינט דער יינגערער זון פיניע, אַ הויכער מאַן און אַ ברייטער ווי אַ דעמב. די ערשטע פרוי, וואָס איז טאַקע געווען זיינס אַ שוועסטערקינד, איז געשטאָרבן און ער האָט חתונה געהאַט פאַר איר שוועסטער. דאַכט זיך ערשט נעכטן איז דאָס געווען און פיניע האָט שוין געהאַט אַ זון מיט אַ טאָכטער צום חתונה מאַכן און מען האָט געזאָגט, אַז זיין טאָכטער איז דאָס שענסטע מיידל אין שטאָט.

אַביסל ווייטער איז געווען דאָס הויז אַנטקעגן דעם שענקער רפאל וויינבערג, וואו זיי האָבן אַמאָל געוואוינט. דאָרט האָט זיך אָפּגעשפּילט דער שטורמישער ראָמאַן צווישן זיין שוועסטער מירים און רפאל וויינבערגס זון, יאַקאָוו, וואָס איז שוין היינט זיין שוואָגער; ביי דער זייט האָט געוואוינט דער מאָלדאַוואַן מאָראַן, וואָס האָט געהאַט אַ שפּייז קראָם און ער איז געווען אַן אַנטיסעמיט, ווייל די יידישע באַקאַליי־קראָמען האָבן אים קאָנקורירט און ער איז דאָך געווען אַ חסיד פון בוהושער רבין און ער האָט געגלויבט, אַז ער קען באַווייזן מופתים. די קראָם איז שוין געווען אָפן און סאַשאַ, דער האָרבאַטער זון דעם מאָלדאַוואַנס איז געשטאַנען אין דרויסן און ער האָט זיך מיט זיין יידישן קינהייט־חבר גאָר אַרומגעכאַפּט און ער האָט אים דערציילט, אַז אַ גאַנץ לעבן האָט מען פון אים געלאַכט, וואָס ער האָט אַ הויקער און אין דער צייט פון דער מילחמה האָט ער געלאַכט פון די דאָזיקע, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין הויקערס. אַפילו ביי די מיידלעך איז ער געווען אַ בן יחיד אין דער גאַנצער צייט פון דעם קריג. אַ הויקער האָט אויך זיין צייט און זיין שטערן.

גייענדיק נאָך ווייטער איז אונזער העלד צוגעקומען צו דער ריי יידישע מאַנופאַקטור געשעפטן און ער האָט געזען ווי דאָרט האָט זיך אַ סך געביטן. איייניקע פון די דאָזיקע, וואָס זיינען אַמאָל געשטאַנען מיט שטעלעכלעך אין מאַרק, זיינען היינט געשטאַנען אינעווייניק אין די גרויסע געשעפטן. פון די אַלטע קרעמער זיינען אייניקע געשטאָרבן, אַנדערע האָבן אָנגעזעצט און זיי האָבן געמוזט אַנטלויפן קיין אַמעריקע. אויף דעם שיף האָט מען דעם גאַסט שוין דערציילט, אַז דעם רייכן און קאַרגן שניטקרעמער ווייסלייב האָט מען דערשטאָכן אויף טויט. ער איז געווען אַ מוראַדיקער קאַרגער און פּיינלעכער מענטש; עס איז פּשוט געווען שווער צו קוקן אויף אים פאַר זיין געלט־גייציקייט. קינדער האָט ער דווקא געהאַט וואוילע. איין זון איז געווען גאָר אַן אינטעליגענטער בחור און ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, ווייל דאָס לעבן איז אים געווען נמאס. אַ צווייטער זון איז געווען יאַנקלס קינדהייט־חבר און ער האָט געלערנט אין פראַנקרייך און ער איז דערנאָך מגולגל געוואָרן קיין רומעניע. וואו ער איז פאַרבליבן די גאַנצע צייט פון דעם קריג און וואו ער האָט חתונה געהאַט. ער איז געווען אַ קליינינקער, אַ דאַרער און קינדוויז האָט ער געהאַט רעליגיעזע נייגונגען. ער פלעג גיין אין איינעם מיט יאַנקלען אין שול אַריין און ער פלעג אין שטוב אָנטאָן אַ האַנטוך אָנשטאָט אַ טלית און זיך גאָרגלען. די עלטערן, וואָס האָבן זיך אַליין אויפגעפירט ווי גויים, האָבן הנאה געהאַט פון דעם, וואָס דאָס יינגל זייערס לויפט אין שול אַריין און ער האָט ליב צו דאַוונען. די גאַנצע גוישקייט זייערע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אָפן אום שבת די קלייט און זיי האָבן דאָס דאָזיקע געטאָן אַ סך מער פאַר געלט־גייציקייט ווי פאַר נישט־פרומקייט. די מוטער פון זיין חבר, די קליינע און שוואַרצע מינדיטשקע איז געשטאַנען אין דרויסן

פאַר דער קראַם. זי האָט אויסגעזען אַלט און קוויטיק און זי איז געגאַנגען אָנגעטאָן אָרים און אָפּגעריבן. עס איז גאָרנישט געווען צו דערקענען, אַז זי איז אַ רייכע פרוי. זי האָט באַלד דערקענט דעם שוחטס זון און זיך מיט אים גאָר דערפרייט און זי האָט ביי אים אָפּגענומען אַ גרוס פון איר זון וואָלאָדיאַ, וואָס האָט געלעבט אין בראַזילע. די אויגן אירע זיינען געווען איבערגעקערט. זי האָט אַליין דערציילט, אַז פאַר שרעק. זי האָט גענוי דערציילט, ווי אַזוי די גזלנים האָבן דערהרגעט איר מאַן. זי האָט געזאָגט, אַז זיי זיינען געווען באַלשעוויקעס און יאַנקל האָט פון אירע רייד פאַרשטאַנען, אַז אין קיליע זיינען אַ צייט געווען פשוטע איבערפאַלער, וואָס האָבן זיך גערופן באַלשעוויקעס און אַז אייניקע פון די עכטע באַלשעוויקעס זיינען אויך געווען דערפאַר, אַז מען זאָל זיך אָפּרעכנען מיט די קאַרגע און שלעכטע גבירים. דעם מאַן אירן האָט מען דערהרגעט אין שטוב. ס'איז געווען אין דער צייט, ווען ס'איז געווען אין שטעטל אַ פּאָגראָם קעגן רייכע יידן און קריסטן און די געשעפטן זיינען אַלע געווען פאַרמאַכט און אַלע יידן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. אַט דעמלט זיינען „זיי" אַריין צו זיי אין שטוב און אָנגעראַבעוועט וויפל נאָר זיי האָבן געקענט און ווען זיי האָבן זיך געהייסן גיבן געלט, האָט דער קאַרגער קרעמער געזאָגט, אַז ער האָט נישט, האָט איינער פון זיי אים אַריינגערוקט אַ מעסער אין בויך אַריין. די קישקעס זיינען אַזש אַרויס. קיין יידן זיינען נישט געווען צווישן זיי און זי איז דאָך געווען זיכער, אַז זיי זיינען נישט געווען קיין פשוטע כוליגאַנעס, נאָר באַלשעוויקעס... לעבן מינדיטשקעס קראָם איז געווען אַ גרויס געשעפט, אין וועלכן ס'איז געשטאַנען פייסיע שוסטער, וואָס איז אַמאָל געווען אַ הענדלער פון אַלטוואַרג און זיין פעטער פראָימס קאָנקורענט צו דאַוונען פון פאַרנט אין טאַטנס שולעכל. ער איז געווען שותף מיט צוויי זין און ער האָט זיך באַרימט, אַז ער איז רייך און ער האָט דערציילט, אַז נאָך אַ סך געוועזענע קבצנים זיינען רייך געוואָרן, אָבער זיי ווערן איצטער צוריק קבצנים, ווייל ביים „וואָלעך" איז שווער צו האַנדלען און ווייל דאָס געלט איז קיין געלט נישט. אַ סך האָבן באַהאַלטן צאַרישע רובלען און „קערענקעס" און איצטער האָבן זיי קיין שום ווערט נישט. אין איין וועג האָט דער שוסטער דערציילט אַ מעשה, וואָס מען האָט זי אויסגעטראַכט טאַקע אין קיליע אַליין: ער האָט דערציילט, אַז דער רבונו של עולם האָט געהייסן אַ מלאך, אַז ער זאָל אים ברענגען די ביכער, ווייל ער וויל זען צי דאָס געלט שטייט אין גוטע הענט. דער מלאך האָט גענומען לייענען און ווען ער האָט אָנגערופן די נעמען פון די אַלטע גבירים, וואָס האָבן כך וכך געלט, האָט דער רבונו של עולם געזאָגט, אַז ס'זאָל בלייבן, ווייל זיי זיינען בטוחים, אָבער ווען דער מלאך האָט אָנגעהויבן צו לייענען די נעמען פון די שניידערס און שוסטערס, האָט דער אַלטער געדרייט מיט דער נאָז און געזאָגט, אַז זיי זיינען נישט קיין בטוחים, ווייל זיי זיינען פּאַלגעס בני פּאַלגעס און קבצנים בני קבצנים און ער האָט

ביי איניקע געהייסן צונעמען אַ העלפּט און ביי אַנדערע האָט ער געהייסן צונעמען אין גאַנצן... יאַנקל האָט אַרונטערגעדרייט אויף דער שמאָלערער גאַס, וואו זיינע עלטערן האָבן געוואוינט. ער איז דורכגעגאַנגען לעבן אַ גרויסן הויף, וואָס האָט פאַרנט געהאַט אַ נידעריקע שטוב און אינעווייניק אַ קליין און ני־דעריק שטיבל אַזוי ווי אַ ניסל. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אין דעם קליינעם שטיבל האָט אַמאָל געוואוינט אַן אַלטע גלחטע, וואָס מען האָט געזאָגט, אַז זי איז אַלט געווען הונדערט מיט אַכט יאָר. זי איז געווען אַ קליינע, אַ דאַרע, אַ גרינע מיט אַ גוט אויסגעלאָשן פּנים. זי איז געווען איינגעבויגן אין דרייען און זי איז שטענדיק געגאַנגען מיט אַ שטעקן, וואָס איז געווען העכער פון איר קאָפּ. פאַרנט אין דער שטוב האָט געוואוינט אַ ייד אַ ליוועראַנט, וואָס האָט געהייסן לייב. ער איז געשטאָרבן פון אַ סאַפּאַטע פערד און מען האָט אים באַגראָבן נישט מטהר זייענדיק. מען האָט געזאָגט, אַז פון נאָר צורירן זיך צו אים, שטאַרבט מען. יאַנקל געדענקט ווי היינט, אַז מען האָט פאַרברענט דאָס בעט מיט די בעטגעוואַנט, אויף וועלכן ער איז געלעגן. ער איז געווען אַן איידעם פון איינעם פון יידן, וואָס האָט געהייסן מרדכי סטראַכילעוויטש און מען האָט אים גערופן „מרדכי ניעדוראַק" ווייל ער פלעג אַליין זאָגן אויף זיך, אַז ער איז נישט קיין „דוראַק" (טיפּש). דעם גאָראָדאָוואָי און אפילו דעם פּריסטאַוו פלעג ער זאָגן „אַ מרדכי ניע דוראַק". ער איז געווען אַ סטאָ־ליאַר און ער האָט געהאַט עטלעכע ברידער אין שטאָט, וואָס זיינען אַלע גע־ווען רייך און קאַרג. ער איז געווען אַן עם הארץ, וואָס האָט זיך ליב געהאַט צו באַרימען מיט אַ לשון קודש וואָרט, אָבער ס'האָט געשטראָמט פון אים מיט גוטסקייט און ער האָט געהאַט גרויס דרך ארץ פאַר אַ געלערנטן; ער איז געווען דער ברודער פון זיין מומע חווה דעם פעטער פראָימס און ער פלעג יאַנקלען רופן מחותן און ער פלעג אים זאָגן: „ווען איך בין אַזוי יונג אַזוי ווי דו, וואָלט איך אויך געלערנט". און ער פלעג אים שענקען אַ שטיקל קיט, באָטש ער איז אויך געווען אַ קאַרגער. ער האָט געזאָגט, אַז ווען ער וועט לער־נען גוט, וועט ער אים געבן נאָך אַ שטיקל קיט...

די שטוב דעם טאַטנס איז געווען נאָך מער איינגעהויקערט און זי איז געשטאַנען אַ טונקלע און שטילע. אַנטקעגן, וואו עס איז אַמאָל געווען חיים ערליכס חדר, איז געשטאַנען אַ נייע שטוב און דאָרט איז געווען אַ שענק פון לייב סטראַכילעוויטש, טאַקע מרדכי ניעדוראַקס אַ פּלימעניק. עס איז נאָך אַלץ געווען טונקל אין דרויסן, דאָך איז שוין דער שענק געווען פול מיט שיכורע קולות. פאַרנט זיינען געשטאַנען צוויי פורן, ביידע שיינע, אָבער איינע שוין אַ צעוואַקסענע און די צווייטע אַ צאַרטינקע און אַ גאָר יונגיטשקע. דאָס איז געווען דעם שענקערס ווייב מיט דער טאָכטער; אונזער העלד וואָלט געקענט שווערן, אַז ווען ער איז אוועקגעפאָרן, האָט נאָך דעם שענקערס ווייב אויסגעזען אַזוי ווי עס זעט איצטער אויס די טאָכטער און די טאָכטער איז נאָך דעמלט

געווען אַ גאַר קליין מיידעלע. ער האָט טאַקע געלערנט מיט איר לייענען און שרייבן רוסיש. זי האָט אים די ערשטע דערקענט און זי האָט אויסגעשריגן: „אוי, גאָספּאָדין אוטשיטעלי!” (דער הער לערער). ביידע פרויען האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו אים. די שענקערקע איז געווען פון אַנטקעגנדיקן שטעטל אַלט־קיליע און זי האָט געקענט רומעניש און איצטער זיינען געקומען אירע זיבן גוטע יאָר. זי האָט באַלד גענומען ריידן צום גאַסט רומעניש. פון זיי האָט ער זיך דערוואוסט, אַז דער טאַטע איז נאָך אין שול און די מאַמע מיט שפרהן זיינען אין געשעפט. זיי האָבן אַ גרויסע באַקאַליי־קלייט, טאַקע דאָרט, וואו חווה וואָלטשיקים האָט אַמאָל געהאַט איר קראָם. אים האָט זיך נישט געגלויבט, אַז דאָס זאָל מעגלעך זיין. שוין נאָר דאָס האָבן אַזאַ קלייט האָט כמעט געשמעקט מיט גביר־השאַפט. דער ברודער איז נאָך געשלאָפן, איז ער אַריינגעגאַנגען אים אָנקוקן. ביים אַריינגיין איז אים אַנטקעגן געשפּרונגען אַ הונט מיט אַ בילעריי. ווען ער איז געווען אַ ייִנגל, איז ביי זיי אין הויף קיין הונט נישט געווען. ער האָט זיך געקלערט, אַז דער הונט איז דעם ייִנגערן ברודערס און ער האָט אים אין געדאַנק מקנא געווען. ער האָט קינדווייז גע־חלומט צו האָבן אַ הונט, אָבער מען האָט אים נישט געלאָזט. נאָך איידער ער האָט זיך ספּראַוועט מיט דעם כלב, איז אָנגעלאָפן זיין שוועסטער שפרה און זי האָט גענומען שרייען: „לייבס קדיש האָט דיך שוין מכבד געווען?” זי איז אים אַרויפגעפאַלן אויף דעם האַלדז און ער האָט געזען, ווי די מאַמע יאָגט איר נאָך און זי קען אים נישט דעריאָגן. מיט דער שוועסטער אויפן האַלדז האָט ער זיך געלאָזט לויפן אַנטקעגן דער מאַמען; אין קראָם האָט מען זיי שוין דערציילט, אַז זיי האָבן אַ גאַסט און זיי האָבן פאַרשלאָסן די קראָם און זיי זיינען געלאָפן אַהיים. עס האָט געדויערט אַ קלייניקייט און ס'איז אָנגעלאָפן דער טאַטע פון דער אַנדערער זייט. דער גאַסט האָט זיך נישט גע־קענט צערייסן און ער האָט אַלע נישט געקענט רעכט אָנקוקן. דאָך האָט ער געפילט, אַז די עלטערן זיינען אי פאַרעלטערט, אי אויפגעלייגט. עס האָט זיך געענדיקט די מילחמה און דער זון איז צוריקגעקומען גאַנץ און געזונט און עס איז נישט געווען שווער צו דערקענען, אַז די פרנסה איז אויך בעסער ווי אַמאָל. שפרה האָט אויסגעזען פאַרענדערט און די מאַמע האָט אים באַלד איינגערוימט אַ סוד אין אויער, אַז ווען עס איז געווען דער פּאָגראָם און זיי האָבן זיך באַהאַלטן, האָט זי זיך שטאַרק איבערגעשראָקן. דער רויש אַליין האָט שוין אויפגעוועקט דעם ברודער, וואָס איז שוין געוואָרן אַ גרויסער יונ־גאַטש און ער האָט שוין געהאַט אַ פאַרהאַרטעוועט און מענעריש פּנים. די שטוב איז פול געוואָרן מיט פרייד און מיט טרערן און זי איז אויך באַלד ליי־דיק געוואָרן. דער טאַטע האָט געמוזט גיין אין בית השחיטה אַריין. מען האָט שוין נישט געקוילעט אין דער היים, אַזוי ווי אַמאָל, נאָר עס איז געווען אַ ספּעציעל שעכט־הויז און די שוחטים פלעגן אַהין גיין לויט דער ריי, איז גראָד

דערמלט געווען דעם טאַטנס פּרימאָרגן. ער האָט געקרעכצט מיט די גוטע אויגן; ווען ער וואָלט געווען געוואוסט, אַז דר זון וועט קומען, וואָלט ער זיך געוועזן געביטן מיט אַן אַנדער שוחט. און די מאַמע האָט געמוזט אַוועקלויפן צוריק אין געוועלב אַריין. על פּי יושר וואָלט די טאָכטער געדאַרפט צוריקגיין אין קראָם אַריין און לאָזן די מאַמע מיט איר געפונענעם זון, אָבער געווען איז פאַרקערט. און שיפרה האָט באַלד גענומען ריידן אַ סך, אַ סך, אַזוי ווי אַמאָל, נאָך איידער זי איז אַוועקגעפאָרן קיין אַרגענטינע. זי האָט דערציילט ווי אַזוי זי האָט געלעבט אין יענעם ווייטן לאַנד און זי האָט געזאָגט, אַז אַלע פילן זיך דאָרט נישט גוט, אָבער אייניקע שעמען זיך אַהיים צו קומען און אַנדערע האָבן נישט מיט וואָס. און זי האָט דערציילט ווי אַזוי זי האָט נישט געוואָלט זיצן ליידיק, ווען זי איז צוריקגעקומען און זי האָט געהייסן מאַכן אַ קראָם און זי האָט זי געמאַכט. יאַנקל האָט זיך דערמאָנט, אַז די מאַמע פלעג שטענדיק חלומען פון אַ געוועלב און אַז זי האָט שטענדיק געוואָלט האָבן אַ צוגאָב פרנסה צו דער שחיטה. ער איז אויך געווען זיכער, אַז די קראָם האָט מען געמאַכט מיט דעם קרעדיט, וואָס דער טאַטע האָט באַקומען פאַר זיין גוטן נאָמען. דער טאַטע פלעג קיין מאָל נישט פאַרשפּעטיקן מיטן צאָלן אַ חוב און דערפאַר האָט יעדער אים געטרויעט. שיפרה האָט נישט אויפגעהערט ריידן וועגן אירע אויפטוען אין קראָם און זי האָט געזאָגט, אַז אַלע, וואָס דאָרט איז דאָ, איז אירס און דער ברודער האָט זיך געגיבן חשבון, אַז זי האָט מורא ער זאָל נישט וועלן ווערן אַ שותף. זי האָט דערציילט, ווי אַזוי זי איז געפאָרן אין איינעם מיט דעם קליינעם ברודערל נאָך סחורה קיין אָדעס און וואָס זיי זיינען דאָרט אויסגעשטאַנען. זיי זיינען דאָרט שיעור נישט געבליבן אויף שטענדיק. און זי האָט דערציילט, אַז זי איז שוין אַ כלה און זי איז שוין כמעט אוים כלה. יאַנקל האָט פון אירע רייד אַרויסגענומען, אַז דער חתן האָט חרטה געקראָגן און זי ליידט דערפון מוראָדיק, אָבער גערעדט האָט זי אַזוי, אַז ס'איז אַרויסגעקומען קאָמיש. נישט אַלע מענטשן קענען דערציילן זייערע טראַגישע איבערלעבענישן, אַז זיי זאָלן אַרויסרופן טרויער, אַ סך רופן אַרויס מיט זייער טראַגיק — געלעכטער. דער קלענערער ברודער האָט זיך אַריינגעמישט און ער האָט געזאָגט, אַז שיפרה זאָל אַביסל ווייניקער דולן דעם גאַסט און אים לאָזן אויסרוען דעם קאָפּ, זאָל זי גיין אין קלייט אַריין און האַקן אַ טשייניק וועט זי שוין שפּעטער צייט האָבן. און ווען ער האָט געזוען, אַז זי וויל נישט אַוועקגיין, האָט ער גענומען דעם עלטערן ברודער און ער האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל אים אָפּפירן אין שול אַריין. אין קיליע איז שוין געווען אַ גימנאַזיע, וואָס איז לאַנגזאַם איבערגעגאַנגען פון רוסיש אויף רומעניש.

יאַנקל האָט אויף דער גאַס אָפּגעאָטעמט און אים איז דאָך טרויעריק געווען פאַר דער שוועסטער. ער האָט זיך דערמאָנט ווי אַ חנוודיק און הויד־

קולטורעל מיידל פון גאַלאַץ האָט געמאָלן בילדער און ווען רובין האָט זיי געזען, האָט ער געזאָגט, אַז זי וויל חתונה האָבן און אין אַלע אירע בילדער קומט צום אויסדרוק דער דאָזיקער ווילן... און אונזער העלד האָט זיך געגיבן חשבון, אַז זיין שוועסטער לעבט איבער דאָס זעלביקע און זי איז נישט קיין קולטור מענטש און זי ברענגט צום אויסדרוק אירע דערשטיקטע געפילן דורך פּלאַפּלען. זי האָט אַ לאַנגע נאָז די יינגסטע שוועסטער און קלייען און איר האָט זיך שטענדיק געדאַכט, אַז דאָס דאָזיקע איז פאַר איר אַ שטער צו קריגן אַ חתן. די עלטערע שוועסטער פלעג שרייבן פון בוענאָס איירעס, אַז זי פּלעטשט זיך אַ גאַנצן טאָג די נאָז און זי וויל זי מאַכן שמעלער, בכדי צו קענען קריגן אַ חתן... דער ברודער איז אַוועק אין גימנאַזיע אַריין און יאַנקל איז אַריינגעגאַנגען צו דער מאַמען אין קראָם אַריין. עס זיינען דאָרט געווען קונים, אָבער ווי נאָר די מאַמע האָט אים דערזען, האָט זי אַלץ איבערגעלאָזט און זיך צוגעקלעפּט צו אים און געוויינט. די קונהטעס האָבן אַלע צוגעהאָלפן וויינען און זיי האָבן זיך אַלע דערפרייט מיט דעם גאַסט און פרויען האָבן אים געגיבן שלום עליכם. פאַר דער מילחמה האָבן די מערסטע פרויען נישט געגיבן קיין מאַן די האַנט. דער קריג האָט איבערגעביטן דאָס גאַנצע לעבן. די מאַמע האָט זיך געפילט ווי צווישן האַמער און קאָוואַדלע און זי האָט זיך געדרייט צווישן זון און די קונים און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן און געפרעגט וואו איז שיפרה און זי האָט אַ טיפן קרעכץ געטאָן. דער קרעכץ האָט גערעדט ווערטער. יאַנקל האָט זי באַרואיקט און איר געהייסן זיך ספּראַווען מיט די קונים און ער וועט דערווייל גיין אין גאַס אַריין זען די חברים און די שטאָט. ווען ער וואָלט געקענט — האָט ער געזאָגט — וואָלט ער איר געהאָלפן, אָבער ער ווייסט נישט וואו איין און וואו אויס. די מאַמע האָט געקוקט אויף אים מיט פאַרליבטע און פולע אויגן, אַזוי ווי אַ חתן אויף אַ כלה און זי האָט געזאָגט מיט אַ געוויין און מיט גליק: „דער אייגענער יאַנקעלע פון אַמאָל...״

די שטאָט איז געווען די זעלביקע. נייע בנינים זיינען כמעט נישט צוגעקומען און די אַלטע בנינים זיינען געוואָרן קויטיקער און אָפּגעשונדענער. איינציקע שטיבער זיינען געווען מיט פאַרהאַקטע שויבן. אַ סך פּלייט זיינען געווען אויסגעריסן. נישט אויף פינף יאָר, נאָר אויף צוואַנציק איז די שטאָט עלטער געוואָרן. און די מענטשן זיינען אויך עלטער געוואָרן אויף אַ סך מער ווי אויף פינף יאָר. אַן אַלטיטשקער ווייסער ייד איז אונזער העלד אַנטקעגנגעקומען. ער האָט אים געגיבן אַ ברייטן שלום עליכם און ער האָט אים דערקענט מער אין קול, ווי אין פּנים; ס'איז געווען וואָלף קאָנסטאַנטינאָווסקי; ווען איז ער געוואָרן אַזוי אַלט? ער איז געווען איינער פון די באַרימטע פּיקשטאָט־שקצים און דאַכט זיך אַ יונגער מענטש. אפשר זעכציק יאָר האָט ער איצטער געדאַרפט אַלט זיין און אויסגעזען האָט ער שוין ווי פון אַכציק. יאַנקל האָט אים געפרעגט:

— דאָס זיינט איר, ר׳ וואָלף, צי אייער טאַטע?
און דער פרי אַלט־געוואָרענער האָט גענענטפערט:
— ביזט גערעכט, איך זע שוין אויס ווי מיין זיידע... דאָס איז פון צער גידול בנים, מיין קינד. די מילחמה האָט מיך שוין גאָר אָוועקגעלייגט. איך האָב זיי אַלע גערעטעוועט, אָבער איין גאָט ווייסט ווי אַזוי. צוויי זיינען אין גאַנצן געוואָרן קאַליקעס. און ערשט איצטער הויבט זיך אָן אַ מעשה מיט פרנסה. צוויי זיינען געבליבן פון יענער זייט און איינער איז אין ווילקאָוו און ער שטאַרבט דאָרט באַזונדער פון הונגער... און אָן אייניקל אַ באָלשעוויק האָב איך שוין אויך, גאָט זיי דאַנק. דאָס דאָזיקע מין איז גאָר אַ מכה אשר לא כתובה בתורה...
קיין גרויסער למדן איז דער דאָזיקער ייד קיינמאָל נישט געווען און ער האָט זיך פאַר יאַנקלען געוואָלט אַרויסשטעלן און ער האָט אויסגעשאָסן אַ האַלב פון זיין תורה פולווער און ווען יאַנקל האָט אים געפּרואווט זאָגן, אַז זיי ווילן דאָס אייגענע, וואָס דער נביא עמוס האָט געוואָלט, איז ער געבליבן גאָר אָן לשון און ס׳איז געווען קענטיק, אַז קיין שטאַרקער באַקאַנטער איז אים יענער נביא נישט געווען... דאָך איז ער אָן לשון נישט געבליבן און ער האָט געזאָגט, אַז אפשר ווילן זיי עס גוט, אָבער זיי מאַכן עס שלעכט און עס קען זיין, אַז ווען נישט זיי, וואָלט נאָך רוסלאַנד געווען רוסלאַנד און אַ יידן וואָלט געווען גרינגער צו לעבן אויף גאָטס וועלט. זייט „זיי" זיינען געקומען איז אַלץ געוואָרן האַרע קאַרע... און די יידן האָבן דאָך אַלע געוואָלט די „סלאָ־באָדע". וואָס דען האָבן זיי געדאַרפט וועלן — דעם צאַר? און אַלע האָבן נעגיבן געלט אויף דעם פאָנד פון דער „סלאָבאָדע"... צופיל מיט אַמאָל ווילן זיי די באָלשעוויקעס און ערשט איז ביי זיי גאָט קיין גאָט נישט... אַנו — האָט דער אַלטיטשקער געקרעכצט — פועל ביי מיין אייניקל ער זאָל גיין אין שול אַריין דאַוונען. וואָס איך זאָג אים, אַז אויב ער וויל יושר, דאַרף ער קודם כל האַנדלען על פי יושר און אָפּגיבן דעם ריבונו של עולם זיינס, אָבער רייד צו דער וואַנט... דו ביזט דאָך אויך פון נייע לייט, די חכמים — האָט וואָלף געשמייכלט פונקט ווי אַמאָל, ווען ער איז געווען דער שגיץ פון דער שטאָט — טאָ זאָג זשע דו אַליין — קען זיין יושר אָן גאָט ברוך הוא?
די זעלביקע טענהס האָט דערנאָך געהערט אונזער העלד פון נאָך אַ סך, אַ סך יידן אין שטעטל. אַלע האָבן זיי געזאָגט, אַז די באָלשעוויקעס ווילן גוטע זאַכן, אָבער זיי ווילן צופיל מיט אַמאָל און אָן דעם ריבונו של עולם. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז ווען אָט דאָ וועט וואַקסן האָר, וועט דאָס באָלשע־וויסטישע פּראָגראַם אויסגעפירט ווערן. גאָט אַליין האָט געמאַכט, אַז ס׳זאָל זיין אָרים און רייך און קיינער וועט ער נישט קענען איבערמאַכן. די קבצנים האָבן אויך אַזוי געהאַלטן. דאָס עצם דיסקוטירן די גאַנצע זאַך איז שוין גע־ווען אַ רעוואָלוציע פאַר די קיליער יידן. די מילחמה האָט זיי היפש געעפנט

דעם קאָפּ; שפּאַצירנדיק אין גאַס האָט ער זיך דערוואוסט, אַז אַ סך פון די קיליער יונגעלייט זיינען באַלשעוויקעס. אייניקע זיינען אַנטלאָפן, ווען דער וואָלעך איז אַריין און אַנדערע זיינען נעבעך געבליבן. ווער עס באַהאַלט זיך אויס און ווען די רומענער האָט געכאַפּט און איינגעזעצט. אייניקע האָט מען שוין געמאַכט קירצער מיט קעפּ. ביי דער שטאָט בענדער האָט מען אַ סך דערטרונקען אין דניעסטער און אין דונאַי האָט מען מיסתמא אויך דער־טרונקען. אין איינס און צוויי האָט זיך יאַנקל דערוואוסט, אַז זיין חבר לוי קאַמראַווסקי, וואָס איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט אים געגיבן צו לייענען די מאָדערנע ליטעראַטור, איז געפאַלן אויף דעם פראָנט און דער ייִנ־גערער ברודער זיינער איז אַ באַלשעוויק און ער איז קוים אַוועק קיין אָדעס. יאַנקל האָט זיך דאָס דאָזיקע דערוואוסט טאַקע ביי די קאַמראַווסקיס אין שטוב, וואו עס איז נאָך געווען די אַלטע אַלמנה און צוויי מיידלעך. וואָס זיינען ביידע געווען זייער באַלעזענע אין יידיש און באַוואוסטזיניקע און זיי האָבן געשוועבט צווישן ציוניזם און באַלשעוויזם. די עלטערע איז געווען אין איינע יאָרן מיט איר שוועסטערקינד ריווע קאַמראַווסקי, די האַלבע אַקטרי־סע, וואָס האָט אַמאָל געוואָלט פאַרפירן מיט אים אַ ראָמאַן און זי האָט שוין אָנגעהויבן האָבן דעם מידן און אומרואיקן אויסדרוק פון אַן אַלטער מויד און די ייִנגערע איז קוים אַלט געווען אַ יאָר אַכצן או זי האָט געהאַט אַן אי־בערגעבערענט פּנים פול מיט פּרישטשעס. די האַנט איז ביי איר געווען היים ווי ברענענדיקע קוילן און נאַס און ציטערנדיק. ווען ער האָט איר געגיבן די האַנט, האָט ער דערפילט אַ ברי און אַ קלעפּיקייט. זי האָט גערעדט שיין און קלוג און די אייגלעך האָבן איר אַרומגעבלאָנדזשעט און זיי האָבן אים גע־פרעסן. ער האָט געפילט, אַז זי איז אַ טייער מיידעלע נאָר זי איז סעקסועל קראַנק פאַר הונגער. ער איז געשטאַנען אַ הילפלאָזער קעגן איר און ער האָט זיך געזאָגט: „אָט וויל איך ווערן אַ שרייבער, אָבער וואָס וואָלט איך געשריבן פון איר, ווען איך וויל זי באַשרייבן?" אין יענער שטוב האָט ער זיך דער־וואוסט, אַז זייערס אַ שוועסטערקינד האָט זיך געשמדט און זי איז אַוועק מיט אַ שגץ פונקט, ווען די מאַמע אירע איז געליגן אויף דעם טויטן בעט. די מאַמע איז טאַקע באַלד געשטאָרבן. דאָס איז געווען דאָס זעלביקע מיידל, מיט וועלכער יאַנקל האָט זיך באַפריינדעט פאַר דעם אַוועקפאָרן און וועלכע ער האָט פאַרגלייכט צו פּרצס „פאַרשטויסענער". זי האָט געענדיקט די פּראָ־גימנאַזיע אין איזמאיל און דער פאָטער האָט זי נישט געקענט לערנען ווייַ־טער. די נישט־געבילדעטע ייִנגלעך זיינען איר נישט געפעלן געוואָרן... יאַנקל האָט זיך געקלערט אַז אויב יענע האָט זיך געשמדט, קען דאָס קליינע שוועס־טערקינד אירס מיט די פּרישטשעס ווערן אַ גאַסן־מיידל און אויב זי וועט עס נישט ווערן, וועט עס זיין אַ גרויסע העלדישקייט פון איר; ווער ווייסט, צי נישט אַ גרעסערע העלדישקייט פון גרעסטן מאַרטירער... ווען דער גאַסט

האָט פאַרלאָזט דאָס הויז פון זיין אַמאָליקן חבר, האָט אים דער ערשטער באַקאַנטער געזאָגט, אַז ער האָט נישט געדאַרפט אַריינגיין אַהין, ווייל דער „וואָלעך“ קוקט קרום אויף יעדן, וואָס קומט אַריין אַהין. אונזער העלד האָט זיך געגיבן חשבון, אַז דער רומענער הערשט מיט אייזערנע ריטער און ער איז באַלעבאָס איבער יעדנס לעבן.

דער גרעסטער גביר חיים יאַנקל קיצים האָט זיך אַרומגעדרייט פאַר זיין מויער. וואָס האָט איצטער אויסגעזען אַלט און אָפּגעריסן. דער גביר אַליין האָט אויך אויסגעזען שטאַרק פאַרעלטערט, אָבער ער איז שוין טאַקע געווען אַן אַלטער מאַן. ער איז שוין געווען ביי די אַכציק. די האָר פון דער ווייסער שיטערער באָרד זיינען אים געווען אויסגעקראָכן; די צוויי קאַסטנס ציין אין מויל האָבן זיך געשאָקלט און געקלאַפּט; ער האָט געהאַט פון וואָס אַלט צו ווערן. ער האָט פון זיינע אַכט זין געהאַט אַ היפּש ביסל אויסצושטיין. צוויי פון זיי זיינען געווען אין משוגעים־הויז אין קאַסטיוזשען לעבן קעשענעוו און דאָס ווייב האָט אויך געדאַרפט זיין דאָרט, אָבער ער האָט זיך געשעמט זי אַהין צו שיקן און ער האָט פון איר געהאַט געברווינטע ליידן. געזאָגט האָט מען, אַז ער איז שוין נישט אַזוי רייך ווי אַמאָל. כאָטש אַמאָל האָט מען אויך געזאָגט, אַז קיינער איז נישט זיכער אין זיין רייכקייט. מען האָט אויך גע־זאָגט, אַז ווען נישט די רעוואָלוציע, וואָלט ער געווען אומגליקלעך געמאַכט דאָס גאַנצע שטעטל. ער האָט געהאַט אַ טבע נישט אָפּצוגיבן קיינעם קיין וועקסל, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט די וועקסלען פון די אַלע, וואָס האָבן ביי אים געליגן געלט און אים אָפּגעגיבן, אַוועקגעשיקט אין אַ באַנק אַריין, איז מען געקומען מאָנען ביים גאַנצן שטעטל... עס וואָלט געווען די אמתע חתונה, אָבער דערווייל איז געוואָרן די רעוואָלוציע און דער רומענער איז אַריין און עס איז געוואָרן שטיל. חיים יאַנקל איז ווי שטענדיק אַרומ־געגאַנגען מיט אָפענע אויגן און ער האָט, דאַכט זיך, געקוקט אויף אַלע און ער האָט קיינעם נישט געזען און קיינעם נישט געענטפערט אויף קיין גוט מאָרגן. יאַנקל איז צוגעגאַנגען נאָענט צום אַלטן גביר און ער האָט געמיינט, אַז ער וועט אים באַמערקן, אָבער יענער האָט געקוקט און נישט געזען, אָדער זיך געמאַכט נישט זעענדיק.

און נישט ווייט פון חיים יאַנקלס הויז האָט אונזער העלד דערזען טימע־לע וואַסערפירער. יענער האָט פאַר פרייד שיעור נישט איבערגעקערט די „וואַדאָוואָזניע“. ער איז אַזוי אַראָפּגעשפּרונגען, אַז ער האָט זיך שיעור נישט צעבראָכן הענט און פיס און ער האָט יאַנקלען אַרומגעכאַפּט מיט זיינע נאַסע אָרעמס און מיט זיין נאַסער באָרד און ער האָט אים אָנגעפילט מיט דעם אָטעם פון פראָסט און שניי און מיט דער אייגנאַרטיקער האַרציקייט, וואָס נאָר ער האָט פאַרמאָגט. ער האָט אויף דעם גאַסט געקוקט מיט זיינע קינדישע ריי־דעוודיקע אויגן און יעדער האָט געקענט זען, אַז דאָס האַרץ איז אים פול,

אָבער אַ וואָרט פון מויל האָט ער נישט געקענט אַרויסלאָזן. מער ווי „יאַנקל" האָט ער נישט געקענט זאָגן. עטלעכע מאָל האָט ער געזאָגט דאָס דאָזיקע וואָרט און דערנאָך האָט ער געשוויגן און מיט אַ ווייַנענדיקן האַלדז האָט ער געזאָגט: „דו ווייסט דאָך, אַז ביי איר איז „טוט יע, אַ טוט נעמאַ" (דאָ איז דאָ און דאָ איז נישטאָ) און ער האָט געוויזן אויף דעם האַרצן וואו ס'איז דאָ און אויף דעם מויל, וואו ס'יז נישטאָ... נאָר דער טאַטע און די מאַמע האָבן יאַנקלען באַגעגנט מיט אַזאַ פרייד ווי ס'האָט אים באַגעגנט דער האַלבשטומער וואַסערפירער, וואָס האָט זיין אייגענעם נאָמען גוט נישט געקענט אַרויסזאָגן; ער איז געווען ווייס ווי אַ טויב. ווין אונזער העלד איז אַוועקגעפאָרן, האָט דער וואַסערפירער געהאַט אַ רויטע באָרד און איצטער איז ער געווען ווייס ווי אַ שפּין. און ער איז געווען אַ יונגער מענטש, ייִנגער ווי דער טאַטע און דער טאַטע האָט נאָך אַלץ געחלומט צו ווערן אויס רויטער און ער האָט געזוכט אַ גרויע האָר אין דער באָרד און ער האָט געקרעכצט וועגן דעם, וואָס רויטע ווערן נישט גרוי. אָט איז דער וואַסערפירער געוואָרן פון רויט ווייס. מען האָט שוין גאָר נישט געקענט דערקענען, אַז ער איז אַמאָל געווען רויט. יאַנקל האָט געפרעגט ביי זיין האַלב־שטומען פריינד פון וואָס ער איז עס געוואָרן און יענער האָט געענטפערט, אַז „פון וואַסער פירן". בכדי דער גאַסט זאָל בעסער פאַרשטיין האָט ער געזאָגט, אַז וואַסער פירן איז אַ „טוּוערע" (שווערע) זאַך... און ער האָט נישט געלאָזט, אַז זיין יונגער פריינד זאָל אים זאָגן „איר", נאָר „דו" זאָל ער אים זאָגן...

— און דו מיר?

— איך אייך — נאָר איר. אַ, איר זיינט עפּעס אַנדערש... איר רעדט אין די „טולן" (שולן). דאָ אויך ריידן, יאַנקל? וויפל ס'וועט קאָסטן אַ ביליעט, איך באַצאָלן...

אונזער העלד האָט זיך קוים אָפּגעריסן פון דעם וואַסערפירער און ער האָט זיך געלאָזט ווייטער אויף דעם שפּאַציר. ער האָט באַגעגנט איציק זיידמאַן. דעם קלוגן, גוטן און פאַנאַטישן איציק זיידמאַן, דעם געטרייסטן פריינד פון זיין טאַטן. ער איז נאָך אַלץ נישט געווען גרוי און די אייגלעך האָבן ביי אים נאָך אַלץ געברענט מיט אַן אויסערגעוויינלעך יונג פייערל, אָבער ער איז שוין געווען מוראדיק איינגעבויגן. די קראַנקייט זיינע, דער איִשיאַס האָט אים געבויגן צו דער ערד. ער האָט גערעדט מיט זיין הייזעריק און מוזיקאַלישן קול און ער האָט אויסגעפרעגט און אויסגעפרעגט וועגן דעם, וואָס אַזוינס יאַנקל האָט אויפגעטאָן און דערנאָך האָט ער געפרעגט: „און וואָס הערט זיך עפּעס מיט אונזער ארץ ישראל?" ער האָט דעם „אונזער" אומגעהויער באַטאָנט און ער האָט געגיבן אָנצוהערן, אַז ער איז שוין הגינט אַן אַנדערער. ער איז טאַקע אַזוי פרום און פאַנאַטיש ווי ער איז געווען, אָבער פון ציון האַלט ער און ער מיינט, אַז די מילחמה האָט שוין טאַקע געבראַכט

משיחס צייטן... איציק זיידמאַן האָט דעם גאַסט דערציילט אַ גאַנצע מעשה וועגן טימעלע דעם וואַסערפירער און חיים יאַנקל קיצים. טימעלע האָט עפּעס געהאַט אַ פעטער אין ניו־יאָרק, האָט ער דעם פּלימעניק געשיקט פופציק דאָ־לאַר. האָט דער וואַסערפירער אויסגעגיבן צוואַנציק און מיט דרייסיק האָט ער שוין נישט געהאַט וואָס צו טאָן. האָט ער זיי געגיבן צו באַהאַלטן דעם גרעסטן גביר. האָט חיים יאַנקל אים באַלד געזאָגט: „וואָס מיינסטו? איך וועל דיר היטן אומזיסט דיינע דאָלערס איך בין דיר אַ שומר חינם?" האָט זיך טי־מעלע אַזש דערשראָקן און ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט דעם גביר דערפאַר פירן וואַסער אומזיסט. אין אַ צייט אַרום זעט דער גביר דעם קבצן און ער זאָגט, אַז וואַסער אַליין איז ווייניק פאַר היטן דאָלערס, ער וויל נאָך עפּעס. און ס'איז געבליבן, אַז פון יעדן מאָל פירן וואַסער זאָל פון דעם געלט אַראָפּ־גיין אַ פערטל דאָלער. און טימעלע האָט אַזוי געפירט וואַסער אומזיסט און ער האָט צוויי מאָל אין דער וואָך געמוזט אויפשטיין מיט צוויי שעה פריער און זיך לייגן מיט איין שעה שפּעטער; און איין מאָל איז טימעלע צוגעגאַנ־גאַנגען און געזאָגט:

— ר' חיים יאַנקל, וויפל דאַרף איך אייך נאָך פירן וואַסער, אַז איר זאָלט מיר שוין גאָרנישט מער שולדיק זיין?

יאַנקל האָט געמיינט, אַז דאָס איז אַ מעשה, וואָס די קיליער האָבן אויסגעטראַכט, אָבער דער קלוגער ייד האָט זיך געשוואוירן, אַז ס'איז אמת. דער רב האָט זיך אַזש אריינגעמישט און געוואָלט קנסענען דעם גביר. אונזער העלד האָט אין דעם דאָזיקן ערשט רעכט נישט געגלויבט. דער רב זאָל האָבן קוראַזש צו קנסענען דעם גרעסטן גביר! איציק האָט אים פאַרזיכערט, אַז היינט זיינען אַנדערע צייטן און אַז חיים יאַנקל איז שוין היינט נישט דער גרעסטער גביר. עס איז היינט עולים ויורדים. מען דאַרף שוין זיין גאָר אַ כופר בעיקר, נישט צו גלויבן, אַז היינט איז משיחס צייטן...

און דער גאַסט איז זיך ווייטער געגאַנגען איבער דער שטאָט. ער האָט געטראָפן באַקאַנטע און באַקאַנטע. אָט איז ער געווען לעבן חיים סטראַבילע־וויטשעס שטוב. דער דאָזיקער חיים איז אַ ברודער פון מרדכי „ניעדוראַק", אָבער ער איז אַן אַנדערער, אַ שטילערער און אַ געצווימטער און אפילו אַביסל אַ וואוילגעלערנטער. ער איז דאָך נישט נאָר אַ ברודער פון זיין מומען, נאָר אויך אַ מחותן דורך לאה דער באָבעס. לאהס מאַן, משה סטראַבילעוויטש, פון וועמענס הויז אין רעני ער איז אַנטלאָפן קיין גאַלאַץ, איז דאָך זיין זון. חיים האָט געהאַט נאָך אַ זון, זוסיע. ער איז געווען אַ תמעוואַטע און אַ חולה נופל. אָבער אין מילחמה אריין האָט ער געמוזט גיין. די פאַליקע האָט מען נים אָנגענומען פאַר קיין קראַנקייט, סיידן מען האָט געזען. איז אויף צו להכעיס אים נישט אָנגעקומען איין מאָל קיין אַטאַקע. איין בריוו איז פון אים געקומען און מער נישט. ער איז באַלד פאַרפאַלן געוואָרן. די קראַנקייט

האָט אים געווים געכאַפּט, פּונקט דעמלט, ווען ער איז געקומען אויף דעם שלאַכטפעלד. ווער ווייסט, וואָס פון אים איז געוואָרן! ער איז אפילו נישט געקומען צו קבר ישראל! דער אַלטער און פאַרעלטערטער פאָטער האָט געוויינט און געווישט די טרערן און דער גאַסט האָט געמוזט אריינגיין און נעמען אַביסל פאַרצוקערט איינגעמאַכטס און אויסהערן דאָס געוויין פון ד״ער אַלטער מחותנתטע מיט די אויסגעדאַרטע הענט. און ווען ער איז ארויסגעגאַנגען, האָט ער אַנטקעגן געזען שטיין לעבן זיין טיר דעם מאָדנע יידן, וואָס מען האָט גערופן הערשל סטרילקעס. אַ הויכער ייד איז ער געווען, אַ לאַנגער און אַן אויסגעצויגענער ווי אַ סטרונע. ער האָט געהאַלטן אַן אָפענע טיר צו דער גאַס און ער האָט געקויפט, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. אַ מעסטל תבואה, אַ פעלכל פון אַ האָז, אָדער אַ פוקס, אַביסל האָניק. „סטרילקעס" איז געווען אַ צונאָמען, אָבער וואָס ער האָט באַטייט, האָט יאַנקל נישט געוואוסט. ער האָט געהאַט אַ לאַנגע און דינע טונקלע באָרד מיט עטלעכע גרויע האָר און נישט ער האָט זיך געביטן און נישט די באָרד האָט זיך געביטן. ער האָט געהאַט אַ שם פון אַ נישט־קלוגן. מען האָט אים אויך גערופן „גובערנאַטאָר", ווייל דער פּריסטאַוו איז אַמאָל עפּעס געקומען צו אים מיט אַ טענה, האָט ער אים געענטפערט אין אַ שלעכטן רוסיש, אַז ער איז ביי זיך אין שטוב ווי אַ גובערנאַטאָר, האָבן די לצים אים שוין גערופן „גובערנאַטאָר". ער האָט געהאַט שיינע זין און נעבעך זייער נישט שיינע טעכטער און ער פלעג זאָגן: „וועט איר מיר דערציילן, אַז גאָט ברוך הוא ווייסט וואָס ער טוט? יינגלעך, מעגן זיי זיין ווי מיאוס, פאַרזיצן זיי דאָך סיי ווי נישט..." און די מיידלעך זיינע זיינען עפּעס ווי אויף צו להכעיס וואָס אַמאָל געוואָרן מיאוסער. צוויי פון זיי האָבן געהאַט אויסגעדרייטע מיילער און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי ווערן וואָס אַמאָל מער אויסגעדרייט... מען האָט געזאָגט אין שטאָט, אַז ווען אַן אָרימאַן וואָלט געהאַט אַזעלכע טעכטער, וואָלטן זיי שוין פאַרזעסן, אָבער הערשל סטרילקים דער „גובערנאַטאָר" איז אָנגעשטאָפּט ווי קורח און ער וועט שוין קריגן חתנים. און ער האָט טאַקע געקראָגן אויך. צוויי פון זיינע מיידלעך האָבן שוין חתונה געהאַט און דווקא אין דער צייט פון דער מילחמה, ווען אַ בחור איז געווען מיט גאָלד גלייך...

יאַנקל איז אַזוי געגאַנגען ביז אַרויף און ער איז צוגעקומען צום מלמד דניאלס שטוב. דער הויף, וואָס פלעג אַמאָל זשומען מיט קינדער, איז געשטאַנען אַ ליידיקער און אַ טויטער. די צוויי גרויסע טשוהונענע קעסלען זיינען נאָך אַלץ געשטאַנען. דאָס לעבן האָט געגיבן אַ שפרונג אויף דרייצן־פערצן יאָר צוריק און פאַר די אויגן האָבן אַ שוועב געטאָן אַ שיעור חברים. ער ווייסט נישט פאַרוואָס, נאָר ער האָט זיך איצטער דערמאָנט פון אַ חבר, וואָס האָט געהייסן מיקל. אַ מאָדנע נאָמען האָט ער געהאַט און אַ מאָדנע אויסזען. אַ גרינער און אַ קרענקלעכער איז ער געווען און ער האָט געהאַט

אויגן. וואָס האָבן שטענדיק געלאַכט. אָבער זייער טרויעריק. זיין טאַטע איז געווען אַ קראַנקער און אַן אָרימער. ער איז געווען אַ מעקלער, וואָס האָט גאָרנישט פאַרדינט. דניאל האָט אויס רחמנות געלערנט מיט אים אומזיסט. ער פלעג ליב האָבן צו ריידן פון טויט. ער האָט דערציילט, אַז ס'איז דאָ אַזאַ פויגל, וואָס זעט אויס ווי אַן אַפּגעפליקטער, איז ווען ער שטעלט זיך אַני־דער אויף אַ דאַך, שטאַרבן אויס אַלע מענטשן פון יענער שטוב און ער האָט דערציילט, אַז דער דאָזיקער פויגל האָט זיך אַמאָל אַנידערגעשטעלט אויף זייער דאַך און ער ווייסט שוין, אַז די גאַנצע מישפּחה וועט שטאַרבן; און אַלע ביי זיי אין שטוב ווייסן עס שוין. עס ווייסט דער טאַטע זיינער און די מאַמע און די שוועסטער... ווען ער איז צוריקגעקומען נאָך פון דער ישיבה, האָט ער געהערט, אַז די גאַנצע מישפּחה איז טאַקע אויסגעשטאָרבן. פריער איז געשטאָרבן מיקל אַליין, דערנאָך דער טאַטע זיינער, דערנאָך די מאַמע און דאָס מיידל איז געבליבן אַליין. זי איז געווען אַ בלייכע און אַ שיינע און אַזאַ עלנדע. זי האָט געוואוינט אין דער „מאהאלע" צווישן גויים און פאַרן טויט האָט זי געוויינט און געזאָגט אויף רוסיש: „איך וויל נישט שטאַרבן, איך בין דאָך נאָך נישט געווען קיין כלה..." פאַרוואָס האָט זיך יאַנקל גראָד דערמאָנט אין יענעם חבר? ער האָט נישט געוואוסט. אים איז אויסגעגאַנגען דאָס חיות צו זען ליובאַן, דאָס ווייבל, וואָס האָט געוואוינט ביי דניאלן אין הויף און וואָס ער האָט געווויגט איר קינד און איז אין איר געווען אַזוי קינדיש פאַר־ליבט. ער איז געווען זיכער, אַז זי וואוינט שוין נישט דאָרט, אָבער ווען ער איז אַדיינגעקומען אין הויף אריין, האָט ער זי דערזען און ער האָט זיך בי־טער אַנטוישט. אין די עטלעכע יאָר, וואָס ער האָט זי נישט געזען, איז זי אַזוי פאַרענדערט געוואָרן, אַז ער האָט זי קוים דערקענט. זי איז געוואָרן דיק און אַביסל געקנייטשט און די העלע אויגן זיינען איר געוואָרן אויסגעלאָשן און די שיינע נאַקעטע הענט זיינען איר שוין געווען פאַרדעקט. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער נאָמען ליובאַ פּאַסט זיך שוין אויך נישט צו איר און זי וואָלט שוין געמעגט הייסן מיט עפּעס אַ נאָמען פון אַ יידענע...

דניאל איז נאָך אַלץ געזעסן איבער אַ בוך, וואָס ער האָט געגלעט און איינגעבונדן. דער קליינער הויקער איז אים גרעסער געוואָרן און די באָרד האָט מער ווי די עטלעכע גרויע האָר פון אַמאָל נישט געהאַט. דער מלמד האָט זיך אויפגעהויבן און ער איז אַנטקעגן געלאָפן זיין תלמיד און זיך ארומגע־כאַפּט מיט אים. די רביצין איז געזעסן אַזאַ לאַנגע ווי אַמאָל און זי האָט זיך פון אָרט נישט גערירט. יאַנקל האָט זיך פאַר איר פאַרנייגט און די האַנט האָט ער איר נישט געגעבן און אים איז אויסגעקומען, אַז די גאַנצע זאַך איז קאָ־מיש. ער האָט באַמערקט אַז די הענט, וואָס זיינען ביי איר אַמאָל געווען אַביסל אויסגעדרייט, זיינען איצטער שוין אין גאַנצן איבערגעקערט. דער מלמד האָט זיך געקלאָגט, אַז ער ווערט אַלט און ער קען נישט שלאָפן. ער

וואָלט געקענט לערנען ביינאַכט, איז אָבער קעראָסין מיט גאָלד גלייך און ביי אַ קליין ליכטל זעט ער שוין נישט. און וואָס זאָל טאָן די אַלטע? די טעב־טער האָט ער שוין ברוך השם אַלע אויסגעגיבן. איידלען, די דאָזיקע, וואָס פלעג שטאַרק ניסן און די ייִנגלעך האָבן געלאַכט, האָט ער שוין אויך חתונה געמאַכט, נאָר די ייִנגסטע נאָך נישט. זי איז טאַקע באַלד ארויסגעקומען און האָט זיך באַוויזן אַזאַ לאַנגע ווי די מאַמע און אַ גרינע מיט אַ פאַרשפּיצט אויסגעדרייט מויל. יאַנקל האָט ביי זיך געקלערט טרויעריק און ציניש: „ווע־מען גאָט ־מאַכט פּאַר פּרוי!״ ער האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי זי צו גריסן, אָבער זי האָט אים אַליין אויסגעשטרעקט די האַנט. ס'איז ביי איר אַ פּנים געווען אַ קרן אַ דרוק צו טאָן די האַנט פון אַ בחור. דניאל האָט אַ קרעכץ געטאָן און געזאָגט, אַז היינט זיינען שוין אַנדערע צייטן און ער האָט געהייסן דערלאַנגען כיבוד דעם גאַסט. אַלטע האָט זיך געכאַפּט און איז גע־לאָפן גיך, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי שטייט אויף אַ פּלאַץ. זי איז דאָך אָנגעקומען מיט אַ טעצל, אַ לעפעלע און אַ גלאָז וואַסער, אָבער ביז זי איז צוגעקומען צום טיש, האָט זי מיט אירע קרומע הענט אַראָפּגעלאָזט דאָס און עס צעבראָכן. דניאל האָט נאָך אַ שטאַרקערן קרעכץ געטאָן און ער האָט געמוסרט די טאָכטער, וואָס זי האָט געלאָזט, אַז די מאַמע מיט די קראַנקע הענט זאָל גיין נאָך דעם איינגעמאַכץ און ער האָט אין איין וועג אויסגע־רעכנט, אַז דאָס צעבראָכענע טעצל איז ביי אים געווען עטלעכע און פערציק יאָר. „אַ פּנים, האָט ער געפּרואווט שמייכלען, אַז אויף טעצלעך ווערט אויך פאַרשריבן אום ראש השנה ביים נתנה תוקף, ווען זיי וועלן צעבראָכן ווערן.״ די טאָכטער האָט שוין אויסגעווישט דעם פּאָל און צונויפגעקליבן די טשערבע־לעך און געבראַכט אַביסל פאַרצוקערט איינגעמאַכץ אין אַן אַנדער טעצל. דניאל האָט געוואָלט וויסן ביי זיין געוועזענעם תלמיד איין זאַך — צי ערגעץ אַנדערש זיינען נאָך דאָ יידן אויף גאָטס וועלט, ווייל אויב גאָט ברוך הוא וועט זיך חלילה פאַרלאָזן נאָר אויף קיליע, וועט ער האַלטן שמאָל...

נאָך אַ סך יידן האָבן אים אָפּגעשטעלט; אויך אייניקע קריסטן האָבן אים דערקענט און זיי האָבן אויך געוואוסט, אַז ער איז אַ רעדנער און אַ שרייבער; דאַכט זיך אַזוי ווייט, ווי מען האַלט זיך און דאַך האָבן די יידן געוואוסט, וואָס ביי די קריסטן טוט זיך און פאַרקערט. נייגיריקייט איז פּונקט אַזאַ נאַטירלעך געפיל, ווי ליבע, אייפערזוכט, פריינטשאַפט... די עלטערע מענטשן האָבן אויף אים געקוקט מיט אַ באַזונדער ליבע. ער געדענקט ווי איינער אַ ייד, וואָס האָט געהייסן שיקע סענדערס און איז געווען אַ מציאה אַן אכצי־קער, האָט זיך נישט געוואָלט אָפּרייסן פון אים, ער האָט ממש געפרעסן זיין יונגקייט. יאַנקל האָט נישט געוואוסט, צי דער ייד איז אים מקנא, צי ער וויל זיך אָנוואָרעמען די אַלטע ביינער לעבן אים...

יאַנקל האָט זיך דערוואוסט אין גאַס, אַז מעכל זעלצער, דער ייִנגסטער

פון די פיר שטאָט שקצים, דער למדן און שיינער ייד האָלט ביי שטאַרבן. דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז ס'איז „בילאָק" (אַלבומינע), ער האָט צופיל „בילאָק"; ער אַליין האָט געזאָגט, אַז דאָס האָט אים דער אַדזשודער רבי פאַרשלאָגן. אַזוי ווי בעסאַראַביע איז געוואָרן רומעניע, איז דער אַדזשודער רבי באַלד געקומען צופאָרן, ער האָט גאָרנישט געפרעגט ביי קיינעם און ער איז געקומען. מעכל זעלצער האָט זיך געהיצט און געשריגן, אַז קיליע איז דעם בוהושערס שטאָט. מען האָט דאָס דעם אַדזשודער דערציילט און באַלד ווי ער איז אָנגעקומען, האָט ער גלייך נאָך דעם אָפּגיבן שלום געפרעגט מיט כעס: „ווער וויל מיך דאָ נישט? ס'איז מיין טאַטנס שטאָט." מעכל, וואָס איז געווען דערביי, איז געוואָרן בלייך ווי די וואַנט און ער איז באַלד קראַנק געוואָרן און ווען ער האָט זיך אין עטלעכע חדשים אַרום געמוזט אַריינלייגן אין בעט אַריין, האָט ער געזאָגט, אַז מען האָט אים פאַרשריבן אַ „סמערטני פּריגאָוואָר" (טויט־אורטייל). ער האָט זיך דערמאָנט דעם מאמר פון פרק „הזהרו בתלמידי חכמים שנשיכתן נשיכת שועל" (זייט געהיט פאַר די תלמידי חכמים, וואָס זייער ביס איז אַ ביס פון אַ פוקס) און ער האָט געזאָגט, אַז אַ פוקס האָט קרומע ציין... דער אַדזשודער רבי האָט אים דערלאַנגט אַ קרומען ביס. ער איז נישט געווען שולדיק, אָבער אַ שטאַרקן ביס... אַ יונגער סטודענט האָט יאַנקלען געזאָגט, אַז ביי אים איז אַ פאַרעלטערטע קראַנקייט, ער האָט צופיל אַלבומין און ס'קען זיין, אַז ער האָט גאָר קיין מאָן נישט געקענט זיין און זיין פרוי איז נאָך אַ בתולה; קיין קינדער האָט זי טאַקע נישט געהאַט און זי האָט טאַקע צו די שלושים נאָך זיין טויט חתונה געהאַט און ווען דער צווייטער מאַן איז אויך געשטאָרבן, האָט זי גיך חתונה געהאַט פאַר אַ דריטן און פאַר אַ פערטן. זי האָט אויף דער עלטער געוואָלט אָפּנעמען דאָס דאַזיקע, וואָס זי האָט אין דער יוגנט נישט געהאַט.

יאַנקל האָט זיך דערמאָנט ווי יונג און ווי שיין און ווי אויסגעפּוצט דער קראַנקער האָט אויסגעזען שבת אין בית מדרש. ער האָט געהאַט אַ זעלטן שיין קול, וואָס האָט פאַרקלונגען די גאַנצע שול און ווען ער האָט זיך צע־גאָרגלט, האָט ער זיך נישט געקענט אָפּשטעלן. ער האָט געהאַט אַ שם פון אַ שלעכטן. ער פלעג אַפילו אויף אַ גוט מאָרגן נישט ענטפערן. ער פלעג קוקן מיט פאַרגלאָצטע אויגן און שווייגן. דאָך האָט זיך דאָס גאַנצע שטעטל איצ־טער געדרייט אַרום זיין טיר און אַלע האָבן געפרעגט, וואָס ער טוט. יידן האָבן געקרעכצט און די דאַזיקע, וואָס האָבן געקענט אין די קליינע אותיותלעך האָבן געזאָגט „במקום גדולים אל תעמוד". צווישן גרויסע טאָר מען זיך נישט מישן...

יאַנקל האָט געפּרואווט לויפן אַהיים גיך, אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ס'איז שוין שפּעט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז נישט אַ פּאָר שעה האָט ער שפּאַצירט איבער זיין היימיש שטעטל, נאָר עטלעכע יאָר און ער האָט געפילט

ווי ערשט איצטער לעבט אין אים אויף די גאַנצע קינדהייט זיינע מיט די אַלע מענטשן, וואָס ער האָט געקענט פון דער נאָענט און פון דער ווייטן. ער האָט געוואָלט זיך איילן, אָבער שטיקער לעבן האָבן אים נישט געלאָזט. אַ הויכע פרוי, אַ בלינדע, וואָס איז געגאַנגען פּאַוואָליע און האָט געקלאַפּט עטלעכע טריט פאַר זיך מיט אַ שטעקן, האָט אים דערקענט און אָפּגעשטעלט. ס'איז געווען לאה די גרקע. זי איז געווען אַ באַלגאַרקע און זי האָט זיך אַמאָל פאַרליבט אין אַ יידישן קרעמער, וואָס האָט געוואוינט ביי זיי אין דאָרף; ער איז געווען אַן אַלמן און זי האָט זיך מגייר געווען. דער מאַן אירער, וואָס האָט געהייסן יואל און מען האָט אים פריער גערופן „יואל גוי" און דערנאָך „יואל בולגאַר", האָט געמוזט אַנטלויפן מיט איר און מיט די קינדער אין איינעם פון דאָרף. זי האָט זיך יאָרן לאַנג אויסבאַהאַלטן פאַר די בולגאַרן פון איר דאָרף, וואָס האָבן זי געוואָלט ממית זיין. ספּעציעל האָבן זי געזוכט די ברידער אירע. דער מאַן אירער האָט אין שטאָט זיך נישט געקענט איינלעבן און ער האָט שווער געקראָגן פרנסה און זי האָט זיך געשמאַק געמוטשעט און זי האָט זיך איבערצייגט, אַז ס'איז נישט אַזוי גרינג צו זיין אַ יידישע פרוי. יואל איז געשטאָרבן און האָט זי נאָך געלאָזט אַ יונגע אלמנה און זי איז געוואָרן אַ בעטלערין. זי פלעג אָפּט אַריינקומען צו אַ יידישער פרוי אַן אַלמנה, וואָס איז געווען אַ קאָרטן־וואַרפערקע און וואָס האָט געהאַט אַ מיאוסן נאָמען. צו יענער פרוי איז אויך אַריינגעקומען אַ קלעזמער אַ צימבלער, מיט רויטע אויגן, וועלכן מען האָט גערופן „אַליאָשקאַ דער בלינדער". די קאָרטן־וואַרפערקע האָט געוואוינט אין אַן איינגעפאַלן הויז, אַ חורבה, וועגן וועלכער עס זיינען אומגעגאַנגען מעשהס אין שטעטל, אַז דאָרט האַלטן זיך אויף נישט גוטע. מען האָט דערציילט, אַז די צוויי אלמנות פּראַווען דאָרט מוראַדיקע מעשים אין איינעם מיט די נישט גוטע. ווען יאַנקל איז נאָך געווען אַ קליין יינגל, האָט ער שוין געקענט לאה די גרקע און ער האָט פאַר איר מורא געהאַט. זי פלעג לויפן צו די בעלי טאַקסע און צו די רייכע יידן און שרייען געוואַלד, אַז מען זאָל איר העלפן, אַז נישט וועט זי אויסטראַכטן בילבולים אויף די יידן און מען האָט זיך דערשראָקן און מען האָט איר פון קהל געצאָלט אַ קליין וואָכן־געלט און חוץ איז זי ארומגעגאַנגען בעטלען. זי האָט גערעדט ביז אין לעצט אַ שלעכטן יידיש. אויך איצטער האָט זי צו יאַנקלען גערעדט אַזוי ווי אַ גויה וואָלט זיך נאָכגעקרומט, כאָטש זי האָט שוין מיסתמא נישט גערעדט קיין בולגאַריש פערציק יאָר. זי האָט ביי דעם גאַסט געפרעגט, וואָס ער טוט און פון וואַנען ער קומט און צי ער איז טאַקע אַזוי רייך ווי מען דערציילט און צי חיים יאַנקל איז רייכער פון אים און זי האָט געבעטן אַ נדבה... יאַנקל האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און ער האָט ביי איר געפרעגט, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין יענער חורבה ביי דער אַלמנה דער קאָרטן־וואַרפערקע. זי האָט געלאַכט און דערנאָך האָט זי אויפגעהויבן די בלינדע

אויגן צום הימל און זי האָט געשוואוירן ביי גאָט, אַז ס׳איז דאָרט גאָרנישט פאַרגעקומען. די אַלמנה האָט נישט געהאַט קיין דירה, האָט זי זיך אַריינגע־צויגן אין יענער צעוואָרפענער שטוב, וואו ס׳זיינען געווען צוויי גאַנצע חדרים. מען האָט געזאָגט, אַז דאָרט זיינען דאָ שדים, האָט די אַלמנה טאַקע ביים אָנהויב זיך געשראָקן, אָבער דערנאָך האָט זי געזען, אַז ס׳איז נאַר נישטאָ. און אַזוי ווי זי, די גרקע, איז געווען פונקט אַזוי עלנד ווי די קאַרטן־וואָרפער־קע, ווייל זי איז געבליבן נישט אַהין און נישט אַהער, נישט קיין יידישקע און נישט קיין גוייה אויף דעם גאַנצן לעבן, איז זי אויך אַריינגעגאַנגען צו איר. און אַליאָשקאַ דער בלינדער איז אויך געווען אַן עלנדער אַזוי ווי אַ פריי־בליודנע הונט, איז ער אויך אַריינגעקומען און ער האָט געבראַכט, וואָס ער האָט אָנפאַרדינט און אָנגעבעטלט דורך דעם טאָג. ער איז שוין געווען אַזוי דערישלאָגן, אַז ער האָט אפילו נישט געוואָלט ביי די אַלמנות דאָס דאָזיקע, וואָס אַ סך האָבן געוואָלט און — טאַקע באַקומען אויך. זי האָט געגלאָצערט מיט די בלינדע אויגן און זי האָט געזאָגט: „אַ סך פרומע יידן פלעגן קומען צו אונז. אַלמנס און אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט ווייבער אויך. זיי האָבן נישט מורא געהאַט פאַר די נישט גוטע... און אפשר האָבן זיי אַליין געהאָלפן פאַר־שפּרייטן די פּליאָטקע, אַז עס קומען אַהין נישט גוטע...״ די בלינדע האָט גע־קראָגן אַ בייזן אויסדרוק און זי האָט גענומען ווייטער טאַפּן און קלאַפּן דעם פאַרשנייטן וועג מיטן שטעקן.

אַ מיידל האָט אונזער העלד אָפּגעשטעלט. נישט קיין זייער שיינע, אָבער אַ פּיקאַנטע. זי האָט געהאַט אַ גרינלעכע הויט אַזוי ווי אַ ציגיינערן און נאָך מער האָט זי זיך אָנגעשטרענגט צו אויסזען ווי אַ ציגיינערין. זי האָט געטראָגן גרויסע, קיילעכדיקע אוירינגלעך און זי האָט זיך געמאַכט גרויסע שווארצע רייפן אַרום די אויגן. אונטער דעם מאַנטל האָט זיך אָנגעזען אַז זי האָט גע־טראָגן אַ רויט קלייד. זי האָט אים גערופן „יאַשאַ״ און איר קול מיט איר גאַנצן אויסזען זיינען אים פאַרגעקומען באַקאַנט. זי האָט אים געקוקט פריינט־לעך אין די אויגן אַריין און אונטערטעניק, זי האָט אים געזאָגט „איר״ און ווען ער האָט זי צוריק געאירצט, האָט זי נישט געלאָזט. זי האָט דווקא גע־וואָלט, אַז ער זאָל טרעפן ווער זי איז. ביים אָנהויב איז אים פאַרגעקומען אַז זי איז אַ גאַסן־מיידל. די גאַנצע אונטערטעניקייט איז געווען פון אַזאַ איי־נער, וואָס פילט זיך נידעריק. פון אַ פאָר הויפן האָט מען שוין גענומען קוקן אויף דעם, וואָס ער רעדט מיט איר און איין יידענע האָט שוין טאַקע אַ זאָג געטאָן: ער גייט שוין מיט איר. ער האָט קיין צייט נישט געהאַט... ער האָט זיך איינגעקוקט און איינגעהערט און דערקענט, אַז זי איז מיסתמא יאַנקל גאַמשיעוויטשעס טאָכטער. יאַנקל גאַמשיעוויטש איז געווען איינער פון די רייכסטע פישהענדלער אין שטעטל. ער איז געווען אַ הויבער, געזונטער מאַן, אַ שווארצער ווי אַ ציגיינער. ער איז געווען פון די גרעסטע „גויים״ אין סי־

ליע. ער איז געגאַנגען אין שול אַריין נאָר ראש השנה און יום כיפור. ער האָט זיך מער געחברט מיט גויים ווי מיט יידן, ער האָט געגעסן און געטרונקען אין איינעם מיט די קאַצאַפּעס. נאָר אין דער צייט פון ערשטן און צווייטן קעשענעווער פּאָגראָם, ווען די קאַצאַפּעס האָבן אויך אין קיליע געוואָלט מאַכן אַ פּאָגראָם און זייער פירער יעפּרעם ביקאָוו האָט געוואָלט מאַכן אַ בילבול אויף יידן און זיינע לייט האָבן דערהרגעט טאַקע זיינס אַ קליין יינגל און האָבן דעם טויטן גוף אונטערגעוואָרפן צו אַ יידן, וואָס האָט געהייסן אשר טאַלמאַזאַן, האָט זיך יאַנקל גאַמשיעוויטש דערווייטערט פון די קאַצאַפּעס און זיך דערנעענטערט צו די יידן, אָבער נישט אויף לאַנג. זיין עלטסטע טאָכטער איז געווען אַ קראַסאָוויצע; זי האָט געהאַט די שוואַרצסטע און ברענענדיקסטע פּאָר אויגן אין קיליע. און די אויגן אירע זיינען געווען נישט נאָר ברענענ־דיק, אָר אויך פאַרחלומט. זי האָט געהאַט דעם אמתן טיפּ פון דער לילית. דאָך איז אין איר געווען עפּעס אַ טראָפּן צניעות לעבן דעם פלאַם צעלאָזנ־קייט. זי איז גאָר יונג געוואָרן אַ כלה און זי האָט גיך חתונה געהאַט. איר מאַן איז געווען פון איזמאַיל, ער איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך שיינער. אבישלום, דוד המלכס ווידערשפּעניקער זון ווערט אַזוי געשילדערט אין תנך, ווי אַזוי יענער מאַן האָט אויסגעזען. ער איז געווען פון אַן אַריסטאָקראַטי־שער און רייכער פאַמיליע און ער האָט זיך פאַרליבט אין איר. דאָס צוזאַ־מענלעבן זייערס האָט נישט געדויערט לאַנג. די קראַסאָוויצע האָט זיך באַלד פאַרליבט אין אַ יונגענמאַן, וואָס איז נישט געווען קיין רייכער און נישט קיין שיינער. ער איז געווען אַן אָנגעשטעלטער ביי דרייפוסן און ער האָט גע־האַט אַ מיטלמעסיק געהאַלט. ער איז געווען אַ נידעריקער און אַביסל אַן איינגעהויקערטער. מען האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער איז אַ זייער קלוגער און מען האָט באַוואונדערט זיין כוח, וואָס ער האָט געקענט „אויסטרעטן אַן ארבל" ביי אַזאַ רייכן און שיינעם יונגענמאַן. און זי האָט מען געשאָלטן מיט טויטע קללות, גלייך זי וואָלט געטאָן די ערגסטע מיאוסקייט. און ווען עמיצער האָט געזאָגט, אַז ער ווייסט נישט מיט וואָס זי האָט אַזוינס חוטא בעגל געווען דערמיט, וואָס זי איז אַוועק פון אַ רייכן מאַן, וואָס זי האָט נישט ליב געהאַט צו אַן אָרימען, וואָס זי האָט יאָ ליב, האָט מען געשריגן, אַז ער ווייסט נישט, וואָס ער רעדט. עס האָט זיך אָבער באַלד אַרויסגעוויזן, אַז די קראַסאָוויצע האָט זיך אָנגעהויבן פאַרליבן אין אַ דריטן מאַן און מען האָט גענומען ריידן, אַז ס'איז ביי איר אַזאַ בלוט. און מען האָט געזאָגט, אַז איר טאַטע האָט אויך אַזאַ בלוט און אַז ער האָט „אפשר הונדערט שיקסעס". אָבער מיטן צווייטן מאַן האָט זי זיך נישט געגט. דאָס מיידל, וואָס דער גאַסט האָט באַגעגנט, איז געווען די יינגערע טאָכטער פון דעם פיש־הענדלער מיטן הייסן בלוט; זי איז ווייט נישט געווען אַזוי שיין ווי איר עלטערע שוועסטער און מען האָט געקענט דערקענען, אַז זי שטרענגט זיך שטאַרק אָן צו אויסזען

כאָטש טײלװײז אַזױ װי יענע. זי האָט דערצײלט, אַז איר שװעסטער װאױנט נאָך מיט דעם צװײטן מאַן, כאָטש ס׳איז שױן געװען סקאַנדאַלן און סקאַנדאַלן. אַ פּאַרפאַלענע זאַך! ס׳איז בײ זײ אַזאַ בלוט! זײ קענען נישט לאַנג װאױנען מיט אײן מאַן. זי איז אױך אַזױ, כאָטש זי האָט נאָך נישט חתונה געהאַט און איר ייִנגסטע שװעסטער, װאָס הױבט ערשט אָן צו װערן אַ פּרײלין, איז אױך אַזױ. דער טאַטע אירער איז געהרגעט געװאָרן. נישט אין דער צײט פון פּאָגראָם, נאָר גלאַט אין דער צײט, װען עס זײנען געװען אַ סך באַנדיטישע איבערפאַלן. ער איז געפאָרן אין זײן אײגענער בריטשקע אין אַ דאָרף אַרײן און אַ גאַנצע באַנדע איז אים איבערגעפאַלן. זײן טױט, האָט זי געזאָגט, איז געװען אַ „העראָישע פּאָעמע״; מען האָט אים געפונען געהרגעט עטלעכע צענדליק אַרשין פון דער בריטשקע און די בריטשקע איז געװען צעבראָכן אױף שטיקלעך. דער גאַנצער װעג איז געװען פול מיט בלוט און נישט נאָר מיט דעם פאָטערס. ער האָט זיך געשלאָגן װי אַ העלד, אָבער עס איז אַ פּנים געװען אַ צו גרױסע באַנדע. אפשר האָט מען אים געװאָלט באַרױבן און אפשר איז עס געװען אַ נקמה. װײל קײן סך געלט האָט ער קײן מאָל מיט זיך נישט געפירט. עטלעכע טעג האָט געדױערט ביז װאַנען מען האָט זײן טױטן קערפּער געפונען און דאָך איז ער געװען פריש. עס איז געװען װינטער און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער פראָסט און דער שנײ האָבן אים באַלזאַמירט. נאָר בײ אַ פּיס איז ער געװען אַביסל צעריסן. עס װײזט אױס, אַז עפּעס אַ חיה האָט געפּרואװט רײסן שטיקער פון אים און זי האָט זיך דערשראָקן. װאָס פאַר אַ יאָמער ס׳איז געװען אין שטאָט! גױים און ייִדן האָבן אים באַװײנט. ער איז דאָך נישט געװען קײן פרומער און די ייִדן האָבן נישט שטאַרק געהאַלטן פון אים, דאָך זײנען זײ אַלע געקומען צו דער לװיה און װען דער טאַטע יאַנקלס האָט אים געמאַכט אַ מלא, האָבן קינד און קײט געװײנט און אַפילו די װענט פון דער שול האָבן געװײנט און די פאַרפרױרענע ערד אױף דעם בית עולם האָט געװײנט. ריװע — אַזױ האָט געהײסן דאָס משיקאַװע מײדל — האָט זיך צעװײנט דורך אירע גרױסע, נאַקעטע, ברענענדיקע און דאָך קינדישע אױגן און די גרױסע רעדער אַרום זײ האָבן זיך צעשמירט. בײם געזעגנען זיך האָט דאָס מײדל געבעטן בײם גאַסט, אַז ער זאָל זי נישט דערמאָנען צום שלעכטן און ער זאָל נישט גלױבן דאָס, װאָס יאַכנעס און די ייִנגלעך װעלן אים אָנדערצײלן אױף איר... יאַנקלען האָט זיך געדאַכט, אַז עס דאַרף שױן זײן מוראָדיק שפּעט, אָבער ער האָט זיך געשעמט אַהײם צו גײן נישט זײענדיק בײם פעטער נוח, װאָס איז געװען דער אײנציקער נאָענטער קרוב אין קיליע; דער פעטער איז נאָך נישט געװען אין דער הײם; ס׳איז נאָך געװען פרי; ס׳איז נאָך נישט געװען קײן זעקס שעה זײט ער איז אָנגעקומען אין שטעטל און װאָס ער האָט זיך דאָרט נישט אָנגעזען און װאָס ער האָט עס נישט איבערגעלעבט פאַר דער דאָזיקער קורצער

צייט! די מומע איז אביסל עלטער געווארן און זי איז נאך געווארן דארער און גרינער ווי זי איז געווען, אבער זי האט געהאט דעם זעלביקן גוטן שמייכל, וואס אמאל. די מאמע האט זי טאקע געהאלטן פאר א זייער שלעכטער, אבער יאנקלען האט זיך שטענדיק געדאכט, אז זי איז אן עגאיסטקע, נאר דאך נישט קיין שלעכטע. זי איז איבערהויפּט געווען א נישט פארגינערין און זי האט נישט געקענט ליידן, ווען מען האט גערעדט גוטס אויף איינעם; אפילו, ווען מען האט געזאגט אויף אן אנדער קינד חוץ אירס, אז ס'איז שיין, האט זי נישט געקענט ליידן, אבער קיין שלעכטע איז זי פארט נישט געווען. די צוויי זין זיינען געווען אין דער היים. דער עלטערער, מענדל, איז שוין געהאט געקומען פון דער קראם, וואס ער האט געהאלטן אויף דעם נייעם מארק און דער יינגערער, מאיר, איז שוין אויך געהאט געקומען פון דער גימנאזיע, וואס איז געווען נישט ווייט. די מומע האט געזאגט, אז דער פעטער איז נאך נישטא, ווייל אלטע פים זיינען נישט קיין יונגע. די בת יחידה, דאס רויטע מיידעלע מאניע, איז נישט געווען אין דער היים. די מומע האט געזאגט, אז זי איז שוין א גרויסע מויד און זי איז א גימנאזיסטקע אין איזמאיל, ווייל אין קיליע האט מען קום דערלעבט צו האבן א יינגלשע גימנאזיע, קיין מיידלישע איז נאך נישטא. אין איין וועג האט זי שוין אויסגעלויבט איר טאכטער און זי האט געזאגט, אז זי איז נישט נאר די שענסטע אין קיליע, נאר אויך אין איזמאיל, כאטש זי איז א רויטע און איז געראטן אין איר רויטן פעטער...

די יינגלעך האבן דערציילט דעם שוועסטערקינד זייערן, וואס קיליע האט איבערגעלעבט און ווי אזוי די שטאט איז איבערגעגאנגען פון האנט צו האנט. פון דעם רומענישן פראנט זיינען אהער אנגעקומען רוסישע סאלדאטן און זיי האבן זיך גערופן באלשעוויקעס, כאטש זיי זיינען געווען פשוטע באנדיטן און ווען עס וואלטן נישט געווען קיין יידן צווישן זיי, וואלטן זיי נישט אויפגעהערט צו מאכן פאגראמען. דערנאך זיינען ארטיקע חברה געווארן באלשעוויקעס און זיי האבן פארכאפט די שטאט און זיי האבן געמאכט זייער מיליציע דארט וואו דער פריסטאוו איז פריער געווען. אין דער שטאט האט מען פון דעסט וועגן נישט אויפגעהערט ראבעווען. עס איז געגאנגען א דעלעגאציע מיט רב בראש צום „נאטשאלניק" פון דער מיליציע, האט זי אים עטלעכע מאל נישט געקענט זען. איין מאל האט מען געזאגט, אז דער נאטשאלניק עסט, דאס צווייטע מאל האט מען געזאגט, אז ער באדט זיך, א דריט מאל האט מען געזאגט, אז ער שלאפט און ווען מען האט אים שוין געטראפן, איז ער געווען נישט קיין אנדערער ווי מאטעלע קראסניאנסקי. זיין טאטע האט געהייסן חיים יאנקל קראסניאנסקי און ער איז געווען א גראבער יונג און אן ארימער מעקלער און זיין זון מאטעלע, איז געווען איינער פון די שטארקסטע יונגאטשעס אין שטעטל און ער איז געווען דער געזינטסטער טרעגער אין פארט. ער האט געקענט מיט איין האנט אויפהויבן א זעקל ווייץ פון פינף

פּוד. ער האָט זיך נישט געקענט אונטערשרייבן נישט אויף יידיש און נישט אויף רוסיש. ער האָט זיך געלאָזט צופיל וואוילגיין, נאָך מער ווי דער פּריס־טאוו, ער האָט זיך אויפגעפירט גלייך ווי ער וואָלט געווען דער צאר... און דער סוף איז געווען, אז זיינע אייגענע חברים האָבן אים אראָפּגעזעצט אויף א נידעריקערן אמט און ווען די רומענער זיינען אריינגעקומען, איז ער קוים אנטלאָפן מיט א שלעפּ־שיף קיין אָדעס. דער פעטער נוח איז אָנגעקומען, א שלאַנקער, א טרויעריק־שמייכלענדיקער מיט א סך ווייסקייט אין די האָר און אין דעם שפּיצעכיקן בערדל. ער האָט גערעדט פילאָזאָפיש און ער האָט זיך געהאַט זיינע מיינונגען. מער פון אלע איז אים געפעלן קערנסקי, אָבער די באָלשעוויקעס זיינען אים אויך געפעלן, ווייל זיי האָבן אָפּגעשטעלט די מילחמה. ער האָט זיך ערשט געקליבן צו ריידן און ריידן, אָבער דער ברודער לייב איז אָנגעקומען און ער האָט געזאָגט, אז אין שטוב ווייסט מען שוין באַלד נישט וואָס איבערצוטראַכטן און מען וואַרט שוין מיטן עסן. דער פעטער נוח האָט געגיבן א ממזרישן לאַך און ער האָט געזאָגט צו זיין גאַסט:

— לויף שוין אהיים, ווייל א באַלד קומט אָן שיפרה...

דער מיטיק איז געווען א געהויבענער, מיט עקסטרא מאכלים און מיט אביסל בראָנפן פריער און אביסל וויין אין דער מיטן. עס האָט זיך דערקענט, אז די עקאָנאָמישע לאַגע איז נישט קיין שלעכטע. אמאָליקע יאָרן האָט מען אין א וואָכעדיקן טאָג קיין מאָל אזוי נישט געגעסן און אפילו אום שבת און אום יום טוב האָט מען זיך אויך נישט געלאָזט אזוי וואוילגיין. שכנים און סתם באַקאַנטע זיינען געקומען און די טיר האָט נישט גערוט. אלע זיינען געקומען זען דעם גאַסט. פרויען און מיידלעך האָבן אים געגיבן די הענט. עס האָט זיך אים אַזש נישט געגלויבט. דער טאַטע האָט זיך געמאַכט נישט זעענ־דיק און די מאַמע, וואָס איז געווען פאַנאַטישער, האָט געקוקט און כמעט גע־שווויגן. זי האָט געזאָגט, אז ס'איז היינט אַן אַנדער וועלט. צווישן די אריינ־געקומענע זיינען געווען פרויען אין זיינע יאָרן און אייניקע פון זיי זיינען שוין געווען צעוואַקסענע און זיי האָבן אויסגעזען ווי יידענעס און זיי האָבן געשלעפּט קינדער מיט זיך. מען האָט דעם גאַסט באַטראַכט פון אויבן ביז אראָפּ און אייניקע האָבן געפרעגט, צי ער האָט נישט קיין הערנער. זיי האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אז אַן אראַטאַר און א „פּיסאַטעלי" (שריפטשטעלער) דאַרף אויסזען אַנדערש, כאָטש ער האָט געטראָגן א גרויסע שעוועליור און א ברייטן קראַוואַט און ברילן און ער האָט אויסגעזען גענוג אַנדערש ווי אלע יונגעלייט פון שטעטל האָבן אויסגעזען. ווען דער גאַנצער עולם איז זיך צעגאַנגען, האָבן די אייגענע ערשט אָנגעהויבן ריידן אינטימער מיט יאַנקלען; שיפרה האָט נאָר געוואָלט וויסן, צי ער האָט געלט און ער האָט ביים אָנהויב געפּרוּווט אויסמיידן דעם ענטפער, אָבער זי האָט זיך נישט געלאָזט. ער איז אַזש אויפ־גערעגט געוואָרן און ער האָט געזאָגט, אז זי נעמט אים ארום אזוי ווי עשיו

האָט, לויט רשין, אַרויסגענומען יעקבן. יענער האָט אויך נאָר געוואָלט וויסן, צי זיין ברודער האָט געלט. שיפרה האָט געהאַט גענוג שכל צו פילן זיך באַליידיקט און זי האָט געזאָגט, אַז זי האָט נישט פאַרדינט, אַז ער זאָל זי פאַרגלייכן צו עשיו הרשע און זי האָט זיך צעוויינט... יאַנקל האָט נישט געמאַכט קיין סך שהיות און ער האָט דערציילט דעם גאַנצן אמת, אַז ער איז אַנטלאָפן פון בוקאַרעשט אין איינעם מיט זיין חבר און אַז כאָטש ער האָט פריער גוט פאַר־דינט, האָט ער קוים געהאַט אויף הוצאות. די אַנטוישונג איז געווען אַ גרויסע. די מאַמע האָט אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט, אַז פראָסטערע יינגלעך פון אים זיינען צוריקגעקומען מיט אַ סך געלט. דער טאַטע האָט טרויעריק געשוויגן און שיפרה האָט געזאָגט, אַז זי ווייסט פשוט נישט וואָס צו זאָגן... די מאַמע האָט פון דעסט וועגן באַלד גענומען ריידן מיט געוויין, אַז מען דאַרף אים באַהאַלטן, ווייל פּאָליציי קען אים חלילה זוכן. ער האָט געענטפערט, אַז ס'איז נישט געפערלעך; האָט די מאַמע צוריק געזאָגט, אַז מיטן וואָלעך טאָר מען זיך נישט שפּילן, ווייל אַ סך מאַמעס וויינען שוין צוליב אים אויף זייערע קינדער. ער האָט זיי באַרואיקט און ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט אין בוקאַרעשט און אין גאַלאַץ אַ סך באַקאַנטע, וואָס קענען גרייכן צו די הויכע פּענצטער. האָבן זיי זיך געחידושט למאי ער איז געקומען איידער ער האָט געוואוסט וואו ער איז אין דער וועלט און ס'איז אויסגעקומען, אַז מען טרויערט אויף זיין קו־מען מער ווי מען פרייט זיך מיט דעם... ער האָט זיך דערפילט אַזוי פיינלעך, ווי אין די אַלטע צייטן. די מאַמע האָט אין איין וועג שוין אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט, אַז ער זאָל מער נישט גיין מיט דער דאָזיקער פאַסקודסטוואָ ריווע גאַמשיעוויטש, וואָס די גאַנצע שטאָט האַלט זי אין מויל. אַז אַ יינגל גייט מיט איר ווייסט מען שוין צוליב וואָס... שוין באַלד פינף יאָר, אַז עס האָט נשט געהערט מען זאָל אים זאָגן אַ דעה מיט וועמען צו גיין און איצטער האָט ער עס ווידער דערהערט... עס איז באַלד אַרויסגעקומען אַ מחלוקת אויף צוליב מעכל זעלצער. דער טאַטע און די מאַמע האָבן שטאַרק באַקרעכצט דעם חולה מסוכן, האָט יאַנקל פאַרגעסן, אַז אין קיליע טאָר מען נישט זאָגן דעם אמת און ער האָט געזאָגט, אַז מעכל איז שטענדיק געווען אַ רשע, ער האָט אַ יידן אַ גלאָז וואַסער נישט געגיבן צו טרינקען און ער האָט געזשאַלעוועט אַ גוט מאָרגן... די מאַמע איז געוואָרן נערוועז און זי האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט זיך געדאַרפט שעמען אַזוי צו ריידן צו עלטערן אין דער גאַל אַריין שוין דעם ערשטן טאָג פון זיין צוריקקומען. ער האָט געמעגט וויסן, אַז מעכל זעלצער איז פון טאַטנס געטרייסטע פריינט. די מאַמע האָט געדרונגען, אַז איר זון רעדט אַזוי, ווייל ער איז אַן אפיקורס און זי האָט געזאָגט, אַז פרום איז היינט קיינער נישט שטאַרק אין קיליע, ס'איז אַזאַ צייט, אָבער אַן אפיקורס האָט זי נאָר... דער טאַטע האָט שטיל באַמערקט, אַז ווען יענער איז אַזוי געפער־לעך קראַנק, טאָר מען נישט מקטרג זיין אויף אים, נאָר מען דאַרף זוכן ממליץ

יושר צו זיין... דעם טאַטנס רייד האָבן געווירקט. דער זון האָט מודה גע־ווען, אַז ער האָט גערעדט נאַריש. ער האָט זיך געגיבן חשבון, אַז דאָס גאַנ־צע שטעטל ווייסט, אַז דער קראַנקער איז נישט קיין גוטער מענטש, פון דעסט וועגן ווילן אַלע, אַז ער זאָל געזונט ווערן און אַלע זיינען גרייט אַרומ־צורינגלען די שטוב און נישט אַריינלאָזן דעם מלאך המות... און דער גאַסט האָט זיך געפילט שלעכט פון דער אייגענער נאַרישקייט. דער טאַטע האָט אים אויך דערציילט, אַז דער אַדזשודער רבי האָט גערעדט וועגן אים, פאַר מענ־טשן אין די אויגן האָט ער אים געזאָגט: „אברהם, איך קען דיין זון, ער האָט מיין זון עליו השלום געוואָלט אַראָפּפירן פון דרך הישר... פון וואַנען קומט צו דיר אַזאַ זון?...” דער טאַטע האָט דאָס דערציילט מיט אַ סך טרויער אָבער אויך מיט אַביסל שטאָלץ... דער גאַנצער חלום צו זען צוריק די אַלטע היים איז ביי אונזער העלד צערונען געוואָרן אין הרף עין. עס האָט אים שוין גע־גלוסט באַלד צוריקפאָרן.

אין שטוב איז געווען דער שוועסטער מאַמציעס עלטערע מיידעלע, מיי־קעלע מיט די גרויסע בלויע אויגן. ווען ער האָט זי געזען צום לעצטן מאָל, איז זי נאָך געווען אַ קינדעלע און איצטער האָט זי אָנגעהויבן צו ווערן אַ פריילין, כאָטש זי איז נישט אַלט געווען מער ווי אַ יאָר צען. זי האָט גערעדט בראָדעריש אַביסל און זי האָט געהאַט טויזנט טעמים. מאַמציע האָט שוין נישט געוואוינט אין פעטראָוזקע, נאָר אין טאַטאַרבונע, זיידל איז געווען שוחט אויף זיין פאַטערס פּלאַץ. עס איז געווען, האָט דער טאַטע געזאָגט, אי גוט, אי שלעכט. טאַטאַרבונע איז אַ גרעסערע שטאָט און ס'איז נעענטער קיין קיליע, אָבער ס'איז פאַרט נישט גוט. דער מחותן איז בלינד און די מחותנתטע איז פשוט משוגע. אַלע מאַנטיק און דאָנערשטיק צערייסט זיך דאָס בעטגעוואַנט און אַמאָל טוט זי זיך אין גאַנצן אויס נאַקעט. עטלעכע מאָל אין דער וואָך וויל זי נישט קאָכן. זי טוט זיך פלוצים אָן שבתדיק און ווען דער מחותן בעט עסן, הויבט זי אים אָן רופן מחלל שבתניק און זי שרייט, אַז זי וועט אים אום שבת נישט קאָכן... וואוהין אַריינצוגיבן זי איז נישטאָ, עס איז איצטער אַזאַ צייט, אַז אַפילו די משוגעים־הייזער זיינען פאַרמאַכט. און טאָמער איז דאָס ווייניק, האָט זיידל נאָך עמיצן אויפן קאָפּ — די שוועסטער רחל, וואָס האָט חתונה געהאַט פאַר אַ ליעווער שלימזל, אַ סופרס אַ זון, וואָס הייסט בייקל. ער לאָזט זי איבער אַלע מאָל און ער פאַרט אוועק און גייט ערגעץ אַרום אין די הייזער. נאָך עטלעכע חדשים קומט ער צוריק און ער ברייגנט אַ פּאָר רובל און רחל וויל אים נישט אַריינלאָזן, אָבער ער שווערט זיך, אַז ער וועט שוין מער נישט. און דערווייל ווערט נאָך אַ קינד און נאָך איינס און זיידל מוז העלפן, צי ער וויל יאָ, צי ניין. און ווער עס גיסט אויס די באָד מער פון אַלע איז מאַמציע, זי איז דאָך די רייכע שוועגערין און פאַרשטייט זיך, אַז זי איז די שלעכטע... אַ בראָך צו די יאָרן, האָט זיך דער טאַטע געווישט

די אויגן אַז מאַמיציע איז די שלעכטע. און פּונקט ווי אַלע האָבן געלאַכט, ווען דער טאַטע האָט דערציילט וועגן דער מהותנתטעס משוגעתן און וועגן כייקלס אויפטוען, פּונקט אַזוי האָבן אַלע איצטער געווישט די אויגן אויס רחמנות אויף מאַמציען... מייקעלע האָט זיך פּלוצים דערמאָנט, אַז דער „טשייניק" האָט פריער געזוכט דעם פעטער. ער האָט נישט געוואוסט וועמען זי מיינט און אַלע האָבן זיך געחידושט, וואָס ער ווייסט נישט אַזאַ זאַך. סטייטש, וואָלף קאָנסטאַנטינאָווסקיס יינגסטער זון, אַוורעמל, רופט מען דאָך דער „טשייניק", ווייל ער רעדט אַ סך. מען האָט אים דאָך נאָך ביי דניאל מלמד אַזוי גערופן און אים האָט זיך אַפילו געדאַכט, אַז ער איז געווען איינער פון די דאָזיקע, וואָס האָבן אים געגיבן יענעם נאָמען... דער שמועס איז געוואָרן לייכטער און אַלע אין שטוב האָבן שוין גענומען ריידן וועגן דעם ווי אַזוי ער טשייניקט גאַנצע טעג און ער נודיעט און רעדט... ווען מען האָט געענדיקט דאָס עסן זיינען אויסגעוואַקסן די צוויי גרעסטע קיליער ציוניסטן, דער גאַלאַנטערייִנע קרעמער גדליה באַראַנאָווסקי און דער מענערישער שניידער, דער טויבער מאיר יונה.ביידע האָבן זיי געהאַט זיידענע לאַנגע בערד פון טאַבעקע קאָליר, וואָס זיינען שוין געווען אַביסל גרוילעך, ביידע זיינען נישט געווען קיין גרויסע חכמים, אָבער דער שניידער האָט געמאַכט אַן אנגענעמערן איינדרוק, ווייל ער האָט נישט אַרויסגעוויזן, אַז ער האַלט שטאַרק פון זיך, ווי עס האָט געטאָן דער קרעמער. יענער האָט גערעדט וועגן זיך ווי וועגן אַ גדול הדור. ביידע זיינען היינט שוין נישט געווען קיין בני יחידים, אין שטאָט זיינען שוין געווען אַ סך ציוניסטן, אָבער ביידע האָבן זיך געגלעט ביי די בערד, אַז דאָס דאָזיקע איז זייער אויפטו. דער שניידער איז נישט געזעסן לאַנג, ער האָט געדאַרפט לויפן צו דער אַרבעט, ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט היינט אויך נישט מער ווי די שער און דאָס אייזן. דער קרעמער איז נאָך געבליבן לאַנג און ער האָט גע־רעדט מיט דעם גאַסט ווי אַ פירער מיט אַ פירער און ער האָט געוואָלט וויסן דעם אמת און די סודות און ווען יאַנקל האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט אים נישט וואָס צו דערציילן האָט ער זיך געפילט באַליידיקט...

אין איין טאָג איז אונזער העלד געוואָרן פול מיט דעם גאַנצן שטעטל און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט שוין אַלץ געזען און וועגן אַלץ זיך דערוואוסט און ער איז געווען גרייט אַוועקצופאָרן צוריק קיין אַלט־רומעניע. די שוועסטער האָט אים נישט אויפגעהערט צו גיבן אָנצוהערן, אַז דאָס געלט, וואָס זיי האָבן, איז אירס. וואָס דער אָנגעקומענער ברודער האָט איר נישט געגיבן צו פאַרשטיין, אַז ער וויל נישט דאָס געלט און אַז ער האָט קיין מאָל נישט געזוכט קיין געלט, האָט זי אים נישט געגלויבט. זי האָט נישט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי אַ מענטש וויל עס נישט מאַכן קיין געלט. דער טאַטע אָבער האָט באַרואיקט ביידע צדדים און ער האָט געזאָגט, אַז די קלייט האָט שוין באַלד גאָרנישט קיין ווערט און פּונקט ווי אַלע נייע גבירים האָבן פאַר־

לוירן זייער געלט, וועט אויך מיט זיי זיין דאס אייגענע און ער וועט בלייבן דאס דאזיקע, וואס ער איז געווען — א שוחט און א קבצן. יאנקל האט אין שטאט געטראפן זייער א סך אויפגעקומענע גבירים, וואס האבן געהאלטן אין פאלן און זיי האבן זייער ירידה נישט אויפגענומען טראגיש, כאטש געלט איז, דאכט זיך, געווען דער איינציקער חלום זייערער... אונזער העלד האט זיך געגיבן חשבון, וואס פאר אן עכטע זאך ס'איז שלום עליכמס „גרויסע געווינס". דאס גאנצע שטעטל איז געווען פול מיט שימעלע סאראקערס...

די פערספעקטיוון פון בלייבן אין קיליע זיינען געווען זייער טרויעריקע און אין איינס און צוויי האט דער גאסט באשלאסן, אז ווען דער היים איז בעסער צו חלומען פון דער ווייטנס, איידער זיך צו פלאגן און לאנגווייליקן אין איר. ער האט געוואלט אוועקפארן באלד, ער האט דערציילט, אז ער האט א פאסטן, אבער די מאמע האט געזאגט, אז זי וועט זיך א מעשה אנטאן. דאס גאנצע שטעטל קלויבט זיך דאך צו שיקן אויף שבת מיט די געסט. און דערצו זיינען געקומען אלע ציוניסטן און זיי האבן פארלאנגט, אז ער זאל זיי שבת פארנאכט האלטן א „ריעטש" (רעדע) און דווקא אין דער גרויסער שול. איז ער שוין געבליבן און ער האט זיך די עטלעכע טעג געדרייט אן איבעריקער. ער האט געטראפן עטלעכע אונטערגעוואקסענע, זייער שיינע מיידלעך, וואס האבן פארמאגט אינטעליגענץ און זיי האבן גערעדט א שיינעם רוסיש און זיי האבן אים איינגעלאדן צו זיך אין שטוב גאנץ פריי, גארנישט ווי אמאל און זיי האבן אים איינגעלאדן שפאצירן צום בערגל און זיי האבן מיט אים געשפילט אין די פלירט־קארטלעך, וואס זיי האבן געהאט אויף רוסיש, אבער זיי האבן אלע געגיבן אנצוהערן, אז זייער ציל איז חתונה האבן און עס האט אים געלאנגווייליקט. דאס איינציקע מיידל, וואס האט אים פאראינטערעסירט איז דווקא געווען ריווע גאמשיעוויטש, אויף וועלכער אלע האבן גערעדט. זי איז געווען א זעלטן אויפריכטיקע, זי האט אלץ דערציילט, וואס מיט איר האט פאסירט. ס'האט זיך געטראפן, אז עפעס א בחור א זינגער מיט א באסאווע שטימע און מיט העלע אויגן און שטייפע גלידער איז איר געפעלן געווארן, איז זי אים נאכגעגאנגען און ער איר איז אויך נאכגעגאנגען און זי איז מיט אים אין פעלד אוועקגעגאנגען און איז צוריקגעקומען אן אנדערע. ביי זעכצן יאר אן אנדערע. רוסישע שקצים, האט זי דערציילט, האבן זיך שטענדיק געצויגן צו איר, זיי האבן זי גערופן „רי־ווא" מיט א שארפער „י" און מיט א ברייטער „א". זיי האבן איר געזאגט, אז זי איז שיין אזוי ווי א יידישע כלה און הארציק איז זי ווי א גוישע שיקסע... און יידישע יינגלעך האבן זי אויך ליב געהאט, אבער זיי האבן נישט געקענט ליידן, וואס זי זיי לויפט אויך נאך... די מיידלעך די יידישע האבן איר אלע מקנא געווען. אין די אויגן פון זייערע עלטערן האבן זיי אויסגערעדט אלדאס בייז אויף איר, אבער צווישן זיך האבן זיי געזאגט, אז זי איז א גוטע און א קלוגע. יאנקל האט געהערט

ווי איינע, דאכט זיך א גאר צנועדיק מיידל, האט געזאגט, אז זי וויל נאך נישט שטארבן, ווייל זי האט נאך גארנישט פארזוכט פון לעבן און זי האט צוגעגיבן: „אט, ווען איך וואלט געווען ווי ריווע, וואלט נישט לייד געווען!” ריווע האט אפן דערציילט, אז זי האט געהאט געליבטע און אפילו איר עלטערע שוועסטער האט וועגן דעם אפן גערעדט. ריוועס מאמע און ביידע שוועסטער זיינען געווען גליקלעך, וואס יאנקל איז צו זיי אריינגעקומען. אלע באלעבאטישע יונגעלייט האבן זייער שטוב אויסגעמיטן. זיי האבן גערעדט מיט גיפט וועגן דעם און די מוטער האט דערציילט, אז איין מאל האט א פרומע יידענע פון דעסט וועגן געשיקט ריווען צום פריסטאוו עפעס פועלן, כאטש זי האט זיך געקענט אנשטויסן, אז דער פריסטאוו וועט דאס נישט טאן אומזיסט... ריווע האט צוגעגיבן, אז דער פריסטאוו איז דווקא געווען א זייער כימפאטישער און זי וואלט געקענט זיין „צען טויזנט מאל” זיינע, אבער ווען ער האט איר באלד געגיבן אנצוהערן, וואס ער וויל פאר דער טובה און ער האט געזאגט „ס'מעניא וזיאטקי גלאדקי” (ביי מיר, אז מען שמירט פארט מען), איז ער איר געווארן נמאס.. „ער איז געווען, האט זי געברומט מיט איר זאפטיקער אביסל מענערישער און דאך ווייבערישער שטימע, דער שענסטער מאן, וואס איך האב געזען און איך בין געווען גרייט אים צו קושן די פיס און עס האט עס געמאכט אזוי מיאוס! טפוי, טייוול!” צווישן פיר אויגן האט ריווע דערציילט נאך א זאך איר נייעם באקאנטן. זי האט דערציילט, אז זי איז איין מאל טראגנדיק געפארן פון א יידישן גבירס א זונדל אן אדוואקאט און ווען זי האט אים געבעטן אויף אן אבארט, האט ער איז נישט געוואלט גיבן און ער האט געזאגט: „פון וואנען וויים איך, אז דאס איז פון מיר?” זי האט אים געענטפערט: „און אז דו ביזט נישט זיכער, דארפסטו שוין נישט גיבן די פאר רובל?” און ער האט געענטפערט קאלט און ער האט זי גראב אפגעשטויסן און ער האט געזאגט: „ניין, ס'איז נישט מיינס!” ריווע האט זיך געטוליעט צו איר נייעם באקאנטן און זיך געשוואוירן און געזאגט: „יעי באגו, יאשקאלע, אז ס'איז געווען פון אים! זאל מיך די כאליערע נעמען, אויב נישט!” זי האט גערעדט א יידיש געמישט מיט רוסיש און זי האט געזאגט, אז קיין מאל רעדט זי נישט קיין יידיש מיט קיין יינגל, אבער מיט אים גלוסט זיך איר ריידן נאר יידיש. ער האט געפילט, אז עפעס איז פאראן א קרובהשאפט צווישן אים און איר, זי וויל פונקט ווי ער לעבן אויפריכטיק און זי קען נישט...

מער ווי וועגן אלץ האט אונזער העלד געטראכט וועגן דעם, וואס ער האט קיינעם נישט דערציילן — וועגן זיין יינגעלע, דעם זון פון זיין „קרבן”, וואס האט שוין געדארפט אלט זיין א יאר זעקס. ס'איז געווען ווינטער און אין גאס האט ער נישט געהאפט דאס צו טרעפן, דאך איז ער ארומגעגאנגען ביז פארדעכטיקט אויף דעם נייעם מארק און ער האט עס געזוכט. ער האט געזען א סך יינגעלעך אין יענעם עלטער, אבער נישט זיינס; ער איז געווען

זיבער, אַז ער וועט עס דערקענען. ער האָט פון צייט געפרעגט ביי דינסטן, וועמענס עס זיינען די קינדער, וואָס זיי באַגלייטן. איין מאָל האָט אים אַזש אַ ייד אָפּגעשטעלט און געפרעגט וועמען ער זוכט, ער האָט געענטפערט, אַז ער וויל טרעפן וועמענס קינדער זיי זיינען און ער וויל וויסן, צי ער טרעפט ריכטיק. אין איין וועג האָט ער שוין באַקוקט דעם „פריוואַז", פון וואַנען דריי פערטל שטעטל האָט געשעפּט חיונה. ער איז געווען נאָך אַפילו קויטיק ווי אַמאָל און די מעקלער זיינען אַלע פאַרעלטערט געוואָרן. אַפילו די יונגע, ניי־צוגעקומענע מעקלער האָבן אויך אויסגעזען אַלט; אַלע מעקלער זיינען געווען שותפות, האָבן זיי זיך נישט געיאָגט און נישט קאָנקורירט און דער אימפּעט איז פאַרשוואונדן. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער גאַנצער מאַרק געניצט פויל. שאַרף איז נאָר געווען דער הויכער שפּיץ פון ליפּאָוואַנסקע קלויטער, וואָס איז געשטאַנען אין סאַמע מיט און האָט געשטאָכן אין הימל אַריין. דער הומאָר פון אַמאָל איז פאַרשוואונדן, ס' האָט זיך זעלטן געהערט אַ געלעכטער צוליב עפּעס אַ ניבול פּה וואָרט. ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז דער „פריוואַז" האָט פאַרלוירן דעם קאָליר און ער גרייט זיך צו שטאַרבן.

איין מאָל האָט יאַנקל זיך אָנגענומען מיט מוט און ער איז אַריינגעגאַנגען מיטיק־צייט צו זיין יינגעלעס „טאַטן" אין הויז אַריין; דער מאַן האָט אויסגעזען פלאַכע און דערשלאָגן, כאָטש ער איז געווען רייך, ביים טיש איז געזעסן אַ נישט מיאוסע יונגע פרוי און אַ יינגעלע פון אַ יאָר זעקס, אַ רירעוודיקס, מיט ברענענדיקע אייגלעך און אַביסל אַ טרויעריקס. ס'האָט זיך עפּעס געפילט, אַז ס'האָט אַ שטיפמאַמע, נישט קיין אייגענע מאַמע. ס'האָט געהאַט דער פאַרשטאָרבענער מאַמעס חן־גריבלעך און יאַנקלס קאָפּ האָר און אויגן. דער באַלעבאָס האָט אים אויפגענומען פריינטלעך און מיט דערשטוינונג און ער האָט זיך פאַרלוירן און נישט געוואוסט, וואָס צו זאָגן. ער האָט זיך באַלד געכאַפּט און געזאָגט, אַז ער איז געקומען פאַרקויפן אַ שקל... יענער איז געווען גרייט צו קויפן, האָט דער גאַסט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט פאַרגעסן דאָס שקל־ביכל אין דער היים... ער איז געזעסן אַביסל פאַר יוצא זיין, געקוקט אָנגעשטרענגט אויף דעם קינד, געזאָגט, אַז ער האָט געקענט זיין מאַמען און די שטיפמאַמע האָט געקוקט אויף אים בייז. ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי מען האָט ביז איצטער נישט דערקענט, אַז דאָס קינד איז ענלעך צו אים... דאָס קינד האָט צוריקגעקוקט אויף אים און זיך צעוויינט. די שטיפמאַמע האָט דעם דערלאַנגט אַ באָך... ער האָט מער נישט געקענט איינזיצן, האָט זיך געזעגנט און ער איז אַוועק. אין דרויסן האָט ער זיך צעוויינט און ער איז שוין די גאַנצע צייט זיך אַרומגעדרייט אַ צעפּאָרענער.

דער שבת איז איבערגעגאַנגען אַזוי ווי אין די אַלטע גוטע צייטן, מיט אַ סך „מיט די געסט" און אַ סך געסט. די פּראָסטע יידן פון טאַטנס שולעכל זיינען געקומען און עס זיינען געקומען די איידלע יידן פון בית מדרש און מען

האָט געזונגען און געטאַנצט, אָבער נישט מיט דער פרייהייט פון אַמאָל, עפּעס האָט מען זיך געשראָקן, כאָטש די רומענישע סאָלדאַטן פון גאַרניזאָן זיינען אַליין געווען ווי איבערגעשראָקענע, און שטילע און זיי האָבן אַרויסגעוויזן, אַז זיי זיינען נישט צופרידן, וואָס זיי דאַרפן היטן בעסאַראַביע. זיי האָבן זיך אַפילו געקלאָגט, אַז זיי הונגערן צו. אייניקע פון זיין פלעגן זאָגן „ראָ־מיניאַ מאַרע, מאַמאַליגאַ מיקאַ" (רומעניע איז גרויס און די מאַמאַליגע איז קליין)... די יידן האָבן געזונגען און געטאַנצט און זיי האָבן געזאָגט, אַז די מילחמה האָט עפּעס צוגענומען דעם קוראַזש און גאָט דאַרף רחמנות האָבן אויף זיינע יידעלעך און ער דאַרף זיי שוין אויסלייזן...

טאַטע־מאַמע זיינען געווען זייער טרויעריק פון זיין אַוועקפאָרן און דאָס ברודערל אויך, אָבער זיי האָבן עס אָנגענומען פאַר אַ מוז און זיי האָבן זיך געטרייסט, אַז איצטער פאָרט ער דאָך נישט אַוועק אויף אייביק ווי אַמאָל, איצטער וועט ער דאָך זיין אין זעלביקן לאַנד. די שוועסטער האָט אפשר גע־וויינט מער ווי אַלע אַנדערע, אָבער עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז עס טוט איר דאָך הנאה... און ריווע איז יאַקאָס אויך געקומען צו דער שיף און נישט פּרעגנדיק ביי קיינעם קיין דערלויבעניש איז זי צוגעגאַנגען צו אונזער העלד און זי איז אים געפאַלן אויף דעם האַלדז און זי האָט אים געקושט און געוויינט און זי האָט געזאָגט: „יאַשאַ, דו ביזט געווען איין גוטער חבר אין דער פּאַסקודנער קיליע, פאַרסטו אויך אַוועק..." די עלטערן האָבן געקוקט אויף דער גאַנצער סצענע פאַרשעמט און דערשראָקן. זי האָט עס באַמערקט און זי האָט געזאָגט: „וואָס שעמט איר זיך אַזוי? איר האָט מורא, וואָס מען האָט אייער זון ליב? איך שווער אייך, אַז זיין רעדע אין שול האָב איך אויך מער פאַרשטאַנען פון אַלע קיליער פּעלצן..." אַ שיין פון אַ שמייכל האָט זיך אויסגעגאָסן אויף די עלטערנס פּנימער, אָבער ווען זי האָט צוגעגיבן: „וואָס זשע, מאַריאַ מאַגדאַלענאַ האָט געמעגט וואַשן יעזוסן די פיס?", האָט דער טאַטע זיך פאַרשטאָפּט די אויערן און ער האָט געזאָגט, אַז ער וויל דאָס נישט הערן און אַז זי רעדט טאַקע ווי אַ שמדניצע...

ווען די שיף האָט שוין געשניטן די קאַלטע און צעשטורעמטע כוואַליעס אויף דעם וועג קיין איזמאַיל, האָט יאַנקל אַ געבענקט אַהיים, אַ ער האָט זיך געפילט גוט דערמיט, וואָס ער פאָרט אַוועק. ער האָט זיך געוואָלט דער־מאָנען, וואָס פאַר אַן איינדרוק זיין רעדע האָט געמאַכט אויף די יידן אין שול און ער האָט נישט געקענט. אין די אויגן האָט מען אים געשמייכלט, די דאָזיקע, וואָס האָבן זיך גערופן ציוניסטן, האָבן אים געדרוקט די האַנט, איי־ניקע האָבן אים אַפילו געזאָגט, אַז אין קיליע האָט מען נאָך אַזוינס נישט געהערט, אָבער אים האָט זיך אויך געדאַכט, אַז ער האָט געהערט ווי מען זאָגט הינטער די אויגן „מה רעש?" און ער האָט אויך געהאַט דעם איינדרוק, אַז די באַגריסונגען זיינען אויך געווען קאַלטע. אים האָט זיך געדאַכט, אַז

ער האָט געהערט אַ יידן זאָגן הינטער די פּלייצעס, אַז ער ווייסט נישט פון וואָס בוקאַרעשט און גאַלאַץ לעקט אַזוי די פינגער. דער פעטער נוח האָט אים אָפן געזאָגט, אַז אַ רעדנער דאַרף זיין אַ פּרעמדער, נישט אַזאַ איינער וואָס מען האָט אים געזען מיטן סטאַן אין דרויסן... אים האָט זיך געגלוסט דווקא אַמאָל קומען קיין קיליע ווי אַ ספּעציעלער רעדנער און דאָרט האָבן אַ גרויסן דערפאָלג, אָבער ער האָט נישט געוואוסט, צי ער וועט דאָס קענען באַווייזן. אין די אויערן האָט אים געקלונגען געטעם וואָרט „עס גילט נישט קיין נביא אין זיין לאַנד" און ער האָט געפילט, אַז דער פעטער נח איז אַ קלוגער מענטש. די יינגערע, די דאָזיקע, וואָס האָבן אים נישט געדענקט פאַר אַ יינגל, האָבן זיך צו אים מער געשאַרט און זיי האָבן אויף אים געקוקט פון אונטן אַרויף. איי־ניקע פון די יונגע האָבן אים פון דעסט וועגן באַמערקט, אַז ער האָט גערעדט צו שטאַרק שאָוויניסטיש און אַז אַזוי קען מען נאָך ריידן אין אַ לאַנד, וואָס האָט נישט איבערגעלעבט די רעוואָלוציע... ערשט זיצנדיק אויף דער שיף האָט ער זיך געגיבן חשבון, אַז די יוגנט איז אין קיליע געוואַקסן אַנדערש. יונגעלייט און מיידלעך האָבן געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער אין יידיש. אייניקע האָבן געלעקט די פינגער פון אַ רעוואָלוציאָנערן רעדנער, וואָס האָט געהייסן ג י ל ד י ן און ער האָט גערעדט נאָר יידיש אין אָדעס. די יינגע חברה האָט געזונגען „לאָמיר זיך איבערבעטן", וואָס זיי האָבן אויסגעלערנט ביי איזאַ קרעמער און זיי האָבן זיך אַזש באַלעקט. אויך ריווע האָט אים באַ־מערקט באַלד נאָך דער רעדע אין שול — זי האָט זיך גלייך צוגעשטופּט צו אים מיט חנוודיקער חוצפּה —, אַז ער האָט געדאַרפט אַנרייבן אַ מאָרדע די גבירים, וואָס זיינען גרויסע חזרים און הינטישע זין...

יאַנקל האָט אין וועג אָפּגעשטיגן אין איזמאַיל, וואו ער האָט געטראָפן אַ היפּשע יידישע און רוסישע אינטעליגענטע יוגנט, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איינעם און איז געווען רוסיש־רעוואָלוציאָנעריש געשטימט און נישט גע־וואָלט הערן פון רומעניש; די יידישע יוגנט איז טיילווייז אויך געווען ציוניס־טיש, אָדער פּועלי ציוניסטיש געשטימט, אָבער פאַרן מאָמענט האָט זי אינטע־רעסירט דאָס באַפרייען זיך פון רומענישן יאָך, וואָס איז טאַקע געווען זייער אַ שווערער. יינגלעך און מיידלעך האָבן גערעדט מיט אַ שוים ביי די ליפּן: „נאָך נישט באַוויזן זיך רעכט פאַסמאַקעווען פון דער באַפרייאונג און שוין אַרונטער אונטער אַ רומענישן צאַרישן יאָך!" ס'איז נישט געווען דערלויבט קיין צוזאַ־מענקום און קיין לעקציע און אַפילו אויף אַן אומשולדיקן ספּעקטאַקל אין רוסיש אָדער אין יידיש האָט מען געקראָגן אַ דערלויבעניש מיט שווערער מי. די יוגנט האָט געברויזט און זי האָט זיך געמוזט שטיקן. אַ גרויסן איינפלוס אויף דער יוגנט האָט געהאַט יאַנקלס אַ באַקאַנטער פון אַמאָל, אַ פאָטאָגראַף, וואָס האָט געהייסן אברהם יאַקאָוולעוויטש גרינוואַלד. ער איז געווען אַ צעקנייטשטער און אַ זויערער אַלטער בחור, ער האָט דעמלט נישט לאַנג חתונה געהאַט און

די אַלט־בחורישקייט איז אים פאַרבליבן, כאָטש ער האָט געהאַט אַ שיין ווייבל און אַ זיס קינדעלע פון עטלעכע חדשים. ער איז אַמאָל געווען אַ ציוניסט און אָפיציעל האָט עס געהייסן, אַז ער איז עס ווייטער, אָבער ער איז שוין געווען אַ באָלשעוויק. די מערסטע פון די יונגעלייט, וואָס זיינען אַריינגעקומען צו גרינוואַלדן זיינען אויך געווען אָפיציעלע ציוניסטן און פאַקטישע באָלשעוויקעס און זיי האָבן געטאַנצט אַרום דעם גאַסט, ביכדי אָפצונאַרן דעם רומענישן „סיגוראַנצאַ" אַגענט, דערביי האָבן זיי נישט געגלויבט, אַז זייער גאַסט איז טאַקע אַ ציוניסט... אין דער קלוימערשט ציוניסטישער גרופּע זיינען געווען עטלעכע קריסטן אויך. געווען אַ שוועסטער מיט אַ ברודער, זיינען זיי געווען לערערס אין דער גימנאַזיע. די שוועסטער איז געווען אַ שיינהייט אַ פרוי פון אַ יאָר דרייסיק. זי האָט גערופן דעם ברודער „איציק". ס'איז געווען אַ סיבה דערביי. ביי איר מאַמען האָבן זיך נישט געהאַלטן קיין ייִנגלעך, איז זי געגאַנגען צום בוהושער רבין, ווען ער איז געווען אין איזמאַיל, האָט דער רבי איר צוגעוואונטשן און געהייסן, אַז דאָס ערשטע ייִנגל, וואָס וועט ביי איר געבוירן ווערן, זאָל זי רופן איסאַק און — ס'האָט געהאָלפן. דער נאָמען איציק האָט געקלונגען מיט אַ זעלטענעם חן ביי דער עלעגאַנטער רוסישער פרוי אין מויל און דער גאַסט האָט איר געזאָגט, אַז וויפל מאָל ער הערט ווי זי זאָגט „איציק", פאַרליבט ער זיך אין איר...

ביי דער מומע ליבע איז דער פּלימעניק געווען קוים אַ פּאָר שעה. זי איז געווען פאַרעלטערט די מומע, אָבער נאָך שיין און זי האָט נאָך פאַרדינט. די צוויי עלטערע טעכטער האָט זי שוין זייט לאַנג חתונה געמאַכט און דאָס ייִנגסטע מיידעלע, וואָס האָט נאָך אויסגעזען קינדיש, איז שוין אויך געווען אַ כלה. דער זון שלום, וואָס איז שוין געווען אַ באַלעבאָס פון אַ קאַבאַרעט אין בוקאַרעשט און ער איז שוין געווען רייך ווי קורח און ווידער אָרים, איז געווען צו גאַסט און ער איז צוריקגעפאָרן קיין אַלט־רומעניע, וואו ער האָט געהאָפט רייך צו ווערן. שלום האָט זיך אין איזמאַיל אַרומגעפירט מיט אַ מיידל שוין זייט פופצן יאָר און זי האָט אַלץ געוואַרט אויף אים. יאַנקל האָט זי געזען, ווען זי איז נאָך געווען אַ מיידעלע און ער האָט געקוקט ווי זי איז שוין גרוי און אַביסל געקנייטשט און זי וואַרט נאָך, כאָטש זי האָט שוין אַליין אויך נישט געגלויבט, אַז ער וועט זי נעמען; די מומע האָט אים שטילערהייט געזאָגט, אַז דער זון איז שוין אַ חתן, אָבער זי האָט נישט קיין האַרץ אויסזאָגן דער וואַרטנדיקער, האָט ער דאָס דערציילט דעם אומגליקלעכן מיידל. ער איז געווען זיכער, אַז ער טוט אַ גוטע זאַך, אָבער זי האָט געקראָגן אַ היסטעריקע און זי האָט געזאָגט, אַז ער זאָל זיך אָפּבייסן די גאַנצע צונג און זי האָט אים געשאָלטן מיט ממש טויטע קללות. ער האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקענט צוגעוואוינען נישט צו זאָגן דעם אמת, כאָטש ער האָט שוין אַזויפיל מאָל זיך געקענט איבערצייגן, אַז דער אמת ברענגט נאָר אומגליק...

פון דעסט וועגן, אַז אונזער העלד האָט געמאַכט אַ לייכטן שפּאַס מיט אַן אַנדער מיידל, האָט ער איר אויך פאַרשאַפט אַ סך טרויער דערמיט. אַ קליין רירעוודיק, שוואַרץ מיידל איז זי געווען. פון אַ רייכער פאַמיליע, וואָס האָט אָנגעהויבן אָרים ווערן איז זי אַרויסגעקומען. זי האָט געהייסן חיה פּאַליאַקאָוו, די חברים און חברטעס האָבן זי גערופן כייאַ, זי האָט נישט לאַנג געהאַט געענדיקט די גימנאַזיע און זי האָט געזוכט אַ חתן. יאַנקל האָט זיך מיט איר געטראָפן ביי גרינוואַלדן אין דער פאָטאָגראַפיע און ער האָט זיך באַלד מיט איר פאָטאָגראַפירט אַזוי ווי ראָמעאָ און דזשוליעטאַ און זי האָט דעם שפּאַס אָנגענומען פאַר ערנסט און וויפל מאָל ער האָט זיך מיט איר דערנאָך געטראָפן, האָט זי זיך צו אים געטוליעט ווי אַ כלה און זי איז געווען שמייכלענדיק אומגליקלעך פון זיין גלייכגילטיקייט. פון דער גאַנצער פאַמיליע איז שפּעטער געוואָרן אַ מוראַדיקער תכלית. אַ יינגערע שוועסטער, אַ צאַרטע און אַ שלאַנקע און אַ ווייסע ווי אַ שוואַן, האָט חתונה געהאַט און איז געשטאָרבן פון אַ קימפּעט, די מאַמע, וואָס איז נאָך געווען גאָר יונג, איז אויך גיך געשטאָרבן, אַן עלטערער ברודער, וואָס האָט שטודירט מעדיצין און האָט געהאַט אַ נייגונג צו ווערן אַ רעזשיסאָר, איז ערגעץ אַוועק, אַ יינגערער ברודער איז געוואָרן אַ מאַטראָס און ער איז דערטרונקען געוואָרן אין אויסטראַליע. חיה איז געבליבן מיט אַ קליין שוועסטערל און זי איז כסדר געוואָרן איינגעשרומפּענער און קלענער, אָבער דעם פּראָפּירנדיקן שמייכל האָט זי קיין מאָל נישט פאַרלוירן. און וויפל מאָל יאַנקל האָט זי נאָך געטראָפן, האָט ער געפילט, אַז ער איז איר עפּעס שולדיק...

אין יענער גרופּע זיינען געווען צוויי ברידער, וואָס האָבן געהייסן קאָסי. דער עלטערער האָט געהייסן אבראַם און דער יינגערער — גרישאַ. דער פאָטער זייערער איז געווען אַ שניטקרעמער, ער האָט געהאַט אַ גרויסע קראָם אין סאַמע „קראַסני ריאַד”, וואו עס האָבן זיך געפונען די רייכסטע געשעפטן אין שטאָט און ער איז געווען אַ היימישער ייד, די מוטער איז שוין געווען אַ שטיק אינטעליגענטקע און זי האָט נישט געקענט באַהאַלטן דאָס ביסל רוסיש, וואָס זי האָט געקענט פון דער קרוינישער שול, וואָס זי האָט געענדיקט און זי האָט מיט אירע צוויי זין גערעדט נאָר רוסיש און זיי האָבן טאַקע דערפאַר כמעט נישט געקענט קיין יידיש. ביידע בחורים זיינען געווען בלאָנדע און זיי האָבן געהאַט בלויע אויגן און זיי האָבן אויסגעזען ווייניק יידיש. דער עלטערער האָט נישט לאַנג געענדיקט די גימנאַזיע און ער האָט זיך געקליבן צו פאָרן שטודירן מעדיצין אין בוקאַרעשט, דער יינגערע איז נאָך געווען אין זיבעטן קלאַס גימנאַזיע. דער עלטערער האָט געהאַט אַ פיינעם טענאָר און ער איז געווען אויסערגעוויינלעך מוזיקאַליש און ער איז געווען אומגעהויער באַליבט ביי אַלע און ספּעציעל ביים שיינעם מין. דער יינגערער האָט אויסגעזען פאַרהאַרטעוועטער און האַרעפּאַשנער און ער האָט זיך געהאַט זיינע חנען און

ער האָט געקענט מאַכן אַלערליי הנדלעך און ער איז אויך געווען פאַרליבט. אַבראַם האָט געהאַט ממש אַ ווילדן דערפאָלג ביי די פרויען. געווען עטלעכע רוסישע מיידלעך, אינטעליגענטע, באַוואוסטזיניקע און רעוואָלוציאָנעריש געשטימטע, אייניקע פון זיי האָבן זיך געקליבן צו ווערן ווערא פיגנערס, פלעגן זיי זיך שפּילן מיט אַבראַמען ווי מיט אַ שיינער ליאַלקע און אים צערטלען און זיך אים איבערגיבן און זיי האָבן אים אַזוי צעפּעסטעט, אַז ער האָט זיך דערפילט ווי אַן אידאַל. דער פאָטער האָט געוואוסט פון זיין עלטערן זונס אַלע ליבעס און ווען ער איז איין מאָל געפאָרן קיין גאַלאַץ און אויף דער שיף איז געפאָרן איינע פון אַבראַמס מיידלעך און אים האָט זיך געדאַכט, אַז זי פלירטעוועט מיט אַ בחור, איז ער צוריקגעקומען מיט אַ מוראַדיקן ירגזון און ער האָט דעם זון אויפגעהעצט קעגן דער „נפקא"...ביידע יאַטן האָבן אים געצוואונגען, אַז די פאָר טעג, וואָס ער איז געווען אין איזמאַיל, זאָל ער זיין ביי זיי. אַבראַם האָט זיך געקליבן פאָרן גיבן קאָנצערטן אין אַלט־רומעניע און ער האָט זייער באַדויערט, וואָס ער קען נישט געגוג יידיש. ער האָט נאָר געוואָלט, אַז דער גאַסט זאָל אים איבערזעצן רוסישע ראָמאַנסן אויף יידיש. „היידאַ טראָיקאַ" האָט ער געהאַט אין אַ מין יידישער איבערזעצונג און ער האָט געזונגען מיט אַ רוסישן אַקצענט און ס'איז אַרויסגעקומען אי ווי נאָכגעקרומט, אי מיט חן. ער האָט געזונגען:

גאַידאַ טראָיקאַ, שניעי איז פּיעכקע
און אין דרויסן בריענט אַ פראָסט
און די שטיערן שייניען ליכטיק,
דרייט זיך אַ פּאָרל אָפּן גאַס.
אוי, מיין ליעבן,
מעגסט מיר גליעיבן,
אַז איך האָב דיך אמת ליב.
אַז דו ווילסט נישט מיר צו גליעיבן,
קום אַריין צו מיר אין שטוב...

ער האָט דווקא געוואָלט, אַז יאַנקל זאָל אים איבערזעצן דעם אַלטן רוסישן ראָמאַנס „סיאַלאַ נאָטש, לונאַי ביל פּאָלאָן סאַד" (די נאַכט האָט געשיינט, מיט לבנה איז געווען פול דער גאָרטן) און אונזער העלד האָט אים אָנגעשריבן אַ מין יידישן ראָמאַנס אויף דער זעלביקער מעלאָדיע, וואָס האָט געהייסן „דער ערשטער קוש". אָט ווי ער האָט זיך געזונגען:

די אַלטע גאַס געשטאַנען שטיל און שטום,
אין לבנה־שיין געהילט דאָס בית המדרש פרום,

אין ווינקל ערגעץ צאַרט אַ זיידע האָט געדאַונט
פאַרהילט מיט פרומען ברום די שטיבעלעך אַרום.
צום ערשטן מאָל האָט זיך אין שטעטעלע געטראָפן,
ס'האָט די נאַכט דערהערט אַן אָפּקלאַנג פון אַ קוש,
פאַרשעמט פאַר פערל־שטערן דאָס פּאָרל איז זיך צעלאָפן,
צום ערשטן מאָל אין שטעטל האָט אַזוינס געטראָפן...

אבראַם האָט היפּש איבערגעקערט די ווערטער, אָבער מיט דער צייט האָט ער דעם ראָמאַנס אַזוי גוט אויסגעלערנט, אַז ער האָט געשאַפן מיט אים אַ דווד איינהאָרן שטימונג.

ביידע ברידער האָבן דעם יונגען גאַסט ממש פאַרגעטערט און אַז ער האָט ערגעץ עפּעס גערעדט, אָדער געלייענט, זיינען זיי געווען פון די געטריי־עסטע צוהערער זיינע און צוליב זיי אַליין האָט זיך אים נישט געגלוסט פאַר־לאָזן איזמאַיל. אָבער אויך זיין שוועסטערקינד מאַניא, די רויטלעכע מיט דעם אַלבאַסטער ווייסן פּנים און זאַפּטיקע גראָבע ליפּן און גרויסע, בלויע, פאַרחלומטע אויגן, האָט אים אויך היפּש פאַרכאַפּט, אַז אים האָט זיך נישט געגלוסט אַוועקפאָרן פון איר. זי האָט אים דערציילט, אַז די גימנאַזיסטקעס פון זיבעטן און אַכטן קלאַס טיילן זיך אויף פאַרליבטע און אַנטוישטע אין אבראַם קאַסי און זי געהער צו די אַנטוישטע, ווייל זי האָט בעסער ליב אינ־טעליגענטנע מענער, איידער שיינע ליאַלקעס. דאָס איז געווען אַ דירעקטע אָנצוהערעניש, אַז זי איז גרייט זיך צו פאַרליבן אין איר שוועסטערקינד, פאַר וועלכן זי האָט באַקומען אַ סך קאָמפּלימענטן. אייניקע האָבן, האָט זי דערציילט, זיך שוין גערייצט מיט איר און זיי האָבן איר געזאָגט, אַז זי האָט מער מזל ווי „יאשאַ" (אַזוי האָט מען אים דאָרט גערופן), ווייל זי האָט אַ מער אינטערעסאַנטערן קוזען, ווי ער אַ קוזינע... יאַנקל האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז ביז איצטער שוין געווען פאַרליבט אין צוויי שוועסטערקינדער, אין ציפּען און אין אסתרן און ער האָט זיך געפרעגט: „וועל איך זיך טאַקע פאַרליבן אין אַלע קוזינעס אין מיינע?" און ער איז אַוועקגעפאָרן פון איז־מאַיל און מיטגענומען די פרייד, די בענקשאַפט און די שטרעבונג פון אַ נייער יוגענט, אַ יוגענט, וואָס האָט געכאַפּט אַ פונק פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע.

☆

קאפיטל עלף

ער איז אריבערגעגאנגען...

עס איז אין גאַלאַץ געווען אויך אַ סאָציאַליסטישע יוגנט דעמלט, אָבער יאַנקל איז אריין אין זיין קרייז פון ציוניסטישער יוגנט, וואָס איז איצטער אויסגעברייטערט געוואָרן. עס זיינען צוגעקומען אַ סך יונגעליים און מיידלעך, קינדער פון אָפּקומענדיקע און אויפגעקומענע גבירים, צום מערסטן אַזעלכע, וואָס האָבן געענדיקט מיטלשול און וואָס האָבן שוין געלערנט אין הויכשולן און האָבן צוליב דער מילחמה געמוזט אָפּשטעלן דאָס לערנען, עס זיינען אָבער געווען אויך אַזעלכע, וואָס זיינען געווען סוחרים און זיי האָבן געאַרבעט אין די געשעפטן פון זייערע עלטערן. דער ציוניסטישער ענטוזיאַזם איז ביי אַלע געווען גרויס, זיי האָבן אַלע געגלייבט, אַז דער ציוניזם וועט באַלד פאַרווירקלעכט ווערן. עס האָט זיך געשאַפן אַ שטימונג ביי דער דאָזיקער יוגנט, אַז איידער מען דאַרף זיך אומקערן קיין ארץ ישראל, דאַרף מען זיך אומקערן צו יידישקייט. אַלע האָבן זיך געקליבן צו לערנען העברעאיש און דער יוגנט־קרייז, וואָס האָט זיך גערופן „סאַמועל פינעלעס" האָט איינגעפירט אַ קורס פון יידישער געשיכטע און יאַנקל איז געוואָרן דער לערער. דעם קורס האָבן באַזוכט צענדליקער און צענדליקער יינגלעך און מיידלעך. די לעצטע זיינען געווען אין אַן איבערוויגנדיקער צאָל. זיי האָבן געהאַט מער צייט און זיי זיינען טאַקע געווען לערן־גיריקער. עס איז געווען קלאָר, אַז ווייל די מיידלעך קענען זיך נישט אַזוי אויסלעבן ווי די בחורים, לייענען זיי און זיי לערנען מערער. צווישן די יונגע מענטשן פון ביידע מינים זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן קוים פאַרשטאַנען אַביסל יידיש און ערשט דורך דער אַנאַלאָגיע מיט דייטש, וואָס זיי האָבן געקענט גוט; עס זיינען אָבער געווען אַ סך, וואָס האָבן געקענט זייער גוט יידיש און אייניקע האָבן שוין אַפילו געקענט אַביסל לשון קודש. עס איז געווען אַ פאָרשלאַג, אַז יאַנקל זאָל לערנען דעם קורס אויף רומעניש, אָבער ער האָט געהאַט אַ נישטיקע צאָל אָנהענגער. צווישן די צוהערער זיינען געווען אויך יונגעלייט פון ביידע מינים פון דער העבערער געזעלשאַפט, וואָס מען האָט אין גאַלאַץ גערופן „היי לייף", אָדער „אַט וואָלעי". עס זיינען געווען די קינדער פון אַלע קלאַינערס און עס איז געווען

לאַלאַ שמירער, די טאָכטער פון נאָרוועגישן קאָנסול, וואָס האָט שטודירט אין דייטשלאַנד און האָט אויסגעזען ווי אַ ישיבה בחורל אָן פאות און איז געווען אַ טאַלאַנטירטע מאַלערין און האָט געהאַט אַ שם פון באַלעזנטסטן מיידל אין גאַנץ גאַלאַץ. אויך די צוויי שוועסטער ראָזנבערג, די נישט איבעריק שיינע, אָבער אַנדערשדיקע און ציגײַנערישנדיקע, וואָס יאַנקל האָט חושד געווען, אַז זיי זײַנען די טעכטער פון באַרימטן רומענישן זשורנאַליסט גראַור און וואָס די ייִנגערע האָט נישט אויפגעהערט חלומען, אַז אונזער העלד וועט ווערן איר חתן, אָט די צוויי שוועסטער זײַנען אויך געווען צווישן די צוהערערינס. די ייִנגערע איז געווען שטאַרק באַפרײַנדעט מיט איינער פון די חנוודיקע מיידלעך, וואָס האָט געהייסן לינקאַ קלאַינער. זי איז געווען אַ קיילעכדיקע ווי אַ פּאָמפּעשקע און האָט געהאַט טונקל בלויע אויגן און אַ פול מויל מיט ווײַבערישן און קינדישן געלעכטער און יאַנקל האָט געהאַט צו איר אַ באַהאַלטענע שוואַכקייט. לינקאַ קלאַינער האָט טאָג ווי נאַכט געלייענט דעם סענטימענטאַלן דייטשן דיכטער פלאַישלער און ער איז פאַר איר געווען אַ גאָט. ליזאַ ראָזנבערג איז ווייטער אַוועק אין איר אַנטוויקלונג און זי האָט זיך שוין געהאַט אַנטוישט אין פלאַישלערן און זי האָט זיך איבער דעם צעקריגט מיט איר בעסטער חברטע. ביידע מיידלעך האָבן פריער שטילערהייט דערציילט אונזער העלד, אַז זיי האָבן זיך צעקריגט און ביידע האָבן עס געמאַכט באַרימעריש. יעדע האָט געזאָגט: „איך בין שוין אַ גרויסע, איך זוך שוין אויפריכטיקייט אין פרײַנטשאַפט". און ערשט דערנאָך האָבן זיי ביי דעם לערער געפרעגט אַ מיינונג וועגן פלאַישלערן און ער האָט געמוזט איבערלייענען צוויי בענד מיט סענטימענטאַלע און צעקראָכענע לידער אין פראָזע; זײַן שלעכטע מיינונג וועגן פלאַישלערן איז געווען אַ טראַגעדיע פאַר דער האַרציקער לינקאַן... צווישן די צוהערערינס איז אויך געווען בת שבע שעכטער פון פאָלטיטשעני, וואָס איז געווען צוגאַסט ביי אירן אַ פעטער און צוליב איר איז שוין דער מאָלער רובין אויך געקומען צופאָרן און ער האָט זיך מיט איר געקריגט פאַר צופיל ליבע און ס'איז שוין דעמלט געווען צו דערקענען, אַז די מילחמה וועט זיך מיט קיין חתונה נישט פאַרענדיקן. צוליב בת שבען האָט רובין געהאַט אַ שטענדיק צימער אין סאַמע צענטער און יאַנקל האָט שוין אין דעם געוואוינט, ווײַל רובין פלעג קומען איין מאָל אין צוויי וואָכן אויף אַ פּאָר טעג. דאָס צימער איז געווען אין הויז פון אַ רייכן צירונג הענדלער, וואָס האָט געהייסן העלדער און ער האָט געהאַט אַן אויסגעוויינלעך שיינע טאָכטער. זי איז געווען אַ הויכע און אַ שלאַנקע און אַן עלאַסטישע, זי האָט באמת אויסגעזען ווי אַ באַרג־ציג. זי איז געווען אַ טונקל־הויטיקע און האָט געהאַט העל־בלויע אויגן. זי איז געווען די בלויע ציגײַנערין פון אַ ליד אַרויס. אַלע אירע באַוועגונגען זײַנען געווען ריטמישע. זי פלעג ליב האָבן אַליין אַרײַנקומען צו די צוויי בחורים און זיי צוזוימען דאָס צימער און זיי אַרײַנ־

שטעלן בלומען און זאָגן, אַז זי ברייגנט בלומען צו קינסטלער אוןביידע האָבן איר געזאָגט, אַז די שענסטע בלום איז זי אַליין. זיי האָבן קיין שטאַרקערן קאָמפּלימענט איר קיינמאָל נישט געמאַכט, זיי האָבן קיין מוט נישט געהאַט. פון אַ וואָרט, וואָס זי האָט אַמאָל אַ זאָג געטאָן דרך אגב האָט אונזער העלד אַרויסגענומען, אַז די יונגעלייט האָבן פאַר איר אַלע מורא געהאַט און זיי האָבן נישט געוואַגט זיך דערנעענטערן צו איר און זיי האָבן געחלומט וועגן איר פון דער ווייטנס. צו שטאַרק שיין איז אַ פּנים אויך נישט קיין ברכה...

זשאַנאַ העלדער איז מסתמא געוועזן די שענסטע פרוי, וואָס אונזער העלד האָט אין זיין לעבן געזען, אָבער אין גאַנצן שפּעטער מיט זעקס יאָר האָט ער זיך דערוואוסט, אַז זי וואוינט נישט ווייט פון פּאַריז, ביי דער סעין און איר מאַן איז אַ פראַנצויזישער ייד, וואָס האַלט אין ווערן אַ גרויסער מאַטעמאַטיקער, איז ער אַראָפּגעפאָרן צו איר און צו זיין אַנטוישונג איז קיין שיעור נישט געווען. די שטראַלנדיקע זשאַנאַ איז אין גאַנצן אויסגעלאָשן געוואָרן לעבן איר געלערנטן מאַן און ווען יאַנקל האָט איר געזאָגט, אַז זי האָט זיך גאָרנישט געענדערט, איז עס געווען דער גרעסטער ליגן, וואָס ער האָט אין זיין לעבן געזאָגט. און ער האָט דאָס געטאָן צוליב זיך אפשר נישט ווייניקער ווי צוליב איר. ער האָט געוואָלט זיך אַליין איינריידן, אַז עס האָט זשאַנאַס שיינקייט נאָך נישט פאַרלוירן. ווען ער איז שפּעט ביינאַכט געגאַנגען נעמען אַ צוג קיין פּאַריז און זשאַנאַ מיט איר מאַן האָבן אים באַגלייט מיט אַ לאַמטערן איבער די פינצטערע בערגיקע געסלעך, האָט ער זיך געפרעגט: ווי אַזוי מאַכט מען, אַז אַזאַ שיינקייט זאָל געדויערן מער ווי נאָר עטלעכע יאָר? און ער האָט געפילט, אַז שיינקייט איז אייביק נאָר אין דער קונסט און אַז די שיינקייט פון דער קונסט איז מער רעאַל ווי די שיינקייט פון לעבן... זשאַנאַ האָט אָפט געפּלאַפּלט מיט אים אין רומעניש און דער מאַן האָט נישט פאַרשטאַנען און זי האָט אים מיט אַ ממזרישן וואונק מיט די אויגן און אַ קעצישן לעק מיט דיר צונג געזאָגט, אַז זי איז פון דעסט וועגן געווען פאַרליבט אין אים און זי האָט געחלומט פון זיינער אַן אומאַרמונג, אָבער זי איז אַ פרוי און זי האָט געוואַרט, אַז ער זאָל דאָס טאָן... און ביי אים איז אַ קוש זשאַנאַן געווען פון די נישט דערגרייכבאַרע חלומות...

ליבוש גאָלד האָט באַנייט זיין רומעניש ציוניסטישן זשורנאַל „התיקווה" און אַזוי ווי אין בוקאַרעשט האָט זיך אויפגעהויבן אַ באַוועגונג אַריבערצופירן די ציוניסטישע פעדעראַציע אַהין און א. ל. זיסו האָט געגרינדעט אַ טעגלעכע רומעניש-ציוניסטישע צייטונג „מענטואירעאַ" (דערלייזונג), וואָס האָט געפירט אַ קאַמף פאַר דעם, האָט די ציוניסטישע פעדעראַציע אָנגעשטעלט יאַנקלען ווי אַ פּערמאַנענטן מיטאַרבעטער אַז ער זאָל פירן די פּאָלעמיק מיט בוקאַרעשט. ער האָט געהאַט אַ שם ווי אַ שטאַרקער פּאָלעמיקער און ער האָט זיך טאַקע באַלד שאַרף צעווערטלט מיט זיין רייכן קאָלעגע. דאָס איז געווען

צום ערשטן מאל, וואס אונזער העלד האט געקראגן א באצאלטן פאסטן ווי א זשורנאליסט. ער האט זיך נאך נישט געוואגט צו שרייבן רומעניש און ער האט געשריבן יידיש און לייבוש גאלד האט איבערגעזעצט. אין גאלאץ איז דעמלט געווען א שטרענגע צענזור און די „התיקווה" איז זייער אפט ארויס מיט פלעקן. יאנקלען האט מער געצווינגן צו שרייבן שארפע ארטיקלען קעגן דער רעגירונג פאר איר נאך־מילחמה אנטיסעמיטיזם און פאר איר אנטיסע־מיטיזם בעת דער מילחמה, ווי פאר דעם ציוניזם. די באלעבאטישע ציוניסטן האבן געפילט, אז דער אפיציעלער ארגאן איז צו רעוואלוציאנער און א. ל. זיסו האט דאס דאזיקע טאקע פארגעווארפן דער „התיקווה". יאנקל האט אין דער רומעניש־ציוניסטישער וואכנשריפט געשריבן א סך וועגן יידישער און העברעאישער ליטעראטור און די טעגלעכע בוקארעשטער רומעניש־ציוניס־טישע צייטונג, וואס האט נישט געהאט קיין מיטארבעטער, וואס זאלן זיין באהאוונט אין יודאיקא און העבראיקא, האט די דאזיקע ארטיקלען אפט איי־בערגעדרוקט און דאס דאזיקע איז געווען אונזער העלדס ניצחון. יאנקל האט געמאכט א קורצן טור איבער דער פראווינץ און ער האט דערנאך אנגעשריבן א ריי פעליעטאניסטישע רייזע־איינדרוקן אונטער דעם נאמען „דורך מאי־נעשט קיין ארץ ישראל", וואס האט אים שטארק פאפולער געמאכט צווישן די טויזנטער לייענער פון דער „התיקווה".

די יוגנט האט זיך אלץ מער און מער געטוליעט צו איר יונגען לערער און ס'האט זיך אנגעהויבן א הוליען, וואס האט דערמאנט אין דעם הוליען פון 1914, ווען ער איז צום ערשטן מאל אנגעקומען קיין גאלאץ. עס איז גע־ווען א סך פרעסן און א סך וויין, ווייב און געזאנג און עפעס האט דאך געפעלט. ס'האט זיך געבענקט נאך דער ארימער יוגנט פון איזמאיל. יאנקל האט גע־נומען אויפפירן „צעזייט און צעשפרייט" מיט זיינע שילער און שילערינס און מיידלעך, וואס האבן נישט געקענט גענוג גוט יידיש האבן געדארפט שפילן יאכנעוואטע יידענעס און זיי האבן אויסגעלערנט. אונזער העלד האט אויך פארטראכט א גרויס לעבעדיק בילד, וואס זאל פארשטעלן די גאנצע יידישע געשיכטע, אנהויבנדיק פון די אבות ביז די יידן־סטודענטן פון פארשיידענע לענדער. צום שלום האבן זיך די אבות מיט די לאנגע ווייסע בערד געדארפט באגעגנען מיט די סטודענטן מיט די שמאלע היטעלעך. עס האט געדארפט דורכגיין דריי טויזנט יאר יידישע געשיכטע און אן א שיעור לענדער. ארי־בער צוויי הונדערט מענטשן האבן זיך געדארפט באטייליקן אין דעם דאזיקן בילד און מען האט זיי געקראגן. מען האט צו יעדער בילד געקראגן די פאס־סיקסטע פיגורן. האט מען געדארפט רוימישע סאלדאטן, וואס האבן געפירט יידישע געפאנגענע, האט מען געקראגן ריזיקע בחורים, וואס האבן שוין אן די קליידער אויסגעזען ווי קאלאסן פון בראנז. און האט מען געדארפט גרויס־ארטיקע סירישע פאטריצערינס, האט מען אויך געקראגן די פאסיקע פיגורן.

די שטוב פון איינעם פון די קלאַינערס איז אין משך פון עטלעכע וואָכן געוואָרן די לאַבאָראַטאָריע פאַר אָט דעם בילד. די יאַטן און יאַטעכעס האָבן געבראַכט גרויסע שטיקער זייד פון אַלערליי קאָלירן פון זייערע עלטערנס קראָמען און מען האָט געשניטן און גענייט. עס זיינען געווען עטלעכע ניי־מאַשינען. די מיידלעך האָבן אַליין געקענט נייען, אָבער זיי האָבן אויך געדונגען עטלעכע נייטאָרינס ספּעציאַליסטקעס. מיט די מאַסקעס האָט זיך אָפּגעגעבן לאָלאַ שמירער און מיט די קליידער — זשאַנאַ העלדער. עס זיינען געלעגן ענציקלאָפּעדיעס און וועלט־געשיכטעס אויף דעם טיש און מען האָט געבראַכט אַלערליי בילדער פון פאַרשיידענע עפּאָכן. דער טאַלאַנטירטער פידלער און קאָמפּאָזיטאָר ראָבערט פעלדמאַן, וואָס האָט שטודירט מוזיק און מעדיצין האָט געשריבן אַ ספּעציעלע מוזיק־אילוסטראַציע צום בילד און ער האָט געהאַט אַ גרויסן אָרקעסטער פון ערשטראַנגיקע מוזיקער, וואָס האָבן אַלע זיך באַטייליקט אומזיסט. עס האָט נישט געפעלט קיין אָרגל און קיין האַרפע.

יאַנקל האָט אַרויסגערופן זיין חבר שטערנבערג, וואָס האָט זיך געקלאָגט, אַז אין ליפּקאַן האָט ער נישט וואָס צו טאָן און ער איז אָנגעקומען מיט אַ צוויי וואָכן איידער מ׳האָט געדאַרפט גיבן דעם ספּעקטאַקל. שטערנבערג האָט אפשר דעמלט צום ערשטן מאָל געפּרוּווט זיין כוח ווי אַ רעזשיסאָר און ער האָט צום לעבעדיקן בילד, וואָס איז אין גאַנצן געווען פאַרטראַכט און אָנגעשריבן פון יאַנקלען צוגעגעבן אַ געוויסן שלייף און עקספּרעסיע. דער דערפאָלג איז געווען אַ פענאָמענאַלער. גאַלאַץ איז נישט געווען קיין גרויסע שטאָט, אַ רומענישער ספּעקטאַקל איז דאָרט קיין מאָל נישט געגאַנגען מער ווי איין מאָל און דער דאָזיקער ספּעקטאַקל איז געגאַנגען דריי מאָל אין גרעסטן טעאַטער און ער איז אַלע מאָל געווען איבערפילט. חברה האָט דערנאָך אויסגערעכנט, אַז דער ספּעקטאַקל האָט געקאָסט אַריבער צען טויזנט דאָלער און די אַרבעט איז ערשט כמעט אין גאַנצן געווען געמאַכט אומזיסט. דער חלום אַרויסצופאָרן מיט בילד איבערן לאַנד איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. מען האָט געדאַרפט פירן צוויי הונדערט פופציק מענטשן און די מערסטע האָבן נישט געקענט פאַרלאָזן זייער אַרבעט. אָן אַ שיעור בילדער האָט מען געמוזט ביסירן. מען האָט פשוט נישט געלאָזט גיין ווייטער... די בילדער פון ווייטן אַמאָל האָבן גענומען מיט זייער פראַכט און גלאַנץ, די בילדער פון היינט האָבן גענומען מיט זייער האַרציקייט. דאָס פירן די געפאַנגענע פון יהודה קיין רוים האָט אַרויסגערופן אי פרייד, אי געוויין. און צום סאַמע שלום, ווען די אָבות האָבן זיך באַגעגנט מיט די פּאַטריאַרכן און די מוזיק איז געווען אַ מאַיעסטעטישע און די העלדן זיינען געבליבן ווי פאַרגליווערט, איז דער עולם אויך געבליבן פאַרגליווערט און עס האָט זיכער געדויערט אַ פּאָר מינוט ביז ער האָט אָנגעהויבן אַפּלאָדירן... דעמלט האָט מען נאָך נישט געקענט חלומען פון אָפּפילמען אַזאַ בילד...

דער קאַמף פאַר דעם, אַז די פעדעראַציע זאָל בלייבן אין גאַלאַץ איז פון לכתחילה געווען אַ פאַרשפּילטער. אַזוי לאַנג דער ציוניזם איז געווען אַ קליינע אָרגאַניזאַציע אין רומעניע, האָט זיך געקענט געפינען אַ ציוניסטישע פעדע־ראַציע אין גאַלאַץ, פון דעם מאָמענט אָבער, וואָס דער ציוניזם האָט זיך קאָ־לאָסאַל צעוואַקסן און ער האָט געמוזט קומען אין קאָנטאַקט אויך מיט דער מאַכט, האָט די פעדעראַציע געמוזט זיך איבערציען קיין בוקאַרעשט. פון אויסלאַנד אפילו האָט מען אויך גענומען פאַרלאַנגען, אַז מען זאָל איבערציען די פעדעראַציע אין דער הויפּטשטאָט. די „התיקווה" האָט פאַרלוירן איר הויפּט־לאָזונג און זי איז פאַרמישפּט געוואָרן צו ווערן אַ וואָכנשריפט אָן אַ היינט און מיט היסטאָרישע פאַרדינסטן. לייבוש גאָלד, דער דירעקטאָר און באַלעבאָס פון דער „התיקווה", וואָס האָט געדענקט מאַכן זיין קאַריערע ביי זיין זשורנאַל, האָט געפילט, אַז ער האָט פאַרלוירן די שלאַכט און ער האָט זיך אָנגעהויבן מער אָפּצוגיבן מיט דער אַרבעט מיט זיינער אין עקספּאָרט און אימפּאָרט־הויז קלאַינער און ער האָט אָנגעהויבן פאַרנאַכלייסיקן דעם זשורנאַל. ער איז אַ חתן געוואָרן פאַר איינעם פון די קלאַינערס אַ טאָכטער, פאַר דער הויכער, שיינער און פעסטער עלאַ, וואָס איז געווען שיעור נישט צוויי מאָל אַזוי דיק ווי ער. דער שידוך איז פאַר אים, דעם זון פון אַן אָרי־מען יידן און וואָס איז נאָך דערצו געווען נישט קיין שיינער און ער האָט גע־האַט אַ לאַנגע נאָז אַזוי ווי סעראַנאָ דע בערזשעראַק, געווען אַ גרויסע דער־גרייכונג און ער האָט נישט געקענט בלייבן אַ קבצן אַ זשורנאַליסט, ער האָט געדאַרפט ווערן רייך, כאָטש די כלה אַליין וואָלט אפשר בעסער געוואָלט, אַז איר מאַן זאָל זיין אַ באַוואוסטער ציוניסטישער פירער, איידער אַ סוחר. די „התיקווה" האָט זיך גיך פאַרמאַכט און שטערנבערג איז אָפּגעפאָרן צוריק קיין בעסאַראַביע מיט דער האָפנונג אפשר זיך צו קענען איינאָרדנען אין משערנאָוויץ, וואו עס האָט אָנגעהויבן ווערן אַ יידישער קולטור־צענטער און יאַנקל האָט באַשלאָסן אַ פאָר צו טאָן דורך פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך קיין יאַסי. די יוגנט האָט אים געוואָלט פאַרהאַלטן אין גאַלאַץ ווי אַ לערער און ווי אַן אָנפירער פון אַ קליין־קונסט טעאַטער, אָבער דאָס אומרואיקע בלוט האָט אים אַ צי געטאָן. די אַלטע היים איז געווען צו נאָענט, אַז ער זאָל קענען זיך אין גאַנצן אויסדרייען צו איר מיטן רוקן. זיין שוועסטער שיפרה איז אַ פּאָר מאָל געקומען קיין גאַלאַץ נאָך סחורה און זי האָט דאָרט צופיל געהערט ריידן וועגן איר ברודער און זי איז אים געקומען איבערבעטן. אין דער היים זיינען די געשעפטן געגאַנגען מיט דער פוטער אַראָפּ און די שוועס־טער האָט דערפילט, אַז דעם ברודערס „קאַפּיטאַל" האָט אפשר מער ווערט ווי אירער. זי האָט געקראָגן אַלץ ווייניקער און ווייניקער געלט און ער האָט געהאַט גענוג אויף צו קויפן איר און דעם ברודער און טאַטע־מאַמע מתנות. זי איז אַ פּאָר מאָל געווען ביי זיינע רעדעס פאַר אַ גרויסן עולם און זי האָט

געזען ווי מען האָט אים אויפגענומען און זי האָט זיך געגיבן חשבון, אַז דאָס דאָזיקע מין, וואָס ער פֿאַרמאָגט, איז אויך עפּעס. און זי איז גראָד אָנגעקומען, ווען ער האָט זיך געקליבן אין וועג אַריין און זי האָט אים איינגערעדט אַז ער זאָל אַהיימפֿאָרן. זי האָט אים דערציילט, אַז דער טאַטע פֿילט זיך די לעצטע צייט נישט געזונט, ער קלאָגט זיך, אַז עס טוט אים ווײ אין רוקן. און זי האָט אים איבערגערעדט.

דער פֿאָטער איז טאַקע געווען נישט געזונט, אָבער שיפֿרה האָט אים נישט גערופֿן צוליב דעם. זי האָט געהאַט פֿאַרטראַכט אַ פּלאַן פֿאַר זיך אַליין. איר חתן האָט זיך געקווײנקלט, געקווײנקלט און ער האָט אָפּגעשיקט די תּנאָים. אין שיפֿרהן איינגעפֿאַלן, אַז אויב איר ברודער, וואָס איז אַ באַוואוסטער מענטש, וועט פֿאָרן צום חתנס פֿאַמיליע, וועט ער נאָך צוריק גוט מאַכן דעם שידוך. די שוועסטער האָט געקענט, ווי מען זאָגט, איבעררײדן אַ באַרג און די מאַמע האָט צוגעהאָלפֿן און ביידע האָבן זיך גענומען צום טאַטן פֿאַרוואָס ער שווייגט און כאָטש די גאַנצע זאַך האָט אונזער העלד אויסגעוויזן ווי די נאַרישסטע קאָמעדיע, האָט ער קיין כוח און קיין האַרץ נישט געהאַט אָפּצוזאָגן און ער איז געפֿאָרן. דער חתן האָט געוואוינט אין דער דייטשער קאָלאָניע אַנטשיקראַק. וואו יאַנקל האָט זיך באַקענט מיט יאָסיף פֿרידמאַן, וואָס ער האָט געהאָפֿט צו באַנייען די פֿריינטשאַפֿט מיט אים און איצטער שוין אויף דעם גאַנצן לעבן. פֿאַקטיש האָט ער אין יענער קאָלאָניע געקראָגן דאָס ערשטע שטויסעלע צו פֿאַרלאָזן די ישיבה, אין וועלכער ער איז דעמלט ערשט געפֿאָרן, און אַרויס אין דער וועלט אַריין. ס'האָט אים אַזש אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן. אין קיליע האָט קיינער נישט געוואוסט, וואָס מיט זיין יוגנט־פֿריינד איז געוואָרן און ר'האָט געהאָפֿט זיך צו דערוויסן ביי זיינע עלטערן. פֿון טרעפֿן אים דאָרט האָט ער אַפֿילו נישט געחלומט, דאָס דאָזיקע וואָלט געווען אַ צו גרויס גליק. ער האָט שוין געהאַט געדונגען אַ וועגעלע. די רייזע האָט געדאַרפֿט געדויערן אַ גאַנצן טאָג. טראַגנדיק אַ פּעקל האָט ער באַגעגנט אַ יונגען רומענישן אָפֿיציר, מיט וועלכן ער האָט זיך פֿריער מיט אַ צוויי טעג באַקענט. יענער האָט אים געפֿרעגט וואוהין ער גייט און ס'האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז דער אָפֿיציר האָט אין אַ שעה אַרום געדאַרפֿט פֿליען אין דער זעלביקער קאָלאָניע. יאַנקל איז נאָך קיין מאָל אין זיין לעבן נישט געהאַט געפֿלויגן, אָבער ער האָט זיך אָן וואַקלענישן געלאָזט איבעררײדן. די עלטערן האָט ער נישט אויסגעזאָגט. ווען דער עראָפּלאַן האָט נאָך געשפּאַנט אויף דער ערד, האָט ער זיך געפֿילט מונטער, אָבער ווען ער האָט זיך געגיבן אַ הייב אויף, האָט אין אים עפּעס אַ ציטער געטאָן, גלייך עס וואָלט זיך אינעווייניק אין אים עפּעס אָפּגעריסן. עס האָט אים שוין באַנג געטאָן. עס איז אים געקומען אויף דעם געדאַנק, אַז ער דאַרף זאָגן ווידוי, אָדער כאָטש אַ זאָג טאָן שמע ישׂראל... ס'האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט און ער האָט זיך באַרו־

איקט און ער האָט נייגעריק גענומען קוקן דורך דעם פענסטערל און ער האָט זיך געפרייט מיט דער פּאַנאָראַמע, וואָס ער האָט געזען. און ער האָט אָנגעהויבן ריידן מיטן אָפיציר. יענער האָט אים געפרעגט, צי ער פליט צום ערשטן מאָל און ער האָט זיך געחידושט, וואָס ער האַלט זיך אַזוי רואיק און ער האָט געזאָגט, אַז אַנדערע, וואָס פליען צום ערשטן מאָל ברעכן און קריגן ספּאַזמען און אים מאַכט דאָס שפּאַס; ער האָט דאָס ליב צו זען און דערפאַר האָט ער אים איינגעלאַדן. יאַנקל האָט אין דעם געזען אויב נישט אַ סאַדיזם, איז אַ געוויסע וואָוילויונגערישקייט. און דערפאַר טאַקע האָט ער זיך געמאַכט נאָך מער רואיק ווי ער איז געווען אויף אַן אמתן. דער פליער האָט זיך אויפגעהויבן איבער די כמאַרעס און ביי זיין איינציקן פּאַסאַזשיר האָט אַ גרים געטאָן אין בויך, אָבער ער האָט זיך נישט אויפגעהערט זאָגן „האַלט זיך!“ און ער האָט זיך דורך אויטאָסוגעסטיע באַהערשט. עס איז אים געפעלן געווען צו זען די כמאַרעס אונטן. ביים אָנהויב האָט ער אַרויסגערופן שטוינונג ביי אים — דער הימל איז גאָר אונטן, נישט אויבן, דערנאָך האָט זיך דערצו צוגעוואוינט און ס'איז אים געפעלן. דער פליער האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט געפירט אַמאָל אַ קאָלאָנעל, האָט יענער געבראָכן און ס'האָט אים, איז געווען קענטיק, אַביסל פאַרדראָסן, וואָס דער ייד ווייזט אַרויס אַזויפיל מוט. יאַנקל האָט זיך דערמאָנט ווי אַזוי טאָלסטאָי האָט געפּרואווט פליען פון פענצטער אַרויף און ווי אַזוי ער אַליין האָט געפּרואווט פליען... ער האָט אַמאָל ערגעץ געלייענט, אַז מענטשן, וואָס האָבן געזען צום ערשטן מאָל ווי אַן עראָפּלאַן האָט זיך אויפגעהויבן, האָבן געזאָגט, אַז ס'איז אַ גרויסע פרייד צו זען מענטשן פליען ווי פייגל. און ער האָט זיך אויך דערמאָנט די לופטבאָמבאַרדירונגען אין בוקאַרעשט. אַ פּנים, אַז די דואַליסטן זיינען פאָרט גערעכט. יעדע זאַך קען זיין אי צו גוטן, אי צו שלעכטן. די שליחות זיינע האָט אונזער העלד שנעל נישט דערפילט. ער האָט באַלד געזען, אַז עס זיינען אַרויסגעוואָרפענע רייד. דער חתן האָט זיך כמעט ווי אויסבאַהאַלטן ווי פאַר אים און אין די פּאָר ווערטער, וואָס ער האָט געביטן מיט אים, האָט ער אים געזאָגט: „איר געפעלט מיר זייער פאַר אַ שוואָגער...“ די גאַנצע קאָנפערענץ האָט געפירט דעם חתנס מאַמע, וואָס איז געווען אַ יידענע אַן אשת חיל. זי האָט געזאָגט: „די כלה איז דאָך אייער שוועסטער, ווילט איר, אַז כ'זאָל ריידן אויף איר שלעכטס אייך אין די אויגן?“ זי האָט אים דערמיט אָפּגעשניטן יעדע מעגלעכקייט פאַרצוזעצן דעם שמועס. די מאַמע האָט געוואָלט אַרויסווייזן איר „קאָזאַקישקייט“, האָט זי געזאָגט, אַז זי האָט אַ פולע שטוב מיט מוידן, איינע שענער פון דער אַנדערער, איז אויב ער וויל, קען ער זיך אויסקלויבן, וועלכע וועט אים געפעלן. ער האָט געפרעגט, צי די מיידלעך האָבן שוין גאָרנישט דיין דעה, האָט זי געענטפערט: „נישט ביי מאַטיען!“ און זי האָט געמיינט, אַז ווער ווייסט ווי זי האָט נושא חן געווען מיט דעם ביי אים. ער

האָט געפּרואווט מאַכן אַ שפּאַס מיט איר און ער האָט זי געפרעגט, צי מ׳קען מאַכן אַ בייט, אַז ער זאָל נעמען אַ טאָכטער און דער זון זאָל דערפאַר נישט אָפּלאָזן דעם שידוך און ער האָט זיך געקלערט, אַז דאָס דאָזיקע וואָלט געקענט זיין אַ טעמע סיי פאַר אַ קאָמעדיע, סיי פאַר אַ מעלאָדראַמע. און כאָטש ער האָט דאָס געזאָגט מוראדיק ערנסט, האָט די אַלטע דערפילט דעם שפּאַס און זי האָט געזאָגט, אַז זי איז שוין אַ געררייכערטע, זי נעמט מען נישט אין זאַק אַריין.. באַלד האָבן זיך באַוויזן איייניקע פון די טעכטער — פעסטע, אויסגעפּאַשעטע, זיי האָבן אַלע געהאַט דעם שטעל פון דייטשקעס און יידיש ברענענדיקע אויגן.

יאַנקל האָט זיך באַלד דערוואוסט, אַז זיין יוגנט־פריינד איז שוין נישט צווישן די לעבעדיקע. ער איז אומגעקומען אין פּראָסקוראָוו, וואו ער איז געווען העברעאישער לערער. די כוליגאַנעס האָבן אים גענומען מיט נאָך אַנדערע יונגע און עלטערע יידן פאַר אַ משכון און ער האָט זיך שוין קיין לעבעדיקער נישט אומגעקערט... דער טאַטע זיינער האָט אויסגעזען ווי פון אכציק יאָר. ער איז אַלט געווען אפשר זעבציק. אונזער העלד האָט זיך דערמאָנט, אַז ווען ער האָט אים געזען צוריק מיט אַ יאָר דרייצן, איז ער געווען אַזאַ פעסטער, אַז די ערד האָט זיך אונטער אים געשאָקלט. „פאַר ערגערנישן, קינד מיינס, האָט ער געזאָגט צו זיין גאַסט און זיך נישט אויפגעהערט ווישן די אויגן, אַזאַ קינד... כאָטש וואָס ווייןן איך? איך דאַרף דאָך זיין שטאָלץ! אַזוי שטאַרבן! על קידוש השם! דאָס איז דאָך אַזאַ זכיה!” ער האָט געפּרואווט שמייכלען און נישט געקענט.

ווען אונזער העלד איז אַרויסגעגאַנגען פון זיין פריינדס טאַטן, האָט ער געטראָפן דעם פליער. ער האָט זיך געגרייט צוריקפליען. ער האָט אים געוואָלט מיטנעמען, אָבער אים האָט זיך איצטער נישט געגלוסט פליען. ער האָט עפּעס געהאַט אַ מאָדנע פאָרגעפיל. חוץ דעם האָט ער געוואוסט, אַז אויב ער וועט אין דעם זעלביקן טאָג צוריקקומען, וועט נישט שיפרה און נישט די מאַמע גלויבן, אַז ער איז טאַקע דאָרט געווען און אַז זיי וועלן שוין יאָ גלויבן, וועלן זיי ערשט האָבן טענות פאַרוואָס ער האָט זיך געאיילט און זיי וועלן זאָגן, אַז ווען ער בלייבט דאָרט כאָטש אַ צוויי טעג און ער רעדט, וואָלט ער זיי איבערגערעדט. איז ער געבליבן און זיך געטראָגן מיטן פעקל און געזוכט ערגעץ אַ פּלאַץ אין אַן אַכסניה און ער איז דערווייל אַרויסגעגאַנגען אין פעלד אַריין. ס׳איז געווען אָנהויב זומער און די תבואה איז שוין געווען הויך. בעסאַראַבישע ערד און דייטשע הענט... די תבואה האָט שוין געשמעקט ווי ברויט. איבערהויפּט האָט געשמעקט דער קאָרן. די ברוסט האָט זיך אַליין צענעמען. דאָס האַרץ איז געבליבן פאַרקלעמט. ער האָט שטענדיק געהאָפט, אַז ער וועט זיך ערגעץ באַזעצן אין איינעם מיט יאָסיפן. צום בעסטן וואָלט אים געפעלן אין ארץ ישראל... אין איינעם אַרבעטן, לערנען, לייע־

נען, אַנאַליזירן... אים פלעג זיך אַפילו דאַכטן, אַז ווען זיי וועלן זיין אין איינעם, וועלן זיי נישט חתונה האָבן און קיין שום פרוי וועט זיך זיי נישט שטעלן אין וועג... פון אַלטן שוחט האָט ער געהערט, אַז זיין זון איז געווען חתונה געהאַט, ער האָט געהאַט אַ טייער ווייבל און אַ זעלטן ייִנגעלע... טרערן זיינען אים נישט געקומען. דאָס האַרץ איז געבליבן פאַרשלאָסן און ס'איז אים געווען שווער. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט עטלעכע באַקאַנטע אין דער קאָלאָניע, טאַקע קיליער יונגע מענטשן, וואָס האָבן זיך דאָרט באַזעצט. דאָרט האָבן געוואוינט אַ ברודער מיט אַ שוועסטער, וואָס האָבן גענומען אַ שוועסטער מיט אַ ברודער און אַלע פיר זיינען געווען זיינע גאָר נאָענטע פריינט אין דער היים, איידער ער איז געגאַנגען דינען און אין איין פרוי איז ער פאַרליבט געווען, ווייל זי איז געווען זייער שיין און קלוג, אָבער ער האָט זיך אַנטוישט, ווייל ער האָט זיך איבערצייגט, אַז זי איז פאַלש. זי האָט זיך אַרומגעדרייט מיט חיים יאַנקלס ייִנגסטן זון, וואָס איז געווען אַ האַלב צעדרייטער, נאָר ווייל ער איז געווען רייך. די צווייטע פרוי איז נישט געווען קיין שיינע, זי האָט אויסגעזען ווי אַ ייִנגל און זי האָט געהאַט אַ ייִנגליש קולכל, אָבער זי איז געווען זייער קלוג און באַלייענט און אויפריכטיק און האַרציק און ער האָט אַלעמאָל מער זיך אַנטציקט פון איר און אָפט געחלומט פון איר. ווען ער איז אַריינגעקומען אין קאָלאָניע אַריין, איז דאָרט געווען אַ גערויף. ער האָט זיך באַלד דערוואוסט אַז אַן עראָפּלאַן האָט זיך ביים אויפהויבן אָנגעצונדן און ער איז פאַרברענט געוואָרן און דער אַוויאַטאָר מיט זיין געהילף זיינען ביידע אומגעקומען; מען האָט די צוויי קערפּערס געפירט אין שפּיטאָל אַריין. דאָס פּנים פון וואָוויליונגערישן און גוטמוטיקן אָפיציר איז אין גאַנצן געווען פאַרברענט און נישט צום דערקענען. יאַנקל האָט זיך אַרויסגעכאַפּט, אַז ער איז געקומען קיין אַנטשיקראַק מיט דעם זעלביקן עראָפּלאַן און דער קאָמענדאַנט פון דעם גאַרניזאָן האָט אים אויסגעפרעגט פאַרשיידענע זאַכן און דערנאָך ערשט האָט ער אים גענומען פרעגן צוליב וואָס ער איז געקומען און ער האָט אים געענטפערט, אַז אַ חתן ווערן...

אַהיים איז יאַנקל צוריקגעקומען נישט ווי אַ גרויסער העלד און ער האָט נישט לאַנג געטראַכט און ער איז אַוועקגעפאָרן קיין בוקאַרעשט. אין די אַכט חדשים, וואָס ער האָט געפעלט פון דאָרט, האָבן אַ סך זאַכן פּאַסירט. באַרבו נעמצעאַנו איז געשטאָרבן. מען האָט דערציילט, אַז גאַלאַ גאַלאַקטיאָן האָט אים האַרץ־רייסנדיק באַקלאָגט. ער האָט גערעדט די גאַנצע צייט ווי צו אַ לעבידיקן. ביים אָנהויב איז דאָס געווען אַ קליין ביסל קאָמיש, אָבער דערנאָך איז עס שוין געווען נאָר רירנדיק. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז אַ קינד מיט אַ גרויסער באָרד שטייט און רעדט. לעאָפּאָלד קאַנער דער שוישפּילער איז אויך געשטאָרבן. ער איז געווען יונג און געזונט, אָבער ער האָט געפּאַקט אַ טיפוס און ער איז געשטאָרבן. יאַנקל האָט געוואוסט, אַז ער איז

געווען איינער פון די שענסטע און עלעגאַנטסטע יִידישע קאָמיקער, וועלכן מען האָט נישט דערשאַצט, ווייל ער האָט שטענדיק אַרויסגעשטעלט זיין פרוי, וואָס האָט געהאַט אַ סך ווייניקער טאַלאַנט פון אים און איבערהויפּט האָט זי געהאַט ווייניקער חן פון אים. באַרבו לאַזאַרעאַנו האָט דערציילט, אַז ער האָט זיך געקליבן האַלטן אַ הספּד ביים קבר, אָבער ווען די פרוי פון פאַרשטאָרבענעם האָט מיט נישט זייער אויפריכטיקן געוויין אים געבעטן, אַז ער זאָל ריידן, האָט עס אים אָפּגענומען דעם אַפּעטיט און ווען מען האָט געטראָגן דעם אָרון און די מענטשן זיינען געגאַנגען איבער אַ נישט גלייך געסל און זיי האָבן זיך געשאָקלט אַרויף און אַראָפּ, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער זעט קאַנערן טאַנצן... און כאָטש מען האָט געמיינט, אַז סאַראַ קאַנער איז דער עיקר, איז אָבער מיט דעם טויט פון לעאָפּאָלדן געפאַלן די קאַנער־דינאַסטיע. די טאָכטער, די חנוודיקע טינאַ טוכטין, איז אַוועק פון טעאַטער. זי פלעג שפּילן קליינע ראָליען און האָבן גרויסע דערפאָלגן און די מוטער פלעג זיין מוראדיק אייפערזיכטיק אויף איר. יאַנקל האָט זיך דערמאָנט, אַז די יונגע אַקטריסע האָט אַמאָל געהאַט אַ ווילדן דערפאָלג מיט אַן אימיטאַציע אויף דעם פראַנצויזיש־רומענישן אַקטיאָר אַוואָראַ, וואָס ער און שטערנבערג האָבן איר געגיבן צו שפּילן. זי האָט געטראָגן אַ קאָמעדיאַנטן־קאָסטיום און האָט געהאַט צו זינגען אַ קופּלעט און צו טאַנצן. די מוטער פלעג שטיין אויף דער בינע און קוקן, וואָס די טאָכטער טוט און נאָכמאַכן און דערנאָך האָט זי זיך געמאַוט פּונקט אַזאַ פּאַיאַצן־קאָסטיום... טינאַ האָט געהאַט אַ נייגונג דיק צו ווערן, אַ פרוי פון אַ קצב איז זי געווען, האָט זי זיך צוגעכאַפּט צום עסן און באַלד ווי זי איז געוואָרן אוים אַקטריסע, איז זי געוואָרן ווי אַ פּעסל. סאַראַ קאַנער איז אַרויסגעפאָרן אין דער פּראָווינץ מיט אַ טרופּע און איר שוואָגער לעאָן בערגער האָט געוואָלט איבערנעמען די מלוכה און עס זיינען צווישן די צוויי שוועסטער פאָרגעקומען געשלעגן אויף דער בינע, פאַר דעם פּובליקום אין די אויגן און ביידע האָבן געהאַלטן רעדעס צום עולם און אַפּעלירט צו אים, אַז ער זאָל אורטיילן ווער עס איז גערעכט...

דער יונגער זינגער און שוישפּילער חיים מאיר סעגאַלעסקו איז אויך געשטאָרבן. ער איז געפאָרן שפּילן טעאַטער קיין פּוילן און ער איז דאָרט געשטאָרבן. די שפּאַניאָלישע פרוי זיינע, וואָס האָט גערעדט יידיש, איז אים געפאָרן זען טויטערהייט און זי האָט אים ערגעץ געטראָפן אין אַ מאָרג; זי האָט געזאָגט, אַז זי האָט אים נישט דערקענט און זי האָט געפרעגט, צי קען אַ פרוי, וואָס האָט געלעבט זעקס יאָר מיט אַ מאַן, אים נישט דערקענען נאָכן טויט? זי האָט שטענדיק געהאַט אַ פאַרדאַכט, אַז ער איז נישט געשטאָרבן, נאָר ער איז אַוועק פון איר און פון קינד.

די שטאָט איז פול געווען מיט בעסאַראַבער. עס זיינען געווען אַ סך סוחרים און אַ סך סטודענטן. מען האָט געהערט אַ סך רוסיש און יידיש האָט

מען אויך געהערט אין די הויפּט־גאַסן פון בוקאַרעשט מער ריידן ווי אַמאָל. יאַנקל האָט געזוכט וואו ערגעץ זיך צוצוטוליען און ער האָט נישט גע־פונען. ווי א ווייבער האָט געגיבן א קום אַן קלאַרא יאַנג. זי איז געקומען פון רוסלאַנד און זי האָט דערציילט, אַז איר האָט מען לעגאַל אַריבערגעלאָזט איבער דער גרעניץ, ווייל זי איז אַן אַמעריקאַנערין. אַנדערע יידן האָבן גע־גנבעט די גרעניץ און מען האָט זיי באַשווינדלט און באַגנבעט און א סך האָט מען אויך אויסגעהרגעט. דער דניעסטער איז פול מיט יידיש בלוט. זי איז גע־קומען אין איינעם מיט אַן אַמעריקאַנער יידן, אַן עלטערער מאַן, מיט אַן אינטעליגענט אויסזען. ער האָט גערעדט א שווערן יידיש און ער האָט זיך דאָך געהאַלטן פאַר א יידישיסט. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַנטלאָפן פון אָדעס, ווייל די כוליגאַנעס זיינען אַריין אַהין און ווען די באָלשעוויקעס וועלן צוריקקומען, וועט ער צוריקפאָרן קיין אָדעס און ער וועט זיך דאָרט אָפּרעכ־נען מיט אייניקע כוליגאַנעס. ער איז געווען ווי א שטיק פייער, כאָטש ער איז געווען אַלט און ער האָט געהאַט איין פאַרלאַנג: נקמה. עס איז געווען גרינג צו דערקענען לויט יענעם יידן, וואָס פאַר א געפילן די קאַמפן האָבן אין רוסלאַנד אָנגעצונדן און צעפלאַקערט ביי די מענטשן... קלאַרא יאַנג האָט אין זיך פאַרמאָגט אַמעריקאַנער עלעגאַנץ און רוסישן אימפּעט. זי האָט גע־בראַכט דעם אָטעם פון צאַרטער און שטורמישער ווייבלעכקייט און עכט־קינסטלערישער באַהעמישקייט. זי האָט געבעטן איר חסיד און פריינד, אַז ער זאָל איר אָנשרייבן א פּיעסע און ער איז עטלעכע נעכט נישט געשלאָפן און ער האָט געהאַט ביי זיין טיש אי בלומען, אי א פלאַש בראָנפן — ביידע האָט קלאַרא יאַנג געבראַכט. זי איז אויך אַלעמאָל געקומען צו אים אין אַרי־מען צימערל אַריין זען, צי ער שרייבט און זי האָט אים דערציילט ווי אַזוי פרץ אַליין איז געווען פאַרליבט אין איר און ווי אַזוי דער דיכטער יצחק קאַ־צענעלסאָן איז געווען פאַרליבט אין איר און ער האָט געזאָגט, אַז צוליב אירע אויגן וועט ער איר אָנשרייבן א פּיעסע, אָבער צוליב אירע אויגן קען ער נישט שרייבן... ער האָט איר דאָך אָנגעשריבן א פּיעסע, וואָס ער האָט גע־רופן „אנא, בלייב". די הויפּט־העלדין איז געווען א פּשוט מיידל, וואָס אַלע האָבן ליב געהאַט און זיי האָבן איר שטענדיק געלאָזט אוועקגיין און זיי האָבן איר געזאָגט און געוויינט: „אנא, בלייב!" זי האָט ציטירט א שטעל פון א לידל, וואָס איז יאַנקלען פאַרבליבן אין געמיט צוליב דער האַרציקייט מיט וועלכער זי האָט עס געזאָגט. זי האָט מעלאָדעקלאַמירט:

איך בין אַמאָל א קינד געווען, אַן אומשולדיקס וועזן
זאָגט, ליבע פריינט, ווער פון אייך איז דאָס נישט געוועזן?
געשפּילט מיט קינדער זיך,
געשפּילט אין זאַמד, אין טשייכן,

געפעלן בין איך איינעם דאָרט, אַ ייִנגעלע אַ בלייכן.
איין מאָל קום איך און איך זאָג:
קינדער, איך גיי שוין,
איך וועל נישט שפּילן מער מיט אייך אין זאַמד,
איך בין פאַר אייך צו גרויס שוין.
כאַפּט זיך איינער אויף
ישׂראליקל דער בלאַסער
און פאַלט אויף מיר און וויינט
און גיסט מיט טרערעלעך ווי וואַסער:
אָ, אַנאַ, בלייב! אָ, אַנאַ, בלייב,
דו ביזט דאָך אונזער לעבן;
אַלע שטיבעלעך פון זאַמד,
וועלן מיר דיר געבן,
דו ביזט אונזער קרוין,
דו ביזט אונזער קרן,
דו ביזט אונזער אַלץ,
מיר ווילן דיך נישט אָנווערן...

זי האָט עס געזונגען מיט פולע אויגן און איר אייניקל צוהערער זיינען אויך געקומען טרערן אין די אויגן. זי האָט געזונגען נאָך אַ לידל פון דער זעלביקער פּיעסע. דאָס לידל האָט געהייסן „איך בין פון די..." און אויך דאָס דאָזיקע לידל איז געבליבן אונזער העלד אין געמיט, ער געדענקט שורות:

איך בין פון די,
וואָס ווילן, אַז דער ווין זאָל שוימען,
פון די, וואָס ווילן און וואָס קענען
וואַכנד טרוימען,
איך בין פון די, וואָס דוצט אַ פרעמדן
און טרינקט מיט אים געמיינזאַם,
פון די, וואָס לעבן קורץ
און שטאַרבן איינזאַם...

קלאַראַ יאַנג האָט דערציילט, אַז ז. סעגאַלאָוויטש האָט זיך געקלאָגט, אַז קאַצענעלסאָן האָט דאָס דאָזיקע לידל ביי אים פּלאַגיאירט. שפּעטער מיט אַ צייט האָט אונזער העלד טאַקע געפונען אין סעגאַלאָוויטשעס בוך ענלעכע שורות, אָבער צי קאַצענעלסאָן האָט זיי געהאַט גענייעט, ווייסט ער נישט;

סיי ווי האָבן ביידע לידלעך שטאַרק געשמעקט מיט לערמאָנטאָווס ליד „יאַ טאַט, קאָטאָרי...״

יאַנקל האָט אָנגעשריבן אַ מין פאַרס, וואָס ער האָט גערופן „365״. די טעמע איז געווען אַ ווילדע. אַ גרופּע יונגעלייט האָבן זיך אומגעקוקט, אַז די חתונה איז אַ ליגן און אַז מען דאַרף דאָס גאַנצע צוזאַמענלעבן איבערבויען און זיי האָבן זיך געקליבן צונויפנעמען 365 מיידליך און 365 יינגלעך אין איין קאָלאָניע אַריין און זיי האָבן אָפּגעמאַכט, אַז מער ווי איין טאָג אין יאָר, זאָל אַ מאַן מיט דער זעלביקער פרוי נישט וואוינען. די פּיעסע האָט פאַרגע־שטעלט דאָס בויען די קאָלאָניע און עס זיינען פאָרגעקומען קאָמישע סצענעס אין ביוראָ, עס זיינען געקומען מיאוסקייטן און אַלטע לייט. עס זיינען אויך געווען רעוואָלוציאָנערן און עקזאָטישע טיפּן. דער פאַרס איז געווען אַ געמיש פון האַמסוניזם, רעוואָלוציאָנערישקייט און פּאָרנאָגראַפיע. קלאַראַ יאַנג האָט באַלד איינגעזען, אַז די פּיעסע איז נישט פאַר אירע באַלעבאַטישע צושויער, וואָס ווילן פּאָרנאָגראַפיע, אָבער אין אַ פרום הייטל; דאָס העפט מיטן שטיק איז ערגעץ פאַרשוואונדן געוואָרן און דער מחבר האָט שפּעטער געטראָפן שטי־קער פון זיין שטיק אין אַ חברס אַ פּיעסע...

מיט דעם זעלביקן אימפּעט מיט וועלכן די עקזאָטישע אַקטריסע איז אָנ־געקומען, מיט דעם זעלביקן איז זי פאַרשוואונדן געוואָרן. די אַרבעט דורך די נעכט איז געווען אַרויסגעוואָרפן און יאַנקל האָט גענומען זוכן פּלאַץ. אין דער פאַרבאַנד פון די איינגעבירגערטע יידן, וואָס מען האָט גערופן קורץ „אוניוניאַ״, האָט מען איינגעפירט קורסן פון פאַרשיידענע לימודים און אויך פון יידישע. גאַלאַ גאַלאַקטיאָן האָט דאָרט געלערנט רומענישע ליטעראַטור. אַלע לעקטאָרס האָבן גערעדט רומעניש. יאַנקלען האָט מען איינגעלאַדן צו האַלטן אַ קורס פון דער יידישער ליטעראַטור אויף יידיש. ער איז געווען זייער איינגעריסן מיט דער „אוניוניאַ״, ער האָט אַ סך שאַרפע אַרטיקלען געשריבן קעגן איר, דאָך האָט מען זיך מיט דעם נישט גערעכנט. די קורסן זיינען נישט געווען קיין אומזיסטיקע פאַר די שילער און יאַנקל האָט געשלאָגן רעקאָרד. זיינע קורסן האָבן געהאַט די גרעסטע צאָל צוהערער. און ער האָט געהאַט צווישן זיי נישט נאָר מאָלדאַווישע און בעסאַראַבער, נאָר אויך בוקאַרעש־טער, אָבער דער דערפאָלג איז דאָך געווען נאָר אַ מאָראַלישער. פון די פאַרדינס־טן ווי אַ לעקטאָר האָט ער נישט געהאַט גענוג אויף צו לעבן און פריינט האָבן אים גענומען צוריידן, אַז ער זאָל זיך מאַכן אַן אָוונט. ער איז זייער פאַפּו־לער און מען וועט צו אים קומען. ער האָט זיך געלאָזט איבעררעדן און ער האָט אָנגעשריבן אַ רעווי אין איין אַקט, וואָס ער האָט גערופן „פילאַנגלאָ־קיע״. דאָס איז געווען אַקעגן דער פילאַנטראָפּיע, וואָס וויל ס׳זאָל זיין מיט גלעקלעך און ס׳זאָל קלינגען. דאָס וואָרט האָט אייגנטלעך געשאַפן זיין פּע־טער, וואָס איז געווען שטאַרק בייז אויף איינעם פון זיינע באַלעבאַטים, וואָס

האָט אים מוראדיק עקספּלואַטירט און ער האָט זיך דאָך געמאַכט אַ שם פֿון אַ פֿילאַנטראָפּ מיט דער הילף פֿון באַצאָלטער רעקלאַמע. ווי דער פֿעטער האָט עס געקאָכט קענן זיין באַלעבאָס! ער האָט אויסגעזען ווי דוד פּינסקיס אייזיק שעפּטל אויף דער עלטער. אין דער רעווי האָבן געשפּילט סאַמע נישט פּראָפֿעסיאָנאַלן. געווען אַ זייער מוזיקאַלישער בחור, וואָס איז געקומען פֿון אוקראַינע, ער האָט געהייסן חיים שוואַרצמאַן. ער האָט דווקא געוואָלט ווערן אַ שוישפּילער און טאַקע אַ געזאַנגס־ליבהאָבער. ער האָט זייער שיין געזונגען, אָבער ער האָט געהאַט זייער נישט קיין צוגעפּאַסטע פֿיגור און נישט קיין שיין פּנים. יאַנקל האָט אים געגיבן צו שפּילן אַן אַלטן פֿילאַנטראָפּ אַ באַנקיר און ער האָט געהאַט אַ ווילדן דערפֿאָלג. אין דער רעווי האָט זיך אויך באַטייליקט אַבראַם קאָסי פֿון איזמאַיל, וואָס האָט שוין שטודירט אין בוקאַרעשט אויף דעם מעדיציניש פֿאַקולטעט. ער האָט געזונגען רוסישע ראָמאַנסן אויף יידיש און ער האָט זיך זיי אַליין אַקאָמפּאַנירט און ער האָט געהאַט אַ גרויסן דערפֿאָלג, ווייל ער איז געווען שיין ווי גאָלד און ער האָט געהאַט חן און ווייל — ער האָט גערעדט אַ שלעכטן יידיש. דעם דאָזיקן סוד, אַז מיט שלעכט ריידן אַ שפּראַך, קען מען האָבן גרויס דערפֿאָלג אויף דער בינע, האָט זיך אונזער העלד ערשט דעמלט דערוואוסט. איינע פֿון די סצענעס, וואָס האָט געמאַכט אַ שטורעם, איז געווען אַ דיאַלאָג צווישן אַ בעסאַראַבישן און אַ רומענישן יידיש, וואָס דער ערשטער רעדט חצי גוייש, פּאָלאָווינע יידיש און דער צווייטער רעדט „זשומאַטאַטע יידיש". דער דיאַלאָג האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט „לאָמיר זיך איבערבעטן" און דער זאַל איז געגאַנגען כּאַדאַראָם. באַוויזן האָט זיך דעמלט אַ יונגער שוישפּילער, וואָס האָט געהייסן ארמאַן פּאַסקאַל. ער איז געווען אַ פּאַרטיקער קאָמיקער, אָבער ער האָט נישט געקענט קיין יידיש, ער האָט זיך געקליבן ווערן אַ רומענישער, אָדער פֿראַנצויזישער שוישפּילער. ער האָט געקענט גלענצנדיק אימיטירן און ער האָט אימיטירט אונזער העלדס אַ רעדע און ער האָט אויפֿגעהויבן דעם זאַל. ער האָט אַזוי גוט געקענט אימיטירן, אַז מען האָט אַפֿילו נישט דערקענט, אַז ער קען נישט קיין יידיש... דעם גרעסטן דערפֿאָלג האָט געהאַט אַ יונגע אַקטריסע, אַ פּרעכטיקע זינגערין, וואָס איז דעמלט געווען יונג און שיין און זי האָט גערעדט אַ האַרציקן יידיש. צו דער יידישער בינע האָט זי נישט צוגעלאָזט, צו דער רומענישער איז איר אויך געווען שווער צוצוקומען, אָבער זי איז דאָך גיך געוואָרן אַ רומענישע שוישפּילערין. יאַנקל האָט זי גענומען פֿאַר אַט גלייכן שותּף, כאָטש זי וואָלט געווען געגאַנגען פֿאַר קליין געלט, אַזוי ווי אַלע אַנדערע באַטייליקטע. זי האָט געשפּילט די סימבאָלישע פֿיגור אָ ר י מ ק יי ט און זי האָט קלאָגנדיק געזונגען „אָט, אָט אַזוי עס די ציג פֿון דאָך די שטרוי", אָבער ווען זי איז צוגעקומען צו די שורות „אויפֿן בוידעם שטייט אַ האָן און זיין קאַם איז פֿייער רויט", האָט זי געביטן דעם מינאָרן טאָן אויף אַ מאַ־

זשאָרן און זי האָט אַ זאָג געטאָן: „ציטערט, ווען דער רויטער האָן וועט זיך צעקרייען, נישט וויינען וועל איך, זינגען וועל איך!" און זי האָט געזונגען דעם אינטערנאַציאָנאַל וואָס יאַנקל האָט ספּעציעל איבערגעזעצט, ווייל ער האָט נישט געקענט די באַקאַנטע יידישע איבערזעצונג. אין רומעניע האָט מען דערנאָך געזונגען דעם אינטערנאַציאָנאַל נישט אין מאָרים ווינטשעווסקיס אי־בערזעצונג, נאָר אין יאַנקלס. עס זיינען פאָרגעקומען אָוואַציעס אין זאַל. אין טאָג פון אָוונט איז אין דער „מענטואירעא" דערשינען אַ גרויס אַרטיקל וועגן אונזער העלד מיט רובינס אַ קאַריקאַטור פון אים. צום ערשטן מאָל האָט ער אַליין געהאַט אַליין אַן אָוונט און צום ערשטן מאָל האָט מען אים אַזוי באַ־זונגען. אויך אין דער רומענישער פּרעסע זיינען געווען וואַרעמע אַרטיקלעך. אָבער נאָך דעם אָוונט איז געווען אַ גרויסע פּאַטעטישע רעצענזיע גאָר אין דער רומעניש־סאָציאַליסטישער ציטונג „סאָטשיאַליזמול"... אַ דאַנק דער גרויסער פּרעסע פאַר דעם אָוונט איז געקומען אַ ריזיקער עולם. געהאָלפן ברענגען אַ גרויס פּובליקום האָט אויך גאַלאַ גאַלאַקטיאָן, וואָס האָט זיך באַ־טייליקט און וואָס איז געווען זייער באַליבט ביי בוקאַרעשטער יידן. ער האָט געהאַלטן אַ רעדע וועגן בעל שמחה און ער האָט אָנגעהויבן מיט די ווערטער: „איך וואָלט אייך געקענט זאָגן אַ סך, וועגן דעם „אפּיקורס", דעם העלד פון היינטיקן אָוונט, אָבער איך וועל אייך זאָגן ווייניק, וואָס וועט זיין אַ סך — איך האָב אים ליב..." דער גרויסער רומענישער שריפטשטעלער האָט דערנאָך געזאָגט, אַז כאָטש דער העלד איז אַ הייסער ייד און אַ ציוניסט און אַ סאָציאַליסט, איז ער אויך אַן עכטער רומענער, ווייל ער האָלט בעסאַראַביע פאַר זיין היים... אין יענעם אָוונט האָט זיך אויך באַטייליקט דער יונגער קי־ליער מוזיקער מיכל גערבערעאָוו, וואָס איז געווען זון פון פּאַריקמאַכער און ער האָט זיך שוין געשניטן אויף קאָמפּאָזיטאָר און האָט געלערנט אין אַ מו־זיק־שול און ער האָט שוין געשפּילט מאַנדאָלין.

פון דעם אָוונט איז געבליבן אַ גרויסע סומע געלט, שוין נאָך דעם, וואָס יאַנקל האָט געמאַכט אַ גרויסן באַנקעט ביז אין טאָג אַריין. עס איז געבליבן מער ווי פופצן טויזנט לעי, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ קנאַ־פּע טויזנט דאָלער. די יונגע שושפּילערין איז פּשוט משוגע געוואָרן, באַ־קומענדיק אַזויפיל געלט. זי האָט אַזש איינגעלאַדן איר נייעם פריינד צו זיך אויף ביינאַכט און ער האָט זיך געפילט מאָדנע און ער איז אָפּגעלעגן אַ שלאָפלאָזע נאַכט ביי איר אין צימער און איר אפילו קיין קוש נישט געטאָן, ער האָט געפילט, אַז עפּעס איז דאָ נישט שיין און זי האָט זיך געפילט באַ־ליידיקט און האָט שטיל געשוויגן און איז אים געבליבן אַ קאַלטע, ווייטע פריינדין... ער האָט דאָס געלט באַלד צעטיילט צווישן אָרימע סטודענטן, וואָס האָבן אים בסדר אַרומגערינגלט. אין בוקאַרעשט איז דעמאָלט געווען אַ סטודענטן־קאַנטינע, וואָס דער פילאַנטראָפּ אהרן מעלצער האָט אויסגעבויעט

און יאַנקל האָט דאָרט געגעסן, כאָטש ער איז נישט געווען קיין סטודענט, מען האָט פאַר אים געמאַכט אַן אויסנאַם. אין יענער קאַנטינע איז פּאַרגעקומען אַ קאַמף צווישן בעסאַראַבישע און רומענישע סטודענטן און ס׳איז אויך פּאָרגעקומען אַן אָנהויב פון פאַראייניקונג צווישן זיי. די קריסטלעכע סטודענטן פון בעסאַראַביע האָבן גיכער געוואָלט זיין אין דער יידישער קאַנטינע, איידער אין דער רומענישער, די בעסאַראַבער יידישע סטודענטן זיינען געווען דערפאַר מען זאָל זיי אַריינגעמען, אָבער די רומענישע יידן האָבן דאָס בשום אופן נישט געוואָלט. די מערסטע רומענישע סטודענטן זיינען דעמאָלט שוין געווען פאַרסמט מיט אַנטיסעמיטיזם און צווישן זיי און די יידישע איז געווען אַ תהום, בעת אין בעסאַראַביע האָט עס געהאַלטן ביי אַ האָניק־חודש צווישן יידן און קריסטן, כאָטש עס האָבן שוין נישט געפעלט קיין קאַריעריסטן און פּאַרעטער צווישן די בעסאַראַבישע רומענער. דעם ערשטן גרויסן ביישפּיל האָט געוויזן דער געוועזענער סאָציאַל רעוואָלוציאָנער יאָאַן אינקוליעץ, וואָס איז געוואָרן מיניסטער פאַר בעסאַראַביע. און ער האָט אַ סך פון זיינע געוועזענע פּאַרטיי־חברים דערטרונקען אין דניעסטער. די בעסאַראַביש־יידישע סטודענטן פלעגן ברענגען זייערע קריסטלעכע קאָלעגן אין דער יידישער קאַנטינע און זאָגן, אַז זיי זיינען יידן, אָבער די פאַרוואַלטונג האָט נישט געגלויבט און דער פּרעזידענט פלעג זיך הייסן ווייזן די מילה... די רומענישע יידן האָבן זיך געווענדעט צו יאַנקלען, אַז ער זאָל פּסקענען, צי מעג מען אַריינעמען קריסטן אין דער יידישער קאַנטינע און זיי האָבן זיך שטאַרק געחידושט, וואָס ער, דער ציוניסט, דער פּרעדיקער פון יידישן נאַציאָנאַליזם, וואָס „יוניוניאַ" לויט האָבן געזאָגט, אַז ער איז אַ יידישער יאָרגאַ, זאָל זיין דערפאַר, אַז מען זאָל אַריינעמען קריסטן. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז פאַר אַ באַזונדער יידיש לעבן און פאַר אַ פולער פריינטשאַפט מיט די שכנים, הלוואַי וואָלט די רומענישע סטודענטן נישט געווען אַזוי פאַרסמט פון קוזאַן און יאָרגאַן, ווי מען וואָלט זיי אויך געמעגט אַריינעמען. יאָרגאַ האָט שוין דעמאָלט געשפּילט דעם פּראָגרעסיוון מענטשן און דעם יידן־פריינד, אָבער געווירקט האָט ער נאָך זייער שאָוויניסטיש אויף דער סטודענטישער יוגנט און זיין גאַנצע אָפּאָזיציע צו דער בראַטיאַנו־רעגירונג האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון פּערזענלעכער אומצופרידנקייט. ער איז געווען אַ זייער אַמביציעזער מענטש און ער האָט געהאַט פּרעטענזיעס אויף אַלע געביטן, ער האָט געוואָלט זיין דער גרעסטער היסטאָריקער, ליטעראַט און פּאָליטיקער. ער איז געווען גרייט צו גיין ביז צום ווייטסטן עקסטרעם נישט אויס איבערצייגונג, נאָר צוליב אַמביציע. די רומענישע סטודענטן האָבן אויסגעפירט און זיי האָבן נישט אַריינגענומען די קריסטלעכע בעסאַראַבישע סטודענטן, אָבער זיי פלעגן סיי ווי איבערליגן אין דער יידישער קאַנטינע.

קיין פּרנסה האָט יאַנקל נאָך אַלץ נישט געהאַט און ער האָט נישט גע־

זען קיין אויסזיכטן. ער וואָלט ביי א געוויסער אָנשטרענגונג געקענט אויס־לערנען פערפעקט רומעניש און קריגן ארבעט אין א רומענישער צייטונג, אָבער ער האָט נישט געוואָלט, עס האָט אים נישט געצויגן דערצו. ער איז גע־ווען א חשוב אין די רייכע יידישע הייזער, אפילו אין די אסימיליטסטע. מען פלעג אים איינלאַדן צו נאַכטמאָלן און סאָארען. די יידישע לידער, וואָס ער האָט געזונגען, האָבן געהאַט א שם. אַריסטאָקראַטישע יונגעלייט און ספּע־ציעל מיידלעך האָבן געזונגען מ. ווארשאַווסקיס „צוויי שוועסטער" און אפילו דאָס טרויעריקע ליד „דער פּאָדים", וואָס ער האָט פּאָפּולער געמאַכט. מען פלעג אים אין איניקע הייזער איינלאַדן צוליב די לידער, וואָס ער האָט גע־זונגען, אָבער אים האָט נישט געאַרט. ער האָט רעקאָמענדירט, אַז מען זאָל איינלאַדן צו די אַריסטאָקראַטישע שמחות די האַרציקע יידישע און רומענישע זינגערין מאַריאַ סאַנדו און ער האָט אָפט געזונגען דועטן מיט איר. זי פלעג קריגן באַצאָלט, ער — נישט און איניקע האָבן געמיינט, אַז ער איז אויך א פּראָפעסיאָנעלער זינגער און ער קריגט אויך באַצאָלט, כאָטש ער האָט מער ווי אביסל נאָטן קיין מאָל נישט געלערנט. איבערהויפּט פלעג ער האָבן א ווילדן דערפאָלג אין דועט מיט דער סאַנדו אין לידל, „וואָס טוט א מיידל אליין אין וואַלד", וואָס ער האָט פאַרוואַנדלט אין א סענטימענטאַל־פאַר־סישן שפּיל. דורך די רייכע הייזער איז ער אויך אָפט איינגעלאַדן געוואָרן אין קאַבאַרעטן, וואו ער איז געווען א היימישער נאָך פון דער קריגס־צייט און זיין לעבן האָט אָנגעהויבן ווערן א הוליאַנקע אָן א ציל. עס האָט זיך אָבער אָנגעהויבן שאַפן א פועלי־ציוניסטישע באַוועגונג אין גאַנצן לאַנד און אויך אין בוקאַרעשט און די בוקאַרעשטער גרופּע איז געקומען צו יאַנקלען ווי צו אַן אייגענעם און גענומען פאַרלאַנגען ארבעט און קרבנות און ער האָט דער־פילט א ציל אין לעבן. די גרופּע האָט געקראָגן אין א יידישער שול אויף דו־דעשט, אין דער געדיכטעניש פון יידישן לעבן, א שטיקל לאָקאַל. די פאַר־וואַלטער פון שול האָבן דאָס וואָרט פועלי ציון גענומען בוכשטעבלעך, זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס זיינען ארבעטער ציוניסטן. אין איניקע רומענישע שטעטלעך זיינען נאָך פאַר דער מילחמה אויך געווען ציוניסטישע קרייזן פון בעלי מלאכות, וואָס האָבן זיך גערופן פועלי ציון. אַז עס האַנדלט זיך וועגן א סאָציאַליסטישער גרופּע איז די פאַרוואַלטער פון דער שול גאָרנישט איינ־געפאַלן און ווען זיי האָבן געהערט ווי אַזוי זייערע לאָקאַטאָרן ריידן, האָבן זיי גענומען שרייען געוואַלד, אַז זיי זאָלן זיך ארויסציען. האָט זיך דאַן אָנ־געהויבן א קאַמף...

די הויפּט־אָנפירער זיינען געווען צוויי: דער אייביקער סטודענט פּעטער ווייסמאַן און דער אַדוואָקאַט לאַסקאַר שאַראַגע, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר דעם פּיאָנער פון פועלי ציוניזם אין רומעניע. פּעטער איז געווען א היציקער און ער האָט זיך געלאָזט פירן פון דעם אינסטינקט און לאַסקאַר איז געווען

אַן אויסגערעכנטער און ער האָט געמאַכט זייער פּראַקטישע פאַרזיכערטע טריט. פעטער האָט שוין דעמאָלט מער אין זינען געהאַט דעם סאָציאַליזם ווי דעם ציוניזם און לאַסקאַר איז געווען מער ציוניסט ווי סאָציאַליסט און ער האָט געוואָלט פאַרנעמען אַן אָנגעזען אָרט אין ציוניזם דורך דעם פּועלי ציוניזם. יאַנקל איז געשטאַנען אין דער מיט. ער האָט געוואָלט זיין ביידע אַלציינס און ער האָט נישט געזען קיין סתירה אין דעם. די רומענישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט זיך באַצויגן פּאָזיטיוו און מיט אומצוטרוי צו דער נייער גרופּע. די רומענער פון דער פּאַרטיי זיינען שוין געווען גרייט איינצוגיין אויף אַ געוויסער פּשרה, אייניקע האָבן פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל די פראַגע פון ארץ ישראל פאַר יידן איבערלאָזן אויף נאָך דער רעוואָלוציע; אַז די רעוואָלוציע איז נישט ווייט, זיינען געווען זיכער אפילו די מעסיקסטע. די יידן פון דער פּאַרטיי זיינען געווען אַ סך שאַרפערע קעגנער פון פּועלי ציוניזם, ווי די קריסטן. איבערהויפּט איז געווען קעגן איליאַ מאָסקאָוויטש, וואָס איז געווען אַ פּאַשקאַנער ייד און איז געווען אַ קריגס־געפאַנגענער אין דייטשלאַנד און ער איז דאָרט באַקערט געוואָרן צו דער צימערוואַלדער גרופּע און ער איז געקומען קיין בוקאַרעשט אַ פּאַרטיקער פירער. ער איז געווען אַ יונגער מענטש, אָבער ער האָט געטראָגן אַ גרויסע באָרד און דאָס דאָזיקע האָט אים צוגעגעבן אַ מער מענעריש אויסזען. ער האָט געהאַט דעם אָנבליק פון אַ ראש ישיבה. זיין גרויסער שטערן האָט דערציילט וועגן חריפות, אָבער קיין חריף איז ער נישט געווען, ער איז געווען אַ בקי. ער האָט גערעדט אַ זייער שיינעם יידיש און ער האָט געלייענט די לאָנדאָנער און ניו־יאָרקער סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע יידישע ליטעראַטור. ער פלעג שטענדיק ברומען די באַקאַנטע שורות פון מאָרים ווינטשעווסקי:

ווען די וועלט איז פול מיט ווינער,
און פון טויזנט לעבט נאָר איינער,
אום די טויזנט צו באַקלאָגן,
דאַן אָ מוז דער דיכטער זינגען
לידער פון אַ נייער צייט.

פירן ערנסטע שמועסן אויף יידיש האָט ער נישט געוואָלט. ער האָט אָנגעהויבן ווערן דער פּויפּסט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין רומעניע. קריסטיאַן ראַקאָווסקי איז פאַרבליבן אין רוסלאַנד, דאָבראָדזשעאַנו גערעאַ איז שוין געווען אַלט און קראַנק און ער האָט געהאַלטן ביי שטאַרבן און איליאַ מאָסקאָוויטש האָט אָנגעהויבן ווערן די ערשטע פיגור. עס זיינען געווען מער געלערנטע סאָציאַליסטן פון אים צווישן דער יוגנט, עס זיינען געווען בעסערע רעדנער פון אים. ספּעציעל האָט געקראָגן אַ גרויסן שם ווי אַ רעדנער

דער קאָלדרע־מאַכער יאָאַן קריסטעסקו, וואָס איז טאַקע געווען אַן אויסער־
געוויינלעכער פאָלקס־טריבון. זיין וואָרט האָט ממש געצונדן די מאַסן. איליאַ
מאָסקאָוויטש האָט גענומען דעם עולם מיט זיין אויסזען און טאַקע מיט זיין
יידישקייט. אייניקע האָבן געדענקט, אַז אַ גרויסער סאָציאַליסט מוז זיין אַ
ייד... איז אָט דער איליאַ מאָסקאָוויטש האָט אריינגעבראַכט דעם מאַקסימום
אַנטי פועלי ציוניזם אין דער פּאַרטיי. געווען נאָך איינער, וואָס איז געווען
שטאַרק קעגן — אַ פראַנצויז, אַ געבוירענער אין רומעניע; ער איז געווען דער
געלערנטסטער מאַרקסיסט צווישן דעם אויפוואַקסנדיקן דור און ער איז געווען
איינער פון די צוויי רעדאַקטאָרן פון דער טעגלעכער רומעניש־סאָציאַליסטי־
שער צייטונג. ער איז געווען אַ גרויסער אָנהענגער פון קאַרל קאַוטסקי און
ער האָט ביי אים געלערנט דעם אַנטי־ציוניזם. די סאָציאַליסטישע צייטונג
איז נישט דירעקט אָנגעפאַלן אויף דער פּ. צ. גרופּע, אָבער דאָ און דאָרט אַ
שטאָך האָט זי איר דערלאַנגט. איין מאָל האָבן די פּ. צ. געדאַרפט אָפּהאַלטן
אַ מיטינג אין אַ גרויסער שול, די גבאָים האָבן פריער דערלויבט און דערנאָך
האָבן זיי חרטה געקראָגן אין לעצטן מאָמענט. עס איז געקומען אַ ריזיקער
עולם, וואָס האָט אויפגעבראָכן די טירן און דער מיטינג איז פאָרגעקומען.
די סאָציאַליסטישע צייטונג האָט געשריבן, אַז אָדער די סינאַגאָגע איז נישט
פאַר די פועלי ציון, אָדער די פועלי ציון זיינען נישט פאַר דער סינאַגאָגע.
דאָס דאָזיקע איז געווען אַ קאָמפּלימענט און אַ געוויסע אָנצוהערעניש. יאַנקל
איז געוואָרן דער באַליבטסטער רעדנער פון דער גרופּע, ווייל ער איז געווען
איינגעוואָרצלט אין יידיש; זיין לעבן האָט געקראָגן אַ זין און אים האָט
שוין נישט געאַרט, וואָס ער האָט נישט קיין פרנסה און ער ווערט, וואָס אַמאָל
מער אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן. ער האָט זיך אַלץ נעענטער און נעענטער צו־
געקוקט צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און ער האָט שטודירט סאָציאַ־
ליסטישע ווערק און אויך שטודירט די רייבערייען צווישן רעכטס, לינקס
און מיט, וואָס זיינען דעמלט פאָרגעקומען. איליאַ מאָסקאָוויטש און יאָאַן
קריסטעסקו זיינען געווען די אָנפירער פון לינקס, דער דערמאָנטער פראַנצויז
און אַ יידישער מעדיקער זיינען געווען די אָנפירער פון רעכטס. די אונגאַרי־
שע רעוואָלוציע איז דעמלט דערשטיקט געוואָרן און טאַקע די רומענישע אַר־
מיי האָט דורכגעפירט די „העלדישע” אַרבעט. עס זיינען פון אונגאַרן געקו־
מען עטלעכע רומענישע יונגע מענטשן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער
מאַדיאַרישער רעוואָלוציע און זי האָבן געבראַכט אַ ליידנשאַפטלעכן טאָן. ביי־
דע גרופּעס האָבן אַרויסגעגיבן חודש־זשורנאַלן, אין וועלכע זיי האָבן גע־
שריבן אי וואָגיקע טעאָרעטישע, אי שאַרף־פּאָלעמישע אַרטיקלען. אויך אין
דער צייטונג האָבן זיי געפירט פּאָלעמיק און זייער אָפט האָט איין צד צע־
וואָרפן דעם זאַץ פון צווייטנס אַרטיקל. דער לינקער רעדאַקטאָר איז געווען אַ
ייד, וואָס איז נישט לאַנג געקומען פון בודאַפּעשט און ער איז געווען אַ מו־

ראָדיק היציקער. און געמאַכט האָט זיך נאָך, אַז בעת דער רעכטער רעדאַקטאָר איז געווען שטאַרק באַקאַנט דער פּאָליציי, איז דער לינקער נאָך נישט געווען באַקענט און דער רעכטער האָט זיך באַהאַלטן ביים לינקען אין הויז אויף צוויי וואָכן און ווען ער האָט שוין געמעגט פאַרלאָזן די שטוב, איז ער אוועקגעגאַנגען אין איינעם מיט זיין חברס ווייב... זיי האָבן זיך ביידע פאַרליבט און זיי האָבן אַלע דריי געהאַנדלט ווי באַוואוסטזיניקע מענטשן. מאַן און ווייב איז זיך צעגאַנגען חבריש, אָבער אַ טינאָ בלב איז ביים באַליידיקטן מאַן געבליבן. די פרוי איז אויך געווען אַ טוערין אין דער פּאַרטיי, זי איז טאַקע געווען די סעקרעטאַרשע פון דער טעגלעכער צייטונג און זי האָט שטענדיק געדאַרפט זיין אין דער מיט צווישן איר געוועזענעם און איצטיקן מאַן... געווען אַן אַלטער אַנאַרכיסט אַ ציניקער, פלעג ער זאָגן, אַז צווישן דעם רעכטן און לינקען רעדאַקטאָר איז דאָ דער טייוול אין דער מיט. די פרוי פלעג דאָס הערן און רויט ווערן און זיך מאַכן הארץ... די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט איבערגעלעבט נישט נאָר אַ קאַמף, נאָר אויך אַ טראַגעדיע...

אין יאַנקלס פּערזענלעכן לעבן איז געקומען אַן ענדערונג. א. ל. זיסו איז אים געקומען איינלאַדן, אַז ער זאָל ווערן הויפּט־מיטאַרבעטער אין זיין „מענטואירעא״. ער האָט געהאַט אַ סך גוטע מיטאַרבעטער, אַ סך גלענצנדיקע רומענישע סטיליסטן, אָבער אַ ספּעציאַליסט אין יידישע ענינים האָט ער נישט געהאַט. ער אַליין איז יאָ געווען באַהאַוונט אין יידישע ענינים, אָבער ער האָט זיך אָפּגעגיבן מיט מיסחר און געשריבן האָט ער פון צייט צו צייט. די פרוי האָט זיך געקלאָגט, אַז ער האָט נישט קיין אַנדער אידעאַל ווי געלט... ער האָט אויסגעזוכט אונזער העלד אין אַ שענק ערגעץ און ער האָט אים אוועקגעפירט מיט זיין גרויסאַרטיקן פאַעטאָן. פריער האָט ער אים געפירט ווייזן זיין גרויסע פּאַרפום־פאַבריק. יאַנקלען איז עס נישט געפעלן, וואָס דער חבר דער פריץ ווייזט אים את רוב גדלו ועשרו, דאָך האָט ער געקוקט. אָבער ווען זיי זיינען אַריינגעגאַנגען אין אַן אָפּטיילונג, וואו מען האָט דעם אָטעם נישט געקענט כאַפּן און דאָרט זיינען פאָרט געשטאַנען אַרבעטער, האָט יאַנקל זיך צו אים אָנגעבויגן און אים געפרעגט:

— זיסו, דאָ אַרבעטן מענטשן?

דער פאַבריקאַנט האָט פאַרשטאַנען דעם שטאָך און ער איז בלייך געוואָרן און ער האָט שוין מער נישט געוויזן גאָרנישט, נאָר ער איז אַרויסגעגאַנגען און שטום זיך אַריינגעזעצט מיט אים אין פאַעטאָן און שטום אים צוגעפירט צום באָהעמישן קאַפע־הויז און אים דאָרט אַראָפּגעלאָזט; ביים געזעגנען זיך האָט ער אויסגעזען ווי אַ סטאַטוע; אין עטלעכע טעג אַרום איז זיסו ווידער געקומען און ער האָט פאַרגעלייגט יאַנקלען אַז ער זאָלן ווערן מיטאַרבעטער און ער האָט אים באַשטימט אַן ערשטראַנגיקן געהאַלט און האָט אים געהייסן זיך דינגען אַ סעקרעטאַר, וואָס קען גוט רומעניש. מיט איין שאָס

האָט ער געמאַכט אַ קאַריערע. באַקענטע האָבן גערעדט וועגן אים גלייך ער וואָלט געמאַכט דאָס גרויסע געווינס. אָרימע סטודענטן און באַהעמען האָבן שוין געבעטן גמילת חסדים אויף פאָרויס, ווען ער וועט באַקומען דעם ערשטן לוין. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז ער וואָלט געמעגט בעטן אַן אַוואַנס. ער האָט זיך צוגענומען פאַר אַ סעקרעטאַר אַ סטודענט וואָס האָט געהייסן משה ברע־זים. ער איז געווען אַ פּלימעניק פון פּלאָעשטער רב דר. ברעזים, וואָס איז גע־ווען אַן אייגנאַרטיקער טיפּ, אַ למדן אין יידישע און וועלט־ענינים, אַ טיף־רעליגיעזער, אַ ציוניסט און אַן אַלטער בחור. דר. ברעזים האָט אַמאָל פאָ־לעמיזירט עפנטלעך מיט אַנטיסעמיטן, האָט ער זיי געזאָגט: „איך געפעלט נישט די יידן, גיט אונז אָפּ אייער גאָט!" ער איז געווען דער דריטער באַרימ־טער ציוניסטישער רב אין רומעניע, נאָך די ד״רים נאַכט און נעמיראָווער. דער סטודענט משה ברעזים האָט זייער גוט געקענט יידיש און ער האָט גע־האַט אַ זעלטענעם רומענישן סטיל. יאַנקל האָט די אַרטיקלען דיקטירט אויף רומעניש און ווען עס האָט אים געפעלט אַן אויסדרוק, האָט ער אים געזאָגט אין יידיש. ער איז באַלד געוואָרן דער באַליבסטער מיטאַרבעטער פון דער צייטונג. דעם גרעסטן דערפאָלג האָט געהאַט מיט זיין ליטעראַטור קריטיק, וואָס ער האָט געשריבן וועגן יידישע, העברעאישע און אַמאָל אויך רומענישע, אָדער דייטש־יידישע ביכער און מיט זיינע קליינע פעליעטאָנען. די רעדאַקציע איז פאַרשאָטן געוואָרן מיט באַגריסונג־בריוו צו זיין אַריינטרעטן אין דער צייטונג און אויך מיט דאַנק־בריוו פאַר פאַרשיידענע אַרטיקלען. איינציקע האָבן באַגריסט אין יידיש און אין העברעאיש און האָבן געוואונטשן, אַז די „מענ־טואירעאַ" זאָל ווערן אַ יידישע צייטונג. די דערפאָלגן פון אונזער העלד האָבן אַרויסגערופן אויך אַ היפּש ביסל אייפערזוכט. ספּעציעל איז געווען אייפער־זיכטיק דער סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע, אַ יאַסיער בחור, וואָס האָט גע־הייסן יאַקאָוויץ, אָבער באַקאַנט איז ער געווען אונטער זיין שטענדיקן פּסעוו־דאָנים י. לודאָ. ער איז געווען אַ קליינער, אַ דאַרער, אַ נערוואָסטעניקער און אַ זייער טאַלאַנטירטער סאַטיריקער. ער האָט געקענט ריידן יידיש, אָבער יידישע ענינים זיינען אים געווען אין גאַנצן פרעמד. ער האָט אַמאָל געשריבן אַ רעצענזיע וועגן א. ל. זיסום נישט געראָטענער דראַמע „דאַוויד בראַנדייס", וואָס איז דערשינען אין רומעניש, האָט ער זי געענדיקט מיט די ווערטער, אַז דאָס בוך איז „צום ווינציקסטן אידיאָטיש". דאָך האָט ער זיך דערנאָך אַזוי אונטערגעחנפעט צו זיסון, אַז ער האָט אים אָנגעשטעלט פאַר רעדאַקציע־סעקרעטאַר. י. לודאָ האָט כמעט נישט געהאַט וואָס צו שרייבן אין זיין צייטונג און יאַנקל האָט געהאַט צופיל איז דער ערשטער געווען מוראַדיק איי־פערזיכטיק אויפן צווייטן. עס פלעג מיטן סעקרעטאַר וואַרפן אַ קדחת, ווען ער האָט באַקומען בריוו, אין וועלכע מען האָט געשריבן, אַז זייט דער נייער מיטאַרבעטער איז אַריינגעקומען, איז ערשט די צייטונג געוואָרן אַ יידישע.

מאדאם זיסו אליין איז געקומען באגריסן און זי האט געזאגט, אז ביז אונזער העלד איז נישט אריין, האט זי נישט געהאט וואס צו לייענען אין איר אייגן בלאט...

אין דער פועלי ציוניסטישער גרופע זיינען אנגעגאנגען רייבונגען צווישן רעכטס און לינקס. אין טשערנאָוויץ איז געווען א פועלי ציוניסטישע פאר־טיי, וואס האט געהאט א וואכן־שריפט און אין וועלכער עס זיינען אנגעגאנ־גען דיסקוסיעס און די גאנצע פאלעמיק האט זיך אריבערגעטראגן קיין בוקא־רעשט. די רעכטע גרופע איז געווען אין א נישטיקער מינדערהייט און זי האט זיך געראנגלט, געראנגלט, ביז זי האט זיך אומגעקערט צו די אלגעמיינע ציו־ניסטן. די פירער פון דער גרופע האבן געמאכט א טורנע איבער דער פראווינץ. עס זיינען געפארן יאנקל, פעטער ווייסמאן און לאסקאר שאראגע. דאס איז געווען א טור — א מילחמה. די אלגעמיינע ציוניסטן זיינען אנטקעגן געקומען די פועלי ציון מיט פויק און טאץ, אבער ווען זיי האבן דערהערט זייערע רייד, האבן זיי זיי אנגעהויבן באיקאטירן און נישט דערלאזן, אז זיי זאלן קריגן שולן און אפילו סאלאנען צום ריידן. עס פלעגן פארקומען צווישן־רופן, וואס האבן געפירט צו געשלעגן. אין אייניקע ערטער האבן סתם סאציאליסטן זיך אנגענומען פאר די פועלי ציון. עס איז געווען אנהויב ווינטער, ווען דער טור איז געמאכט געווארן און יאנקל האט צום ערשטן מאל זייט ער איז צו זיין שכל געקומען, דערפילט דעם טעם פון א שטארקער פארקילונג און ער האט געדארפט בלייבן אין א שטעטל צוויי וואכן, טאקע אין הויז פון פעטער ווייסמאנס א שוועסטערקינד. דארט האט נישט געפעלט קיין שיין מיידל און ס'איז געקומען צו א קורצן זיסן ראמאן און ער האט געפילט דער העלד אונ־זערער, אז מעז יצא מתוק און אז פון א קראנקייט קען אמאל אויך ארויס־קומען א גליק, וואס געדויערט קורץ און בלייבט אין געמיט לאנג; די קראנ־קייט אליין איז אים געווען זיס און אים האט זיך נישט געגלוסט געזונט ווערן. דאס מיידל האט געהאט אויגן ווי צוויי טויבן. אויך אין בוהוש איז די גרופע געווען און דער באלעבאס פון דער גרויסער פאבריק האט געטאן אלצדינג, אז די רעדנער זאלן נישט קריגן קיין זאל, האבן אבער די ארבעטער געטאן אלצדינג, אז זיי זאלן יא קריגן. אין לעצטן מאמענט האט די ארטיקע פא־ליציי די רעדנער ארעסטירט און זיי ארויסגעלאזט מיטן תנאי, אז זיי זאלן נישט ריידן... זיי האבן געמוזט בלייבן נעכטיקן אין פאנאטישן שטעטל און זיי זיינען אלע געשלאפן ביים גוטן פעטער שניאור און ביי דער גוטער מומע שרה. דאס שוועסטערקינד העניע איז נאך אלץ געווען א מיידל און ביי דער מומען האט זי שוין געהייסן אן אלטע מויד. אין שכינות האט נאך אלץ גע־וואוינט יענע פאמיליע, וואס האט געהאט צוויי מיידלעך און די קלענערע איז געווען קראנק אויף די לונגען. די עלטערע האט שוין באוויזן צו ווערן אן אלמנה. פעטער ווייסמאן, וואס איז געווען א סטודענט אין מעדיצין, האט

אויסגעהערט די קראַנקע און ער האָט שטומערהייט געזאָגט, אַז זי וועט שוין לאַנג נישט לעבן. די קראַנקע האָט פון דעסט וועגן געדענקט, אַז ווען יאַנקל איז געווען צום ערשטן מאָל אין בוהוש, האָט ער זיך באַרימט, אַז קיינער קען נישט אַזוי קושן ווי ער. זי האָט געקוקט אויף אים מיט אויגן, אין וועל־כע עס האָט געברענט טויט און באַגער און ס׳איז שווער געווען צו וויסן, וואָס איז שטאַרקער... ער האָט זיך געזאָגט, אַז אַ בחור מיט אַזעלכע ווילדע, שוואַרצע זיידענע האָר ווי ער און מיט אַזעלכע ברענענדיקע אויגן טאָר נישט ריידן מיט אַ לונגען־קראַנקער וועגן די הייסטע קושן אין דער וועלט. אַ מענטש טאָר נישט זאָגן אַלץ, וואָס ער פילט. ווען יאַנקל איז צוריקגעקומען קיין בוקאַרעשט, זיינען דאָרט געווען בריוו פון ציוניסטן קעגן אים. לודאָ האָט זיי באַהאַלטן און אים געוויזן. די באַגריסונג־בריוו האָט ער אים נישט געוויזן מיט אַזאַ פּליים. אונזער העלד האָט דערפילט, אַז ער זיצט אויף קוילן און ער האָט דערפילט, אַז ער גייט קעגן שטראָם. ווען ער וואָלט געבליבן אַזאַ ציוניסט ווי ער איז געווען, וואָלט ער איצטער געווען אַ גאָט און אַזוי האָט ער אָנגעהויבן ווערן אַ טייוול. די ציוניסטן האָבן אים פיינד געהאַט מער ווי אַלע פּועלי ציון און די אַרבעטער האָבן נישט פאַרשטאַנען צוליב וואָס מען דאַרף דעם פּועלי ציוניזם. פאַר זיי איז געווען גענוג דער סאָציאַליזם אַליין. דער איינציקער, וואָס האָט געהאַלטן פון פּועלי ציוניזם, איז געווען דער אַלטער אַנטיסעמיטישער פּראָפעסאָר א. צ. קוזאַ. ער האָט געהאַלטן אין איין שרייבן וועגן אים און ער האָט אַרויסגעוויזן זיין גאַנצע „לומדות״ שוין ביים פאַר־טייטשן דאָס וואָרט אַליין. ער האָט געשריבן, אַז פּועלי ציון איז אַ שווער תּלמודיש וואָרט און נאָך שווערער מי האָט ער דערגרונטעוועט, אַז עס מיינט „אַרבעטער סאָציאַליסטן״. אַזוי האָט געשריבן שוואַרץ אויף וויים דער דאָ־זיקער, וואָס האָט זיך פּופּציק יאָר באַרימט, אַז ער קען גרינטלעך העברעאיש און תּלמוד. יאַנקל האָט גענומען איינריידן זיסון, אַז ער זאָל אַנגאַזשירן שטערנ־בערגן אין דער רעדאַקציע. שטערנבערג איז געווען אין ליפּקאַן, ער איז אַרומ־געגאַנגען שלינג און שלאַנג און זיין נאַיווער חבר האָט גענומען אינטערוועַ־ניִרן פאַר אים. זיסו האָט געהאַלטן אין איין טענהן, אַז שטערנבערג איז אַ דיכטער, אָבער נישט קיין זשורנאַליסט און אונזער העלד האָט אים דאָך אײַ־בערגערעדט. ערשט ווען דער חבר איז געקומען און ער האָט אויך פאַרנומען אַ פּלאַץ אין רעדאַקציע, האָט יאַנקל דערזען, אַז יענער מיינט נישט אַזוי גוט פאַר אים, ווי ער טוט עס פאַר אים. שטערנבערג איז באַלד געוואָרן אַ גוטער ברודער מיט לודאָן און זיינע אַלע פריינט האָבן גענומען שטילערהייט אוועק־מאַכן מיט דער האַנט יאַנקלס שרייבן און טאַקע דער כלומרשטער בעסטער חבר אַליין האָט אים געבראַכט אַלע שלעכטע בשורות. פון דעסט וועגן האָבן די לייענער ווייטער געהאַט אַן אַנדער מיינונג און זיי האָבן נישט אויפגעהערט לויבן זיינע אַרטיקלען. די קליינע פּעליעטאָנען פלעג ער שרייבן אונטער דעם

פסעוודאָנים יאשאַ, איז דער דאָזיקער נאָמען געוואָרן אַ שם דבר און גויים אפילו פלעגן זיי לייענען און זיך באַלעקן. זיי האָבן דאָך אָפּגעאַרבעט אַ ווינ־טער אין איינעם און אויף פּורים האָבן זיי געמאַכט בשותפות אַ מין רעווי און זיי האָבן זי אַ נאָמען געגיבן „פּורים־קאַבאַרעט”. צום ערשטן מאָל האָבן זיי זיך אַליין אַריינגעשריבן ראָליען און זיי געשפּילט. שטערנבערג האָט גע־שפּילט אַ פּורימדיקן האַמלעט און יאַנקל אַ פּורימדיקן רב. פון דעם פּורים־קאַבאַרעט האָבן ביידע פאַרדינט גענוג אויף צו פאָרן אויף פּסח אַהיים און מיטנעמען מתנות. זיי האָבן אַזוי אויך גוט פאַרדינט, אָבער מען פלעג זייער געלט צונעמען ביי זיי, איידער זיי האָבן עס רעכט אָנגעקוקט און זיי האָבן אָפט נישט געהאַט אויף קיין דירה־געלט.

ווי אַ שטורעם־ווינט האָט דעמלט געגיבן אַ קום אָן קלאַראַ יאַנג אין איי־נעם מיט איר באַגלייטערן בעלאַ, וואָס איז פאַר איר אי געווען אַ חברטע, אי אַ דינסט. בעלאַ איז געווען אַ זאַפּטיק, נישט מיאוס יונג מיידל און זי איז געווען אָנגעווייעט מיט די ערשטע ווינטן פון דער רוסישער רעוואָלוציע. זי האָט איר באַלעבאָסטע אי ליב געהאַט, אי פיינט געהאַט. זי איז איר געווען דאַנקבאַר, וואָס זי האָט זי געראַטעוועט פון פּאָגראָם־גהינום און זי איז געווען אייפערזיכטיק אויף איר גרויסקייט און אויף איר דערפאָלג ביי מענער. אויך שטערנבערג און יאַנקל האָבן די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט געשענקט דער על־טערערע פרוי און די יינגערע, וואָס איז כסדר מיטגעגאַנגען, איז געווען ווי אַן איבעריקע. עס האָט זיך געשאַפן אַ מאָדנע לאַגע: צוויי יונגע בחורים טאַנצן אַרום אַ מיטליעריקער פרוי און אַ יונג מיידל דאַרף זיין אַן עדות.

ס'איז געווען פרילינג און שיינער און וואַרעמער פרילינג. די ביימער און די קוסטעם האָבן זיך פריצייטיק צעבליט און די גאַנצע לופט איז געווען אַן אידילישע פּאָעמע. און אויסגעשטורעמט האָבן די דריי מענטשן דעם פרי־לינג מיט סצענעס פון ליבע, פרייד און אייפערזוכט. נישט איין מאָל האָט פּאַ־סירט, אַז זיי אַלע פיר זיינען געבליבן אין פאָלקסגאָרטן, וואָס מ'האָט צוועלף אַזייגער ביינאַכט פאַרשלאָסן און זיי האָבן געדאַרפט גיין זוכן דעם וועכטער און אים באַצאָלן, אַז ער זאָל זיי אַרויסלאָזן. און ס'האָט נישט איין מאָל פּאַ־סירט, אַז זיי האָבן זיך אַלע פיר אַזוי צעזונגען און צעטאַנצט, אַז די שכנים האָבן זיך אויפגעכאַפּט און גענומען פּראָטעסטירן. אַ סך פּיעסן האָבן זיי גע־פּלאַנט אָנצושרייבן אין דרייען, אָבער זיי האָבן די פּיעסן נאָר איבערגעלעבט, אָבער נישט אָנגעשריבן. און ס'האָט זיך נישט געגלוסט איבעררייסן יענע אי־דיליש־ראָמאַנטישע פּאָעמע, אָבער דאָס לעבן איז שטאַרקער פון די פּאָעמען. די צוויי העלדן זיינען אַוועק אַהיים, איינער קיין צפון און דער אַנדערער קיין דרום־בעסאַראַביע און די צוויי פרויען זיינען געבליבן — איינע טרויעריק און די אַנדערע צופרידן... יאָ, בעלאַ איז געווען זייער צופרידן, וואָס ביידע זיינען אַוועקגעפאָרן.

ווען יאנקל איז געשטאנען אויף דער פור צום צוג איז צו אים געקומען דער מאדנער שוחטישער זון יעקב ראבינזאן, וואס איז געווען א העברעאישער לערער און ער האט שטילערהייט געשריבן אין יידיש און אין העברעאיש; ער איז געווען אן איפכא מסתברא ניק און א צארטער מענטש. ער האט ציוניסטן געריצט מיט סאציאליזם, סאציאליסטן מיט ציוניזם און זיך אליין האט ער אי געריצט, אי געטרייסט מיטביידע. יאנקל האט אים שוין לאנג נישט געהאט געזען און ער איז דערשטוינט געווארן פון זיין פארענדערונג; ער האט אויסגעזען ווי א טראגיקאמישער מת, וואס גייט ארום. ס'האט זיך גע־דאכט, אז די ברוסט איז ביי אים איינגעהאקט. ער האט זיך געקלאגט, אז ער איז פארליבט אין א מיידל, טאקע אין זיינער א שילערין און זי וויל אים נישט קענען. ער דארף זי האבן, האט ער געזאגט, נישט גופניותדיק, נאר רוחניותדיק. זיין נשמה לעכצט נאך איר... יאנקל האט זיך געאיילט צום צוג און ער איז אים אפגעקומען מיט עטלעכע ווערטער אויף דעם ציניש „באדלערישן" שטייגער, וואס איז דעמלט געווען אין דער מאדע. דער טרויע־ריקער בחור האט געלאכט מיט די ווייגענדיקע אויגן און געזאגט: „ איך שטארב" און זיינע ווערטער האבן געקלונגען ווי א געזאנג...

שיפרה איז שוין ווידער געווען א כלה, אבער די קראם האט מען שוין געהאט אפגעלאזט און קיין געלט איז שוין נישט געווען און די איינציקע האפנונג איז געווען יאנקל. די חתונה האט געדארפט זיין באלד נאך סוכות, ווייל מען האט נישט געהאט קיין נדן צו סילוקן און דער גאסט האט געמוזט צוזאגן צו גיבן עטלעכע טויזנט לעי, כאטש ער האט אליין נישט געוואוסט ווי אזוי ער וועט זיי איינהאלטן און נישט לאזן, אז מען זאל זיי צונעמען ביי אים, אדער ער זאל זיי נישט פארהוליען. דער פסח אין דער היים איז געווען א פריילעכער און דאס פיינלעכע איז געווען, וואס אין שטוב האט מען גע־טאנצט ארום אים, גלייך ער וואלט געווען א גביר, איבערהויפט האט גע־טאנצט שיפרה, וואס האט געוואלט זיכער זיין מיטן נדן... דאס אנגענעמסטע אין שטעטל איז דעמלט געווען די גרופע גימנאזיסטקעס, וואס איז אהיימגע־קומען פון איזמאיל אויף פסח און האט געוויבלט און געגריבלט איבער די בלאטיקע ערב פסחדיקע גאסן אזוי ווי א מחנה לעבעדיק און ריידעווודיק־גע־ווארענע בלומען. די רוסיש־יידישע ביבליאטעק, וואס איז פריער געווען פאר־מאכט, איז איצטער געווען אפן און זי איז א גאנצן טאג ביז שפעט אין אוונט פול געווען מיט יוגנט און ס'האט דארט געברויזט מיט לעבן. ווער עס האט געלייענט א בלאט און ווער א בוך, ווער ס'האט געשמועסט ערנסט און ווער ס'האט געשפאסט און געפלירטעוועט. די יוגנט האט געקלעפט ארום אונזער העלד טאקע אזוי ווי בינען ארום האניק. ווער ס'האט געוואלט וויסן וועגן רומעניע, ווער וועגן דער יידישער, אדער העברעאישער ליטעראטור, ווער דעם חילוק צווישן באלשעוויזם און מענשעוויזם, אדער צווישן די סאָ־

ציאַל דעמאָקראַטן און „עסערן". קיין דערלויבעניש אויף קיין רעפעראַטן האָט די רומעניש מאַכט נישט געגיבן, אָבער מען האָט זיי דורכגעפירט אָן דערלויבעניש. ס'האָט געהייסן, אַז מען אָרדנט איין פאַרלייענונגען און פאַקטיש זיינען עס געווען לעקציעס מיט דיסקוסיעס. דער סאָציאַליזם האָט די יוגנט אַ סך מער אינטערעסירט ווי דער ציוניזם. דאָס יידישע לעבן ווי אַ פּראָבלעם האָט די יוגנט ווייניק אינטערעסירט, אָבער דאָס פאַקטישע יידישע לעבן און דאָס יידישע לשון איז איר געווען נאָענט. אויך אין רוסיש ריידן האָט זיך דורכוים געפילט — יידיש. מען האָט רוסיש געקענט פון די ביכער און יידיש פון לעבן או מען האָט גערעדט יידיש לשון מיט רוסישע ווערטער און ערשט האָט מען אָפט אַריינגעוואָרפן יידישע ווערטער — האַרציקע, אָדער הומאָריסטישע. אַ סך שיינע מיידלעך האָבן זיך צוגעקלעפּט צו אונזער העלד און זיי האָבן צווישן זיך זיך געראַנגלט פאַר זיין אויפמערקזאַמקייט מיט אַלערליי קינדישע און דאָך שוין ווייבלעכע חנדלעך און טריוקן. זיי האָבן זיך גרופּירט אין מחנות און זיי האָבן געקעמפט מחנות־וויין. און דריי זיינען געוואָרן זיינע שטענדיקע באַגלייטערינס. איינע איז געווען טאַקע זיין שוועסטערקינד, די שיינע רויטלעכע מאַניאַ און די אַנדערע צוויי זיינען געווען אירע חברטעס סאַראַ און דאָראַ. סאַראַ איז געווען אַ העלע שאַטענקע, אַ כמעט בלאָנדינקע מיט רירעוודיקע קליינע און גליענדיקע טונקל־בלויע אויגן און דאָראַ איז געווען אַ קלייניקע און אַ געטאַקטע, יעדער גליד האָט אין איר זיך באַוועגט ריטמיש און שטורמיש. זי איז באמת געווען פון די דאָזיקע מיידלעך, וואָס זיינען אַ געפאַר, זיי קוקן אליין הונגעריק און עס דאַכט זיך, אַז אָט וועט זיי דער ערשטער מאַן אויפעסן. דאָראַ איז געווען אַ ברענענדיקע ברונעטקע, אַ שוואַרצע ווי קויל מיט טיפע, בלויע, אומרואיקע אויגן און מיט אַ צאַרט שלאַנק און דין קערפּערל. זי האָט זיך געקליידעט העל, ציגיינעריש און זי האָט געטראָגן גרויסע אויריננגלעך, דאָך האָט זי זיך געהאַלטן שעמעוודיק און מיט מוראָ. סאַראַ איז געווען אַן אייניקל פון אַ יידן, וואָס האָט געהאַט אַ שם, אַז ער איז דער גרעסטער למדן אין קיליע, אָבער זי איז שוין דערצויגן געוואָרן אין גאַנצן נישט יידיש און זי האָט קוים פאַרשטאַנען מאַמע־לשון. דאָראַ איז געווען דעם דערמאָרדעטן פישער יאַנקל גאַמשיעוויטשעס מיזינקע און ווייל אירע צוויי עלטערע שוועסטער האָבן געהאַט אַ שם פון צו פרייע, האָט זי זיך געהאַלטן צניעותדיק און זי האָט געוואָלט צוריק געווינען די רעפּוטאַציע, וואָס אירע שוועסטער האָבן איר צעשטערט. מיט די דאָזיקע דריי מיידעלעך, וואָס זיינען אַלע אין איינעם נאָך נישט אַלט געווען קיין פופציק יאָר, איז אונזער העלד אַרומגעגאַנגען טאָג ווי נאַכט און זיי זיינען געווען מוראָדיק אייפערזיכטיק אויף יעדער אַנדער מיידל. און עס זיינען געווען אַ סך, וואָס האָבן אַפילו געוואָלט קאָנקורירן מיט זיי. אייניקע גאָר רייכע. די מאַמע האָט שוין טאַקע געהאָפט אויף אַ גאָר רייכן שידוך... זי האָט

שוין אַפילו געשיקט אַ שדכן צו אַ רייך מיידל, וואָס איז געווען אַ זייער שיינע און זי האָט געהאַט אַ שם פון אַ שטיקל צעדרייטער. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז זי וועט חתונה האָבן, וועט זי ווערן גלייך מיט אַלע מענטשן. יאַנקל האָט זיך דערנאָך דערוואוסט, אַז צו דעם דאָזיקן שידוך האָט זיך דערטראַכט נישט די מאַמע אַליין, נאָר — אַניוטאַ. זי איז אַמאָל געווען אַ דינסט אָט די אַניו־טאַ. זי איז אָנגעקומען פון אַן אַנדער שטאָט און איז געוואָרן אַ דינסט ביי אַ גרויסן גביר. כמעט די איינציקע יידישע דינסט אין שטעטל איז זי גע־ווען און אַ שיין מיידל ווי גאָלד. בחורים פלעגן איר נאָכלויפן טאַקע אַזוי ווי הינט אַ צויג. זי איז אָבער גאָרנישט געווען ראָמאַנטיש געשטימט, זי האָט געוואָלט חתונה האָבן און זי האָט פון איר פאַרדינסט געקליבן אַ גראָשן צו אַ גראָשן און זיך אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר הונדערט רובל נדן און זי האָט חתונה געהאַט פאַר אַ וואַסערפירערס אַ זון, וואָס איז געהאַט צוריק געקומען פון סלוזשבע. די מאַמע האָט איר טאַקע גערעדט דעם שידוך. זי האָט זיך פאַר־דעקט דעם קאָפּ און איז גיך געוואָרן אַ יידענע פון הינטערגעסל אַזוי ווי אַלע. די שיינקייט אירע איז באַלד פאַרוועלקט געוואָרן, נאָר דער ראָמאַנטישער נאָ־מען אַניוטאַ איז איר געבליבן. זי האָט דווקא געוואָלט, אַז מען זאָל זי רופן חנה, אָבער זי האָט נישט געפועלט. נישט זי און נישט די מאַמע האָבן נישט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס יאַנקל וויל נישט אַזאַ גאָלדענעם שידוך. ווער ס'איז אונזער העלד כסדר נאָכגעגאַנגען און האָט זיך נישט געוואָלט רעכנען מיט דער אייפערזוכט פון די דריי, איז געווען ריווע גאַמשיעוויטש. זי האָט אים אָפּגעשטעלט וואו זי האָט אים געזען און זי פלעג אויסוואַקסן לעבן זיין טויער. ווען ער האָט שוין געוואָלט גיין שלאָפן, און עס האָט געמעגט זיין ווי שפּעט. זי פלעג לאָקערן אויף אים אַפילו ביז דריי אַזייגער פאַרטאָג. און זי איז געווען גרייט זיך צו וואַרפן צו זיינע פיס און זיי קישן. זי פלעג זאָגן: דערהרגע מיך און האָב מיך אַ קליין ביסל ליב". די צוויי „רישן" פון וואָרט „דערהרגע" האָבן געקלונגען ווי צען...

יאַנקל איז אַוועקגעפאָרן פון קיליע אַ דערמונטערטער און דאָך אַ טרויע־ריקער. דאָס קינד פון זיין „קרבן" איז שוין דאָרט מער נישט געווען. דער פאָטער זיינער האָט זיך אַרויסגעצויגן קיין קעשענעוו. ער האָט געוואוסט, אַז ער פאַרלירט די שפּורן און ער וועט שוין דאָס דאָזיקע יינגעלע, וואָס איז כסדר געווען זיין טרויער און זיין טרייסט מער נישט זען. די שפּורן זיינען פאַרווישט. אים איז אָנגעקומען אַ פּוריע און ער האָט אויסגעזוכט דעם אַד־רעס פון פאָטער און ער האָט געוואָלט פאָרן קיין קעשענעוו און גיין גלייך צו אים און דערציילן די גאַנצע געשיכטע און מאָנען זיין קינד, אָבער ער האָט באַלד געלאַכט פון זיך אַליין און זיך געזאָגט: „מיט וואָס איז עס מיינס?" און ער איז צוריק געפאָרן קיין בוקאַרעשט מיט אַ גרויסן ווייטיק אין האַרצן. ביים סאַמע אָנקומען אין דער הויפּטשטאָט האָט ער זיך דערוואוסט, אַז

יעקב ראַבינזאָן איז געשטאָרבן. ער איז אַריינגעגאַנגען אין א וואַנע און ער איז פון דאָרט שוין נישט ארויסגעגאַנגען. אייניקע האָבן געמיינט, אַז ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, די שוועסטער זיינע, חנה, וואָס איז שוין געווען נאָענט צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און וואָס איז שוין געווען באַפריינ־דעט מיט איר שפּעטערדיקן מאַן, דעם קאָמוניסטישן לידער מאַרטשעל פאַר־קער, האָט געזאָגט, אַז דער ברודער איז געשטאָרבן נאַטירלעך. דאָס חיות איז אים אויסגעגאַנגען פאַר ליבע. זי איז געווען זיכער, אַז ער איז געשטאָרבן מיט א פּסוק שיר השירים, אָדער גאָר מיט עפּעס א זאָג פון זוהר אויף די ליפּן. מען האָט דערציילט, אַז ער האָט געהאַט א גרויסע לווייה און א זעלטן שיין מיידל האָט מוראָדיק געוויינט און אַלע האָבן מיטגעוויינט און אין איין וועג זיך פארליבט אין דעם מיידל... יאַנקל האָט פון דער גאַנצער געשיכטע ארויסגעהערט די אייביקע מעשה וועגן סעקס. הימל און ערד און סעקס. ביים סאַמע אָנזיכט פון טויט ווערט דער שוידערלעכער גאָט סעקס נישט שטיל. מען האָט דערציילט, אַז דאָס מיידל איז צוגעפאַלן צום קבר, ווען ער איז שוין געווען פארדעקט און זי האָט געשריגן אויף העברעאיש: „איך בין נישט שולדיק!” ס'איז געווען די שיינע שילערין, צוליב וועלכער דער אייגנאַרטי־קער טיפּ, דער בייסנדיקער סאַטיריקער און צאַרטער יעקב ראַבינזאָן איז אַוועק אין דער ליטעראַטור וועלט אין עלטער פון א פּאָר און צוואַנציק יאָר...

א פּאָר טעג טאָך זיין קומען איז אים אָנטקעגן געקומען נאָך א טויטער. ער האָט באַקומען א טעלעגראַמע פון פּאַריז אויף פראַנצויזיש, אין וועלכער ס'האָט זיך געזאָגט: „אין אַלעמען אַנטוישט, כ'האָב נאָר דיך ליב, וואַרט ביים צוג „עקספּרעס פּאַריז־בוקאַרעשט” — ערנאַ.” און איידער יאַנקל האָט נאָך באַוויזן צו גיין צום צוג, האָט ער שוין געלייענט א טעלעגראַמע, אַז דער דאָ־זיקער עקספּרעס האָט געליטן א קאַטאַסטראָפע און עס זיינען פאַראַן א סך טויטע. אין דער צווייטער אויסגאַבע איז שוין געווען א רשימה פון די טויטע און דער נאָמען ערנאַ טאַלבערג איז געווען ביים סאַמע לעצט... יאַנקל האָט געפילט ווי א קלאַפּ אין קאָפּ, וואָס האָט אים צעטומלט. א האַלבן טאָג האָט ער נישט געוואוסט וואו ער איז אין דער וועלט. אויף מאָרגן איז געווען גע־מאָלדן, אַז מ'ברענגט די טויטע גופים פון די דערהרגעטע. מען האָט זיי גע־בראַכט אין קאַסטנס. די קולות פון די מאַמעס, פרויען און שוועסטער זיינען געגאַנגען ביז אין הימל אַריין. ערנאַס טויטן גוף האָט מען נישט אַראָפּגענו־מען, אים האָט מען געפירט ווייטער, קיין באַטאַשאַן, צו די עלטערן. די אומ־רואיקע פרוי מיט דעם ים דורשט צום לעבן האָט געמיינט, אַז זי איז שוין אויף דעם וועג צום אמתן גליק. יאַנקל האָט אַריינגעשריבן אין א נאָטיץ־בוך: „א ליניע אַהין, א ליניע אַהער, פּלוצים פאַרקרימט עס זיך און בלאָנדזשעט און גיי וויים, אַז ווען ס'וועט נאָך א לאַנג בלאָנדזשעניש ארויף אויף דעם גלייכן

וועג, וועט עס אַנטרעפֿן אויף דעם תהום און דאָ וועט זיין דער סוף..." און טעג גאַנצע איז ער דערנאָך ארומגעגאַנגען אַן אַ קאָפּ.

די פּועלי ציון גרופּע האָט זיך דעמלט געקאָכט. פון דער סאָציאַליסטי־שער פּאַרטיי זיינען געקומען אינסינואירונגען, אַז די גאַנצע גרופּע זאָל אַריין אין דער באַוועגונג מיט דער קאַנדיציע צו ווערן די יידישע סעקציע. די פּאַר־טיי האָט צוגעזאָגט אַ גרויס לאָקאַל אין דער יידישער געגענט, וואָס זאָל זיך פירן דורכויס אויף יידיש, אַ יידישע צוויי־וואָכן ציַיטונג מיט דער שטרע־בונג צו אַ טאָג־צייטונג. עס האָבן דעמלט געדאַרפט גיך פּאַרקומען פּאַרלאַ־מענט־וואַלן און די פּאַרטיי האָט געדאַרפט די פּועלי־ציוניסטישע גרופּע פאַר די וואַלן. קיינעם איז נישט איינגעפאַלן, אַז די גרופּע קען בלייבן פּועלי־ציוניסטיש און דאָך פירן די וואַל־פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אַזוי ווי די פּועלי ציון אין דער בוקאָווינע האָבן געטאָן. שטאַרק איינ־געוואָרצלט אין דער פּועלי ציון באַוועגונג איז די גרופּע נישט געווען און די ליקווידאַציע איז אַנגעקומען נישט שווער. פון אַריבער הונדערט זיינען פיר געווען קעגן. די מערסטע האָבן גאַראַנטירט, אַז זיי ווערן נישט אויס פּועלי ציון און אייניקע פון זיין האָבן געשוואוירן, אַז זיי ווילן נישט פאַר־געסן אין ציון און זיי ווילן אין דער גרויסער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי קעמ־פן פאַר אַ יידישער פּאַלעסטינע און אייניקע פון די סאָציאַליסטישע פירער, ספּעציעל די נישט־יידן האָבן טאָקע צוגעזאָגט ארץ ישראל נאָך דער סאָציאַ־לער רעוואָלוציע... יעקב שטערנבערג, וואָס איז נישט געווען קיין פּועלי ציון, איז דווקא געווען קעגן דער ליקווידאַציע. ערי האָט געזאָגט, אַז ווען ער איז אַ פּועל ציון, וואָלט ער נישט געוואָרן אויס... יאַנקל האָט דימיסיאָנירט פון דער צייטונג „מענטואירעאַ" און שטערנבערג האָט געמוזט נאָכטאָן און ער האָט אויך געמוזט אַריינטרעטן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. ער איז דאָך געווען אַ סאָציאַליסט פון תמיד אָן, ער איז דאָך קיין מאָל קיין ציוניסט נישט געווען.

צוליב דעם אַריינטרעטן אין דער פּאַרטיי אַריין איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ גרויסער מיטינג אין אַ גרויסן זאַל. דער מיטינג איז פּאָרגעקומען אין אַ זונטיק אין דער פרי. אַ נאָכט פריער איז דער דיכטער יעקב גראָפּער אַ חתן געוואָרן. ער האָט זיינס דערגרייכט דער דאָזיקער דיכטער, וואָס האָט שטאַרק מקנא געווען זיין געוועזענעם חבר זיסון — ער האָט גענומען אַ רייכע כלה. רעגינאַ כיימאָוויטש האָט געהייסן די כלה זיינע. איר פאָטער איז געווען אַ גאָר רייכער באַנקיר, וואָס האָט געשטאַמט פון דור־דורות באַנקירן. די כלה אַליין איז געווען אַ האַרציק מיידל און אַ זייער אינטעליגענטע, אָבער נעבעך זייער נישט קיין שיינע. איבערהויפּט האָט זי געמאַכט נישט שיין די גרויסע נאָז אירע. יאַנקל האָט זי געקענט נאָך פון בית יתומים, ווען ער האָט צוזאַ־מען מיט שטערנבערגן געמאַכט די רעוואָלוציע און איינגעפירט יידיש קעגן

דעם ווילן פון די אַריסטאָקראַטקעס. רעגינע איז געווען פון די רעוואָלוציאָנערישסטע צווישן יענע מיידלעך און דערנאָך איז זי געוואָרן אַ מיטגליד אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. זי איז געווען אַ טייערע נשמה, אַ קלוגע און אינטעליגענטע פרוי, יאַנקל פלעג קלערן, אַז ער וואָלט געווען גליקלעך, ווען ער קען זי ליב האָבן. די תנאים זיינען געווען גרויסאַרטיקע און אַריסטאָקראַטישע. מען האָט איינגעלאַדן מאַריאַ סאַנדו, אַז זי זאָל זינגען, אָבער מען האָט איר געשטעלט אַ קאָנדיציע זי זאָל נישט זינגען קיין יידישע און נישט קיין סאָציאַליסטישע לידער. דער חתן אַ יידישער דיכטער, די כלה אַ סאָציאַליסטקע און דאָך האָט מען נישט דערלויבט נישט קיין יידיש און נישט סאָציאַליסטיש. אין מיטן דער שמחה איז געקומען אַ גרופּע יינגלעך פון דער ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „האַגאַיעץ” און האָט באַגריסט דעם דיכטער און עפּעס געזונגען אַ לידל און דערמיט איז דער פאַרבאַט אָפּגעשאַפט געוואָרן פון זיך אַליין און ס'איז געוואָרן אויס אַריסטאָקראַטיש. די שמחה האָט זיך פאַרצויגן ביז איז ווייסן טאָג אַריין. יאַנקל האָט זיך געמאַכט אַ קאַלטן דוש און ער איז געגאַנגען צום מיטינג, שטערנבערג האָט געזאָגט, אַז ער פילט זיך נישט גוט. און ער וועט נישט גיין ריידן. יאַנקל האָט חושד געווען, אַז די זאַך איז נישט גלאַטיק. ער האָט נאָר נישט געוואוסט, צי שטערנבערג וויל נישט גיין ריידן צוליב עפּעס אַ פּאָליטיק, צי פּשוט, ווייל ער האָט נישט געהאַט אויסגעטראַכט קיין רעדע. ער איז געווען אַ פּאַוואָליע טוער און אַ קאָמפּליצירטער און ער האָט זיך פאַרלאָזט אויף דעם לעצטן מאָמענט און ער איז נישט געווען פאַרטיק. ער האָט נישט שטענדיק גערעדט אַלציינס. אַ מאָל האָט ער געקענט ריידן, אַז עס זאָל ברענען און אַמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז ער האָט אָנגעהויבן ריידן און דער פאָדים האָט זיך אים פּלוצים אַזוי איבערגעריסן, אַז ער זאָל נישט קענען גיין ווייטער. שפּעטער מיט אַ צייט האָט זיך שטערנבערג מודה געווען, אַז ער האָט נישט געוואָלט ריידן צוליב פּאָליטיק. צי האָט געוואָלט אויסוואַרטן. יאַנקל האָט נישט געוואוסט פון קיין חכמות, ער איז געגאַנגען מיטן גאַנצן הארצן און די שינאה פון די ציוניסטן איז באַלד אין גאַנצן געפאַלן אויף אים...

דער מיטינג איז געווען אַ קאָלאָסאַלער. טויזנטער מענטשן זיינען געבליבן אויף דער גאַס. עס זיינען אַרויסגעטראָטן אַ סך רעדנער און אַפילו די נישט־יידישע רעדנער האָבן אַריינגעוואָרפן יידישע ווערטלעך אין דער עולם האָט געשטורעמט פאַר צופרידנקייט. דער הויפּט־אָן איז געבליבן פאַר איליאַ מאָסקאָוויטש און פאַר יאַנקלען. איליאַ מאָסקאָוויטש האָט דערציילט, אַז אין מאָלדאָווישן שטעטל האָט ער געקראָגן די אָנהויבן פון סאָציאַליזם דורך יידיש און ער האָט ציטירט זיין ליבלינג־ליד „און ווען די וועלט איז פול מיט ווינער”. יאַנקל האָט געציטערט און געפיבערט איידער ער איז אַרויפגעגאַנגען, אָבער ווען ער איז שוין געשטאַנען נאָענט צום עולם און ער

האָט געהערט און געזען די גרויסע אָוואַציעס, וואָס מען האָט אים געמאַכט און ער האָט אויך געהערט די פּאָר פּייף, מיט וועלכע ציוניסטן האָבן אים מכבד געווען און ער האָט געזען ווי מען וויל זיך וואַרפן שלאָגן צו זיי. האָט ער געקראָגן דעם פּולן מוט און גענומען ריידן אינטים און געבעטן, אַז מען זאָל די פּייפער נישט טשעפּען און געזאָגט, אַז זיך שלאָגן איז נישט סאָ־ציאַליסטיש און נישט יידיש און אַז ער איז און וועט ווייטער בלייבן דער זעלביקער ייד ווי ער איז געווען און דעם געבאָט פון די נביאים וועט ער היינט אויספאָלגן, נישט די דאָזיקע, וואָס פּייפן... ער האָט דערקלערט, אַז די סאָ־ציאַליסטישע פּאַרטיי איז ביז איצטער אויך געווען אַ יידישע, זי איז געווען די איינציקע פּאַרטיי אין לאַנד, וואָס האָט אויף איר פאָן אויפגעשריבן גלייכ־באַרעכטיקונג פאַר יידן, איצטער ווערט זי נאָך מער יידישע פּאַרטיי. זי שרייבט אַריין אין איר פּראָגראַם קולטור און שפּראַך־אויטאָנאָמיע פאַר אַלע מינדער־הייטן און יידישע מלוכה־שולן און יידישע מלוכה־טעאַטערס... ער האָט גע־קראָגן הומאָר און פּאַטאָס און מען האָט אים אָוואַציאָנירט כמעט ביי יעדער פראַזע און ער האָט געפילט אַן אויפגייענדיקע פרייד, אָבער אויך אַ טרויער. מוראשקעס זיינען אַרומגעגאַנגען איבער דעם לייב און ביים האַרצן האָט אים געקלעמט און געברענט. ער האָט אויך געפילט אַ ווייטיק ביים האַרצן, ווען דער מיטינג איז פאַרענדיקט געוואָרן. די עטלעכע יונגעלייט, וואָס האָבן געפייפט, זיינען צו אים צוגעקומען נאָך דער רעדע, כאָטש מען האָט זיי נישט געלאָזט און מען האָט זיי געוואָלט שלאָגן. ער האָט זיך געדאַרפט אָננעמען פאַר זיי און זיי באַשיצן. די מאַסן האָב געמיינט, אַז זיי גייען זיך שלאָגן מיט דעם רעדנער און זיי האָבן נאָר געוואָלט זיך אויסטענהן. אייניקע פון זיי האָבן געוויינט. זיי האָבן געזאָגט, אַז ער זיי קען נישט, אָבער זיי אים קענען. אַ לערער קען נישט געדענקען אַלע שילער, אָבער די שילער געדענקען אַלע דעם לערער... זיי האָבן אים געפרעגט פאַרוואָס ער האָט זיי פּ א ר ל א ז ט און געפילט האָט ער, אַז זיי האָבן געוואָלט זאָגן פאַרוואָס האָט ער זיי פ א ר ר א ט ן . . .

נאָך דעם מיטינג איז מען זיך נישט צעגאַנגען באַזונדער. אַ פּאָר הונ־דערט מענטשן זיינען אַריינגעגאַנגען אין אַ דערבייאיקן גרויסן רעסטאָראַן און ווער ס׳האָט געקראָגן פּלאַץ, איז געזעסן און ווער עס האָט נישט גע־קראָגן פּלאַץ, איז געשטאַנען און די פּנימער האָבן געשיינט. מען האָט געהערט אַ סך מער ריידן יידיש ווי ביי די ציוניסטישע מיטינגען די לעצטע צייט און עס איז געשאַפן געוואָרן אַ גרופּע, וואָס האָט גענומען זינגען יידישע לידער און טאַקע דעם אינטערנאַציאָנאַל אין יידיש, אין זיין איבערזעצונג. עט־לעכע האָבן געקענט די יידישע ווערטער און אַנדערע האָבן זיי זיך דערמלט איבערגעשריבן. ער האָט געטרונקען לחיים און יונגעלייט האָבן זיך געחידושט,

וואָס ער זאָגט לחיים אַזוי ווי אַן אַלטער ייד און זיי האָבן זיך געקוויקט מיט דעם.

ווען יאַנקל איז געגאַנגען אַהיים, איז אים אויסגעקומען צו גיין הינטער צוויי יידן ערגעץ אין אַ שטיל געסל און ער האָט געהערט ווי איינער האָט געזאָגט צום צווייטן: „די סאָציאַליסטן האָבן געדאַרפט גיבן אַ סך טויזנטער דעם באָטאָשאַנסקין, אַז ער זאָל איבערגיין צו זיי.” און דער צווייטער האָט געענטפערט: „וואָס דען, אַ נאַר וועט ער זיין?” און ער האָט אין קעשענע געהאַט אפשר געגוג אַ פּאָר טאָג איבערצולעבן און ער האָט נישט געוואוסט, וואָס עס דערוואַרט אים מאָרגן און ביי די ציוניסטן האָט ער שוין געהאַט אַ געמאַכטע קאַריערע און אים האָט זיך געגלוסט נעמען אויסטענהן מיט די יידן און זיי דערווייזן, אַז ער איז געווען אַ ציוניסט, ווען דער ציוניזם איז געווען אַן אָרימע באַוועגונג און דווקא ווען זי איז געוואָרן אַ רייכע, איז ער אַוועק, אָבער דער אָטעם איז אים געווען דערשטיקט און ער האָט נישט געקענט ריידן. ער איז אַריינגעגאַנגען אין ערשטן שענק און אויסגעטרונקען דריי גרויסע גלעזלעך בראָנפן און ער איז געקומען אין צימער אַריין מיט טרערן אין די אויגן און שטערנבערג איז דאָרט אויך געזעסן מיט רויטע, פאַרוויינטע אויגן... און כאָטש ביידע האָבן געוויינט, זיינען זיי דאָך ביידע נישט געווען טרויעריק און זיי האָבן געוויינט פאַר שרעק, האָפנונג און — אַנדערשקייט...

☆

קאפיטל צוועלף

דאָס געזאַנג צום נייעם לעבן.

באַלד ביים אָנקומען אין דער רומעניש־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט אונזער העלד געהאַט אַ דורכפאַל פאַר אַ גערעכטן ענין. אין זיין ווייטערדיקער געזעלשאַפטלעך־זשורנאַליסטישער קאַריערע איז ער שוין אַלעמאָל דערנאָך דורכגעפאַלן נאָר דעמלט, ווען די גאַנצע גערעכטיקייט איז געווען אויף זיין זייט. אויף דעם פּלאַץ פון די צוויי אַוועקגעגאַנגענע מיטאַרבעטער האָט די „מענטואירעאַ" צוגענומען אַ רוסישן זשורנאַליסט, וואָס האָט געהייסן אַלעקסיס נואַר. ער איז געווען אַ בעסאַראַביער, אַ מאָלדאַוואַן פון אָפּשטאַם און ער איז בשעתו געווען אַ מיטאַרבעטער אין קרושיוואַנס אַנטיסעמיטישער צייטונג „דרוג". דערנאָך איז ער כלומרשט געווען אַ דעמאָקראַט און אַ יידן־פריינט, אָבער נאָך דער רעוואָלוציע האָט מען אויסגעפונען, אַז ער האָט געאַרבעט אין דער „אָכראַנקע". אין רומעניע האָט ער זיך געזוכט צו צופּוצן צו יידן און ער האָט זיך אָנגעבאָטן דער ציוניסטישער צייטונג ווי אַ פאַכמאַן אין יידישע ענינים. זידלען יידן האָט ער געקענט און ער האָט טאַקע באַלד אָנגעהויבן אָנפאַלן אויף די צוויי אַוועקגעגאַנגענע מיטאַרבעטער און אין איין וועג איז ער אויך אָנגעפאַלן אויף דער רוסישער רעוואָלוציע און אויף דעם סאָציאַליזם בכלל. יאַנקל האָט אין קיליע געהאַט געפונען אַן אַלטע „אָדעסקיאַ נאָוואָסטי" מיט נעמען פון זשורנאַליסטן, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער „אָכראַנקע" און אין יענער רשימה האָט נישט געפעלט דער נייער „יידן־פריינט". ער איז געווען זיכער, אַז ער האָט מיט זיך אַ צייטונג און ער האָט אָנגעשריבן אין „סאָטשיאַליזמול" אַ פּאַמפלעט און דערציילט ווער דער דאָזיקער אַלעקסיס נואַר איז. יענער האָט אים אַרויסגערופן אויף אַן ערן־געריכט און יאַנקל האָט די צייטונג נישט געפונען, מ'האָט געדאַרפט אָנקומען צו עדות. ס'איז געוואָרן אַ מין קאַמף צווישן ציוניזם און סאָציאַליזם און בעסאַראַבער ציוניסטן, וואָס האָבן צווישן פיר אויגן מודה געווען, אַז דער רוסיש־רומענישער זשורנאַליסט איז געווען אַן אָכראַנטשיק און אַן אַנטיסעמיט, האָבן ביים עדות זאָגן גערעדט אַנדערש. דאָס ערן־געריכט האָט זיך נישט געקענט פונאַנדערקלייבן און ס'האָט זיך צוריקגעצויגן. אל. נ. איז ווייטער געבליבן אַרבעטן

אין דער ציוניסטישער צייטונג ביז וואנען די בעסאראבער ציוניסטן האָבן שפּעטער פאַרלאַנגט זיין דימיסיע... פאַר אונזער העלד איז דאָס געווען אַ באַשטימטער קלאַפּ. געליטן פון דעם גאַנצן ענין האָט גאָלאַ גאַלאַקטיאָן, וואָס איז געווען אַ מיטגליד אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און אַ מיטאַרבעטער אין דער „מענטואירעא" און ער האָט נאַיוו קינדיש נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס מ'קען נשט זיין אי אַ ציוניסט, אי אַ סאָציאַליסט. ער אַליין פלעג שוין דעמלט גיין פון צייט צו צייט אין קלויסטער אַריין און ווען ער האָט איין מאָל געטראָפן דעם קעניג אַליין אין גאָטס־הויז, האָט ער אָנגעשריבן אַ ליריש אויסגוס, וואָס האָט געהייסן „איך האָב דיך געזען, וואָדאַ,לעבן גאָט" און אין וועלכן ער האָט געבעטן דעם קעניג, אַז ער זאָל זיך פירן על פּי יושר. פון דער פּאַרטיי האָט מען אים געוואָרנט, אַז ער זאָל מער אַזעלכע אַרטיקלען נישט שרייבן און ער האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס.

באַלד נאָך דעם אַריינטרעטן פון דער פּועלי ציון גרופּע אין דער פּאַרטיי איז געשטאָרבן דער סאָציאַליסטישער לערער דאָבראָדזשעאַנו גערעאַ, וואָס איז אין די אַכציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט אַנטלאָפן פון רוסלאַנד קיין רומעניע און איז דאָרט פאַרבליבן ווי אַ פּאָליטישער עמיגראַנט און ער איז דאָרט געוואָרן דער סאָציאַליסטישער לערער און איינער פון די גרעסטע רומענישע ליטעראַטור־קריטיקער. ער האָט אין רוסלאַנד געהייסן קאַץ, אָבער ער אַליין האָט וועגן דעם קיין מאָל נישט גערעדט. ער האָט זיך רומעניזירט דורך און דורך און ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ קריסטלעכער און זיינע קינדער זיינען געווען הונדערט־פּראָצענטיקע גויים. איינער פון זיינע מקור־בים האָט דערציילט, אַז צו אים אין דער האַנט אַריין איז אַריינגעפאַלן אַ בראָשור קעגן מאַרקסיזם פון אַ יונגען געלערנטן, וואָס האָט געחתמעט אַנ־טים. דאָס איז געווען דער פּסעוודאָנים פון דעם אַדוואָקט א. וועקסלער, וואָס איז געווען אַ חסיד פון ריקאַרדאָ און מאַלטוסן און אַ פּאַרטיידיקער פון בירגערלעכן רעזשים. דאָבראָדזשעאַנו גערעאַ האָט אָנגעשריבן אַ פאַרניכטנ־דיקע קריטיק אויף יענער בראָשור, אָבער ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דער מחבר איז אַ ייד, האָט ער די קריטיק נישט געדרוקט. ער האָט געזאָגט: „אויב דער מחבר איז אַ ייד, וועט ער האָבן גענוג צו ליידן אָן מיר". אַנטים איז דווקא נישט געווען אַזאַ מענטש, וואָס מען האָט אים געדאַרפט שוינען, ער איז געווען אַ קאַריעריסט, אַ ציניקער און אַ שטיק סאַדיסט. ער איז כלומרשט געווען באַפריינדעט מיט נעמצעאַנון, ווען יענער איז געווען גע־פערלעך קראַנק און ער פלעג אים זאָגן, אַז זיין גאַנצע פּאָעזיע טויג נישט. ער פלעג אים זאָגן: „צו וואָס דאַרף איך דיך, אַז איך האָב היינען?" דער קינדישער דיכטער פלעג זיך ערגערן, שיעור נישט וויינען און נאָך מער קראַנק ווערן און ער האָט נישט געקענט ענטפערן צוריק: „צו וואָס דאַרף איך דיך, אַז ס'איז דאָ ריקאַרדאָ און מאַלטוס?" אָבער אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך

איז עס געווען פאַר דעם אַלטן סאָציאַליסט, וואָס איז אַוועק פון יידן. אַריבער פּערציק יאָר האָט ער אָפּגעלעבט אונטער אַ פרעמדן נאָמען און נישט ריידנדיק וועגן זיין אָפּשטאַם. מען האָט אים גערופן „דער רומענישער פּלעכאַנאָוו". ער איז אין אַ היפּשער מאָל געווען „דער באַלקאַנישער פּלעכאַנאָוו", ער האָט צוגעפּאַסט דעם מאַרקסיזם צו דער באַלקאַנישער עקאָנאָמיק. ער האָט זיך אויסגעלערנט גרינטלעך רומעניש, אָבער עס האָט זיך דאָ און דאָרט געפילט, אַז ער שרייבט אין אַן אַדאָפּטירטער שפּראַך. אייניקע שטעלן פון זיינע שריפטן זיינען שווער אַזוי ווי בליי. ער איז געווען פון די ערשטע מאַרקסיסטישע ליטעראַטור-קריטיקער אין דער וועלט. זיין קעגנער איז אין רומעניע געווען טיטו מאַיאָרעסקו, וואָס איז געווען אַ גרויסער געלערנטער און אַ גרויסער ליטעראַטור-קריטיקער. טיטו מאַיאָרעסקו פלעג פון צייט צו צייט אָנווייזן טאַקטיש און פּאָרזיכטיק, אַז דאָבראָדזשעאַנו געראַן פעלט קולטור, אָבער ער האָט אים קיין מאָל נישט פאַרגעוואָרפן, אַז ער איז אַ פרעמדער... די „ליבעראַלע" רעגירער פון רומעניע זיינען אַלע געווען תלמידים פון פאַרשטאַרבענעם סאָציאַליסטישן לערער. זיי זיינען דערנאָך אַלע געוואָרן אויס סאָציאַליסטן און זיי זיינען געוואָרן די שעפער פון דער רומענישער בורזשואַזער אידעאָלאָגיע. זיי האָבן רעוואָלוציאָנעריש געקעמפט קעגן די קאָנסערוואַטאָרס די לאַטיפונדיסטן און אַזוי לאַנג די סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז געווען אין די וויקעלעך, האָבן זיי זי געשטיקט שטילערהייט, אָבער נישט פאַרפאָלגט עפנטלעך. וועגן דעם ווי אַזוי די שפּעטערדיקע ליבעראַלן זיינען אַוועק פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, האָט מען דערציילט אַן אַ שיעור אַנעקדאָטן. מען האָט דערציילט, אַז איינער יאָאַן מאַרצון, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ לאַכנדיקער פּאַן און וואָס איז דערנאָך געוואָרן בילדונגס-מיניסטער, איז אין אַ טאָג געקומען און ער האָט געזאָגט: „חברים, פון היינט אָן און ווייטער זיינען מיר מער נישט קיין חברים..." דאָבראָדזשעאַנו געראַ האָט אַ סך געלט געגיבן פאַר דער פּאַרטיי, אָבער ער איז דאָך געשטאָרבן אַ רייכער מאַן. ער האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלע לוויה. לעבן זיין טויטן גוף האָבן אין משך פון צוויי מעת-לעת פאַרביימאַרשירט אַריבער הונדערט טויזנט מאַן. יאַנקל און שטערנבערג האָבן מיט דער הילף פון נאָך עמיצן אויף גיך איבערגעזעצט דעם רוסישן רעוואָלוציאָנערן טרויער-מאַרש „איר זיינט געפאַלן קרבנות אין גורלדיקן קאַמף!" און מיט דעם דאָזיקן מאַרש האָט מען באַגלייט דעם לערער צו זיין רו. עס איז געווען אַ קאָלאָסאַלע סאָציאַליסטישע מאַניפעסטאַציע, די גרעסטע אין רומעניע. מען האָט דעמלט צום ערשטן מאָל געזען זייט נאָך דער מילחמה, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז געוואָרן אַ ריזיקע מאַכט. סוחרים, וואָס האָבן געקוקט אויף דער לוויה, רומענער און יידן, האָבן געזאָגט: „די דאָזיקע וועלן אונז באַלד אַראָפּלאָזן די הויזן און זיין וועלן אונז שמייסן..." יאַנקלען איז די גאַנצע צייט נישט אַרויס פון קאָפּ, אַז דאָבראָדזשאַנו געראַ

האָט טויטערהייט אויסגעזען דורכוים ווי אַ יידישער זיידע און ער האָט נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי ער האָט געקענט אַזויפיל צענדליק יאָר באַהאַלטן זיין יידישקייט. אים איז פאָרגעקומען, אַז ער איז געווען מער אַ גרויסער טראַנספאָרמאַטאָר, ווי אַ גרויסער מענטש...

די יידישע סעקציע אויף דער גאַס דודעשט איז געווען איינע פון די גרעסטע סאָציאַליסטישע קלובן אין שטאָט און זי איז פול געווען מיט לעבן. די שפּראַך איז דאָרט דורכוים געווען יידיש. און ווען אַ באַוואוסטער רעדנער איז געקומען אַהין רעפערירן, און ער האָט נישט געקענט ריידן קיין יידיש, האָט ער זיך פאַרענטפערט און געבעטן, אַז מען זאָל אים מוחל זיין. די מערסטע טוער אין יענער סעקציע זיינען געווען פון דער מאָלדאָווע און אויך פון בעסאַראַביע, כאָטש די לעצטע האָבן זיך שטאַרק געהיט. די רעגירונג האָט געהאַט צוויי מאָסן פאַר דעם לאַנד. אין אַלטן רעגאַט איז געווען דורכוים פריי, אין בוקאָווינע און אין טראַנסילוואַניע איז געווען מיטלמעסיק און אין בעסאַראַביע איז געווען אַ מוראָדיק שטריינגער רעזשים, וואָס האָט זיין גלייכן געהאַט שפּעטער אין די פאַשיסטישע רעזשימען. אַגענטן און שפּיאָנען זיינען געווען אויף שריט און טריט און ווען אַ בעסאַראַבער סטודענט איז אין בוקאַרעשט געווען אַ סאָציאַליסט און ער איז אַהיימגעפאָרן, האָט מען אים דאָרט אַרעסטירט. די יידישע סעקציע האָט אַרויסגערופן אויך קעגנערשאַפט. עס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז מען דאַרף נישט קיין יידיש, מען דאַרף די גאַנצע אַרבעט פירן אין רומעניש. איבערהויפּט זיינען געווען קעגן יידיש — די יידן.... געווען אין דער פאַרטיי אַ היפּשע צאָל גבירישע יונגעלייטלעך און מיידלעך, סיי יידן, סיי קריסטן. זיי זיינען אַלע געווען אין לינקסטן עקסטרעם. זיי האָבן אָנגעפילט די גאַנצע באַוועגונג מיט דעם ריח און טאַקע מיט די אינטריגעס פון די בודואַרן און ס'האָבן זיך אויסגעמישט אידעאָלאָגישע קאַמפן מיט ראָמאַנטישע אינטריגעס. די יידישע אַרבעטער זיינען כמעט אַלע געווען פאַר יידיש. די פאַרטיי האָט געהאָלפן אַרויסגיבן די צוגעזאָגטע צוויי־וואָכנשריפט. מיט דער דערלויבעניש פון דער יאַסיער גרופּע האָט מען זי גערופן „דער וועקער". שטערנבערג און יאַנקל זיינען געוואָרן די רעדאַקטאָרן און די רומעניש־שרייבנדיקע האָבן זיך דווקא געשטופּט צו דעם יידישן בלאַט און זיי האָבן דאָרט זיך געוואָלט דרוקן. די פאַרטיי האָט פון דעסט וועגן נישט געגיבן גענוג פאַר דער צייטונג און מען האָט געדאַרפט שאַפן אַ פּרעסע־פאָנד און פון צייט צו צייט האָבן אויך רייכע יידן זיך באַשטייערט, אויך ציוניסטן האָבן צוגעשיקט פּרעסע־פאָנד און זיי האָבן צוגעשריבן: „פאַר אַ יידישער צייטונג". עס איז דעמאָלט געקומען דר. חיים ספּיוואַק קיין בוקאַרעשט. ער איז געווען ווי אַ פאָרשטייער פון ניו־יאָרקער דזשאָינט און ער האָט זיך זייער געחידושט, וואָס אַזאַ יידיש־ריידנדיקע שטאָט ווי בוקאַרעשט האָט נישט קיין יידיש בלאַט און ווען ער האָט זיך דערוואוסט

װעגן „װעקער", האָט ער זיך געהייסן פירן צו די רעדאַקטאָרן. די יידן, װאָס האָבן זיך געדרייט אַרום דזשאָינט, האָבן זייער נישט געהאַלטן פון דעם דאָזיקן בלאַט, אָבער דער גאַסט האָט זיך נישט געלאָזט און ער איז געקומען. אַ הויכער, אַ רויטער, אַ פולער, איז ער געװען הױלע ליבנסװירדיקייט און ער האָט געהאַט אַ האַרציקן און מענטשלעכן שמייכל. ער האָט באַװאונדערט דאָס שיינע און ריינע יידיש פון סאָציאַליסטישן זשורנאַל און ער האָט געלאָזט שיינע עטליכע דאָלער פרעס־פאָנד. ער האָט געהאַלטן אַן עפנטלעכן רעפעראַט װעגן אַ היגיענע און יאַנקל געדענקט, אַז ער האָט איינגערעדט אַ סך אַרבעטער, אַז זיי זאָלן גיין הערן דעם ניו־יאָרקער שרייבער און דאָקטער. ער אַליין איז געװען אַנטציקט פון דעם שיינעם יידיש, אין װעלכן די רעדע איז געהאַלטן געװאָרן, אָבער די אַרבעטער האָבן געזאָגט: „װאָס לערנט ער אונז, אַז מען דאַרף זיך באָדן? זאָל ער אונז גיבן בעדער, װעט ער שוין זען, אַז מיר װעלן זיין ריין און מיר װעלן זיך באָדן!..."

די בונדיסטן פון דער בוקאָװינע האָבן באַטראַכט דעם „װעקער" װי זייערן אָן אָרגאַן, אָבער די רעדאַקטאָרן האָבן נישט אַריינגעלאָזט קיין יידישע פאַרטיי־פּאָליטיק און זיי האָבן געמאַכט פאַר קאָרעספּאָנדענט דעם יונגען ליניקען פועלי ציון פון טשערנאָװיץ, שלמה ביקל, װאָס איז דעמלט געװען אַ סטודענט אין יורי. שטערנבערג האָט זיך מיט אים באַקענט, װען ער איז געפאָרן קיין ליפּקאַן און ער האָט געהאַלטן פון אים אַ װעלט. דער דאָזיקער פאַקט האָט אַרויסגערופן תרעומות מצד די בונדיסטן און צ. ק. פון דער פּאַרטיי האָט געהאַט צו זינגען און צו זאָגן מיט דער יידישער סעקציע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, װאָס האָט געזאָגט, אַז זי לאָזט איבער די גאַנצע דיסקוסיע פון פאַר, אָדער קעגן ארץ ישראל אויף שפּעטער...

די פּאַרטיי האָט געהאַט גענוג צו זינגען און צו זאָגן ביי זיך אַליין. די רייבונגען צװישן לינקס און רעכטס זיינען אַלץ געװאָרן שטאַרקער. אויסער דעם האָט די פּאַרטיי געהאַט צו טאָן מיט אַ סך מיטגלידער אינטעליגענטן, װאָס זיינען געװען אַנאַרכיש און זיך נישט געלאָזט דיסציפּלינירן. גאַלאַ גאַלאַקטיאָן האָט אַלץ געקראָגן מער און מער רעליגיעזע נויגונגען און מען האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל אַליין דימיסיאָנירן און ער האָט געפאָלגט. שװערער איז געװען מיט דעם שטורמישן זשורנאַליסט נ. ד. קאָטשעאַ, װאָס האָט אַליין געהאַט אַ טעגלעכע ציייטונג און כאָטש די דאָזיקע ציייטונג איז געװען עקסטרעם רעװאָלוציאָנער און טאַקע אויסגעשפּראָכן באָלשעװיסטיש, איז זי אויך געװען היפּש שאָנטאַזשיסטיש. מען האָט דערציילט װעגן מיאוסע מעשים פון קאָטשעאַן, װאָס האָט געגיבן אַ סך געלט און ער האָט אויך אַ סך געהאָלפן דער פּאַרטיי. די רעגירונג האָט אַלעמאָל פאַרמאַכט קאָטשעאַס ציייטונג און ער האָט זי תיכף אַרויסגעגיבן אונטער אַן אַנדער נאָמען. עס זיינען געװען פאַלן, װען די דאָזיקע ציייטונג האָט אין משך פון איין חודש

געהאַט צוואַנציק נעמען. דער רעכטער פליגל האָט שטענדיק פאַרלאַנגט אַז מען זאָל דעם שטורמישן זשורנאַליסט אויסשליסן פון דער פאַרטיי און דער לינקער האָט געהאַלטן, אַז כאָטש מען קען צו אים נישט האָבן קיין פולן צוטרוי, ברענגט ער דאָך נוצן דער זאַך.

געווען אין דער פאַרטיי אַ זייער טאַלאַנטירטער רומענישער שריפטשטע־לער פ. אַדערקאַ, וואָס איז געווען אַ ייד און אַן אַסימיליאַטאָר מיט יידישע בענקשאַפטן. ער איז געווען פון די דאַזיקע פּאָעטן, וואָס האָבן זיך פאַרליבט אין פּראָזע און ער האָט גענומען שרייבן אי ראָמאַנען, אי פּאָלעמיק. נישט זייענדיק אַבסאָלוט קיין צוגעגרייטער אין די ענינים פון פּאָליטישער עקאָנאָ־מיע, האָט ער זיך פאַרמאָסטן צו פּאָלעמיזירן מיט דאָבראָדזשעאַנו גערעאַ, וואָס איז געווען אַזאַ פאַרביסענער אַנטי־באָלשעוויק ווי קאַרל קאַוטסקי. און שוין נאָך דעם, וואָס דער לערער איז געווען אַ שוכן עפר, איז דערשינען אַדער־קאַס אַן אַרטיקל קעגן אים און דווקא אין אַ זשורנאַל, וואָס איז אַ סך מער אויסן געווען צו דערספּרעסטיזשירן דעם סאָציאַליזם, איידער אים צו דער־הויבן. פ. אַדערקאַ האָט געפונען פאַר נויטיק אַנצופאַלן אויף די אָנפירער פון דער יידישער סעקציע און זיין אָנפאַל האָט ער פאַרעפנטלעכט אין דער ציו־ניסטישער „מענטואירעאַ", וואָס איז געוואָרן אַלץ מער און מער אַנטי־סאָ־ציאַליסטיש און זי האָט אויך אַריינגעלאָזט אַטאַקעס קעגן יידישן סאָציאַליזם, לויט אַדערקאַן אין אויסגעקומען, אַז סאָציאַליזם טאָר נישט זיין יידיש... פאַר אָט דעם אָנפאַל האָט מען איינשטימיק אויסגעשלאָסן אַדערקאַן פון דער פאַרטיי און דאָס דאָזיקע איז געווען אַ זעלטענער פאַל, ווען אונזער העלד האָט אָפּגעהאַלטן אַ פולן ניצחון.

די יידישע סעקציע אויף דורעשט איז געוואָרן אַ קאַמפּס־פּלאַץ, ווען פון בוקאָווינע זיינען געקומען יידישע סאָציאַליסטן און יידן־סאָציאַליסטן, וואָס זיינען אַלע געווען רעכטע און זיי האָבן געבראַכט אַ שאַרפן טאָן קעגן דער ליניע פון קלוב. די מערסטע פון זיי האָבן גערעדט דייטש און יאַנקלען איז אויסגעקומען צו איבערזעצן זייערע רעדעס און מיט זיי פּאָלעמיזירן. אַזאַ פאַל האָט אונזער העלד געהאַט מיט דעם פירער פון טשערנאָוויצער בונד דר. יעקב פּיסטינער. ער איז דעמלט געווען אַ יונגער, סימפּאַטישער מענטש, אַ טיפּישער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַט. ער איז געוואָרן אַ בונדיסט, ווייל די יידישע סעקציע אין דער בוקאָווינע איז געוואָרן בונדיסטיש. ער האָט דעמלט גערעדט אַ סך בעסער דייטש ווי יידיש און ער האָט גערעדט דייטש און יאַנקל האָט אים איבערגעזעצט אויף רומעניש, ווייל די דאָזיקע, וואָס האָבן גוט געקענט יידיש, האָבן אים סיי ווי מער, אָדער ווייניקער פאַר־שטאַנען. פּיסטינער האָט שוין היפּש פאַרשטאַנען רומעניש און ער האָט פּראָ־מעסטירט למאי דער איבערזעצער פּאָלעמיזירט און ס'איז געקומען צו אַ גאַנץ שאַרפן קאָנפליקט. דער רעדנער האָט דעם איבערזעצער פאָרגעוואָרפן, אַז ער

איז, ווערליק פאַר אַן אינטעלעקטואַל, נישט געגוג באַהאַוונט אין מאַרקסיזם און יאַנקל האָט דערפילט, אַז ער איז געדעכט און ער האָט אויפגענומען דעם פּאַטש אין פּנים מיט ווירדע און ער האָט זיך אַ נעם געטאָן צו דער מאַרקסיס־טישער ליטעראַטור. ער האָט שטודירט מאַרקסן אַליין און אויך פּלעכאַנאָוון, קאַוטסקין און דאַבראָדזשעאַנו גערעאַ. ער איז געווען פּאָליטיש אַ קעגנער פון קאַוטסקין, אָבער מאַרקסיסזם האָט ער ביי אים געלערנט. איבערהויפּט האָט ער מיט ענטוזיאַזם געלערנט ווי קאַוטסקי דערווייזט, אַז מאַלטוס איז נישט גערעכט אין זיין באַהויפּטונג, אַז די נאַטור גיט נישט גענוג שפּייז און אַז דער סאָציאַליזם איז דערפאַר אוממעגלעך. דער גרויסער רבי איז געבליבן פאַר אים קאַרל מאַרקס אַליין, וועלכן ער האָט נישט געהאַלטן פאַר קיין גאָט, אָבער פאַר אַ גרויסן לערער. קאַרל מאַרקסעס שאַרפער פּאָלעמישער טאָן, וואָס האָט אין זיך די זיכערקייט פון אַ גאָון און דעם פּאַטאָס פון אַ נביא האָט אים גע־הויבן פון אָרט. כאָטש ער האָט געטראָפן אַ געוויסן אַנטיסעמיטיזם ביי קאַרל מאַרקס, האָט ער ביי אים אויך געטראָפן עכטע יידישקייט. אים איז אויס־געקומען, אַז דער גרינדער פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם איז אַ געמיש פון ישעיהו הנביא, דעם ווילנער גאָון און אַ פּראָפעסאָר פון מאַטעמאַטיק און ביאָלאָגיע. דאָס קאַפּיטל פון מאַרקסעס „קאַפּיטאַל" „די לעצטע שעה" האָט אים געמאַכט דעם איינדרוק פון ישעיהוס „והיה באחרית הימים..."

עס איז אָנגעקומען דער ערשטער מאַי און דאָס לאַנד האָט דערזען ווי שטאַרק ס'איז די רומענישע אַרבעטער באַוועגונג. אומעטום זיינען פאָרגע־קומען ריזיקע מאַניפעסטאַציעס און די גרעסטע איז פאָרגעקומען אין בוקאַ־רעשט. די באַלעבאַטים האָבן געדראָעט די אַרבעטער און די אָנגעשטעלטע, אַז זיי ווילן זיי אָפּזאָגן, אויב זיי וועלן גיין צו דער מאַניפעסטאַציע און נישט קו־מען צו דער אַרבעט און די גאַנצע שטאָט איז פון דעסט וועגן געבליבן שטיין. דער טאָג איז געווען אַ שיינער און אַ וואַרעמער און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט שיינט און שטראַלט און זאָגט צו אַלע גליקן. די יידישע גרו־פּע איז געווען אַן אימפּאָזאַנטע און זי האָט געהאַט אַן אויסגעצייכנטן כאָר. דער גענעראַל־שטאַב פון דער פּאַרטיי האָט געפונען פאַר נויטיק צוצושטיין צו דער יידישער גרופּע און זי באַגלייטן אַ שטיק וועג. די מאַניפעסטאַציע האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ יום טוב אין אַ גרויסן פאָלקס־גאָרטן, וואָס איז געווען נישט ווייניקער אימפּאָזאַנט ווי די מאַניפעסטאַציע און דאָך אינטימ און האַרציק. דער גאַנצער עולם איז געווען אויפגעלייגט און יאַנקל האָט פּראָ־קלאַמירט, אַז יעדער זאָל זיך אויסזוכן אַ כלה פון ערשטן מאַי. ער אַליין האָט זיך גענומען פאַר אַ כלה די חברטע טעאָדאָראַ, וואָס איז געווען איינע פון די שענסטע און האַרציקסטע פירערינס פון דער יוגנט. זי איז אַליין נישט אַלט געווען מער ווי אַ יאָר אַכצן און זי איז געווען העל אַזוי ווי אַ זונען־שטראַל. זי איז געווען קינדיש־נאַיוו און מענעריש ענערגיש. אַ טאָכטער פון

אַן אָרימען יידישן בעל מלאכה אין אַ קליין מאָלדאַוואַניש שטעטל, איז זי געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנערקע נאָך צו פּערצן יאָר און זי איז געווען ווי גע־בוירן צו זיין אַ סאָציאַליסטקע. זי האָט געענדיקט אַ רומענישע פאָלקס־שול, אָבער זי האָט זיך אָפּגעגעבן מיט זעלבסט־בילדונג און האָט וועדליק פאַר איר עלטער געקענט דעם סאָציאַליזם דורך און דורך און זי האָט געהאַט אַ זעלטענע אָריענטאַציע קראַפט. זי האָט זיך נישט פאַרלוירן אין קיין שום סיטואַציע און זי האָט גענומען אויף זיך די שווערסטע און געפערלעכסטע שליחותן. זי האָט שוין דעמלט געהערט צו אַ קלאַנדעסטינער קאָמוניסטישער גרופּע און זי פלעג צעפירן אומלעגאַלע ליטעראַטור איבער די קאַזאַרמעס און זייער אָפט האָבן פאַרליבטע אָפיצירן איר געהאָלפן, אַליין נישט וויסנדיק, וואָס זיי טוען פאַר איר. ווען זי איז געווען גוט געשטימט, פלעג זי אַזאַ זינג טאָן אַ יידיש, אָדער רומעניש פאָלקס־ליד, אַז מען פלעג אויפשטעלן מויל און אויערן. און ווען מען האָט איר געזאָגט, אַז אין איר ווערט פאַרלוירן אַ קינסטלערישער טאַלאַנט, האָט זי געענטפערט, אַז די גרעסטע קונסט איז צו מאַכן די רע־וואָלוציע. זי פלעג מיט אַ באַזונדער חן זינגען אַ מין איבערזעצונג פון דער „קאַרמאַניאָלאַ", וואָס זי האָט אויסגעלערנט ביי איר טאַטן, וואָס איז געווען אַ הינקענדיקער שניידער. זי האָט נאָכגעמאַכט איר טאַטנס הינקען און זי האָט געזונגען:

אוי, סע וועלן גיין, סע וועלן גיין, סע וועלן גיין
אַלע גבירים אויף דער תליה,
נישט קיין קייסער, נישט קיין צאַר,
נישט קיין מיניסטער, נישט קיין גזר...

איר טאַטע איז איין מאָל געווען צו גאַסט אין בוקאַרעשט, האָט ער זיך נישט אויפגעהערט באַרימען מיט זיין טאָכטער און ער האָט געזאָגט: „די וועלט מיינט, אַז אַ הינקענדיקער שניידער קען גאָרנישט. ווייזט מיר אַ נישט הינקענדיקן שניידער, וואָס האָט אַזאַ טאָכטער!" ער איז געווען זיכער, אַז זיין טעכטערל וועט נאָך אַמאָל ווערן די... רעוואָלוציאָנערע קעניגין פון רו־מעניע.

טעאָדאָראַ האָט אין טאָג פון ערשטן מאַי באַזונדער געשיינט און זי איז געווען אויסערגעוויינלעך אויפגעלייגט און זי האָט דערציילט פון אירע אי־בערלעבונגען און ווי אַזוי זי האָט „פאַרפירט" געהיים־פּאָליציסטן און זי האָט זיי געגעבן צו טרינקען שלאָפגעטראַנק און זי האָט געראַטעוועט חברים פון זייערע נעגל.

פאַרנאַכט צו זיינען געקומען אינטעלעקטואַלן פון פאַרשיידענע ריכטונ־גען און זיי האָבן באַקוקט דעם אימפּאָזאַנטן און האַרציקן אַרבעטער יום טוב. עס איז אויך געקומען א. ל. זיסו און ער האָט זיך דערנעענטערט צו דער יידי־

שער גרופּע און יאַנקל האָט אים אויף אַ מייל די ווייט פאַרגעשטעלט זיין כלה פון ערשטן מאַי און ער האָט אים געזאָגט, אַז אַזעלכע כלות קענען נאָר האָבן רעוואָלוציאָנערן, קיין בורזשויעס קענען און וועלן זיי נישט האָבן.

באַלד נאָך דעם יום טוב איז געקומען וואַל־שטורעם. צום ערשטן מאָל זיינען פאָרגעקומען וואַלן נאָך דעם, וואָס דאָס גאַנצע פאָלק האָט באַקומען שטים־רעכט. די סאָציאַליסטן זיינען צום ערשטן מאָל געגאַנגען צו די וואַלן און מיט גרויסע שאַנסן. איייניקע אָפּאָזיציאָנערן פון בירגערלעכן לאַגער האָבן זיך געהאַנדלט צו די סאָציאַליסטן. עס האָט זיך צו זיי געהאַנדלט דער גענעראַל אַווערעסקו, וואָס איז געווען דער צעבלאָזענער העלד פון קריג. עס האָט געהייסן, אַז ער האָט געוואונען טראַנסילוואַניע פאַר רומעניע, כאָטש זיין יעדער ריר איז געווען אַ דורכפאַל. ער האָט בעת דער מילחמה צוגעזאָגט, אַז ער וועט צעטיילן די גאַנצע ערד צווישן די פּויערים און די פּויערים האָבן אין אים געגלויבט אַזוי ווי אין אַ גאָט. אַ פּאַרטיי האָט ער געהאַט אַ זייער קליינע און שאַנסן האָט ער געהאַט צו האָבן נאָר עטלעכע דעפּוטאַטן, ער האָט זיך דאָך געקליבן צו ווערן פּרעמיער פון רומעניע און ער איז געווען גרייט זיך צו פאַראייניקן סיי מיט גלחים, סיי מיט סאָציאַליסטן. פון דער אַנדערער זייט האָט געקוואָקעט אויף פּרעמיער דער היסטאָריקער און כל ולך ניקאָלאַי יאָרגאַ, וואָס איז דעמלט שוין געווען אַ פּראָגרעסיווער דעמאָקראַט און אַ שאַרפער קעגנער פון זיין רבין קוזאַ. אויך ניקאָלאַי יאָרגאַ איז געווען גרייט צו שליסן אַ פּאַקט מיט די סאָציאַליסטן מיטן תּנאַי, אַז זיי זאָלן ווערן מעסיקער און מאַכן אַ מינימום פּראָגראַם. סיי גענעראַל אַווערעסקו, סיי ניקאָלאַי יאָרגאַ, פלעגן זיך באַגעגנען מיט איליאַ מאָסקאָוויטש און זיי האָבן מיט אים געפירט פאַרהאַנדלונגען און אַזוי ווי יאַנקל איז געווען אַ יוצא ונכנס ביי מאָסקאָוויטשן אין שטוב, האָט ער זיך אָפט געטראָפן מיט די צוויי פּאָליטיקער, וואָס זיינען דעמלט געווען די בארימטסטע מענטשן פון רומעניע. גענעראַל אַווערעסקו איז געווען אַן אָנגעכמורעטער און אַ שווייגענדיקער, פּראָפעסאָר יאָרגאַ איז געווען אַ פריילעכער און אַן אייביקער פּלאַפּלער. דער גענעראַל האָט געהאַט אַ דינעם, אויסגעצויגענעם קערפּער און דער קאָפּ איז געווען ביי אים אַ שמאָלער און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז אינגאַנצן פון איין שטיק. דער פּראָפעסאָר האָט אויך געהאַט אַ לאַנגען קערפּער, אָבער נישט קיין אויסגעצויגענעם, איין אַקסל איז ביי אים געווען העכער און די אויגן האָבן ביי אים שטענדיק געלאַכט שאָלטיקיש און וואָוויליונגעריש. דאָס לענגלעכיקע פּנים זיינס האָט געהאַט אַ לאַנגע באָרד, אַ טונקעלע און אַביסל שוין גרוילעכע און זי האָט זיך ביי אים כסדר געשאָקלט. עס פלעג זיך טרעפן מיטן סאָציאַליסטישן פירער און מיט די דערמאָנטע צוויי פּערזענלעכקייטן דער נאַציאָנאַליסטישער פירער פון טראַנסילוואַניע, מאַניו, וואָס איז געווען אַ מערב־אייראָפּעאישער פּראָפעסאָר און אַן אַלטער בחור. יאָרגאַ פלעג ריידן ציניש און פּאָרנאָגראַפיש און ער פלעג

דערציילן, אַז ער שלאָפט עטלעכע מאָל אין טאָג מיט זיין פרוי און ער פלעג דערביי באַנוצן די פּראָסטסטע טערמינען און בעת איליא מאָסקאָוויטש פלעג קינדיש לאַכן, פלעג גענעראַל אַווערעסקו באַהאַלטן דאָס פּנים אין די הענט און פּראָפעסאָר מאַניו פלעג זיך רויטלען ווי אַ יונג מיידל. עס איז לחלוטין נישט געווען צו דערקענען, אַז אין אַ פּאָר חדשים אַרום וועט דער דאָזיקער קינדישער פּראָפעסאָר ווערן דער פּרעמיער פון לאַנד און ער וועט ביי געלעגנהייטן האַנדלען גאַנץ ענערגיש. יאָרגאַ פלעג ריידן זייער פּראָסטע רייד אויך וועגן גענעראַל אַווערעסקו. די ליסטעס, וואָס מען האָט צוגעשטעלט צו די וואַלן אין רומעניע, האָבן געהאַט נישט קיין נומערן, נאָר געוויסע סימנים, האָט די רעגירונג דעמלט דעקרעטירט, אַז די סימנים מוזן זיין געאָמעטרישע פיגורן, האָט יאָרגאַ געגיבן אַ פרעג: „איז דען אַווערעסקוס קאָפּ אַ געאָמעטרישע פיגור?” און ער האָט זיך אַליין געענטפערט: „יאָ, ער זעט אויס ווי אַ מענערישער איבר, אָבער ווי אַ טויטער...” און ער האָט אַליין זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער און יאַנקל האָט געקוקט אויף אים, ער האָט געהאַט אַ שם פון געלערנטסטן רומענער און אויסגעזען האָט ער ווי אַ זייער פּוסטע כלי.

די וואַלן זיינען צוגעגאַנגען זייער שטורמיש. די בראַטיאַנו־רעגירונג האָט געזען, אַז זי פאַרלירט און זי האָט אין די פּראָווינצן פון דער פּראָווינץ אָנגעווענדעט טעראָר און זייער אָפט האָט פּאָליציי פאַרבאָטן מי־טינגען און זי האָט אַרעסטירט די רעדנער. אויף דער יידישער גאַס האָט דער וואַל־קאַמפּיין אָנגענומען נאָר אַ שטורמישן כאַראַקטער. אַלע פּאַרטייען, אויסער די אויסגעשפּראָכן אַנטיסעמיטישע, האָבן זיך געהנדלט צו די יידן און גע־האָפט אויף זייערע שטימען, די גרעסטע שאַנסן האָבן נאַטירלעך געהאַט די כאַציאַליסטן. די ציוניסטן האָבן אין לעצטן מאָמענט זיך פאַרייניקט מיט די אַסימיליאַנטן פון „פאַרבאַנד” און זיי האָבן געשאַפן אַ ליסטע, וואָס זיי האָבן גערופן „מנורה”. די דאָזיקע פאַראייניקונג צווישן די צוויי פאַרביסענע קעגנער האָט אַרויסגערופן אומצוטרוי ביי ביידע צדדים און נאָך פאַרשטאַר־קערט דעם שאַנס פון די סאָציאַליסטן צו באַקומען די יידישע שטימען. די יידישע ליסטע האָט כמעט נישט געהאַט קיין אַגיטאַטאָרס אין יידיש און יאַנקל און שטערנבערג זיינען געווען אויפן פערד. זיי זיינען נישט נאָר געווען די בעסטע יידישע רעדנער נאָר כמעט די איינציקע יידישע רעדנער אין לאַנד. זיי זיינען ביידע אַרויסגעפאָרן אין דער מאָלדאָווע און זיי האָבן באַזוכט אַלע פונקטן, וואו עס וואוינען יידן און זיי האָבן אויפגעשטורעמט דאָס גאַנצע יידישע לעבן. אין צוויי פונקטן האָט די יידישע ליסטע געהאַט אַ געוויסן שאַנס — אין באָטאָשאַני און אין יאַסי. קיין באָטאָשאַני איז געפאָרן יאַנקל, קיין יאַסי האָבן געדאַרפט פאָרן ביידע. אין באָטאָשאַני האָט יאַנקל געהאַט אַכט מיטינגען. ער האָט גערעדט אין סאַלאָנען , אין טעאַטערס און אין גאַס. אים איז שטענדיק געשטאַנען פאַר די אויגן ערנאַ און זיך צו פאַרגעסן האָט

ער גערעדט ממש ווילד. ער פלעג שיכור ווערן פון זיינע אייגענע רייד. אים איז געראָטן צו שאַפן אַ ציוניסטישע גרופּע, וואָס האָט געשטיצט די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן. אין זיין אַגיטאַציע האָט ער איבערהויפּט געשלאָגן דערויף, וואָס דער בלאָק פון די ציוניסטן און אַסימילאַטאָרס האָט געמאַכט אַ זייער נייטראַלע דעקלאַראַציע און האָט דעם נאַציאָנאַלן יידישן מאָמענט זייער ווייניק באַטאָנט; ווען ער האָט געזאָגט, אַז די „יידישע ליסטע איז נישט מילכיק, נישט פליישיק און נישט יידיש", איז געוואָרן אַ שטורעם און עס האָבן נישט געפעלט קיין ציוניסטישע היצקעפּ, וואָס האָבן אַפּלאָדירט. שטערנבערג האָט אין זיינע רעדעס געזאָגט, אַז דער יידישער בלאָק האָט זיך גענומען ווי אַ סימבאָל די אַלטע מנורה און פאַר דער אַסימילאַטאָרישער „אוניוניאַ" איז דאָס אַלצייננס ווי דאָס ליכט בענטשן פון אַ משומדתטע... דאָס דאָזיקע שאַרפע וואָרט האָט אַרויסגערופן אַ סך היים בלוט און סקאַנדאַלן. יאַנקל געדענקט ווי היינט: ער האָט זיך אין באָטאָשאַני געטראָפן מיט דעם קאַנדידאַט פון יידישן בלאָק מישו וויסמאַן, וואָס האָט שטאַרק געהאָפט, אַז די דאָרטיקע יידן וועלן אים שיקן אין פאַרלאַמענט אַריין. דער יונגער און גייציקער פּאָליטיקער, וואָס איז געווען זייער באַפריינדעט מיט אונזער העלד און ער איז אויך געווען זיינער אַ חסיד, איז אַזש פאַרציטערט געוואָרן ווען ער האָט יאַנקלען דערזען ווי זיין קאָנקורענט און ער האָט אים געזאָגט: „איך ווינטש דיר פון גאַנצן האַרצן, אַז דו זאָלסט הייזעריק ווערן ביז וואַנען דער וואַלקאַמפּיין וועט פאַרענדיקט ווערן".

ווען יאַנקל און שטערנבערג האָבן פאַרענדיקט זייער טור איבער דער גאַנצער מאָלדאַווע, זיינען זיי ביידע געפאָרן קיין יאַסי, וואו זיי האָבן אין משך פון אַריבער צוויי וואָכן אַגיטירט טאָג איין, טאָג אויס. די גאַנצע שטאָט איז מיט די צוויי יידישע רעדנער געגאַנגען כאַדאָראָם, מען האָט פון זייערע רעדעס געלעקט די פינגער און מען האָט זייערע ווערטלעך נאָכגעזאָגט. דער ערשטער מיטינג איז פאָרגעקומען אין אַ ריזיקן טעאַטער אום שבועות, האָט יאַנקל געזאָגט, אַז די סאָציאַליסטישע ליסטע האַלט פון דער יידישער תורה און די אַזוי גערופענע יידישע ליסטע האַלט פון די מילכיקע בייגעלעך... אין יאַסי האָט אונזער העלד זיך געטראָפן צום ערשטן מאָל מיט דעם אייגנאַרטיקן דיכטער איציק מאַנגער, וואָס איז דעמלט געווען אַן אָנפאַנגער. עס איז געווען בעת אַ ריזיקער מאַניפעסטאַציע, וואָס האָט זיך געצויגן איבער דער גאַנצער שטאָט און האָט אַרויסגערופן אויסערגעוויינלעכן ענטוזיאַזם. צו די צוויי יידישע רעדנער איז צוגעקומען אַ קליין וואַגאַבונדן־יינגל, אַ צעשויבערטער, אַ טונקלער, מיט רויטע אויגן. ריידנדיק מיט זיין שפּראַך, האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון „אויסגעווייקט מיט נאַכט און ווינט" און ער האָט אין זיך געהאַט אַ זעלטענעם רייץ און אַ זעלטענע חוצפּה. און ער האָט געלייענט אַ ליד, וואָס האָט זיך זייער ווייניק געפּאַסט צו דער מאַניפעסטאַציע,

זיין שטימע האָט געקלונגען האַלב־הייזעריק און אַנגענעם און זיינע אויגן האָבן געקוקט קרומלעך און וויסט־טרויעריק. עס קלינגען אונזער העלד אין די אויערן נאָך די שורות, וואָס זיינען געווען פרעמד און רייצנדיק:

דורך דער טונקלער אַסיען־נאַכט
בלאָנדזשעט אום אַ מיידל שטום,
צו אַ שאָטן פון דער ערד זאָגט זי: קום.

און דער שאָטן הויבט זיך אויף פון דער ערד. דער שאָטן פון דערווירקלעכקייט בלייבט שטענדיק אויף דער ערד, אָדער אויף דער וואַנט, דער שאָטן פון דער באַלאַדע הויבט זיך זיך אויף און ער נעמט אַרום דאָס מיידל ווי מיט צוויי שלענג און —

די נאַכט פאַרשלינגט איר וויי און איר קלאָג.
ווייט אין מיזרח ציטערט אויף שטיל דער טאָג.

די דעמאָנסטראַציע האָט זיך געצויגן און זי האָט געשטורעמט. די געזאַנגען האָבן זיך פאַרוועט מיט די אויסרופן און איינע האָבן די אַנדערע געוואָלט אַריבעריאָגן. דאָס ליד, וואָס דאָס וואַגאַבונדן־יינגל האָט געלייענט האַלב־זינגענדיק, האָט נישט געהאַט קיין שום שייכות מיט דער גאַנצער מאַניפעסטאַציע. דער טאָג, וואָס האָט אויפגעציטערט אין דער באַלאַדע האָט נישט געהאַט קיין שייכות מיט דעם טאָג, צו וועלכן די מאַניפעסטאַציע האָט געשטרעבט און דאָך האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט געהאַט אַ שייכות. יאַנקל איז דאָך באַגייסטערט געוואָרן פון דעם אָריגינעלן ליד און ער איז געווען גרייט צו שרייען הוראַ. אין שטערנבערגס אויגן האָט ער אויך באַמערקט באַגייסטערונג, אָבער מיט קיין קאָמפּלימענט האָט זיך דער עלטערער דיכטער נישט געאיילט אויף דעם חשבון פון יינגערן. ער איז בכלל געווען קאַרג אויף אַ גוט וואָרט. נישט ווילנדיק דערמאָנט זיך דאָ אונזער העלד אַ וויץ, וואָס ער האָט אַמאָל געהערט וועגן מישאַ עלמאַנס אָנקומען קיין ניו־יאָרק. מען האָט דערציילט, אַז ווען דער דאָזיקער גרויסער פידלער איז צום ערשטן מאָל אָנגעקומען אין דער גרעסטער אַמעריקאַנישער שטאָט און ער האָט געגיבן זיין ערשטן קאָנצערט אין „קאַרנעגי האָל”, איז אין לאָזשע געזעסן אַ גרופּע קינסטלער. דער ענטוזיאַזם איז געווען אַ ווילדער. אין דער פּויזע רופט זיך אָן אַ באַוואוסטער פידלער צו אַ באַוואוסטן פּיאַניסט: „קומט אַביסל אַרויס, דאָ איז מוראָדיק הייס...” ענטפערט אים דער פּיאַניסט: „ מיר איז נישט הייס, איך בין נישט קיין פידלער”... שטערנבערג האָט זיך דערפילט אין יענעם מאָמענט, ווי דער דערמאָנטער פידלער בעת מישאַ עלמאַנס קאָנצערט... עס איז

דערנאָך א היפשע צייט אָנגעגאַנגען א שטילע ריוואַליטעט צווישן די דאָזיקע צוויי דיכטער און ווען מאַנגער איז אוועק קיין פּוילן און ער האָט דאָרט, געקריגן דעם גרויסן נאָמען, האָט שטערנבערג שטענדיק געפילט מיט קרענקונג, אַז מאַנגער האָט צוגענומען דאָס דאָזיקע פּלאַץ, וואָס קומט אים...

אין דער שפּיץ פון דער סאָציאַליסטישער ליסטע אין יאַסי איז געווען דער באַוואוסטער סאָציאַליסטישער פירער דר. ל. געלערטער, וואָס איז געווען א מאַגנעטישע פּערזענלעכקייט. הויך און ברייט און העל שאַטען מיט א פּראַפּירנדיקן שמייכל און מיט א ים קראַפט און מילדקייט, האָט ער מיט זיין דערשיינונג אַרויסגערופן באַגייסטערונג. און ער האָט גערעדט א רומעניש, וואָס רומענער האָבן אים מקנא געווען און א יידיש האָט ער גערעדט, וואָס האָט געוואָרצלט אין א געדיכטן דור־דורותדיקן יידישן לעבן. ער איז געווען פונקט אַזוי ייד ווי רומענער און דיביידע האָבן זיך אין אים אָרגאַניש צונויפגעגאָסן. די צוויי יידישע רעדנער, וואָס די פּאַרטיי פון בוקארעשט האָט צוגעשיקט האָבן זייער א סך געהאָלפן דעם קאַמפּיין, אָבער דער מאַגנעט פון גאַנצן קאַמפּיין איז געווען דר. געלערטער. קיין גרויסע אַרבעטערשאַפט איז אין יאַסי נישט געווען, ווייל ס'איז דאָרט נישט געווען קיין אינדוסטריע און די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט געהאַט א שאַנס צו האָבן איין דעפּוטאַט א דאַנק די שטימען פון די יידישע קליינבירגער, אָבער דער ענטוזיאַזם איז געווען אַזוי גרויס, גלייך עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן כאָטש צען דעפּוטאַטן, אָדער גאָר וועגן איינגעמען די גאַנצע וועלט. די פּאַרטיי איז שוין דעמלט געווען היפּש געשפּאָלטן און דער לינקער צד איז געווען דער שטאַרקער. בעת דער מאַניפעסטאַציע און בעת אַלע מיטינגען האָט מען מער פון אַלץ געהערט שרייען „ס'זאָל לעבן דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל!" אויך איציק מאַנגער איז געווען צווישן די דאָזיקע, וואָס האָבן געשריגן „ס'זאָל לעבן דער דריטער!" און ווען אונזער העלד האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער שרייבט אַזעלכע אינדיווידואַליסטישע לידער, בעת ער איז אַן אָנהענגער פון א ריכטונג, וואָס האַלט פון פּראָלעט־קולט, האָט ער כיטרע געשוויגן.

יאַנקל האָט זיך נישט געטראָפן מיט מאָטיע ראַבינאָוויטש און מיט זיין פאַמיליע. צוריק מיט ערשט פיר יאָר איז ער ביי די וואַלדמאַנס (ראַבינאָוויטשעס שווער און שוויגער) געווען ווי ביי זיך אין דער היים און איצטער איז ער זיי געווען פרעמד, גלייך זיי וואָלטן זיך איינס דעם אַנדערן קינדער געקווילעט. די גרויסע פרייד, וואָס ער האָט דעמלט איבערגעלעבט אין יאַסי, איז אים פאַרשטערט געוואָרן דורך דעם, וואָס ער האָט פאַרלוירן נאָענטע פריינט... יעדער בעכער מיט פרייד מוז האָבן א שוים פון וויסטן טרויער... דאָס געזעגנען זיך מיט יאַסי איז געווען רירנדיק. הונדערטער פּערזאָנען, יידן און נישט יידן, האָבן אונזער העלד באַגלייט צו דער באַן און אין דער שפּיץ פון די באַגלייטער איז געווען דר. ל. געלערטער, וואָס האָט אים געקושט אין

ביידע באַקן אריין, אַזוי ווי אַ רבי קושט אַ געטרייען תלמיד. דר. געלערטער איז געווען זיכער, אַז ער איז אויסגעוויילט געוואָרן און ער האָט געזאָגט, אַז איצטער וועט מקוים ווערן זיין לאַנגאָנסטיקער חלום, איצטער וועט ער אין רומענישן פּאַרלאַמענט שעלטן קוזאַן אין טאַטנס טאַטן אַריין אויף יידיש... דער צווייטער קאַנדידאַט נאָכן געלערנטן איז געווען אַ געוועזענער רומענישער דרוקער־אַרבעטער, וואָס האָט געהייסן טאַנאַסע. ער איז שוין געווען אויסערלעך אויסגעאַיידלט און דאָס קליינע בערדל, וואָס ער האָט געטראָגן, האָט אים צוגעגעבן אַ פּריצישן אויסזען, אָבער אינערלעך איז ער נאָך געווען ווייט פון זיין אויסגעאַיידלט. ער האָט געהערט צו דער עקסטרעם־לינקער גרופּע און אידעאיש איז ער דעמלט געווען נעענטער אונזער העלד ווי דר. געלערטער, אָבער יאַנקל האָט זיך צו אים נישט געקענט דערנעענטערן און ער האָט געפילט אַ פאַלשקייט אין אים. און דאָס האַרץ האָט אים נישט אָפּגענאַרט. דער רעזולטאַט פון די וואַלן איז געווען אין גאַנצן לאַנד אַ גלענצנדיקער פאַר דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. צום ערשטן מאָל איז די דאָזיקע פּאַרטיי געגאַנגען צו די וואַלן און זי האָט געקראָגן נאָר אין רעגאַט אַליין אַריבער צען דעפּוטאַטן. אָבער דר. געלערטער איז דורכגעפאַלן. דורכגעגאַנגען איז טאַנאַסע און עס איז געווען יעדן קלאָר, אַז דער לעצטער האָט געהאַט אַ גרופּע, וואָס האָט אויסגעשטראָכן פון דער ליסטע געלערטערס נאָמען. די יידן האָבן אַלע געשטימט פאַר דער גאַנצער ליסטע. שפּעטער מיט יאָרן, ווען טאַנאַסע איז געוואָרן אַ פאַררעטער, האָט מען דערוויזן, אַז ער האָט זיינע פריינט געהייסן שטימען „פון דעם „זשידאַן" אויף אַראָפּ"... די יידישע ליסטע האָט קיין איין דעפּוטאַט נישט דורכגעפירט און זי האָט אין דעם באַשולדיקט די צוויי „פאַררעטער".

די וואַלן האָבן געבראַכט סיורפּריזן. די ליבעראַלע פּאַרטיי, וואָס איז יאָרנלאַנג געווען ביי דער מאַכט, האָט געקראָגן אַ מינדערהייט, כאָטש זי האָט אָנגעווענדעט טעראָר און די רומענישע פויערים־פּאַרטיי צוזאַמען מיט דער נאַציאָנאַליסטישער רומענישער פּאַרטיי פון טראַנסילוואַניע האָבן געקראָגן די מערהייט און דער קעניג האָט באַאויפטראָגט די טראַנסילוואַניער נאַציאָנאַליסטישע פירער יוליו מאַניו און וואַידאַ וואָיעוואָד, אַז זיי זאָלן פאָרמירן די רעגירונג. אַגראַר־מיניסטער איז געווען יאָאַן מיכאַלאַקע, אַ טראַנסילוואַניער לערער, וואָס האָט געטראָגן אַ רומעניש־נאַציאָנאַלן אַנצוג מיט אַ לאַנגען העמד איבער די הויזן. ער איז פאַקטיש געווען אַ סאָציאַל רעפאָרמיסט און פּערזענלעך אַ זייער סימפּאַטישער מענטש און אייניקע האָבן געקענט מיינען, אַז עס ווערט גאָר אַן אייגענע רעגירונג אין לאַנד. אין פּאַרלאַמענט האָט מען טאַקע געפילט פרישע לופט. די עטלעכע אַנטיסעמיטן, וואָס זיינען אויסגעוויילט געוואָרן, האָבן דאָרט געהאַט געברוינטע לידן. ווען א. צ. קוזאַ האָט גענומען ריידן, פלעגן די רעגירונגס־דעפּוטאַטן פון אים חוזק מאַכן און זיי פלעגן אים

שרייען: „וועגן תלמוד רעדט, הער קוזא, וועגן „טוב שבגויים"... ניקאָלאַי יאָר־גאַ וואָס איז אויך געווען דעפּוטאַט, האָט אָנגעווענדעט זיין גאַנצע דיאַלעק־טיק קעגן זיין געוועזענעם רבין און ער האָט דעם אַנטיסעמיטיזם געמאַכט צו אַש און פּאָרעך... זייענדיק אין פּאַרלאַמענט האָט זיך אונזער העלד אויסגעדאַכט, אַז ער הערט אַ געזאַנג פון אַ נייער צייט. אָבער די פּאָליציי איז געבליבן אַ גאַנץ רעאַקציאָנערע און זי איז געווען אַ סך מער אונטער דעם איינפלוס פון דער אַוועקגעגאַנגענער רעגירונג, איידער פון דער ניי־דערוויילטער. מען האָט דערציילט, אַז ווען דער דערמאָנטער אַגראַר־מיניסטער מיכאַלאַקע איז צוגע־קומען צו זיין מיניסטעריום אין זיינע פּויערים־קליידער, האָט אים די וואַך נישט אַריינגעלאָזט, ווייל זי האָט געמיינט, אַז ער איז אַ פּשוטער פּויער... ער האָט געדאַרפט קעמפן, אַז מען זאָל צולאָזן פּויערים צום אַגראַר־מיניסטע־ריום און ער האָט דאָס נישט געקענט פּועלן...

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אויסגענוצט דעם גינסטיקן מאָמענט און זי האָט אָרגאַניזירט די אַרבעטערשאַפט אין פעסטע סינדיקאַטן און זי האָט אַלעמאָל מאַניפעסטירט די מאַכט פון די דאָזיקע סינדיקאַטן דורך גרויסע מיטינגען, וואָס האָבן זיך פאַרענדיקט מיטן גאַסן־מאַניפעסטאַציעס און צו־מאָל אויך מיט דעמאָנסטראַטיווע שטרייקן. אינעווייניק אין דער פּאַרטיי האָט זיך געקאָכט און ס'האָט געזאָטן. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע אַרבעטער־באַוועגונג וועט צעריסן ווערן פון די רייבונגען און די באַוועגונג איז דאָך גע־וואָרן שטאַרקער און שטאַרקער און די גרויסע מערהייט איז געווען לינקס. פּאָ־ליציי האָט אָנגעהויבן פאַרפאָלגן די לינקע גרופּן און זיי זיינען אַראָפּ אין דער „פּאָדפּאָליע" און זיי האָבן אָנגעפילט סיי דעם „רעגאַט", סיי די נייע פּראָווינצן, וואו דער רעזשים איז געווען אַ מוראדיק שטרענגער. צווישן די לינקע פירער איז אויך געקומען צו רייבונגען און איינער האָט באַשולדיקט דעם צווייטן אין קליינבירגערלעכקייט און נאָכגיביקייט. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז אַפילו איליאַ מאָסקאָוויטש, וואָס איז געווען דער פּויפּסט פון די לינקע, איז געשטעלט געוואָרן אונטער אַ פרעג־צייכן. עס האָט געדאַרפט פאָר־קומען אַ קאָנגרעס פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל אין מאָסקווע און איליאַ מאָס־קאָוויטש האָט געזאָלט פאָרן ווי אַ דעלעגאַט. איז צו אים געקומען אַן אומ־באַקאַנטער און האָט מיט אים געהאַט אַ שמועס און אים געזאָגט, אַז ער איז געשיקט געוואָרן מיט אַ שליחות פון מאָסקווע אים צו דערהרגענען ווי אַ פאַררעטער, אָבער ער האָט געהאַט דעם אויפטראָג אים אויסצוהערן פריער און נאָך דעם אויסהערן האָט ער זיך איבערצייגט, אַז קיין פאַררעטער איז ער נישט, אָבער קיין קאָמוניסט איז ער אויך נישט און ער האָט אים רעקאָמענ־דירט נישט צו פאָרן קיין מאָסקווע. דער כלומרשטער שליח האָט עס געמאַכט זייער טעאַטראַליש, ער האָט אַרויסגענומען אַן אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער און

אים אנידערגעלייגט אויף דעם טיש און דער נאַיווער פּאַשקאַנער יונגער סאָ־ציאַליסט האָט געמיינט אויף אַן אמת, אַז ער שטייט פאַר דעם פּראָלעטאַרישן ונתנה תוקף... ווען מאָסקאָוויטש האָט די דאָזיקע געשיכטע דערציילט שטערנ־בערגן און יאַנקלען, וואָס זיי זיינען געווען יינגער פון אים, האָבן זיי אים באַלד געזאָגט, אַז דאָס האָט אים אַן אַרטיקער קעגנער אָפּגעשפּילט אַ פּאַרס, אַז ער זאָל נישט פאָרן קיין מאָסקווע און ער האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז זיי זיינען גערעכט. אָבער עס איז שוין געווען שפּעט, ער האָט שוין געהאַט צו־ריקגעצויגן זיין קאַנדידאַטור. זייט דעמלט האָט ער זיך אָנגעהויבן נויגן אויף רעכטס און ער האָט זיך צעקריגט אידעאָלאָגיש און פּערזענלעך מיט זיין נאָענטסטן פריינד דעם עכטן פאָלקסטימלעכן יאָאַן קריסטעסקו, וואָס איז גע־ווען דער גרעסטער פאָלקס־טריבון פון דער פּאַרטיי און ער איז געבליבן לינק. די בורזשואַזע פּרעסע האָט אָנגעהויבן לויבן מאָסקאָוויטשן און אים האָט זיך דערפון געגומען פאַרדרייען דער קאָפּ און ער האָט אַלץ מער און מער זיך פאַר־נומען אין דער רעכטער זייט אריין. די לינק־געשטימטע ארבעטער האָבן אויף אים אָנגעהויבן קוקן ווי אויף אַ פאַררעטער און ער איז געוואָרן נערוועז און ער האָט אָנגעהויבן אַרויסצו־ווייזן סימנים פון היסטעריע. ער פלעג שרייבן פּאָלעמישע אַרטיקלען אין אַן אומגעהויער שאַרפן טאָן. פון לאָנדאָן איז דעמלט געקומען מאַרים מייער מיט אַ פּועלי ציוניסטישער מיסיע, האָט איליאַ מאָס־קאָוויטש אָנגעשריבן אַן אַרטיקל וועגן אים, וואָס האָט געהייסן „היט אייך פאַר שאַרלאַטאַנעס!" יאַנקל דערמאָנט זיך, אַז ער איז אַמאָל געפאָרן מיט איליאַן אין איינעם אין אַ שטאָט אריין צו אַ סאָציאַליסטישן מיטינג. עס איז אויסגעקומען צו פאָרן אַ גאַנצע נאַכט און עס האָט זיך אין צוג נאָך געפילט די נאָך־מילחמה־ענגשאַפט. לעבן די צוויי סאָציאַליסטן האָט זיך אַנידערגע־זעצט אַן אַריסטאָקראַטישע פרוי, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַ באַזונדער אינ־טערעס צו דעם מאַן מיט דער באָרד. די פרוי איז געווען אַ זייער שיינע און זי איז געווען באַזונדער פּיקאַנט צוליב די צוויי גרויע שלייפן, וואָס זי האָט געהאַט און וואָס האָבן איר זעלטן געפּאַסט צום איידלען, יונגען פּנים, אָבער אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט האָט זי די צוויי שלייפלעך אַרויסגענו־מען, ווען זי האָט זיך געדאַרפט פאַרקעמען... ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז דער מאַן מיט דער באָרד איז איליאַ מאָסקאָוויטש איז זי געוואָרן גאָר אויפ־גערעגט און זי האָט גענומען טענהן קעגן דעם סאָציאַליזם בכלל און קעגן מאָסקאָוויטשן ביפרט. איר מאַן איז געווען אַ גרויסער לאַטיפונדיסט און זי האָט באַשולדיקט איר מיט־שמועסער, אַז ער העצט די פּויערים. אַז זיי זאָלן אַראָפּהאַקן די קעפּ פון די פּריצים. מאָסקאָוויטש האָט נערוועז געענטפערט: „אָבער צו וואָס דאַרפן מיר די קעפּ פון די פּריצים, אַז זיי זיינען אפילו נישט גוט פאַר „טשאָרבע" (אַזאַ רומענישער באָרשט)?" די פרוי האָט געמאַכט אַ בייזע גרימאַסע און זי האָט זיך צוריקגעצויגן און מאָסקאָוויטש האָט דער־

פילט, אַז ער האָט איר געזאָגט אַ נאַרישקייט און ער האָט זיך געקלאָגט, אַז עס פעלט אים אויס שלאָגנפאַרטיקייט און פון צייט צו צייט פאַלט ער אריין אין היסטעריע צוליב די אָפטע פּאָלעמיקעס. די פרוי האָט פון דעסט וועגן נישט אויפגעהערט קוקן אויף אים און זי האָט אין אים אַלץ געזען איינעם פון די גרעסטע מענטשן אין רומעניע.

איין מאָל אין אַ נאָכמיטיק איז געגאַנגען אַ קליינע מאַניפעסטאַציע פון אַ סינדיקאַט איבער דער קאַלעאַ וויקטאָריעי. אין דער שפּיץ פון דער דאָזיקער מאַניפעסטאַציע זיינען געגאַנגען נישט קיין ערשטראַנגיקע, נאָר צווייטראַנגיקע פירער. דער גרעסטער דעה־זאָגער איז געווען טאַקע אונזער העלד. פלוציים האָבן זיך דערהערט סיגנאַלן, וואָס מ'האָט געוויינלעך געהערט, ווען דער קעניגליכער אויטאָמאָביל האָט געדאַרפט דורכפאָרן די גאַס. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און דער דאָזיקער אויטאָמאָביל איז טאַקע אָנגעקומען, פאָרנט און הינטן איז געווען די לייב־גוואַרדיע אויף פערד און צופוס. דער קעניג איז פאַרבייגעפאָרן לעבן דער רויטער פאָן און ער האָט זי סאַלוטירט. מען האָט באַמערקט, אַז דער שוואַכער, פאַרדאַרבענער, אָבער נישט שלעכטער מענטש, האָט געציטערט פאַרבייפאָרנדיק דער מאַניפעסטאַציע, וואָס האָט אים געקענט שלעכטס טאָן. יאַנקלען איז דורך אַ געדאַנק אין מוח, אַז די מאַניפעסטאַציע וואָלט געקענט נעמען געפאַנגען דעם קעניג און אים אַוועקפירן אין פאָלקס־הויז פון דער פּאַרטיי און אים דאָרט צווינגען אָפּצודאַנקען און עפּעס אויסווירקן פאַר זיין קאָפּ, אָבער ער האָט זיך נישט באַשלאָסן... ווען ער וואָלט נאָר אַ זאָג געטאָן צו דער מאַסע: „נעם אים!", וואָלטן געווען עטלעכע טויטע, ער וואָלט אפשר אַליין געפאַלן, אָבער דער קעניג וואָלט געמוזט אָפּדאַנקען, אָבער ער האָט זיך נישט באַשלאָסן. קיין באַלדיקע רעוואָלוציע איז ביי קיינעם נישט געווען אין פּלאַן... דער קעניג איז אַוועק און אונזער העלד האָט געהאַלטן אַ פייערדיקע רעדע קעגן אים און ער האָט געזאָגט: „מיר וואָלטן אים געקענט הרגענען, אָבער מיר האָבן נישט געוואָלט. זאָל ער בלייבן לעבן, אָבער זאָל ער בייטן זיין פּראָפעסיע! זאָל ער ווערן אַ גאַסן־קערער אָדער אַ שיכפּוצער..." די מאַסע האָט אַפּלאָדירט, אָבער ס'האָט איר באַנק געטאָן; איליאַ מאָסקאָוויטש האָט דערנאָך געזאָגט, אַז ער וואָלט זיך אויך נישט געווען באַשלאָסן אויף קיין רעוואָלוציע... דער קאָלדרע־מאַכער און גרויסער טריבון יאָאַן קריסטעסקו האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט גענומען געפאַנגען דעם קעניג און ער וואָלט געשפּילט וואַ באַנק... אין עטלעכע טעג אַרום איז ווידער פאָרגעקומען אַ מאַניפעסטאַציע און יאַנקל איז ווידער געגאַנגען אין דער שפּיץ, אָבער דאָס מאָל איז דער קעניגלעכער אויטאָ שוין נישט אָנגעקומען, עס איז אָנגעקומען אַן אָפּטיילונג פון פּאָליציי־רייטער, וואָס האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף די מאַניפעסטאַנטן און זיי גענומען שלאָגן מיט קינזשאַלן און מיט מיט די אייגענע און אויך מיט די פערדישע פיס. יאַנקל איז געווען פון די

ערשטע, וואָס האָבן געכאַפּט קלעפּ. ער האָט אַליין נישט געוואוסט פֿון וואַנען עס איז איבער אים געקומען. ס'האָט אויף אים געהאָגלט מיט שמיץ, קלעפּ און פּעטש. ער האָט דערפֿילט וואַרעם בלוט איבער דעם פּנים און איבער אַלע טיילן קערפּער. ער האָט אָנגעהויבן פֿאַרלירן דעם זיכּרון, דאָך געדענקט ער ווי אַן אָפֿיציר מיט אַ שיין און איידל פּנים און מיט סענטימענטאַלע אויגן האָט זיך צו אים צוגעטשעפּעט און אים גענומען שלאָגן. פֿריער האָט ער אים דערלאַנגט פּעטש איבער דעם פּנים און דערנאָך האָט ער אים גענומען טרעטן מיט די פּיס און די שפּאָרן האָבן אים געהאַקט אין די באַקן אַריין. ווען ער האָט שוין געהאַט נאָר אַ קליין ביסעלע באַוואוסטזיין, האָט ער נאָך געדענקט צו פֿאַרמאַכן די אויגן און דאָס דאָזיקע האָט אים זיי געראַטעוועט. יאַנקל געדענקט, אַז ווען ער האָט שוין גאָרנישט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך מיט אים, האָט ער נאָך אַלץ געפֿילט קלעפּ אין די סאַמע געהירן אַריין און עס האָט אין אים געיאָמערט אַ ווייטיק און אַ פֿאַרדרוס, וואָס ער האָט צוריק מיט אַ פּאָר טעג אַזוי טרוקן אָוועקגעלאָזט דעם קעניג...

דעם באַוואוסטזיין האָט אונזער העלד שוין צוריקגעקראָגן אין אַ שפּיטאָל, וואו ער איז געלעגן אַ פֿאַרבאַנדאַזשירטער. ער האָט דערפֿילט אַ ווייטיק אין גאַנצן קערפּער און מער פֿון אַלץ אין געזיכט. עס איז אים געווען צונויפֿגעצויגן דער גאַנצער גוף, גלייך מען וואָלט אים פֿאַרנייט. עס האָט אים געשניטן ביי דער נאָז דער שפּיטאָל ריח און ער האָט געהערט אַ טויבע שטילקייט, וואָס האָט געזונגען אַ וויסט ליד. לעבן אים איז געשטאַנען זיין פֿרייגד דר. קאַרניאָל. אַ האַרציקער ייִדישער יונגערמאַן איז ער געווען, ער האָט געשטאַמט פֿון אַלט־רומעניע און שטערנבערג האָט זיך מיט אים באַפֿריינדעט אין ליפּקאַני, וואו ער איז געווען מעדיקער פֿון גאַרניזאָן. אין בעסאַראַביע פֿלעג מען, ווי אין גאַנץ רוסלאַנד, שרייבן די רעצעפּטן אויף לאַטיין, אין אַלט־רומעניע האָט מען זיי געשריבן אויף רומעניש און דר. קאַרניאָל האָט נישט געקענט געפֿונען קיין שפּראַך פֿאַר דעם שטעטלישן אַפּטייקער און ער איז געפֿאַלן אויף אַן עצה און ער האָט געשריבן אויף — ייִדיש. האָט זיך די ייִדישיסטישע אינטעליגענץ מיט אים באַפֿריינדעט און דורך שטערנבערגן איז ער געוואָרן אויך יאַנקלס חבר. מען האָט גערעדט וועגן אים ווי וועגן אַ מעדיצינער מיט אַ גרויסער צוקונפֿט און ס'האָט זיך אָפֿט געמאַכט, אַז דר. קאַרניאָל, שטערנבערג, דער מאָלער רובין און אונזער העלד האָבן פֿאַרבראַכט ביי איין טישל, האָט מען אויף זיי אָנגעוויזן ווי אויף מענטשן מיט אַ גרויסער צוקונפֿט... קאַרניאָלס פּנים איז געווען מענעריש און קינדיש מילד און די אויגן זיינען שוין געווען די גוטסקייט אַליין. עכטע טויבן אויגן האָט ער געהאַט. ער איז געווען אַ העכערער מיטלוויקסיקער, אָבער ער איז געווען אַזוי דין, אַז ער האָט אויסגעזען הויך. ער איז געווען בויגעוודיק און ער האָט געהאַט אַ קערפּער אי פֿון אַ ישיבה בחור, אי פֿון אַן אָפֿיציר. פֿרויען זיינען אין אים

געווען פארליבט ביז אין משוגעת. ער האט געהאט אין זיין ארים בחורסקע צימערן געהיימע באזוכן פון די עלעגאנטסטע דאמען און אליין האט ער ליב געהאט א באשיידן און נאיוו מיידל פון זיין שטעטל. עס איז אין אים געווען פארליבט זיין פראפעסארס פרוי, וואס איז געווען נישט מער און נישט וויי־ניקער ווי א שוועסטער פון פרעמיער מיניסטער בראטיאנו... דר. קארניאלס אנוועזנהייט און דער ריח און די שטימונג פון שפיטאל האט אונזער העלד צערודערט. ער האט זיך געגומען דערמאנען ווי אזוי דער אפיציר האט אים געפייניקט און ער האט זיך דערפילט דערנידעריקט נישט נאר פאר זיך פער־זענלעך, נאר פאר דער גאנצער מענטשהייט און ער האט זיך צעוויינט און צעכליפעט, אז ס'האט זיך אים גערדאכט, אז די טרערן רינען אים פון די שפיץ־פינגער ביז אין די אויגן. ער איז אליין געווארן א טרערן־קוואל פון אויבן ביז אראפ... ער האט געוואלט ריידן און נישט געקענט, ער האט דעם אטעם נישט געקענט כאפן... דר. קארניאל האט צו אים געשמייכלט מיט זיין גאנצער גוטסקייט און ער האט אים געטרייסט און ער האט אים געזאגט, אז ער האט גוט אפגעשניטן. ער האט נישט קיין איין בראך און אפילו קיין טיפן שניט האט ער אויך נישט אין ערגעץ, מען האט אויף איין פלאץ נישט גע־דארפט פארנייען. ער איז נאר צעקלאפט און צעריסן און אין א פאר וואכן ארום וועט קיינער נישט דערקענען, אז ער איז געווען אזוי צעקלאפט. די דא־זיקע רייד האבן ערשט ארויסגערופן טרערן ביי אים. דר. קארניאל האט אים איבערגעלאזט אליין און ער האט צום ערשטן מאל אין זיין לעבן זיך דערפילט אין דער שטילקייט פון א שפיטאל. ער איז געליגן אין א באזונדער צימער און אים האט זיך גערדאכט, אז די שטילקייט איז אנגעפילט מיט זיפצן. וואו ער האט זיך א כאפ געטאן, האט אים וויי געטאן און ער האט געפילט א וואר־רעמקייט וואס האט זיך געגאסן ווי א שיכרות. די קראנקען־שוועסטער האט זיך נישט אויפגעהערט דרייען ארום אים און זי האט אים געזאגט, אז כאטש זי האט נאך פאציענטן, גלוסט זיך איר נישט אוועקרירן פון אים, ווייל זי ווייסט, אז ער ליגט דא ווי א העלד און אז ער האט געגיבן זיין בלוט פאר אלע מענטשן, וואס ארבעטן. זי האט אים געוויזן זיין פאטאגראפיע סיי גאנצער־הייט, סיי צעקלאפטערהייט אין א סך בלעטער און זי האט געקוקט אויף אים מיט אירע ברענענדיקע, עכט־רומעניש אויגן און האט אים געוויזן ווייסע ציין אזוי ווי מילך און דאס גאנצע טונקל־הויטיקע געזיכט אירס האט זיך געגרויטלט און האט אויסגעזען ווי א טונקלער פארנאכטיקער הימל, וואס ווערט דורכגעשאסן פון לעצטע זונען־שטראלן. איידער זי האט אים געלאזט שלאפן, האט זי אים א קוש געשטאן אין די פארבאנדאזשירטע הענט און זי האט גע־זאגט, אז פאר איר איז ער דער ערשטער העלד, וואס זי זעט פון דער נאענט... ער האט דערפילט א טרייסט פאר די גרויסע ווייטיקן און אים איז אזש גע־

וואָרן פּריקרע. אַזויפיל באַגייסטערונג פאַר עטלעכע קלעפּ. דער דאָקטער האָט דאָך געזאָגט, אַז ביי אים איז אַפילו קיין איין ביין נישט איבערגעבראָכן...

נישט מער ווי צוויי וואָכן האָט געדויערט און אונזער העלד איז צוריק געוואָרן אַ מענטש. די מערסטע באַנדאַזשן האָט ער שוין אַראָפּגענומען און ער האָט זיך שוין אומגעקערט צו זיין אַרבעט. ער האָט שוין געשריבן און געהאַלטן רעדעס און ער האָט זיך שוין דערלויבט צו האַלטן די רעדעס אויך אין רומעניש. נאָך ליגנדיק אין שפּיטאָל האָט ער באַקומען אַ בריוו פון דער היים, אַז נאָך סוכות איז שיפרהס חתונה און דער פאָטער האָט נישט נאָר פאַרלאַנגט ביי אים, אַז ער זאָל קומען, נאָר אויך ער זאָל ברענגען עטלעכע טויזנט לעי צושטייער צום נדן. ער האָט זיך געראַנגלט מיט דער דעה. ער האָט געפילט, אַז ער גייט האַנדלען קליינבירגערלעך, ער גייט איבערלאָזן דעם גרויסן אידעאַל און ער פאַרט צו אַ נישטיקער חתונה און ער האָט דאָך נישט געקענט זיך באַהערשן און ער איז געפאָרן. ער האָט אויך געקראָגן געלט. ביי דעם אַוואַנטיוריסטישן און אפשר אויך שאַנטאַזשיסטישן און דאָך ערלעכן זשורנאַליסט נ. ד. קאַטשעאַ, וואָס איז געווען אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי און האָט דאָך געשטיצט דעם לינקען פליגל, האָט ער געקראָגן אַ היפּשע סומע. נ. ד. קאַטשעאַ האָט היינט געקענט האָבן הונדערטער טויזנטער און מאָרגן — גאָרנישט און ער האָט אים געגעבן עטלעכע טויזנט לעי, אַזוי ווי עטלעכע גראָשנס. אין גאַלאַץ האָט יאַנקל געטראָפן אַ שטרייק אין פּאָרט און ער האָט דאָרט געהאַלטן אַ רעדע, וואָס אַ פּאָר טויזנטער אַרבעטער האָבן געהערט. ער האָט גערעדט צו די אַרבעטער ווי אַ ייד און ער האָט זיי געזאָגט, אַז זיי דאַרפן אים גלויבן, טאָקע ווייל ער איז אַ ייד. ער האָט זיי דערציילט, אַז אויך ער איז געבוירן געוואָרן ביים ברעג פון דונאַי און אַז ער האָט נישט געטאָרט זיך דורכשיפן איבער דעם טייך, ווייל ער איז אַ ייד. „מענטשן־דרעכט — האָט ער געזאָגט — וועל איך קריגן נאָר ביי אייך, חברים אַרבעטער, און דערפאַר קען איך אייך נישט אָפּנאַרן. און איר דאַרפט מיר גלויבן. גלויבט איר מיר?" עס האָט אַ דונער געטאָן איבער דעם גאַנצן ברעג „דאַ!" (יאָ!). יאַנקל האָט זיך דערמאָנט, אַז עס זיינען קוים פאַרגאַנגען פינף יאָר זייט ער איז דורך דעם זעלביקן ברעג אַריינגעפירט געוואָרן ווי אַ דעזערטיר און אַן אַרעסטאַנט און ער האָט זיך דערפילט דערהויבן און אַלץ אין אים האָט געזונגען צו אַ נייַ לעבן...

☆

קאפיטל דרייצן

אַ חתונה, ראָמאַנען און טעאַטער.

ווידער אין שטעטל. און טרויעריק איז געווען אין שטעטל פון דרויסן און אַ פרייד האָט געזעצט פון אינעווייניק. די רעגירונג האָט מַמש דערוואָרגן דאָס מענטשלעכע לעבן אין בעסאַראַביע און דאָס יידישע אוודאי און אוודאי. מען האָט נישט געקענט אָטעמען. אַ לעקציע צו האַלטן אַפילו אויף דער אומשולדיקסטער ליטעראַרישער טעמע האָט מען נישט דערלויבט און ווען יוגנט איז זיך ערגעץ צונויפגעקומען, האָט מען באַלד חושד געווען אין באָלשעוויזם. נאָר אַ ספּעקטאַקל האָט מען פון צייט צו צייט דערלויבט, ווייל נאָך דעם ספּעקטאַקל איז פאָרגעקומען אַ באַל און די אָפיצירן האָבן געוואָלט טאַנצן מיט די שטעטלישע מיידלעך, אַז זיי זיינען געפּגרט. דער האַנדל איז געווען האַלב־טויט און קיין אינדוסטריע איז נישט געווען און די פּערספּעקטיוון פאַר דער יוגנט זיינען געווען מער ווי נישטיקע. ווערן אַ „פּריקאַזטשיק" ביים טאַטן אָדער ביי אַ פרעמדן קרעמער האָט געמיינט אַרומגיין פּוסט און פּאַס און וואַרטן שעהן־לאַנג אויף אַ קונה אַ זעלטנהייט. און ווערן אַ לערן־ייִנגל ביים טאַטן, אָדער ביי אַ פרעמדן בעל מלאכה, האָט אויך גאַנץ ווייניק געלאָקט, ווייל אויך די בעלי מלאכות האָבן געהאַט וואַסער אויף קאַשע און כמעט אַלע שניידערס און שוסטערס זיינען געוואָרן לאַטוטניקעס, ווייל קיין נייע קליידער און שיך האָט מען נישט געמאַכט; איז די יידישע יוגנט געווען אָדער ציוניסטיש, אָדער קאָמוניסטיש און זי האָט געחלומט פון אַוועקפאָרן. דער ציוניזם האָט דעמלט נאָך מער געלאָקט ווי דער קאָמוניזם, ווייל עס האָט נאָך אָנגעהאַלטן דער קלאַנג, אַז מען האָט יידן אָפּגעגיבן ארץ ישראל און אַז דאָרט איז שוין פאַראַן אַ יידישע רעפּובליק. עס האָט זיך באַוויזן אין גאַנץ בעסאַראַביע אַ לאַנדקאַרטע פון ארץ ישראל, וואָס האָט אין דער סאַמע מיט געהאַט דאָס בילד פון לואיס בראַנדייס און אין דער צושריפט האָט זיך געזאָגט, אַז דער אַמעריקאַנער ריכטער איז געוואָרן פּרעזידענט פון דער פּאַלעסטינער רעפּובליק און מען האָט דערציילט וועגן אים לעגענדן און מען האָט געזאָגט, אַז ער איז דער צווייטער הערצל און אפשר איז ער גאָר נאָך גרעסער ווי הערצל, ווייל ער פאַרווירקלעכט דעם גרויסן חלום. ווען יאַנקל האָט

זיך געפּרואווט אַריינברייינגען רעאַליטעט און דערציילן דעם אמת, האָט מען אויף אים געקוקט ווי אויף איינעם, וואָס קומט אָנזאָגן אַ שלעכטע בשורה... די עלטערן האָבן זיך שוין ווידער געערגערט פון אים; זיי האָבן שוין געוואוסט אַז ער איז נישט קיין ציוניסט און זיי האָבן געזאָגט, אַז ער מוז עס זיין אַנ־דערש ווי אַלע יידן. ווען אַלע יידן זיינען נישט געווען קיין ציוניסטן, איז ער דווקא געווען אַ ציוניסט און איצטער, ווען אַלע יידן האָבן אים געפאָלגט, ווייל קיין אַנדער ישועה זעען זיי נישט, איז ער שוין קעגן און ער דערציילט טרויעריקע בשורות. עס האָט נישט געהאָלפן דאָס פאַרגלייכן די דאָזיקע, וואָס דערציילן מעשהס וועגן אַ יידישער רעפובליק אין ארץ ישראל צו די נביאי השקר, וואָס זאָגן שלום, שלום, ווען ס'איז נישטאָ קיין שלום, קיינער האָט אים נישט געגלויבט. אונזער העלד האָט זיך דערוואוסט, אַז אין גאַנץ בע־סאַראַביע זיינען שוין פאַראַן צען טויזנט יידישע פאַמיליעס, וואָס האָבן אויס־פאַרקויפט אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט און זיי זיינען גרייט אין וועג אַריין... די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז אין קעשענעוו באַלאַגערט געוואָרן פון טויזנטער יידן און זי האָט געמוזט ברייינגען שליחים פון אויסלאַנד, וואָס זאָלן באַהערשן די מאַסן און זיי איבערצייגן, אַז משיח איז נאָך נישט געקומען; טויזנטער פאַמיליעס זיינען חרוב ונחרב געוואָרן און זיי זיינען געבליבן אָן די צעוואַקלטע פרנסות און האָבן געדאַרפט באַצאָלן פילפאַכיק טייערער פאַר די אייגענע זאַכן. עס האָבן נישט געפעלט קיין יידלעך, וואָס האָבן אויסגע־נוצט די נאַיוויטעט פון די מאַסן, אויך די רעגירונג האָט די לאַגע אויסגע־נוצט פאַר זיך און זי האָט אַריינגעזעצט רומענער פון רעגאַט אויף דעם פּלאַץ פון די אומגליקלעכע בעלי חלומות. דער רב הכולל י. ל. צירלסאָן איז דעמלט געווען דער העלד פון טאָג. ער האָט דער ערשטער אָנערקענט די אַנעקסיע פון בעסאַראַביע און זיינע חסידים האָבן געזאָגט, אַז ער האָט דערמיט געראַטע־וועט די בעסאַראַבישע יידן; די קעגנער זיינע האָבן געזאָגט, אַז ער איז אַ פאַררעטער און פאַרקויפער. בסוד האָט צירלסאָן אויסגעזאָגט, אַז ער איז גע־ווען געצוואונגען צו אונטערשרייבן זיין הסכמה און ער האָט געשמייכלט, האָט מען דערציילט, מיט אַ שווייגנדיקן סודותדיקן שמייכל. יאַנקל אַליין האָט זיך אָנגעהויבן גיבן חשבון, אַז ער, דער דאָזיקער געלערנטער רב, איז אַ רעאַל פּאָליטיקער פון אַלטן רבנישן נוסח. ווען עס וואָלט זיך געהאַנדלט אין יידיש־קייט ממש, וואָלט ער געוויס געווען גרייט צו גיין אויף קידוש השם, אָבער אַזוי ווי עס האָט זיך געהאַנדלט אין פּאָליטיק, האָט ער געפילט, אַז די דעה וועלן אין בעסאַראַביע אויף אַ לאַנגער צייט האָבן די רומענער. דערצו האָט אים מיסתמא מער געצויגן צו די קאָנסערוואַטיווע רומענער, ווי צו די „גאָט־לאָזע באָלשעוויקעס" און זיין חוש האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז די באָלשע־וויקעס האָבן שוין אין רוסלאַנד געזיגט.

אין שטעטל איז שוין דעמלט געווען אַ מאָדערנע העברעאישע שול, וואָס

איז געווען אויסגעהאלטן פון א קאמיטעט, אין וועלכן עס זיינען געווען אויך פרומע יידן, כאטש דער לערער איז געווען אן אפיקורס. דוד ווערטהיים האט ער געהייסן דער לערער, ער איז געווען דער זון פון בענדערער רבין ר׳ שליאמ־קע און ער האט נאך געטראגן א גאנצע בארד, אבער מען האט געוואוסט, אז ער איז א צעירי ציון און אפיקורס. ער האט געטראגן די בארד אזוי, אז מען זאל נישט דערקענען, אז ס׳איז פאר פרומקייט. די סטודענטישע רוסישע או־ניפארם, וואס ער האט געטראגן, האט אויך געמאכט, אז ער זאל נישט אויס־זען יידישלעך פרום. דוד ווערטהיים איז דארט געווען מיט זיין פרוי חנה, וואס איז געווען א העברעאישע פרעבעליסטקע און מיט דער פרוים ברודער, וואס איז אויך געווען א העברעאישער לערער. יאנקל איז אידעיש געווען צע־ריסן מיט די צוויי לערער און ער האט זיך דאך באפריינדעט מיט זיי און אפט מיט זיי פארבראכט, ווייל אפילו קריגן זיך מיט זיי איז געווען אנגענעם. דערצו האט חנה פארמאגט א באזונדער רייץ. זי האט געהאט א קינדיש פנים און אזעלכע העל־בלויע אויגן, וואס מען זעט זיי נאר אף בילדער. זי האט זיך נאך געקליידעט ווי א גימנאזיסטקע און זי האט טאקע אויסגעזען ווי א קינדיש־נאיווע גימנאזיסטקע. זי פלעג אונטערקרעכצן וועגן דעם, וואס עס גייט איר צו שווער מיט דעם העברעאיש ביי די קליינע קינדער, זי האט דערביי זייער ליב געהאט יידיש און יאנקל האט געמערקט, ווי דאס חיות גייט איר אוים נאך יעדער נייעם יידישן לידעלע, וואס ער זינגט איר, אבער פרואוון מיט די קינדער לערנען אויך יידיש האט זי נשט געוואלט. וויפל אונזער העלד האט נישט גערעדט איבער איר, אז זי זאל אים ארייגלאזן מיט איין יידיש לידעלע פאר די קינדער, האט ער עס נישט געקענט פועלן, זי האט געוואוסט, אז ווען זי וועט איין מאל ווייזן די קינדער א וועג מיט יידיש, וועלן זיי שוין מער קיינמאל נישט וועלן קיין העברעאיש. דער ברודער חנהלס איז אויך געווען א ציוניסט, אבער ער האט געזאגט, אז ער איז א „ווילדער", ער געהער נישט צו קיין שום פארטיי, אדער גרופע. ער האט געזאגט, אז אין רוסלאנד זיינען פאראן זייער א סך „ווילדע" ציוניסטן. זיינע פאליטישע סימפאטיעס זיינען געווען אויף דער זייט פון די באלשעוויקעס און יאנקל האט נישט געקענט דערגיין קיין טאלק ביי אים. ער האט נישט געוואוסט, צי ער איז א באהאלטענער באלשעוויק און ער מוז זאגן, אז ער איז א ציוניסט, צי ער איז טאקע אזא „ווילדער" ציוניסט. אין דער שפראך־פראגע האט ער זיך געדרייט און ער איז געווען נאכגיביקער ווי זיין שוואגער לגבי יידיש, אבער ער איז דאך געווען אן עקשנותדיקער העברעאיסט און ער האט אפגעזאגט יידיש אין א צוקונפט. שפעטער האט יאנקל געטראפן א סך אזעלכע אין בעסאראביע און אייניקע פון זיי האבן זיך דערקלערט פאר „השומר הצעיר־ניקעס" און אנדערע פאר — „ווילדע" ציוניסטן, אבער אין א גרויסער מאס זיינען זיי געווען צולהכעיסניקעס און זיי זיינען געווען באלשעוויסטיש ווען

זיי האָבן גערעדט מיט אַנטי־באָלשעוויקעס און אַנטי־באָלשעוויסטיש, ווען זיי האָבן גערעדט מיט באָלשעוויקעס און ווען מ'האָט זיי צוגעדרוקט צו דער וואַנט, האָבן זיי געזאָגט, אַז זיי קענען נישט פאַרגינען די זאַטע יידן זייער אַנטי־באָלשעוויזם און זיי וואָלטן געוואָלט ברייננען אויף זיי דעם באָלשעוויזם, כאָטש זיי זיינען קעגן אים.

צו דער חתונה האָבן נאָך געפעלט אַ פּאָר וואָכן און אַ גרופּע ליבהאָבער האָט איינגערעדט אונזער העלד, אַז ער זאָל מאַכן אַ ספּעקטאַקל און ער האָט צונויפגעשטעלט אַ געמישטן אָוונט פון פאָלקס־לידער, וואָס ער האָט אויסגע־לערנט עטלעכע יינגלעך און מיידלעך, וואָס האָבן געזונגען זייער שיין און ער האָט אָנגעשריבן אַ מין איין־אַקטער, וואָס ער האָט גערופן „חנוכה אין סיביר" און וואָס האָט פאָרגעשטעלט טביה דעם מילכיקנס איידעם פּעפּערל און זיין טאָכטער האָדל אין סיביר אום חנוכה. ער האָט געשילדערט ווי זיי בענקען נאָך דער חנוכה פון דער היים אַרויס און האָדל פּראָוווט מאַכן וואַרעניקעס און זי שטאָפּט אַפילו איינעם אָן מיט וואַטע און זיי צינדן אָן חנוכה־לעמפּלעך אויך. דער איין־אַקטער איז געשפּילט געוואָרן אין אַ וואַרעמען טעמפּאָ און דאָס מיידל, וואָס אונזער העלד האָט אויסגעקליבן פאַר האָדלען, איז ממש געווען טביהס אַ טאָכטער. דעם עולם איז געשפּרונגען פון די פּלעצער פאַר פרייד. די טאָכטער האָט נאָכגעזאָגט דעם טאַטנס אַ פּאָר פאַרקערטע פּסוקים, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַ יובלען, אָבער דוד ווערטהיימס שוואָגער איז צו־געקומען און ער האָט דעם מחבר געמאַכט אַ פאָרוואורף פאַר זיין שאָוויניזם און ער האָט געזאָגט, אַז אַריינברייננען חנוכה קיין סיביר צו רעוואָלוציאָנערן, הייסט חוזק מאַכן פון דער רעוואָלוציע און אַריינברייננען אַ ווילדן שאָווי־ניזם... יאַנקל האָט בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס רעוואָלו־ציאָנערן טאָרן נישט בענקען נאָך דער היים און נאָך די יום טובים פון דער היים און ער האָט אַ סך מאָל אין זיין לעבן זיך געדאַרפט ראַנגלען מיט סאָ־ציאַליסטן — און ספּעציעל מיט יידישע — אַז זיי זאָלן דערלויבן אַ קליין ביסל מענטשלעכע ראָמאַנטיק און ער האָט דאָס דאָזיקע קיינמאָל נישט גע־קענט פועלן ביי די מערסטע פון זיי...

דער אָוונט איז דורך מיט אַ גרויסן דערפאָלג און די גאַנצע יוגנט האָט געקלעפּט צום גאַסט. ספּעציעל האָבן צו אים געקלעפּט די גאָר יונגינקע מייד־לעך, די ערשט־פאַרענדיקטע גימנאַזיסטקעס. צווישן זיי איז געווען זיין שוועס־טערקינד, די חנוודיקע רויטלעכע מאַניאַ, וואָס האָט שוין געהאַט געענדיקט די גימנאַזיע אין איזמאַיל און זי האָט זיך שוין געקליבן קיין בוקאַרעשט ווייַ־טער לערנען און זי האָט שוין געהאַט געפירט אַ מלחמה מיט די עלטערן, וואָס האָבן זי געוואָלט בעסער חתונה מאַכן. זיי האָבן געזאָגט, אַז ס'איז שוין גע־נוג געלערנט.

מאַניאַ מיט אירע צוויי חברטעס סאַראַ און דאָראַ האָבן פאַרכאַפּט

יאַנקלען באַלד נאָך דעם חנוכה־אָוונט און זיי זיינען פון אים נישט אָפּגע־טראָטן. ריווע האָט ריוואַליזירט מיט זיי און זי האָט דעם העלד פון אָוונט געשלעפּט טאַנצן, כאָטש ער האָט נישט געקענט. דער סיורפּריז פון יענעם אָוונט איז פאַר יאַנקלען געוועזן אַנאַ קיצים, וואָס איז געוועזן צו גאַסט אין קיליע. זי האָט שוין געהאַט געפעלט מיסתמא אַ יאָר צען, אָדער צוועלף. זי האָט געוואוינט די גאַנצע צייט אין ווילנע און זי איז אָפּט געוועזן אין פּע־טערבורג און זי איז איצטער געקומען צו גאַסט צו אירע ברידער. אירע עלטערן זיינען שוין לאַנג געוועזן טויט. זי איז געוועזן אַ ווייבל אין באַלזאַקישן עלטער און זי האָט איצטער פאַרמאָגט נאָך מער ווייבלעכקייט, ווי דעמלט, ווען יאַנקל האָט גייענדיק צו דניאלן אין חדר אַריין זיך „פאַרליבט" אין איר אויף אַ קינ־דישן אופן. זי איז פאַרבליבן ביי אים אין געמיט, ווי די ערשטע, וואָס האָט דערוואַכט אין אים אַ געוויסע מענערישקייט און זי איז פאַר אים פאַרבליבן ווי דער סימבאָל פון ד ע ר פרוי. ער האָט געמיינט, אַז ער וועט זי קיין מאָל נישט באַגעגנען און זי וועט פאַר איר פאַרבלייבן ווי אַ חלום, וואָס מ'קען קיין מאָל נישט דערגרייכן. און דאָ איז זי אויסגעוואַקסן לעבן אים הינטער די קוליסן און האָט אים וואַרעם באַגריסט און געקוקט אויף אים מיט די זאַפטיקע, בלויע אויגן און האָט אים געגיבן די ווייסע האַנט צום קושן און די האַנט אַליין האָט שוין געהאַט אין זיך עפּעס פון נאַקעטקייט...

און יאַנקל איז געוועזן צווישן צוויי פייערן. פון איין זייט דריי יונגינקע מיידעלעך, וואָס זאָגן צו פונקען און אָנזאָגן און חלומות און פון דער אַנ־דערער זייט אַ רייפע, זאַפטיקע פרוי, וואָס איז געוועזן אַ קינדישער חלום און וואָס האָט איצטער צוגעזאָגט אַלץ. און אין שטעטל האָט זיך עס אַביסל אָפּ־געטאָן, ווען דעם שוחטס זון איז אַריינגעגאַנגען צו משה קיצים אין פּאַלאַץ אַריין, וואו עס האָט געוואוינט איינער פון די יונגע קיציסעס און וואו אַנאַ איז געוועזן צו גאַסט. אין שטעטל זיינען דעמלט געוועזן צוליב געשעפטן און צוליב פּאָליטישע ענינים אַ סך יידישע און קריסטלעכע יונגעלייט פון אַלט־רומעניע, וואָס האָבן אָנגעפילט די לופט מיט אַ גרויסשטאָטישן „דאָן זשואַ־ניזם". די דאָזיקע יונגעלייט האָבן זיך געדרייט אַרום אַלע שיינע מיידלעך און ווייבלעך און מער ווי אַרום אַלע האָבן זיי זיך געדרייט אַרום אַנאַן. זיי האָבן זיך אַרום איר געדרייט אַזוי ווי בינען אַרום האָניק. אין קיליע האָט מען געזאָגט פּשוט, אַז זיי דרייען זיך אַרום איר, אַזוי ווי הינט אַרום אַ צויג... עס איז אַרוים דעמלט אַ ווערטל אין שטעטל — „מען ווייסט שוין". ווען מען האָט געזען עמיצן אַריינגיין צו איר אין הויף אַריין, האָט מען באַלד געזאָגט: „מען ווייסט שוין"... אויך יאַנקלען האָט מען נאָך דעם ערשטן באַזוך ביי דער פּי־קאַנטסטער פרוי באַגעגנט מיט אַ „מען ווייסט שוין". און ספּעציעל האָבן אים דאָס דאָזיקע געזאָגט מאַניאַ ־ סאַראַ ־ דאָראַ. אַנאַ איז טאַקע געוועזן ממש באַלאַגערט פון די דאָן זשואַנען פון אַלט־רומעניע. זי האָט אַ רגע נישט

געקענט בלייבן אַליין. מען האָט זי פּאַרוואָרפן מיט קאַרטלעך און בריוולעך און די מערסטע זיינע געווען געשריבן אויף רומעניש און זי האָט זיי נישט פאַרשטאַנען. בעת דעם ערשטן באַזוך האָט איר יאַנקל געדאַרפט איבערלייענען אַ פּאָר צענדליק קאַרטלעך און בריוולעך, אין וועלכע עס איז לערך געווען געשריבן: „אָדער הויב מיך אויף צו דיר און מאַך מיך פאַר אַ מלאך, אָדער לאָז זיך אַראָפּ צו מיר און ווער אַ פרוי...“ אונזער העלד האָט שוין דעמלט געהאַט אָנגעהויבן צו לערנען פרוידן און ער האָט זיך געקלערט, אַז עס איז שווער אַזאַ ווייבלעכער פרוי ווי אָט די אַנאַ צו באַהערשן איר לעבן. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט די איבערלעבענישן פון איר מאַן און ער האָט געזען, אַז פאַר אים איז געווים יעדע באַגעגניש מיט אַ פרעמדן מאַן אַ טראַגעדיע. יאַנקל האָט זיך געקליבן אָנצושרייבן אַ דראַמע מיט אַנאַן ווי אַ העלדין און ער האָט געטראַכט זי אַ נאָמען צו גיבן „אַנדערש“ און ער האָט געוואָלט אויסדריקן דעם געדאַנק, אַז די וועלט דאַרף אויף דעם געביט אַליין ווערן אַנדערש. און ער אַליין האָט זיך ווילד אָנגעשטרענגט צו גיין אַנדערש לגבי דעם חלום פון זיין קינדהייט און ער האָט דאָך נישט געקענט און ער האָט זיך געפילט געקרענקט פון דעם. אים האָט זיך שטאַרק געגלוסט אויסצופיינען פאַר איר און איר ווייזן, אַז ער איז אַנדערש ווי די אַנדערע מענער. אָבער זי האָט דאָס גאָרנישט געוואָלט און איר האָט נישט געאַרט, וואָס ער האָט געקוקט מיט פאַרליבטע אויגן אויף איר זי האָט אים געמאַכט אַ קאָמפּלימענט און זי האָט אים געזאָגט, אַז זייער אַ סך מענער קריגן קעלבערנע אויגן, ווען זיי קוקן פאַרליבט און זיינע אויגן בלייבן מענטשלעכע אויך פאַרליבטערהייט... דער דאָזיקער זאָג איז געווען פאַר אים אַ גרויסע פרייד און ער האָט אין דעם געזען אַ פאַרווירקלעכטן חלום. ער האָט זיך געקלערט, אַז אין דער קינדהייט פאַרזייעט מען חלומות און מען ווערט יונג, שניידט מען דערנאָך זייערע פרוכטן. ער האָט אָנגעהויבן האָפן צו באַגעגנען איצטער די אַלע פרויען, וואָס האָבן אַמאָל דערוועקט ליבע אין אים, אויך זיין „קרבן“ וועט ער נאָך אַמאָל באַגעגנען... ער האָט זיך אַליין געזאָגט מוסר, וואָס ער, אַ סאָציאַליסט, גייט גלויבן אין תחית המתים און דאָך האָט ער זיך נישט געקענט אַריינקלאַפּן, אַז די געשטאָרבענע וועט ער שוין קיין מאָל נישט זען...

און ווייל ער האָט געטריבן די ווייבלעכקייט פון זיך, האָט זי אים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן און האָט אים אָנגעפילט דאָס גאַנצע זיין און האָט אים נישט געלאָזט רוען. אַנאַ איז געוואָרן פשוט אַ משוגעת פאַר אים און ער איז צוליב איר נעכט נישט געשלאָפן און ער האָט זיך נישט גערעכנט מיט די איראָנישע און סאַרקאַסטישע „מען ווייסט שון“, מיט וועלכע מען האָט אים באַגעגנט און ער האָט איר געמאַכט אַ סך מער וויזיטן וויפל עס איז דערלויבט צו מאַכן אַ שטרויענער אַלמנה. מיט זיין שוועסטער קינד און אירע צוויי חברטעס האָט ער זיך אַרומגעדרייט גאַנצע נאָכמיטיקס און גאַנצע אָוונ־

טן ביז שפּעט אין דער נאַכט. ער האָט זיי דערציילט אַלץ, וואָס ער האָט געוואוסט און ער האָט זיי געזונגען אַלע לידער, וואָס ער האָט געקענט און ער האָט זיי דערקלערט די פּראָגראַמען פון אַלע פּאַרטייען און ער האָט זיך מיט אַלע דריי געקושט — חבריש און ליידנשאַפטלעך. און עס זיינען נאָך געווען מיידלעך, וואָס האָבן געזוכט זיין פריינטשאַפט און זיי האָבן אים געמאַכט פאָרוואורפן, אַז ער איז אַ דאָן זשואַן און זיי האָבן שוין דערפון געדרונגען, אַז אַלע שרייבער זיינען דאָן זשואַנען... יאַנקל האָט באַמערקט אַ קאָשמאַרע הונגעריקייט ביי די אַלע מיידלעך און זיי האָבן אים אַלע אויסגעזען ווי אַ געפערלעכער ברענשטאָף, וואָס וואַרט אויף אַ ריח פון פייער, אַז ער זאָל אויפרייסן. עס פלעג זיך אַרויסכאַפּן ביי די מיידלעך ווערטער אַזעלכע, וואָס האָבן זיי אויסגעגיבן. ער איז איין מאָל געגאַנגען מיט אַ טאָכטער פון אַ פרומען יידן, וואָס איז געווען הויך און ווייבלעך און האָט געהאַלטן די אויגן אויף אַראָפּ און זי האָט אויסעזען אומגעהויער צניעותדיק און ער איז געווען זיכער, אַז זי טראַכט אפילו קיין מאָל נישט פון דעם, וואָס איר בלוט פאַרלאַנגט. זיי איז אויסגעקומען אַריבערצוגיין די גאַס און אויף זיי איז שיעור נישט אַרויפגעפאָרן אַ וואָגן. ער האָט זי אויף גיך אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און זי אַריבערגעפירט. איר אָרעם האָט געצאַפּלט גלייך ווי אַ וואולקאַן וואָלט געווען אין אים און אַליין איז זי געוואָרן ווי איין שטיק פייער. און זי האָט אַ זאָג געטאָן: „עס וואָלט געווען אַ שאָד, אַז מען זאָל מיך שוין איצטער איבערפאָרן, איך האָב דאָך נאָך גאָרנישט גענאָסן פון לעבן. אָט, ווען איך וואָלט געלעבט אַזוי ווי ריווע, וואָלט מיר נישט באַנק געטאָן.” אונזער העלד איז קלאָר געוואָרן, אַז די ריווע גאַמשיעוויטש, וואָס אַלע מיידלעך באַריידן, איז דער נישט דערגרייכטער חלום פון זיי און זיי זיינען איר אַלע מקנא... אין פּרט פון סעקס האָבן די נגידישסטע מיידלעך, וואָס זיינען ביכלל געווען אויסערגעוויינלעך שטאָלץ, פאַרלוירן דעם דאָזיקן שטאָלץ. לגבי מיידלעך זיינען די נגידישע טעכטער געווען אויסגעוויינלעך גאַווהדיק און זיי האָבן פאַרריסן די קעפּ, ריידנדיק מיט זיי, אָבער ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ בחור, האָבן זיי פאַרלוירן נישט נאָר זייער שטאָלץ, נאָר אויך זייער ווירדע. צו די צוויי שענסטע מיידלעך האָבן געהערט אין שטעטל עלאַ דאַווידאָוויטש און דאָראַ קיצים. די ערשטע אַ קליינגעוויקסיקע ברונעטקע מיט קליינוויבלעכן רייץ און די צווייטע אַ מיטלגעוויקסיקע העלע שאַטענקע מיט העלע, רייצנדיקע קאָלירן און מיט טיפע קאָרנבלימלעך אויגן. די דאָזיקע מיידלעך האָבן זיך געהאַלטן ווייטער פון די מיטלבירגערלעכע און קליינבירגערלעכע מיידלעך, זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר אַריסטאָקראַטקעס. עס האָט געהייסן, אַז די לאַנד־שדכנים זוכן פאַר זיי גרויסאַרטיקע שידוכים; עלאַ דאַווידאָוויטש האָט געזאָגט, אַז זי וועט נישט חתונה האָבן דורך קיין שדכן און זי וועט אוועק־

פאָרן קיין בוקאַרעשט און זי וועט דאָרט פירן אַ פריי לעבן, אַזוי ווי זי פאַרשטייט. דאָראַ קיצים האָט געזאָגט, אַז זי וואָלט זייער געוואָלט חתונה האָבן דורך ליבע, אָבער זי פילט נישט, אַז זי וועט קענען פירן אַ קאַמף מיט איר מומען, וואָס איז איר שטיפמאַמע, ווייל איר מאַמע איז געשטאָרבן, ווען זי איז מיט איר געלעגן אין קימפּעט. יאַנקל האָט געקוקט אויף איר און אים האָט זיך געדאַכט, אַז זי זעט אויס געגוי ווי איר מאַמע, ווען זי האָט צוריק מיט אַכצן יאָר חתונה געהאַט מיט איר טאַטן. גלייך יענע וואָלט אויפגעשטאַנען תחית המתים. אין דעם קאָמיטעט, וואָס האָט איינגעאָרדנט דעם חתונה־אָוונט האָבן זיך די דאָזיקע צוויי מיידלעך אויך באַטייליקט און זיי האָבן געדאַרפט אַרומגיין פאַרקויפן בילעטן. געגאַנגען איז געווײנלעך אַ יינגל מיט אַ מיידל. האָבן ביידע געוואָלט גיין מיט יאַנקלען און זיי האָבן זיך אַזוי נישט ווירדיק צעקריגט, אַז ער האָט אין דער גאַנצער געשיכטע דערפילט אַ מענטשלעכע באַליידיקונג און ער האָט זיך געטראַכט, אַז די נאַטור האָט באַשאַפן דעם מענטשן דערנידעריקנדיק און די פרוי איז נאָך ערגער באַשאַפן ווי דער מאַן. אַלץ אין אים האָט געשריגן, אַז אַנדערש דאַרף דער מענטש ווערן, אַנדערש...

פון בוקאַרעשט זיינען אָנגעקומען ביטערע גרוסן. די רעאַקציע איז געוואָרן שטאַרקער און זי האָט זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס איז אויסגעוואַקסן צו אַ קאָלאָסאַלער קראַפט. דעם דרייצנטן סעפּטעמבער איז פאָרגעקומען אַן אַרבעטער מאַניפעסטאַציע, איז אַנטקעגן געקומען מיליטער און האָט געשאָסן אויף דעם המון אָן אַ פאָרויסיקער מעלדונג. עס זיינען געפאַלן עטלעכע טויטע פון די אַרבעטער און מען האָט געזאָגט, אַז אויך פון די סאָלדאַטן זיינען געווען טויטע. אייניקע האָבן געמיינט, אַז דאָס איז געווען אַ צוגעגרייטע פּראָוואָקאַציע. מען האָט אָנגעגרייט אַ פּאָר פּראָוואָקאַטאָרס צווישן די מאַניפעסטאַנטן און זיי האָבן געשאָסן אויף דעם מיליטער, ביכדי דאָס מיליטער זאָל האָבן אַ מאָטיוו צוריקצושיסן. אַ סך פון די פירער האָבן די אָפיצירן מוראָדיק צעקלאַפּט און צעהרגעט. די רעגירונג האָט דערקלערט, אַז דאָס מיליטער איז געקומען העלפן היטן די אָרדנונג און די מאַניפעסטאַנטן זיינען אָנגעפאַלן אויף דעם, כאָטש עס האָט נאָך קיין מאָל נישט געהאַט פּאַסירט, אַז אַ מאַניפעסטאַציע זאָל מיט עפּעס שטערן די אָרדנונג. דער גאַנצער שטאַב פון די סאָציאַליסטישע פירער איז אַרעסטירט געוואָרן. עס זיינען אויך אַרעסטירט געוואָרן די רעכטע סאָציאַליסטן, אָבער צום מיינסטן האָט מען אַרעסטירט די לינקע און מען האָט זיי נישט אַרויסגעלאָזט. מען האָט געמיינט, אַז מען וועט די פירער אָפּהאַלטן אַ פּאָר טאָג און מען וועט זיי אַרויסלאָזן, אָבער די רעגירונג האָט פאַרפירט קעגן זיי אַ פּראָצעס און זיי פאַרשפאַרט אין טיורמע און נישט געוואָלט קיינעם אַרויסלאָזן אויך פאַר קיין גאַראַנטיע. די אינטערפּעלאַציעס אין פּאַרלאַמענט האָבן גאָרנישט געהאָלפן. יאַנקל האָט זיך געראַטעוועט פון אַרעסט און די דאָזיקע

רעטונג איז אים נישט געפעלן און ער האָט זיך געפילט שלעכט. ער איז קליינ־בירגערלעך געפאָרן צו א שוועסטער אויף א חתונה און ער האָט איבערגעלאָזט אַלץ... די חתונה איז אים נישט באַקומען, כאָטש זי איז געווען א פרייליכע. די מאַמע האָט שוין נישט געזאָגט, אַזאַ אַזאַ חתונה איז אין קיליע נישט געווען, אַזוי ווי זי האָט געזאָגט נאָך מאַמציעס חתונה, אָבער א גרויסע שימחה מיט א גרויסער וועטשערע איז געווען. ווען דער טאַטע האָט זיך געדרייט מיט שיפרהן זיבן מאָל ארום חתן, האָט הערשל שוחט געזאָגט: „דריי זיך נישט וויניקער!" און דער טאַטע האָט געענטפערט: „עס קאָסט שיינע עטלעכע טויזנטער איין דריי..." די מאַמע האָט זיך אין מיטן די חופה וקידושין צעוויינט און זי האָט געקלאָגט אויף א קול פאַר דעם, וואָס זי האָט נישט זוכה געווען צו זיין ביי איר טאָכטער מרים אויף דער חתונה... „פאַרוואָס — האָט זי געבליפּעט אויף א קול — האָבן מיר זי פאַרזינדיקט אַזוי ווייט?..." אין איין וועג האָט זי שוין דערמאָנט דעם ברודער אירן, וואָס איז אויך אַזש אין בוענאָס איירעס און זי האָט נישט אויפגעהערט שרייען: „וואו איז פראַים? נישטאָ?"... דער מיזינעק, דער גימנאַזיסט לייב, האָט זי צוגעהאַלטן און באַרויקט און אַליין אויך געוויינט. געווען, דאַכט זיך, אַזוי קינדיש לייכטזיניק־גימנאַזיסטיש און געחלומט פון עפּעס א פרייד, וואָס דאַרף אַראָפּפאַלן פון אויבן און ער האָט דאָך אַזוי האַרצרייסנדיק געוויינט. אין א ווינקל פון מוח האָט זיך ביי יאַנקלען פאַרקנייטשט א געדאַנק, אַז א יידישע שימחה מיינט אייגנטלעך — אַראָפּוויינען פון האַרצן אַלע ליידן...

א געוויסע טרייסט איז פאַר אונזער העלד געווען, וואָס זיין חבר שטערנבערג איז אויך נישט געווען אין בוקאַרעשט בעת דער טראַגעדיע. שטערנבערג איז דעמאָלט געווען אין טשערנאָוויץ, וואו דער פּאַבוליסט אליעזר שטיינבאַרג האָט שוין געוואוינט זייט א צייט און וואו ס'האָט זיך אָרגאַניזירט א יידישע קולטור־פעדעראַציע פאַרן גאַנצן לאַנד און אין וועלכער עס זיינען אַריין אַלע יידישע קולטור־ליגעס פון בעסאַראַביע און די קולטור־סעקציעס פון בונד און פועלי ציון אין דער בוקאָווינע. פון אַלט־רומעניע איז כמעט קיינער נישט אַריין. די קולטור־פעדעראַציע האָט אָרגאַניזירט א קאָנפערענץ, וועלכע זי האָט גערופן „די צווייטע שפּראַך־קאָנפערענץ". די ערשטע איז פאָרגעקומען אין יאָר 1908. יאַנקל האָט באַקומען אַן איינלאַדונג, אָבער שפּעט, אפילו פליענדיק האָט ער נישט געקענט אָנקומען און ער האָט זיך געפילט ווי איינער, וואָס ווייסט, אַז דאָרט און דאָרט ווערט געבוירן זיינס א קינד און ער קען דערביי נישט זיין. ער איז אַריינגעפאָרן קיין טאַטאַרבונאַרי, וואו זיין שוועסטער מאַמציע האָט געוואוינט און ער האָט דאָרט איינגעאָרדנט אַן ענלעכן ספּעקטאַקל ווי אין קיליע און ער האָט אויסגענומען ווי אַן אַקטיאָר... מען האָט געזאָגט: „פון קיליע און א גוטער אַקטיאָר..." אין טאַטאַרבונאַרי האָט אײַנ־

זער העלד געטראָפֿן אַ יידן, וואָס האָט געמאַכט גראַמען און ער האָט געזונגען אייגענע לידער. איין ליד האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

איך דערקען שוין אין מיין קאָפּאָטע,
אַז איך וועל זיין אַזאַ שיכור ווי מיין טאַטע...

ער האָט אויך געשריבן פּיעסן. אין איין פּיעסע האָט ער פֿאָרגעשטעלט דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, אין וועלכן ער האָט זיך באַטייליקט. אין אַ צווייטער פּיעסע האָט ער פֿאָרגעשטעלט דעם אַנטשיקראַקער יאַריד. זיינע אַלע שריפֿטן זיינען פֿאַרפֿאַלן געוואָרן, זיי זיינען געווען בדחנותדיק און פֿאָלקסטימלעך...

ווען אונזער העלד איז צוריקגעקומען פֿון טאַטאַרבונאַרי זיינען מאַניאַ־סאַראַ־דאָראַ געפֿאָרן קיין בוקאַרעשט לערנען. זייערע דאָקומענטן זיינען נישט געווען אין דער בעסטער אָרדנונג און זיי האָבן געדאַרפֿט האָבן אַ גרויסע פּראָטעקציע צו קענען אַריין אין אוניווערסיטעט. יאַנקל האָט זיי מיטגעגיבן רעקאָמענדאַציע־בריוו, אָבער דערנאָך האָט ער זיך מיישב געווען און ער איז אַליין געפֿאָרן מיט זיי קיין בוקאַרעשט. אין דער הויפּטשטאָט האָט מען אים דערציילט, אַז פּאָליציי זוכט אים און ער האָט זיך באַהאַלטן און דאָך געקענט העלפֿן די מיידלעך זיך איינאָרדענען אין אוניווערזיטעט. ער האָט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן דערקענט אַזוי פֿון דער נאָענט יונגע מיידלעך. עס איז געווען מיט זיי אין איינעם כמעט אַ חודש אין משך פֿון גאַנצן מעת לעת זיי זיינען געווען ווי קליינע קינדער. איבערגיין פֿון לאַכן צו וויינען און פֿון וויינען צו לאַכן איז פֿאַר זיי געווען די געוויינלעכסטע זאַך. זיי האָבן זיך געשעמט פֿאַר יעדער ביסל פּיקאַנטקייט און זיי האָבן זיך צו דעם געצויגן ווי פֿליגן צו אַ ליכט. זיי האָבן זיך איינס דאָס אַנדערע ליב געהאַט ווי דאָס לעבן און זיי זיינען געווען אייפֿערזיכטיק איינע אויף דער אַנדערער אַזוי ווי די טייבעלעך. זיי האָבן זיך אָנגעשטרענגט צו מאַכן שיין דאָס אָרימע צימער און ווען ס'איז זיי נישט געגאַנגען, האָבן זיי זיך צעוויינט... ער האָט זיך אָנגעזען מיט אַזויפֿיל כאַראַקטער־שטריכן פֿון דעם מיידל, אַז אים האָט דערנאָך געקלעקט אויף זייער אַ סך דערציילונגען. עס האָט זיך זעלטן געמאַכט, אַז אַ שפּאַס מיט זיי זאָל זיך נישט פֿאַרענדיקן מיט קיין געוויין. זיי האָבן אים איין מאָל אַליין געפֿרעגט, וועמען ער האָט מער ליב פֿון זיי, האָט ער זיי פֿריער געזונגען וואַרשאַווסקים „שרה און ריבקה" און זיי אַליין האָבן מיטגעזונגען:

וועלכע פֿון זיי זאָל איך נעמען פֿאַר אַ כלה,
וועלכע פֿון זיי זאָל איך גיבן דאָס וואָרט?

און דערנאָך האָט ער געערדט זייער פֿאַרזיכטיק און ער האָט געוואָלט זיין

גוט צו אַלע און דער סוף איז געווען, אַז יעדע האָט דערפילט, אַז זי האָט ער ווייניקער ליב פון אַלע און זיי האָבן זיך אַלע דריי צעוויינט... און ער האָט ליב געהאַט כמעט אַלע גלייך און ווען ער וואָלט געקענט מאַכן פון אַלע דריי איינע, וואָלט ער מיט איר חתונה געהאַט...

אַ פּאָר וואָכן נאָך זיין אָנקומען קיין בוקאַרעשט האָט יאַנקל באַקומען אַ בריוו פון דער היים, אַז דער טאַטע איז נישט געזונט. ער האָט געקראָגן אַזעלכע „פּריפּאַדקעס״ (איינפאַלן). עס הויבט אים אָן ווי טאָן אין רוקן און עס האַלט אָן אַ שטיקל צייט און עס גייט איבער. די ערשטע צייט זיינען די איינפאַלן געווען זעלטענער און די לעצטע צייט זיינען זיי געוואָרן אַלץ אָפּ־טער און אָפּטער. צו שיפּרהס חתונה האָט ער געקראָגן עטלעכע איינפאַלן; איינעם האָט ער געקראָגן אונטער דער חופּה, אָבער ער האָט נישט געוואָלט פאַרשטערן די חתונה און ער האָט זיך באַהערשט און ווען ער האָט געליטן די אוממענטשלעכסטע ווייטיקן, האָט ער געשמייכלט. די אָרטיקע דאָקטוירים האָבן אים קיין רפואה נישט געגיבן. אויך אין גאַלאַץ איז ער געווען, האָט ער אויך נישט געקראָגן קיין גרויסע הילף און ער האָט באַשלאָסן צו קומען קיין בוקאַרעשט. ער וועט שוין אין איין וועג זען די שוועסטער זיינע. אויב מ׳קען זיך נישט זען געזונטערהייט, מוז מען זיך זען קראַנקערהייט. און יאַנקל האָט אים געבראַכט. ער קען ביז היינט נישט פאַרגעסן די באַגעגניש צווישן דער שוועסטער און דעם ברודער, וואָס האָבן זיך נישט געזען אַ יאָר פערציק... ס׳איז דאַכט זיך געווען אַ געוויין פון פרייד און דאָך האָט געיאָמערט פון יענעם געוויין! און אַזאַ שעמעוודיקייט איז געווען! דער טאַטע האָט זיך פון זיין שוועסטער נישט געקענט אָפּקלעפּן און דאָך האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער נעמט זיך אַרום מיט אַ פרעמדער. מיט דער מומע זלאַטעס טעכטער האָט ער זיך שוין נישט געקענט קיין עצה גיבן, ער האָט נישט געוואוסט, צי זאָל ער זיך יאָ קושן מיט זיי, אָדער נישט. און ער האָט אויסגעזען אַזוי הילפלאָז קאָמיש און טראַגיש. די סצענע איז געווען אַזוי רירנדיק, אַז אַפילו דער פעט־טער יהודה, וואָס האָט אויף אַלצדינג געהאַט אַ שפּאַס, איז דאָס מאָל געבליבן אָן לשון.

יאַנקל האָט געקראָגן אויף עטלעכע טעג נ. ד. קאַטשעאַס קאַרעטע מיטן קוטשער, ביכדיי צו אַרומפאָרן מיטן פאָטער איבער דער שטאָט און טאַקע צו די דאָקטוירים. די קאַרעטע האָט געהאַט אַ פינף פלעצער און ס׳האָט שטענדיק אויסגעפעלט אַ פּלאַץ, אַלע האָבן געוואָלט פאָרן שפּאַצירן; דעם טאַטנס קומען איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטיק יום טוב פאַר דער גאַנ־צער מישפּחה און דער טאַטע אַליין האָט זיך געפילט גאָר לעילהדיק. ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי זיין זון האָט עס געקענט קריגן גאַנץ אומזיסט אַזאַ פאַעטאָן אויף אַזוי פיל צייט. אין קיליע, האָט ער געזאָגט, האָט אַמאָל חיים יאַנקל געהאַט אַ שיינעם פאַעטאָן, אָבער אַלץ נישט אַזאַ. נו וואָלט ער

אים געווען עמיצן געליגן? יאַנקל האָט געקראָגן אַ צוטריט צו די בעסטע פּראָפעסאָרן פון שטאָט און אים איז געלונגען צו איינאָרדנען אַ קאָנסולט פון דריי באַרימטע פּראָפעסאָרן און אַ בשורה האָט ער געקראָגן אַ זייער שלעכטע. די גרויסע דאָקטוירים האָבן גאָרנישט געגיבן קיין האָפנונג. זיי האָבן געזאָגט, אַז ער האָט אַ פאַרהאַרטונג פון די אָדערן און ער וועט זיך אַזוי לאַנג אָפּמוטשען ביז וואַנען ער וועט שטאַרבן. זיי קענען אים נאָר גיבן מאָרפיום צו שטילן די ווייטיקן און ער וועט מיט דער צייט ווערן אַ מאָרפיניסט און דאָס דאָזיקע וועט אים פאַרקירצן דאָס שווערע לעבן. זיי האָבן געגעבן אויסגעמאָלן ווי אַזוי ער וועט לאַנגזאַם אָפּשטאַרבן. אַלע מאָל וועט אין אים אַטראָפירט ווערן אַן אַנדער איבר, ער וועט ווערן טויב, ער וועט דערנאָך נישט קענען גיין און דערנאָך וועט ער דעם זיכרון אויך פאַרלירן. און ער האָט דעמלט אויסגעזען ווי אַ פולשטענדיק געזונטער מענטש און ער האָט אומגעהויער געוואָלט לעבן. ער האָט אומצייליקע מאָל געזאָגט דעם זון: „עס פעלט מיר שוין טאָקע נאָר איין יאָר צו זעכציק, אָבער שטאַרבן וויל איך נישט. איך וויל אַזוי לעבן...״ דער קערפּער אַליין האָט געהאַט געגוג כוח צו באַקעמפן די קראַנקייט, קיין ווילן צו זיין געזונט האָט אויך נישט געפעלט, אָבער די מעדיצין האָט קיין שום מיטל נישט געהאַט. עס האָט געדאַרפט קומען אַ נאָענטע איבערלעבעניש, אַז ער זאָל דערפילן דעם אמת, וואָס זיין פריינד דר. קאַרניאָל פלעג אים שטענדיק זאָגן, אַז די מעדיצין איז אַ וויסנשאַפט, וואָס זי איז נאָך אין די וויקעלעך. דער טאַטע האָט דערפילט ווי אַרום אים איז טרויעריק געוואָרן, כאָטש אַלע האָבן אים געזוכט צו ווייזן פריילעכע פּנימער. ער האָט געזאָגט, אַז מען האָט אים אונטערגעשריבן אַ „סמיערטנע פּריגאָוואָר״ (אַ טויט־אורטייל). ער איז נאָך געווען עטלעכע טעג אין בוקאַרעשט און מען האָט געפּראַוועט צוליב אים שימחות, אָבער זיי זיינען שוין אַלע געווען טרויעריקע און ווען יאַנקל האָט אים געזונגען אַ ניגון, האָט ער געזאָגט, אַז ער זינגט ווי אויף אַ לוויה... און ער האָט אויף אַלע, וואָס האָבן זיך געטראָפן מיט אים געמאַכט אַ זעלטענעם איינדרוק. דער פעטער יהודה, וואָס האָט שטענדיק אָנגעהויבן צו שיטן מיט אַפּיקורסות, ווען ער האָט דערזען אַ פרומען יידן, האָט פאַר אים נישט אַרויסגערעדט קיין איין אַפּיקורסיש וואָרט, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז ער נאַרט נישט אָפּ און ער גלויבט פון גאַנצן האַרצן. די שכנות, וואָס האָבן געוואוינט מיט דער מומע זלאָטע אין איין הויף, האָבן געמיינט, אַז ער איז אַ רבי און זיי זיינען געקומען בעטן ביי אים גוטע ווינטשעוואַניעס... יעקב שטערנבערג האָט נישט אויפגעהערט קוקן אויף אים און ער האָט געזאָגט צו זיין חבר: „דו ביזט ענלעך צו דיין טאַטן און איך בין ענלעך צו מיין טאַטן!״ און ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין פאַרשטאָרבענעם טאַטן און ער האָט אָנגעהויבן שרייבן לידער וועגן אים... די מומע האָט אונזער העלד דערציילט, אַז דער טאַטע האָט זיך געהייסן ווייזן אסתרן, יאַנקלס געוועזענע

כלה, און ער האָט געקוקט אויף איר און געקרעכצט און באַדויערט, וואָס זי איז נישט געוואָרן זיין שנור. זיין גרויסער חלום איז געווען: זען דעם זונס כלה.

און ווען דער טאַטע איז אַוועקגעפאָרן, איז יאַנקלען באַפאַלן אַ שרעק פאַרן טויט. אים האָט זיך געגומען דאַכטן, אַז די גאַנצע וועלט שטאַרבט אָפּ און ער האָט, ווי שטענדיק אין מאָמענטן פון פאַרצווייפלונג זיך צעהוליעט. אין משך פון אַ פּאָר וואָכן האָט ער געהוליעט און אויפהער און ער האָט גע־מיינט, אַז ער וועט אין שיכרות און אין צעלאָזנקייט געפינען אַ זין אין לעבן און געפונען האָט ער אַ נישט געזעטיקטקייט. ער האָט זיך דערמאָנט אין דער מעשה וועגן אַלעקסאַנדר מוקדון מיט דעם נישט־געזעטיקטן אויג. די אַלע מענטשן, וואָס ער האָט געטראָפן אין די מאָמענטן פון שיכרות זיינען קיין־מאָל נישט געווען זאַט. זיי זיינען געווען שיכור, אָבער נישט באַפרידיקט. און אַט דעמלט האָט דאָס צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן פּאַסירט, וואָס ער איז געוואָרן געהיים קראַנק. ער איז איבערגעשראָקן געוואָרן אויף טויט און ער איז געווען גרייט צו באַגיין זעלבסטמאָרד און ער וואָלט אפשר געווען באַ־גאַנגען, ווען נישט זיין געטרייער פריינט דר. קאַרניאַל, וואָס האָט אים באַ־רויקט און געזאָגט, אַז ס'איז אַ קלייניקייט. אַ קליין ביסל וויטיק און אויף די קינפטיקע דורות, וואָס ער דאַרף ברייננגען אויף דער וועלט, וועט זיך עס נישט אָפּרופן. און דער וויטיק אַליין וועט אים נאָך לייטערן. אַ מענטש ווערט בעסער און שעפערישער נאָך וויטיקן... און ער האָט אים דערציילט, אַז זיי־נער אַ נאָענטער פריינט אַ דיכטער האָט נישט לאַנג געהאַט די זעלביקע קראַנקייט און ער האָט אים אַריינגענומען אין שפּיטאָל אַריין און ער האָט דאָרט אָנגעשריבן אַ סעריע לידער „זינד און וויטיק", וואָס וועלן איבערלעבן דעם דיכטער אין איינעם מיט זיין קראַנקייט. צוליב יענע לידער אַליין איז שוין כדאי געווען, אַז דער דיכטער זאָל קראַנק ווערן... דער יונגער דאָקטער האָט פאַרזיכערט זיין פריינט, אַז ער וועט אים לייגן אויף דעם זעלביקן בעטל, וואו דער דיכטער איז געלעגן און ער וועט האָפנטלעך דאָרט אָנשרייבן אינ־טערעסאַנטע דערציילונגען, ווייל ער וועט זיך דאָרט באַקענען מיט אינטערע־סאַנטע טיפּן און מיט זייערע שפּאַנענדיקע איבערלעבונגען. צוויי וואָכן איז אונזער העלד געלעגן אין שפּיטאָל און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז די זינד ברענען אים. די גאַנצע שפּיטאָל פּאַלאַטע איז אים פאָרגעקומען ווי אַן אָפּטיילונג פון גהינום, וואו אַלץ שרייט קעגן דעם. וואָס דער מענטש איז גע־מאַכט געוואָרן נישט ריכטיק. עס זיינען אין יענער אָפּטיילונג געלעגן פון וואַגאַבונדן ביז פּראָפעסאָרן. עס זיינען געלעגן בחורים און עס זיינען געלעגן חתונה געהאַטע, וואָס האָבן איבערגעלאָזט אין דעם היים ווייבער און קינדער און האָבן נישט אויסגעזאָגט וואוהין זיי זיינען געגאַנגען. עס איז געלעגן אַ יונגערמאַן, וואָס איז אַהער אַריין אַ טאָג נאָך זיין חתונה; ער האָט דער־פילט, אַז ער האָט אַזאַ קראַנקייט מיט וועלכער ער קען אָנשטעקן די פרוי און

ער איז אַוועק און זיך דאָ פאַרשריבן אונטער אַן אַנדער נאָמען און די פרוי האָט אים אַרומגעזוכט. זי האָט פריער אַרייַנגעגיבן סתם מעלדונגען אין די צייטונגען אַריין און הערנאָך האָט זי אַרייַנגעגיבן אין דער פּאָפּולערסטער צייטונג זיין בילד און מ׳האָט אים דערקענט. יאַנקל האָט געמיינט, אַז די אַלע מענטשן, וואָס ליגן דאָרט, ווערט נמאס די גאַנצע ליבע, אָבער ער האָט זיך איבערצייגט, אַז ביי קיינעם איז די ליידנשאַפט נישט שטילער געוואָרן. זיי פלעגן אַלע פרעסן מיט די אויגן די קראַנקען־שוועסטער און זיך וואַרפן צו זיי און איינציקע שוועסטער האָבן זיך פאַרליבט אין די קראַנקע און זיי פלעגן זיך פאָרען מיט זיי אין דרויסן אין דער קעלט... עס זיינען געלעגן יונגע מענטשן און אַלטע. איינער אַן אַלטער האָט אים געזאָגט, אַז ער ליגט שוין דאָ אפשר צים צענטן מאָל און אים איז דאָ שלעכט נאָר ווייל ער קען דאָ נישט האָבן קיין ווייב. ער האָט געשטשעמעט מיט די אַרייַנגעשטעלטע ציין און ער האָט געזאָגט: „איך וואָלט געוואָלט נאָך לעבן הונדערט יאָר און אַלע טאָג שלאָפן מיט ווייבער. קיין אַנדער זאַך איז אין לעבן נישטאָ...”

און פאָליציי האָט די גאַנצע צייט געזוכט אונזער העלד און זי האָט אים נישט געפונען. מען האָט אין שפּיטאָל געוואוסט ווער ער איז און ער האָט זיך געקענט איבערצייגן, אַז ער איז אומגעהויער פּאָפּולער צווישן קריסטן און פאָליציי האָט דאָך נישט „געקענט” קומען איבער אים. איין יידישער געהיים פאָליציסט האָט אים יאָ געפּאַקט, האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט אים נישט אויסגיבן און ער האָט אים געראָטן, אַז ער זאָל אַוועקפאָרן און ער וועט מעלדן וועגן אים אַ טאָג נאָך זיין אַוועקפאָרן, ווייל ער איז זיינער אַ חסיד. און יאַנקל איז אַוועקגעפאָרן קיין יאַסי. אַליין נישט ווייסנדיק צוליב וואָס ער טוט דאָס. אים האָט זיך געגלוסט לויפן ביז עק וועלט.

אין יאַסי האָט ער געטראָפן די פרוי קאַנער מיט אַ שוואַכער טרופּע שפּילן זיינע אַ רעווי. ער איז געגאַנגען אין טעאַטער אַריין און ער האָט דערזען אַ מוראַדיקן קאַשמאַר. מען האָט אַלץ איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מען האָט אַרייַנגעשטעלט ניבול פּה וויצן און סצענעס. ער האָט באַלד געוואָלט אויסשרייען, אַז די דאָזיקע רעווי איז נישט זיינע און נישט שטערנבערגס און אַז דאָס איז אַ פאַרשוועכונג, אָבער ער האָט זיך באַהערשט. דערצו האָט מען צו אים צוגעזעצט איינעם אַ הערש בראָנשטיין, וואָס איז געווען אַ שפּיאָן און אַ שותּף צום טעאַטער. ער איז געווען אַ נידעריקער און צעוואַקסענער פאַרשוין מיט איין אויג אַ קרומס. ער האָט אויסגעזען ווי אַן אוממענטש און נאָך איידער אונזער העלד האָט אים רעכט דערקענט, האָט ער געקראָגן אַ פאַרלאַנג אים אַרייַנצושטעקן מיט אַ מעסער אין גראָבן בויך אַריין, אַז די קישקעס זאָלן אים אַרויספאַלן. שפּעטער האָט עס זיך דערוואוסט, אַז אַ סך האָבן געהאַט דעם זעלביקן פאַרלאַנג, ווען זיי האָבן אים געזען... דער דאָזיקער פאַרשוין איז דעם גאַנצן אָוונט געזעסן לעבן אונזער העלד און ער האָט אים גע־

האלטן אין איין „בארואיקן" און ער האט זיך אים פארגעשטעלט ווי א... נאציאנאלער ייד און ער האט נישט אויפגעהערט באדויערן, וואס ער, יאנקל, האט איבערגעלאזט דאס יידישע פאלק און איז געווארן אוים ציוניסט... און דערביי האט ער אים נישט אויפגעהערט ריידן וועגן גאלדפאדענען, וועלכן ער האט גוט געקענט פערזענלעך און פון וועלכן ער האט דערציילט נאר מיאוסע זאכן. ער איז געווען אזא פארשוין, וואס האט קיין שיינע זאכן נישט געקענט דערציילן. ער האט באלד געגומען דערציילן זיין אייגענע ביאגראפיע, גלייך ער וואלט דעם גאסט געקענט מי יודע זייט ווען. ער האט דערציילט, אז ער האט פריער געארבעט אין א האטעל, איז אים דאס נמאס געווארן, ווייל ער האט נישט געקענט דורכגיין די גאס מיט זיין אייגענער פרוי. אין האטעל פלעג ער ברייננגען א נקבה פאר א קליענט, איז ווען ער איז דורכגעגאנגען די גאס מיט זיין אייגענער פרוי, פלעגן אים די קליענטן אפשטעלן און אים פרעגן וואוהין ער פירט די זונה און אנדערע האבן אים גאר געזאגט: „פיר זי ארויף צו מיר!" און עס זיינען געווען צווישן זיי אזעלכע פאר וועלכע ער האט מורא געהאט אימת מוות, איז אט דערפאר איז ער געווארן א געהיים־פאליציסט, ווייל עס איז א ריינערע פרנסה... דער הויפט־באלעבאס פון טעא־טער איז געווען א ייד א קצב, וואס האט געהייסן בערקאוויטש און ער איז אויך נישט געווען קיין שטארק סימפאטישער און קיין שטארק ריינער פאר־שוין. ער איז געווען א בלינדער אויף אן אויג און ער האט לחלוטין נישט גע־פרואווט אפלייקענען דעם „כל מום — רע". ער איז אויך געווען א היימישער אין פאליציי־ענינים. שפעטער מיט א צייט האט יאנקל אליין געזען, ווי ער האט געדארפט האבן פאר א ראליע אן אקטיאר, וואס איז געווען אויף אים ברוגז און ער האט ביי אים נישט געוואלט שפילן. עס איז גראד דעמלט גע־ווען אין יאסי דער לאנדאנער פאט־קאמיקער יאזעף שערמאן און ער האט געוואלט שפילן א פיעסע, וואס הייסט „חיים אין אמעריקע". שערמאן האט דארט געשפילט נישט די טיטל־ראליע, נאר אן אנדער פארשוין. חיימען האט געדארפט שפילן אן אקטיאר, וואס האט געהייסן שלמה פרידמאן. ער איז ביז צוריק מיט א צייט געווען א שניידער און מיטן חסד פון זיין ברודער דעם טומטום און ליבהאבער פינקו פרידמאן איז ער געווארן אן אקטיאר און ער האט חתונה געהאט פאר אן עלטערער אקטריסע, וואס האט געהייסן רעגינע און האט געהאט אן עלטערע טאכטער פון אים. דער דאזיקער שלומה איז דווקא געווען א בעסערער אקטיאר ווי זיין ברודער, כאטש יענער איז געווען א שושפילער „ספופקא" און דער איז פריער געווען א שניידער. בערקאוויטש האט מיט דעם ווידערשפעניקן אקטיאר געמאכט זייער קורצע טענות. ער האט אויף אים א קוק געטאן מער מיט דעם בלינדן אויג ווי מיט דעם זעענ־דיקן און ער האט אים געזאגט אין „גוטן" מוט: „זאג מיר נאר, שלומה, ווי אזוי שטייסטו מיט דער „רעקרוטארעא"? (פריזיוו)". דער ענטפער איז גע־

ווען א זייער לאַקאַנישער: „דו ווילסט, אַז איך זאָל דיר שפּילן, "חיים פון אַמעריקע"? איך וועל נישט פרעגן, ווען דו וועסט מיר באַצאָלן, וואָס מיר קומט און איך וועל נישט פרעגן וויפל דו וועסט מיר צאָלן און איך וועל שפּילן... ביזטו צופרידן?" צו אַט אָ די צוויי פאַרשווינען איז אונזער העלד אַריינגעפאַלן. זיי האָבן עס געהערט, ווי ער האָט געזאָגט, אַז מען טאָר נישט אַזוי פאַרקריפּלען אַ רעוויו, ווי זיי האָבן עס געטאָן און אָנגיבן די נעמען פון די מחברים און זיי האָבן אויך געהערט ווי ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט קיין פּרנסה נישט און שטערנבערג האָט נישט קיין פּרנסה און זיין האָבן אַליין גע־דענקט צונויפצושטעלן אַ טרופּע און אַרויספאָרן אין דער פּראָווינץ. ביים אַרויסגיין אין דריי טעג אַרום אין דער פרי פון האָטעל האָט יאַנקלען אָפּגע־שטעלט אַ געהיים־פּאָליציסט און ער האָט אים איינגעלאַדן אין דער פּרעפעק־טור און אין אַ קורצער צייט אַרום איז ער געווען אַרעסטירט. עס האָט נישט געדויערט אַפילו קיין שעה נאָך דעם, וואָס ער איז געזעסן אין אַרעסט, איז ביי אים באַלד געווען הערש ברוינשטיין און ער האָט געמאַכט אַ זייער טרויע־ריקע מינע און ער האָט געזאָגט, אַז ווען ער וואָלט געוואוסט, וואָלט ער אים נישט געלאָזט אַרעסטירן און אַז ער זאָל זיך פאַרלאָזן אויף אים, ער וועט אים שוין אַרויסנעמען. דער אַגענט מיטן גראָבן בויך האָט זיין קרבן אַרומגענומען און ער איז אים געווען גרייט צו קושן, ווען ער וואָלט זיך געלאָזט און ער האָט אים געבראַכט פּאַפּיראָסן פון זיך און זיסקייטן אין נאָמען פון דער פרוי קאַ־נער. יאַנקל האָט זיך צו די אַלע זאַכן נישט צוגערירט און ער האָט זיי צע־טיילט צווישן די גאַסן־מיידלעך, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט אין הויף. מען האָט זיי אין אַ ביינאַכט אַרעסטירט ערגעץ, ווייל זיי האָבן זיך אָנגעשיכורט און זיך צעשלאָגן. אייניקע פון זיי האָבן זיך פאַרשטעלט פאַר ערלעכע מייד־לעך און די אַנדערע האָבן געלאַכט פון זיי און יאַנקל האָט געהערט ווי איינע שרייט צו דער צווייטער: „דו ביזט אַזאַ ק... ווי איך..." איינע פון יענע מיידלעך האָט געהאַט אַזאַ קינדיש אויסזען און זי האָט גערעדט אַזעלכע פּראָסטע רייד, וואָס האָבן איר לחלוטין נישט געפּאַסט צו איר פּנים. זי האָט געקוקט אָן אויפהער אויף דעם גאַסט דעם אַרעסטאַנט, וואָס האָט איר אויסגעוויזן אַנ־דערש ווי די אַנדערע און זי האָט געזאָגט צו אירע חברטעס, אַז זי פאַרשטייט, ווען מען אַרעסטירט אַזעלכע פרויען ווי זי און אַזעלכע מענער ווי די אַנדערע, אָבער פאַרוואָס מען אַרעסטירט אַזעלכע מענטשן ווי ער, פאַרשטייט זי נישט. די מיידלעך האָבן אונזער העלד באַלד אַרומגערינגלט און זיי האָבן נאָר גע־וואָלט וויסן פאַרוואָס מען האָט אים אַרעסטירט און וואָס אַזוינס עס ווילן די סאָציאַליסטן. איינע האָט געפרעגט, צי פאַר אַזעלכע מיידלעך ווי זיי זיינען ווילן די סאָציאַליסטן אויך מאַכן בעסער. און ווען יאַנקל האָט זיי געענטפערט, אַז יאָ, האָבן זיי געפרעגט, צי ער וויל מאַכן, אַז מען זאָל זיי צאָלן בעסער און מען זאָל זיי נישט שלאָגן. ער האָט זיי געענטפערט, אַז די סאָציאַליסטן

ווילן, אַז ס'זאָלן אין גאַנצן נישט זיין אַזעלכע מיידלעך. ווי זיי, האָבן זיי דערפון געלאַכט און זיי האָבן געזאָגט, אַז דאָס דאַזיקע איז אוממעגלעך, ווייל די מענער זיינען גרויסע פּאַסקודניאַקעס און חזרים...

און יאַנקל איז פּאַוואָליע געזעסן אַריבער אַ חודש אין דער תפיסה. מען האָט אים איבערגעפירט פון אַרעסט אין טורמע אַריין און מען האָט אים געגיבן אַן איינצעלן צימער און נישט קיין שלעכט געלעגער. פון צייט צו צייט האָט מען אים אויך געבראַכט בעסער עסן און מען האָט אים באַזאָרגט מיט ביכער און מיט פּאַפּיראָסן. שרייבן האָט מען אים אויך דערלויבט און ער האָט אין משך פון די עטלעכע וואָכן איבערגעלייענט בערג און ער האָט אָנגעשריבן אַ בענדל דערציילונגען פון דעם שפּיטאָל לעבן. מען האָט מיט די אינטערוועצן אָנגעשפּאַרט ביז צום פּרעפעקט און ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן, מען האָט אים נישט געקענט אַרויסנעמען. דער מסור הערש ברוינשטיין האָט נישט אויפגעהערט צו קומען צו אים און אים ברייננגען פּאַפּיראָסן און ער האָט נישט אויפגעהערט צוזאָגן, אַז ער וועט אים באַפרייען. די דינערשאַפט פון דער תפיסה האָט דעם יידישן מסור שרעקלעך פיינט געהאַט און אַלע פלעגן זיי וואָרענען יאַנקלען קעגן אים און זיי האָבן אים נישט אויפגעהערט צו זאָגן, אַז ער זאָל זיך היטן פאַר אים מיט אַ וואָרט.

און ווען מען האָט אים ענדלעך באַפרייט, האָט אים איינגעלאַדן צו זיך נישט קיין קלענערער ווי דער פּרעפעקט אַליין און ער האָט אים געזאָגט: „איך ווייס נישט פאַרוואָס מען האָט דיך אַרעסטירט, פונקט ווי איך ווייס נישט פאַרוואָס מען באַפרייט דיך איצטער. איך זאָג דיר דאָס דאַזיקע, ווייל איך וויל דיך וואָרענען פאַר דיינע אייגענע יידעלעך...” אין דרויסן האָבן אויף יאַנקלען געוואַרט אַ סך פריינט און עס האָט אויף אים אויך געוואַרט דאָס גאַסן־מיידל מיט דעם אומשולדיקן פּנים, וואָס האָט געקוקט אויף אים שעמעוודיק און האָט אים גאָרנישט געזאָגט, זי איז געווען צופרידן, וואָס ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר און זי איז פאַרבייגעגאַנגען לעבן אים און זיך אַ טוליע געטאָן אַזוי ווי אַ הינטל און איז אַוועק... און פאַרנאַכט האָט זי אויסגעוואַקסן ביי אים אין האָטעל און זי האָט אים געקושט די הענט און זי האָט אים געוואָלט קושן די פיס, נאָר ער האָט נישט געלאָזט. זי האָט זיך געבעטן, אַז ער זאָל זי נעמען און זי האָט זיך געשוואוירן, אַז זי איז ריין און געזונט. זי האָט געזאָגט, אַז זי קען אָפּנאַרן די גאַנצע וועלט, אפילו איר אייגענע מאַמע, נאָר נישט אים...

צוליב דעם טרויעריקן גאַסן־מיידל איז יאַנקל גיך אוועקגעפאָרן פון יאַסי, כאָטש דער אַרעסט האָט אים געמאַכט זייער פּאָפּולער און ער האָט מיט זיין ערשטן רעפעראַט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג און ער האָט געקענט האַלטן נאָך אַ סך רעפעראַטן. עס האָט אים אויך אָפּגעשטויסן יאָזעף שערמאַן, וואָס האָט דעמאָלט געסטאַרעוועט אין יאַסיער טעאַטער און וועלכן יאַנקל האָט נישט

געקענט ליידן, ווייל ער האָט געהאַט אַ מוראַדיק פֿאַלשן געלעכטער. זיין אין אַ שטאָט, וואו מען שפּילט יידיש טעאַטער און נישט גיין, האָט ער נישט געקענט, און גיין אין טעאַטער אַריין האָט ער אויך נישט געקענט. און נאָך אַ סיבה האָט אים געטריבן פֿון יאַסי — די כּלה פֿון אַ טויב־שטומען שרייבער האָט זיך אָנגעהויבן חנדלען צו אים און ער האָט געפֿילט, אַז ער וועט זיין אַ פֿאַרברעכער, ווען ער וועט אָפּנאַרן אַזאַ אומגליקלעכן; אָבער מער פֿון אַלץ האָט אים פֿאַריאָגט פֿון יאַסי דער מסור הערש ברוינשטיין, וואָס איז אים אַריינגעקראָכן אין גרגרת אַריין און האָט אים נישט געלאָזט רוען. ביי זיין טאַטן אין דער היים האָט מען זיך דערשראָקן וועגן זיין אַרעסט און מען האָט אים געשיקט דאָס יינגערע ברודערל, אַז ער זאָל זען, וואָס ס'האָט פּאַסירט. איז ער צוליב דעם ברודער נאָך געבליבן אַ קורץ שטיקל צייט און ער האָט אים געגיבן צו פֿאַרזוכן דעם טעם פֿון דעם אַלדאָס גוטס מיט וועלכן רומעניע איז געווען איבערפֿילט און דערנאָך איז ער געפֿאָרן מיט אים ביז גאַלאַץ און ער האָט אים פֿון דאָרט אַהיימגעשיקט. אין גאַלאַץ האָט ער ווידער געטראָפֿן סאַראַ קאַנער שפּילן זיינע און שטערנבערגס רעווי, פֿון וועלכע זיי האָבן געמאַכט אַ מוראַדיקן קוואַטש. די קאַנער האָט אים דערזען און זי האָט אים באַגריסט פֿאַרן עולם, וואָס האָט אים געקענט און אַקלאַמירט און ער האָט זיך געפֿילט ווי אויף הייסע קוילן. די מיאוסקייטן, וואָס מען האָט אים צוגעשריבן, האָבן אים געבריט. און ווען דער עולם האָט דורכויס פֿאַרלאַנגט, אַז ער זאָל ריידן, האָט ער געזאָגט, אַז מען האָט דאָ גערעדט און געזונגען אייניקע זאַכן, וואָס נישט ער און נישט זיין חבר האָבן זיי אָנגעשריבן און עס טוט אים זייער לייד, וואָס מען האָט זיי ביידן אונטערגעוואָרפֿן אַ פּאָר ממזרימלעך... און ער האָט באַמערקט, אַז צווישן עולם איז פֿאַראַן דאָס יאַסיער גאַסן־מיידל מיט דעם אומשולדיקן פּנים. און ווען ער איז אויף מאָרגן אַרויס פֿון האָטעל, האָט ער לעבן דער טיר פֿון האָטעל געטראָפֿן דאָס דערמאָנטע מיידל, וואָס דער פּאָרטיע האָט געטריבן און געשלאָגן מיט די פֿויסטן. יאַנקל האָט אָנגעשריגן אויף דעם פּאָרטיי און יענער האָט אים אָנגעקוקט מאָדנע און ער האָט געזאָגט, אַז ער פֿאַרשטייט נישט ווי אַזוי אַ גאַסט פֿון אַזאַ פֿיינעם האָטעל, קען זיך אָננעמען פֿאַר אַזאַ ביליק גאַסן־מיידל. יאַנקל האָט אים געענטפֿערט, אַז ס'איז זייער נידערטרעכטיק, ווען אַ מאַן שלאָגט אַ פֿרוי. דער פּאָרטיע האָט נאָך אַלץ נישט פֿאַרשטאַנען און ער האָט געפֿרעגט: „אַזאַ פֿרוי?" האָט ער אים געענטפֿערט: „נישטאָ קיין אַזאַ, אָדער אַן אַנדערע. אַ פֿרוי איז אַ פֿרוי..." דער פּאָרטיע האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די פּלייצעס און ער איז אַוועקגעגאַנגען און דאָס אָרימע מיידל האָט זיך ווידער געטוליעט צו אים אַזוי ווי אַ הינטל...

וואו ער איז געגאַנגען און וואו ער איז געשטאַנען, האָט זי זיך באַוויזן. אין שטאָט האָט מען אָנגעהויבן ריידן וועגן דעם, אַז ער האָט „צו טאָן" מיט אַ ביליק גאַסן־מיידל... אים איז געווען פֿיינלעך צו הערן שטעכווערטלעך

און ער איז געווען צו שטאָלץ זיך צו פאַרענטפערן און דער גאַנצער שפּיל איז אים אפילו געוואָרן אינטערעסאַנט. ער האָט דערפילט ווי אַזוי לעגענדן ווערן געשאַפן... עס איז נאָר געווען צו נאָענט צו זיין היים און מען האָט דאָרט גע־וואוסט וועגן יעדן ריר זיינעם און ער האָט געוואוסט. אַזאַ אַזאַ געשיכטע קען דעם פאָטער אין גאַנצן מקצר זיין די טעג און ער האָט געזוכט אַ מיטל ווי צו פאַרלאָזן די שטאָט. איז קלאַראַ יאַנג דעמלט אַראָפּגעפאַלן ווי פון הימל. זי איז געקומען אין איינעם מיט איר הינקענדיקן מאַן, וואָס איז איר נאָכגעפאָרן שוין זייט עטלעכע יאָר. ער איז געווען אַ הויכער, שיינער און שלאַנקער מאַן, אָבער איין פוס איז אים געווען אביסל קירצער. ער איז גע־ווען פון אַ רייכער יאַסיער פאַמיליע און ער האָט זיך פאַרליבט אין איר, ווען זי איז צום ערשטן מאָל געקומען קיי רומעניע און ער איז איר נאָכגעפאָרן אומעטום און געפּטערט לעבן איר זיין פאַרמעגן און ער איז מיט איר פאַר־פאָרן ביז קיין קיעוו, וואו עס האָט אים פאַרכאַפּט די רעוואָלוציע. די גאַנצע וועלט, האָט געוואוסט, אַז דער ראָמאַן צווישן די צוויי נישט גלייכע מענטשן איז געווען אַן אוואַנטיוריסטישער. די שוישפּילערין איז עטלעכע מאָל זיך צונויפגעקומען מיט איר פאַרערער און זי איז זיך עטלעכע מאָל צעגאַנגען מיט אים. מיט איר פריערדיקן מאַן בועז יאַנגוויץ איז זי שוין זייט לאַנג גע־ווען געגעט און זיי זיינען דאָך אַרומגעפאָרן צוזאַמען, ווייל ער איז געווען איר רעזשיסאָר און ער האָט געקענט דעם גאַנצן רעפּערטואַר אירן. זי האָט אַלע־מאָל זיך געדאַרפט צונויפשפּילן מיט אַ נייער טרופּע און זי האָט אַליין די פאָרשטעלונגען נישט געקענט איינשטודירן. האָט מען דערציילט, אַז אין די צייטן, ווען קלאַראַ יאַנג האָט פאַרלוירן דאָס געגאָד צו איר הינקענדיקן פאַרערער, האָט דער לעצטער געדרייצט בועז יאַנגוויץ, אַז ער זאָל זי שיסן...

קיין גאַלאַץ איז די שושפּילערין מיט איר פאַרערער שוין געקומען ווי מאַן און ווייב. זיי זיינען געקומען פון רוסלאַנד, וואוהין קלאַראַ יאַנג איז צו־ריק מיט אַריבער אַ יאָר ווידער אוועקגעפאָרן און וואו עס האָבן זי פאַר־כאַפּט אַלערליי וויסנגוואַרדייאישע באַנדעס. ביי דער רומענישער גרעניץ האָט מען זי אַרעסטירט און מען האָט זי געהאַלטן אַ היפּשע צייט אין דער קעשע־נעווער „סיגוראַנצאַ" און מען האָט איר נישט אויפגעהערט צו פאָרוואַרפן דעם חטא, וואָס זי איז געווען חבר מיט „די באָלשעוויקעס שטערנבערג - באָ־טאָשאַנסקי". זי האָט געענטפערט, אַז זי האָט אין זייער פּאָליטישן פּאַספּאָרט נישט אַריינגעקוקט און זי האָט זיך געחברט מיט זיי, ווייל זי איז אַ שוי־שפּילערין און זיי זיינען דראַמאַטורגן.

די שוישפּילערין מיט איר מאַן זיינען געקומען מיט זייער ווייניק געלט און מיט אביסל צירונג, דאָך האָט די באַגלייטערין בעלאַ, וואָס איז געווען אי חברטע, אי באַדינערין — נישט געפעלט. איינגעשטאַנען זיי־נען זיי ביי דעם מאַנס אַ מומע, אַ טיפּישע קליינבירגערלעכע פרוי, וואָס איז

דער שווישפּילערין אַריינגעקראָכן אין גרגרת אַריין און האָט אַכטונג געגיבן אויף איר מאַראַל. קלאַראַ יאַנג האָט די פּרעמדע פּרוי, וואָס האָט אויסגעזען אין איינע יאָרן מיט איר, געדאַרפט רופן „טאַנטע" און זיך צערטלען מיט איר. זי האָט נישט געקענט איינזיצן און זי האָט זיך געקליבן פאָרן אין דער פּראָווינץ אַריין. עס איז איר שווער אָנגעקומען צונויפצושטעלן אַ טרופּע, ווייל די אַקטיאָרן האָבן נישט געוואָלט פאָרן מיט איר, זיי האָבן געזאָגט, אַז די רעצענזענטן לויבן זי צו שטאַרק און די גאַנצע טרופּע דערמאָנען זיי נישט. קלאַראַ יאַנג איז געווען שטאַרק פּאָפּולער אויך ביי די קריסטן, וואָס פּלעגן אין רומעניע זיין זייער אָפטע באַזוכער אין יידישן טעאַטער. איין מאָל האָט זי געשפּילט אין בוקאַרעשט אַ פאָרשטעלונג מיט אַ רומענישער טרופּע, זי האָט געשפּילט „סוזאַנאַ" אויף יידיש און די גאַנצע טרופּע האָט געשפּילט רומעניש און זייט דעמלט איז זי גאָר געווען באַרימט און די רומענישע פּרעסע האָט איר נישט אויפגעהערט צו שענקען אויפמערקזאַמקייט. יאַנקל האָט איר צונויפגעשטעלט אַ צווייטראַנגיקע טרופּע און ער איז אַרויסגעפאָרן אָרגאַניזירן די שטעט און דינגען אומעטום טעאַטערס און מאַכן פּראָפּאַגאַנדע. זיין פּאָפּולאַריטעט האָט אים אַ סך געהאָלפן צו קריגן די בעסטע טעאַטערס און ביליק. אויך מיט פּראָפּאַגאַנדע האָבן אים די פּראָווינציעלע קאָרעספּאָנדענטן זייער אַ סך געהאָלפן. איינגעאָרדנט איז געווען, אַז מער ווי איין, אָדער מאַקסימום צוויי פאָרשטעלונגען אין אַ שטאָט זאָל מען נישט שפּילן. די טרופּע איז געווען אַ צו שלעכטע, אַז מ'זאָל קענען שטיין לענגער אין אַ שטאָט. מען האָט געוואוסט פון פריער, אַז צו דער ערשטער פאָרשטעלונג וועט אומעטום זיין אויספאַרקויפט און צו דער צווייטער וועט זיין שוואַך און צו דער דריטער וועט מען שוין גאָרנישט קומען. יאַנקל האָט אַרויסגעוויזן גלענצנדיקע פעאיקייטן ווי אַן אַדמיניסטראַטאָר און קלאַראַ יאַנג, וואָס האָט שוין געהאַט געמאַכט עטלעכע טורן איבער גאַנץ רומעניע, האָט געזאָגט, אַז קיין מאָל איז אירער אַ טור נישט געווען אַזוי גוט אָרגאַניזירט און קיין מאָל איז נישט געגאַנגען אַזוי אָן קיין שום איבערשלאָג... ווען עס האָט זיך געמאַכט, אַז אַן אַקטיאָר איז נישט־געזונט געוואָרן און דער סופליאָר האָט אים געדאַרפט פאַרטרעטן, איז יאַנקל אַריין אין סופליאָר־קאַסטן און איין מאָל האָט ער געטראָפן אַזאַ פאַרלייזיקטן קאַסטן, אַז אים איז נישט גוט געוואָרן און ער האָט אין מיטן סופלירן געחלשט. יאַנקל האָט געטאָן אַלצדינג, אויסער שפּילן. ער האָט אַדמיניסטרירט, געפירט דעם סצענאַריום, סופלירט, אָבער נאָר נישט געשפּילט. איין מאָל האָט זיך געמאַכט, אַז אַן אַקטיאָר איז קראַנק געוואָרן און עס איז אויסגעקומען, אַז אויב יאַנקל וועט נישט שפּילן דעם ליטוועק אין דער אָפּערעטע „די אַמעריקאַנערין", וועט די פאָרשטעלונג נישט קענען גיין. עס איז גראָד געווען אין באָטאָשאַני, וואו מען האָט אונזער העלד גוט געקענט און ער האָט בשום אופן נישט אַקצעפּטירט. מען האָט יאַקאָס געפּאַקט

אין שטאָט אַ דילעטאַנט, וואָס האָט אַריינגעטאַנצט אין אַ קלענערער ראָליע און דער אַקטיאָר, וואָס האָט געוויינלעך געשפּילט די קלענערע ראָליע, האָט געשפּילט דעם ליטוואַק און די פּיעסע איז געגאַנגען. דערפֿאַר אָבער האָט זיך יאַנקל געמאַכט אַ גוסט און ער האָט געשפּילט דעם ליטוואַק אין אַ קלענער שטעטל, וואו מען האָט אים נישט געקענט און ער האָט געזונגען דעם דועט מיט דעם גאַליציאַנער און כאָטש ער קען לחלוטין נישט טאַנצן, האָט ער גע־טאַנצט און ער האָט אַליין געהערט ווי מען האָט געזאָגט אין עולם, אַז ער טאַנצט זייער גוט. ער האָט זיך איבערצייגט אַן איבעריק מאָל, אַז דעם עולם קען מען, ווי די אַקטיאָרן זאָגן, „קאַלעכן" און אָפּנאַרן...

די רייזע איז געווען אַ גאַנץ אינטערעסאַנטע. די אַקטיאָרן האָבן זיך גע־וויינלעך געהאַלטן באַזונדער און קלאַראַ יאַנג און איר מאַן און איר באַדינע־רין בעלאַ האָבן זיך געהאַלטן באַזונדער. יאַנקל איז פֿון צייט צו צייט געגאַנ־גען פֿאַרברענגען מיט די שוישפּילער, וואָס האָבן זיך געפֿרייט מיט זיין דער־נעענטערן זיך און זיי האָבן אים שטילערהייט פֿאַרגעוואָרפֿן, וואָס ער, דער ספּעציאַליסט, חברט זיך מיט די עקספּלואַטאַטאָרס... דער מאַן פֿון דער טאַלאַנ־טירטער שוישפּילערין איז געווען אַ גאַנץ אינטערעסאַנטער טיפּ און ער האָט פֿאַרמאָגט הומאָר. ער פֿלעג זיך אַליין רופֿן „דער גראַף" און אַמאָל האָט ער זיך אַפֿילו גערופֿן „דער הינקענדיקער גראַף" און ער האָט זיך אַליין פֿאַרגע־שטעלט קאָמיש. ער האָט ליב געהאַט נאָכצומאַכן די שפּראַך פֿון שמרם ראָ־מאַנען און ער פֿלעג אָפֿט אַ זאָג טאָן: „ביי דיעזען וואָרטען, בליעב דער גראַף אָהנע לשון..." אַמאָל האָט אים קלאַראַ יאַנג נישט געקענט ליידן, אָבער מיט דער צייט האָט זי זיך צוגעוואוינט צו אים און זי האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַר־ליבן אין אים. איר איז גלאַט געווען געפֿעלן, וואָס זי האָט יונגען מאַן, ווייל איר טראַגעדיע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מען האָט אָנגעהויבן זאָגן, אַז זי ווערט אַלט... עס איז געקומען פֿון צייט צו צייט צו קאָנפֿליקטן און יאַנקל און בעלאַ האָבן געהאַט אַן אַרבעט שלום צו מאַכן. יאַנקל האָט אויך אָפֿט זיך אונטערגעקריגט מיט אים. ער איז געווען מוראָדיק אייפֿערזיכטיק און ער איז געווען איבערצייגט, אַז צווישן יאַנקלען און זיין פֿרוי קומט עפּעס פֿאָר און ער האָט ליב געהאַט צו ריידן פֿראַסט וועגן שרייבער, וועלכע ער האָט גערופֿן „לייזיקע פֿאָלקעס" און סתם לייז. אונזער העלד האָט אים דער־פֿאַר נישט געשוויגן און ער האָט אים געגיבן אָנצוהערן, אַז ער פֿאָרט אַרום אויף דעם חשבון פֿון אַ פֿרויס אַרבעט... דער דאָזיקער האַלבער אַריסטאָ־קראַט האָט געהאַט אַ שרעקלעכן אומצוטרוי צו איידעלע מענטשן און ער האָט די אינטעליגענץ פֿון דער פּראָווינץ געטריבן פֿון זיין קלאַראַן מיט דרוקעס און ער האָט פֿון די יידישע פּראָווינץ־לערער חוזק געמאַכט...

דער טור האָט זיך געענדיקט און קיין נייע פּערספּעקטיוון האָבן זיך נישט געוויזן. אין בעסאַראַביע האָט די רעגירונג געמאַכט שוועריקייטן צו

שפּילן יידיש און פּאַר בוקאַרעשט איז נישט געווען נישט קיין טרופּע און נישט קיין פּיעסע. די רעאַקציע האָט זיך געשטאַרקט. אין די צייטונגען איז געווען אַ ידיעה, אַז מען האָט שטערנבערגן אַרעסטירט, האָט מען מורא געהאַט, אַז מען וועט אויך אונזער העלד אַרעסטירן, האָט קלאַראַ יאַנג אויף גיך זיך געזעגנט מיט דער טרופּע און מיט איר מאַן און מיט איר יונגען פריינט און פּאַרערער און זי האָט געכאַפּט בעלאַן און איז מיט איר אַוועק קיין ניו־יאָרק. זי איז אַוועק חבריש און דאָך דיקטאַטאָריש. דאָס פּאַרדינסט פון טור האָט זי איינגעטיילט לויט אייגענעם איינזען, זיך נישט בּאַראָטנדיק מיט קיינעם. געזעגנט האָט זי זיך זייער סענטימענטאַל און געוויינט האָט זי אויפריכטיק און זי האָט געזאָגט, אַז דאָס גאַנצע לעבן איז אַזאַ ווילדער געלויף און אַז זי לויפט אין דער נשמה־לאָזער אַמעריקע זוכן דאָס דאָזיקע, וואָס דאָרט איז נישטאָ — גליק. ליב האָט זי רוסלאַנד און די רוסישע יידן. יאַנקל האָט זיך דערפילט ווי פאַרלוירן אין מיטן וועג און ער האָט איצטער זיך אַ לאָז געטאָן אַהין, וואוהין עס האָט אים געצויגן די לעצטע צייט; ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן קיין טשערנאָוויץ — אין דער שטאָט פון דער ערשטער שפּראַך־קאָנפערענץ, וואו ס'האָט איצטער געוואוינט דער פּאַבּליסט אליעזר שטיינבאַרג.

☆

קאַפּיטל פּערצן

האָט ער זיך פאַרלוירן, צי געפונען?

טשערנאָוויץ. די שטאָט פון דער לעגענדאַרער ערשטער שפּראַך־קאָנפערענץ; די שטאָט פון דער קאָנפערענץ וועגן וועלכער אונזער העלד האָט געלייענט מער קללות ווי ברכות און זי איז אים דאָך פאַרבליבן אין געמיט ווי אַ ברכה און ווי אַן אָנהויב פון נייער שעפערישקייט אין יידישן לעבן. זי איז לויט דער אויסערלעכקייט נישט געווען ענלעך צו קיין שום גרויסער שטאָט, וואָס ער האָט ביז דעמאָלט געקענט. גרויסשטעטיש און היימלעך. און וואו מען כאַפּט אַ קוק — קיילעכדיקייט און ביימער. די גאַסן דרייען זיך אַלע קיילעכדיק און זיי קומען אַלע, דאַכט זיך, צו צו אַ מיט, וואָס רופט זיך „רינג פּלאַץ". די גאַסן זעען אין צענטער אויס אין דער וואָכן ווי שבתדיק. גלייך מען האָט ערשט געטובלט די ברוקירבצן אין איינעם מיט די הייזער. און די ביימער בעטן, אַז מען זאָל זיך זעצן אונטער זיי. און אויף שריט און טריט זיינען פאַראַן קליינע פאַרקן און גרעסערע. און די מענטשן לויפן און זעען דאָך אויס געמיטלעך. צום מערסטן וואַרפן זיך אין די אויגן יידן און אוקראַינער. די אוקראַינער דערקענט מען לויט די קליידער און לויט דעם גאַנצן אויסערלעכן אויסזען. די יידן האָבן שוין נישט אַלע די יידישע אויסערלעכקייט. אויך נישט אַלע ריידן שוין יידיש, דאָך דערקענט מען זיי לויט דער נערוועזקייט און לויט דעם סאָרט בליק, וואָס אַ ייד דערפילט לויט אים אַ יידן... און דאָס יידישע ריידן איז אויך אַנדערש. רעדט צו דיר אונזער יידיש און ער גייט דאָך אַריבער צו דייטש און עס דערקענט זיך, אַז ער פילט נישט קיין חילוק. אים קומט אויס, אַז ביידע זיינען איינס... און אָט איז אין סאַמע מיט דער האָטעל „צום שוואַרצן אָדלער" — דער דאָזיקער האָטעל, וואָס שלום עליכם האָט אים אַזויפיל מאָל דערמאָנט. איז ער דאָך, הייסט עס, נישט קיין אויסגעטראַכטער. און אויף שריט און טריט זיינען פאַראַן יידישע אויפשריפטן און צום מערסטן וואַרפט זיך אין די אויגן אַריין די אויפשריפט „כשר". און עס וואַרפן זיך אין די אויגן אַריין שילדן מיט אויפשריפטן „זעלכעריי־כשר". קראָמען וואָס פאַרקויפן וואורשט, רופט מען „זעלכערייען". און שולן און טעמפּלען וואַרפן זיך אין די אויגן אַריין. גרויסע און הויכע זיינען זיי

און זיי זיינען נישט ווייניקער שרייענדיק ווי די קלויסטערס. די יידן באַהאַלטן זיך דאָ נישט. און ווי קענען זיי זיך באַהאַלטן, אַז זיי זיינען דאָ די מערהייט, אַז די שטאָט איז זייערע? און אין דער סאַמע מיט פון אַ גרויס קייַלעכדיק פּלאַץ, נאָענט לעבן שטאָט־טעאַטער שטייט אַ ריזיקע געביידע, וואָס זעט אויס ווי אַ מיניסטעריום און זי האָט אויפשריפטן אין יידיש, העברעאיש, דייטש און רומעניש, אַז זי איז די „קולטוס־געביידע" — די קהילה הייסט עס! מען דערקענט שוין פון דרויסן, אַז ס'איז אַ בנין, וואָס אינעווייניק טוט זיך עפּעס. און עס רוישט טאַקע אינעווייניק ווי אין אַ מיניסטעריום, אָדער אַ מוניציפּאַליטעט, אָדער גאָר ווי אין אַ מיל מיט אַ שול צוזאַמענגענומען. אין די גרויסע קאָרידאָרן און אין די קלענערע און גרעסערע סאַלאָנען שמייען אַרום אַלערליי פּאַרשוינען — יידן מיט גאַנצע בערד און יידן מיט האַלבע בערד און יידן אָן בערד, אָבער מיט יאַרמעלקעס. מען דערקענט שוחטים און רבנים און שמשים און מלמדים און משוררים און קהילישע קאָכלעפל און סתם יידן. ווער עס שרייט און מאָנט עפּעס מיט תקיפות און ווער עס בעט בנעימות. יידענעס ליאַרעמען און וויינען. איינער דעם אַנדערן הערט און הערט, דאַכט זיך, נישט...

און אין דער דאָזיקער געביידע איז פאַראַן אַ ווינקל מיט צוויי קליינע צימערלעך פאַר דער יידישער קולטור־פעדעראַציע. דער אַריינגאַנג איז דורך אַ הינטערשטער טיר פון אַ קליין געסל, וואָס טראָגט הייגעס נאָמען. מען דאַרף אַרויפגיין אויף זייער געדרייטע טרעפּ צוויי שטאָק און עס דאַכט זיך אויס, אַז מען גייט אויף פינף שטאָק — אַזויפיל טרעפּ זיינען פאַראַן און אַזוי געדרייט זיינען זיי! נאָך שווערער מי האָט די קולטור־פעדעראַציע געקראָגן דאָס שטיקל פּלאַץ ביי דער קהילה. די פרומאַקעס האָבן נישט געוואָלט אַריינלאָזן די אפּיקורסים און די „פּאָליטיקער" האָבן זיי אויך נישט געוואָלט האָבן ביי זיך אונטער דעם באַלקן. סיי די פרומאַקעס, סיי די „פּאָליטיקער" איז נישט געפעלן. וואָס די בונדיסטן און די פּועלי ציון זיינען אַריינגעקראָכן אין דער קהילה אַריין און זיך דאָרט געגומען מישן און זאָגט דעות אפילו וועגן דעם ווי אַזוי און וואָס מען זאָל לערנען אין די שולן פון דער קהילה. אָבער ס'איז קיין ברירה נישט געווען, מען האָט געמוזט נאָכגיבן, ווייל ביידע יידיש־סאָציאַליסטישע ריכטונגען זיינען געווען אַ גרויסער כוח אין דער קהילה און עס האָט געפעלט אַ קלייניקייט, אַז זיי זאָלן דאָרט האָבן אַ מערהייט. ווען עס איז געשטאַנען די פראַגע אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך מען זאָל לערנען אין די שולן פון דער קהילה, האָט העברעאיש געהאַט מיט איין שטימע מער ווי יידיש. די אַסימיליאַנטן האָבן בדאַי געשטימט פאַר העברעאיש, אַבי עס זאָל נישט זיין קיין יידיש. און עס זיינען געווען אייניקע בירגערלעכע ציוניסטן, וואָס האָבן דווקא געשטימט פאַר יידיש...

די יידישע קולטור־פעדעראַציע מיט אירע צוויי קליינע צימערלעך און

מיט דער עסטרייכישער אָרדנונג, וואָס האָט געהערשט אין איר, האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ קליינעם בילדונג־דעפּאַרטאַמענט מיט אַ פֿאַרלאַג. די קולטור פֿעדעראַציע האָט אַרויסגעגיבן אַ ריי בראָשורן פון דר. חיים זשיטלאָווסקי, אסתר און נחום שטיף (בעל דימיון) פאַר יידיש און מען האָט די דאָזיקע בראָשורן געפּאַקט און צעשיקט איבער דעם גאַנצן לאַנד. די טיר האָט נישט גערוט. עס זיינען אַריינגעקומען בכבודיקע אַרבעטער־פירער און קולטור־טוער און אויך יונגעלייטלעך סטודענטלעך מיט קליינע היטלעך און יונגע אַרבעטער. עס זיינען אַריינגעקומען בעסאַראַבישע — צעשויבערטע און בוקאָווינער — פאַרשפּיליעטע. אומעטום איז געווען פול אַ געזונטער מאַן מיט אַ רויט־זאַפטיק פּנים, מיט אַ גוטן און דאָך שטרענגען בליק; ער איז געווען אַ צעשויבערטער און הינקענדיקער און אַט ווי ער האָט געהונקען, האָט ער געשפּרייזט שנעל, שנעל און ער האָט אַלץ באַקוקט און באַטאַפּט און האָט יעדן געגיבן באַפעלן. דאָס איז געווען דער קעשענעווער בונדישער פירער הערץ גילישענסקי, וואָס איז געווען גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פעדעראַציע, ווייל זיין גרופּע איז געווען די שטאַרקסטע אין דער אָרגאַניזאַציע. ער האָט זיך מיט דעם גאַסט דערפרייט נאָר טיילווייז און ער האָט באַלד זיך געוואָלט דערוויסן ביי אים מיט וועמען ער וועט גיין — מיט די פּועלי ציון, צי מיט די בונדיסטן... יאַנקל האָט נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן. ער האָט אין אַלט־רומעניע ליקווידירט די פּועלי ציון, ווייל ער האָט נישט געזען קיין שום פּערספּעקטיוון פאַר אַרבעט, אָבער אוים פּועלי ציון איז ער אייגנטלעך נישט געוואָרן.

עס איז אָנגעקומען אליעזר שטיינבאַרג. אַ קליינטשיקער, אַ קיילעכדיקער און מיטן קאָפּ אַראָפּ. און ווען ער האָט אויסגעטאָן דעם הוט און ער האָט פאַרהויבן דעם קאָפּ, האָט ער געוויזן אַ קאָלאָסאַל גרויסן שטערן, אַזוי ווי ביי אַן אַלטן גאָון און קינדישע העל־בלויע אויגן. דער שטערן און דאָס פּנים האָבן געהאַט קנייטשן און ער האָט אויסגעזען אי ווי אַן אַלטער מאַן, אי ווי אַ קינד. ווייניקער ווי אַלץ האָט ער אויסגעזען ווי אַ מאַן אין די פערציקער, ווי ער איז דעמאָלט אַלט געווען. ער האָט אונזער העלד דערלאַנגט אַ קינדיש הענטל, וואָס האָט געצאַפּלט און האָט באַלד דערפילט, אַז ס'איז נישט גענוג און ער האָט זיך גלייך אַרומגעכאַפּט מיט דעם גאַסט און דערנאָך אים אַנידערגעזעצט און אַריינגעקוקט אין אים מיט די קינדישע און גאָונישע אויגן. זיינע בליקן האָבן אי געברענט, אי געגלעט. ער האָט געפרעגט: „מאין ולאָן?" (פון וואַנען און וואוהין?) און ער האָט באַמערקט: „אַ יידישיסט און שטעלט אַזעלכע „העברעאיסטישע" פראַגן..." און ער האָט געשוויגן און געקוקט און איז דאַכט זיך אַוועק אין אַנדערע עולמות און ער האָט זיך געגלעט די שיטערע בלאָנדע האָר אויף דעם גרויסן שטערן און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער וויל די האָר אַרויסציִען און ער האָט סתם אַ פרעג גע־

טאָן: „און?“ יאַנקל האָט נישט געוואוסט, צי ער פרעגט דאָס אים, צי ער פרעגט דאָס זיך אַליין... ער איז געזעסן אויף אַ שטול, וואָס איז געווען אויסגעבעט מיט אַ קישעלע און דאָך האָט ער קוים געגרייכט צום טיש. ער האָט געהאַט אַרבעט און ער האָט געוואָלט שמועסן מיטן גאַסט און ער האָט געוואָלט יוצא זיין פאַר ביידע און ער האָט אויסגעזען ווי אַ קינד, וואָס מען פרעגט עס וועמען דאָס האָט מער ליב — דעם טאַטן, צי די מאַמען... ער האָט געדאַרפט האָבן קאָרעקטור־בויגן פון אַ זאַמלבוך, וואָס ער האָט רעדאַקטירט און ער האָט זיי געקומען זוכן און נישט געפונען און ער איז געוואָרן אויפגערעגט און רויט און ער האָט אויסגעזען ווי אַ קינד אַ קפדן. די קאָרעקטור־בויגן האָט געדאַרפט ברענגען איינער אַ רעכטער פועלי ציון וויינטרויב, וואָס איז געווען דער קאָרעקטאָר און וועלכן, ווי יאַנקל האָט זיך שפּעטער דערוואוסט, שטיינבאַרג האָט זייער נישט ליב געהאַט און ער האָט אים געהאַלטן פאַר גראַפאָמאַן און אַן עם הארץ. דער דאָזיקער קאָרעקטאָר איז געווען אַ רויטלעכער, האָט שטיינבאַרג געגיבן אַ זאָג: „וואָס? דער רויטער סמאַרקאַטש האָט נאָך נישט געבראַכט די קאָרעקטור־בויגן?“ וויינטרויב איז פּונקט אַריינגעקומען ביי די דאָזיקע ווערטער און ער האָט זיך דערפילט פאַריקרע. ער האָט זיך צום איבעריקן געשעמט פאַר דעם גאַסט. אליעזר שטיינבאַרג האָט זיך אויך דערפילט שלעכט און פאַרשעמט און ער האָט אויסגעזען ווי אַ קינד, וואָס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט און קען זיך נישט אַרויספּלאָנטערן... ער האָט געזאָגט: „איך האָב עס געזאָגט פאַר אַ שפּאַס, איך האָב דאָך געוואוסט, אַז איר וועט זיי באַלד ברענגען...“ די באַגעגעניש איז געווען אַ פיינלעכע און דאָך אַ קאָמישע. ווען יאַנקל האָט שפּעטער דערציילט די דאָזיקע פּאַסירונג פאַר אַנדערע אין דער אָנוועזנהייט פון אליעזר שטיינבאַרג, האָט דער קינדיש־גאָונישער פאַבוליסט געלאַכט און זיך געקאַטשעט און ער האָט נישט פאַרגעסן צו באַמערקן „חכמים, הזהרו בדבריכם!“ (חכמים, זייט פאָרזיכטיק מיט אייערע רייד!).

מיט די פועלי ציון האָט זיך יאַנקל באַלד דערפילט היימישער ווי מיט די בונדיסטן. די היימישקייט האָט דער ערשטער אַריינגעבראַכט שלומה ביקל, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ סטודענט אויף דעם יורידישן פאַקולטעט און רעדאַקטאָר פון דעם אָפיציעלן אָרגאַן פון זיין פאַרטיי „די פרייהייט“. ער איז געווען פול מיט אימפּעט און שטורעם און מיט הומאָר. זיינע בינעזישע אויגן האָבן תמיד געלאַכט און ער האָט שטענדיק אַרויסגערופן געלעכטער שוין מיט זיין דערשיינונג. די קעגנער האָבן אים מוראדיק פיינט געהאַט, ווייל ער איז געווען דער געפערלעכסטער און זיי האָבן אים דאָך ליב געהאַט. עס איז געווען שווער צו וויסן וועך ס׳האָט אים מער פיינט — די בונדיסטן, אָדער די רעכטע פועלי ציון. ער האָט זיך באַלד אַרומגעכאַפּט מיט דעם גאַסט ווי מיט אַן אייגענעם, וועלכן ער קען זייט יאָרן און ער איז באַלד געוואָרן

מיט אים אויף „דו״ און ער האָט אים באַלד געפירט אין דער פּאַרטיי אַריין און נאָך איידער יאַנקל האָט זיך אַליין געגיבן חשבון, איז ער שוין געווען אַן אַקטיווער טוער אין דער לינקער פראַקציע פון די פּועלי ציון און אַ מיטאַר־בעטער פון דער „פרייהייט״ און ער איז שוין געווען פאַרהאַסט ביי די רעכ־טע פּועלי ציון און ביי די בונדיסטן און דער סעקרעטאַר פון דער קולטור־פעדעראַציע הערץ גילישינסקי האָט אויף אים שוין געקוקט ווי אויף אַ שונא...

די פּועלי ציון האָבן דעמלט געהאַט פאַרלוירן די ערשטראַנגיקע פירער זייערע. דער פירער פון דער לינקער פראַקציע דר. מאיר ראָזנער איז געשטאָרבן פון אַ טיפוס און דער פירער פון דער רעכטער פראַקציע, דר. פייוול שטערנ־בערג איז געהאַט אַוועקגעפאָרן קיין ווין.ביידע פראַקציעס האָבן געלעבט מיט דער דערינערונג פון ביידע פירער. די לינקע האָבן דערציילט לעגענדן וועגן ראָזנערן, וואָס איז געווען די האַרציקייט אַליין און זיי האָבן געזאָגט, אַז אין אים איז אומגעקומען אַ צווייטער באָראָכאָוו און די רעכטע האָבן גע־זאָגט, אַז פייוול שטערנבערג איז דער בעסטער יידישער רעדנער און ער שטייגט אַריבער זשאַבאָטינסקין. דער קאָפּ פון די לינקע איז געווען חיים קראַפט — אַ טיפּישער בוקאָווינער אינטעליגענט, אַ באַנק־באַאַמטער פון דער פּראָפעסיע. מען האָט דערציילט, אַז באָראָכאָוו האָט דערמאָנט זיינע אַ קור־צע אַרבעט און מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ וויניק־ריידנדיקן און פיל־זאָגנדיקן און דערצו פאַר אַ פּראַקטישן טוער. ער איז געווען אַ מיטלוויקסי־קער, טונקלער שאַטען מיט העל־בלויע קינדישע אויגן און מיט אַ זעלטן מילדן און האַרציקן אויסדרוק. פרויען האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ געפערלעכן מאַן און מען האָט דערציילט, אַז בונדיסטקעס האָבן זיך פאַרליבט אין אים. קיין פּראָפעסיאָנעלער שרייבער איז ער נישט געווען און ער האָט נישט געקענט ווערן און ווען ביקל האָט געמוזט אויף אַ שטיק צייט איבערלאָזן „די פריי־הייט״, ווייל ער האָט זיך גענדאַרפט גרייטן צו די עקזאַמענעס, איז דאָס גע־ווען אַ טראַגעדיע פאַר דער פראַקציע און יאַנקלס קומען איז אויפגענומען גע־וואָרן ווי אַ גליק. די רעכטע פראַקציע האָט אויך נישט געהאַט קיין געוואַל־דיקע מנהיגים און איר איינציקער שרייבער איז געווען שמואל אבאָ סופר, וואָס איז געווען ביקלס אַ בן עיר — זיי האָבן ביידע געשטאַמט פון דער גאַ־ליציאַנער שטאָט קאָלאָמעע — און וואָס איז געווען דער היפוך פון זיין בן עיר, ער איז געווען אַ רואיקער און אַן ערנסטער און אַנשטאָט אָפענע בייז־קייט האָט ער פאַרמאָגט באַהאַלטענע גיפטיקייט. אויסערלעך האָט ש. א. סופר געהאַט אַ יידישלעכן הדרת פנים און ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון איינעם, וואָס קלויבט זיך צו ווערן אַ וויסנשאַפטסמאַן. ער איז געווען אַ מיטלוויקסיקער, אַ ברוינער, מיט ברענענדיקע יידישע אויגן און ער האָט גערעדט בנעימות און מיט אַ קוועטש. סופר און ביקל זיינען אַמאָל געווען נפש אחת, אָבער צוליב דעם, וואָס זיי זיינען געווען אין קעגנערישע פראַק־

ציעס, האָט זיך די ליבע פאַרוואַנדלט אין אַ שינאה. אליעזר שטיינבאַרג האָט זיך געדאַרפט דרייען צווישן די דרייערליי פּאַרטיי־מענטשן און גיין אַזוי, אַז ער זאָל שפּאַנען אין וואַסער און זיך דאָך נישט באַנעצן די פיאַטעס. און ס׳איז נאָך געווען אַ פערטע פּאַרטיי אויך, ס׳זיינען אויך געווען אידסעקן, וואָס זיי זיינען אין דער בוקאָווינע, פּונקט ווי אין בעסאַראַביע, געווען אין גאַנצן אומלעגאַל און זיי האָבן דאָך געהאַט אַ גרויסע דעה אין דער קולטור־פעדעראַציע און אין דעם גאַנצן יידישן אַרבעטער־לעבן פון טשערנאָוויץ. יאַנקל האָט נאָך קיין מאָל נישט געפילט אַזאַ ברענענדיקע שינאה, ווי ער האָט געפילט אין דער שטאָט פון דער שפּראַך־קאָנפערענץ. ער אַליין האָט גע־קראָגן נישט נאָר אידעאישע שונאים, נאָר טאַקע פּערזענלעכע. ער האָט נאָך רעכט נישט באַוויזן מיט עמיצן עפּעס צו ריידן און ער האָט שוין געהאַט מוראַדיקע שונאים. די רעכטע פּועלי ציון האָבן נאָך דיסקוטירט מיט אים און זיי האָבן געהאַפט אים צו מאַכן פאַר אַן אייגענעם, די בונדיסטן האָבן זיך באַלד מייאש געווען אין אים און זיי האָבן אויף אים געקוקט ווי עפּעס אויף איינעם, וואָס איז פּערזענלעך זיי געקומען שלעכטס טאָן. מיט דר. יעקב פּיסטינגער איז ער שוין געווען אַביסל איינגעריסן נאָך פון בוקאַרעשט, צוליב דעם, וואָס ער האָט, איבערזעצנדיק זיינע אַ רעדע, פּאָלעמיזירט מיט זיין רעכטער שטעלונג און דר. פּיסטינגער האָט שוין געהאַט צוגעגרייט אַ געווסן אומצוטרוי לגבי אים; דר. יוסף קיסמאַן איז געווען דער פּאַקטישער פירער פון בוקאָווינער בונדיסטן, ווייל פּיסטינגער איז געווען דעפּוטאַט און ער איז גע־ווען אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער פירער; דר. יוסף קיסמאַן איז געווען אַ כמעט נידעריקער, אַ פעסטער, אַ שווערלעכער און ער האָט געטראָגן אַ גרויסע באָרד. אויסערלעך האָט ער אַביסל דערמאָנט אין איליאַ מאָסקאָוויטש, ער האָט ווי יענער געהאַט אַ הויכן שטערן און אַן אָנגעשטרענגטן בליק, אינער־לעך איז ער געווען שווערער פון יענעם און אַ סך עקשנותדיקער. צווישן די פירער פון בוקאָווינער בונד איז אויך געווען שרה קאַסוואַן, וואָס האָט געצויגן איר יחוס פון דער ערשטער שפּראַך־קאָנפערענץ; זי איז געווען אַ ס ת ר ס פריינדין און זי האָט שטאָלצירט מיט איר אַמאָליקער חברטע. עס זיינען געווען אינטערעסאַנטע מענטשן צווישן די בונדיסטן, אָבער דער וועג פאַר אונזער העלד איז פאַר זיי פון לכתחילה געווען אַן אָפּגעשניטענער. די דריי ריכטונגען, וואָס האָבן געאַרבעט בשותפות אין דער קולטור־פעדעראַציע, זיי־נען זיך געווען נישט נאָר קעגנער, נאָר מוראַדיקע און פאַרביסענע שונאים און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זיינען אין איינעם, בכדי צו האָבן אַ פּלאַץ, וואו צו שלאָגן זיך טאָג ווי נאַכט.

און כאָטש אונזער העלד איז אַריין אין אַ קאַלך־אויוון און אין פאַר־טייאישן קאָמף, האָט ער זיך באַלד דערפילט גוט אין טשערנאָוויץ. מען האָט אים באַלד אָנגעבאָטן, אַז ער זאָל זיין דערוויילי־קער רעדאַקטאָר פון „די פריי־

הייט" און מען האָט געקראָגן אַ דערלויבעניש פאַר אים צו עסן אין דער סטור־דענטן־קיך, וואָס מען האָט גערופן „מענזע" און וואָס איז טאַקע געווען לעבן דער „קולטור־געמיינדע"; ער האָט אויך באַלד געקראָגן הארציקע פריינט אין פאַרשיידענע סביבות און די שטאָט איז אים געוואָרן ליב. די פּועלי ציון פּאַר־טיי איז געווען אַ קלענערע ווי דער בונד, אָבער אַן עלטערע און סטאַבילערע. קיין בונד איז פאַר דער מילחמה אין גאַנצן נישט געווען אין דער בוקאָווינע און ער איז געשאַפן געוואָרן על פּי מוז. די לאַנדס־פּאַרטיי האָט אונטער די רומענער געמוזט איינגעטיילט ווערן אויף פיר סעקציעס און די יידישע איז געוואָרן דער בונד, אָבער די מערסטע פון די דאָזיקע מיטגלידער זיינען פריער געווען עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס זייער אַדאָפּטירטע שפּראַך איז געווען אַ מין דייטש און יידיש איז פאַר זיי געווען — שיעור נישט אַן אָנשיקעניש. דער באַלעבאָס פון דער פּריזעריע, וואו יאַנקל האָט זיך ראַזירט און געשוירן, איז געווען אַן אַלטער סאָציאַל־דעמאָקראַט און ער האָט אונזער העלד באַלד גערופן „הערר רעדאַקטעיר", ווייל אָן קיין טיטל איז ביי אים נישט געגאַנגען, האָט ער פאַר אים זיך געקלאָגט אויף אַזאַ אַ אויפן: „דיעזעס העברע־איש ווירד אונז דירעקט הערױפגעצוואונגען". דאָס „העברעאישע" איז פאַר אים געווען דאָס יידישע וואָכנבלאַט, וואָס דער בונד האָט דעמלט ארויסגע־גיבן... ער האָט צו זיין גאַסט געזאָגט: „זי וויסן יאַ, איך האבע זעהר וועהניג אים חדר געלערנט אונד איך קאַן גארניכט העברעאיש..." עס זיינען נאַטיר־לעך אויך געווען עכטע בונדיסטן, וואָס זיינען געווען איינגעוואָרצלט אין יידישן לשון און אין יידישן סאָציאַליזם, אָבער זייער צאָל איז נישט געווען גרויס. ביי די פּועלי ציון איז קיינער נישט געווען צופעליק און זיי זיינען אַלע געווען איינגעוואָרצלט אין דער פּאַרטיי און ס'איז ביי זיי אומגעגאַנגען אַ ווערטל „ווי גוט איז מיר און ווי וואויל איז מיר, וואָס איך בין אַ פּועלי ציון". זיי פלעגן דערציילן, אַז זיי האָבן זיך אַלע ליב געהאַט אַזוי ווי ברידער זיי זיינען געווען ווי קינדער פון איין מישפּחה, אָבער די רייבונגען צווישן רעכטס און לינקס האָבן זיי צעשיידט. אין סענטימענטאַלע מאָמענטן פלעגן זיי זיך אַראָפּריידן פון הארצן און די רעכטע פּועלי ציון פלעגן דערציילן ווי שטאַרק זיי האָבן אַמאָל ליב געהאַט ביקלען, וועלכן זיי מוזן היינט פיינט האָבן און איניקע פון זיי האָבן געזאָגט צום גאַסט, אַז זיי האָבן אים געקענט נאָך איידער ער איז געקומען אין דער בוקאָווינע און זיי האָבן אים אויך ליב געהאַט און זיי באַדויערן זייער שטאַרק, וואָס די ערשטע באַגעגניש מוז זיין מיט אַזויפיל שינאָה... געווען אַ ייד, וואָס האָט געהייסן לייב שטיינמעץ. ער איז דעמלט געווען אַ מענטש פון אַ יאָר פופציק און ער איז געווען אַן אַל־טער פּועלי ציון. ער האָט געהאַט אַ „זעלכעריי" און ער איז געווען פאַרהאָ־רעוועט איבער דעם קאָפּ און ער האָט ליב געהאַט צו כאַפּן אַ שנאַפּס צוזאַמען מיט חברים אַזוי ווי אַ חסיד. ער האָט געהאַט רויטע בעקלעך, וואָס פלעגן

זיך נאָך מער רויטלען ביי אים, ווען ער האָט גערעדט וועגן זיין פּאַרטיי. אזוי ווי ביי אַ שעמעוודיק מיידל האָבן זיי זיך ביי אים גערויטלט. ער פלעג שרייבן לידער, וואָס מען האָט נישט געדרוקט, ווייל זיי האָבן נישט געטויגט, דאָך פלעג ער אוועקגיבן וואו ער האָט געהאַט אַ גראָשן אויף דעם אָרגאַן פון דער פּאַרטיי. ווען מען איז אַריינגעקומען צו אים, האָט מען אים געטראָפן זיך מוטשען איבער אַ לידל און ווען מען האָט אים געזאָגט, אַז עס טויג נישט, פלעג ער קינדיש און טרויעריק פרעגן: „ווען זשע וועל איך זיך שוין אַמאָל אויסלערנען אָנשרייבן אַ לידל?" ביקל האָט די צייטונג פון דער פּאַרטיי פאַרוואַנדלט אין אַ לינקער און זי איז געווען אַ סך מער אַ קאָמוניסטישע וואָכנשריפט ווי אַ פּועלי ציוניסטישע און די רעכטע פּועלי ציון האָבן געקריצט מיט די ציין און מער פון אַלע האָט געקריצט לייב שטיינמעץ, אָבער געלט האָט ער דאָך געגיבן אויף דער צייטונג. געווען נאָך עקזעמפּליארן פון געטרייע פּאַרטיי־חברים. געווען אַ ייד אַ הויקער, אַ פאַרפומען הענדלער, געזאָגט האָט מען אויף אים, אַז ס'איז נישטאָ דאָס דאָזיקע טריפהנע געשעפט, וואָס זאָל נישט זיין כשר פאַר אים, אָבער פאַר דער פּאַרטיי איז ער געווען גרייט זיך צו שניידן די פינגער. ער איז אויך געווען אַ רעכטער, דאָך האָט ער זיך צעשפּיליעט, ווען מען איז געקומען צו אים וועגן דער צייטונג. יאַנקל האָט געדאַרפט נישט נאָר רעדאַקטירן „די פרייהייט", נאָר אויך שאַפן דעם ביודזשעט און אים איז אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט זעלטענע עקזעמפּליאַרן, בעת ער איז געגאַנגען זאַמלען אויף פּרעסע־פאָנד. ער איז אַריינגעקומען אין דער שטוב פון אַ פּאָרפּאָלק, וואָס האָט געהאַט אַ שיינע דאַמען־שניידעריי. ביידע האָבן גערעדט זייער שיין און איידל. דער מאַן איז געווען אַ לינקער און ער האָט אַרויסגעוויזן אַ באַזונדער אינטערעס צו דער צייטונג און ער האָט גערעדט אין אַ פּאַרטייאישער שפּראַך, אָבער ווען דער גאַסט האָט געזאָגט וועגן וואָס ער איז געקומען, האָט זיך די פרוי צעהיצט און ער האָט געזאָגט, אַז זי איז די פאַרדינערין און זי וועט קיין געלט נישט גיבן און זי האָט זיך מוראָדיק ציניש אויסגעדרוקט, אַז זי האַלט אוים דעם מאַן ווי אַ ביישלעפער און קיין געלט אויף קיין פּאַרטיי־זאַכן וועט זי אים נישט גיבן...

יאַנקל איז קוים אַוועק און דער מאַן איז אים נאָכגעלאָפן אַ פאַרשעמטער און געבעטן, אַז ער זאָל דאָס דאָזיקע קיינעם נישט דערציילן און פאַרנאַכט האָט ער אים געבראַכט געלט... אַ טשיקאַווע עקזעמפּליאַר איז געווען איינער אַ בחור, וואָס האָט געהייסן „דר. העלדער". אין טשערנאָוויץ זיינען דעמאָלט געווען זייער אַ סך דאָקטוירים. עס איז דאָרט געווען נאָר אַ יורידישער און אַ פילאָזאָפישער פאַקולטעט און איידער די עסטרייכער זיינען אַוועק אויף אַריינצולאָזן די רומענער, האָבן זיי אַרויסגעגיבן דאָקטאָר־דיפּלאָמען וועמען עס האָט זיך נאָר געלאָזט. מען האָט דערציילט אַ שפּאַס, אַז אַ יונגער גראַף, וואָס האָט כמעט גאָרנישט געלערנט, האָט געוואָלט קויפן אַ דאָקטער־טיטל נישט

נאָר פאַר זיך און זיינעם אַ קרוב, נאָר אויך פאַר זיין הונט, האָט אים דער פּראָפעסאָר געזאָגט: אַנטשולדיקט, איך פּאַרקויף טיטלען נאָר פאַר אייזלען״. מען האָט אויך געזאָגט, אַז ווען מען גיט אויף דער הערן־גאַס אַ געשריי: „הער דאָקטער״, דרייט אַ העלפט פון די מענער אויס די קעפּ... פעלדער איז געווען אַ דאָקטער אין יורי, אָבער פּראַקטיצירן קיין אַדוואָקאַטור האָט ער נאָך נישט געמעגט און ער איז געווען ממש אַ שיק־יינגל אין דער קולטור־פעדעראַציע. גילישענסקי פלעג זיך מיט אים שאַפן און ער פלעג אים זאָגן: „דאָקטערל, טראָגט אָפּ אַ פּעקל אין פּאָסט אַריין און הייצט איין דעם אויוון...״ ער איז געווען נאַיוו און נישט קיין גרויסער חכם און מען דערציילט לעגענדן וועגן זיין טיפּשות. מען האָט דערציילט, אַז זיין כלה, וואָס האָט אַלץ געהערט ריידן וועגן אליעזר שטיינבאַרג, האָט אים געפרעגט ווער ער איז, האָט ער איר געענטפערט: „גיי, קינד, ער איז דאָך אַ זשעני!״ ער איז אין זיין נאַיווקייט געווען גרייט צו באַגיין געמיינקייטן, אָבער זיין צוגעבונדנקייט צו דער פּאַרטיי האָט דאָס אים נישט געלאָזט. ער איז געווען אַן אַריינגייער אין דער פּאָליציי און ער האָט זיך גיך אויסגעלערנט רומעניש און ער האָט געקענט פועלן זאַכן, וואָס אַנדערע האָבן נישט געפועלט און מען האָט אָנגעהויבן קוקן קרום אויף זיין חברן זיך מיט „קנעפּלעך״ און ער איז אין אַ געוויסער מאָס געווען אונטער פאַרדאַכט, דאָך איז ער געווען געטריי און איבערגעגעבן דער פּאַרטיי. געווען אַ גאַנצע גרופּע ליבהאָבער, וואָס האָבן געקוואָקעט צו ווערן שוישפּילער און זיי האָבן געמאַכט קליין־קונסט פאָרשטעלונגען. די טעקסטן האָט צום מערסטן געשריבן אליעזר שטיינבאַרג. צווישן די ליבהאָבער זיינען געווען אַ סך בעסאַראַבער בחורים, אָבער עס זיינען געווען אויך בוקאָווינער און ס׳איז צווישן זיי אויך געווען אַ גוט־יידישע טאָכטער פון סאַדעגער, וואָס האָט איבערגעלאָזט דעם מאַן, וועלכן זי האָט נישט ליב געהאַט און זי האָט ליב געהאַט דעם רעזשיסאָר פון דער גרופּע אבנר באַראַק, אַ בעסאַראַבער בחור, וואָס האָט געהאַט אַ בילמע אויף אַן אויג און איז געווען נישט קיין גרויסער קראַסאַוויעץ, אָבער זייער אַ ליבער מענטש און ער האָט געקענט נאָכמאַכן מגידים און מלמדים; די ליבהאָבער גרופּע איז געווען די הייוון פון דער פּאַרטיי און זי האָט אַריינגעבראַכט פרייד. זי האָט איינגעאָרדנט אויספלוגן אַרוים פון דער שטאָט און זי האָט דעם גאָלדענעם האַרבסט אָנגעפילט מיט דעם אייגענעם יוגנט־פרילינג און האָט פאַרייניקט געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט מיט מענטשלעכער פרייד.

דורך יענער גוט־יידישער טאָכטער האָט ער זיך באַקענט מיט אַ סך גוט־יידישע זין און טעכטער פון באַיאַנער און סאַדעגערער רביים און ער האָט געזען, אַז די הייף פון אַט די רביים זיינען אין אַ געוויסער מאָס וואולקאַנען פון ליידנשאַפט. אין משך פון דורות און דורות איז אין יענע הייף די תאווה געשטיקט געוואָרן און זי האָט פּלוצים אַרויסגעזעצט. יעדער יונגער מענטש אין

דאָרט געווען אַ סוד. אייניקע פון די רביישע יונגעלייט האָבן אויסגעזען ווי פרינצן, אַנדערע האָבן אויסגעזען ווי דעגענעראַטן די רבנים האָבן זיך געשראָקן פאַר דער צוקונפט פון זייערע קינדער און זיי האָבן געזוכט צו באַהאַלטן אַלע סודות און די ווענט האָבן געהאַט אויגן און די גאַסן האָבן געהאַט אויערן. יאַנקל האָט אין אַ לענגערן בריוו באַשריבן דעם טאַטן ווי אַזוי סאַדעגער זעט אויס און ער איז געווען זיכער, אַז דאָס דאָזיקע וועט פאַר דעם טאַטן זיין אַ טרייסט, אָבער ער האָט געהאַט אַ טעות — דער טאַטע איז דערפון נאָך מער טרויעריק געוואָרן. יאַנקל האָט אין סאַדעגער זיך געטראָפן מיט דעם אַדזשודער רבינס עלטערן זון, זיין חבר מאַטעסלס ברודער, וואָס איז אויפגעכאַוועט געוואָרן ביים שטעפאַנעשטער רבין. מאַטעסל פלעג אונזער העלד שטענדיק דערציילן, אַז זיין ברודער איז אַ פילאָזאָף אַ ניצשעאַנער. אין אַ געוויסער מאָס איז ער עס געווען, אָבער וועגן ברודער דעם אפיקורס האָט ער דאָך גערעדט מיט ווייניק חשק און ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט געהערט, אַז דער קלענערער ברודער האָט „עפעס דאָרט געשריבן"... ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן „אויבער־מענטש" און די חסידים פאַר ווערים, וועלכע מען מעג טרעטן.

אויך אין דער סטודענטן־קיך, וואָס מען האָט גערופן „מענזע", איז דאָס לעבן געווען פול מיט יונגער האָפענונג. דאָרט זיינען געווען בוקאָווינער און בעסאַראַביער סטודענטן און סטודענטקעס און די דאָזיקע צוויי ערליי יוגנטן האָבן זיך געראַנגלט און געוואָלט פאַרייניקן און ס'איז זיי אָנגעקומען שווער. ס'איז נישט נאָר געשטאַנען די שפראַך־פאַרשיידנקייט אין דער מיט. די מערסטע פון ביידע האָבן געקענט יידיש און כאָטש די בוקאָווינער האָבן אַריינגעמישט אַ סך דייטשע ווערטער און די בעסאַראַביער — רוסישע ווערטער, האָבן זיי זיך דאָך געקענט פאַרשטענדיקן. אדרבא: ביי אַ סך איז געווען אַ נייגונג צו אויסלערנען גוט יידיש, ווייל זיי האָבן געפילט, אַז ס'איז זיך נישטאָ מיט וועמען צו אַסימילירן. דייטש און רוסיש האָבן אין ביידע פראָווינצן פאַרלוירן זייער אָפיציעלן כוח און רומעניש האָט נישט געצויגן. רומעניש איז פאַר אַלע געווען די מוז־שפראַך און די שפראַך פון עמלק. די בוקאָווינער האָבן נאָך גאַנצער אַנערקענט יידיש, ווי די בעסאַראַבער, זיי האָבן געטרוימט פון אַ יידישער הויכשול און אַז די באַאַמטע פון אַלע בוקאָווינער מלוכה־אַנשטאַלטן זאָלן מוזן קענען יידיש. עס זיינען געווען בוקאָווינער סטודענטן, וואָס האָבן געזאָגט, אַז זיי פילן אַ נויטיקייט צו לערנען די לימודים אויף יידיש, ווייל אין דייטש און אין רומעניש פילן זיי אַ פרעמדקייט.

עס איז צווישן ביידערליי יוגנטן געשטאַנען די פאַרשיידנקייט פון דערציאונג און פון וועלט־באַנעם. די בוקאָווינער האָבן פאַרמאָגט אַ געוויסע דייטשע דיסציפלינירטקייט און די בעסאַראַבער — אַ רוסישע צעלאָזנקייט. צווישן די בוקאָווינער זיינען געווען סטודענטן, וואָס האָבן געהערט צו פאַר־

שיידענע פארבאנדן, וואס האבן צום מערסטן געהאט אזעלכע גרויסארטיקע נעמען, ווי „חשמונאי", „מכבי" א. א. וו. אבער אין תוך זיינען זיי געווען ווי די דייטשע סטודענטן־פארבאנדן, וואס האבן זיך אפגעגעבן מיט ביר־קנייפעס און דועלן. יאנקל פלעג באמערקן שיינע יונגעלייט מיט פרישע פנימער, וואס האבן אין משך פון עטלעכע וואכן געקראגן צעשניטענע געזיכטער, וואס האבן אויסגעזען ווי צעווירעט און אנשטאט פארבאנד־סטודענטן האט ער זיי גערופן פארבונדענע סטודענטן. פאר די בעסאראבער זיינען די בוקאווינער געווען דיסציפלינירטע קולטור־לאזקייטן אן נשמה, און פאר די בוקאווינער זיינען די בעסאראבער געווען רוסישע כאמעס... אפילו די צוגעהעריקייט צו איין פארטיי האט נישט געקענט שאפן קיין ענגען קאנטאקט צווישן די צווייערליי יוגנטן. די „מענזע" איז פול געווען מיט יוגנט־פרייד, לאנדסשאפטלעכע רייסערייען און פארטייאישע דיסקוסיעס. עס האבן זיך דעמלט א יאווע געטאן צעירי ציון, וואס האבן גערעדט אויף א מין נייעם „קאזיאנע" יידיש, וואס איז געווען איבערגעזעצט פון רוסיש און אויך העברעאיש האבן זיי גערעדט, וואס האט געקלונגען ווי איבערגעזעצט פון רוסיש און דאס רוסישע אליין זייערס האט געקלונגען ווי איבערזעצט; עס האט זיך גערעכט, אז די אלע ווערטער, וואס זיי ריידן, זיינען דירעקט ארויסגענומען פון ווערטער־ביכער און בראשורן. זיי זיינען נישט לאנג געשאפן געווארן און זיי זיינען שוין געווען געשפאלטן און צעריסן. אייניקע פון זיי האבן געהאט א שייכות מיט פארשיידענע אוקראאינישע אנטי־באלשעוויסטישע גרופן און ספעציעל מיט די „סאמאסטינצעס" און זיי האבן א סך מער גערעדט וועגן צוריקפארן קיין אוקראאינע, ווי קיין ארץ ישראל. די פועלי ציון און די בונדיסטן האבן געפירט מיט זיי שארפע פאלעמיקעס און די קאמוניסטן פלעגן זיי גאר באשולדיקן אין פראוואקאציעס. עס איז א סך מאל געקומען צו געשלעגן. שלומה ביקל, וואס איז געווען פון די שארפע פאלעמיקער פלעג ארייננברייגגען געמיט. ער פלעג די שארפסטע ווערטער ארויסזאגן מיט א שמייכל און די קעגנער האבן אי מורא געהאט פאר אים, אי זיי האבן אים ליב געהאט צו הערן. עס זיינען געווען מאמענטן, ווען די פארוואלטונג פון דער „מענזע" האט געמוזט פארבאטן פאליטישע דיסקוסיעס.

יאנקל האט זייער גיך דערקענט די גאנצע שטאט. ער האט דערקענט די מערסטע ציוניסטישע פירער צווישן וועלכע עס זיינען געווען א סך גאר אייגנארטיקע עקזעמפליארן. דער אייגנארטיקסטער איז געווען איינער מאנפרעד רייפער, וואס איז שפעטער אוועק אזוי ווייט מיט זיין שאוויניסטישן נאציאנאליזם, אז ער האט נושא חן געווען ביי די... נאצים. ער איז געווען מער טיפש ווי געמיין. אין זיינער א רעדע האט ער געקענט צען מאל באהויפטן, אז הערצל איז נישט געשטארבן, נאר ער לעבט און דערנאך אפפרעגן: „אבער ער איז דאך געשטארבן!" און עס האט איין מאל פאסירט, אז א ייד האט

זיך אויפגעהויבן און ער האָט געזאָגט: „אויב איר וועט ביז פיר און צוואַנציק שעה נישט זאָגן, צי ער איז געשטאָרבן, צי ער לעבט, וועל איך אוועקגיין פון דאַנען...״ דער דאָזיקער מאַנפרעד רייפער האָט אומגעהויער מורא געהאַט פאַר ביקלען און ווען יענער האָט אים אַרויסגערופן אויף אַ דיסקוסיע, האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט קיין צייט נישט און ער איז אַנטלאָפן. ביקל האָט אים אַ נאָמען געגעבן „מאַן (מיין) פערד״... דער הויפּט־פירער פון די ציוניסטן איז געווען דר. מאיר עבנער, וואָס איז אויסערלעך געווען אַ סימפּאַטישער מאַן מיט אַ ווייסן קאָפּ און מיט אַביסל אַ נאַרישוואַטע אויסזען. ער האָט זיין וואָכן־צייטונג אַרויסגעגעבן אויף דייטש און ער האָט זי אָנגעפילט מיט שינאה צו יידיש. ווען ער האָט געלויבט, אַ שטייגער, די זינגערין איזאַ קרעמער, וואָס איז אויפגעטראָטן אין טשערנאָוויץ, האָט ער באַטאָנט, אַז ער טוט דאָס דאָזיקע, נישט ווייל זי זינגט אויף יידיש, נאָר ווייל זי איז יידיש אין אינהאַלט. די רוסן האָבן אים בעת דער מלחמה פאַרנומען פאַר אַן ערובניק און זיי האָבן אים פאַרשלעפּט אַזש ביז קיין סיביר און ער האָט כסדר געשריבן זיכרונות וועגן דער קאַלטער מדינה. דער דאָזיקער ציוניסטישער פאַנאַטיקער האָט געפירט אַ שטענדיקן קאַמף מיט דעם אַלטן און קאָרומפּירטן פּאָליטיקער בענאָ שטרויכער, וואָס איז געווען באַלעבאָס פון דער קולטוס־געמיינדע און ער איז אויך געוואָרן דעפּוטאַט אין רומענישן פּאַרלאַמענט. ער איז שוין פריער געווען אַ סך מאָל דעפּוטאַט אין עסטרייכישן רייכסטאַג. בענאָ שטרויכער איז געווען אַ פּאָליטיקער, פאַר וועלכן קיין שום מיטל איז נישט געווען טריפה. ער האָט געהאַט מיט זיך סיי די אַלע קאָכלעפל, וואָס האָבן געלעבט פון קהל, סיי די בעלי עגלות און שמייסער־יונגען, וועלכע מען האָט אין טשערנאָוויץ גערופן „מאַטשאַרניקעס״. ער האָט אויך געהאַט מיט זיך די רבנים און דאָס גאַנצע קלעריקאַלע געמויזעכץ. ער האָט געוואונען וואַלן מיטן שווינדל און מיט טעראָר און אויך מיט כיטרעקייט. ער פלעג אין זיינע רעדעס שטענדיק דערציילן, אַז מאַקס נאָרדוי האָט אַמאָל געשריבן וועגן זיינער אַ רעדע אין רייכסטאַג און געזאָגט, אַז זי איז פון רעאַל־פּאָליטישן ווערט און ער האָט עס אַליין פאַרטייטשט, אַז דאָס מיינט, אַז ער קען שמד־שטיק. ער האָט באַזיגט דעם פּראָפ. לעאָן קעלער, אַן אינטעלעקטואַל פון גרויסן פאַרנעם און אַ ספּעציאַליסט אַ שעקספּיר־קענער, וואָס האָט געוואָלט ווערן פּרעזידענט פון דער קהילה און יענער איז מיד געוואָרן פון זיין קעגנערס געמיינקייטן און ער האָט איבערגעלאָזט די פּאָליטיק און ער האָט זיך אומגעקערט צו זיינע שעקספּיר־שטודיעס; שטרויכער האָט אויך באַזיגט מאיר עבנער, ווען ער האָט מיט אים געשלאָסן אַ פּאַקט, אַז ער זאָל גיין אויף סענאַטאָר און יענער אויף דעפּוטאַט. ער האָט שוין אַזוי אָפּגעאַרבעט, אַז ער האָט געוואונען און זיין שותף האָט פאַרלוירן... ער פלעג אין זיינער אַ רעדע קענען זאָגן: „צוואַנציק יאָר בעטל איך שוין דעם דאָזיקן „שעוויגען״ מאַנדאַט,

בעטל איך נאָך איין מאָל... מיינע קעגנער זאָגן, אַז איך בין שוין אַלט, קוקט מיך אָן און זאָגט, צי טויג איך נישט..."

די רייבונגען אין דער פּועלי ציון פּאַרטיי האָבן דערגרייכט צו זייער קולמינאַציע־פּונקט און עס זיינען געקומען צו אַזעלכע געשלעגן, אַז פּאָליציי האָט זיך אַריינגעמישט. דער רעכטער וועלט־פאַרבאַנד האָט דערפילט, אַז פון דעם זיין אין איינעם, פאַרלירט ער; און כאָטש ער האָט קלאָר געזען, אַז די רעכטע פראַקציע איז זייער קליין און זי וועט בלייבן אָן דער צייטונג און אָן דעם גאַנצן אַפּאַראַט, איז ער געווען גרייט צו האָבן אַ שוואַכע גרופּע און אַ קריסטאַליזירטע, איידער אַ מישונג; דער באַוואוסטער פּועלי ציון פירער סאָקאָל איז ספּעציעל געקומען שפּאַלטן און ס'איז אים געלונגען. עס איז געווען אַ זייער טראַגישער מאָמענט. דאָס ליקווידירן די פּועלי ציון אין בוקאַרעשט איז נישט געווען אַזוי טראַגיש פאַר אונזער העלד, ווי דער מאָמענט, ווען די רעכטע גרופּע האָט פאַרלאָזט דעם לאָקאַל מיט דעם געזאַנג פון דער „שבועה" און די לינקע האָבן געזוכט איבער צו זינגען... דאָס געזאַנג איז געווען מער פּיין ווי פרייד; יעדער האָט זיך געפרעגט אינעווייניק: פאַרוואָס קען מען נישט זיין אייניק? די לינקע האָבן געפייערט דעם טריומף און זיי זיינען געווען טרויעריק... ביידע גרופּעס זיינען באַלד געוואָרן מער טעטיק און די רעכטע גרופּע האָט געקראָגן אַ געוויסע שטיצע פון די פאַראייניקטע שטאַטן און ספּעציעל פון די „ווערעליעף" געלטער און זיי האָבן גלייך גענומען אַרויסגעבן אַן אייגענע צייטונג. די לינקע פּועלי ציון זיינען באַלד געוואָרן שטרענג באַוואַכט פון פּאָליציי. די רעכטע האָבן זיי אָפט באַשולדיקט אין דעם, אַז צווישן זיי זיינען פאַראַן „ליקווידאַטאָרס", וואָס דאָס האָט געמיינט פּשוטע קאָמוניסטן און דאָס דאָזיקע איז געווען ווי בוימייל אויף דעם פייער. „די פרייהייט" איז אָפט אַרויס מיט ווייסע פלעקן פון דער צענזור. דער אמת מעג איצטער געזאָגט ווערן, אַז צווישן די לינקע פּועלי ציון זיינען דעמלט געווען אַ סך, וואָס זיינען שוין נישט געווען קיין פּועלי ציון און זיי זיינען דאָרט געבליבן צוליב טאַקטישע טעמים. די אונטערערדישע קאָמוניסטישע גרופּעס האָבן אָפט געגיבן געלט־שטיצע דעם אָרגאַן פון די לינקע פּועלי ציון, כאָטש זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי זיינען קאָמוניסטן, וואָס „עס שלעפּט זיך זיי נאָך אַ שוואַנצעלע..." יאַנקל האָט דעמלט דערקענט אַ גרויסע צאָל פּאַרפּאָלניע קאָמוניסטישע יונגעלייט, וואָס זיינען צום מערסטן געווען יידן און וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דעם גאַנצן קאָמוניזם אין די באַלקאַן־לענדער. זיי פלעגן מיט געניאַלע דעטעקטיוו־פעאיקייטן זיך אַרויסדרייען פון פּאָליציייאישע הענט און זיי האָבן פאַרמאָגט אַ זעלטענעם אימפּעט און ס'האָט געווייעט פון זיי מיט אַ שטורמיש געזאַנג. שפּעטער מיט אַ פּאָר יאָר האָט ער זיי באַשריבן אין אַ דערציילונג, וואָס האָט געהייסן „פּאַרפּאָלניקעס", האָט די גאַנצע סאָוועט־יידישע פרעסע איבערגעדרוקט יענע דערציילונג.

יאַנקל האָט געהאַט אין טשערנאָוויץ איבערלעבונגען פון פאַרשיידנסטן כאַראַקטער, וואָס האָבן אים צערודערט און געלאָזט אַ ווירקונג אויף זיין גאַנצן לעבן. ער האָט זיך נישט געקענט אַריינלעבן אין דער דיסציפּלין פון פּאַרטייאישקייט. פאַר אים זיינען צייטנווייז געווען די קעגנער גערעכט און ער האָט דאָס געזאָגט און מען האָט אים גערופן צו אָרדנונג. דער „ווערעליעף" האָט געשיקט אַלטע קליידער, וועלכע מען האָט צעטיילט. ביי די דאָזיקע קליידער האָט געאַרבעט אַ יונגער לינקער פּועלי ציון אַ געטרייער חבר און ווען „די פרייהייט" האָט זיך שטאַרק גענויטיקט, האָט ער געגנבעט קליידער און פאַרקויפט. מען האָט אים געפּאַקט און ער האָט די שולד גענומען נאָר אויף זיך און ער איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פּאַרטיי פאַר... גניבה. עס האָט געווייעט מיט אַזאַ טרויער פון אים. יאַנקל האָט געזאָגט: „ער איז נישט אַזוי אַ גנב, ווי די פּאַרטיי איז אַ ליגנערין..."

און ווידער האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אויף דעם יידישן טעאַטער; אַקטיאָרן האָבן אויפגעפירט אַנסקיס „דיבוק" און שלעכט און ער האָט אָנגעשריבן אַ שאַרפע רעצענזיע און מ'איז אים באַפאַלן. ש. ביקל, וואָס האָט אַליין באַליידיקט פּאָלעמיזירנדיק, האָט געזאָגט: „צו שאַרף!" אַקטיאָרן האָבן געשריגן, אַז ער ברעכט זיין פון ברויט און אַז דער עולם זעט קיינמאָל נישט דאָס דאָזיקע, וואָס ער, אַ טעאַטער־מענטש, זעט און ער טאָר דאָס נישט אויסזאָגן...

אַלעקסאַנדער מאָיסי איז דעמלט געווען אין טשערנאָוויץ און ער האָט געשפּילט זיין גאַנצן רעפּערטואַר. יאַנקל האָט דעם דאָזיקן אייגנאַרטיקן שוישפּילער שוין געהאַט געזען אין אָדעס אין „קעניג עדיפּ", אָבער ער האָט אים געזען אין אַ צירק פון דערווייטנס און נישט גענוג פאַרשטאַנען. איצטער האָט ער אים געזען פון דער נאָענט אין אַ אינטימען טעאַטער, און ער איז משוגע געוואָרן נאָך אים. אַ טונקל חנווּדיקער און אַ שטראַלנדיקער איז ער געווען און ער האָט ווי געהאַט אַ טשעלאָ אין האַלדז. זיינע טענער זיינען געווען מוזיק. ער האָט מיט איין אייגנאַרטיקער אינטאָנאַציע אָפּגעשפּילט אַ גאַנצע דראַמע. אַזוי טיף שפּילן טעאַטער אָן איבעריקן שפּיל האָט ער קיינמאָל נישט געזען און געהערט. ער האָט געשפּילט דעם „לעבעדיקן מת" טאָלסטאָיס און מיט דער איינער פראַזע „מאַשאַ, וואָס מאַכסטו פון מיר, מאַשאַ?" האָט ער אַרויסגעבראַכט די גאַנצע דראַמע. ער האָט געקענט שרייען, אַז די ווענט זאָלן זיך שאָקלען און ריידן טיף און וויברירן צאַרט. ער איז **געווען דער פּאָעט פון די אַקטיאָרן**. ער האָט איינער אַליין געשאַפן אַזויפיל וויפל די גאַנצע טרופּע סטאַניסלאַווסקיס, וועלכע ער האָט שפּעטער געזען אין ווין. און ווען רומענישע כוליגאַנעס האָבן געשטערט מאָיסיס פאָרשטעלונגען, ווייל ער פאַרהאַלט די רומעניזאַציע פון דער בוקאָווינע, איז יאַנקל זיך געגאַנגען שלאָגן ווי פאַר אַ רבין און ס'איז אים געווען גוט, וואָס ער האָט ווידער אַ רבין...

די לינקע פּועלי ציון זיינען אַלץ געוואָרן מער טריפהר אין פּאָליציי. עס איז געקומען דער ווינטער. אַ בייזער און שיינער ווינטער איז ער געווען מיט אַ סך שניי, מיט אַ סך זילבערנער העלקייט און מיט אַ סך שאַרפע פרעסט און זאַווערוכעס. אין דער צייט פון די גרעסטע קעלטן האָט די יוגנט געמאַכט אויספלוגן אין „פּאָלקסגאַרטן" און אַרויס פון דער שטאָט און מען האָט זיך דערוואַרעמט מיט הייסע יוגנטלעכע און אומשולדיקע קושן. פון צייט צו צייט פלעג מען אָנוואַרעמען די ביינער אין אַ שענק, וואו מען האָט געגעסן די באַ־קאַנטע „סאַרנאַצלעך" און פאַרטרונקען מיט רויטן וויין. עס פלעג נאָך פּאַסירן, אַז רעכטע און לינקע פּועלי ציון האָבן זיך געטראָפן אין איין שענק און האָבן אין איינעם געזונגען אַ זמר. איבערהויפּט פלעג זייער אָפט איינלאַדן ביקלען און יאַנקלען דער ברודער פון פּייוול שטערנבערג, זוניע, וואָס איז געווען אַ רייכער האָלץ־הענדלער און אַ רעכטער פּועלי ציון און אַ ליבהאָבער פון יידי־שע לידער. ער איז געווען אַ הויכער, אַן אומגאַטירלעך צעוואַקסענער און ער האָט געהאַט גרויסע אויסגעסטאַרטשעטע אויגן. ער האָט געהאַט אַ פרוי אַ שיינהייט. זי איז געווען אַ הויכע, אַ ברוינע, מיט ברענענדיקע, פאַרחלומ־טע אויגן און מאַלער האָבן זי נישט אויפגעהערט מאָלן. זי איז געווען אַן עכטער ביבלישער טיפּ און זי האָט אויסגעזען אַזוי גרויסאַרטיק, אַז אַפילו חלומען וועגן איר האָט מען קיין מוט נישט געהאַט. זוניע פלעג ביי יעדער שימחה זינגען „פאַר איך מיר אַרויס מיט אַן אייגענער בויד", אַזוי ווי אַ חסיד זינגט דעם רבינס ניגון. צו די דאָזיקע פאַרברייינגעכצן פלעגן אָפט קו־מען די מאַלער אַרטור קאָלניק, רובין און שלומה לערנער. די ערשטע צוויי זיי־נען שוין געווען אָנערקענטע מאַלער און דער דריטער איז געווען אַ יונגער, ער האָט געשטאַמט פון ליפּקאַן און ער האָט געהאַט וויניק שול און די עלטערע מאַלער האָבן אים נישט געוואָלט אָנערקענען. דעמלט איז געוואָרן אַ שותפות צווישן רובינען און קאָלניקן. וואָס זיינען אַוועקגעפאָרן אין איינעם קיין צפון אַמעריקע, זיינען דאָרט אָפּגעווען אַריבער אַ יאָר און זיינען צוריקגעקומען ברוגז אויף דעם גאַנצן לעבן. דער צאַרטער, בלאָנדער קאָלניק האָט זיך אָפּ־געגרעכנט אין רובינען און אים אויסגעמאָלן ווי אַן אָריענטאַלישן סוחר און דער היציקער און באַריידעוודיקער רובין האָט געשוויגן... שלמה לערנער האָט געמאַכט זיין ערשטע אויסשטעלונג און ער האָט געהאַט אַ באַדייטנדיקן דער־פאָלג ביי די טשערנאָוויצער קונסט־קריטיקער, צווישן וועלכע עס זיינען גע־ווען אי פּאַכלייט, אי קאַפּריזנע משוגעים. שלומה לערנער האָט אויך אויס־געשטעלט יאַנקלס אַ בילד. ער האָט אים פאַרגעשטעלט ווי אַ דאָן זשואַן מיט עטלעכע מיידלעך אין די אָרעמס און מיט נאָך מיידלעך אין קאָפּ... חיים קראַפּט האָט זיך שטאַרק געערגערט פון דעם דאָזיקן בילד און ער האָט גע־זאָגט, אַז ס'איז נישט שיין אַזוי אַרויסצושטעלן דעם רעדאַקטאָר פון אַ פּאַר־טייאישן אָרגאַן און יאַנקל האָט געלאַכט...

איין מאָל האָט פּאַסירט אַז דר. העלדער האָט דערשמעקט, אַז פּאָליציי זוכט אַרום ביקלען און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז ער זאָל אַנטלויפן קיין בוקאַרעשט. מען האָט ביקלען געדאַרפט באַגלייטן צו אַ נאָענטער באַן־סטאַנציע, וואו ער האָט געדאַרפט כאַפּן דעם צוג, ווייל אין טשערנאָוויץ האָבן זיך געדרייט צו פיל שפּיצלעך. ס׳איז געווען אָנהויב אָוונט. ס׳איז געווען אַ שרעקלעכער פראָסט. צו דער באַן־סטאַנציע זיינען ביידע העלדן, וואָס זיינען געווען זייער גרינג אָנגעטאָן, געפאָרן מיט אַ פּיאַקער און זיי זיינען שיעור נישט פאַרפרוירן געוואָרן. אויף צו להכעיס האָט דער צוג פאַרשפּעטיקט אויף אַריבער פינף שעה און ער האָט געדאַרפט אוועקגיין ערשט נאָך האַלבער נאַכט. אַ זשאַנדאַר האָט זיך גראָד געדרייט ביי דער סטאַנציע און די צוויי העלדן האָבן מורא געהאַט צו זיצן אין שענק און זיי האָבן זיך געדאַרפט אַרומדרייען אין דרויסן אין פראָסט. דער פּיאַקער האָט נישט געוואָלט וואַרטן, ווייל די פערד זיינען אים פאַרפרוירן געוואָרן. ביקל האָט געוואָלט, אַז זיין חבר זאָל צוריקפאָרן אין שטאָט אַריין, אָבער ער האָט אים נישט געוואָלט לאָזן אַליין. מיט ווערטער קען מען נישט איבערגיבן די איבערלעבעניש פון יענער נאַכט; די עטלעכע שעה האָבן געדויערט יאָרן און זיי האָבן זיך דאָך געענדיקט. ביקל איז אַריין אין וואַרעמען צוג אַריין, יאַנקל איז אוועק צופוס אין שטאָט אַריין. דאָס צוריקגיין אין שטאָט אַריין האָט געדויערט עטלעכע שעה, יאַנקל איז אויף דעם וועג שיעור נישט אומגעקומען. ער האָט שוין איין מאָל געהאַט זיך נאָכגעגיבן דעם פראָסט און ער איז שיעור נישט איינגעשלאָפן אין די קאַלטע און וואַרעמע אָרעמס פון פראָסט, אָבער זיין פאָטער איז אויסגעוואקסן לעבן אים און נישט געלאָזט... ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט מען זיך געפרייט מיט אים ווי מיט איינעם פון יענער וועלט, מען איז געווען זיכער, אַז ביידע זיינען אַרעסטירט און צוליב פאָרזיכטיקייט האָט אַ חבר פאַרברענט אַלע זיינע כתבים צוזאַמען מיט דעם בענדל שפּיטאָל־בילדער... אַ סך שיינע איבערלעבענישן זיינען פאַרבליבן ביי אונזער העלד אין געמיט פון יענעם ווינטער. ער איז אַרומגעפאָרן איבער דער בוקאָווינע און ער קען נישט פאַרגעסן זיין באַזוך אין דעם בערגיקן שטעטל דאָרנאַ וואַטראַ, וואָס געפינט זיך אין האַרץ פון די קאַרפּאַטן־בערג און איז געווען איינע פון די באַרימטסטע קלימאַטערישע סטאַנציעס אין עסטרייך. מאַטעסל פרידמאַן האָט אַמאָל געלעבט עטלעכע חדשים אין דאָרנאַ און יאַנקל האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז ער זעט אים אומעטום. די בערג זיינען אום ווינטער נאָך געווען שענער ווי אום זומער. אָבער די שענסטע איבערלעבעניש איז געווען אין יענער נאַכט, ווען ער האָט באַגלייט ביקלען. ער קען קיין מאָל נישט פאַרגעסן די פרייד, וואָס ער האָט איבערגעלעבט פון דעם קרבן, וואָס ער האָט געבראַכט. ביקל האָט זי איין מאָל יאָ פאַרגעסן, ווייל אַ שלעכטער חבר האָט אים אָנגערעדט דערצו און דערנאָך האָט אים באַנק געטאָן...

פּסח־צייט האָט די קולטור־פעדעראַציע אַרויסגעשיקט יאַנקלען ווי אַ לעק־טאָר און אינסטרוקטאָר איבער בעסאַראַביע. משה אַלטמאַן איז געהאַט שוין אַרומגעפאָרן איבער דער דאָזיקער פּראָווינץ אין נאָמען פון דער פעדעראַציע, אָבער ער איז געווען אַ זייער קאַפּריזנער און ער האָט אָפט באַליידיקט די טוער און ער האָט שוין אַליין מער נישט געוואָלט פאָרן. ער האָט געהאַט פּלענער פון שרייבן דערציילונגען און דראַמען און ער האָט דערווייל געשריבן דעקאַדענטישע לידער און ער האָט אויך געפּלאַנעוועט צו מאַכן גרויסע געשעפטן און ווערן רייך. משה אַלטמאַן איז געווען פון בעסאַראַבער „אַלימפּ" ליפּקאַן און וויפל אליעזר שטיינבאַרג און יעקב שטערנבערג האָבן אים נישט אָנערקענט, איז אים נישט געווען גענוג... ער איז געווען אַ צעטראָגענער און כאָטש ער איז געווען אַ גוטער רעדנער, פלעג ער מיט זיינע רעדעס דורכפאַלן, ווייל ער פלעג זיי גוט דורכטראַכטן ערשט נאָך דעם, וואָס ער האָט זיי געהאַלטן... ער פלעג איבערדערציילן אַ רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן, איז זי געווען אַ זעלטנהייט און מען האָט נישט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס ער איז דורכגעפאַלן, ביז וואַנען מען האָט זיך דערוואוסט, אַז ער האָט דאָס אַלץ, וואָס ער דערציילט גאָרנישט געזאָגט... אויך איציק מאַנגער האָט זיך דעמלט שוין אַרומגעדרייט אין טשערנאָוויץ און ער האָט געהאַט גרויסע דערפאָלגן סיי מיט זיינע לידער, סיי מיט זיינע אייגנאַרטיקע רעדעס און ער האָט אויך שוין זיך געקריגט מיט דער גאַנצער וועלט און ער האָט נישט אויפגעהערט זאָגן שטיינבאַרגן, אַז דאָס משל איז לחלוטין נישט קיין ליטעראַטור. ער איז געווען אַזוי עגאָצענטריש, אַז ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן מען זאָל נאָך איינעם אָנערקענען. אין דער קולטור־פעדעראַציע איז דעמלט אָנגעקומען די נייַ דערשינענע יידישע ליטעראַטור פון אַמעריקע און יאַנקל האָט זי ממש געשלונגען און די גאַנצע „יונגע" גרופּע איז אים דעמלט געוואָרן אייגן און ער האָט זיך געפילט צום נאָענטסטן צו י. אָפּאַטאָשו און ה. לייוויק און מער ווי אַלע האָט אים גענומען משה לייב האַלפּערין. ער האָט אויך איינגעשלונגען אין יענעם ווינטער די גאַנצע מאָדערניסטישע ליטעראַטור פון פּוילן. ער איז אַרויסגעפאָרן קיין בעסאַראַביע אַן אָנגעלאָדענער מיט דער יידישער ליטעראַ־טור ביז אין איר לעצטן אויסגעשריי.

דער ערשטער עטאַפּ איז געווען קעשענעוו, אָבער נאָר אויף איין פוס; ער האָט דאָרט געדאַרפט נאָר גיבן געוויסע אינסטרוקציעס וועגן אַ גרויסן פּרץ־אַקט. ער האָט רעכט נישט געהאַט צייט צו באַקוקן זיין „אַלמאַ מאַ־טער". ער האָט קוים געקענט זען, אַז דאָרט וואו עס איז געווען די ישיבה, וואו ער האָט געלערנט, איז געוואָרן אַ טאַבאַק־פאַבריק און ער האָט אָנגע־שריבן אַ נעקראָלאָג אויף דער ישיבה און ער האָט עובר געווען אויף זיין לינ־קער אידעאָלאָגיע און ער האָט זיין גייסטיקע היים באַווייינט... אין קעשענעוו האָט ער זיך געטראָפן מיטן דעמלט נאָך יונגיטשקן ב. טוטשינסקי, וואָס איז

נאָך געווען אַ גימנאַזיסט און האָט געקוואָקעט צו ווערן אַ קריטיקער און איז געווען קאַפּריזנע ווי אַ מיידל. ער איז געווען אַ פּועלי ציון און ער האָט גע־האַלטן אין ווערן אַ בונדיסט און ער האָט שוין דעמלט גענוצט אַזעלכע אויס־דרוקן ווי „דער עם הארצישער בעל דימיון און דער פלאַכער דר. חיים זשיט־לאָווסקי...״ די ערשטע לעקציע האָט יאַנקל גנדאַרפט האַלטן אין אַ שטאָט, וואָס הייסט אָרהיעוו און וואָס האָט געהאַט אַ מין שם ווי כעלם. מען האָט געזאָגט „אָרהיעווער משוגעים״ און מען האָט געזאָגט, אַז אין אָרהיעוו פּראַ־וועט מען שטענדיק סעודות און מען דאַרף אַהין פאָרן מיט אַ לעפל. פּאָלקלאָ־ריסטיש האָט קיינער נישט אויסגעפאָרשט דעם שורש פון אָרהיעוו. געווען איז עס אַ מיטעלע שטאָט ווי אַ סך אַנדערע בעסאַראַבישע שטעט און זי האָט געהאַט אַ היפּשע סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ, וואָס איז געווען זייער פּרע־טענציעז. געזאָגט האָט מען, אַז אַלע רעדנער פאַלן דורך אין אָרהיעוו און אַפילו זשאַבאָטינסקי איז דאָרט דורכגעפאַלן. יאַנקל איז אַהין געפאָרן נישט מיט קיין גרינג האַרץ און ער האָט טאַקע קיין גרויסן דערפאָלג נישט געהאַט מיט זיינע דריי לעקציעס. מען האָט געזאָגט, אַז ער האָט „גערעדט טויזנט מאָל בעסער ווי זשאַבאָטינסקי, אָבער נישט גוט...״ די דערלויבעניש אויף די לעק־ציעס האָט מען אין אָרהיעוו געקראָגן לייכטער ווי אין אַנדערע בעסאַראַבישע שטעט, ווייל דאָרט איז געשטאַנען אַ מיליטערישער גאַרניזאָן, וואָס האָט גע־האַט אָפיצירן, וועלכע האָבן געוואָלט טאַנצן און די פרויען און מיידלעך האָבן געזאָגט, אַז אויב מען וועט נישט דערלויבן קיין לעקציעס אין יידיש און אין רוסיש, וועלן זיי נישט קומען טאַנצן...

אין אָרהיעוו האָט אונזער העלד זיך ווידער פאַרליבט, אַזוי ווי אין די אַלטע, גוטע יאָרן. די גאַנצע שטאָט איז געווען עפּעס פול מיט עראָטיק. עס האָט דאָרט געפירט אַ ליבע אַפילו די רביצן. יעדער שמועס האָט זיך אָנגע־הויבן און געענדיקט מיט ליבע. און יאַנקל איז איינגעשטאַנען ביי אַן אַד־וואָקאַט, וואָס זיין פרוי איז שוין אַלט געווען אַריבער פופציק און זי האָט זיך געהאַלטן פאַר דער „באָבע פון דער בעסאַראַבער רעוואָלוציע״ און זי האָט פון דעסט וועגן נישט אויפגעהערט צו חלומען פון ליבע. דער דאָזיקער אַד־וואָקאַט האָט געהאַט אַ בת יחידה, וואָס האָט געהייסן מאַרוסיאַ. זי איז געווען אַ פרוי פון אַ יאָר אַכט און צוואַנציק און האָט שוין געהאַט אַ זון פון אַ יאָר זעקס. זי איז געווען העל און האָט געהאַט מילדע טויבן אויגן און זי איז געווען אי ווייבלעך, אי קינדיש. זי איז געבליבן מיט דעם אומשולדיקן אויסזען, כאָטש זי איז געווען אַ מאַמע. זי האָט אויסגעזען ווי אַ הייליקע, כאָטש זי האָט דערציילט וועגן שטורמישע ליבעס; מיט איר מאַן האָט זי געלעבט שלעכט. ער איז געווען אַן אַפּטייקער און אַ נאַיווער מענטש. ער איז דעמלט נישט גע־ווען אין דער היים און זי האָט געקענט ריידן וועגן אים אָפן. זי האָט געזאָגט, אַז זי איז אים דאַנקבאַר. ער האָט דערוועקט אין איר די פרוי און ער האָט

זי ליב ווי קיינער נישט אין דער וועלט. ער האָט איר מוחל געווען זאַכן, וואָס נאָר דער פאַרליבטסטער מאַן קען מוחל זיין... און דערפאַר איז זי אים גרייט ליב צו האָבן נישט ליב האָבנדיק אים... יאַנקל איז פשוט משוגע געוואָרן נאָך מארוסיאַן, וואָס איז געווען אַ געצערטלטע גבירישע בת יחידה און זי האָט געוואוינט אין אַ צימערל, וואָס דער פאָטער האָט ספּעציעל פאַר איר אויפ־געבויעט און וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ זוניקע נעסט. ער האָט פּלוצים אָנגעהויבן שרייבן לידער. די אַלע עטלעכע נעכט, וואָס ער האָט געוואוינט ביי מארוסיאַס עלטערן, איז ער נישט געשלאָפן און דאָס ערשטע ליד, וואָס ער האָט אָנגעשריבן געדענקט ער ביז איצטער. אָט ווי עס לייענט זיך:

א גוטמאָרגן, פייגל, פייגל, פלינגל־שוואַרץ,
איר טשיריקערט
און פאַרשיכורט
מיט אַ סם־געפיל אַ האַרץ.
אייער נאַכט האָט זיך געגאַכטעט ווי אַ קינד,
פול מיט ליבע,
ריין פון זינד,
מיינע אַ פאַרקערטע,
אַ פאַרעלטערטע פאַרטרערטע,
פול מיט זינדיקע געדאַנקען
אין אַ גוף אַ הייסן קראַנקען...
אייערע לעבנס וועלן לעבן,
מיינע — אינעם אָפּגרונט שוועבן,
א גוטמאָרגן, פייגל, פייגל, פלינגל־שוואַרץ...

יאַנקל האָט געדאַרפט באַלד אוועקפאָרן אין אַ צווייטער שטאָט און ער האָט געפילט, אַז ער קען נישט. צום גליק איז פון טשערנאָוויץ נישט אָנגע־קומען קיין בריוו און ער האָט געקענט בלייבן נאָך אַ פּאָר טעג. דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איין בריוו איז פאַרפאַלן געוואָרן און דורך אַ טעלעגראַמע האָט מען אים מודיע געווען, אַז ער האָט פאַרשפּעטיקט צו אַ לעקציע. שפּע־טער האָט מען אים פאַרגעוואָרפן, אַז צוליב אַ ליבע האָט ער פאַרשפּעטיקט צו אַ לעקציע און ער איז שיעור נישט געקומען צו אַ געזעלשאַפטלעכן מישפּט... ער האָט דעם טור פאַרענדיקט מיט דערפאָלג און ער איז געווען אין מערער בעסאַראַבישע שטעט און אויך אין זיין פעטער מאירס שטאָט אַקערמאַן, וואו ער האָט זיך ווידער געטראָפן מיט זיין שוועסטערקינד ציפּע, וואָס איז שוין געווען חתונה געהאַט און האָט שוין געהאַט אַ קינד און ער האָט זיך דערפון געפילט טרויעריק, כאָטש טראַכטן האָט ער נישט אויפגעהערט פון מארוסיאַן.

ער איז אויך געווען אין שטעטל רעזינע, וואָס האָט זיך געפונען ביי דער סאָוועטישער גרעניץ און עס האָט געפעלט אַ קלייניקייט, אַז ער זאָל אַריבער די גרעניץ, אָבער — מען האָט דערזען און ער האָט זיך קוים געראַטעוועט. ווען ער איז צוריק געקומען פון טור, איז פאָרגעקומען די דריטע שפּראַך־קאָנפערענץ און ווען ער האָט קריטיקירט גילישענסקיס טעטיקייט, האָט יענער אים פאָרגעוואָרפן זיין פאַרשפּעטיקן אין אָרהיעוו און שפּעטער מיט יאָרן האָט זיינער אַ קעגנער געשריבן, אַז ער האָט „זיך פאַרשיכורט מיט אַ נקבה און ער איז נישט נאָכגעקומען זיין פליכט". ביי אים איז דאָס געווען די הייליקסטע ליבע פון זיין ביז דעמלטיק גאַנץ לעבן.

די דריטע שפּראַך־קאָנפערענץ האָט געהאַט מער פאַרטיי־רייבונגען ווי פּאַטאָס און ס'האָט געפעלט אַ קלייניקייט, אַז ס'זאָל קומען צו אַ שפּאַלטונג. שטערנבערג האָט זיך געפונען אין לאַגער פון די אידסעקן און ער האָט טיילווייז געהאַלטן מיט די לינקע פּועלי ציון, אליעזר שטיינבאַרג האָט געשוועבט איבער אַלע און ער האָט דאָך אַרויסגעוויזן זיין נויגונג צו לינקע. ער האָט אָבער געזאָגט: זאָלן די קאָמוניסטן מאַכן די סאָציאַלע רעוואָלוציע, די קולטור זאָלן זיי לאָזן פאַר אונז. די פּאַטעטישע פיגור פון דער דאָזיקער קאָנפערענץ איז געווען דער דאָזיקער קינדישער גאון, דער פּאַבוליסט, זיין שלום־רעדע האָט אַריינגעבראַכט די דאָזיקע פייערלעכקייט, וואָס האָט די גאַנצע צייט געפעלט. פאָרזיצער פון יענער קאָנפערענץ איז געווען דר. פרידמאַן, וואָס איז געווען אַ כמעט בונדיסט, אַ שיינער מאַן מיט אַ ווייסן קאָפּ און לויטער פּנים, זיין הדרת־פּנים האָט אימפּאָנירט, אָבער ער איז געווען זייער אָרים אין שפּראַך און שטומפּיק אויף דער עברי. ער האָט שווער באַהערשט דעם עולם. און אליעזר שטיינבאַרג האָט געווירקט ממש כישופדיק. און ווען ער האָט מיטן קליינעם הענטל געצויגן אַ פּאַס האָר פון גרויסן און שיטער־באַדעקטן קאָפּ און ער האָט אַ זאָג געטאָן: „פּרץ איז מיט אונז, איך זע אים!" איז אַ ציטער אַריבער איבער אַלעמענס לייבער און אַ סך האָבן געגלויבט, אַז זיי זעען אים טאַקע. אליעזר שטיינבאַרג האָט דעמלט געהאַט נישט נאָר זיין אייגענעם כוח, נאָר דער כוח פון דעם גלויבן, וואָס אַ סך האָבן געהאַט אין אים... ער איז דערנאָך שוין געקומען אַ באַנקעט מיט טאָסטן, מיט איבערבעטעכצן און מיט אונזער העלדס אַ פּאַראָדיע. דער טאַטער־מענטש האָט אין אים דערוואַכט און ער האָט אימיטירט דעם עולם און ער האָט מיט הומאָר געהאָלפן אַריינברענגען שלום־שטימונג.

צוליב מאַרוסיאַן האָט יאַנקל פּאַרלאָזט טשערנאָוויץ און ער האָט זיך איבערגעצויגן קיין קעשענעוו, וואו ער איז געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין דער טעגלעכער צייטונג „אונזער צייט", וואָס איז געווען ציוניסטיש און אין וועלכער עס האָט אויך מיטגעאַרבעט דער בונדיסט שייקעוויטש — שמרם אַ פלימעניק. ער האָט דעמלט כמעט געהערט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי

און ער האָט געקראָגן אַ דערלויבעניש צו אַרבעטן אין דער ציוניסטישער צייַ־טונג און ער איז געווען טעטיק אין קלאַנדעסטינע גרופּן און פון צייט צו צייט געהאַלטן רעפעראַטן אויך אין רוסיש. איינער פון די הויפּט־מיטאַרבעטער אין יענער צייטונג איז געווען דער אַלגעמיינער ציוניסט מיכל לאַנדוי, וואָס האָט געשטאַמט פון אַלטרומעניע און ער איז אין אַ געוויסער מאָס געווען יאַנקלס אַ תלמיד אין ציוניזם. שפּעטער איז מיכל לאַנדוי געוואָרן דעפּוטאַט אין בוקאַרעשט. דער סטאַר פון דער צייטונג איז געווען ישראל וויינשטיין, וואָס האָט געשריבן מאָדערניסטישע פּעליעטאָנען און יאַנקל האָט דעם אַלטמאָ־דישן שרייבער היפּש פאַרקאַנקורירט.

די לייענער האָבן זיך צעטיילט אויף צוויי לאַגערס — די אַלטמאָדישע האָבן געהאַלטן פון וויינשטיין און די מאָדערנע — פון אונזער העלד, וואָס האָט זיינע פעליעטאָנען אונטערגעשריבן מיטן פּסעוודאָנים יאַשאַ גיבאַלעס. עס האָט דעמלט געהערשט אַ שטרענגע צענזור און צענזאָר פאַר יידיש איז געווען אַ געוועזענער צעירי ציוניסט, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטן פאַר אַן אָנהענגער פון זיין פּאַרטיי, וועלכע האָט אים אויסגעשלאָסן טאָקע דערפאַר, וואָס ער איז געוואָרן רומענישער צענזאָר. זיינע וויזיט־קאַרטלעך זיינען גע־ווען אויף העברעאיש און ער האָט זיך גערופן אין זיי „המבקר העברי". קיין גרויסער חכם איז ער נישט געווען און יאַנקל האָט אים אַ סך מאָל אַריבער־געכיטרעוועט, ביז איין מאָל האָבן זיך אַנדערע געכאַפּט, אַז דאָס יידישע בלאַט שרייבט, וואָס מען טאָר נישט און מען האָט דעם צענזאָר אָפּגעזאָגט פון זיין אַמט און דאָס בלאַט האָט מען אָפּגעשטעלט אויף צוויי וואָכן. דער פּרעמיער בראַטיאַנו איז דעמלט געווען צו גאַסט אין קעשענעוו און מ'האָט אים געמאַכט גוט־באַצאָלטע מאַניפעסטאַציעס. פריער מיט אַ פּאָר וואָכן איז אין רומענישן פּאַרלאַמענט אָנגעגאַנגען אַ דיסקוסיע וועגן דעם, צי מען זאָל איינפירן אין דער קאָנסטיטוציע טויט־שטראָף. די אָפּאָזיציע איז געווען קעגן, בראַטיאַנו איז געווען פאַר. יאַנקל האָט געשריבן:

> „איך בין געווען אויף דער מאַניפעסטאַציע פאַרן פּרעמיער;
> איך האָב צוזאַמען מיט אַנדערע געשריגן: „זאָל לעבן בראַטיאַנו!"
> אָבער נאָר דערפאַר, ווייל איך בין קעגן טויט־שטראָף.
> בראַטיאַנו, וואָס איז פאַר טויט־שטראָף,
> וואָלט נישט געטאָרט שרייען „זאָלן לעבן בראַטיאַנו"

דער צענזאָר האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז דער פּעליעטאָניסט האָט גע־זאָגט, אַז בראַטיאַנו איז באַגאַנגען אַזעלכע מעשים פאַר וועלכע עס וואָלט געקומען טויט־שטראָף, ווען אַזאַ שטראָף וואָלט געווען אין דער קאָנסטיטוציע...
נישט לאַנג האָט אונזער העלד אונטערגעשריבן „יאַשאַ גיבאַלעס"; לייע־

נער האָבן אים געשריבן, אַז אין אַ יידישער צייטונג דאַרף מען זיך רופן מיט אַ יידישן נאָמען און ער האָט אָנגעהויבן אונטערשרייבן „יאַנקעלע גיבאַלעס". טאַטע־מאַמע האָבן אים גערופן „יאַנקל", די מיידלעך — „יאַשאַ", האָבן דאָס מאָל געזיגט טאַטע־מאַמע...

די רומענישע מאַכט האָט אַלץ מער און מער דערקוטשעט די יידישע שולן ביז זי איז אין זיי אַריינגעקראָכן מיט אַלץ מער און מער רומעניש, ביז זי האָט זיי אין גאַנצן געוואָלט רומעניזירן. די העברעאישע שולן האָט די רע־גירונג פריער וויניקער דערקוטשעט, אָבער ווען זי האָט שוין כמעט געהאַט פאַרענדיקט מיט די יידישע שולן, האָט זי זיך אַ נעם געטאָן צו די העברע־אישע. אַ דעלעגאַציע פון יידישע לערער און שול־טוער איז געפאָרן קיין בו־קאַרעשט צום בילדונג־מיניסטער, וואָס האָט געהייסן דר. אַנגעלעסקו. ווען די דעלעגאַציע איז געקומען צום בילדונג־מיניסטער, האָט זי דאָרט געטראָפן דעם מיניסטער פאַר בעסאַראַביע, דעם געוועזענעם ס"ר דר. אינקולעץ, וואָס איז געווען אַ פאַררעטער און האָט אומגעבראַכט זיינע אידעאישע חברים, וואָס זיינען אויך געווען זיינע פערזענלעכע פריינט. אינקולעץ האָט דווקא גע־רעדט רוסיש צו דער דעלעגאַציע און יאַנקל האָט זיך דער ערשטער אויסגע־דרייט מיטן רוקן צו אים; אַלע האָבן נאָכגעטאָן.

יאַנקל האָט צוריק מיט אַ צוויי יאָר געהאַט אַ צוזאַמענשטויס מיט יענעם פאַררעטער. אַ יידישע סטודענטקע פון בעסאַראַביע, זיינע אַ באַקאַנטע, האָט געמוזט אַהיימפאָרן אַ קראַנקע און אונזער העלד האָט זי באַגלייט צום וואָק־זאַל. דער צוג איז געווען איבערפילט; אינקולעץ איז געפאָרן איינער אַליין אין אַ וואַגאָן, איז יאַנקל צו אים צוגעגאַנגען און גערעדט רוסיש און געבעטן אַ פּלאַץ פאַר דער קראַנקער. דער מיניסטער האָט געענטפערט: „איך קען נישט קיין רוסיש". יאַנקל האָט אים געענטפערט אויף רומעניש: „און מענטשלעך זיין צו אַ קראַנק מיידל קענט איר אויך נישט?" דער ענטפער איז געווען אַ לאַקאָנישער: „גייט אוועק, אַנישט וועל איך אייך הייסן אַרעסטירן". איצטער האָט אינקולעץ געקענט רוסיש... די דעלעגאַציע האָט דערקלערט, אַז זי וועט נישט ריידן אין דער אָנוועזנהייט פון בעסאַראַבישן מיניסטער און יענער האָט זיך געמוזט צוריקציען מיט בושה..

די דעלעגאַציע האָט גאָרנישט געפועלט. דער מיניסטער האָט געהאַט אַ טעמפּ אויסזען און ער האָט עס געמאַכט נאָך טעמפּער. ביים אַוועקגיין האָט אונזער העלד פּאַראַפראַזירט אַ וואָרט פון אַ פּוילישן דיכטער און ער האָט געזאָגט: „אונזערע קינדער וועלן לערנען אויף רומעניש און שעלטן וועלן זיי דעם הער מיניסטער אויף יידיש". דער בילדונג־מיניסטער האָט געסטאַרטשעט מיט זיינע נישט־קלוגע אויגן.

יאַנקל איז צוריקגעפאָרן קיין קעשענעוו; אויך מאַרוסיאַ איז גיך געקומען קיין קעשענעוו, ווייל זי איז געווען קראַנק און זי האָט זיך געדאַרפט קורירן. זי

איז אַריין אין אַ שפּיטאָל און יאַנקל פּלעג זיך גאַנצע נעכט אַרומדרייען אַרום איר פענסטער און ער האָט איר אין משך פון אַ חודש געשיקט בלומען, וואָס האָבן באַטראָפן מער ווי זיין גאַנץ געהאַלט... מאַרוסיאַ איז געווען קראַנק ווייבעריש און זי האָט גערעדט וועגן דעם ווי שוער ס׳איז צו זיין אַ פרוי און זי האָט אים אַלץ אויסגעזען ווי די אומשולד אַליין; ער האָט דעמאָלט אָנגע־שריבן אַ ליד:

אין אַ צימער פול מיט רו
ליגסט אַ ווייסע ווי אַ קינד,
ליגסט אַ קראַנקע דו —
נישט פאַר מיינע זינד.
מיט אַ ציטער
איז דיין ריטער
צו דיין פענצטער שטיל געקומען
און געבראַכט דיר בלומען
און אַ גרוס דיר אויך געבראַכט
פון אַ ווילדן וואַלד — אַ נאַכט,
וואָס געצויגן זיך אָן סוף,
אָן אַ טראָפּן רו און שלאָף...

עס זיינען דעמאָלט אַלע מאָל געקומען יידישע טרופּעס קיין קעשענעוו. ס׳איז געקומען פישזאָנס אַ זייער גוטע טרופּע, וואָס האָט געבראַכט גאַנץ אינטערעסאַנטע פאָרשטעלונגען פון אַלע מינים, עס איז געקומען מאַלי פּי־קאָן, וואָס האָט געבראַכט איר אייגנאַרטיקן חן און יאַנקל האָט זיך מיט די אַלע קוים פאַראינטערעסירט און אַלץ האָט זיך געדרייט נאָר אַרום מאַרו־סיאַן. איר האָט ער געווידמעט זיינע אַלע לירישע פעליעטאָנען און זיינע „בריוו פון קעשענעוו”, וואָס די בוענאָס איירעסער צייטונג „די פּרעסע”, מיט וועלכער ער האָט שפּעטער פאַרבונדן זיין לעבן, האָט איבערגעדרוקט צו זיין גרויסער פרייד. ער האָט איר אויך געווידמעט זיינע בעסאַראַבישע דערציי־לונגען, וואָס אַ פּאָר פון זיי האָט איבערגעדרוקט די בוענאָס איירעסעס „אי־דישע צייטונג”, וואָס האָט אים שפּעטער מוראַדיק באַקעמפט... און ווען מאַ־רוסיאַ איז אַוועקגעפאָרן, איז אים געוואָרן פינצטער און וויסט און ער האָט אָנגעהויבן שרייבן זיין דראַמע „ר׳בער”, אין וועלכער ער האָט אריינגעבראַכט זיין גאַנצע ליבע צו דער דאָזיקער פרוי, וואָס איז שוין געווען די העלדין פון עטלעכע ראָמאַנען און אייניקע פון זיי קאָשמאַרע און זי איז דאָך געבליבן ריין. זי האָט אים געשענקט איר בילד און זי האָט זיך אונטערגעשריבן: „מע־רי מירעלע — אַביסל שלום אַשם און אַביסל בערגעלסאָנס”... ער אַליין האָט

דעמלט אויך אויסגעזען ווי בערגלסאַנס אַ העלד; ער איז וואַכן־לאַנג אַרומ־געגאַנגען איבער קעשענעוו ווי איבער אַ בית עולם, וואו עס ליגן שטיקער פון אייגענעם לעבן. די באַגעגענישן מיט די פרומע יידן, וואָס זיינען אים אַמאָל געווען נאָענט, האָבן אים אָנגעפילט מיט טרויער. די אַמאָליקע נאָענטע זיינען האָבן אויף אים געקוקט ווי אויף אַן אַפּטריניקן און זיי האָבן געגלויבט, אַז ער וועט זיך נאָך אומקערן אויף דעם דרך הישר.

ער האָט זיך דערוואוסט, אַז לייבעלע, אלי קיליערס שוואָגער, איז גע־שטאָרבן און ער האָט אַוועקגענומען די האַנט פון הארצן און ער איז געגאַנגען צו דער לוויה. אים האָט זיך געדאַכט, אַז מען קוקט אויף אים, ווי אויף אַ שפּין. אלי קיליער האָט אים געמאַכט אַן איידלען פאָרוואורף וועגן דעם, וואָס ער איז נישט געקומען אין פריידן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דער מת אליין זאָגט אים מיט זיינע לאַכנדיקע אונטערגעשניטענע וואָנציעס: „גיי, ביזט אַ פּוילישער...” אַן אייניקל האָט געזאָגט ווייַנענדיק: „דער זיידע איז אַוועקגע־פאָרן קיין אַמעריקע” און יאַנקל האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָס וואָרט „גע־שטאָרבן” האָט מען פאַר אים נישט געטאָרט זאָגן, מען האָט געמוזט זאָגן: „אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע”. ער איז געווען אַ טיפּישער בעסאַראַבישער ייד, פאַר וועלכן לעבן איז געווען איינס מיט בעסאַראַביע... ער האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען אין בעסאַראַביע וועט נישט בלייבן קיין איין לעבעדיקער ייד.

יאַנקל איז מיטגעשלעפּט געוואָרן אויף דעם בית עולם. אלי קיליער האָט אים נישט אָפּגעלאָזט און האָט אים געהאַלטן לעבן זיך ווי אַ געפונענעם זון. ביים צוריקפאָרן פון בית עולם האָט אים אלי גענומען צו זיך אין דראָשקע אַריין און ער האָט אים געזאָגט: „זעסט דאָך כי זה הוא... אַז דאָס איז דער סוף! איז וואוהין זשע לויפסטו? קום צוריק צו אונז... קום עסן שבת, קום זינגען אַ ניגון, קום הערן אַ מעשה... קום לעבן... איר דאַרט לעבט דאָך נישט. איר זינדיקט דאָך נאָר...” דאָס דאַזיקע, וואָס דער טאַטע זיינער האָט אים כסדר געזאָגט שטום, האָט אים דער לעגענדאַרער מכניס אורח געזאָגט מיטן פולן מויל און מיט טרערן אין די אויגן. אַזאַ האַרטער ייד געווען פון דרויסן און ער האָט געהאַט טרערן אין די אויגן.

נאָך מאַרוסיאַס אָפּפאָרן האָט זיך יאַנקל באַטייליקט אין אַ געהיימער קאָמוניסטישער קאָנפערענץ אין בוקאַרעשט. עס האָט זיך אין יענער קאָנפע־רענץ אויך באַטייליקט מאַרטשעל פּאַוקער, אַ יונגערמאַן מיט אַ גרויסער שוואַרצער באָרד; ער איז געווען אַ נאַיווער און אַ האַרציקער, אַסימילירטער ייד. זיין פרוי איז געווען חנה ראַבינזאָן, וואָס האָט זיך שוין דעמלט גערופן אַנאַ פּאַוקער און איז שוין אויך געווען אַ קאָמוניסטקע. יאַנקלען איז נישט געפעלן די שטעלונג פון די טאָן־געבער און פון דער גאַנצער פּאַרטיי צו דער יידישער פראַגע, אים האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז אַן אַסימיליאַטאָרישע.

מען האָט גערעדט וועגן יידיש נאָר ווי וועגן אַ מיטל... אייניקע האָבן געזאָגט, אַז אין אַלט־רומעניע זיינען קיין יידישע שולן נישט נויטיק, מען דאַרף נאָר פירן אויף יידיש די אַרבעט צווישן די דערוואַקסענע.

על דעלעגאַטן זיינען געווען און מען האָט די קאָנפערענץ דאָך פאַרמסרט פאַר פּאָליציי. מאַרטשעל פּאַוקער האָט געביסן די באָרד... עלף אייגענע מענטשן און איינער איך דאָך אַ מסור! דער חשד איז געפאַלן אויף אַן אונגאַר פון טראַנסילוואַניע און ער איז באַרעכטיקט געוואָרן... יאַנקל איז אוועקגעפאָרן אַ צווייפאַך אַנטוישטער. ער איז אַנטוישט געוואָרן אין דער גלייכגילטיקער באַציונג צו דער פראַגע וועגן יידישן פאָלק און ער איז אַנ־טוישט געוואָרן אין דער פּערזענלעכער באַציונג פון חבר צו חבר, וואָס איז געווען פול מיט פאַרדאַכט; און ער האָט זייט דעמלט מער קיינמאָל נישט געהאַט קיין שום קאָנטאַקט מיט דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. ער האָט דער־פילט, אַז ער איז נישט געבוירן צו זיין אַ פּאַרטיי־מענטש. ער איז צוריקגע־פאָרן קיין קעשענעוו און געשריבן אַלע טאָג בריוו צו מאַרוסיאַן קיין אָרהייעוו און ס'איז אים געווען גוט ביז צו וועלן שטאַרבן און ער האָט זיך אומגעדרייט אַן איינזאַמער אויף דער וועלט און ער האָט נישט געוואוסט, צי ער האָט זיך פאַרלוירן, צי געפונען... געטרייסט האָט ער זיך מיטן יידישן לשון, וואָס איז אַלץ מער און מער געוואָרן דער תוך פון זיין לעבן און דער הויפּט־ציל פון זיינע האַפנונגען.

☆

קאפיטל פופצן

קיין ארגענטינע.

די ווינער „פרייע יידישע פאלקס־בינע" איז געקומען קיין קעשענעוו; די דאזיקע טרופע האט געהאט איייניקע גלענצנדיקע שוישפילער פון אלטן און נייעם שניט און זי האט געגיבן אייניקע אויסגעצייכנטע רעאליסטישע פארשטעלונגען. די בעסטע איז געווען דוד פינסקיס „אייזיק שעפטל", וואס האט באגייסטערט דעם ארבעטער־עולם. און די אינטעליגענץ. די דאזיקע טרופע האט איבערגעלעבט א טראגעדיע אין קעשענעוו. דער געהילפס־רעזשיסאר און שוישפילער סטריזאווער איז באגאנגען זעלבסטמארד. ער איז געווען א מאדנע טיפ. ער איז קינדווייז ארופגעפאלן און ער האט זיך צעפלעטשט די נאז און ער האט געליטן פון אן אינפעריאריטעט־קאמפלעקס און אים האט זיך אויסגעוויזן, אז מען לאכט פון אים און ער פלעג פארלויפן דעם וועג און לאכן יעדן אין פנים אריין. ער איז געווען א גאנץ געלערנטער טעאטערמענטש און אויך א טאלאנטירטער שוישפילער, אבער נישט אלע ראליען האט ער געקענט שפילן צוליב זיין נאז. ער איז געווען פארליבט אין דער אקטריסע ליענא גאלצעווא, וואס איז געווען א רוסישע שוישפילערין און איייניקע האבן געזאגט, אז זי איז געווען א געשמדטע. זי האט יעדן פאל שוין געהאט א קריסטלעכן מאן. זי איז געווען א הארציקע פרוי, נישט קיין שיינע, אבער א זייער פיקאנטע און זי האט זיך ליב געהאט צו רייצן מיט א סך מענער. זי איז געווען די געליבטע פון דעם ווינער זשורנאליסט זיגפריד שמיץ, וואס האט זיך פאפולער געמאכט מיט זיין איבערזעצן שלום עליכמען אויף דייטש. סטריזאווער איז פשוט משוגע געווארן פאר אייפערזוכט. ער פלעג וואווינען אין איין האטעל מיט גאלצעווא ־ שמיץ און ער פלעג גאנצע נעכט זיך ארומדרייען ביי זייער טיר, ביז וואנען ער האט זיך סוף כל סוף אויפגעהאנגען. זיגפריד שמיץ איז אוועק קיין ווין, ווייל די געשעפטן זיינען געגאנגען שווידערלעך; די טרופע וואס האט געליטן הונגער, איז געבליבן אן א סעקרעטאר און אן א געהילף־רעזשיסאר; יאנקל האט איבערגעלאזט א גוטן פאסטן אין צייטונג און ער איז אריין אין דער טרופע; די ציגיינערישע יובע האט זיך אין אים צעשפילט; ער האט באלד צעבלאזן ה. לייוויקס „שמאטעס", וואס

איז געוואָרן א שלאָגער און די טרופע, וואָס איז געווען פארשולדיקט און פארזעצט, האָט זיך געקענט ארומצאָלן און ארויספאָרן איבער דער פּראָווינץ.

א היפשע צייט האָט אונזער העלד ארומגעוואַנדערט מיט די „בלאָנדזשענדע שטערן" איבער די בעסאַראַבער שטעט און שטעטלעך און ער האָט איבערגעלעבט מאָמענטן פון גרויסער פרייד און מאָמענטן פון שווערע ליידן און ער האָט דערקענט פון דער נאָענט די שוישפּילער און אויך דערקענט בעסאַראַבער יידן אין דער צייט פון רומענישן יאָך. צווישן די שוישפּילער זיינען געווען זייער אינטערעסאַנטע טיפּן. דר. פּאָול באַראַטאַוו, וואָס איז געווען דער סטאַר, איז געווען איינער פון די אינטערעסאַנטסטע מענטשן אין דער טרופּע. ער איז דעמאָלט געווען א מאַן אין די פופציקער, א הויכער, א שלאַנקער, וואָס האָט נאָך געקענט ווערן שיין אויף דער בינע, אָבער ער האָט קיין מאָל נישט געשלאָגן אויף דער ליבהאָבערישקייט. ער האָט געשפּילט צום בעסטן סצענעס פון שטומען ווייי. ער האָט זיך ביטער געראַנגלט מיט דעם יידישן וואָרט. א ייד פון געבוירן, איז ער דערצויגן געוואָרן ווייט פון יידישן לעבן. ער האָט געענדיקט דעם מעדיצינישן פאַקולטעט און ר'איז קיין דאָקטער נישט געוואָרן, ער איז באַלד געוואָרן א שוישפּילער, פריער אין סטאַניסלאַווסקיס קונסט-טעאַטער און דערנאָך איז ער געוואָרן א פּראָווינציעלער רוסישער סטאַר און איינער פון די באַליבטסטע. נאָך דער רעוואָלוציע איז ער אַנטלאָפן פון רוסלאַנד און אין ווין האָט אים יצחק דייטש איבערגערעדט צו פּרוּוון שפּילן יידיש טעאַטער. ער האָט געהאַט א גרויסן דערפאָלג אין גאָרדינס „פרעמדן", „אומבאַקאַנטן", דימאָווס „שמע ישראל" און פּינסקיס „אייזיק שעפטל". די ווינער דייטשע קריטיק האָט אים באַזונגען אויף די העכסטע כּענער און זי האָט געזאָגט, אַז ער איז אימשטאַנד ארויסצורופן זאַנענטאַלס שאָטן. א גאָר אינטערעסאַנטער טיפּ איז געווען דער רעזשיסאָר פון דער טרופּע יצחק דייטש, וואָס האָט געשטאַמט פון חזנים און ער האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעך זיסע טענאָר-שטימע און איז בלי שום ספק געווען דער געשמאַקסטער זינגער אויף דער יידישער בינע. ער האָט דורכגעמאַכט א שטורמיש לעבן און ער איז געקומען קיין ווין דורך טערקיי, וואו ער האָט זיך געמוזט חברן מיט יידישע גנבים און זינגען פאַר זיי, בכדי צו קענען זיך דורכלעבן. ער איז נישט געווען קיין שיינער, ער האָט געהאַט א קרומע נאָז און קרומע אויגן, אָבער ער האָט צוליב זיין זינגען געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג ביי פרויען. ער איז געווען א געזאַנגס-ליבהאָבער אין אַלטן טעאַטער און ער פלעג נישט ליב האָבן די פּיעסן, וואָס ער האָט געשפּילט און ער האָט פון זיי חוזק געמאַכט און דער עולם האָט געזען ווי ער מאַכט חוזק, אָבער ער האָט דאָס אים מוחל געווען, צוליב דעם זינגען. זיין לעבן איז פול געווען מיט ליבע-אַוואַנטיורעס. זיין שוואַכקייט איז געווען — צונעמען פרויען ביי מענער. אין א פרוי, וואָס האָט קיין מאַן נישט געהאַט, האָט ער זיך נישט

געקענט פארליבן... זיין פרוי, מינטשע דייטש, האט ער געהאט צוגענומען פון א מאן א קצב און זי געמאכט פאר אן אקטריסע און זי איז געווארן איינע פון די בעסטע יידישע מוטער־ראליסטקעס. די באוואוסטע אקטריסע פון רומע־ניע לאהקעלע גראף־וויינטרויב, וואס איז געווען א קליינינקע און האט געהאט א מענלעכן אויסזען און איז אמאל געווען א סטאר צוליב איר חן און צוליב איר שיין זינגען און באציאונג צום יידישן ווארט, האט ער צוגענומען פון איר מאן און געמאכט, אז זי זאל זיך גטן מיט אים און ער אליין האט דאך נישט קיין מוט געהאט צו גטן זיין פרוי און ער האט זיך טראגיקאמיש געדרייט צווי־שן ביידע ווייבער און ארויסגערופן שינאה ביי ביידן און אליין האט ער ליב געהאט ביז משוגעת א דריטע פרוי, וואס איז געווען אין ווין און ער האט זיך דערווייל אונטערוועגס פארליבט אלע מאל אין אן אנדער פרוי. א זייער אינטערעסאנטער עקזעמפליאר איז געווען יונה רייזמאן, וואס איז שוין דעמלט געווען אן אלטער מאן. ער האט געשפילט טעאטער נישט נאר מיט גאלדפא־דענען, נאר אויך מיט די „בראדער זינגער". ער איז געווען פון די בעסטע קאמיקער אויך אין גארדין־רעפערטואר און מען האט געקענט מיינען, אז ער וועט ווייטער נישט גיין, אבער ער האט געהאט דערפאלג אויך אין מאדערנע פיעסן. ער איז אין גאנצן געווען ווי פון קוועקזילבער און ער האט פארמאגט דעם חן פון קינדישקייט און אלטקייט און ער האט געקענט איבערגיין פון קאמיק צו טראגיק מיט דער זעלטנסטער אויפריכטיקייט און ווען מען האט נאך געלאכט, קוקנדיק אויף אים, האט מען שוין געוויינט. און געווען א גאנ־צע ריי יונגע אקטיארן, וואס האבן געשטאמט פון גאליציע און זיי האבן גע־לערנט טעאטער־שפילן ביי די דייטשן. דער געוועזענער סופליאר שימחה נא־טאן איז שוין דעמלט געווען א גלענצנדיקער אקטיאר און ער האט אפט קאנ־קורירט מיט בארעטאוון אין דערפאלג, ווען ער האט נאך יונה רייזמאנס אפ־פארן גענומען שפילן די קאמיקער. די יונגע אקטריסע ליענא גאלצעווא האט זיך אויך געראנגלט מיט דעם יידישן ווארט, אבער זי איז געווען יינגער פון בארעטאוון און זי האט זיך באוויזן אריינצולעבן אין יידיש. זי איז געווען א טיפ, וואס האט הנאה געהאט פון רייצן און פארשאפן ערגערניש. זי האט געהאט א שראם אויף דער נאז, וואס איז איר געבליבן פון א הינטל, וואס האט איר א ביס געטאן, ווייל זי האט עס גערייצט. זי איז געווען אביסל אן איזאלירטע אין דער טרופע ווייל זי איז געווען אן אנדער טיפ מענטש. בא־ראטאוו האט געהאט א פריינדין — די אקטריסע דאלי מארקאווא, וואס איז אויך געווען א רוסיש־רעדנדיקע, אבער זי האט אויך געקענט גוט יידיש. די גאלצעווא האט שטאלצירט מיט דעם, וואס א מאן איז צוליב איר באגאנגען זעלבסטמארד און אט די איבערלעבעניש האט איר אויך געהאלפן צו דער קא־ריערע; זי פלעג פריער שפילן פאלש און קאלט די דראמאטישע מאמענטן און

נאָכן זעלבסטמאָרד פון סטריזשאָווערן, האָט מען זי נישט דערקענט. עס האָט געיאָמערט פון איר, ווי פון קינען...

די רומענישע מאַכט האָט באַהאַנדלט בעסאַראַביע אַזוי ווי אַ קאָלאָניע, צו וועלכער מען האָט נישט קיין צוטרוי, זי האָט אין יעדן בעסאַראַבער געזען אַ באָלשעוויק. די רומענישע אָפיצירן פלעגן זיך אויפפירן ווי פשוטע מערדער און זיי האָבן אַ סך מאָל אַרויסגעוואָרפן פּאַסאַזשירן פון די באַנען אין געלויף. די מלוכה־אָנגעשטעלטע האָבן נישט געזוכט עפּעס אַנדערש ווי נאָר באַקשיש און זיי זיינען געווען גרייט צו פאַרקויפן דעם טאַטן מיט דער מאַמען מיט דער גאַנצער מלוכה פאַר געלט; פאַרבאָטן די פאָרשטעלונגען אין יידיש האָבן זיי נישט געקענט, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט פאַר אַ געוויסן סאַבאָטאַזש מיצד דער יידישער באַפעלקערונג, אָבער שיקאַנעס האָבן זיי געמאַכט. זיי האָבן פאַרלאַנגט דורכוים, אַז די פאָרשטעלונגען זאָלן אָנהויבן פונקט ניין אַזייגער, כאָטש זיי האָבן געוואוסט, אַז דער עולם קען נישט באַוויזן צו קומען צו אָט דער צייט. דערביי האָבן זיי נישט געשטעלט קיין מוז, ווען צו ענדיקן די פאָרשטעלונג. עס איז געווען סתם אַ רישעות. ווען די פאָרשטעלונג האָט אָנגעהויבן, האָבן זיי דעם עולם נישט אַריינגעלאָזט ביז ענדע אַקט. מען האָט געזען, אַז זיין טוען דאָס, ווייל זיי ווילן ווייזן, אַז זיי זיינען באַלעבאַטים און זיי קענען פייניקן... די טרופּע האָט איינגעפירט „פּראָלאָגן" צו יעדער פּיעסע און די „פּראָלאָגן" זיינען געווען יאַנקלס רעדעס. אייניקע פון די רומענישע מלוכה־אָנגעשטעלטע פלעגן אַזוי צושטיין צו די יינגערע פרויען פון דער טרופּע, אַז ס'איז ממש געקומען צו געשלעגן. איין מאָל האָט אַן אָפיציר געוואָלט אַרויסוואַרפן אונזער העלד פון גייענדיקן צוג און אַלע פרויען פון וואַגאָן זיינען געוואָרן היסטעריש און זיי האָבן אויפגעהויב אַ ליאַרם ביז אין הימל אַריין. דעם אָפיציר איז דערנאָך איבערגעגאַנגען די רישעות און ער האָט זיך געבעטן אַנטשולדיקונג. עס איז געווען נישט גרינג צו אַרומפאָרן. די פאַרדינסטן זיינען אויך געווען קליינע. די טרופּע האָט געהאַט אַ גרויסן נאָמען און מען האָט זי אין אַ סך שטעטלעך אויפגענומען מיט מוזיק, אָבער באַלד נאָך דער ערשטער פאָרשטעלונג האָט דער באַזוך אָנגעהויבן שיטער צו ווערן, ווייל מען האָט נישט געזונגען און נישט געטאַנצט... פּאָול באַראַטאָוו האָט גענומען פּופּצן פּראָצענט פון ברוטאָ און ער האָט ביי די ערגסטע געשעפטן פאַרדינט. יצחק דייטש, וואָס האָט געגרינדעט די טרופּע און האָט רעזשיסירט, האָט נישט פאַרדינט קיין סך מער ווי אַ געווינלעכער אַקטיאָר און ער האָט דווקא געוואָלט צוריקפאָרן קיין ווין, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז דאָרט זיינען קיין שום שאַנסן נישט פאַראַן. אָט ווי שווער עס איז געווען אין בעסאַראַביע, האָט דאָס לעבן פון די אַקטיאָרן געהאַט אַ זין און עס האָט נישט געפעלט קיין פרייד. דאָך האָט יצחק דייטש געהאַט אַ ווילדן כוח און ער האָט באַוויזן די מערהייט פון דער טרופּע צו פאָרן צוריק

און באַראַטאָוו איז אַוועקגעפאָרן מיט עטלעכע מענטשן קיין בוקאַרעשט. דייטש האָט אויסגעבויעט די דאָזיקע ווערטפולע טרופע און ער האָט זי צעשטערט. יאַנקל איז נישט צוגעשטאַנען צו קיין שום צד און ער איז סתם געפאָרן קיין בוקאַרעשט זוכן עפעס אַ נייעם אָנהויב.

אין דער הויפטשטאָט האָט מען געפילט די רעאַקציע; די מערהייט פון די סאָציאַליסטישע פירער איז געווען אַרעסטירט און עס האָט זיך געגרייט אַ גרויסער פּראָצעס. אינערן מיניסטער איז געווען דער ציניקער אַרדזשעאָטאָיאַנו און ער האָט אין פּאַרלאַמענט געזאָגט אויף אַ קול צו אַ דעפּוטאַט „קוש מיך אין ת..." יאַנקל איז אָנגעקומען פונקט, ווען ניקאָלאַי יאָרגאַ האָט צוגויפגענומען די דעפּוטאַטן פון דער אָפּאָזיציע און ער איז געגאַנגען מיט זיי צום קעניג זיך באַקלאָגן אויף דעם אינערן מיניסטערס גראָבקייט און ער האָט אויף דעם וועג דערציילט יעדן איינעם, וואָס דער אינערן מיניסטער האָט געזאָגט. די אָפּאָזיציע־דעפּוטאַטן האָבן אויסגעזען ווי חדר יינגלעך, וואָס גייען זיך קלאָגן צום רבין און נאַרישער פון אַלע האָט אויסגעזען דער קלוגער יאָרגאַ מיט דער גרויסער באָרד און מיט דער קרומער פּלייצע. ביים אָנקומען קיין בוקאַרעשט האָט יאַנקל איבערגעלייענט אין די רומענישע צייטונגען, אַז דר. קאַרניאָל איז דערהרגעט געוואָרן ביי זיך אין שטוב. אַ פרוי האָט זיך אַריינגעגנבעט צו אים אין צימער און זי האָט אים דערשאָסן. ער האָט נאָך געלעבט אַ פּאָר שעה, אָבער די דאָקטוירים האָבן אים פאַרבאָטן צו ריידן. אַזוי האָבן דערציילט די צייטונגען. דער דינסט האָט ער געזאָגט: „אַ שלאַנקע פרוי, טונקל געקליידעט האָט מיך דערשאָסן". יאַנקל איז געווען זיכער, אַז די דאָקטוירים האָבן אים פאַרבאָטן צו ריידן, ביכדי ער זאָל נישט אויסגיבן דעם נאָמען פון דער מערדערין, כאָטש ער איז געווען זיכער, אַז ער וואָלט סיי ווי נישט געווען אויסגעגיבן. דר. קאַרניאָל האָט געהאַלטן דריי טעג פאַר זיין חתונה און די פרוי פון זיין פּראָפעסאָר, די שוועסטער פון בראַטיאַנו, וואָס איז געווען פאַרליבט אין אים, האָט אים דערמאָרדעט אויס אייפערזוכט... איין צייטונג האָט געזאָגט, אַז זי וועט דערציילן ווער דער מערדער איז, אָבער זי האָט נישט דערציילט. אין דעם זעלביקן פאַרנאַכט האָט מען אונזער העלד העפלעך איינגעלאַדן צום דירעקטאָר פון דער געהיים־פּאָליציי און יענער האָט אים „פריינטלעך" געראָטן נישט צו ריידן גאָרנישט וועגן קאַרניאָל־מאָרד... עס איז איבערהויפּט געווען אַ צייט פון שווייגן.

שטערנבערג האָט אויפגעגיבן אַ פּלאַן פאַר אַ טור איבער דער פּראָווינץ; עס זאָלן אַרויספאָרן ער אַליין, שטיינבאַרג, יאַנקל און גאַלאַקטיאָן. די דריי יידישע שרייבער וועלן לייענען פון זייערע ווערק און גאַלאַקטיאָן וועט ריידן וועגן זיי. אונזער העלד איז באַלד אַרויסגעפאָרן, ווי דער פּראַקטישסטער, צו אָרגאַניזירן די פּראָווינץ. עס איז געווען אַ רייזע, וואָס איז דורך מיט אַ באַדייטנדיקן דערפאָלג און זי האָט פאַרשאַפט אַ סך פרייד אַלע פיר. איבער־

הויפּט האָט זיך יאַנקל דערנענטערט אין דער צייט פון דער רייזע צו גאַלאַקטיאַנען, ביי וועמען ער איז אין בוקאַרעשט איינגעשטאַנען. גאַלאַקטיאַן האָט געוואוינט ווייט אַרויס פון דער שטאָט נאָך דעם יידישן בית עולם און זייער אָפט האָט זיך געמאַכט, אַז דער רומענישער שרייבער און זיין גאַסט זיינען געגאַנגען צופוס אַהיים און זיי זיינען אָנגעקומען ערשט פאַרטאָג קיין געלט אויף קיין דראָשקע האָבן זיי ביידע נישט געהאַט און כאָטש עס זיינען געווען דראָשקאַרעס, וואָס האָבן זיי ביידע געקענט און זיי געוואָלט אָפּפירן אומזיסט, האָט גאַלאַקטיאָן בשום אופן נישט געוואָלט פאָרן; דער גרויסער שריפטשטעלער פלעג זיין גאַסט אָפּטרעטן זיין אייגן בעט און אַליין פלעג ער שלאָפן אויף דער ערד. ער האָט זיך שוין געקליבן ווידער צו ווערן א גלח און ער האָט געריייניקט זיין נשמה. ער פלעג אין דער פרי שטיין איבער זיין גאַסט און אים העלפן זיך וואַשן און אים גיסן וואַסער אין די הענט אַריין פון אַן ערדערנער כלי און ער האָט אויסגעזען ווי אַן אַפּאָסטאָל. ער פלעג אויסרעכנען ווער ס'איז ביי אים געשלאָפן — די מערסטע פון די וויכטיקסטע רומענישע שרייבער...

אין משך פון טורנע איז שטיינבאַרג געשלאָפן אין איין צימער מיט שטערנבערגן און יאַנקל מיט גאַלאַקטיאַנען. איין מאָל האָט אונזער העלד געקויפט א רומענישן קינדער זשורנאַל און ער האָט דאָרט געטראָפן גאַלאַקטיאָנס אַן אַרטיקל א לויב־געזאַנג וועגן קלויסטער. יאַנקל האָט געפרעגט ביי זיין פריינד: „היתכן?‟ און יענער האָט אים געענטפערט: „דו ווייסט נישט, אַז איך בין א גלויביקער, נישט אַזאַ אַפּיקורס ווי דו?‟ האָט אים יאַנקל געענטפערט: „זיי דיר גלויביק וויפל דו ווילסט, אָבער וואָס קער זיך עס אָן צום קלויסטער, וואָס איז די נעסט פון רעאַקציע און קסענאָפאָביע?‟ און ער האָט אים דערציילט, אַז ווען מען האָט ביי זיי אין שטעטל געוואָלט מאַכן א פּאַגראָם, האָט מען געקלונגען אין די גלאָקן פון קלויסטער און ער האָט געזאָגט, אַז יעזוס איז שוין לאַנג נישטאָ אין קלויסטער, ער איז שוין אַנטלאָפן פון דאָרט... ביי גאַלאַקטיאַנען האָבן זיך באַוויזן טרערן אין די אויגן און יאַנקלען האָט באַנג געטאָן למאי ער האָט אים אַזוי שאַרף גערעדט. פאַרנאַכט איז דער ערב־גלח געקומען א גליקלעכער ווי א קינד און ער האָט דערציילט, אַז ער האָט אין יענעם טאָג געפּרעדיקט אין קלויסטער און ער האָט אים דערמאָנט. ער האָט דערציילט, אַז זיינער א פריינד, „א יונגער העברעאיסט‟, האָט אים געזאָגט, אַז אין קלויסטער איז פאַראַן נאָר שנאה, נישט קיין ליבע און אַז אויב עס וועט אַזוי זיין ווייטער, וועט יעזוס אַנטלויפן. און ער האָט באַמערקט: „איך האָב נישט געזאָגט, אַז ער איז שוין אַנטלאָפן, ווייל ווי באַלד אַזוי, וואָס טוען מיר דאָ?‟ און ער האָט דערציילט, אַז ער האָט זיי געזאָגט, אַז די קריסטן דאַרפן אַלע זיין גוטע קריסטן און די יידן דאַרפן אַלע זיין גוטע יידן און — עס וועט ווערן גוט...

אַ סך רייכע פאַמיליעס האָבן איינגעלאַדן די שרייבער צו זיך און גאַ־לאַקטיאָן האָט נישט געוואָלט צופאָרן צו די שטיבער, וואו עס זיינען געווען שיינע ווייבער, ווייל זיי זיינען יצר הרעדיק און ער רייניקט זיך די נשמה... פון וועג פלעג יאַנקל שיקן פּאָסט־קאַרטלעך מיט גרוסן צו שיינע פרויען, וואָס האָבן געהאָלפן מאַכן דערפאָלגרייך דעם טורנע, פלעג גאַלאַקטיאָן בעטן, אַז ער זאָל צושרייבן פאַר אים אַ גרוס, ווייל ער אַליין וויל נישט שרייבן צו קיין ווייבער, ער רייניקט זיך די נשמה. ווען גאַלאַקטיאָן איז צוריקגעקומען פון טור, איז ער באַלד געוואָרן אַ גלח און ער איז געבליבן דער זעלביקער פריינד פון די יידן און ער פלעג גיין אין יידישן טעאַטער און אַז ער האָט זיך געטראָ־פן מיט אונזער העלד, האָט ער זיך מיט אים געקושט, כאָטש ער האָט שוין גע־טראָגן אַ גרויסן צלם און אַ גרויסן צאָפּ.

איין מאָל האָבן די דריי יידישע שרייבער געטראָפן אין אַ באַן אַ יידן, וואָס איז אַלעמאָל געפאָרן קיין פוילן און ער האָט דאָרט געקענט יידישע שריי־בער און ער איז איצטער אויך געפאָרן קיין לאָדזש, האָבן זיי אָנגעשריבן אַן עקספּראָמט און זיי האָבן אים איבערגעשיקט צו משה בראָדערזאָן. יעקב שטערנבערג און אליעזר שטיינבאַרג האָבן זיך היפּש אָנגעקריגט ביז וואַנען זיי האָבן זיך געאייניקט וועגן געוויסע שורות. יאַנקל ווייסט נישט, צי די אימפּראָוויזאַציע איז אַמאָל אָנגעקומען צו בראָדערזאָנען, אָט ווי זי איז אָנגע־שריבן געוואָרן:

אין רומעניע דער מדינה,
ביי די ברעגעס פון דער טינע,
מיטן צוג, צו אייך, וואָס ציט אים
און זינגט אויך אין נייעם ריטם
טראַלאַ, טראַלאַ ליי —
פאָרן יידיש־זינגער דריי,
ס'רוט אויף זיי אַצינד די שכינה
און זיי שיקן יונג־יוסטינע —
קוש אין אירע אויגן גרינע..

דער טורנע איז מאַטעריעל דורכגעגאַנגען מיטלמעסיק און מאָראַליש האָט ער זיין ציל נישט דערגרייכט. די שטעטלעך זיינען דעמלט אויסגעלייזדיקט געווען פון דער יוגנט, וואָס איז אוועק קיין בוקאַרעשט און קיין יאַסי. די ציי־ניסטן האָבן געהאַלטן אַ וועלט פון גאַלאַקטיאָנען, אָבער זיי זיינען געווען בייז אויף אַלע דריי יידישע שרייבער און זיי האָבן די אָוונטן באָיקאָטירט. פאַר דעם ביסל אָרימע אַרבעטער פון די קליינע בעל מלאכהשע וואַרשטאַטן זיינען די פרייזן געווען צו הויכע און זיי האָבן נישט געקענט קומען. פול זיי־נען געווען די פאָדערשטע רייען מיט די „סאַלאָן־קאָמוניסטן", וואָס זיינען

שוין אומעטום געווען און מיט די סנאָבן און איבערהויפּט מיט די מיידלעך פון מיטלקלאַס, וואָס האָבן נישט געפונען קיין פּלאַץ אין לעבן און זיי האָבן זיך געפילט ווי אין עק וועלט און זיי האָבן געבענקט קיין בוקאַרעשט, אָדער גאָר קיין פּאַריז און זיי זיינען געגאַנגען צו יעדער אונטערנעמונג און קאָנ־צערט, וואָס מען האָט געגיבן, אַפילו ווען ער איז געווען אויף יידיש. יאַנקל האָט דעמלט אַן איבעריק מאָל דערפילט, אַז ס'איז דאָ אין שטעטלישן יידישן לעבן אַ מיידל־פּראָבלעם, וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ סך טראַגעדיעס און וואָס טרייבט עלטערן יונגערהייט אין קבר און מאַכט חרוב יונגע לעבנס.

איין עפּיזאָד איז פון יענעם טור פאַרבליבן אין געמיט. אין דער שטאָט ראָמאַן איז עס געווען; איינער פון די רייכסטע יידן איז דאָרט געווען אַן אייז־וואַרג־סוחר שיפער, וואָס איז געווען בארבו לאַזאַרעאַנוס אַ חסיד. ער איז גע־ווען האַלב אַמכאַניק, האַלב אַריסטאָקראַט און סאָציאַליסטיש געשטימט. ער איז צוריק מיט אַ יאָר צוויי געווען צו גאַסט אין בוקאַרעשט און ער האָט געבראַכט מיט זיך זיין גערעכטן טעכטערל ק ע ט י. זי איז דעמלט אַלט געווען אַ יאָר צוואַנציק און זי האָט אויסגעזען ווי פון זיבעצן. אַ העל שטראָלנ־דיק מיידעלע מיט בלאָנדע האָר און בלויע אויגן. זי האָט שטודירט אין אַן אַריסטאָקראַטישער שול אין ווין און זי האָט פאַרמאָגט ווינער רייץ און יידישן חן. זי האָט אָנגעפילט די גאַנצע סביבה מיט האָפענונג. געווען דעמלט אַ מין פּראָנצוויזיש לידל „קאַ קאַ קעטי", פלעג עס איר יאַנקל זינגען:

אָ, קאַ־קאַ־קעטי,
אַ מאַקאַ — קעטי,
זשע סי טאָן גאַ־גאַלאַן טרובאַדור.

(אָ קאַ־קאַ־קעטי,
אַ מיין קאַ־קאַ קעטי,
איך בין דיין גאַלאַן־טרובאַדור.)

אונזער העלד פלעג זיך פאַר איר שטעלן אויף די קני און ער פלעג זינגען און זי האָט אויסגעזען ווי אַ בלום, וואָס פליט אין הימל אַריין.

צוליב יחוס האָט קעטי אין אַ צייט אַרום חתונה געהאַט פאַר אַ מאַן, וואָס איז געווען צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי זי און האָט אויסגעזען ווי איר טאַ־טע. ווען די פיר שרייבער זיינען געווען אין ראָמאַן, איז קעטי געווען צו גאַסט ביי אירע עלטערן און זי האָט דערציילט, אַז פריער מיט אַ טאָג איז איר מאַן אויך געווען און ער איז שוין צוריקגעפאָרן. זי האָט מיט קינדישער אויפריכ־טיקייט דערציילט, אַז ווען דער מאַן איז דאָ געווען, איז זי אַלץ געשלאָפן אין איינעם מיט דער מאַמען און ווען דער מאַן האָט געהאַט טענות, האָט זי אים

געענטפערט: „מיט דער מאַמען שלאָף איך דאָך נאָך אַמאָל און מיט דיר וועל איך דאַרפֿן שלאָפֿן דאָס גאַנצע לעבן". גאַלאַקטיאָן פֿלעג זיך בעטן ביי אונזער העלד, אַז ער זאָל אים נישט פֿירן צו שיפֿערן און ער האָט אַרויסגעקוקט, אַז ער זאָל אים דווקא פֿירן; אויך אליעזר שטיינבאַרג פֿלעג צעציטערט ווערן, ווען ער האָט געזען קעטין און ער האָט איין מאָל אַוועקגערופֿן יאַנקלען אין אַ זייט און אים געזאָגט: „אָט מיט דעם מיידל זאָלסטו חתונה האָבן"... ער איז געווען אַזוי צעטומלט, אַז ער האָט גאָרנישט געהערט, אַז זי איז אַ חתונה געהאַטע. שטערנבערג האָט דערנאָך דערציילט, אַז אויך אים האָט שטיינבאַרג געעצהט חתונה צו האָבן פֿאַר קעטין... דאָס מיידל האָט געבעטן גאָט, אַז דער וויזיט פֿון די פֿיר שרייבער זאָל זיך ציען אייביק.

נישט ווייסנדיק וואוהין צו פֿאָרן, איז אונזער העלד אַוועק קיין קיליע, כאָטש ער האָט געפֿילט, אַז דאָרט איז נאָר זיין געוועזענע היים... דער טאַטע איז געגאַנגען פֿון שלעכט צום ערגערן און ער איז געוואָרן וואָס אַמאָל מער חרוב. ער האָט שוין געהערט זייער שלעכט און ער האָט זיך געשעמט אויסצוזאָגן פֿאַר מענטשן, אַז ער הערט נישט. ערשט ווען די פֿרעמדע זיינען אַוועקגעגאַנגען, האָט ער געזאָגט צום זון:

איך האָב נישט געהערט, וואָס דו האָסט פֿריער גערעדט.

אויף דער פֿראַגע פֿאַר וואָס ער האָט זיך געשעמט, האָט ער נאָך מער זיך געשעמט... די דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז ס'וועט נאָך געדויערן ביז דער אויסלייזנדיקער סוף וועט קומען און יאַנקל איז אַוועק קיין גאַלאַץ, וואו ער האָט געטראָפֿן מישאַ פֿישזאָן מיט אַ גרויסער טרופּע און ער האָט זיך דאָרט באַזעצט אויף אַ צייט, ביכדי צו שרייבן רעצענזיעס אין אַ רומענישער צייטונג. די טרופּע האָט געשפּילט פֿון הירשביינען און גאָגאָליען ביז מיטלמעסיקע פּיעסן און איינראַפּעאישע אָפּערעטקעס. געווען גלענצנדיקע שוישפּילער אין דער טרופּע און עס זיינען געגאַנגען שיינע ספּעקטאַקלען, אָבער ס'האָט געפֿעלט אַ ליניע. באַזונדערע שוישפּילער זיינען געווען זייער צופֿרידן מיט די רעצענזיעס, די אַנפֿירערשאַפֿט האָט אָפֿן געזאָגט:

— ווער בעט אייך, אַז איר זאָלט שרייבן?

דער טיראַזש פֿון דער לאָקאַלער רומענישער צייטונג האָט זיך צוליב די רעצענזיעס פֿאַרטאָפּלט, דאָך האָט יאַנקל באַשלאָסן צו פֿאַרלאָזן די שטאָט.

די טריט פֿון אונזער העלד האָבן זיך אַליין אַ לאָז געטאָן קיין פּיאַטראַ נעאַמץ; ס'איז געווען זומער און היצן האָבן אָנגעהויבן ווערן גרויסע און מיט וואָס צו לעבן האָט אונזער העלד סיי ווי נישט געהאַט. האָט ער באַשלאָסן, אַז ער וועט כאָטש זיין אין די בערג און ער וועט הנאה האָבן פֿון גאָטס וועלט און פֿון האָטעל וועט ער זיך שוין מיסתמא אויסלייזן. און ער האָט פּיאַטראַ געטראָפֿן פֿול מיט געסט און מיט פֿרייד און אויך מיט טרויער. ס'זיינען געווען מענטשן, וואָס זיינען געקומען צוליב פֿאַרגעניגן און אָפּרו און עס זיינען גע־

ווען מענטשן, וואָס זיינען געקומען היילן די געלעבערטע לונגען און זיי האָבן אָנגעפילט די לופט מיט אַ נאָגנדיקער מרה שחורה. אין די פּאַרקן זיינען די מערסטע מענטשן אַרומגעגאַנגען שטילע און זיי האָבן געאָטעמט די ריינע לופט און געבעטן, אַז יעדער שלוק זאָל זיי ברענגען אַ רפואה און אין טאָל, ביים טייך, זיינען יונגע מענטשן אַרומגעשוואומען און אַרומגעשפּרונגען זאָרג־לאָזע און לייכטזיניקע און זיי האָבן אויסגעזען ווי טיילן פון דער נאַטור און זיי האָבן געזונגען אַלציינס ווי די ביימער, גרעזער און קוואַליעס. עס זיינען אויך אַ סך מאַמעס געקומען מיט די טעכטער, ביכדי צו זוכן שידוכים און עס האָבן זיך אַרומגעדרייט שדכנים און שדכנטעס און זיי האָבן זיך געקלאָגט, אַז די נאַטור אַליין כאַפּט זיי אויס די אַרבעט. און דערצו זענען די בחורים ביים ברעג צופיל פון דעם, וואָס די מיידלעך האָבן.. אין פּאַרק האָט מען געקענט זען גוטע־יידן מיט זייערע ווייבער און זין און טעכטער, וואָס זיינען געווען זיבן־פּאַכיק באַדעקט און ביים ברעג האָט מען געזען כמעט נאַקעטע מענער און ווייבער.

אין פּיאַטרא איז דעמלט געשטאַנען די טרופּע פון משה זיגלער, וואָס האָט געשפּילט אַלטן רעפּערטואַר און געמאַכט ווייניקער ווי מיטלמעסיקע געשעפטן. נישט די געסט און נישט די אָרטיקע האָבן געוואָלט גיין אין טעאַטער אַריין, האָט זיך יאַנקל אַנדערגעזעצט אויף עטלעכע טעג און אָנגעשריבן אַ רעווי און פאַרגעלייענט דער טרופּע און זי האָט עס באַלד אַקצעפּטירט און סיי די געסט, סיי די אָרטיקע האָבן אָנגעהויבן לויפן אין טעאַטער אַריין און שוין פון דער ערשטער וואָך האָט אונזער העלד פאַרדינט גענוג צו קענען זיין אַ שטיק צייט אויף דעם קוראָרט. און ער האָט זיך נישט געפוילט און אָנגעשריבן אַ צווייטע רעווי און דער עולם איז ווידער געקומען. משה זיגלער איז געווען אַן אַקטיאָר פון די אַלטע צייטן, וואָס האָט שוין דעמלט נישט געהאַט קיין שום פּרעטענזיעס; ער האָט נאָר אין זינען געהאַט די געשעפטן; זיין פרוי איז געווען אַ ברענענדיקע מיטליעריקע פרוי, וואָס איז געווען דער פאַקטישער סטאַר פון דער טרופּע און די הויפּט צוציונג קראַפט איז געווען זיין זעכצן־יעריק טעכטערל שבע. זי האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַנטוויקלען און זי האָט נאָך אויסגעזען אומגעהויער קינדיש, אָבער זי האָט שוין געהאַט אַ פרויען־רייץ און דעם חן פון אַן איינאַרטיקער קינסטלערישער פּערזענלעכקייט. זי איז געווען אַ טונקל־הויטיקע אַזוי ווי אַ מולאַטקע און זי האָט געהאַט העל־בלויע אייגן. זי האָט געהאַט אַ קליין שטימעלע, אָבער זי איז געווען זייער מוזיקאַליש און זי האָט געהאַט אַ גראַציעזן קערפּער און זי האָט געטאַנצט מיט זעלטענער איידלקייט, כאָטש זי האָט כסדר געזען טאַנצן וואולגאַר. קיין בחור, וואָס זאָל קענען שפּילן אירן אַ פּאַרטנער איז נישט געווען און פאַר אַ דועט האָט מען געמוזט אָנטאָן אַ יינגל פאַר אַ מיידל. יאַנקל האָט שבע׳לען געגיבן צו זינגען אַ בלומען־ליד און זי האָט זינגענדיק דאָס אַליין אויסגעזען ווי אַ בלימל.

זי איז שפּעטער מיט יאָרן געוואָרן אַ באַוואוסטע סוברעטין אונטער דעם נאָ־מען סעוויליא פּאַסטאָר, אָבער צי איז זי געוואָרן דאָס דאָזיקע, וואָס זי האָט געקענט ווערן?

פון דער היים האָט אונזער העלד נישט אויפגעהערט צו באַקומען אַלץ ערגערע און ערגערע בריוו. דער טאַטע איז געווען געפּערלעך. ער האָט פולשטענדיק פאַרלוירן דאָס געהער און ער האָט אויך אָנגעהויבן פאַרלירן דעם זיכרון און צוועלף טעג אין אלול האָט ער באַקומען די פּאַטאַלע טעלע־גראַמע. עס איז געווען אין אַ דאָנערשטיק און ער האָט גענומען לויפן אַהיים מיט באַן און שיף און ער איז אָנגעקומען פּרייטיק אין אָוונט, שוין נאָך קבורה; איבער שבת האָט מען דעם מת נישט געקענט האַלטן. דריי טעג איז ער געווען פאַרשטיינערט. ער איז געגאַנגען שבת אין שול אַריין, ער האָט דער־נאָך אין שטוב געדאַוונט פאַר דעם עמוד און ער האָט נישט געוואוסט, וואָס מיט אים טוט זיך. ער האָט ביים באַקומען די ־־יעה דערפילט אַ ברי און דערנאָך איז ער ווי פאַרגליווערט געוואָרן... ערשט אויף דעם פערטן טאָג האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויף דעם בעטל וואו דער טאַטע פלעג די לעצטע צייט שטענדיק ליגן אַ קראַנקער און אַ טרויעריק־דערשלאָגענער און ער האָט דערפילט דעם גרויל פון טויט... „דער טאַטע האָט זיך אויסגעקור־רירט — האָט ער זיך געזאָגט ווי אַ זינלאָזער — ער ליגט שוין נישט דאָ...” און ער האָט גענומען וויינען און שרייען: „מאַמע, וואו איז דער טאַטע?”... אַ קוואַל פון טרערן האָט זיך געעפנט...

די מאַמע איז געווען פאַרלוירן. זי איז ווי געבליבן אָן לשון, אָבער ווען זי האָט געהערט איר זון דאַוונען פאַרן עמוד און זאָגן אַ געשמאַקע וואָכעדיקע שמונה עשרה, האָט זי אויפגעעפנט די אויגן און ס'איז איר ווי געוואָרן גרינ־גער; און ווען זי האָט געזען איר זון וויינען אָן אויפהער, האָט זי אים גע־פרעגט:

— וועסט נאָך מיר אויך אַזוי דאַוונען און וויינען? און זי האָט זיך באַ־רימט פאַר מענטשן אי מיט זיין דאַוונען, אי מיט זיין וויינען און זי האָט געזאָגט, אַז ווען דער טאַטע וואָלט דאָס געקענט הערן, וואָלט ער צוריק לע־בעדיק געוואָרן.

יאַנקל האָט זיך געקלערט, אַז ווען דער טאַטע ווייסט, אַז ער איז אוועק־געגאַנגען י"ב אלול, וואָלט ער צוריק לעבעדיק געוואָרן. דעם אַלטן בוהושערס יאָרצייט איז געווען י"א אלול, פונקט אַ טאָג נאָכן רבין איז ער נפטר געוואָרן. די עטלעכע נאָך געבליבענע חסידים האָבן גערעדט מיט קינאה וועגן דעם...

ער האָט נאָך עטלעכע וואָכן פאַרלאָזט קוליע. ער איז צוריקגעפאָרן קיין פּיאַטרע; ער איז פון דאָרט געפאָרן איבער פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך האַלטן רעפעראַטן און דער ווישטער טרויער פון טויט איז אים נאָכגעפאָרן. ער האָט פאַרלוירן דעם הומאָר, ער האָט פאַרלוירן די פרייד, ער האָט נישט געקענט

זינגען קיין לידל. דער טויט האָט אים געגליוועט דאָס בלוט... חדשים־לאַנג איז ער כמעט נישט געשלאָפן. ער פלעג איינדרימלען און זיך באַלד אויפכאַפן אין שרעק. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז אַ סך שולדיק אין טאַטנס פריי־צייטיקן טויט. ער האָט זיך געוואָלט דערמאָנען אין די מאָמענטן, ווען ער האָט פאַרשאַפט פרייד דעם טאַטן — און אַזעלכע מאָמענטן זיינען דאָך געווען אַ סך — און ער האָט נישט געקענט. עס האָבן זיך דערמאָנט נאָר מאָמענטן פון ערגערנישן; ער האָט זיך דערמאָנט אַלע פרטים פון טאַטנס לעבן און קראַנקייט; ער האָט זיך דערמאָנט, ווי דער טאַטע פלעג זיך די לעצטע צייט שעמען דערמיט, וואָס ער פאַרלירט די חושים. ביי אַריבער זעכציק יאָר האָט ער זיך געשעמט ווי אַ קינד. מען האָט אים דערציילט, אַז ווען ער האָט פאַרלוירן דעם זיכרון, האָט ער זיך אויך געשעמט דערמיט. ער האָט דעם נאָמען פון זיין אײדעם זיידל נישט געקענט דערמאָנען און ער האָט געזאָגט: „דו ביזט דאָך מיינער. איך שעם זיך אַזוי, וואָס איך געדענקט נישט דיין נאָמען.” פאַוואָליע איז ער פאַרלאָשן געוואָרן. צוויי יאָר דורכאַנאַנד האָט ער זיך געהאַלטן אין איין לעשן. דער טרויער פון טויט איז געווען אַן אַנדערער. עס האָט אונזער העלד נישט געצויגן צו קיין שיכרות און צעלאָזנקייט, ווי בעת אַנדערע טרויערן. עס האָט אים גיכער געצויגן ערגעץ אין אַן אַלטן בית מדרש. און דאָס גאַנצן לעבן איז געווען אַ בריענדיקע קעלט... קיין באָדן אונטער די פיס האָט ער אויך נישט געהאַט. ער איז געווען — נישט קיין ציוניסט, נישט קיין פועלי ציון, נישט קיין קאָמוניסט. ער איז געווען אַ פערזענלעכער און אידעאישער יתום. ער האָט געוואָלט אייביק לעבן... אייביק לעבן פאַר דעם פאַרשטאָרבענעם טאַטן, פאַר זיך, פאַר דער מענטשהייט, פאַר דעם יידישן פאָלק... זיינע אידעאַלן זיינען געווען יידיש און סאָציאַליזם און אפשר טאַקע אַן אייגענע טעריטאָריע, אָבער ווי אַזוי?...

בלאָנדזשענדיק אַזוי איבער דער פראָווינץ, האָט ער באַקומען אַן איינלאַדונג צו קומען קיין פאָלטיטשעני, און ער האָט זיך מיט אַ באַזונדער זשעדנקייט אַ לאָז געטאָן אין דער דאָזיקער שטאָט, וואו ער האָט אויסגעשטורעמט אַ פּאָר חדשים און געלייגט די באַזע פאַרן מאָדערנעם יידישן וואָרט אין רומעניע. ער האָט זיך געפילט כמעט אַזוי, ווי ווען ער איז צום ערשטן מאָל צוריקגעפאָרן קיין קיליע; אָבער די גאַנצע שטאָט איז געווען פאַר אים ווי אַ מידבר. פון דער גאַנצער יוגנט, וואָס ער האָט דאָרט אַנטוויקלט, איז קיינער נישט געבליבן. אַלע זיינען אַוועק קיין יאַסי און בוקאַרעשט. די עלטערן האָבן אויסגעזען פריצייטיק פאַרעלטערט און פאַרוויסט. די אונטערוואַקסנדיקע יוגנט האָט פון דעסט וועגן געזונגען די לידער, וואָס ער האָט צוריק מיט אַ יאָר אַכט אויסגעלערנט זייערע שוועסטער און ברידער. און „די פעסטונג פון לעצטן יידן”, די פאַבריק פון שניאור זלמן, די ערשטע לעדער־פאַבריק אין רומעניע, איז געוואָרן אַ פאַרלאָזטע פעסטונג און אַ צו מאָדערנע פאַבריק.

שניאור זלמן אליין איז געשטאָרבן, זיין איידעם שלום מאיר איז אוועק מיט די קינדער קיין ארץ ישראל, שניאור זלמנס זון האָט געקראָגן אַ רעליגיעזע מאַניע און מ׳האָט אים אַריינגעגיבן אין משוגעים־הויז און די טעכטער פון לעצטן ייד האָבן געוואַנדערט איבערן לאַנד. דער גאַנצער באַלעבאָס פון פאַבריק איז געווען שניאור זלמנס אַ ברודער־זון, וואָס איז קינדווייז געווען אַ געפּעסטעטער האַלבער אידיאָט. צוליב אָט דעם בחור האָט מען יאַנקלען גערופן קיין פּאַלעסטינע. דער יונגער מיליאָנער איז געוואָרן אַן... אַנטיסעמיט, ווייל די פאַמיליע האָט געהאַלטן, אַז ער ברענגט אויס צופיל געלט און זי האָט געשטעלט די פאַבריק אונטער אַ ספּעציעלער אויפזיכט. ער איז געוואָרן אַ מיטגליד אין דער קוזיסטישער אָרגאַניזאַציע און מען האָט פון זיין באַלקאָן אַראָפּגעהאַלטן אַנטיסעמיטישע רעדעס. ער אַליין האָט געשריגן „זשאָס זשידאַני!" — נידער מיט די זשידעס. די פאַמיליע האָט געדענקט, אַז יאַנקל וועט אים קענען איבערמאַכן און זי האָט אים איינגעלאַדן; דער בחור איז שוין אָבער געווען משוגע אויף אַנטיסעמיטיזם. יאַנקלס טרויער איז גרעסער געוואָרן און ער האָט זיך געדרייט איבער דער פּראָווינץ און ער איז אַלע מאָל צוריקגעקומען קיין פּיאַטרא. ער האָט אַהין באַקומען אַ רירנדיקן בריוו פון מארוסיאַן, וואָס איז געווען אין בערלין, וואוהין זי איז זיך געפאָרן קורירן. זי האָט אים אַזוי האַרציק געטרייסט, אַז ער האָט, דאַכט זיך, געפילט און געזען איר בליק, דעם צאַרטסטן בליק, וואָס ער האָט ביז דעמלט אַמאָל געהאַט געפילט. אין פּיאַטרא האָט ער געהאַט צוויי פריינט, וואָס זיינען אים געווען טרייַ מער ווי ברידער. איינער האָט געהייסן אַהרן באַריד. ער איז פריער געווען אַ שוחט, דערנאָך איז ער געוואָרן אַ העברעאישער לערער און דערנאָך איז ער געוואָרן מלוכה־אינספעקטאָר איבער די יידישע שולן. ער איז דאָס געוואָרן דערפאַר, ווייל ער האָט געמאַכט וואַל־פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער מלוכה־פּאַרטיי. שונאים האָבן געזאָגט, אַז ער איז געווען אַ מסור. ער איז דאָס נישט געווען, ער איז געווען אַ מין סאָרט רעאַל־פּאָליטיקער. ער איז געווען אַ פאַנאַטישער העברעאיסט און ער האָט געקענט אַ סך שלעכטס טאָן דעם ביסל יידישע שולן, וואָס איז נאָך געבליבן אין בעסאַראַביע, אָבער צוליב יאַנקלען האָט ער דאָס דאָזיקע נישט געטאָן. ער איז פון דער נאַטור געווען אַ גוטער, אָבער אויך אַ גראָבער מענטש, צו יאַנקלען איז ער געווען אומגעהויער צאַרט און אונזער העלד האָט זיך נישט געקענט דערווייטערן פון אים... דער צווייטער איז געווען אַ מאַן, וואָס האָט געהייסן קאַראָל פרידמאַן, ער האָט אַמאָל געקוואָקעט אויף אַקטיאָר און ער האָט געהאַט אַ שווערע פאַמיליע און ער האָט זיך געמוזט אָפּלאָזן פון טעאַטער, אָבער אַז ער האָט עפּעס געהערט ריידן וועגן דער בינע, איז ער פאַרציטערט געוואָרן. ער איז געבליבן אַ באָהעם מיט אַ שטענדיקער ברענענדיקער בענקשאַפט, וואָס ער האָט געלאָשן מיט באַגגנישן מיט קינסטלער... דיביידע פליגן פון יאַנקלען נישט אָפּ־

טרעטן און זיי האָבן ארום אים געטאַנצט ווי חסידים ארום אַ רבין און ער האָט געפילט, אַז אַ דאַנק אים וועלן זיי בעסער. ער האָט פון זיי געזען אַזעלכע איידלקייטן, וואָס זיינען געווען אויסער זייער כאַראַקטער און וואָס זיי האָבן געטאָן נאָר בכדי נושא חן צו זיין פאַר אים... צו די צוויי איז צוגעשטאַנען אַ ייד אַ קצב, וואָס איז אַמאָל געווען רייך און ער איז געגאַנגען באַרג־אַראָפּ און זיי האָבן אים געמונטערט. דער קצב האָט געהאַט צוויי מיידלעך צום חתונה מאַכן, איינע אַ שיינע און איינע — נישט קיין שיינע, פלעג ער שטענדיק ריידן גוטס וועגן דער נישט־שיינער און ער פלעג זאָגן, אַז דער, וואָס וועט חתונה האָבן מיט איר, וועט זיין גליקלעך און ער איז געווען אַזוי רירנדיק דערמיט...

די „ווילנער" טרופּע איז אָנגעקומען קיין טשערנאָוויץ און פון דאָרט קיין בוקאַרעשט. ס'איז געווען אַ טייל פון דער ערשטער „ווילנער" טרופּע, אָבער זי האָט דאָך געמאַכט אַ גרויסן רושם. יאַנקל האָט נישט געקענט איינזיצן אין דער פּראָווינץ און ער איז געפאָרן קיין בוקאַרעשט און ער האָט זיך באַפריינדעט מיט אַ סך פון די שוישפּילער און צום מערסטן מיט דער צאַרטער און איינזאַמער שוישפּילערין מרים אָרלעסקאַ, וואָס איז געווען בכוח אַן ערשטראַנגיקע אַקטריסע, אָבער דער טאָן פון לאהן אין „דיבוק" איז אין איר אַריין און ער האָט נישט געקענט אַרויס. זי איז געבליבן אַ פרעמדע אין יידישן לעבן, כאָטש זי האָט גערעדט אַ שיינעם יידיש. די טרופּע האָט געהאַט ביים אָנהויב אַ גרויסן דערפאָלג, אָבער דערנאָך האָט אָנגעהויבן גיין באַרג־אַראָפּ און דער דלות האָט אָנגעהויבן טאַנצן צווישן די אַקטיאָרן, וואָס האָבן גערפּט פאַרזעצן אַלץ, וואָס זיי האָבן געהאַט. מען האָט געזוכט מעצענאַטן...

מאַרוסיאַ איז צוריקגעקומען פון בערלין אַ חתונה געהאַטע. זי האָט יאַנקלען אַמאָל געגיבן איר וואָרט, אַז זי וועט דעם טאַטן פון איר זון נישט אויבערלאָזן און זי האָט קיין וואָרט נישט געהאַלטן. זי איז געקומען צו יאַנקלען זיך פאַרענטפערן און אירע אַלע רייד האָבן זיך געדרייט ארום דעם, וואָס זי וויל אים נישט פאַרלירן פאַר קיין פריינד. זי האָט אין דעם בוקאַרעשטער גאָרטן „טשיזמידזשיו" נישט אויפגעהערט דערציילן איר ביאָגראַפיע — אַ ביאָגראַפיע פון הוילע שולד און דאָך פון אַן אומשולדיקער פרוי. שולדיק זיינען געווען די מענער, דאָס גאַנצע לעבן, נאָר נישט זי... מאַרוסיאַס חתונה האָט צוגעשפּילט צום רומל פון טרויער... פאַרלוירן דעם טאַטן, פאַרלוירן דעם אידעאישן אָנשפּאַר, פאַרלוירן מאַרוסיאַן... דער ברודער זיינער האָט געענדיקט די גימנאַזיע און ער האָט נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן און ער האָט באַקומען פון שוועסטער און שוואָגער אין אַרגענטינע אַ שיפסקאַרטע און ער איז אַוועק זוכן אַ וועג; און ווען יאַנקל האָט אין עטלעכע חדשים ארום באַקומען אַ בריוו פון אַרגענטינע, אין וועלכן די שוועסטער מרים און דער שוואָגער יאַקאָוו האָבן אים פאַרגעלייגט אַ שיפסקאַרטע, אַז ער זאָל קומען און

אויב עס וועט אים געפעלן, זאָל ער בלייבן, האָט ער אַקצעפּטירט. אים איז נישט אָנגעקומען שווער דאָס באַשליסן זיך צו פאָרן, ווייל ער האָט נישט געדענקט צו בלייבן דאָרט. ער האָט וועגן אַרגענטינע זייער ווייניק געוואוסט. פון די בריוו, וואָס די שוועסטער און דער שוואָגער האָבן אים געשריבן, האָט ער אַרויסגענומען, אַז דאָס לעבן דאָרט נישט זיין אינטערעסאַנט אין יענעם ווייטן לאַנד. זיי האָבן כסדר געחלומט פון — אַהיימקומען. אויך דער ייִנגערער ברודער האָט נישט געשריבן קיין באַגייסטערטע בריוו וועגן דעם נייעם לאַנד, דאָך האָבן זיי אים אַלע גערופן. באַשליסנדיק זיך שוין צו פאָרן, האָט ער געטראַכט, אַז אפשר וועט ער גאָר קענען העלפן צוריקברענגען זיינע אייגענע פון אַרגענטינע. שוין באַלד זיבעצן יאָר האָט ער זיין שוועסטער נישט געזען און ער האָט זיך ערשט איצטער אָנגעהויבן געבן חשבון, אַז זי איז געווען די פיאָנערשע ביי זיי אין שטוב — זי האָט געעפנט דעם וועג צו דער פרייהייט. זי האָט אויסגעקעמפט אַ רעכט צו דענקען מיט דעם אייגענעם קאָפּ. ווי לעבעדיק איז פאַר אים אויפגעשטאַנען די גאַנצע קינדהייט זיינע, ווען ער האָט אַזוי פאַנאַטיש באַקעמפט יעדן שריט דער שוועסטערס און ער האָט זיך געגיבן השבון, אַז אין זיין בייזקייט איז געווען אייפערזוכט... אים האָט אַ ציי געטאָן צו פאָרן זען די שוועסטער און דעם שוואָגער און דאָס פאָרן איז אים נישט אָנגעקומען שווער. אָנגעקומען שווער איז אים דאָס געזעגנען זיך מיט דער היים. די מאַמע האָט אַזש געציטערט. און די שוועסטער מאָמציע איז שוין אויך געווען אין קיליע, איר מאַן זיידל איז געוואָרן שוחט אויפן טאַטנס אָרט און זי האָט שוין אויך געוויינט ווי אַ ייִדענע. דער טאַטע פלעג זיך שטענדיק באַרימען, אַז מאָמציע האַלט זיך יונג און ער פלעג אָנקוועלן דערפון און נאָך דער טאַטנס אַוועקגיין האָט יאַנקל באַמערקט, אַז מאָמציע הויבט אָן אויסזען ווי אַ ייִדענע, זי הויבט אָן אַזוי אויסזען ווי די מאַמע האָט אויסגעזען, ווען ער איז געווען אַ קליין ייִנגל. די מאַמע האָט געוויינט אויף אַ קול און זי האָט נישט אויפגעהערט פרעגן:

— וואָס האָט מיר דאָס אַרגענטינע געטאָן, וואָס עס נעמט ביי מיר צו אַלע קינדער?

און מאָמציע האָט געוויינט שטילערהייט אין זיך אַריין. די גוטע אויגן אירע האָבן געשמייכלט, אָבער טרערן זיינען דאָך גערונען פון איר.

דאָס רירנדיקסטע איז געווען דאָס איבערבעט און דאָס קישן, וואָס די מאַמע האָט שוין געהאַט אָנגעגרייט פאַר איר זון און וואָס זי האָט אים איצטער מיטגעגיבן. זי האָט געהאָפט, האָט זי געזאָגט, זיי אים צו שענקען צו דער חתונה, אָבער אַז זי איז נישט זוכה געווען ביי גאָט... זי האָט זיך געגנוג אויסגעוויינט די אויגן, ווען זי האָט אין די ווינטער־נעכט געפליקט די פעדערן. אין דער גאַנצער צייט פון דער מילחמה האָט זי געזוכט געגזענע פעדערן... דער טאַטע האָט נישט דערלעבט זיין חתונה, האָט זי געחלומט זי צו

דערלעבן, פירט ער זיין חתונה אוועק ווייט, טאָ זאָל ער כאָטש האָבן דער מאַמעס איבערבעט מיטן קישן... און ווען ס'איז געקומען דער טאָג, וואָס די מאַמע האָט געהאָפט, אַז ער וועט אַזוי גיך נישט קומען, האָט זי זיך אויסגעפוצט, די מאַמע, און זי האָט אָנגעטאָן איר שבתדיק קלייד מיט דעם סאַמעטענעם מענטעלע און דאָס שענסטע בארעטל האָט זי אָנגעטאָן אויף דעם פּאַרוק און די טאָכטער האָט איר נאָכגעטאָן. אַ האַלבע שטאָט איז געגאַנגען זיך געזעגנען מיט דעם שוחטס זון, וואָס איז געווען דער מאָדנסטער פון אַלע קיליער. יוגנט האָט געשפּאַסט און געלאַכט און זיך געפרייט און עלטערע האָבן געוויינט. מער פון אַלע האָט דאָס מאָל געוויינט מאַמציע. זי איז געבליבן, האָט זי געכליפּעט, כמעט אַליין. שיפרה האָט געוואוינט מיט איר מאַן ביי איר שווער. זי האָט דערציילט, אַז וויפל מאָל זי איז געפאָרן קיין גאַלאַץ, האָט זי געהערט ריידן וועגן איר ברודער, זי האָט נישט געוואוסט, צי צו גוטן, אָדער צו שלעכטן, אָבער אַ כבוד איז עס פאַר איר סיי ווי געווען און זי פלעג שטענדיק צוגיין צו די ריידנדיקע און זאָגן, אַז זי איז זיין שוועסטער און זי האָט זיך געפילט גליקלעך. די מאַמע האָט געשוויגן. זי האָט נאָר געזאָגט, אַז אפילו דאָס דאַזיקע האָט אויך דער טאַטע נישט דערלעבט און זי האָט ווייטער געשוויגן. האָט זי געמאַכט אַ חשבון פון די אַלע פריידן און ליידן, וואָס זי האָט געהאַט פון איר זון? ווען זי האָט שוין געדאַרפט אַראָפּגיין פון שיף, האָט זי אים אָנגענומען ביי דער האַנט און אים געזאָגט: „שווער מיר, אַז דו וועסט זאָגן קדיש נאָך מיר...” דער קוואַל פון טרערן האָט זיך ביי איר געעפנט. שוין ביים אַראָפּגיין, האָט די מאַמע געזאָגט:

— קוק מיך גוט אָן, זונעניו! דו זעסט מיך צום לעצטן מאָל...

און פון אונטן האָט זי נאָכגעשריגן:

— גיב אַכטונג אויף דעם איבערבעט מיטן קישן...

פון בוקאַרעשט האָט זיך דווקא יאָ געגלוסט אַוועקפאָרן. ס'איז דאָרט געווען אַ ווילדע וואַקכאַנאַליע אין די שענקען און אין די קאַבאַרעטן, אָבער אין די הערצער איז געווען וויסט. די מערסטע סאָציאַליסטישע פירער זיינען געווען אַרעסטירט און צווישן לינקע און רעכטע איז אָנגעגאַנגען אַ קאָשמאַרע שינאָה. די לינקע האָבן די רעכטע, די נעכטיקע חברים זייערע, גערופן מוסרים און די רעכטע האָבן די לינקע גערופן פּראָוואָקאַטאָרס. איליאַ מאָסקאָוויטש איז געווען פריי און זיין נאָענטסטער חבר יאָאַן קריסטעסקו איז געווען אַרעסטירט און ער האָט געהאַלטן אין גריכט אַזאַ האַרץ־רייסנדיקע רעדע, אַז די ריכטער האָבן געוויינט. עס זיינען געווען אַזויפיל נאָענטע חברים אַרעסטירט, אַז די דאָזיקע, וואָס זיינען געווען פריי, האָבן מורא געהאַט צו ריידן מיט דעם אַוועקפאָרנדיקן און זיי האָבן אים אָנגעוויזן מיט די הענט אויף די ליפּן, אַז דאָס בעסטע איז איצטער צו שווייגן. ער האָט זיך מיט די מערסטע חברים טאַקע נישט געזעגנט און ער האָט זיך ווי אַרויסגעגנבעט פון לאַנד.

עפּשט ביי דער גרעניץ האָט ער דערפילט, אַז ער איז פאַר די נייַן יאָר געוואָרן אַ רומענישער און אַז אים איז אומגעהויער שווער צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. ער האָט זיך ביי דער גרעניץ געפילט אַלציינס ווי ביי זיין טאַטנס קבר פאַרן אוועקפאָרן... פונקט ווי ביים פאָטערס קבר, האָט ער זיך אויך ביי דער גרעניץ אַנגעבויגן און אַ קוש געטאָן די ערד...

אין באַן האָט זיך אים די גאַנצע צייט געדאַכט, אַז די רעדער דרייען זיך אים אין קאָפּ. ער פאָרט אַוועק פון אַ היים און פון אַ לעבן, וואָס איז איינגעבאַקן אין האַרצן און פון טויזנטער פריינט און — וואוהין? אים האָט זיך געדאַכט, אַז די קינדהייט איז געבליבן אין קיליע און אין קעשענעוו און די יוגנט איז געבליבן אין גאַלאַץ און אין בראַילע און אין פּאָלטיטשעני און אין יאַסי און אין בוקאַרעשט און אין טשערנאָוויץ און אין אָרהיעוו און ער פאָרט אַוועק פון דעם גאַנצן לעבן פון זיינעם, וואָס לויפט אים, דאַכט זיך, נאָך און דעריאָגט אים נישט. עס האָבן אים געשוועבט פאַר די אויגן חסידים און אַפּיקורסים און ישיבה בחורים און סטודענטן און ציוניסטן און רעוואָלוציאָנערן און יינגלעך און מיידלעך און פרויען, אין וועלכע ער איז געווען פאַרליבט און פרויען, וואָס זיינען אין אים געווען פאַרליבט און מער פון אַלע האָט אים געשוועבט פאַר די אויגן דער גוטער טאַטע זיינער, וואָס האָט אַזויפיל געליטן ביכלל און ער האָט אַזויפיל געליטן צוליב אים און אים האָט זיך געדאַכט, אַז קיינעם לאָזט ער נישט אַזוי איבער ווי דעם טאַטן...

אַזוי ווייניק מענטשן האָבן אים אין בוקאַרעשט באַגלייט צו דער באַן. ער האָט דאָרט געהאַט הונדערטער פריינט און טויזנטער נאָענטע און באַקאַנטע און צו דער באַן זיינען געקומען געציילטע. מיט ציוניסטן איז ער געווען איינגעריסן און מיט סאָציאַליסטן איז ער נישט געווען אין קיין גאָר גוטע באַציאונגען און מיט די קאָמוניסטן איז ער אויך נישט געווען אין קיין אינטימע באַציאונגען און דערצו זיינען זיי געווען אומלעגאַל אין יענער צייט און זיי האָבן זיך באַהאַלטן. עס זיינען געקומען אַזעלכע, וואָס האָבן געקענט פאַרגעסן אויף אַ רגע דאָס פּאַרטייאישע און געדענקען נאָר דאָס מענטשלעכע און זיינע קרובים. עס האָט געשיינט מיט זיין ווייסער באָרד און זיין לאַנגען צאָפּ און גרויסן צלם גאַלאַ גאַלאַקטיאָן, וואָס האָט אים געקושט גלייך ער וואָלט געווען זיינער אַ ברודער. ער האָט זיך געקלערט: וואָס וואָלט דער טאַטע געזאָגט, ווען ער זעט ווי אַ גלח קושט זיך אַזוי מיט אים? וואָלט ער נישט געקוקט אויף דעם ווי אויף שמד? און יאַנקל קען נישט פאַרגעסן אַ מאָמענט אײדער דער צוג איז אָפּגעגאַנגען. עס איז געקומען זיך געזעגנען מיט אים אַ גוטע באַקאַנטע, וואָס ער האָט שוין אַ פּאָר מאָל נישט געזען. אַ שיין, זאַפּטיק טונקל־הויטיק מיידל אין זיינע יאָרן איז זי געווען. ער האָט זי געקענט פון בית יתומים. זי איז געווען אַ קיילעכדיקע יתומה און אַ מיליאָנערשע. זי איז געווען רייך און איינזאַם און זי האָט יאָרן־לאַנג געזוכט אַ פריינט און נישט

געפונען. זי האָט מוראַדיק פיינט געהאַט אירע גבירישע קרייזן און זי האָט געזאָגט, אַז אַלע בחורים, וואָס שדכנען זיך צו איר, זוכן איר געלט. זי איז די לעצטע יאָרן געווען אַן אַקטיווער מיטגליד אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און זי האָט אויסגעגיבן אַ העלפט פון איר פאַרמעגן אויף פּאַרטיי־צוועקן. די רייבונגען צווישן רעכטס און לינקס האָבן זי דערוויטערט פון סאָציאַליזם און זי איז געבליבן אַן איינזאַמע. זי האָט שוין אַמאָל געהאַט געבעטן יאַנקלען, אַז ער זאָל פאָרן מיט איר אין דער וועלט אַריין. זי האָט אים נישט געשטעלט קיין שום באַדינגונגען. זי האָט אַפילו נישט פאַרלאַנגט, אַז זיי זאָלן ווערן מאַן און ווייב. ער האָט געענטפערט, אַז זי געפעלט אים זייער, אָבער איר געלט געפעלט אים נישט. איצטער איז זי ווידער געקומען. זי איז געגאַנגען אַזוי באַשיידן אָנגעטאָן, אַז ס'איז נישט געווען קיין גרויסער חילוק צווישן זיין אָרימען אויסזען און איר און זי האָט געבראַכט אַ סך באָמבאָנעס. וויפל ער האָט נישט צעטיילט באַלד אויף דעם פּלאַץ, איז אים נאָך אַלץ געבליבן. זי האָט אים געזאָגט מיט אַ טרויעריקן געמיט, אַז ער איז איר נאָך שולדיק אַן ענטפער און ער האָט זיך שטום געזעגנט מיט איר און ווי אַ שולדיקער איר אַ קוש געטאָן אין דער האַנט. אין צוג איז די גאַנצע צייט געשטאַנען לעבן אים אַ גרויס שאַכטל באָמבאָנעס און ער האָט געקוקט אויף זיי מיט אַ מאָדנע בענקשאַפט. ער האָט זיך געקלערט, אַז ער האָט איבערגעלעבט נישט אַ גרויסן פּערזענלעכן איבערגאַנג פון פרומקייט צו פרייַדענקערישקייט און פון ציוניזם צו סאָציאַליזם און ער האָט איבערגעלעבט נישט נאָר אַ גרויסע וועלט־מלחמה און אַ רעוואָלוציע, נאָר אויך אַ גאַנצע ענדערונג אין דער מענטשלעכער מענטאַליטעט און איבערהויפּט אין דער מענטאַליטעט פון דער פרוי. ווען ער איז געוואָרן אַ מאַן, האָבן די מוזיקן אומעטום געשפּילט וואַלס און אַלץ האָט זיך באַוועגט שטיל און שעמעוודיק און איצטער איז די מוזיק אומעטום דזשאַז, וואָס רוישט און טומלט חוצפּהדיק. ווען ער איז געוואָרן אַ מאַן, איז די פרוי געווען אַ פּאַרדעקטע, אַ פאַרשלאָסענע און איצטער איז זי אַרויס פון אירע קליידער און זי שטרעבט זיך אַלץ מער און מער צו אַנטבלויזן. די לייב־קאָלירנדיקע זאָקן און די קורצע קליידלעך ביז די קני און די נאַקעטע אַרבל האָבן געשאַפן אַ נייעם טיפּ פרוי. ער און זיין טאַטע, זיינע באַקאַנטע פרויען און זיין מאַמע! יאָרהונדערטער ליגן דאָך צווישן זיי! און ער איז דאָך נישט געווען זיכער, אַז זיין וועג איז דער ריכטיקער, ער האָט נאָך אַלץ געטראַכט וועגן — אומקערן זיך צום אַמאָל, צום שורש... דער צוג איז געלאָפן איבער אויסלענדישע שטעט און דערפער און איבער אויסלענדישע לענדער. און ער איז אָנגעקומען אין צעשויבערטן דייטשלאַנד פון דער אינפלאַציע־עפּאָכע.

סוף פרילינג און אָנהויב זומער אין דייטשלאַנד! עס איז שווער אין איצטיקן מאָמענט אָנצושרייבן, אַז עס זיינען דאָ פלעצער אין דייטשלאַנד, וואָס געהערן צו די שענסטע אין דער וועלט! איצטער איז דאָך אין דייטשלאַנד

ערגער און מיאוסער ווי אין דער גאנצער וועלט! דייטשלאנד אין מיזרח און דייטשלאנד אין מערב! דייטשלאנד ביים רהיין און ביים ים און אין בערלין און אין פראנקפורט און אין מינכען! די וואליוטע איז געווען אזוי גינסטיק פאר דעם אויסלענדער, אז מיט קליין געלט האט מען געקענט אויספארן די דייטשישע מדינה אין דער לענג און אין דער ברייט. ארבעטער האבן געזאגט, אז די בורזשואזיע פייפט שוין אויף דעם לעצטן לאך — שפעטער מיט יארן האט ער זיך דערוואוסט, אז ווען דר. חיים זשיטלאווסקי איז נאך פריער מיט 35 יאר אנגעקומען קיין דייטשלאנד, האבן אים ארבעטער געזאגט דאס זעלביקע — און ס'האט טאקע אזוי אויסגעזען. ס'האט געמאכט דעם איינדרוק, אז די סאציאלע רעוואלוציע איז נישט ווייט. ס'האט זיך נישט געגלוסט פארלאזן אייראפע און ס'האט זיך ספעציעל געגלוסט בלייבן אין דייטשלאנד, ס'האט זיך גערדאכט, אז דארט וועט פארקומען דער גרעסטער און שענסטער קאמף צווישן זון און כמארעס.

די דיסציפלינירטקייט פון די דייטשן האט אונזער העלד דערשטוינט. די אינפלאציע האט זיך געגיבן א טראג אן מיט א מוראדיקן שטורעם. איידער מען האט זיך אומגעקוקט, איז א דאלער ווערט געווען... דריי מיליאן מארק. מען האט פאר א מיליאן מארק קוים געקראגן אן ארים מאלצייט. אן ארבע־טער האט פאר דעם געהאלט פון שלום־וואך באקומען גראשנס. און די רייכס־באנק האט געטאנצט אין קאראהאד און זי האט אלע מאל געדרוקט פאפירלעך מיט א סך נולן... היינט האט זיך א פאפירל אנגעהויבן אזוי „1.000.000 (איין מיליאן) מארק צאלט די רייכסבאנק..." מארגן איז שוין געווען א פאפירל, וואס האט זיך אנגעהויבן אט אזוי: „10.000.000 (צען מיליאן) מארק צאלט די רייכסבאנק..." מענטשן זיינען געווען מולטימיליאנערן און זיי האבן נישט געהאט, וואס צו עסן, קרעמער זיינען געשטאנען צעשראקענע און זיי האבן מורא געהאט צו פארקויפן. קיין דאלער און בכלל קיין אויסלענדישע מטבעות האבן זיי נישט געטארט נעמען. דאס איז געווען אזא גרויסער שכל פון דער רעגירונג. און דאס גאנצע לאנד איז, דאכט זיך, געווען שוואך באוואכט, דאך האבן נישט די ארבעטער און נישט די קרעמער זיך גערירט פון ארט און זיי האבן נישט געפרעגט פארוואס מען מאכט חוזק פון זיי און מען גיט זיי „מי־ליאנען", פאר וועלכע זיי קריגן נישט צו עסן... רעדנער האבן גערעדט אין די גאסן, אבער נישט וועגן דעם. סאציאליסטישע רעדנער האבן גערעדט קעגן די קאמוניסטן, די קאמוניסטישע רעדנער האבן גערעדט קעגן די סאציאליסטן און דאס פאלק האט אויסגעהערט און געשוויגן, אדער גערעדט וועגן דעם, וואס „שפעק" איז טייער און פוטער איז כמעט נישטא...

יאנקל איז אין בערלין געווען א פאר וואכן און ער האט דארט געזען א סך בארימטע יידישע און העברעאישע שריפטשטעלער זיצן אין ראמאנישן קא־פע אנטקעגן דער „געדעכנים קירכע". ער איז ווי א פראווינציעל איבערראשט

געוואָרן זעענדיק אַזויפיל שריפטשטעלער מיט אַמאָל. ה. ד. נאָמבערג. ד. בערגלסאָן, ז. שניאור... ער פלעג אַמאָל פּאַרציטערט ווערן נאָר הערנדיק זייערע נעמען. אין יענעם קאַפע האָבן זיי אים נישט באַגייסטערט. עס פלעגן צומאָל זיצן אריבער צענדליק שריפטשטעלער ביי איין טישל און ערשט האָבן אַ פּאָר געדארפט שטיין, ווייל ס'איז קיין פלאַץ נישט געווען. אַ סך מאָל זיינען די שמועסן געווען גאַנץ אינטערעסאַנט, אָבער אַ סך מאָל איז עס געווען ווי אין אַ מושב לצים... שמריהו גאָרעליק איז אָפט געווען אַ ציל־ברעט פון ליצנות און ער איז טאַקע געווען מאָדנע מיט זיין באָרד און מיט זיין ריידן דייטש. איינער פון די צוויי רעדאַקטאָרס פון ערשטן ליטעראַרישן יידישן זשורנאַל און ער האָט גערעדט נאָר דייטש.

יאַנקל האָט זיך געזוכט צו באַקענען מיט אייניקע פון די שריפטשטעלער און נישט געוואוסט ווי אַזוי. ער האָט זיך באַקענט מיט דעם עקספּרעסיאָניסטישן דיכטער אורי צבי גרינבערג, וואָס איז געזעסן אָפּגעזונדערט און גערויכערט אַ ליולקע. דאָס רויטע און נישט שיינע אויסזען פון אָט דעם דיכטער איז געווען אינטערעסאַנט, אָבער ס'איז אויך געווען פאַזיאָריש. אורי צבי האָט יאַנקלען אַזאַ ווילדן רייד געטאָן קעגן יידישיזם, וואָס „מאַכט חרוב דאָס יידישע לעבן", אַז אונזער העלד האָט אים אָנגעקוקט אַ דערשטוינטער און נישט געוואוסט, וואָס צו טראַכטן. און ער האָט אויסגעקליבן נאָמבערגן. ער האָט אים געזען איין מאָל שטיין לעבן זלמן שניאור און כאָטש דער לעצטער איז נישט אַזאַ הויכער, האָט ער אויסגעזען ווי אַ ריז קעגן זיין מיטשמועסער. נאָמבערג האָט אויסגעזען ווי אַ מענטשעלע פון אַ מעשהלע אַרויס און ער האָט געהאַט אַ קלוג און רייצנדיק אויסזען, ס'האָט זיך געגלוסט קוקן אויף אים. ז. שניאור האָט אויסגעזען ווי אַן איינגעוואָרצלטער ספינקס און ה. ד. נאָמבערג — ווי אַ שוועבנדיקע כמערע און זיי האָבן געבילדעט אַן אינטערעסאַנטן קאָנטראַסטן־פּאָרל. באַלד ביים באַקענען האָט זיך יאַנקל צעקריגט מיט נאָמבערגן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער רעדט צו אים איראָניש, אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז צוליב דעם פּוילישן דיאַלעקט איז דער קלאַנג פון זיינע ווערטער אַרויסגעקומען איראָניש, און ס'איז געקומען צו אַן איבערבעטן. און ווען יאַנקל האָט דערציילט דעם עלטערן שרייבער, אַז ער פאַרט קיין אַרגענטינע, איז ער מיט אים גאָר געוואָרן נפש אחת. נאָמבערג איז דעמלט נאָר וואָס געהאַט צוריקגעקומען פון אַרגענטינע און ער איז געווען צופרידן צו קענען לערנען אַ יונגען קאָלעגע ווי אַזוי זיך צו אויפפירן אין יענעם לאַנד. דרך אגב האָט נאָמבערג אויך געלערנט זיין יונגען קאָלעגע ווי אַזוי צו בייטן אַ דאָלער און עס האָט נישט לאַנג געדויערט ביז וואַנען דער עלטערער שריפטשטעלער האָט אריינגענומען דעם יינגערן צו זיך אין צימער אריין אויף עטלעכע טעג. אינטערעסאַנטע עטלעכע טעג זיינען דאָס פאַר אים געווען. ס'האָט פון נאָמבערגן געשפּרודלט מיט חכמה, כאָטש ער האָט זעלטן ווען גערעדט וועגן ליטעראַטור.

אפילו א זעקס און זעכציק איז געווען אינטערעסאַנט צו שפּילן מיט אים. ער האָט נישט געקענט ליידן, ווען דער קעגנער האָט געמאַכט אַ טעות... ער איז געווען אַ עפּיקורעער און ער האָט געהאַלטן פון קוהלתעס זאָג „לאָמיר עסן און טרינקען, ווייל מאָרגן וועלן מיר שטאַרבן" און דאָך איז אויך אין זיין הוליען געווען גייסט. ער האָט כמעט נאָר גערעדט וועגן פיזישע תענוגים. ער איז געווען גרייט צו לערנען טאַנצן זיין גאַסט; און אַליין איז ער פיזיש געווען אַ מוראַדיק הילפלאָזער, אַזוי ווי זיינע העלדן. יאַנקל איז איין מאָל אַריינגעקומען אין צימער אַריין, האָט ער געטראָפן די קליידער־שאַפע איבערגעקערט. ער האָט זי אויפגעהויבן און אונטן איז געלעגן — נאַמבערג. ער האָט עפּעס געדאַרפט אַרויסנעמען פון דער שאַפע און נישט געקענט דערגרייכן, איז ער אַריין אינעווייניק און די שאַפע האָט זיך איבערגעקערט אויף אים. ער האָט זיך געשעמט ווי אַ קינד און ער האָט שוין ווייט נישט אויסגעזען ווי דער שטענדיקער פּיקח. ער האָט זיך אומגעהויער געבייזערט אויף די דייטשן, וואָס מאַכן אַזאַ נאַרישע אינפלאַציע, וועלכע ברענגט זיי אַליין שאָדן און ער האָט דערוויזן, מיט אַ חשבון, אַז אַן אויסלענדער קען לעבן אומזיסט אין דייטשלאַנד. ער דאַרף נאָר האָבן אַ רינגל פון פּאָר דאָלער צו פאַרזעצן; און ער האָט דערציילט אַ פאַקט: איינער האָט פאַרזעצט אַ רינגל פאַר 20.000 מאַרק, ווען 10.000 מאַרק האָבן באַטראָפן אַ דאָלער און ער האָט געלעבט און ווען ער האָט געדאַרפט אַרויסנעמען דאָס רינגל, האָבן די 20.000 מאַרק שוין באַטראָפן נאָר אַ פּיפטל דאָלער און די זעלביקע געשיכטע האָט זיך ווידער־האָלט אַ סך מאָל. „אַ נאַריש פאָלק די דייטשן — האָט דער קלוגער שרייבער געקרעכצט — זיי וועלן אָנאַרבעטן אַ סך צרות, ווייל אַ נאַר איז אַן אייביקער צער". און ווען יאַנקל האָט זיך געזעגנט מיט אים אויף צו פאָרן נעמען די שיף אין האַמבורג, האָט אים נאַמבערג נאָכגעשריגן, אַז ער זאָל אין אַרגענטינע אַכטונג געבן ביי די טירן, ווייל מען קלעמט זיך ביי זיי אָפּ די פינגער...

צוויי טעג האָט אונזער העלד געהאַט די געלעגנהייט צו קענען די פּאָרט־שטאָט האַמבורג, וואָס האָט אים זייער שטאַרק דערמאָנט אין אָדעס, כאָטש זי האָט אויסגעזען אַנדערש און געהאַט אַנדערע מענטשן — זי האָט געהאַט דעם זעלביקן ריח, וואָס אָדעס. ס'האָט דאָרט געשמעקט מיט ים, הערינג און מיט אַ סך גאַסן־ליבע. אַ צעלאָזענע האָט די שטאָט אויסגעזען און זי האָט געלאַכט מיט שיכורע מאַטראָסן און גאַסן־פרויען געזאַנגען. און אויף שריט און טריט האָבן זיך אַרומגעדרייט יידישע מיידלעך, קינדער פון אָרימע עמי־גראַנטן־עלטערן, וואָס האָבן געזוכט אַן עכט־יידישן תכלית — חתנים האָבן זיי געזוכט. איינס אַזאַ מיידל האָט געזאָגט צו יאַנקלען: „נעם מיך מיט דיר; נאָך אַזאַ געטריי מיידל וועסטו נישט געפינען"... די גאַסן האָבן געענטפערט מיט אַ געלעכטער.

האַמבורג האָט געהוליעט און איז דאָך געווען איבערגעשראָקן. אַ דאָלער

איז שוין געווען צען מיליאָן מאַרק, צי נאָך מער. יאַנקל האָט באַצאָלט דריי־פּיק מיליאָן מאַרק פאַר אַ שלעכטער פּיזשאַמע און ער איז אַוועק צו דער גרוי־סער, שיינער שיף „קאַפּ פּאָלאָניאַ", וואָס האָט זיך געגרייט אין וועג אַריין. דער דריטער קלאַס איז געווען פול מיט יידן, יידענעס, פּעקלעך, טשיינִיקעס און מיט אומרואיקע יידישע קינדער. און פול מיט אַ זשומען איז ער געווען דער דריטער קלאַס, מענטשן האָבן געזשומעט ווי בינען און ס'איז געווען שווער צו וויסן, צי זיי זשומען פאַר פרייד, אָדער טרויער.

ס'איז געווען סוף אויגוסט און ס'האָט געשמעקט מיט בלעטער, וואָס האָלטן אין פאַרגעלט ווערן און מיט בלומען. די זון איז שוין געווען נידע־ריק, און די שיף האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די זון איז מער אינעווייניק אין ים, ווי אויף דעם הימל. איידער די שיף האָט שוין געדאַרפט אַוועקגיין, האָט ער דערזען דעם זשורנאַליסט הערמאַן סוויעט, וואָס איז געקומען באַגלייטן לאַצקי־בערטאָלדי, וועלכער איז געפאָרן קיין בוע־נאָס איירעס מיט אַ שליחות. הערמאַן סוויעט איז מיט אים קוים געווען באַ־קענט, דאָך האָט ער זיך צעקושט מיט אים און ער האָט אַביסל פאַרזיסט זיין איינזאַמקייט. די שיף האָט דריי מאָל געפייפט און גענומען קרעכצן. יאַנקלען האָט זיך געדאַכט, אַז ער פאָרט אַוועק פון מיט־וועלט צו עק־וועלט...

סוף פון דריטן טייל.

☆

באַמערקונגען פון מחבר

וועגן ענין סודות.

לייענער פרעגן מיך, צי איך האָב נישט צופיל מגלה געווען ענינים, וואָס וואָלטן אפשר געדאַרפט בלייבן פאַרהוילן. געפין איך פאַר נויטיק צו באַטאָנען, אַז איך האָב דאָ נישט געהאַנדלט שלא בכוונה. איך האָב פון לכתחילה זיך באַשלאָסן צו שרייבן אין אָט דעם פרט אויף דעם שטייגער פון זשאַן זשאַק רוסאָ און זיך ווייזן נישט נאָר אין חדר, ישיבה, ביבליאָטעק, טעאַטער, פאַרטיי א. א. וו. נאָר אויך אין שלאָף-צימער. איך האַלט, אַז ווען מען באַהאַלט דאָס לעצטע, באַהאַלט מען אַ העלפט פון לעבן און מען ווייזט כמעט גאָרנישט. אין די מערסטע פון מיינע אַרטיקלען זאָג איך שוין באַלד דריי צענדליק יאָר, אַז די דערלייזונג וועט קומען דורך אַ פולער רעוואָלוציע, וואָס וועט זיין נישט נאָר אַ סאָציאַלע און עקאָנאָמישע, נאָר אויך אַ סעקסועלע און איך האָב אין מיין לעבנס-בוך נישט געטאָרט שרייבן אַנדערש. עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז ר׳ יעקב עמדין, דער גרויסער באַקעמפער פון דער שבתי צבי באַוועגונג, וואָס זיין סידור איז געווען פאַר חסידים פאַרהייליקט שיוער נישט ווי דאָס חומש, האָט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע אויך נישט באַהאַלטן זיינע עראָטישע איבערלעבענישן און ער האָט וועגן זיי דערציילט גאַנץ אָפן. (די דערמאָנטע אויטאָביאָגראַפיע הייסט „מגילת ספר” און זי איז דערשינען אין פאַרלאַג „אחיאָסף” אונטער דער רעדאַקציע פון דוד בהנאָ אין יאָר 1896)

אָבער צו וואָס גיין צו יעקב עמדין, אַז אין ספר הספרים, אין דער ביבל ווערט אַזוי אָפן דערציילט וועגן דעם עיקר העיקרים פון לעבן, וואָס איז אויך דער העיקר העיקרים פון די מערסטע לעבנס-טראַגעדיעס? איך געפין פאַר נויטיק צו באַמערקן, אַז איך בין געווען געצוונגען פאַרזיכטיק נישט צו פאַרשאַפן קיין עגמת-נפש קיינעם פון די אַלע, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיט מיין אינטימען לעבן און איך האָב אַ סך נעמען פאַרדרייט, אָדער גאָרנישט דערמאָנט.

וועגן צו פיל, אָדער צו ווייניק.

אייניקע מיינען, אַז איך האָב מאריך געווען מיטן דערציילן, אַנדערע מיינען, אַז איך האָב מקצר געווען. יעדער מחבר, וואָס שרייבט זיכרונות, האַלט געוויס פון כלל, אַז „וכל המרבה לספר, הרי זה משובח". צי איך האָב דערציילט צופיל ווייס איך נישט, אָבער איך געפין פאר נויטיק צו באַמערקן, אַז איך האָב אויסגעלאָזט שטאָף פון לכל הפּחות נאָך דריי בענד און איך וועל אפשר נאָך אַמאָל מאריך זיין; אַ צווייטע אויפלאַגע איז נישט אויסגעשלאָסן.

וועגן דרוק - פעלער.

עס איז טעכניש גאַנץ שווער אַרויסצוגיבן אין בוענאָס איירעס אַ יידיש ווערק פון 79 דרוק־בויגן. אויסער ספק פעלן נישט אין די דריי גרעסטע בענד, וואָס מ'האָט אַרויסגעגיבן אין יידישן אין ב. איירעס קיין דרוק־פעלער. דער מחבר טרייסט זיך דערמיט, וואָס די אַלע דרוק־פעלער שטערן נישט דעם לייענער דאָס לייענען, אויסער אין איין פאַל: אויף דער זייט 396 איז די פיפטע שורה אויסגעלאָזט און אויף איר אָרט איז אַריינגעשטעלט אַן אַנדערע. דער לייענער דאַרף זיך מטריח זיין און אויסמעקן די דערמאָנטע שורה און אַריינשטעלן אויף איר אָרט אָט די: „איר. זי איז נאָך נישט געשלאָפן, אָבער זי האָט זיך געמאַכט."

די מערסטע פעלער זיינען אַריין אין די לשון קודשדיקע ווערטער. דאָס וואָרט „תפילין" איז כמעט כסדר געדרוקט „תפילן", דאָס וואָרט „מעריב" (דאַוונען) איז כמעט כסדר געשריבן „מערב" (ווי מערב־זייט). אין ערשטן באַנד איז אויף זייט 133 געשריבן אנשטאט „קרתו" (זיין קעלט) „קראתו" (זיין רוף). אויף דער זעלביקער זייט איז געשליבן „משליח" אנשטאט „משליך" א. א. וו.

דער מחבר האָט זיך געהאַלטן ביים איווא־אויסלייג, כאָטש ער איז אין אַ סך פּרטים מיט אים נישט מסכים. דער איוואָ הייסט מאַכן דריי ווערטער פון דעם איינעם וואָרט „פונדעסטוועגן" און איך האָב געפאָלגט און געשריבן „פון דעסט וועגן", פּונקט ווי איך האָב געפאָלגט און איך האָב פון דעם אַזנעם וואָרט „אייניינעם" געמאַכט צוויי ווערטער און געשריבן „אין איינעם", כאָטש עס מאַכט צו מאָל פּשוט שווער דאָס לייענען. מיט דעם וואָרט „גיבן", אָדער „געבן" איז אויך גרויסע צרות (מיט נעמען איז גרינגער....) עס איז געווען אוממעגלעך צו אָנהאַלטן אַן איינהייטלעכקייט, פּונקט ווי ס'איז אוממעגלעך צו אָנהאַלטן אַן איינהייטלעכקייט ביי די ווערטער „הענגען" און „ברענגען", וואָס מען שרייבט זיי אויך „היינגען" און „ברייננגען". ווען מיר וועלן דערלעבן די צייט, ווען מען וועט דעם גרעסטן המון „הענגען", אָדער „היינגען", וועט מען דאַרפן „ברענגען", אָדער ברייננגען" צו אַ טאָלק אין אונזער אויסלייגעכץ. אויך מיט דעם וואָרט „געלענן" (אין בעט) איז פאַראַן אַ צרה — די זעצער זעצן עס דווקא „געליגן", אַלציינס ווי „געליגן" געלט און

איך ליקען נישט, אז איך אליין מאך אויך נישט קיין חילוק צווישןביידע און איך דערקען זיי שוין לויט דעם ווי דער חמור שטייט... איך געפין דא פאר נויטיק אויסדריקן מיין דאנק דער לערער דייכאווסקי, וואס האט גענוי דורכגעשטודירט די אלע פעלער און ווענן זיי מיר אויפמערקזאם געמאכט.

דער קאמיטעט, וואס האט ארויסגעגיבן אט די דריי בענד.

אויב ס'איז טעכניש געווען שווער צו ארויסגיבן אט דאס ווערק, איז פינאנציעל געווען נאך שווערער. און איך געפין פאר מיין אנגענעמען חוב צו דאנקען פון גאנצן הארצן דעם קאמיטעט, וואס האט געשאפן די פינאנצן. אט פון די פערזאנען איז באשטאנען דער קאמיטעט:

פארזיצער — — — — — — — — דוד אייזנבערג
1־טער וויצע פארזיצער — — — י. רוזאל
2־טער „ „ — — — מ. אבזאץ
3־טער „ „ — — — וו. ראזנטאל
סעקרעטאר — — — — — — — דוד לערמאן
פרא סעקרעטאר — — — — — משה לייווא
קאסיר — — — — — — — — ד. נאוונשטערן
פרא קאסיר — — — — — — — י. יעליען

ע ק ז ע ק ו ט י ו ו :

י. אורבאך	כ. לעווין
מ. גאלדפארב	ג. פאכטער
י. גראדזשיצקי	דר. י. קאוועזסקי
י. ווייסיפקא	פ. קאטליאר
ש. לאנדע	מ. קאסטרינסקי
א. לייב	ווי. רינג

פ א ר מ א נ ט ע ו ו י ד ע א :

ס. באוניק
ש. גרינבערג
ש. סטאראשעווסקי

רעוויזיאנס קאמיסיע:

משה וויינטרויב
ג. שאפירא

אינהאַלט

	זייט
קאַפּיטל איינס — אַ גרויסע כמאַרע און אַ קליינער רעגן — — — —	7
„ צוויי — אין קאַמף מיט די „לעצטע יידן״ — — — — —	28
„ דריי — אַ „געקרוינטער״ און אַ בלאָזשנדיקער — — — —	57
„ פיר — אַ שטורמישער ווינטער, אַ פּסחדיקער סקאַנדאַל און אַ פאַרלוירענער וועג — — — — — — — — — — —	85
„ פינף — דער אריינפאָר אין בוקאַרעשט און אַ פּאַטש —	120
„ זעקס — רומעניע כאַפּט קלעפּ און ער ווערט יידיש־רומעניש	150
„ זיבן — דאָס לעבן ענדיקט זיך און הויבט זיך ווידער אָן	183
„ אכט — געשמאַקע בייגל — — — — — — — — — — —	212
„ ניין — ...און ער האָט געפירט אין הארצן אריבער פיר יאָר וואונדער — — — — — — — — — — — — — —	243
„ צען — ווידער אין דער היים און אַ פונק פון דער רוסישער רעוואָלוציע — — — — — — — — — — — — —	287
„ עלף — ער איז אריבערגעגאַנגען... — — — — — —	323
„ צוועלף — דאָס געזאַנג צום נייעם לעבן — — — — — —	356
„ דרייצן — אַ חתונה, ראָמאַנען און טעאַטער — — — — —	376
„ פערצן — האָט ער זיך פאַרלוירן, צי געפונען? — — —	398
„ פופצן — קיין אַרגענטינע — — — — — — — — — —	423
באַמערקונגען פון מחבר — — — — — — — — — — — — —	445